STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08693

OYFN ZEYDNS FELDER

Isaac Metzker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויפן זיידנס פעלדער

ראָמאַן

פון

י. מעצקער

פארלאַג מתנות ניו יארק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

OIFN ZEIDNS FELDER

GRANDFATHER'S ACRES

by

ISAAC METZKER

Copyright 1953, by
ISAAC METZKER
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street, New York 3, N. Y.

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, Inc., New York, N. Y.

דעם הייליקן אָנדענק פון מיין פאָטער
ר׳ דוד בן אָשר און מיינע שוועסטער
מיט זייערע מענער און קינדער, —
די קדושים, וואָס זיינען אומגעבראַכט
געוואָרן פון די היטלער־רוצחים.

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

ד״י חתונה פון די צווײ געשוועסטער־קינדער ריווע און לײב איז אַ גאַנצע נאַכט געפּראַוועט געוואָרן אין זאַהאַרער וואַלד, וואָס האָט זיך געשפּרייט צווישן בערג און טאָלן אויף מזרח־גאַליצישער ערד, נית ווייט פון דער רוסישער גרענעץ. אַ גאַנצע נאַכט האָבן די אָנגעפּאָרענע מחותנים פון דער אַלט־געזעסענער דאָרפישער משפחה „די לײבן און בערן" געהוליעט און געטאַנצט אין דעם גרויסן שאַלאַש, וואָס דער כלהס טאַטע, יעקב דער וואַלד־מאַן, האָט אויפגעשטעלט לעבן זיין שטוב. דער פּוילישער לעסניטשע, וואָס איז אויך געקומען צו דער חתונה, האָט, אַ צעוואַרעמטער פון דעם נייַנציקער בראָנפן, עטלעכע מאָל פון זיין טאָפּל־ביקס אויסגעשאָסן „נאַ וויוואַט" און אויף טויט איבערגעשראָקן די חיות פון וואַלד. דאָס קנאַלן פון דער טאָפּל־ביקס, דאָס טופּען מיט די געזונטע פיס, די פריילעכע קולות און דאָס שפּילן פון די קלעזמער האָט אָפּגעהילכט אין דער געדיכטעניש פון די ביימער און זיך געטראָגן אַזש ביז צום זברוטש־וואַסער, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס מזרח־גאַליציש ווינקל פון רוסישן פּאָדאָליע.

ערשט ווען די יונגע זומער־נאַכט האָט זיך גענומען בלייכן אויף טאָג האָט דער אונטערהאַלט זיך אָפּגעשטעלט און די מחותנים האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן אַהיימצופאָרן. חתן־כלה האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון שאַלאַש און עטלעכע שווער־לײביקע מחותנתטעס מיט רויטע און פאַרשוויצטע פּנימער האָבן טאַנצענדיקע און זינגענדיקע זיי באַגעגנט ביי דער טיר מיט קוילעטשן און מיט גרויסע ברויטן אין זייערע הענט.

— „אַזאַ מזל און אַזאַ יאָר ווי ס'איז פון גאָט אַ פּאָר" — האָבן זיי הינטערווײלעכס געטאַנצט אַנטקעגן ריווען און לײבן און געהויבן די קוילעטשן מיט די ברויטן אין דער הויך.

— „אָט אַזוי, אָט אַזוי מאַכט מען חתונה קינדער! אויפן זריב און אויפן זריב מאַכט מען חתונה קינדער" — האָבן ווייבער און מענער, וואָס זיינען שוין געזעסן אין די וועגענער, אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג.

אין בלויען פאַרטאָג זיינען חתן־כלה אַוועק צו זייער געלעגער, וואָס איז פאַר זיי געווען אויסגעבעט אין סטאָדאָלע אויפן היי. כאָטש זיי זיינען זיך געווען לײבלעכע געשוועסטער־קינדער און פון קליינווייז־אויף זיך געקענט, האָבן זיי אָבער ביידע זיך דערפילט אומהיימלעך ווען זיי האָבן

אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער טונקעלער סטאָדאָלע. עס האָט לייבן אַ שלאָג־געטאָן צו דער נאָז דער ריח פון דעם פריש־געטריקנטן היי און אים דערמאָנט אָן זיין זיידנס היי־פעלדער, וואו ער האָט ניט איין מאָל איבערגענעכטיקט מיט די פערד. עס האָט פאַר אים פלוצלינג אַ שווינדל געטאָן די געשטאַלט פון פיליפאָן, וואָס ער האָט דאָרטן נישט איין מאָל באַגעגנט. ער האָט אָבער באַלד מיט אַ האַנט אַ פיר געטאָן איבער זיין שטערן און גיך אַוועקגעווישט די דערמאָנונג. ריווען ווידער איז איצט דער ריח פון היי פאַרגאַנגען אין דער נאָז מיט אַ פרעמדער האַרבקייט און זי האָט מיט אַ ניסעניש איבערגעריסן די שטילקייט. פון דער הויך האָבן אין דער שטיל זיך געלאָזט הערן די שוואַלבן, וואָס האָבן דאָרטן צווישן די קראָקוועס געהאַט זייערע נעסטן אויסגעקלעפּטע פון בלאָטע.

ריווע האָט אַרויפגעקוקט אין דער הויך און אינאיינוועגס פון דער זייט געכאַפּט אַ בליק אויף דעם געלעגער, וואָס האָט זיך געווייסט אין דער טונקלקייט. אַן אומבאַקאַנטע אַנגסט איז זי באַפאַלן און זי האָט דערפילט אַ שטאַרקע וואַרעמקייט אין פנים. לייב איז געשטאַנען לעבן איר אַ שווייגענדיקער. זי האָט ווי געפילט זיין אומבאַהאָלפנקייט און זי איז צופרידן געווען וואָס זיי קאָנען זיך איצט ניט גוט זען. ריווע איז געווען מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון דעם פעסט־געבויטן לייב, אָבער איצט איז איר פאָרגעקומען, אַז ער איז מיטאַמאָל געוואָרן נאָך ברייטער און העכער. אַ ריז איז געשטאַנען לעבן איר.

— די פיס ברענען מיך ווי פייער פון די נייע שיך — האָט זי ווי צו זיך אַליין אַרויסגערעדט די ווערטער און זיך אַראָפגעלאָזט אויפן היי פאַר דער האַלב־אָפענער טיר. לייב האָט איר נאָכגעטאָן און זיך צוגעזעצט נאָענט לעבן איר. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער ריוועס וואַרעמער אָטעם האָט ביי אים ווי אָפגענומען ס'לשון.

ריווע האָט אויסגעטאָן די נייע שיך און באַפרייט אירע פיס, וואָס זיינען ניט געווען צוגעוואוינט צו זיין אַזוי איינגעקרעמפּעוועט. אין אַלע אירע אַכצן זומערן איז זי אַרומגעגאַנגען אַ באָרוועסע. נאָר אין די שבתים און יום־טובים, ווען זי האָט זיך אויסגעפוצט, האָט זי געטראָגן שיך. אפילו ווען זי איז שוין גרויסערהייט געקומען צוגאַסט אין דאָרף אַריין צום זיידן און צו דער באָבען, איז זי מיט לייבן און מיט נאָך יינגלעך און מיידלעך אַרומגעגאַנגען אַ באָרוועסע אין דער זומפיקער דאָלינע. ווען זי האָט אָבער איצט אויסגעטאָן די שיך האָט אַ שעמעוודיקייט זי אַרומגענומען. לייב האָט איר ווידער נאָכגעטאָן. ער האָט אַראָפגעשלעפּט זיינע גלאַנציקע שטיוול און אויך אַראָפגעוואָרפן פון זיך דעם ראָק. די לופט האָט ווי קוואַל־וואַסער גענומען קילן זייערע הייסע פיס און זיי האָבן ביידע פרייער אָפגעאָטעמט.

צוויי יונגע הירשלעך זיינען פון ערגעץ אָנגעלאָפן און געבליבן שטיין פאַר דער טיר פון דער סטאָדאָלע. זיי האָבן אויסגעשטרעקט זייערע שלאַנקע העלדזער, ווי מיט נייגעריקייט באַטראַכט חתן־כלה און באַלד

אָוועקגעשאָסן אין געדיכטן וואַלד אַריין. ריווע מיט לייבן האָבן נאָכ־געקוקט די צווי הירשלעך ווי זיי טראָגן זיך פליגק אַנטקעגן דער אויס־געבלייכטער וועלבונג פון בלויען הימל, וואו אַ נייער טאָג האָט געהאַלטן אין געבוירן ווערן.

— פאַרשפּעטיקטע מחותנים. זיי זייַנען געקומען צו אונדז אויף דער חתונה — האָט לייב אַ הייזעריקלעכער זיך אָנגערופן.

ריווע האָט אַ צופרידענע אויפגעכאַפּט זייַנע רייד.

— זיי גייען יעדן פאַרטאָג מיט אונדזער סטעזשקע צום וואַסער זיך אָנטרינקען. כ׳האָב זיי עטלעכע מאָל געזען מיט זייער מאַמען, אָבער איצט וויסן זיי שוין אַליין דעם וועג. דער לעסניטשע האָט מיט זיך שיסן זיי נעבעך איבערגעשראָקן.

— נו, און די קולות פון די מחותנים? האָסט כאָטש געזען ווי דער זיידע האָט געהאָפּקעט אויף די טישן? ער איז דאָך גאַרנישט מיד געוואָרן. ס׳איז געווען אַ רייכע חתונה.

— מיר קומט פאָר, אַז כ׳הער נאָך איצט ס׳פידעלע. ס׳איז עפּעס נאָר ווי אַ חלום. כ׳גלויב מיר נישט, אַז כ׳גיי איבערלאָזן דעם טאַטן, די שטוב און דעם וואַלד.

— נאַרעלע, גייסט דען אין דער פרעמד? ס׳וועט דיר זיין גוט, וועסט זען. דער זיידע מיט דער באָבען נעמען דאָך אונדז אַריין צו זיך אין שטוב אַריין. מעגסט זיכער זיין, אַז קיין ברויט וועט אונדז חלילה נישט פעלן. אַ האַלבן מאָרג פעלד גיט מיר דער טאַטע. הייַנט דעם זיידנס ירושה און דייַנע צווי מאָרג הינטערן ווייסן שטיין. מירן מערצישעם נאָך צוקויפן פעלד אויך. און אַז דיין טעליצע וועט זיך אָפּקאַלבן וועלן מיר אויך האָבן אַן אייגענע בהמה.

— דער טאַטע האָט אויסגערעכנט, אַז אין זעקס וואָכן אַרום וועט זי האָבן ס׳קעלבל. אָט ערשט איז זי אַליין געווען אַ קעלבעלע און גע־זויגן פון מיינע פינגער. ווען די טעליצע איז געווען קליין האָב איך זי קוים אויסגעבעטן ביים טאַטן, אַז ער זאָל זי נישט פאַרקויפן צום קצב.

— אָט ערשט ביסטו אויך געווען אַ ברעקל און איצט ביסטו שוין אַכצן יאָר. כ׳געדענק ווען מ׳האָט דיך איינמאָל געבראַכט צו אונדז קיין יאַנאָוויץ האָב איך דיך אַרומגעטראָגן אויף די הענט. וועסט זען, מירן זיין מיט לייטן גלייך.

עס איז לייבן פון די רייד געוואָרן היימלעכער און ער האָט זיך צו־גערוקט נעענטער צו ריווען.

— מיין מאַמע זאָל דאָס כאָטש געווען דערלעבן. זי איז מיר אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען פאַר די אויגן — איז ביי ריווען ווי לויז געוואָרן דער שווערער קנויל אַרום האַרצן. די טרערן, וואָס האָבן פאַרפעלט צו קומען, ווען דער בדחן האָט זי באַזאָגט און באַזונגען, האָבן איצט מיט וואַרעמקייט אַ שלאָג געטאָן צו אירע אויגן. לייב האָט געוואַרט ביז זי

האָט זיך גוט אויסגעוויינט. דערנאָך האָט ער מיט אַ האַרטער האַנט אָנ־גערירט איר פּנים און זי איינגעשטילט.

— דאַרפסט מער נישט וויינען. די מאַמע וועט זיך פאַר דיר דאָרט מיען און ס׳וועט דיר מערצעשעם זיין גוט.

— ס׳איז נאָר ווי אַ חלום — האָט זי זיך געטוליעט אין זיין זייט. מיטאַמאָל האָט זי זיך גאָר דערמאָנט, אַז קליינערהייט האָט זי געהערט דעם זיידן זאָגן, אַז זי וועט זיין אַ גלייכע פּאָר מיט סענדערן, מיט לייבס עלטערן ברודער, וואָס איז פון מיליטער אַוועק אַזש קיין אַמעריקע. לייבס באַנעטקייט האָט אָבער ווי צעשלאָגן אירע געדאַנקען.

דער דרויסן האָט זיך דערוויל געלויטערט, און גרויסע טראָפּנס ראָסע, ווי אַראָפּגעפאַלענע שטערן פון הימל, האָבן זיך צעבלישטשעט אויף דער אַרומיקער גרינקייט. אַ לייכט ווינטל האָט מיט שטילן געדויש אַ ריר געטאָן די צווייגן פון דעם ווילדן עפּלבוים לעבן דער סטאַדאָלע. פאַר־שפּעטיקטע ראָז־ווייסע צוויט־בלעטלעך זיינען ווי לעבעדיקע מאָטילעס אַראָפּגעפלויגן פון בוים און עטלעכע פון זיי זיינען צוגעפאַלן צו די באַר־וועסע פיס פון חתן־כּלה.

לייב האָט דערנאָך זיך אויפגעהויבן און צוגעשטופּט די טיר. אין סטאַדאָלע איז געוואָרן אַזוי פינצטער, אַז חתן־כּלה האָבן אַנהאַלטנדיק זיך ביי די הענט קוים געפונען דאָס אויסגעבעטע ווייסע געלעגער.

* * *

פרייטיק אין דער פרי, אויפן דריטן טאָג נאָך דער חתונה, איז לייבס טאַטע, חיים־משה דער לאַנגער, וואָס האָט געהאַלטן דעם שענק אין יאָ־נאָוויץ, געקומען אַהיימגעמען דאָס פּאַרפאַלק אויף די שבע ברכות. דער הויכער און דאַרער שענקער, וועלכער איז געווען אַן איינגעקויפטער שטאָטישער אײדעם ביי די דאָרפישע „לייבן און בערן״, איז געקומען צופאָרן אין וואַלד אַריין מיט אַ גויאישן פורמאַן אין אַ וואָגן מיט לאַנגע סנאָפּאָווע דראַבינעס. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן יעקב דעם וואַלד־נאַמנס שטוב און מען האָט באַלד געגומען אויפלאָדן ריוועס גרויסן קאַסטן מיט איר אויסשטייער. מען האָט אַרויסגעטראָגן דאָס דרשה־גע־שאַנק, וואָס איז, חוץ די זילבערנע פינף־קראַנצן שטיק און ריינישן, באַשטאַנען פון בעכערלעך, טאַצן, קופּערנע פאַנען, אַ מעשן שטייסל און פון אַנדערע חפצים און געשירן. מען האָט אַרויסגעטראָגן פון שטוב ריוועס איבערבעטן און קישן, היימיש־געמאַכטע שטיקער לייוונט, בינטלעך פלאַקס, שטייגן מיט הינער, קאַטשקעס און אַן אַלטע גאַנדז מיט צוועלף קליינע גענדזלעך.

חיים־משה, אין אַ לאַנגן לוסטרינענעם זשעקעטל און אין אַ סאַמעטענעם שוואַרצן קאַפּעליוש, איז געשטאַנען אין דרויסן און צוגעקוקט ווי דער וואָגן ווערט וואָס אַמאָל פולער. ער האָט געפינטלט מיט זיינע מוטנע פאַרהויכטע אויגן, אין וועלכע עס איז געווען ווי איינגעגליווערט די מורא

פאַר די דאָרפישע גויים, צווישן וועלכע ער האָט אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן. ער האָט געהאַלטן חשבון פון יעדער זאַך און ער האָט פון נחת זיך גע־גלעט זיין אויסגעקראָכן קליין בערדל, וואָס איז אים אין דער יאַנאָוויצער קרעטשמע באַלד נאָך דער חתונה גרוי געוואָרן. ער האָט געדרייט איין ציגאַרל נאָכן אַנדערן, געלאָזט רויך דורך דער פאַרלייגטער פלאַטשיקער נאָז און מיט דער צונג געהאַלטן אין איין אַרויסוואַרפן פיצלעך טיטון פון מויל. ווען עפּעס האָט ביים אויפלאָדן זיך נישט געוואָלט האַלטן אויפן וואָגן, האָט ער מיט ביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן די לאַנגע פּאָלעס פון זיין זשעקעטל, זיי אַ הויב געטאָן אין דער הויך און געוואָלט צוהעלפן. זיין זון לייב און דער מחותן, וואָס איז געווען זיין ווייבס ברודער, ביידע ווי פון איין דעמב געשניטן, האָבן אָבער מיט זייערע געזונטע און רירעוו־דיקע הענט זיך אַליין אַן עצה געגעבן, נאָך איידער ער האָט זיך צוגערירט צום וואָגן.

— וואו זיינען די מעשענע העסעס? און כ׳האָב נישט געזען אַרויס־טראָגן דאָס האַלבע זעקל הרעטשקע, וואָס האָסט צוגעזאָגט די קינדער — האָט חיים־משה געהיט, אַז מען זאָל גאָרנישט פאַרגעסן.

— די העסעס זיינען איינגעפּאַקט אין נייעם צעבער. און די הרעטשקע איז אויך דאָ. מ׳עט גאָרנישט איבערלאָזן — איז דער ברייט־ביינערדיקער וואַלד־נאַמן געבליבן שטיין אַ ברוגזלעכער פאַר דעם לאַנגן חיים־משה און מיט זיינע גראָבע און קורצן פינגער אויסגעקעמט עטלעכע שטרויעלעך פון זיין געדיכטער שוואַרצער באָרד.

אַזוי ווי יעקב האָט זיך אויך געקליבן אויף שבת קיין יאַנאָוויץ, האָט ער באַצייטנס אַריינגעשריגן אין שטוב צו זיין ווייב, וואָס איז איבער אַכט יאָר געווען ריוועס שטיפמאַמע, אַז זי זאָל אים אין אַ פאַטשיילע איינבינדן די קאַפּאָטע, דעם טלית און ס׳שטריימל. די קורץ־געוואַקסענע ברייטע יידענע איז אַרויסגעקומען אַן אָנגעדרודלטע מיט די הענט אונטערן פאַר־טעך. זי האָט ווי צו זיך אַליין געבורטשעט, אַז מען ליידיקט איר אויס ס׳הויז, אַז מען מאַכט זי אויס באַלעבאָסטע און דערנאָך געלאָזט וויסן, אַז די פלאַמפלעץ מיטן ראָסל זיינען פאַרטיק, אַז מען זאָל שוין אַריינגיין עסן.

נאָכן אָפּעסן האָבן ריווע מיט לייבן געבראַכט צופירן די טעליצע פון דער פּאַשע. ריווע האָט אַ פאַרפּלאָמטע אויף אַ שטריק געפירט די רויטע בהמה, וואָס האָט אַ צעטומלטע געהאַלטן אין איין דרייען דעם קאָפּ אויף צוריק און לייב האָט מיט אַ ריטל זי אונטערגעטריבן.

— נאַרישע קאַלענע, וועד טוט דיר דען עפּעס? איך נעם דיך מיט קיין יאַנאָוויץ — האָט ריווע געגלעט די טעליצע און גערעדט צו איר ווי צו אַ מענטשן. זי האָט די בהמה שוין מער ניט אַריינגעפירט אין שטאַל, נאָר זי צוגעבונדן צום וואָגן.

אַזוי ווי ס׳איז געווען ערב שבת און קיין יאַנאָוויץ איז געווען אַ מהלך פון איבער צוואַנציק קילאָמעטער, האָט מען פאַרפרי זיך אויסגעקליבן

אין וועג אַרייַן. לייב מיט ריוועז, אויסגעפּוצטע אין בייַע חתונה־מלבושים, האָבן זיך באַזעצט אין דעם אָנגעפּאַקטן וואָגן אויף אַ זיץ אויסגעבעט פון היי, איבערגעדעקט מיט אַ קאָלירטער וואָרעטע, און יעקב דער וואַלד־נאָמן האָט חיים־משהן מיטן גויאישן פּוהמאַן געגומען אין זיין אייגענעם געשפּאַן.

ריוועס שטיפמאַמע, וואָס איז געבליבן היטן ס׳באַלעבאַטישקייט, האָט מיטאַמאָל ווי פאַרגעסן אָן איר רוגז, אָן די קריגערייען מיט איר שטיפּ־טאָכטער. ס׳האָט זי עפּעס אַ ריר געטאָן ביים לעפעלע און זי האָט ביים געזעגענען זיך מיט ריוועז זי געקושט און געהאַלדזט און מיט אַ גרויס געוויין נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן ביז אויף דער אַנדערער זייט טויער.

ס׳איז געווען אין דער וואָך פון נאָך שבועות און די בלאָטעס האָבן שוין געהאַט אויסגעטריקנט. לייב האָט דערפאַר, אַנשטאָט פאָרן מיטן קאַיזער־שטראָז, זיך פאַרקירעוועט אויפן פּוילישן וועג. דאָס האָט גע־מיינט פאַרקירצן די נסיעה אויף גאַנצע דריי קילאָמעטער. לייב מיט ריוועז זיינען געפאָרן פאָראויס און די טאַטעס האָבן זיי נאָכגעהאַלטן. די פערד האָבן געשפּאַנט טראָט ביי טראָט און די הויך־געלאָדענע טעליצע אַ צוגעבונדענע צו אַ דראַבינע, איז נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן.

דער שמאָלער פּוילישער וועג האָט זיך געשניטן דורך דעם געדיכטן און טונקעלן וואַלד און ס׳האָט געדויערט מער ווי אַ שעה אַרויסצוקומען אויפן פרייען שליאַך. זיי זיינען אַ שטיק וועגס, ווי די אַלטע ברייט־שטאַמיקע דעמבעס, געווען פאַרזונקען אין שווייגן. חיים־משה דער לאַנ־גער האָט אימהדיק אַריבערגעקוקט צו די פאַרצייטיקע ביימער פון וואַלד. עס זיינען אים געקומען אויפן זינען גרויליקע מעשות וועגן די רציחות אויף יידן, וואָס זיינען אין יענעם יאָר פאָרגעקומען אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ.

עס איז געווען דאָס יאָר אַכצן־הונדערט־צוויי־און־אַכציק און ניט איין אורחי פרחיניק האָט ביי חיים משהן אין שענק דערציילט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין רוסלאַנד נאָכדעם ווי מען האָט דערהרגעט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. ניט איין וואַנדערער און ניט איין יאַרידניק האָט געבראַכט צו אים אין שטוב אַרייַן די ווייסטע בשורות, אַז אויף יע־נער זייט וואַסער גיסט זיך יידיש בלוט אין די גאַסן.

חיים־משה האָט מיט זיינע צעשראָקענע אויגן געגלאָצט אין דער טונקלקייט פון וואַלד און אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך. ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט פאַרגעסן, אַז מען האָט אַמאָל דאָ אין די וועלדער, ביים קאָרטשעווען ביימער, געפונען אין דער ערד שאַרבנס פון מענטשן. אַלע מאָל ווען ער איז געפאָרן דורכן וואַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מען האָט ערגעץ דאָ ביים בויען אַ נייעם וועג אויסגעגראָבן אַן אייזערנעם קאַסטן מיט זילבערנע לייכטער, מנורות, כתר תורהס, רענדלעך און מטבעות פון כמיעלניצקיס צייטן. עס זיינען אים איצט געקומען אויפן זינען מעשות

וועגן רויבער, וועלכע האָבן אין די וועלדער געטשאַטעוועט אויף יידישע סוחרים, און מעשות וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, וואָס פלעגט דאָ אויף די וועגן און שטעגן האָבן קפיצת הדרך.

יעקב איז געווען פאַרנומען מיט טראַכטונגען וועגן דעם יונגן פאַר־פאָלק. ער איז געווען צופרידן, וואָס זיין בת יחידה און אירע פאָר שטיק־לעך פעלד בלייבן אין דער משפחה און וואָס זיין אידעם איז אינגאַנצן גע־ראָטן אין אים.

לייב האָט צו דריי־און־צוואַנציק יאָר ניט נאָר געהאַט זיין פעטער יעקבס גבורה און זיינע ברייטע פלייצעס, נאָר אויך זיין געדיכטע שוואַרצע באָרד.

— געלויבט דער אייבערשטער דערפאַר — האָט יעקב דער וואַלד־נאַמן אויפגעהויבן זיינע שוואַרצע גלאַנציקע אויגן צום הימל. — וואָס זאָגסטו בישט דערצו ווי זיי זיינען מיטאַמאָל געוואָרן סטאַטעטשנע. גאָר־נישט צו דערקענען.

— איי, טאַטע זיסער אין הימל. ווען די אַלטע דעמבעס וואָלטן גע־קאָנט רעדן — האָט חיים־משה זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט אַ פאַטש געטאָן מיט די הענט, זיך עטלעכע שאָקל געטאָן און גענומען דרייען אַ ציגאַרל.

— כ׳רעד וועגן אונדזערע יורשים. מ׳פאָרט צום זיידן ווי צו זיך אַהיים.

— אַז נישט האָב איך אים אַמאָל געזען אין דער היים? ער איז אַלע מאָל איבערגעלעגן ביים זיידן. ער זאָל זיך נאָר האַלטן אין דער מעלה און זיין אַ מענטש.

— זאָלסט דיך גאָרנישט זאָרגן. ער וועט זיין אַ מענטש און איר וועט אין דאָרף האָבן נאָך אַ ייד מיט אַ טלית.

— איי, טאַטע זיסער אין הימל. וואָס איז נאָך איין ייד צווישן אַזוי פיל גויים. מ׳זעט זיך אַ סך אָן צווישן זיי — האָט חיים־משה דער שענ־קער אָפּגעזיפצט און געהאַלטן אין איין אויסשפּייען די שטיקלעך טיטון, וואָס האָבן געקלעפּט צו זיין צונג.

— וואָס אַרט דיך. לייבן וועט מען שוין אָנזען. זיי האָבן דאָך אַלע ס׳קדחת פאַר אים — האָט יעקב, כאָטש ער איז שוין אַ סך יאָרן געווען אין וואַלד, גערעדט ווי אַ יאַנאָוויצער וועגן די גויים און וועגן די דאָר־פישע יידן, צווישן וועלכע ער איז אויסגעוואָקסן.

ווען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון וואַלד האָט לייב אַריינגעשטעקט די בייטש אין וואָגן און נאָכגעלאָזט די וויאַשקעס. די זון איז נאָך געווען גאַנץ הויך און מען האָט זיך בישט געדאַרפט איילן. דער דרויסן איז גע־ווען ליכטיק און דאָס גרינקייט פון פעלד האָט ווי געבלאַנקט אַנטקעגן דער זון. פרידן און שטילקייט האָט געהערשט אין דער צעגרינטער וועלט. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס סקריפּען פון דער הינטערשטער אַקס פון וואָגן, אויף וועלכער ס׳איז געלעגן דער שווערער קאַסטן מיט ריזעס

אויסשטייער. פון צייט צו צייט האָט אַ פויגל אין דער הויך זיך געלאָזט הערן. לייב האָט אַ שווייגענדיקער געקוקט פאַר זיך. ער האָט שוין וואָס גיכער געוואָלט זיין אין דער היים. ריווע האָט אַ פאַרטראַכטע אַלע מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טעליצע און אין איינוועגס מיטן אויג געכאַפּט דעם וועג הינטער זיך.

ס׳איז ריווען ליב געווען צו טראַכטן, אַז לייב איז איר מאַן און אַז זי פאָרט איצט ווערן אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך. מיטן דערווייטערן זיך פון וואַלד האָט אָבער אַ בענקשאַפט געגומען נאָגן איר האַרץ. אירע קינדערשע יאָרן און אירע מיידלשע חלומות זיינען ווי נאָכגעלאָפן דעם וואָגן. זיי זיינען אַלע מאָל ווי פאַרלאָפן די פערד דעם וועג און זיך געשטעלט איר פאַר די אויגן. ס׳זיינען פאַר איר אויפגעגאַנגען דערמאָנונגען וועגן דער וואַלד־שטוב, וואו זי איז אויסגעוואַקסן און וועגן דער מאַמען, וואָס איז איר אָפּגעשטאָרבן ווען זי איז ניין יאָר אַלט געווען. מיט דעמזעלבן וועג איז זי מיט דער מאַמען ניט איינמאָל געפאָרן קיין יאַנאָוויץ צום זיידן. איינמאָל האָט די מאַמע, אַנשטאָט זי צו נעמען צום זיידן, זי גאָר אוועקגעפירט אין אַן אַנדער דאָרף. די מאַמע האָט זי דאָרט איבערגעלאָזט ביי אירן אַ קרוב אַ מלמד אויף אַ גאַנצן ווינטער, אַז ער זאָל זי אויסלערנען דאַווענען און לייענען ס׳טייטש־חומש מיט די תחינות. יעדעס מאָל, ווען די מאַמע איז זי געקומען זען, האָט זי זיך אָנגעהאַלטן אָן איר קלייד און נאָר געוואָלט אַהיימפאָרן. די מאַמע האָט פאַרקעמט אירע האָר, איר איינגעפלאָכטן רויטע סטענגעס און אַריינגערעדט אין איר, אַז אַ יידיש קינד, אַפילו ווען ס׳וואַקסט אין וואַלד, דאַרף עס לערנען און וויסן וואָס ס׳איז צו גאָט און וואָס ס׳איז צו לייט. זי האָט דאָרט געזאָלט בלייבן ביז ערב פסח. פאַר פורים איז אָבער דער וואַלד־היטער פראָקאָפּ געקומען צופאָרן מיט אַ שליטן, זי איינגעוויקלט אין אַ פעלץ און זי אַהיימגענומען. פראָקאָפּ האָט איר אויפן וועג געזאָגט, אַז די מאַמע איז קראַנק, אָבער ווען זי איז אַריין אין שטוב איז די מאַמע שוין געלעגן אויף דער ערד אָן איבערגעדעקטע און צוויי ליכטלעך האָבן געברענט ביי איר צוקאָפּנס.

ווי טרויעריק ס׳איז איר דערנאָך געווען אָן דער מאַמען. דער טאַטע איז טעג גאַנצע געווען אין וואַלד און זי האָט איינע אַליין זיך אַרומגעשפּילט. דער וואַלד־היטער האָט איר געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז די מאַמע איז אין הימל און זי האָט ניט איינמאָל אין די פאַרנאַכטן זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אַ בוים און צו איר אַרויפגערעדט. דערנאָך האָט דער טאַטע געבראַכט אַ פרעמדע יידענע און איר געהייסן זי רופן מומע. זי האָט אָבער ניט ליב געהאַט די פרעמדע, אָנגעכמורעטע מומע, וואָס האָט באַלד אָנגעטאָן דער מאַמעס קליידער און געגעסן מיטן טאַטן פון איין שיסל.

— זע נאָר אַ חידוש פון אַ שטיקל קאַניושינע, הויך און געדיכט נאָר ווי אַ פריש־אָנגעצויגענע באַרשט — האָט יעקב דער וואַלד־נאַמן אַריבערגערופן צו זיין איידעם.

— כ'זע. אונדזער קאַניושינע איז דאָס יאָר נישט געראָטן. זאָל די פּאַגאָדע נאָר אָנהאַלטן, וועל איך נאָך שבת זי פֿאַראַקערן און דאָרט פֿאַרזייען אַביסל הרעטשקע.

לייב האָט דערנאָך מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן ריוועץ, אַז מען זעט שוין אָן דעם אַלטן יאַנאָוויצער שלאָס. ריווע האָט אַ פֿאַרטראַכטע אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען פֿאַר זיך די מויערן פֿון דער אַלטער חורבה און איבער זיי די זון, דאָס ליכטיקע אויג פֿון דער וועלט, וואָס איז געווען מיט איר אין וואַלד און גייט איר איצט נאָך קיין יאַנאָוויץ. די פֿערד פֿון ביידע געשפּאַנען זיינען געגאַנגען טראָט ביי טראָט. די טאַטעס זיינען פֿון דער מילדער וואַרעמקייט געוואָרן שלעפֿעריק. זייערע קעפּ האָבן זיך גענומען וויגן פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער ביז זיי האָבן ביידע איינגעדרימלט. אַ בושל האָט ערגעץ פֿון דער הויך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּיען פֿון אַן אָפּגעזעגטן בוים, זיך דאָרט אוועקגעשטעלט אויף איין פֿוס און גענומען קלעקאָטען מיט זיין שנאָבל.

— כ'געדענק די מאַמע פֿלעגט זאָגן, אַז ס'איז מזלדיק צו באַגעגענען אַ בושיק אויפֿן וועג — איז ריוועס פּנים געוואָרן באַלעבט.

— אויב אַזוי וועט ס'מזל מיט אונדז זיין שטענדיק. וועסט זיי אויף אונדזערע היי־פֿעלדער באַגעגענען יעדן טאָג. געדענקסט ווען דו ביסט אַמאָל געקומען צום זיידן האָב איך דיר דאָרט געוויזן אַ נעסט מיט יונגע בושיקעס? און ווען מיר פֿלעגן שבת ביי טאָג, מיט נאָך יידישע קינדער זיך שפּילן ביים שלאָס, געדענקסטו?

— כ'געדענק. די גויים פֿלעגן אונדז פֿאַרנאַכט אָנשרעקן און זאָגן, אַז די רוחות פֿון שלאָס וועלן אונדז פֿאַרשלעפּן אין די היילן.

ריווע האָט געקוקט צום שפּיץ באַרג, וואו ס'איז געשטאַנען די חורבע באַשטע און זיך פֿאַרטראַכט וועגן די סומנע לידער, וואָס בעטלער מיט לירעס האָבן געזונגען וועגן שלאָס. פֿון די לידער האָט זי געוואוסט, אַז דעם פּאַלאַץ האָט מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק געבויט אַן אַלטער פּוילישער פֿירשט פֿאַר זיך און פֿאַר זיין געשמדטער יידישער כלה, וואָס איז געווען שיין ווי זיבן זונען. ווען דער שלאָס איז פֿאַרטיק געוואָרן איז מען פֿון נאָענט און פֿון וויט אויף ס'חידוש געקומען קוקן, ווייל קיינער האָט נאָך אַזאַ רייכקייט און אַזאַ פּראַכט נישט געהאַט געזען. דער פֿירשט האָט אָבער דאָרט קיין גליק ניט געפֿונען. די יידישע טאָכטער, וואָס ער האָט אַהין געבראַכט, האָט ביים איבערטרעטן די שוועל פֿון פּאַלאַץ אויף אַלץ חרטה באַקומען, און זי האָט געוואָלט פֿון דאָרט אַנטלויפֿן צוריק צו אירע טאַטע־מאַמע. זי איז אין דער נאַכט פֿון איר חתונה אין הוילן העמד אַראָפּ פֿון דעם הימל־בעט, וואָס איז געווען באַצירט מיט טייערע איידלשטיינער, און אַזוי ווי טיר און טויער זיינען געווען פֿאַרריגלט און פֿאַרשלאָסן, איז זי אַוועק אין די קעלערן פֿון שלאָס. דער אַלטער פֿירשט איז אין זיינע נאַכט־קליידער איר נאָכגעלאָפֿן און זיי זיינען ביידע ערגעץ אין די קעלערן און היילן פֿון דעם פּאַלאַץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. די דינערשאַפֿט

האָט איינס נאָך ס'אַנדערע זיך אַוועקגעלאָזט זיי זוכן און אויך פון זיי איז קיינער ניט צוריקגעקומען. דעם פירשטס יורשים האָבען דערנאָך איבער־גענומען דעם פּאַלאַץ, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך דאָרטן לאַנג ניט געהאַלטן. איינער האָט זיך דערטרונקען, אַ צווייטן האָט אַ פערד פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און אים דערהרגעט און אַ דריטער איז דאָרט אַראָפּ פון זינען. דער שלאָס האָט דערנאָך געפּוסטעוועט און שדים און רוחות האָבן זיך דאָרטן באַזעצט.

דער שפּיץ פון דאָרפישן קלויסטער האָט זיך געוויזן און די צווי געשפּאַנען האָבן איצט גענומען גיין באַרג־אַראָפּ דורך יאַנאַוויצער פעלדער. לייב האָט זיך ווידער גענומען צו די וויאַשקעס און צו דער בייטש און, ווי מיט די אויגן פון די היימישע דאָרפסלייט, גענומען באַ־טראַכטן זיין ווייב, וואָס ער פירט אַהיים. ער האָט פון דער זייט געקוקט אויף אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, פול מיט חן און גוטסקייט אויף איר ברייטלעך, פאַרריסן קליין בעזל, אויף אירע פולע באַקן, וואָס זייער ברויב־קייט האָט דערמאָנט אָן ראַזעווע קאָרן־ברויט פריש פון אויוון. אין איר קאָלירט טערקיש טיכל און אין דער נייער טונקעלער יאַקע, מיט ווייסע שליאַרעס אַרום די מאַנקעטן פון די לאַנגע, שמאָלע אַרבל און אַרום דעם קעלנערל, האָט מען ריווען געקענט אָננעמען פאַר אַ שטאָטישער. די היי־מישע דאָרפסלייט האָבן אָבער אָן איר פּנים, אָן איר הויכן בוזעם, אָן אירע גרויסע בריסטן, פאַרשפּיצטע ווי לאָגלען, לייכט דערקענט, אַז זי איז איינע פון די טעכטער פון „די לייבן און בערן".

— זעט נאָר, גוטע שכנים, ווער ס'פאָרט דאָרטן.

— זאָל מיך שוין אַ שלאַק טרעפן צי איז עס נישט לייבע מיט זיין יונג ווייבל.

— ס'איז דאָך אים נישט צו דערקענען. ער זעט דאָך אויס ווי אַ ראַבין אין דעם גלאַנצעדיקן קאַפּטאַן און אין דעם שוואַרצן קאַפּעלירש.

— זעט נאָר דעם פולן וואָגן און די קאַלביקע טעליצע, וואָס ער פירט אַהיים — האָבן גויים, וואָס האָבן ביים וועג געסאַפּעט די קוקורודזעס און אונטערגעשאָרט די קאַרטאָפּל, אויסגעגלייכט זייערע רוקנס און מיט הענט פאַרשטעלט די זון פון די אויגן.

די איינציקע, וואָס האָט ניט איבערגעריסן די אַרבעט און ניט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ איז געווען די הויכע און שיינע פּיליפּאַ. זי האָט איצט נאָך פלינקער גענומען שאַרן די ערד אַרום די קאַרטאָפּל און זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט פון וועג.

— העלף גאָט! — האָט לייב מיט אַ געזונטער געמבע צו זיי אַלע אַריבערגעשריגן. ער האָט געהאַט צוגעטראַכט נאָך עפּעס צו זאָגן, אָבער ער האָט באַלד באַמערקט פּיליפּאַן און ס'האָט אים ווי אָפּגענומען ס'לשון.

— זאָל אייך גאָט געבן גליק. איר זאָלט זייך געזונט און שטאַרק ווי דאָס וואַסער, רייך ווי די ערד און פריילעך ווי דער פרילינג — האָבן

יונג און אַלט צו עטלעכע מיטאַמאָל פון דערוויטנס צוגעוואונטשן דעם יונגן פּאָרל.

— אַ דאַנק אייך, שכנים גוטע. זאָל אייך גאָט אויך געבן געזונט און אַלדאָס גוטס. און פאַרגעסט נישט צו קומען מאָרגן ביינאַכט אין שענק אַריין אויסצוטרינקען — האָבן די מחותנים מיטן פּאָרל אָפּגעענטפערט. אָבער מער פון אַלעמען האָט זיך איצט געהערט יעקבס קול.

די פויערים און פויערטעס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף זייערע לאַנגע סאָפּעס, נאָכגעקוקט זייערע יידישע שכנים און וועגן זיי דערנאָך לאַנג גערעדט.

— אַ וואוילער באָכור דער לייבע. ער האָט כוח פאַר צען, און אַר־בעטן קאָן ער ווי אַ טייוול. ער אַקערט דאָך אויס אַ מאָרג פעלד ביז וואַרעמעס.

— זיין ווייב איז דאָך אַ סך קלענער פון אים. זי איז אַזאַ שייניוקע, אַזאַ פרישינקע. ער זאָל זי נאָר נישט פאַרמאַטערן.

— ביי אונדז אין דאָרף זיינען דאָ שענערע פון איר.

— און דערווייל ווייסן מיר נאָך נישט וואָס פאַר אַ באַלעבאָסטע זי וועט זיין.

די פויערטעס האָבן פון דער זייט אַריבערגעקוקט צו פיליפּאָן. זיי האָבן געוואוסט, אַז זי איז נאָך פון קליינוויז אויף געווען אַן אַריינגייערין אין שענק און צו דעם אַלטן בער. איר מאַמע האָט ביי די „לייבן און בערן” אין די שבתים און יום־טובים געמאַלקן די בהמות און זי, פיליפּאַ, פלעגט פאַר אַ שטיק חלה אַראָפּנעמען די שבתדיקע לייכטער פון די טישן. זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז פיליפּאַ איז גרויסערהייט שוין, ווי אַ שאָטן, נאָכגעגאַנגען לייבן און מען האָט ניט איינמאָל געזען ווי זי איז ביינאַכט, נאָר ווי סאַרנע, געלאָפן אים באַגעגענען אויף בערס היי־פעלדער. די גויאישע ווייבער און זייערע טעכטער האָבן געמיינט, אַז פיליפּאַ וועט איצט אויך עפּעס האָבן צו זאָגן וועגן ריוועך. זיי האָבן זיך אָבער גענאַרט. פיליפּאַ האָט נאָך מער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אַז מען זאָל ניט זען אירע פאַרטרערטע אויגן, זי האָט פלייסיק געאַרבעט און געשוויגן.

— האָט איר כאָטש געזען דעם גרויסן קאַסטן אויפן וואָגן?

— זיי האָבן דאָרט זיכער גענוג געלט. כ'האָב געהערט זאָגן, אַז זיי קויפן צו נאָך אַ מאָרג פעלד.

— וואָס דען, אַן אונדזעריקער קאָן אַזוי לייכט צוקויפן נאָך אַ שטיקל ערד?

— אויף יענער זייט וואַסער, ביים צאַר, איז אַנדערש. דאָרטן טרייבט מען זיי פון די דערפער און קיין פעלדער טאָרן זיי נישט קויפן.

— דאָ גיט זיי דער קאַיזער אַלץ נאָך און ער נעמט זיך פאַר זיי אָן — זיינען ביי די גויאישע דאָרפסלייט ווי דינער געוואָרן די ליפּן. זיי זיינען ווי איבערוועלטיקט געוואָרן פון קנאה און שנאה און גענומען רעדן שטילער און שטילער.

די זון איז שוין געווען נאָענט צום רוקן פון דעם באַרג, וואָס האָט ווי אַ ברייטע פּאַדקאָווע אַרומגענומען ס׳דאָרף, ווען די צוויי וועגענער זיינען מיטן קאַיזער־שטראָס אַריינגעפאָרן קיין יאַנאָוויץ. בהמות מיט פולע אייטערס זיינען געגאַנגען פון פעלד און יידישע קינדער האָבן אַהיימ־געטריבן די גענדז פון טאָל. די פריזבעס אַרום די וויס־געקאַלעכטע ווענט פון די יידישע שטיבער מיט די שטרויענע דעכער זיינען לכבוד שבת גע־ווען אָפּגעגעלט מיט צעפּירטן ליים און די קליינע שייבלעך פון די פענצטער האָבן געבלאַנקט פון ריינקייט. די סטריכעס פון די יידישע שטיבער זיינען נאָך פון שבועות אָן געווען באַשטעקט מיט פאַרוויאַנעטן בעז און פאַר־טריקענטע בלומען. די ווייבער האָבן שוין געהאַט פאַרקלעפּט מיט ליים די טשאָלענט־ברעטלעך און זיי האָבן איצט אין דרויסן מיט נאָפט גע־צוואָגן די מיידלעך. קליינע באָרוועסע יינגלעך האָבן אויף שבת מיט בלוי־לעך־שוואַרצן שמיר געריבן און געקנאָטן זייערע פאַרקוואַרטע שטיוול און שיך. די גרעסערע בחורים האָבן מיט בעזעמער פון ראַבינע ריטלעך געקערט די הויפן.

ווען לייב מיט ריווען זיינען אָנגעפאָרן זיינען ווייבער און קינדער אַרויס צו זיי אויפן וועג. די עלטערע לייט האָבן זיי אָפּגעגעבן מזל טוב און ס׳קליינוואַרג האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך די וועגענער.

— נאָר ווי אַ שטאָטיש פאַרפאַלק.

— ס׳אַ מחיה אויף זיי אַ קוק צו טאָן.

— ס׳איז דאָך גאַרנישט דער לייב — האָבן די ווייבער זיך געלאָזט הערן.

ריוועס האָט צו אַלעמען געשמייכלט און לייב האָט אַ שטייפער מיט פרעמדקייט זיך אַרומגעקוקט.

באַגלייט פון דעם קליינוואַרג זיינען זיי גלייך פאַרפאָרן צום זיידנס שטוב, וואָס איז געשטאַנען אין עק דאָרף נישט ווייט פון דער מיל.

די שטוב איז שוין געווען זייער אַלט, אָבער אַזוי ווי זי איז געווען געבויט פון שטיין האָבן די ווענט זיך געהאַלטן גלייכע און די אַלטקייט האָט זיך אויף זיי ניט אָנגעזען. הינטער דער שטאַל און אַרום דער סטאָדאָלע זיינען געוואַקסן צעצווייגטע יאַסינעס און ליפּעס, און אַנטקעגן דער שטוב איז געשטאַנען אַן אַלטער באַרן־בוים.

צוליבן יונג פּאָרל האָט מען די שטוב אויסגערעכטעוועט און מען האָט אויך אויפגעראַמט דעם הויף, וואָס איז אַלע מאָל געווען פאַרלייגט מיט צעבראָכענע באַרינעס, אַקער־וועגעלעך, רעדער און לאָפּאַטעס. מען האָט אויך אַרויסגעפירט אין פעלד אַריין דעם באַרג גנאַי פון לעבן דער שטאָל. די שטוב האָט געהאַט אַ נייעם שטרויענעם דאָך, וואָס האָט נאָך די ערשטע זומער־רעגנס באַקומען דעם קאָליר פון בורשטיין. די פריש־געקאַלעכטע ווענט זיינען געווען בלוילעך־קלאָר ווי דער פאַרנאַכטיקער הימל.

— די שטוב זעט דאָך אויס ווי ניי — איז ריווע געווען אויסער זיך ווען זיי זיינען צוגעפאָרן לעבן טויער.

— דאָס האָט מען זי צוליב דיר אַזוי אויסגעפוצט — האָט לייב איר אָפּגעענטפערט. ער האָט געוואָלט אָפּשטעלן די פערד און אַראָפּגיין עפענען דעם טויער, אָבער בער, דער זיידע איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. דער זיידע, וואָס איז שוין געווען איבער אַכציק, איז אַ הויכער, אַ דיי־רעוודיקער, אַרויס פון שטוב און ברייט צעעפנט דעם טויער.

— כ׳האָב מורא געהאַט, אַז איר זאָלט דורך דער טעליצע נישט אַריינ־פאָרן אין שבת — האָט דער אַלטער בער זיך באַמיט צו באַהאַלטן זיין פרייד. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין טאַפּן ביי די קורצע גראָבע פאות, ביי זיין שוואַרץ־גרוי בערדל, זיך צורעכט געמאַכט די יאַרמולקע און ווי אַ ייִנגל געפּאַדעט אַרום דעם וואָגן.

— אין אַ גוטער און אין אַ מזלדיקער שעה. ס׳נחת זאָל אונדז נאָר נישט פאַרשטערט ווערן. מיר האָבן פאַר אייך אַזוי צוגעגרייט די שטוב, אַז דער קאַיזער אַליין מעג דאָרטן וואוינען — איז אויך אַרויסגעקומען די באָבע שרהלע שוין אַן אויסגעפוצטע אין שבתדיקן ווייסן טיכל. זי האָט מיט אירע אַלטע דאַרע הענט אַרומגענומען ריווען, פאַרמאַכט די אויגן וואָס זיינען געווען פול מיט טרערן און עפּעס אין דער שטיל געשעפּטשעט. עטלעכע גויאישע שכנטעס פון אַרום זיינען געקומען צו לויפן און מיט זשמעניעס ווייץ און קאָרן און מיט בלומען באַוואָרפן דאָס פאָרל ווען זיי האָבן באַטראָטן די שוועל פון הויז.

דער זיידע מיט דער באָבען האָבן זיי אַריינגעפירט אין דער גרויסער שטוב, וואו דער ערדענער דיל איז געווען אויסגעשמירט מיט צעפירטן קו־מיסט און אויסגעשפּרייט מיט געלן זאַמד. ס׳האָט אינעווייניק גע־שמעקט מיט די ריחות פון יאַסיך און דעמבענע האָלץ, פון וועלכן עס איז געווען געמאַכט דאָס נייע מעבל און אויך די טיר. מען האָט פון אייגענעם געהילץ געלאָזט מאַכן צוויי בעטן, אַ גרויסן טיש, צוויי לאַנגע בענק און אַן אָפענע שאַפע מיט פאָליצעס. מען האָט פאַר ריווען צוגעגרייט אַ לאָקשן־ברעט, אַ האַק־ברעטל און אַפילו הילצערנע לעפל. כאָטש די מילכדיקע לעפל זיינען געווען געקאַרבט ביי די הענטלעך, כדי מען זאָל זיי ניט פאַרמישן מיט די פליישיקע, האָט דער זיידע בער געמאַכט אויף זיי נאָך אַנדערע סימנים. ער האָט מיט אַ צעגליטן דראָט אויף די הענט־לעך פון די מילכדיקע לעפל אויסגעברענט אַ געדרוקטע „מ״ און אויף די פליישיקע אַ „פ״.

די באָבע שרהלע האָט מיט דריבנע טריט זיך געדרייט אַרום אירע צוויי אייניקלעך און געוויזן ריווען וואו יעדע זאַך איז אַוועקגעלייגט גע־וואָרן. דערנאָך האָט זי פאַרשפּרייט אַ קלאָר טישטעך אויף דעם נייעם טיש, אַרויסגענומען ריוועס לייכטער פון געפּעק און זי געלערנט ווי צו בענטשן ליכט ס׳ערשטע מאָל.

קאַפּיטל צוויי

שבת אין דער פרי זיינען צו חיים משהן אין שענק אַריין זיך צונויפגעקומען די יידן פון יאַנאַוויץ און פון די פּאָר דערפלעך אין תחום. מען האָט די דאָרפס־יידן, אַפילו די אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלעך, באַצייטנס געלאָזט וויסן, אַז מען וועט אין דעם שבת פון לייבס און ריוועס שבע ברכות דאַווענען מיט מנין און אַז ס'וועט זיין אַ קידוש, וואָס מען וועט לאַנג האָבן צו געדענקען.

די יידן האָבן פאַרפרי זיך געפּעדערט און זיך אויסגעפּוצט אין זייערע בעסטע מלבושים. אַזוי ווי קיין עירובן זיינען אין די ישובים ניט געווען האָבן די דאָרפסלייט, וואָס זיינען געווען געהיט ניט צו טראָגן אום שבת, ביי זיך אין דער היים געמאַכט די ברכה „להתעטף בציצית" און אָנגעטאָענע אין די טליתים און אין די שטריימלעך זיך אָוועקגעלאָזט מיט די גערטנער און סעדער. זיי זיינען צוזאַמען מיט זייערע אויסגעסטראָיעטע שווער־לייביקע ווייבער און מיט זייערע קינדער, וואָס האָבן זיי נאָכגעטראָגן די סידורים, אָנגעקומען מיט סטעזשקעס און וועגן מיט ראָסע אויף זייערע בערד און אויף די שפּיצן פון זייערע שטריימלעך. עטלעכע פון די משפּחות זיינען געקומען באַגלייט פון זייערע הינט. וויפיל מען האָט פון וועג ניט צוריקגעטריבן די הינט, מיט געשרייען און מיט שטיינער, האָבן זיי בשום אופן זיך ניט געוואָלט אומקערן אַהיים, נאָר נאָכגעלאָפן זייערע באַלעבאַטים ביז אין שענק אַריין.

עס זיינען ביי חיים משהן אין שענק נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי פיל יידן צו אַ מנין ווי יענעם שבת אין דער פרי. מען איז געקומען מיט די בני־ביתן פון נאָענט און ווייט, און דער הויף איז פול געוואָרן מיט קינדער און מיט גרויסע בחורים און מיידן. די מענער האָבן אָנגעפילט די גרויסע שטוב, וואָס איז אַלע מאָל, ווען מען האָט באַדאַרפט דאַווענען מיט מנין, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שולעכל. מען האָט אין אַ ווינקל פאַררוקט די בעטן, אין מיטן שטוב אויסגעשטעלט בענק, ביי דער מזרח־וואַנט געמאַכט אויף דערווייל אַן עמוד און מען האָט דאָרט אויף אַ טישל אַרויפגעשטעלט דעם דעמבענעם ארון־קודש מיט דער ספר תורה, וואָס „די לייבן און בערן" האָבן שוין געהאַט אַ סך יאָרן. די ווייבער און אויך אַ פּאָר כלה־מיידן האָבן זיך צונויפגעקליבן אין שענק, וואו חיים משהס שבת־גוי איז זיך געזעסן אַן אויסגעצוואָגענער ביי אַ טישל, אויף וועלכן ס'זיינען געווען אָנגעשטעלט בעקנס ווייסע זעמל, קליינע וואָורשטלעך, געצעכעוועטע בלויע קוואַרטירלעך און גלעזלעך. די ווייבער האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס פון דעם שענק־טיש און פון דעם גויאישן נאָמן, וואָס האָט זיך אַליין געגעבן צו לייזן און אַלע מאָל אַריינגעגאָסן אַ גלעזל בראַנפן. זיי האָבן זיך צונויפגערוקט לעבן דער ברייטער טיר פון דער גרויסער שטוב, וואָס איז געווען אָפן און האַלב־פאַרהאַנגען

מיט אַ קאַלירטער וואַרעטע, און פאַרן דאַווענען צווישן זיך גערעדט וועגן זייערע באַלעבאַטישקייטן.

מען האָט זיך אויסדערציילט וואָס מען האָט פאַרזייט אין די גערטנער, וואָס עס איז געראָטן, וויפיל גענדזלעך און קאַטשקעלעך מען האָדעוועט און וויפיל מילך די בהמות גיבן. די דאָרפישע ווייבער האָבן אויך אָנגעהויבן פאַרגלייכן די פּרייזן, וואָס זיי באַקומען אין שטאָט פאַר קעז און פוטער, פאַר אייער, פאַר בינטלעך גרינע ציבעלעס און קנאָבל און זיך צערעדט וועגן געלט און וועגן זייערע מסחרים. מען האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז ס׳איז שבת, אַז מען איז זיך צונויפגעקומען הערן „קדושה״ און „ברכו״ און נאָכזאָגן „ברוך הוא וברוך שמו״ און „אמן״ און מען האָט אין מיטן דערינען געגומען רעדן וועגן זייערע קינדער. אייניקע האָבן זיך געקלאָגט אויף זייערע יינגלעך, אַז ווי נאָר ס׳קומט דער זומער, ווערן זיי די קעפּ שווער און זיי פאַרלירן דעם חשק צו לערנען. זיי ריַנען אויס פון חדר און דער מלמד דאַרף נעבעך אַרומלויפן זיי זוכן אין די גערטנער. אַנדערע ווייבער האָבן באַזיפצט זייערע טעכטער, וואָס צו דרייצן, פערצן יאָר זיינען זיי שוין צעוואַקסענע גרויסע מיידן און מען דאַרף זיי היטן אויף שריט און טריט, ווייל די שקצים עסן זיי ממש מיט די אויגן.

אויף יענעם שבת האָט דער אַלטער בער אויך אַראָפּגעבראַכט פון שכנישן שטעטל דעם דאָרפישן רבין ר׳ וועלוועלע. יעדעס מאָל ווען עס איז ביי די דאָרפס־יידן געווען אַ קערמעשל איז ער געקומען זיך משמח זיין מיט זיי. דער אַלטער בער האָט געהאַט אַ חזקה, אַז ר׳ וועלוועלע זאָל איינשטיין ביי אים, פּונקט ווי ס׳פלעגט מיט אַ סך יאָרן צוריק ביי זיינע זיידעס איינשטיין ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, ווען ער איז געקומען קיין יאַנאָוויץ. די דאָרפישע יידן האָבן ר׳ וועלוועלען, וואָס איז צו זיי געקומען אין פריידן און ליידן, געהאַלטן פאַר אַ געטלעכן מאַן און פאַר אַ בעל מופת. זיי האָבן שטאַרק געהאַלטן פון זיינער אַ ברכה, זיך צוגעהערט צו זיינער אַן עצה, און זיי האָבן, ווי ס׳אויג אין קאָפּ, אָפּגעהיט די קמיעות, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין זייערע שטיבער.

די יידן, וואָס זיינען זיך יענעם שבת אין דער פרי צונויפגעקומען אין קרעטשמע, האָבן געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן צום וועג און געוואַרט, אַז דער אַלטער בער זאָל שוין ברענגען צופירן ר׳ וועלוועלען מיטן חתן. זיי האָבן דערווייל מיט שבחים גערעדט וועגן זייער רבין. איינער האָט דערציילט ווי ר׳ וועלוועלע האָט אין מיטן ווינטער צוריק דעררופן צום לעבן זיינס אַ קינד, וואָס איז געווען פאַרביי און שוין געהאַט פאַרגלייזט די אויגן. אַ צווייטער ייד פון דעם שכנישן דאָרף טאַטאַרשטשינע, וואָס האָט געהאַט זיין אייגנס אפשר פערציק מאָרג פעלד, האָט זיך געשוואוירן, אַז זייער רבי האָט מיט אַ סגולה אָפּגעשטעלט אַ זאַראַזע צווישן זיינע בהמות.

ר׳ וועלוועלע האָט קיינמאָל ניט געוואָלט נעמען קיין פדיון ביי די דאָרפסלייט. זיי האָבן אָבער יעדעס מאָל, ווען זיי זיינען געפאָרן אין שטאָט אַריין, אָן אים ניט פאַרגעסן. מען האָט געבראַכט צו זיין ווייב אין שטוב

אריין אן עוף, א שטיקל קעז, א טארבעלע גרויפן, מעל, פאסאליעס און קארטאפל.

— דער חתן גייט.

— ר׳ וועלוועלע מיט בערן פירן אים.

— די כלה גייט מיט דער באבע שרהלע און מיט נאך ווייבער — האבן די קינדער אריינגעשריגן אין קרעטשמע און אלע זיינען ארויס ביז צום טויער. ר׳ וועלוועלע, אן אויסגעדארטער, א קליין־געוואקסענער, האט דעם הויכן פעסט־געבויטן לייב קוים געגרייכט ביזן אקסל און ער האט לעבן אים מיט זיין ברייטער געלער בארד אויסגעזען ווי א ייִנגל, וואס האט זיך פארשטעלט.

מיט חתן־כלה און מיט ר׳ וועלוועלען איז אויך אנגעקומען בערס עלטסטער זון, אברהם דער אליניק און ער האט מיט זיך געבראכט א פרעמדן בחור. נאך איידער דער פרעמדער מיט דעם יונגן בלאנדן מאך אויף זיין איידל בלאסלעך פנים איז אריבערגעטראטן די שוועל פון דער קרעטשמע האט מען שוין געוואוסט, אז ער איז א רוסישער. מען האט געוואוסט אז ער איז אנטלאפן פון די פאגראמען, אז ער פארט קיין ארץ ישראל און אז ער האט אויף עטלעכע טעג זיך אפגעשטעלט אין יאנאוויץ, ווייל אברהם אליניקס ווייב איז זיינע א וייטע קרובה.

די יידן פון יאנאוויץ און פון די ארומיקע דערפלעך האבן שוין לאנג ניט געהאט אזא שבת. זיי האבן שוין לאנג ניט געהאט געפילט אזא יום־טובדיקייט. ווען זיי האבן, אבער, נאכן אפגעבן שלום ר׳ וועלוועלען, ארומגעשטעלט דעם רוסישן בחור און געהערט וואס עס האט זיך אפ־געטאן אין רוסישע שטעט און דערפער און מען האט גערויבט און גע־הרגעט יידן, זיינען ביי זיי איינגעפאלן די הערצער.

— אי, טאטע זיסער אין הימל. ס׳נעמט דאך גארנישט קיין סוף צו די יידישע צרות — איז ביי חיים משהן די נאז שטארק בלאס געווארן. ער האט א פאטש געטאן מיט זיינע הענט, זיך עטלעכע וויג געטאן און מיט זיינע פארהויכטע צעשראקענע אויגן אריבערגעקוקט צו זיין שבת־גוי ביים שענק־טיש. — מ׳וואוינט מיט זיי א טיר לעבן א טיר, מ׳האנדלט און מ׳וואנדלט מיט זיי און גיי ווייס, צי טראגן זיי נישט א האק אונטער דער פאלע.

— דא איז נאך דאנקען גאט דא א קאיזער — האט דער אלטער בער זיך באמיט צו פארטרייבן די מרה־שחורה, וואס איז באפאלן די יידן.

— עשו בלייבט עשו וואו ער זאל ניט זיין, און דער ייד איז אלע מאל הפקר — האט א טרויער ארומגענומען ס׳לענגלעכע פנים פון דעם רו־סישן בחור.

— גוטס און שלעכטס זיינען אלע מאל אויף דער וואגשאל. פונ־דעסטוועגן איז די וועלט פול מיטן חסד פון באשעפער און מ׳דארף האבן בטחון — האט ר׳ וועלוועלע, ווי אלע מאל, ווען ער איז געווען ביי די דארפס־יידן, זיי געזוכט צו דערווארעמען און אויפצומונטערן. ער האט

צו זיי גערעדט וועגן זייערע טאַטעס און זיידעס, וואָס זיינען געווען שטאַרק אין זייער גלויבן. זיי האָבן איך די דערפֿער זיך דערוואָרבן אייגענע ערד, געאַקערט און געזייט, געפּלאַנצט ביימער, געהאַנדלט און געוואַנדלט, און צווישן די גויאישע שכנים אויפֿגעבראַכט קינדער צו גאָט און צו לייט.

— דער ייד איז ווי דער אַרבעס, וואָס וואַקסט ביים וועג. ווער ס'גייט פֿאַרביי, דער פּליקט. דערפֿאַר פֿאַרזיי איך קיינמאָל נישט קיין אַרבעס ביים שטראָז און דערפֿאַר האָב איך מיין נייע שטוב געבויט אין דער זייט — האָט בונעם מיטן בויך, פֿון דער טאַטאַרשטשינע, עפּעס אָנגעהויבן זאָגן, אַז יידן דאַרפֿן זיך ניט צופּיל וואַרפֿן אין די אויגן און זיין פֿול פּנים מיטן קאַרק זיינען שטאַרק רויט געוואָרן. ער האָט נאָך ניט געהאַט אויס־געפֿירט דעם ערשטן משל מיט די אַרבעס און שוין אָנגעהויבן עפּעס אויסצובריייען וועגן זיינער אַ מעלקענדיקער קו. בערס עלטסטער זון, אברהם אַליניק, האָט אים אָבער איבערגעשלאָגן אין מיטן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און געלאָזט וויסן, אַז ס'איז שוין צייט זיך צו שטעלן דאַווענען.

עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ דינגעניש צווישן די עלטערע יידן, וואָס ס'חיות איז זיי אויסגעגאַנגען צו דאַווענען פֿאַרן עמוד. יעדער איי־נער האָט זיך געשאַרט צום „ברעטל" און כלומרשט געהייסן אַן אַנדערן זיך אָוועקשטעלן פֿאַרן עמוד. אַזוי ווי ס'איז אָבער געווען גאָר אַ געהוי־בענער שבת, איז געבליבן, אַז אברהם, וועלכער האָט אין יענעם געגנט געהאַט אַ נאָמען פֿון אַ בן־תורה, זאָל דאַווענען שחרית און ר' וועלוועלע מוסף. אברהם אַליניק האָט שוין פֿריער געהאַט אויסגעפֿונען, אַז דער רוסישער בחור איז אַן איידלמאַן און אַ גוטער בעל קורא און ער האָט נאָך שחרית אויסגערופֿן, אַז זיין גאַסט וועט לייענען די סדרה.

דער רוסישער, וואָס האָט געהייסן נאַטע, האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט. ער האָט מיט געניטקייט, גאַרנישט ווי קיין בחור, זיך אָנגעטאָן אין אַ טלית, פֿאַרן ספֿר זיך אויסגעצויגן אויף די שפּיץ־פֿינגער אַזוי, אַז ער זאָל אויסזען העכער פֿאַר די ווייבער און מיידן, וואָס האָבן פֿון דער האַלב־פֿאַרהאַנגענער טיר געוואָרפֿן אויף אים אויגן, און ער האָט מיט אַ זינ־געדיק שיין קול באַוויזן וואָס ער קאָן.

— אָט דאָס הייסט אַ קעלעכל.

— ער קאָן, ער קאָן.

— מ'זעט, אַז ער איז אַ טאַטנס אַ קינד — האָבן די מאַנסבילן זיך געשטורקעט מיט די עלנבויגנס און ניט איינע פֿון די ווייבער האָט אין דער שטיל זיך געוואונטשן צו האָבן אַזאַ יונגן מאַן פֿאַר אַן איידעם.

נאָכן דאַווענען האָט מען אין דרויסן, הינטער דער קרעטשמע, אין שאָטן פֿון אַ צוואַקסענעם קאַשטאַן־בוים, אויסגעשטעלט צוויי לאַנגע טישן, איינעם פֿאַר די מאַנסבילן און דעם צווייטן פֿאַר די ווייבער און מען האָט אַרויסגעטראָגן כּיבוד. לייבס מאַמע, בעכע די שענקערן, אַן אויס־געפּוצטע גרויסע יידענע, וועמען די יידישע און גויאישע דאָרפֿסלייט האָבן

גערופן כאַמוישעכע, האָט אַ רירעווודיקע מיט דער הילף פון איר פּופּצן־יאַריקער מיזינקע, רויזע, אַרויסדערלאַנגט דורכן פענצטער לעקעך און בראַנפן,ווישניאַק, ווייַן, טאַרט, מאַנפּלעצלעך, פּאַסאַליעס צעריבענע מיט צימרינג און מיט צוקער, גאַנצע אַרבעס, אייער־קיכלעך און ראַנקוכן.

די ייִדן מיט די ווייבער און קינדער האָבן נאָכן קידוש זיך געקליבן צו גיין אַהיים עסן זייערע טשאָלענטן. מען האָט אָבער באַלד אָנגעהויבן דערלאַנגען צו די טישן קוגלען, וואָס באַלעבאָסטעס פון יאַנאָוויץ און אויך פון די שכנישע דערפלעך האָבן צוגעשיקט. נאָך די קוגלען — לאָקשענע, געוואַלגערטע אין שמאַלץ און אין גריוון, געוויקלטע אין ברעזל־מעל, אין האָניק און אין דריבנע ראָזשינקעס, — האָט מען אַרויסגעטראָגן געבראָטענע קאַטשקעס, הינער און פליישן, פריש פון טשאָלענט, און מען האָט גענומען פראַווען אַ סעודה ווי צו אַ חתונה.

— לחיים, זאָל שוין נעמען אַ סוף צו דעם לאַנגן גלות און זאָלן קומען בשורות טובות, ישועות און נחמות — האָט ר׳ וועלוועלע, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון צווישן די געוויקסיקע דאָרפס־ייִדן, גע־טרונקען צו אַלעמען. ער האָט צוגעוואונטשן לייבן, אַז ער זאָל זיין אַן ערלעכער ייִד און אַז ער זאָל אין דעם ירושה־הויז אויך איבערנעמען די גוטע מידות פון זיינע עלטער־זיידעס און אַז ער זאָל אויך אַרבן די ברכות, מיט וועלכע ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט זיי געבענטשט, ווען ער איז גע־ווען אַן אַריינגייער אין זייער שטוב.

— לחיים, זאָל אייך זיין אַזוי גוט ווי איר ווינטשט זיך נאָר אַליין.

— לחיים, מערצעשעם ביי אייך אויף בריתן.

— זאָלן נאָר געבוירן ווערן וואָס מער ייִנגלעך וועלן מיר אַלע מאָל קאָנען האָבן אַ מנין אין יאַנאָוויץ — האָבן די ייִדן, דערוואַרעמטע פון דער גוטער משקה, געשטרעקט העטנט איינס צו ס׳אַנדערע און וואָס אַמאָל געוואָרן פריילעכער.

— נאָר אין פריידן און נאָר אויף שמחות — זיינען די ווייבער זיך געפאַלן אויף די העלדזער, זיך געווישט די טרערן פון די אויגן און גע־שנייצט די שוויצענדיקע נעזער.

— לחיים, דער איבערשטער זאָל געבן, אַז ס׳זאָל טאַקע זיין מטל השמים ומשמני הארץ און עס זאָל אויף די פעלדער וואַקסן הונדערט מאָל אַזוי פיל פון דעם פאַרזיי — האָט אברהם אַליניק געטרונקען צו לייבן.

— הער נאָר אַ שאָס. הונדערט מאָל אַזוי פיל — איז בונעם אַרויס מיט אַ שיכורלעך געלעכטער, דער גרויסער בויך זיינער האָט זיך אים אַזש גענומען טרייסלען

— ווען אונדזער פאָטער יצחק האָט זיך באַזעצט אין גרר, אין דעם לאַנד פון די פלישתים, האָט אים דער איבערשטער געבענטשט און ער האָט דאָרט פון זיין ערד געהאַט אַ גערעטעניש פון הונדערט מאָל אַזוי פיל — האָט אברהם אַליניק דערמאָנט לייבן, אַז ער אַליין האָט מיט אים אַמאָל וועגן דעם געלערנט אין חומש.

— עפּעס אַ קלייניקייט, מיטן מויל זאָגט זיך עס לייכט אָפּ — האָבן די ווייבער מיט גרויס אָפּשיי געקוקט אברהמן גלייך אין מויל אַריין.

— לחיים, זאָלן יידן צעזייטע און צעשפּרייטע אין אַלע ארבע פּינות העולם וואָס גיכער זיך אומקערן צום לאַנד פון אונדזערע אָבות — איז נאָטע דער רוסישער אויפגעשטאַנען און זיך אויך געלאָזט הערן.

— טאָקע שוין צייט, אַז דער שופר של משיח זאָל אונדז דערפרייען — האָט ר׳ וועלוועלע אָפּגעזיפצט און מיט אַ קליין הענטל זיך אויסגעגלעט זיין פּירקאַנטיקע גרויסע באָרד.

— געוואַלד, טאַטע זיסער אין הימל, ווי דערלעבט מען שוין די מינוט — איז דער לאַנגער חיים משה אַזש אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך צעפּאַכעט מיט זיינע הענט ווי מיט פליגל.

— אַי יאָרעלעך, פּיצעלעך יאָרעלעך — איז דער אַלטער בער ניט איינגעזעסן אויף אַן אָרט. — אָט ערשט זיינען דאָך געווען מיינע שבע ברכות. ער האָט אַריינגעגאָסן אין גלעזל נאָכן אַנדערן, זיך געוויצלט מיט די ווייבער און אַלע מאָל אויסגעוואָקסן לעבן זיין אייניקל לייב. ער האָט אַ שיכורלעכער אים געהאַלטן אין איין אַנזאָגן, אַז ער דאַרף פון איצט אָן זיך פירן באַלעבאַטיש, אַז ער זאָל שאַנעווען ריווען און אַז ער זאָל, למען השם, מער קיינמאָל ניט פאַרגעסן צו דאַווענען מנחה און מעריב. ער האָט לייבן אויך אַלעמאָל עפּעס אין דער שטיל איינגערוימט און מיט־אַמאָל אויסגערופן אויפן קול: — יידן, מירן מערצישעם אין גיכן האָבן אַ קלויז אין יאַנאָוויץ!

— שוין ווידער אַ קלויז? אַלעמאָל ווען בער מאַכט חתונה אַן איי־ניקל בויט ער אַ קלויז — האָט דער רייכער און קאַרגער בונעם מיטן בויך אַריינגעלאַכט אין זיין טעלער געבראָטנס.

— דאָסמאָל איז עס נישט נאָר גערעדט. כ׳האָב צוגעזאָגט דעם זיידן, אַז באַלד נאָך דער חתונה וועלן מיר זיך נעמען בויען. מירן אויפשטעלן די קלויז ביים וועג אויפן בערגל פון זיידנס גאָרטן — איז לייב ווי געקומען צו־הילף דעם זיידן.

— שוין טאָקע צייט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ מקום־קודש.

— מיר וואָלטן זיך יעדן שבת צונויפגעקומען און זיך געהאַלטן מער אינאיינעם.

— דער אייבערשטער זאָל העלפן מיר זאָלן עס נאָר קאָנען אויספירן.

— ווען מיר זאָלן האָבן אַ קלויז, וואָלטן אונדזערע קינדער אַזוי נישט פאַרגויאישט געוואָרן.

— און די שטאָט־יידן וואָלטן אויף אונדז גאָר אַנדעריש געקוקט.

— ווי וועט מען אָבער קאָנען צונויפשלעפּן אַ מנין, אַז אונדזערע בחורים שלאָפן אין די שבתים ביז וואַרעמעס, אָדער זיי גייען גאָר אַוועק מיט די פערד אין פעלד אַריין, פונקט ווי די שקצים אין די זונטיקן.

— נאָר די בחורים? און טאַטעס, אויסגעפּוצטע אין די שטריימלעך, זיצן דען נישט אָפּ גאַנצע שבתים אין פעלד מיט דער כאַדאָבע?

— ווען מ'זאָל געבן קידוש יעדן שבת, וואָלט זומער, ווען די וועגן זיינען טרוקן, יאָ געווען מבין. וואָס וועט אָבער זיין אין די בלאָטעס און אין די זאַווערוכעס? — האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט און דערציילט וועגן אַנדערע דערפער, וואו מען האָט זיך אויך גענומען בויען קלויזן. דער געדאַנק, אַז מען וועט האָבן אַ קלויז, וואו מען וועט זיך קאָנען צו־נויפקומען מיט די בני־ביתן אין שבתים, יום־טובים און אויף שמחות, האָט די דאָרפישע יידן, וואָס האָבן געוואוינט צעוואָרפן צווישן גויים, באַלעבט מיט פרייד. נאָר בונעמען פון דער טאַטאַרשטשינע איז דער ענין ניט איינגעגאַנגען. ער האָט מיט אַ האַרטער גרויסער האַנט געווישט די גראָ־בע ליפן פון דעם פעטן געבראָטנס און געטענהט, אַז מען דאַרף ניט אויפ־רייסן די אויגן פון די גוישע שכנים; אַז אַ קלויז דאַרף אַפקאָסטן דעם מלכס אוצרות, און אַז די שקצים וועלן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אויסשלאָגן די שויבן.

דער פרעמדער רוסישער בחור האָט בונעמען צוגעגעבן גערעכט.

— נו, טאָקע, צוליב וואָס דאַרפן עטלעכע יידן צווישן אַזויפיל גויים זיך דאָ איינפונדעווען מיט אַ קלויז? — ער האָט געצויגן מיט זיינע שמאָלע פּלייצעס און אויפסנייי גענומען רעדן וועגן דעם תכלית, וואָס קאַצאַפּעס און היימישע אוקראַאינער האָבן געמאַכט פון יידישע פאַרמעגנס, אין שטעט און דערפער. ער האָט דערציילט וועגן יידן, וועלכע האָבן אויף יענער זייט גרענעץ איבערגעלאָזט זייערע איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטיש־קייטן און זיך אַוועקגעלאָזט אַזש קיין אַמעריקע און וועגן יונגעלייט, וואָס זאָגן זיך איינגאַנצן אָפּ פון גלות. זיי ציען זיך צו דעם לאַנד פון די אָבות, דאָרטן צו בויען זייערע היימען, זייערע קלויזן און דאָרטן פרוכטבאַר צו מאַכן די ערד.

די דאָרפסלייט האָבן אים אויסגעהערט, אָבער ניט אַלע האָבן באַ־נומען זיינע רייד. חוץ לייבס ברודער סענדער, וואָס איז אומגעריכט פון די זעלנער אַוועק קיין אַמעריקע, איז קיינער פון דאָרף וויטער ווי אין די שכנישע שטעטלעך ניט געפאָרן. ארץ־ישראל איז זיי געווען נאָענט, ווייל זיי האָבן דאָס לאַנד פון קינדווייז־אויף געקענט פון חומש, פון פסוק און פון טייטש־חומש. זיי האָבן אָבער געוואוסט, אַז דאָס לאַנד פון די אָבות איז שוין לאַנג, זייער לאַנג חרוב; אַז דאָס פאָלק ישראל איז פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן פאַר זיינע זינד און אַז איצט דאַרף מען זיצן און וואַרטן ביז משיח וועט קומען. וועגן ארץ־ישראל האָט זיי אויך גענוג אַנדערציילט דער „טערקישער" ייד, וואָס איז געקומען אין זייערע שטי־בער אַרויסנעמען דאָס געלט פון די מאיר בעל־נס פושקעס. דער הויכער דאַרער ייד מיט דעם בלוילעך־טונקעלן פנים און מיט די לאַנגע פאות, געדרייטע ווי קאָרקן־ציער, איז געקומען צו זיי אַ באַלאָדענער מיט אַ פּאַק קליינע שליסעלעך און מיט אָן אַ־שיעור מעשות. ער איז געווען אָנגע־טאָן אין אַ אָפּגעשאָסענער גריבלעכער קאָפּאָטע, אין אַ געוואַטעוועם הויכן היטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לאָקשן־טאָפּ און צוליב זיין הולך האָבן

אַפילו די גוים אים גערופן דער „טערקישער" ייד. ביים אַרויסנעמען די צוגעשימלטע גרינלעכע מטבעות פון די פאַרזשאַווערטע פושקעס האָט דער ייד די דאַרפסלייט דערציילט, אַז די ערד אין ארץ־ישראל איז פון לויטער קרייד; אַז עס איז אין איר קיין איין וואָרעם ניטאָ און אַז גאָר פרומע אַלטע יידן פאָרן אַהין שטאַרבן. זיי פאָרן קיין ארץ־ישראל זיך אויסצוהיטן פון חיבוט הקבר, און כדי ניט צו דאַרפן זיך קאַטשען אונטער דער ערד פון חוץ־לארץ אין הייליקן לאַנד אַריין, ווען משיח וועט קומען און מען וועט דאַרפן אויפשטיין תחית־המתים.

אַז יונגעלייט פאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָך איידער משיח איז גע־קומען, דאַרטן צו אַקערן די ערד און צו בויען הייזער, איז פאַר זיי געווען אַ נייס.

— דאָרטן וואו עס איז דאָ אַן עדה יידן, מעג עס אַפילו זיי אין די הרי־חושך, דאַרף מען האָבן אַ מקום־קדוש — איז ר' וועלוועלע ווי אַריינגע־פאַלן דעם רוסישן בחור אין די רייד.

— מ'עט זיך אַ נעם־טאָן בויען און ס'עט זיין אַ קלויז! — האָט לייב מיט אַזאַ זיכערקייט אַרויסגערעדט די ווערטער, אַז סיי בונעם מיטן בויך און סיי נאַטע דער רוסישער האָבן שוין מער גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

— ס'עט יעדן שבת זיין אַ מנין און ס'עט אויך זיין קידוש נאָכן דאַ־ווענען. און סידורימלעך וועל איך איינקויפן מיט גרויסע אותיות ווי וואַ־רעניקעס. ס'עט זיך פון זיי אַליין דאַווענען. — דער אַלטער בער האָט אויפסניי גענומען טרינקען מיט די יידן לחיים און ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער קלויז.

— טאָמער פעלט אַמאָל אויס אַ צענטער, מעג מען אַ קלענער יינגל מיט אַ חומשל אונטערן אָרעם אויך מצרף זיין צום מנין — האָט ר' וועלוועלע געפּסקענט און דערנאָך אויסגעפירט, אַז צוליב דער קלויז וועלן נאָך יידן קומען זיך באַזעצן אין יאַנאָוויץ. אַזוי ווי נאַטע דער רוסישער איז געזעסן לעבן אים, האָט ער זיך צו אים צוגעבויגן און אויפן אויער אים איינגערוימט, אַז ס'וואָלט געווען גאַנץ גלייך, אַז ער זאָל איבערן זומער זיך אָפּשטעלן אין יאַנאָוויץ און זיך צונויפשטעלן אַ שטיקל חדר פון עטלעכע עלטערע יינגלעך, וואָס דרייען זיך אַרום בטל. אברהם אַלי־ניק האָט אויך צוגעלייגט עטלעכע ווערטער און געזאָגט זיין ווייבס קרובֿ, אַז ער וועט גאָרניט פאַרשפּעטיקן ווען ער וועט אָפּלייגן זיין ווייטע נסיעה אויף נאָכן זומער.

נאַטע האָט זיי אויסגעהערט און אַ וואָרף־געטאָן אַן אויג צום ווײַ־בערישן טיש, וואו עס האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע גרויסע מיידן. זיין בליק איז געפאַלן אויף חיים־משהס מיזינקע רויזע, וואָס איז ביי אירע פופצן יאָר שוין געווען אַ דערוואַקסענע. זי איז געווען הויך און באַליבט, זי האָט געהאַט איר שוועגערין ריזעס שיין פּנים, אירע פולע פאַרשפּיצטע בריסטן און די קויל־שוואַרצע גלאַנצענדיקע אויגן פון „די לייבן און

בערן״. רויזע איז ניט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט. נאָטע איז איר אָבער ווי נאָכגעגאַנגען מיט די אויגן. זי האָט אים פאַרכאַפּט ווי די שיינע צע־בליטע אַקאַציע־ביימער פון ביידע זייטן וועג, וואָס ער האָט דערזען ביי זיין אָנקומען קיין יאַנאָוויץ. ער האָט אָבער נישט געוואָלט בלייבן אין דאָרף און געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם ווייטן וועג, וואָס ער האָט פאַר זיך.

די יידן האָבן נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל געמאַכט אַ כוסה און זיך צעלאָזט אויפן קול. ר׳ וועלוועלע האָט מיט זיי געזונגען און דערנאָך אין פשוטע רייד פאַר זיי געזאָגט תורה. ער האָט, ווי אַמאָל דער בעל־שם־טוב, ווען ער פלעגט קומען צו זייערע עלטער־זיידעס, דורך משלים און מעשות צו זיי געברענגט דעם געדאַנק, אַז זיי דאַרפן זיך נישט פילן גע־פאַלן, וואָס זיי זיינען דאָרפסלייט. ער האָט דערמאָנט די אבות — אברהם, יצחק און יעקב — און אויסגעפירט, אַז זיי זיינען אויך געווען דאָרפס־לייט; אַז זיי האָבן אויך געאַקערט די ערד און געפיטערט שעפּסן און רינ־דער. ר׳ וועלוועלעס רייד האָבן די יידן נאָך מער געוואַרעמט ווי די משקה און ווי די ליכטיקע פּאַסן זון וואָס זיינען אויף זיי געפאַלן דורך די צווייגן פון דעם אַלטן קאַשטאַן־בוים. זייערע פאַרהאַרטעוועטע פּנימער זיינען געוואָרן מילד, זייערע אויגן האָבן אויפגעלייכט און זייערע פיס האָבן זיך געהויבן צום טאַנצן. איינציקווייז האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, פאַרוואָרפן די הענט אויף אַקסלען, אַריינגענומען אין דער מיט זייער רבין, דערנאָך אויך דעם רוסישן בחור, און זינגענדיקע, מיט פאַרריסענע בערד צום לויטערן הימל, זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ראָד אַרום דעם טיש.

— ,,מה נדבר ומה נספר, טאַראַ־ראַ־רי־ראַ״ — האָט נאָטע דער רוסישער זיך אָנגעשטעקט מיט זייער פרייד און געלאָזט הערן זיין קלינ־גענדיק שיין קול. די וויבער האָבן גאָר אָנגעטייעט פון זיין זינגען.

— איר הערט כאָטש? ס׳צעגייט זיך אין יעדן אבר!

— ער איז מיט אַלע מעלות. נו, פאָרט ער גאָר קיין ארץ־ישראל. אַזאַ איינפאַל גאָר!

— כאָטש נעם און שיט אים זאַלץ אויפן ווידעלע.

— איר זעט כאָטש ווי די מיידן דרייען זיך דאָ ווי אַ קאַץ אַרום פוטער?

— רויזע, דער כאָמוישעכעס מויד, באַלעקט זיך אַזש.

— ער איז אָבער אַזוי מאָגער. ער זעט דאָך אויס ווי אַ מלופּים־קינד קעגן לייבן. אונדזערע ראַסאָווע געזונטע מיידן וואָלטן אים אויף די הענט געקאָנט אַרומטראָגן — האָבן די וויבער זיך געסודעט.

— זשעד, זשעד כאַלאַמעי, מאַמע טאַטע אוי ווי — האָט אַ שגצל ער־געץ פון הינטער אַ פלויט זיך נאָכגעקרימט די יידן. זיי האָבן זיך אָבער ניט־ווויסנדיק געמאַכט און ווייטער געזונגען און געטאַנצט. באַלד איז פון ערגעץ אָנגעפלויגן אַ גרודע ערד און געפאַלן צווישן די צווייגן פון אַ יונג קאַרשן־ביימל, ניט ווייט פון טיש. עטלעכע צעברעקלטע שטיק־

לעך ערד מיט צוויי אָפּגעטרייסלטע גרינע קאַרשלעך זיינען געפֿאַלן לעבן נאַטען.

— יידן זיינען דאָ אויך אין גלות. עשו איז עשו, וואו ער זאָל ניט זיין — איז נאַטע בלאָס געוואָרן.

— ניט ווי ביי פֿאַניע חזיר. דאָ האָבן זיי נאָך מורא פֿאַר אַ זשאַנדאַר.

— און פֿאַר קלעפּ האָבן זיי אויך מורא — איז לייב געוואָרן אָן אָנגעצונדענער און געוויזן נאַטען אַ געזונטן פֿויסט. ער האָט פֿון זיך גיך אַראָפּגעוואָרפֿן די קאַפּאָטע מיטן סאַמעטענעם קעלנערל, וואָס ער האָט יענעם שבת באַנייט, פֿאַררוקט די יאַרמולקע אויפֿן שפּיץ קאָפּ, און אַוועק צו די גערטנער. ער איז אַריבערגעשפּרונגען אויף דער אַנדערער זייט פּלויט, געזוכט צווישן די ביימער, צווישן די הויכע גראָזן און קיינעם ניט געפֿונען.

אין דער שטילקייט פֿון די גערטנער איז לייבן אָפּגעגאַנגען דער כּעס. אַ רויט־ברוסטיקער פֿויגל, וואָס האָט זיך געוויגט אויף אַ רויזן־ביימל, האָט זיך געלאָזט הערן. לייב האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט עפּעס נאַר ווי אַ פֿרעמדער. די קוקורודזעס, די ווילדע קאַרטשעס און גראָזן האָבן זיך אין די עטלעכע טעג, וואָס ער איז ניט געווען אין די גערטנער, אַזוי צעוואַקסן, אַז זיי זיינען ניט געווען צום דערקענען. פֿון די פֿעלדער האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ געזאַנג. אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף האָט ערגעץ פֿון דער זייט וואו עס האָבן זיך געשפּרייט דעם זיידנס היי־פֿעלדער זיך צעמעקעט. ער איז געשטאַנען אָן אומבאַוועגלעכער, אַרומגענומען מיט אַ געפֿיל אַז ער האָט מיטאַמאָל פֿאַרלוירן זיין בחורשע פֿלינקייט און אַז ער איז ווי אינגאַנצן איבערגעביטן געוואָרן.

פּלוצלונג איז פֿיליפּאַ פֿאַר אים אויסגעוואַקסן. ער האָט גאָרניט געזען פֿון וואַנען זי איז אָנגעקומען. זי איז געבליבן שטיין פֿאַר אים אַ באָרוועסע, מיט אַ טרויעריקן שמייכל אויף איר לויטער שיין פּנים און זיך געגומען פֿאַרענטפֿערן פֿאַרוואָס זי איז צו אים אַרויסגעקומען.

— איך האָב דיך געזען אַריבערשפּרינגען דעם פּלויט, בין איך דיר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג.

— האָסט עס נישט געדאַרפֿט טאָן — איז ער צעטומלט געוואָרן ווען ער האָט זי דערזען — מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, אַז מירן זיך מער נישט באַגעגענען. דו ווייסט דאָך, אַז ס׳קאָן אַנדערש נישט זיין. האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט און האָסט שוין פֿאַרגעסן.

— איך האָב גאָרנישט פֿאַרגעסן. איך האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום וועל איך אויך חתונה האָבן. איך האָב דיך געפֿאָלגט און אים צוגעזאָגט. ס׳וועט נישט לאַנג געדויערן און ער וועט מיך אַוועקנעמען צו זיך אין דאָרף אַריין.

— האָסט גוט געטאָן — האָט לייב געקוקט צו דער ערד.

— האָסט עס דיר לייכט אָפּגעזאָגט. איך וועל אָבער דאַרפֿן צוערשט

ס'הארץ ארויסרייסן פון מיין ברוסט. טו מיר כאטש איינמאל צוליב, איך בעט דיך. קום היינט ביינאכט צום לעצטן מאל ארויס אין דער דאלינע צום סטויג היי. אין עטלעכע וואכן וועל איך דאך דא מער נישט זיין! — האט זי אים אנגעכאפט ביים ארבל.

— רעד אפילו נישט וועגן דעם! — האט ער זיך א ריס געטאן פון איר.

— נאך דאס איינציקע מאל. איך וועל דארט אפילו ביז טאג ווארטן — האט זי אים אין דער שטיל באגערופן ווען ער איז מיט גיכע טריט אוועק צוריק צו דער קרעטשמע.

— כ'האב דיך שוין געוואלט גיין זוכן — איז ריווע אים אנטקעגן געגאנגען ביז צום פלויט.

— נישטא קיין דעך און קיין סלעך. ווען איך דערטאפ דעם שגץ, וואס האט געווארפן די הרודע, וואלט ער מיך געהאט לאנג צו געדענקען — האט ער, א צעטומלטער, גערעדט ווי צו זיך אליין.

— זע נאר וואס דו האסט געבראכט פון גארטן — האט ריווע אראפ־געשארט פון זיין ארבל א ברוין־שווארץ געפלעקט משיחל און מיט איר גוטמוטיקן שמייכל אים אביסל בארויקט. ער האט זיך ווי אנגע־שטרענגט איר צו קוקן גלייך אין די אויגן אריין, און אין א מילדן טאן איר געזאגט, אז דאס נייע סאמעטענע קלייד פאסט איר זייער שיין. ער איז ביי זיך איצט געווען זיכער, אז זי האט אין זיינע אויגן א סך מער חן ווי פיליפא.

ווען לייב איז צוריקגעקומען צום טיש, האט דער עולם זיך שוין אנגעהויבן צו צעגיין. ס'איז שוין געווען נאך ווארעמעס און מען האט זיך מיטאמאל געכאפט, אז מען האט אויף גאטס באראט איבערגעלאזט באלעבאטישקייטן; אז אין דערהיים דרייען זיך ארום עופות און אנט־ווייטע קעלבלעך, וואס ווארטן מען זאל זיי אנהאדעווען און אנפאיען. די יידן האבן זיך גיך צעזעגנט און שיכורלעכע, די שטריימלעך פאררוקט אין א זייט ברומענדיק א ניגון, מיט וועגן און סטעזשקעס, אוועק אהיים.

* * *

שבת־צו־נאכטס האט זיך אויפסניי געשטעלט דער אונטערהאלט. ווי נאר די ערשטע שטערן האבן זיך באוויזן אויפן הימל און די כאמוישעכע האט אנגעהויבן זאגן „גאט פון אברהם", האבן די גויים — פון דעם וואיט ביז צום לופיניק, דעם שינדער פון נבלות — אנגעהויבן גיין אין קרעטש־מע אריין צו־ווינטשן גליק דעם יונגן פארל. זיי זיינען געקומען מיט זייערע ווייבער, און לייב מיט ריווען האבן שוין געווארט אויף זיי אין שענק, וואס איז יענעם אויפדערנאכט געווען באליכט מיט א נייעם אכטער נאפט־לאמפ. לייב האט יעדן איינעם אנגעגאסן א גלעזל בראנפן און ריווע האט אלעמען געטיילט קליינע קוילעטשלעך און שיסעלעך הישקעס, געמאכט פון קעלבערנע פיס און פארפראוועט מיט קנאבל און פעפער.

די גויאישע שכנים זיינען נישט געקומען מיט קיין ליידיקע הענט און דער שענק איז באַלד פול געוואָרן מיט געבונדענע לעבעדיקע הינער און קאַטשקעס, מיט בינטלעך אויסגעקעמטן פלאַקס, מיט גראָבע שטיקער לייוונט, מיט טאָרבעס מעל און מיט נאָך אַנדערע מתנות פאַר דעם יונגן פּאָרל.

די באַלעבאַטים און זייערע ווייבער זיינען, נאָכן טרונק מיטן פאַרבייסן און נאָך די ווינטשעוואַניעס, זיך לאַנג נים פאַרזעסן, אָבער די יונגע שקצים און שיקסעס זיינען ערשט אַרויס אויפן הויף הוליען. עס זיינען געקומען די דאָרפישע דריי קלעזמער, מען האָט אַוועקגעשטעלט דעם בייעם אַכטער לאָמפּ אויפן פענצטער, אויף צו באַלייכטן דעם דרויסן און מען האָט אויף דעמזעלבן פּלאַץ, וואו די יידן האָבן זיך בייטאָג משמח געווען, געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. זיי האָבן אויך געשלעפּט לייבן מיט ריוועץ צום טאַנץ, אָבער זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון הינ־טער זייערע הענט און זיינען אַוועק אַהיים צום זיידן, וואו מען האָט גע־פּראַוועט אַ מלווה מלכה.

שבת־צו־נאַכטס זיינען געקומען צופאָרן קרובים פון די וויטערע דער־פער, און ס׳האָט זיך ביי בערן אין שטוב אָנגעהויבן אַ נייע סעודה. די באָבע שרהלע האָט מיט דער הילף פון איר איינקל רויזע אויפגעוואָרעמט געבראָטנס, גראַשיצעס, געפילטע קיקנאַכעס, מילצן און קישקע; מען האָט אויפגעקאָכט אַ רויטן באָרשט מיט אויגן, און די ריחות, צוזאַמען מיט די מגשומדיקע פריילעכע קולות, האָבן געשפּאַרט דורך טיר און פענצטער אין דרויסן אַרויס.

שפּעט אין דער נאַכט, איידער די יידן זיינען זיך צעפאָרן אַהיים, איז ר׳ וועלוועלע מיט זיי אַרויסגעגאַנגען מחדש זיין די לבנה.

— אָט דאָרט, וואו אונדזער קלויז וועט שטיין, וועלן מיר האָבן די לבנה פּונקט פאַר אונדזערע אויגן — איז דער אַלטער בער, אַ רירעוודי־קער, געגאַנגען פאָראויס און געפירט די יידן אויפן בערגל פון זיין גאָרטן, וואָס איז געווען ביים וועג. זיי האָבן זיך דאָרט צענויפגעקליבן איינס לעבן ס׳אַנדערע און פאַרריסן די קעפּ צום הימל. די לבנה האָט ווי אָפּ־געגאָסן זייערע פּנימער מיט אַ גריבלעך־זילבערנעם שיין און פאַרענדערט זייער אויסזען. זייערע אויגן, ווי צוגעצויגענע פון דעם ווייסן פּנים אין דער פולער לבנה, האָבן וויט־צעעפנטע זיך צעגלאַנצט מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער בענקשאַפט און מיט פריידיקן בטחון פון זייערע אור־זיידעס.

אַ גויאיש פאָרפאָלק, פון אַ שכניש דערפל, ווייסע ווי מילנער, זיינען מיט זעקלעך מעל אויף די פּלייצעס אָנגעקומען פון דער מיל. זיי האָבן פאַרחידושטע אַריבערגעקוקט צו דעם בערגל, וואו די יידן האָבן, ווי שאָף, פאַרלוירענע פון דער סטאַדע, זיך געהאַלטן נאָענט איינס לעבן ס׳אַנדערע און אונטערטאַנצנדיקע עפּעס אַרויפגערעדט צו דער לבנה.

— זע נאָר די יידן דאָרטן. פון דערוויטנס האָב איך געמיינט, אַז דאָס זיינען ניט־גוטע.

— וואָס זאָגט מען ניט צו זייער לעבן? ווי הינט זיך אָוועקגעשטעלט אין מיטן נאַכט האָוועקן צו דער לבנה. זיי קאָנען נאָך אָפּטאָן עפּעס אַ כישוף, אַזוי אַז אונדזערע בהמות זאָלן זיך אויפהערן מעלקן. מען וועט דאָס דאַרפן אָפּדערציילן דעם גלח — האָט דאָס פּאָרל אויף דעם נאַכטיקן שטילן וועג צווישן זיך גערעדט.

נאָכן מחדש זיין די לבנה, ווען די יידן זיינען זיך צעגאַנגען און צע־פאָרן, האָבן זיידע און באָבע מיט זייערע צוויי אייניקלעך, וואָס זיינען געקומען צו זיי וואוינען, זיך ערשט צוגעזעצט אין דרויסן אויף דער פּריזבע. די אַלטע לייט האָבן פאַרחלומטע גערעדט וועגן שוין לאַנג פאַר־גאַנגענע יאָרן און וועגן דעם לעבן, וואָס הייבט זיך איצט אָן פאַרן יונגן פּאָרפאָלק.

— אייער פירעכץ זאָל נאָר זיין לייטיש. ס'איז אַדאַנק זיין ליבן נאָמען דאָ אין שטוב פון כל'ע גוטס און ס'עט אייך גאָרנישט פעלן. אין שאַפע שטייט נאָך אַפילו האָניק און רויזן־איינגעמאַכטס פון פאַראַיאָרן. מ'זאָל עס קאָר פאַרנוצן אין פריידן. ס'האָט זיך ביי אונדז אויך אַזוי אָנגעהויבן. דער זיידע מיט דער באָבען האָבן אונדז אויך נאָך דער חתונה אַריינגע־נומען צו זיך — האָט די אַלטע שרהלע, וואָס האָט שוין אַ צייט גע־האַלטן גרייט ביי זיך אין בעט צוקאָפּנס אירע תכריכים, זיך געטאַפּט ביי די שליסל, וועלכע זיינען איר אַראָפּגעהאַנגען אין דער זייט פון פאַר־טעך.

— ס'עט אייך זיין לייכטער ווי אונדז. דעמאָלט זיינען געווען גאָר אַנדערע צייטן. ס'איז בישט אַזוי לייכט געווען אויסצוקומען מיט די גויים. זיי זיינען איצט בעסער ווי זיי זיינען געווען אַמאָל — האָט בער גע־רעדט צו די אייניקלעך. לייב מיט ריוון זיינען געזעסן שווייגנדיקע און פאַרטראַכטע. זיי האָבן געקוקט פאַר זיך צו די געקייטלטע בערג און צו די קלאָרע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך געוויזן ביים ראַנד פון הימל.

די באָבע האָט אָפּגעזיפצט: — ס'איז טאָקע ווי דער רוסישער האָט הייַנט געזאָגט: עשו איז אַלעמאָל עשו. מ'דאַרף אָבער וויסן ווי מיט אים אומצוגיין. די יאַנאָוויצער גויים וואָלטן פאַר אונדז קיין זאַק באָרשט נישט גענומען.

— אַזוי איז עס. זיי האָבן אָבער צו אונדז גאָרנישט דערלייגט. ווי, ווי, וויפיל פון זייערע בהמות איך האָב דאָס אין מיין לעבן אָפּגעראַטע־וועט און וויפיל פון זייערע פערד איך האָב שוין געלאָזט בלוט. און נאָר דאָס? וואָס עפּעס, איז מען באַלד געקומען צולויפן. אַי, יאָרעלעך, פּי־צעלעך יאָרעלעך! ס'דאַכט זיך מיר אויס, אַז אָט־ערשט אין עס געווען ווען כ'האָב געבראַכט אין דאָרף אַריין ס'ערשטע פעקל שוועבעלעך. דער־נאָך האָב איך אויך אַהיימגעבראַכט דאָס ערשטע נאַפט־לעמפל — האָט דער אַלטער בער דערציילט זיינע אייניקלעך וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן

ביי אים אין שטוב ווען ער האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק, איינמאָל אַהיימ־געבראַכט פון יאַר־יאַריד אַ נאַפּט־לעמפּל. אַלע דאָרפסלייט האָבן אין יענע צייטן, אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט, באַלייכט די שטיבער מיט טרו־קענע קינדלעך און מיט אויל־קאַניצלעך. ווען בער האָט אַראָפּגעבראַכט אין דאָרף אַריין דאָס ערשטע לעמפּל, וואָס האָט אַנטקעגן גלעזל געהאַט אויך אַ קיילעכדיק שפּיגעלע, האָבן די גויים דאַרויף געקוקט ווי אויף אַ ביין־וואונדער. אַ האַלב דאָרף איז זיך צענויפגעלאָפן זען דאָס חידוש. ווען בער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און עס איז ליכטיק געוואָרן אין שטוב, זיינען די גויים געוואָרן אויסער זיך זיי האָבן געטשמאַקעט מיט די ליפּן און הינטערווייליעכס זיך גערוקט צו דער טיר. עטלעכע פון זיי האָבן זיך איבערגעצלמט און צווישן זיך גערעדט, אַז ס׳מוז זיין עפּעס אַ כישוף דערביי; אַז ניט אַנדערש, נאָר אַ טייוול זיצט דאָרט אין גלעזל.

בער האָט דערנאָך ערשט גענומען רעדן מיט לייבן וועגן דער קלויז און וועגן ביסל געהילץ, וואָס ער האָט שוין לאַנג געהאַט אָוועקגעלייגט פאַר דעם בנין. די אַלטע שרהלע האָט זיך אָבער צעגעניצט און אים דער־מאָנט אַז ס׳איז שוין צייט צו גיין שלאָפן. זיי האָבן זיך אַלע אויפגעה־הויבן פון דער פריזבע און בער האָט דערמאָנט לייבן, אַז ער דאַרף נאָך גיין אַהיימנעמען די פערד, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אויף די היי־פעל־דער.

לייב האָט זיך אַ קרים־געטאָן. עס איז אים ניט געווען ס׳ערשטע מאָל צו גיין ביינאַכט נאָך די פערד. ער האָט זיך אָבער איצט דערמאָנט, אַז פילימאַ האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט אויף אים דאָרט וואַרטן.

— זיי קאָנען שוין דאָרט בלייבן אויף איבער נאַכט. זיי זיינען דאָך געפּענטעט. כ׳וועל צו זיי אַרויסגיין פאַרטאָג — האָט ער גענומען זוכן אַ תירוץ אויסצומיידן די באַגעגעניש מיט פילימאַן.

— אין אַזעלכע נעכט דערשמעקן זיי דעם גרינעם האָבער און זיי פאַר־געסן אַז זיי האָבן פּענטעס אויף די פיס. מ׳דאַרף זיי שוין גיין אַהיימ־נעמען, ווייל זיי וועלן פאַרקריכן אין די גויאישע פעלדער און מירן זיך דערנאָך ניט קאָנען אויסקויפן פון דעם שאָדן. ריווע, נעם אים אָן ביי דער האַנט און פיר אים. זעסט דאָך, אַז ער האָט מורא, אַז די ניט־גוטע זאָלן אים דאָרטן ניט פאַרשלעפּן אין די זומפּן — האָט דער זיידע זיך ניט געלאָזט פאַררעדן.

— כ׳על טאַקע גיין מיט דיר — איז ריווע געווען גרייט. זי האָט, ווי לייב, זיך באַלד אויסגעטאָן באָרוועס און זיי זיינען בידע אָוועק מיט דער גאָרטן־סטעזשקע. דער זיידע מיט דער באָבען האָבן זיי נאָכגע־קוקט.

— זאָל איך שוין האָבן אַזאַ יאָר וואָס פאַר אַ פּאָרל דאָס איז. האָסט כאָטש געזען ווי ער האָט אָן איר זיך נישט געוואָלט רירן?

— זיי וועלן שוין מסתם אַהיימקומען הינטער טאָג. אַי, יאָרעלעך, פּי־צעלעך יאָרעלעך. ביי אונדז נאָך דער חתונה איז דען געווען אַנדערש?

— פּונקט אַן אָקע.

— וואָס־זשע, האָסט שוין פאַרגעסן? מיר דאַכט זיך אויס, אַז ס'איז ערשט געווען.

— אַ שיינער ערשט! — לאָמיר בעסער מאַכן נאַכט. מ'עט דאָך שוין באַלד דאַרפן אויפשטיין — איז שרהלע די ערשטע אַריין אין שטוב און בער איז איר באַלד נאָכגעגאַנגען.

לייב מיט ריוון זיינען געגאַנגען באַרג־אַראָפּ צום וואַסער, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם גאָרטן פון די היי־פעלדער. הינטערן גאָרטן ביים וואַסער זיינען געוואַקסן אַלטע ווערבע־ביימער, אויף וועלכע עס האָבן זיך געדראַפּעט ווילדע געוויקסן. עטלעכע פון די ווערבעס זיינען איינגאַנצן געווען אָפּגעדאַרט. די ווילדע געוויקסן האָבן ווי שטריק זיך געוויקלט אַרום זייערע שטאַמען און זיי אַזוי איינגעקרעמפּעוועט, אַז זיי זיינען ווי דערוואָרגן געוואָרן. די קריכנדיקע פלאַנצן האָבן עטלעכע פון די ביימער ווי אַראָפּגעשלעפּט צו דער ערד און זיי זיינען געוואַקסן איינגעבויגענע ווי האַלב־זיצנדיק.

— ס'לעבן זאָגט אַזוי פיל צו, ס'זאָל נאָר נישט אָפּנאַרן — האָט ריווע ווי צו זיך אַליין אַרויסגערעדט די ווערטער און נאָכגעפאָלגט לייבס באַרוועסע טריט. אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט פרישן טוי. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און עס איז איר פאַרגעקומען, אַז זי זעט אין דער טונקלקייט ווי די קוקורודזעס אין גאָרטן וואַקסן, ווי זיי ציען זיך אין דער הויך. וואָס נענטער זיי זיינען צוגעקומען צו די אַלטע הויכע און צעקרימטע ווערבעס, באַהאַנגענע מיט די ווילדע געוויקסן ווי מיט גריבע שלייערן, אַלץ בעסער האָט זיך געהערט דאָס מורמלען פון דעם פליסענדן וואַסער. ביים ברעג האָט לייב פאַרקאַטשעט די הויזן פון זיינע האָריקע פיס ביז איבער די קני און ריווע האָט פאַרשטעקט ס'קלייד און דעם אונטער־ראָק אין די באָקעס.

— ס'וואַסער איז וואַרעם — איז זי געווען די ערשטע איינצונעצן אירע פיס. זי האָט זיך ווי געשעמט פאַר לייבן אויפצוהויבן העכער ס'קלייד און זי האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט, אַז ער זאָל גיין פאַראויס.

— נאַרעלע וואָס דו ביסט, האָסט דיך ניט וואָס צו שעמען — איז ער געבליבן שטיין לעבן איר.

— גיי פאַראויס, זאָגט מען דיר — האָט זי אים גוטמוטיק אַ שטופּ געטאָן.

— אַז ס'איז שוין יאָ אַזוי, וויל איך דיך דערמאָנען, אַז מיר האָבן זיך אַמאָל דאָ ביידע איינאיינקעם געבאָדן איינגאַנצן נאַקעט. — לייב האָט זיך שטיפעריש צעלאַכט און געגומען גיך אַריבערגיין ס'וואַסער, אין דער זייט וואו עס איז געווען שמאָל און ביז צו־טיף.

— עס הייבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס. האָסט עס

איצט אויסגעטראַכט. ווען כ׳פלעג קומען צו־גאַסט, האָב איך מיך אַלע־מאָל געבאָדן מיט דער באָבען אויף דער ווייבערישער זייט, צווישן די לאָזעס.

— מיר זאָלן אַזוי ביידע געזונט זיין ווי ס׳איז אמת. מיר האָבן זיך ביידע געבאָדן און איך האָב דיך געלערנט שווימען.

— פאַרוואָס־זשע געדענק איך ניִשט?

— האָסט פאַרגעסן. ביסט דעמאָלט אפשר נאָך קיין פינף יאָר ניט אַלט געווען. — לייב האָט זיך ווי געריצט מיט איר, אָבער ריווע האָט זיך געהאַלטן ביי איר רייד, אַז ער האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט און אַז זי האָט זיך מיט אים קיינמאָל ניט געבאָדן.

ווען זיי זיינען אַריבער ס׳וואַסער און אַרויס אויפן גראָז, איז די לבנה ווי מיטאַמאָל פאַרפאַלן געוואָרן צווישן וואָלקנס און פון טאָל איז אויפגעגאַנגען אַ געדיכטער נעפּל. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע כמאַרע איז אַראָפּגעפאַלן פון דער הויך און ציט זיך איצט צוריק צום הימל־צו. זשאַבעס, וואָס האָבן געדרימלט אין גראָז, זיינען איבערגעשראָקענע אויפ־געשפרונגען און ווי שטיינער געפאַלן אין וואַסער אַריין. דער טומאַן איז לייבן און ריווען ווי אַנטקעגן געקומען און וואָס אַמאָל גע־וואָרן געדיכטער אַרום זיי.

— ווי וועלן מיר איצט קאָנען געפינען די פערד אין אַזאַ טומאַן? מ׳קאָן דאָך גאָרניִשט זען — איז ריווע געגאַנגען נאָענט לעבן איר מאַן און אים אָנגעהאַלטן ביי אַן אָרבל.

— זאָרג ניִשט. מירן זיי שוין געפינען. דער טומאַן וועט זיך דאָ לאַנג ניט האַלטן.

זיי זיינען געגאַנגען טריט ביי טריט און אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט האָרכן צי הערט מען ניט דאָס פאָרקען פון די פערד. צו לייבן זיינען ווי פון דעם נעפּל אַרויסגעקראָכן דערמאָנונגען וועגן פיליפּאַן, וואָס האָט ניט איינמאָל אין אַזאַ נאַכט געוואַרט אויף אים ביי די סטויגן היי.

— ערגעץ דאָ דאַרפן זיי זיין, די פערד. און דאָ זיינען דאָך די צענויפגעשאַרטע קופּעס היי — האָט ער אין גאַנג וואָס אַמאָל העכער גענומען רעדן צו ריווען. ער האָט מיט זיין רעדן הויך ווי געטריבן פון זיך די דערמאָנונגען און צו דערזעלבער צייט ווי אַנגעזאָגט פיליפּאַן — טאָמער טשאַטעוועט זי ערגעץ דאָ אויף אים — אַז ער איז ניט אַליין.

פּלוצלונג האָט עמעצער זיך אַ ריס געטאָן פון הינטער אַ קופּע היי און אַוועקגעשאָסן מיט די פעלדער.

— האָסט געהערט? ווען איז עס געווען? אפשר איז עמעצער געקומען גנבענען אַ בינטל היי? — איז ריווע געבליבן שטיין אַ רגע.

— ווער ווייסט, אַז מ׳זעט נישט גאָרנישט אין דעם טומאַן. האָסט דיך איבערגעשראָקן? — האָט לייב זי איצט פעסט צוגעהאַלטן ביי אַן אָרעם.

— כ׳האָב פאַר גאָרנישט קיין מורא ווען דו ביסט לעבן מיר! — האָט זי זיך געטוליעט אין זיין זייט.

— דארפסט טאקע נישט מורא האבן. כ׳וועל דיך אלעמאל אפהיטן. ביסט דאך מיין ווייב — איז לייבס קול איצט געווען ווייך און שטיל. — מירן דא א ביסל אונטערוואַרטן ביז דער טומאן וועט זיך צעגיין.

לייב האט ביי א סטויגל אפגעשארט ס׳אויבערשטע היי, וואס איז געווען נאס פון ראסע, און זיי האבן זיך ביידע דארט אראפגעלאזט. זיי האבן זיך נאר צוגעזעצט, האט לייב ווי מיטן גאנצן כוח ארומגענומען ריווען און עפעס געגומען שטאמלען, אז זי זאל אים שטענדיק האלטן נאענט לעבן זיך און אז זי זאל אים פארהיטן פון אלדאס־בייז. זיי זיינען דערנאך ביידע ווי פארשלונגען געווארן פון הייסע באגערן. לייב האט דאס מאל מיט אזא ווילדקייט גענומען ריווען, אז זי האט פון אנהייב זיך אזש דערשראקן. זי האט נאר מורא געהאט טאמער איז עס א זינד. זי איז אבער א פארוואונדערטע און א שווייגנדיקע אים געווען אונטערטעניק.

ווען זיי האבן זיך דערנאך ווידער אויפגעזעצט האט ריווע ארום זיך דערשמעקט א ריח ווי פון רומיאנעק. זי האט אבער ביט געוואוסט, אז דעם ריח האט פיליפא דא איבערגעלאזט. זי האט ניט געוואוסט, אז פיליפא, אן אויסגעוואשענע און אן אויסגעצוואגענע אין אויפגעקאכטן רומיאנעק האט ערשט נאר וואס דא אויפן היי געווארט אויף לייבן.

דער נעפל האט זיך ביסלעכווייז אנגעהייבן צו צעגיין און די לבנה האט זיך ווידער באוויזן.

— ס׳עט שוין באלד אנהייבן זאריען אויף טאג. דער זיידע מיט דער באבען זאלן כאטש נישט הערן אונדז אויפמאכן די טיר. — ריווע האט דורך שמאלע שפעלטלעך פון אירע אויגן געקוקט פאר זיך אויפן זיידנס פעלד, וואס האט געזילבערט פון ראסע.

לייב איז דער ערשטער געווען אויף די פיס. ער איז געגאנגען אויפפענטן די פערד, וואס זיינען געשטאנען אנגעפאשעטע ניט ווייט פון דער קופע היי און זיי האבן זיך דערנאך אוועקגעלאזט אהיים.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער שטובן־טיר זיינען זיי ביידע געגאנגען אויף די שפיץ־פינגער.

— דאס זענט איר, קינדער? פארריגלט די טיר און פארגעסט נישט צו לייענען קריאת־שמע — האט די באבע זיי באלד דערהערט.

— מ׳מעג שוין אויפשטיין און זאגן ברכה. כ׳על טאקע באלד אראפגיין אפגיסן נעגל־וואסער. כ׳קאן סיי ווי ניט שלאפן — איז אויך דער זיידע געווען וואך. ער האט זיך אויפגעזעצט און זיך געקלאגט, אז ער האט נאך קיין אויג נישט צוגעמאכט.

— די נאכט איז דאך שוין איצט איינגאנצן גרויס ווי א גענעץ — האט די באבע אים געהייסן נאך בלייבן ליגן אין בעט.

— אז מ׳קאן נישט שלאפן, איז אפילו א זומער־נאכט לאנג ווי ס׳גלות, — האט דער אלטער בער אפגעזיפצט און זיך אויסגעדרייט אויף דער אנדערער זייט.

קאַפּיטל דריי

דאָס דאָרף יאַנאָוויץ איז געלעגן ווי צופוסנס פון אַ הויכן באַרג אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון מזרח־גאַליציע, ניט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ. די קליינע ליימענע שטיבלעך מיט די שטרויענע דעכער זיינען געווען ווי באַהאַלטן צווישן סעדער און צווישן ברייט־שטאַמיקע צעצווייגטע דעמבעס, יאַסינעס און ליפּעס, וואָס האָבן זיי באַשיצט קעגן ווינטן, שטורעמס און זאַווערוכעס. פון דעם באַרג האָבן אַרויסגעשלאָגן קוואַלן, וואָס האָבן אין האַרטן שטיין זיך אַליין אויסגעהאַקט קאַריטעס און רינוועס. דאָס קוואַל־וואַסער האָט מיט אַ הודיען און מיט אַ זשומען זיך געגאָסן פון דער הויך אין די טראַשטשעס פון דער זומפּיקער דאָלינע און אין דעם גייענדיקן ניטשלאַווע־וואַסער, וואָס האָט זיך געשלענגלט הינטער די גערטנער צווישן אַלטע ווערבעס, קאַלינע־ביימלעך, ווילדע וויינפּערלעך און טערען.

דאָס דאָרף איז געווען זייער אַלט. די ערשטע מענטשן זיינען אַהין געקומען אין חסד פון אַ פּוילישן שררה, וואָס האָט דאָרט אויפגעבויט אַ פּאַלוואַרעק און אַ קרעטשמע. מיט דער צייט האָבן דאָרט ביי די ברעגעס פון דער ניטשלאַווע זיך באַזעצט רוטענער מיט לאַנגע טשופּרינעס, פּאַליאַקן מיט גראָבע פּאַרדרייטע וואָנצעס און יידן מיט באָרד און פּיאות. די דריי פעלקערשאַפטן זיינען געווען אַנדערש איינס פון ס׳אַנדערע אין זייער טראַכט, אין זייער לשון, אין זייער שטייגער־לעבן און אין זייער וועג ווי צו דינען גאָט. דער שררה, און דערנאָך אויך זיינע יורשים, האָבן איבער זיי אַלעמען געהאַט צו זאָגן. אַלע האָבן פאַרן פריץ פון פּאַלוואַרעק הכנעהדיק געהויבן ס׳היטל, געבויגן זיך פאַר אים אין דרייען, געאַרבעט פאַר אים „פּאַנשטשיזנע״ און אין זיין חסד געגעסן זייער קאַרג שטיקל ברויט.

הינטער דעם פּאַלוואַרק האָבן זיך געשפּרייט די פּריצישע לאַנעס און הינטער זיי האָבן אויף ווייטע שטרעקעס זיך געצויגן געדיכטע וועלדער. אין יענע וועלדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן ווילדע חיות און רויבער־באַנדעס, וואָס פלעגן אָנפאַלן אויף די פּריצישע הויפן. אין יענע וועלדער האָבן כמעלניצקיס רוצחים אין דער צייט פון גזירת ת״ח ות״ט אומגעבראַכט אַ סך יידן. אין די וועלדער האָט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, וואָס האָט אַ צייט געוואוינט אין יענעם געגנט, ניט איינמאָל מתפּלל געווען און דאָרט געפּראַוועט התבודדות.

שטיל איז זיך געלאָפן די ניטשלאַווע, וואָס האָט אָנגעטרונקען די יאַנאָוויצער גערטנער און מיט זיך אַ סך יאָרן מיטגענומען. צווישן די בערג און טאָלן אַרום יאַנאָוויץ זיינען ניט איינמאָל פאָרגעקומען מלחמות און הריגות. ניט איינמאָל איז דאָס ניטשלאַווע וואַסער דאָרט געווען מוטנע־

דויט פון מענטשלעך בלוט און דורשטיקע בהמות האָבן, מיט אַ ציטער אין זייערע לייבער, דערפּון זיך אָפּגעקערט און עס נישט געוואָלט טרינקען. וואָס פאַר אַ צרה עס איז נישט געקומען זיינען די יידן דאָרט אַלעמאָל גע־ווען צווישן די ערשטע קרבנות.

נאָך די רציחות פון כמעלניצקיס האָרדעס איז אין די דערפלעך און שטעטלעך פון יענעם געגענט ניט געבליבן קיין איין ייד. די ווילדע ראָז־בויניקעס, אינאיינעם מיט די היימישע גויים, האָבן אָן רחמנות פאַרטיליקט די יידן און אויסגערויבט זייער האָב און גוטס. די געציילטע, וואָס האָבן, נאָר דורך ניסים, זיך געראַטעוועט, האָבן איבערגעלאָזט זייערע היימען און געלאָפן וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

נאָך די שרעקלעכע שחיטות פון כאַמולס באַנדעס איז די גאַנצע געגענט אַרום יאַנאָוויץ אַ לאַנגע צייט געבליבן אָן יידן. די רבנים פון „ועד ארבע ארצות", די מנהיגים פון די פאַראייניקטע יידישע קהילות פון פוילן, ליטע, וואָלין און רוסלאַנד, האָבן דעמאָלט אויסגערופן אַ חרם און גוזר געווען, אַז קיין ייד זאָל זיך מער ניט באַזעצן אין יענע דערפער און שטעט וואו יידישע לעבנס זיינען געווען אַזוי הפקר. זיי האָבן פאַרזאָגט די יידן וואָס זיינען אַרויס מיט זייערע לעבנס, אַז זיי זאָלן זיך מער נישט אומקערן צו די ערטער, וואו זייערע גוישע שכנים האָבן, אַנשטאָט זיי צו באַשיצן אין דער עת־צרה, מיט העק און קאָסעס נאָך צוגעהאָלפן די רוצחים.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער פּוילישער גובערנאַטאָר פון יענעם ווינקל האָט מיט אַלערליי צוזאָגן גענומען רופן און בעטן די יידן, אַז זיי זאָלן צוריקקומען אין די שטעט און דערפער, פירן מסחר, איבער־נעמען פראָפּענאַציעס, עפענען וואַרשטאַטן, האָבן די רבנים אַראָפּגענומען דעם חרם. איינציקווייז האָבן יידן דאָרט זיך ווידער אָנגעהויבן באַזעצן. דער וואָיעוואָדע האָט צוגעזאָגט זיי צו באַשיצן, אַז עס זאָל זיי מער קיין בייז נישט געשען און מען האָט זיי באַשענקט מיט פּריווילעגיעס. עס האָט אָבער די יידן נישט געצויגן צו דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל. עס האָבן אין די וועלדער און צווישן די בערג און טאָלן געלויערט רויבער־באַנדעס און עס זיינען אַלעמאָל דאָרט פאָרגעקומען נייע שלאַכטן.

די יאַנאָוויצער געגנט איז פאַר דער צעטיילונג פון פּוילישן לאַנד געווען אין די גרעניצן פון פוילן. נאָך דער ערשטער חלוקה איז אָבער דאָס מזרח־גאַליצישע ווינקל איבערגעגאַנגען צו עסטרייך. יאָרן שפּעטער איז יענע געגענט צוגענומען געוואָרן פון רוסלאַנד. צולעצט האָט ווידער עסטרייך אַריינגענומען דאָס שטיקל לאַנד אין אירע גרענעצן און עס איז שוין דערנאָך אַ סך, אַ סך יאָרן געבליבן אונטער דער ממשלה פון די האַבסבורגער קייסאָרים.

די יידן האָבן זיך נישט געוואָלט באַזעצן אין די פאַרוואָרפענע ווינקע־לעך צווישן גויים, וואָס מען האָט זיי אין טעג פון אומרו געקאָנט אויפ־רייצן מיט אַ טרונק בראָנפן. עס האָט די יידן ניט געלאָקט צו קומען

וואוינען אין די דערפער, וואו מען האט נישט געקאנט דאווענען מיט מנין, וואו די ווייבער איז שווער אנגעקומען אפצוהיטן טבילה און וואו מען האט לייכט געקאנט געשטרויכלט ווערן מחלל צו זיין שבת און יום־טוב.

יידישע דארפסגייער האבן פון שטאט געבראכט צו די פויערים זאלץ, פעפער, נאדל־פאדעם, טאשמעס און אנדערע שטוב־זאכן, וואס זיי האבן אויסגעביטן אויף מעל, פאסאליעס, אייער, פעלעכלעך און חזיר־האר. די דארפסגייער האבן פון מאנטיק ביז פרייטיק זיך געוואלגערט אין די דערפער. זיי זיינען געשלאפן אויף גויאישע אויוונס און אין סטאדאלעס, און פארמארעטע, פארטראסקעטע מיט בלאטע, נאר אויף שבת אהיימגעאנגען צו זייערע בני־ביתן אין שטאט אריין. זיי האבן א גאנצע וואך זיך גע־פלאגט, געווארן אויסגעריסן, זיי האבן אבער אלץ אנגענומען פאר ליב, אבי נישט צו ווערן קיין תושבים צווישן די גוים און אבי נישט צו באקומען דעם צונאמען „סעליוך".

די געציילטע יידן, וואס זיינען יא געקומען וואוינען אויפן דארף, זיי־נען ווי ארומגענומען געווארן מיט א געפיל פון געפאלנקייט. די שטאט־לייט האבן זיך קעגן זיי געהאלטן גרויס און פון זיי אפגעחוזקט. מען האט אין שטאט געקוקט מיט ביטול אויף די דארפישע יידן און נישט גערן זיך מיט זיי משדך געווען. דערצו נאך האבן רביימלעך און גוטע־יידן, וואס זיינען ארומגעפארן איבער די דערפער קלייבן נדבות, כסדר געשראקן די יידישע דארפסלייט, אז זיי וועלן פאר זייערע שטרויכלונגען, פאר ניט קאנען אפהיטן די תרי"ג מצוות ווי ס'באדארף צו זיין, שווער אפקומען אויף יענער־וועלט. געווען צווישן די גוטע־יידן אזעלכע, וואס האבן צו די פשוטע דארפסלייט גערעדט וועגן גאט, ווי וועגן א בייזן און שטרענגן פריץ, וואס דער ארענדאר מוז אים אין צייט צאלן זיינע ראטעס; אז ניט, באקומט ער שמיץ און ווערט געהאלטן אין א גרוב אויף טרוקן ברויט מיט וואסער. זיי האבן אויף די דארפס־יידן אנגעווארפן אן אימה מיט זייערע שטראף־רייד און מיט זייער ווארנען, אז מען טאר ניט עובר־זיין אויף איין פינטעלע פון שולחן־ערוך; אז אפילו פאר וואשן זיך צו ברויט מיט אן אויסגע־שטשערבעטער קווארט איז די שטראף גאר א הארבע.

אין איין צייט האבן רבנים אויפסניי געוואלט מכריז זיין, אז דאס ביסל יידן זאל פארלאזן די דערפער און זיך באזעצן אין די שכנישע שטעט, וואו ס'איז דא א מקום־קדוש, א מקווה, א רב, א שוחט און וואו מ'קאן דינען גאט בשלימות. עס האט זיי אבער אפגעהאלטן דאס, וואס די דארפסלייט האבן שטארק געהאלטן פון הכנסת־אורחים. יידישע דורכ־פארער, אלערליי אורחי־פרחיניקעס, זיינען אין די דארפישע יידישע שטי־בער מיט גרויס פריינדלעכקייט אויפגענומען געווארן. עס איז דארט פאר זיי אלעמאל געווען עפעס אפצועסן און עס איז פאר זיי שטענדיק געווען גרייט א געלעגער אויף איבערצונעכטיקן. נישט איין פרעמדער

ייִד איז אַזוי־אַרום אויסגעהיט געוואָרן פון עסן טריפות און פון האַלטן שבת ערגעץ ביי אַ גוי אויפן וועג.

איינציקווייז האָבן ייִדן אין יאַנאָוויץ און אין די אַרומיקע דערפער ווי ביימער זיך איינגעוואָרצלט צווישן די מאַסן רוטענער און געציילטע פּאָליאַקן. די ייִדן האָבן מיט דער צייט זיך אויך דערוואָרבן אייגענע שטיקלעך ערד, זיך אויסגעבויט אייגענע שטיבער, געפלאַנצט ביימער און געהאָדעוועט פי און געפליגל. אייניקע האָבן געפירט מסחר און אַנדערע האָבן גלייך מיט די גויאישע פּויערים געאַקערט און געזייט די ערד. מען האָט אויך זשאַרנעס געמאָלן די אייגענע קערנער תבואה, מיט קאַרגשאַפט געגעסן דאָס שוואַרצע ברויט און געהאַלטן פאַר אַ גרויסע זינד אַפילו אַ דריבנע קרישקע צו לאָזן פאַלן אויף דער ערד. מען האָט פון אייגע־נער סימניע, פון סאָניושניק־קערלעך און מאָן געפּרעסט אייל, מען האָט געשפּינט דעם אייגענעם פלאַקס און מען האָט געפליקט די פעדערן פון די אייגענע געגנדז.

אַ צייט לאַנג איז די יאַנאָוויצער קרעטשמע געווען די איינציקע שטוב אין דאָרף, וואָס האָט געהאַט אַ מזוזה אויף דער טיר און וואו אַ ייִד אין וועג האָט געקאָנט באַקומען טלית און תפילין אויף צום דאַווענען און אַ טעפּל וואַרעמעס אויף אונטערצולענען זיך ס׳האַרץ.

אין דער קרעטשמע האָט, נאָך אין דער צייט ווען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט זיך אויפגעהאַלטן אין יענעם געגנט, געוואוינט דעם אַלטן בערס אַן עלטער־זיידע. דער בעל־שם איז געווען אַן אָריינגייער צו דעם יאַנאָוויצער שענקער, וואָס האָט פאַרקויפט אַן ערלעכע מאָס און וואָס האָט שוין דעמאָלט געקאָסעט ס׳היי אין דער דאָלינע. ער האָט ליב גע־האַט די פּראָסטע משפחה און ניט איין ווינטער־נאַכט איז ער אָפּגעזעסן אין שענק און פאַרן גאַנצן בני־בית דערציילט מעשות, וואָס האָבן צע־וואַרעמט די ביינער און דערפרישט ס׳געמיט. די מעשות זיינען פונקט ווי דער שענק און די זומפּיקע היי־פעלדער, דורות־לאַנג איבערגעגאַנגען פון פאָטער צו זון.

דער בעל־שם איז געווען אַנדערש פון די גוטע־ייִדן, וואָס האָבן נאָר געהאַט שטראָף־רייד פאַר די פאַרהאָרעוועטע דאָרפסלייט. ער האָט גע־טריבן די מרה־שחורה פון די דאָרפישע ייִדן, ער האָט דורך מעשות און משלים זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נישט נאָר די וואוילקענעוודיקע, ניט נאָר די וואָס לערנען יומם ולילה און זיינען אָפּגעהיט אין דינים און אין מצוות קאָנען צוקומען צום כסא הכבוד, נאָר אויך די פּשוטע און פאַר־האָרעוועטע לייט, ביי וועלכע ס׳האַרץ ציטערט־אויף פון פרייד ווען זיי דערזען איבער זיך אַ לויטערן הימל.

דורות שפּעטער האָט ר׳ וועלוועלע, דער דאָרפישער רבי, איבער־געזאָגט דעם בעל־שמס תורה און איבערדערציילט זיינע מעשות צו די אור־איייניקלעך פון דעם יאַנאָוויצער שענקער. ער האָט אין זיי כסדר אַריינגערעדט, אַז גאָט איז ניט נאָר אין הימל, נאָר אומעטום און אין אַלץ,

וואָס ער האָט באַשאַפן, אַפילו אין יעדער זאַנג און אין יעדן גרעזל. גאָט און זיין חסד איז אומעטום און ער וויל, אַז מען זאָל אים דינען מער מיטן הארץ, ווי מיטן מויל; אַז מען זאָל זיין מיט אים היימיש און היטן זיין געבאָט ניט נאָר מיט יראה, מיט פּאַרכטיקייט, נאָר מיט אהבה, מיט אַ ליבשאַפט, וואָס קומט פון האַרצן.

„די לייבן און בערן" האָבן אין זיך ווי איינגעזאַפּט דעם בעל־שם־טובס תורה און זי איז פאַר דורות איבערגעגאַנגען צו די קינדער און קינדס־קינדער. זיי זיינען דערפאַר אַלעמאָל געווען מונטער און מוטיק און זיך גאַרניט געפילט געפאַלן קעגן די שטאָט־יידן.

די משפחה שענקערס און ערד־אַרבעטער האָבן געהאַט דעם פאַמיליע־נאָמען דאַרפמאַן. אַזוי ווי אָבער די נעמען לייב און בער זיינען פאַר דורות איבערגעגאַנגען פון זיידעס צו אייניקלעך, האָט מען זיי גערופן מיטן צונאָמען „די לייבן און בערן".

* * *

לייב האָט זיך כמעט ווי אויפגעהאָדעוועט ביים זיידן מיט דער באָבען. דער זיידע בער האָט אויף זיך אויך געטראָגן דעם עול פון בעכעס אַנדערע פינף קינדער. נעכע האָט ניט געהאַט קיין צייט צו אירע קינדער און זי האָט זיי פון קליינוויי־אויף כסדר געטריבן, אַז זיי זאָלן גיין צום זיידן מיט דער באָבען. בער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין טאָכטערס קינ־דער אַ סך מער ווי זייער שטאָטישער טאַטע, חיים משה, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט צוגעוואוינט צום דאָרפישן לעבן און צו דער קרעטשמע מיט די שיכורים. ס'האָט חיים משהן כסדר געצויגן צוריק אין שטאָט אַריין און ער איז געבליבן ווי אַ פרעמדער אין דאָרף. ער האָט דאָרט אַפילו פאַר אַ קליין שגצל מורא געהאַט און ער איז צווישן די גויים אין איינע עטלעכע יאָר געוואָרן גרוי און אַלט.

חיים משה דער געקויפטער שטאָטישער איידעם האָט זיך אויך נישט צו־נאָענט געפילט צו זיין אייגענער משפחה. זיינע קינדער זיינען אין גענמיט אינגאַנצן געווען אַנדערש פון אים. זיי זיינען אַלע איינס־אָם־איינס געווען מוטיקע און אומדערשראָקענע און זיי האָבן נישט איינמאָל גע־לאַכט פון זייער טאַטן, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר אַ הינטל, פאַר אַ פערד און פאַר אַ קוה. חיים משה איז אויף אַזוי ווייט געווען אַ בעל־פחד, אַז ווען ער האָט אַמאָל אין אָוונט באַדאַרפט אַרויסגיין אין דרויסן, האָט אים איינער פון זיינע יינגלעך, אַפילו ווען זיי זיינען געווען קליין, געמוזט פירן.

אַרום דער קרעטשמע, אַרום דער שטוב מיט די זעקס קינדער און אַרום דעם באַלעבאַטישקייט מיט די עטלעכע מאָרג פעלד איז געווען גענוג אַרבעט. מ'האָט באַדאַרפט אין זינען האָבן פערד, בהמות, עופות, קאַטשקעס און גענדז; מ'האָט באַדאַרפט באַקן די זעמל פאַרן שענק, פאַרן נאָך די פעסער און באַנקעס בראָנפן, פירן די חשבונות פון די חובות,

און אַלץ איז געלעגן אויף נעכעס קאָפּ. די געוויקסיקע און געזונטע כאַ־מוישעכע האָט פֿון נאָך איר חתונה אָן, אַפילו ווען זי איז געווען אין די הויכע חדשים, אַלץ אַליין געפֿירט. ווען די קינדער זיינען נאָך געווען קליין האָט זי אויך נישט איינמאָל, ווען אַ שיכור האָט אין שענק זיך צעפֿירט די הענט, אים אַליין געמוזט אויסניכטערן מיט עטלעכע קלעפּ און מיט אַ טרעמאָס אַרויס אין דרויסן.

חיים משה, וואָס האָט פֿון זיין ווייב קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט, האָט אַלע יאָרן זיך באַמיט אַרויסצוהעלפֿן ביים באַלעבאָטישקייט און אין שענק. ער האָט אָבער אין זיין אומבאַהאָלפֿנקייט זיך קיינמאָל אַפילו ניט אויסגעלערנט איינצושפּאַנען אַ פֿערד אין וואָגן און ווען ער האָט אַ גוי אָנגעגאָסן אַ טרונק בראָנפֿן האָט ער מער צעגאָסן אויף דער ערד ווי אַריינגעגאָסן אין גלעזל.

— אַי, טאַטע זיסער אין הימל! — האָט ער אַלעמאָל געזיפֿצט, גע־פּאַטשט איין האַנט אין דער אַנדערער, געלאָזט רויך פֿון די ציגאַרלעך און כסדר געהאַט טענות צום רבונו של עולם פֿאַרוואָס ער מאַכט שוין נישט קיין סוף צו דעם לאַנגן גלות. ער איז אַלעמאָל געזעסן אין אַ ווינקל ביים שענק־טיש איבער אַ חומש אָדער איבער אַ תהילים און מיט זיינע וואַ־סערדיקע צעשראָקענע אויגן אַריבערגעקוקט צום פֿענצטער און צו דער טיר, ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

נעכעס און חיים משהס קינדער זיינען אויסגעוואַקסן און איינציקווייז פֿאַרלאָזט די קרעטשמע. דער עלטסטער זון, יהודה, ווען דער זיידע האָט געלאָזט לערנען פֿאַר אַ קאָוואַל, האָט חתונה געהאַט אין אַן אַנדער דאָרף אַריין. ער האָט גענומען נדן עטלעכע מאָרג פֿעלד, זיך אויפֿגעבויט אַ בייע שטוב, געעפֿנט אַ שמידעריי און זיינע הופֿנעגל און מעסערס צו אַקערס האָבן גיך באַקומען אַ שם אין די אַרומיקע דערפֿלעך.

דער צווייטער זון, יוסף, איז געווען אַנדערש פֿון יהודהן און פֿון זיי־נע ייִנגערע ברידער, וואָס האָבן אַלע געהאַט קורצע שטערנס און אין זייערע פּנימער איז ווי געווען איינגעקנאָטן די שוואַרצקייט פֿון ראַזעווע ברויט. די פּרירעדע פֿון „די לייבן און בערן" איז אויך געווען פֿעד־שוואַרצע האָר און גלאַנצנדיקע שוואַרצע אויגן.

יוסף איז פֿון קליינוויז־אויף געווען אַ פֿאַרדינער. נאָך ווען ער האָט געפּאַשעט די גענדז האָט ער אַרויסגעשיקט זיינע ברידערלעך און אויך שקצים, אַז זיי זאָלן פֿאַר אים קלייבן קימל און זאַנגען ווייץ. ער האָט זיי אַלעמען געצאָלט פֿון ביינטל און פֿאַרן געלט, וואָס זיי האָבן ביי אים פֿאַרדינט, האָט ער זיי דערנאָך פֿאַרקויפֿט פּייפֿעלעך, קניפּעקלעך און שטאָלענע קריסילעס אויף צו שלאָגן פֿייער. ער האָט פֿון קליינוויז־אויף זיך אויסגעקויפֿט ביי זיינע ברידער פֿון רייניקן די שטאַל, פֿון טראָגן וואַסער אין שטוב אַריין און פֿון אַנדערע אַרבעטן, וואָס זיי האָבן פֿאַר אים געטאָן.

— כ׳על זיין אַ פּריץ ווען כ׳על אויסוואַקסן — האָט ער זיך כסדר

באַרימט פאַר זיינע ברידער, זיך געהאַלטן גרויס קעגן זיי און נאָר גע־וואָלט, אַז זיי זאָלן אים באַדינען. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ אַנ־דערש איז געוואָרן זיין פירעכץ. ער האָט ניט געוואָלט עסן אַבי־וואָס און זיך ניט געוואָלט חברן מיט אַבי־וועמען. ער האָט וואָס־אַמאָל העכער און שטאָלצער געהויבן זיין קאָפּ און זיין גאַנג איז וואָס־אַמאָל געוואָרן געשטרעקטער. ביסלעכווייז האָט ער אויפגעהערט אַרויסהעלפן אויפן באַ־לעבאַטישקייט, זיך גענומען שאַרן אַרום דעם פּריצישן הויף, אַרום דעם גלחס פּאַראַפּיע און ווי פון זיך אַליין זיך אויסגעלערנט אַביסל פּויליש און דייטש.

ווען יוסף איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט געווען, האָט ער שוין געהאַט אַ צוטריט צו אַ גראַף וואָס האָט געוואוינט עטלעכע מייל פון יאַנאָוויץ. ס׳מזל האָט יוספן צוגעשפּילט און ער איז אין איינע עטלעכע יאָר געוואָרן ביים גראַף די רעכטע האַנט. ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ רייך מיידל און דער גראַף האָט אים איבערגעגעבן די פּאַכטונג פון אַ פאָלוואַרק, עטלעכע־און־צוואַנציק קילאָמעטער פון דער היים, און — ער איז געוואָרן אַ פּריץ.

— ער האָט אַלעמאָל געוואוסט וואָס ער וויל.

— ער איז שיין און קלוג און ס׳פּאַסט אים טאַקע צו זיין אַ שררה.

— קיין עין־הרע. ער האָט נושא־חן געווען ביים גראַף, גאָר ווי יוסף הצדיק ביי פּרעהן — האָבן טאַטע־מאַמע, זיידע און באָבע געשעפּט נחת און אים אָנגעהייבן אָפּגעבן גרויס כּבוד. די ברידער האָבן אָבער אויף אים געקוקט קרומלעך און זיך ניט צו־שטאַרק געגרויסט מיט אים.

דער דריטער זון, פּסח, איז געווען פּונקט אַזוי ברייט־פּלייציק און שטאַרק ווי זיינע ברידער. ער איז געווען אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער, און ער האָט אויך געקאָנט מער לערנען פון זיינע ברידער. ער האָט אַ צייט געלערנט אין שטאָט און אויך ביים פּעטער אברהם דעם אַליניק. זיינע ברידער זיינען ווייטער פון אַ פּרשה חומש, אַ ביסל רש״י און אַ קאַפּיטל פּסוק נישט געגאַנגען, אָבער פּסח האָט אויך געקאָנט אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא. ער האָט אויך ליב געהאַט צו שניצן און צו מייסטרעווען. ער האָט אַליין זיך אויסגעאַרבעט אַ פידעלע און אויך אַליין זיך אויסגע־לערנט שפּילן. צו לייבס און ריוועס חתונה האָט ער פאַר זיי אויסגע־שניצט אַ מזרח, אויף וועלכן מען האָט געזען די בערג און טאָלן פון ירושלים און דאָס בית־המקדש. ער האָט צו חנוכה פאַר אַלע קינדער פון דער משפּחה אויסגעגאָסן בלייענע דריידלעך. ער האָט געאַרבעט איבער פאַר־שיידענע מאַשינדלעך און מילעכלעך און אַלעמאָל געזוכט צו באַשאַפן עפּעס אַ נייע זאַך.

פּסח האָט חתונה געהאַט מיט אַ ווייטער קרובה, טרייגע האָט זי גע־הייסן, און ער האָט מיט איר געפירט אין יאַנאָוויץ אַ פאַרלאַג פון אַלערליי טיטונען, ציגאַרעטן און טאַבעק. פּסח האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אַריינ־

שטעלן שויבן, מיט צורעכט־מאַכן איבערגעדרייטע שלעסלעך, מיט איינ־דראָטעווען צעבראָכענע ערדענע טעפּ, מיט מאַכן זייף און מיט ציען וואַקסענע ליכט. די פּאָר שטיקלעך פעלד, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אַוועקגעגעבן אויף שותּפות צו אַ גוי, אָבער דעם גרויסן גאָרטן ביי זיין שטוב האָט ער אַליין באַאַרבעט.

דער פּערטער זון, סענדער, איז געווען די „שוואַרצע שאָף" פון דער משפּחה. ער איז געווען שטאַרק צעלאָזט, ניט געוואָלט לערנען און מען האָט מער ווי אַ ביסל עברי אין אים ניט געקאָנט אַריינשטאָפּן. ער איז גיך אויסגעוואַקסן און צו זעכצן יאָר איז ער שוין געווען אַזאַ שלעגער, אַז אַלע שקצים אין דאָרף האָבן פאַר אים געציטערט. אַ פאַרשטעלטער אין אַן אויסגענייט גויאיש העמד, אין אַ שטרויענעם קאַפּעליוש באַשטעקט מיט פּעדערנע קוטשערלעך, איז ער געגאַנגען אויף גויאישע חתונות, גע־געסן טרפות, געהאַט עסקים מיט שיקסעס און פאַרשוואַרצט דעם נאָמען פון דער משפּחה.

בער האָט אַלץ אָנגעווענדט צו צוימען דעם ווילדן יונג. ער האָט נאָר מורא געהאַט, אַז סענדער זאָל זיך ניט שמדן. ער האָט זיך אָבער מיט אים ניט געקאָנט קיין עצה געבן. צו נייַנצן יאָר איז סענדער פּלוצים פאַרשוואונדן פון דער היים און מען האָט ערשט אין אַ צייט אַרום זיך דערוואוסט, אַז ער האָט פרייוויליק זיך געמאָלדן צום מיליטער. ער האָט געדינט אין אַן אולאַנער רעגימענט, אַזש אין ווין, און אויפן צווייטן יאָר איז ער געקומען אַן אויסגעפּוצטער אין מונדיר אויף אורלויב. ס'גאַנצע דאָרף איז זיך צונויפגעלאָפן אים אָנקוקן און באַטראַכטן די חידושים, וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט פון דער וויטער וועלט. ער האָט געבראַכט אַ מוזיק־קעסטעלע, וואָס ווען מען האָט עס אָנגעדרייט האָט עס אויסגע־שפּילט פאַרשידענע מעלאָדיעס. ער האָט אויך מיט זיך געהאַט אַ קליין מעסערל מיט אַ ביינערנעם הענטל, אין וועלכן ס'איז געווען איינגעפּאַסט אַ בלוילעך גלעזל, גרויס ווי אַן אויג פון אַ קליין פייגעלע. ווען מען האָט אין דעם גלעזל אַריינגעקוקט האָט מען דאָרט געזען גאַנץ ווין.

סענדער האָט אין זיינע אורלויב־טעג גערעדט וועגן בלייבן דינען ביים קאַיזער פראַנץ יאָזעף גאַנצע צוועלף יאָר.

קאַרגע צוויי יאָר שפּעטער, דאָס איז געווען עטלעכע חדשים פאַר לייבס חתונה, איז אָבער פון אים אומגעריכט אָנגעקומען אַ בריף אַזש פון אַמעריקע. ער האָט אין קאַטשערעס און אין לאָפּעטעס געשריבן וועגן אַ געשלעג אין וועלכן ער איז געווען פאַרמישט און וועגן אַ גוטן־ברודער, וואָס האָט אים צוגערעדט מיט אים צו פאָרן אין דעם וויטן לאַנד אַריין.

די גאַנצע משפּחה איז אויפגערודערט געוואָרן פון דעם בריוו. סענ־דער איז געווען דער ערשטער פון יענעם ווינקל אַוועקצופאָרן אין דער וויטער אומבאַקאַנטער מדינה און מען האָט אים באַוויינט ווי אַ גע־שטאָרבענעם.

לייב איז געווען דער ייִנגסטער פון די זין, וואָס זייַנען העכסטנס מיט אַ יאָר און אַ האַלב געווען געררוקט איינס פון ס'אַנדערע. נאָך אים האָט נעכע געהאַט צוויי טויטע קינדער, דריי מפּילס און דערנאָך איז רויזע געבוירן געוואָרן. אויף רויזען, וואָס איז מיט אַכט יאָר ייִנגער געווען פון לייבן און וואָס איז געווען אַ מויד אַ ברען, האָבן אַלע געזאָגט, אַז זי האָט אויך באַדאַרפט געבוירן ווערן אַ ייִנגל. זי האָט צו פינף יאָר שוין געקאָנט רייטן אויף אַ פערד, נורטעווען אין וואַסער, קריכן אויף ביימער, און ווען זי איז אַביסל עלטער געוואָרן האָט זי ווי אַ קאַץ געדראַפּעט מיט די נעגל קוים האָט זי ווער פאַרטשעפּעט.

לייב האָט געהאַט סענדערס גבורה און אויך זייַן טראַצקיקייט. איידער סענדער איז אַוועק צום מיליטער האָט מען זיי אין שכנישן שטעטל אַ נאָמען געגעבן „שמעון ולוי", נאָך יעקבקס צוויי זין, וואָס האָבן אויסגעהרגעט אַלע מאַנסבילן פון שכם. מען האָט סענדערן מיט לייבן געקרוינט מיט דעם צונאָמען ווען זיי האָבן איינמאָל מיט לישנעס אין די הענט זיך אַ לאָז־געטאָן אויף אַ פולן יאַריד מיט גוים. ס'האָט דעמאָלט צוליב עטלעכע שיכורים אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די חזירניקעס און די יידישע בהמה־סוחרים. די צוויי יונגען האָבן מיט די לישנעס געשפּאָלטן קעפּ און אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק אויף די גוים, אַז זיי זייַנען אַלע ווי די מייז זיך צעלאָפן.

לייב איז אָבער נישט געווען אַזוי ווילד און אַזוי היציק ווי זייַן עלטערער ברודער סענדער. ער איז אויך פון יאָר צו יאָר געוואָרן געזעצטער און רואיקער. ער האָט פון קלייַנוויַיז אויף, מער ווי זייַנע ברידער, זיך געהאַלטן לעבן זיידן, זיך געלאָזט פון אים לערנען און אומעטום מיט אים מיטגעגאַנגען. ער האָט לייב געהאַט צו אַרבעטן מיטן זיידן ביים טיטון, וואָס איז געוואַקסן אין גאָרטן, נאָענט צום וואַסער. ער האָט ווי דער זיידע זיך געגרויסט מיט די טיטון־בלעטער, וואָס זייַנען אין אָסיען געווען צעוואַקסן ווי שירעמס און וואָס זייַנען נאָכן טריקענען, אין די פּאַפּושן, געווען געל ווי וואַקס. לייב איז ווי אויפגעוואַקסן אויף דעם זיידנס היי־פעלדער און צו דרייַצן יאָר האָט ער שוין דאָרט ווי אַ גרויסער געשאַרפט די קאָסע און זיך שוין געוועט מיט די פּאַראָבקעס ווער ס'קאָן מער פּאָקאָסעס היי לייגן צו דער ערד.

דער אַלטער בער האָט אים יאָרן ווי צוגעגרייט, אַז ער זאָל קאָנען איבערנעמען ס'באַלעבאַטישקייט מיט דער ירושה־שטוב. דער זיידע האָט אים אויך איבערגעגעבן זייַן קעסטל דאָקטאָר־געצייג, אויף צו היילן די דאָרפישע פערד און בהמות.

— קאָנסט שוין די דאָקטאָריע בעסער פון מיר — האָט בער געשעפּט נחת ווען ער האָט געזען מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט לייב שלאָגט אַן אויפגעבלאָזענער בהמה צו דעם אָדער און מיט וואָס פאַר אַ גבורה ער גיט־איין אַ קראַנק פערד גלאָובער־זאַלץ.

— דער זיידע מיט די ביינער. ער איז ערלעך ווי אַ גוט שטיקל

ברויט און זיין פּירעכץ איז ווי דעם אַלטנס — האָט מען גערעדט אין דאָרף און מיט יעדן יאָר מער געהאַלטן פֿון לייבן.

נאָך דער חתונה האָט לייב זיך נאָך מער געסטאַרעט צו גיין אין זיידנס פּוסטריט.

דער אַלטער בער האָט ווייט און ברייט געהאַט אַ גוטן נאָמען. יידן און גויים זיינען געקומען צו אים זיך האַלטן עצות וועגן קויפֿן אַ שטיקל פֿעלד, וועגן בויען אַ נייע שטוב און אויך וועגן טאָן שידוכים. מען איז צו אים געקומען זיך לאָדן וועגן מעזשעס אין די גערטנער, וואָס איין שכן האָט ביים צווייטן, אומיסטן צי ניט־אומיסטן, צעשניטן מיטן אַקער. מען האָט אים אויך אַלעמאָל גערופֿן צו שאַצן די שאָדנס, וואָס פֿערד און בהמות האָבן אָנגעאַרבעט אין פֿרעמדע פֿעלדער. בער האָט אויך געהאַט אַן אָפֿענע האַנט און מען האָט ביי אים שטענדיק געקאָנט כאַפּן אַ גמילות חסד. ער האָט זיך אויך אַלעמאָל ברייט געשטעלט ווען מען האָט געקליבן תבואה און געהילץ פֿאַר אַ נשרף און מתנות אויף חתונה צו מאַכן אַן אָרעמע יתומה.

דאָס ירושה־הויז פֿון די „לייבן און בערן" איז אַלעמאָל געווען ווי אַ פֿרייער האַרבעריק פֿאַר יידישע דאָרפֿסגייער, פֿאַר אָרעמעלייט, און ניט איינמאָל איז אין דער שטוב, וואָס איז געשטאַנען אין עק דאָרף, אויך אַ גויאישער בעטלער איבערגעשלאָפֿן. קיין פֿרעמדער איז קעגן נאַכט־צו נישט אַוועקגעגאַנגען פֿון דער שטוב זוכן ערגעץ־אַנדערש־וואו אַ געלע־גער און קיינער איז פֿון דאָרט נישט אַרויסגעגאַנגען אַ הונגעריקער.

* * *

אין דעם זומער ווען לייב מיט ריווען האָבן זיך באַזעצט ביי בערן אין דער גרויסער שטוב האָבן זיידע און באָבע זיי ביסלעכווייז אָנגעהויבן איבערגעבן ס'באַלעבאַטישקייט. כאָטש בער איז נאָך געווען ביי די פֿולע כּוחות און ער האָט נאָך אַ גליכער געטראָגן זיינע עטלעכע־און־אַכציק יאָר אויף די פּלייצעס, האָט ער אָבער שוין געהאַט אויפֿגעהערט פֿאָרן אין פֿעלד אַריין און זיך מער געהאַלטן לעבן דער שטוב. ער האָט יענעם זומער ביי אַ פּאַקנטרעגער זיך איינגעהאַנדלט נייע חומשים, אַ ניי תהילימל, מעשׂות וועגן גוטע יידן און ער האָט ווי אַ קינד זיך געצאַצקעט מיט די ספֿרים. אין די זוניקע טעג האָט ער יעדן נאָך־וואַרעמעס גענומען אַ ספֿר און זיך באַזעצט אַנטקעגן דער שטוב, אין שאָטן פֿון דעם אַלטן באַרנ־בוים, וואָס ער האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק אַליין פֿאַרזעצט.

לייב און ריווע האָבן באַלד נאָך זייער חתונה אָנגעהייבן פֿירן ס'באַ־לעבאַטישקייט און די אַרבעט האָט געזונגען אונטער זייערע הענט. ס'האָט זיך פֿאַר זיי געשטעלט אַ פֿריילעכער זומער. די טעג זיינען געווען וואַ־רעמע, די רעגנס זיינען געפֿאַלן אין צייט און דאָס צווייטע היי אין טאָל איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. די קאַרשן, וואָס האָבן געוויינלעך אין דער וואָך פֿון דער סדרה קרח אָנגעהייבן רייף ווערן, זיינען יענעם זומער

אַ סך פריער רויט געוואָרן און די זאַנגען אין פעלד האָבן באַצייטנס זיך אַרויסגערוקט פון זייערע ענגע איינהילן. זיי האָבן ווי מיט ציטערדיקע דינע שפּיזלעך זיך געצויגן אין דער הויך און זייערע קאָלירן האָבן זיך געמינעט אַנטקעגן דער זון.

ריווע האָט באַלד אויף צו־מאָרגנס נאָך די שבֿע ברכות פאַרשטעקט ס׳קלייד אין די באַקעס און אַ באַרוועסע אַריין אין גאָרטן אויסרייניקן די בייטן גרינסן פון ווילדן גראָז און אונטערגיסן די אוגערקעס. כאָטש עס איז שוין געווען נאָך שבֿועות האָט זיך נאָך פּאָר די פענצטער פון דער גרויסער שטוב געמאַכט אַ פּאָר בלומען־בייטן און דאָרט פאַרזעצט קאַנוואַליעס, בראַטקעס, ראָזעדאַ, האָניק־גלעקלעך און נאָך אַנדערע מינים בלומען, וואָס פלעגן וואַקסן אַרום איר שטוב אין וואַלד. זי האָט דעם ערשטן זונטיק נאָך איר אַרויסקומען קיין יאַנאָוויץ אויך נאָך אויפגעזעצט אַ קוואָטשקע אויף קאַטשענע אייער. זי האָט פון היי אויסגעבעט די נעסט אין אַ קיישל און באַזעצט די קוואָטשקע פּונקט דעמאָלט ווען די גויים זיינען געגאַנגען פון קלויסטער, ווייל דאָס איז געווען אַ סגולה, אַז אַלע קאַטשקעלעך זאָלן זיך אויסבריען.

ריווע האָט דעמזעלבן זונטיק אָפּגעבאַקן איר ערשט געבעקל ברויט, פאַרשאָטן מיט קימל. דאָס ברויט איז גוט אויפגעגאַנגען און פאַרשמעקט די שטוב ווען מען האָט עס אַרויסגענומען פון אויוון.

— זאָל איך שוין האָבן אַזאַ יאָר ווי עס איז דיר געראָטן. דאָס ברויט איז דאָך נאָר דעם קייזער צו דערלאַנגען — האָט די באָבע געדרייט אַרום ריווען און זי ניט אויפגעהערט רימען פאַר איר בריהשאַפט. אויפן צווייטן זונטיק איז ריווע גאַנץ פרי, גלייך מיט אַנדערע דאָרפישע ווייבער, שוין אַרויסגעפאָרן אין שטעטל מיטן מילכדיקס פון דעם זיידנס צוויי בהמות. עס איז איר עפּעס ווי אַריין די ברכה. זי האָט געהאַט צוויי גרויסע וואָרעקעס קעז און זי האָט שבת־צו־נאַכטס אַליין אויסגע־שלאָגן צוויי מאָסניצעס פּוטער. זי האָט מיט דער געניטשאַפט פון אַן אַלטער באַלעבאָסטע מיט אַ הילצערנעם לעפל אויסגעפּערטלט און שיין אויסגעקאָרבט די געלע פּוטער און זי דערנאָך צוגעדעקט מיט גרינע לאָפּוך־בלעטער. עס האָט פון איר ביים אַרויספאָרן פון דער היים, פּונקט ווי פון די טעפּ קעז און פּוטער, געשמעקט מיט דער ראָסע פון יונגן זומער און מיט ריחות פון וואַלד און פעלד.

ביי איר אָנקומען אין שטעטל איז אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זי נישט געקענט, אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר דאָרפישער פרישקייט, אַז ער האָט ביים איינהאַנדלען אַביסל קעז און פּוטער, פאַרבלאָנדזשעט מיט אַ האַנט צו איר פולן בוזעם.

— מאַלאַדעציע, יונג ווייבעלע. האָט איר אפשר דאָרט אייער צום פאַרקויפן ? — האָט ער זיך געמאַכט תמעוואַטע.

— איך וועל אייך באַלד פאַרקויפן וועט איר ניט וויסן פון אייער נאָמען צו זאָגן ! — האָט זי אויף אים אויפגעמאַכט אַ מויל. ווען ער איז

אָבער אַלץ פון איר ניט אָפּגעטראָטן, האָט זי דעם יונגן סוחר מכבד געווען מיט אַזאַ פּראַסק אין פּנים, אַז ס׳האָבן זיך אים ליכטלעך אָנגעצונדן פאַר די אויגן.

ריווע האָט געהאַט די נאַטור פון די „לייבן און בערן״. זי איז געווען אַ ליבלעכע, אַ גוטהאַרציקע. קוים האָט מען זי אָבער פאַרטשעפּעט איז זי גרייט געווען יענעם די אויגן אויסצודראַפּען.

לייב האָט, ווי ריווע, פון דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז אַריין אין זיידנס שטוב, זיך איינגעשפּאַנט אין פירן ס׳באַלעבאַטישקייט און ער איז פון באַגינען ביז אין דער נאַכט אַריין געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט. ער האָט אַרויסגעשטופּט אַ וואַנט אין דער שטאַל, געמאַכט זי גרעסער, אַז ס׳זאָל דאָרט זיין גענוג פּלאַץ פאַר ריוועס קאַלביקער טעליצע, אונטערגעגרוידזעט דעם פּלויט צום וועג צו און אויסגעטעסעט שטאַכעטן פאַר אַ נייעם טויער.

בער האָט זיך אויך באַלד גענומען גרייטן צום בוי פון דער קלויז.

אין אַ זוניקן נאָך־וואַרעמעס איז ער אַוועק מיט אַ גראָב־אייזן און מיט אַ לאָפּעטע אַפּרייניקן ס׳בערגל, וואו ער האָט מיטן זיידן אָנגעצייכנט דאָס אָרט פאַר דער קלויז. דער אַלטער בער איז יענעם בייטאָג אַ רואיקער זיך געזעסן מיטן חומש אין די הענט אונטערן באַרנבוים. ער האָט אַזוי לאַנג אַריינגעקוקט אין ספר ביז ער האָט איינגעדרימלט. די באָבע שרהלע, וואָס האָט אים געהאַלטן אויפן אויג, האָט אים אָבער צו־לאַנג ניט געלאָזט דרימלען.

— שלאָפסט דיך אויס בייטאָג און ווען ס׳קומט די נאַכט פאַרווייסטו מיר דעם קאָפּ, אַז דו קאָנסט קיין אויג ניט צוטאָן — האָט זי אויף אים אָנגעשריגן. זי האָט פון דער ערד אויפגעהויבן די יאַרמולקע, וואָס איז בערן אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ, אַרויסגעבראַכט אַ לאַדישטש זויערמילך, פריש פון קעלער, און מיט דעם קאַלטן טרונק אים אויסגעניכטערט פון שלאָף. דערנאָך איז שרהלע אַרויסגעקומען מיט אַ רויטן זאַק אויף די שפּיזעלעך, וואָס זי האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן, און בער האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר איר לעבן זיך אויפן שטיין.

— הערסט וואָס כ׳על דיר זאָגן, כ׳האָב ערשט געזען די שענסטע פּירות פון ארץ־ישראל. כ׳האָב געזען וויינטרויבן, מילגרוימען און פייגן און געשמעקט האָבן זיי אַ מחיה, עפּעס באַר ווי פון גן־עדן אַרויס. ביסטו אין מיטן דערינען געקומען און מיך אויפגעוועקט — איז דער אַלטער בער געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. ער האָט פאַרמאַכט ס׳חומש, געקוקט פאַר זיך אין דער גרינער ליכטיקער וועלט און ווען שרהלע האָט אים געפרעגט וועגן וואָס פאַר אַ פּירות ער רעדט, האָט ער איר גענומען דערציילן וועגן דער סדרה פון דער וואָך. ער האָט איר איבערגעגעבן וועגן די מרגלים, וואָס משה האָט פון מדבר פאָרן געשיקט קיין כּנען, אַז זיי זאָלן אויסקוקן ס׳לאַנד, און וועגן זייער צוריקקומען פון דאָרט מיט שיינע און שמעקנדיקע פּירות. ער האָט איר אויך דערציילט ווי די מרגלים האָבן

אָנגעשראָקן די יידן, אַז זיי וועלן ניט קאָנען אָפּנעמען דאָס לאַנד ווייל די כּנענים זיינען שטאַרק און גרויס ווי די ריזן.ביים אַריינקוקן אין חומש האָט ער אין מיטן פֿון דער סדרה איינגעדרימלט און ער האָט אין חלום געזען די פּירות, וואָס די מרגלים האָבן געבראַכט. זיי זיינען געלעגן לעבן אים, נאָר מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

— אַ לאַנד פֿול מיט מילך און האָניק, מיט טייטלען און פֿייגן, און ביי זיי וואָלט געווען רעכט זיך צוריק אומצוקערן קיין מצרים. און דו ווערסט דיר פּונקט דעמאָלט אַנטשלאָפֿן — זיינען ביי שרהלען אין די הענט פֿלינק געלאָפֿן די שפּיזלעך. זי האָט ווי מיט פֿאַרוואָרף אַ דריי־געטאָן דעם קאָפּ אין בערס זייט און מיט דער נאָז אַריינגעצויגן אין זיך די ריחות פֿון גאָרטן און פֿון סאַד, עפּעס ווי זי וואָלט אויך דער־שמעקט די ארץ־ישראל פּירות.

פֿון הינטער דער שטוב האָט זיך צו זיי דערטראָגן דאָס קלאַפּן פֿון אייזן אָן שטיין. ביידע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן. ריווע איז באַלד אָנגעקומען פֿון גאָרטן און זיי געלאָזט וויסן, אַז לייב רייניקט־אָפּ ס'בערגל און אַז ער האָט דאָרט ביים אויסגלייכן די ערד אָנגעטראָפֿן שטיינער און וואָרצלען פֿוןביימער, וואָס ציען זיך ווי שטריק אין דער לענג און אין דער ברייט.

— הערסט אַ מעשה, ער האָט זיך שוין גענומען צו דער אַרבעט און מיר האָט ער גאָרנישט געזאָגט — האָט בער אַ דערפֿרייטער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אָרט און אַ רירעוודיקער אַוועק מיטן גאָרטן צום בערגל. פֿון דערווייטנס האָט ער דערזען ווי פֿיליפּאַ, וואָס איז אָנגעקומען מיטן וועג מיט אַ זאַק גראָז אויף די פּלייצעס, האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. לייב איז געווען פֿאַרטאָן אין רייסן און האַקן די שטיינער מיט די וואָרצלען און ער האָט זי נישט באַמערקט. ערשט ווען זי האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם זאַק אויף דער ערד און צו אים אַריבערגעשריגן, אַז זי קאָן צוקומען אים העלפֿן אויב ער וויל, האָט ער זי דערזען.

— כ'על אים שוין אַליין דאָ צוהעלפֿן — האָט דער זיידע ווי אויס־געכאַפּט דעם ענטפֿער פֿון לייבן. די עטלעכע ווערטער, האַרטע און בייז־לעכע, האָבן פֿיליפּאַן באַלד פֿאַרטריבן. זי האָט צוריק אויפֿגעהויבן דעם זאַק, אים פֿאַרוואָרפֿן אויף די פּלייצעס און אַוועק.

— מ'דאַרף אפשר מער ווי אַ מעטער אָפּגראָבן אין איין זייט — האָט לייב גענומען פֿאַררעדן דעם זיידן, איידער ער הייבט עפּעס אָן זאָגן וועגן פֿיליפּאַן.

— כ'האָב נישט אַנדערש גערעכנט. — בער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט דערנאָך אַ כאַפּ־געטאָן די לאָפּעטע און מיט חשק זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט בער אויסגעשאַרפֿט די באַרדע, זיך אַוועק־געזעצט רייטנדיק אויף אַ דעמב, וואָס האָט זיך שוין יאָרן געטריקנט אויף דער פּאַדווירע און גענומען פֿון אים אָפּשינדן די קאָרע.

— איר קלייבט זיך אפשר בויען א ביי הויז ? — האָבן גויאישע שכנים זיך אָפּגעשטעלט לעבן בערן.

— און נאָך וואָס פאַר אַ הויז ! — האָט ער געענטפערט און זיי דער־ציילט וועגן דער קלויז וואָס מען וועט בויען ביי אים אויפן גאָרטן.

קאַפּיטל פיר

די נייס, אַז די יאַנאָוויצער ייִדן נעמען זיך בויען אַ קלויז, האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבערן דאָרף. לייב האָט עטלעכע טעג נאָכ־אַנאַנד געאַרבעט אויפן בערגל און בער האָט אים צוגעהאָלפן. ווען די ערד איז דאָרט שוין געווען אָפּגעגראָבן, זיינען זיי ביידע אַוועק צום יאַ־נאָוויצער פּריץ אים בעטן, אַז ער זאָל אין זיינע ליימיקע גריבער אונטערן באַרג לאָזן מאַכן די ציגל פאַר דער קלויז.

דער פּוילישער פּריץ זאַמויסקי איז שוין געווען אַלט אין יאָרן, ער איז אָבער נאָך געווען ביי די פולע כוחות און מען האָט אים נאָך געזען אַרומרייטן איבער זיינע פעלדער. פון זיין פולן רויטן פּנים, פון זיינע געדיכט־פאַרוואַקסענע ברעמען, פון זיינע געלבלעך־ווייסע גראָבע וואָנ־צעס און פון זיין גרויסער קאַרטאָפל־נאָז, וואָס איז געווען באַזעצט ווי מיט בלוילעכע דריבנע ווייַנפּערלעך, האָט נאָך געשלאָגן מיט גבורה און מיט מענלעכקייט. כאָטש די פאַנשטשינע, וואָס האָט געהאַלטן די פּויערים פאַרשקלאַפט צו די פּריצים, איז שוין לאַנג געווען אָפּגעשאַפט, האָט דער אַלטער פאַן זאַמויסקי זיך געפירט כמעט ווי אין די אַמאָליקע ציַיטן. ער האָט אַ סך יאָרן געהערשט איבער די אָרעמע פּויערים, וואָס האָבן געמוזט אָנקומען צו אים אין הויף אַרייַן נאָך אַרבעט. זיי האָבן זיך פאַר אים געבויגן אין דריַיען, הכנעהדיק געקושט זיינע הענט און אויס־געפאָלגט זיינע באַפעלן. ער האָט יאָרן נאָכאַנאַנד באַשלאָפן זייערע ווייַ־בער און זייערע יונגע טעכטער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף זיינע פעלדער און זיי האָבן אַלץ אָנגענומען פאַר ליב.

פון זיין פערד אַראָפּ פלעגט דער פאַן וואַרפן אַן אויג אויף אַ יונג שיין ווייבל, אָדער אויף אַ שיקסל, וואָס האָט אויף זיינע לאַנעס געשניטן תבואה, אָדער געגראָבן קאַרטאָפל און אויפן צווייטן טאָג האָט מען גע־שיקט זי רופן אין הויף אַריין אויפצוראַמען די פּאָקאָיעס. עס האָבן אין דאָרף זיך געוואָרפן אין די אויגן גויאישע קינדער און שוין־אויסגע־וואַקסענע שקצים און שיקסעס, וואָס האָבן געהאַט דעם פאַן זאַמויסקיס קאַרטאָפל־נאָז, זיינע גראָבע ליפּן און זיינע מוטנע גרויע אויגן. אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט ביט איינמאָל געטראָפן, אַז צו זיין געלעגער זיינען געקומען זיינע אייגענע אויסגעוואַקסענע טעכטער, וואָס די פּויער־טעס האָבן פון אים געהאַט.

פון יידישע פרויען האָט דער פוילישער פריץ זיך אַלעמאָל אויס־געהיט. ער איז געווען מאָדנע פרום און ער האָט עפּעס ווי מורא געהאַט זיך צו פאַרטשעפּן מיט אַ יידישקע, וואָס קושט ניט דעם צלם און וואָס גייט ניט צום גלח זיך מתוודה זיין אויף אירע זינד. דערצו איז ער נאָך געווען שטאַרק אַבערגלויבעריש און זיין פאַרזעסענע שוועסטער, די אַלטע פּאַנאַ יאַנינאַ, האָט שטענדיק געהאַט צו דערציילן מעשות וועגן יידישקעס, וואָס האָבן אָפּגעטאָן כישוף צו פריצים און צו גראַפן.

ווען בער מיט לייבן זיינען אָנגעקומען אין הויף אַריין האָט דער פריץ זיי געהייסן באַלד אַריינלאָזן. דער אַלטער זאַמויסקי האָט גראָד דעמאָלט געהאַלטן נאָכן מיטאָג און ער איז אַ שיכורלעכער מיט אַ פולן בויך האַלב געזעסן און האַלב געלעגן אויף דער פלושענער זאָפע ווי איינגעהילט אין די רויכעס פון זיין לאַנגער ליולקע. דער אַלטער בער, וואָס האָט שוין אַ סך יאָרן געקענט דעם פריץ, איז אין דער שבת־דיקער יאַרמולקע אָן אַ בייגן און בייגן צו אים צוגעגאַנגען גאָר נאָענט און אים באַגריסט. לייב מיטן קאַפּעליוש אין האַנט איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר.

— אויב איר זענט געקומען אַזש צווי מיטאַמאָל, איז עס זיכער וועגן אַ וואַזשנער זאַך. האָב איך רעכט? — האָט דער פריץ זיך אָנגערופן און אָנגעוויזן בערן אויף אַ ווייכן שטול.

— דער ווערלמאַזשני פּאַן האָט געטראָפן — האָט דער אַלטער בער זיך צוגעזעצט — כ׳קום אין הויף אַריין אָדער ווען מען דאַרף היילן אונדזער פּאַן זאַמויסקיס אַ בהמה, אָדער ווען כ׳דאַרף אַ טובה.

בער האָט אַריבערגעקוקט צו לייבן און באַלד געלאָזט וויסן דעם פריץ וועגן דער קלויז, וואָס זיי ווילן בויען און אים אויך געזאָגט צוליב וואָס ער איז געקומען.

— כ׳האָב טאַקע געהערט, אַז איר בויט אַ באָזשניצע. וואָס עפּעס פלוצעם? איר ווילט אפשר מאַכן פון אונדזער דאַרף אַ שטאָט? — איז ס׳פּנים ביים פריץ ווי פאַרכמורעט געוואָרן.

— ס׳איז נישט פלוצעם. און מיר זיינען נישט די ערשטע — האָט בער זיך ווי פאַרענטפערט און פאַרן פריץ אויסגערעכנט די נעמען פון עטלעכע דערפער, וואו יידן האָבן אין די לעצטע יאָרן אויפגעבויט קלויזן.

— כ׳האָב טאַקע געהערט. עס ווערן וואָס־אַמאָל מער יידן אין די דערפער. די יידן און רוטענער מערן זיך, אָבער נישט די פּאָליאַקן. וויסט איר פאַרוואָס? ווייל אייערע קינדער האַלטן זיך לעבן אייך. אַפילו די אייניקלעך זיינען לעבן אייך — האָט דער אַלטער זאַמויסקי אַ זשמורע־געטאָן די אויגן צו לייבן — אָט האָב איך צוויי זין, איז איינער אין לעמבערג און דער צווייטער אין קראָקאָו. זיי צאַפּן פון מיר געלט און הולטאַיעווען־אַרום. אין דערהיים ווילן זי נישט זיין. דער יינגערער וויסט דאָך אַפילו נישט דעם חילוק פון ווייץ ביז קאָרן.

— מיר האָבן געוואָלט נאָך פאַר שניט מאַכן אין די גריבער די ציגל, אויב דער פאָן וועט דערלויבן. אַזוי איז עס: וואָס עפּעס, גייט מען צו אונדזער גוטן פריץ — האָט בער זיך גערעדט זיינס.

— אָן אַלטן גוטן־פריינד זאָג איך קיינמאָל נישט אָפּ. וועט, הייסט עס, זיין אין דאָרף אַ געבעט־הויז פאַר יידן, אַ קלויסטער פאַר די רו־טענער און פאַר די פּאָליאַקן אַ פייג! — זיינען ביים דעם פּריץ די גע־דיכט־פּאַרוואַקסענע ברעמען ווי צעניפגעצויגן געוואָרן.

— דער יאַסנע פּאַן זאָל נאָר וועלן וואָלט מען דאָ איינס און צוויי אויסגעבויט אַ קאַסציאָל פאַר די פּאָליאַקן — האָט לייב אַריינגעוואָרפן די עטלעכע ווערטער און זיך צוגעשאַרט צום זיידן.

— טאַקע גערעכט. מען וואָלט אויפגעבויט. אָבער פאַר וועמען? די עטלעכע פּאָליאַקן צעגייען זיך דאָ ווי זאַלץ אין וואַסער. זיי זיינען נישט ווי איר יידן. זיי מישן זיך אויס מיט די גויים און זייערע קינדער קאָנען דאָך נישט קיין איין וואָרט פּויליש. פאַר וועמען זאָל מען בויען? פאַר מיינע זינדלעך די דראַבעס, וואָס האָבן שוין זיכער אַפילו דעם פאַ־ציערזש פאַרגעסן. אַפילו אויף „וויעלקאַנאָץ" זיינען זיי דאָס יאָר נישט אַהיימגעקומען.

— אָבער דעם פּאַנס זין זיינען דאָך טאַקע אמתע פּאָליאַקן און נישט ווי די היגע — איז בער אים אַריינגעפאַלן אין די רייד.

— מיינע זין דאַרפן נאַכט־שענקען, בעלער און אויסגעלאַסענע פרויען, נישט קיין קאַסציאָל — האָט דעם אַלטן זאַמויסקיס פּנים זיך אָנגעצויגן מיט בלוילעכער רויטקייט ווען ער האָט גענומען רעדן וועגן זיינע צוויי יורשים.

— ס'איז טאַקע אַזוי ווי אונדזער ליכטיקער פּריץ זאָגט — האָט בער זיך אַ דריי־געטאָן צו זיין אייניקל און אין דער שטיל צוגעגעבן, אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע.

— נו, בויט אייך דאָרטן וואָס איר ווילט. מאַכט אייך אייערע ציגל און איך וועל נאָך צוגעבן אַ קוויטל אויף עטלעכע פורן האָלץ אויך. איך האָב צו אייך גאָרנישט. איר זענט אָרענטלעכע לייט.

— הערסט כאָטש, לייב. כ'האָב אָבער געזאָגט, אַז אונדזער גוטער פּאַן וועט אונדז נישט אָוועקשיקן מיט ליידיקן — האָט בער איצט אונ־טערגעטראָגן דעם פּריץ זיין ביינערן טאַבאַק־פּושקעלע און אים גע־דאַנקט און געדאַנקט.

דער אַלטער זאַמויסקי האָט אַ שווערער זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע, אַריינגערוקט אין זיין גרויסער נאָז אַ בערגל פון בערס גרינעם רוסישן טאַבאַק און גענומען ניסן מיט אַזאַ גבורה, אַז דער הענג־לאָמפּ האָט אַזש אַ ציטער געטאָן.

— אַזוי, אַזוי, איר וועט דאָ אויסבויען אַ באָזשניצע און איר און אייערע קינדס־קינדער וועלן שוין דאָ בלייבן אויף אייביק. דער קייזער פראַנץ יאָזעף האָט אַ סך יידן געמאַכט פאַרגעסן, אַז זיי זיינען דאָ אין דער

פרעמד — איז דער פריץ געבליבן שטיין צווישן בערן און לייבן אַ פֿאַר־טראַכטער — אַ סך פון אונדזערע פֿאַרגעסן עס אויך. כ׳געדענק מיין טאַטע פלעגט זאָגן, אַז מיט אונדז פֿאַליאַקן האָט געטראָפן דאָסזעלבע וואָס מיט די יידן. מיר זיינען געבליבן אָן אַ פֿאָטערלאַנד און זיי זיינען גע־בליבן אָן אַ פֿאָטערלאַנד. מיר האָפן און וואַרטן אויף דערלייזונג, און זיי האָפן און וואַרטן אויף דערלייזונג. מען פֿאַרגעסט אָבער.

— יידן קאָנען נישט פֿאַרגעסן — האָט בער אין זיין פויליש גע־בומען געבן צו פֿאַרשטיין דעם פריץ אַ פּאָר פּסוקים פון דער שמונה־עשׂרה און פֿאַר אים צעקייט דעם געדאַנק, אַז יידן בעטן ביי גאָט דריי מאָל אַ טאָג, אַז ער זאָל זיי צוריקברענגען צו זייער לאַנד.

עס איז לייבן נישט איינגעגאַנגען דער שמועס צווישן פריץ און זיין זיידן. ער האָט זיי איבערגעשלאָגן אין מיטן און אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם פריצס אַ קראַנק רייט־פערד. לייב האָט זיך געוואָלט אונטער־נעמען היילן דאָס פערד, וואָס האָט אָן אויסגעדאַרטס, מיט אַ צעיאַטער־טער און אויסגעקראַכענער פעל, מיט נאָך נבֿלות, זיך אַרומגעבלאָנקעט הינטערן הויף.

דער אַלטער זאַמויסקי האָט מיטאַמאָל אויפגעלעבט.

— נאָר אַ כּישוף איז מיר אָפּגעטאָן געוואָרן מיט דעם פערד. עס איז דאָך ערשט שיין געווען ווי אַ געמעל. מען האָט זיך געקאָנט אָנ־שפּיגלען אין זיין שוואַרצער פעל. און מיטאַמאָל איז עס באַשלאָגן גע־וואָרן מיט אייטערדיקע וואונדן און מען קאָן עס נישט אויסהיילן. מען דאַרף עס שיסן און באַגראָבן מיט דער פעל. איך האָב אָבער נישט ס׳האַרץ. געווען מיין בעסט רייט־פערד.

— אַ שאָד צו שיסן אַזאַ פערד. מען וואָלט עס אפשר נאָך געקאָנט אויסהיילן. כ׳האָב איצט אַ נייע זאַלב. דערצו וואָלט מען באַדאַרפט וואַשן זיין פעל מיט וואַסער פון אויסגעקאָכטע בלעטער טיטון — האָט לייב זיך אָנגעבאָטן צו באַווייזן וואָס ער קאָן.

— קיין זאַך וואָלט מיר נישט געווען צו־טייער ווען מען זאָל דאָס פערד קאָנען אויסהיילן. איך וואָלט געגעבן אַלץ אין דער וועלט ווען מען זאָל אויף דעם פערד ווידער אַרויפציען זיין אַמאָליקע סאַמעטענע פעל — האָט דער פריץ שיר ניט אַרומגעכאַפּט לייבן. ער האָט אים גוט־ברודעריש געקלאַפּט אין פּלייצע און אים מיטן זיידן אַרויסבאַגלייט אויף דער אַנדערער זייט טיר.

* * *

דעמזעלבן טאָג נאָך האָט לייב אויך געלאָזט וויסן דעם גלח פון דאָרף, אַז מען וועט אין יאַנאָוויץ בויען אַ קלויז.

ווי נאָר ער איז מיטן זיידן אַהיימגעקומען פון דעם פריץ איז מען אים געקומען רופן, אַז ער זאָל גיין ראַטעווען דעם גלחס אַ קו, וואָס מען האָט אַהיימגעבראַכט פון דער פּאַשע אָן אויפגעבלאָזענע ווי אַ באַרג.

— זאָלסט דאָרט דעם גלח זאָגן, אַז איך האָב אים געבעטן נאָך דעם זונטיק צו האַלאַסעווען אין קלויסטער וועגן דער קלויז. מעגסט אים דערמאָנען, אַז מיר האָבן אַלע געגעבן געלט און געהילץ ווען מ׳האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק איבערגעבויט דעם קלויסטער. דאַרפסט זיך פאַר אים נישט שעמען. זאָג אים דאָרט, אַז מ׳וויל נישט גאָרנישט פון די ערלים. מ׳דאַרף נישט זייער צושטייער. זאָל ער נאָר אין זיי אַריינ־רעדן און זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז די קלויז דאַרף געשאָנעוועט ווערן ווי להבדיל דער קלויסטער. ער איז דאָך זייער פאַסטעך און ער קאָן ביי זיי אויספירן וואָס ער וויל נאָר — האָט בער אים אָנגעזאָגט וואָס צו רעדן מיטן גלח.

ווען לייב איז צוגעקומען צום טויער פון דעם גלחס פאַראַפּיע מיט זיין קעסטל דאָקטאָר־געצייג זיינען צוויי גרויסע געלע הינט אים אַנט־קעגן־געלאָפן מיט אַ האַווקען. דער גלח, אַ דיקלעכער, מיט אַן אויס־געגאָלט קיילעכדיק פּנים, אָנגעטאָן אין אַ פּיצל יאַרמולקע, האָט זיך באַוויזן. ער איז אָנגעקומען פון זיינע בינשטאָקן, וואָס זיינען געווען אין גאָרטן ביט ווייט פון דער שטאָל. ער האָט אַריבערגערופן צו דער די־נערשאַפט, וואָס האָט געאַרבעט אויפן הויף, אַז עס זאָל ווער פון זיי גיין איינשטילן די הינט.

פלוצעם איז פיליפּאַ ווי אַ ווינט אָנגעפלויגן פונעם גאָרטן. זי האָט אַ רירעוודיקע אָנגעכאַפּט ביידע הינט פאַר די לעדערנע קעלנער און מיט זיי געבליבן שטיין פאַר לייבן.

— נאַרישע הינט! ווען אַ גנב קומט ביינאַכט, שלאָפן זיי, און איינ־מיטן העלן טאָג רייסן זיי זיך אָפּ אויף יעדן שכן. ווי נאָר איך האָב דיך דערזען בין איך באַלד געלאָפן — האָט זי גוטמוטיק געשמייכלט.

— איך האָב נישט געוואוסט, אַז דו אַרבעטסט בים גלח — איז לייב געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט געקוקט אויף פיליפּאַן וואָס איז געשטאַנען צווישן די צוויי צערייצטע הינט, אַ פאַרפלאַמטע מיט אַ זוניקער ליכטיקייט אין אירע אויגן, און עס איז אים איצט פאָרגעקומען, אַז זי איז געוואָרן שענער און שלאַנקער.

— פיר אָוועק די הינט און בינד זיי אָן אויף די קייטן — האָט דער גלח צו איר אַריבערגעשריגן.

פיליפּאַ האָט זיך אָבער אַזוי גיך נישט געקאָנט אָוועקרייסן פון לייבן.

— איך האָב נישט לאַנג צוריק זיך ספּאָוויעדעט פאַרן גלח און איך האָב אים אַלץ דערציילט. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט דיך קאָנען אַרויסרייסן פון מיין האַרץ. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ס׳האַרץ רעדט זיך זיינס, כאָטש נעם און מאַך זיך דעם טויט — האָט זי אין איין אָטעם אַרויסגערעדט די ווערטער און ערשט דערנאָך אָוועקגעשלעפּט די האַווקענדיקע הינט, וואָס האָבן זיך נאָר געריסן צו לייבן.

די אומגעריכטע באַגעגעניש מיט פיליפּאַן און אירע רייד האָבן אים

צערודערט. עס איז אים ביז איצט גאַרנישט איינגעפאַלן, אַז פּיליפּאַ, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו גיין אין קלויסטער, קאָן נאָך פאַרן גלח, אַלץ אויסדערציילן.

דער גלח האָט זיך צוגעלאָזט צו לייבן און נאָך פון דערווייטנס אים אָנגעזאָגט, אַז עס איז דער קו שוין בעסער.

— זי האָט אין זיך שלעכט בלוט, די קו מיינע — האָט דער גלח ווי פאַר זיך גערעדט און אַוועקגעפירט לייבן צו דער שטאַל. אין גאַנג האָבן זיי ביידע אַריבערגעקוקט צו פּיליפּאַן, וואָס האָט מיט הויכע קולות איינגעשטילט די בייזע הינט און זיי אָנגעבונדן אויף די קייטן. לייב האָט גייענדיק לעבן גלח געמיינט, אַז ער וועט אים באַלד אָנהייבן זאָגן מוסר און ער האָט דערפילט, אַז עס איז אים עפּעס ווי ענג געוואָרן אין האַלדז.

— איך זאָג, די קו האָט אין זיך אַזאַ אומריין בלוט. מיט אַ יאָר צוריק האָט זי זיך אויך אָנגעבלאָזן ווי אַ באַרג. ביסט דעמאָלט געקומען מיטן זיידן.

— זי האָט זיכער געכאַפּט אַ שלעכט גרעזל — האָט לייב פריער אָפּגעאָטעמט. ער איז גיך צוגעגאַנגען צו דער בהמה, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און עטלעכע שכנים האָבן זיך גע־דרייט אַרום איר. דעם גלחס האַרבאַטער דינער מאַטרעפּאַן, וואָס האָט מיט אַ וויכעטש שטרוי געריבן די באַקעס פון דער קו, איז אָפּגעטראָטן אין אַ זייט און לייב האָט ווי אַ דאָקטאָר זי גענומען באַטראַכטן. ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו איר מאָרדע, צו די נאָזלעכער, ער האָט אויס־געטאַפּט אירע זייטן און דערנאָך זיך גענומען צו זיין דאָקטאָר־געצייג.

— מ׳עט איר נאָר אַ שלאָג־טאָן צו דעם אָדער, וועט איר בעסער ווערן. — ער האָט גערעדט צו די שכנים און פון דער זייט אַריבערגע־קוקט צום גלח.

— אַנדערע בהמות וועלן צו דעם שלעכטן גראָז זיך אַפילו נישט צורירן, מעג עס זיי ווי פאַרשמעקן. נישט אַנדערש, נאָר זיי פילן, אַז פאַר נאָכגעבן זיך אַ גלוסטונג מוז מען דערפאַר דערנאָך אָפּקומען. ס׳איז אַזאַ בלוט. ווי ווייט איז דען דער אונטערשיד פון דער בהמה ביז צום מענטש — האָט דער גלח אָפּגעזיפצט.

אַ פאַר שכנים, וואָס האָבן נישט לאַנג צוריק פאַרן גלח זיך מתוודה געווען, האָבן געבויגן די קעפּ צו דער ערד. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס דערמאָנט ער זיי אָן זייערע זינד און זיי האָבן איינציקווייז זיך אַוועק־געשאַרט. לייב האָט זיך געמאַכט, גלייך ווי ער האָט גאַרנישט געהערט. ער האָט מיט דער הילף פון דעם האַרבאַטש, מיט אַ שטריקל אָנגע־שפּאַנט דער קוס האַלדז. ער האָט צו אַ גראָבן אָדער צוגעלייגט אַ פאַרשפּיצט קלינגל און דערויף פלינק אַ שלאָג געטאָן מיט אַ הילצערן העמערל. די בהמה האָט אַ ציטער געטאָן און ס׳בלוט האָט אין אַ שוואַרצן דינעם בויגן אַ שטראָם געטאָן פון איר האַלדז. לייב האָט מיט שפּייעכץ באַנעצט אַ נאָגל פון זיינעם אַ גראָבן פינגער און אויף אים

עטלעכע מאָל אויפגעכאַפּט אַ טראָפּן בלוט. ערשט ווען ער האָט געזען אַז דאָס בלוט, וואָס איז פון אָנהייב געווען שוואַרץ, האָט זיך אויפן נאָגל געוויזן העל־רויט, האָט ער עס פאַרהאַמעוועט.

— מאָרגן אינדערפרי מעג זי שוין ווידער גיין זיך פּאַשען — האָט ער דערנאָך געהייסן דעם האַרבאַטש אַריינפירן די קו אין שטאַל אַריין.

— דער מענטש איז פונקט ווי די חיה פול מיט גלוסטונגען. גאָט האָט אים אָבער געגעבן דעם שכל, אַז ער זאָל פאַרשטיין וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. ווען די קאַטשקעס וועלן פאַרנאַכט אַהיימ־קומען פון וואַסער וועל איך די פעטסטע פון זיי הייסן אָוועקטראָגן צו אייך אין שטוב אַריין — איז דער גלח געבליבן שטיין לעבן לייבן ווען ער האָט גענומען צונויפלייגן זיין דאָקטאָר־געצייג.

— מ׳דאַרף נישט — האָט לייב אָפּגעווענדט.

— ביסט פונקט ווי דיין זיידע. ערשט פאַראַיאָרן ווען ער איז דאָ געווען האָב איך אים קוים איינגעבעטן, אַז ער זאָל אַהיימנעמען אַ האָן אויף שבת. איך ווייס גאָרנישט וואָס מיר וואָלטן דאָ אין דאָרף געטאָן אָן אַזעלכע מענטשן ווי איר. וואָס טוט ער עפּעס, דער זיידע? שוין לאַנג נישט גענומען ביי אים קייך רוסישן שמעק טאַבאַק — האָבן זיך באַוויזן צוויי ווייבערישע חן־גריבלעך אויפן גלחס גוטמוטיקן רונדן פּנים.

לייב האָט גענומען רעדן מיטן גלח וועגן דער קלויז, און ער האָט אים איבערגעגעבן וואָס דער זיידע האָט צו אים באַפוילן.

— איך האָב נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק געהערט וועגן דעם. איך האָב דיין זיידן שוין לאַנג געזאָגט, אַז איר דאַרפט דאָ האָבן אַ געבעט־הויז. עס זיינען אין יאַנאָוויץ און אויף דער טאַטאַרשטשינע דאָ גענוג יידן. ניט איין יידיש קינד גייט איבער ס׳האַרץ ווען ס׳שטעלט זיך אָפּ אַריינקוקן אין אונדזער צערקווע — האָט דער גלח גערעדט צו לייבן פאַר־טרוילעך און צוגעזאָגט, אַז ער וועט זונטיק אין קלויסטער רעדן וועגן דער קלויז צי דער דאָרפישער הראָמאַדע. פאַרן אָפּגעזעגענען זיך מיט לייבן האָט ער אים אויך געגעבן אָנצוהערן אַז ס׳וואָלט גוט געווען, אַז מען זאָל די קלויז בויען אַ נידריקע, ווי אַ פּשוטע שטוב, אַזוי אַז זי זאָל נישט אויפרייסן די אויגן פון די גויאישע דאָרפסלייט.

זונטיק ביטאָג האָט מען שוין אַפילו אויפן צווייטן דאָרף געוואוסט, אַז די יאַנאָוויצער יידן נעמען זיך בויען אַ קלויז. די עלטערע גויים האָבן יענעם ביטאָג זיצנדיק אויף זייערע פריזבעס און אויף די שטיי־נער פאַרן געמיינדע־הויז גערעדט וועגן דעם. זיי האָבן נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל איבערדערציילט, אַז דער גלח האָט געלויבט די יידן פון דאָרף, אַז ער האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז זיי זיינען ערלעכע און אַרבעטזאַמע מענטשן. אויך דאָס גויאישע יונגוואַרג, וואָס איז זונטיק נאָך וואַרעמעס, מיט אויסגעצוואָגענע קעפּ און אָפּגעוואַשענע פיס, אַרויס אויף דער דאָלינע צום טאַנץ, האָט גערעדט וועגן דער קלויז. מען האָט

איינס ס׳אַנדערע איבערגעגעבן, אַז דער גלח האָט אָנגעזאָגט, אַז מען וועט ניט טאָרן וואַרפן קיין שטיינער אויף דער יידישער שקאָלע, וואָס מען גייט בויען און אַז מען זאָל זיך נישט דערוועגן נאָכצוקרימען די יידן ווען זיי וועלן דאָרט דאַוונען, ווייל עס וועט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ זינד.

מען האָט זיך געגרייט אײַנמיטן וואָך צונויפצורופן די יידן פון יאַ־נאָוויץ און פון די אַרומיקע דערפער, צו מאַכן די ציגל. לייבס מאַמע, כאַמוישעכע די שענקעריך, האָט צוגעזאָגט צו שטעלן פאַר די יידן אַ טאָפּ ביינציקער בראָנפן און צו באַקן קנישעס. ריווע, ווידער, האָט זיך אונטער־גענומען אָפּצוקאָכן עטלעכע שאָק הרעטשענע וואַרעניקעס מיט קעז און אַ זאַקרישקע־באָרשטש אונטערגעשלאָגן מיט קאַטשענע אייער פאַר אַלע, וואָס וועלן קומען צו דער טאָליקע מאַכן די ציגל.

ניט נאָר יידן, נאָר אויך גויאישע שכנים האָבן זיך געגרייט צו קומען צו דער טאָליקע.

פלוצעם איז אָבער מיט אַ טאָג פריער דער אַלטער פריץ זאַמויסקי געשטאָרבן און ס׳גאַנצע דאָרף האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

* * *

דער אַלטער פריץ איז גאָרנישט קראַנק געווען. מאַנטיק פרי, דעמזעלבן טאָג וואָס ער איז געשטאָרבן, האָט ער נאָך געשיקט זיין עקאָנאָם, אַז ער זאָל אים ברענגען אַ שיקסל פון דאָרף אויף צו ראַמען זיינע שטיבער.

דער עקאָנאָם איז יענעם פאַרטאָג צוגעריטן צו אַ גויאיש שטיבל און פון פערד־אַראָפּ אַריינגעשריגן אין דער אָפענער טיר, אַזוי אַז אַ סך שכנים האָבן געקאָנט הערן: — „העי, וואַרוואַרע, שיק דיין שטעפּקאַ אין הויף אַריין אויפצוראַמען די פּאָקאָיעס!"

וואַרוואַרע, די מאַמע פון דער פופצן־יאָריקער שיינער שטעפקאַ, האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס אַזאַ רופן אין הויף אַריין מיינט און ס׳האַרץ איז איר איינגעפאַלן. מיט יאָרן צוריק, נאָך איידער זי האָט חתונה גע־האַט, ווען זי איז געווען יונג און געהאַט איר טאָכטערס געטאָקטע גליי־דער און איר לויטער ראָזעווע פנים, האָט זי אויך געראַמט אין הויף די פּאָקאָיעס. דער פּאַן זאַמויסקי, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַן אלמן, האָט אויך נאָך איר געשיקט אַ דינער פון הויף און ווען זי איז געקומען צוגיין האָט ער זי פאַרהאַלטן ביי זיך אין שלאָף־צימער. זי האָט זיך דעמאָלט נאָך איבערגענומען, וואָס פון אַזוי פיל דאָרפסמיידלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף זיינע פעלדער האָט ער גראָד זי אויסגעקליבן. פונקט ווי אויף איר, האָט איצט, מיט יאָרן שפּעטער, דער פריץ פון זיין פערד־אַראָפּ געוואָרפן אַן אויג אויף איר עלטסטער טאָכטער, וואָס האָט ערשט אין פרילינג אָנגעהייבן אַרבעטן אויף זיינע לאַנעס צווישן די גרויסע. זי האָט גוט געוואוסט צוליב וואָס מען רופט איר טעכטערל אין הויף אַריין.

זי האָט אָבער אויך ניט פאַרגעסן, אַז איר מאַן איז אַ פוילער און אַ שיכּור, און אַז חוץ שטעפּקאַן שלאָפן אויפן אויוון אירע פיר קלענערע קינדער, הונגעריקע און אָפּגעריסענע.

וואַרוואַראַ האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד אויפגעוועקט איר טאָכטער, וואָס האָט אין אירע אויגן נאָך אויסגעזען ווי אַ קינד. זי האָט איר געהאָלפן אויספלעכטן די בלאָנדלעכע גראָבע צעפּ, וואָס שטעפּקאָ האָט זיי ליב געהאַט צונויפצולייגן ווי אַ קיישל און זי האָט מיט אַ שווער געמיט זי אַרויסגעפירט ביז אויפן וועג אַרויס.

ווען שטעפּקאָ איז אין יענעם פרימאָרגן אָנגעקומען אין הויף אַריין האָט דער עקאָנאָם זי גלייך אַריינגעפירט צום פּריץ, וואָס איז נאָך געלעגן אין בעט, און ער האָט זי דאָרטן איבערגעלאָזט. די פאַרהאַנגען פון די פענצטער זיינען דאָרט נאָך געווען אַראָפּגעלאָזט. עס האָט אין דעם שלאָף־צימער נאָך געהויערט די טונקלקייט פון דער נאַכט. שמאָלע גרויע פּאַסן ליכט האָבן זיך געריסן פון שפּאַרעס אַרום די פענצטער און זיך געשפּרייט ביים פּריץ צוקאָפּנס. ווען דער עקאָנאָם איז אַרויס און הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר האָט דער פּריץ זיך אויפגעזעצט. איין אויג האָט ער אַביסל פאַרצויגן און מיט דעם צווייטן, וואָס האָט זיך ביי אים געצונדן ווי ביי אַ קאָטער ביינאַכט, האָט ער גענומען באַטראַכטן שטעפּקאַן, וועלכע איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. ער האָט אַ הייזעריקלעכער אין אַ שטרענגען טאָן זי געהייסן צוקומען נעענטער און ער האָט זי גענומען אויספרעגן ווי זי הייסט און ווי אַלט זי איז. דאָס שיקסל האָט אַ צעשראָקענע אין דער שטיל אים געענטפערט און מיט ניט זיכערע באָרוועסע טריט זיך גענומען שאַרן צו די פאַרהאַנגענע פענצטער.

— קום נעענטער, נעענטער — האָט ער מיט אַ פינגער זי גערופן און זי איז אַ געהאָרכזאַמע צוגעגאַנגען ביז צום בעט — זעסט כאָטש ווי אַלץ איז דאָ אָנגעוואָרפן. אַזוי איז עס, אַז קיין באַלעבאָסטע איז נישטאָ. אויב דו וועסט פאָלגן דעם פּאַן און וועסט דיך נישט פוילן וועסטו קומען אַ פּאָר מאָל אין וואָך דאָ אויפראַמען. וועסט פאַרדינען מער ווי פאַר אַרבעטן אין פעלד. דו הערסט וואָס מען רעדט צו דיר? — איז זיין טאָן באַלד געוואָרן מילדער.

— איך הער — האָט די יונגינקע שטעפּקאָ געענטפערט און אויסגעמיטן צו קוקן אויף זיין פּנים, אויף זיין בלוילעכער גרויסער נאָז מיט די בראָדעווקעס.

— ווי גיך דו ביסט עס אויסגעוואַקסן! איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין כאָטש זיבעצן — האָט ער זי אָנגענומען ביי אַ האַנט, זי אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און זי געפרעגט ווי אַלט זי איז.

— די מאַמע זאָגט, אַז איך בין צו גרין־חגא געוואָרן פופצן. אָבער ראַמען קאָן איך — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט און אַ צעטומלטע געקוקט צו דער פאַרמאַכטער טיר און צו די פאַרהאַנגענע פענצטער. זי האָט זיך

געוואָלט אויפשטעלן, דער פריץ האָט אָבער שווער אָוועקגעלייגט זיין האַנט אויף איר שויס און זי איז געבליבן זיצן.

— אַרבעטן דאַרף מען דאָ נישט אַזוי שווער ווי אין פעלד. מען מוז אָבער טאָן אַלץ וואָס דער פּאַן הייסט — איז ער זיך מיטאַמאָל פאַרגאַנגען אין אַ דריבנע געלעכטערל און זיך צו איר נעענטער צוגעבויגן.

שטעפּקאָ האָט אָוועקגעדרייט איר פּנים און פאַרצויגן אירע אויגן. דער אַלטער פריץ האָט זיך ווי געגומען שפּילן מיט דער רויטער טאַשמע מיט וועלכער איר העמד איז געווען פאַרצויגן אַרום איר האַלדז. ער האָט די טאַשמע אויפגעלאָזט און מיט ציטערדיקע הענט זיך צוגערירט צו איר אָפּגעדעקטן לייב.

— איך וועל אויפראַמען — האָט שטעפּקאָ אַ שעמעוודיקע זיך גע־וואָלט באַפרייען פון זיינע הענט. ער האָט אָבער מיט גבורה זי געהאַלטן איינגעקלעמט און זי האָט זיך נישט געקאָנט קיין ריר טאָן. זי האָט פון שאַנד מיט אַ האַנט זיך פאַרשטעלט ס׳פּנים, וואָס איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ פערלדיקן שוויס.

— מען דאַרף פאָלגן דעם פּאַן. מען האָט דיר געזאָגט, אַז איך בין אַ בייזער און אַ שלעכטער. אָה, דאָס איז נישט אמת. מען דאַרף מיך נאָר פאָלגן. דו וועסט זען ווי גוט איך וועל זיין צו דיר. און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט כאָטש זיבעצן — האָט ער גערעדט צו איר און שווער געאָטעמט. ער האָט מיט כּוח זי אַ ריס־געטאָן צו זיך און זי האָט זיך אויפגעהערט ווערן. זי האָט נאָר מיט אַ האַנט געהאַלטן פאַר־שטעלט די אויגן און געבליבן ליגן אַ מאַכטלאָזע, אָן אָפּגעגאָסענע מיט שוויס. עס איז איר נאָר פאַרגעקומען, אַז זי איז אין פעלד און אַ וויל־דער שטיר גייט אויף איר מיט זיינע הערנער. דערנאָך איז זי ווי פאַר־פאַלן געוואָרן אין הינטער־פּלעט און זי האָט מער נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט איר.

— די פּאָדלאָגע דאַרף דאָ אויך געוואַשן ווערן. אַלץ דאַרף דאָ ווערן אָפּגעשטויבט און אָפּגעפּוצט. דו הערסט? — האָט זי דערנאָך ווען זי איז צו זיך געקומען, ווידער דערהערט דעם פּאַנס שטרענגע רייד. זי האָט ווי אָן אויפגעוועקטע פון שלאָף, אויפגעמאַכט די אויגן און אַראָפּ פון בעט. זי האָט ווי אַראָפּגעשלונגען דאָס געוויין, וואָס האָט זיך גע־ריסן פון איר, זיך צורעכט־געמאַכט ס׳העמד, ס׳קליידל, זיך אויסגעגלעט די האָר און אָן אונטערטעניקע געענטפערט, אַז זי הערט וואָס דער פּאַן רעדט צו איר.

שטעפּקאָ איז געווען ביים פריץ אינדערפרי און עטלעכע שעה שפּע־טער האָט מען שוין געהערט, אַז ער איז אַוועקגעפאַלן פון אַ האַרץ־שלאַג און אַז ער האַלט ביים שטאַרבן. מען איז געפאָרן נאָכן פעלדשער און מען האָט אויך אַרויסגעשיקט אַ בריטשקע אין דער ווייטער שטאָט נאָכן דאָקטאָר. דער פריץ איז אָבער אויסגעגאַנגען נאָך איידער דער פעלד־שער פון דעם נאָענטן שטעטל איז געקומען.

די אַרבעט אויפן הויף און אויפן דאָרף האָט זיך אינגאַנצן אָפּגע־שטעלט. נאָך דעמזעלבן טאָג, וואָס דער פּריץ זאַמויסקי איז געשטאָרבן, האָבן זיך אָנגעהייבן צונויפצופאָרן פּריצים פון די שכנישע דערפער. מען האָט געבראַכט צוויי פּוילישע גלחים, און אין די פּאָר טעג, וואָס מען האָט געוואַרט אויף זאַמויסקיס צוויי זינדלעך, איז ס'גאַנצע דאָרף געגאַנגען אין הויף אַריין זיך אָפּגעזעגענען מיטן פּריץ.

קינד־און־קייט זיינען אַרויס צום וועג ווען מען האָט אין אַ שוואַר־צער ברישקע מיט פיר פערד אַרויסגעפירט דעם פּאַן זאַמויסקי פון דאָרף.

— ער האָט געמיינט, אַז ער וועט מיטנעמען זיין פאַרמעגן מיט זיך. אַז פאַרפוילט זאָלן ווערן זיינע ביינער.

— קיין איין זינד זאָל אים נישט פאַרגעבן ווערן. אויפעסן זאָלן אים די ווערעם, נאָך איידער די זון וועט פאַרגיין — האָבן גויים אין דער שטיל אים נאָכגעשיקט קללות. געווען אָבער געגנוג פּויערים און פּויער־טעס, וואָס האָבן עפּעס פרום געמורמלט און מיט געבויגענע קעפּ און פאַרטרערטע אויגן אַרויסבאַגלייט זייער פּאַן ביז נאָך דער מיל.

אין די טומלדיקע פּאָר טעג איז דערווייל אין הויף פאָרגעקומען אַ גנבה.

באַלד נאָך דער לויה האָט זיך צעטראָגן איבערן דאָרף די נייס, אַז מען האָט פון דעם פּריצס פּייערקאַסע אַרויסגעגנבעט אַ זעקל מיט פינף הונדערט זילבערנע רייניש. מען האָט וועגן דער גנבה געמאָלדן צום וואָיט, מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון שטאָט עטלעכע זשאַנדאַרן, וואָס האָבן אויסגעפרעגט די דינערשאַפט פון הויף און געמאַכט רעוויזיעס אין דאָרפישע שטיבער. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געפונען.

אַ פּאָר טעג זיינען פאַרגאַנגען און די יידן האָבן אויפסניי זיך גע־נומען גרייטן צו מאַכן די ציגל פאַר דער קלויז. לייב מיט נאָך אַ פּאָר יידן האָבן דערווייל שוין געהאַט אָפּגעלייגט אויפן בערגל עטלעכע וועג־גענער זאַמד און ריזיק־גרויסע שטיינער פאַרן פונדאַמענט פון דער קלויז, וואָס מען האָט שוין אָנגעהייבן גראָבן. מיטאַמאָל זיינען אָבער די זשאַנדאַרן אויך געקומען צו לייבן אין שטוב אַריין מאַכן אַ רעוויזיע.

עס איז געווען אַזוי פּלוצעם, אַז לייב און דער אַלטער בער האָבן נישט געוואוסט וואָס עס איז אויף זיי געפאַלן. די זשאַנדאַרן האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז זיי קומען אין נאָמען פון געזעץ, און זיי האָבן דאָרט דורכגעזוכט אַלע ווינקעלעך. זיי האָבן אויסגעטאַפּט ס'בעטגעוואַנט, גע־שטאָכן מיט זייערע באַגנעטן דעם ערדענעם דיל, געקראָכן אויפן בוידעם, געגראָבן אין קעלער און געזוכט אין שטאַל און אין סטאָדאָלע. ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיטן זוכן, האָבן זיי אין אַ שטרענגן טאָן גענומען אויספרעגן לייבן. עס איז ביי זיי אין די פּראָטאָקאָלן געווען פאַרשריבן, אַז ער איז ניט לאַנג צוריק מיטן זיידן געווען ביי דעם פּאַן זאַמויסקי אין פּאָקאָי, וואו עס שטייט די פּייערקאַסע. זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז

אין דעם טאָג ווען דער פּריץ איז געשטאָרבן, האָט מען לייבן פּאַרנאַכט געזען גיין פון הויף מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס.

— ביסט דעמאָלט נישט געגאַנגען מיטן וועג, נאָר מיט אַ באַהאַל־טענער סטעזשקע צווישן פאַרוואַקסענע גראָזן. דאָס מיינט, אַז דו האָסט זיך געהיט קיינעם נישט צו באַגעגענען. עס זיינען דאָ עדות, וואָס האָבן דיך יענעם פּאַרנאַכט געזען. עס איז אויך ביי אונדז פאַרשריבן, אַז דו האָסט פאַרן זאַמד מיט די שטיינער און פאַר אַנדערע מאַטעריאַלן צום בוי, געצאָלט מיט זילבערנע רייניש — האָבן די זשאַנדאַרן אים גענומען אויפן פאַרהער.

— ווער זיינען די עדות וואָס ווילן מיך מאַכן פאַר אַ גנב? — האָט לייב אַן אומדערשראָקענער געקוקט די זשאַנדאַרן גלייך אין די אויגן אַריין. ער איז געוואָרן אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ס׳איז אים שווער געווען צו ענטפערן צו דער זאַך. עס האָבן אים אָנגעהויבן בייסן זיינע דאָלאָניעס און זיינע הענט מיט די קורצע, דיקע פינגער האָבן זיך געקראַמפּט אין פויסטן.

— אַט האָסטו דיר אַ נייע מעשה. ווי האָט עס גאָר געקאָנט עמעצן איינפאַלן, אַז מירן גיין באַגנבענען דעם פּריץ? — איז דער אַלטער בער געווען אויסער זיך. ער האָט אָבער אַ גוטמוטיקער גערעדט צו די זשאַנ־דאַרן, זיי געזאָגט, אַז יעדער איינער אין דאָרף, דער וואָיט מיטן גלח אַריינגערעכנט, ווייסן, אַז זיי וועלן אַפילו אַ שטרוי ביי קיינעם ניט צונעמען.

— ס׳אַ בלבול. שקר וועט זיך אָבער באַווייזן. דער אמת וועט אַרויס־קומען ווי בוימל אויפן וואַסער — האָט אויך ריווע אַ דערצאָרנטע זיך אַוועקגעשטעלט פאַר די זשאַנדאַרן. אויך די אַלטע שרהלע איז עפּעס מיטאַמאָל ווי אויפגעוועקט געוואָרן. אירע מידע, פאַרצויגענע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און אירע האַלב־אויסגעלאָשענע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך צעגלאַנצט. זי האָט ווי דערשפּירט, אַז עפּעס אַ געפאַר לויערט אויף איר הויזגעזינט.

— שרעק מיך, אָבי שטראָף מיך נישט — האָט זי מורמלנדיק אין דער שטיל אַרויפגעקוקט צו גאָט און זיך געבעטן ביי לייבן, אַז ער זאָל נאָר גיין מיט גוטן און אַז ער זאָל ענטפערן אויף אַלץ, וואָס מען פרעגט אים.

— מיר טוען בלויז אונדזער פליכט — האָבן די זשאַנדאַרן מיט די ביקסן אויף די אַקסלען, אין די גאָלד־געלע טשאַקעס און אין אויס־געגלאַנצטע שטיוול מיט שפּאָרן זיך געהאַלטן שטייף.

לייב האָט אויף אַלץ געענטפערט. ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט מיט זילבער־געלט געצאָלט פאַרן זאַמד, פאַרן שטיין און אויך פאַר ברעטער. ער האָט זיך אָבער געעדותט מיט ריווען, אַז די רייניש האָט ער גענומען פון זיין דרשה־געשאַנק. ער האָט אויך דערציילט די זשאַנ־דאַרן, אַז ער האָט יענעם טאָג, ווען דער פּריץ איז געשטאָרבן, אַנגע־

הויבן היילן זיין קראַנק רייט־פערד, און דערפאַר איז ער געגאַנגען אין הויף אַריין. ווען ער האָט אָבער געדאַרפט ענטפערן, פאַרוואָס ער איז יענעם פאַרנאַכט נישט אַהיימגעגאַנגען מיטן גלייכן וועג, נאָר געקראָכן דורך אַ לאָך אין פאַרקאַן צו דער זייטיקער סטעזשקע, האָט ער ווי גע־נומען דרייען מיט דער צונג.

ער האָט ניט געוואָלט דערציילן, אַז ער האָט יענעם פאַרנאַכט גע־זוכט אויסצומיידן פיליפּאָן, וואָס איז די לעצטע טעג אומגעריכט פאַר אים אויסגעוואַקסן אויף אַלע וועגן. זי האָט אים אַרומגעזוכט ביי טאָג און זי האָט אויף אים ביינאַכט געטשאַטעוועט אין פעלד, הינטער די קופּעס היי. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט זי אויסצומיידן און נישט צו טראַכטן וועגן איר. ווען ער האָט זיך דעמאָלט געלאָזט אַהיימגיין פון הויף, האָט ער פון דערווייטנס זי דערזען שטיין ביים שיידוועג, לעבן הילצערנעם צלם. ער האָט געוואוסט אַז זי וואַרט אויף אים. ער האָט פון דער־ווייטנס זי קוים אָנגעזען, אָבער איר פאַרפלאַמט שיין פנים, ווי ער האָט עס ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געהאָט געזען ביים גלחס טויער, האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר זיינע אויגן. עס האָט אים אַ צי־געטאָן צו איר ווי אַמאָל, ער איז אָבער בייגעקומען אין זיך דעם פאַרלאַנג און מיט גיכע טריט אַוועק אַהיים מיט דער פאַרוואָקסענער סטעזשקע.

די זשאַנדאַרן האָבן אים לאַנג אויסגעפרעגט און אַלץ פאַרשריבן. דערנאָך האָבן זיי אויך געמאַכט רעוויזיעס ביי חיים משהן אין שענק און אין נאָך יידישע שטיבער. זיי האָבן אָבער ניט געפונען קיין שום שפּור צו דער גנבה. די גויים האָבן פון די גערטנער און פון הינטער די פּלויטן נאָכגעקוקט די זשאַנדאַרן און עס האָט זיך באַלד צעטראָגן די נייס, אַז לייב האָט באַגנבעט דעם פּריץ זאַמויסקיס פייער־קאַסע.

— עס איז נישט נאָר לייב. אַלע יידן פון דאָרף זיינען זיכער פאַר־מישט אין דער גנבה.

— זיי וועלן פאַר די זילבערנע רייניגלעך בויען די שקאָלע.

— וואו האָבן זיי עס אָבער געקאָנט באַהאַלטן? די זשאַנדאַרן זוכן און זוכן און גייען אַוועק מיט גאָרנישט — האָבן גויאישע דאָרפסלייט צווישן זיך גערעדט אין דער שטיל.

לייב האָט אין זיך איינגעהאַלטן דעם כעס און כלומרשט געשפּאַסט מיט די שכנים: — ווייסט איר כאַטש וואָס איך האָב געטאָן מיט די זילבערנע רייגישן? כ'האָב זיי ווי בולבעס פאַרזעצט אין גאָרטן, און זאָל נאָר זיין געבוג רעגן וועל איך אין אָסיען האָבן פולע זעק מיט זילבער־געלט...

קאַפּיטל פינף

עס זייַנען אונטערגעקומען די פריילעכע טעג פון שניט. דאָס קלינגען פון קאָסעס און סערפּעס און דאָס געזאַנג פון די שניטער האָט זיך גענומען טראָגן איבער פעלד און דאָרף.

לייבן און דער גאַנצער משפחה איז אָבער די פרייד פון שניט ניט איינגעגאַנגען.

דאָס אָפּגערייניקטע בערגל, וואו מען האָט געזאָלט בויען די קלויז, האָט אָנגעהויבן ווידער פאַרוואַקסן ווערן מיט ווילדע גראָז, די רעגנס האָבן צוגעפּלעטשט די קופּע זאַמד און די אָנגעפירטע שטיינער האָבן פון זיך אַליין ביסלעכווייז זיך גענומען איינגראָבן אין דער ערד. מען האָט אין יענע טעג, אין פעלד, אין דאָרף און אַפילו אויף די שטאָטישע יאַרידים געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דער גנבה. מען האָט פון הויף אונטערגעשיקט שלוחים צו לייבן, צום אַלטן בער און זיי געוואָרנט, אַז זיי זאָלן בעסער מיט גוטן אָפּגעבן דאָס געלט. עס זייַנען אַלע מאָל אַראָפּגעקומען אין דאָרף אַריין אַנדערע זשאַנדאַרן און זיך געדרייט אַרום די שטיבער פון „די לייבן און בערן".

דעם אַלטן זאַמויסקיס צוויי זינדלעך, וואָס זייַנען אַראָפּגעקומען אין דאָרף אַריין ירשנען דעם טאַטן און אויפגעבן דעם פאָלוואַרק, האָבן געהאַלטן אין איין סטראַשען, אַז זיי וועלן נישט נאָר לייבן, נאָר אַלע יאַנאָוויצער יידן פאַרשיקן אין קרימינאַל. זיי האָבן פון די וויטע שטעט געבראַכט אַ שטאַרקע שנאה צו יידן און זיי האָבן דערפון נישט געמאַכט קיין סוד. זיי האָבן די יידן נישט פאַרגונען די פעלדער, וואָס זיי האָבן געהאַט, און עס האָט זיי ווי געשטאָכן אין די אויגן דער שטאָלץ און די גבורה פון „די לייבן און בערן".

— די ערד וואָס זיי האָבען איז דאָך אייערע. זיי זייַנען דאָך געקומען אַהער מיט ליידיקע קאַשיקעס קויפן ביי אייך עטלעכע אייער און אַביסל חזיר־האָר. זיי וועלן אייך נאָך ווי פערד שפּאַנען אין אַקער — האָבן די פּריצישע זינדלעך אָנגערייצט די גויים קעגן די יידן און זיך געהאַלטן אין איין שווערן, אַז זיי וועלן בעסער דאָס זעקל זילבערנע רייניש אַריינוואַרפן אין וואַסער, איידער לאָזן די זשידעס פאַר דעם געלט בויען אַ באָזשניצע.

עס האָבן זיך אָפּגעזוכט עטלעכע גויאישע עדות קעגן לייבן. אויך איז דעם פּריצס פאַרזעסענע שוועסטער געווען זיכער, אַז ער האָט דאָס געלט צוגענומען. די איינגעשרומפּענע פּאַנאַ יאַנינאַ, וואָס האָט געהאַט אַ פּנימל פול מיט קנייטשלעך, ווי אַ געטריקנט באַרל, האָט לייבן אַפילו ניט געזען, ווען ער איז געקומען אין הויף אַריין היילן דעם אַלטן זאַמויסקעס רייטפערד. זי האָט אָבער דורך וואָרפן קאָרטן און דורך כישוף געזוכט צו דערגיין ווער עס האָט דאָס געלט צוגענומען.

די אַלטע מויד, וואָס האָט אַ סך יאָרן זיך אַליין געוואָרפן קאָרטן, האָט נאָך דער גנבה אויף טעג גאַנצע זיך פאַרמאַכט אין איר שטיבל. זי האָט נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל אויסגעלייגט די קאָרטן, זי האָט מיט פאַרשידענע שפּרוכן געוואָרפן אויף דער ערד שוואַרצע און ווייסע פּאַסאַליעס, און אַלע סימנים האָבן אָנגעוויזן אויף לייבן. זי האָט אויך עטלעכע מאָל נאָך האַלבער נאַכט, ווען עס איז געווען שטאַרק פינצטער, אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל אין גאָרטן געזאַמלעט פעדערן פון אַ סאָראָקע־פויגל און געברענט קאָריטעס, וואָס זי האָט אַליין געטריקנט. דער רויך האָט אַלעמאָל זיך געשלענגלט און געצויגן אין דער זייט צום בערגל־צו, וואו מען האָט געזאָלט בויען די קלויז.

ניט נאָר די „לייבן און בערן”, נאָר אויך אַלע אַנדערע יידן פון דאָרף זיינען אויפגערודערט געוואָרן פון דער גנבה. עס איז גראָד אין יענע טעג צו זיי דערגאַנגען די ידיעה, אַז אין אַ צווי דערפער אַרום טשאַרטקאָוו זיינען גויים אין מיטן נאַכט באַפאַלן יידישע הייזער און געשלאָגן און גערויבט. מען האָט דערציילט, אַז די רוטענער זיינען דאָרט אויפגערייצט געוואָרן פון שטאָטישע פּאָליאַקן און די יאַנאָוויצער יידן האָבן מורא געהאַט, אַז דעם אַלטן זאַמויסקיס זין וועלן ביי זיי אין דאָרף נאָך אויך עפּעס אויפבורען.

אַנהייב שניט האָט אויך אַ יידישער וואַנדראָוניק, וועלכער איז גע־קומען ערגעץ פון מערב־גאַליצישע שטעט און דערפער, געבראַכט קיין יאַנאָוויץ אַ מעשה וועגן אַ בלוט־בלבול, וואָס מען האָט געמאַכט אויף אַ יידן אין אַ דאָרף ניט ווייט פון ריישע. דער פרעמדער אָרעמאַן האָט אין אַ פּאַרנאַכט, אַ באָרוועסער, אַ פאַרשטויבטער, ביי לייבס שוועל אַפּגעלייגט פון די פּלייצעס זיין זעקל און זיינע פאַרקוואַרטע שטיוול און איבערגעגעבן אַלץ מיטן אַקוראַט וועגן דעם בלוט־בלבול.

נאָך וועטשערע, איידער ער איז אַוועק צום געלעגער, וואָס לייב האָט פאַר אים אויסגעבעט אין סטאָדאָלע, האָט ער זיצנדיק אין דרויסן אויף דער פריזבע מיט זיפצן דערציילט, אַז ער אַליין איז געווען דערביי, ווען זשאַנדאַרן האָבן דאָרט, אין יענעם דאָרף, דעם שענקער מיט זיין ווייב געקאָוועט אין קייטלעך און זיי אַוועקגעפירט אין קרימינאַל. מען האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי האָבן געקוילעט אַ שיקסל אויף צו נוצן איר בלוט אויף פּסח. עס איז קעגן זיי פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס און אַ פּאָליאַק איז אויפגעטראָטן אַלס עדות. דער פּאָליאַק האָט געשוואוירן, אַז ער האָט אַליין געזען ווי זיי האָבן דאָס שיקסל געקוילעט און דער שענקער מיט זיין ווייב זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. שטאָ־טישע יידן האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט און איינגעלייגט וועלטן צו ראַטעווען דאָס אומשולדיקע פּאָר פאָלק. זיי האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש אין ווין און ניט גערוט ביז דער עדות, דער פּאָליאַק האָט זיך ניט מודה געווען, אַז ער אַליין איז עס דער מערדער און דער שענקער מיט זיין ווייב זיינען באַפרייט געוואָרן.

אין דעם זומערדיקן פאַרנאַכט זייגען אויף דער פּריזבע אַרום דעם אָרעמאַן געזעסן ניט נאָר לייב מיטן זיידן, נאָר זיין טאַטע חיים משה דער שענקער, דער רייכער בונעם מיטן בויך, און אויך דער שטאָטישער תבואה־סוחר גדליה דער געלער, וואָס איז געווען אַן אָריינגייער אין הויף, ווען דער אַלטער זאַמויסקי האָט געלעבט. שפּעטער איז אויך ר׳ וועלוועלע אָנגעקומען מיט די גערטנער. ר׳ וועלוועלע האָט אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן זיך גאַנץ אָפּט געוויזן אין דאָרף, אָבער פון זייט עס איז אויפגעקומען די מעשה מיט דער גנבה אין הויף, איז ער כמעט יעדן טאָג געקומען צו בערן און צו זיין אייניקל לייב.

— געוואַלד, טאַטע זיסער אין הימל! ביז ווי לאַנג וועט נאָך דויערן דער גלות? — איז דער אָנגעשראָקענער חיים משה געוואָרן שטאַרק צערודערט פון דער מעשה וועגן בלוט־בלבול. ער האָט געדרייט אין ציגאַרל נאָכן אַנדערן און זיך געהאַלטן אין איין שאָקלען ווי ביים דאַווענען.

— גוטע צייטן זיך דערלעבט. אַז מ׳קאָן שוין דאָ פונקט ווי ביי פּאַניען אויסטראַכטן, אַז מ׳קוילעט אויף פּסח גויאישע קינדער, איז שוין עק וועלט. די פּוילישע ליאַכעס הייבן שוין ווידער אויף די קעפּ — האָט גדליה דער געלער זיך געלאָזט הערן.

— ס׳גלייבט זיך גאָרנישט. אונדזער קאַיזער זאָל דערלאָזן אַזאַ זאַך — האָט דער אַלטער בער געצויגן מיט די אַקסלען.

— נישטאָ קיין מלך חסד. און דער קאַיזער איז נישט אַזוי שטאַרק געטריי די יידן ווי מ׳האָט זיך איינגערעדט. מ׳הערט זיך גענוג אַן וועגן יידישע צרות — האָט דער אָרעמאַן ניט אויפגעהערט זיפצן.

— ווען האָבן דען יידן נישט געהאַט קיין צרות? און ווען האָבן אויסגעפעלט שונאי ישראל? — האָט ר׳ וועלוועלע זיך אויסגעדרייט צו לייבן, וואָס האָט אַן אומרואיקער געביסן זיין אייבערשטע ליפּ. — מען דאַרף אָבער האָבן בטחון און מ׳דאַרף זיך פאַרלאָזן נאָר אויף דעם מלך עליון, אויף דעם וואָס לעבט אייביק.

— ווען ס׳הייבט אָן בלאָזן אַ ווינטל דאַרף מען זיין זייער געהיט פאַר פייער, ווייל פון דעם קלענסטן פונק קען אויסברעכן אַ גרויסע שרפה. דעם פריצס זינדלעך וועלן אונדז נאָך דאָ אומגליקלעך מאַכן — האָט בונעם, דער איינגעפונדעוועטער דאָרפס־ייד, פון אָנהייב גערעדט פאַרשטעלט. גדליה, דער שטאָטישער תבואה־סוחר, איז אים אַריינגעפאַלן אין די רייד און דערציילט, אַז ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין הויף ביי זאַמויסקיס יורשים.

— זיי זייגען גאָרנישט געראָטן אין זייער טאַטן. ביים אַלטן האָט דאָך אַ ייד געקאָנט עפּעס פאַרדינען, אָבער נישט ביי זיי. אַזעלכע שונאי ישראל איז צו זוכן. דער עלטערער האָט מיך שוין אפשר צען מאָל גע־פרעגט ווי איך הייס און וויפיל מאָל כ׳האָב אים שוין נישט געזאָגט

מיין נאָמען רופט ער מיך נאָר מאַשקאַ. און ווען זיי נעמען רעדן וועגן דער גנבה, ברענען זיי ווי פייער.

דער געלער גדליה האָט דערנאָך ביסלעכווייז געגעבן אָנצוהערן, אַז אין שטאָט רעדט מען, אַז עס וואָלט אפשר געווען גלייכער, אַז מען זאָל די הינטישע צוויי פאַליאַקן צוואוואַרפן אַ ביין און זאָלן זיי זיך מיט אים דערוואַרגן.

— כ׳זאָג אויך אַזוי. מ׳דאַרף ניט אויפרייסן די אויגן, ווייל ס׳קען נאָך אַרויסקומען אַ גרויסע צרה. די שטאָט וואָלט אפשר אויך געגעבן עפּעס צושטייער — האָט בונעם אים צוגעהאָלטן.

— ווילט איר, הייסט עס, אַז מ׳זאָל צונויפּזשעבערעווען אַ זעקל זילבערנע רייניש און איך זאָל עס אַוועקטראָגן צו די פּסיאַקרעווס? איר זענט, הייסט עס, געקומען מיר געבן אַן עצה, אַז איך זאָל קושן זייערע שטיוול און צוגעבן, אַז איך בין אַ גנב? פאַר אַזאַ עצה קומט אייך אַ זעץ אין דער פּלייצע. בעסער וועל איך גיין אויף צען יאָר אין קרימינאַל — איז לייב אויפגעשפּרונגען אַן אָנגעצונדענער.

— זאָלסט אָפּהיטן, טאַטע זיסער אין הימל! — האָט ביי דעם לאַנגן חיים משה געקומען צוקן אַ האַלב פּנים.

— נאָר מיטן אמת. אירט זען דאָס זילבער־געלט ווערט אַרויסקריכן פון אונטער דער ערד און מ׳עט כאַפּן דעם גנב — האָט ר׳ וועלוועלע מיט שטילע גוטע רייד באַרואיקט די אויפגערודערטע געמיטער.

— אַ גוטע קרענק ווערט מען זיי געבן, נישט קיין געלט — האָט לייב געברומט.

די געקייטלטע בערג אַרום דעם דאָרף זיינען שוין געווען ווי צונויפּ־געגאָסן מיט דער טונקעלער בלויקייט פון הימל ווען דער אָרעמאַן איז אַוועק צו זיין געלעגער. גדליה מיט בונעמען האָבן זיך אויפגעהויבן, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט״ און ווי אָפּגעשמיסענע מיט שטילע טריט אַוועק. אויך ר׳ וועלוועלע האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט בערן און מיט לייבן. ער האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדן צו נעכטיקן אין דאָרף און ער איז אַוועק מיט די פינצטערע גערטנער.

* * *

שפּעט אויפדערנאַכט, ווען אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, האָט לייב אָפּגעפּירט זיין טאַטן ביז אין שענק אַריין. ס׳איז געווען זונטיק און די קרעטשמע איז פול געווען מיט גוים. דער טומל און דער ריח פון בראַנפן, הערינג און קנאָבל האָט זיך געטראָגן ביז אויפן וועג אַרויס.

— איי טאַטע זיסער אין הימל, מ׳איז דאָך טאָפּלט אין גלות, אַז מ׳דאַרף אַזוי לעבן צווישן אַזויפיל איוואַנעס און שיכורים. אפשר וועל איך שוין דערמיט אָפּקומען חבוט הקבר — איז חיים משה געבליבן שטיין לעבן דער טיר און געהייסן לייבן זיך אומקערן אהיים. לייב איז אָבער מיט אים אַריין אינעווייניק.

— אַט דאָס הייסט אָנגערויכערט און אָנגעסמערדיעט. מ׳קען דאָך דאָ אויפהענגען אַ האַק אין דער לופטן — האָט לייב ווי צו זיך אַליין געברומט, און ער האָט ביים אַריבערטרעטן די שוועל געלאָזט ווייט אָפן די טיר. די כאַמוישעכע, וואָס האָט אויפן גויאישן שטייגער די פּאַטשיילע אויפן קאָפּ פאַרבונדן פון הינטן, האָט אַ פאַרשוויצטע און אַ פאַרשמייעטע געאַרבעט ביים שענק־טישל. איר טאָכטער רויזע האָט אַ פאַרפלאַמטע, די אַרבל פאַרקאַטשעט ביז צו די עלנבויגנס, געהאַלטן אין איין טראָגן צו די טישן אָנגעגאָסענע קוואַטירלעך און גלעזלעך בראָנפן. זי האָט דערלאַנגט צום פאַרבייסן ווייסע זעמל, קליינע וואורשטלעך און מאַריניִרטע הערינגלעך, וואָס מען האָט גערופן „מאָסקאַלעס״, ווייל מען האָט זיי געבראַכט פון דער אַנדערער זייט זברוטש.

— טאַטע, זעץ דיך אַוועק לעבן דער מאַמען און זיי רואה ס׳איז ביי זיי אַ קרן צו לאַטכענען אַפילו אַ ווייס לחמל פאַר אַ חצי צאַל — האָט די געזונטע רויזע ווי אַ וויכער זיך אַרומגעדרייט צווישן די גויים און געהאַלטן אַן אויג, אַז זיי זאָלן ניט פאַרגעסן צו באַצאָלן.

— מ׳דאַרף נישט, זיי וועלן שוין באַלד הולכן. דער, וואָס איז מלא האָט שוין אויך באַשלמט — האָט די כאַמוישעכע באַלד אַוועקגעשיקט איר מאַן אין אַלקער אַריין.

אין איין זייט אויף אַ טיש, די פּיס אַראָפּגעלאָזט אויף דער לאַנגער באַנק, זיינען געזעסן עטלעכע פאַראָבקעס, זייערע שטרויענע קאַפּעליושן, באַשטעקט מיט קוטשעראַווע קאַטשענע פעדערלעך, און ווי אין אַ כאָר אויסגעזונגען אַ סומנע ליד וועגן אַ יונג ברעזע־ביימל, וואָס האָט אין פרילינג, ווען אַלץ בליט און וואַקסט, גאָר אָנגעהויבן וויאַנען. עטלעכע פון די שקצים האָבן צוגעשפּילט אויף מויל־האַרמאַניקעס און אויף דרעמבעס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן צווישן די ציין. זיי האָבן גע־שפּיגן אויף דער ערד, געריכערט, און די איבערגעבליבענע שטיקלעך פון די ציגאַרלעך קונציק צוגעקלעפּט צו דער סטעליע. אין אַן אַנדער זייט זיינען געזעסן עטלעכע גויאישע באַלעבאַטים און אַריינגעגאָסן צו גאַנצע קוואַטירלעך. זייערע ווייבער זיינען כלומרשט געקומען זיי דערמאָנען, אַז ס׳איז שוין צייט אַהיימצוגיין און געשטאַנען שעמעוודיקע ביי דער טיר ביז מען האָט זיי איינגערעדט אויך צו נעמען אַ טרונק בראָנפן און צו פאַרבייסן מיט אַ ווייס בולקעלע.

— זאָל מיך נאָר אַ דונער טרעפן, זעט נאָר ווער ס׳איז דאָ! — האָט איינער פון די שקצים אויסגערופן ווען לייב האָט זיך באַוויזן אויף דער טיר.

— פון זייט לייבע האָט חתונה געהאַט האַלט אים זיין ווייב ביי איר פאַרטעך.

— ער מוז פאַר איר גוט מורא האָבן — האָבן די פאַראָבקעס גוט־מוטיק געשפּאַסט. לייב איז אָבער ניט געווען אויפגעלייגט צו ענטפערן

אויף זייערע חכמות. ער האָטביים אַריינקומען אין שענק אויף זיך דער־פילט זייטיקע בליקן פון שקצים און פון עלטערע גויים. זייערע ווייסלען אין די האַלב־פאַרצויגענע אויגן האָבן זיך פאַוואָליע געדרוקט און אים ווי געלאָזט וויסן, אַז אויך זיי זיינען אים חושד אין דער גנבה. דער געדאַנק, אַז די מענטשן, צווישן וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן, האַלטן אים פאַר אַ גנב, האָט אים שטאַרק אויפגעבראַכט.

— לייבע דאַרף זיך איצט האַלטן לעבן דער היים — האָט זיך אָנגערופן אַ הויכער, ברייט־ביינערדיקער שגץ מיט אויסגעשטשערבעטע גרויסע ציין, און אַ שיכורלעכער זיך צוגעשאַרט צו אַ פּאָר עלטערע גויים.

— עט נאַרישקייטן. האַלט בעסער דיין שיכורע צונג צווישן די ציין, ווייל דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט — האָט איינער פון די גויים אויף אים אָנגעשריגן און מיט אַ האַנט אים אָפּגעשטופּט פון זיך.

— איך ווייס וואָס איך רעד און שיכור בין איך נאָך ניט. איך הייב דאָך ערשט אָן טרינקען. העי, ראָזשאַ! גיס־אָן פון דער אמתער פלאַש און מיט אַ ווערך. נאַר ניט אָפּ, זאָג איך דיר, ווייל איך צאָל מיט אייגן געלט. איך האָב עס ביי קיינעם ניט געגנבעט — האָט ער געזשמורעט זיינע אויגן צו לייבן און געלאַכט אויפן קול.

— וואָס דאַרפסטו ריידן אויפן אויער, אַנדרעי? דו ביסט דאָך אַ קלוגעטשקער און אַ שטאַרקער ביסטו דאָך אויך, איז וואָס־זשע האָסטו מורא? זאָלן אַלע הערן וואָס דו האָסט צו זאָגן — האָט לייב מיט געמאַכטער רואיקייט צו אים אַריבערגערעדט פון דער טיר. ער האָט שוין פון פריער געהאַט אַ האַרץ אויף דעם איבערגעוואַקסענעם, געזונטן אַנדרעי, וואָס האָט נאָכדעם ווי מען האָט אים אַסענטירט פאַר אַ סאָלדאַט, זיך געמאַכט אַ נאָמען פאַר אַ שטאַרקן און געהאַלטן אין איין פאַרפירן געשלעגן. מען האָט לייבן אָפּדערציילט, אַז דער שגץ האָט זיך גענומען טשעפּען צו זיין שוועסטער רויזע, און אַז ער האָט זיין פאָטער חיים משה, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר זיין אייגענער שיין, אַ פּאָר מאָל אַ צי געטאָן ביי דער באָרד. לייב, אַן אָנגעצויגענער מיט כעס, איז איצט געווען גרייט אים פאַר אַלץ אָפּצוצאָלן.

— איך זאָג, אַז ביי די פּוילישע פּאַנעס איז ניט אַזוי לייכט צו גנבענען — איז דער הויכער אַנדרעי אַ געשטרעקטער צוגעגאַנגען נעענטער צו דער טיר.

— וואָלסט אפשר געוואָלט וויסן וואו איך האָב באַהאַלטן דאָס זעקל געלט? — האָט לייב אַ פיר געטאָן מיט אַ האַנט איבער זיין שווארצער באָרד און אַרויפגערוקט זיין טונקעלען קאַפּעליוש מיט די שמאַלע קריסעס אויפן שפּיץ קאָפּ. די כאַמוישעכע איז גראָד מיט אַ לאַמטערן אוועק עפּעס אַרויפנעמען פון קעלער און דער טאַטע איז געזעסן איבער אַ ספר אין אַ ווינקל פון אַלקער. לייב האָט אַ וואונק געטאָן צו רויזען, אַז זי זאָל אָפּטרעטן אין אַ זייט און ער האָט אַ צערייצטער זיך ווי איינגעביסן אין זיינעם אַ האַרטן פויסט.

— עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, לייבע. מען ווייסט שוין אַלץ. וועסט גיין אין קרימינאַל און דייך יונג ווייבל וועט נעבעך מוזן בלייבן אַליין — האָט דער שגץ געשטשירעט זיינע גרויסע ציין. ער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו צעלאָזן אויפן קול, אָבער לייב האָט אים מיטאַמאָל אַ כאַפּ־געטאָן פון פאָרנט ביים העמד, מיטן פויסט אים דערלאַנגט אַזאַ זעץ אין פּנים אַריין, אַז דער שגץ איז היגטערווײלעכס אַזש אַרויסגעפלויגן אין דרויסן. לייב איז אים באַלד נאָכגעגאַנגען. פון דעם זעץ האָט אַנדרעי, וואָס איז געווען מיט אַ האַלבן קאָפּ העכער פון לייבן, זיך באַלד אויס־געניכטערט. דער געזונטער שגץ איז איצט געווען מלא רציחה. לייב האָט אַריבערגערופן צו די שקצים, וואָס זיינען אויך אַרויס אין דרויסן, אַז זיי זאָלן פאַרמאַכן די טיר פון שענק און ניט אַרויסלאָזן זיין מאַמען. דערנאָך האָט ער אין מיטן הויף זיך געגומען ראַנגלען מיט דעם שגץ. אַנדרעי האָט מיט גבורה און מיט קונצן געוואָלט לייבן אָוועקלייגן אויף דער ערד. ער האָט אים אַ פּאָר מאָל אַריבערגעוואָרפן איבער זיך, אָבער לייב איז געבליבן שטיין אויף זיינע פיס, נאָר וואָס דער קאַפּעליוש איז אים אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ.

— ער וועט שוין דעם זשעד כאַלאַמעי אָפּשלאָגן די לונגען, ווי ער האָט עס געטאָן מיטן פּאַליאַק זאַוואַדסקי.

— לייבע איז אָבער אויך ניט אָבי־ווער.

— איצט וועט מען שוין זען ווער עס איז שטאַרקער.

— לייבע איז ניט פון די שרעקעוודיקע.

— עס איז דיר בישט אַ יידעלע פון שטאָט.

— איך האָב געזען ווי ער האָט אַמאָל אויפגעהויבן אַ וואָגן מיט האָלץ.

— און איך האָב געזען ווי אַנדרעי האָט אַליין געשלעפּט דעם אָקער אין פעלד.

— עס האָט געטראָפן קאַסאַ נאַ קאַמיען — האָבן די שקצים, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום זיי ווי אין אַ ראָד, צווישן זיך גערעדט.

— האָסט מיך געמאַכט בייז, דו פאַרשאָלטענער ייד, און איך מוז דיך דערפאַר אָוועקלייגן ווי אַ סנאָפּ! — איז דער שגץ ביי זיך געווען זיכער, אַז אָט וועט ער בייקומען לייבן.

— און איך וועל דיך צעברעכן ווי אַ דאָרן שטעקן. כ׳האָב פיינט אַז מ׳האָט אַ גרויס מויל און אַז מ׳טשעפּעט יענעם אומזיסט. כ׳וועל דיך שוין איצט אָגלערנען! — האָט לייב אים אַריינגעשריגן אין פּנים.

זיי זיינען איינגעקלעמטע איינס אין ס׳אַנדערע אַ פּאָר מאָל געפאַלן צו דער ערד, זיך דורכגעקאַטשעט און זיך ווידער אויפגעהויבן. לייב האָט אין דעם שגץ געהאַקט מיט זיין פויסט ווי אין אַ קרויט אַריין. ער האָט אים געבויגן און געבראָכן ביז ער האָט אים אָוועקגעלייגט. אַנדרעי איז דערנאָך געבליבן ליגן ווי אַ שטיק ליים אין אַ טייך בלוט.

— טראָגט אים אַהיים אין אַ וואָרעטע — האָט לייב מיט אַן אַרבל זיך אָפּגעווישט דאָס בלוט און דעם שווייס פון זיין פּנים און אויפגעהויבן זיין קאַפּעליוש פון דער ערד.

אַ געלע לבנה, ווי אַ גרויסע צוגעפּלעטשטע דיניע, האָט זיך באַוויזן אויפן הימל און געוואָרפן איר שיין אויף דעם אויסגעצויגענעם שגץ, וואָס האָט געקרעכצט און שווער געאָטעמט. די שקצים זיינען געבליבן שטיין ווי געפּלעפט.

— וואָס שטייט איר ווי געליימטע? דער נעוויר, דער ייד האָט דאָך אים דערהרגעט און ביי אייך איז עס גאָרנישט! — האָט איינער פון זיי אויסגערופן.

— מען טאָר אים טאַקע נישט שווייגן.

— לאָמיר זיך צו אים אַ נעם־טאָן! — האָבן עטלעכע שקצים זיך אַ לאָז־געטאָן צו לייבן.

— כ'וועל אייך אַלע אָוועקלייגן לעבן אים, אויב איר ווילט — איז לייב גרייט געווען אויפסניי צו פאַרפירן אַ געשלעג.

פלוצלונג איז פיליפּאַ פון ערגעץ אַנגעלויפן און נאָך פון דערווייטנס צו אים אַריבערגערופן, אַז ער זאָל זיך באַהאַלטן, ווייל זשאַנדאַרן גייען נאָך אים. לייב האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט און אַוועק מיטן גאָרטן. ער איז פאַרקראָכן אין אַ ווינקל צווישן פאַרוואַקסענע ביימלעך באַזניק און אַ מידער מיט ווייטיקן אין די זייטן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קילער ערד. דער כעס איז אים אַביסל אָפּגעגאַנגען און ער האָט ערשט איצט אָנגעהויבן באַנעמען וואָס פאַר אַ צרה ער האָט זיך אָנגעאַרבעט מיט דעם געשלעג. ער האָט געטראַכט, אַז אַנדרעי וועט זיכער אויסגיין נאָך איידער ס'וועט טאָג ווערן און אַז ער וועט פאַר דעם שגצס טויט פאַרשיקט ווערן אויפן גאַנצן לעבן אין קרימינאַל.

וואָס וועט איצט זיין מיט ריווען און וואָס וועט דער זיידע איצט זאָגן? און ווער וועט אַכטונג געבן אויפן באַלעבאַטישקייט? וואָלט ער כאָטש צוערשט געווען אַראָפּגענומען דעם ווייץ פון פעלד. ס'האָט אים געריסן ס'האַרץ אויף ריוועץ, וואָס ער וועט זי דאַרפן איבערלאָזן אַליין און ס'האָט אים אָנגענומען אַ שטאַרק רחמנות אויף זיין טאַטן. ער האָט נאָר מורא געהאָט, אַז דער טאַטע זאָל פון שרעק און פון עגמת־נפש נאָך ניט קראַנק ווערן. וואָס וועט איצט זיין? און פון וואַנען האָבן זיך פלוצלונג אין מיטן נאַכט גענומען זשאַנדאַרן אין דאָרף?

אַ גערויש פון צווישן די קוקורודזעס האָט אים ווי אונטערגעטראָגן פון דער ערד. און באַלד האָט ער דערהערט פיליפּאַס שטיל קול. ער האָט געמיינט, אַז זי איז אַליין און מיטאַמאָל האָט ער גאָר דערזען, אַז זי האָט צו אים געבראַכט צופירן ריוועץ. פיליפּאַס געטריישאַפט האָט לייבן שטאַרק גערירט. ער איז געבליבן שטיין פאַר איר און פאַר ריוועץ אַ פאַרלוירענער און קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסריידן.

— זיי האָבן אַהיימגעטראָגן אַנדרעיען און ער איז זיכער געפּגרט אויפן וועג — האָט פּיליפּאַ די ערשטע זיך אָנגערופן.

דערנאָך האָט ריווע אַ ווייַנענדיקע געגומען לייבן דערציילן, אַז צווייַ זשאַנדאַרן מיטן עקאָנאָם זייַנען געקומען צוגיין ווי נאָר ער איז אַוועק אָפּפירן דעם טאָטן אין שענק אַרייַן. זיי האָבן אַרויסגערופן דעם זיידן פון שטוב, אים געזאָגט, אַז עמעצער האָט געלאָזט וויסן אין הויף אַרייַן, אַז לייב האַלט דאָס זעקל זילבער־געלט אין גאָרטן אויפן בערגל. דער זיידע האָט מיט אַ לאָמטערן זיי געמוזט אַוועקפירן צום בערגל און זיי האָבן דאָרטן אַזוי לאַנג געזוכט ביז זיי האָבן אין די האַלב־אויסגעגראָבענע פונדאַמענטן געפונען צוואַנציק זילבערנע רייַניש.

— וואָס הייסט? — איז לייב געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

— דער גנב האָט דאָס געלט דאָרט אונטערגעוואָרפן — האָט פּיליפּאַ גיך אַרויסגערעדט די ווערטער. זי האָט געוואָלט, אַז לייב זאָל וויסן, אַז זי איז ניט פון די, וואָס זייַנען אים חושד אין דער גנבה. לייב האָט מיט דאַנקבאַרקייט זי אָנגעקוקט. ער האָט אויף איר פריש־אויסגעוואַשענעם און פאַרקעמטן קאָפּ באַמערקט עטלעכע גרויסע טראָפּן ראָסע, וואָס האָבן ווי דימענטן געבלישטשעט. עס איז אים פאַרגאַנגען דער ריח פון אירע האָר און ער האָט אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט.

— ווי פאַרעך וואָלט איך אים צעריבן ווען כ׳זאָל וויסן ווער ס׳האָט מיר דאָס אָפּגעטאָן. ס׳איז מיר שוין סיי־ווי אַלצאיינס — איז ער אַ צערייצטער צוגעגאַנגען נענטער צו ריוון, וואָס איז געווען ווי אָנגעזאָפּט מיט געוויין.

— די זשאַנדאַרן האָבן דיך אַרומגעזוכט אין סטאָדאָלע און אויפן בוידעם. זיי האָבן דיך געוואָלט צונעמען — האָט ריווע איצט צו אים געהאָט טענות נאָך וואָס ער האָט נאָך באַדאַרפט פאַרפירן דאָס געשלעג מיטן שגץ. זי האָט געווישט מיטן פאַרטעך די אויגן און איר דערציילט, אַז די זשאַנדאַרן האָבן אין שענק אויסגעפרעגט די שקצים וועגן גע־שלעג און אַז זיי האָבן אויסגעשריבן אַ גרויסן פּראָטאָקאָל. ריווע און לייב האָבן גערעדט צווישן זיך אין יידיש, אָבער פּיליפּאַ, וואָס איז פון קינדוויַיז־אָן געגאַנגען מיט איר מאַמען צו די „לייבן און בערן", האָט פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט.

— שוין לאַנג צייט געווען, אַז עמעצער זאָל דעם ווילדן אַנדרעי־ אַנלערנען — האָט פּיליפּאַ געזוכט ווי צו פאַרענטפערן לייבן.

— שוין פאַרפאַלן. ס׳איז אָפּגעטאָן. וואָס וועט העלפן ס׳רעדן און ס׳וויינען? — איז לייב געווען גרייט אַהיימצוגיין און אַליין זיך איבער־געבן צו די זשאַנדאַרן. ריווע האָט אים אָבער באַלד געלאָזט וויסן, אַז דער זיידע האָט באַפוילן, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגן אַהיימצוקומען. זי איז דערנאָך מיט אים אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט. זי האָט אין דער שטיל, פּיליפּאַ זאָל ניט הערן, אים געזאָגט, אַז ער זאָל, איידער ס׳ווערט טאָג,

אװעקגיין מיט די פעלדער אין שטעטל אַריין און אַז ער זאָל זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן ביי גדליה דעם געלן. לייב האָט זיך נאָר געריסן אַהיימ־צוגיין, אָבער ריװע האָט ביי אים געפּועלט, אַז ער זאָל פּאָלגן דעם זיידן.

* * *

עס איז געװען שניט־צייט און די אַרבעט אין פעלד האָט געברענט אונטער די הענט. לייבן האָט מען אָבער אין פעלד ניט געזען.

אויף צומאָרגנס נאָכן געשלעג און נאָכדעם װי די זשאַנדאַרן האָבן געפונען דאָס זילבער־געלט אויפן בערגל, האָבן די יידן אין דאָרף און אין שטעטל אָנגעהויבן רעדן, אַז ס'איז פאַר לייבן דאָ נאָר איין אויס־װעג — אַנטלויפן קיין אַמעריקע.

— כ'על אים נישט אַװעקלאָזן פון דער היים — האָט דער אַלטער בער פון אָנהייב אַפילו נישט געװאָלט הערן די רייד — כ'על פאַרקויפן אַ שטיקל פעלד און מיך לאָזן קאָסטן ביים פּראָצעס.

— װאָס־זשע, ס'איז װייניק װאָס סענדער האָט זיך פון אונדז אָפּגעריסן? איין אייניקל אָן באָרד און אָן פּאות איז פאַר מיר גענוג. זאָלסט אים נישט לאָזן אַװעקפאָרן. הערסט װאָס איך זאָג דיר? — האָט די באָבע שרהלע געזעדט צו בערן.

— ס'איז מיר נאָר געשען אַ גוט־אויג — איז ריװע אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב מיט פאַרװיינטע רויטע אויגן און זיך ניט געקענט נעמען צו קיין שום אַרבעט.

— מ'דאַרף אָפּװאַרטן עד יעבור זעם, ביז דער צאָרן װעט זיך אָפּטאָן. און מ'דאַרף נאָר האָבן בטחון. כ'בין אייך מבטיח, אַז אייער אייניקל װעט בלייבן אויף דער נחלה און אַפילו אַז ער װעט מוזן אַװעקפאָרן, װעט ער אם־ירצה־השם צוריקקומען. די גרויסע װעלט איז נישט פאַר לייבן. אירט זען, דער אייבערשטער װעט העלפן, ער מוז העלפן! — האָט ר' װעלװעלע װאָס איז באַלד אינדערפרי געקומען צו־לויפן צו בערן אין שטוב אַריין, מיט גוטע רייד געטרייסט און געשטאַרקט ס'גאַנצע בני־בית.

לייב האָט ביי גדליה דעם געלן װי אין אַ שטייג זיך אַרומגעדרייט אין אַ קליינער שטובן־קאַמער. ער האָט שוין אינדערפרי זיך גע־װאָלט אומקערן אַהיים. מען איז אים אָבער געקומען זאָגן, אַז דער שייגעץ אַנדרעי פּאַכעט מיט דער נשמה, אַז מען האָט שוין אַפילו צו אים געבראַכט דעם גלח, אַז ער זאָל אים באַשװענצלען פאַרן טויט. מען האָט אים אויך אָנגעזאָגט, אַז די זשאַנדאַרן הערן נישט אויף אים זוכן.

אויפן צװייטן טאָג איז דער אַלטער בער אַליין געפאָרן צו זיין איי־ניקל יוסף אים בעטן, אַז ער זאָל זען ראַטעװען לייבן פון קרימינאַל. יוסף דער פריץ האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד זיך אַריינ־געזעצט אין זיין שענסטער בריטשקע און מעשה תקיף אַריינגעפאָרן צו

דעם אַלטן זאַמויסקיס יורשים. ער איז געווען גרייט איינצולייגן קאַוציע אַפילו מער ווי פינף הונדערט רייניש, אָבי זיי זאָלן דערווייל נאָך אָפּ־האַלטן די קלאָגע. די פריצישע זינדלעך זיינען אָבער, נאָכדעם ווי מען האָט געפונען די צוואַנציק אונטערגעוואָרפענע זילבערנע רייניש, געוואָרן נאָך מער פאַרביסן. זיי האָבן גראָד העפלעך אויפגענומען דעם יידישן פּריץ, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט איינגיין אויף קיין פּשרות.

פון דעם יאַנאָוויצער הויף איז יוסף פאַרפאָרן צום זיידן און די גאַנצע משפּחה איז זיך דאָרט צונויפגעקומען אין דער עת־צרה. נעכע די שענקערין האָט זיך גוט אויסגעוויינט פאַר איר זון דעם פּריץ. זי האָט אים דערציילט ווי די גויאישע שכנים, זייערע בלומרשטע פריינט, פרייען זיך אין דער שטיל און זיי מאַכן שוין באַצייטנס דעם חשבון וויפיל יאָרן לייב וועט דאַרפן אָפּזיצן אין קרימינאַל.

— איר ווייסט דען וואָס זיי זיינען? הײנט איז מיט דיר איוואַן אַ גוטער־ברודער, און מאָרגן וועט ער פאַר אַ גלעזל בראָנפן גיין זיין קעגן דיר אַן עדות און שווערן פאַלש. אויב דו, יוסף, וועסט איצט עפּעס נישט טאָן, איז ער אַ פאַרפאַלענער — האָט חיים משה, ביי וועמען דאָס בערדל איז אין די לעצטע טעג נאָך גרויער געוואָרן, געפּאַטשט מיט די הענט און געטענהט, אַז משיח האָט שוין לאַנג געוועזן באַדאַרפט קומען.

די גאַנצע משפּחה, אַפילו די עלטערע יידן, האָבן ווי מיט דרך־ארץ אַרויפגעקוקט צו יוספן.

— מ׳קאָן גאָרנישט טאָן. ער דאַרף וואָס גיכער אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. ס׳אַ קליין מילעיר. די צוויי יונגע הולטאַיעס לאָזן זיך נישט בייגן. סיידן ער וויל גיין אין קרימינאַל. ס׳מיינט טאַקע זיצן און ס׳מיינט טאַקע אויך פאַרשעמען די גאַנצע משפּחה — האָט יוסף זיך גערעדט גע־לאַסן. ער האָט מיט אַ ווייסער האַנט זיך אויסגעגלעט זיין שיינע באָרד, וואָס איז געווען געלבלעך ווי פיין־געשניטענער טערקישער טיטון, און געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳שטייט אים בעסער אָן צו האָבן אַ ברודער אין אַמעריקע, איידער אין קרימינאַל.

— נאַ דיר גאָר אַזאַ אומגליק. אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה וועט ער פאָרן. כ׳על אים אָבער צוריקברענגען — האָט דער אַלטער בער זיך געלאָזט איבעררעדן פון יוספן.

— אַז יוסף זאָגט, אַז ער זאָל פאָרן, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן — האָבן אַלע אַנדערע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

ווען ריווע האָט דערהערט די רייד, האָט זי זיך צעיאָמערט אויפן קול און מען האָט זי גאָרנישט געקאָנט איינשטילן. עס איז אָבער גע־בליבן, אַז מען זאָל לייבן וואָס גיכער אַוועקשיקן פון דערהיים.

מען האָט דערנאָך ביים זיידן אין שטוב מיט זיפצן דערמאָנט סענ־דערן, פון וועמען עס איז, נאָך אַ לאַנגער צייט וואָס מען האָט פון אים נישט געהערט, גראָד אין יענער וואָך אָנגעקומען אַ בריוו. ער האָט אין זיינע „קאָטשערעס און לאָפּעטעס” אָנגעהויבן מיט דעם שורה־גריזל:

„איך בין גאָט זיי לאָב און דאַנק געזונט, געבע גאָט דאָסזעלבע פון אייך צו פאַרנעמען". דערנאָך האָט ער געשריבן, אַז אין אַמעריקע עסט מען אין מיטן וואָך ווייסע זעמל מיט געבראָטנס, אָבער עס ציט אים אַהיים און ער האָפט, אַז זיין „שיקזאַל" זאָל אים נאָך צוריקפירן צו זיין ליבער „היימאַט".

אויפדערנאַכט, ווען יוסף איז אַהיימגעפאָרן, זיינען בער מיט ריווען אַוועק צו לייבן אים אָנזאָגן, אַז ער דאַרף זיך נעמען קלייבן אין וועג אַריין.

— כ'פאָר נישט! — איז לייב אַזש ווילד געוואָרן, ווען דער זיידע האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג.

— ס'איז נאָר אויף דערווייל — האָט ריווע אַ וויינענדיקע צו אים אַזוי לאַנג גערעדט ביז ער האָט זיך אונטערגעגעבן.

מען האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר שוין אויף דער דריטער נאַכט נאָכן געשלעג האָט די משפחה אין דער שטיל זיך מיט אים אָפּ־געזעגנט.

מען האָט ביי גדליהן אין שטוב שטילערהייט זיך גוט אויסגעווייגט און דערנאָך איינציקווייז זיך צעגאַנגען. ריווע איז געווען די לעצטע אַוועקצוגיין פון לייבן.

ווען אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, האָט לייב נאָך אַביסל אונטערגעוואַרט און דערנאָך אַרויס פון דער שטוב, וואו ער האָט זיך די עטלעכע טעג אויסבאַהאַלטן. אַן אומהיימלעכקייט האָט אים אַרומגענומען ווען ער איז אַרויס אין דרויסן און ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. ער האָט ניט געהאַט וייט צו גיין. ער האָט נאָר געדאַרפט אַריבערגיין אַ קליין געסל צוצוקומען צום בעל־עגלה, וואָס האָט אים שפעט ביינאַכט געזאָלט מיטנעמען אַזש קיין טשאַרטקאָוו צו דער באַן. אַזוי ווי עס איז אָבער נאָך געווען אַביסל צו־פרי און דער בעל־עגלה איז נאָך געשלאָפן, האָט ער זיך גענומען שאַרן מיט די פינצטערע געסלעך ביז ער איז אַרויס פון שטעטל.

ווי נאָר לייב איז אַרויס אויף די פרייע פעלדער, איז די אומהיימ־לעכקייט איינגאַנצן פון אים אָפּגעטראָגן. ער האָט איינגעאָטעמט די פרישע נאַכטיקע לופט און ווי אויפסניי דערפילט זיין גבורה. ער האָט איצט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט מורא געהאַט. עס האָט אים ווי אַ מאַגנעט געצויגן אַהיים און עס האָט אים איצט באַנג געטאָן פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט איבעררײדן אַוועקצופאָרן. עס האָט אים געצויגן אַ קוק צו טאָן אויפן ווייץ, וואָס מען האָט מיט אַ טאָג פריער, אָן אים, אָנגעהויבן שניידן און ער האָט כאָטש נאָך איינמאָל געוואָלט צוגיין די היי־פעלדער.

ווען ער איז אַרויס פון שטאָט האָט ער פאַר זיך דערזען די אויס־געטראָטענע פעלד־סטעזשקע, מיט וועלכער ער איז שוין צו זיבן יאָר אַליין געגאַנגען פון דאָרף אין שטעטל און צוריק מיט אַן עוף צום שוחט.

עס האָט אים געצויגן צו דער סטעזשקע. ער האָט זיך ניט באַקלערט וואָס ער טוט, ער האָט ווי פֿאַרגעסן, אַז דער בעל־עגלה שפּאַנט שוין דאָרט זיכער די פֿערד און ער איז מיט גרינגע טריט אַוועק מיט די פֿעלדער.

לייב האָט אין גאַנג זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט באַטראַכטן די מאַרגעס ווייץ און קאָרן, וואָס האָבן אין די ערשטע טעג פֿון שניט אויסגעזען ווי ניט־דערשוירענע שאָף. יונגע האָזן זײַנען ווי פֿון אונטער זײַנע טריט אונטערגעשפּרונגען און איבערגעשראָקענע אַוועק זיך באַהאַלטן צווישן די גרינע קוקורודזעס. פֿון דער זײַט וואו עס האָט זיך געשפּרייט דאָס סצינקע־וועלדל האָבן פֿון דער ווייטנס שטיקלעך פֿאַרפֿוילט האָלץ געלײַכט מיט פּאָספאָר און אים דערמאָנט אַז ער איז שוין נישט ווייט פֿון דער־היים. עס זײַנען פֿאַר אים אויפֿגעגאַנגען מעשׂות וואָס די באָבע האָט אים קלײנערהייט דערציילט וועגן צווערגלעך, קלײנינקע מענטשעלעך, וועלכע האַלטן זיך אויף אין באַהאַלטענע היילן אַרום דעם וועלדל.

— וואוהין וועסטו פֿאָרן? בלײַב דאָ! — האָט ער ווי געהערט די ווערטער אין שטילן שאָרשן פֿון די גראָזן אַרום זײַנע טריט.

— פֿאָר נישט. בלײַב דאָ — האָבן ווי געשעפּטשעט די גרילן פֿון צווישן ווייץ און קאָרן.

— וואָס וועט זײַן, וועט זײַן, איך וועל נישט אַוועקפֿאָרן פֿון דער היים! — האָט פֿון אים אַרויסגעבראָמט די חרטה ווען ער איז צוגעקומען צו ריוועס פֿעלד. ער האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט צווישן די פֿריש־אָפּגעשניטענע סנאָפּעס, וואָס זײַנען ווי שלאָפֿנדיקע געלעגן אויף דער ערד. ער האָט אַריבערגעקוקט צום וועלדל, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט די היילן פֿון די קלײנינקע מענטשעלעך, כּדי דאָרט זיך אויסצובאַהאַלטן פֿאַר די זשאַנדאַרן.

און מיטאַמאָל איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק: ער וועט זיך פֿאַרנעמען צום זאַהאַרער וואַלד, צו ריוועס טאַטן, צו זײַן פֿעטער יעקבֿ, וואָס האָט נאָך נישט געוואוסט וועגן זײַן אַוועקפֿאָרן, און ער וועט זיך דאָרט אויס־באַהאַלטן.

— כ'על נישט אַוועקפֿאָרן — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין און זיך באַלד פֿאַרקירעוועט אויף אַ גאַנץ אַנדערן וועג. ער האָט איז גאַנג אָפּגעריסן אַ גראָבע צווײַג פֿון אַ בוים, מיט זײַן קעשענע־מעסער זיך אויסגעשניצט אַ פּאַלקע, אַז ער זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו ווערן טאָמער שפּרינגט צו אים אַרויס אַ חיה. און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ זײַטיקן וועג דורכן וואַלד. וואָס געדיכטער דער וואַלד איז געוואָרן אַלץ פֿינצטערער און קילער איז געוואָרן די נאַכט. אַ פּאָר מאָל האָט די לופֿט אַרום אים ווי אויפֿגעציטערט פֿון אימהדיקע ווילדע קולות פֿון חיות, וואָס זײַנען אויף זייער נאַכטיקן געיעג באַפֿאַלן געוואָרן פֿון שטאַרקערע פֿון זיי. עס האָט אין דער שטילקייט זיך אַלעמאָל געהערט דאָס קנאַקן פֿון טרוקענע צווײַגן אונטער די פֿיס פֿון די חיות.

— אַ בעזהאַלאָוויע אויף זיי! איינער וויל דעם אַנדערן גאָר איינ־שלינגען — האָט לייב מיט דער פאַלקע אַ זעץ־געטאָן אין אַ בוים. אַ סאָווע האָט פון דער הויך אים ווי אָפּגעענטפערט. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּיסטשען, און עפּעס ווי אַ געלעכטערל פון אַ מכשפה.

לייב איז אָן אָפּרו אָן אומדערשראָקענער, מיט גבורהדיקע טריט אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען מיט געקירצטע וועגן דורך פעלד און וואַלד און אין דער פרי איז ער אַ פאַרשוויצטער און אַ נאַסער פון ראָסע אָנגעקומען צו זיין פעטער יעקב.

דעמזעלבן טאָג נאָך האָט דער וואַלד־נאַמן מיט אַ היימישן יידן באַפוילן צו ריוועץ, אַז לייב איז ביי אים. ער האָט אויך געלאָזט וויסן, אַז ער וועט די טעג קומען קיין יאַנאָוויץ מיטן לעסניטשע, וואָס איז אַ לייבלעכער קרוב פון זאַמויסקיס זינדלעך, זיי בעטן, אַז זיי זאָלן אָפּהאַלטן די קלאָגע.

ביז יעקב האָט זיך אָבער אויסגעקליבן צו פאָרן קיין יאַנאָוויץ האָט די גנבה זיך אָפּגעזוכט. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער אַלטער בער אַליין געקומען צופאָרן אין וואַלד אַריין מיט דער בשורה, אַז מען האָט געפונען דאָס זעקל מיט די זילבערנע רייניש. דער זיידע האָט אויך געלאָזט וויסן לייבן, אַז אַנדרעי איז, אַן אָנגעשפּאַרטער אויף אַ שטעקעלע, שוין געווען אין שענק און אַז מען האָט אים שוין איבערגעבעטן מיט אַ פלאַש בראַנפן און מיט אַ גילעטקע נייעם ווייץ פאַר זיין מאַמען.

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז וואַרוואַראַ, די מאַמע פון דער פופצן־יעריקער שטעפּקאַ, האָט אַרויסגעגנבעט דאָס געלט פון הויף. זי איז אין דעם טאָג ווען דער אַלטער זאַמויסקי האָט געשיקט רופן איר טאָכטער, געגאַנגען אין הויף אַריין בעטן אַביסל קאַרטאָפל. אין דעם טומל, ווען דער פריץ איז אַוועקגעפאַלן, אַ בלויער ווי אַ מילך, האָט זי אַרויסגעטראָגן די זילבערנע רייניש אין דעם זעקל מיט די קאַרטאָפל. אַ צייט לאַנג האָט זי די גנבה געהאַלטן פאַרשטופּט אויפן בוידעם און אַחוץ די צוואַנציק רייניש, וואָס זי האָט אַליין אונטערגעוואָרפן לייבן, האָט זי דאָס געלט נישט גערירט.

ערשט ווען זי האָט געזען, אַז מען איז שוין זיכער אַז די גנבה איז ביי לייבן און אַז ער איז פאַרשוואונדן פון דאָרף, האָט זי זיך אָנגעהויבן לאָזן וואוילגיין. ס'ערשטע איז זי אַוועק אויפן יאַריד אין אַ שטאָט, וואָס איז געווען גאַנץ ווייטלעך פון יאַנאָוויץ, און דאָרטן איינגעהאַנדלט אַ סך זאַכן. זי האָט געקויפט צוויי שאַפענע פעלצן פאַר זיך און פאַר איר מאַן; זי האָט איינגעהאַנדלט לעדער אויף שטיוול, סחורות אויף קליידער און פאַרביקע פאַטשיילעס. זי איז געגאַנגען פון איין קראָם צו דער צווייטער און אומעטום געצאָלט מיט זילבערנע רייניש. די יידישע קרעמער, וואָס האָבן געהאַט געהערט וועגן דער גנבה אין יאַנאָוויצער הויף, איז די זאַך באַלד אויפגעפאַלן. מען איז שוין דער גויע נאָכ־

געגאַנגען און מען האָט איר נאָכגעקוקט אויף שריט און טריט, ביז זי איז פאַרגאַנגען אין שענק אַריין, וואו ס׳האָט געוואַרט איר מאַן. ווי נאָר זי האָט ביים יידישן שענקער אויסגעביטן דעם ערשטן זילבערנעם רייניש, האָט זיך צו דעם פאַרל צוגעזעצט אַ יונגער בהמה־סוחר, וואָס האָט גוט געקענט לייבן, און זיי געגומען אונטעררוקן ריינעם שפּירט, אַזוי אַז זיי זיינען באַלד ביידע שיכור געוואָרן. דער בהמה־סוחר האָט ביסלעכווייז געגומען ביי זיי ציען רייד. צוערשט האָבן זיי אים געזאָגט, אַז זיי האָבן אויפן יאַריד פאַרקויפט אַ חזיר און באַקומען פאַר אים באַצאָלט מיט זילבער־געלט. די גויע האָט אָבער דערנאָך אַ שיכורע געגומען פּלאַפּלען, אַז זי האָט נאָך זילבער־געלט אויף צו קויפן אַ שטיקל פעלד און אַ קו.

מען האָט אין שענק אַריין געבראַכט צוויי זשאַנדאַרן און וואַרוואַראַ האָט שיכורערהייט אַלץ אויסדערציילט.

— די ערד זאָל אים נאָר אַרויסוואַרפן, דעם יאַסטרוב, דעם אַלטן רויב־פויגל. זאָלן די ווערעם אויפעסן זיינע ביינער, אַזוי אַז עס זאָל פון אים קיין סלעד ניט בלייבן. איך בין אים געווען וויניק, האָט ער נאָך מיין קינד אויך אַריינגענומען אין זיינע נעגל — האָט זי אַ וויינענדיקע געפּלאַנטערט מיט דער צונג און מיט טויטע קללות געשאָלטן דעם אַלטן זאַמויסקי. די זשאַנדאַרן האָבן דערנאָך זי מיט איר מאַן אַהיימגעפירט קיין יאַנאָוויץ און זיי האָבן אויף זייער בוידעם געפונען דאָס זעקל מיטן געלט. עס האָט אָבער שוין געפעלט אַ קאַרגער הונדערטער.

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די פּריצישע זינדלעך געשיקט דעם עקאָנאָם אַז ער זאָל איבערבעטן לייבן. זיי האָבן צו אים באַפוילן, אַז ער זאָל קומען צו זיי אין הויף אַריין, וועלן זיי אים פאַרגיטיקן פאַר אַלץ. זיי האָבן דורך דעם עקאָנאָם אויך געלאָזט וויסן, אַז די יידן קענען אין די גריבער מאַכן די ציגל פאַר דער קלויז, ווען זיי ווילן. לייב איז אָבער צו זאַמויסקיס זינדלעך נישט געגאַנגען. ער האָט נישט געוואָלט זייער באַלייבונג, ער האָט נישט געוואָלט פון זיי קיין טובות און ער האָט נישט געוואָלט זייערע פּנימער אָנקוקן.

לייב מיטן זיידן האָבן אָפּגערעדט אָפּצולייגן ס׳בויען פון דער קלויז אויף נאָכן ווינטער. דערווייל זיינען די ווילדע לאָפּוכעס און באָדיאַקעס זיך אַזוי צעוואַקסן אַרום דעם בערגל, אַז מען האָט מער נישט אַרויס־געזען די אויסגעגראָבענע פונדאַמענטן און די גרויסע שטיינער, וואָס מען האָט דאָרטן אָפּגעלייגט.

קאַפּיטל זעקס

עס איז שוין לאַנג נישט געווען אַזאַ גערעטעניש אויף די פּעלדער ווי אין יענעם זומער. מען האָט פון אַ מאָרג אַראָפּגענומען פּופצן און אויך זעכצן שאָק ווייסע תבואה. ביי לייבן איז גאָר גרויס געווען די שפע. דערצו האָט ריוועס טעליצע זיך געקאַלבט באַלד נאָך לייבס צוריקקומען פון זאַהאַרער וואַלד און זי האָט אַנגעגאָסן פולע מעלק־שעפלעך מיט מילך. לייב האָט זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט און ער האָט אַפילו נישט געוואָלט מער טראַכטן וועגן דער גנבה. ס'האָט אים אָבער פון צייט צו צייט בייגאַכט אַ טראַג־געטאַן פון געלעגער זיך אָפּצורעכענען מיט דעם פּריצס זינדלעך. ריווע האָט אים אָבער פאַר־שוואוירן און ער האָט איר צוגעזאָגט אַלץ צו פאַרגעסן.

נאָך שניט־צייט האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז זאַמויסקיס יורשים קלייבן זיך צו פאַרלאָזן דעם פאָלוואַרק. זיי האָבן פאַר שניידן ווייץ און קאָרן אויף די לאַנעס געגעבן דעם אַכטן סנאָפּ, און נית דעם ניינטן, ווי זייער פאָטער, און זיך ווי צוגעאײלט מיטן שניט. זיי האָבן די תבואה אַפילו נית אַהיימגענומען, נאָר געדראָשן אין פעלד און די זעק ווייץ און קאָרן געפירט גלייך צו דער באַן.

אין אָסיען האָבן די פּריצישע זינדלעך אָנגעהויבן אויספאַרקויפן הויז־זאַכן, פּערד און בהמות. זיי זיינען אָבער געבליבן אין יאַנאָוויץ ביז צו די ניי־יאָר חגאָס. ווען די בלאָטעס זיינען געוואָרן צוגעפרוירן און עס איז צוגעפאַלן אַ שניי, האָבן זאַמויסקיס זינדלעך גענומען פּראַוועז הוליאַנקעס און בעלער אין זייער טאַטנס פּאַקאָיעס. עס זיינען צו זיי אין הויף אַריין געקומען פאַרשיידענע פּריצישע געסט, מען האָט אַלעמאָל געבראַכט אַנדערע קלעזמער, מען האָט באַשטעלט די טייערסטע געטראַנקען און מען האָט גאַנצע נעכט געהוליעט און געשיכורט.

אין די פאַרשנייטע פּראַסטיקע טעג האָבן די יונגע זאַמויסקיס, צוזאַמען מיט זייערע געסט, אויסגעפּוצטע אין רויטע פּעלצלעך, אויף פלינקע פּערד, באַגלייט פון גרויסע פּאַפּליאַטע יאַגד־הינט, זיך אַרויס־געלאָזט אין די אַרומיקע וועלדער אויף פּאַלעוואַניע. דאָס שאַלן פון די יאַגד־טרובעס, דאָס קנאַלן פון די טאָפּל־ביקסן און דאָס בילן פון די הינט האָט זיך געטראָגן אויף ווייטע שטרעקעס און נית נאָר אָנגע־וואָרפן אַ שרעק אויף די וואַלד־חיות, נאָר אויך באַאומרואיקט די דאָרפסלייט.

— זיי וויסן גאָרנישט וואָס צו טאָן פון וואוילטאָג, די פּוילישע פּוסט־און פּאַסטניקעס. די דראַבעס וועלן גיך צעשאָסטן דעם אַלטנס פאַרמעגן.

— זאָלן זיי שוין גיין מיטן קאָפּ אין דרערד אַריין! — האָבן די

יידישע און די גויאישע דאָרפסלייט שוין געוואָלט פטור ווערן פון דעם אַלטן זאַמויסקיס זינדלעך.

— אַי, ווען כ׳קען כאָטש איינעם פון זיי מיטגעבן אַ באַדיזנע, אַזוי אַז ער זאָל מיך האָבן צו געדענקען! ס׳בייסט מיך די האַנט כאָטש דעם עלטערן צו באַגיסן מיט זיין אייגענער רויטער יויך — איז לייבן געקומען ס׳בלוט אין פנים אַריין ווען ס׳האָט ווער דערמאָנט די פריצישע זינדלעך. ריווע האָט אים אָבער געהיט און אים כסדר דערמאָנט, אַז זי האָט אים פאַרשוואוירן ניט אַריינצוקריכן אין קיין פרישער צרה.

אַרום ניי־יאָר זיינען זאַמויסקיס יורשים אַוועקגעפאָרן ווי אויף דער־וויל און זיי זיינען שוין מער נישט צוריקגעקומען. פורים צייט, האָט אויך די פאַרזעסענע שוועסטער פון דעם אַלטן פריץ, די פאַנאַ יאַנינאַ, זיך איבערגעצויגן אין אַ קליין שטיבל הינטערן זאַפוסט. ווען זי איז אַרויסגעפאָרן פון הויף מיט די גרויסע פעק פאַרביקע אַלטע קליידער, אָפגעבליאַקעוועטע היטעלעך, שירעמלעך, פריצישע שיכלעך מיט הויכע אויסגעדרייטע קנאָפל, האָט זיך פאַרשפרייט די נייעס, אַז אַ יידישער פריץ קומט קיין יאַנאָוויץ.

— האָט איר כאָטש געהערט אויף וואָס מיר זיינען איבערגעקומען? אַ יידישן פאַן וועלן מיר איצט דאַרפן קושן די האַנט.

— אין זאַזוליניעץ, האָב איך געהערט, נעמט אויך איבער אַ „נעוויר״ דעם פאָלוואַרק.

— די יידן וועט שוין דאָ ניט פעלן קיין פאַשע פאַר די בהמות.

— עט, אַ פאַן בלייבט אַ פאַן, מעג ער אַפילו זיין אַ טערק.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט אין דאָרף געוואוסט, אַז נישט נאָר איז דער נייער יאַנאָוויצער פריץ אַ ייד, נאָר אַז ער ברענגט אויך מיט זיך אַ יידישע דינערשאַפט.

פורים אויף דער נאַכט, ווען די יאַנאָוויצער יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער זיינען ווי יעדעס יאָר זיך צונויפגעקומען צום אַלטן בער הערן ר׳ וועלוועלען לייענען די מגילה, האָט לייב זיי אַנגעזאָגט, אַז דער נייער עקאָנאָם איז פאַרנאַכט געקומען צורייטן און אַז ער האָט זיך אָפגעשטעלט לעבן אים בײם טויער.

— איר האָט באַדאַרפט זען אַ פאַר אָנגעפרעסענע אויסגעגאָלטע פיסקעס! — ער האָט אַ גויאישע צורה. אָנגעטאָן גייט ער ווי אַ פאָליאַק און רעדן רעדט ער יידיש פונקט ווי איך רעד צו אייך. ער האָט מיך אַלץ אויסגעפרעגט און אַוועקגעריטן אין הויף אַריין.

— וואָס האָט ער געפרעגט? — האָבן די יידן נייגעריקע אים אַרומ־געשטעלט.

— ער האָט געפרעגט צי ס׳איז דעם ווינטער ביי אונדז אין דאָרף נישט געווען קיין זאַראַזע אויף די בהמות און פאַר דער וויפילטער מאָל מ׳האָט אין אָסיען דאָ געגראָבן בולבעס.

— און וואָס נאָך?

— ער האָט געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ גלח מיר האָבן און וויפל יידן ס׳וואוינען אין דאָרף. ער איז לעבן מיר אָפּגעשטאַנען אפשר אַ האַלבע שעה און מיר דערציילט, אַז ס׳קומען צוויי פּריצים — אַ טאַטע מיט אַ זון.

— צי ס׳איז אין דאָרף דאָ אַ קלויז און צי מ׳דאַוונט דאָ שבת מיט מנין האָט ער מסתם נישט געפרעגט — האָט דער אַלטער בער זיך אָנגערופן.

— כ׳האָב נישט געוואָרט, אַז ער זאָל פרעגן. כ׳האָב אים אַליין דערציילט, אַז מירן דעם זומער בויען אַ קלויז און כ׳האָב אים באַצייטנס געלאָזט וויסן, אַז די יידישע פּריצים וועלן דאַרפן צוהעלפן — האָט לייב מיט די ווערטער, נאָך אַ לאַנגער צייט, ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן בויען די קלויז.

* * *

ווען ס׳איז אין דרויסן געוואָרן וואַרעמער און די וועגן האָבן אַביסל צוגעטריקנט זיינען די יידישע פּריצים געקומען קיין יאַנאָוויץ איבערנעמען דעם פאָלוואַרק. לייב האָט פון גאָרטן זיי געזען אַריינפאָרן אין דאָרף אין צוויי בריטשקעס, אין וועלכע עס זיינען געווען געשפּאַנט צוגאָווע שוואַרצע פערד. מען האָט אָן די גויאישע פורמאַנעס, מיט די לאַנגע טשופּרינעס און אין די ברייטע לעדערנע גאַרטלען אַרום זייערע לענדן דערקענט, אַז זיי זיינען ניט פון די אַרומיקע דערפער און אַז זיי האָבן די פּריצים געבראַכט צופירן פון גאַנץ ווייט.

אין איין בריטשקע איז געפאָרן דאָס עלטערע פּאָרפאָלק מיט זייערע צוויי יונגע טעכטער. דער עלטערער ייד מיט דער גרויער שיטערער באָרד און מיט די קורצע גראָבלעכע פאות איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סאַמעטענעם קאַפּעליוש, אין אַ טונקעלען לוסטרינעם זשעקעט. ער האָט עפּעס גאָרנישט אויסגעזען ווי קיין פּריץ. ס׳ווייב זיינס, וואָס איז געזעסן לעבן אים, אַ ברייטע, אַ גוידעריקע, האָט אין איר פּלושענער בלויער יאַקע און אין טערקישן טיכל אויסגעזען ווי אַ דאָרפישע יידישע באַלע־באָסטע, וועלכע האָט זיך אויסגעפּוצט צו פאָרן אויף ראש־השנה אין שטאָט אַריין. דערפאַר האָבן אָבער זייערע צוויי יונגע מיידלעך מיט זייערע ווייסע פּנימלעך, אין העלע שליאַרעדיקע קליידער, וואָס האָבן גערעדט צווישן זיך פּויליש, אויסגעזען ווי פּריצישע קינדער.

אין דער צווייטער בריטשקע איז געפאָרן דאָס יונגע פּאָרל מיט זייערס אַ קליין ייִנגל. דער יונגער פּריץ, וואָס האָט געטראָגן אַ גרינלעך הויך קאַפּעליושל מיט שמאָלע קריסעס און אַ גרויען רייזע־מאַנטל, האָט מיט זיין געגאָלט פּנים אין מיט זיינע קליינע בלאָנדע וואָנסלעך גאָרניט געכאַפּט דעם אָנבליק פון זיין טאַטן. מען האָט אים לייכט געקאָנט אָננעמען פאַר אַ זונדל פון אַ פּוילישן פּריץ אָדער פון אַ גלח. ער האָט ביים אַריינפאָרן אין דאָרף זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און גוט־

מוטיק געשמייכלט. לעבן אים איז געזעסן זיין פרוי אַן איינגעמידערטע, אַ שטייפע, אָנגעטאָן אין אַ ברייטן הוט באַשטעקט מיט גרויסע געלבלעכע פעדערן. זי האָט כסדר געקרימט איר לענגלעך מאָגער פּנים און אַלעמאָל אויף פּויליש דערמאָנט איר ייִנגל צו זיצן גלייך און צו זיין אַרטיק.

ווי נאָר די דאָרפסלייט האָבן דערזען די צוויי בריטשקעס, האָבן זיי שוין געוואוסט, אַז דאָ פאָרן זייערע נייע פּריצים. זיי האָבן גיך אַראָפּגע־כאַפּט די היטלעך פון די קעפּ און הכנעהדיק זיך געבויגן. לייב האָט פון גאָרטן לאַנג נאָכגעקוקט די ייִדישע פּריצים. זיי האָבן אים דערמאָנט אַן זיין ברודער יוסף, וואָס האָט מיט יעדן יאָר זיך מער אָפּגעזונדערט פון דער משפּחה. ער האָט איצט ווי אַ סך מאָל פריער זיך פאַרטראַכט וועגן דעם מזל פון זיין ברודער און ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער פּריצישער גדולה.

לייב האָט אין דער וואָך, וואָס די נייע ייִדישע פּריצים זיינען אָנ־געקומען, אויפסניי גענומען רייניקן ס'בערגל, וואו מען האָט געדאַרפט בויען די קלויז. דאָס אָנקומען פון די פּריצים מיט דער ייִדישער די־נערשאַפט האָט אים ווי אונטערגעטריבן צו דער אַרבעט. אויך האָט ר' וועלוועלע אין יענע טעג אים און דעם זיידן דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט זיך צו שטעלן מאַכן די ציגל און אַריינצומויערן דעם פונדאַמענט.

— זאָל זיך נאָר נישט דער שטן ווידער אַריינמישן, וועלן מיר בלי־נדר אויף ימים־נוראים זיך שוין נישט דאַרפן שלעפּן אין שטאָט אַריין — איז דער אַלטער בער נאָכן לאַנגן ווינטער אויפסניי געוואָרן רירעוו־דיק.

— מ'דאַרף וואָס פריער אָנהייבן בויען און ס'וועט מיטן אויבערשטנס הילף זיין אַזוי ווי איר ווילט. כ'על בלי־נדר קומען צו אייך אויף ראש־השנה און יום־כיפּור און מירן דאַוונען מיט אַ שיינעם מנין — האָט ר' וועלוועלע דעם זיידן מיטן אייניקל צוגעגעבן חשק.

די ייִדן פון נאָענטן שטעטל האָבן געצויגן מיט די אַקסלען ווען זיי האָבן געהערט, אַז אין יאַנאָוויץ רעדט מען שוין ווידער וועגן בויען אַ קלויז. די קהלשע פאַרזאָרגער אין די שטעט זיינען נישט געווען אי־בעריק צופרידן פון דעם, וואָס ייִדן אין די דערפער פאַרנעמען זיך צו האָבן אייגענע קהלות מיט קלויזן, חדרים און אַפילו מיט אייגענע שוחטים. זיי האָבן פון די דאָרפסלייט, וועלכע זיינען אויף ראש־השנה און יום־כיפּור געקומען אין שטאָט אַריין דאַוונען, געהאַט אַ שיינעם צושטייער און עס איז זיי נישט געפעלן געוואָרן, וואָס זיי הייבן־אָן מאַכן שבת פאַר זיך.

— צו וואָס דאַרפן זיי אַ קלויז, די דאָרפישע סעליוכעס? ווער וועט זיי אויפמישן מה טובו? און ווער וועט זיי זאָגן וואָס פאַר אַ סדרה ס'גייט?

— זיי מיינען, אַז עס איז אויפצועסן אַ קאָלעשע מיט אַ שיסל קאָ־פּוסטע.

— איר וועט זען, אַז זיי וועלן זיך נאָך אויפבויען אַ מרחץ און זיך אויך מאַכן אַן אייגענעם בית־עולם ביים גויאישן צווינטער! — האָבן די שטאָט־לייט צווישן זיך גערעדט און נישט איינמאָל אויך איינגעטענהט מיט דעם אַלטן בער און מיט לייבן, אַז ס׳איז ניט רעכט צו בויען אַ מקום־קדוש צווישן אַזויפיל גוים.

— איר׳ט זיך פאַרדינען עולם־הבא מיטן אויפשטעלן די קלויז. זאָל איך נישט אַרן, וואָס די שטאָט־לייט רעדן. ס׳איז גאָר נישטאָ קיין שענער אָרט פאַר אַ מקום־קדוש ווי צווישן גראָזן און ביימער — האָט ר׳ וועלוועלע, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט די שיינע לאַנדשאַפטן אַרום יאַנאָוויץ, צונישט געמאַכט די טענות פון די שטאָט־ייִדן.

נאָך אײדער די נייע פּריצים האָבן זיך רעכט באַזעצט אויפן יאַנאָוויצער פּאָלוואַרק איז דער אַלטער בער אַליין אַוועק צו זיי, אַז זיי זאָלן געבן צושטייער אויף דער קלויז.

— איר האָט מיר מיט דער קלויז גאָר צוגעטראָפן. כ׳האָב גערעכנט שבת און יום־טוב צו מאַכן מנין ביי מיר אין הויף, האָב איך אָבער אַ שנור, וואָס וויל נישט. קוים דערזעט זי עטלעכע ייִדן אין הויף באַקומט זי אַזאַ קאַפּוויטיק, אַז מען מוז איר לייגן קאַלטע קאָמפּרעסן. און מיין זון איז אויך נישט בעסער. ס׳דאַווענען ליגט אים אַפילו נישט אין דער לינקער פּאה. ער מיינט אויך, אַז ער האָט שוין אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פּיס — האָט דער אַלטער פּריץ, מאיר פעלדמאַן, זיך באַלד דערפילט היימיש מיט בערן. ער האָט אים לאַנג פאַרהאַלטן און אים דערנאָך אַרויסבאַגלייט מיטן צוזאָג, אַז ער וועט שיקן געהילץ און אַז ער וועט געבן צושטייער אויף אַ נייער ספר־תורה און אויף טישן און בענק.

ס׳האָבן זיך געשטעלט וואַרעמע טעג און די יאַנאָוויצער ייִדן האָבן מיט גרויס חשק זיך אַ נעם־געטאָן צו דער אַרבעט. יעדער איינער האָט ווי אין אַ שותפות אַריינגעלייגט זיין חלק און זיין מי. אַפילו דער קאַרגער בונעם מיטן בויך, וואָס האָט פריער נישט געוואָלט קיין קלויז אין דאָרף, איז נישט אָפּגעשטאַנען. ער האָט געבראַכט צופירן בוי־מאַטעריאַל און ער האָט אויך געגעבן געלט.

עס האָבן זיך געצויגן צום בערגל ייִדן פון די אַרומיקע דערפער און זיי זיינען געקומען נישט מיט קיין ליידיקע הענט. מען האָט געבראַכט אויסגעטעסעטע סלופּקעס, קראָקוועס, ברעטער, מאַנדלעס קאָרן־שטרוי פאַרן דאַך, פּליטקע בלויע שטיינדלעך פאַר דער חרובע, נישט־געלאָשענע קאַלך־שטיינער און געברענטע ציגל אויף אויסצומויערן דעם קוימן. די ווייבער האָבן באַצייטנס געבראַכט גראָבע לייוונט אויף האַנטעכער און טיש־טעכער און געלט אויף סידורים און אויף ליכט. אַ באַרוועס דריבנע ייִדעלע מיט אַ געדיכטער רויטער באָרד, וואָס מען האָט אין זיין הויכן שטרויענעם קאַפּעליוש דערקענט, אַז ער קומט פון דעם דאָרף זאָוולינעץ, האָט געבראַכט קליינע סאָסנע־ און ברעזע־ביימלעך און זיי אַליין פאַרזעצט אויפן בערגל. מיט די ביימלעך האָט ער אויך געבראַכט מיט זיך

אַ פלעדערמויז, וואָס ער האָט געוואָלט לעבעדיקערהייט באַגראָבן אונטער דער שוועל פון דער קלויז. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס באַשעפעניש, וואָס איז וואַך נאָר בייגאַכט, ברענגט אַ סך מזל ווען מען באַגראָבט עס אין אַ זוניקן טאָג ביים אַריינגאַנג פון אַ ניי הויז. ווען ער האָט אָבער שוין געהאַלטן ביים גראָבן דאָס גריבל האָט אברהם אָליניק גענומען די שלאָפנדיקע פלעדערמויז און זי אַריינגעוואָרפן אין גאָרטן. אברהם האָט אויסגעמוסרט דאָס רויטע יידעלע און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז אַ גרויסע זינד אַריינצולייגן אין דער ערד אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

די פּאָגאָדע האָט צוגעשפּילט און די יידן האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער אַרבעט. די ווייבער האָבן מיט באָרוועסע פיס געקנאָטן ס׳ליים, און די מענער האָבן געלייגט די ציגל, געקלאָפּט, גע־מייסטרעוועט און גאָרנישט געפילט דעם שווייס אויף זייערע פנימער און די מידקייט אין זייערע גלידער. ביי דער אַרבעט האָבן די יידן, וואָס האָבן געוואוינט צעוואָרפענע צווישן גויים, זיך דערפילט ברידערלעך נאָענט. עס איז זיי עפּעס ווי פאָרגעקומען, אַז זיי בויען אַ הויז וואו זיי וועלן אַלע וואוינען צוזאַמען.

לייב האָט ערשט ביים בויען די קלויז באַוויזן וואָס פאַר אַ כוח עס זיצט אין אים. ער האָט פון באַגינען ביז אין דער נאַכט אַריין געאַרבעט. ער האָט געשלעפּט שווערע סלופּעס, געדזוויגעט גרויסע שטיינער און ניט גערוט קיין מינוט.

— אדיר יבנה ביתו, ביתו יבנה — האָט דער אַלטער בער אַ פריי־לעכער זיך צוגעזונגען און אויך צוגעהאָלפן — אַי, יאָרעלעך, פּיצעלעך יאָרעלעך! — האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די דעמבעס פון וועלכע מען האָט אויסגעטעסעט די סלופּעס, זיינען געווען אַמאָל דינעביימלעך, וואָס ער האָט זיי מיט זיינע אייגענע הענט פאַרזעצט.

דער נייער פּריץ מאיר פעלדמאַן האָט אַ פּאָר מאָל זיך אָפּגעשטעלט ביים בוי זיך נאָכפרעגן צי דאַרף מען עפּעס נישט פון הויף. ער האָט געעצהט צו מאַכן די מענערשע זייט טיפער פון דער ווייבערישער. דער פּלאַן איז געווען צו לאָזן אין דער מחיצה־וואַנט צווישן דער ווייבערישער און מענערישער קלויז צוויי פירעקיכדיקע אָפענע קוקערלעך. דער פּריץ האָט אָבער געראָטן אַריינצובויען פענצטער אונטער דער סטעליע, לענג־אויס דער גאַנצער וואַנט.

— ווען די ווייבער וועלן נישט קאָנען הערן דעם חזן אין קלויז וועלן זיי דערנאָך אין דערהיים אויסלאָזן צו זייערע מענער — האָט דער אַלטער פּריץ מאיר פעלדמאַן געשפּאַסט.

— כ׳לעבן, טאַקע גערעכט — האָבן די יידן זיך דערפילט מיט אים היימיש און אָנשטאָט הער פעלדמאַן אים גענומען רופן ר׳ מאיר. דער אַלטער פּריץ האָט מיט זיי געטרונקען לחיים אויפן בערגל, פאַרזוכט

פון די מאכלים, וואָס די ווייבער האָבן אַרויסגעבראַכט, און געלעקט די פינגער פון ריוועס הרעטשענע וואַרעניקעס מיט קעז.

די ווענט זיינען פון טאָג צו טאָג געוואַקסן און נאָך פּאָר שניט איז שוין דער דאַך געווען אָפּגעדעקט מיט שטרוי און באַשטעקט מיט אַ בינטל בלומען און גרינסן.

שטאָטישע סוחרים, וואָס זיינען דורך יאַנאָוויץ געפאָרן אויף די יאַרידים, האָבן אויפגעמאַכט מויל און אויגן, ווען זיי האָבן פאַר זיך דערזען דעם נייעם בנין, מיט צווי גאַניקלעך און מיט צווי טירן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פאַרחידושטע געקוקט ווי די דאָרפסלייט מייסט־רעווען אַליין און זיי האָבן געלויבט זייער מלאכה. די שטאָטישע קאָנ־יעוואָדניקעס האָבן אָבער ביים אַהיימפירן די פערד פון די יאַרידים נישט איינמאָל חוזק געמאַכט פון די יאַנאָוויצער יידן. איין פערד־סוחר האָט זיי געהייסן פרעגן ביים רב אַ שאלה צי מעג איוואַן דער טרובאַטש ביי זיי בלאָזן שופר און אַ צווייטער האָט געפרעגט צי דער דיאַק פון קלויסטער וועט ביי זיי אין קלויז דאַווענען פאַרן עמוד.

— זע נאָר ווער ס׳רעדט דאָ וועגן בלאָזן שופר און וועגן דאַווענען פאַרן עמוד! איר קאָנט דען עפּעס מער ווי קוקן אַ פערד אונטערן ווידל? — זיינען די דאָרפסלייט זיי נישט שולדיק געבליבן קיין ענט־פער.

* * *

שניט־צייט, ווען די רויע ציגל־ווענט זיינען שוין געווען טרוקן און מען האָט זיי געמוזט אויסקלעפּן און אָפּקאַלכן, איז אין דאָרף אַריין גע־קומען אַ פרעמדער ייד, וואָס האָט זיך אָנגעבאָטן אויסצומאָלן די קלויז פון אינעווייניק.

— מ׳דאַרף נישט קיין קונצן. וואָס פּשוטער אַלץ בעסער — האָט דער אַלטער בער גערעדט צו דעם פרעמדן יידן, ווען ער האָט אים אַריינגעפירט אין קלויז אַריין.

— ווען כ׳וועל מיטן אייבערשטנס הילף פאַרטיק ווערן וועט איר זען, אַז כ׳וויס וואָס מ׳דאַרף דאָ טאָן. מיטן מויל קאָן איך עס אייך נישט אויסמאָלן, נאָר מיטן בערשטל — האָט דער פרעמדער מיט זיינע קלוגע טיף בלויע אויגן באַטראַכט דעם נייעם בנין, וואָס איז געווען אַרומ־גענומען מיט דער זומערדיקער גרינקייט. ער האָט נישט געפרעגט וואָס און וויפיל מען וועט אים געבן, נאָר אַ שווייגנדיקער אָפּגעלייגט ביי בערן אין סטאָדאָלע זיין פעקל און זיך גענומען צו דער אַרבעט. ס׳ערשטע האָט ער אַרויסגענומען פון אַ זעקל פאַרשידענע קאָרינעס, זיי גענומען ווייקן אין וואַסער און פון זיי געמאַכט פאַרשידנפאַרביקע פאַרבן. ער האָט צעשטויסן שטיינדעלעך, זיי געמישט מיט פאַרביקע פּראָשקעס, זיי צע־פּירט מיט וואַסערלעך, מיט מילך און מיט אייל און געמאַכט לאַנגע הכנות. אין מיטן פון דער אַרבעט איז ער אַלעמאָל געבליבן שטיין

פאַרטראַכט, געקוקט אויף דער אַרומיקער גרינקייט און אויפן בלויען הימל.

— ס'דאַרף איבעוויניק אויסזען אַנדערש ווי אין אַ פּשוטער שטוב — האָט זיך אַרום אים געדרייט לייבס עלטערער ברודער, פּסח, וואָס האָט אַ גאַנצן זומער געמייסטערוועט ביים באַלעמער, געשניצט צוויי גרויסע לייבן און אויסגעאַרבעט פאַרשידענע באַפּוצונגען פאַרן אָרון־קודש, פאַר די טירן און פאַר די פענצטער פון דער קלויז.

— ס'וועט זיין אַנדערש. מ'קאָן עס מיטן מויל נישט אויסמאָלן, נאָר מיטן בערשטל — איז דער מאָלער ביים מישן די פאַרבן געווען קאַרג אויף רייד. ער איז אַ סך טעג געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן איז מען אַזש פון די שטעט געקומען אָנקוקן די קלויז. די מענערישע זייט האָט אויסגעזען הויך און ווי אַן אַ סטעליע. ווען מען האָט אַרויפגעקוקט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען זעט די בלויקייט פון הימל. די ווענט פון דער מענערישער און אויך פון דער ווייבערישער קלויז האָט ער באַמאָלן מיט שיינע לאַנדשאַפטן, וואָס ער האָט געזען אַרום יאַנאָוויץ אין זומערדיקן פרימאָרגן, ווען די ראָסע צעפינקלט זיך אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון. אין דער מע־נערישער קלויז האָט ער אין דער הויך אין די פיר ווינקלען פון די ווענט, ווי אויף שפּיצן פון בערג, אויסגעמאָלן אַ לעמפּערט, אַן אָדלער, אַ לייב און אַ הירש. די ווילדע חיות האָבן נאָר ווי לעבעדיקע אַראָפּ־געקוקט פון דער הויך. אויף דער מזרח־וואַנט האָבן ווי פון אַ נעפּל זיך אַרויסגעשיילט גרינע צווייגן מיט שטענגלעך רייפע טרויבן, וואָס זיינען געווען ווי אָפּגעדעקט מיט פרישן בלויען הויך. איבער די קריכנדיקע גרינע טרויבן־קאַרטשעס האָט ער ווי אַ סופר אויסגעשריבן די פּסוקים פון תהילים: „בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני". „והיה כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול". „מה רבו מעשיך יי כלם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך".

איבערן אָרון־קודש האָט ער אויסגעמאָלן צוויי לוחות, וואָס האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעהאַקט פון שטיין, און מיט גאָל־דענע אותיות אויף זיי אויסגעשריבן די עשרת הדברות. גאָר אין דער הויך האָט ער אויסגעכתיבהט מיט גרויסע אותיות „דע לפני מי אתה עומד" און „שויתי יי לנגדי תמיד".

ווען דער פרעמדער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט אין קלויז איז דאָרט געווען אַזוי פיל שיינקייט, אַזוי פיל רייכקייט פון פאַר־שידנערליי פאַרבן, אַז די דאָרפסלייט האָבן גאָרנישט געקאָנט זייערע אויגן זעטיקן. זיי זיינען ביים אַריבערטרעטן די שוועל פון דער קלויז אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ געפיל פון גרויס יראת הכבוד און אויך מיט אַ וואַרעמער היימישקייט.

— איי, ווי שיין! איי, ווי גראַנדיעזיק! ס'זאָל אונדז נאָר נישט פאַרשטערט ווערן!

— ווער האָט זיך געריכט, אַז ער זאָל מיט די בערשטלעך, וואָס ער האָט געמאַכט פון אַביסל פערד־האָר, קאָנען באַשאַפן אַזאַ שיינ־קייט!

— ער האָט דאָך אַריינגענומען דעם גאַנצן דרויסן אין קלויז אַריין! ס׳וועט זיך דאָ אַליין דאַווענען.

— זעטס נאָר, זעטס די שיינע חיות! — האָבן די יידן פאַרגאַפטע גערעדט צווישן זיך — מען האָט אים געוועון באַדאַרפט זאָגן, אַז ער זאָל נאָך אויף דער מזרח־וואַנט אויסמאָלן דעם קאַיזער.

— וואָס רעדט איר, וואָס? מ׳טאָר נישט.

— כ׳פאַרשטיי נישט. חיות יאָ, און דעם קאַיזער נישט?

— די געמעלן פון די חיות האָבן אַ טיפן מיין. אין מדרש זאָגט זיך, אַז אַ מענטש דאַרף זיין שטאַרק ווי אַ לעמפּערט, גרינג ווי אַן אָדלער, העלדיש ווי אַ לייב און פלינק ווי אַ הירש, ווען עס קומט צו טאָן דעם רצון פון דעם באַשעפער — האָט אברהם אַליניק געגעבן צו פאַרשטיין די יידן פאַרוואָס מ׳האָט אויסגעמאָלן די פיר ווילדע חיות. ער האָט פאַר זיי אויך אויסגעטייטשט דעם פסוק „לא תעשה לך פסל” פון די עשרת הדברות און זיי אויפגעקלערט פאַרוואָס מען קאָן נישט אַריינגעמען אין קלויז דאָס בילד פון דעם קאַיזער פראַנץ יאָזעף.

— ס׳איז שוין איינמאָל שיין! ער האָט אָבער געזאָגט, אַז ער ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן. געזונט און שטאַרק זאָלן זיין די הענט זיינע — האָבן די יידן נישט אויפגעהערט לויבן און בענטשן דעם פרעמדן און זיי האָבן אים גוט באַלוינט פאַר זיין אַרבעט.

אויף ראש־השנה איז די קלויז געוועזן פיקס־און־פאַרטיק. זי איז געשטאַנען אויפן בערגל אַן אָפּגעדעקטע מיט אַ געקאַרבטן שטרויענעם דאַך און אַרויסגעקוקט צום וועג מיט צווייי גאַניקלעך און מיט בלוילעך־ווייסע ווענט, אונטערגעפירטע ביז איבערן פונדאַמענט מיט ברוינלעכער ציגל־פאַרב.

פאַר יום־טוב האָבן די ווייבער געבראַכט אין קלויז אַריין מנורהלעך, לייכטער און נאָך אַנדערע זאַכן. זיי האָבן צוזאַמען מיט זייערע טעכטער געפּוצט די פענצטער, געוואַשן די נייע פאָדלאָגע אין דער מענערישער זייט, געראַמט און געשייערט.

אַ טאָג פאַר ראש־השנה האָט דער אַלטער בער אויסגעפּוצט אין אַ נייַ מענטעלע זייַן ספר תורה, וואָס איז אים איבערגעגאַנגען בירושה פון זיין זיידן, און באַגלייט פון זיין זון אברהם, פון זיין אייניקל לייב און פון עטלעכע קליינע אור־אייניקלעך, איבערגעטראָגן ס׳ספר אין קלויז אַריין.

— כ׳האָב מיטן אייבערשטנס הילף מיינס אויסגעפירט! — איז בער אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום און זיך געהאַלטן אין איין דרייען אַרום דעם נייעם בנין.

די דאָרפס־יידן האָבן אין שטילער פרייד זיך געגרייט צו באַגייען

די קלויז. זיי האָבן זיך עפּעס ווי נישט געקאָנט גלויבן, אַז זיי וועלן אויף די ימים־נוראים זיך מער נישט דאַרפן שלעפּן אין שטאָט אַריין מיט די ווייבער און קינדער. דאָס אָוועקפאָרן פון דערהיים אויף ראש־השנה און יום־כיפּור איז פאַר זיי געווען ווי אַן אָפּקומעניש. מען האָט אויף גויאישע הענט געדאַרפט איבערלאָזן די באַלעבאַטישקייטן, מען האָט געמוזט איינקויפן נייע מלבושים, כדי אויסצוזען לייטיש, און זיי האָבן דערנאָך ערשט זיך געפילט שטאַרק געפאַלן אין די שטאָטישע שולן.

בלויז עטלעכע קילאָמעטער האָבן אָפּגעטיילט ס׳דאָרף פון דער שטאָט, אָבער די שטאָטישע יידן האָבן ביים דאַווענען באַטראַכט די דאָרפסלייט ווי זיי וואָלטן געווען פון עפּעס אַ פרעמדן שבט. מען האָט געקוקט אויף זיי פון־אויבן־אַראָפּ און זיי נאָר געזוכט צו פאַרשעמען. די יידישע דאָרפסלייט האָבן געפילט די פרעמדקייט און דעם ביטול פון די שטאָטישע יידן אין שול מער ווי אויף די יאַרידים. נישט איין יונג שטאָט־באַלעבעסל, וואָס האָט זיך געפּאַשעט ביים שווער אויף קעסט, האָט ביים לייענען זיך געחכמהט אויפן חשבון פון די דאָרפס־יידן און מיט די גראָבע ציצית פון זיין טלית, כלומרשט אין שפּאַס, געשמיסן די דאָרפישע יינגלעך איבער די פּנימער.

— ר׳ דאָרפס־ייד, ווי זענט איר זיך נוהג ביי אייך? ווען שמחת־תורה פאַלט־אויס ראש־חודש, זאָגט איר אקדמות, צי נישט?

— זאָגט נאָר, כ׳בעט אייך, ווען איר גייט שבת נאָכן קוגל מיט די פערד אויף דער פּאַשע, נעמט איר דעם שטר־מכירה אין קעשענע, צי נישט? — האָבן זיי גערעדט ברייט, מיט פּתחן, און אַליין אַנגעקוואָלן פון זייערע חכמות. עס איז ביי זיי געווען דער גרעסטער שפּאַס ראש־השנה צי יום־כיפּור ביים דאַווענען אַוועקצושלעפּן ס׳מחזור ביי אַ דאָרפס־מאַן און אים צושאַרן אַ הגדה. דאָס שטאָטישע באַלעבעסל האָט כלומרשט געהאָלפן דעם דאָרפס־ייד אויפמישן וואו מען האַלט, ער האָט מיט אַ פינגער אים געטייטלט אויפן בלעטל פון דער הגדה וואו עס זיינען געווען אויסגערעכנט די צען מכות, ער האָט אים אין דער שטיל אונטערגעזאָגט און דערביי מיט אַ פויסט זיך געשלאָגן אין האַרץ אַריין ווי צו על־חטא. ערשט ווען דער דאָרפס־ייד האָט אויפן קול גענומען אויסציילן די מכות, האָט מען אַרויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער און אים מבייש געווען. זיי האָבן ביים דאַווענען די דאָרפס־יידן אונטערגעזאָגט גרייזן און פאַרדרייט פאַר זיי גאַנצע פּסוקים פון מחזור. פון „הקצר בזעם ומאריך אַף״ איז ביי זיי געוואָרן „אַ קערצער בעזעם מאַך מיר אויף״, און פון „הצופה לרשע וחפץ בהצדקו״ האָבן זיי פאַרדרייט אויף „האַפּאַטשיע לעשורע ווערקופּעץ לעדאָטשקאַ״.

די כלומרשטע וואוילקענעוודיקע שטאָטלייט האָבן געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון חוזק מאַכן פון די דאָרפישע קינדער, וואָס זיינען אין נייע שיך, ווי געפּענטעטע לאָשיקלעך, געקומען אין שטאָט אַריין אויף יום־טוב. זיי האָבן די דאָרפס־יינגלעך געפרעגט צי זיי קאָנען מאַכן אַ מוציא

איבער דער תורה און צי זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט די פיר קשיות אויף חנוכה. זיי האָבן דערביי זיך נאָכגעקרימט די דאָרפישע קינדער, וואָס האָבן געריידט מיט אַ גראָבער אויסשפּראַך און מיט דער רייש.

די דאָרפישע קינדער האָבן ערב יום־טוב זיך געפרייט, וואָס זיי פאָרן אין שטאָט אַריין. ווען זיי זיינען אָבער אין די פּאַרכטיקע טעג אַריין אין שול, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט יידן אָנגעטועט אין טליתים, האָבן זיי זיך דערפילט אומהיימלעך און זיי האָבן כסדר געקוקט צו דער טיר. ווען ס׳איז געקומען צו „ונתנה תוקף" האָבן זיי עפּעס ווי נישט דערקענט זייערע טאַטעס, וואָס האָבן ווי פאַרלוירן די מראה פון זייערע פּנימער. נישט איינמאָל איז זיי אין דער פרעמדער שול באַפאַלן אַזאַ אימה, אַז זיי האָבן געוואָלט דאָרט איבערלאָזן זייערע נייע שיך און באָרוועסע זיך לאָזן לויפן צוריק אין דאָרף אַריין.

אַנדערש זיינען אָבער געווען די „לייבן און בערן" און זייערע קינדער. זיי האָבן זיך נישט געמאַכט קיין צימעס פון די וואוילקענעוודיקע שטאָטלייט, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז זיי זיינען די נאָענטסטע צו גאָט און זיי האָבן זיך נישט געפילט געפאַלן קעגן זיי. די דאָרפישע משפּחה האָט ביים דאַווענען, סיי אין דערהיים און סיי אין שטאָט, אַלעמאָל אין זינען געהאַט, אַז גאָט איז אַן אל רחום וחנון, אַז ער הערט די תפילה אַפילו פון דעם, וואָס קאָן נישט קיין צורת אלף, ווייל דער עיקר איז דאָך ס׳האַרץ און די כוונה. נישט זיי און נישט זייערע קינדער האָבן זיך געלאָזט צעטומלען פון די שטאָטלייט.

ווען זיי זיינען ראש־השנה און יום־כיפור געקומען אין שטאָט אַריין דאַווענען האָבן זיי בלויז אַביסל מער אַראָפּגערוקט די טליתים איבער זייערע פּנימער. זיי האָבן געזאָגט מיט האַרץ די תפילות און אַלעמאָל ווי צוגעבראַכט די היימישע ווערטער „האַרציקער פאָטער" און „טאַטע אין הימל". ביי די „לייבן און בערן" איז פון דור צו דור, פון ר׳ ישראל בעל־שם־טובס צייטן, איבערגעגאַנגען צו זייער קליינוואַרג די מעשה וועגן דעם דאָרפס־ייִנגל, דעם פאַסטעך, וואָס האָט נישט געקאָנט דאַווענען. ער האָט אָבער איינמאָל אין שול, יום־כיפור צו נעילה, אַ פייף־געטאָן אויף זיין פייפל מיט אַזויפיל האַרץ און כוונה, אַז ער האָט געשפּאָלטן אַלע זיבן הימלען און אַרויפגעבראַכט די תפילות פון אַלע מתפללים צום כסא־הכבוד.

די „לייבן און בערן" זיינען וויניק־וואָס נתפעל געוואָרן פון די שטאָט־באַלעבעסלעך און ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט פאַר־טשעפּעט זיי, צי זייערס אַ קינד.

— דו אַלמיצער אָקס וואָס דו ביסט, וואָס איז? דעם שווערס בראַהע האָט זיך אין דיר צעשפּילט?

— דו ווייצענער פּלאַמפּלאַץ, מיין נישט, אַז דו האָסט גאָט אין אַרענדע!

— טרעט־אָפּ אין אַ זייט, דו שטאָטישער גאַנער, דו גאָטס־גנב! אַז

נישט, וועט מען דיך מיט איין שמיר צוקלעפן צו דער מזרח־וואַנט — האָבן זיי נישט געלייגט קיין כבוד אַפילו אויף די שטאָטישע אײדעמס אין די טליתים מיט די זילבערנע עטרות. עס האָט אויך געטראָפן, אַז זיי האָבן אַזאַ יונגנמאַנטשיק מכבד געווען מיט אַזאַ מתנת־יד, אַז מען האָט אויף אים דערנאָך געדאַרפט שפּריצן וואַסער און אים רייבן מיט עסיק.

* * *

אויסגעוואַשענע און אויסגעפּוצטע האָבן די דאָרפס־יידן אינאיינעם מיט ר׳ וועלוועלען, וואָס האָט געהאַלטן יום־טוב ביים אַלטן בער, אין די וואַרעמע און ליכטיקע ראש־השנה־טעג באַנייט די יאַנאָוויצער קלויז. מען האָט פרי פאַרלאָזט די פריש־אויסגעווייסטע שטיבער וואָס האָבן געשמעקט מיט צוגעכאַפּטן עפּל־שטרודל, מיט האָניק און מיט בלומען. מען האָט געלאָזט הינטער זיך הויפן פול מיט סטייגלעך תבואה און היי, מיט פייכטע סנאָפּעס קוקורודזשעס, קאָנאָפּליעס, פּאַסאָליעס, מיט אונטערגעפּליקטע גענדז, קאָדאַקעדיקע הינער און קרייענדיקע יונגע הענדלעך, וואָס מען האָט געהאַלטן אויף כפּרות. גויאישע שכנים האָבן די יידן אויפן וועג אָפּגעגעבן אַ יום־טובדיקן גוט־מאָרגן, זיי צוגעוואונטשן אַ געזונט און רייך יאָר און זיי נאָכגעקוקט. דער אַלטער בער האָט אַ פריילעכער, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ נייעם קאַפּטן, די גויאישע שכנים געלאָזט וויסן אַז זיי וועלן אויף „טרובקי״ (ראש־השנה) און אויף „סודנעי דעין״ (יום־כיפּור) שוין מער קיינמאָל נישט פאָרן אין שטאָט אַריין.

לייב איז פונקט ווי דער זיידע געווען פול מיט פרייד, וואָס ער האָט זיינס אויסגעפירט. ער האָט אָבער דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, באַלד אין דער פרי, געהאַט אַ באַגעגעניש וואָס האָט אים צעשלאָגן די געדאַנקען און ער איז שוין אַ שוויגנדיקער און אַ מוטלאָזער געגאַנגען צו דער נייער קלויז. יענעם אין דער פרי, ווען ער האָט פאָרן גיין דאַווענען געפירט די פערד צום וואַסער, האָט ער פאַר זיך פּלוצעם דערזען פיליפּאַן. ער האָט איבער אַ יאָר, פון דער צייט וואָס זי האָט חתונה געהאַט אין אַן אַנדער דאָרף אַריין, זי אינגאַנצן נישט געהאַט געזען און מיטאַמאָל איז זי אויסגעוואַקסן לעבן אים.

— ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט באַלד אָנקומען. די באָרדיינע איז געוואָרן געדיכטער און שוואַרצער — האָט זי גערעדט צו אים מיט אַ געמאַכטער רואיקייט.

— וואָס טוסטו הי? — איז לייב געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און מיט אויפגעריסענע אויגן זי אָנגעקוקט. זי איז אין דער צייט וואָס ער האָט זי נישט געזען געוואָרן פולער און איר פּנים איז געווען לויטערער און שענער.

— האָסט געמיינט, אַז איך וועל שוין אינגאַנצן מער נישט אַהיימקומען? — פיליפּאַ האָט טרויעריק געשמייכלט און אים דערציילט, אַז אַזוי ווי איר מאַמע איז קראַנק, איז זי געקומען איר העלפן אויסגראָבן

די קאַרטאָפּל. עס זיינען מיט דער דאָליגע פון שכנישן דאָרף אָנגעקומען יידן, אָנגעטוענע אין די טליתים און לייב איז באַלד אַוועק פון פּיליפּאַן. איר געשטאַלט און די דערמאָנונגען פון די אַמאָליקע באַגעגענישן מיט איר זיינען אים אָבער ווי נאָכגעגאַנגען. ערשט ווען ער איז אַריין אין קלויז איז פּיליפּאַס געשטאַלט ווי געבליבן אויף דער אַנדערער זייט טיר.

די קלויז איז ראש־השנה און יום־כיפור געווען געפּאַקט מיט יידן פון יאַנאָוויץ, פון דער טאַטארשטשיזנע און פון די פּאָר אַרומיקע דערפלעך. זיי זיינען אין זייער יום־טובדיקייט גאַרנישט געווען צום דערקענען.

— אָבי זיי האָבן זיך געזאָרגט, אַז ס'וועט נישט זיין קיין מנין. כ'האָב אַליין נישט געוואוסט, אַז מיר האָבן קיין־עין־הרע אַזויפיל יידן אין תחום — האָט דער אַלטער בער גערעדט צו לייבן און אַ מונטערער יעדן איינעם אונטערגעטראָגן זיין יום־טובדיק טאַבאַק־פּושקעלע מיטן גרינעם רוסישן טאַבאַק.

— איי, ס'אַ מחיה! ס'זאָל אונדז נאָר נישט פאַרשטערט ווערן.

— מ'עט יאַקאָס דאַוועגען אַליינעניו, אָן די שטאָטישע שרייער.

— אַליין איז די נשמה ריין — האָבן די יידן זיך געקהלט. ווען מען האָט זיך געשטעלט דאַוועגען, האָבן זיי זיך געפילט היימיש און זיך נישט געשעמט אויסצולאָזן אויפן קול. עפּעס איז די עברי פון מחזור זיי אָנגעקומען גרינגער ווי אין שטאָט, און זיי האָבן זיך וואָס־אַמאָל צעלאָזט העכער און העכער.

— האַרציקער פאָטער אין הימל, זאָלסט געבן לייטזעליקייט און גנאָד צו מיין געבעט! — האָט דבורה, אברהם אַליניקס ווייב, אויף דער אַנדערער זייט וואַנט די ערשטע זיך געלאָזט הערן מיט די תחינות. די ווייבער האָבן איר געגומען נאָכזאָגן, צוערשט אין דער שטיל און דערנאָך העכער און העכער. זיי האָבן זיך צעלאָזט אויפן קול און עס האָבן דורך די לאַנגע פענצטערלעך ביי דער סטעליע זיך געגומען טראָגן צו דער מאַנסבילישער קלויז אַזעלכע געוואַלדן און געוויינען, אַז מען האָט זיי עטלעכע מאָל געמוזט איינשטילן.

— ווייבער, שטילער דאָרטן! — זאָל זיך אייך אויסדאַכטן, אַז איר זענט אין שטאָט.

— קאַטשקעס, הערטס־אויף! מ'קאָן נישט דאַוועגען — האָט אַלעמאָל אַן אַנדערער ייד צו זיי אַריינגעשריגן.

דבורה האָט זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט. זי האָט געהאַלטן אין איין זאָגן פון מחזור און אויך אויסטוייניק. זי האָט געבעטן ביים האַר פון דער וועלט, אַז ער זאָל זיי אין דער נייער קלויז ווייזן זיין גנאָד; אַז ער זאָל פירן זייערע זין און טעכטער אויפן דרך־הישר; אַז ער זאָל פאַרהיטן, אַז זיי זאָלן חלילה נישט פאַרפרעמדט ווערן און אַז ער זאָל גוט מאַכן די הערצער פון זייערע גויאישע שכנים. — אוי, שפייזער פון

דער וועלט, זאָלסט אונדז באַוואָרן מיט געזונט און פּרנסה! — איז זי זיך אַלעמאָל אויפסניי פאַרגאַנגען און די ווייבער האָבן איר נאָכגע־האַלטן. די מאַנסבילן האָבן זיך כּלומרשט געבייזערט און באַלד דעם ערשטן טאָג געגעבן דבורהן דעם צונאָמען: „די פּירזאָגערין".

ריווע האָט אויך פאַר זיך אין דער שטיל געזאָגט אַ תּחינה. אַזוי ווי עס איז שוין געווען דאָס צווייטע יאָר נאָך איר חתונה און איר טראַכט איז געבליבן פאַרמאַכט, האָט זי מיט אַ געבראָכן געמיט געבעטן גאָט אויף קינדער.

„דערבאַרעמדיקער פאָטער, זאָלסט מיך באַוואָרן צום גוטן ווי חנהן פון רמה. אַלמעכטיקער האַר פון דער וועלט, האָסט פיל גלידער אין דעם מענטשן באַשאַפן און יעדעס גליד איז דאָך נישט אומזיסט. און אויף מיין האַרץ האָסטו באַשאַפן בריסטן, און דאָס איז דאָך געוויס דאָס איך זאָל זויגן קינדער" — האָבן אירע ליפן געשעפּטשעט און פון אירע אויגן זיינען געפאַלן הייסע טרערן.

די דאָרפישע ווייבער, וואָס האָבן נישט געקענט קיין עברי און געקומען אין קלויז אַריין אָן מחזורים און אָן תּחינות, האָבן אַרויפגע־קוקט צו דער סטעליע און ביסלעכווייז מיט היימישע פּשוטע רייד גע־נומען אַרויפרעדן צום רבונו של עולם. זיי האָבן זיך געפילט אַ סך פרייער ווי אין דער שטאָטישער שול און זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געבעטן צו גאָט.

— גאָטעניו זיסער, אַ חתן פאַר מיין זעלדען! כ׳בעט דיך, זאָג מיר נישט אָפּ.

— מיין איסר און מיין סאָסיע. פאַר זיי, טאַטע געטרייער.

— פאָטער אין הימל, אַ גוט יאָר און אַ זיס יאָר! און די בהמות זאָלן זיך נישט פאַרלאָזן! — האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איין וויגן און אין איין ווישן די אויגן.

די קולות פון קלויז האָבן זיך געטראָגן ביז אויפן וועג אַרויס און ווען גויאישע דאָרפסלייט זיינען פאַרבייגעגאַנגען זיינען זיי געבליבן שטיין ווי פאַרגאַפטע.

— הערט נאָר, הערט — האָבן אייניקע פון זיי פאַרצויגן פרומע מינעס אויף זייערע פּנימער, גרייט זיך צו צלמען.

— זיי שטייען נישט אָפּ פון די שטאָטישע. און פול איז דאָרט נאָר ווי אין אַ בינשטאָק. ווען זיי זיינען איינאיינעם זעט מען ערשט, אַז זיי מערן זיך דאָ.

— זיי וועלן זיך ערשט איצט פאַרמערן.

— זיי וועלן נאָך פון אונדזער דאָרף מאַכן אַ שטאָט.

— ביים צאַר לאָזט מען זיי נישט אויפהויבן דעם קאָפּ. דאָרטן צע־לייגן זיי זיך נישט אַזוי אין די דערפער — האָבן די גויים צווישן זיך גערעדט. ווען עס האָט זיך אָבער באַוויזן אַ ייד אויף דער טיר פון דער

קלויז האָבן זיי אים מיט גוטע רייד באַגריסט צום נייעם יאָר און פרום געבויגן די קעפּ.

— אוי ווי, מאַמע טאַטע בערעכאַטע! — האָבן קליינע שקצימלעך באַהאַלטענע אין די גערטנער שוין אויפן צווייטן טאָג ראש השנה נאָכגעקרימט די יידן ווי זיי דאַווענען. זיי האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן צו וואַרפן שטיינדלעך אין די פענצטער פון דער קלויז, אָבער די יידישע בחורים, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט פאַרן גאַניק, האָבן זיי אָפּגעשראָקן.

די דאָרפס־יידן זיינען ראש־השנה און יום־כיפור אין זייער נייער קלויז עפּעס ווי מיטאַמאָל אויסגעאיידלט געוואָרן. זיי האָבן געדאַוונט מיט האַרץ און מיט גרויס חשק, און ווען עס איז געקומען יום־כיפור צו נעילה האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען אַ גרויסע פרייד. זיי זיינען ווי אַנגעצונדן געוואָרן מיט דעם גלויבן, אַז זייערע תפילות זיינען אָנגענומען געוואָרן אין הימל און זייערע פּנימער, אויסגעלייטערטע און שיינענדיקע, האָבן זיך ביסלעכווייז אַרויסגערוקט פון אונטער די טליתים. זיי האָבן ווי פאַרגעסן, אַז זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג געפאַסט, און אויפגעפרישטע און פריילעכע געדאַוונט מעריב. זיי זיינען רירעוודיקע און מיט פעסטע טריט אַרויס אין דרויסן, זיי האָבן אויפן בערגל מחדש געווען די לבנה און דערנאָך מיט סטעזשקעס און וועגן אַוועק אַהיים אויפפאַסטן.

נאָכן אויפפאַסטן, ווען זיי זיינען אַרויס אויף זייערע הויפן צו די הונגעריקע בהמות און פערד, האָט די יום־טובדיקייט פון זיי אָנגעהייבן אָפּטרעטן. זיי האָבן זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט, און זיי זיינען צוריק ווי פאַרשלונגען געוואָרן פון דער דאָרפישער וואָכעדיקייט.

קאַפּיטל זיבן

ריווע איז ערשט אויפן דריטן יאָר נאָך איר חתונה פאַרגאַנגען אין טראָגן. עס איז געווען שפּעט אין אָסיען, ווען מען האָט שוין אָנגעהייבן אַראָפּנעמען די ווינטער־עפּל פון דיביימער און ווען לייב האָט שוין געהאַט פאַרזייט צוויי מאָרג ווינטער־תבואה. לייב האָט זיך דאָס דערוואוסט אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ער איז נאָכן אַהיימקומען פון פעלד, אַריין אין שטוב און דערזען אויפן פאַרשפּרייטן טיש לעבן ריוועס אָפּגעפּוצטע צוויי לייכטער אַ פריש־אויסגעפּאַרעמט ליימל, אין וועלכן ס׳האָט געשטעקט אַ דריט ליכטעל.

נישט נאָר לייב, נאָר אויך דער זיידע מיט דער באָבען האָבן מיט גרויסע אויגן געקוקט אויף דעם צוגעקומענעם ליכטל, וואָס האָט זיי אָנגעזאָגט וועגן ריוועס שוואַנגערשאַפט. אַזוי ווי זיי האָבן מורא געהאַט

פֿאַר אַ גוט־אויג, האָבן זיי זיך געמאַכט נישט־ווּיסנדיק און וועגן דעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זיי האָבן בלויז שווייגנדיקע פֿון דער זייט צוגעקוקט ווי ריווע, אַן אָנגעטוענע אין אַ געבלימלט ניי טיכל, צינדט צום ערשטן מאָל דריי בענטש־ליכט: פֿאַר זיך, פֿאַר איר מאַן און פֿאַרן קינד, וואָס זי טראָגט. לייב איז געשטאַנען אין ווינקל לעבן פֿעסל וואַסער און זיך דאָרט לאַנג געוואַשן. ער האָט אַלעמאָל אַריבערגעקוקט צו ריווען און געזען ווי זי דעקט־צו מיט אירע הענט ס׳פּנים, וואָס האָט פֿאַר די פֿלעמלעך פֿון די ליכט זיך ווי צעבליט מיט מאַטער רויטקייט. ער האָט אויך געזען ווי פֿון צווישן אירע פֿינגער פֿאַלן אויף ווייסן טישטעך עט־לעכע טרערן, און ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זיינען טרערן פֿון פֿרייד.

ריווע האָט שטאַרק געגאַרט צו האָבן קינדער. ווען עס איז אָבער פֿאַרגאַנגען איין יאָר און אַ צווייט יאָר האָט זי שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז זי וועט בלייבן אַן עקרה. די באָבע שרהלע האָט זי געהאַלטן אין איין פֿילעווען מיט באַבסקע רפֿואות און אויף איר אויסגעפּרוּווט אַלערליי סגולות. זי האָט זי צוגעזען מיט פֿאַרשידענע מאכלים און איר גע־געבן צו עסן צונויפֿגעוואַקסענע צווילינג־אוגערקעלעך. זי האָט פֿאַר איר געמישט ראָזשינקע־ווײַן מיט אויפֿגעזאָטן רעגן־וואַסער און פֿאַר איר גע־מאַכט פֿאַרשידענע ביטערע געטראַנקען פֿון אויפֿגעקאָכטע ווילדע צוויטן מיט קראָפּיווע. די באָבע האָט איר אָנגעטאָן אויפֿן האַלדז אַן אַלטע קמיע, וואָס זי האָט געהאַט בירושה און אויך אַ שמירה פֿון דעם טשאָרטקאָווער רבין.

ריווע איז אויך, קיינער זאָל נישט וויסן, געגאַנגען צו אַן אַלטער גויאישער זנאַכערקע, וואָס האָט געוואוינט אין שכנישן דאָרף. די אַלטע גויע האָט איר געוואָרפֿן קאָרטן, זי האָט איר געגעבן אַ קליין טאָרבעלע מיט דריי פֿעפֿערלעך און מיט עטלעכע שמעקנדיקע בעגעלעך און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל עס טראָגן אויפֿן האַלדז נאָר ביינאַכט. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן.

— נישט אַנדערש נאָר עמעצער האָט מיך פֿאַרשאָלטן, אָדער מיר אָפּגעטאָן עפּעס אַ כּישוף. און אפשר בין איך גאָרנישט דיין זיווג — האָט ריווע נישט איינמאָל זיך אויסגערעדט ס׳האַרץ פֿאַר לייבן.

— רעד נישט אַזעלכע נאַרישקייטן. וועסט נאָך האָבן גענוג קינדער. אין אונדזער משפּחה איז נישטאָ קיין איין בעזדעטניצע — האָט לייב זי געהאַלטן אין איין טרייסטן. ער האָט אָבער אָפּטמאָל געטראַכט, אַז אפשר איז ער גאָר דער שולדיקער: אַז אפשר וועט ריווע נישט טראָגנדיק דער־פֿאַר, ווייל פֿיליפּאַס געשטאַלט גייט פֿאַר אים אַמאָל אויף ביינאַכט. ריווע האָט צו אים קיינמאָל נישט גערעדט וועגן פֿיליפּאַן, אָבער אים איז פֿאַר־געקומען, אַז זי ווייסט וועגן זיינע אַמאָליקע באַגעגענישן מיט איר.

יענעם פֿרייטיק־צו־נאַכטס, ווען ריווע האָט אָנגעצונדן דאָס דריטע ליכטל, האָט אַ שטילע פֿרייד זיך אויסגעשפּרייט איבער דער שטוב. לייב האָט געפֿינטלט מיט די אויגן אין דער ליכטיקייט פֿון די דריי בענטש־

ליכט און ער האָט אַרויפגעקוקט צום ווײַנשל־רויטן באַלעק פון דער סטעליע און צו די אײַזערנע הוקנס, וואָס זײַנען דאָרט געווען אַרײַנגע־קלאַפּט. עס האָבן פון די הוקנס אַראָפּגעהאַנגען שנירלעך שוואָמען, קרענצ־לעך קנאָבל און ציבעלעס, אויסגעפּלאָכטענע קוקורודזע־שולקיעס, לײַבס טלית־און־תפילין־זאַק און אַ לוח מיט אַ טרוימביכל, אויפגעצילעטע אויף שטריקלעך. אין הוק, אין סאַמע מיט פון באַלעק, איז געווען אַ ליידיקער און ווי געוואָרט, אַז מען זאָל דאָרט אויף אַ שטריק אויפהענגען אַ וויגל. לײַב האָט ביים אַרויפקוקן צו דעם הוקן געטראַכט, אַז ער וועט באַלד נאָך שבת אָנשנײַדן לאָזעס הינטערן גאָרטן ביים וואַסער און ער וועט אַליין אויספלעכטן אַ וויגל פאַר דעם קינד, וואָס ריווע וועט אים געבוירן.

— מירן האָבן אַ קינד — האָט ריווע ערשט אויפן געלעגער, ווען די בענטש־ליכט האָבן גענומען צאַנקען, ווי צו זיך אַליין אַרויסגערעדט די ווערטער.

— כ׳האָב דיר אָבער געזאָגט, אַז ביי אונדז האָבן אַלע ווייבער קינ־דער. פון איצט אָן זאָלסטו נישט שלעפּן די שווערע צעבערס, און די בהמות וועל איך אַליין מעלקן — האָט לײַב מיט אַ פאַרענדערט ווייך קול זי געבעטן, אַז זי זאָל אין דער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט זײַן מער אָפּגעהיט און נישט אַרבעטן צו־שווער.

— אויב ס׳עט זײַן אַ מיידל, וועל איך האָבן אַ נאָמען נאָך דער מאַ־מען, זי זאָל זיך דאָרטן מיען פאַר מיר — האָט ריווע פאַרלייגט די הענט אונטער איר נאַקן און אַריבערגעקוקט צו די צאַנקענדיקע פלעמלעך.

— ווײַסט מירצעשעם האָבן גענוג נעמען. ס׳ערשטע וואָלט באַדאַרפט זײַן אַ ייִנגל.

— מירן שוין זען וואָס ס׳איז אונדז באַשערט — האָבן זיי אַזוי לאַנג גערעדט אין דער פינצטער ביז דער שלאָף האָט זיי איבערגע־וועלטיקט.

אויפן צווייטן טאָג האָבן שוין אַלע פון דער משפחה און שדכנים פון אַרום געוואוסט וועגן ריוועס טראָגן. שבת ביינאַכט נאָכן טשאָלנט, ווען די ווייבער פון שכנות זײַנען זיך צונויפגעקומען צו דער אַלטער שרהלע הערן לייענען ס׳טייטש־חומש, האָבן זיי איינע די אַנדערע אויף שטום־לשון איבערגעגעבן די בייס.

— נעם לייען דו הײַנט די סדרה. כ׳האָב מיך שוין גענוג אָנגע־לייענט. איי, וויפיל מאָל כ׳האָב שוין איבערגעלייענט די בלעטלעך — האָט די באָבע שרהלע אָפּגעזיפצט און יענעם שבת צום ערשטן מאָל איבערגעגעבן ריווען דאָס טייטש־חומש.

ריווע האָט אַ שעמעוודיקע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אויפגעמישט די סדרה און מיט אַ ציטער אין איר קול גענומען לייענען. דבורה די פירזאָגערין האָט איר פון אָנהויב אַרויסגעהאָלפן און זי ווי אַרײַנגעפירט אין דעם געהעריקן טאָן. ריווע, וואָס האָט געהאַט אַ קלינגענדיק שיין

קול, האָט ביים לייענען באַלד באַוויזן אַרויסצוברענגען יעדן קניטש און יעדן זיפֿץ, און די ווייבער האָבן אַנגעקוועלט.

— זאָלן מיר שוין האָבן אַזאַ יאָר ווי זי קען!

— איר מאַמע, זאָל זיך מיען, האָט אויך געקענט!

— ס'עפּעלע פֿאַלט נישט ווייט פֿון ביימעלע — האָבן די ווייבער זיך פֿרום איבערגעקוקט און זיך דערלאָבט די הערצער מיטן שבת־אויבסט, וואָס ריווע האָט צוגעגרייט.

ריווע איז פֿון יענעם שבת אָן ווי מיטאַמאָל געוואָרן געזעצטער. זי האָט אין זיך שטיל געטראָגן אַ גרויסע פֿרייד. זי איז מיט לאַנגזאַמע טריט אַרומגעגאַנגען ווי אין חלום און מיט איר פֿרייד ווי אָנגעשטעקט די גאַנצע משפּחה. לייב האָט איר געהיט די טריט און די באָבע מיטן זיידן האָבן באַצייטנס געמאַכט דעם חשבון, אַז ריווע וועט נאָך פּאָר שניט זיין אויף דער צייט.

* * *

אין יענעם אָסיען, ווען ריווע איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט אויך לייבס שוועסטער, רויזע, חתונה געהאַט מיט נאָטע דעם רוסישן.

נאָטע, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און אָרי־בערקומען אויף דער גאַליצישער זייט באַלד נאָך לייבס און ריוועס חתונה, האָט זיך דעמאָלט נישט פֿון ר' וועלוועלען און נישט פֿון אברהם דעם אַליניק געלאָזט איבעררעדן צו בלייבן אין יאַנאָוויץ.

אַזוי ווי זומער זיינען די דאָרפֿסלייט נישט געקומען צו אברהמען פּרעסן זייער אייל און די אַלינע האָט סיי־ווי געפּוסטעוועט, האָט ער דאָרט נאָטען געוואָלט מאַכן אַ חדר. ער האָט אים אַפֿילו געוואָלט איבערגעבן די עטלעכע דאָרפֿס־יינגלעך, וואָס ער אַליין האָט מיט זיי געלערנט חומש מיט רש"י, אָבער נאָטע האָט זיך נישט געלאָזט רעדן.

— איר האָט אַן עבֿירה ווען איר רעדט מיך צו, אַז איך זאָל בלייבן אין דאָרף. איך האָב אויף יענער זייט וואַסער געזען וואָס די כאַמולישע דאָרפֿס־גויים קאָנען. איך פֿאָר קיין ארץ־ישׂראל. און הלוואַי וואָלט איר אַלץ אויספֿאַרקויפֿט און אויך געפֿאָרן — האָט ער צו די דאָרפֿס־יידן גע־רעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף פֿאָרן בויען דאָס לאַנד פֿון די אָבֿות.

— ס'איז פֿאַלג מיך אַ גאַנג. מיטן מויל זאָגט זיך עס לייכט אָפּ.

— עפּעס אַזוי־אַ פֿאַרקויפֿט מען אַ שטוב, אַ שטיקל פֿעלד. מירן שוין דאָ מוזן זיצן ביז משיח וועט קומען — האָבן די דאָרפֿס־יידן ניט צו־ערנסט גענומען זיינע רייד.

נאָטע איז דעמאָלט אַוועק, אָבער אויפֿן צווייטן יאָר איז ער צוריק־געקומען קיין יאַנאָוויץ אַן אָפּגעריסענער און אַן אויסגעמאָגערטער. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק פֿאַרענדערט, אַז ער איז גאָרנישט געווען צום דער־קענען. ס'פּנים זיינס איז געווען בלאַס, די נאָז פֿאַרשפּיצט און זיין האַלדז

איז אים געוואָרן דין און אויסגעצויגן. ער האָט ווי ס׳ערשטע מאָל זיך אָפּגעשטעלט ביי אברהם דעם אַליניק און עפּעס ווי מיט אַ האַלב מויל דערציילט, אַז מען האָט אים אונטערוועגנס אַרעסטירט און אַ צייט אים גע־האַלטן אין תפיסה אויף טרוקן ברויט מיט וואַסער. ווי אַזוי און וואו זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל איז איבערגעריסן געוואָרן האָט ער קיינמאָל נישט דערציילט. מען האָט אָבער אַ צייט שפּעטער זיך דערוואוסט, אַז ער האָט חדשים לאַנג זיך אויפגעהאַלטן אין אַ שטאָט אַרום דרייסיק קילאָמעטער פון יאַנאָוויץ און אַז ער איז דאָרט געלעגן קראַנק אין שטאָטישן הקדש.

דאָסמאָל האָט ער זיך יאָ געלאָזט איבעררעדן צו בלייבן אויף דער־ווייל אין יאַנאָוויץ.

— מ׳עט אים דאַרפן אַביסל צופּילעווען. אַ שענערן פון אים לייגט מען דאָך אין דער ערד אַריין — האָבן די „לייבן און בערן" אים אויפ־גענומען ווי אַן אייגענעם. מען האָט אים אַביסל באַקליידט און באַלד פאַר אים אין קלויז צונויפגעשטעלט אַ חדר.

אַזוי ווי ער האָט יענעם זומער אויך אַביסל צוגעלערנט מיט דער זעכצן־יאָריקער רויזע, האָט די מאַמע אירע, כּאַמוישעכע די שענקערין, אַריינגענומען נאָטען צו זיך אויף קעסט.

מען האָט צונויפגענומען קינדער פון יאַנאָוויץ, פון דער טאָטאַרשטשינע און אויך אַ פּאָר פון דעם דאָרף זאַזוליניעץ, וואָס זיינען געקומען אין חדר אַריין אין שטרויענע קאַפּעליושן, הויכע ווי לאָקשן־טעפּ. עס איז אָבער אים זומער שווער געווען איינצוהאַלטן דאָס דאָרפישע קליינוואַרג אין חדר. די ערשטע עטלעכע וואָכן, ווען די איינגעקויפטע חומשים מיט די סידורים זיינען נאָך געווען ניי און ווען דאָס אויבסט אין די גערטנער איז נאָך געווען גרין, איז נאָך געווען צום דערליידן. ווען די ווייַנשל אויף דיביימער האָבן אָבער אָנגעהייבן רויט ווערן און ווען דער אַרבעס אין פעלד האָט אויסגעפילט די גרינע שויטן, האָט זיי געגומען ציען אין דרויסן אַרויס.

עס איז די קינדער מיאוס געוואָרן נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל איבער־צושרייבן דאָס שורה־גריזל „תשרק צפעס נמלך יטחז והדג בא", וואָס נאָטע האָט מיט אַ שיינער האַנטשריפט פאַר זיי אויסגעשריבן פון דעם אלף־בית, אויף צוריק־צו־וועגס. די זומערדיקע סדרות זיינען זיי גע־וואָרן לאַנגווייליג און זיי האָבן ביים לערנען געהאַלטן אין איין געניצן. דער ליכטיקער גרינער דרויסן האָט זיי ווי גערופן און זיי זיינען בגנבה און מיט אַלערליי תירוצים אַרויס פון חדר. נאָטע איז נישט געווען צו־שטרענג מיט די תלמידים און ער האָט זיי נישט געקאָנט איינהאַלטן ביים טיש.

רויזע, וואָס איז געווען נאָך מער פאַרשייט פון די יינגלעך האָט יענעם זומער ווי מיטאַמאָל זיך אויסגעמענטשלט און געוואָרן געזעצטער. קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז זי האָט פון דעם ערשטן טאָג, וואָס זי

האָט דערזען דעם פרעמדן בחור מיטן יונגן שפּראָץ אויפן פּנים, געטראָגן אין זיך אַ בענקשאַפט נאָך אים. זי האָט אויך קיינעם נישט דערציילט וועגן דער שטילער פרייד, וואָס האָט זי אַרומגענומען, ווען נאָטע איז צוריקגעקומען קיין יאַנאָוויץ. אַזוי איז רויזע גאָרנישט געווען פון די שעמעוודיקע און זי האָט זיך אַלעמאָל געלאָזט הערן, אָבער אין נאָטעס קעגנוואָרט האָט זי ווי פאַרלוירן ס׳לשון און זיך געהאַלטן אין איין רויט־לען. זי איז געווען ווי אין חלום ווען זי איז ביים לערנען געזעסן לעבן אים. ווען זי האָט אים צוגעטראָגן ס׳עסן, וואָס זי האָט אָפטמאָל אַליין פאַר אים צוגעגרייט, האָבן אירע הענט אַזש געציטערט. זי האָט גיך אויסגעפונען וואָס פאַר אַ מאכלים ער האָט ליב און זי האָט אַ פּאָר מאָל אין וואָך פון ווייסן חלה־מעל פאַר אים געמאַכט קליינע געקאָרבטע וואָ־רעניקלעך מיט קעז און זי האָט מיט דער מאַמעס הילף פאַר אים געבאַקן פּירעשקעס מיט ווייַנשל.

נישט איינמאָל האָט די כאַמוישעכע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אַלקער און ווי אונטערגעטריבן נאָטען, אַז ער זאָל עסן מער קעז און פּוטער, וואָס האָט אָוועקגעשמעקט פון טיש.

— מיין רויזע האָט שוין צו צען יאָר געקאָנט אָפּקאָכן אַן אָנבייסן — האָט די כאַמוישעכע אים געגעבן אָנצוהערן, אַז איר טאָכטער לאָזט זי אַפילו נישט צו צו דער קיך ווען מען דאַרף פאַר אים צו־גרייטן ס׳עסן.

— די מאכלים האָבן ביי אייך אַלע טעמים. ס׳איז נישט דאָס שטאָ־טישע עסן. נישט אומזיסט זענט איר דאָ קיין־עין־הרע אַזוי געזונט — האָט נאָטע ממש געלעקט די פינגער פון די אַלע פּאַטראַוועס.

ווען ער איז פון די גוטע עסנס אַביסל צו זיך געקומען האָט ער ווידער אָנגעהייבן רעדן וועגן אָוועקפאָרן. ער האָט זיך געקלאָגט, אַז דאָס חדר ווערט וואָס־אַמאָל שיטערער; אַז די קינדער באַגערן נישט צו לערנען און ער האָט אויסגעפירט, אַז ס׳איז זיין אייגענע שולד, ווייל ער איז אַפּנים נישט באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ מלמד. אין שפּעטן זומער זיינען געווען טעג אין וועלכע נאָטע איז אינגאַנצן געבליבן אָן תלמידים און ער איז נישט איינמאָל זיי געגאַנגען זוכן אין די גערטנער און ביים וואַסער.

איינמאָל האָט רויזע אין אַ נאָך־וואָרעמעס אים געזען גיין אין זיידנס גאָרטן זוכן זיינע תלמידים און זי איז אים נאָכגעגאַנגען אין דער שטיל אַזוי, אַז ער האָט זי נישט באַמערקט. ער איז געגאַנגען מיט דער סטעזשקע צווישן די הויכע קוקורודזעס און אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט ס׳רעקל געלאָזט אין קלויז און ער האָט מיט דעם ריטל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, אויסגעזען ווי אַ פּאַסטעך, וועלכער האָט ביים זוכן די שאָף אַליין פאַרבלאָנדזשעט.

רויזע האָט אַ באַהאַלטענע צווישן די קוקורודזעס און די הויכע סאָ־נישניקעס נאָכגעפאָלגט נאָטען און געזען ווי ער האָט מיטאַמאָל מיט דער פאַרשייטקייט פון אַ יינגל גענומען צילן שטיינדלעך אין אַ בוים אַריין.

ער האָט געפּאַכעט מיט דעם ריטל, זיך צוגעלאָזט צו דעם בוים, און דאָרטן זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז. עטלעכע רגעס איז ער געבליבן ליגן אַ רואיקער מיט פאַרמאַכטע אויגן. דערנאָך האָט ער אַריינגענומען אַ גרין בלעטל אין מויל אַריין און געוואָלט נאָכמאַכן דאָס צוויטשערן פון אַ פייגעלע. עס זיינען אָבער פון זיין מויל אַרויסגעקומען אַזעלכע משונה־דיקע קלאַנגען, אַז רויזע, וואָס איז געווען גאָר נאָענט פון אים, האָט אַרויס־געשאָסן אין אַ געלעכטער . ווען ער האָט דערהערט איר געלעכטער האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון דער ערד און זיך אויפגעשטעלט. רויזע איז באַלד אַרויס פון צווישן די קוקורודזעס אַ פאַרפלאַמטע און אַ באָרוועסע.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער אַ הייזעריקלעכער אַרויסגעשטאַמלט און געבליבן שטיין פאַר איר ווי אַ פאַרשולדיקט ייִנגל.

— כ׳האָב אייך אפשר איבערגעשראָקן? — האָט רויזע אים איצט געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און געשמייכלט. זי האָט ווי מיטאַמאָל זיך אויפגעהערט שעמען פאַר נאָטען און געפילט, אַז זי קאָן צו אים רעדן ווי צו אירס־גלייכן.

— די קינדער, איך האָב געמיינט אַז זיי זיינען אין גאָרטן, בין איך געגאַנגען זיי זוכן. איך האָב זיי אַרויסגעלאָזט אויף וואָרעמעס און זיי זיינען מער נישט צוריקגעקומען. זיי ווילן ביי מיר נישט לערנען און איך האָב דאָ נישט וואָס צו טאָן. אַן עבירה די צייט. כ׳על אוועקפאָרן פון דאַנען — האָט ער אַ טרויעריקער געקוקט צו דער ערד.

— איר זענט צו־גוט צו זיי. ווען איך זאָל האָבן צייט וואָלט איך אפילו אַ גאַנצן טאָג געלערנט — איז רויזע נישט אָפּגעטראָטן פון אים.

— ווען די ייִנגלעך זאָלן אַזוי וועלן לערנען ווי דו, וואָלט איך נישט באַדאַרפט אַרומגיין זיי זוכן. זיי זיינען מסתם אוועק צום וואַסער זיך באָדן.

— איר דאַרפט נישט אוועקפאָרן. ווינטער וועלן זיי בעסער לערנען. איר׳ט זען. זומער איז אַלעמאָל אַזוי. ס׳חדר צעקריכט זיך. כ׳וואָלט ווינטער געלערנט אפילו חומש מיט רש״י.

— מ׳דאַרף נאָר וועלן.

— כ׳בין שוין אָבער צו־גרויס צו גיין אין חדר.

— ביסט טאַקע נישט קיין קליינע. דערצו זעסטו אויס אַ סך עלטער. ווען כ׳האָב דיך געזען ס׳ערשטע מאָל ביי לייבס און ריוועס שבע־ברכות האָב איך מיר נישט געוואָלט גלויבן, אַז דו ביסט ערשט פופצן יאָר אַלט. ביסט שוין דעמאָלט געווען אַ גרויסע — האָט נאָטע פון דער זייט באַ־טראַכט די געזונטע אויסגעבערוינטע רויזע, וואָס איז געווען מיט אַ האַלבן קאָפּ העכער פון אים און אויך געכאַפּט אַ בליק אויף אירע גרויסע פאַרשפּיצטע בריסטן.

— פון וואַנען האָט איר דעמאָלט געוואוסט ווי אַלט איך בין? — איז זי געוואָרן מיט אים היימישער.

— איך האָב געפרעגט, האָט מען מיר געזאָגט.

— אַנטקעגן וואָס האָט איר געפרעגט?

— גלאַט אַזוי.

— כ׳זע, אַז ס׳איז אייך נישט גוט ביי אונדז. איר זענט אַלעמאָל אַזוי טרויעריק.

— ווער זאָגט עס? פאַרקערט. עס איז מיר דאָ זייער גוט. מען דאַרף אויספאָרן אַ וועלט צו געפינען אַזעלכע גוטע מענטשן ווי איך האָב דאָ געטראָפן. איך וועל אָבער אין אַ שיינעם טאָג אַזוי מיט די גערטנער אַוועקגיין פון דאַנען — האָט ער איצט צום ערשטן מאָל אַ צוגעלאָזטער גערעדט צו רויזען ווי צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן. ער האָט אייך אויג פאַרצויגן און מיטן צווייטן אַרומגעכאַפּט די ליכטיקע און שפּעדיקע גרינקייט פון די גערטנער, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף ווייטע שטרעקעס.

— טאָקע נאָר דערפאַר ווייל די קינדער ווילן נישט לערנען? — איז זי געוואָרן אַ פאַרציטערטע.

— איך האָב צו די קינדער גאָרנישט. איך אויף זייער אָרט וואָלט אפשר נישט בעסער געווען. איך האָב קליינערהייט געקאָנט אָפּזיצן די לאַנגע זומער־טעג אין חדר און אין בית־המדרש, ווייל דאָס איז געווען אין שטאָט, וואו עס איז נישט געווען קיין גרעזל און קיין ביימל און וואו מען האָט נישט געזען גאָטס געבענטשטע שיינקייט פון דרויסן.

— אייך געפעלט אָבער נישט צו זיין אין דאָרף. איר בענקט צוריק אין שטאָט אַריין — האָט רויזע זיך געברוגזט.

— איך בין נישט קיין דאָרפסמאַן און איך בין נישט קיין מלמד — איז באַטען ווי געגאַנגען אין לעבן זיך צו פאַרענטפערן.

— ס׳איז אייך נישט גוט ביי אונדז און דערפאַר זענט איר דאָ ווי אויף דערוויילל.

— דיין זיידע, דיין טאַטע און דו זיינען דאָ אויך אויף דערווייל. דאָס וואָס איר האָט דאָ פעלדער, וואָס איר בויט שטיבער און פאַרזעצטביימער איז גאָרנישט. יידן זיינען אומעטום ווי אויף דערווייל. פון זינט זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער אייגן לאַנד. דו פאַרשטייסט וואָס איך מיין? — האָט ער אויפגעהויבן אַ שמאָלע ווייסע האַנט, און מיט צוויי פינגער אָנ־גערירט רויזעס אַקסל.

— איר ווילט נאָך אַלץ פאָרן קיין ארץ־ישראל, אַבי כ׳האָב געמיינט — האָט זי זיך אין מיטן פאַרהאַקט. עטלעכע קינדער פון חדר האָבן זיך געלאָזט הערן. נאָטע האָט מיט דער סטעזשקע זיך גיך אַוועקגעלאָזט צו דער קלויז, און רויזע איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די קוקורודזעס.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט נאָטע געשיקט רויזעס פעטער אברהם אַליניק צו נעכען און חיים משהן אין שענק אַריין, אַז ער זאָל אים פאַרשדכענען צו זייער טאָכטער. רויזעס טאַטע־מאַמע האָבן שוין לאַנג

געהאַט געוואָרפן אַן אויג אויף נאַטען און זיי האָבן זיך אַנגעכאַפּט אַן דעם שידוך.

— ס׳פּאַלט אונדז אַריין אַן אבן־טוב. דערויף האָב איך זיך גאָרנישט געריכט — האָט חיים משה געפינטלט מיט זײַנע וואַסערדיקע אויגן און גענומען פאַרדרייען אַ גראָב ציגאַרל.

— כ׳ווייס אַליין נישט וואָס צו זאָגן. די מויד ציט גראָד צו אים. אָבער ער איז פּאַרט עפּעס אַ פרעמדער. מ׳עט הערן וואָס איר זיידע האָט צו זאָגן. ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט אַ שטיקל פעלד נדן — האָט די באַמוישעכע זיך כלומרשט געקווענקלט. זי האָט וואויל־געוואוסט, אַז נאַטע וועט זיך אויסביטן אַ גרויסן נדן און זי האָט אומיסטן אָפּגעצויגן מיטן ענטפער פון איין טאָג אויפן צווייטן. זי האָט נישט געוואָלט, אַז דער רוסישער בחור זאָל באַלד וויסן, אַז זיי ווילן אים אַזוי שטאַרק פאַר אַן איידעם.

נאַטע האָט טאַקע געוואָלט, אַז מען זאָל אים אָפּגילטן. כאָטש מען האָט פון אים נישט איינמאָל געהערט, אַז ער האָט נישט בדעה לאַנג צו וואוינען אין דאָרף, האָט ער אין נדן געוואָלט נישט נאָר געלט און פעלד, נאָר אויך אַ פּלאַץ צום בויען. ער האָט געוואוסט זיין ווערט און מען האָט זיך מיט אים לאַנג באַדאַרפט דינגען ביז ס׳האָט געהאַלטן ביים ברעכן טעלער.

נאָך איידער מען האָט געשריבן תנאים האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט איבערן דאָרף און מען האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם גליק, וואָס ס׳האָט געטראָפן רויזען. אַפילו אין שטעטל אַרום האָט מען מקנא געווען די דאָרפישע משפחה מיט דעם העכט, וואָס זיי האָבן געכאַפּט.

— גאָט זיצט אויבן און פּאַרט אונטן.

— ס׳איז אַזוינס און אַזעלכס. פאַרוואָס קומט עס זיי, די דאָרפס־יידן?

— ווי קומט טאַקע דער קרבן צו דעם מזבח? אין שטאָט וואָלט מען דאָך אַזאַ יונגענמאַן פון יענער זייט וואַסער אָפּגעשאַטן מיט רענדלעך און מען וואָלט אים נאָך צוגעזאָגט עטלעכע יאָר קעסט.

— ס׳איז תורה און סחורה און געפּוצטע שטיוול — האָט די קנאה אַרויסגערעדט פון די שטאָט־יידן. גראָד די גויאישע שכנים, וואָס זיינען געווען אַריינגייער אין שענק, האָבן אין דעם שידוך נישט געזען קיין גרויס גליק פאַר רויזען. זיי האָבן באַטראַכט דעם אויסגעמאַגערטן נאַטע, געקוקט אויף דער געזונטער אָנגעקנאָטענער כלה, געשאַצט, אַז זי וועגט זיכער צוויי מאָל אַזויפיל ווי דער חתן, געצמאַקעט מיט די ליפּן און נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס מען פרייט זיך אַזוי מיט דער מציאה. אויך לייבן אין נישט צו־שטאַרק איינגעגאַנגען דער שידוך. ס׳איז אים נישט געפעלן געוואָרן נאַטעס דינגען זיך וועגן נדן. לייב האָט נישט געקאָנט פאַרליידן נאַטעס שטאָלץ גענגעלע, זיינע אויסגעאיידלטע ווייסע הענטלעך און זיין אַרויסשטעלן זיך מיט זיין וואוילקענעוודיקייט.

דערפאַר איז אָבער רויזע געווען איבערגליקלעך מיט איר חתן. וויפיל זי האָט נישט געהערט וועגן נאָטען, וויפיל מען האָט אים נישט פאַרלויבט איר אין די אויגן, איז זי ביי זיך געווען זיכער, אַז קיינער קאָן אים נישט אַזוי גוט אָפּשאַצן ווי זי. ער איז ביי איר געווען שיין און קלוג און מיט אַלע מעלות. זי האָט זיך אַלעמאָל געדרייט אַרום אים אַן אונטערטעניקע, גרייט צו הערן וואָס ער האָט צו זאָגן און גרייט אים צו באַדינען. זי האָט נאָך די תנאים געציילט די טעג און די וואָכן און זיך קוים דערוואַרט אויף דעם טאָג פון איר חתונה.

* * *

ריווע האָט געציילט די חדשים פון איר טראָגן. דער אָסיען האָט ווי אָפּגעפלאָמט. די גאָלד־געלע, ברוינע און רויטע פאַרבן אין די גערטנער און פעלדער זיינען פאַרגאַנגען און די זון האָט זיך באַהאַלטן. דער הימל איז געוואָרן גרוי און די ערד אימהדיק שוואַרץ. דערנאָך איז געקומען דער ווינטער און אַלץ אַרום איז געוואָרן ווייס און שטיל.

ריווע האָט יעדן חודש אָוועקגעלייגט אַ שטיקל האָלץ ביי זיך צו־קאָפּנס אונטערן קישן און אַזוי־אַרום געהאַלטן חשבון ווען זי דאַרף זיין אויף דער צייט. נישט איינמאָל האָט זי ביינאַכט, ווען זי האָט נישט געקאָנט שלאָפן, זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און גענומען ציילן וויפיל שטיקלעך האָלץ זי האָט אונטערן קישן.

דער ווינטער האָט זיך אַ שלעפערדיקער לאַנג געצויגן און ריווע האָט זיך קוים דערוואַרט אויף די טעג ווען אין דרויסן איז געוואָרן ליכטיק און וואַרעם.

אין דעם לעצטן חודש פון ריוועס שוואַנגערשאַפט, ווען די אויבסט־ביימער זיינען געווען באַדעקט מיט ווייסן צוויט, האָט זי געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן איר מאַמען, וואָס איז געשטאָרבן ביים גיין צו־קינד.

ריווע איז אינגאַנצן אַלט געווען ניין יאָר ווען די מאַמע איז איר אָפּגעשטאָרבן. אָבער ערשט אין פערצענטן יאָר האָט זי זיך דערוואוסט, אַז איר מוטער איז אויסגעגאַנגען אין דער וואָלד־שטוב פון די געבורט־ווייען, אידער זי האָט געהאַט ס׳קינד. די שטיפמאַמע האָט איר אַלץ דערציילט. זי האָט איר אָפילו דערציילט, אַז מען האָט די מאַמען, נאָכדעם ווי מען האָט זי געבראַכט אויפן שטאָטישן הייליקן אָרט, אַ האַלבן טאָג געהאַלטן אין טהרה־שטיבל, ווייל זי האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן ס׳קינד. די קלאָג־וויבער האָבן זיך געבעטן ביי איר, זיי האָבן איר אַריינגעשריגן אין די אויערן, אַז מען טאָר זי נישט מקבר זיין מיטן קינד אין בויך, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ערשט ווען מען האָט זי אַריינגעזעצט אין אַ ביטל פון הייס וואַסער האָט זי אָפּגעגעבן אַ טויט ייִנגעלע.

אין די ווייסע לבנה־נעכט, וואָס זיינען פול געווען מיט ריחות פון געקאָסעטן היי און פון צוויט, וואָס איז ווי שניי געפאַלן פון די ביימער, האָט ריווע זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט אויף איר געלעגער.

דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס הינטער דער מיל און דאָס רופן פון די סאָוועס האָט אָפּגעקלונגען אין אירע אויערן ווי דאָס שוואַרקאַטשען פון מכשפות און איר האַרץ איז פול געווען מיט שרעק. ווען זי האָט איינמאָל אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי זעט צווישן די צווייגן פון דעם אַלטן ווייס־צעבליטן באַרנבוים די מאַמען אין אַ ווייסער קופּקע און אין תכריכים.

— כ׳האָב די נאַכט געזען די מאַמען. ס׳האַרץ שרעקט זיך מיר אַזוי — האָט ריווע זיך אויסגערעדט פאַר דער באָבען און זיך געקלאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר ווי און אַז ס׳שפּאַרט איר אונטער די בריסטן.

— אויף אַלע פּוסטע פעלדער און וועלדער. ס׳זאָל מיר זיין פאַר דיר. דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז די מאַמע וועט זיך פאַר דיר דאָרט מיען און וועסט האָבן ס׳קינד אַזוי לייכט ווי אַ הון האָט אַן איי — האָט די באָבע שרהלע געוואַכט איבער איר. זי האָט איר צוגעלייגט אַ טייגעכץ צו די בריסטן, און זי האָט איר איינגעריבן די שלייפן מיט מאַן־אייל, געמישט מיט אינגבער און מיט אַ געלכל פון אַן איי. דבורה די פירזאָגערין האָט זיך געדרייט אַרום דער הויך־געלאָדענער ריווע, זי האָט איר אָפּגעשפּראָכן אַ גוט־אויג, איר געלאָשן קוילן און געטריבן די נישט־גוטע אויף אַלע פּוסטע וועלדער און פעלדער.

לייב האָט מיט געטריישאַפט צוגעהאָלפן ריווען אין דער באַלעבאַטישקייט, וואָס זי האָט געפירט ביז צו איר גיין צו־קינד. ער האָט זי פאַרהיט פון שווערער אַרבעט און ער האָט אין די אויפדערנאַכטן זיך געהאַלטן לעבן דער שטוב. נאָר פון צייט צו צייט איז ער ביינאַכט, ווען ריווע איז געשלאָפן, אַרויס אויף די היי־פעלדער זען צי פּאַשען זיך דאָרט ניט קיין פרעמדע פערד.

איינמאָל, ווען ער איז שפּעט ביינאַכט אַרויסגעריטן צום טאָל, האָט ער פון דערווייטנס דערזען ווי אַ רויכל גייט־אויף ביים ברעג פון די היי־פעלדער. ער איז אַהין גיך צוגעריטן, אָבער ער האָט דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. ער האָט צעטראָטן דאָס רויכערנדיקע פייערל און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. ערגעץ פון די בערג האָט זיך צו אים דערטראָגן דאָס געזאַנג פון די שקצים, וואָס זיינען אַרויסגעפאָרן מיט די פערד נאַכטש. דאָס געזאַנג האָט אים עפּעס ווי אַ מאַן־געטאָן און ער איז געבליבן שטיין און זיך איינגעהערט. און מיטאַמאָל איז פיליפּאַ לעבן אים אויסגעוואַקסן.

— פון וואַנען האָסטו זיך דאָ גענומען ? — האָט ער ווי ניט געגלויבט זיינע אויגן.

— כ׳בין ווי דערווילדער מאַן, וואָס וואַקסט דאָרטן וואו מען זייעט אים נישט — האָט זי זיך צעלאַכט. זי איז געשטאַנען פאַר אים אַן אויס־געפּוצטע אין אַ געפּאַלדעוועט פאַרביק קלייד און אין אַ ווייס העמד מיט אויסגענייטע אַרבל.

— און ווער האָט דאָ געמאַכט ס׳פייער ?

— דאָס האָב איך געטאָן. כ׳האָב געוואוסט אַז ווען דו וועסט דערזען דעם רויך וועסטו אַהער צוקומען.

— אָבער וואָס טוסטו דאָ?

— וואָס האָב איך דאָ געטאָן מיט עטלעכע יאָר צוריק? כ׳בין געקומען דיך דאָ באַגעגענען.

— הער־אויף אַזוי צו רעדן — האָט לייב אויף איר זיך אָנגעבייזערט און באַלד אין אַ מילדן טאָן זי געפרעגט וואָס זי טוט אין דאָרף און ווען זי איז געקומען.

— כ׳בין היינט אין דער פרי געקומען אויף אַ פּאָר טעג אַרויסצוהעלפן דער מאַמען. זי האַלט אין איין קרענקען.

— גייסט אַוועק פון דער היים און לאָזט איבער דעם מאַן? — האָט לייב עפּעס אָנגעהויבן זאָגן און אָפּגעהאַקט ווי אין מיטן.

— כ׳פעל אים נישט אויס. בייטאָג אַרבייט ער אין הויף און ביינאַכט שיכורט ער אין שענק. כ׳האָב מיר געזאָגט, אַז דאָסמאָל מוז איך דיך באַגעגענען אין טאָל ווי אַמאָל. און אָט ביסטו דאָ — איז זי צו אים צוגעגאַנגען גאָר נאָענט.

— האָסט נישט געוואָלט באַדאַרפט קומען — האָט לייב איר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין. ער האָט זי שוין לאַנג נישט געזען, אָבער זי האָט אין זיינע אויגן איצט אויסגעזען ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק.

— כ׳זאָג דיר צו, אַז איצט איז עס טאַקע ס׳לעצטע מאָל. כ׳קען שווערן, אויב דו ווילסט. — זי איז געשטאַנען און געוואַרט אויף זיינע לאַסקעס. ווען זי האָט אָבער געזען, אַז ער רוקט זיך אָפּ אויף צוריק, איז זי צו אים צוגעשפּרונגען און פאַרוואָרפן אירעביידע אָרעמס אַרום זיין האַלדז.

— האָסט פאַרגעסן וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט פאַר מיין חתונה? ס׳איז נישט רעכט אַזוי — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער איר הייסער אָטעם האָט ביי אים ווי אָפּגענומען ס׳לשון. איר וואַרעם בויגעוודיק לייב, וואָס איז צו אים ווי צוגעוואַקסן געוואָרן, האָט אין אים אויפגעוועקט די אַמאָליקע באַגערן נאָך איר.

— איך האָב לאַנג געוואַרט אויף דער באַגעגעניש. ס׳איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך קום אַהער. איך גיי אַוועק מיט מיין מאַן צו שניט אין אַ דאָרף ווייט פון דאַנען און מירן מער נישט צוריקקומען. איך וועל דיר מער נישט נאָכגיין. אָבער איצט טאָרסטו מיך נישט אָפּשטויסן! — האָט זי זיך געקלאַמערט אָן אים. פיליפּאַס אָרעמס האָבן ווי געבריט זיין נאַקן. ער איז געבליבן ווי צעמישט און זיינע קני האָבן זיך גענומען בייגן. און מיטאַמאָל האָט ער פון דער זייט צום גאָרטן־צו דערהערט דעם זיידנס גראָב קול:

— לייב, אַהאָ! קום גיך אַהיים! לייב, אַהאָ! גיכער!

— עפּעס איז געשען מיט ריוון! — האָט אים דעם זיידנס רופן ווי אַרויסגעריסן פון פיליפּאַס אָרעמס. ער האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט,

נאָר באַלד זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פערד און אַוועקגעיאָגט אַהיים. ווען ער איז אַריין אין שטוב, איז שוין דאָרט געווען זיין מאַמע, די מומע דבורה און די אַלטע קאַסענקאַ, וואָס האָט שוין אַיין קינד אָפּגענומען ביי די „לייבן און בערן". ער האָט גלייך געוואָלט צולויפן צו ריוועז. מען האָט אים אָבער נישט צוגעלאָזט צום בעט ביז ס'האָט זיך דערהערט דאָס פּישטשען פון אַ קינד.

— אַ מיידל! — האָט די גויאישע באָבע אָנגעזאָגט די בשורה.

— האָסט שוין אַ נאָמען נאָך דיין מאַמען. ס'איז אַזוי ווי דו האָסט געוואָלט — איז לייב דערנאָך ווי אַ פאַרשולדיקטער מיט ניט זיכערע טריט צוגעגאַנגען צו ריוועס בעט. ער האָט פון דער באַגעגעניש מיט פיליפּאָן זיך גיך געהאַט אויסגעניכטערט און עס האָט אים איצט געגעסן דער פאַרדרוס פאַרוואָס ער האָט זיך מיט איר אַפילו אָפּגעשטעלט ריידן.

— ביסט דאָ? כ'האָב פריער גערופן און גערופן און ביסט נישט געווען — האָט ריווע צו אים גערעדט מיט אַ שוואַך קול און דורך שמאָלע שפּעלטלעך פון אירע אויגן צו אים אַריבערגעקוקט.

— כ'האָב טאַקע נישט באַדאַרפט אַוועקגיין — האָט ער ווי פאַר זיך געמורמלט.

— אַבי ביסט דאָ — האָט אַ רואיקער שמייכל אַרומגענומען איר רויט פאַרשוויצט פּנים.

— גיי בעסער קוק־אָן די מויד, וואָס זי האָט דיר געהאַט. זי איז דאָך אַזאַ ווייסינקע, נאָר ווי אַ ווייצענע בולקע — איז די אַלטע קאַסענקאַ צוגעקומען און אים אָפּגעשטופּט פון בעט. זי האָט מיט אַ טיכל אָפּגעווישט ריוועס דעם שוויס פון פּנים און גענומען פאַרהענגען דאָס גאַנצע ווינקל אַרום בעט מיט גראָבע קאָלירטע לייַלעכער.

די באָבע שרהלע האָט אונטער ריוועס קישן אַוועקגעלייגט אַ מעסער און אַן אַלטע סליחה און דער זיידע האָט באַלד אין מיטן נאַכט מיט לייבס הילף גענומען צעהענגען די שיר־המעלותן, וואָס ר' וועלוועלע האָט נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק דאָרט אין שטוב אויסגעשריבן. דאָס מעסער מיט דער סליחה ביי ריוועס צוקאָפּנס און די שיר־המעלותן איבער טיר און פענצטער מיט די אויסגעכתיבהטע פסוקים „שדי קרע שטן", „מכשפה לא תחיה", „לא תחיה מכשפה", „תחיה מכשפה לא", האָבן נישט צוגעלאָזט די נישט־גוטע צו דער שטוב און געוואַכט איבער דער געווינערין און איבערן קינד, אַז עס זאָל זיי קיין בייז נישט געשען.

אין שפּעטער נאַכט זיינען אַלע איינציקווייז אַוועק צו זייערע גע־לעגערס. צום זיידן און צו דער באָבען האָט זיך אָבער ביז הינטער טאָג ניט גענומען קיין שלאָף. זיי האָבן געציילט זייערע אייניקלעך, זייערע אור־אייניקלעך און זיי האָבן אויסגערעכנט וויפיל עס איז צווישן זיי דאָ ייִנגלעך און וויפיל מיידלעך.

— ייִנגלעך זיינען מזל־ברכה. אַז ס'קומט־צו אַ ייִנגל אין דער משפּחה קומט מיט דער צייט צו אַ נדן, אַ שטיקל פעלד; און אַז ס'קומט־צו אַ

מיידל איז פונקט פאַרקערט — איז בער נישט איבעריק צופרידן געווען, וואָס ריווע האָט געהאַט אַ מיידל.

— זי וועט זיי מירצעשעם זיין מזלדיק. האָסט כאָטש געזען אַ קלאָר־קייט פון אַ פּנים? און הערעלעך האָט זי נאָר ווי גאָלד — האָט די באָבע שרהלע, כאָטש זי האָט אויך געהאָפט אויף אַ יינגל, אים פאַררעדט.

— ס׳זאָל ביי זיי גאָר נישט נעמען גיין אַ סדרה מיידלעך, שטרויענע פּאַניענקעס ווי די באָבע מירעלע — האָט דער זיידע זיך אויסגעגענעצט און דערנאָך שטיל געבליבן. טאָמער איז אין דער משפחה אַמאָל געבוירן געוואָרן אַ מיידל מיט אַ בלאָנדלעך קעפּל, האָט בער זיך געקרימט און געברוגזט, ווייל אַזאַ קינד האָט אים שטענדיק דערמאָנט, אַז דאָס בלוט פון דער באָבע מירעלע איז נאָך דאָ אין זייערע לענדן.

מירעלע איז געווען דעם אַלטן בערס אַן עלטער־באָבע און פון די מעשׂות, וואָס זיינען נאָך איר געבליבן, האָט מען געוואוסט, אַז זי איז אַמאָל געווען די שענקערין אין יאַנאָוויץ; אַז זי איז געווען בלאָנד און שיין און אַז פּוילישע אַדעלליט האָבן זיך אין איר איינגעליבט. מען האָט וועגן איר נאָכדערציילט, אַז איר שיינקייט, איר קלוגשאַפט און איר פּויליש רעדן האָט געהאַט אַ שם און גראַפן און פּריצים זיינען צו איר געקומען אין שענק אַריין. זיי האָבן איר געבראַכט טייערע מתנות און געזוכט איר פריינטשאַפט. זי האָט אָבער זייערע מתנות און זייער פריינטשאַפט נישט אָנגענומען, נאָר זיך געהאַלטן לעבן איר מאַן דעם שענקער, וואָס זי האָט צו צוועלף יאָר מיט אים חתונה געהאַט. איינער פון די פּוילישע אַדעלליט — האָט מען נאָכדערציילט — האָט איר עפּעס ווי אָפּגעטאָן אַ כּישוף, ווען זי איז שוין געווען אַ מאַמע פון צוויי קינדער. ער איז צו איר אַלעמאָל געקומען אין שענק אַריין, ביז זי האָט איינמאָל אין אַ זומערדיקן טאָג מיט אים זיך אַריינגעזעצט אין זיין קאַליעס און שוין מער נישט צוריקגעקומען. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן, אין אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס, ביים שענקער אין שטוב זיך פּלוצלינג אויסגעלאָשן די בענטש־ליכט און לעבן די קינדערס געלעגער האָט עפּעס אַ ווייסע געשטאַלט פאַרבייגעשוועבט און באַלד פאַרשוואונדן. אויף צו־מאָרגנס האָט מען די שיינע מירעלע געפונען אַ דערטרונקענע עטלעכע מייל פון יאַנאָוויץ.

דער אַלטער בער האָט די באָבע מירעלע נישט געקענט, אָבער אַלע־מאָל ווען ער האָט דערמאָנט איר נאָמען איז זי ווי אַ לעבעדיקע אים געשטאַנען פאַר די אויגן.

קאַפּיטל אַכט

ריווע איז אויפן צווייטן טאָג שוין אויפגעשטאַנען פון איר קימפּעט און זי האָט זיך גענומען צו דער באַלעבאַטישקייט. זי האָט אויפגעראַמט די שטוב, מיט דער באַבעס הילף אָנגעבאַקן אַלערליי געבעקסן און צוגעגרייט אַ רייכן קידוש אויף דעם שבת ווען מען האָט באַדאַרפט איר קינד אַ נאָמען געבן.

— ראָסטינקע קאַסטינקע, וואַקסן זאָלסטינקע, בלומעלע, שיינע מאַמע מיינע. אוצרל מיינס! — האָט זי זיך ווי געשפּיגלט אין דעם ליכטיקן פּנימל פון איר טעכטערל. זי האָט נישט געוואַרט אויף שבת, נאָר שוין אויפן צווייטן טאָג זי גערופן בלומעלע, וואָס דאָס איז געווען איר מוטערס נאָמען.

לייב האָט אויף אַ הוקן פון דעם באַלעק הינטער דער סטעליע אויפגעהאָנגען דעם קינדס וויגל, וואָס ער האָט אויסגעפלאָכטן פון ריטלעך און עס אַליין אויסגעבעט מיט היי. ער האָט אויך זיין טעכטערל אונטערגעלייגט צוקאָפּנס אַ פּאָר שלאָף־קעפּלעך פון סאָסנע־ביימער, וואָס דאָס איז געווען אַ סגולה צום שלאָפן. ער האָט געבראַכט פון באָדנער אַ נייע הילצערנע וויניעקע, אַראָפּגענומען פון בוידעם טרוקענע ניסן־בלעטער, וואָס ער האָט נאָך אין אָסיען אַוועקגעלייגט, אַז ס׳זאָל זיין אויף צו באָדן ס׳קינד, און ער האָט גאָרנישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיין ווייב און פון דעם ניי־געבוירענעם נפשל.

אין דער נאַכט ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן און אויך אין דער פרי ווען ער איז אויפגעשטאַנען, איז לייב געווען שטאַרק דערשלאָגן פון זיין לעצטער באַגעגעניש מיט פיליפּאַן. דער געדאַנק, אַז ווען ניט דער זיידע, וואָס האָט אים גענומען רופן, וואָלט אים פיליפּאַ נאָך געווען געקאָנט בייקומען, האָט זיך אין אים איינגעגעסן און אים ניט אויפגעהערט פּייניקן. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אָבער די באַגעגעניש שוין געווען ווייט פון אים און ער האָט אָן איר פאַרגעסן ווי מען פאַרגעסט אָן אַ בייזן חלום.

אויף דער צווייטער וואָך, ווען מען האָט אָנגעהויבן שניידן ווייץ און קאָרן, האָט ער ריווען מיט זייער טעכטערל בלומעלע מיטגענומען מיט זיך אין פעלד אַריין. ער האָט ריווען נאָך נישט געלאָזט אַרבעטן. עס איז פּאַר אים געווען, וואָס זי מיטן קינד זיינען לעבן אים. ריווע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט רעדן. זי האָט בלומעלען אַוועקגעלייגט אין שאָטן. זי האָט ווי די גויאישע ווייבער אויפן נאַקן אונטערגעבונדן איר געבלימלט קאָפּטיכל און צוגעהאָלפן איר מאַן.

עס איז געווען אַ גוט גערעטעניש און עס האָט נישט אויסגעפעלט קיין אַרבעט ביזן שפּעטן אָסיען. די רעגנס זיינען צו־געפאַלן אין צייט און די קוקורודזעס זיינען געוואַקסן הויך און אויף זיך געהאַט צו צוויי און צו דריי שולקעס. די גערטנער זיינען געווען ווי פּאַר־

שוואומען מיט פאַסאָליעס, מיט געדיכט־געפּאַקטע הייפּטלעך קרויט, מיט סימניע, מיט גרויסע געלע און רויטע דיניעס, מיט קאַרטאָפל און מיט בוריקעס. פון דעם גערעטעניש, פון דעם מילכדיקס, וואָס ריווע האָט יעדן זונטיק געפירט אין שטאָט אַריין פאַרקויפן, און פון לייבס היילן די דאָרפישע בהמות, האָבן זיי שוין יענעם אָסיען געהאַט אָפּגעשפּאָרט שיין געלט און קעגן ווינטער האָט לייב פאַר בלומעלען צוגעקויפט אַ גוט שטיקל פעלד.

די יידן האָבן דאָס גערעטעניש אָנגענומען ווי גאָטס ברכה, וואָס קומט פון זייער נייער קלויז, וואו מען האָט אַלע שבתים און יום־טובים געדאַוונט מיט מנין. אַזוי ווי אַ פּאַרל בוזיקעס האָבן, אין דעם יאָר ווען בלומעלע איז געבוירן געוואָרן, געמאַכט זייער נעסט אויפן דאַך פון דער קלויז, האָבן אויך די גויאישע שכנים אָנגעהויבן גלייבן, אַז די יידישע שקאָלע איז זיי מזלדיק. די צוויי גרויסע פייגל מיט זייערע לאַנגע דינע פיס און זייער נעסט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קיילעכדיקער קויש, האָבן צוגעגעבן דער קלויז אַ סך חשיבות. ביי די דאָרפסלייט איז געווען פאַרשפּרייט דער גלויבן, אַז ווען בוזיקעס באַזעצן זיך אויף אַן אָרט און קיינער שטערט זיי נישט, ברענגען זיי מזל און שפע. קוים פאַרטשעפּעט מען זיי אָבער, קאָנען זיי אָנאַרבעטן אַ שרפה און פאַרברענען סטאָדאָלעס און שטאַלן. ביי קינד און קייט איז דערפאַר געווען אָנגענומען, אַז מען טאָר זיי ניט דערצערנען און כל־זמן די נעסט איז דאָרט געווען אויפן דאַך האָבן די שקצימלעך זיך געהיט צו וואַרפן אַ שטיינדל אפילו אין דער זייט פון דער קלויז. ס׳גויאישע קליינוואַרג, צוגלייך מיט זייערע טאַטעס און מאַמעס, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַלטן מיט מער אַכטונג צו די דאָרפס־יידן צוליב דער קלויז, וואָס האָט פון בערגל ווי אַראָפּגעקוקט צום וועג.

די קלויז האָט אויך ביסלעכווייז ווי איבערגעאַנדערשט די יאַנאָוויצער יידן. זיי האָבן זיך ווי אויסגעאײדלט, זיך געהאַלטן מער איינאײנעם און זיי האָבן אויפגעהערט זיך פילן געפאַלן קעגן די שטאָט־יידן. די שבתים זיינען מער ניט געקומען צו זיי אין דאָרף אַריין מיט אַזאַ אומעט און מיט אַזאַ נאָגנדיקער בענקשאַפט ווי פריער. זיי האָבן אין די שבתים און יום־טובים וואָס אַמאָל מער זיך אָפּגעזונדערט פון די גויאישע שכנים, וואָס ווייניקער זיך אָפּגעגעבן מיט זייערע פערד און בהמות און זיך צוגעוויפּ־געקליבן אין קלויז, וואו זיי האָבן זיך געפילט היימלעך און דערהויבן. עס האָט זיי נישט אָפּגעהאַלטן קיין רעגן און קיין שטורעם. זיי זיינען אויך נישט געבליבן זיצן אין דער היים ווען די האַרבסטיקע בלאָטעס האָבן ווי ראָשטשינעס זיך אויסגעגאָסן איבער די שמאָלע געסלעך און ווען די שנייען האָבן פאַרלייגט וועגן און שטעגן.

מיט דער גרינגקייט פון הירשן האָבן זיי, איינגעוויקלטע אין די טליתים, זיך געטראָגן איבער בערגלעך און טאָלן און געקומען אין קלויז אַריין דאַוונען בציבור, באַגעגענען זיך מיט מענטשן און הערן וואָס עס

טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט. זיי האָבן דאָרט אין יונגן פרילינג געבענטשט טל, אין שפּעטן אָסיען געבענטשט גשם און מיט גרויס כוונה געבעטן אויף טוי און אויף רעגן פאַר זייערע גערטנער און פעלדער. זיי האָבן אין קלויז געפּראַוועט זייערע חתונות און בריתן, זיי האָבן דאָרט אָפּגעהאַלטן יאָרצייטן, געזאָגט קדיש נאָך די טויטע און ביי אַ גוט גלעזל בראַנפן זיך צוגעוואונטשן, אַז די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע זאָלן האָבן אַן עליה.

עס איז די יאַנאָוויצער יידן ליב געוואָרן דאָס זיין אינאיינעם און זיי האָבן אויך אָנגעהויבן מער קומען איינס צו ס'אַנדערע אין די שטיבער. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט זיינען די דאָרפישע יידישע באַלעבאָסטעס מיט זייערע טעכטער, אַלעמאָל אין אַן אַנדער שטוב, זיך צונויפגעקומען אויסצופליקן די פעדערן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פון זייערע גענדז.

* * *

צו דער ערשטער טאָליקע אויף צו פליקן פעדערן, וואָס ריווע האָט געמאַכט, איז בלומעלע נאָך אַפילו קיין האַלב יאָר נישט אַלט געווען. ריווע האָט אָבער שוין באַצייטנס אין זינען געהאַט בלומעלעס בעטגעוואַנט, וואָס מען האָט ווי אַ טייל פון דעם נדן פאַר איר באַדאַרפט אָנגרייטן. די טאָליקע איז געווען אין אַ שבת־צו־נאַכטס. אין דרויסן איז געלעגן אַ טיפער שניי און עס האָט אויף ביינאַכט גענומען אַ שטאַרקער פראָסט.

לייב האָט באַלד נאָך מעריב איינגעשפּאַנט די פערד אין שליטן און אַוועק איבערן דאָרף צונויפנעמען די ווייבער און די מיידן פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון יאַנאָוויץ און פון דער טאַטאַרשטשינע. וואָס האָבן געוואוינט אין שכנות זיינען אַליין געקומען. אַלעמאָל האָט זיך געעפנט די טיר פון לייבס שטוב און עס זיינען מיט אַ געדיכטער פאַרע אַריין גרויסע מיידן מיט פראָסטיק־רויטע פּנימער, אין פאַרביקע וואָלענע פאַטשייעלס, און ברייטע אָנגעפּעלצטע ווייבער מיט פאַרטרערטע אויגן.

— אַ גוטע וואָך. אַ פראָסט אין דרויסן, אַז ס'איז אַן עבירה אַפילו אַ הונט אַרויסצולאָזן.

— ביי אייך איז נאָך צו דערליידן. ביי אונדז אויף דער טאַטאַרשטשינע ליגט דאָך דער שניי ביז איבער די פענצטער.

— אין אַנדערע דערפער איז דער שניי נאָך טיפער.

— ביי אייך אין שטוב איז דאָך וואַרעם ווי אין אַ פאַביר. דאָס איז דערפאַר, ווייל די ווענט פון דרויסן זיינען אַרומגעלייגט מיט שטרוי און נישט מיט קיין קוקורודזיאַנקע — האָבן אַלע זיך געלאָזט הערן.

— אַ גוטע וואָך, אַ פולע וואָך און אַ מזלדיקע וואָך! — איז די באָבע שרהלע אַנטקעגן־געגאַנגען די געסט און זיי גערופן צו דער קיך־פּליטע און צו דער הרובע, אַז זיי זאָלן זיך אָנוואַרעמען. ריווע האָט אַרויסגעלייגט אַ באַרג מיט פעדערן אויפן טיש אַרום דער אויסגעפּוצטער נאַפט־לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קלעצל. זי האָט אויך אַלעמען געהאָלפן אויסטאָן

די פֿעלדן און די שאָלן. זי האָט די ווייבער און מיידן ליבליך אַריינגעקוקט אין די פּנימער און מיט קאָרגע רייד זיי געלאָזט וויסן ווי אָנגעלייגט עס איז ביי איר וואָס זיי זיינען געקומען.

— זעטס נאָר אַ ווייסקייט פֿון פֿעדערן. זיי פֿעכלען דאָך אין אויג.

— נאָר ווי דער פֿריש־געפֿאַלענער שניי אין דרויסן. אַפֿילו אין די פֿעדערן דערקענט מען צי די באַלעבאָסטע איז אַ בריה, צי נישט — האָבן די ווייבער צווישן זיך גערעדט און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער אויפֿגעראַמטער שטוב.

— אויף בלומעלעס מזל האָבן מיר דאָס יאָר לויטער ווייסע גענדז. און איידער כ׳האָב זיי אונטערגעפּליקט האָב איך זיי אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט אויפֿן טייך, אַז זיי זאָלן זיך אויסבאָדן — האָט ריוועס שיין פּנים זיך גערויטלט.

— מירן היינט מאַכן בלומעלעס ערשט איבערבעט — האָט פּסחס ווייב, טריינע די גראָבע, די ערשטע זיך באַזעצט ביים טיש און אַלע האָבן איר נאָכגעטאָן.

— מיינע קינדער און מיינע אייניקלעך האָבן אַלע צו דער חתונה געהאָט צו צוויי איבערבעטן און צו פֿיר קישנס און מיינע אור־אייניקלעך וועלן נישט האָבן ווייניקער — איז די באָבע שרהלע נאָכגעגאַנגען ריווען און געהאָלפֿן אַלעמען זיך באַזעצן.

מען האָט זיך אויסגעזעצט אויף לאַנגע בענק אַרום דעם טיש, מען האָט זיך באַזעצט אויף די בעטן, אויפֿן הויכן טאַפּטשאַן און וואו נאָר מען האָט געפֿונען אַ שטיקל אָרט. די מיידן און די ווייבער האָבן אָנגענומען הויפֿנס פֿעדערן אין זייערע לינקע הענט און פֿלינק זיי גענומען פּליקן אין די רעשעטעס, זיפּן, פֿאַנעס, מאַקערטעס און קאַלישאַרניקעס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אויף זייערע שויסן. ביי יעדער איינער איז וואָס אַמאָל געוואָרן העכער דאָס בערגל אָנגעפּליקטע פֿעדערן. דער ערדענער דיל, וואָס ריווע האָט אויף שבת אים אויסגעשמירט מיט צעפֿירטן ליים און קו־מיסט און אים אויסגעשפּרייט מיט געלן זאַמד, איז פֿון די אָפּגעפּליקטע פֿענקעס ביסלעכווייז געוואָרן ווייס ווי דער דרויסן.

שפּעטער זיינען אין דער פֿול־געפּאַקטער שטוב אַריינגעקומען אויך מאַנסבילן פֿון שכנות, צווישן זיי אויך עטלעכע יונגע בחורים און באַראַנאָווע היטלעך און אין יוכטענע אויסגעגלאַנצטע שטיול אונטערגעשלאָגענע מיט פּאַדקאָוועס. זיי האָבן איינציקווייז זיך אויסגעזעצט ביי דער ערד אויף קלעצלעך, אויף פֿוס־בענקעלעך, אויף איבערגעקערטע אייזערנע טעפּ און די שטוב איז פֿול געוואָרן מיט רייד און מיט געלעכטער.

מער פֿון אַלעמען האָבן אויף דער טאַליקע זיך געלאָזט הערן אָביש דעם שאַפֿערס צוויי „טיראָלער מיידן״. זיי זיינען ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק אָנגעקומען קיין יאַנאָוויץ מיט זייער פֿאָטער, דעם שאָפֿער, וואָס די יידישע פּריצים האָבן אים אַראָפּגעבראַכט, אַז ער זאָל שטעלן זייערע בהמות אויף בראָהע. די מיידן האָבן ביי ריוועס אין שטוב זיך שוין געפֿילט

גאַנץ היימיש. אַזוי ווי זיי זיינען געווען שיין געוואַקסן און געהאַט גוידער־דיקע לויטערע פּנימער, און אַזוי ווי זייער פאָטער האָט אויך מיט זיך געבראַכט צוויי ראַסאָווע טיראָלער קי, האָט מען זייערע טעכטער באַלד ביים אַריינפאָרן אין דאָרף געקרוינט מיטן צונאָמען די „טיראָלער מיידן", און ביי דעם נאָמען זיינען זיי שוין געבליבן.

דעם שאַפערס טעכטער האָבן געקענט שיין זינגען און מען האָט ביים פליקן די פעדערן זיי נישט לאַנג באַדאַרפט בעטן, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן הערן. צוערשט האָבן זיי געזונגען אַליין. עטלעכע ווייבלעך און מיידלעך האָבן אָבער באַלד איבערגענומען די מעלאָדיע און די ווערטער פון אַ ליד וועגן אַ געשמדטער און זיי צוגעהאָלפן. ביי עטלעכע פון די ווייבער האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן, ווען זיי האָבן געהערט וועגן דעם אומגליק, וואָס ס'האָט געטראָפן אַ ייִדיש קינד. די טיראָלער מיידן האָבן אָנגעהויבן. און די, וואָס האָבן באַלד אויפגעכאַפּט די ווערטער, האָבן מיטגעזונגען מיט האַרץ:

„זי האָט שבת געהייצט און וועש געוואַשן,
און אויך געגאַנגען די חזירים פּאַשן.
די חרטה האָט זי גיך פאַרדאָרבן,
און ווי אַ גויע איז זי געשטאָרבן.
צו איר לוויה זיינען געקומען ערלים
און איר צוקאָפּנס געשטעלט אַ צלם".

דערנאָך זיינען אַלע ווי אין אַ כאָר זיך פאַרגאַנגען אין אַ קלאָגן:

„עס איז דער מאַמען וויי און ווינד,
ווען זי פאַרלירט אַזוי אַ קינד."

שפּעט אויפדערנאַכט האָט מען איבערגעריסן די אַרבייט. מען האָט אָפּגעראַמט די פעדערן, ריין געמאַכט דעם טיש און אים פאַרשפּרייט מיט אַ שבתדיק טישטעך. מען האָט אויפסניי אויסגעפּוצט דאָס גלעזל פון לאָמפּ און מען האָט זיך גענומען פּראַווען אַ סעודה. ריווע האָט געבראַכט צום טיש אַ געגלאָזטן טאָפּ מיט מאַרינירטע הערינג, עטלעכע האַלבע קוילישן, איבערגעבליבענע פון שבת, געשניטענע שטיקער באַבעניק פון קאַרטאָפל, אַ מאַלאַי אויסגעבאַקן פון קוקורודזע־מעל און האָניק, ווייצענע מאַנדלעצלעך, אַן אויפגעוואַרעמטן לאָקשענעם קוגל, עטלעכע שיסל פאַר־קילעכץ און איינגעזייערטע אוגערקעס, פריש פון קעלער, וואָס האָבן פאַר־שמעקט די גאַנצע שטוב מיט קריפּ. דערנאָך ערשט האָט מען אויפגע־שטעלט דעם סאַמאָוואַר. דער ווייבערישער עולם האָט געטרונקען טיי מיט איינגעמאַכץ און די מאַנסבילן האָבן אין דער טיי אַריינגעגאָסן צו עטלעכע לעפעלעך אַראַק פון דעם פלעשל, וואָס נעכע האָט געבראַכט פון שענק.

מען איז גיך פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן און מען האָט זיך ווידער גענומען צו די פעדערן.

ביים אַלטן בער האָבן, פון די עטלעכע גלעזער טיי מיט אַראַק, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, די באַקן זיך צעפלאַמט און ער האָט אַ צוואַ־רעמטער זיך צעלאָזט מיט מעשות. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן שלעכטע פּריצים און גראַפן, ביז ער איז אַרויפגעקומען אויף דער מעשה ווי אַזוי מען האָט אַמאָל ביי זיין עלטער־זיידן געוואַלט צונעמען די פּאַכ־טונג פון שענק, אָבער ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט זיך אַריינגעמישט.

— לאָז בעסער די מיידלעך זינגען — איז די באָבע שרהלע אונטער־געקומען און דערמאָנט בערן, אַז ער האָט די מעשה שוין ניט איינמאָל דערציילט.

— מ׳עט נאָך זינגען אויך. דערציילט נאָך אַמאָל די מעשה.

— מיר ווילן הערן! — האָבן די ווייבער געהאַט טענות צו שרהלען, פאַרוואָס זי שלאָגט־איבער.

— זעסט כאַטש! אָבי דו זאָגסט, אַז מ׳האָט שוין די מעשה גע־הערט — האָבן ביי בערן די באַקן זיך נאָך מער צעפלאַמט. ער האָט זיגעריש אַריבערגעקוקט צו שרהלען, פאַררוקט די יאַרמולקע אויפן שפּיץ קאָפּ און גענומען ווי אויסשפּילן די מעשה. ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם „ויהי היום" און דערציילט ווי אַזוי עס איז אַמאָל אין אַ שיינעם טאָג געקומען צו זיין עלטער־זיידן אַ שליח פון דעם פּוילישן פּריץ מיטן באַפעל, אַז ער זאָל אין דריי טעג זיך פאַרנעמען פון דער קרעטשמע. עס איז אין שטוב געוואָרן אַ יללה און אַ געיאָמער, ווייל עס איז אויסגע־קומען צו נעמען די קליינע קינדערלעך און זיך וואַרפן מיט זיי אין וואַ־סער אַריין. בערס עלטער־זיידע, דער אַרענדאַר, האָט זיך, נישט גערירט פון אָרט. אָבער ווי נאָר די דריי טעג זיינען אַוועק האָבן זיך באַוויזן עט־לעכע פאַראָבקעס פון הויף און זיי האָבן דעם שענקער מיטן בני־בית און מיט זייערע בעבעכעס אַרויסגעשטעלט אין דרויסן.

אַ פּאָליאַק האָט געדאַרפט איבערנעמען די שענק. און ווי נאָר מען האָט בערס עלטער־זיידן אַרויסגעשטעלט אין דרויסן זיינען צו דער קרעטשמע צוגעפאָרן עטלעכע וועגענער, וואָס האָבן געבראַכט צופירן ס׳באַלעבאַטישקייט פון דעם נייעם שענקער און אויך עטלעכע גרויסע פעסער בראָנפן.

עס איז געווען שפּעט אין אָסיען און אַזוי ווי עס איז קעגן נאַכט געוואָרן קאַלט, האָט אַ גוי פון שכנות, אויס רחמנות צו די קליינע קינ־דער, אַריינגענומען דעם אַרויסגעוואָרפענעם שענקער מיטן בני־בית אין אַן אַלטער שאַפּע אויף איבערצונעכטיקן. ווען עס איז שוין געווען גוט פינצטער איז ערגעץ פון צווישן די בערג אָנגעקומען ר׳ ישראל בעל שם, אָנגעטאָן אין אַ גויאישער סערמענגע אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק. ער האָט ווי שטענדיק זיך געלאָזט אַריינגיין צו בערס עלטער־זיידן אין שענק, וואו ער איז זיך נישט איינמאָל פאַרזעסן ביז אין דער שפּעטער נאַכט

אריין. א גוי איז אים אבער פארלאפן דעם וועג און אים געלאזט וויסן, אז מען האט דעם אלטן ארענדאר ארויסגעווארפן און אז א נייער דארף קומען איבערנעמען.

— דאס קאן נישט זיין, סרולקא זאגט, אז דער נייער שענקער וועט נישט איבערנעמען! — האט דער בעל־שם געענטפערט דעם גוי. ר' ישראל בעל־שם איז דערנאך אויך צוגעגאנגען צו דער שאפע און דורך א שפארע אריינגעשריגן: „לייענט קריאת שמע און שלאפט רואיק. איך בין אייך מבטיח, אז קיינער וועט די שענק נישט איבערנעמען!" דער בעל־שם איז דערנאך אוועק אין דער פינצטער מיט דעמזעלבן וועג וואס ער איז אנגעקומען.

אין דערזעלבער נאכט, ווען אלע זיינען שוין געשלאפן, האט אויסגעבראכן א שטארקער שטורעם. עס האט גענומען דונערן און בליצן און איין בליץ איז מיט א שטארקן קראך אראפ אויף דער קרעטשמע. דער דאך האט זיך באלד אנגעצונדן און די גאנצע געביידע האט זיך צעפלאקערט ווי א בינטל שטרוי. פון די אנגעפירטע פעסער בראנפן און פון דעם נייעם באלעבאטישקייט איז געבליבן נישט מער ווי א בערגל קוילן מיט אש.

דער פוילישער פריץ האט אין דעם געזען גאטס שטראף און ער איז באלד אויפן צווייטן טאג געקומען איבערבעטן דעם יידישן ארענדאר. ער האט דעמאלט פאר בערס עלטער־זיידן אויפגעבויט א נייע קרעטשמע און נאך קלענער געמאכט די ראטעס.

דער אלטער בער האט ביים דערציילן זיך איינגעלעבט אין דער מעשה גלייך ווי ער וואלט אליין געווען דערביי, און ער האט זי ווי אויסגעשפילט. ער האט באכגעמאכט ווי יעדער איינער האט גערעדט. ער האט באוועגט מיט די הענט, צוגעשאקלט מיטן קאפ און אלעמאל געביטן זיין טאן. אט איז זיין קול געווען בייז און הויך און שוין איז עס געווארן שטיל און מילד

די ווייבער און די מיידן האבן פלינק געפליקט די פעדערן און מיט איינגעהאלטענע אטעמס זיך צוגעהערט. זיי האבן אלעמאל איינגעפלעטשט די ווייסע בערגלעך אויף זייערע שויסן און מיט גלאנצענדיקע אויגן נאכגעפאלגט די דריבנע פליטערלעך פוך, וואס האבן ווי לעבעדיקע באשעפענישן זיך שטיל געטראגן איבער דער שטוב. די ווייסע פליטערלעך האבן זיך פאוואליע באוועגט, זיך געהויבן צו דער סטעליע און דערנאך ווי צוגעפאלן צו די גראבע צעפ פון די יונגע מיידן.

אלע האבן פרייער אפגעאטעמט ווען זיי האבן געהערט דעם גוטן סוף פון בערס מעשה און זיי זיינען ווי באלעבט געווארן.

— ריווע וועט איצט דערציילן א מעשה!

— יא, יא!

— אנו, לאמיר טאקע הערן! — איז מען צוגעשטאנען צו ריווען. זי האט זיך נישט געלאזט בעטן און דערציילט א וואלד־מעשה ווען

שרעטעלעך מיט גרויסע ליולקעס און וועגן וואַלד־ביימער וואָס בייגאַכט לאָזן זיי זיך הערן מיט מענשלעכע קולות און רופן אויס, אַז זיי זיינען גלגולים פון זינדיקע מענטשן.

אויף דעם וואַרעמען אויוון איז געשלאָפן אַן אַרעמאַן, וואָס האָט גע־האַלטן שבת ביי לייבן און ער האָט אַרום האַלבע נאַכט גלייך מיט די הענער זיך דורכגעוועקט. דער אַרעמאַן, אַ דריבנער און אַן אויסגעדאַר־טער, האָט זיך אויסגעקראַצט די פּלייצע, גענומען אויף די הענט אַ פּאָר טראָפּן וואַסער פון דעם ערדענעם טעפּל, וואָס ער האָט געהאַלטן לעבן זיך און ער האָט פון אויוון־אַראָפּ אויך גענומען דערציילן מעשות. זיינע מעשות זיינען געווען וועגן פאַרצייטיקע יידן פון חומש, פון די ווינטער־דיקע סדרות, וואָס די יידישע דאָרפסלייט, פון יונג ביז אַלט, האָבן שטאַרק ליב געהאַט.

— איי, אברהמיניו, אונדזער פאָטער אַברהמיניו איז אויך געווען אַרומגערינגלט מיט ליוטער גוים! — איז דער אַרעמאַן, אַ ראַזדרעכעטער פון שלאָף זיך פאַרגאַנגען ווי אין געזאַנג און דערציילט וועגן אברהם אָבינו ווי ער איז געגאַנגען אין גאַטס וועגן, ווי ער האָט צעהאַקט זיין פאָטערס אָפּגעטער; ווי מען האָט אים דערפאַר אַריינגעוואָרפן אין ברע־נענדיקן קאַלך־אויוון און ווי ער איז פון די פלאַמען אַרויסגעקומען אַ לעבעדיקער. ווי אין איין אָטעם האָט ער אויך דערציילט וועגן יצחקן און יעקבן, ווי זיי זיינען געווען גרויס אין די אויגן זייערע גויאישע ברידער ישמעאל און עשו און ווי גאָטס ברכה האָט אויף זיי שטענדיק גערוט. דער פרעמדער אַרעמאַן האָט דערציילט וועגן יעקבס זין, די פאַסטעכער, וואָס פאַר אַ גיבורים זיי זיינען געווען און ווי די גוים האָבן פאַר זיי געציטערט אימת מות. דערנאָך האָט ער זיך צעלאָזט וועגן יעקבס זון יאָסעלע, ווי ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער פרעמד און ווי ער איז געוואָרן אַ שני למלך אין מצרים.

— און אין אונדזער הייליקן לאַנד איז דער ערשטער מלך געווען אַ דאָרפסמאַן, וואָס האָט געאַקערט זיין ערד. און דער צווייטער מלך אין לאַנד פון מילך און האָניק איז געווען אַ פאַסטעך, אָבער שוין איינ־מאָל אַ פאַסטעך — איז דער אַרעמאַן גאַרנישט מיד געוואָרן און מיט זיין זינגענדיק שטיל קול אַלעמען ווי פאַרכישופט. אפילו די מאַנסבילן, וואָס האָבן די מעשות גוט געקאַנט פון חומש, זיינען געזעסן פאַרגאַפטע און עס איז זיי פאַרגעקומען, אַז זיי הערן דאָס איצט צום ערשטן מאָל.

דער אַרעמאַן האָט אויך ווי אויסגעזונגען אַ געזאַנג וועגן דער צייט ווען משיח וועט קומען, ווען אַלע יידן וועלן זיך אומקערן צוריק צו דעם לאַנד פון אברהם, יצחק און יעקב. זיי וועלן דאָרט אַקערן זייער אייגענע ערד און פיטערן זייערע שאָף און רינדער.

אַ וואונדערלעכע פאַרטראַכטקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַלע־מענס פּנימער. די פעדערן האָבן ווי אַליין זיך געפליקט און די ווייסע בערגלעך אויף די שויסן זיינען געוואָרן העכער און העכער. די מענטשן

זיינען פאַרקלערטע, ווי דורך אַ כּישוף, מיט דער שטוב, וואָס איז געווען אַרומגעלייגט מיט שניי, ווי פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ גאָר אַנדערער וועלט.

* * *

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צופאַלן אַ פרישער שניי. אַ ווינט האָט זיך ביז צעוואָיעט און געוומען אַרומיאָגן דעם שניי פון איין אָרט אויפן אַנדערן. דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט און גענומען מאָלן אויף די שייבלעך פון די פענצטער ווייסע בלומען און צווייגלעך מיט געקאַרבטע בלעטער. די מענטשן אין דער וואַרעמער שטוב האָבן אָבער ווי געהאַט פאַרגעסן אַן דעם דרויסן. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין פענצטער און אַלע האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ חלום.

— ווער קאָן דאָס זיין אַזוי שפּעט ביינאַכט? — איז לייב דער ערשטער געווען אויף די פיס. ער האָט גענומען אַ לאָמפּטע אויף אָפּצו־שאָרן דעם פריש־צוגעפאַלענעם שניי פון דער טיר און זיך געלאָזט אין דרויסן אַרויס. ריווע האָט אויף זיך געכאַפּט אַ שאַלעכל, אַרויפגעוואָרפן אויף לייבס פּלייצעס זיין וואַטאָווע ראָק און זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

לייב האָט אויפגעריגלט די טיר. זיך קוים אַרויסגערוקט אין דרויסן און ריווען געלאָזט הינטער זיך אין פאַרהויז. ער האָט אויף איר אָנגע־שריגן, אַז זי זאָל צוריק אַריינגיין אין שטוב, אָבער זי האָט אים נישט געפאָלגט. זי איז געבליבן שטיין, אַן איינגעוויקלטע אין שאַלעכל, און דורך דער האַלב־אָפענער טיר געזען ווי אַ ווייסער מענטש בראָדזעט ביז אי־בער די קני אין שניי. עס איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז אפשר איז דער ווייסער לעבן פענצטער עפּעס אַ נישט־גוטער.

— קטאָ טאַם? ווער איז עס דאָרטן? — האָט לייב אַריבערגעשריגן צו דעם ווייסן מענטשן.

— דאָס בין איך, פראָקאָפּ פון זאַהאָרער וואַלד — איז צוריקגעקומען אַן ענטפער.

— פון וואַלד גאָר?

— כ'האָב געוואָלט פאַרפאָרן מיטן שליטן אויף דער פאַדווירע, איז אָבער דער טויער פאַרלייגט מיט שניי.

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט ביינאַכט? ביסט געקומען אַליין? — האָב לייב זיך צוגעלאָזט נעענטער צו דעם וואַלד־היטער.

— נישט אַליין.

— אוי, אַ וויטיק איז מיר! ס'איז עפּעס געשען מיטן טאַטן! — האָט ריווע פאַרבראָכן מיט די הענט און אַרויס אין דרויסן.

— נישט אַנדערש נאָר עפּעס אַ טייוול האָט מיך אַרומגעפירט אַ גאַנצע נאַכט. כ'בין געפאָרן און געפאָרן און נישט געקאָנט געפינען ס'דאָרף — האָט פראָקאָפּ זיך גערעדט אַ געלאַסענער.

— וואָס איז געשען? וואו איז דער טאַטע? — איז ריווע געקראָכן

אין טיפֿן שניי צו פֿראָקאָפֿן, וואָס האָט זי קליינערהייט אַרומגעטראָגן אויף די הענט.

— כ'האָב אים געבראַכט מיט מיר, דעם טאַטן. האָסט נישט וואָס צו וויינען, ריוועשקאָ, ווייל עס וועט שוין גאָרנישט העלפֿן.

— וואָס איז געשען?

— וואָס האָט מיט אים געטראָפֿן? רעד!

— ער איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. כ'האָב אים היינט אין דער פֿרי געפֿונען אין וואַלד אַ פֿאַרפֿרוירענעם — האָט דער גוי זיך אָפּגעזאָגט.

— אוי, טאַטע! געטרייער טאַטע! — האָט ריווע זיך צעקלאָגט — ווי און ווינד איז מיר! — זי האָט זיך געלאָזט לויפֿן צום שליטן, וואָס איז געשטאַנען אַ פֿאַרשנייטער און אַ פֿאַרפֿרוירענער פֿאַרן טויער און זי איז באַלד אַוועקגעפֿאַלן אין שניי.

— ריווע, ווי גאָט איז דיר ליב, פֿאַרגעס נישט אַן קינד! וועסט אים שוין לעבעדיק נישט מאַכן — האָט לייב איר געהאָלפֿן זיך אויפֿהייבן און זי געוואָלט צוריקפֿירן צו דער שטוב.

— לאָז מיך! לאָמיך אים כאָטש נאָך אָנקוקן, טאַטע, געטרייער טאַטע! — האָט זי געיאָמערט אויפֿן קול און זיך געריסן פֿון איר מאַנס פֿעסטע אָרעמס. די מענטשן פֿון שטוב האָבן זיך באַלד אַ שפּאַר־געטאָן צו דער טיר און די ווייבער האָבן זיך צעלאָזט מיט אַ וויינען און קלאָגן.

— אוי, זון מיינער! שיינער בוים מיינער! פֿאַרוואָס האָב איך עס באַדאַרפֿט דערלעבן? — האָט די אַלטע שרהלע באַזאָגט און באַקלאָגט יעקבן.

די מיידן האָבן דערווייל גיך גענומען אויפֿראַמען די שטוב. זיי האָבן די אויסגעפּליקטע פֿעדערן אַריינגעלייגט אין אַ רויטן אייבשניט, זיי האָבן אויסגעקערט די פּענקעס און אויסגערויכערט די שטוב מיט זשיוויצע. דער אָרעמאַן איז אַראָפּ פֿון אויוון, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און אַ רירעוודיקער, מיט געניטשאַפֿט זיך גענומען אָפּגעבן מיטן מת. ער האָט צו־ערשט אויסגעלייגט עטלעכע שטרוי אויף דער ערד, געהייסן איבערדעקן דעם שפּיגל אויף דער וואַנט, און באַפֿוילן די מיידן, אַז זיי זאָלן אָנטאָן טיכלעך אויף די קעפּ. דערנאָך איז ער אַרויס אין דרויסן זען, אַז מען זאָל ווי עס באַדאַרף צו זיין אַריינטראָגן דעם מת אין שטוב אַריין.

לייב מיט נאָך עטלעכע מענער האָבן אַראָפּגענומען יעקבן פֿון שליטן. מען האָט אים איבערגעדעקט מיט אַ דעק, און ווי אַ דעמב, אַ פֿאַרפֿרוי־רענעם אַ שטייפֿן, אים געטראָגן אויף די אַקסלען.

מען האָט אים אַריינגעבראַכט אין שטוב און אים אַן איבערגעדעקטן אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. דער אָרעמאַן האָט אָנגעצונדן צוויי חלבנע ליכטלעך, זיי אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס פֿון דעם מת און עס איז אויפֿס־ניי געוואָרן אַ יללה און אַ געיאָמער.

— אוי, טאַטע! געטרייער טאַטע, וואָס האָסטו געטאָן? — האָט ריווע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און צום לעצטן מאָל אָנגעקוקט איר פֿאָ־

טערס פנים. עס האָבן לעבן מת זיך אַראָפּגעלאָזט די באַבע מיט עטלעכע עלטערע ווייבער און די שטוב איז פול געוואָרן מיט געוויין.

ווען די ווייבער האָבן זיך אַביסל איינגעשטילט, האָט פּראָקאָפּ, אַ דערוואַרעמטער פון די עטלעכע גלעזלעך בראָנפן, וואָס לייב האָט אים אָנגעגאָסן, געגומען דערציילן ווי יעקב, וועלכער איז ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געוואָרן אַן אלמן, איז פאַרפאַלן געוואָרן אין וואַלד. ער איז פריייטיק אין דער פרי אַרויס פון שטוב און מען האָט אים מער נישט געזען. ער, פּראָקאָפּ, מיט נאָך עטלעכע גויים, האָבן אים געהאַלטן אין איין אַרומזוכן און ערשט שבת אין דער פרי האָבן זיי אים געפונען. ער איז געשטאַנען לעבן אַ בוים ביז איבער די קני אין שניי. נישט אַנדערש נאָר ס׳איז אים עפּעס נישט־גוט געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און ער איז אַזוי שטייענדיק פאַרפרוירן געוואָרן.

— געלעבט צווישן ביימער און געשטאָרבן צווישן ביימער — האָט דער אַלטער בער, וואָס האָט די גאַנצע צייט קיין פּיפּס נישט אַרויסגע־לאָזט, אָפּגעזיפצט. זיינע גלייכע פּלייצעס האָבן זיך ווי מיטאַמאָל אויס־געבויגן. ס׳בערדל זיינס איז ווי גרויער געוואָרן און זיין פּנים האָט איב־גאַנצן פאַרלוירן די מראה.

— עס איז מי בקיצו ומי לא בקיצו. דער וואָס איז איבער אונדז האָט דאָך אַזויפיל טויטן, ווער קאָן זיי דען אויסרעכענען. ער פירט אָבער אַלצדינג מיט אַ סדר און עס ווערט געהאַלטן אַ חשבון אַפילו פון יעדן גרעזל, וואָס ווערט פאַרוויאַנעט און פון יעדן ווערעמל, וואָס פאַרגייט. און וואָס איז דען אינגאַנצן דעם מענטשנס לעבן דאָ אויף דער ערד? עס איז דאָך ניט מער ווי אַ פּרוזדור לטרקלין, אַ פאַרהויז אָפּצוטרייסלען דעם שטויב און די בלאָטע, איידער מען גייט אַריין אין דער אויפגעראַמטער שטוב, אין דעם פּאַלאַץ. ער איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט — איז דער אַרעמאַן, זיצנדיק לעבן מת, זיך פאַרגאַנגען אין זיין זינגענדיק שטיל קול און דערנאָך אויסגוויייניק אויף גיך געגומען זאָגן תהילים.

די מענטשן זיינען איינציקווייז זיך צעגאַנגען. ריוועס האָט אַזוי לאַנג געקלאָגט ביז זי איז אַ הייזעריקע איינגעשלאָפן אויפן האַרטן באַנק־בעטל. אין שטוב איז געוואָרן שטיל. דעם אָרעמאַנס תהילים־זאָגן האָט זיך געטראָגן אין דער שטילקייט ווי דאָס זשומען פון אַ גרויסער פליג, וואָס אַ שפּין האָט אַריינגעכאַפּט אין אירע נעצן. די פלעמלעך פון די קאָפּטשענדיקע ליכט ביי דער ערד האָבן ערגעץ פון אונטערן בעט אַרויס־געלאָקט אַ הינקענדיקן גאַלאַנסקי האָן מיט געפרוירענע ווייסע פיס און אַ שוואַרצן קאַניע־פויגל מיט אַ צעבראָכענעם פליגל, וואָס לייב האָט מיט אַ טאָג פריער געפונען אין שניי. דער האָן האָט זיך דורכגעדרייט אַרום מת און באַטראַכט עטלעכע שטרוי, צי איז אויף זיי אַמאָל נישט פאַר־בליבן עפּעס אַן איינגעדאַרט קערנדל.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן בלויען אין די פענצטער האָט מען גע־בראַכט צופירן עטלעכע ברעטער, וואָס מען האָט אָפּגעריסן פון פאַרקן

אַרום שענק, און עטלעכע אָנגעפּעלצטע יידן פון דאָרף זיינען געקומען צוגיין. עס זיינען אויך אַריינגעקומען עטלעכע גויאישע שכנים,וואָס האָבן געקענט יעקבן פון קינדווייז־אויף. זיי זיינען אומבאַהאָלפענע געבליבן שטיין ביי דער טיר מיט די היטלעך אין די הענט און צווישן זיך אין דער שטיל גערעדט:

— אַ וואוילער מענטש געווען, ווען אַ היימישער איז געקומען צו אים אין וואַלד אַריין, האָט ער אַלעמאָל צוגעלייגט אַ שטיקל האָלץ.

— אַז איך וויס נישט צו וואָס זיי דאַרפן דאָס פירן זייערע טויטע אין שטאָט אַריין. קאַרג ערד האָבן מיר דאָ?

— און נאָך אין אַזאַ דרויסן! די וועגן זיינען פאַרשנייט און די ערד איז פאַרקאָוועט.

— פאַראַיאָרן איז געווען נאָך ערגער. פאַראַיאָרן האָט מען דעם אַלטן שאַראַמעט באַדאַרפט האַלטן אַ טויטן עטלעכע טעג אין קאַמער. ניט מען האָט געקאָנט צוקומען צום צווינטער און ניט מען האָט געקאָנט אויפהאַקן די פאַרפרוירענע ערד.

— אָ, פאַראַיאָרן זיינען געווען שוין איינמאָל פרעסט! עס איז נישט געווען צו גלויבן, אַז די ערד וועט אַמאָל אויפלאָזן און אָפּגעבן די ווינטער־דיקע תבואה, וואָס מען האָט פאַרזייט. — די גויאישע שכנים האָבן אין רעדן זיך דערפילט היימישער. זיי זיינען מיט פרומע מינעס אויף זייערע פּנימער צוגעגאַנגען נענטער צום טויטן, עפּעס אין דער שטיל געפּרעפּלט און נישט געוואוסט צי זאָלן זיי זיך איבערצלמען, צי נישט. דערנאָך זיינען זיי אַרויס אין דרויסן. זיי האָבן אַוועקגעשאַרט דעם שניי פון הויף און זיך געדרייט אַרום לייבן, וואָס האָט געמאַכט דעם קאַסטן, טאָמער דאַרף מען עפּעס צוהעלפן מיט דער זעג אָדער מיטן האַמער.

ווען עס איז גוט ליכטיק געוואָרן האָט מען יעקבן אַריינגעלייגט אין דעם צונויפגעשלאָגענעם קאַסטן און מען האָט אים אַוועקגעפירט צום שטאָטישן בית־עולם.

קאַפּיטל ניין

נאָטע דער רוסישער האָט נאָך דער חתונה אָנגעהויבן רעדן וועגן פאַרלאָזן ס'דאָרף און וועגן באַזעצן זיך מיט רויזען אין אַ גרויסער שטאָט, אָבער דערווייל איז ער געזעסן אין קרעטשמע אויף קעסט. ער האָט ערגעץ אונטערוועגנס געהאַט פאַרלוירן דעם חשק צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און ער האָט גענומען רעדן וועגן אַוועקלאָזן זיך קיין דייטשלאַנד.

— עס איז פאַר מיר נישט קיין תכלית צו בלייבן זיצן אין דאָרף. מ'דאַרף אייך אַלעמען פון דאַנען אַרויסשלעפּן — איז ער יעדן טאָג געווען

גרייט זיך צו פאַקן אין וועג אַריין. דערווייל האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין די גלאַנצנדיקע ווייכע שטיוועלעך צו וועלכע ער האָט ניט צוגעלאָזט קיין שפּרענקעלע, און פון די גוטע פּאַטראָנעס, וואָס רויזע און נעכע האָבן אים אונטערגעטראָגן, האָט ער אָנגעהויבן אויף זיך אַרויפנעמען אַביסל פלייש.

— הלוואי, טאַטע זיסער, ס'איז גענוג, וואָס איך האָב דאָ אָפּגעפּינצטערט מיין לעבן צווישן די איוואַנעס. כ'וועל שוין אויף יענער וועלט נישט דאַרפן אָפּקומען — איז חיים משהן דעם שענקער ליב געווען צו הערן דעם איידעמס רייד — ס'דאַרף איז פּאָר גויים, אָבער אַ ייד דאַרף וואוינען אין שטאָט — זיינען דעם שענקערס צעשראָקענע אויגן געוואָרן באַלעבט.

— האָסט גאָרנישט דערלייגט צום דאָרף — האָט נעכע ווי אָפּגעקלאַפּט איר מאַן די פליגל. ווען נאָטע האָט גערעדט וועגן אַוועקפאָרן פון דאָרף האָט זי גלייך מיט רויזען אים אויסגעהערט און געשוויגן. אָבער דאָס וואָס איר מאַן גיט אים נאָך צו חשק האָט זי נישט געקאָנט פאַרליידן.

— נאַרעלע, מיינסט אַז ער רעדט, פאַרט ער שוין? דער טאַטע דיינער האָט נאָך דער חתונה זיך אויך אַזוי געריפּעט און זיך געריסן נאָר אין שטאָט אַריין — האָט די כאַמוישעכע צווישן פיר אויגן באַרואיקט איר טאָכטער. כאָטש רויזע איז געווען גרייט צו גיין און צו פאָרן מיט איר מאַן, איז איר אָבער ביים געדאַנק אַז זי וועט דאַרפן פאַרלאָזן איר היים, שווער געוואָרן ס'האַרץ.

נאָטע האָט גערעדט וועגן פאָרן אין דער וועלט אַריין. ווען עס איז אָבער איך פרילינג געקומען אַ גוטער קונה קויפן ביי אים דאָס פעלד, וואָס ער האָט באַקומען נדן, האָט ער זיך נישט געאיילט צו פאַרקויפן. ער האָט זיך געדונגען און געדונגען און ווען עס איז געקומען צום איינשלאָגן האָט ער חרטה באַקומען און אַוועקגעגעבן די פּאָר מאָרג פעלד צו אַ גוי, אַז ער זאָל זיי באַאַרבעטן פאַר אַ העלפט פון געררעטעניש. אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ווען דער פירשט האָט אַרום דער טאַטאַרשטשינע פאַרצעלירט איינעם פון דיינע לאַנעס אויף גאַנצע און האַלבע מאָרגעס, האָט ער פאָרן דרשה־געשאַנק גאָר צוגעקויפט נאָך אַ שטיקל פעלד.

— כ'האָב נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון. כ'האָב געוואָלט טאָקע זען צו קאָן איך קויפן פעלד אויף מיין אייגענעם נאָמען. פאַר אַ ייד, וואָס קומט פון רוסלאַנד, איז עס נישט קיין קלייניקייט — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט.

— אפשר וואָלטן מיר אויפן ווינטער אַליין פאַרזייט אַ שטיקל ווייץ?

— האָט רויזע קעגן אַסיען געפּרואווט מיט אים אַ שמועס־טאָן.

— אַליין איז די נשמה ריין. פאַרוואָס זאָל מען אַוועקגעבן אַ העלפט פון געררעטעניש, אַז מ'קען אַליין פאַראַקערן? — האָט איר די מאַמע אַרויסגעהאָלפן.

— בעסער אָװעקגעבן אויף שותּפות. ס׳איז נישט פּאַר מיר דער משא־ומתן — האָט ער פאַררוקט די הענט טיף אין די הויזן־קעשענעס, זיך געשטרעקט איך דער הויך און נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז ער זיצט אין דאָרף נאָר אויף דערוויל.

נעכע האָט אויך אונטערגעשיקט לייבן, אַז ער זאָל רעדן מיט נאָטען און אים אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס אַוועקפאָרן פון דער היים.

— ער פאָרט נאָך נישט. און צאַצקעט זיך אַזויפיל נישט מיט אים. מ׳וועט דאָך אים שוין באַלד דאַרפן אַריינשטעלן אין שאַפע און אים אַרויסנעמען נאָר אויף שבת און יום־טוב — איז לייב נישט צופרידן געווען, וואָס מען מאַכט אַזאַ צימעס פון נאָטען. לייב האָט געקוקט קרומלעך אויף זיין וואוילקענעדיקן שוואָגער, וואָס האָט נאָך דער חתונה פון זיך גענומען בלאָזן מיט גאווה. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיין געפוצטקייט, זיינע ווייסע הענט, זיין שטרעקן זיך און זיין פאַרציען ס׳לינקע אויג ווען ער רעדט צו עמיצן. פונדעסטוועגן האָט ער פון אים זיך נישט געוואָלט אָפּפרעמדן און נישט איינמאָל אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳איז שוין צייט אַז ער זאָל פאַרגעסן אָן אַלע נאַרישקייטן און ווערן אין דאָרף אַ באַלעבאָס מיט לייטן גלייך. גראָד זיינען יענעם זומער געקומען אַ פּאָר יידן זיך באַזעצן אין יאַנאָוויץ און לייב האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך פון זיי אַראָפּנעמען אַ ראיה.

— ס׳איז נישט פאַר מיר צו זיצן אין דאָרף. איך האָב גרעסערע השגות. כ׳על איך נאָך אַלעמען פון דאַנען אַרויסנעמען — האָט נאָטע זיך געריידט זיינס.

אויפן צווייטן יאָר נאָך זיין חתונה האָט אָבער נאָטע ווי פאַרגעסן, אַז ער איז אין יאַנאָוויץ נאָר אויף דערוויל.

* * *

יענעם ווינטער, באַלד נאָך חנוכה, האָט מיטאַמאָל נאָכגעלאָזט דער פראָסט און דער שניי איז זיך איינגאַנצן צעגאַנגען. אין דרויסן איז געוואָרן אַזוי וואַרעם, אַז ס׳האָט איך די סעדער זיך אָנגעהויבן ווייזן צווייט אויף די עפּלביימער. די דאָרפסלייט האָבן דאָס בליען פון אויבסט־ביימער צווי מאָל אַ יאָר אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן און מען האָט אָנגעהויבן פאַראויסזאָגן, אַז ס׳גייט אַ הונגער־יאָר. יידישע און גויאישע ווייבער האָבן גענומען אויסטייטשן זייערע חלומות און זיי האָבן מיט שרעק אין האַרצן אויפגעכאַפּט די מעשות וועגן אַ שד מיט צווי קעפּ, וועלכן מען האָט געזען ביי דער חורבה פון שלאָס און וועגן אַ פייערדיקן קאָמעט, וואָס האָט ביינאַכט זיך געוויזן אויפן הימל.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די ווינטער־תבואה איז טאַקע אין יענעם יאָר קאַרג געראָטן און קעגן אָסיען האָט אויסגעבראָכן אין דאָרף אַ מגפה. דער טויט איז ווי געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און גענומען יונג און אַלט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער טאָטאַרשטשינע. צווי גויאישע

קינדער זיינען דאָרט איינגעפאַלן אויף טיפוס און פון דאָרט איז דאָס חולאַת באַלד אַריבער קיין יאַנאָוויץ. מען האָט געטריבן דעם מלאך־המות מיט רפואות און סגולות, מען האָט אים געיאָגט מיט אַלערליי שפּרוכן, אָבער ער האָט כמעט קיין איין הויז נישט דורכגעלאָזט. מען האָט אַרומגעשטראָכן די דרויסנדיקע ווענט פון יעדער שטוב מיט אַ פריש־אויסגעברענטער קויל, מען האָט געגעסן אַ סך קנאָבל און ציבעלעס, מען האָט געטרונקען אַ סך בראַנפן און מען האָט איין זיך געגאָסן הייסע טיי און פאַרפאַרעטן ליפּעווע־צוויט. מען האָט די קינדער אָנגעטאָן אויף די העלדזלעך שמירות, ציינדלעך קנאָבל, אויפגעצילעטע אויף שנירלעך — דער מלאך המות האָט זיך אָבער געטאָן זיינס. ערשט ווען ס׳האָט אַ נעם־געטאָן אַ שטאַרקער פראָסט און די בלאָטעס און אָזערעס זיינען פאַר־פרוירן געוואָרן האָט די מגפה זיך איינגעשטילט.

דער טויט האָט אויך געטראָפן אין די שטיבער פון די „לייבן און בערן". ס׳ערשטע האָט ער ווי אויסגעכאַפּט פון שענק חיים משהן און נעכען, און דערנאָך אברהם אַלינקיס אַ זון, וואָס האָט געלאָזט אַן אלמנה מיט אַ יתום. עס זיינען אויך געשטאָרבן געגוג קליינע קינדער און צווישן זיי ריוועס און לייבס צווייט קינד, אַ מיידעלע פון עטלעכע וואָכן.

גרויס איז געווען דער טרויער ביי דער גאַנצער משפּחה. די ווייבער האָבן נישט אויפגעהערט גיסן מיט טרערן און זייער קלאָגן האָט זיך ביינאַכט געהערט ביז אויפן וועג אַרויס. די מענער, ווידער, זיינען אַרומ־געגאַנגען שווייגנדיקע מיט פאַרקלעמטע מיילער און ביסטרע אויגן.

די ערד אויף נעכעס און חיים משהס קברים איז נאָך געווען פריש ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגערייַ וועגן דער ירושה. נאָטע האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד זיך געמאַכט פאַרן באַלעבאָס אין שענק. ער האָט אַליין געבאַלעבאָטעוועט אין די טעג ווען אַלע זיינען געזעסן שבעה ביים זיידן אין שטוב. ער האָט דערטאַפּט דאָס מזומנגעלט, וואָס זיין שוויגער נעכע האָט געהאַלטן אין בעט און ער האָט עס באַהאַלטן. ער האָט אויך זיך צוגעאייגלט און אויף גיך פאַרקויפט עטלעכע זעקלעך תבואה פון שפּייכלער.

אין די שבעה־טעג האָט נאָטע ביי זיך אָפּגעמאַכט דערוויילע צו בלייבן ביי דער נחלה. זיין חשבון איז געווען, אַז אַזוי ווי רויזע איז געווען אַ בת־יחידה ביי טאַטע מאַמע, דאַרף די שטוב זיין אירע און מען דאַרף איר אויך צוטיילן אַ גלייכן חלק פון דעם פעלד וואָס איז געבליבן. אַ העלפט פון נעכעס און חיים משהס שטוב מיטן גאָרטן, איז אָבער געווען פאַרשריבן אויף דעם אַלטן בערס נאָמען און ער האָט די אַנדערע קינדער און קינדס־קינדער נישט געוואָלט קריוודען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגען און אַ טיילן. יעדער איינער האָט גערעכנט אויף מער ווי עס איז אים געקומען. אַפילו יוסף דער פּריץ, וואָס האָט שוין דעמאָלט פאַרמאָגט מער ווי די גאַנצע משפּחה צוזאַמענ־גענומען, האָט גאָרנישט געוואָלט נאָכלאָזן פון זיין חלק. די אַנדערע

יורשים האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז יוסף האָט אַ פּאָר מאָל געליען געלט ביי דער מאַמען און עס קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן. ער האָט אָבער געבראַכט וועקסלען און קוויטלעך און געמאַכט אַזעלכע שניידערישע חשבונות, אַז ס'איז נאָך אים אַרויסגעקומען.

— אַזוי איז עס, אַז מ'שטאַרבט אָן ווידוי. פאַרוואָס שרייסטו נישט אָן אויף זיי? ס'עט דאָך דערגיין צו געשלעגן און זיי וועלן זיך דערנאָך בלייבן שונאים! — האָט די אַלטע באָבע שרהלע געזיפצט און כסדר געטריבן דעם זיידן בער, אַז ער זאָל מאַכן שלום צווישן די יורשים.

— מ'עט זיך איבערקריגן און דערנאָך וועט מען זיך איבערבעטן. איינגאַנצן דאַרף דער מענטש איין שפּאַן ערד, אָבער אַזוי לאַנג ווי די אויגן זיינען אָפן וויל מען פאַרזשערען די גאַנצע וועלט. ס'איז פון אייביק אָן אַזוי — האָט דער אַלטער בער אַ רואיקער גערעדט צו שרהלען. ער האָט זיך אַריינגעמישט ערשט דעמאָלט ווען ער האָט געזען, אַז ס'האַלט ביי אַ פּראָצעס. דער זיידע האָט זיי ווי עס איז אויסגעגלייכט און מען האָט פון שטאָט אַראָפּגעבראַכט אַ קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעמאָסטן יעדן שפּאַן פון דער ירושה־ערד. מען האָט אָפּגעגראָבן נייע מעזשעס און די ירושים האָבן מיט די ריסקאַלעס אין די הענט געהיט יעדע הרודע ערד, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואויגן גאָלד אויף אַ וואָגשאָל.

דער סוף איז געווען, אַז די שענק האָט גאָר איבערגענומען אברהם אַליניקס עלטסטער זון. בער האָט אַזוי לאַנג אַריינגערעדט אין נאָטען, אַז ער דאַרף נישט בלייבן ביי דער קרעטשמע, וואו מען האָט שטענדיק צו טאָן מיט שיכורע גויים, ביז ער האָט נאָכגעגעבן. מען האָט זיך ווי עס איז אויסגעגלייכט. אברהמס זון האָט נאָטען איבערגעגעבן זיין שטוב צוזאַמען מיט דער קאָנצעסיע אויף צו פאַרקויפן פאַרמאַכטע פלעשלעך בראָנפן אויף אַהיימצונעמען. נאָטע האָט לאַנג נישט געוואוינט אין דער אַלטער שטוב, וואָס ער האָט איבערגענומען. ער האָט באַלד אָנגעהויבן בויען און אין אַ פּאָר יאָר אויפגעשטעלט דאָס שענסטע הויז אין דאָרף. די עטלעכע שטיקלעך פעלד האָט ער אַוועקגעגעבן אויף שותפות, דאָס פאַר־קויפן די פאַרמאַכטע פלעשלעך האָט ער איבערגעלאָזט צו רויזען און אַליין האָט ער געעפנט אַ קראָם פון שניט־סחורה. ער האָט ביסלעכוויז צוגעצויגן די גויים, אַז זיי זאָלן קומען צו אים אין שטוב אַריין קויפן אויף באָרג, אָדער פאַר תבואה, אַלערליי געוואַנטן אויף קליידער, פאַרטיקע וואַטאָווע קאָמיזעלקיעס, הויזן און טשעמערקעס.

— צוליב דער פּאַרנוסענקע מוז מען טאַנצן מיט דער קאַטערענקע — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר דער משפחה פאַר זיין אַריינלאָזן זיך אין מסחר, מייסטנס מיט די גויעס, וואָס ער האָט מיט אַ צאָל־בענדל באַדאַרפט נעמען די מאָס פון זייער לענג און פון זייערע הויכע ברוסטן. ער האָט אויך אַלעמאָל זיך געריסן צוצוקויפן נאָך אַ שטיקל פעלד.

— אַז נישט האָב איך עפּעס פון די מאַרגעס? די ערלים האַלטן מיך אין איין באַגנבענען. ניט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט, אַז

„מרבה נכסים מרבה דאגה", מער פעלדער מיינט מער זאָרג — האָט ער זיך געקלאָגט און אַלעמאָל אויסגעטייטשט, אַז זיין ניט קאָנעןביישטיין דעם נסיון פון קויפן פעלד נעמט זיך דערפון, וואָס ער קומט פון רוסלאַנד, וואו אַ ייד האָט נישט קיין רעכט צו האָבן זיין אייגענס אַ שטיקל ערד.

וועגן פאַרלאָזן ס'דאָרף האָט ער אויפגעהערט רעדן און דערווייל געשטילט זיין וואַנדער־לוסט מיט זיין פאָרן אין גרעסערע שטעט איינ־קויפן שניט־סחורה. ער איז וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער פאַרפאָרן. ער האָט אַנגעשפאַרט אין טאַרנאָפּאָל, אין קאָלאָמעי און איינמאָל אויך אַזש אין לעמבערג. פון די יאָזדעס האָט ער צוזאַמען מיט די סחורות אַהיימגעבראַכט נייעס פון דער וועלט און אַלערליי חידושים. איינמאָל האָט ער אַהיימ־געבראַכט אַ קוגל־לאָמפּ, אַ צווייט מאָל — אַ זעלטענע מנורה, און אַ דריט מאָל — אַ קליין בית־המקדשל געשניצט פון ארץ־ישראל האָלץ. אַלעמאָל ווען ער איז צוריקגעקומען פון אונטערוועגנס האָט מען אים שבת אין קלויז אַרומגעשטעלט און געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין מויל.

לייב האָט נישט געקאָנט פאַרליידן זיין שוואָגערס פירעכץ. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיין בלאָזן זיך און זיין האַלטן זיך גרויס אַפילו קעגן זיין ווייב רויזע, וואָס האָט שטענדיק, ווען ער איז געקומען פון אונטערוועגנס, געדאַרפט אַראָפּשלעפּן אים די שטיוועלעך פון די פיס, גלייך ווי זי וואָלט געווען זיין דינסט. עס איז אים אויך נישט געפעלן געוואָרן זיין פאָרן אַלעמאָל אין ווייטע שטעט.

— מ'עט זיך ביי אים גאָר קיינמאָל נישט אויסקויפן פאַר דעם ביסל לערנען וואָס ער קען. און דו וועסט זען, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אַזוי אַוועקפאָרן און פאַרגעסן אַהיימצוקומען — האָט לייב זיך אויסגערעדט פאַר ריוועןָ.

— בייס דיר בעסער אָפּ די צונג — האָט ריווע אויף אים אָנגע־שריגן און צו אים געהאַט טענות פאַרוואָס ער זעט נאָר חסרונות אויף דעם שוואָגער.

גאָר אויפגעבראַכט איז לייב געוואָרן ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז נאָטע האָט געשריבן צו סענדערן קיין אַמעריקע, אַז ער זאָל, אין גלייכן געלט, פאַרקויפן זייער איינציקער שוועסטער רויזע זיין חלק פעלד, וואָס איז פאַרבליבן פון טאַטע־מאַמע.

סענדער האָט אין ערשטן יאָר נאָך זיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע גע־שריבן עטלעכע בריוו אַהיים און ער האָט אַ פּאָר מאָל דערמאָנט, אַז ער האָפט נאָך צוריקצוקומען צו זיין „היימאַט". דערנאָך האָט ער זעלטן פון זיך געלאָזט הערן. ער האָט אָבער אויף ראש־השנה קיינמאָל נישט פאַרפעלט צוצושיקן אַ „ווינטשקאַרטע", אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאָלט אָדער אַן אַלטער ייד מיט אַ ווייסער באָרד אָנגעטאָן אין אַ טלית, וואָס בלאָזט שופר, אָדער אַ פּאָר גאָלד־גרינע טייבעלעך.

נאָך נעכעס און חיים משהס טויט האָט אים זיין פעטער אברהם

אַליניק אָװעקגעשריבן אַ בריװ און אים אָנגעזאָגט די טרױעריקע בשׂורה. ער האָט אים געשריבן, אַז ער זאָל למען־השם זאָגן קדיש נאָך טאַטע־מאַמע און ער האָט אים געלאָזט װיסן װען עס פאַלן־אױס די יאָרצייטן. דער פעטער האָט אים אױך מודיע געװען, אַז פון דער ירושה װאָס איז איבערגעבליבן איז אױף זיין חלק אױסגעפאַלן קאַרגע דריי מאָרג פעלד.

עטלעכע חדשים שפּעטער איז פון סענדערן אָנגעקומען אַ בריװ צו לייבן. אין דעם בריװ האָט ער זיך נאָכגעפרעגט װאָס עס איז געװאָרן מיט דער שטוב און װער ס׳האָט איבערגענומען די שענק. ער האָט אױך לייבן געשריבן, אַז ער זאָל דערװייל איבערנעמען זיינע עטלעכע מאָרג פעלד, אָבער מיטן תּנאַי, אַז ער זאָל די ערד נישט אױסנייקערן, נישט אַרױסציִען פון איר ס׳פּעטקייט און זי דערנאָך נישט לאָזן פאַר־װילדעװעט װערן. צולעצט האָט ער געבעטן איבערגעבן זיין שװאָגער נאָטע, אז ער האָט באַקומען זיין שיינעם בריװ, אין װעלכן ער האָט אים געשריבן, אַז ער זאָל רױזען אָפּלאָזן זיין ירושה אין גלייכן געלט. אַזױ װי ער האָט אָבער נאָך נישט אױפגעגעבן די האָפענונג זיך אומצוקערן אַהיים, קאָן ער דערװייל נישט טראַכטן װעגן פאַרקױפן זיין פעלד.

— נו, אַבי דו זאָגסט, אַז איך זוך אױף אונדזער פאָניע נאָר חסרונות. זעסט כאָטש װי די װעלט איז אים װייניק? װען ער זאָל נאָר קאָנען װאָלט ער אונדז אַלעמען געירשנט ביים לעבן — האָט לייב געבריגנט אױף זיין שװאָגער נאָטע. ריװע האָט אים אָבער איינגעשטילט און אַלעמאָל פאַרהיט, אַז ס׳זאָל נישט קומען צו קיין רוגז.

סענדער האָט נאָך יענעם בריװ אַ צייט פון זיך װידער נישט געלאָזט הערן. און מיטאַמאָל איז ער אױפן צװייטן יאָר נאָך נעכעס און חיים משהס טױט װי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

* * *

פורים צו דער סעודה איז די גאַנצע משפחה פון די „לייבן און בערן", װי אַלע יאָר, זיך צונױפגעקומען צום זיידן מיט דער באָבען. די גרױסע שטוב װאו לייב מיט ריװען האָבן געװױנט איז יענעם אױפדערנאַכט פול געװען מיט מענער, װייבער און קינדער. אפילו די, װאָס האָבן נישט געװױנט אין יאַנאָװיץ, זיינען אױך געקומען.

װען מען האָט זיך גענומען אױסזעצן אַרום די צװיי צונױפגערוקטע דעמבענע טישן איז אױך יוסף מיט זיין משפחה פאַרפאָרן אױפן הױף אין אַ ברישקע מיט צװיי צוגאָװע פערד, געטריבן פון אַ פורמאַן. װען דער פּריץ איז אַריין אין שטוב מיט זיין װייב און מיט זייערע קינדער, אַ יינגל און צװיי מיידלעך, אַלע אױסגעפּוצטע אין בגדי מלכות, האָט דער אַלטער בער זיך אױפגעכאַפּט פון זיין שטול און אַ באַלעבטער אים אַנטקעגן געגאַנגען. די מענער און נאָך מער די װייבער האָבן פון דער זייט צוגעקוקט װי דער זיידע גיט־אָפּ כבוד זיין פּריצישן אייניקל, װי ער

פאַדעט אַרום אים טאַקע ווי אַרום אַ שררה, און אַ קנאה האָט זיך פאַרקליבן אין די ווינקלען פון זייערע אויגן.

— זעטס נאָר, זעטס, וואָסערע געסט מיר האָבן! לאַנג לעבן זאָלט איר וואָס איר האָט געבראַכט די קינדער. כ׳האָב פאַר זיי אָפּגעבאַקן שוין איינמאָל המן־טאַשן — האָט די באָבע שרהלע זיך אַרומגעכאַפּט מיט יוספס קינדערלעך. זי האָט זיי געקושט, געטוליעט צו זיך און זיי גערופן מיט די יידישע נעמען: יואל, מאַליע און לאה. די פריצישע קינדער האָבן זיך אָבער באַלד אָפּגערוקט פון דער באָבע שרהלע. דאָס יינגעלע האָט מיט אַ הענטעל זיך געריבן די באַק, וואו די באָבע האָט אים אַ קוש געטאָן, און אין פויליש איר געלאָזט וויסן, אַז ער הייסט יולעק און אַז זיינע שוועסטער רופט מען מאַלווינאַ און לאַנציאַ.

דער אַלטער בער האָט יוספן באַלד באַזעצט אויבנאָן לעבן זיך. נאָטע האָט ניט געוואַרט אויף קיין כבוד, נאָר זיך נאָכגערוקט צום אויבנאָן. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן דעם פריץ, צעקנעפּלט זיין אייבערשט מלבוש, וואָס איז געווען האַלב־רעקל און האַלב־זשעקעטל, אַזוי אַז מען זאָל אַרויסזען זיין ניי פּלושן וועסטל מיטן גאָלדענעם קייטל. ער האָט מיט אַ ווייס הענטל זיך אויסגעגלעט דעם שטערן און גענומען ברומען אַ פּורימדיקן ניגון. עס איז אים קלאָר געווען, אַז יוסף דער פריץ, וואָס איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים און געהאַט אַ שיינע באָרד, האָט אים אינגאַנצן פאַרטונקלט. עס האָט אים גוט פאַרדראָסן פאַרוואָס מען האָט אָן אים ווי פאַרגעסן, ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן.

— שושנת יעקב צהלה ושמחה! — האָט ער זיך אָנגעהויבן צעלאָזן.

אַלע אין שטוב האָבן גערעדט הויך און מען האָט אים ווי נישט געהערט. ער האָט זיך אויסגעהוסט און געפּרוּווט מיט זיין געזאַנג אַלעמען איבער־שרייען. די ווייבער האָבן אים גראָד ליב געהאַט צו הערן דאַוונען פאַרן עמוד, אָבער איצט האָבן זיי אים ווי נישט געזען און נישט געהערט. אַלעמענס בליקן זיינען געווען געווענדט צו יוספן און צו זיין פריציש בני־בית.

— אָט דאָס הייסט דערהויבן. ער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ שררה.

— ס׳איז טאַקע נאָר ווי אין דער מעשה פון טייטש־חומש וועגן יוספן און זיינע ברידער.

— אַזוי איז עס. אין איין טאָג קאָן מען אויסקאָכן אַלערליי געקעכצן.

— ס׳לאָזט זיך גאָרנישט אָפּקלערן. דאָס מזל פון דעם עפּל איז צו האָבן ראָסע און זון אין שיינע רויטע בעקלעך, און דער בולבע איז באַשערט צו וואַקסן אין דער פינצטערער ערד.

— וואָס זאָגט מען נישט צו זיין ווייב? דער „ווייסער פלאַץ" רעדט דאָך נאָר פויליש צו אירע קינדער! — האָבן די ווייבער צווישן זיך גערעדט. זייערע בליקן האָבן פון יוספן אַוועקגעוואַנדערט צו זיינע ברידער, וואָס זייערע טונקעלע פּנימער האָבן דערמאָנט אָן ראָזעווע קאָרן־ברויט.

— השתיה כדת אין אונס, דאָס מיינט, מ׳דאַרף קיינעם נישט צווינגען

צו טרינקען. ווייל ס'איז אַזעלכעס און אַזױנס — האָט פּסח, דער אָרעמ־סטער און דער גוטמוטיקסטער פון אַלע ברידער, אַ פריילעכער אַלעמאָל אונטערגעגאָסן די גלעזלעך מיט משקה. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אָנגעצויגנקייט ביים טיש און ער האָט אַלעמען אונטערגעטריבן צו טרינקען לחיים. די מענער און די ווייבער האָבן זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און זיי האָבן פון דער משקה ביסלעכווייז זיך צעוואַרעמט. דער אַלטער בער האָט ווי אַלע יאָר צעשניטן דעם גרויסן פורים־קוילעטש, וואָס איז געווען באַזעצט מיט טורעמלעך, מיט פייגעלעך און מיט מגן־דודלעך. ריווע האָט גענומען דערלאַנגען די צוגעגרייטע מאכלים און מען האָט אָנגעהויבן פראַווען די סעודה. אַלעמענס פּנימער האָבן זיך אויסגע־לייטערט און זיך אָנגעצויגן מיט פייכטער רויטקייט. מען האָט ביים עסן און טרינקען פאַרגעסן אָן דער קנאה צו יוספן, מען האָט פאַרגעסן אָן אַלע רוגזן פון אַ גאַנץ יאָר, מען האָט דערפילט די נאָענטקייט פון אייגן בלוט און פלייש, נאָר צו פאַלן איינס ס'אַנדערע אויף די העלדזער. דער זיידע האָט נאָך די ערשטע עטלעכע גלעזלעך אַ מונטערער זיך צעזונגען:

„אוי, מאָנדריש מרדכי קאַמערדינער דו מיין,
שני למלך וועסטו ביי אחשורושן זיין,
און המנען וואָס וויל די יידן אומברענגען,
וועל איך אויף איין באַרנבוים אויפהענגען!"

די צינגער זיינען ביי די אייניקלעך לויז געוואָרן און זיי האָבן דעם זיידן צוגעהאָלפן:

„אוי, המן, וואָס וויל די יידן אומברענגען,
וועט אויף איין באַרנבוים הענגען!"

יידישע קינדער צוזאַמען מיט שקצימלעך, זייערע פעלצלעך איבער־געקערט אויף דער לינקער זייט און זייערע פּנימער אויסגעשמירט מיט סאַזשע, האָבן זיך געדרייט אַריין און אַרויס. אייניקע פון זיי זיינען געווען איינגעוויקלט אין ווייבערשע טיכלעך און שאַלן און געהאַט גרויסע האָרבעס, אויסגעשטאָפּטע פון שמאַטעס. אַנדערע האָבן געטראָגן אויף די קעפּ פאַרביקע פּאַפּירענע שקאַרמיצן און אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן הילצערנע שווערדלעך, באַדעקטע מיט לעשגאָלד.

— היינט איז פורים מאָרגן איז אויס, גיטס מיר אַ גראָצער און וואַרפטס מיך אַרויס — האָבן די יידישע יינגלעך אויסגערופן ווי נאָר זיי האָבן געעפנט די טיר. די שקצימלעך, וואָס זיינען זיי נאָכגעגאַנגען פון הינטן האָבן געשריען „האמענע, האמענע", זיי האָבן געטופּעט מיט די פיס, געמאַכט טומל מיט הילצערנע קלאַפּערלעך און גראַגערס און נישט אָפּגעטראָטן ביז מען האָט זיי ניט געגעבן המן־טאַשן און כאָטש צו האַלבע גרייצער.

— „אוי, יוסף, יוסף איז אַ שיינער פאַרשוין, ער מעג שוין אַנטאָן

פרעהס קרוין" — האָט נאָטע אָנגעהויבן אויסזינגען אַ נייעם פורים־שפיל.

פלוצלונג האָט אָבער די טיר זיך געעפנט און אַן אויסגעפוצטער מאַן אין אַ שטייפן ברוינעם קאַפּעליוש און אין אַ ברייטן טונקעלען מאַנטל, איז אַריינגעקומען. זיין פול פּנים איז געווען ווי פריש געגאָלט און זיינע גראָבע וואָנצעס האָבן געגלאַנצט פון שוואַרצקייט. ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל זיינען אַלע געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט.

— אוי, כ׳שטאַרב, ס׳איז דאָך סענדער! — איז ריווע אויפגעשפּרונגען. זי איז געווען די ערשטע צו דערקענען איר שוואָגער, וואָס האָט אין די יאָרן, וואָס ער איז געווען אויף דער וועלט, אַ שיין ביסל זיך פאַר־ענדערט. סענדער איז געווען הויך און ברייט־ביינערדיק און אין די אַמעריקאַנער קליידער האָט ער געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ פּוילישן שליאַכטעץ פון אַ גרויסער שטאָט.

— געוואַלד געשריגן, סענדער, פון וואַנעט האָסטו דיך גענומען?

— אַזוי אומגעריכט אַראָפּצופאַלן.

— צי איז עס אַ חלום צי וואָס? — האָבן די ווייבער זיך צעלאָזט און צו אים באַלד צוגעלאָפן. זיי האָבן זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן וויינען אויפן קול

— כ׳האָב שוין לאַנג געשריבן, אַז כ׳על אַהיימקומען — האָט סענדער אַרויסגעשטאַמלט.

— ווען די מאַמע מיטן טאַטן זאָלן דאָס געווען דערלעבן — האָט רויזע אַ וויינענדיקע זיך אויפגעהאַנגען אויף זיין האַלדז.

— כ׳האָב אָבער אַלעמאָל געזאָגט, אַז דו וועסט נאָך צוריקקומען — איז דער אַלטער בער געווען אויסער־זיך. די באָבע שרהלע האָט מיט ביידע הענט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין ליגקן אָרעם, אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט און געציטערט, אָבער זי האָט קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסרעדן.

— כ׳האָב אויסגערעכנט, אַז כ׳וועל אָנקומען פאַרנאַכט, פאַר דער סעודה, אָבער דעם בעל־עגלהס פערד זיינען צוגעשטאַנען אויפן וועג — איז סענדער געשטאַנען אויף אַן אָרט און מיט פאַרטרערטע אויגן זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געוואָלט זיין משפּחה דערציילן ווי שטאַרק ער האָט געבענקט אַהיים, אָבער די ווערטער זיינען אים ווי געבליבן שטעקן אין האַלדז.

מען האָט סענדערן באַזעצט ביים טיש, אים דערלאַנגט עסן און עס האָבן צו אים גענומען זשומען רייד פון אַלע זייטן. ער איז געווען גוט אויסגעהונגערט, אָבער ער האָט ניט געקאָנט עסן. ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן און אויף די אַלע רייד פון אָנהייב געענטפערט מיט געציילטע ווערטער. די מיינסטע ווערטער וואָס מען האָט פון אים געהערט, זיינען געווען: "שור", "יעס" און "אָלרייט".

— אָט דאָס הייסט אונדז דערפרייט. אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט.

— מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל — האָבן די ווייבער ניט

אויפגעהערט ווישן די אויגן און שנייצן די נעזער. די באָבע שרהלע איז אַביסל צו זיך געקומען און געהאַלטן אין איין אונטערטרייבן סענדערן, אַז ער זאָל עסן. זי האָט מיט אירע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן אים געקוקט אין פּנים אַריין און אים באַדויערט, וואָס מען האָט אים אין דעם טריפהנעם לאַנד נעבעך ניט געלאָזט טראָגן קיין באָרד.

שכנים, יידישע און גויאישע, האָבן זיך גיך דערוואוסט, אַז סענדער איז אַהיימגעקומען און מען האָט גענומען לויפן פון אַלע זייטן אים אָנקוקן. סענדער האָט מיט יעדן איינעם זיך געוויטעט און יעדן איינעם וואָס ער האָט דערקענט, אָנגערופן ביים נאָמען.

צווישן די, וואָס זיינען געקומען צולויפן אים אָנקוקן, זיינען אויך געווען דעם שאָפערס „טיראָלער" טעכטער. די עלטערע האָט שוין געהאַט אַ מאַן און אַ קינד, און די יינגערע איז געווען פאַרקנסט צו אַן עקאָנאָם פון אַ שכנישן דאָרף. סענדער האָט מיט גרויסע אויגן באַטראַכט דעם שאָפערס צוויי געוויקסיקע, שיינע טעכטער און זיך נאָכגעפרעגט ווער זיי זיינען.

מינדל, די יינגערע פון די צוויי שוועסטער, וואָס האָט געטראָגן אַ פריצישע ווייסע קאָפּוזע אויפן קאָפּ איז באַלד לעבן אים אויסגעוואַקסן. זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אים געזאָגט ווער זי איז און אַ באַרעדעוודיקע זיך גענומען נאָכפרעגן צי אַמעריקע איז טאַקע אַזוי גרויס און אַזוי רייך ווי מען דערציילט.

— ‏שור, איין קליינקייט — איז סענדער געווען קאַרג אויף רייד. ער האָט אין זינען געהאַט צו דערציילן וועגן די חידושים פון דער ווייטער און גרויסער וועלט, אָבער ער האָט ווי ניט געהאַט גענוג ווערטער. ער האָט יעדן איינעם געענטפערט קורץ און ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף דעם שאָפערס יינגערער טאָכטער.

— איר זעט כאָטש, מען פאָרט אַרויס אויף דער וועלט ווערט מען אַ לייט.

— ‏ווער האָט זיך גערעכנט, אַז ער זאָל נאָך אַמאָל אַהיימקומען?

— ער האָט אָבער געטאָן ווי אַ חכם.

— איצט וועט ער אָנקויפן פעלדער און ווערן אַ פּריץ ווי יוסף — האָבן שכנים צווישן זיך גערעדט. אַלע האָבן פאַרגאַפטע געקוקט סענדערן אין מויל אַריין, און ערשט שפּעט אין דער נאַכט זיך צעגאַנגען.

קאַפּיטל צען

סענדערס אַהיימקומען האָט ווי אויפגעוועקט ס׳דאָרף פון ווינטער־שלאָף. די דאָרפסלייט האָבן גאָרניט אויפגעהערט רעדן וועגן דעם אויסגעפּוצטן אַמעריקאַנער און געהאַלטן אין איין שאַצן דאָס פאַר־מעגן, וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט. וואו ער איז געשטאַנען און וואו ער איז געגאַנגען האָט ער געהאַט אַרום זיך מענטשן. ווען ער איז דעם ערשטן פרייטיק, נאָך זיין אַהיימקומען, צוגעפאָרן מיטן זיידן צום שטאַטישן מרחץ, איז מען אויך דאָרטן פון אַלע זייטן געלאָפן אים אָנקוקן.

ס׳האָבן זיך גענומען דרייען אַרום אים סוחרים, מעקלער און שדכנים, און יעדער איינער פון זיי האָט געוואָלט אויסגעפינען וויפיל געלט ער האָט אַהיימגעבראַכט פון דעם וויטן גאָלדענעם לאַנד. מען האָט געוואָלט וויסן צי איז ער טאַקע געקומען אויף צו בלייבן אין דער היים און צי וועט ער זיך באַזעצן אין דאָרף.

— אַוודאי וועט ער בלייבן אין דער היים. וואָס דען איז ער געקומען? וואָס איז ער אַ וואַנדראָווניק, צי אַ ציגיינער? ער האָט דאָך דאָ זיין אייגן פעלד — האָט דער אַלטער בער ווי אויסגעכאַפּט דעם ענטפער פון סענדערן.

מען האָט סענדערן באַלד נאָך פורים אָנגעבאָטן צו קויפן אַ שטיק פעלד פון אַ צען מאָרג, מען האָט אים נאָראַיעט אַ מיל און אויך אַ ציגעלניע. זיין ברודער יוסף האָט צו אים געהאַלטן אין איין באַפעלן, אַז ער זאָל למען־השם דערוויל אין גאָרניט אַריינקריכן, ווייל מען וועט ביי „זיין" גראַף גאָר אינגיכן קאָנען קויפן וואַלד האַלב אומזיסט. נאַטע, ווידער, האָט אים געוואָלט אַריינציען, אַז ער זאָל ווערן זיין שותף און אַז זיי זאָלן ביידע אַריינפאָרן קיין טאַרנאָפּאָל קויפן אַ טראַנספּאָרט קנאָבן־מעל אויף צו מיסטיקן פעלדער. מ׳האָט נאַטען דעם מסחר געהאַט פאַרגעלייגט ווען ער איז ניט־לאַנג צוריק געוועזן אין טאַרנאָפּאָל. די סוחרים האָבן נאַטען דאָרט איינגערעדט, אַז דער ערשטער, וואָס וועט איינפירן, אַז די רייכערע לאַנד־באַזיצער פון יענעם געגנט זאָלן אָנשטאָט גנאַי אָנהייבן נוצן דעם קינסטלעכן „דינגער" אויף צו מיסטיקן זייערע פעלדער, וועט נתעשר ווערן. סענדער איז אים אונטערגעקומען פונקט אין צייט און ער האָט אים צוגערעדט, אַז זיי זאָלן זיך אַ נעם־טאָן צו דעם געשעפט איידער אַן אַנדערער כאַפּט עס אויס

— בונעם מיטן בויך האָט מיט מיר גערעדט. ער וויל דיך פאַר אַן איידעם. ער גיט נדן שיינע עטלעכע מאָרג פעלד און ער וועט דיר אויך אויסבויען אַ שטוב — האָט אויך דער אַלטער בער גענומען רעדן מיט סענדערן וועגן תכלית.

— בעוועראַמאַי, מ׳עט זען — האָט סענדער, וואָס האָט זיך דערוויל באַזעצט ביים זיידן מיט דער באָבען, פאַר יעדן איינעם געהאַט איין־

און־דעמזעלבן ענטפער. ער האָט אַ רואיקער אַלעמען אויסגעהערט, און מיט געזעצטקייט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אָבער קיינעם ניט דערציילט וויפיל געלט ער האָט אַהיימגעבראַכט און וואָס ער האָט בדעה צו טאָן.

דערווייל זיינען אונטערגעקומען וואַרעמע טעג און מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אַריינצובעמען דעם פּסח אין די שטיבער. ס׳ערשטע האָבן די יאַנאָוויצער יידן, אין אַן אַנדער דאָרף, וואו עס איז געווען אַ וואַלצן־מיל, בשותפות אָפּגעבייטלט עטלעכע זעקלעך פּסחדיק מעל פון אייגענעם ווייץ און מען האָט זיך צונויפגעקליבן ביי לייבן אין שטוב באַקן מצות. מען האָט דאָרט אויסגעגליט דעם אויוון, באַפּוצט די ווענט און די סטעליע מיט פּאַפּירענע סטענגעס פון אַלערליי קאָלירן, מען האָט פון גלאָט אָפּגעהובלעטע ברעטער אויפגעשטעלט לאַנגע, שמאָלע טישן און יונג און אַלט האָבן, מונטערע, מיט גרויס חשק, זיך גענומען צו דער אַרבעט. עטלעכע טעג און עטלעכע נעכט איז די שטוב פול געווען מיט רוישיקער פרייד.

סענדער האָט אויך אַביסל אַרויסגעהאָלפן, און עס זיינען, ווי צוליב אים, צו די מצות באַקן געקומען מיידלעך ניט נאָר פון יאַנאָוויץ, נאָר אויך פון דער טאַטאַרשטשינע און פון אַ פּאָר אַרומיקע דערפער. זיי זיינען געקומען אויסגעצוואַגענע און אויסגעפּוצטע, אָנגעטוענע אין פּאַרטוכלעך, וואָס האָבן געבלאַנקט פון ריינקייט. זיי האָבן זיך געסטאַרעט אַרויס־צואווייזן זייער בריהשאַפט ביים וואַלגערן די קיילעכדיקע מצות און זיי האָבן געאַרבעט מיט אַזאַ פליס, אַזש די באַקן האָבן ביי זיי אָנגעהויבן פלאַמען.

— אַ מצה אין אויוון אַריין, קיילעכדיק און שיין און מלא חן, ווי — כ׳מיין עפּעס.

— מיידן, היטס אייך, אַ מערע גייט אויפן טיש אַרויף. וואַרפטס אַן אייגל און כאַפּטס אַ טייגל. געשווינד און גיך, ווייל באַלד קומט משיח.

— געדענקסט, אַז ס׳איז נישט קיין בלאָט לאָקשן און ס׳איז נישט קיין פלאַמפלאַץ — האָבן די יונגעלייט זיך געלאָזט הערן. זיי האָבן ביים קנעטן די מערעס און ביים רעדלען די מצות זיך אונטערגעזונגען און געזאָגט חכמות. די מיידלעך האָבן שעמעוודיקע זיך געריוטלט און אַלע־מאָל אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

— סענדער, אין אַמעריקע זיינען עפּעס דאָ שיינע מיידלעך?

— סענדער, דאָרטן פאַרבן זיך אויך די פריילינס די באַקן מיט רויטן פּאַפּיר פון ציקאָריע, ווי ביי אונדז אין יאַנאָוויץ?

— מיט דעם רויטן ציקאָריע־פּאַפּיר קאָן מען נאָך חמצדיק מאַכן די מצות — האָבן די יונגען געטריבן שפּאַס.

— זאָל איך קרענקען, צי מיינע באַקן זיינע געפאַרבט.

— כ׳קאָן שוין אָפּוואַשן ס׳פּנים און באַווייזן, אַז ס׳איז אַ ליגן.

— איך אויך — האָבן עטלעכע מיידלעך זיך געשוואוירן מיט טויטע קללות, אַז זייערע באַקן זיינען נישט געפאַרבט. זיי האָבן מיט די הענט זיך געריבן די פּנימער, געוויזן דערנאָך די פינגער, אַז ס׳איז אויף זיי נישטאָ קיין סימן פון פאַרב, און זיי זיינען נאָך מער רויט געוואָרן.

— דאָס ציקאָריע־פּאַפּיר איז דאָך זיס, דאַרף מען נאָר אַ לעק־טאָן די באַק מיט דער צונג, וועט מען שוין וויסן — האָט די חברה נישט נאָכגעלאָזט. די יונגעלייט האָבן גוט געדענקט סענדערס פאַרשייטקייט פון אַמאָל, זיין טשעפּען זיך צו די מיידלעך און אויך צו די שיקסעס פון דאָרף און זיי האָבן אים געוואָלט אַריינציען אין קאָן. עס איז אָבער נישט געווען דער אַמאָליקער סענדער. ער האָט זיך געהאַלטן סטאַטעטשנע: נישט גערעדט קיין סך און כסדר אויסגעזען פאַרטראַכט.

— כ׳גלייב מיר נישט, אַז כ׳בין טאַקע אין דערהיים — האָט ער ווי צו זיך אַליין שטיל געמורמלט. דער טומל ביי די מצות־באַקן איז אים פאָרגעקומען נאָר ווי אַ חלום. ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ רואיקן שמייכל אויף זיינע ליפּן און ער האָט מיט פאַרחידושטע גרויסע אויגן באַטראַכט די מיידלעך, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אין די יאָרן, וואָס ער איז נישט געווען אין דער היים.

— מיידלעך, לאָמיר עפּעס זינגען. שעמט זיך נישט פאַרן אַמעריקאַנער!

— האָט זיך מער פון אַלעמען געלאָזט הערן מינדל דעם שאַפערס ייִנגערע טאָכטער. איר קלינגענדיק קול און איר געלעכטער האָט סענדערן ווי אויפגעוועקט. זי איז מיט איר האַלטונג, מיט איר געפוצטקייט און מיט איר באַרעדעוודיקייט געווען אַנדערש פון די אַלע מיידלעך אַרום דעם לאַנגן טיש.

— וואָס זאָגסטו נישט ווי טעמע בונעמס איז דאָס אויסגעוואַקסן? כ׳האָב נעכטן אַליין געהערט איר טאַטן זאָגן, אַז ער גיט איר גאַנצע צען מאָרג פעלד נדן. ער איז רייך ווי קורח — האָט רויזע אין דעם טומל זיך צוגעשאַרט צו איר ברודער סענדער. ס׳איז איר נישט געפעלן געוואָרן, וואָס ער דרייט אַלץ דעם קאָפּ אין דער זייט וואו מינדל דעם שאַפערס איז געשטאַנען. רויזע האָט גערעדט צו סענדערן אויפן אויער און פאַר אים אויסגעלויבט די נגידישע מויד, וואָס מען רעדט אים פאַר אַ כלה. סענדער האָט אַ שוויגנדיקער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט ווי זיין שוועסטער צוליב באַטראַכט די צוואַנציק־יעריקע טעמע, וואָס איז געווען אַ נידריקע, אַ דיקע, און געהאַט אַ קיילעכדיק רויט פּנים און שטאַרק־גראָבע ליפּן.

— זי איז דאָך שטיל ווי אַ טויב. ס׳איז נאָך אַ גרויסער חילוק פון איר ביז צו דער טיראַלסקער מויד, וואָס גוידערט זיך און ראַשט זיך און פאַרגעסט, אַז זי האָט שוין אַ חתן. — האָט רויזע שוין אין איינוועגס דערציילט סענדערן אַז מינדל האָט נישט קיין צו־גוטן נאָמען אין דאָרף.

מינדל האָט מיט איר מאַמען געפירט אַ געוועלבל פון באַנבאַנעס, פייגן, באָקסער, לעקעכלעך, טערקישע ניסלעך און דיגיע־קערלעך, און

אַזוי ווי זשאַנדאַרן און רעוויזאָרן זיינען געוואָרן אַריינגייער צו איר אין שטוב, האָבן די ווייבער זיך אַריינגעלאָזט אין רכילות. די ווייבער האָבן די שיינע און באַרעדעווודיקע מינדל אַלעמאָל געהאַלטן אויפן אויג, עפּעס ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַז זי זאָל ביי זיי נישט צונעמען זייערע מענער.

סענדער האָט מיט אַ „גנוועראַמאַי" אָוועקגעמאַכט רויזעס רייד און אויך אַנדערע רכילותן וועגן מינדלען. וואָס מען האָט אים אונטערגעטראָגן ביים באַקן די מצות. מען האָט זי געוואָלט פאַרמיאוסן אין זיינע אויגן, אָבער נאָך די אַלע רייד, וואָס ער האָט אויסגעהערט, האָט אים נאָך מער געצויגן צו איר און אַלעמאָל ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען איר שטוב האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט עפּעס איינקויפן אין געוועלבל.

איין אויפדערנאַכט, ווען ער האָט זי געטראָפן איינע אַליין אין שטוב, האָט ער זיך דאָרט גאַנץ לאַנג פאַרהאַלטן. עס איז שוין געווען גאָר נאָענט צו פּסח און ווען ער איז צו איר אַריינגעקומען איז זי געזעסן און געמאַכט בלומען פון קאָלירטן פּאַפּיר אויף אויסצופּוצן די שטוב אויף יום־טוב. אויפן טיש זיינען געלעגן גרויסע רויטע פּאַוואָניעס, האַלב־צעעפענטע קליינע רויזן, ווייסע ליליעס און פאַרביקע בראַטקעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע. סענדער איז געבליבן שטיין פאַרן טיש, באַטראַכט די שיינע בלומען און געלויבט איר אַרבעט.

— כ׳וואָלט געקאָנט שווערן, אַז די בלומען זיינען פרישע פון גאָרטן. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז איר האָט גאָלדענע הענט.

— הערט זיך בעסער נישט צו וואָס מ׳זאָגט וועגן מיר — האָט זי זיך אויפגעהויבן און מיט ביידע הענט גענומען אָוועקשאַרן פון איר פּנים די קורצע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט פון אירע גראָבע צעפּ — נאָך פּסח, ווען ס׳קומען אַרויס די אמתע בלומען, וואַרף איך די אַרויס. די בלומען פון גאָרטן ווערן אָבער גיך פאַרוויאַנעט. — זי האָט אַ שאַר־געטאָן די פאַרביקע פּאַפּירן מיט די בלומען און געבליבן שטיין אַ טרויעריקע, אַ פאַרטראַכטע.

— אין אַמעריקע זיינען אַ גאַנץ יאָר פאַראַן פרישע בלומען — האָט סענדער עפּעס אָנגעהויבן זאָגן און זיך פאַרהאַקט. עס איז נישט געווען ס׳ערשטע מאָל, אַז ער זאָל בלייבן שטעקן אין מיטן ווען ער האָט גענומען רעדן וועגן אַמעריקע. ער האָט געמיינט, אז ווען ער וועט אַהיימקומען וועט ער גאָרנישט מיד ווערן צו דערציילן וועגן די חידושים פון דער גרויסער וועלט, אָבער אַלץ האָט זיך ביי אים ווי פאַרקנוילט און ער האָט פון דעם קנויל קוים געקאָנט אַפּרייסן עטלעכע ווערטער. ער איז צוגעגאַנגען צום קרעמל, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אין אַ שאַפּקעלע מיט גלעזערנע שויבן און געזאָגט מינדלען, אַז ס׳האָט זיך אים פאַרוואָלט אַ מאַראַנץ.

— אַ מאַראַנץ גאָר? וואָס־זשע, איר זענט דען חלילה קראַנק? וואָס אַן אַמעריקאַנער קאָן זיך פאַרגלוסטן! וואָסי, פייגן האָט איר פיינט? —

האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. איר פּנים האָט זיך ווי אויסגעלייטערט און זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלינגנדיק געלעכטער.

— ס׳איז נישטאָ וואָס צו לאַכן. אין אַמעריקע עסט מען מאַראַנצן געזונטערהייט.

— טאָקע? איר מיינט עס אויף אַן אמת, צי איר שפּאַסט?

— שור, אויף אַן אמת.

— איז טאָקע דאָרט אַזוי גוט ווי מ׳דערציילט?

— שור. איין קליינִיקייט!

— פאַרוואָס־זשע זענט איר צוריקגעקומען?

— נעווערמאַי, וואָס איך בין צוריקגעקומען. אַז מ׳האָט אַ היים בענקט מען, וואו מ׳זאָל נישט זיין.

— איר האָט געבענקט נאָך די ערב־פּסחדיקע בלאָטעס? — האָט זי אים אַריינגעלאַכט אין פּנים — ווען איך בין דאָרט, וואָלט איך נישט געבענקט.

— אַזאַ מיידל ווי איר וואָלט טאָקע דאָרט געווען אָלרייט. איר וואָלט געלעבט און געלאַכט.

— כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז איר זענט געקומען חתונה האָבן מיט בונעמס טאָכטער. זי איז זעהר אַ וואוילע.

— פון וועמען האָט איר געהערט, אַז כ׳בין געקומען חתונה האָבן?

— וואָס אַרט אייך פון וועמען? כ׳ווייס אַפילו, אַז מ׳גיט אייך צען מאַרג נדן. מיך נעמט יאַקוב אָן נדן. ער האָט זיך אין מיר איינגעליבט — האָט זי זיך געגוידערט און געלאַכט.

— אַזוינע מיידלעך ווי איר נעמט מען אין אַמעריקע אויך אָן נדן.

— וואָס הייסט, אַזוינע ווי איך?

— כ׳מיין, שיינע און געראָטענע מיידלעך נעמט מען ווי זיי שטייען און גייען.

— טאָקע? צי איר זאָגט נאָר אַזוי?

— כ׳זאָג אייך דעם אמת. אָבער וואָס גייט עס אייך אָן? איר האָט דאָך שוין אַ חתן!

— ס׳שאַדט נישט צו וויסן.

— ווען וועט זיין די חתונה?

— ווען עמענס?

— אייערע.

— מערצעשעם זומער. כ׳גיי שוין מיין אויסשטייער. אַנטקעגן וואָס פרעגט איר?

— אַזוי.

— איר׳ט כאָטש קומען אויף מיין חתונה? צי ס׳וועט אייך אפשר נישט אַנשטיין?

— שור. פאַרוואָס זאָל איך עפּעס נישט קומען? איר זאָלט נאָר נישט פאַרגעסן מיך צו פאַרבעטן.

— ווי קאָן איך אַזאַ זאַך פאַרגעסן?

— כ'על קומען. איר'ט זען.

— דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער וועט אויפשטעלן אַ שאַלאַש לעבן דער קלויז און מ'וועט פאַרבעטן יעדן איינעם. איר וועט מיט מיר טאַנצן אויף מיין חתונה?

— און וואָס וועט אייער חתן זאָגן?

— וואָס האָט ער צו זאָגן? אַ כלה מעג אויף איר חתונה טאַנצן מיט יעדן איינעם. איר קענט אַוודאי נאָר אַמעריקאַנער טענץ.

— אין אַמעריקע טאַנצט מען אויף אַ יידישער חתונה דיזעלבע טענץ וואָס דאָ.

— כ'האָב מיין חתן אויסגעלערנט טאַנצן אַ וואַלץ.

— זאָגט מיר, איר האָט טאַקע ליב אייער חתן? — איז סענדער עפּעס ווי נישט־אימיסטן אַרויס מיט דער פראַגע. עס איז אים מיטאַמאָל ווי באַפאַלן אַ ווילדער פאַרלאַנג זי אַרומצוכאַפּן און זי נעמען מיט גוואַלד.

— הערסט, וואָודען? ווי האָט מען נישט ליב אַ חתן? פאַרוואָס פרעגט איר דאָס? — האָט זי זיך צעפלאַמט. סענדער איז צוגעגאַנגען נעענטער צו איר. מינדל האָט האַלב־געעפנט ס'מויל, אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— כ'האָב געוואָלט וויסן — האָט סענדער אַרויסגעשטאַמלט.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען מינדלס חתן — אַ ברייט־ביינערדיקער יונג פון מיטעלן וואוקס מיט בלאָנדלעכע גראָבע וואָנצעס. זיין ברייטלעך פּנים איז געווען רויט פון ווינט און זיינע שטיוול, זיינע געפּאַסטע רייט־הויזן און אַפילו זיין קורץ פעלצל מיטן פוטערנעם קאָלנער זיינען געווען באַשפּריצט מיט בלאָטע. אין זיין גאַנג האָט מען גלייך דערקענט, אַז ער איז נאָר־וואָס אַראָפּ פון פערד.

— מ'רעדט פונעם מלאך, קומט דער גלח. זאָל איך אַזוי לעבן ווי מיר האָבן דיך ערשט דערמאָנט — איז מינדל אַ וויגנדיקע מיט געזעצטע טריט אים אַנטקעגן געגאַנגען.

— כאַטש צום גוטן? — האָט דער עקאָנאָם אַרויפגערוקט זיין קאַש־קעט אויפן שפּיץ קאָפּ. ער האָט זיך באַגריסט מיט סענדערן, ווי מיט אַ היימישן מענטשן, כאָטש ער האָט אים בלויז געזען צוויי מאָל ביים באַקן די מצות.

— מינדל האָט מיך שוין באַצייטנס פאַרבעטן צו אייער חתונה — האָט סענדער זיך אָנגערופן.

— זייער שיין. איר'ט טאַקע דאַרפן קומען — האָט דער עקאָנאָם מיט אַ האַנט אַ פּיר־געטאָן איבער זיין שטערן, וואו עס האָט זיך אָנגעזען אַ טיפער קאַרב פון קאַשקעט.

— וואו ביסטו געווען אַזוי שפּעט? כ'האָב געמיינט וועסט שוין היינט נישט קומען — האָט מינדל זיך גענומען דרייען אַרום איר חתן.

— כ'בין ערשט פאַרטיק געוואָרן. אַלע מיינע שונאים זאָלן זיין

דינער ביי פּריצים. מ׳האָט נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט — האָט ער גערעדט צו מינדלען און מיט גוטמוטיקע גרויע אויגן געקוקט אויף סענדערן.

— נו, ווערט מען אַליין אַ פּריץ! — האָט סענדער געשפּאַסט.

— אַן עקאָנאָם חלומט זיך אַפילו אַזוינס נישט. סיידן כ׳זאָל אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע אויף עטלעכע יאָר און דערנאָך צוריקקומען אַהיים מיט געלט — איז מינדלס חתן געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער.

— הערסט, יאַקוב, דער אַמעריקאַנער איז נאָך אַ גרעסערער נאַשער פון דיר. ס׳האָט זיך אים גאָר פאַרגלוסט מאַראַנצן אין אַ פראָסטן מיטוואָך — האָט מינדל זיך צעלאַכט אויפן קול און געוויזן סענדערן איר מויל ווייסע ציין, זי האָט דערנאָך פאַרשפּרייט אַ טישטעכל אויפן טיש און אויף אַ זילבערנער טאַץ אויסגעלייגט פייגן און ניסלעך. זי האָט דערלאַנגט טיי מיט געבעקס און זיי זיינען אַלע דריי זיך פאַרזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

* * *

אין דרויסן איז וואָס אַמאָל געוואָרן וואַרעמער. די זון האָט פון טאָג צו טאָג זיך אַלץ פריער געפּעדערט און זיך ווי צוגעאיילט צו צעלאָזן דעם שניי און אויסצוטריקענען סטעזשקעס אויף פּסח. די אייז־סטראָמפּעלעס, פאַרשפּיצטע ווי שפּיזן, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון די סטריכעס פון די שטרויענע דעכער, האָבן ווי קרישטאָל זיך צעפינקלט אַנטקעגן דער פרילינגדיקער זון. זיי האָבן זיך צעשמאָלצן, געוואָרן דינער און מיט אַ בראַזג געפאַלן צו דער ערד. דער טייך האָט אָנגעהויבן לאָזן און ס׳ערשטע איז דאָרט איינגעפאַלן דעם צלם, וואָס די גויים האָבן פאַר ניי־יאָר אויסגעהאַקט פון אייז. דער גרויסער צלם האָט זיך גיך צעלאָזט און די קרענצלעך מיט וועלכע ער איז געווען באַפּוצט האָבן זיך אַוועקגעטראָגן מיטן וואַסער. די יידישע קינדער זיינען געווען פון די ערשטע אויסצוגעפינען, אַז עס איז שוין ניטאָ קיין סימן פון דעם צלם און זיי האָבן מיט זייערע שליטעלעך און גליטשערס זיך דערפילט היימישער ביים טייך.

די ערד האָט זיך גענומען שפּאַלטן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן שפּראָצונגען. פייגל זיינען אין לאַנגע שורות געקומען צופליען פון ווייטע וואַרעמע לענדער און געלאָזט הערן זייער גע־זאַנג. זיי האָבן גענומען בויען זייערע נעסטן אין די סעדער, אונטער די דעכער פון שטיבער און קאַמערן און אין שפּאַרעס פון מויערן. באָרוועסע קינדער האָבן זיך באַוויזן אויף די צוגעטריקנטע סטעזשקעס און ווי יונגע הירשלעך זיך געטראָגן אַנטקעגן דער זון. פון די שטאַלן האָט זיך געהערט אַ פאַרבענקט מוקען פון די בהמות, וואָס האָבן דורך האַלב־געעפנטע טירן אַרויסגעקוקט צום וואַרעמען דרויסן. זיי האָבן דערשמעקט דעם ריח פון קוועלנדיקן ביימער־זאַפט, פון יונגן גראָז און זיי האָבן זיך געריסן צום טאָל.

די דאָרפישע יידן האָבן מיט ברען זיך געגרייט אויף פסח. זיי האָבן אין איילעניש צענומען די זאַהאַטעס פון אַרום זייערע שטיבער און אָפּ־געראַמט די הויפן. זיי האָבן אַרויסגעפירט אין פעלד אַריין די גרויסע קופּעס גנאַי פון לעבן די שטאַלן, וואָס האָבן אין די וואַרעמע טעג גענומען שלאָגן מיט פאַרע, און זיי האָבן פאַרפאַקט די שליטנס.

אויף די הויפן האָבן ווייבער און מיידן מיט באַרוועסע פיס געקנאָטן גרויסע זאַמיסן ליים געמישט מיט פערדן־מיסט. זיי האָבן מיט מעסערס באַשאָבן דעם אויפגעבלאָזענעם קאַלך פון די שטובן־ווענט און מיט ליים פאַרגלעט די לעכער און אויסגעקלעפּט די פּריזבעס. מען האָט געלופטערט ס׳בעט־געוואַנט און פון די שטיבער אַרויסגעטראָגן אַלע מעבל־שטיק. מען האָט די טיש־און־בענק, די טאָפּטשאַנעס, די בעטן, געוואַשן, געקראַצט מיט מעסערס, געריבן מיט שטרוי און מיט זאַמד און זיי דערנאָך גע־האַלטן עטלעכע טעג אין דרויסן, אז דער פאַרבליבענער חמץ אין זיי זאָל זיך גוט אויספרירן. דערווייל האָט מען אין די עטלעכע פאַר־פּסחדיקע טעג געוואוינט אין אויסגעליידיקטע שטיבער און געשלאָפן אויף דער ערד אויף שטרוי און אויף היי.

מען האָט פון די דילן אין די שטיבער מיט גראַבאייזנס אָפּגעשאָבן די בערגלעך בלאָטע, וואָס האָבן דורכן ווינטער זיך דאָרט אָנגעקלעפּט. די דילן האָט מען דערנאָך אויסגעקלעפּט און אָפּגעדעקט מיט קלאָרן געלן זאַמד. מען האָט אויף די הויפן געלאָשן קאַלך, געבערענט ווייסע שטיין און געווייסט און געפּוצט די הייזער אויף יום־טוב. פאַרן אַריינגעמען צוריק די שטוב־זאַכן האָט מען זיי אָפּגעגאָסן מיט הייס וואַסער און מען האָט זיי געכשרט מיט צעגליטע שטיינער. די מיידן האָבן קונציק אויסגעשפּריצט די אויסגעווייסטע הרובעס מיט אַלערליי פאַרבן און געמאַכט שיינע בלומען פון קאָלירטן פּאַפּיר, מיט זיי באַצירט די פענצטער, די לאָמפּן און די ווענט.

מען האָט אויך נישט פאַרגעסן די קלויז און אויף פסח זי אויסגעפּוצט צוגלייך מיט אַלע יידישע היימען.

צוליב סענדערס אַהיימקומען האָט מען ביי די „לייבן און בערן" זיך געגרייט אויף יום־טוב מער ווי אומעטום. סענדער, וואָס האָט קיינ־מאָל ניט געוואוסט וואָס עס מיינט קאַרגן און איינהאַלטן געלט, האָט זיך ברייט געשטעלט פאַר דער משפּחה. ער איז אין די פאַר־פּסחדיקע טעג אַלעמאָל צוגעפאָרן אין שטעטל און איז פון דאָרט צוריקגעקומען אַ באַלאָ־דענער מיט מתנות פאַר יעדן איינעם פון דער פאַמיליע. ער האָט פאַר אַלע קרובים איינגעקויפט ווייך און ניס. ער האָט אויפן דאָרף געקויפט אַ יעריק פעט ביקל, וואָס מען האָט געקוילעט ביי לייבן אויף דער פאָד־ווירע, און ער האָט נישט נאָר אייגענע, נאָר אויך פרעמדע באַטיילט מיט פלייש.

— ער האָט שוין איינמאָל באַגליקט! באַשערט אונדז צו האָבן נאָך אַ נגיד אין דאָרף — האָט מען נישט אויפגעהערט שאַצן סענדערס

פאַרמעגן. ער האָט אַפילו ביסלעכווייז גענומען געבן אָנצוהערן אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו שאַצן און וואָס צו ציילן, און אַז מען ברעכט זיך אומזיסט די קעפּ, די יאַנאָוויצער יידן האָבן אָבער נישט גענומען צו־ערנסט זיינע רייד.

— וואָס זאָגט איר נישט צו דעם אַמעריקאַנער? ער וויל זיך דאָך אַריינלייגן אין אַ קליין טעפּעלע.

— נו, וואודען, ביי לייטן האָט מען מורא פאַר אַ גוט־אויג.

— וואָס אַרט אייך, הלוואי וואָלטן מיר עס געמאַכט אין אַ טערגע וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט.

— ווער ס׳פאַרגינט אים נישט זאָל אַליין נישט האָבן — האָבן די דאָרפסלייט גערעדט צווישן זיך און אים געלויבט פאַר זיין גוטסקייט און פאַר זיין האַלטן זיך לייטיש, עפּעס גאַרנישט ווי דער אַמאָליקער ווילדער יונג, וואָס איז שטענדיק איבערגעלעגן ביי די גויים און יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פאַרפירט געשלעגן.

דער ערשטער, וואָס האָט געגלויבט סענדערן, אַז ס׳איז ביי אים נישטאָ וואָס צו שאַצן, איז געווען לייב. ער האָט גוט געקענט זיין ברודער און ער האָט געוואוסט, אַז ער איז נישט דער תכלית־מענטש אויף צו קאָנען אָנזאַמלען עשירות. עס איז אים דערפאַר געגאַנגען אין לעבן, אַז סענדער זאָל חתונה האָבן מיט בונעמס טאָכטער און אַז ער זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ווי ער, צוגעבונדן ווערן צו דער ערד און צו דער היים.

— די אַלע גאַדראַניעס וועגן זיין רייכקייט זיינען ווערט אַ שיס פּולווער. כ׳זאָג דיר, אַז ער איז אַהיימגעקומען מיט ליידיקע קעשענעס. ביי אים קאָן זיך איינהאַלטן געלט פּונקט ווי ס׳קאָן זיך איינהאַלטן וואַסער אין אַ רעשעטע. ער׳ט נעמען בונעמס מויד, וועט ער עפּעס האָבן. כ׳זע אָבער, אַז ער וויל איבערציען ס׳שטריקל — האָט לייב געטענהט צו ריווען און זי אַלעמאָל דערמאָנט, אַז זי זאָל סענדערן צורעדן צום שידוך.

נאָטען האָט אויך לאַנג ניט גענומען צו דערשמעקן, אַז סענדער האָט ניט געבראַכט קיין געלט פון אַמעריקע. נאָטע האָט עטלעכע טאָג נאָכ־אַנאַנד זיך געדרייט אַרום זיין שוואָגער נאָכדעם ווי ער איז אַהיימגעקומען און צו אים געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם מסחר מיטן קנאָכן־מעל. איינמאָל, ווען סענדער איז אין אַן אָוונט מיט אים געבליבן אַליין אין שטוב, האָט ער אָבער פון דער העלער הויט אין אַ פאַרטרווילעכן שטילן טאָן אַ פרעג־געטאָן זיין אַמעריקאַנער שוואָגער צי דאַרף ער אפשר אַ הלוואה.

— האָסט געטראָפן — האָט סענדער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט.

— אַ פּופּציקער וועט דערווייל זיין גענוג? — האָט נאָטע געפרעגט.

— דערווייל וועט זיין גענוג — איז געווען סענדערס ענטפער.

— וועסט דאַרפן נאָך, איז דאָ נאָך. ביסט ביי מיר אַ גוטער בטוח.

און קיינער דאַרף אַפילו וועגן דעם נישט וויסן — איז נאָטע אין איילע־ניש, איידער רויזע קומט אָן, אַוועק צו דער שאַפע און דאָרט פון אַ ספר אַרויסגענומען עטלעכע באַנקנאָטן. ער האָט סענדערן אונטערגערוקט אַ קוויטל אונטערצושרייבן און דערנאָך אים אויסגעציילט פּופציק רייניש. סענדער האָט אַריינגעלייגט ס׳געלט אין קעשענע, קיינעם אַ וואָרט נישט געזאָגט וועגן דער הלוואה און אויפן צווייטן טאָג געפאָרן אין שטאָט אַריין איינקויפן אויף פּסח.

* * *

צום ערשטן סדר האָט דער דרויסן שוין געשמעקט מיט בליאונג. די ביימער האָבן ווי צוליב יום־טוב אין דער מילדער אויסגעשטערנטער סדר־נאַכט ווי מיטאַמאָל גענומען אויסשפּרייטן זייערע בלעטלעך.

ווען מען האָט אין די דאָרפישע יידישע שטיבער ביים פּראַווען דעם סדר אָנגעגאָסן אליהו הנביאס כוס און פאַר אים ברייט צעעפנט די טירן, האָט דער ניט־געזעענער אָנגעלייגטער אורח פון די גערטנער געבראַכט צו די יום־טובדיקע טישן דעם ערשטן ריח פון די עפּל־קנאָספּען. ווען דער וויין אין אליהו הנביאס כוסות, אָנגעפילטע ביזן אויג, האָט אַ ציטער־געטאָן, האָבן פון די דאָרפישע יידישע שטיבער גענומען אַרויסהילכן איין שפּוך חמתך נאָכן אַנדערן און די ווערטער האָבן זיך ווי אַוועקגע־טראָגן איבער באַרג און טאָל.

גוישע שכנים האָבן הינטער זייערע פּלויטן געראַכעוועט די ליולקעס און מיט קנאה אויפגעכאַפּט די פריילעכע קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די יידישע היימען.

— וויפיל וויין זיי זשליאָקן דאָס היינט אויס!

— איך האָב דורכן פענצטער פּענצטער אַריינגעקוקט צו לייבען אין שטוב אַריין און איך זאָג אייך, דער אַמעריקאַנער האָט דאָרט שוין איינמאָל געמאַכט אַ פּראַזניק. איך האָב געהערט, אַז ער האָט אַהיימגעבראַכט אַ פולע טאָרבע מיט געלט.

— איר הערט כאָטש, ווי זיי ווערן גאַרנישט מיד צו זינגען.

— ווען ס׳קומט זייער פּאַסכאַ זיינען זיי גאַרנישט צום דערקענען. זיי זיינען אַזעלכע אויסגעפּוצטע און אַזעלכע פריילעכע.

— זיי פרייען זיך וואָס מען האָט כריסטאָסן פאַרמוטשעט אויפן צלם.

— און אַז ער איז סקרעסנעט געוואָרן, אַז ער איז ווידער אויפ־געשטאַנען, גלויבן זיי נישט.

— זיי מעגן זיך דאָ פרייען, אויף דער אַנדערער זייט וואַסער, ביים צאַר באַהאַלטן זיי זיך ווי מייז אין די לעכער, ווען ס׳קומט זייער פּאַסכאַ.

— זעט נאָר ווי דער דרויסן שפּילט זיי נאָך אויך צו. עס איז דאָך אַזאַ לויטערע נאַכט. איר וועט זען, אַז צוליב זייער יום־טוב וועט שוין

די וואָך זיין וואָרעם און מירן קאָנען גיין אָקערן — האָבן די גויים אין שפּעטער נאַכט פון איבער די פּלויטן אין דער שטיל צווישן זיך גערעדט.

סענדער איז ביים סדר געזעסן לעבן זיידן ווי אַ פּאַרוויגטער אין חלום. עס איז אים עפּעס ווי שווער געווען צו גלויבן, אַז ער איז טאַקע אין דערהיים און אַז ער זיצט טאַקע ביים זיידן אין שטוב. נישט איינ־מאָל ווען ער האָט אין דער רווישיקער גרויסער וועלט זיך פאַרטראַכט וועגן זיין היים זיינען פאַר אים ווי אויפגעגאַנגען די סדרים, וואָס ער האָט געפּראַוועט ביים זיידן. אין זיין בענקשאַפט האָבן אַלעמאָל פאַר אים זיך געוויזן די יום־טובים פון זיינע קינדער־יאָרן. ניט איין נאַכט, ווען ער איז געלעגן אַ שלאָפלאָזער אויף אַן אויפשטעל־בעטל, ערגעץ אין אַ פאַרדומפּן הויז אין ניו יאָרק, האָט ער ווי דורך אַ שפּאַקטיוו, אין אויס־געוואַשענער קלאָרקייט געזען פאַר זיך זיין היים אין אַן אויסגעשטערנטער סדר־נאַכט, אָדער אין אַ ליכטיקן פּסח־טאָג ווען דער פרילינג שפּרייט מיטאַמאָל אויס זיין גרינקייט איבער באַרג און טאָל.

— כ׳בין ווידער אין דער היים. כ׳בין אין זיידנס שטוב צום סדר — האָט ער אין האַרצן צו זיך אַליין גערעדט און געקוקט אויף די פאַרביקע כוסות, וואָס ער האָט געקענט פון קינדוויַיז־אויף. ער האָט געמישט די אַלטע היימישע הגדה, באַטראַכט דאָרט דיזעלבע בילדלעך פון דעם חכם, פון דעם רשע, פון דעם תם, פון דעם שאינו יודע לשאול, פון משה רבינו, ווי ער שפּאַלט דעם ים, פון די יידן, ווי זיי גייען אַריבער דאָס וואַסער מיט אַ טרוקענעם וועג און ווי פּרעה מיט זיינע רייטווען און מיט זיינע דינער ווערן דערטרונקען. פון מאָל צו מאָל האָט ער, ווי לייב, זיך צעלאָזט אויפן קול און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די עברי פון דער הגדה קומט־אַרויס פון זיין מויל אַ סך לייכטער ווי מיט יאָרן צוריק. ערשט שפּעט אין דער נאַכט, ווען ריווע מיט דער באָבען האָבן גענומען אָפּראַמען פון טיש, האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך אַרויסגעשאַרט אין דרויסן.

סענדער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן שטילן הויף און אַריבער־געקוקט צו די היי־פעלדער און צו די בערג אַרום. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אַלטן באַרן־בוים, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער שטוב, מיט אַ האַנט אָנגערירט דעם שטאַם און אַרויפגעקוקט צו די געדיכטע צווייגן. ערגעץ פון שפּיץ בוים האָט ווי אין שלאָף זיך שטיל געלאָזט הערן אַ פּאָרל פייגל, וואָס האָט דאָרטן שוין געהאַט אויסגעבעט זייער נעסט. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום גאָרטן, וואָס איז נאָך נישט געווען צעגראָבן און וואו עס זיינען געוואַקסן ווילדע כריין־בלעטער ווי מיט יאָרן צוריק. מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט ווי דער זיידע פלעגט אים און זיינע ברידער, ווען זיי זיינען נאָך געווען קליינע ייִנגלעך, געבן צו עטלעכע גרייצער, אַז זיי זאָלן אויסגראָבן דעם כריין מיט די וואָרצלען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי יוסף פלעגט זיך צודינגען עטלעכע שקצימלעך און

ער פלעגט אזוי ארום ביים גראבן דעם כריין פארדינען מער פון זיי אלעמען.

— ס'האט זיך דא גארנישט געביטן — האט ער פאר זיך אין דער שטיל געמורמלט און זיך אריינגעשארט אין שטאל. מיט הנאה האט ער דארט אין זיך אריינגעצויגן דעם ווארעמען שטאל־ריח, געגלעט די בהמות און צוגערירט זיין פנים צו דעם גלאטן האלדז פון לייבס בולאנע־פערד. ס'האט אים מיטאמאל אנגעגומען א חשק זיך ארויפצוכאפן אויפן פערד און ארויסרייטן זען זיין ירושה־פעלד. ער האט זיך אבער באלד געכאפט, אז ס'איז יום־טוב און אז ער איז מער נישט דער ווילדער יונג פון אמאל, וואס פלעגט יום־טוב און שבת זיך דורכרייטן ווען קיינער האט נישט געזען.

סענדער איז דערנאך געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון דער שטאל, מיטן אויג ארומגענומען ס'גאנצע באלעבאטישקייט, וואס איז איצט געווען לייבס, און דערפילט ווארעמע טרערן אין די אויגן. פארוואס איז ער נישט ווי זיין ברודער? פארוואס זאל ער נאך איצט זיך נישט באזעצן אין דער היים אויף זיין ערד? עטלעכע שטיקלעך פעלד זיינען אים גע־בליבן ירושה, דערצו וועט ער נעמען עטלעכע מארג נדן, און א סוף.

מיטאמאל האט ער זיך אבער דערמאנט אן דער „טיראלער" מויד און ער האט מיט גיכע טריט זיך געלאזט צום טויער. עס האט אים אנ־געגומען א חשק צוצוגיין צו איר שטוב. דער זיידע האט זיך אבער בא־וויזן אויף דער שוועל און אים גערופן, אז ער זאל שוין גיין שלאפן.

קאפיטל עלף

חול־המועד

פסח זיינען צום אלטן בער זיך אנגעפארן א סך קרובים פון דערפער און שטעטלעך. מען איז געקומען זיך זען מיט משפחה און דער עיקר מיט סענדערן. דער קלאנג, אז סענדער האט אהיימגעבראכט א מאיאנטעק מיט געלט פונעם גאלדענעם לאנד, איז געגאנגען פון דארף צו דארף און פון שטאט צו שטאט, און מען האט זיך א לאז־געטאן צו דעם נייעם יאנאוויצער גביר. די רייכערע חול־המועד־ניקעס האבן מיט זיך געבראכט זייערע דערוואקסענע טעכטער, מיטן געדאנק, אז אפשר וועלן זיי געפעלן ווערן סענדערן. די ארעמערע, ווידער, זיינען געקומען צום אמעריקאנער קרוב אז ער זאל זיך לאזן קענען צו זיי.

א שוועסטער־קינד, פון דער מאמעס צד, אן ארעמע אלמנה, האט די ערשטע באלד ביים אריינקומען אין שטוב זיך גוט אויסגעוויינט און דער־ציילט, אז די יקו, איר איינציקע שפייזערין, איז פאר פסח אוועקגעפאלן. א קרובה, א קרופניטשקע, פון א וויטן דארף, האט זיך באקלאגט, אז זי

האָט נישט די עטלעכע רייכיש אויף אַנצודינגען אירע פינף יינגלעך אין חדר אַריין. עס האָבן זיך אויסגערעדט זייערע הערצער נאָך אַנדערע אַרעמעלייט, וואָס האָבן שוין געהאַט אַן אויסגעטראָטענעם וועג צום אַלטן בער אין שטוב אַריין.

אין די חול־המועד טעג האָבן זיך אויך זיאַוועט פרעמדע יידן, וואָס האָבן געקליבן נדבות פאַר עגונות און נדן פאַר אָרעמע יתומות. עס זיינען אויך געקומען סוחרים און מעקלערס רעדן מיט סענדערן וועגן געשעפט.

סענדער, וואָס האָט ביי נאָטען שוין געהאַט געכאַפּט אַ פרישע הלוואה, האָט גלייך מיטן זיידן און מיט לייבן אַלעמען אויסגעהערט. די סוחרים און די מעקלערס, וואָס האָבן געהאַט אים פאַרצושלאָגן פאַרשיידענע געשעפטן, האָט ער גיך אָפּגעפּטרט מיט זיין אַמעריקאַנער „נעווער־מאַי" און די פרעמדע יידן האָט ער געגעבן שיינע נדבות. עטלעכע קרובים האָט ער געגעבן אַנצוהערן, אַז אין אַמעריקע האָט זיך נישט געוואַלגערט קיין גאָלד פאַר זיינע פיס און אַז ער האָט דאָרט נישט באַגליקט. זיי האָבן אָבער די רייד אויפגענומען מיט אַ שמייכל, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען נישט מער ווי אַ שפּאַס. סענדער האָט אָבער סיי־ווי די אָרעמע נישט אַוועקגעלאָזט מיט ליידיקע הענט און זיי געגעבן צו עטלעכע רייניש, אַזוי אַז קיינער זאָל נישט זען.

ווען איינער פון די קרובים, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך צוויי אייבערגעוואַקסענע כלה־מיידן, האָט אָנגעהויבן רעדן מיט סענדערן וועגן דעם, אַז ס'איז צייט פאַר אים חתונה צו האָבן, האָט דער אַלטער בער זיך אַריינגעמישט. ער האָט שוין געהאַט אָפּגעקליבן פאַר סענדערן טעמע בונעמס און ער האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים רעדן אַנדערע שידוכים.

— מ'גיט אים צען מאַרג נדן און מ'וועט אים נאָך בויען אַ שטוב אויך. מירן מיטן אויבערשטנס הילף נאָך דעם זומער אים חתונה מאַכן — האָט דער זיידע זיך ווי באַרימט און געקוקט זיין אַמעריקאַנער אייניקל גלייך אין די אויגן אַריין. סענדער האָט אַלץ אויסגעהערט און געשוויגן.

* * *

דעם ערשטן טאָג נאָך פסח ווען לייב איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און גענומען זיך קלייבן אין פעלד אַריין, האָט אויך סענדער זיך אויפגעהויבן פון געלעגער. ער האָט זיך אָנגעטאָן לייבס אַן אַלט וואַטאָווע רעקל, אַ פאָר שטיוול און ער איז אַרויס אין דרויסן אָנזאָגן זיין ברודער, אַז ער פאָרט מיט אים אין פעלד אַריין.

— גוט אַזוי. מירן בידע אַקערן, ווי מיט יאָרן צוריק — איז לייב אַ דערפרייטער געבליבן שטיין פאַר זיין אַמעריקאַנער ברודער, וואָס האָט אין דעם אַלטן ראָק און אין די שטיוול, אין זיינע אויגן אויסגעזען, ווי אַמאָל, נאָך איידער ער איז אַוועק צום מיליטער.

— כ׳וויל זען צי קאָן איך נאָך אָפּשניידן מיטן אַקער אַ גלייכע סקיבע ערד — האָט סענדער באַטראַכט זיינע אויסגעאיידעלטע גרויסע הענט.

— דו קאָנסט, דו קאָנסט, זאָלסט נאָר אַזוי וועלן. אויב פּאַרסט שוין יאָ מיט מיר, וועלן מיר הײנט צעאַקערן דיין מאָרג, וואָס ליגט איבער דער מעזשע פון מיין פעלד — האָט לייב זיך גענומען צוויילן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז סענדער זאָל נאָך נישט חרטה האָבן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין פעלד אַריין האָט די זוניקע וואַרעמ־קייט פון דעם לויטערן פרימאָרגן זיי ביידן באַלעבט. סענדער האָט מיט חשק זיך געכאַפּט צום אַקער און לייב האָט אַ מונטערער געגעדט צו די פערד:

— היידאַ, קינדער! רירט זיך! — ער האָט געפּאַכעט אין דער לופטן מיט דער בייטש און אַלעמאָל געקוקט הינטער זיך ווי סענדער שניידט מיטן אַקער שוואַרצע גלאַנצענדיקע פּאַסן ערד, גלייכע ווי מיט אַ ווירע געמאָסטן — היידאַ קינדער, היידאַ! — האָט לייב אַלץ העכער זיך געלאָזט הערן.

סענדער איז אַ שווייגענדיקער געגאַנגען הינטערן אַקער. ער האָט אויף די רחבותדיקע פעלדער זיך דערפילט היימיש און ער האָט ווי פאַר־געסן אָן די אַלע יאָרן, וואָס ער איז געווען ביים מיליטער און אין אַמע־ריקע. עס איז אים יענעם אין דער פרי פאָרגעקומען, אַז ער איז גאָר קיינמאָל נישט אַוועקגעפאָרן פון דער היים. ער האָט געשפּאַנט אויף דער פריש אויפגעאַקערטער סטעזשקע אַ פאַרזונקענער אין טראַכטונגען און אַפילו נישט געפילט די טראָפּנס שוויס אויף זיין צעוואַרעמטן שטערן.

— זעסט כאָטש ווי פעט און ווי ריין די ערד איז דאָ. איך האָב דיין פעלד געהאַלטן אין איין רייניקן פון דעם ווילדן פּירעי און איך האָב עס נאָך מער געמיסטיקט ווי מיין אייגנס. כ׳רעכן דאָס יאָר דאָ צו זייען גערשטן. וואָס זאָגסטו? — האָט לייב ווי געוועקט זיין ברודער.

לייב האָט געלאָזט די פערד גיין אַליין און ער האָט געשפּאַנט לעבן סענדערן.

— אָט דאָרט האָט בונעם אַ שטיק פעלד פון גאַנצע ניין מאָרג. מ׳זאָגט אַז ער איז דער רייכסטער ייד אין די אַלע אַרומיקע דערפער — האָט לייב מיט אַ האַנט אָנגעוויזן אין דער לינקער זייט און גענומען רעדן צו סענדערן, אַז עס איז שוין צייט, אַז ער זאָל זיך באַזעצן אין דאָרף און ווערן אַ באַלעבאָס מיט לייטן צוגלייך. ער האָט דערמאָנט אַ פּאָר יונגעלייט, וואָס האָבן אין יענעם יאָר חתונה געהאַט, גענומען צו עטלעכע מאָרג פעלד נדן און זיך באַזעצט אין יאַנאָוויץ און אויף דער טאַטאַרשטשינע.

— מ׳עט זען — האָט סענדער ווי אָפּגעריסן די ווערטער פון זיין מויל.

אויפדערנאַכט נאָכן טאָג אַרבעט איז סענדער אָן איבערוועלטיקטער פון מידקייט אַוועקגעפאַלן אויף זיין געלעגער. ס׳האָבן זיך אים אַ גאַנצע

נאַכט געהאַלטן אין איין פּלאָנטערן חלומות, אַז ער איז אין ניו־יאָרק, אַז ער זיצט אַן איבערגעבויגענער איבער אַ מאַשין און שטעפּט לאַנגע גראָבע נאָטן אויף שוואַרצן געוואַנט. אויפן צווייטן טאָג איז ער שוין אין פעלד אַריין נישט געפאָרן. ווען לייב האָט אים פאַרטאָג אויפגעוועקט און אים אַרויסגעריסן פון חלום, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן און אים אָנגעקוקט מיט פאַרשלאָפענע אויגן ווי עפּעס אַ פרעמדן.

— די צייט שטייט נישט — האָט אים לייב פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק געטאַרעט און אים דערמאָנט, אַז מ׳דאַרף אַרויספאָרן פאַרזייען דעם גערשטן.

— פאַר אַן מיר — האָט ער אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און זיך צוריק אויסגעצויגן אויפן געלעגער. סענדער איז יענעם טאָג געשלאָפן ביז וואַרעמעס און ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער זיך צוריק אויס־געפּוצט אין זיינע אַמעריקאַנער בגדים. ער האָט אָן אַפּעטיט געגעסן דעם פרישטיק, וואָס ריווע האָט אים דערלאַנגט צום טיש. ער האָט זיך דורכגעדרייט אויפן הויף און עפּעס נישט געוואוסט וואו ער זאָל זיך אַהינטאָן. באַלד האָט אָבער באָטע, וואָס איז געפאָרן אין שטאָט אַריין איינקויפן סחורה, זיך אָפּגעשטעלט מיטן פערד־און־וועגעלע פאַרן טויער און אים מיטגענומען מיט זיך.

— כ׳בין דאָך נעכטן אַרויסגעפאָרן מיט לייבן אין פעלד אַריין — האָט ער אויפן וועג זיך גענומען אויסרעדן פאַר נאָטען.

— כ׳האָב געהערט. האָסט זיך פאַרבענקט נאָך עטלעכע מאַזאָליעס — האָט נאָטע אַרויסגעלאָזט אַ דריבנע געלעכטערל.

— כ׳ווייס נישט וואָס ס׳איז מיט מיר. כ׳האָב זיך געריסן אַהיימ־צוקומען. כ׳האָב גערעכנט, אַז כ׳וועל ווי לייב זיך נעמען צום פעלד און שוין בלייבן דאָ.

— גיי, שוין, גיי, סאיז נישט פאַר דיר צו אַקערן די ערד. וואָלסט דיך בעסער באַדאַרפט נעמען צו מסחר און זיך אפשר באַזעצן אין שטאָט.

— ס׳האָט מיך טאָג און נאַכט געצויגן צוריק צום דאָרף, צום זיידנס שטוב. היינט בין איך אָבער אויפגעשטאַנען איינגאַנצן אַ צערודערטער. כ׳האָב שוין געוואָלט נעמען ס׳רענצל און פאָרן צוריק קיין אַמעריקע. וואָס וועל איך זיך דאָ אַרומדרייען? נישט אַנדערש, נאָר עמעצער האָט מיך קליינערהייט פאַרשאָלטן.

— ס׳איז גאָרנישט. ביסט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט — האָט נאָטע געלאַכט סענדערן אין פּנים אַריין — כ׳בין אויך אַזוי ווי דו. כ׳האָב שוין ברוך־השם דאָ ביי וואָס זיך צו האַלטן, אָבער כ׳זיץ אין דאָרף ווי אויף דערוויל. ווען כ׳לייג זיך ביינאַכט אַוועק אויפן געלעגער פאַר איך אויס וועלטן.

— אין דער פרעמד האָב איך אַלעמאָל מקנא געווען מיין ברודער לייב.

— לייב איז פון די נאסיניע־קערנדלעך, וואס גראבן זיך איין אין דער ערד דארטן וואו זיי פאלן. איך און דו זיינען פון די קערנדלעך, וואס לאזן זיך טראגן פון ווינט פון איין ארט אויפן צווייטן.

— דער זיידע זאגט, אז דאס איז א קללה — האט סענדער גע־מורמלט.

— אזוי לאנג ווי יידן זיינען אין גלות צווישן גויים, וואס האבן זיי פיינט, איז דער אומרו אין אונדזערעביינער נישט קיין קללה. ווען די יידן וואלטן זיך נישט געווען אויסגעשפרייט איבער אלע ווינקעלעך וואלט שוין לאנג פון אונדז קיין שריד ופליט נישט געווען — האט נאטע אריינ־גערעדט אין סענדערן. ער האט אים דערנאך געגעבן אנצוהערן, אז ער דארף פארקויפן זיין ירושה־פעלד און זיך נעמען צו מסחר.

— מע׳ט זען — האט סענדער ביים ארײנפארן אין שטאט געטריבן פון זיך דעם תכלית. ער האט דארט אפגעגעסן א גוטן מיטאג, פארטרונ־קען מיט א גלעזל ווײן און מיטן רויך פון א שמעקעדיקן קובא־ציגאר ווי אוועקגעבלאזן זיין שלעכטע שטימונג. ווען ער איז פארנאכט אהיימ־געקומען, האט ער זיך דורכגעדרייט איבערן דארף, אריינגעגאנגען צו נאטען טרינקען טיי, געשפילט מיט אים אין דאמינא און דערנאך אויפן וועג אהיים זיך אריינגעכאפט צו מינדל דעם שאפערס.

* * *

די טעג און די וואכן זיינען זיך געגאנגען און סענדער האט זיך ארומגעדרייט שלינג און שלאנג. ער האט געהאלטן אין איין פארן אין שטאט אריין, וואו ער האט אויך פון צייט צו צייט איבערגענעכטיקט, ער איז איבערגעלעגן ביי נאטען און ער איז געווארן אן אפטער אריינגייער צום שאפער אין שטוב אריין. בונעם מיטן בויך האט נאך פסח א פאר מאל באפוילן צום אלטן בער, אז ער וויל זיך מיט אים משדך זיין, אבער מען האט קיינמאל נישט געוואוסט ווי מען האלט מיט סענדערן.

— לאז אים אפ. מירן נאך פון אים האבן בזיונות — האט לייב אויף פיר אויגן גערעדט צום זיידן. לייב האט זיך שוין געהאט דערוואוסט, אז נאטע האלט אין איין לייען געלט סענדערן און ס׳האט אין אים געברענט א כעס אויף זיין שוואגער און אויך אויף זיין ברודער, וואס דרייט זיך ארום פוסט־און־פאס און צעשאסטעט דאס געלט. אויך ריווע איז שוין מיד געווארן צו רעדן מיט סענדערן וועגן דעם שידוך מיט בונעמס טאכטער. זי האט נישט געקאנט פארליידן, וואס ער קריכט צו דער „טיאלער״ מויד און חברט זיך כלומרשט מיט איר חתן און ס׳האט זי געגעסן דער פאר־דרוס פארוואס די שטאטישע ראסעלעך מיט די זעמל שמעקן אים בע־סער ווי אירע עססנס.

אין א שיינעם טאג איז סענדער געקומען פון שטאט אן אויסגע־פוצטער אין א נייעם אנצוג מיט א פלושענעם וועסטל, אזא ווי נאטעס,

און געלאָזט וויסן דעם ייִדן מיט ליבן, אַז ער האָט פאַרקויפט זיין ירושה־פעלד.

— וואָס הייסט? האָסט געכאַפּט און פאַרקויפט און קיינעם נישט געפרעגט? ס'איז דען עפּעס אַ גנבה, צי וואָס? — איז דער ייִדע גע־וואָרן בייז.

— ס'איז נישטאָ וואָס צו פרעגן. פאַרקויפט און דעטסאַל! — האָט סענדער אומבאַהאָלפן געשמייכלט.

— כ'פאַרשטיי נישט. האָסט כאָטש געמעגט זאָגן, אַז דו ווילסט פאַרקויפן, אַז ס'איז דאָ אַ קונה, אַז ער גיט אַזויפיל און אַזויפיל!

— ס'פעלד איז נישט פאַרפרעמדט געוואָרן.

— ס'איז נישטאָ וואָס צו פאַרשטיין. אונדזער פּאַניע האָט אים פאַר־דרייט דעם קאָפּ און פאַר אַ שיבוש ביי אים צוגענומען די ירושה. ער האָט זיך פאַרלייגט אונדז אַלעמען צו ירשענען — האָט ליב זיך באַלד געכאַפּט, אַז באַטע האָט אָפּגעקויפט סענדערס עטלעכע מאָרג פעלד.

— מיינסט מיר צו זאָגן, אַז נאָטע איז דער קונה? נו, אַבי ס'איז כאָטש אין אייגענע הענט — האָט דער ייִדע זיך אויסגעגלעט ס'בערדל און געוואָרן דרואיקער.

— ער האָט נאָך קיין אַמעריקע אים געשריבן, אַז ער זאָל אים אָפּ־טרעטן די ירושה — איז ליבן ס'גאַנצע בלוט געקומען אין פּנים אַריין — ס'האָט זיך טאָקע געלוינט צוליב דעם אַהיימצוקומען.

— ווילסט, אַז כ'זאָל צוריקפאָרן, וועל איך צוריקפאָרן — האָט סענ־דער זיך גערעדט געלאָזן.

— וואָס פאַר אַ צוריקפאָרן? כ'וויל דאָס מער נישט הערן, דו הערסט וואָס כ'זאָג? — האָט דער אַלטער בער זיך אויסגעגלייכט — האָסט טאָקע נישט געווען באַדאַרפט פאַרקויפן ס'פעלד. די ערד האָט ביי דיר נישט געבעטן קיין עסן. נו, פאַרפאַלן. כ'מיין אָבער אַז דו האָסט דיך שוין גענוג אויסגעאָסציעט. שוין צייט אַז דו זאָלסט אַ קלער־טאָן וועגן תכלית. פון אַרומגיין ליידיק קומט קיין גוטס נישט אַרויס. און אויף ווען וואַרטסטו מיטן חתונה האָבן? איך אין דיינע יאָרן האָב דאָך שוין געהאַט גרויסע קינדער — האָט דער ייִדע אים נישט אויפגעהערט צו זאָגן מוסר.

— מ'עט זען — האָט סענדער אויף זיין שטייגער גענומען רעדן גלאַט אין דער וועלט אַריין. ער האָט איבערגעקייט נאָטעס רייד, אַז ער וועט אפשר נאָך שניט אָנהייבן האַנדלען מיט תבואה.

— פאַרגעס נאָר נישט צוצונעמען אונדזער שוואָגער פאַר אַ שותף — האָבן סענדערס רייד ליבן נאָך מער אַנגעצונדן. ער האָט ערשט געוואָלט זיך צעלאָזן, אָבער ריווע, וואָס איז כלומרשט געווען פאַרטאָן ביי דער קיך, האָט אים אָנגעכאַפּט ביי אַן אָרבל און אים אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן, אַז ער זאָל פאַר איר אָנהאָקן אַביסל האָלץ.

— זאָל ער האַנדלען, זאָל ער טאָן וואָס ער וויל — האָט ריווע מיט

גוטע רייד איינגענומען איר מאַן און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך נישט מישן און נישט אָנהייבן קיין רוגז אין דער משפּחה.

— ער׳ט האַנדלען? ער׳ט פאַרן אין שטאָט אַריין עסן געבראָ־טענע גענדזלעך מיט פּופּעקעס און קויפן פייגן ביי דער „טיראָלער״ מויד! — האָט לייב אַריינגעברומט אין זיין גערדיכטער שוואַרצער באָרד.

סענדער איז ווי פריער אויף טעג און נעכט פאַרפאַלן געוואָרן אין שטעטל און מען האָט אָנגעהויבן רעדן, אַז ער האָט זיך דאָרט פאַרדרייט מיט אַ ווייבל, וואָס איר מאַן איז געווען אין אַמעריקע. ער האָט דאָס געלט אַרומגעטראָגן אין דער הוילער קעשענע, עפּעס ווי ער וואָלט דער־פון וואָס גיכער וועלן פּטור ווערן, און ער האָט זיך געלאָזט וואוילגיין. לייב האָט דערפון געהאַט גרויס האַרצווייטיק. ער האָט אָבער געפּאָלגט ריווען און זיך מער נישט אַריינגעמישט. דער זיידע האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו מוסרן סענדערן. אויך האָט זיין ברודער פּסח מיט אים גענומען טענהן וועגן תכלית. פּסח האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן צו רעדן מיט זייער ברודער יוסף, אַז ער זאָל סענדערן אַריינגעמען אין זיין די־נערשאַפט.

— ביסט שוין גענוג אַרומגעגאַנגען ליידיק. פאָלג מיך, מירן ביידע צופאָרן צו יוסיפן. ער וועט זיין צופרידן צו האָבן ביי זיך אַן אייגענעם מענטשן. און אויב דו וועסט דיך נאָר אויסטויגן וועסטו נאָך ביי אים זיין זשאַנדצי — איז דער שטילער און גוטמוטיקער פּסח אַזוי לאַנג נאָכ־געגאַנגען סענדערן, ביז ער האָט ביי אים געפּועלט, אַז ער זאָל מיט אים אַריינפאָרן צו יוסיפן.

* * *

סענדער מיט פּסחן זיינען קעגן נאַכט־צו, מיט דעם ברייטן וועג, צווישן צוויי שורות הויכע סאָסנע־ביימער, צוגעפאָרן צום גרויסן טויער פון יוספס הויף, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ הויכער מויער. אויף דער אַנדערער זייט טויער האָט דער וועג צום פּריצישן הויז זיך געשניטן דורך אַ סאָד, וואו עס זיינען געוואַקסן אַלערליי אויבסט־ביימער. ס׳איז געווען אַ פּאָר וואָכן פאַר שניט. די צווייגן פון די ביימער האָבן שוין אָבער, באַלאָדענע מיט גרויסע עפּל און באַרן, זיך געבויגן צו דער ערד און זיי זיינען געווען אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגלעך, אַז זיי זאָלן זיך נישט ברעכן פון דער שווערער משא. פון סאָד האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פון אַלערליי פייגל, נאָר ווי פון אַ וואַלד. ווען זיי זיינען אַרויס־געפאָרן פון צווישן די אויבסט־ביימער האָבן זיי פאַר זיך דערזען דעם רחבותדיקן הויף מיט די גרויסע שטאַלן, סטאַדאָלעס, קאַמערס, שורעס און קאַשניצעס האַלב־אָנגעפילטע מיט קוקורודזעס. אַ נייע דרעש־מאַשין האָט אַרויסגעשטאַרטשעט מיט אַ הויכער רויט־געפאַרבטער לייטער פון צווישן סטערטעס שטרוי און בערג פּאָלאָווע. עס האָבן דאָרטן צווישן

אַקערס, באַרינעס, רעדער און אַקסן פון וועגענער זיך אַרומגעדרייט איבער־דיקעס און קאַטשקעס מיט אָנגעפּאַקטע גרויסע וואַליעס.

אין דער זייט איז געשטאַנען יוספס פריציש הויז מיט לאַנגע פענצטער, מיט שיינע אויסגעאַרבעטע געזימסן און מיט טורעמלעך אין אַלע פיר ווינקלען פון דעם בלעכענעם דאַך. פאַרן הויז זיינען אויף קיילעכדיקע און דריי־שפּיציקע בייטן געוואַקסן אַלערליי בלומען. צעבליטע רויזן האָבן דאָרטן ווי לעבעדיקע באַשעפעניש זיך געדראַפּעט אויף אַן אַלטאַנקע, וואָס איז געווען איינגעדעקט אין גרינס. פאַר די שטיינערנע טרעפ פון הויז האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע גאָלד־גרינע טויבן און זיך געלאָזט הערן מיט זייער גוגערן און וואָרקען.

סענדער איז עפּעס ווי אַן חשק אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן און גלייך מיט זיין ברודער פסח זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. נאָך איידער ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויז האָט ער שוין חרטה באַקומען אויפן גאַנצן עסק.

— וואָס זאָגסטו נישט צו יוספס רייכקייט? ס'גייט אים קיין עין־הרע דורך טיר און דורך טויער. סאיז נישט צום גלויבן, אַז ער האָט זיך אַזוי דערראַביעט. אַן זיין שאַדן אויף אונדז אַלעמען געזאָגט געוואָרן — האָט פסח פון זיך אָפּגעפּראַשעט דעם שטויב און מיט געזעצטע טריט געגאַנגען צום הויז.

— ער האָט קליינערהייט זיך איינגערעדט, אַז ער'ט זיין אַ פּריץ און ער האָט זיינס אויסגעפירט — איז סענדער אַ ברומענדיקער אים נאָכגעגאַנגען פון הינטן. מיטאַמאָל האָט ער זיך ווי דערמאָנט, אַז ער איז שוין אויסגעווען אַ וועלט און אַז ער האָט שוין געזען שענערע פּאַלאַצן ווי יוספס. ער איז באַלד פסחן פאַרלאָפן דעם וועג, גיך צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַ שטאַרקן צי געטאָן די שנור פון גלאָק. אַ פאַרפלאָמטע גויאישע דינסט האָט זיך באַלד באַוויזן אויף דער טיר און גענומען שרייען, אַז מען האָט איר שיר נישט אָפּגעריסן דעם גלאָק.

— די שויבן קאָנען דאָך אַרויספאַלן פון אַזאַ קלינגען. איך האָב שוין געמיינט, אַז ס'ברענט ערגעץ. וואָס דאַרפט איר?

סענדער איז פון דעם אומגעריכטן ברוך־הבא געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און פסח האָט דער ברוגזער שיקסע געלאָזט וויסן, אַז זיי דאַרפן זען דעם פּריץ.

— ווער איז עס דאָרטן? מ'האַלט נאָר אין איין אָנטראָגן בלאָטע אין די פּאָקאָיעס. דער פּאַן האָט איצט נישט קיין צייט — האָט זיך ערגעץ פון אינעווייניק געלאָזט הערן יוספס ווייב.

— מיר זיינען געקומען זען דעם פּאַן. מיר זיינען זיינע ברידער — האָט סענדער ווי אָנגעשריגן אויף דער שיקסע, זי אָפּגעשטופּט אין אַ זייט און אַריבערגעטראָטן די שוועל. פסח איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען אַריין אין קיך, וואו עס זיינען געשטאַנען נאָענט צו דער טיר אַ פּאָר גויים און אויך איינער פון די יידישע הויף־דינער, אַלע מיט די קאַפּעליושן

אין די הענט. פסח האָט אויך אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, זיך אָנגע־טאָן די יאַרמולקע און געבליבן שטיין אין דער זייט. סענדער האָט מיט אַ האַנט זיך צוגערירט צו זיין אַמעריקאַנער שטייפן הוט. ווען ער האָט אָבער דערזען מיט וואָס פאַר אַ הכנעה פּסח האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי זיין רייכן ברודער אין שטוב, האָט ער אָנשטאָט אויסצוטאָן דעם קאַ־פּעליוש, ווי אויף צו־להכעיס אים מיט כעס נאָך מער אַראָפּגערוקט אי־בערן שטערן.

— זעטס נאָר ווער ס׳איז דאָ! — איז יוסף צו זיי באַלד אַרויסגע־קומען אין אַ טונקל־גרינעם שלאָפראָק מיט גלאַנצענדיקע לאַצן און אין אַ זיידענער יאַרמולקע. ער האָט ס׳ערשטע געפרעגט וואָס די באָבע מיטן זיידן מאַכן און אַריינגעפירט די ברידער אין זיין פּאָקאָי. פּסח מיט סענדערן האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און ער האָט זיי מכבד געווען מיט ציגאַרלעך פון טערקישן טאַבאַק, וואָס ער האָט אַליין געשטאָפּט מיט אַ מאַשינדל.

— ס׳איז נאָך גוט וואָס איר האָט מיך געטראָפן אין דער היים. וואָס ווייסט איר וואָס כ׳טראָג אויף מיין קאָפּ! — האָט ער זיך פאַר זיי גע־נומען קלאָגן, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען און אַז ער האָט אַפילו נישט קיין צייט צוצופאָרן זען די באָבען מיט דעם זיידן. יוסף האָט זיי דער־ציילט, אַז „זיין" גראַף קאָן אָן אים קיין איין טאָג נישט אויסקומען; אַז ער האָט אים איצט אַריינגעדרייט אין אַ מסחר מיט וואַלד און אַז ער מוז צו אים אַלעמאָל צופאָרן.

— מ׳דאַרף אומעטום זיין אַליין, כאָטש נעם און צעררייס זיך. און דאָ הייבט זיך שוין באַלד אָן זשניווא און מ׳דאַרף זיך ווייזן אין פעלד אויך. אויף דער דינגערשאַפט קאָן מען זיך ווייניק־וואָס פאַרלאָזן. כ׳האָב אַריינבאַקומען אַ יידישן עקאָנאָם, איז ער אַ באַטיאַר, אַ שיקסעניק און דערצו איז ער נאָך מיט אַלע פאַראָבקעס פּאַני־בראַט אַזוי, אַז זיי קריכן אים אויפן קאָפּ. מיין דאַרציע האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז כ׳זאָל בעסער צונעמען אַ פּאָליאַק.

— וואָס דו דאַרפסט, איז אַן אייגענעם מענטשן. אייגן בלוט איז נישט קיין וואַסער. אַן אייגענער וואָלט דיר געווען געטריי — האָט פּסח פאַרוואָרפן עטלעכע ווערטער און געוואָלט יוספן לאָזן ווייסן צוליב וואָס זיי זיינען געקומען.

— מיין דאַרציע האַלט אָבער פון דעם כּלל, אַז מ׳דאַרף האַלטן נאָר פרעמדע אין דער דינגערשאַפט. כ׳האָב געוואָלט צונעמען איר אייגענער שוועסטערס מאַן פאַר אַ האָמענע, האָט זי נישט געלאָזט. נישט אַלעמאָל הער איך זי אָבער — האָט יוסף פון דער זייט אַריבערגעקוקט צו סענדערן. ער האָט שוין געוואוסט וואָס פּסח האָט אים צו זאָגן, ווייל דער זיידע האָט שוין פריער צו אים געהאַט באַפוילן, אַז ער זאָל אַריינגעמען סענדערן צו זיך אין הויף אַריין. יוסף האָט שוין אויך געהאַט געהערט, אַז סענדער האָט נישט אַהיימגעבראַכט קיין געלט פון דעם גאָלדענעם לאַנד; אַז

ער האָט נאָטען פאַרקויפט זיינע עטלעכע שטיקלעך פעלד און אַז ער האָט שוין באַלד פאַרטראַסקעט די גאַנצע ירושה. כאָטש יוסף איז געווען אויפגעבראַכט אויף סענדערן פאַרוואָס ער איז פון אַזאַ רייכער און גרויסער וועלט צוריקגעקומען אַ קבצן און פאַרוואָס ער קאָן נישט איינהאַלטן קיין ריינינע אין קעשענע, איז ער אָבער דעם זיידן צוליב געווען גרייט אים אריינצונעמען אין זיין דינערשאַפט.

— ווי זאָגט מיין דאַרציע: אין האַנדלשאַפט איז נישטאָ קיין ברודערשאַפט — האָט יוסף געגעבן סענדערן אָנצוהערן אַז זיינע אויפזעער שטייען אויף מיטן טאָג גלייך און גייען אַהיים ווען עס איז שוין גוט פינצטער.

— נו, אַזוי איז עס — האָט פסח אַ צופרידענער, וואָס יוסף לאָזט זיך רעדן, אויף אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

סענדערן איז אָבער פון די רייד אַזוי וואַרעם געוואָרן, אַז ער האָט אַזש אויסגעטאָן דעם קאַפּעליוש און מיט אַ טיכל זיך גענומען ווישן דעם שוויים פון שטערן. ער איז געווען קאַרג אויף רייד און דאָס זיצן ביי זיין רייכן ברודער אין הויז איז אים פאַר געווען ווי אַן אַפּקומעניש.

— געדענקסט כאָטש ווי דו פלעגסט קליינערהייט ווי אַ קאַץ אַרויפשפּרינגען אויף אַ לויפנדיק פערד? — האָט יוסף אים געפרעגט.

— כ׳געדענק — איז ער אויף אַ רגע באַלעבט געוואָרן פון דער דערמאָנונג.

— כ׳בין זיכער, אַז דו האָסט נאָך נישט פאַרגעסן ווי צו רייטן. אַן עקאָנאָם קומט אַמאָל אויס אַ גאַנצן טאָג צו זיצן אין זאָטל.

— אַזאַ תורה פאַרגעסט מען נישט — האָט פסח ווי געענטפערט פאַר סענדערן.

— נאָטע רעדט מיך צו, אַז איך זאָל מיך נעמען האַנדלען מיט תבואה — האָט סענדער ווי מיט אַ האַלב מויל עפּעס אָנגעהויבן זאָגן. דאַרציע, יוספס וויב, איז אָבער אַריינגעקומען און אים איבערגעשלאָגן אין מיטן.

— דאַרציע, זע נאָר וועה ס׳איז דאָ. מ׳דאַרף עפּעס דערלאַנגען צום טיש — איז יוספס טאָן געווען אי גוטמוטיק, אי באַפעלעריש — מיין פריצע קאָן זיך אַמאָל אין מיטן וואָך פאַרגלוסטן הייסן דער קעכין מאַכן אַ קוגל.

— נישט היינט — האָט יוספס וויב ווי געצוואונגען געשמייכלט. זי איז געבליבן שטיין אַ הויכע, אַ שטייפע. איר שטערן איז געווען אַרומגענומען מיט אַ צונויפגעלייגט וויים טיכל ווי מיט אַ רייפל. איבערן טיכל האָט הויך געטורעמט איר טונקל־בלאָנדער פּאַמפּאַדור, וואָס איז געווען אַרומגעלייגט מיט האַלב־רונדע קעמעלעך. ס׳טיכל איז אַפּנים געווען פריש איינגעווייקט אין עסיג, ווייל זי האָט מיט זיך געבראַכט אַ שאַרפן ריח פון וועלכן עס זיינען סענדערן וואַסערדיק געוואָרן די אויגן. די שווערגעריין האָט אים דערמאָנט אַן אַ קראַנקער קעניגין פון אַ טעאַטער־שטיק, וואָס ער האָט געזען אין ניו־יאָרק.

— די דינסט האָט מיר געזאָגט ווער עס איז געקומען, כ'האָב אָבער אַזעלכע קאָפּ־שמערצן, אַז כ'האָב געמוזט זיך אַביסל צולייגן — האָט זי מיט די שפּיץ־פֿינגער פֿוןביידע הענט אָנגערירט אירע שלייפֿן. זי האָט זיך באַגריסט מיט סענדערן און מיט פּסחן און אַריינגעשריגן אין קיך אַריין צו דער דינסט, אַז זי זאָל צוגרייטן עפּעס עסן פֿאַר די געסט. זי האָט זיך דערנאָך צוגעזעצט און מיט אַ האַנט געטריבן פֿון זיך די קנײַ־לעכלעך רויך פֿון די ציגאַרלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר. יוסף האָט עפּעס ווי האַלב אין שפּאַס איר געלאָזט וויסן, אַז סענדער שניידט זיך צו ווערן ביי זיי אין הויף אַן עקאָנאָם.

— פֿון די אַלע גליקן? צוליב דעם דאַרף מען קומען אַזש פֿון אַמעריקע? גיי שוין, גיי. ס'איז נישט פֿאַר אים — האָט זי אַ ברוגזלעכע זיך געקרימט און גענומען אָפּרעדן סענדערן פֿון דער פּרנסה. ס'איז סענ־דערן געווען דערווידער אויסצוהערן זיין פּריצישע שווער, וואָס האָט עפּעס ווי חוזק געמאַכט פֿון אים. זי האָט אים אָבער גיך איבערצייגט, אַז ס'איז טאַקע נישט פֿאַר אים צו ווערן אַן עקאָנאָם ביי זיין ברודער. מינדלס חתן האָט אים אויך אַ פֿאַר מאָל געזאָגט, אַז ס'איז אַ שווער שטיקל ברויט.

מינדלס געשטאַלט האָט פֿאַר אים אַ שוועב געטאָן. און מיטאַמאָל האָט ביי אים ווי אויפֿגעלעבט אַ געדאַנק. ער וועט נעמען מינדלען און מיט איר אַוועק קיין אַמעריקע. איר לאַכענדיק שיין פּנים האָט זיך פֿאַר אים געוויזן און דער געדאַנק זי צוצונעמען פֿון איר חתן האָט אים שוין גיט נאָכגעלאָזט. ער האָט איצט געטראַכט מיט וואָס פֿאַר אַ רייד ער זאָל צו איר קומען און וואָס ער זאָל איר דערציילן וועגן דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק. די טראַכטונגען האָבן אים אַזוי פֿאַרכאַפּט, אַז ער האָט שוין מער נישט געהערט ווי פּסח האַלט אין איין איינטענהן מיט יוספֿן און מיט דאַרציען, אַז זיי דאַרפֿן האָבן אין הויף אַן אייגענעם מענטשן.

— שוין צייט אַהיימצופֿאָרן — האָט עס אים ווי אונטערגעטראָגן פֿון שטול. ער האָט שוין וואָס גיכער געוואָלט איבערקומען דעם כּיבוד, וואָס מען האָט געבראַכט צום טיש און ער האָט זיך דערנאָך אָפּגעזעגנט מיט זיין „מ'עט נאָך זען". ווען ער איז אָבער געווען אויף דער אַנדערער זייט טויער פֿון יוספֿס הויף איז ער ביי זיך שוין געווען זיכער, אַז ער וועט נישט זיין קיין עקאָנאָם און אַז ער וועט ביי זיין ברודער יוסף אין הויף נישט שטיין מיטן היטל אין דער האַנט.

* * *

סענדער איז לעבן פּסחס טויער אַראָפּ פֿון וואָגן ווען ער איז צוריק־געקומען פֿון יוספֿן און איז מיט די גערטנער אַוועק אַהיים. די שטוב איז שוין געווען פֿאַרזונקען אין נאַכטיקער רו ווען ער איז אַהיימגעקומען. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז דער זיידע שלאָפֿט נאָך נישט, אַז ער וואַרט צו הערן וואָס מען האָט אָפּגערעדט ביי יוספֿן. סענדער האָט זיך דער־

פאַר נישט געאײַלט צוצוגיין צום הויז און ער האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן סאַד. ערגעץ פון אַ דאַך האָט אַ שוואַרצער פאַהוק־פויגל זיך געלאָזט הערן און אין דער נאַכטיקער שטילקייט באַאומרואיקט די דאַרפסלייט. זיי זײַנען געווען איינגעגלויבט, אַז דאָס טרויעריקע רופן פון דעם פויגל איז אַן אָנזאָג, אַז ס'דאַרף ווער שטאַרבן און עמעצער האָט אים באַלד, מיט אַ שטיין, פאַרטריבן.

„פישעלע, מיידעלע, עפן דיין טיר; שוואַרץ־חנעוודיק פישעלע, איך וואַרט אויף דיר" — האָט אַ שגץ אין דער שטילער אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט זיך ערגעץ צעזונגען.

סענדער האָט זיך דערמאָנט אָן די צייטן, ווען ער פלעגט אין אַזעלכע נעכט מיטן גויאישן יונגוואַרג פאַרקלינגען דעם טאָל מיט געזאַנג. עס זײַנען צו אים איצט צוריקגעקומען די אַלע לידער, אָבער עס האָט אים מער נישט געצויגן צו די שקצים און שיקסעס. עס האָט אים אויך נישט געצויגן צום געלעגער. עפּעס אַן אומרו האָט אים געהאַלטן וואַך און אים נישט געלאָזט איינשטיין אויף אַן אָרט. דער געדאַנק, וואָס האָט אויפגעבליצט אין זיין מוח ביי יוספן אין שטוב, צו אַנטלויפן מיט מינדלען קיין אַמעריקע, האָט אים נישט נאָכגעלאָזט און ער איז ווי איינער, וואָס לאָזט זיך אַרויס גנבענען, מיט שטילע טריט אַוועק צו איר שטוב.

ווען ער איז אַרויס פון די גערטנער, אַ פּיכטער פון ראָסע, האָט ער זיך צוערשט אַרומגעקוקט צי זעט מען דאָרטן נישט לעבן דער טיר איר חתנס פערד. ער האָט פון דער פאָדווירע קיין שאָרך נישט געהערט און ער האָט אין דער שטיל זיך גענומען שאָרן צו דעם אויסגעלאָשענעם שטיבל. אַ הונט, וואָס איז דאָרט געווען אָנגעבונדן אויף אַ קייט, האָט דערהערט זיינע טריט און זיך צעבילט. סענדער איז געבליבן שטיין אין דער זייט און געוואַרט ביז דער הונט וועט זיך איינשטילן. באַלד האָט די הויז־טיר זיך געעפנט מיט אַ סקריפּ. מינדל איז אַרויסגעקומען און אָנגעשריגן אויף דעם הונט. סענדער האָט אַביסל נעענטער זיך צוגע־שאַרט צו דער שטוב און אין דער שטיל זי אָנגערופן ביים נאָמען. זי האָט אַ דריי־געטאָן איר קאָפּ אין זיין זייט און ווי צוגעשוועבט צו אים.

— וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפּעט? — איז זי געבליבן שטיין פאַר אים און מיט גרויסע פאַרוואונדערטע אויגן אים אָנגעקוקט. איר פּנים איז געווען בלאַס. זי האָט איצט אויסגעזען ווי אַן איבערגעוואַקסן צע־שראָקן קינד.

— ס'איז טאַקע שוין אַזוי שפּעט?

— ס'גאַנצע דאַרף שלאָפט דאָך שוין.

— ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט עטלעכע פייגן — האָט ער צו איר געשמייכלט. ער האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און זי האָט זיך געלאָזט פון אים פירן צום גאָרטן צו.

— וואו זענט איר געווען ביז איצט? עס איז דאָך שוין נאָך האַלבער־נאַכט.

— כ׳בין געווען אין די גערטנער און געוואַרט ביז אַלע וועלן אַנטשלאָפֿן ווערן.

— און פֿון וואַנען האָט איר געוואוסט אַז איך שלאָף נאָך נישט?

— כ׳האָב געוואוסט — האָט סענדער געענטפֿערט. זיין אַמאָליקע פֿאַרשייטקייט האָט זיך אין אים ווי אַנגערופֿן און ער האָט אין גאַנג אַ צי־געטאָן מינדלען צו זיך. ער האָט מיט אַ האַנט אַרומגענומען איר וואַרעמען האַלדז און זי געקושט אויף די באַקן און אויף די ליפּן.

— וואָס טוט איר? — האָט זי זיך אַוועקגעבויגן אין אַ זייט.

— כ׳געזעגן זיך מיט דיר. כ׳פֿאָר אַוועק פֿון דאַנען.

— וואָס איז געשען? כ׳האָב דאָך געהערט, אַז איר וועט זיין אַן עקאָנאָם ביי אייער ברודער אין הויף.

— ניין, ס׳איז נישט פֿאַר מיר.

— און וואָס איז יאָ פֿאַר אייך? — זי האָט אַן אונטערטעניקע זיך געלאָזט פֿון אים פֿירן ביז צום גאָרטן. זיי האָבן זיך דערנאָך אָפּגעשטעלט לעבן אַ בוים. דער שאָטן פֿון אַ צווייגל מיט עטלעכע געקאַרבטע קליינע בלעטלעך האָט זיך געלייגט אויף מינדלס פּנים. זי האָט ווי דערפֿילט דעם שאָטן און מיט אַ האַנט אַ פֿיר־געטאָן איבער איר שטערן און איבער אירע באַקן. זי איז געווען ווי צעטומלט פֿון דער באַגעגעניש מיט סענדערן, פֿון די אומגעריכטע קושן און פֿון זיין רעדן צו איר אויף „דו״.

— כ׳האָב דיך אפשר איבערגעשראָקן? — האָט סענדער זי געפֿרעגט.

— ווען דער הונט האָט אָנגעהייבן האַווקען האָב איך געמיינט, אַז יאַקוב איז געקומען. כ׳האָב מיך נאָך נישט געהאַט געלייגט. דעם גאַנצן אויפֿדערנאַכט בין איך געווען ביי מיין עלטערער שוועסטער. זי העלפֿט מיר נייען מיינע חתונה־קליידער. ווען כ׳בין אַהיימגעקומען האָב איך אַפֿילו נישט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. כ׳בין ביז איצט געזעסן ביים פֿענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

— יאַקוב האָט געזאָגט, אַז ער וועט קומען?

— וואָס דאַרף ער זאָגן? ער קומט צו מיר ווען ער קאָן.

— ווען איז די חתונה?

— כ׳ווייס נאָך אַליין נישט. מ׳האָט געהאַט אָפּגערעדט אויף שבת נחמו, אָבער דער טאַטע וויל, אַז ס׳זאָל זיין שפּעטער — האָט מינדל דערציילט סענדערן, אַז מיט אַ טאָג פֿריער איז צו איר פֿאָטער אָנגעקומען אַ בריוו פֿון אַ ווייטער שטאָט מיט דער טרויעריקער בשורה, אַז זיין אַלטע מאַמע איז געשטאָרבן. איר טאַטע וויל דערפֿאַר אָפּלייגן די חתונה, אָבער יאַקוב לאָזט נישט.

— דיין חתן מוז דיך שטאַרק ליב האָבן.

— הערסט, וואודען? ווען ער האָט מיך נישט ליב, וואָלט ער מיך דען גענומען? ער האָט נישט געפֿרעגט וויפֿיל פֿעלד איך האָב און ער האָט ביי מיין טאַטן נישט געמאָנט קיין נדן. מ׳האָט אים צוגעטראָגן

געגנוג פלאַטקעס וועגן מיר. זיי זיינען אים אָבער דורך איין אויער אַריין און דורכן אַנדערן אַרויס.

— און דו האָסט אים אויך אַזוי ליב?

— כ׳האָב דאָך אייך שוין איינמאָל געזאָגט. וואָסזשע פרעגט איר איצט נאָכאַמאָל? איר האָט דאָך דעמאָלט מיר אַפילו צוגעזאָגט צו קומען אויף מיין חתונה. איר געדענקט?

— כ׳געדענק, אָבער כ׳פאַר דאָך שוין אַוועק.

— וואָס זענט איר געקומען און וואָס אַנטלויפט איר שוין? פאַר־וואָס האָט איר נישט חתונה מיט בונעמס טאָכטער?

— ווילסט טאַקע וויסן פאַרוואָס?

— מ׳גיט דאָך איר אַזאַ שיינעם נדן, איז פאַרוואָס זאָלט איר זי נישט נעמען?

— וויקל דו געפעלסט מיר בעסער פון איר.

— איך רעד צו אייך ערנסט און איר מאַכט גאָר חוזק פון מיר.

— כ׳מאַך נישט קיין חוזק, כ׳מיין טאַקע וואָס איך זאָג. דו געפעלסט מיר בעסער פון אַלע מיידלעך.

— דאָס זאָגט איר אַזוי, ווייל איר ווייסט, אַז כ׳האָב שוין אַ חתן. כ׳על בעסער צוריקגיין אין שטוב אַריין. די מאַמע קאָן זיך נאָך אויפ־כאַפּן.

— כ׳על דיך נישט לאָזן אַזוי גיך אַוועקגיין — האָט סענדער אָנ־גענומען מינדלען ביי ביידע הענט און זי צוגעצויגן צו זיך.

מינדל האָט אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ און דאָסמאָל זיך פון אים נישט געלאָזט קושן.

— זאָגט מיר, איר גלויבט אין נישט־גוטע? — האָט זי אים גע־פרעגט און אים באַלד דערציילט, אַז זי האָט געהערט פון גויאישע מייד־לעך, אַז אין די אויסגעשטערנטע נעכט פאַר שניט גייען־אַרום נישט־גוטע איבער די שטיבער. זיי קומען נאָך האַלבער נאַכט און שלעפּן אַרויס די כלות פון די בעטן, זיי פאַרפירן די מיידלעך אין די גערטנער און אין די פעלדער און טוען זיי שלעכטס.

— האָסטו מורא טאָמער בין איך איינער פון די שדים? — האָט ער זי פעסט געהאַלטן אַרום דער טאַליע.

— כ׳האָב נישט קיין מורא. כ׳טראָג אַ שמירה אויפן האַלדז. ס׳האַרץ קלאַפּט מיר אָבער אַזוי שטאַרק... כ׳ווייס אַליין נישט פאַרוואָס — האָט זי מיטאַמאָל געגומען סענדערס האַנט און צוגעלייגט צו איר וואַרעמער ברוסט.

מינדל האָט זיין האַנט באַלד אָפּגעשטופּט און גענומען רעדן וועגן איר חתונה. זי האָט געוואָלט, אַז סענדער זאָל וויסן, אַז אַזוי ווי איר טאַטע איז איצט אַן אָבל, קאָן נאָך אַמאָל אויך אויסקומען, אַז איר חתונה זאָל זיין אַן קלענמער.

סענדער האָט זי נישט געלאָזט פאַרענדיקן. ער האָט מיט גבורה זי אַרומגענומען, זי געדריקט צו זיך און איר אויסגעקושט ס׳פּנים.

— לאָזטס מיך אָפּ. כ׳האָב דאָך אַ חתן. ס׳איז אַ זינד — האָט זי זיך ווי געבעטן ביי אים.

— כ׳וויל דיך צונעמען פון דיין חתן און מירן ביידע אַוועקפאָרן פון דאַנען — האָט סענדער מיט אַ הייסן אָטעם איר אַריינגערעדט אין פּנים.

די רייד האָבן מינדלען ווי פאַרשיכורט. זי האָט אַ פאַרציטערטע אים אַרומגעכאַפּט און אים צוריקגעקושט. זיי זיינען דערנאָך לאַנג געבליבן שטיין ווי איינגעגראָבענע איינס אין ס׳אַנדערע, פאַרשלונגענע אין זייערע באַגערן.

— ס׳איז שוין שפּעט. כ׳דאַרף צוריקגיין אין שטוב אַריין — האָט מינדל די ערשטע זיך ווי אויפגעוועקט ווען דער הונט האָט אויפסניי זיך צעבילט. זי האָט זיך באַפרייט פון סענדערס אָרעמס און זיך געוואָלט לאָזן גיין צום הויז.

— ס׳מוז זיין יאַקוב. גיי אַוועק מיטן גאָרטן, ווייל ער קאָן דיך נאָך זען — האָט מינדל איצט גערעדט צו סענדערן אויך אויף „דו". זיי האָבן ביידע מיט שטילע טריט זיך צוגעשאַרט צו אַן אַנדערן בוים און פון דאָרט אַרויסגעקוקט צום שטיבל און צום ווייסן שטויביקן וועג. זיי האָבן דערהערט טריט און באַלד דערזען דעם אַלטן בער צוקומען צום טויער. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל דאָרט דורכגעדרייט, אַריבערגעקוקט צו דער אויסגעלאָשענער שטוב און דערנאָך אַוועקגעגאַנגען.

מינדל האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט ווען זי האָט דערזען, אַז ס׳איז נישט איר חתן.

— דיין זיידע גאָר. ער זוכט דיך אַרום. און ער ווייסט אויך וואו מ׳קאָן דיך געפינען — האָט זי איצט אַ רואיקע זיך צוגעזעצט אויפן בידעריקן מויערל, וואָס האָט אָפּגעטיילט די פאָדווירע פונעם גאָרטן און צוגעלייגט ביידע הענט צו אירע צעהיצטע באַקן.

— דער זיידע מיט דער באָבען ציטערן איבער מיר, גלייך ווי כ׳וואָלט געווען זייער איינציק אייניקל. כ׳על מוזן אַוועק פון דער היים אָן אַ זיי־געזונט, ווייל זיי וועלן מיך נישט לאָזן אַוועקפאָרן. זיי ווילן, אַז כ׳זאָל בלייבן אין דער היים — האָט סענדער זיך אָראָפּגעלאָזט לעבן איר.

— פאָלגט מען זיי און מען בלייבט.

— כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל מיך טאַקע קאָנען באַזעצן אין יאַ־נאָוויץ און אַקערן מיין ירושה־פעלד, ווי לייב. אָבער כ׳קאָן נישט. כ׳האָב שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אַנדער לעבן און ס׳ציט מיך צוריק קיין אַמעריקע. ס׳איז ווי באָטע זאָגט, כ׳בין פון די נאָסיניע־קערנדלעך, וואָס דער ווינט לאָזט זיי נישט איינליגן אויף אַן אָרט. ווען כ׳בין געווען אין דעם גרויסן נעיאָרק האָב איך מיך גאָר געריסן אַהיים. כ׳האָב געבענקט נאָכן דאָרף, נאָך די פעלדער און נאָך אונדזער דאָלינע. ווען כ׳האָב אין דער גרויסער שטאָט דערזען אַ היימיש גרוי וואָראָבייטשיקל, פלעג איך

מיך מיט אים אַזוי דערפרייען, גלייך ווי עס וואָלט געקומען צופליען פון יאַנאָוויץ.

סענדער איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער און געקוקט פאַר זיך אין דער טונקלקייט פון גאָרטן. ער האָט איצט מינדלען געוואָלט זאָגן, אַז ער וויל, אַז זי זאָל מיט אים פאָרן קיין אַמעריקע, אָבער ער האָט ווי פאַרלוירן ס'לשון. כאָטש ער האָט נאָך געפילט אויף זיינע ליפּן אירע הייסע קושן, איז ער אָבער ביי זיך נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, צי איז ער איר ליבער ווי דער חתן. ער איז נישט געווען זיכער, צי וועט זי צוליב אים אַלצדינג וועלן איבערלאָזן. ער האָט אויך זיך אויסגערעכנט, אַז דאָס געלט, וואָס ער האָט נאָך געהאַט פון דעם פאַרקויפטן פעלד, וועט נישט זיין גענוג פאַר זיי ביידע אויף הוצאות.

— עפּעס נאָר ווי אַ כישוף איז מיר אָפּגעטאָן געוואָרן. הלוואי וואָלסטו אינגאַנצן נישט געווען אַהיימגעקומען — האָט מינדל מיטאַמאָל אַרויסגעשאָסן אין אַ געוויין און זיך געגומע טוליען אין סענדערס זייט.

— וואָס וויינסטו, נאַרעלע? איך וויל דיך מיטנעמען מיט מיר! — איז סענדער אויפגערודערט געוואָרן פון מינדלס געוויין. ס'איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז נישט אַנדערש, נאָר ס'איז אַ באַשערטע זאַך; אַז אַלץ האָט זיך אַזוי געפירט, אַז ער זאָל אַהיימקומען, כדי דאָ צו געפינען זיין זיווג. מינדל איז אים איצט געוואָרן נאָענט און אייגן און ער האָט געוואוסט אַז ער וועט אָן איר נישט אָוועקפאָרן.

— ווילסט מיך טאַקע מיטנעמען מיט דיר קיין אַמעריקע? — האָט זי אַ צעטומלטע מיט גרויסע פאַרטערטע אויגן ווי געפּאַרשט זיין פּנים.

— שור, אַזוי איז עס. מירן אָוועק פון דאַנען קיינער זאָל ביט וויסן. וועסט אָפּשיקן דיין חתן די תנאים און מירן אונטערוועגנס אַריינגיין צו אַ רב שטעלן אַ חופּה.

סענדער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל אַלץ איבערלאָזן און אַז זיי זאָלן אַזוי ווי זיי שטייען און גייען שוין אין מיטן נאַכט אַנטלויפן. ער האָט איר אָבער געגעבן אַנצוהערן, אַז זי קאָן מיטנעמען אַביסל געלט, אויב זי האָט, און אויב זי האָט נישט, וועלן זיי זיך שוין ווי ס'איז אויפן וועג אַן עצה געבן.

— אַנטלויפן אין מיטן נאַכט? וואָס וועלן מענטשן זאָגן? כ'האָב דאָך שוין פאַרטיק מיינע חתונה־קליידער — איז מינדלען פון סענדערס רייד אַזש אַ דראָזש דורכגעלאָפן איבערן לייב. זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן איר אויסשטייער, וועגן בעטגעוואַנט, וועגן די ווייסע ציכן, וואָס זי האָט אַליין אויסגעשטיקט, וועגן די אַלע זאַכן וועלכע זי האָט ביסלעכווייז צונויפגעלייגט אין איר גרויסן קופערט, און אירע אויגן האָבן אויפסניי זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

— קיינער וועט דיין אויסשטייער נישט צונעמען. דו וועסט זען, די מאַמע וועט דיר דיינע אַלע זאַכן שפּעטער איבערשיקן. סיידן דו האָסט מיך נישט ליב און דו ווילסט מיט מיר נישט פאָרן.

— כ׳על מיט דיר אַפּילו גיין צופוס ביז עק וועלט, און זאָל מען זאָגן וואָס מען וויל. ביסט מיר אַריין אין האַרצן נאָך אין דעם ערשטן אויפדערנאַכט ווען דו ביסט אַהיימגעקומען פּורים צו דער סעודה — האָט זי אים דערמאָנט אַן זייער ערשטער באַגעגעניש. זי האָט אים איצט געהאַלטן אין איין קושן און זיך געבעטן ביי אים, אַז זיי זאָלן כאָטש אָפּ־וואַרטן ביז אויף דער צווייטער נאַכט. זי האָט אים דערנאָך דערציילט ווי זי האָט גאַנצע נעכט דורך אים נישט געקאָנט שלאָפן; ווי זי האָט אין דער פינצטער זיך געדרייט און געראַנגלט אויפן געלעגער און גע־טריבן פון זיך זיין געשטאַלט, וואָס האָט פון איר נישט געוואָלט אָפּ־טרעטן. זי האָט אים דערציילט ווי ס׳האָט זיך איר אַפּילו אַ פּאָר מאָל געחלומט, אַז זי פאָרט מיט אים אויף אַ שיף און אַז זי שפּאַצירט מיט אים אויף אַ בולוואַר אַן אויסגעפּוצטע אין אַ פּריצישן הוט מיט פּעדערן און אין געלע שיכלעך מיט הויכע קנעפּעלעך.

— נו, זאָג אַליין, איז עס נישט אַ באַשערטע זאַך? — האָט סענדער זי צוריקגעקושט און זיך געלאָזט איבעררעדן, אַז זיי זאָלן וואַרטן ביז מאָרגן.

קאַפּיטל צוועלף

סענדער און מינדל זיינען אויך אויף דער צווייטער נאַכט נישט אַוועק פון יאַנאָוויץ. אויף צומאָרגנס איז דער אַלטער בער פּלוצלינג געשטאָרבן, און דאָס האָט זיי פאַרהאַלטן.

דער אַלטער בער איז גאָרנישט קראַנק געווען. בייטאָג, ווען סענדער און פּסח זיינען אַוועקגעפאָרן צו יוספן איז ער נאָך געזעסן אין שאָטן פון דעם אַלטן באַרנבוים מיטן חומש אויף זיין שויס, אַ פאַרטיפטער אין דער סדרה בלק. שרהלע האָט אים אַרויסגעבראַכט אַ טעפּל קאַלטע זויער־מילך און ער האָט איר מיט קינדישער הנאה גענומען דערציילן וועגן בלעמ׳ן, וואָס בלק דער מלך פון מואב, האָט אים געבראַכט, אַז ער זאָל פאַרשעלטן די יידן. בער האָט איר דערציילט וועגן בלעמס אייזל, וואָס האָט מיטאַמאָל געעפנט ס׳מויל און באַקומען לשון און ווי בלעם האָט בלקן אָפּגעטאָן אַ שיין שפּיצל — אַנשטאָט צו שעלטן די יידן, האָט ער זיי גאָר געבענטשט.

— הערסט וואָס כ׳על דיר זאָגן, דער הונט בלק איז געווען טויזנט מאָל ערגער פון פּאַניען. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט נאָר ווי צום פּגרן, אַז מ׳זאָל אים פאַרשעלטן די יידן. ס׳האָט אים אָבער געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס — האָט ער אַן אויפגעלעבטער גערעדט צו זיין ווייב.

— נו, אַ סך האָט ער געקאָנט אויספירן, אַז משה האָט די יידן

געפירט און דער אייבערשטער האָט זיי געהיט — האָט שרהלע אַ רייב־געטאָן אירעביידע דאָלאָניעס אָן דער ריפּאַטע קאָרע פון באַרנבוים.

— אַיי, האָט ער אַ פּיסק דער בלעם מיט דעם איינעם אייגל. כ'וויס גאָרנישט פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען צו אַ גוי, אַ סליעפּאַק, אַזאַ לשון. מעגסט עס הערן.

— כ'האָב נישט קיין צייט. די הינער וועלן מיר נאָך אויפעסן די הרעטשענע טייגלעך פון טיש. מ'עט שוין מערצעשעם שבת נאָכן טשאָלנט ליִיענען אין טייטש־חומש — האָט שרהלע זיך שטיפעריש אַ דריי געטאָן און אים איבערגעלאָזט אין מיטן דערציילן.

פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן, איז בער, מיט עט־לעכע פון זיינע אור־אייניקלעך, געגאַנגען הינטערן גאָרטן זיך באָדן. ער האָט אין וואַסער אַ רירעוודיקער זיך אַרומגעשפּילט מיט די ייִנגלעך, זיך אַ סך מאָל אונטערגעשלאָגן און מיט אַ מגושמדיק גראָב קול פאַרהילעכט דעם טאָל.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן איז ר' וועלוועלע אָנגעקומען מיט די גערטנער. בער איז אים אַנטקעגן געגאַנגען ביז צום סאָד און זיי האָבן דאָרט ביידע געדאַוונט מנחה און מעריב. בער האָט געדאַוונט מיט גרויס כוונה און ווי געציילט יעדעס וואָרט. ער האָט עפּעס ווי געאָנט, אַז דאָס דאַוונט ער איצט צום לעצטן מאָל. ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי „עלינו" האָט אים ר' וועלוועלע אָנגערירט ביי אַן אַקסל און אים געזאָגט, אַז מיט אַזאַ דאַווענען קויפט מען זיך עולם־הבא.

— איר הערט, כ'בין מיך ממש מחיה, ווען כ'שטעל מיך מיט אייך אַוועק דאַווענען זומער פאַרנאַכט צווישן די לעבעדיקע ביימער. ווען כ'בין מיך מתכוון דאַכט זיך מיר נאָר אויס אַז כ'דאַוון בציבור — האָט ר' וועלוועלע אָנגענומען בערן ביים אָרבל און זיי זיינען מיט לאַנגזאַמע טריט געגאַנגען אין שטוב אַריין עסן וועטשערע.

אויפדערנאַכט האָט דאָס גאַנצע הויז־געזינט זיך אויסגעזעצט אויף דער פּריזבע און ר' וועלוועלע האָט ווי אַלעמאָל דערציילט מעשות וועגן בעל שם און וועגן פאַרצייטיקע צדיקים. ער האָט יענעם אויפדערנאַכט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן גן־עדן און אויסגעפירט, אַז גאָר נאָענט צו די אָבות, לעבן די גינגאָלדענע שטולן פון אברהם, יצחק און יעקב, וועלכע האָבן ביים לעבן געפּאַשעט שאָף און רינדער און געאַקערט די ערד, זיצן פּשוטע, ערלעכע דאָרפס־יידן.

דער אַלטער בער איז יענע נאַכט ביז שפּעט געוועזן וואַך. ער האָט געוואָרט אויף סענדערן און ווען ער איז נישט אַהיימגעקומען איז ער אַרויסגעגאַנגען אים זוכן. ער האָט אים אַרומגעזוכט ביי נאַטען, לעבן שאַפערס שטוב און ער האָט ווייט נאָך האַלבער נאַכט זיך געלייגט שלאָפן.

פאַרטאָג, ווען דער מלאך האָט דעם ערשטן האָן אַ ברי־געטאָן הינטער די פליגל און ער האָט זיך צעקרייעט, איז בער אַראָפּ פון זיין געלעגער.

ער האָט אַרויפגעשלעפּט אויף די פיס די שטיוול, אין זיי אַריינגעלאָזט די גאַטיעס, זיך אָפּגעגאָסן די נעגל און, ווי יעדן אין דער פרי, ס׳ערשטע אָפּגעזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים. דערנאָך האָט ער אויף זיך גענומען דאָס וואַטאָווע קורצע רעקל און אַזוי אין די גאַטיעס אַרויס אין דרויסן. ער איז צוגעגאַנגען ביז צום טויער, גענומען אַ גוטן שמעק טאַבאַק און אויסגעשאָסן מיט אַ ניסן, וואָס האָט אָפּגעהילכט אויף אַלע אַרומיקע הויפן. נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אויסגעניסט און די אויגן זיינען אים געוואָרן לויטער, האָט ער אויסגעקוקט דעם הימל און אַוועק איבערטאַפּן און אָנהאָדעווען די הינער. ער האָט אַרויסגעטריבן די געגנדז און די קאַטשקעס אויפן וועג אַרויס און זיי האָבן מיט צעשפּרייטע פליגל האַלב־פליענדיק און האַלב־לויפנדיק זיך אַוועקגעלאָזט צום טייך.

עס האָבן אים פאַרשמעקט איבערצובייסן גרינע אוגערקעלעך און יונגער קנאָבל און ער האָט זיך געלאָזט גיין אין גאָרטן צו די בייטן גרינסן. מיטאַמאָל האָט אים אָבער עפּעס אַ טראַג־געטאָן צו די היי־פעלדער. זיינע פיס זיינען געוואָרן גרינג און רירעוודיק און ער איז מיט איילנדיקע טריט אַוועק מיט דער גאָרטן־סטעזשקע. ווען ער איז צוגעקומען צום וואַסער האָט ער גיך אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול פון די פיס, פאַרקאַטשעט די גאַטיעס ביז איבער די קני און איז גיך אַריבער אויף דער אַנדערער זייט. ער האָט דערנאָך ווי ניט מיט זיין כוח מיט יינגלישער פלינקייט גענומען יאָגן צו דער זייט, וואו דאָס היי איז נאָך ניט געווען געקאָסעט, עפּעס ווי ער וואָלט פון עמעצן וועלן אַנטלויפן. אַ פּאָר שקצים האָבן פון דער ווייטנס צו אים אַריבערגערופן, אים געפרעגט וואָס עס איז געשען און וואוהין ער לויפט אַזוי. ער האָט זיי אָבער נישט געענטפערט.

אַרום אַ האַלבע שעה שפּעטער איז שוין אַ פּאַסטעך געקומען צוריטן פונעם טאָל און אָנגעזאָגט לייבן, אַז דער אַלטער בער איז אַוועקגעפאַלן לעבן די זומפּן מיטן פּנים צו דער ערד. לייב, וואָס האָט גראָד געהאַלטן אין שפּאַנען די פערד אויף צו פאָרן אין פעלד אַריין, האָט זיך גלייך אַריינגעזעצט אין וואָגן און אַוועקגעיאָגט צום טאָל. ער האָט דאָרט געפונען דעם זיידן, אָבער ער איז שוין געווען טויט.

די נייעס, אַז מען האָט דעם אַלטן בער געפונען אַ טויטן אויף זיינע היי־פעלדער, האָט זיך גיך צעטראָגן איבערן דאָרף.

— ווי אַזוי איז עס געשען?

— כ׳האָב געמיינט, אַז ער וועט גאָר קיינמאָל נישט שטאַרבן.

— ווי איז עס מעגלעך? כ׳האָב דאָך אים ערשט נעכטן געזען!

— ער איז אַנטלאָפן פונעם מלאך־המות ביז אין פעלד אַריין. דער מלאך־המות האָט אים אָבער נאָכגעיאָגט און געפּאַקט — האָבן יידן און גוים איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן די נייעס און זיי זיינען געקומען צולויפן זען צי איז עס טאַקע אמת.

דער טומל און די געוויינען פון די ווייבער האָבן אויפגעוועקט סענ־

דערן, וואָס איז געווען פּאַרזונקען אין שווערן שלאָף און פון גאַרנישט געוואוסט. ער האָט געעפנט די אויגן און נישט געדענקט וואו ער איז. אַט ערשט האָט זיך אים געפּלאָנטערט אַ חלום, אַז ער איז מיט מינדלען אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק, ער האָט זיך מיט איר אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן און מיטאַמאָל האָט ער זי פאַרלוירן אין אַ געדרענג. ער האָט די אויגן זיך אויסגעקוקט נאָך מינדלען, אָבער אַנ־שטאָט איר האָט ער צווישן די מאַסן מענטשן גאָר דערזען דעם זיידן. עפּעס האָט דער זיידע צו אים אַריבערגערופן פון דערווייטנס, אָבער דער טומל איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט גאַרנישט נישט געהערט.

— זיידע, זיידע, בלייב דאָ! — האָט ער מיטאַמאָל דערהערט דאָס געוויין פון לייבס און ריוועס טעכטערל בלומעלע. און ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער דערזען ווי מען טראָגט אַריין אין שטוב דעם זיידן.

— אַזאַ אויסכאַפּעניש! אַט ערשט האָב איך דאָך גערעדט צו אים. כ׳בין אים געגאַנגען רופן, אַז ער זאָל אַריינגיין דאַווענען. ער האָט דאָך הייַנט נאָך אין מויל נישט געהאַט — איז שרהלע זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטיל קלאָגן. ס׳טיכל האָט זיך איר פאַררוקט אין אַ זייט, אירע אויגן זיינען ווי מיטאַמאָל געוואָרן גרויס און פאַרהויכט און אויף איר געקנייטשט פּנים האָבן זיך באַוויזן פּליאַמעס, שוואַרצע ווי די ערד.

— אַזוי אומגעריכט. נעכאַי וואָלט ער כאָטש קראַנק געווען — האָט ריווע, וואָס איז געווען הייַנט־מאָרגן אויף דער צייט, אַ ווייַנענדיקע ווי אַרויסגעהאָלפן דער באָבען.

— ס׳איז אַ זכיה אַזוי צו שטאַרבן.

— און מיט עולם הבא איז ער באַוואָרנט. ער האָט אָנגעזאַמלט גענוג מעשים טובים.

— די טויערן פונעם גן עדן וועלן פאַר אים שטיין אָפן. און ער האָט ווער עס זאָל אים דאָרט באַגעגענען — האָבן יידישע שכנטעס, וואָס זיינען געווען די ערשטע צו קומען, זיך געלאָזט הערן.

די אַלטע שרהלע האָט פאַרלייגט די דאַרע הענט אויף איר אייַנגע־פאַלענער ברוסט און געגומען אַרויסשעפּטשען נעמען פון אירע און פון בערס שוין לאַנג פאַרשטאַרבענע טאַטע־מאַמע, פון זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס. זי האָט ווי אין געבעט זיך גענומען וויגן און זי איז מיט אירע געדאַנקען ווי פאַרטראָגן געוואָרן צו דער אומבאַקאַנטער וועלט צו וועלכער זי האָט אינאיינעם מיט בערן זיך לאַנג געגרייט. — ער קומט אַהין נישט מיט ליידיקן און ער וועט זיי דאָרט נישט פאַרשעמען — האָבן אירע ליפּן זיך באַוועגט און אַ קינדישער שמייכל האָט אַרומגענומען איר פאַרטרויערט אייַנגעפאַלן פּנים.

די שטוב איז באַלד פול געוואָרן מיט יידן, וואָס האָבן דעם אַלטן בער נאָכגעזאָגט אַ סך שבחים:

— ער׳ט אונדז גוט אויספּעלן.

— נישטאָ קיין סך אַזעלכע יידן. וואָס עפּעס, איז מען געגאַנגען צו בערן.

— ער האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט און ער איז געווען אַ גרויסער מכניס אורח.

— וואו אַן אָרעמאַן, האָט מען געשיקט צו אים. און פון זיין שטוב איז קיינער נישט אַרויסגעגאַנגען אַ הונגעריקער.

— און ווען נישט ער וואָלטן מיר דען אַמאָל געהאַט אַ קלויז אין יאַנאָוויץ?

— זיינע מעשים וועלן אים דאָרט אַנטקעגן קומען.

— נו, וואודען, מ׳גרייט אַן זומער האָט מען ווינטער.

— ער האָט געוואוסט וועמען איבערצוגעבן זיין ירושה־שטוב מיטן דאָקטער־געצייג. קיין איינער פון זיינע אייניקלעך איז אַזוי נישט געראָטן אין אים ווי לייב. ער גייט אין זיינע סלידעס.

אויך האָבן די דאָרפס־גויים געהאַט אַ סך גוטע רייד פאַר זייער אַלטן שכן בערקאָ, וואָס האָט אַ סך יאָרן געהיילט זייערע קראַנקע בהמות און איז אַלעמאָל גרייט געווען צו טאָן זיי טובות. אין דער צייט, וואָס מען האָט בערן געטאָן זיין רעכט זיינען די גויים געשטאַנען ביים טויער, געלאָזט רויך פון זייערע ליולקעס און ציגאַרלעך, געצמאָקעט מיט די ליפּן און דערמאָנט זייער שכן צום גוטן.

— ער האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אפשר מער ווי ניינציק זומערן און ווינטערן. ס׳פּנים איז אים אָבער נאָך געווען רויט ווי צוויק — האָט איינער זיך אָנגערופן.

— און ער האָט נאָך געקאָנט נעמען אַ גוטן טרונק בראָנפן און גיין צופוס אין שטאָט אַריין. איי, האָט ער אַמאָל אין זיך געהאַט אַ גבורה! — איז אַן אַלטער פויער מיט אַ גרויער טשופּריגע אונטערגעקומען — איך האָב אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געזען ווי ער האָט אַליין אַרויסגעשלעפּט אַ וואָגן האָלץ פון דער בלאָטע. זאָל מיך שוין דאָ אַ דונער טרעפן טאָמער זאָג איך ליגן — האָט ער אַ וואָרף־געטאָן אַ שפּיי ביז אויפן וועג אַרויס און דערציילט ווי אַ גוי, וואָס האָט געפירט האָלץ פון וואַלד, איז לעבן דער מיל מיט פערד און וואָגן פאַרסטרעכנעט געוואָרן אין דער בלאָטע. דער גוי האָט געקאַטעוועט דאָס אויסגעמאַטערטע פערד מיט דער בייטש און מיט געוואַלדן אַזוי לאַנג עס געטריבן פון דער בלאָטע ביז בער האָט אויפן הויף אַרויף דערהערט די קולות און ער איז אַרויס צום וועג. ער האָט ס׳ערשטע דערלאַנגט דעם גוי עטלעכע הייסע פלעם און אויף אים אָנגעשריגן פאַרוואָס ער שלאָגט אַזוי אומרחמנותדיק גאָטס באַ־שעפעניש. דערנאָך האָט בער אויסגעשפּאַנט דאָס אויסגעמוטשעט און פאַרשוויצט פערד, זיך אַליין אָנגעטאָן די שלייע און מיט גבורה אַרויס־געשלעפּט דעם וואָגן אויפן גלייכן וועג. — כ׳האָב דאָס אַליין געזען, זאָל מיך שוין אַ שלאַק טרעפן, טאָמער זאָג איך ליגן! — האָט דער אַלטער פויער זיך געהאַלטן אין איין שווערן.

— געווען אַן אָרענטלעכער מענטש און אַ גוטער שכן.

— מ'האָט פאַר אים זיך געקאָנט אויסרעדן ס'האַרץ פונקט ווי פאַרן גלח.

— און לייבע איז אויך אַזוי — האָבן אַנדערע פּאַטאַקעוועט.

— ווען ס'שטאַרבט ביי זיי איינער קומען־צו אַנדערע פיר.

— איר מיינט דאָ ביי די יידן? זיי זיינען טאַקע ווי דער כריין. מען רייסט־אויס איין וואָרצל שפּראָצן־אַרויס אַנדערע פיר. עטלעכע פון זייערע יונגע ווייבלעך זיינען אויף דער צייט. זיי וועלן היינט־מאָרגן צעטראָס־קעט ווערן — האָבן אַ פּאָר פון די ייִנגערע גויים צווישן זיך געגומען רעדן אין דער שטיל.

* * *

סענדער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב און אויף דער פּאָדווירע אין זיין אַמעריקאַנער האַרטן קאַפּעליוש עפּעס נאָר ווי אַ פרעמדער. ער איז געווען פאַרשלאָפן און ס'מויל האָט זיך אים נישט געעפנט אַרויסצור־רעדן צו עמעצן אַ וואָרט. ער האָט ערשט איצט דערפילט ווי שטאַרק נאָענט דער זיידע איז אים געווען און ער האָט זיך עפּעס ווי געפילט שולדיק קעגן אים. עס האָט אים איצט באַנג געטאָן פאַרוואָס ער האָט נעכטן נאָך זיין אַהיימקומען פון יוספן אים אויסגעמיטן צו באַגעגענען און פאַרוואָס ער האָט זיך פון אים אויסבאַהאַלטן ביי מינדלען. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון דעם טומל און איז צוגעגאַנגען צום אַלטן באַרן־בוים, וואו ער האָט ערשט מיט אַ טאָג פריער געזען זיצן דעם זיידן. אַ סך דערמאָנונגען וועגן זיידן פון שוין לאַנג פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן צו זיין מוח און ער האָט דערפילט אַ וואָרעמען הויך אַרום זיינע אויגן.

— וואָס שטייסטו דאָ? מ'גייט שוין באַלד פאָרן אין שטאָט אַריין — איז נאָטע אַ פאַרשמאַיעטער, אין די הוילע העמד־אַרבל און אין פּלו־שענעם וועסטל צו אים צוגעקומען און אים דערציילט, אַז ער האָט אין שטוב אין אַן אַלטן חוק געפונען פאַרשריבן ווען דער זיידע איז געבוירן געוואָרן. כאָטש עטלעכע אותיות זיינען שוין געווען אָפּגעריבן, האָט ער אָבער מיט ר' וועלוועלעס הילף אויסגערעכנט, אַז דער זיידע האָט פאַר ראש־השנה באַדאַרפט ווערן צוויי־און־ניינציק אָדער פיר־און־ניינציק יאָר. נאָטע האָט דערנאָך פאַרצויגן איין אויג און אָנגעהייבן רעדן עפּעס וועגן דער ירושה־שטוב, אַז זי איז נאָך נישט איינגאַנצן לייבס, אַז די באָבע האָט אין איר נאָך אויך אַ חלק. ווען ער האָט אָבער געזען, אַז סענדער גענעצט, אַז די רייד קריכן אים נישט אין קאָפּ אַריין, האָט ער מיט אַ פינגער אוועק־געווישט אַ שפּרענקעלע פון זיינע גלאַנצענדיקע שטיוועלעך און זיך גע־לאָזט אוועקגיין.

סענדער האָט אַ ברוגזער ווי באַכגעוואָרפן זיין שוואַגער די ווער־טער: די שטוב וועט זיין לייבס און מער קיינעמס נישט! — ער האָט

דערביי מיט זײַנע אויגן געגנומען אַרומזוכן לייבן צווישן די אַלע מענטשן, וואָס זײַנען געקומען צום זיידנס לוויה. לייב איז געשטאַנען לעבן דער שטאָל און דאָרט אָנגעפּאַיעט אַ קעלבל, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט אָנטווינט. סענדער האָט פון דער וויטנס אים באַטראַכט און עס איז אים פאַרגעקומען, אַז לייב האָט יענעם אינדערפרי זיך שטאַרק געעלטערט. אַן ערנסטקייט פון אַ באַיאָרנטן יידן האָט אַרומגענומען זײַן פּנים. עס האָט זיך אים אויך אויסגעוויזן, אַז לייבס געדיכטע שוואַרצע באָרד איז ווי מיטאַמאָל לענגער געוואָרן. ער האָט דערפילט עפּעס ווי אַ דאַנקבאַרקייט צו זײַן ברודער. דערפאַר, וואָס ער האָט זיך באַזעצט אין דער ירושה־שטוב און וואָס ער בלייבט דאָ צו פאַרנעמען דעם זיידנס אָרט.

— די שטוב איז זײַנע. און מײַנע פּאָר שטיקלעך פעלד האָבן אויך באַדאַרפט בלייבן ביי אים — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. עס איז איצט אין סענדערן אויפגעגאַנגען אַ פּאַרדרוס אויף זײַן שוואָגער נאָטע, פאַרוואָס ער האָט אים צוגערעדט, אַז ער זאָל אים פאַרקויפן די עטלעכע מאָרג פעלד.

מיטאַמאָל האָט סענדער לעבן דער שטוב דערזען מינדלען מיט איר מאַמען. ער האָט זי פון אָנהייב ווי נישט דערקענט. עס איז אים פאַר־געקומען, אַז ער האָט שוין לאַנג זי נישט געהאַט געזען און אַז זי איז אין דער צייט עפּעס ווי קלענער געוואָרן. מינדל האָט אַן אָנגעטוענע אין אַן אַלט טיכל, ווי אַ נעבעכל, זיך געהאַלטן נאָענט לעבן איר מוטער און עפּעס ווי מורא געהאַט פאַר יעדן בליק, וואָס די ווייבער האָבן איר צוגעוואָרפן. איר פּנים איז געווען בלאַס און זי האָט אויסגעזען שטאַרק פאַרשלאָפן.

די מאַמע אירע האָט זיך געלאָזט הערן. אירע רייד זײַנען דער־גאַנגען צו סענדערן. ער האָט געהערט ווי זי שנייצט די נאָז און ווי זי זאָגט די ווייבער, אַז זי האָט זיך גערעכנט, אַז בער זאָל קומען צו איר מינדלען אויף דער חתונה און איצט דאַרף זי גאָר גיין נאָך זײַן לוויה. עמעצער האָט זי געפרעגט ווען ס'וועט זײַן די חתונה און זי האָט דער־ציילט, אַז איר מאַן האָט געוואָלט אָפּלייגן אויף העט־העט, אָבער דער חתן איז היינט פאַרטאָג צו זיי געקומען צוגיין און זיך אייַנגעשפּאַרט, אַז ס'מוז זײַן באַלד נאָך שבת נחמו.

מינדל האָט עטלעכע מאָל אויסגעדרייט איר קאָפּ צו סענדערס זייט. ער האָט אָבער אויסגעמיטן אירע בליקן. ס'האָט אים איצט ווי באַנג־געטאָן אויפן גאַנצן עסק און ער האָט געטריבן פון זיך די דערמאָנונג וועגן זייער ביינאַכטיקן באַגעגעניש. ער האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט גוט געווען ווען מינדל זאָל איצט צוקומען אים זאָגן, אַז זי האָט חרטה אויף אַלץ וואָס זיי האָבן נעכטן אָפּגערעדט.

ווען זי האָט אָבער שפּעטער, ווען אַ סך מענטשן זײַנען זיך צענויפ־געקומען, זיך נעענטער צוגעשאַרט צו אים, האָט אין אים ווידער אויפגע־

וואַכט אַ שטאַרק גלוסטונג צו איר. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע פרעגענדיקע אויגן און ער האָט איר אין דער שטיל געלאָזט וויסן, אַז ער וועט מוזן בלייבן אין דער היים איבער די שבעה־טעג.

* * *

פאַרנאַכט, ווען לייב איז אַהיימגעקומען פון זיידנס לוויה, איז פסחס ווייב טרייגע די גראָבע און זיין מומע דבורה די פירזאָגערין אַרויסגע־קומען פון שטוב און אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ריווע איז געלעגן געוואָרן.

— אַ נאָמען נאָכן זיידן? — האָט לייב ס'ערשטע געפרעגט.

— ס'אַ מיידל. ריווע וויל, אַז מ'זאָל איר אַ נאָמען געבן נאָך דיין מאַמען.

— מירן מערצישעם נאָך האָבן געגונג נעמען נאָכן זיידן. ס'אַ שוואַרץ־חנעוודיקע מויד, אַ מחיה אויף איר אַ קוק צו טאָן — האָבן די ווייבער אים ווי געטרייסט און אים דערציילט, אַז די ווייען האָבן ריווען געפּאַקט אין גאָרטן, אַז אַלץ איז געשען אַזוי פּלוצים און אַזוי גיך, אַז זי האָט שיר נישט געהאַט ס'קינד אין דרויסן. און ווען די אַלטע גויאישע באָבע איז געקומען איז שוין געווען נאָך אַלעמען.

דאָס איז געווען שוין ס'פערטע קינד ביי ריווען און לייבן. אַזוי ווי איינס איז ביי זיי געשטאָרבן אין דער מגפה האָבן זיי איצט געהאַט דריי. די עלטערע צוויי האָבן געהייסן בלומעלע און יעקב נאָך ריוועס מאַמען און נאָך איר טאַטן, און דעם דריטן האָט מען אַ נאָמען געגעבן נעכע, נאָך לייבס מוטער.

ביט נאָר לייב נאָר אויך ריווע האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער האָבן דעם זיידנס נאָמען ביי זיך אין שטוב און זייער וואונטש איז נאָך אין דער וואָך פון איר קימפּעט מקוים געוואָרן.

ס'איז געווען אויף דער דריטער נאַכט נאָך איר איבערקומען. די דאָרפסלייט זיינען שוין לאַנג געשלאָפן ווען דער וואַרטאָווניק, וואָס האָט געהיט ס'דאָרף פון שרפות און גנבות, האָט אָנגעקלאַפּט ביי לייבן אין פענצטער און אים אויפגעוועקט. לייב איז אַראָפּ פון געלעגער און ווי נאָר ער איז אַרויס אין דרויסן האָט פון טאָל, ערגעץ פון לעבן פוילישן וועג, צו אים זיך דערטראָגן אַן אָפּגעריסן פרויאיש געיאָמער.

— כ'האָב צוערשט געמיינט, אַז דאָס זיינען שדים, וואָס שיבן זיך ערגעץ דאָרט אַרום. דערנאָך האָב איך אָבער געהערט רייד ווי פון אַ יידישקע — האָט דער וואַרטאָווניק זיך ווי פאַרענטפערט פאַר לייבן פאַרוואָס ער האָט אים אויפגעוועקט.

לייב האָט ווי איינגעהאַלטן זיין אָטעם און זיך אָנגעשטרענגט אויפ־צוכאַפּן יעדן שאָרך. דאָס געיאָמער האָט זיך געהאַט איינגעשטילט, אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קוויטש, וואָס האָט געשפּאַלטן די נאַכטיקע שטילקייט.

— אוי מאַמע, אוי גאָטעניו, כ'שטאַרב! — האָבן זיך צו אים דער־טראָגן די ווערטער און דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן.

לייב האָט ניט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר גיך איינגעשפּאַנט אַ פערד אין וואָגן און מיטן וואַרטאָווניק אַרויסגעפאָרן אין טאָל אַריין צום פוי־לישן וועג. די נאַכט איז נישט געווען קיין פינצטערע און מען האָט גע־קאָנט זען די האָזן, וואָס האָבן זיך געיאָגט איבער די פעלדער. עס איז אָבער שווער געווען צו זען צי ס'ליגט וואו אַ מענטש צווישן די גראָזן. לייב האָט אַלעמאָל אָפּגעשטעלט ס'פערד און געהאָרכט. צוערשט האָט ער נאָר פאַרנומען דאָס שטילע גערויש פון אַלערליי פעלד־באַשעפענישן וואָס האָבן דאָרט געווימלט. באַלד האָט ער אָבער דערהערט דאָס פּיסטשען ווי פון אַ קינד.

— וואָס איז דאָס? — האָט לייב אַ טאַרע געטאָן דעם וואַרטאָווניק, וואָס איז געזעסן לעבן אים אַ שווייגנדיקער און געלאָזט רויך פון זיין ליולקע.

— דאָס איז דאָך אַזאַ פויגל, אַ שעלמאַ, וואָס קאָן לאַכן ווי אַ מכשפה און וויינען ווי אַ קינד. און אפשר איז עס טאַקע אַ פאַרשטעלטער שד — האָט דער גוי אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און צוגעלייגט צוויי פינגער צום האַרצן טאָמער וועט ער זיך דאַרפן איבערצלמען.

— נאַרישער כלאָפּ וואָס דו ביסט. ס'אַ קינד! — איז לייב אַראָפּ־געשפּרונגען פון וואָגן און זיך געלאָזט לויפן אין דער זייט פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט דאָס געוויין. ניט ווייט פון וועג, צווישן די גראָזן, האָט ער דערזען אַ צעטויפּגעקנוילטע פרוי און לעבן איר, איז אין אַ קאַלוזשע בלוט, געלעגן אַ פּיצל קינד, וואָס זי האָט נאָר־וואָס געהאַט געבוירן. לייב האָט אין טונקל־גרינלעכן שיין פון אַ האַלבער לבנה באַ־טראַכט די פרוי. זי איז געלעגן מיט פאַרגלעזטע אויגן, איר פּנים איז געווען באַדעקט מיט קאַלטן שוויס און ס'מויל האָט זי געהאַלטן פאַר־קלעמט. זי האָט נישט גערירט מיט קיין גליד, נאָר שווער געאָטעמט דורך דער נאָז.

— זיידע, וואו ביסטו? פאַרוואָס קומט עס אַ מענטשן אַזאַ שטראָף? פאַרוואָס? — האָט לייב אַ דורכגענומענער פון צער ווי ניט מיט זיין קול אַרויפגעשריגן צו דער האַלבער לבנה. אַזוי ווי ער האָט שוין נישט איינמאָל געהאַט געהאָלפן אָפּנעמען קעלבלעך פון בהמות, האָט ער איצט מיט געניטשאַפט זיך גענומען פאַרען אַרום דער גוססדיקער געווינערין און אַרום דעם קליינעם נפשל. ער האָט צוגערופן דעם וואַרטאָווניק, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט, און זיי האָבן ביידע אויף אַ וואַרעטע אַוועק־געטראָגן די מאַמען מיטן קינד צום וואָגן. לייב האָט דערנאָך זיי אַוועק־געפירט צו זיך אין שטוב אַריין.

מען האָט אין שטוב גיך אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אַלע זיינען גע־וואָרן וואַך. ריווע האָט ווי פאַרגעסן, אַז זי איז אַליין אַ קימפּעטאָרין און באַלד אַראָפּ פונעם געלעגער. די באָבע שרהלע האָט אַ רירעוודיקע גע־

מאַכט פייער אונטער דעם דריי־פוס אויפן פּריפּעטשיק און צוגעשטעלט אויפוואַרעמען וואַסער. ריווע האָט מיט אַ נאַסן האַנטעך גענומען באַוואַשן ס׳פּנים פון דער געווינערין, וואָס איז געווען איינגעשמירט אין בלאָטע. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער פרעמדער פרוי און אין איר אויסגעבויגענער לאַנגער נאָז דערקענט ווער זי איז.

— באַבע, זע נאָר, ס׳איז דאָך טשוניע דוניע! — האָט ריווע אויס־געשריען.

— אוי, אַ ווייטיק איז מיר! טשוניע דוניע, חיה דער אַרעמאַניכע׳ס?

— די באָבע שרהלע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און נישט גע־וואוסט וואָס פריער צו טאָן.

דער וואַרטאַוואָניק האָט אויפגעוועקט עטלעכע יידישע שכנטעס, וואָס זיינען באַלד געקומען צולויפן און מען האָט זיך גענומען ראַטעווען די געווינערין, וואָס איז געווען מער טויט ווי לעבעדיק.

אַלע האָבן געקענט טשאַרנע דאָניען, וואָס איז יאָרן לאַנג מיט איר מאַמען געגאַנגען איבער די הייזער. איר מאַמען האָט מען אין דאָרף גערופן חיה די אַרעמאַניכע און זי האָט מען געקרוינט מיטן צונאָמען טשוניע דוניע, ווייל זי האָט גערעדט אונטער דער נאָז.

די מאַמע מיט דער טאָכטער פלעגן אַלעמאָל קומען אין דאָרף אַריין פאַר אַ יום־טוב און זיי פלעגן אָפּזיין ביי בערן עטלעכע טעג ביז זיי זיינען אויסגעגאַנגען אַלע יידישע הייזער פון יאַנאָוויץ און די אַרומיקע דערפלעך. דערנאָך זיינען זיי פון דאָרט אַוועק באַלאָדענע מיט טאָרבעס מעל, פּאַסאָליעס, גרויפּן, מיט בינטלעך דאַר אויבסט, טרוקענע שוואָמען און אויך מיט עטלעכע זעקסערלעך אין קעשענע. מיט אַ קאָרג יאָר צוריק האָט אַן אַרעמאַן, ערגעץ אונטערוועגנס, מקדש געווען טשוניע דוניען, וואָס איז שוין געווען אַ מיידל אין די יאָרן און וואָס איז דערצו אויך נישט געווען קיין יפת־תואר. עטלעכע וואָכן איז טשוניע דוניעס מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ בעלמע אויף איין אויג, געגאַנגען מיט איר און מיט דער מאַמען איבער די הייזער און מיטאַמאָל איז ער ווי אויסגע־רונען געוואָרן. ער איז אַוועק פון איר אָן אַ זיי־געזונט און זי איז גע־בליבן אַן עגונה.

דאָס לעצטע מאָל איז זי מיט איר אַלטער מאַמען געווען אין יאַנאָוויץ פאַר חנוכה. זיי האָבן דעמאָלט פאַר דער באָבע שרהלע און פאַר ריווען זיך אויסגערעדט זייערע שווערע הערצער, פאַרגאָסן אַ סך טרערן און דערציילט, אַז אַזוי ווי זיי האָבן געהערט, אַז טשוניע דוניעס מאַן איז אַוועק קיין רוסלאַנד, לאָזן זיי זיך אַרויס אים זוכן. מען האָט זיי דעמאָלט אין דאָרף באַקליידט, געגעבן שיינע נדבות און זיי האָבן דערנאָך מיט די פאַרשנייטע וועגן זיך אַוועקגעלאָזט צו דער רוסישער גרענעץ. פון דעמאָלט־אָן האָט מען זיי מער נישט געזען אין יאַנאָוויץ.

מען האָט ביי לייבן אין שטוב אַלץ אָנגעווענדט צו ראַטעווען טשוניע דוניען. ערשט הינטער טאָג האָט זי אַביסל געעפנט די אויגן און אַרויס־

געקרעכצט: „ס׳קינד, האָט גאָט אין האַרצן!״ — זי איז דערנאָך ביסלעכווייז צו זיך געקומען און דערציילט, אַז איר מאַמע איז אונטערוועגנס גע־שטאָרבן און אַז זי האָט איר מאַן נישט געפונען.

אַזוי ווי ריווע האָט פון אירע בריסטן סיי־ווי געמוזט אָפּציִען מילך, האָט זי אויך אָנגעזויגן טשוניע דוניעס קינד, וואָס איז געווען אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיק ייִנגעלע און זי האָט עס אויך געבאָדן.

— איר זאָלט נישט וויסן פון קיין שלעכטס. דער אויבערשטער זאָל אייך דערפאַר בענטשן מיט דער וועלט און מיט יענער וועלט — איז דאָס אויסגעמאָגערט פּנים פון דער קראַנקער מאַמע באַלעבט געוואָרן מיט אַביסל קאָליר ווען מען האָט איר צוגעבראַכט דאָס קינד. עפּעס ווי אַ גרויס גליק איז זי מיטאַמאָל באַפאַלן. אַ שמייכל האָט אַ ציטער געטאָן אויף אירע פאַרקוואַרטע ליפּן און עטלעכע גרויסע טרערן האָבן זיך אָפּגעריסן פון אירע אויגן. — כ׳האָב געוואוסט צו וועמען צו גיין. כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל נאָך אויספּייען. אַ גוטער מלאך האָט זיך צו מיר באַוויזן אין פעלד — האָט זי אין דער שטיל געמורמלט.

מען האָט טשוניע דוניען געהאַלטן אין איין פּילעווען און זי האָט אָנגעהויבן קומען צו אירע כוחות. אַ טאָג פאַר׳ן ברית פון איר ייִנגעלע האָט זי זיך שוין אַליין אויפגעזעצט אין בעט און געלאָזט וויסן די שטוב־מענטשן, אַז זי וויל, אַז מען זאָל איר קינד אַ נאָמען געבן נאָך בערן.

— ס׳איז עפּעס נאָר אַ גאָט־זאַך — האָט די אַלטע שרהלע אַן אויפגעמונטערטע געפינטלט מיט די אויגן.

— טאַקע נאָר ווי פון הימל. מ׳עט דאַרפן צוזען, אַז זי זאָל בלייבן וואוינען אין דאָרף.

— כ׳על זי נישט אַרויסלאָזן פון הויז ביז איך וועל נישט אַנטווייִנען איר ייִנגל. זי האָט דאָך נישט קיין טראָפּן מילך און איך האָב גענוג — האָט אויך ריווע געוואָלט פאַרהאַלטן אין הויז די מאַמען מיטן קינד און ווי לייב זיך געפרייט, וואָס עס איז זיי צוגעשיקט געוואָרן אין שטוב אַריין אַ נאָמען נאָכן זיידן.

דער ברית איז געפּראַוועט געוואָרן ביי לייבן אין שטוב און די דאָרפס־ייִדן זיינען זיך צונויפגעקומען ווי צו אַן אייגענער שמחה. ר׳ וועלוועלע האָט פון שטאָט געבראַכט אַ מוהל און ער אַליין איז געווען סנדק. מען האָט אָנגעטראָגן אַ סך מתנות פאַר דער קימפּעטאָרין און פאַרן קינד און לייב האָט באַצייטנס גענומען רעדן מיט די דאָרפסלייט וועגן באַזעצן טשוניע דוניען אין יאַנאָוויץ און וועגן פאַרזאָרגן זי מיט אַ שטיקל ברויט.

טשוניע דוניע האָט אָבער מער ווי אַ פּאָר חדשים זיך ניט געהאַלטן אין דאָרף. זי האָט אין אַ שיינעם טאָג גענומען איר קינד און זיך אַוועק־געלאָזט צו דער רוסישער גרענעץ זוכן איר מאַן.

אין דעם טאָג ווען מען איז ביי לייבן אין הויז געווען פאַרדאַשט מיטן ברית פון דער עגונהס ייִנגעלע זיינען סענדער און מינדל אומגעזעגנט

אוועק פון יאַנאָוויץ. ביים שאפער אין שטוב האָט עס געהייסן, אַז מינדל איז געפאָרן אין שטאָט אַרייך צו אַ שניידערין, אויפצונייען איר חופה־קלייד, און ביי לייבן האָט מען געמיינט, אַז סענדער, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט איבערנעכטיקן אין שטאָט, לאָזט זיך דאָרט ווידער וואויל־גיין. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און מען האָט זיך דערוואוסט, אַז מינדל האָט אַן טאַטע־מאַמעס וויסן אָפּגעשיקט איר חתן די תנאים און אַז אַ בעל־עגלה פון שטאָט האָט אין מיטן נאַכט, זי מיט סענדערן, אַוועקגעפירט קיין טשאָרטקאָוו צו דער באַן.

דאָס דאָרף איז אין די שטילע טעג פון ערב שניט אויפגערודערט געוואָרן. די בייס, אַז מינדל האָט איבערגעלאָזט דעם חתן און איז אַנט־לאָפן מיט סענדערן קיין אַמעריקע האָט זיך גיך צעטראָגן איבער אַלע שטיבער. די ידישע ווייבער, וואָס האָבן געקוקט קרום אויף דעם שאפערס „טיראַלער" טעכטער, פאַר זייער חנדלען זיך צו אַלע מאַנסבילן און פאַר זייער הויך לאַכן, האָבן זיך אַזש באַלעקט ווען זיי האָבן גענומען רעדן וועגן דער געשעעניש.

— ווער ס'איז שיין, איך בין אָבער קלוג. ס'האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז מינדעלע וועט נאָך עפּעס אָפּטאָן. אַזוי אָנפּייפן אַ חתן דאַרף מען קאָנען.

— כ'האָב יאַקבע געהערט זאָגן דאָס זיי האָבן זיך געליבט פון דער ערשטער וואָך, וואָס ער איז געקומען.

— איי, איי, איי, שאָטאַם טוט זיך, אויבן שיט זיך, און אונטן מאָלט זיך. אַ געשעפט ביי איר געווען זיך צו ליבן. זי האָט געהאַט אַ חתן און האָט זיך געהאָראָטשעט און געגווידערט פאַר יעדן מאַנסביל.

— נו, וואודען, אומזיסט זיינען דאָרטן איבערגעלעגן די זשאַנדאַרן. ס'איז נאָך גוט, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין בענקאַרט. זי האָט דאָך נאָר ווי אַ קאַץ זיך אַרומגעשיבעט.

— זי האָט דעם סענדערן געמוזט אָפּטאָן עפּעס אַ כישוף.

— ער איז דאָך געזעסן ביי איר אין די אויפדערנעכט און געטרונקען טיי אין הוילן קאָפּ. נו, האָט זי אים פאַרדרייט דעם קאָפּ.

— וואָס אָרט איך, זי האָט שוין געוואוסט וואָס אים אַריינצוטאָן אין דער טיי.

— ער איז דען בעסער פון איר? זיי זיינען צוויי פייגל פון איין מין. ווייל, וואָס ער פלעגט דאָס אַמאָל פאַראַרבעטן מיט די שיקסעס. איצט איז ער כלומרשט צוריקגעקומען אַן אויסגעמענטשלטער; אָבער מיט וואָס דער טאָפּ ווערט אָנגעברענט מיט דעם צעברעכט ער זיך.

— אַזוי צו פאַרשעמען די משפחה! ס'איז נאָך גוט, וואָס דער אַלטער בער האָט עס נישט דערלעבט. וויפיל ער האָט אין דעם סענדערן נישט אַריינגערעדט, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט בונעמס טאָכטער און זיך באַזעצן אין דאָרף מיט לייטן גלייך.

— ס'וואָלט אים אוודאי געווען געגאַנגען בלוט פון דער נאָז ווען

ער זאָל געווען נעמען טעמע בונעמס מיט די צעך מאַרגעס. דער זיידע זיינער האָט נעבעך אים געוואָלט זען אויף לייבס שטייגער, אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם וואָס ער האָט געוואָלט. פון חזיר־האָר קאָן מען קיין שטריימל נישט מאַכן.

עס האָבן וועגן דעם אַנטלאָפענעם פּאָרל גערעדט נישט נאָר די יידי־שע ווייבער, נאָר קינד־און־קייט פון יאַנאָוויץ, פון די אַרומיקע דערפלעך און אויך אין שטעטל. עס איז ערגעץ וואו באַשאַפן געוואָרן אַ ליד וועגן דעם אַנטלאָפענעם פּאָרל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„צי האָט איר געהערט וואָס ס'האָט זיך געטראָפן, די טיראָלער מויד איז מיט סענדערן קיין אַמעריקע אַנטלאָפן". אַפילו קינדער האָבן געקענט דאָס ליד און מען האָט עס אויף שריט און טריט געזונגען.

צווייטער טייל

קאַפּיטל דרייצן

שטיל איז זיך געפלאָסן דאָס שמאָלע ניטשלאַווע וואַסער הינטער די יאַנאָוויצער גערטנער און מיט זיך אַוועקגעטראָגן אַ סך זומערן און ווינטערן. ווען לייב מיט ריווען האָבן חתונה געהאַט איז זייער ירושה־שטוב געשטאַנען ביים עק דאָרף. עס איז אָבער אַלעמאָל אין יאַנאָוויץ צוגעקומען אַ ניי ליימיק שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך. די כאַטעס האָבן ווי שוואָמען מיט גרויסע קאַפּעליושן, זיך אויסגעשפּרייט העט ביז צו דער מיל און דאָס דאָרף איז מיט יעדן יאָר גרעסער געוואָרן. מען האָט אויך צוגעבויט נייע שטיבלעך אויף דער אַנדערער זייט פון דאָרף, אַזוי אַז יאַנאָוויץ מיט דער טאַטאַרשטשיזנע זייַנען געוואָרן ווי איינס. מען האָט נאָר אָן דעם פיר־קאַנטיקן קילאָמעטער־שטיין, וואָס איז געווען איינגע־גראָבן ביים וועג, נישט ווייט פון נאָטעס שטוב, געוואוסט אַז דאָרט איז די גרעניץ צווישן די צוויי דערפער.

עס האָבן זיך געמערט די גויים און עס האָבן זיך אויך געמערט די יידן און אַ היפּש ביסל פון די ניי־צוגעקומענע שטיבלעך האָבן געהאַט מזוזות אויף די ביישטידלעך פון די דרויסנדיקע טירן. די יידישע דאָרפס־לייט, וואָס זייַנען דאָרט ווי ביימער געווען איינגעוואָרצלט, האָבן אויס־געהאָדעוועט זין און טעכטער, זיי חתונה געמאַכט און זיי באַזעצט לעבן זיך. עס האָט זעלטן דאָרט ווער זיך אָפּגעריסן פון אייגענעם שטאַם און אַוועקגעוואַנדערט פון דער היים. פאַרקערט, עס זייַנען נאָך צוגעקומען יידן פון דער פרעמד.

איינער פון די יידן, וואָס איז געקומען פון דער פרעמד דאָרט זיך צו באַזעצן, איז געווען משה אהרן ראָגאַטניק. דער דאַרער ייד מיט די הויכע באַקן־ביינער און מיטן פּיצל בערדל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ וואָרצל פון אַ קנאָבל, איז אויפן צווייטן זומער נאָך בערס טויט אַריינ־געפאָרן קיין יאַנאָוויץ. ער איז געקומען פון ווייט אין אַ פאַרשטויבטן וואָגן, אין וועלכן ער האָט געבראַכט צופירן אַן איינגעשרומפּן קאַסאָקע ווייבל, זייערס אַ קליין טעכטערל, אַ שוואַרצע ציג מיט אַ ווייסער אייטער, אַ פּאַק ספרים איינגעוויקלט אין אַ טישטעך און אַ ביסל אַלטע בעבעכעס.

אַזוי ווי מען האָט דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט בויען דעם קאַיזער־שטראָז, וואָס האָט זיך געצויגן דורך יאַנאָוויץ, האָט מען ווייט אַרויס פון דאָרף געמאַכט אַ ראָגאַטקע אויף איינצומאָנען פון די דורכ־

פֿאַרער שטייערן פֿאַרן געפֿלאַסטערטן וועג. מען האָט אויפֿגעשטעלט אַ לייַמיק שטיבל, עס באַצירט מיט אַ שוואַרץ־געלן אָדלער, פֿון דער עסט־רייכישער מלוכה, און מען האָט געלייגט איבערן וועג אַ ווייס־רויט גע־שטרייפֿטן ראַגאַטקע־דראַנג, וואָס האָט אַן אַנגעבונדענער אויף אַ לאַנגער קייט זיך געצויגן אין דער הויך. משה אהרנען האָט מען געבראַכט, אַז ער זאָל זיין דער נאַמן אויף דער ראַגאַטקע. ער האָט זיך באַזעצט מיט ווייב און קינד אין דעם שטיבל און בייטאָג און ביינאַכט אויפֿגעמאַנט פֿאַר יעדן געשפּאַן צו עטלעכע גרייצער.

ווען מען האָט דורך יאַנאָוויצער פֿעלדער גענומען ציען די באַן־ליניע צו דער רוסישער גרעניץ און מען האָט ביים בערעזער וואַלד, אַ פֿיר קילאָמעטער פֿון דאָרף, אויפֿגעשטעלט אַ סטאַנציע און אַ טאַרטאַק אויף צו זעגן ברעטער, זיינען צוגעקומען קיין יאַנאָוויץ עטלעכע יידישע סוחרים פֿון דער פֿרעמד. איינע זיינען געקומען מיט ווייב און קינד און אַנדערע האָבן חתונה געהאַט מיט יאַנאָוויצער מיידן. כאָטש זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט מסחר, האָבן זיי זיך אָבער דאָרט איינגעפֿונדעוועט מיט פֿעלדער, מיט אייגענע שטיבער און מיט פֿערד און בהמות.

עס איז אין יאַנאָוויץ געוואָרן אַ תּושב דער תּבֿואה־סוחר גדליה דער געלער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געפֿירט עסקים מיט די יידישע פּריצים פֿונעם דאָרף. מיט דער צייט האָט זיך דאָרט אויך צוגעשלאָגן צו אַן אייגן שטיבל דער שטאָטישער שניידער זיינוול, וואָס האָט געצויגן זיין חיונה פֿון די דאָרפֿישע גויים. ווען זיינוול האָט געוואוינט אין שטאָט פֿלעגט ער זעקס טעג אין וואָך זיך וואַלגערן אין די גויאישע שטיבער, וואו ער האָט כסדר געשטשאַבעט מיט דער נאָדל און ער איז נאָר אויף שבת אַהיימגעגאַנגען צו ווייב און קינדער. אָבער נאָכדעם ווי ער איז עטלעכע מאָל, אין וואָכנטעג, אין דער יאַנאָוויצער קלויז געוועזן אַ צענטער צום מנין און מען האָט אים אויך מכבד געווען מיט דאַווענען פֿאַרן עמוד, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט אַראָפּצובערענגען אין דאָרף אַריין זיין גאַנץ בני־בית. עס איז קיין יאַנאָוויץ אויך אַראָפּגעקומען אַ יידישער מילנער, וואָס האָט דאָרט געפּאַכטעט די מיל און זי אינגאַנצן איבערגעבויט. ער האָט געלאָזט מאַכן נייע וואַסער־רעדער, אָפּגעדעקט די מיל מיט אַ שינד־לענעם דאַך און ער האָט אַריינגענומען צוויי נייע בייטל־שטיינער, פֿון וועלכע דאָס מעל איז אַרויסגעקומען קלאָר ווי פֿריש־געפֿאַלענער שניי.

די קלויז איז אין די שבתים און יום־טובים וואָס אַמאָל פֿולער גע־וואָרן מיט יידן. דער אַלטער פּריץ ר׳ מאיר פֿעלדמאַן האָט זעלטן־ווען פֿאַרפֿעלט צו קומען דאַווענען און צוליב אים זיינען אין די יום־טובים אויך עטלעכע פֿון זיין דינערשאַפֿט געקומען. אָבער זיין זון, דער יונגער פּריץ, האָט אין קלויז אַפֿילו נישט אַריינגעשמעקט.

אין אַ שיינעם טאָג האָט נאָטע, וועמען עס האָט כסדר געצויגן צום שטאָטישן לעבן, אומגעריכט אַראָפּגעבראַכט אַ שוחט, אַז ער זאָל זיך באַזעצן אין דאָרף. לייב, וואָס האָט צוליב ריוועז און רויזען נישט גע־

פירט קיין רוגז מיט זיין שוואגער, איז אַזש געוואָרן אַ פאַרציטערטער ווען נאַטע מיט ר׳ וועלוועלען האָבן צו אים דעם ערשטן געבראַכט צופירן דעם שוחט.

— אַ דאָרף וואָס האָט אַ קלויז דאַרף אויך האָבן אַ שוחט — האָט נאַטע זיך אָפּגעזאָגט.

— טאַקע שיין און גוט. מ׳עט מער נישט דאַרפן לויפן יעדן דאָ־נערשטיק אין שטאָט אַריין קויפן אַ שטיקל פלייש אָדער קוילען אַן עוף אויף שבת. ס׳זאָל אָבער נאָר זיין געגנוג צום שעכטן — האָט לייבן אַביסל פאַרדראָסן פאַרוואָס זיין שוואָגער האָט ביי קיינעם זיך נישט אָנגעפרעגט, נאָר אַליין אַראָפּגעבראַכט דעם שוחט

— מ׳עט עסן אַביסל מער פלייש און ס׳עט זיין וואָס צו שעכטן. נישטאָ וועגן דעם וואָס צו רעדן. אונדזער אַלטער פריץ האָט צוגעזאָגט צו געבן האַלץ פאַרן שוחט וויפיל ער וועט נאָר באַדאַרפן. ער וועט אויך געבן יעדעס יאָר אַ פּאָר זעקלעך תבואה. און וואו זיינען מיר? נישקשה, מיר קאָנען זיך פאַרגינען — האָט נאַטע נגידיש געהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך און געשטופּט פאָראויס זיין בייכל.

לייב האָט באַטראַכט דעם נייעם שוחט ר׳ עליע און זיך ווי נישט געקאָנט גלויבן, אַז ער האָט ס׳האַרץ צו האַלטן אַ חלף אין האַנט. דער שוחט האָט אויסגעזען ווי איינער, וואָס וועט קיין פליג אויף דער וואַנט נישט פאַרטשעפּען. לייב האָט ביי זיין ערשטער באַגעגעניש מיט דעם שוחט ר׳ עליע עפּעס ווי נישט אומיסטן, אין געדאַנק אים פאַרגליכן מיט יאַנטשוקן, דעם קיילער פון די דאָרפישע חזירים און אויך פון די בהמות, וואָס זיינען איינגעפאַלן און מען האָט זיי מער נישט געקאָנט דערראַטעווען. יאַנטשוק איז געווען אַ גרויסער גוי מיט אַ פול רויט פּנים און מיט אַ געזונטן קאַרק און ר׳ עליע איז געווען אַ מיטל־געוואַקסענער און אַן אָפּ־געמאָגערטער. ער האָט געהאַט אַ שיינע, ברייטע באָרד ווי פון זאַפערן־קאָליר און פון אונטער זיין שוואַרץ־גרינלעכן סאַמעטענעם קאַפּעליוש האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר בלויע קינדישע אויגן. ווען מען האָט גע־רעדט צו אים האָבן זיינע גוטע קינדישע אויגן ווי פון שעמעוודיקייט זיך האַלב פאַרמאַכט. זיינע הענט זיינען געווען איידל און ווייס און זיינע טריט לייכטע און שטילע. זיינע רייד זיינען געווען קאַרג און זיי זיינען אַרויסגעקומען פון זיין מויל מיט אַ שטילן מעלאַדישן קלאַנג.

— עס וועט אייך דאָ זיין גוט — האָט ר׳ וועלוועלע גערעדט צום שוחט ווען ער איז מיט אים צום ערשטן מאָל אַרויפגעקומען צו לייבן אויפן הויף, וואו עס האָבן זיך אַרומגעדרייט היגער, קאַטשקעס און גענדז — וואָס ווייסט איר, וואָס פאַר אַ יידן דאָס זיינען! ווען כ׳קום אַהער וויל איך גאָרנישט אַוועקגיין. זיי האָבן די גוטע מידות פון זייערע עלטער־זיידעס, וואָס דער בעל שם־טוב האָט אויף זיי משפיע געווען.

ר׳ עליע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער איז געבליבן שטיין אין מיטן הויף און אַ פאַרחידושטער געקוקט אויף דער שפּע אָרום לייבס

שטוב. עס איז געווען שוין נאָכן זומער און די פּאַדווירע איז פול געווען מיט סטייגלעך תבואה, מיט סנאָפּעס קוקורודזע און פּאַסאָליעס.

— אירט זיין ביי אונדז שטאַרק אַנגעלייגט און קיין ברויט וועט אייך נישט אויספעלן — האָט לייב זיך צוגעשאַרט צו דעם פרעמדן שוחט.

— מיט השם יתברכס הילף — האָט ר' עליע צוגעלייגט אַ קליינע ווייסע האַנט צו זיין ווייכער באָרד.

— טאָמער וועט איר עפּעס דאַרפן זאָלט איר אונדז זאָגן. איר זעט, מיר האָבן שאָף אויך. די יונגע זיינען אַרויסגעקומען געפּלעקטע — האָט לייב אַנגעוויזן אין אַ ווינקל פון הויף, וואו עס איז געלעגן אַן אַלטע שאָף און עטלעכע יונגע לעמלעך זיינען איר אַרומגעשפּרונגען.

— נקודים וברודים ווי ביי יעקב אָבינו. ס'איז דאָך ביי אייך ארץ־ישראל — האָט דער שוחט קינדיש געשמייכלט.

עטלעכע ווייבער מיט די הענט הינטער די פאַרטעכער זיינען צוגע־קומען צו לייבס טויער און פון דער ווייטנס גענומען באַטראַכטן דעם שוחט.

— דאָס איז ער? קוילען דעם שור הבר וואָלט מען אים נישט צוגעלאָזט — האָט דבורה די פּירזאָגערין זיך געלאָזט הערן און די אַנ־דערע ווייבער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

אברהם אַליניק מיט פּסחן און נאָך עטלעכע יידן זיינען געקומען צו־גיין. זיי האָבן ביי לייבן אין שטוב אָפּגעגעבן שלום ר' עליען מיט אַזאַ יראת הכבוד, גלייך ווי ער וואָלט געקומען זיין זייער רב.

ווייבער און מיידן האָבן באַלד געבראַכט צוטראָגן געבונדענע עופות און ביי לייבן אויפן הויף געמאַכט דעם שוחט אַ פּאַטשעטעק. לייב האָט הינטער דער סטאַדאָלע אויסגעגראָבן אַ גריבל, עס אויסגעשאָטן מיט אַש און מיט אַ געפּיל פון רחמנות צום שוחט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער זייט אים קוקן אין די הענט אַריין. דער שוחט האָט פאַרשטעקט אין גאַרטל די פּאָלעס פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע און זיך גענומען צום חלף, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך אין אַ פּלאַטשיק קעסטעלע. ער איז מיטאַמאָל אינגאַנצן פאַרענדערט געוואָרן. ס'פּנים איז אים געוואָרן רויט און אַנגעדראָלן און זיינע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט. עס איז אין זיינע אויגן מער נישט געווען קיין סימן פון דער קינדישער מילדקייט ווען ער האָט דאָס הילצערנע הענטל פון דעם בלאַנקענדיקן חלף אַריינגענומען צווישן די ציין און פלינק אַ כאַפּ־געטאָן אַן עוף ביי די פליגל. ר' עליעס באָרד איז געוואָרן צעשויבערט און ווי מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם זיידענעם גלאַנץ. ווי מיט בייזקייט האָט ער פאַררויסן דאָס קעפּל פונעם עוף, אַנגע־שפּאַנט ס'העלדזל און דאָרט גיך גענומען אויספּליקן די דריבנע פעדער־לעך. לייב וואָס האָט אים איצט ווי ניט דערקענט האָט זיך אַוועקגע־דרייט ווי נאָר דער שוחט האָט אַרויסגענומען דעם חלף פון מויל.

— מיר וועלן מיט לייטן גלייך.

— איי, ווען דער אַלטער בער זאָל געווען דערלעבן צו זען, אַז מיר האָבן שוין אַ שוחט!

— מיר דאַרפן נאָך האָבן אַ מרחץ מיט אַ מקווה און מירן קאָנען אויסקומען אָן דער שטאָט — האָבן די יידן זיך געפילט גאָר געהויבן מיטן שוחט און אים ממש געבלאָזן די טריט. אַזוי ווי ער איז אין דאָרף אַריין געקומען מיט אַ ווייב און מיט צוויי קליינע טעכטערלעך, האָט מען פאַר אים געדונגען אַ שטיבל, אים געהאָלפן קויפן אַ מעלקענדיקע בהמה און ער איז דאָרט ביסלעכוויז געוואָרן אַ באַלעבאָס. ר׳ עליע איז אויך געוואָרן אין דער יאַנאָוויצער קלויז דער בעל־תפילה, דער בעל־קורא, דער בעל־תוקע און ער האָט דערפאַר פון די יידישע דאָרפסלייט באַקומען אַ יערלעך געהאַלט אין געלט, תבואה און קאַרטאָפל. דערצו האָט אים אויך צוגעזען דער אַלטער יאַנאָוויצער פריץ מיט האָלץ אויף צו באַהייצן זיין שטוב, און אויך מיט פאַשע פאַר דער קו. מען האָט צום שוחט אויך אָנגעדונגען עטלעכע עלטערע ייִנגלעך, וועלכע האָבן געהאַט גוטע קעפּ, אַז ער זאָל מיט זיי לערנען אַ בלאַט גמרא.

דער שטילער ר׳ עליע האָט ביסלעכוויז זיך אָנגעהויבן פילן היימישער מיט די דאָרפישע יידן. מיט דער צייט האָט ער אין קלויז, שבת אין דער פרי פאַרן דאַוונען, מיט זיי אָנגעהויבן לערנען אַ פרשה חומש מיט רש״י, מיט בעל־הטורים און אַנדערע פירושים. אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען די, וואָס האָבן מער ווי אַביסל עברי נישט געקענט, האָט ער געלערנט אַליין אויפן קול און די יידן האָבן שוויגנדיקע אַריינגעקוקט אין די חומשים און זיך צוגעהערט.

קוים איז אָבער נאָטע אַריינגעקומען אין קלויז איז שוין געווען אויס לערנען. נאָטע האָט זיך באַלד צוגעלאָזט צום טיש וואו ר׳ עליע איז געזעסן מיט די יידן און איידער וואָס ווען, האָט ער זיך שוין אַריינגעמישט מיט עפּעס אַ פּשטל, אָדער מיט אַ מאמר וועגן דער סדרה פון דער וואָך. ער האָט מיט גאווה זיך געשטרעקט אויף זיינע דינע פיסלעך, מיט ביידע הענט אָנגעהאַלטן די ברעגעס פון זיין טלית, מיט דער ברייטער זילבערנער עטרה, וואָס איז בגידיש געלעגן אַרום זיינע אַקסלען, פאַרצויגן אַן אייגל און ווי געלאָזט וויסן די יידן, אַז ער קען אויך לערנען. דער שטילער שוחט איז פון אים אַריינגעצויגן געוואָרן אין די דברי תורה ווי אין אַ געוועב און ער האָט זיך נישט געקאָנט פון אים אַרויסדרייען ביז לייב האָט ניט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און געלאָזט וויסן, אַז עס איז שוין צייט זיך צו שטעלן דאַוונען.

* * *

אויפן צווייטן ווינטער, נאָכן שוחטס באַזעצן זיך אין יאַנאָוויץ, האָט נאָטע אָן קיינעמס וויסן ערגעץ פון אַ שטאָט געבראַכט צופירן אַ מאַדערנעם לערער און געמאַכט ביי זיך אין שטוב אַ חדר.

ביז צו יענעם ווינטער איז דאָס חדר פאַר די דאָרפישע קינדער

שטענדיק געווען אין דער ירושה־שטוב, וואו לייב האָט געוואוינט. יאָרן און יאָרן איז בער, לייבס זיידע, געווען דער וואָס פלעגט שטענדיק חול־המועד פסח און חול־המועד סוכות פאָרן אויפן יאַריד אויסקלייבן אַ מלמד פאַר די קינדער פון דאָרף. נאָך איידער בער איז געשטאָרבן האָט ער לייבן איבערגעגעבן די חזקה. לייב האָט פאַרזאָרגט די מלמדים, געמאַכט זומער דאָס חדר אין קלויז און ווינטער ביי זיך אין שטוב.

ווען די יידן אויפן דאָרף האָבן זיך פאַרמערט איז לייבס שטוב נישט געווען גענוג גרויס אויף אַריינצונעמען אַלע קינדער. און כאָטש עטלעכע עלטערע יינגלעך האָבן געלערנט ביים שוחט און אַ פּאָר אויך ביי אברהם אַליניק, האָט לייב איינמאָל אין קלויז געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז מען וואָלט געקאָנט אויף דער טאַטאַרשטשינע צונויפשטעלן נאָך אַ חדר.

— טאָקע נישט מער ווי רעכט. ס׳קליינוואַרג מערט זיך קיין עין־הרע.

— ווען מ׳טרייבט־צונויף אַ גרויסע טשערעדע בהמות אויף אַ קליינער פאַסטוויסקע גייען זיי אַהיים מיט ליידיקע אייטערס. נישקשה, מ׳מעג זיך פאַרגינען צו האָבן נאָך אַ חדר.

— די ערלים נעמען זיך אַרויס די אויגן ווען זיי זעען אַזוי פיל יידישע קינדער אינאיינעם. זיי האַלטן דאָך אונדז אין איין ציילן, אַז ציילן זאָלן זיי די ציין פון זייערע מיילער.

— אין די שנייען און אין די זאַווערוכעס איז טאָקע צו ווייט צו גיין פון די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך. ס׳קומט דאָך שטענדיק אויס צו פירן די חברה אין חדר אַריין מיטן שליטן.

— זומער זיינען זייערע קעפּ אינגאַנצן נישט ביים לערנען, דאָרף מען זען כאָטש ווינטער אין זיי אַריינצוקלאַפּן אַ פרשה חומש מיט רש״י — האָבן די יידן זיך אָנגעכאַפּט אָן לייבס רייד.

פאַרן חדר, וואָס איז געווען ביי לייבן אין שטוב, האָט מען פאַר יענעם ווינטער, ווען נאָטע האָט געבראַכט אַ לערער, צוגענומען דעם פאַראַיאָריקן מלמד מעכעלע גאַנדז. דער מלמד איז געווען אַ באַלייבטער ייד אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט שטענדיק געפּראַכט ווי אַ געשטאָפּטע גאַנדז. זיין באָרד, אַ גרויליכע און אַ גרינע פון טאַבאַק, האָט געהאַט צוויי לאַנגע שפּיצן, וואָס האָבן אים געגרייכט ביזן גאַרטל. ער האָט אין זיך נישט געהאַט קיין גאַל און מען האָט אים אין דאָרף ליב געהאַט פאַר זיין גוטמוטיקייט און פאַר זיינע מעשות, וואָס ער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו דערציילן. נישט איינמאָל איז מען ביי לייבן אין שטוב אין די ווינטער־נעכט זיך פאַרזעסן ביז הינטער טאָג און זיך צוגעהערט צו מעכעלעס מעשות וועגן גוטע־יידן, וועגן גלגולים, וואָס זוכן אַ תיקון, וועגן די רויטע יידעלעך אויף דער אַנדערער זייט פון סמבטיון און וועגן משיחס צייטן.

פאַרן נייעם חדר איז לייב מיט נאָך עטלעכע יידן אום חול־המועד סוכות אַרויסגעפאָרן אויפן יאַריד זוכן אַ מלמד. אין שטאָט אויפן „פּלעצל״ האָבן זיך אַרומגעדרייט געגנוג מלמדים און לערער, וואָס האָבן געוואַרט, אַז דאָרפישע באַלעבאַטים זאָלן זיי „קויפן״ פאַרן זמן. עטלעכע פון זיי האָבן זיך באַלד גענומען דרייען אַרום לייבן און אַרום די יידן פון דער טאַטאַרשטשינע.

— ביי מיר קען מען יעדע וואָך די סדרה ווי אַ וואַסער. און שולחן־ערוך מיט יינגלעך, וואָס דאַרפן אָנהייבן לייגן תפילין, לערן איך אויך — איז אַ הינקעדיקער ייד מיט אַן איינגעפאַלן פאַרחושכט פּנים דער ערשטער צו זיי אונטערגעקומען.

— כ׳על איינחזרן מיט אייערע קינדער אַ „ואני און איך יעקב״, האָט איר נאָך אַזוינס נישט געהערט. און שבת קאָן איך דאַווענען פאַרן עמוד — האָט אַ צווייטער מלמד אויסגערעכנט זיינע מעלות.

— אייערע טעכטער וועלן ביי מיר אין איין זמן קענען דאַווענען און לייענען ס׳טייטש־חומש מיט די תחינות — איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַן, וועמען עס האָט ערשט אָנגעהייבן שפּראָצן אַ באָרד. עס איז אים באַלד ווי פאַרלאָפן דעם וועג אַ געזונטער בחור מיט רויטע פולע באַקן און זיך אָנגעבאָטן נישט נאָר צו לערנען מיט די קינדער, נאָר אויך אַרויס־צוהעלפן אויף די דאָרפישע באַלעבאַטישקייטן ביי דער אַרבעט.

— זעטס נאָר אַ פּאָר פּיסקעס און אַ פּאָר הענט! מ׳וואָלט אים אפשר געדאַרפט אַהיימנעמען אויף צו פאָרהערן. פון אַזאַ פּופּלאַק וואָלט מען טאַקע געקאָנט האָבן אַ נוצן. ער איז דאָך אָנגעפּרעסן ווי אַן אָקס פאַרן קוילען.

— ער איז נישט פאַר אונדז און כ׳וואָלט אים פאַרן הוילן ברויט נישט גענומען.

— ס׳לערנען ליגט אים אַפילו נישט אין דער לינקער פּאה. אַזאַ יונגאַטש וועט קריכן צו די שיקסעס און וועט זיך נאָך אויך טשעפּען צו די יידישע מיידן.

— מ׳דאַרף זוכן אַן איידעלען און אַן אויסגעהונגערטן.

— מ׳דאַרף האָבן אַ מלמד, וואָס זאָל פון די יונגען שינדן פּאַסן. נאָר מיט קלעפּ קאָן מען אין זיי אַריינשלאָגן אַביסל תורה — האָבן די יידן פון דער טאַטאַרשטשינע צווישן זיך גערעדט.

— ווען מ׳טרעפט אַזאַ ווי מעבעלע גאַנדז, וואָס איז נישט קיין שלעגער, וואָלט מען אים אויך געמעגט נעמען. די קינדער האָבן טאַקע פאַר אים נישט קיין מורא, אָבער ער לערנט זיי פאַרט עפּעס אויס — האָט לייבן גראָד געצויגן צו אַן עלטערן גוטמוטיקן מלמד, וואָס האָט אָבער גערעדט אונטער דער נאָז און ביי די אַנדערע יידן גאָרנישט נושא־חן געווען.

זיי זיינען יענעם טאָג אַהיימגעקומען פון יאַריד אָן אַ מלמד און מען האָט זיך געקליבן פאָרן זוכן עפּעס רעכטס אין אַן אַנדער שטאָט. באַלד

נאָך סוכות האָט אָבער נאָטע, וואָס האָט שוין געהאַט צוויי מיידעלעך צום לערנען, געבראַכט צופירן פון אַ גרויסע שטאָט אַ מאָדערנעם לערער און געמאַכט ביי זיך אין שטוב אַ חדר. פאַר די דאָרטיקע יידן איז אַזאַ לערער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין סימן פון קיין באָרד און פאות, געווען אַ נייעס.

— זעטס נאָר דעם דאַטש מיטן שפּאַלט. וואו האָט אים נאָטע אָפּגעזוכט? ווער ווייסט וואָס ער וועט נאָך אַהיימברענגען פון די גרויסע שטעט?

— איר מיינט צו זאָגן, אַז ער וועט לערנען מיט אונדזערע קינדער?

— ווייס׳יך וואָס. ער׳ט זיך דאָ האַלטן פון אסתר תענית ביז פורים

— ס׳פּאַסט אים צו זיין אַ שרייבער ביי אַ נאָטאַר, אָבער נישט קיין דאָרפישער מלמד — האָבן די דאָרפסלייט באַטראַכט דעם הויכן שיינעם יונג מיטן שוואַרצן קוטשעראַוועון קאָפּ און געצויגן מיט די אַקסלען.

— ווער דאַרף אים דאָ, דעם אויפגעקלערטן שמויגער? כ׳האָב פיינט אויף מיר אַרויפצושלעפן אַ פרעמדן לעטניק. מיין שוואָגער ווייסט שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן פון וואוילטאָג — איז לייב געווען אויפגעבראַכט אויף נאָטען דערפאַר וואָס ער האָט געבראַכט אַזאַ מין לערער. ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין אַנדערש פון אים און פון זיין זיידן בער.

— כ׳וויל אַז מיינע קינדער זאָלן עפּעס קענען. און פאַר אייערע יינגלעך איז דאָס ביסל חומש מיט רש״י אויך נישט גענוג. ס׳זיינען איצט אַנדערע צייטן. כ׳האָב געהערט, אַז אַפילו דעם טשאָרטקאָווער רביס קינדער לערנען דייטש און פויליש, איז פאַרוואָס זאָלן מיר אָפּשטיין? — איז נאָטע, וואָס האָט געפירט אַ רחבותדיק הויז, געווען גרייט אַליין צו האַלטן דעם לערער איבערן זמן. נאָטע האָט געוואָלט מיטהאַלטן מיט דער צייט. ער האָט טאַקע אַלעמאָל צוגעקויפט נאָך אַ שטיקל פעלד און ער האָט מיט יעדן יאָר אָוועקגעגעבן מער שניט־סחורה די גויים אויף באָרג. אָבער עס איז אים נאָך אַלץ פאַרגעקומען, אַז ער זיצט אין דאָרף נאָר אויף דערוויילע. ווען מען האָט הינטער יאַנאָוויץ, צווישן די בערג און טאָלן, אויפגעבויט צוויי גרויסע באַן־בריקן און גענומען ציען די שינעס דורך די דאָרפישע פעלדער, האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן רעדן וועגן פאָרן אין דער וויטער וועלט אַריין און וועגן זוכן עפּעס אַ תכלית פאַר די קינדער.

— אַמאָל איז געווען אַנדערש. איצט טאָר מען נישט דערלאָזן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן פאַרגרעבטע. איר׳ט מיר נאָך דאַנקען פאַר דעם לערער. כ׳קאָן שווערן פאַר אים, אַז ער לייגט יעדן טאָג תפילין און אַז ער גאָלט נישט די באָרד, נאָר ער שערט זי מיט אַזאַ נידריק מאַשינדל. ער זאָגט, אַז מ׳דאַרף ס׳יידישקייט מער טראָגן אין

הארצן ווי אויפן פנים — איז נאָטע נישט מיד געוואָרן צו לויבן דעם נייעם לערער.

די דאָרפישע יידן האָבן ביסלעכווייז זיך געלאָזט איבעררעדן און עטלעכע פון זיי זיינען אויפן צווייטן טאָג אַריין צו נאָטען אין שטוב עפעס צו הערן פון דעם פרעמדן בחור. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן ברענ־גען זייערע קינדער און עס האָבן זיך גענומען דרייען אַריין און אַרויס ווייבער און צוגעפוצטע מיידן. זיי זיינען כלומרשט געקומען צו רויזען אין שטוב אַריין מיט אַן אויסרייד צו לייען דאָס שטייסל, אָדער אַביסל זאַלץ און זיי האָבן פון דער זייט געוואָרפן אויגן אויף דעם נייעם לערער.

דער לערער, אשר פערל האָט ער געהייסן, האָט אויפגעמאַכט זיין קופערטל און פון דאָרט אַרויסגענומען נייע ביכלעך, ווייסע בויגנס פאַפיר און פענעס מיט פארביקע הילצערנע הענטלעך און אָפּגעגילדעטע שפּרייזן. ער האָט געעפנט אַ דייטש ביכל און געוויזן די קינדער דאָס בילד פון דעם קייזער פראַנץ יאָזעף מיט די באַקנבערד, וואָס איז געווען אויסגעמאָלט אויפן ערשטן בלעטל. די קינדער האָבן פאַרגאַפטע געקוקט אויף דעם בילד און אויף דעם שפּאָגל־נייעם ביכל. די טאַטעס און מאַמעס האָבן אויך צוגעבויגן די קעפּ און געכאַפּט אַ בליק.

— עפעס אַ קלייניקייט, דער קייזער אַליין. זאָל איך שוין האָבן אַזאַ יאָר ווי שיין ער איז.

— לאַנג לעבן זאָל ער נאָר, אונדזער באַשיצער. ס׳גוטסקייט ליגט דאָך אים צעלייגט אויפן פּנים.

— פאַניע חזיר מעג פאַר אים צען מאָל זיין די כפּרה

ווען ס׳זיינען זיך צונויפגעקומען עטלעכע יידן האָט דער לערער אויך אַרויסגענומען אַ בלאַט ציימונג און זיי איבערגעגעבן, וואָס ס׳הערט זיך נייעס אויף דער וועלט. ער האָט דערציילט ווי פּאָליאַקן פון איין זייט און די כלומרשט אויפגעקלערטע רוטענער פון דער אַנדערער זייט האַלטן אין איין אויפרייצן דאָס פּראָסטע פאָלק קעגן די יידן און אויך קעגן דעם קייזער. די שטוב האָט זיך אָלץ מער אָנגעפילט מיט מענטשן און דער לערער האָט פון דער ציימונג אַרויסגעלייענט וועגן אַ פּוילישן רייכס־דעפּוטאַט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פאַרביסענער שונא ישראל. דער רייכס־דעפּוטאַט האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קרוין־פּרינץ רודאָלף, דעם קייזערס בן־יחיד, וואָס איז מיט זיין געליבטער, גרעפין מאַריאַ וועטסעראַ, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין זיין שלאָס מייערלינג, לעבט גאָר און געפינט זיך אין אַמעריקע. דער אַנטיסעמיטישער פּאָליאַק האָט צוגעטראַכט אַ מעשה, אַז דער קרוין־פּרינץ האָט אין געהיים פון אַמעריקע צוגעשיקט אַ פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל זיך אַ נעם־טאָן צו די יידן ווי אין רוסלאַנד. אויב מען וועט עס נישט טאָן, וועלן די יידן אונטער־קויפן דעם קייזער מיט געלט און מיט אַ יונגער יידישער געליבטע און ער וועט זיי לאָזן איבערנעמען די גאַנצע ערד פון לאַנד. דערנאָך וועלן

זיי פועלן ביים קייזער, אַז ער זאָל ווידער איינפירן פּאַנשטשינע און אַלע קריסטן וועלן מוזן אומזיסט אַרבייטן אויף די יידישע פעלדער.

— אזאַ פּאַסקודנע ליאַך! פאַר פאַרמישן אַזאַ קאַשע וואָלט איך אים צעמערשט די ביינער — האָט לייב, וואָס איז אַן אומבאַאמערקטער אַריינגעקומען אין שטוב, אַרויסגעברומט. געקומען איז ער אַן אָנגעצויגענער גרייט צו זאָגן נאָטען, אַז ער זאָל דעם נייעם לערער משלח זיין פון דאָרף. דער פּרעמדער יונגערמאַן האָט אָבער מיט זיינע רייד ביי אים אַזוי אויסגענומען, אַז ער האָט ווי פאַרלוירן ס׳לשון. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין און מיט נייגעריקייט זיך צוגעהערט.

— עס איז נאָך אַלץ „הקול קול יעקב והידים ידי עשו״. די תורה פון שלאָגן קאָנען די גוֹיים נאָך אַלץ בעסער פון די יידן. עשוס ידים זיינען שטאַרק אַפילו אין די גרענעצן פון קייזער פראַנץ יאָזעפס לענדער און יעקבס גבורה איז נאָך אַלץ אין זיין קול. מ׳דאַרף וויסן און מ׳דאַרף פאַרשטייך ווי אַפּצוענטפערן די שונאי־ישראל. יידישער קינדער דאַרפן זיין געבילדעט. זיי דאַרפן קענען די שפּראַכן פון לאַנד. דאָס מיינט אָבער נישט פאַרבייגן יידישקייט. וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט. היינטיקע צייטן דאַרף מען וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און מ׳דאַרף קענען רעדן מיט אַ מענטשן — האָט דער לערער אשר פערל געלאָזט וויסן די יידן, אַז ער וועט מיט זייערע קינדער חוץ חומש מיט רש״י און פּסוק, אויך לערנען דייטש און פּויליש, בריפנשטעלער און קאָמעיניש *).

— גאָלדענע רייד. ער ווייזט אויס צו זיין שוין איינמאָל אַ קענער.

— כ׳על צו אים שיקן אַפילו מיין גרויסע מויד.

— מ׳דאַרף אים אָבער אָנזאָגן, אַז ראשית חכמה דאַרפן די יונגען קענען אַ שייטל עברי — האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט. דער נייער לערער איז זיי געפעלן געוואָרן און ס׳חדר ביי נאָטען אין שטוב איז ביסלעכווייז פול געוואָרן מיט קינדער.

דער נייער לערער אָשר פערל האָט זיך געפירט אַנדערש ווי דער רבי מעכעלע גאַנדז, וועמען די קינדער זיינען געקראָכן אויפן קאָפּ. ס׳ערשטע האָט ער די קינדער שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן אים רופן „הער לערער״ און ניט רבי, און אַז זיי זאָלן קומען אין חדר אַריין אָפּגעוואַשענע, און פאַרקעמטע. יעדן אין דער פרי האָבן די קינדער ביים אַריבערטרעטן די שוועל אים געמוזט אָפּגעבן דעם „גוט מאָרגן״ און זיי האָבן איינציקווייז באַדאַרפט צוקומען צו אים, אַז ער זאָל זיי אַריינקוקן אין די אויערן צי זיי זיינען אויסגעוואַשן. קוים האָט ווער פון זיי

*) אַ טעקסטבוך פאַרפאַסט פון קאָמעניוס אויף צו לערנען דייטש און פּויליש.

באַדאָרפט אַרויסגיין פאַר אייגענע באַדערפענישן, האָט מען באַדאַרפט אויפהייבן צוויי פינגער און אויסרופן: „ביטע אויף דער זייטע!" ער איז געווען שטרענג און די תלמידים האָבן פאַר אים געציטערט אימת מות. ווען מ'האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט האָט ער געשלאָגן מיט אַ ווירע אויף דער דאָלאָניע און געשטעלט אין קונע אויף איין פוס. ביים שטעלן אין קונע האָט ער דעם פאַרזינדיקטן אויסגעריזט מיט סאַזשע דאָס פּנים, אים אויסגעסטראָיעט אין אַ גויאישן שטרויענעם קאַפּעליוש, באַשטעקט מיט פעדערן און אין אַ צעריסענער טשעמערקע אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שטריק. ער האָט אים אויך געגעבן צו האַלטן אויפן אַקסל אַ גרויסן שטאָל־בעזעם געמאַכט פון ראַבענע ריטלעך.

דער לערער האָט ניט נאָר מיט שטראָפן, נאָר אויך מיט גוטע רייד, פול מיט הארץ און נשמה, געוועקט ביי די דאָרפישע קינדער דעם חשק צום לערנען. ער האָט זיי געהאַלטן אין חדר פון אין דער פרי ביז אויפ־דערנאַכט און אַפילו אין די, וואָס האָבן געהאַט פאַרשטאָפּטע קעפּ, האָט ער אויך אַריינגעהאַקט אַביסל תורה.

עס האָט דעם לערער גישט געגומען לאַנג צו ווערן היימיש מיט די יידישע דאָרפסלייט. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען אין זייערע שטיבער און ער האָט ווי איינער, וואָס קען שוין פון לאַנג זייערע מעלות און זייערע חסרונות, זיי געליובעט און זיי געזאָגט מוסר. אין זיין פירעכץ איז נישט געווען קיין סימן פון גרויסהאַלטונג קעגן די דאָרפסלייט. פאַרקערט, ער האָט אַלעמאָל מיט גרויס באַוואונדערונג גערעדט וועגן די פשוטע יידן, וואָס האָבן אַליין געאַקערט זייער ערד. כאָטש דער לערער איז געווען נישט מער ווי אַ דריי־און־צוואַנציק יאָר אַלט, האָבן אָבער די יידישע דאָרפסלייט געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ. זיי האָבן ווי זייערע קינדער מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט אים אויסגעהערט ווען ער האָט גערעדט צו זיי וועגן וועלט־זאַכן און ווען ער האָט געלייענט פאַר זיי בייעס פון זיין צייטונג, וואָס ער האָט אויסגעשריבן אַזש פון לעמבערג.

ווען עס זיינען אונטערגעקומען די ווינטער־טאַליקעס פון פליקן פעדערן, וואָס מען האָט יעדן שבת־צו־נאַכטס געמאַכט אין אַן אַנדערער שטוב, האָט דער לערער פאַרווילט דעם עולם ביז היגטער טאָג. ער איז צו די טאַליקעס געקומען אַ באַלאַדענער מיט יידישע ביכלעך און פאַר די מיידן און די ווייבער וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם באַרג פעדערן אויפן טיש, געלייענט שפּאַסיקע מעשות, און ווי אויסגעשפּילט טעאַטער־שטיק. ער האָט מיט אַ געזונטער באַריטאָן שטימע געזונגען ציון־לידער, וואָס זיינען געווען פול מיט בענקשאַפט נאָך דער צייט, ווען יידן זיינען געווען אין דעם לאַנד פון מילך און האָניק און דאָרט באַאַרבעט זייערע פעלדער און זייערע גערטנער. מען איז צוליב אים געקומען אויף די טאַליקעס אויך פון די אַרומיקע דערפער און די שטיבער זיינען געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן. די מיידן און די יונגע ווייבלעך האָבן נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דעם שטאָטישן יונג, וואָס האָט געהאַט אַ

לויטער פנים און שווארצע וואנצעס. זיי זיינען געזעסן מיט פארמליעטע הייסע ליפן מיט פארפלאמטע באקן און געשלונגען יעדעס ווארט, וואס איז ארויסגעקומען פון זיין מויל. דערנאך זיינען זיי ווי פארטשאדעטע אהיימגעגאנגען פון די טאליקעס מיטן לערערס געזאנג אין די אויערן, און ווען זיי זיינען שוין געווען אויף זייערע געלעגערס איז אין דער פינצטער אויפסניי פאר זיי אויפגעגאנגען זיין געשטאלט.

ניט איין מאמע האט יענעם ווינטער געחלומט אריינצובאקומען דעם לערער פאר אן איידעם. ניט איין מיידל האט ביים וואשן זיך ס'פנים מיט פריש־געפאלענעם שניי און ביים איינפלעכטן זיך פארביקע שלייפן אין די צעפ געטראכט אים אפצוטאן עפעס א כישוף, אז ער זאל זיך אויף איר פארקוקן. אשר פערל האט זיך אבער פארקוקט אויף א מיידל, וואס איז געקומען צוגאסט צום יידישן זשאנדצע פון א גרויסער שטאט. כאטש ער האט דורכן ווינטער ניט איינמאל געגעבן אנצוהערן, אז ווען ער זאל קאנען האבן אן אייגן שטיקל ערד, וואלט אים געפעלן שוין צו בלייבן אין דארף, איז ער אבער, נאכן פארענדיקן דעם ווינטער־זמן, אוועקגעפארן אינאיינעם מיט דעם זשאנדצעס קרובה און ער איז שוין מער ניט צוריק־געקומען.

די דארפסלייט האבן נאך דעם לערערס אוועקפארן ניט אויפגע־הערט רעדן וועגן אים:

— איי איז דאס געווען א כלי, איי האט ער געלערנט. אלע מלמדים מעגן ביי אים אין הרובע הייצן.

— ביי אים האט מען געמוזט קענען יעדע וואך די סדרה. אפילו די גרויסע יונגאטשעס האבן פאר אים געהאט ס'קדחת.

— מיינער האט דאך אין דעם איינעם זמן זיך אויסגעלערנט לעזן דייטש און פויליש ווי א וואסער.

— זיין לעזן א בלאט צייטונג, זיין אנשרייבן אן אדרעס, נו, און זיין זינגען? מירן שוין אזא פריילעכן ווינטער נישט האבן.

— ווען נישט די שטאטישע אינדיטשקע, וואס האט זיך פאר אים צעבלאזן, וואלט ער געווען געבליבן אויפן זומער. ער וואלט נאך אפשר געווען אויך חתונה געהאט מיט א דארפישער.

אפילו לייב, וואס האט אנהייב זמן געטענהט, אז מעבעלע גאנדזס תורה איז געגנוג פאר זיינע קינדער; אז ער וויל ניט, אז מען זאל פון זיי מאכן אויפגעקלערטע וועלטס־מענטשן, האט נאך אשר פערלס אוועקפארן ווי דערפילט, אז ער פעלט אויס אין דארף. דער פרעמדער בחור האט מיט זיין ערלעכקייט, מיט זיינע קלוגע רייד און מיט זיין פשוט פירעכץ זיך עפעס ווי אריינגעגנבעט אין זיין הארץ. ער האט זיך געפילט מיט אים היימיש און ער האט אין דער שטיל געהאפט, אז דער שטאטישער לערער וועט שוין נישט אוועקפארן פון דארף. דערפאר ווען ס'איז באלד נאך פסח געקומען צופארן אן אנדערער לערער פון דעמזעלבן שניט, וואס

האָט מיט זיך געבראַכט אַ בריוו פון אָשר פערל, האָט לייב צוגעשטימט, אַז מען זאָל אים אָנדינגען אויפן זומער.

מעכעלע גאַנדז האָט נאָך אָפּגעלערנט איין זמן אין יאַנאָוויץ און דערנאָך האָט מען שוין כסדר געבראַכט נאָר מאָדערנע לערער אין דאָרף אַריין.

קאַפּיטל פערצן

נאָכן האָבן בלומעלען איז ריווע כמעט יעדן זומער פאַרגאַנגען אין טראָגן און עס איז אין שטוב אַלעמאָל צוגעקומען נאָך אַ מויל צום עסן. דעם זיידנס ירושה־ערד איז אָבער געווען געבענטשט מיט גוטע גערעטעניש און עס איז פאַר אַלעמען געווען ברויט צו דער זאַט.

לייב מיטן ריווען זיינען אַלץ מער אַריינגעטאָן געוואָרן אין זייער באַלעבאַטישקייט, אין דער אַרבייט אין פעלד און זיי האָבן צוגעזען, אַז קיין קערנדל זאָל ניט גיין לאיבוד. מיט יעדן קינד, וואָס עס איז זיי צוגעקומען, זיינען זיי געוואָרן מער תכליתדיק און מער שפּאָרזאַם און זיי האָבן באַצייטנס זיך גענומען זאָרגן וועגן נדן פאַר די טעכטער.

יעדן זונטאָג האָט ריווע געפירט אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן קעז מיט פּוטער און אייער. ווינטער האָט מען אַרויסגעפירט אויפן יאַריד אויסגעהאָדעוועטע גענדז און קאַטשקעס און מען האָט אויך פאַרקויפט אַ קאָרעץ תבואה. מען האָט אין אַן ערדענעם טאָפּ צונויפגעלייגט רייניש צו רייניש און מען האָט פאַר דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט יעדע עטלעכע יאָר צוגעקויפט אַ שטיקל פעלד פאַר די קינדער. מיט דער צייט האָט לייב אויך דורך אָפּגראָבן גריבער אָפּגעצויגן ס׳וואַסער פון אַ שטיק ערד אין דער זומפּיקער היי־דאָלינע און ער האָט דאָרט פאַרזייט קוקורודזעס.

די יאָרן זיינען זיך געגאַנגען און ס׳קליינוואַרג ביי לייבן און ביי ריווען האָט זיך געמערט און איז געוואַקסן. די קינדער האָבן זיך ביי זיי געהאָדעוועט אויף ראַזעווע קאָרן־ברויט, אויף מאַלאַי געבאַקן פון קוקורודזע־מעל, אויף געקאָכטער קוקורודזענער קולעשע און אויף געבראָטענע און געזאָטענע קאַרטאָפל מיט פּידסמעטאַניע און זויערמילך. זיי האָבן געגעסן קאָרענע באַלאַבעכעס אָנגעריבענע מיט קנאָבל און צוגעשמאַלצענע מיט סמעטענע, שוואַרצע הרעטשענע וואַרעניקעס מיט קעז, טייגלעך מיט פּאַסאָליעס, באָרשט און וואַיניק געקאַכט קרויט. נאָר אין די שבתים און אין די יום־טובים זיינען די מאכלים געווען אַנדערע, דעמאָלט איז פאַר די אויסגעצוואָגענע און אויסגעפּוצטע קינדער דער טיש געווען פאַרשפּרייט מיט אַ קלאָרן טישטעך און זיי האָבן געגעסן ווייסע חלה, באַבעניק פון געריבענע קאַרטאָפל, אייער־קיכלעך, ווייצענע פלעצלעך מיט מאָן, געפילטע

פיש, געקאַכטע אין זיסן, לאָקשן מיט יויך, פלייש, קוגל, געקאָכטע פייגן מיט פלוימען און אַנדערע צימעסן.

די טונקעלע ברוינקייט פון דעם ראָזעווע ברויט, וואָס די קינדער האָבן געגעסן, איז געווען ווי איינגעקנאָטן אין זייערע געזונטע און פולע פנימער. חוץ בלומעלען זיינען די קינדער געווען ווי פון איין שניט. זיי זיינען געווען גערעטן אין טאַטע־מאַמע און פון זייערע אויגן און פון די געדיכטע קעפּ האָר האָט געשלאָגן מיט גלאַנצנדיקער שוואַרצקייט.

בלומעלע, לייבס און ריוועס עלטסטע טאָכטער, איז געווען בלאָנד און אירע אויגן האָבן געהאַט דעם בלויען קאָליר פון קאָרן־בלומען. זי איז פון קליינוויז אויף געווען אַ בלאַסע, אַ דינינקע און זי איז גאָרנישט געווען ענלעך צו אירע ברידער און שוועסטער. אַלע קינדישע קראַנק־הייטן האָבן זיך צו איר געטשעפּעט. מען האָט זי ביז צוויי יאָר געבאָדן אין אויפגעקאָכטער דעמבענער קאָרע, אין ניסן־בלעטער און מען האָט זי געפּילעוועט מיט אַלערליי באַבסקע רפואות און קרייטעכצער. ר׳ וועלוועלע האָט איר אַלעמאָל געבראַכט אַ נייע קמיע, די באָבע שרהלע האָט איר גע־האַלטן אין איין לעשן קוילן און דבורה די פּירזאָגערין האָט איר אַלעמאָל אָפּגעשפּראָכן אַ גוט אויג. בלומעלע האָט ערשט צו צוויי יאָר זיך אָנגע־הויבן שטעלן אויף די פיסלעך און זי איז געוואַקסן אַ מאָגערע און איר פנימל האָט נישט געהאַט קיין ביסל פאַרב.

ווען זי איז אונטערגעוואַקסן, האָט זי גלייך מיט די אַנדערע דאָרפס־מיידלעך אין די זומערן געפּאַשעט גענדז אין דער דאָלינע און אין די ווינטערן האָט זי געלערנט אין חדר. זי האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און זי האָט זיך גיך אויסגעלערנט דאַווענען און אויך לייענען דייטש און פּויליש. פון קינדוויז אויף איז זי שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרחלומטע און זי איז כסדר געווען פאַרטאָן אין די מעשות וואָס זי האָט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט געהערט פון דער מאַמען און פון די אָרעמעלייט. זומער פלעגט זי ניט איינמאָל אַוועק מיט די גענדז אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל פון טאָל און דאָרט בלייבן זיצן איינע אַליין אַ פאַרטראַכטע. זי האָט זיך פאַרטיפט אין די מעשות און ווי געזען פאַר זיך די גוטע שרע־טעלעך, וואָס טראָגן אַן אוצרות מיט גאָלד אין די שטיבער פון די אָרעמע ערלעכע לייט. זי האָט ווי פאַר אירע אויגן געזען ווי די שלעכטע גראָפן, וואָס מען האָט זיי פאַרשאָלטן, ווערן פאַרוואַנדלט אין ווילדע חזירים. ניט איינמאָל האָט זי זיך אַזוי פאַרטאָיעט, אַז זי האָט אַפילו ניט געזען ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן. זי איז אַזוי לאַנג געזעסן צווישן די גראָזן, ביז די מאַמע איז אַרויס זי זוכן און זי אַהיימגענומען.

— די ציגיינער וועלן דיך נאָך אַמאָל צונעמען מיט די גענדז איבּ־איינעם — האָט ריווע אויף איר געשריגן. עס האָט אָבער גאָרנישט גע־האָלפן. בלומעלע איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין איר אויסגעטראַכטער וועלט. אין פאַרנאַכט איז זי אַהיימגעקומען און דערציילט דער מאַמען, אַז זי האָט געזען פון אַלטן שלאָס אַרויסקומען אַ יידישע כלה, אַן אויס־

געפוצטע אין ווייסן. זי איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. מיטאַמאָל האָט אָבער דער כלהס שלייער גענומען פלאַטערן און זי איז ווי אַ פויגל אַריינגעפלויגן אין אַ וואָלקן.

— צוויי שרעטעלעך אין רויטע היטעלעך און מיט גאָלדענע קנעפּ זיינען פאַרנאַכט צו מיר אַרויסגעקומען פון באַרג און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אַהיימטרייבן די גענדז, ווייל ס'וועט אָנהייבן דונערן און בליצן און ס'וועט גיסן אַ רעגן — האָט זי אַלעמאָל געהאַט אַן אַנדערע מעשה צו דערציילן. איין פאַרנאַכט איז זי אַהיימגעקומען און איך דער שטיל זיך פּאַרטרויט פאַר דער מאַמען, אַז זי האָט היבטערן גאָרטן, לעבן די אַלטע ווערבעס געזען דעם זיידן בער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל און פון זיין באָרד האָבן געטריפט גרויסע טראָפּנס וואַסער. דער זיידע האָט איר געזאָגט, אַז ער איז זיך געקומען אָביסל אָפּבאָדן, און דערנאָך איז ער אַוועק צו די היי־פעלדער. ווען ער איז שוין געווען אויף דער אַנדערער זייט וואַסער האָט ער צו איר אַריבערגערופן, אַז זי זאָל אָפּהיטן די באַרן פון בוים, אַז די שקצים זאָלן זיי ניט באַרייסן.

— דער זיידע האָט אַלעמאָל אָפּגעהיט די באַרן — האָט ריווע מיט ערנסטקייט אויסגעהערט בלומעלען, געטאַפּט איר דעם שטערן און איר צוגעזאָגט, אַז אַלץ וואָס זי דערציילט איר וועט בלייבן אַ סוד צווישן זיי ביידע.

ווען בלומעלע איז געווען אין ניינטן יאָר, איז זי איינמאָל, אין אַן אויפדערנאַכט, פאַר ניי־יאָר חגא, פאַרפאַלן געוואָרן און מען האָט ניט געוואוסט וואו זי איז אַהינגעקומען. לייב און אַלע אַרומיקע שכנים האָבן ביז האַלבער נאַכט מיט לאַמטערנס זי אַרומגעזוכט ביים פאַרפרוירענעם טייך, וואו די גויים האָבן יענעם טאָג געהאַט אויסגעהאַקט פון אייז אַ צלם אויף חגא. מען האָט זי געזוכט ביי די פּאָלאָנקעס, וואו מען האָט געשעפּט וואַסער, ביי דער ראָגאַטקע, ביי דעם חרובן שלאָס און מען האָט זי ניט געפונען. די שכנים זיינען איינציקווייז זיך צעגאַנגען אַהיים, אָבער לייב האָט געהאַלטן אין איין אַרומקריכן איבער די פאַרשנייטע גערטנער און ניט אויפגעהערט זי צו זוכן.

ריווע איז געזעסן אין שטוב אַרום די פיצלעך קינדער און זיך אויסגעוויינט די אויגן. אַלעמאָל איז אַן אַנדערע שכנטע צו איר אַריינגעקומען מיט עפּעס אַ נישט־געשטויגענער מעשה. איין גויע האָט איר דערציילט, אַז איר טאַכטער האָט אויפדערנאַכט ביים טייך ווי פון אונטערן אייז געהערט אַ געוויין. אַ צווייטע האָט זיך געשוואוירן, אַז עפּעס אַ פרעמדער האָט לעבן דער מיל אַרויפגעלייגט אויף זיין שליטן אַ גרויסן זאַק, וואָס האָט זיך שטאַרק געטריפעט, און ער איז גיך אַרויסגעפאָרן פון דאָרף.

ערשט פאַרטאָג האָט בלומעלע זיך אָפּגעזוכט. ס'איז נאָך געווען פינצטער אין דרויסן ווען דעם גלחס האַרבאַטע דינער האָט זי אומ־

געריכט אַריינגעפירט אין שטוב און דערציילט, אַז ער האָט זי געפונען שלאָפן אין קלויסטער.

— אַ וויטיק איז מיר! אין קלויסטער גאָר? — איז ריווע אויפסנייַ זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

— ווי קומט זי אין קלויסטער אַריין? און וואָס האָט זי דאָרט געטאָן? — האָט לייב געפרעגט ביים גלחס דינער און אַ בייזער געקוקט אויף בלומעלען, וואָס איז אַ פאַרשלאָפענע, אַן איינגעוויקלטע אין אַ שאַלכל געבליבן שטיין אין ווינקל.

— זי איז דאָרט געשלאָפן אין אַ ווינקל און די מאַטקאַ באָסקאַ האָט זי געהיט. ווען איך בין פאַרטאָג אַריין מיטן קסיאָנדז אין דער צערקווע האָב איך זי באַלד דערקענט. זי האָט אויסגעזען נאָר ווי אַ שלאָפנדיק מלאכל — האָט דער האָרבאַטש געלאָזט קוילן רויך פון זיין ליולקע און דערציילט ווי דער גלח האָט אים געהייסן אָפּפירן בלומעלען אַהיים. ער האָט דערנאָך אַריינגעגאָסן צוויי גלעזלעך בראָנפן, וואָס לייב האָט אים אונטערגעטראָגן, פאַרביסן מיט אַ שטיק ראַזעווע ברויט מיט קנאָבל און אוועק.

— נו, ווי געפעלט דיר די מויד דיינע? געשלאָפן אין קלויסטער און די מאַטקאַ באָסקאַ מיטן יויזל האָבן זי געהיט. ס'איז נאָך גוט וואָס מיר האָבן אַ לייטישן גלח. ווייטער וואָלט נאָך געקאָנט קומען צו אַן אומגליק. כאַטש נעם און דערהרגע זי אויפן אָרט — האָט לייב זיך אַ לאָזגעטאָן צו בלומעלען.

— זאָל איך שלעכטס האָבן צי וועסט זי איצט אַפילו אָנרירן — איז ריווע אים פאַרלאָפן דעם וועג און אים נישט צוגעלאָזט צו בלומעלען.

— אַ יידיש קינד טאָר דאָרטן נישט אַריבערטרעטן די שוועל. זאָלסט דיך מער נישט דערוועגן אַהין צו גיין! — האָט די מאַמע אויף איר אָנגעשריגן.

— די טירן זיינען געווען אָפן בין איך אַריינגעגאַנגען. ס'איז דאָרט געווען נאָר איין גויע. זי האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט און זיך געצלמט. כ'האָב דאָרט געזען אַזויפיל שיינע זאַכן. ס'האָבן געברענט גרויסע ליכט און די לייכטער האָבן געבלישטשעט. ביי אונדז אין קלויז איז נישט אַזוי שיין ווי דאָרטן — האָט בלומעלע ערשט געוואָלט אָנהויבן דערציילן דער מאַמען, וואָס זי האָט געזען אין קלויסטער. ריווע האָט אָבער צוגעלייגט אַ האַנט צו בלומעלעס מויל און איר געהייסן אַרויפקריכן אויפן אויוון זיך לייגן שלאָפן.

בלומעלע איז מיט יעדן יאָר געוואָרן בלייבער און פאַרטראַכטער. זי איז עפּעס גאָרנישט געווען ווי קיין דאָרפישע און מען האָט זי גערופן מיט די צונעמען „באָבע מירעלע" און „שטרויענע פּאַניענקע". יעדע אַרבעט אַרום דער שטוב און אין פעלד איז איר געפאַלן שווער, און קוים האָט זי זיך אַביסל צופיל אָנגעשטרענגט, האָט זי זיך באַלד גענומען קלאָגן, אַז זי האָט אַ קאָפּוויייטיק און אַז ס'שטעכט זי אין די פּלייצעס.

— זי איז עפּעס גאַרנישט פון דיין נאַסיניע. ווער ווייסט, אפשר האָט מען זי דיר גאָר אונטערגעוואָרפן — האָבן שכנים אין שפּאָס אַריינגעזאָגט לייבן, אַז זיין עלטסטע טאָכטער איז גאַרנישט געראָטן אין די „לייבן און בערן".

איינמאָל, פּורים, ווען די גאַנצע משפּחה איז זיך צונויפגעקומען פּראַווען די סעודה מיט דער אַלטער באָבע שרהלע, האָט דאָרציע, יוספס ווייב, זיך אָנגעבאָטן צו נעמען בלומעלען צו זיך.

— זי איז דאָך אַזאַ שיינינקע און אַזאַ איידעלע, טאָקע נאָר ווי אַ בלום. ביי אייך וועט זי פאַרוועלקען, אָבער ביי אונדז וועט זי אויפלעבן. לאָמיר זי שוין מיטנעמען — איז די פּריצע צוגעשטאַנען צו לייבן און ריוון

בלומעלע, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דרייצנטן יאָר, האָט זיך שטאַרק דערפרייט ווען זי האָט דערהערט, אַז די מומע דאָרציע וויל זי נעמען צו זיך אין הויף אַריין. זי האָט ניט איינמאָל פריער דורך די שפּאַרעס פון די הויכע שטאַכעטן אַריבערגעקוקט צום יאַנאַוויצער הויף און עס האָט זי אַלעמאָל געצויגן צו די פּריצישע קינדער, וואָס האָבן דאָרטן זיך אַרומגעשפּילט. זי האָט אָבער צו זיי קיינמאָל ניט געקאָנט צוקומען.

— ווי קאָן איך זי אַוועקלאָזן פון דער היים? זי איז דאָך נאָך אַ קינד — איז ריוון ס׳האַרץ איינגעפאַלן. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט פּיצלעך קינדערלעך ווי אַ קוואָטשקע מיט הינדלעך און זי האָט קיין איינס פון זיי ניט געוואָלט אַוועקלאָזן פון זיך. אויך לייב האָט ניט געוואָלט אַוועקשיקן בלומעלען פון דער היים.

— זי פאָרט דאָך נישט צו קיין פרעמדע. ס׳וועט איר גאָרנישט שאַטן. זי וועט דאָרט זיין אַ שטיקל צייט וועט זי זיך אַביסל אויסמענטשלען — האָט די באָבע שרהלע זיך אַריינגעמישט און זיי איבערגערעדט.

בלומעלע איז פריער קיינמאָל נישט געווען ביים פעטער יוסף אין הויף און ווען זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין קאָליעס, וואָס איז מיט אַ קליינגען פון גלעקלעך אַרויסגעפאָרן פון דאָרף, איז זי געווען אויסער זיך. עס איז איר פאָרגעקומען, אַז עס געשעט מיט איר עפּעס אַ וואונדער ווי אין די מעשׂות, אַז זי ווערט מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ פּריצעלע וואָס וועט וואוינען אין אַ פּאַלאַץ און שטענדיק זיין אויסגעפּוצט אין סאַמעט און אין זייד.

— זי זאָל נאָר נישט זיין קיין פוילע, וועט זי זיך ביי אונדז אויסלערנען זיין אַ באַלעבאַסטע. אונדזער מאַלווינאַס קליידלעך פון לעצטן יאָר וועלן פּאַר איר זיין פּונקט צו דער מאָס — האָט דאָרציע די פּריצע אויפן וועג גערעדט צו יוספן. בלומעלע, אַן איינגעוויקלטע אין אַן אַלט שאַלכל, איז געזעסן אין דעם קאָליעס ווי אַ פאַרכישופטע. זי איז געווען

אַזוי פאַרטראַגן אין אירע געדאַנקען, אַז זי האָט גאַרנישט געהערט וואָס די מומע מיטן פעטער רעדן.

ווען דער קאַליעס איז פאַרפאַרן צום פעטער יוסף אין הויף אַריין און בלומעלע איז צום ערשטן מאָל אַריין אין די שיינע פּאַקאָיעס, איז זי געבליבן שטיין אַ פאַרחידושטע. זי האָט מיט גרויסע אויגן געקוקט אויף די באַמאַלטע ווענט, אויף די פאַרביקע טעפּיכער און אויף די בליך־לאָמפּן, איבערגעדעקטע מיט קוגלען און באַצירטע מיט בלישטשענדיקע פּאַטשערקעס. זי האָט דאָרט צום ערשטן מאָל געזען אַ פאָרטעפּיאַן. איר שוועסטערקינד מאַלווינאַ, וואָס איז געווען עטוואָס עלטער פון איר, האָט אויף די ווייסעביינדלעך פון דעם פאָרטעפּיאַן אויסגעקלאַפּט פאַרשידענע קלאַנגען. זי האָט געקוקט אויף מאַלווינאַס פינגער, זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען און אירע אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעגאָסן מיט טרערן.

אין די רייכע פּאַקאָיעס, צווישן אירע אויסגעפּוצטע געשוועסטער־קינדער, וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט נאָר פּויליש, האָט דער כּישוף פון איר זיך ווי אָפּגעטאָן. זי האָט ווי מיטאַמאָל דערזען אויף זיך דאָס אָפּגעטראָגענע קליידל, אירע אַלטע שטיוועלעך און זי איז ביי זיך געוואָרן שטאַרק געפאַלן. די געשוועסטערקינדער האָבן זיך אַפילו אויף איר רעכט ניט אומגעקוקט און זיי האָבן זיך געהאַלטן פון איר פון דערווייטנס. דעם ערשטן מאַלצייט האָט זי דאָרט געגעסן אין קיך מיט דער דינסט, און ווען עס איז געקומען די צייט צו גיין שלאָפן זיינען אַלע אַוועק אין די שלאָפצימערן, וואו עס זיינען געשטאַנען גלאַנצנדיקע פּאָליטורטע בעטן, און איר האָט מען אויסגעבעט אַ געלעגער אין אַ באַנק־בעטל אין אַ זייטיק שטיבל לעבן דער קיך.

בלומעלע האָט אויף דעם פרעמדן געלעגער בייגאַכט זיך גוט אָנגעוויינט און זי איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי מיט רויטע אויגן. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט די מומע דאָרציע איר צוגעבראַכט צום געלעגער מאַלווינאַס אַן אַלט באַרכעטן קליידל, אַ פּאָר פאַרמערעזשעטע זאָקן און אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע שיכלעך מיט הויכע כאַלעווקעלעך.

— כ׳בין, נישט פאַר דיר געדאַכט, אויפגעשטאַנען מיט שטאַרקע קאָפּ־שמערצן — איז די מומע געבליבן שטיין פאַרן געלעגער מיט איר הויכער פריזור באַשטעקט מיט האַלב־רונדע געלע קעמעלעך. איר שטערן און אירע שלייפן זיינען געווען אַרומגעלייגט מיט פעני־צלעך רויטע קאַר־טאָפל און אַרומגעבונדן מיט אַ צונויפגעלייגט טיכל ווי מיט אַ רייפל. בלומעלע האָט זי אָנגעקוקט און געשוויגן.

— זעסט כאָטש וואָס כ׳האָב דאָ פאַר דיר? וועסט דערווייל הייַנט דאָס אָנטאָן. ווען די שניידערין וועט ברענגען מאַלווינאַס נייע זאַכן אויף פּסח, וועל איך דיר נאָך געבן איינס פון די קליידלעך, וואָס זי טראָגט איצט. זי וואַקסט קיין עין הרע אַזוי גיך, אַז וואָס זי טוט־אָן ווערט באַלד אויף איר קליין. זאָלסט נאָר נישט זיין פויל און פאָלגן וועט דיר דאָ זיין גוט. דאָס וועסטו שוין מער נישט טראָגן — האָט די פּריצע מיט צוויי

פינגער אויפגעהויבן בלומעלעס אַנטועכץ, וואָס איז געלעגן צופוסנס פון באַנק־בעטל און עס אַרויסגעטראָגן.

אַן חשק האָט בלומעלע אַנגעטאָן איר שוועסטערקינדס קלייד, וואָס איז אויף איר געווען לויז און לאַנג. זי האָט אַרויפגעשלעפּט די שיך, וואָס האָבן זי געקוועטשט אין די פינגער און זי האָט זיך אַריינגעשאַרט אין קיך.

ווען מאַלווינאַ און איר עלף־יעריקע שוועסטער לאַנציע האָבן זי דערזען אַריינקומען אין קיך אין איר נייעם סטראָי, האָבן זיי זיך בײדע איבערגעקוקט און זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אַרויסצושיסן אין אַ געלעכטער. דער איינציקער, וואָס האָט זיך ניט געהאַלטן אַזוי שטאָלץ קעגן איר, איז געווען דעם פעטער יוספס עלטסטער זון, יולעק. דער פופצן־יעריקער יולעק, וואָס האָט מיט זיין הויכן וואוקס און מיט זיין טונקעלען מאָך אויף זיין אויבערשטער ליפּ אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן, האָט זיך געשאַרט אַרום איר און מיט עטלעכע פריינטלעכע ווערטער זי אַביסל אויפגעהייטערט. די מומע דאַרציע האָט אים אָבער מיט אַ שטרענגן בליק אַרויסגעשיקט פון קיך.

דעם פעטער יוספס קינדער זיינען באַלד אין דער פרי, נאָכן איבערבייס, אַוועק מיט זייער לערער אין אַ באַזונדערן צימער לערנען און בלומעלען האָט די מומע דאַרציע אַוועקגעזעצט אין קיך קלייבן אַרבעס. ביי טאָג נאָכן לערנען האָבן די פּריצישע קינדער זיך אויסגעפּוצט ערגעץ אַרויסצופאָרן. בלומעלע האָט געוואַרט, אַז מען זאָל זי אויך מיטנעמען. זיי זיינען אָבער פריילעכע אַרויס פון הויז און אַוועקגעפאָרן אָן איר. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער און אַ באַטריבטע זיי נאָכגעקוקט. באַלד האָט אָבער די מומע דאַרציע זי אַ רוף געטאָן און איר געהייסן אויספּוצן די לאָמפּן און זיי אָנגיסן מיט נאַפט.

— דו וועסט דיך דאָ אויסלערנען זיין אַ באַלעבאָסטע און דו וועסט מיר שפּעטער דאַנקען. צו קיין שווערער אַרבעט וועל איך דיך נישט צולאָזן, אָבער אַ מענטש דאַרף שטענדיק זיין פאַרנומען. ס'איז נישטאָ קיין ערגערס ווי אַרומצוגיין ליידיק — איז די מומע דאַרציע מיט גוטע ריידעלעך און מיט אַ שמייכעלע אויף אירע דינע ליפּן נאָכגעגאַנגען בלומעלען און אַלעמאָל פאַר איר געפונען עפּעס צו טאָן.

בלומעלען איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז די מומע דאַרציע האָט זי גענומען צו זיך, זי זאָל ביי איר זיין אַ דינסט און זי האָט זיך ניט געוואָלט האַלטן אין דעם פּריצישן הויף. זי איז געוואָרן נאָך מער אָפּגעצערט ווי זי איז געווען און מען האָט באַך עטלעכע טעג זי געמוזט אַהיימשיקן. אַ יאָרידניק האָט זי אין אַן אויפדערנאַכט אַהיימגעבראַכט און זי איז אַריין אין שטוב מיט אַ געוויין. זי האָט זיך געקלאָגט פאַר דער מאַמען, אַז זי האָט אַ קאַפּוויטיק און זי איז באַלד אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון, וואו זי איז אָפּגעלעגן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. אַ נאָגענדיקע בענקשאַפט האָט זי נעכט גאַנצע געהאַלטן וואַך. אַלעמאָל איז פאַר איר

אויפגעגאַנגען די שיינקייט און דאָס רייכקייט פון דעם פעטער יוספס הויף, און אין אירע אויערן האָבן זיך ווי אָפּגעשטעלט די קלאַנגען פון דעם קלאַוויר, וואָס זי האָט דאָרט צום ערשטן מאָל געהערט. זי האָט פֿאַר זיך געזען די אויסגעפּוצטע און פריילעכע געשוועסטער־קינדער און טרערן, אַן אַ שיעור טרערן, זיינען געפֿאַלן פון אירע אויגן.

* * *

בלומעלע האָט מיט יעדן טאָג פֿאַרשאַפֿט אירע טאַטע מאַמע אַלץ מער זאָרג. לייב מיט ריווען האָבן אָבער נאָך מער צרות געהאַט פון יאַנקלען, וואָס האָט גאָר ניט אויסגעזען ווי בלומעלעס אַ ברודער. זי איז געווען אַ דיבינקע, אַ ווייסע ווי אַ בעריאָזקע, און ער איז געקומען אויף דער וועלט אַ געזונטער, אַ ברוינער, מיט אַ גערדיכטן קאָפּ שוואַרצע האָר. צום יאָר איז ער שוין אַרומגעלאָפֿן אויף זיינע מוסקולדיקע פיסלעך, צו צווי יאָר האָט ער שוין מיט אַ שטעקן געטריבן די שכנישע חזירים פון הויף און זיי נאָכגעשריגן „האַציו פּאַציוק!“. צו דריי יאָר האָט ער שוין געקאָנט רייטן אויף אַ פֿערד און צו פֿינף האָט אים שוין אַ שקאַפֿע דער־לאַנגט מיט אַ פוס אין פנים אַריין. די שקאַפֿע האָט אים צעשפּאָלטן די אייבערשטע ליפּ און אים אויסגעשלאָגן צוויי פֿאָדערשטע ציין ווען ער האָט פון איר ווײדל גענומען רייסן האָר פֿאַר אַ סמיטשיק צו אַ פידעלע.

ריווע האָט איר ערשטן קדיש, וואָס האָט געהייסן נאָך איר טאַטן, פֿאַרוויגט אין הענגענדיקן וויגל מיט אַ שלאָפֿליד און אַריינגעזונגען אין זיינע אויערן, אַז „יאַנקעלע וועט מיט חשק לערנען תורה און מיט ליבשאַפֿט דינען דעם בורא“. ווען יאַנקל איז אָבער אונטערגעוואַקסן, האָט אים מער געצויגן צום פרייען דרויסן ווי צום חדר. ער האָט געלייגט מער קאָפּ צו די גויאישע לידלעך, וואָס ער האָט געלערנט פון די שקצים אין דער דאָלינע, ווי צום סידור און צום חומש. דעם ערשטן זומער ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר איז ער אַלעמאָל געקומען מיט פולע קעשענעס קעסטעלעך און פּודעלעך פון שוועבעלעך, אין וועלכע ער האָט געהאַלטן לעבעדיקע שוואַרצע קנייפּערס מיט גרויסע שפּיציקע הערנער, קליינינקע געפינטלטע משיח־פערדלעך און דריבנע גרינע שלענגלעך. נישט איינמאָל איז ער אין חדר זיך פֿאַרקראָכן אונטערן טיש, דאָרט געמאַכט ווינט־מילעכלעך פון ברוינע כרישטשעס און נישט אין זינען געהאַט דאָס לערנען.

יאַנקל איז פון קליינוויז־אויף אַלעמאָל געווען אַרומגערינגלט מיט גויאישע קינדער. זיי זיינען אים אויך נאָכגעגאַנגען אין חדר אַריין און זיי האָבן ווי געטרייע היטלעך געוואַרט אויף אים אין דרויסן ביי דער טיר. די שקצימלעך, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען בטל, האָבן נישט גע־קאָנט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס מען האַלט די יידישע קינדער אַ גאַנצן טאָג פֿאַרשפּאַרט, ווי לייגנדיקע הינער אין אַ קורניק. זיי האָבן נייגעריקע דורך דער טיר־שפּאַרע אַריינגעקוקט אין חדר און ווען עס האָט זיי

דערעסן דאָס וואָרטן אויף יאַנקלען, האָבן זיי אים גענומען רופן אויפן קול:

— יאַנקל, קום שוין אַרויס! ביז ווי לאַנג וועסטו דאָרט זיצן?

— יאַנקל, מיר גייען זיך באָדן צו די סליוזעס!

יאַנקל האָט נישט אייננמאָל, ווען ער האָט דערהערט זייער רופן, ווי אַ ווילדער זיך אַרויסגעריסן פון חדר און אַוועק מיט זיי אין פרייען דרויסן. ער איז מיט זיינע גויאישע פריינט געגאַנגען צום וואַסער, מיט זיי געקראָכן אין אַרבעס און אין פּרעמדע סעדער. אויף גאַנצע טעג איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אין די פעלדער, אין סציבקע־וועלדל, וואו ער האָט געזוכט בינען־נעסטן מיט האָניק, געקליבן יאַגדעס און געריסן ווילדע ניסלעך. ניט איין פאַרנאַכט איז ער אַהיימגעקומען אַן אָפּגעשליסענער, אַן דעם קאַפּעליוש, מיט אַ צעדראַפּעט פּנים און מיט אַן אַנגעלאָפענער ליפּ, צעשטאָכן פון אַ בינס גיפטיק שפּיזל.

לייב האָט אים געפּאַסעוועט מיטן רימען, ריווע מיט דער באָבע שרהלען זיינען געגאַנגען מיט אים מיט גוטן, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. יאַנקל איז געוואַקסן אַ ווילדער, אַ צעלאָזטער און ער האָט נישט געוואָלט לערנען.

— וואָס טוט מען מיט אַזאַ בחורעץ? ער וועט דאָך אַפילו קיין שייטל עברי זיך נישט אויסלערנען און ער וועט דאָך קיינמאָל קיין קדיש נישט קענען זאָגן! — האָט לייב זיך כסדר אויסגערעדט ס'האַרץ פאַר ר' וועלוועלען, וואָס איז געוועזן צו אים אַן אָריינגייער אויך נאָכדעם ווי בער איז געשטאָרבן.

— קיין למדן, זע איך, וועט ער נישט זיין, אָבער דאַווענען וועט ער קענען. ס'איז גאָר נישטאָ קיין ייד אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט קענען דאַווענען — האָט ר' וועלוועלע געטרייסט לייבן. ר' וועלוועלע האָט דעם יונג אַלעמאָל אָנגעטאָן אויפן האַלדז אַ נייע קמיע, אייגנעביית אין אַ שטיקל לייוונט, אָבער יאַנקל האָט זיי איינע נאָך דער אַנדערער פאַרלוירן ביים באָרען זיך מיט שקצים, ביים נורטעווען אין וואַסער און ביים דראַפּען זיך אויףביימער.

— ער וועט קענען, ער וועט קענען. ער איז דאָך דערווייל נישט מער ווי אַ קינד — איז ריווע אַלעמאָל געווען גרייט זיך אָנצונעמען פאַר יאַנקלען און אים צו באַשיצן. זי האָט אים געפירט צום פעטער אברהם אַליניק און צו ר' עליען דעם שוחט, אַז זיי זאָלן מיט אים אַביסל צו־לערנען און זי איז געווען איבערגליקלעך ווען איר זון האָט קוים מיט צרות גענומען זאָגן עברי און אָנגעהויבן לערנען אַ פרשה חומש.

וואָס עלטער יאַנקל איז געוואָרן אַלץ מער צרות האָט מען פון אים געהאַט. ער איז אומעטום־פול געווען און ס'גאַנצע דאָרף האָט אים געהאַט אויפן מויל. אָט האָט אים דעם סטראַזשניקס ווילדער בוהיי גע־נומען אויף די הערנער ווען ער האָט געוואָלט באַווייזן פאַר די שקצים, אַז ער קאָן זיך אויף אים אויפרייטן, און אָט האָט ער ערגעץ אין פעלד

זיך אָנגעפּרעסן מיט ווילדע מאַנדלען און אַ צעדולטער געלאָפן איבערן דאָרף מיט אַזעלכע געוואַלדן, אַז מען האָט געמיינט, אַז ער איז טאַקע אויף אַן אמת משוגע געוואָרן. ער איז דעמאָלט געווען אין אַכטן יאָר, אָבער ער האָט אין זיך שוין געהאַט אַזאַ גבורה, אַז מען האָט אים געמוזט בינדן מיט אַ שטריק, כדי אים צו קאָנען מאַכן אַ „צעפּל" פון זייף אויף אויס־צורייניקן זיין מאָגן פון די ווילדע מאַנדלען.

אַ זומער שפּעטער איז ער שיר נישט דערטרונקען געוואָרן. ער איז איינמאָל אין די ספירה־טעג, ווען ידישע קינדער האָבן זיך נאָך נישט געטאָרט באָדן, געגאַנגען מיט שקצים, אָן טאַטע־מאַמעס וויסן, צו די סליוזעס און ער איז ביים אַראָפּשפּרינגען פון אַ הויכן סלופּ אין וואַסער אַריין נישט אַרויפגעקומען. די שקצים זיינען באַלד אַוועק אַנטלאָפן אין דער היים, אַז דער טאַפּעלניק האָט געכאַפּט יאַנקלען. אַ פּאָר טשעליאַד־ניקעס פון דער מיל, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די סליוזעס, האָבן אָבער זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער, אים אַרויסגעשלעפּט און אים קוים אָפּגע־מינטערט.

דעם זעלבן זומער האָט מען אים איינמאָל אַהיימגעבראַכט פון פעלד אין אַ וואָרעטע אַ האַלב־טויטן. ס'האָט זיך יאַנקלען פאַרגלוסט אָפּצוטאָן אַ שפּיצל די פאַסטעכער און ער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ הויכן בוים זיי צו באַווייזן, אַז ער קאָן אַראָפּברענגען אַ רעגן פון הימל. ווען ער איז שוין געווען אויפן שפּיץ האָט ער געהייסן די פאַסטעכער מיט איין האַנט צוהאַלטן דעם בוים און מיט דער צווייטער פאַרשטעלן זייערע אויגן. זיי האָבן געטאָן ווי ער האָט געהייסן און זיי האָבן באַלד דערפילט אַ „וואַרעמען רעגן" אויף זייערע קעפּ. ווען ער האָט אָבער נאָך דעם „רעגן" געוואָלט מיטן רימען ווידער פאַרציען זיינע הויזן האָט ער פאַר־לוירן דאָס גלייכגעוויכט און ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. ער איז געבליבן ליגן אַן אומבאַוועגלעכער ווי אַ שטיק ליים און די פאַס־טעכער האָבן אים אַ קרעכצנדיקן אַהיימגעטראָגן.

— יאַנקל האָט זיך דערהרגעט. קוים וואָס ער זשיפּעט נאָך — איז איינער פון זיי געלאָפן אַנזאָגן לייבן און ריווען די בשורה.

— אַ ווייטיק דער מאַמען! — איז ריווע, אַ הויך־געלאַדענע און מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט אין איין אָטעם אַרויסגעלאָפן צום וועג. לייב האָט מיט אַ האַרטער האַנט אַ פיר געטאָן איבער זיין פּנים און מיט שווערע טריט, אַ שוויגנדיקער, איז נאָכגעגאַנגען. מען האָט יאַנקלען אַוועקגעלייגט אויפן גראָז לעבן אַלטן באַרן־בוים און די באָבע שרהלע מיט די שכנים, וואָס זיינען זיך צונויפגעלאָפן, האָבן אים גענומען ראַ־טעווען מיט רפואות און סגולות. ווען ס'איז נאַכט געוואָרן האָט מען יאַנקלען אַריינגעטראָגן אין שטוב און ער איז צוויי טעג נאָכאַנאַנד אָפּגעלעגן ווי אַ געליימטער. ער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און מען איז געווען זיכער, אַז אויב ער וועט נישט שטאַרבן וועט ער בלייבן אַ קאַליקע אויפן

גאַנצן לעבן. אויף דער צווייטער וואָך איז ער אָבער שוין ווידער געווען אויף די פיס, גלייך ווי גאָרנישט ער.

— קיין קויל וועט אים נישט נעמען און ער וועט אויפן פייער נישט פאַרברענט ווערן. אָט דאָס הייסט אַ גבורה פון אַ בחורעץ! דער שטריק אויף וועלכען מען וועט אים הענגען וועט זיך איבעררייסן — האָבן די שכנים פאַרוואונדערטע געצויגן מיט די אַקסלען ווען זיי האָבן געזען ווי יאַנקל שיבעט זיך שוין ווידער אַרום מיט די שקצים.

לייב האָט אַ פאַרזאָרגטער געביסן די האַרטע האָר פון זיינע וואָנצעס און געהאַט טענות צו ריוועז, אַז זי צעלאָזט די קינדער.

— טאָמער איז מיר וויניק די שטרויענע באָבע מירעלע, האָב איך פאַר אַ פראַטשינעק דעם קדיש דיינעם, וואָס דו באַהאַלטסט אים אונטערן פאַרטעך.

— ער איז דיינער פונקט ווי מיינער. און ער איז אין קיינעם נישט געראָטן, נאָר אין דיין ברודער סענדער.

— וואָס רעדסטו, וואָס? סענדער איז דאָך געווען אַ מלאך קעגן אים. ווער ווייסט, וואָס ער וועט נאָך אָפּטאָן ווען ער וועט אונטערוואַקסן, כאַטש נעם און דערהרגע אים און פּטור.

— פּאָלג מיך, לייב, נאָר מיט גוטן. מיט בייזן וועסטו אים נאָך פאַרטרייבן פון דער היים און ער וועט נאָך חלילה — האָט ריווע זיך פאַרהאַקט אין מיטן און אַ קוואַל פון טרערן האָט אַ שלאָג־געטאָן צו אירע אויגן.

— וועט זיין מיט איין גוי מער — האָט לייב ווי נישט־אומיסטן זיך אַרויסגעכאַפּט.

— כ'זאָל עס בעסער נישט דערלעבן — איז ריווע זיך פאַרגאַנגען אין אַ געיאָמער.

— אָט האָסטו אַ געוויין אין מיטן דערינען. אַ יידענע בלייבט אַ יידענע. ס'וועט דערצו נישט קומען — האָט ער מיט גוטע רייד זי באַרואיקט.

ווען יאַנקל איז געווען אין עלפטן יאָר האָט ריווע אין אַ נאָך־פּסח אים אָנגעקנעפּט אַ וועקגעפירט אין אַ שטאָט אַריין, פופצן קילאָמעטער פון דאָרף, צו אירן אַ פעטער פון דער מאַמעס צד, און אים דאָרט אָנגעדונגען ביי אַ מלמד. זי האָט געמיינט, אַז ווען ער וועט זיין ווייט אַוועק פון די שקצים וועט ער מער ליגן דעם קאָפּ צום לערנען. יאַנקל האָט אָבער דאָרט מער ווי צוויי וואָכן נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך געפילט אין שטאָטישן חדר ווי אַ פעלד־טויב ביי וועלכער מען האָט אויסגעריסן די גרויסע פעדערן פון די פליגל. עס האָט אים געצויגן צוריק צו די פרייע פעלדער, צו דעם צעגרינטן טאָל. דאָס לערנען איז אים נישט אָנגעגאַנגען און דער מלמד האָט זיך מיט אים נישט געקאָנט קיין עצה געבן.

— ווער האָט עס כח צו אַזאַ דאָרפס־יונג? די תורה איז נישט פאַר אים. נישט אַנדערש נאָר דער מלאך האָט אים פאַרן געבוירן ווערן

געגעבן אַ צו־שטאַרקן שנאַל אונטער דער נאָז — האָט דער שטאָטישער מלמד באַלד חרטה באַקומען נאָך וואָס ער האָט יאַנקלען אַריינגענומען צו זיך אין חדר. ער האָט ווי מורא געהאַט אָנצורירן דעם איבערגע־וואַקסענעם דאָרפישן תלמיד, וואָס האָט שטאַרק געבענקט אַהיים און איז שטענדיק געווען צערייצט. דער מלמד האָט דעם דאָרפישן יונג נישט געזשאַלעוועט קיין קללות און קיין צונעמען און יאַנקל האָט אים פון ערשטן טאָג־אָן פיינט באַקומען. יאַנקל האָט אויך פיינט געהאַט די ייִנגלעך פון זיין כיתה, וואָס האָבן אים באַלד געקרוינט מיטן צונאָמען „יעוואַנקל". זיי האָבן זיך אים נאָכגעקרימט ווי ער רעדט גראָב מיט דער „ריש", און וואָס זיי האָבן נישט אָפּגעטאָן אין חדר האָבן זיי אַלצדינג אויף אים אַרויפגעלייגט. איינמאָל האָבן זיי אים אַזוי צערייצט, אַז ער האָט זיך אויף זיי אַרויפגעוואָרפן מיט רציחה און עטלעכע ייִנגלעך צעשלאָגן ביז בלוט. דער מלמד האָט אים דעמאָלט אַרויסגעטריבן פון חדר און ער איז צופוס אַוועק אַהיים.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון שטאָט האָט אים ריווע באַלד אַוועק־געפירט צו דעם מאָדערנעם לערער פון דאָרף, וואָס האָט געהאַט זיין חדר אין קלויז. דער לערער, אַ הויכער און דאַרער בחור, איז געווען דעם ערשטן זמן אין יאַנאָוויץ און ווען ריווע האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז איר זון וויל נישט לערנען, האָט ער זיך פון איר אויסגעלאַכט.

— ביי מיר וועט ער וועלן. דער קנאַבע וועט ביי מיר אונטעררריכטעט ווערן לויט דער מאָדערנער מעטאָדע. ער וועט לערנען אַלעס, אָבער מער ווי אַלעס וועט ער לערנען ביי מיר זיטן — האָט ער געבראָקט מיט דייטשע ווערטער און פאַר ריוועס און יאַנקלס אויגן געפּאָכעט אין דער לופטן מיט אַ בייגעוודיקער טראָסטיוועקע.

— פון אייער מויל אין גאָטס אויערן. אָבער ס'איז בעסער צו גיין מיט גוטן ווי מיט בייזן — איז ריווען איינגעפאַלן ס'האַרץ ווען דאָס שטעקעלע האָט גענומען פייפן אין דער לופטן. יאַנקל איז זיך געשטאַנען אַ רואיקער, גלייך ווי נישט אים מיינט מען, און באַטראַכט דעם לערער, וואָס האָט כמעט ווי אינגאַנצן נישט געהאַט קיין באָרד און פיאות.

— כ'האָב מיר מיין מעטאָדע און דער שילער מוז ביי מיר געהאָרכ־זאַם זיין — האָט דער לערער אָנגעוויזן יאַנקלען זיין פּלאַץ ביי דעם לאַנגן טיש.

די ערשטע פּאָר טעג איז טאַקע יאַנקל געווען געהאָרכזאַם גלייך מיט די אַנדערע תלמידים, וואָס דער לערער האָט זיי געקאַטעוועט מיט זיין טראָסטיוועקע און זיי געשטעלט אין קונע מיטן סטאַן איבערן קאָפּ. יאַנקל האָט ווייניק־וואָס זיך געשראָקן פאַרן לערערס שטעקעלע און פאַר זיין יעכצן אויף דייטש. ער האָט זיך געמיט צו לערנען און צו פאָלגן נאָר דער מאַמען צוליב. אויפן דריטן טאָג האָט זיך עס אָבער אָנגעהויבן, ווען דער לערער האָט צום ערשטן מאָל אים דערלאַנגט מיטן שטעקעלע איבער די פּלייצעס. יאַנקל האָט אַ ברען־געטאָן דעם לערער מיט זיינע

שוואַרצע אויגן, אַ דריי־געטאָן מיטן קאָפּ און זיך צעשמייכלט. אַביסל שפּעטער האָט ער ביים אַרויסגיין „אויף דער זייטע" ערגעץ, הינטער דער קלויז, דערטאַפּט אַ טויטע מויז און ביים אַריינקומען צוריק אין חדר זי אומבאַמערקט אַריינגעוואָרפן אין אַ קעשענע פון לערערס רעקל, וואָס איז געהאַנגען ביי דער טיר.

דער לערער איז פאַרנאַכט אַהיימגעגאַנגען מיט דער מויז אין קע־שענע און אויף צומאָרגנס איז ער שוין געקומען אין חדר אַריין אַן אַנגע־כמורעטער, אַ בייזער. ער האָט וועגן דער מויז גאָרנישט דערמאָנט, נאָר געקוקט פון דער זייט אויף יאַנקלען און אויסגעלאָזט זיין כעס צו די אַנדערע תלמידים. איינעם פון זיי האָט ער אַזש געלאָזט בלוט פון דער נאָז.

— ס'וועט אים דערפאַר נאָך היינט אויך גיין בלוט פון דער נאָז. דו וועסט זען — האָט יאַנקל אין דער שטיל גערעדט צו דעם יינגל, מיט דער צעבלוטיקטער נאָז און באַלד נאָך וואָרעמעס באַוויזן וואָס ער קאָן. ווען דער לערער איז געווען פאַרטיפט אין אַ ביכל האָט יאַנקל, קיינער זאָל נישט זען, קונציק אַ לאָז געטאָן אַ שפּיציקדיק שטיינדל, גרויס ווי אַ פלוימען־קער, און אים געטראָפן אין סאַמע שפּיץ נאָז. דער לערער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיין שטול און נאָך איידער ער האָט באַנומען וואָס ס'איז געשען האָט אים גענומען רינען בלוט. אַ צעטומלטער האָט ער מיט אַ האַנט זיך אַ כאַפּ־געטאָן ביי דער נאָז און גיך צוגעלאָפן צום האַנטפאַס. ער האָט איינגענעצט דאָס האַנטעך אין וואַסער און פאַרהאַמעוועט ס'בלוט. מיטן האַנטעך ביי דער נאָז האָט ער דערנאָך מיט אַביסל אַש פון דער קיך צוגעדעקט דאָס שנירל בלוט אויפן דיל און אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרשעמטער, אַריבערגעקוקט צו די צעשראָקענע תלמידים.

יאַנקל האָט איצט רחמנות געהאַט אויפן לערער און ס'האָט אים שוין באַנג געטאָן אויפן גאַנצן עסק. ווען דער לערער האָט אָבער דערנאָך אַ רואיקער זיך פאַרקאַטשעט די העמד־אַרבל און אַן אַ וואָרט אַרויס־צורעדן אים גענומען באַאַרבעטן מיט זיין בייגעוודיקן שטעקעלע, איז יאַנקל געוואָרן אַן אַנגעצונדענער. ער האָט מיט אַ ווילדן כח אַ וואָרף־געטאָן דעם לאַנגן לערער צו דער ערד, אויף אים צעפליקט ס'העמד, ביי אים אַרויסגעריסן ס'שטעקעלע און אַוועק מיט די גערטנער. מער איז ער שוין אין חדר נישט געגאַנגען.

אין דעם זומער ווען ער האָט געדאַרפט ווערן דרייצן יאָר האָט אים אָבער ריווע געהאַלטן אין איין פירן צום פעטער אברהם און צום שוחט און זיי האָבן ווי ס'איז אים אויסגעלערנט לייגן תפילין. דערנאָך איז ער שוין איינגאַנצן געווען פריי פון לערנען תורה.

לייב האָט אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט ווען ער האָט אין דעם פרי־מאָרגן, ווען יאַנקל האָט אָנגעהויבן לייגן תפילין, אָפּגעזאָגט די ברכה „ברוך שפטרני" און זיך אָפּגעשאָקלט פון זיין זונס זינד. די דאָרפס־יידן זיינען יעגעם זומערדיקן אין דער פרי זיך צונויפגעקומען אין קלויז

דאַווענען מיט מנין. זיי האָבן אין דעם געזונטן בר־מצווה־בחור, וואָס האָט אויסגעזען אַ סך עלטער פון דרייצן יאָר, געהאַלטן אין איין אַרייב־רעדן, אַז פון איצט־אָן איז ער שוין אַ מענטש פאַר זיך. ריווע האָט גע־בראַכט אין קלויז אריין אַ פלאַש בראַנפן און אַ מאַקערטע הרעטשענע וואַרעניקעס מיט קעז. זי איז געבליבן שטיין אין דער זייט און גע־ווישט די טרערן פון די אויגן ווען די יידן האָבן געטרונקען צו יאַנקלען לחיים און אים צוגעוואונטשן, אַז ער זאָל זיין אַ גוטער ייד און באַגערן צו דאַווענען.

יאַנקל האָט אַריבערגעקוקט צו דער מאַמען און אויף אַלע רייד צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ. ס׳האַרץ זיינס איז פול געווען מיט ליבשאַפט צו דער מאַמען און ער האָט צוליב איר אַליין געוואָלט זיין גוט און פרום. ער האָט אין דעם טאָג פון לייגן תפילין ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט איבערצו־היפּען קיין איין וואָרט פונעם דאַווענען. מיט זיין גאַנצער גבורה איז ער אָבער באַלד פון פאַרנט ביי דעם „תנו רבנן" מיד געוואָרן. טראָפּנס שווייס זיינען אַרויסגעטראָטן אויף זיין פנים און ער האָט שוין דעם ערשטן טאָג גענומען איבערהיפּן פון סידור די בלעטלעך, וואָס זיינען געווען געדיכט אָנגעפּיקעוועט מיט דריבנע אותיות. ער האָט נישט גענומען צו לייכט די אַלע רייד, אַז פון איצט אָן וועט אים געציילט און גערעכנט ווערן יעדע עבירה. מיט זיין גאַנצן כוח איז ער אָבער געווע־צו־שוואַך בייצוקומען דעם יצר־הרע און די עבירות, וואָס זיינען שוין געגאַנגען אויף זיין אייגענעם חשבון, האָבן זיך ביי אים גענומען מערן.

* * *

ריווע האָט אויפן אַכצנטן יאָר נאָך איר חתונה שוין געהאַט אויסגע־געטראָגן דרייצן קינדער. פינף פון זיי זיינען קליינערהייט געשטאָרבן און לייב האָט זיי אין אַ קויבער אַוועקגעפירט צום שטאָטישן בית־עולם. אַכט זיינען געבליבן לעבן. פיר מיידלעך און פיר יינגלעך. ביז אויפן דריטן יאָר נאָך איר חתונה האָט מען געמיינט, אַז ריווע וועט שוין בלייבן אַן עקרה, אָבער דערנאָך האָט זי געהאַלטן אין איין קינדלען. כמעט יעדעס מאָל איז זי שפּעט אים זומער, ווען מען האָט שוין געהאַט אַראָפּ־גענומען די ווייסע תבואה פון די פעלדער, פאַרגאַנגען אין טראָגן און זי איז כמעט אַלעמאָל, ווען די סעדער זיינען געווען ווייס פון צוויט, געלעגן אין קימפּעט.

נאָך יאַנקלען האָט ריווע געהאַט אַ מיידל, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן נעכע, נאָך לייבס מאַמע. די צווייטע טאָכטער איז טאַקע געווען געראָטן אין לייבס מוטער און זי האָט גיך אָנגעהויבן אַריבערוואַקסן בלומעלען, פון וועלכער זי איז מיט גאַנצע דריי יאָר געווען יינגער.

די צוויי נאָך נעכען זיינען געווען יינגלעך, וואָס זיינען איינער פון דעם אַנדערן געווען גערוקט מיט דריי יאָר. דעם עלטערן פון די יינגלעך

האָט מען גערופן נאָכן זיידן בער און דעם יינגערן האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך לייבס טאַטן, חיים־משה.

די צווי יינגלעך האָבן אויסגעזען ווי לייב. זיי זיינען געווען גע־וויקסיקע און געזונטע ווי יאַנקל, זיי זיינען אָבער געווען שטילע און פּאַלגזאַמע און לייב האָט זיך אין זיי ווי געשפּיגלט.

— הערסט, ריווע, דער זיידע וואָלט פון די צווי יונגען אַנגעטעיעט — האָט ער גערעדט צו ריוון. זי האָט נחתדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אונטערגעכאָפּט: — זיי וועלן אַלע זיין צו גאָט און צו לייט. אָבער אַ סך וואַסערן וועלן נאָך איבערלויפן.

— זיי וועלן איבערלויפן, זיי וועלן איבערלויפן. אין הונדערט און צוואַנציק יאָר אַרום וועט מסתם אונדזער זון בער זיצן אין אונדזער ירושה־שטוב און נאָך אים וועט ווידער אַ לייב איבערנעמען.

— אַזוי דרייט זיך ס׳רעדעלע און גאָט לעבט אייביק.

נאָך בערן און חיים־משהן האָבן זיי געהאַט צווי שוואַרץ־חנעוודיקע מיידלעך, וואָס זיי האָבן גערופן כייקע און גיטעלע. נאָכן אויסטראָגן דאָס צוועלפטע קינד האָט ריווע געמיינט, אַז איר טראַכט איז שוין פאַרמאַכט. צווי יאָר שפּעטער איז זי אָבער ווידער פאַרגאַנגען אין טראָגן און גע־בוירן נאָך אַ זון. דעם יינגסטן זון האָט מען גערופן וועוועקע. דאָס איז געווען אַ נאָמען נאָך ר׳ וועלוועלען, וואָס איז געשטאָרבן ביי לייבן אין שטוב.

ריווע איז שוין געווען אין די הויכע חדשים ווען ר׳ וועלוועלע איז געשטאָרבן. עס איז געווען פאַר פּסח. איינמאָל איז ער אין אַן אויפ־דערנאַכט אָנגעקומען מיט די געריטנער עפּעס איינגאַנצן אַ פאַרענדער־טער. געוויינלעך איז ער אין די פאַרפּסחדיקע טעג אַלע מאָל אַ פריי־לעכער אַריינגעפאַלן צו לייבן אין שטוב אַריין. ער האָט דאָרט איבערגע־קוקט די מזוזות, צוגעמאַכט ציצית צו די לייב־צודעקלעך, וואָס מען האָט אויפגעבייט אויף יום־טוב. ניט איינמאָל האָט ער אויך פאַרהערט די יינגלעך צי קענען זיי פאַרטייטשן די הגדה און שיר השירים. דאָס מאָל האָט ער אָבער אַ געבויגענער קוים אַריבערגעשפּאַנט די שוועל. לייב און ריווע האָבן אים ווי ניט דערקענט. די גרויסע באָרד זיינע איז ווי מיט־אַמאָל שטאַרק גרוי געוואָרן. אין זיין פּנים איז ניט געווען קיין טראָפּן בלוט און פון זיינע אויגן האָט ווי אַרויסגעקוקט דער טויט. ער איז אַזוי אויך געווען קליין און מאָגער, אָבער איצט איז ער געווען גאָר איינגעשרומפּן.

— אַ וויטיק איז מיר! וואָס איז אייך, ר׳ וועלוועלע? — איז ריווע אים אַנטקעגן געלאָפן ביז צו דער טיר.

— די מאַרצאָווע קעלט איז מיר אַריין אין די ביינער. שבט ניע בראַט אַ אדר ניע ברודער — האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דאָס ווערטל און מיט דריבנע טריטלעך צוגעגאַנגען צו דער באַנק היינטערן אויוון.

— נישט געווען באַדאַרפט אַרויסגיין פון דער הוים. ס׳אַ נאַסע קעלט.

וואָס קריכט אין מאַרך אַריין. איר'ט איבערנעכטיקן און אָפּשוויצן און מערצעשעם מאָרגן וועט איר אויפשטיין געזונט און שטאַרק — האָט לייב באַלד אויסגעבעט ר' וועלוועלען אַ גלעגער, אַראָפּגעשלעפּט פון אים די שטיוול, אים געהאָלפן זיך אויסטאָן און אים איינגעדעקט מיט אַ פּוכן איבערבעט. ריווע האָט ס'ערשטע איינגעגעבן ר' וועלוועלען מאַלינע־איינגעמאַכץ, אַז ער זאָל זיך דערכאַפּן ס'האַרץ. זי האָט דערנאָך אים אָנגעוואָרעמט אַן ערדענע פּאָקרישקע צום בויך, אויפגעזאָטן וואַסער און פּאַרפּאַרעט טרוקענעם ליפּעווע־צוויט. וואָס האָט פאַרשמעקט די גאַנצע שטוב.

ר' וועלוועלען איז ערשט אונטערן איבערבעט באַפאַלן אַ דראָזש. ער האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען דאָס טעפּל מיטן הייסן ליפּאָווע־צוויט, וואָס מען האָט אים געגעבן צו טרינקען, און איינגעאָטעמט די פּאַרע. — איי, דער צוויט האָט אין זיך אַלע ריחות און אַלע טעמים פון צייטיקען זומער. דער אייבערשטער זאָל אייך אַזוי מחיה זיין ווי איר זענט מיך מחיה. איי, די ליכטיקע שיינע זומערן. כ'האָב געוועזן באַדאַרפט וואוינען אין דאָרף ערגעץ דאָ לעבן אייך — האָט ער גענומען רעדן וועגן די זוניקע טעג פון נאָך פּסח, וועגן דער שיינקייט פון די צעגרינטע בערג און טאָלן אַרום יאַנאָוויץ און זיינע אויגן האָבן אַביסל אויפגעלייכט.

ריווע מיט לייבן האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן געזען, אַז ר' וועלוועלע איז פאַרביי און זיי האָבן אים גענומען ראַטעווען מיט אַלערליי רפואות.

— כ'בין, נישט פאַר אייך גערעדט, שוין עטלעכע טעג אַ חולה מסוכן. כ'האָב אָבער אויף מיין גלעגער דערשמעקט דעם ריח פון וועסנע און ס'האָט מיך אַ טראָג געטאָן צו אייך. כ'האָב געמיינט, אַז כ'על אַרויס אויפן גרינעם.

— קראַנקערהייט זענט איר אַרויס פון שטוב?

— ווי טוט מען אַזאַ זאַך? — האָבן ריווע מיט לייבן אויף אים ווי אָנגעשריגען.

— וואָס איז דער חילוק? ס'איז נישטאָ קיין חכמות, אַז מ'רופט מוז מען גיין.

ווען לייב מיט ריווען האָבן געזען, אַז די רפואות העלפן גאָרנישט האָבן זיי צונויפגערופן עטלעכע יידן אין שטוב אַריין. עס זיינען געקומען צוגיין ר' עליע דער שוחט, אברהם אַליניק מיט נאָך שכנים און זיי האָבן גענומען זאָגן תהילים אויפן קול. שפּעט אין דער נאַכט האָט ר' וועלוועלע צוגערופן אברהם דעם אַליניק, אים געבעטן, אַז ער זאָל מיט אים זאָגן ווידוי און פאַרטאָג האָט ער אויף אייביק פאַרמאַכט די אויגן.

בעת אייניקלעך האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ר' וועלוועלעס קבורה, ווי ער וואָלט געווען פון זייער משפּחה און זיי האָבן נאָך אים לאַנג געטרויערט.

לייב האָט אַ צייט נאָך ר׳ וועלוועלעס טויט זיך געפילט ווי פאַר־לוירן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שוויגנדיקער, זיך מער אַריינגעטאָן אין דאַווענען און פון צייט צו צייט אויך אַריינגעכאַפּט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים.

קאַפּיטל פופצן

ריווע, אַ צעוואַקסענע אין דער ברייט, האָט אַ געזונטע אויסגעטראָגן אַלע אירע קינדער. מיט יעדער קימפּעט איז איר אַלץ מער מילך צוגעקומען אין די בריסטן און זי האָט פון צייט צו צייט נאָך אונטערגעזויגן אַ פרעמד קינד. מיט יעדן קינד, וואָס זי האָט געבוירן איז ווי געוואַקסן איר געדולד צו דעם קליינוואַרג און זי האָט אַלץ מיט מער חשק געפּראַצעוועט. שטענדיק, ווען זי איז געלעגן אין קימפּעט, האָט זי לענגער ווי צוויי טעג זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן אין בעט. עס האָט זי געצויגן צו דער אַרבעט און זי איז אַלעמאָל פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט געווען פאַרטאָן אין באַלעבאַטישקייט.

ערשט ווען זי האָט געהאַט ס׳דרייצנטע קינד, — איר מיזיניק וועוור־קע, — וואָס האָט געהייסן נאָך ר׳ וועלוועלען, האָט זי דערפילט אַ מאַט־קייט אין אירע גלידער. ס׳האָבן איר געבראָכן די קריזשעס, ס׳האָט זי גע־שטאָכן אין אַ זייט און ס׳איז איר באַפאַלן אַ קלעמעניש ביים האַרצן. ווען די דריבנע קינדער האָבן אָבער אָנגעהויבן פאָדען אַרום איר, האָט זי ווי פאַרגעסן אָן אַלע אירע ווייטיקן און זי איז נאָך עטלעכע טעג אַראָפּ פון בעט. זי האָט, ווי אַלעמאָל, אַליין אָפּגעבאַקן דעם לעקעך פאַרן ברית, די פּאַלטשיקלעך פאַרן קליינוואַרג, וואָס איז געקומען צום קריאת שמע לייענען און אַליין אויך צוגעגרייט דעם כיבוד פאַרן שלום זכר. דאָס האַרץ־קלעמעניש איז זי דערנאָך נישט איינמאָל ווידער באַפאַלן. אָבער זי האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט.

מיט יעדן ניי־געבוירענעם קינד איז צוגעקומען מער אַרבעט און מער זאָרג. אָבער די גרעסטע זאָרג, וואָס לייב מיט ריווען האָבן גע־האַט, איז געווען וועגן זייערע עלטסטע צוויי קינדער. זייער זון יאַנקל, וואָס האָט אין דעם יאָר ווען וועווקע איז געבוירן געוואָרן אָנגעהויבן לייגן תפילין, און זיך גיך צעוואַקסן און געוואָרן אַלץ מער צעלאָזט. עס האָט אים נאָר געצויגן צו די גויים און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין די שקצים און שיקסעס. ער האָט באַצייטנס אָנגעהויבן באַווייזן זיין גבורה, אַלע מאָל פאַרפירט געשלעגן און ס׳גאַנצע דאָרף האָט מיט אים גע־האַט צו טאָן. וואָס עפּעס איז עס אויסגעגאַנגען צו לייבן מיט ריווען און מען האָט זיך מיט אים נישט געקאָנט קיין עצה געבן.

— וואָס טוט מען מיט דעם יונג? כאַטש נעם און בינד אים אָן אויף

אַ קייט. אַזוינס האָבן מיר נאָך נישט געהאַט אין דער משפּחה. און דו צעלאָזט אים נאָך מער — איז לייב פול געווען מיט טענות צו ריווען.

— פּאַלג מיך לייב, מיט כעס און מיט שלאָגן וועסטו ביי אַזאַ קינד גאָרנישט אויספירן. נאָר מיט גוטן, ווייל מ׳קאָן נאָך חלילה ערגער מאַכן — האָט ריווע זיך געבעטן ביי איר מאַן און זי איז גאָרנישט מיד געוואָרן אַריינצורעדן אין איר זון.

יאַנקל האָט קיינעם נישט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט ווי זיין מאַמען און ווען זי האָט אים געגומען זאָגן מוסר איז ער געזעסן ווי צוגעשמידט און זי אויסגעהערט. אירע גוטע און שטילע רייד האָבן דעם איבערגע־וואַקסענעם געזונטן יונג נישט איינמאָל אַזוי אויפגערודערט, אַז ער האָט זיך געוואָרפן צו דער ערד און זיך צערעוועט אויפן קול. ס׳האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און ער האָט ווי פאַרגעסן דער מאַמעס רייד און ווידער געטאָן זיינס.

אין דעם זומער, ווען וועווקע איז געקומען אויף דער וועלט, האָבן לייב מיט ריווען אויך געהאַט גענוג צרות פון בלומעלען. זי איז געווען אין פופצנטן יאָר און זי האָט דעמאָלט אָנגעהויבן דערפילן איר פרוי־אישע רייפקייט. יעגעם זומער האָט זי זיך אַ יאָג געטאָן אין דער הויך און געוואָרן שלאַנק און שיין. זי האָט אָבער אויסגעזען עפּעס ווי פון אַ פרעמדן שטאַם. אַ בלייכקייט האָט אַלע מאָל אַרומגענומען איר לענג־לעך, צאַרט פּנים און זי האָט כסדר געליטן פון קאָפּ־ווייטיקן. עס האָט זי ווי מיט נאָדלען געשטאָכן אין אירע יונגע פאַרשפּיצטע בריסטן, וואָס זיינען איר יענעם זומער אויסגעוואַקסן און זי איז דורך די נעכט גע־פּייניקט געוואָרן פון שרעקלעכע חלומות.

ביינאַכט זיינען בלומעלען געקומען צו חלום קליינע רוחעלעך. עס איז איר פאָרגעקומען, אַז זיי שלעפּן פון איר אַראָפּ ס׳העמד, אַז זיי לעקן מיט נאַסע צונגען אירע קני און אַז זיי קנייפּן איר לייב מיט ביינערדיקע קליינע פינגער. עס האָט זיך איר נאַכט נאָך נאַכט געחלומט, אַז אַ גרויסע שוואַרץ־גרינע שלאַנג קריכט צו איר דורכן פענצטער און זי קאָן זי ניט פאַרטרייבן. די שלאַנג נעמט זייגן פון אירע בריסטן און זי ליגט ווי אַ געליימטע און קאָן אַפילו קיין האַנט נישט אויפהויבן. ערשט ווען זי דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די וואָרצלען פון אירע בריסטן, כאַפּט זי זיך אויף מיט אַ געשריי. זי עפנט די אויגן און עס דאַכט זיך איר אויס, אַז זי זעט ווי די רוחעלעך אַנטלויפן און ווי די שלאַנג רוקט זיך גיך אַוועק אויפן בויך.

אַפילו דערנאָך ווען זי איז שוין וואַך, ווייזט זיך איר נאָך אַלץ אויס, אַז די רוחעלעך מיט דער שלאַנג זיינען ערשט געווען לעבן איר. אַ סימן — זי איז אינגאַנצן נאַקעט און איר העמד ליגט אויף דער ערד לעבן בעט. זי כאַפּט אויף זיך גיך ס׳העמד און זי בלייבט דערנאָך ליגן אַן אויסגעמאַטערטע.

ריווע דערהערט נישט איינמאָל ביינאַכט בלומעלעס אַ געשריי אָדער

א קרעכץ און זי איז באַלד לעבן איר בעט. די מאַמע ליגט איר צו אַ קילע האַנט צום וואַרעמען שטערן און פרעגט זי וואָס עס טוט איר וויי.

— האָסט נישט געזען ווער ס׳איז דאָ ערשט געווען? — פרעגט בלומעלע. זי פאַרמאַכט די אויגן און שעמט זיך צו דערציילן דער מאַמען וואָס די ניט־גוטע און די שלאַנג האָבן איר געטאָן.

— נאַרעלע, די טיר איז פאַררינגלט און קיינער איז דאָ נישט געווען. ס׳האָט זיך דיר נאָר עפּעס געחלומט — באַרואיקט זי ריווע און הייסט איר זיך אויסדרייען אויף דער אַנדערער זייט.

פאַרן שלאָפן גיין האָט ריווע נישט איינמאָל געוואַשן בלומעלעס לייב מיט אויפגעקאָכטע קרייטעכער און איינגעשמירט מיט היימיש־געמאַכטער זאַלב די וואַרצלען פון אירע בריסטן. די מומע דבורה די פירזאָגערין האָט איר אַלע מאָל אָפּגעשפּראָכן אַן עין הרע און די באָבע שרהלע האָט מיט שפּרוכן און סגולות געטריבן אויף אַלע פּוסטע פעלדער און וועלדער די נישט־גוטע, וואָס האָבן ווי געלויערט אויף בלומעלעס מיידלשאַפט.

בלומעלע האָט יענעם זומער, אין די פולע לבנה־נעכט, אויך אָנגעהויבן אַרומוואַנדלען אין שלאָף. שפּעט ביינאַכט, ווען די ליכטיקייט פון דער לבנה איז דורכן פענצטער צוגעפאַלן צו איר געלעגער, האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַ שלאָפנדיקע מיט באָרוועסע טריט ווי אַרויסגעשוועבט אין דרויסן. זי איז פאַרגאַנגען צום אַלטן באַרן־בוים, אָדער אין סאָד אַריין און אַמאָל אויך צו די פאַרוואָקסענע ווערבעס הינטערן גאָרטן. אַמאָל איז זי, שפּעט ביינאַכט אַ נאַסע פון טוי, אַליין צוריקגעקומען צו איר געלעגער און אַמאָל האָט מען זי אין דער פרי געפונען אין דרויסן אַ שלאָפנדיקע.

איינמאָל איז זי נאָך האַלבער נאַכט, אַ פאַרזונקענע אין שלאָף, אַרויס אין דרויסן און מיט אַ סטעזשקע זיך אַוועקגעלאָזט צום אַלטן שלאָס. ריווע האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט ווי נאָר בלומעלע האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב און איז איר נאָכגעגאַנגען אין דער שטיל. זיי זײַנען ביידע אַזוי אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועגס ביז בלומעלע האָט ווי דערשפּירט דער מאַמעס שאָטן. בלומעלעס לייב האָט אַ ציטער געטאָן און זי האָט אויפגעוואַכט. זי האָט פאַרלייגט ביידע אָרעמס אויף איר ברוסט, זיך אויסגעדרייט צו דער מאַמען און מיט גרויסע אויגן זי אָנגעקוקט.

— ביסט דאָך אַרויס אין הוילן העמד, טאַכטער — האָט ריווע צו איר גוטמוטיק געשמייכלט און איר אַרויפגעוואָרפן אַ שאַלעכל אויף די אַקסלען.

— כ׳בין ערגעץ געגאַנגען און איצט געדענק איך גאָרנישט.

— ווילסט דיך שוין דערמאָנען ווען מירן אַהיימקומען. ס׳איז אַ קילע נאַכט און ס׳איז דאָך שוין אַזוי שפּעט.

— כ׳געדענק נישט צי כ׳האָב שוין געלייענט קריאת שמע צי נישט.

— וועסטו אויפן געלעגער לייענען נאָכאַמאָל. ס׳עט דיר גאָרנישט שאַטן.

— כ׳האָב ערגעץ געוואָלט גיין. כ׳האָב מיך אָבער דערשראָקן און פאַרגעסן — האָט בלומעלע מיט אַ האַנט זיך צוגערירט צו איר שטערן און זיך געלאָזט פירן אַהיים.

— האָסט דיך דערשראָקן און האָסט פאַרגעסן וואָס דו האָסט צו זאָגן? — האָט ריווע זי דערמאָנט אָן דעם שפּרוך, וואָס די באָבע שרהלע האָט אויסגעלערנט אירע אייניקלעך און אור־אייניקלעך, אַז זיי זאָלן אים זאָגן ווען זיי גייען בײַנאַכט אַליין אין דרויסן און דערשרעקן זיך פאַר עפּעס. מיט דעם שפּרוך איז ריווע קלײנערהייט נישט איין אויפֿ־דערנאַכט געגאַנגען אײנע אַליין דורכן וואַלד, פון לעסניטשעס הויז ביז צו זיך אין שטוב אַרײַן און געפילט, אַז זי איז באַשיצט פון אַלדאָס בייז.

— כ׳געדענק נישט צי כ׳האָב שוין געזאָגט צי נישט — האָט בלו־מעלע אין גאַנג אַרויפגעקוקט צו דער פולער לבנה.

— זאָגט מען נאָכאַמאָל. ס׳עט דיר גאָרנישט שאַטן. „די לבנה איז אין הימל״ — האָט ריווע אָנגעהויבן. בלומעלע האָט באַלד אונטערגע־כאַפּט: „די לבנה איז אין הימל, איך בין אויף דער ערד, דער שטיין איז טיף אין וואַסער, דער בער איז טיף אין וואַלד. אַזוי ווי ס׳קאָן איינס צו ס׳אַנדערע ניש צוקומען, אַזוי זאָל צו מיר קיין שלעכטס נישט קאָנען צוקומען, אָמן סלה״.

זי האָט אויפן קול וואָרט ביי וואָרט אָפּגעזאָגט דעם גאַנצן שפּרוך און דערנאָך צוריק אַוועק צו איר געלעגער.

לייב האָט צוגעמאַכט אַ הויכן ריגל צו דער הויז־טיר, אַזוי אַז בלומעלע זאָל אים נישט קאָנען דערלאַנגען. מען האָט איר אויך אָנ־געטאָן אויפן האַלדז אַ נייע שמירה וואָס אברהם אַליניק האָט געבראַכט פון דעם טשאָרטקאָווער רבין. די רוחלעך מיט די שלאַנגען זיינען אָבער נאָך אַלץ איר געקומען צו חלום און זי האָט נאָך אַלץ בײַנאַכט אַרומגעוואַנדלט אין שלאָף.

* * *

יענעם זומער, ווען ווערקע איז געבוירן געוואָרן, האָט אויך אַ פּסע־כע אָנגעטאָן אַ סך שאָדן אויף לייבס פעלדער. די היצן זיינען צוגעפאַלן באַלד נאָך פּסח און דער הימל האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין ביסל רעגן. די זון האָט ווי געשאָטן מיט פייער, געשרפהט די גערטנער און פאַרפרי אויסגעברוינט די מאָגערע און פאַרשמאַכטע זאַנגען אין פעלד. דאָס גראָז אויף די פּאַסטוויסקעס האָט געוויאַנעט און די בהמות האָבן ניט געהאַט גענוג פּאַשע. זיי זיינען אין די פאַרנאַכטן אַהיימגעקומען פון די דאַלינעס

מיט איינגעפּאַלענע באַקעס און קליינע אייטערס, און נישט זיי האָבן געגעבן מילך און נישט זיי זיינען געוואָרן קאַלביק.

אין די גרויסע היצן זיינען די גויאישע דאָרפסלייט עטלעכע מאָל אַרויס מיט צלמים און איקאָנעס פון קלויסטער אין לאַנגע פּראָצעסיעס בעטן אויף רעגן. דער גלח, אַן אויסגעפּוצטער אין דער „טענדע־ווערענדע", האָט מיט געזאַנג געפירט די פּראָצעסיע איבערן דאָרף. נישט ווייט פון דער ראַגאַטקע האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קאַפּליצע הינטערן באַרג. דאָרט וואו עס האָט אויף אַ שטיינערנער רינווע זיך אַרויס־געגאָסן דאָס קוואַל־וואַסער, וואָס ס'גאַנצע דאָרף האָט געטרונקען. מען האָט דאָרט געקניט און זיך געצלמט און באַהאַנגען „די מאַמע מיטן זון" מיט גרינע קרענצלעך. פון דער קאַפּליצע איז מען מיט געזאַנג געגאַנגען ביז צו די פעלדער, וואו די פּאַרסמאַליעטע, שיטערע זאַנגען האָבן פאַר דער צייט זיך אויסגעבלייכט פון זייער גרינקייט.

— זיי מעגן גיין מיט די פּראָצעסיעס פון היינט ביז מאָרגן. ס'עט גאָרנישט העלפן.

— אַבי זיי האָבן באַקרענצלט די מאַטקאַ באָסקאַ מיטן יויזל און געשוועכנצלט ס'וואַסער ביי דער קאַפּליצע.

— מירן זיך שוין היינט לייגן שלאָפן מיט אַ בויכווייטיק פון דעם „הייליקן" וואַסער.

— אויב מירן שבת, ביים ראש־חודש בענטשן, נישט אויסבעטן אַביסל רעגן, וועט זיין זייער ביטער.

— ס'וועט נאָך זיין מי בצמא און מי ברעב.

— מ'עט פאַרן ווינטער נאָך מוזן אַרויסטרייבן פון די שטאַלן די פערד מיט די בהמות, אַז זיי זאָלן זיך גיין און אַליין וועט מען דאַרפן אָוועקלייגן די ציין אויף די פּאָליצעס — האָבן די יידישע דאָרפסלייט צווישן זיך גערעדט. ווען די פּראָצעסיעס האָבן זיך געצויגן איבערן דאָרף, האָבן די יידן זיך נישט געוויזן אין דרויסן. אַפילו די קליינע יינגלעך, וואָס האָבן ביים וועג זיך געשפּילט מיט שקצימלעך, האָבן זיך באַהאַלטן הינטער פלויטן און ביימער, אַבי נישט צו דאַרפן אָפּהייבן די היטלעך פאַר די צלמים.

אין דער צייט פון דער פּסעכע האָבן אברהם אַליניק מיטן שוחט און נאָך עטלעכע עלטערע יידן יעדן געפאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק. מען האָט געזאָגט תהילים, מען האָט געגעבן מער צדקה און מען איז אויך געווען מער געהיט גאָרנישט איבערצוהיפּן ביים דאַווענען. ווען עס איז געקומען צום בענטשן ראש־חודש איז אברהם אַליניק, וואָס האָט יענעם שבת געדאַוונט מוסף פאַרן עמוד, זיך פאַרגאַנגען אין געבעט מיט אַ היימישן „האַרציקער טאַטע" און נאָך אַמאָל און איבער־אַמאָל זיך אומגעקערט צו די ווערטער „לגשמים בעתם". די יידן האָבן מיט גרויס כוונה אים נאָכגעזאָגט און דערביי אַרויסגעקוקט צו לייבס גאָרטן, וואו עס איז אַלצדינג געווען אויסגעברענט.

לייב האָט כמעט יעדן פּאַרטאָג אַריינגעכאַפּט עטלעכע קאַפּיטלעך תּהילים און ער האָט, ווי זיין זיידע בער, נישט איינמאָל מיט גרויס כּוונה געדאַוונט מנחה און מעריב אונטערן פרייען הימל. נישט איין פּאַרנאַכט איז ער געבליבן שטיין אין דרויסן און אַריבערגעקוקט צו דער גאָרטן־סטעזשקע מיט וועלכער ר׳ וועלוועלע פלעגט קומען צוגיין. ס׳געמיט איז אים געווען שווער און דער זיידע מיט ר׳ וועלוועלען האָבן אים גוט אויסגעפעלט.

די פּסעכע האָט אָנגעהאַלטן. דאָס וואַסער פון דער ריקע האָט כמעט ווי אינגאַנצן אויסגעטריקנט און די מיל האָט זיך אָפּגעשטעלט. די לופט איז גאַנצע טעג געווען טרוקן און שטיל. עס האָט זיך נישט גערירט קיין צווייגל אויף די ביימער. פון די איינגעקוואַרטע גערטנער האָט זיך געטראָגן אַ שטויביקער ריח פון ביטערן פּאָלין. די מענטשן, די הויז־חיות און אַלע ביימער און געוויקסן האָבן אויסגעזען ווי אָפּגעלעבט. דאָס פריילעכע גערויש פון די קוואַלן צווישן די בערג, וואָס האָט זיך געטראָגן ביזן דאָרף אַריין, איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שטילער, ביז מען האָט עס אינגאַנצן מער נישט געהערט.

אָנהייב תּמוז זיינען די בערג און אויך אַ סך שטיקער פעלד אַרום יאַנאָוויץ שוין געווען ברוין ווי אין אָסיען. דאָס ביסל ווייסע תּבֿואה איז פּאַרפרי רייף געוואָרן. די מאָגערע זאַנגען זיינען געווען טרוקן ווי פּעפער און זיי האָבן זיך געבראָכן אונטערן סערפּ און אונטער דער קאָסע. מען האָט ביים אַראָפּנעמען דאָס קאָרגע ברויט פון פעלד, ווי זאָפּערן, געזהיט יעדעס זאַנגעלע און מען האָט יענעם יאָר אָהיימגעפירט די סנאָפּעס אין וועגענער אויסגעשפּרייטע מיט וואָרעטעס, אַזוי אַז קיין איין זערנדל זאָל נישט פאַרלוירן גיין.

פון די שטאַרקע היצן האָבן די קוקורודזעס, קרענקלעכע און דינע, פאַר דער צייט אָנגעהויבן שפּינען, און פון די שיידלעך אַרויסגעלאָזט זשמיטן העלע האַריקע פּעדעם. די האָר, גלאַנצענדיקע און ווייכע ווי זייד, זיינען אָבער באַלד אונטער דער הייסער זון געוואָרן טרוקן און טונקל־ברוין, אָדער שוואַרץ. די שיידלעך, וואָס האָבן אין זיך געריפט די קוקורודזעס זיינען געווען קליינע און אַ סך פון זיי זיינען אינגאַנצן געווען פּוסט. אין זייער ביט־דערוואַקסנקייט האָבן די קוקורודזעס מיט די בערד אויסגעזען נאָר ווי קאַרליקלעך. עס האָט אויך געדאַרט ס׳אויבסט אויף די ביימער. די ווייניקל און די פּרונקיע־פלוימען זיינען געווען דריבנע און ווערעמדיק, די דוליע־באַרן זיינען קליינערהייט געוואָרן פאַרגעלט און די וואַיניקע עפּל זיינען איינגעשרומפּענע, מיט שוואַרצע פלעקן און קרענקלעך־רויטע בעקלעך, פאַר דער צייט געפאַלן אויף דער ערד.

די גויאישע דאַרפסלייט האָבן מיט אַ הריזאַטע אין האַרצן צוגעקוקט ווי אַלץ דאַרט און קוואַרט און באַצייטנס זיך נישט פאַרגונען ס׳שטיקל ברויט. די מענער זיינען אַרומגעגאַנגען אָנגעדרודלטע און

נישט איינער פון זיי האָט אין שענק פאַרטרונקען די זאָרג מיט בראָנפן. עס האָט פון זיי שיכורערהייט און אויך ווען זיי זיינען געווען ניכטער, יענעם זומער, ווי מיטאַמאָל אַרויסגעשאָסן די שנאה צו די יידישע שכנים, וואָס איז געווען איינגעגראָבן טיף אין זייערע הערצער.

— זיי, די שאַכראַיעס, זיינען אין אַלץ שולדיק.

— זיי וועלן ביי אונדז נאָך צונעמען ס'לעצטע פיצל ערד.

— מירן ווינטער פעכנען אויפן פיסק, אָבער זיי וועט גאָרנישט פעלן.

— ס'וועט אָבער נישט שטענדיק זיין אַזוי. דאָס קריגל גייט צו דער קרעניצע אַזוי לאַנג ביז ס'צעברעכט זיך.

— ס'וועט קומען דער טאָג און דעמאָלט וועלן אַפילו צען קייסאָרים זיי נישט קאָנען העלפן — האָבן זיי צווישן זיך גערעדט.

אָט זיינען יידישע און גויאישע שכנים אין די פאַרנאַכטן געזעסן איינאיינעם אויף די פריזבעס און געגעסן אויבסט פון איין שטרויענעם קאַפעליוש. אָט איז מען געגאַנגען איינס צו ס'אַנדערע אויף חתונות, און מיטאַמאָל האָט ביים גויאישן שכן איינגעאַנצן זיך געביטן דער פּאַזיאַר. איבער אַ באַרל, וואָס אַ יידיש יינגל האָט אָפּגעריסן פון זיין בוים, אָדער איבער אַ גאַנז פון אַ יידישן שכן, וועלכע איז זיך פאַרגאַנגען אין זיין גאָרטן, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן די יוכע און ער איז געווען גרייט צו הרגענען אַ מענטשן.

די גויאישע מענער האָבן שיכורע נישט איינמאָל אויסגעלאָזט ס'האַרץ צו זייערע ווייבער און זיי געשלאָגן מכת־רצח. ס'האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז אַ גויע זאָל אין מיטן נאַכט קומען אַ צעשלאָגענע צו לייבן אין שטוב אַריין זיך צו באַהאַלטן פון איר שיכורן מאַן, וואָס איז איר נאָכגעלאָפן מיט דער האַק. און נישט איינמאָל האָט לייב, וואָס איז יענעם זומער אויך געווען געבוג אויפגערודערט, אויסגעניכטערט דעם שיכור מיט עטלעכע פלעם.

— ביי מיין גויאישן שכן האָט דער גאַנצער ווייץ אויסגעברענט, דרייט ער זיך אַרום אַן אָנגעכמורעטער און מ'קאָן צו אים קיין וואָרט נישט רעדן. כ'גיי אַרום אים ווי אַרום אַ ווייך איי.

— מיין איוואַן פון איבער דער מעזשע גייט אַרום אַן אַ קאָפּ, גלייך ווי עס וואָלט אים געווען פאַרן טויט — האָבן די דאָרפישע יידן באַ־אומרואיקטע צווישן זיך גערעדט.

— מ'דאַרף נאָך כאַמולען ווייזן, אַז מ'שרעקט זיך פאַר אים, וועט ער אייך קריכן אויפן קאָפּ. גיט אים אָבער נאָר אין טראַסק צווישן די אויגן וועט ער אַזוי גוט, אַז איר קאָנט אים צולייגן צו אַ געשוויר — האָט לייב שבת ביים דאַווענען ווי אויסגערעדט די יידן, אַז זיי האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן.

אין יענעם זומער זיינען אויך אויף די יאַרידים אין אַ פּאָר שטעט־לעך אַרום יאַנאָוויץ פאַרגעקומען געשלעגן צווישן גויים און יידן. די

געשלעגן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשפּרייטן אויף אין אַנדערע שטעט. צום גליק איז אָבער אַרום שניט־צייט אַראָפּגעקומען אַן אולאַנער אָפּטיילונג אָפּצוהאַלטן מאַנעווער צווישן די בערג און טאָלן אַרום יאַנאָוויץ און די מורא פאַר די זעלנער האָט איינגעשטילט די מלחמה אויף די יאַרידים. אין יענער צייט האָט זיך אויף פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קייזער פראַנץ יאָזעף אַליין איז געקומען אַ פאַרשטעלטער צו זיינער אַ יידישער געליבטע, וואָס האָט געוואוינט אין אַ שטעטל ביים זברוטש, און דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די גויאישע דאָרפסלייט.

אין יענער צייט האָבן אויך אויפגעהויבן די קעפּ דאָס ביסל פּאָליאַקן, וואָס האָבן געוואוינט אין יאַנאָוויץ און אויף דער טאַטאַרשטשינע, צוואָרפענע צווישן די רוטענער און די יידן. עטלעכע פון די פּאָליאַקן, מיט פאַרלאָזטע באָקן־בערד און לאַנגע גראָבע וואָנצעס, האָבן זיך געבלאָזן מיט גאווה און זיך געגרויסט מיט די פּוילישע סענדזיעס און גאָטאַרן אין די שטעט און מיט די פּוילישע פּירשטן און פּריצים, וואָס האָבן אין יענעם געגענט געהאַט אַ סך גיטער. זיי האָבן כלומרשט זיך געהאַלטן בעענטער צו די יידן און אָפּגעלאָזט פון די רוטענישע כלאָפּעס, וואָס טראָגן די סטאַנעס איבער די הויזן.

— וואָס ווייסט דער פּינצטערער כלאָפּ? ער קאָן דאָך אַפילו זיין אייגענעם פּאַציערזש זיך נישט אויסלערנען. גיב אים אַ טרונק בראַנפן מיט אַ קולעשע און ער איז שוין צופרידן — האָבן די פּאָליאַקן מיט שנאה און גרינגשעצונג גערעדט וועגן די רוטענער. אין דער אמתן האָבן זיי אָבער נישט ווייניקער פיינט געהאַט די יידן. זייער שנאה צו די יידן איז אָבער געווען אַ באַהאַלטענע און אַ מער אויסגערעכנטע.

צו דעם ביסל אַלט־געזעסענע פּאָליאַקן זיינען קיין יאַנאָוויץ, מיט דער צייט, צוגעקומען עטלעכע נייע. ווען מען האָט איבערגעבויט דעם קייזער־שטראָז איז אַראָפּגעקומען דער סטראַזשניק מאַציעק יאַסינסקי, אַ געזונטער, ברייט־ביינערדיקער פּאָליאַק מיט גראָבע געלע וואָנצעס און מיט קליינע גרויע אייגעלעך ווי ביי אַ קאָטער. עס האָבן זיך אויך באַזעצט אין דאָרף צוויי פּוילישע באַן־אַרבעטער, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט רוטענישע שיקסעס. אין דעם זומער, ווען ס'איז געווען די פּסעכע, זיינען ערגעץ פון ווייט געקומען נאָך עטלעכע פּאָליאַקן. צוויי פון זיי זיינען געווען די ברידער יאַוואָרסקי. איינער פון די ברידער האָט אויסגעדונגען די מיל פון יידישע הענט און געוואָרן לייבס שכן און דער צווייטער האָט זיך איינגעקויפט פעלדער.

די פּאָליאַקן האָבן זיך געשאַרט צו די יידישע שכנים אָבער אין דער שטיל האָבן זיי געהעצט די רוטענער קעגן די יידן. זיי האָבן איינגערעדט די גויים, אַז די יידישע קרעמער גיבן אַ פאַלשע וואָג און אַז די יידן וואַרטן נאָר אויף אַ הונגער־יאָר, כדי צו קאָנען צונעמען די גאַנצע ערד ביי די קריסטן.

לייבן זיינען די פּאָליאַקן געלעגן גוט אין די ביינער נאָך פון דער

צייט ווען די זינדלעך פון דעם אַלטן פּריץ זאַמאָיסקי האָבן אים באַ־שולדיקט אין גנבֿה און ער האָט אויסגעמיטן זיך אַרייַנצולאָזן מיט זיי אין עסקים. מער פון זיי אַלע האָט ער אויסגעמיטן דעם אָנגעפּרעסענעם סטראַזשניק מאַציעק, וואָס האָט געהאָט די אויפזיכט אויפן קייזער־שטראָז. דער פּאַליאַק האָט מיט גאווה געטראָגן אויפן אַקסל דעם לע־דערנעם טאַש מיטן קייזערלעכן און קעניגלעכן אָדלער און ער האָט אומעטום זיך געמישט. ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און ווען ער האָט אין אַ חגא זיך אָנגעשיכורט האָט מען אים געהערט אי־בערן גאַנצן דאָרף. ער האָט געשלאָגן ס׳ווייב, זיך געקריגט מיט שכנים און געשאָלטן יידן. אַזוי ווי ער איז געווען דער באַלעבאָס פון דעם קייזער־שטראָז, האָט ער אויך אַלעמאָל זיך געטשעפּעט צו די יידישע יאַרידניקעס, ווען זיי האָבן ביים דורכפאָרן ס׳דאָרף זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג געבן די פערד עסן, אָדער קויפן אַ קעלבל ביי אַ גוי.

— ס׳איז איך דאָ נישט קיין יידישער מאַרק. מאַרש פון דאַנען! איר פאַרפאַסקודיעט מיר דעם שטראָז — האָט ער געפּיסקעוועט אויף די יידן.

— ס׳וועט גאָרנישט העלפן. מ׳וועט דעם ליאַך, דעם פּסיאַקרעוו, איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוזן אָנלערנען — האָבן לייבן געביסן די הענט ווען מען איז געקומען אים אָפּדערציילן וואָס דער סטראַזשניק רעדט אויס אויף יידן ווען ער איז שיכור. ער האָט נישט איינמאָל זיך דורכ־געווערטלט מיט מאַציעקן. ריווע האָט אים אָבער אַלעמאָל געהיט און נישט דערלאָזט, אַז ער זאָל זיך מיט אים פאַרקריגן. עס איז אָבער יענעם זומער פאַרט געקומען צו אַ געשלעג און לייב האָט דעם סטראַ־זשניק אָפּגעצאָלט פאַר אַלע יאָרן.

ס׳איז געווען אין אַ זונטיק נאָך וואַרעמעס. מאַציעק יאַסינסקי, אַן אויסגעצוואָגענער, אין אויסגעגלאַנצטע שטיוול, מיט אַן אָנגעפּרעסן רויט־שיכורלעך פּנים, איז געשטאַנען ביי זיין טויער מיט זיינער אַ קרובה, אַ יונגע שטאַטישע פּאַליאַטשקע, ווען דער דאָרפישער שוחט ר׳ עליע איז אָנגעקומען מיטן וועג פון דער קאַפּליצע מיט אַ קאַן וואַסער. דער סטראַזשניק האָט אָפּגעשטעלט דעם שוחט, ביי אים געבעטן אַ פרישן טרונק וואַסער און ער האָט זיך אָנגעטרונקען פון דער קאַן.

— ס׳איז היינט ווידער אַ שטאַרקע היץ — האָט ער מיט אַ האַנט אָפּגעווישט די וואָנצעס, באַדאַנקט דעם שוחט און אים געזוכט אַרייַנצו־ציען אין אַ געשפּרעך.

ר׳ עליע האָט אַ שווייגנדיקער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט אַ טיכל זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן. ער האָט פון דעם פּאַליאַק דערשפּירט דעם ריח פון בראַנפן און פון געבראָטן חזיר־פלייש. דער שוחט האָט געקוקט אויף דעם סטראַזשניקס ליפּן, וואָס האָבן נאָך גע־גלאַנצט מיט דער פעטקייט פון דעם פליישיקן אָנבייסן און ער האָט

געטראַכט, אַז ער וועט שוין מוזן צוריקגיין נאָך אַן אַנדערער קאַן וואַסער.

— האָסט דאָך עפּעס געוואָלט פרעגן דיין יידישן שכן — האָט די שטאָטישע פּאַליאַטשקע אַ וואונק געטאָן צו מאַציעקן.

— אָ, כ׳האָב שיר נישט פאַרגעסן — איז מאַציעק צוגעגאַנגען גאַר נאָענט צום שוחט. — עס איז איצט אַפילו נישט די צייט דערפון צו רעדן, אָבער מיר האָבן זיך דאָ געשפּאַרט, וויל איך אַז איר זאָלט מיר זאָגן דעם אמת. ווען עס קומט אייער פּאַסכאַ באַקומען די יאַנאָוויצער יידן זייער קריסטליך בלוט צו די מצות פון שטאָט, צי איר קוילעט אַליין אַ גויאיש קינד אויף יום־טוב?

— דער פּאַן יאַסינסקי זאָל אַזוי רעדן! — איז ר׳ עליע געוואָרן שטאַרק צעטומלט. ער האָט נישט געוואוסט וואָס עס איז אויף אים געפאַלן, און ער האָט גענומען פינטלען מיט זיינע שטילע קינדישע אויגן.

— אַט באַלד וועט ער דיר אויסזאָגן, אַבי דו זאָגסט, אַז ער איז אַ גוטער שכן — האָט די פּאַליאַטשקע אַ שיכורלעכע געלאַכט.

— ליאַבאַגאַ, די באָרד איז מיינע, טאָמער זאָגט ער נישט אויס — איז דער סטראַזשניק געוואָרן אַן אַנגעצונדענער און אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט דעם שוחט ביי דער באָרד.

פּלוצלינג איז לייב אויסגעוואַקסן לעבן שוחט. ער איז צוגעקומען מיט אַ ריסקאַל אין די הענט און מיט איינגעהאַלטענעם כעס געפרעגט דעם סטראַזשניק פאַרוואָס ער טשעפּעט זיך צום שוחט.

— כ׳האָב אים עפּעס געפרעגט און אַ זאַסיע דיר זיך אַריינצו־מישן — האָט מאַציעק אָפּגעלאָזט דעם שוחטס באָרד און זיך צוגעלאָזט צו לייבן.

— פאַרוואָס זאָלסטו בעסער ביי מיר נישט פרעגן? נאַ, נעם מיך אַן ביי דער באָרד און פרעג — איז לייב מיט צעשפּרייטע פיס געבליבן שטיין נאָענט לעבן דעם סטראַזשניק, וואָס איז געווען אַזוי הויך ווי ער.

— נאַר אַ מלאך האָט אייך צוגעשיקט. אַט דאָס הייסט אַ יון — איז דער שוחט אַביסל צו־זיך געקומען און זיך אויסגעגלעט די באָרד. — זאָל ער גיין אויף אַנדערע הענט. איר זעט דאָך, אַז ער איז מלא. ס׳אָווירט פון אים דער יי״ש, נאַר ווי פון אַ גראַלניע.

— כ׳וועל אים שוין איצט גוט אויסניכטערן. כ׳האָב געהערט וואָס ער האָט געפרעגט. ער׳ט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו פרעגן אַזעלכע קשיות.

— זעסט כאַטש ווי דער שלאַק טרעפט זיי איינס פאַר ס׳אַנדערע, גלייך ווי איך וואָלט אים אַנגערירט דעם האָנאָר. כ׳וויל גראָד לעבן גוט מיט אים. ער איז דאָך מיינער אַ שכן, האָט ער אָבער אַ פּאַסקודנע נאַטור און שטופּט זיין נאָז דאָרטן וואו מ׳דאַרף נישט. ער איז פון די פרעכע יידן, וואָס פאַרגעסן ווער זיי זיינען — האָט מאַציעק, אַ רויטער ווי אַ בוריק, כלומרשט געלאַסן גערעדט צו זיין שטאָטישער קרובה.

— טו אים צוליב און נעם אים אָן ביי דער באָרד — האָט די פּאַליאַטשקע זיך אָנגערופן.

— אויך מיר אַ באָרד. פּע, ס'איז נישט מער ווי אַ דרעפּאַטש — האָט דער סטראַזשניק ווי אַ דריבנע שפּיי געטאָן אויף לייבן און זיך געוואָלט אַוועקדרייען.

לייב האָט אַ וואָרף געטאָן דעם ריסקאַל צו דער ערד, מיט אַ האַנט צוגעפּלעטשט די יאַרמולקע אויף זיין קאָפּ און מיט אַזאַ גבורה אָנגע־כאַפּט מאַציעקן פאַר אַן אַקסל, אַז ער האָט אים באַלד אָפּגעריסן אַן אַרבל פון דעם זונטיקדיקן ווייסן העמד.

— גיי נישט אַוועק; מיר זיינען נאָך נישט פאַרטיק — האָט לייב אַרויסגעבראָמט.

דער שוחט מיט דער קאָן וואָסער האָט אונטערגעטענצלט און זיך געבעטן ביי לייבן, אַז ער זאָל נישט אָנהייבן קיין געשלעג. לייב האָט אים ווי אַ ברען געטאָן מיט זיינע צעזשאַרעטע שוואַרצע אויגן, אויף אים ווי אָנגעשריגן, אַז ער זאָל נישט זיין אַזאַ באַיוז און אַז ער זאָל גיין אַהיים.

— אויב אַזוי, וועסטו שוין נישט אַוועקגיין פון מיין טויער ביז דו וועסט ליגן אויף דער ערד און קושן מיינע שטיוול. איצט וועל איך דיך שוין דערמאָנען ווער דו ביסט, דו פאַרשאָלטענער ייד — איז דער סטראַזשניק מיט אַ האַנט אַריין לייבן אין דער באָרד. לייב, וואָס איז געווען שטאַרקער און פלינקער פון דעם פּאַליאַק, האָט אַ ברומענדיקער אין אים באַלד געגומען אַריינגלייגן געזונטע, האַרטע קלעפּ. מאַציעק האָט אַ צעווילדעוועטער געשריגן, געשאָלטן די יידן און נאָר געוואָלט אַוועקלייגן לייבן אויף דער ערד. לייב האָט זיך אָבער אַפילו נישט געלאָזט איינבייגן.

עטלעכע גויאישע שכנים זיינען אַרויס פון זייערע הויפן און זיי האָבן מיט גרויס הנאה זיך צוגעקוקט צו דעם געשלעג. די שטאָטישע פּאַליאַטשקע האָט איצט גערופן די גויים, אַז זיי זאָלן זיך אָננעמען פאַרן סטראַזשניק, אַז זיי זאָלן נישט דערלאָזן, אַז אַ יעזוס־מערדער זאָל אים וויי־טאָן. די גויאישע שכנים האָבן פון דער זייט געקוקט אויף דער פרעמדער, זיי האָבן געגרעבצט, געשפּיגן און זיך נישט אַריינגעמישט אין געשלעג.

— איר זעט כאָטש ווי דער לייבע קלאַפּט ווי אין אַ שטרויזאַק. ער וועט פון אים מאַכן פאַרך.

— מ'דאַרף זיך נישט מישן. וואָס פאַר אַן אייגענער איז ער אונדז, דער פאַרביסענער ליאַך?

— זאָלן זיי זיך איינער דעם אַנדערן אָפּבייסן די נעז. ס'איז נישט אונדזער עסק.

— מען האָט דעם מאַזור שוין לאַנג באַדאַרפט אַ רייב־טאָן די ביינער. ער האָט צופיל פליי אין דער נאָז און ער בריקעט זיך נאָר ווי זיין בוהאַי —

האָבן די גוים צווישן זיך גערעדט אין דער שטיל און זיך נישט גערירט פון אָרט.

ס׳האָט דעם סטראַזשניק גענומען זעצן ס׳בלוט פון דער נאָז און פון דער אויבערשטער ליפּ און ער האָט זיך גענומען וואַקלען אויף די פיס. פּונקט דעמאָלט איז זיין ווייב אַרויס אויפן וועג מיט אַ געוואַלד און זיך גענומען בעטן ביי לייבן, אַז ער זאָל אָפּלאָזן איר מאַן. באַלד איז אויך ריווע מיט עטלעכע קינדערלעך געקומען צעלויפן. אַזוי ווי מאַציעק, אַ פּאַרגאָסענער מיט בלוט, האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס, האָט לייב אים אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד און אים אָפּגעגעבן דעם שפּיי.

— איצט וועט דער שכן מייגער שוין מער נישט וועלן רייסן ביים שוחט די באָרד און ער וועט שוין אַזוי נישט פּיסקעווען אויף יעדן איינעם. איך האָב אים שוין לאַנג געוואָרנט, אַז איך וועל אים אַמאָל אָנלערנען — האָט לייב אָפּגעווישט זיינע קורצע ברייטע הענט אין די הויזן און מיט ריווען און מיט די קינדער אַוועק אַהיים.

מאַציעק האָט אַ קרעכצנדיקער און אַ געקאָרטשעטער פון ווייטיק מיט דער הילף פון זיין ווייב זיך קוים אויפגעהויבן פון דער ערד. ער האָט פּאַר די שכנים זיך געשוואוירן, אַז לייב וועט דערפאַר פוילן אין קרימינאַל און ער האָט, אַן אָנגעשפּאַרטער אויף דער סטראַזשניטשקעס אַקסל, זיך אַוועקגעשלעפּט אין זיין שטוב אַריין. די שכנים זיינען זיך צעגאַנגען און גרויסע זשומענדיקע פליגן מיט גלאַנצנדיקע גרינע בייכער זיינען צוגעפאַלן צו דעם בלוט, וואָס דער סטראַזשניק האָט געלאָזט הינטער זיך אויף דער ערד.

אויפן צווייטן טאָג איז לייב ווידער צוגעקומען צום סטראַזשניקס טויער. דאָסמאָל איז ער געקומען מיט זיין קעסטל דאָקטער־געציג צו היילן מאַציעקס קו, וואָס איז איינגעפאַלן אין פעלד. אַ שכן איז נאָך אים געקומען שוין נאָכדעם ווי מען האָט געהאַט גערופן דעם קיילער יאַנטשוק, אַז ער זאָל דערקוילען די בהמה איידער זי גייט־אויס. דער סטראַזשניק האָט זיך נישט געוויזן, אָבער ס׳ווייב זיינס מיט די קינדער זיינען גע־זעסן אין שטאַל אַרום דער קו, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרגלייזט די אויגן און זי באַוויינט.

— אוי אוי, בהמהלע, נשמהלע מיינס.

— אוי אוי, קאַלענאַ טייערע, שפּייזערין אונדזערע. הייב־אויף דיין שיינעם קאָפּ און זע ווער ס׳זיצט דאָ לעבן דיר — האָבן זיך זייערע וויינענדיקע קולות געטראָגן ביז אויפן וועג אַרויס.

— אַזוי לאַנג ווי זי אָטעמט נאָך, דאַרף מען זי נישט אויפגעבן — איז לייב מיט שטילע גוטע רייד אַריינגעקומען אין שטאַל. דער כעס אויף מאַציעקן איז אים שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען און ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם געשלעג.

— גוטער האַרציקער מלאך, ראַטעוועט אונדזער קיעלע! — האָט די

סטראַזשניטשקע אַרומגעכאַפּט לייבס פּיס און אים נאָר געוואָלט קושן די הענט. לייב האָט אָבער זי אָפּגעשטופּט און איר געהייסן אַרויסנעמען די קינדער פון שטאַל.

— ביטאָ שוין וועמען צו ראַטעווען. מ׳דאַרף זי דערקוילען איידער זי ציט־אויס די פּיס. אַזוי וועט איר זיך כאַטש אָנעסן מיט פלייש און איינלייזן עטלעכע רייניש — האָט זיך געלאָזט הערן יאַנטשוק דער קוילער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער טיר פון שטאַל און געשאַרפט זיינע מעסערס.

— זייער רעכט. זאָל מען כאָטש עסן אַ שטיקל פלייש.

— טאַקע אַזוי. פאַרן געלט, וואָס מען וועט באַקומען פאַרן פלייש און פאַר דער פעל, וועט איר קאָנען קויפן אַ קעלבל אויף אויסצופלעקען און אין צוויי יאָר אַרום וועט איר האָבן אַן אַנדערע קו — האָבן די צונויפגעקומענע שכנים, וואָס האָבן געוואָרט אַז מען זאָל קוילען די קי, פּאַטאַקעוועט. עס האָט זיך ביי זיי באַצייטנס צעשפּילט דער אַפּעטיט צום פלייש. זיי האָבן געמיינט, אַז אַט־אַט וועט מען דאָס פלייש פון דער בהמה צעטיילן פאַר האַלב־אומזיסט, און זיי האָבן זיך אַזש באַלעקט.

לייב האָט געעפנט זיין קעסטל געצייג, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳רעקל, פאַרקאַטשעט די העמד־אַרבל און זיך גענומען אַרבעטן איבער דער קו. ער האָט איר אויפגעריסן ס׳מויל, זי אָנגענומען ביי דער צונג און אין איר אַריינגעגאָסן עפּעס פון אַ פלעשל.

— זי וועט אויסגיין אונטער זיינע הענט און קיין פּגירה וועל איך נישט קוילען — האָט דער געזונטער אָנגעפּרעסענער יאַנטשוק מיט אַ גרויס מעסער אין האַנט זיך געשאַרט נעענטער צו דער קו און דורך ברייט־צעשפּרייטע נאָז־לעכער שווער געאָטעמט.

— זאָל זי בעסער אויסגיין. ס׳אַ זינד פאַר גאָט צו דערקוילען אַזאַ מעלקנדיקע קו — האָט לייב געטריבן דעם קוילער פון שטאַל און מיט אַלערליי מיטלען געמיינטערט די בהמה. ער האָט אַ פאַרשוויצטער לאַנג געאַרבעט איבער איר און ערשט שפּעט אין דער נאַכט, ווען די קו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ווידער אָנגעהויבן אַביסל צו מעלה־גרהן, איז ער אַרויס פון שטאַל. לייב האָט דערנאָך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געפּילעוועט דעם סטראַזשניקס קו ביז זי איז געזונט געוואָרן.

— גאָט וועט אייך דערפאַר באַלוינען, גוטהאַרציקער שכן — איז די סטראַזשניטשקע פון גרויס פריידן זיך פאַרגאַנגען אין געוויין ווען לייב האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעפירט די קו פון שטאַל. זי האָט פאַר אים געהאָט צוגעגרייט אַ שטיק גראָבע לייוונט, עטלעכע זילבערנע רייניש און צוויי פעטע קאַטשקעס.

— כ׳על גאָרנישט נעמען. מאַציעק וועט דערנאָך זאָגן, אַז כ׳האָב צוגענומען זיין פאַרמעגן. ס׳איז מיר געווען אַ רחמנות אויף גאָטס שטום באַשעפעניש. יאַנטשוק איז דאָך שוין געשטאַנען גרייט מיטן מעסער זי צו דערקוילען — האָט לייב געגלעט די בהמה איבערן האַלדז, זיך מיט איר ווי אָפּגעזעגנט און זיך געלאָזט צום טויער.

— כ'וועל האַלטן די צונג צווישן די ציין, און גאָרנישט זאָגן. טאָמער נישט זאָל מיך גאָט שוין דערשלאָגן אויף טויט — איז מאַציעק אים פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט ווי אַ פאַרשולדיקטער לייבן געגעבן די האַנט און אים קוים איינגעבעטן, אַז ער זאָל כאָטש אַהיימנעמען די צווי קאַטשקעס, וואָס זיינען שוין געלעגן געבונדענע לעבן דער שטובן־טיר.

לייב האָט זיך דעמאָלט איבערגעבעטן מיט דעם סטראַזשניק אָבער ער האָט ווי פריער זיך געהאַלטן פון אים פון דערווייטנס.

קאַפּיטל זעכצן

ווען מען האָט שוין געהאַט אַראָפּגענומען פון פעלד דאָס מאָגערע ביסל ווייץ און קאָרן, דעם שיטערן גערשטן און דעם נישט־געראָטענעם פּוסטן האָבער, האָבן די היצן אָפּגעטראָטן און ס'האָט זיך גענומען קלייבן אויף רעגן.

אין אַ פאַרנאַכט האָבן פון הינטער די בערג אָנגעהויבן אַרויסקריכן גרויסע שוואַרצע כמאַרעס, וואָס האָבן דערמאָנט אָן חיות פון גאָר אַלטע צייטן, און זיך אָנגעקלאָזט איבערן הימל. פאַרטאָג האָבן אָבער ווינטן צעטריבן די כמאַרעס.

אין יענעם פאַרטאָג האָט דער יאַנאָוויצער וואַיט ראַווליוק פון גרויס הריזאָטע, וואָס די זון האָט אויסגעברענט די תבואה אויף זיינע פעלדער, זיך אויפגעהאָנגען אין זיין סטאַדאָלע. די דאָרפסלייט, און אַפילו זיינע אייגענע ברידער, וואָס האָבן אים אָפּגעשניטן פון שטריק, זיינען געווען אויפגעבראַכט אויף דעם רייכן וואָיט, וועלכער האָט נאָך געהאַט גענוג ווייץ און קאָרן פון לעצטן יאָר, און זיי האָבן אים געשאָלטן מיט די ערגסטע קללות. זיי זיינען געווען איינגעגלויבט, אַז נאָר דורך דעם געהאָנגענעם האָבן די ווינטן, ווי אָפּגעריסענע פון קייטן, זיך אַ לאָזגעטאָן אויף די וואָלקנס און פאַרטריבן דעם רעגן. אויפן צווייטן טאָג איז ווידער געוואָרן כמאַרנע, אָבער דער רעגן האָט זיך נישט געקאָנט דורכרייסן.

אין די כמאַרנע טעג נאָך דעם אָרעמען שניט האָט זיך צו לייבן קיין אַרבעט נישט גענומען. ער האָט זיך געדרייט לעבן טויער, געררויכערט ציגאַרלעך און אַרויסגעקוקט צו די היי־פעלדער, וואָס האָבן ערטערווייז זיך שוין געברוינט ווי אין אָסיען. זיין סטאַדאָלע איז געווען האַלבליידיק און קיין סטייגלעך תבואה האָט ער יענעם זומער אויפן הויף נישט געהאַט. ס'האָט אים אָבער נישט פאַרלאָזט דער בטחון, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין זיידן בער. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז דער וואָס שפּייזט יעדעס ווערעמל אין דער ערד וועט שוין אַזוי פירן, אַז ס'זאָל ביי אים אין שטוב נישט פעלן ס'שטיקל ברויט.

ס׳האַרץ איז אים אָבער פאַרט געווען שווער. אין יענע טעג האָט ער ווי מיטאַמאָל דערזען, אַז ריווע האָט פאַרלוירן די געזונטע רויטקייט פון פּנים, אַז איר שטערן קנייטשט זיך און אַז אַרום אירע אויגן לייגט זיך אַ געלבלעך־טונקעלע מאַטקייט. אַ באַטריבטער האָט ער פון דער זייט זי באַטראַכט און יעדעס מאָל ווען ער האָט זי געוואָלט פרעגן צי זי איז עפּעס נישט געזונט איז אים געוואָרן ענג אין האַלדז און ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. ער האָט אַ שווייגענדיקער גע־פאַרשט איר פּנים ביז ער האָט איינמאָל, אין אַ מיטן נאַכט, ווען זי האָט אין שלאָף אָנגעהויבן קרעכצן, זי אויפגעוועקט.

— וואָס איז דיר, ריווע? וואָס טוט דיר ווי? — האָט ער מיט אַ האַרטער האַנט אָנגערירט איר פייכט פּנים.

— ס׳איז מיר גאָרנישט — איז געווען איר ענטפער.

— האָסט געקרעכצט, האָב איך דיך אויפגעוועקט.

— כ׳בין שלעכט געלעגן, און אפשר האָט זיך מיר עפּעס געחלומט.

— כ׳זע, אַז דו פאַרלירסט די פאַרב פון פּנים.

— און איך זע, אַז דו האָסט שוין גרויע האָר אין דיין באָרד. וואָס־זשע, האָסט אפשר געוואָלט, אַז מיר זאָלן אייביק בלייבן יונג?

— כ׳מיין, אפשר איז דיר עפּעס און דו ווילסט מיר נישט אויס־זאָגן.

— משוגענער וואָס דו ביסט. ס׳איז נישטאָ וואָס אויסצוזאָגן. אַ באַלאַסקן מיך אויפצואוועקן אין מיטן נאַכט — האָט ריווע אַ גוט־מוטיקע ווי אָנגעשריגן אויף איר מאַן.

— זאָלסט שאַנעווען דיין געזונט, זאָג איך דיר. אַז נישט, וועט זיך טאָן חושך. כ׳האָב אַזוי אויך גענוג זאָרג.

— וואָס האָסטו געגומען ציטערן איבער מיר ווי איבער אַ יונג ווייבל נאָך דער חתונה?

— ווייל כ׳וויל, אַז דו זאָלסט זיין געזונט.

— נאַרעלע, וואָס האָסטו דיך צוגעטשעפּעט? כ׳זאָג דיר, אַז סאיז מיר גאָרנישט. כ׳בין נאָר אַביסל מיד און דו לאָזט מיך נישט שלאָפן. צום ווינטער־צו וועל איך מיך אָפּרוען. און זאָלן אונדז נאָר די קינדער אונטערוואַקסן וועט מען נישט דאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן און מ׳וועט זיך קאָנען מער שאַנעווען — האָט ריווע מיט גוטע רייד ווי איינגענומען לייבן. זיי זיינען דערנאָךביידע לאַנג געבליבן וואַך און צווישן זיך אין דער שטיל גערעדט וועגן בלומעלען, וואָס האָט אַ בלאָנדע, אַ דינע, ווי אַ פלאַנץ פון אַ ווייטן זוניקן לאַנד, זיך געצויגן אין דער הויך און וועגן יאַנקלען, וועלכער איז געוואַקסן ווי דער ווילדער בוריאַן אין פעלד.

נאָך שביט האָט לייבן ווי אַ דונער געטראָפן די ידיעה, אַז זיינס אַ גליד־געשוועסטערקינד, די ניינצן־יאָריקע דאַניע, פונעם דאָרף זאַזולינעץ, האָט זיך געשמדט און גענומען שליוב מיט אַ שגץ פון דער טאַטאַרשטשינע.

פסחס ווייב, טריינע די גראַבע, האָט געבראַכט די שוואַרצע בשורה פון דעם יאַנאָוויצער גלח.

טריינע די גראַבע, וואָס איז געווען אַן אַריינגייערין צום גלח, איז אין אַ פּאַרנאַכט צו אים געקומען קויפן עטלעכע אינדיקעס און אַ פּאָר טעפּ האָניק. זי האָט ווי אַלעמאָל אים געבראַכט צוטראָגן אַ מאָקערטע פּריש־געבאַקן פּוטער־געבעקס, אָבער ווי נאָר זי האָט דעם גלח באַגריסט און אים אַ קוש געטאָן אין דער האַנט, האָט ער איר אָנגעזאָגט די נייעס וועגן דאָניען. ער האָט איר דערציילט, אַז דער שגץ פון דער טאַ־טאַרשטשינע האָט צוערשט געבראַכט לייבס קרובה צו אים, אָבער ער האָט זי נישט געוואָלט איבערצלמען. דער שגץ איז דערנאָך אַוועק מיט דאָניען צו דעם גלח פון דעם דאָרף מיכאַלקע און יענער האָט מיט אַ גרויסן טאַראַראַם זי אָפּגעשמדט און געפּראַוועט די חתונה ביי זיך אין קלויסטער.

נאָך דער חתונה איז דאָניע געקומען מיט איר מאַן זיך באַזעצן אויף דער טאַטאַרשטשינע. עס איז געווען אין אַ שבת און זי איז אַן אויס־געפּוצטע אין אַן אויסגענייט גויאיש העמד, מיט אַ גרויסן צלם אויפן האַלדז, אַריינגעפאָרן אין דאָרף פונקט דעמאָלט ווען די יידן זיינען גע־גאַנגען פונעם דאַווענען. דאָניע איז געזעסן ווי אַ פּאַרגליווערטע אין וואָגן און געקוקט פאַר זיך. איר מאַן, דער טאַטאַרשטשינער שגץ, וואָס האָט קליינערהייט געפּאַשעט בהמות ביי די דאָרפישע יידן און אין די שבתים אַראָפּגענומען די לייכטער פון די יידישע טישן, האָט אַ פּריילע־כער באַגריסט לייבן ווי זיינעם אַ קרוב. לייב האָט זיך אָבער געמאַכט נישט־הערנדיק און נישט זעענדיק. ער האָט אַראָפּגעקוקט צו דער ערד און מיט אַלע כוחות זיך איינגעהאַלטן נישט אַראָפּצושלעפּן די משומדתטע פון דעם וואָגן.

ווען דאָס פּאָרל איז פאַרבייגעפאָרן די קלויז האָבן די יידן אויס־געשפּיגן דריי מאָל און עפּעס אין דער שטיל געמורמלט. קליינע ייִנגלעך, מיט די סידורים אונטער די אָרעמס, האָבן דער געשמדטער נאָכגע־שריגן:

„געצלמטע האָליצע, שפּרינג אויף דער פּאָליצע,
גנבע אַ ברויט, וועט מען דיר מאַכן דעם טויט".

די ייִנגלעך האָבן זיך ערשט געוואָלט צעלאָזן מיט אַ געזאַנג, אָבער די טאַטעס האָבן אויף זיי אָנגעשריגן און זיי געהייסן גיך אַהיימגיין.

לייב איז געווען אויס מענטש ווען ער איז אַהיימגעקומען פונעם דאַ־ווענען. ס'איז אים שוין נישט באַקומען דער טשאָלענט און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

— אָט דאָס הייסט באַגראָבן טאַטע־מאַמע לעבעדיקערהייט. אַזוי צו פאַרשעמען די משפּחה. און זי איז נאָך געקומען דאָ וואוינען! — איז ער אַ צערייצטער אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב.

— נו, זעסטו שוין וואָס אַ קינד קאָן אַמאָל אָפּטאָן. מ׳זאָל גאָרנישט געפּרואווט ווערן. כ׳וואָלט עס בעסער נישט וועלן דערלעבן — זיינען ריוועס אויגן פול געוואָרן מיט טרערן. זי האָט אַ וויינענדיקע גערעדט צו לייבן, אָבער זי האָט מיט אירע בליקן ווי דורכגענומען בלומעלען און יאַנקלען.

דאָניע, די זאַזולינעצער משומדתטע, וואָס האָט זיך באַזעצט הינטערן פאָלוואַרק, האָט אויפגערודערט אַלע יידישע היימען אין דאָרף. די יידישע דאָרפסלייט האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט צוגעוואוינען זי צו זען אָנגעטאָן אין גויאישן סטראָי. זי האָט אָבער נאָר ווי אויף־צו־להכעיס זיך געוואָרפן די יידן אין די אויגן. זי איז זיך שבת געגאַנגען מיטן סערפּ אין פעלד אַריין, זיך געצלמט פאַרן יויזל לעבן דער מיל און זונטיק איז זי גלייך מיט אַלע גאַזדעניעס, אָן אויסגעפּוצטע, ס׳פּנים אונטערגעבונדן מיט אַ טיכל, געגאַנגען אין קלויסטער.

די סומנע און כמאַרנע זומער־טעג נאָך דעם מאָגערן שניט זיינען פול געווען מיט געשעענישן, וואָס האָבן לייבן און ריוון אַלעמאָל געבראַכט נייע זאָרג.

יענעם זומער האָט ערגעץ אין די בערגיקע וועלדלעך אַרום יאַנאָוויץ זיך אויפגעהאַלטן אַ יונגער רויבער מיטן נאָמען קעבוש, וואָס די זשאַנדאַרן האָבן אים געהאַלטן אין איין אַרומזוכן. דער רויבער האָט אויף די וועגן געטשאַטעוועט אויף יידישע סוחרים און ער איז דורך די נעכט אויך באַפאַלן דאָרפישע שטיבער. ער איז נישט איינמאָל אַ פאַרשטעלטער פאַר אַ פאַראָבעק געקומען אויף גויאישע חתונות, געטאַנצט מיט אַלע שיקסעס און שפּעט אין דער נאַכט איז ער מיט דער שענסטער פון זיי פאַרשוואונדן. עס האָט אויך געטראָפן, אַז ער האָט אין מיטן העלן טאָג פון פעלד, צי פון דער דאָלינע, פאַרנומען אַ שיקסל און מיט פאַרבונדענע אויגן זי אַוועקגעפירט אין זיין באַהעלטעניש, ערגעץ אין אַ הייל צווישן די בערג. ער האָט דאָס שיקסל פאַרהאַלטן ביי זיך אויפן געלעגער איבער נאַכט און פאַרטאָג האָט ער אָפּגעשניטן אַ פלעכטל פון אירע צעפּ, איר ווידער פאַרבונדן די אויגן און זי צוריק אַרויסגעפירט אין פעלד אַריין.

קעבוש האָט געקליבן די שענסטע און די יינגסטע און ס׳האַרץ פון יעדן דאָרפישן מיידל איז פול געווען מיט פּחד ווען זי איז געווען אַליין אין פעלד. דער רויבער האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ שרעק, אָבער דורך די נעכט האָבן זיי געטראַכט וועגן אים און מיט אָפּגעדעקטע הייסע לייבער ווי געוואַרט, אַז ער זאָל קומען זיי נעמען מיט געוואַלט.

יענעם זומער זיינען עטלעכע יונגע גויאישע מיידלעך פון דאָרף טראַגענדיק געוואָרן. כאָטש עס זיינען צווישן די טראַגענדיקע געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דעם רויבער קעבוש אַפילו פאַר די אויגן נישט געזען, האָבן זיי אָבער אַלץ אַרויפגעלייגט אויף אים. די דאָרפסלייט זיינען געווען אויפגעבראַכט אויף די זשאַנדאַרן, פאַרוואָס זיי קאָנען נישט פאַנ־

גען דעם וואַלד־גזלן, וואָס האָט זיך אַלעמאָל פון אונטער זייערע נעזער אַרויסגעדרייט. מען האָט אים נאָר געוואָלט זען אַ געהאָנגענעם און די גוים האָבן נישט איינמאָל מיט שטריק און מיט העק זיך אַליין אַרויס־געלאָזט אים זוכן. זיי האָבן אים אָבער נישט געקאָנט געפינען.

וועגן קעבושן האָבן אין די דערפער זיך פאַרשפּרייט אַ סך מעשות און מען האָט וועגן אים אויך אָנגעהויבן זינגען לידער. מען האָט דער־ציילט, אַז ער האָט אין זיין הייל באַגראָבן אַ סך גאָלד און זילבער, וואָס ער האָט אָנגערויבט ביי יידן און אַז ער האָט אויך ביי זיך אַ סך שאַרבנס פון מענטשן. מען האָט געזונגען לידער וועגן אים ווי ער קומט ביינאַכט צו אָרעמע פּויערים און ער וואַרפט זיי אונטער שאָף און קעלבלעך. און אויך וועגן דעם ווי יונגע שיינע מיידלעך זיינען אים אונטערטעניק; ווי זיי גיבן אים, שטילע, אָפּ זייער מיידלשאַפט און גייען דערנאָך אַהיים מיט אַ הייסער ליבשאַפט צו אים.

אויף די דאָרפישע יידן האָט קעבוש אָנגעוואָרפן מער שרעק ווי אויף די גוים. די יידישע מאַמעס האָבן אויף שריט און טריט געהיט די טעכטער, און ווען יידן האָבן באַדאַרפט פאָרן אין שטאָט אַריין איז מען נישט געפאָרן אַליין, נאָר צו עטלעכע מיטאַמאָל. מען האָט זיך באַ־וואָפנט מיט דרענגלעך און אָרטשיקעס, אָבער דער רויבער האָט שוין געוואוסט ווען און וואו זיך צו באַווייזן.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט קעבוש פאַרכאַפּט בלומעלען. זי איז דעמאָלט אַרויס אין טאָל אַהיימנעמען די גענדז און זי איז אַ פאַרטראַכטע זיך פאַרגאַנגען העטוויט הינטערן זאַפּוסט. דער יונגער רויבער איז פּלוצלונג פאַר איר אויסגעוואַקסן.

— אַ ציגיינערטע האָט מיר אַמאָל ביים וואָראָזשען אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל מיך היטן פאַר מיידלעך מיט ליכטיקע האָר און ווייסע פּנימער, אָבער איך האָב מיך פון איר אויסגעלאַכט — איז ער געבליבן שטיין פאַר איר אַ הויכער, אַן אויסגעברוינטער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויף זיין פּנים.

בלומעלע האָט אַ צעטומלטע אים אָנגעקוקט. זי האָט גלייך גע־וואוסט, אַז דאָס איז דער רויבער קעבוש. קינד און קייט האָבן אין דאָרף ווי געהאַט זיין געשטאַלט פאַר די אויגן. מען האָט געוואוסט, אַז ער איז הויך געוואַקסן, אַז ער האָט אַ שוואַרצן קוטשעראַוון קאָפּ האָר, אַז ער טראָגט אַ קורץ ברוין פּעלצל און אַ גרין קליין קאַפּעליושל פאַרשטעקט מיט אַ פּעדער.

— קעבוש — האָט זי אַרויסגעמורמלט. זי האָט זיך עפּעס ווי נישט געוואָלט גלויבן, אַז ער שטייט טאַקע פאַר איר אַ לעבעדיקער און זי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט ווי אים אָנצורירן. זי האָט זיך באַלד דער־מאָנט אָן די מעשות וועגן די שאַרבנס, וואָס ער האָט אין זיין באַהעל־טעניש און עס איז זי באַפאַלן אַזאַ פּחד, אַז זי איז געבליבן שטיין ווי אַ

פאַרגליווערטע. זי האָט אין דער רגע פון שרעק ווי פאַרלוירן ס׳לשון און נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדן.

— דו ביסט נאָך גאָר אַ יונגע און דו זעסט גאָרנישט אויס ווי קיין דאָרפישע. כ׳האָב אַ סך פלעכטלעך האָר פון יונגע און שיינע מיידלעך, אָבער אַזעלכע ליכטיקע און גלאַנצענדיקע ווי דיינע האָב איך נאָך נישט — האָט קעבוש אַ פיר־געטאָן מיט דער האַנט איבער איר בלאָנדן קאָפּ.

בלומעלע האָט מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אויף אים און עפּעס נאָר ווי אין שלאָף זיך נישט געקאָנט קיין ריר טאָן. ערשט ווען ער האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און איר געזאָגט, אַז ער נעמט זי מיט זיך אין זיין באַהעלטעניש האָט זי זיך אַ וויג געטאָן און זיך געלאָזט פון אים פירן. ער האָט זי געפירט צום באַרג, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן מיט ווילדע ניסן־ביימלעך און מיט קאָרטשעס טערען. זי איז געגאַנגען לעבן אים מיט שטייפע טריט, ווי אַ פאַרכישופטע און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

— דאַרפסט פאַר מיר נישט מורא האָבן — האָט דער רויבער זיך צו איר אַ פאָר מאָל צוגעבויגן און צו איר גערעדט אין דער שטיל. זי האָט אָבער דעם גאַנצן וועג געהאַלטן פאַרקלעמט ס׳מויל און מען האָט פון איר קיין שאָרך נישט געהערט.

אַ פולע לבנה איז שוין געווען אויפן הימל ווען ער האָט זי אַראָפּגעפירט פון דער סטעזשקע און אַרומגעבונדן אַ טיכל אַרום אירע אויגן.

— ביסט שוין זיכער מיד, מיין יונג טייבעלע. באַלד וועלן מיר זיין אין מיין הייל און דו וועסט דיך אָפּרוען. אויף מיטן טאָג גלייך וועסטו ווידער זיין ביי דיר אין דער היים. אַזעלכע מיידעלעך ווי דו דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַר מיר — האָט ער איר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער.

בלומעלע האָט זיך געלאָזט פאַרבינדן די אויגן און זיך נישט געװערט. דער רויבער קעבוש האָט דערנאָך פאַרלייגט אַ האַנט אַרום איר טאַליע און זי ווייטער געפירט צו זיין פאַרבאָרגענער הייל. אַלעמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געהאָרכט. דער ווילד־פאַרוואָקסענער באַרג האָט ווי געאָטעמט מיט באַכטיקער שטילקייט. וואו־ניט־וואו איז אַן איבערגעשראָקן העזל, צי אַן אַנדער חיהלע, אויפגעשפּרונגען און אָפּגעטראָטן קעבושן דעם וועג.

— דאָ בין איך דער קייסער — האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט אין דער שטיל און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. וואָס ווייטער ער איז פאַרגאַנגען אין דער ווילדערניש, אַלץ זיכערער האָט ער זיך געפילט. ער האָט וואויל געוואוסט, אַז זשאַנדאַרן זוכן אים אַרום. עס איז אים אָבער גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז עטלעכע פון זיי, איבערגעטוענע אין פּויערישע קליידער, האָבן נאָך אין דער דאָלינע אים געכאַפּט אויפן אויג און זיי טשאָטעווען איצט אויף אים צווישן די ווילדע קאָרטשעס.

טיף אין דער ווילדערניש האָט ער דורך אַ שמאָלער עפענונג פּאַ־וואָליע אַריינגעפירט בלומעלען אין זיין הייל, וואָס איז פון אַלע זייטן געווען פאַרוואַקסן מיט קאָרטשעס און גראָזן. ווען ער האָט זי אַריינגעבראַכט אין דער הייל האָט ער אַראָפּגענומען דאָס טיכל פון אירע אויגן. אַ טונקעלע בלויקייט, וואָס האָט דורך אַן אַנדער עפענונג זיך אַריינגעריסן פון דרויסן, האָט ווי אַ זייל זיך געצויגן סקאָסנע צו בלומעלעס פיס. אַרום איר איז אָבער געווען שטאָק־פינצטער. זי איז געשטאַנען אויף אַן אָרט און געגלאָצט אַרום זיך מיט די אויגן. קעבוש האָט באַלד זי צוגעפירט צו זיין געלעגער, וואָס איז געווען אויסגעבעט פון סאָסנע־צווייגלעך און פון טרוקענע בלעטער. ער האָט זי אַוועקגעזעצט און מיט זיינע רייד זי ווי געוועקט.

— ביסט אינגאַנצן אַנדערש פון די דאָרפישע מיידלעך. נישט דו לאַכסט און נישט דו וויינסט. און רעדן ווילסטו אויך נישט. ווילסטו מיר כאָטש זאָגן ווי דו הייסט?

בלומעלע האָט נישט געענטפערט. זי האָט אַריבערגעקוקט צו דעם טונקל־בלויען זייל און מיטאַמאָל ווי אין חלום גענומען אויסציילן די ווערטער פון דעם שפּרוך, וואָס האָט זי ביינאַכט באַדאַרפט באַשיצן פון אַלדאָס בייז.

— ביסט גאָר אַ יידישקע? כ'האָב דאָס נישט געוואוסט. זאָגסט דיין פּאַציערזש, צי איז עס אפשר מיר אַפּצוטאָן עפּעס אַ כישוף? מעגסט מיר דערציילן — האָט ער איר אַריינגעלאַכט אין פּנים. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן איר און זי אַרומגענומען. זי האָט זיך נישט געווערט, נאָר געזעסן ווי אַ פּאַרגליווערטע.

— ווי קאַלט דיינע באַקן זיינען. עס איז אַ וואַרעמע נאַכט און דיר איז גאָר קאַלט. פּאַרטאָג וועל איך אָפּשניידן אַ פּלעכטל פון דיינע צעפּ און דיך צוריקפירן צום טאָל. אַזעלכע האָר ווי דיינע האָב איך נאָך נישט.

קעבוש איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען. ער האָט דערהערט אַ שטאַרק גערויש אַרום דער הייל. נאָך איידער ער האָט אָבער באַוויזן צוצולויפן צו דער עפענונג פון דער הייל, האָבן זשאַנדאַרן אַרומגערינגלט זיין באַהעלטעניש און אָפּגעפייערט עטלעכע שאָס אין דער לופטן. זיי האָבן מיט געזונטע קולות גענומען רופן דעם רויבער, אַז ער זאָל אַרויסקומען מיט אויפגעהויבענע הענט און זיך אונטערגעבן. קעבוש האָט איצט בלומעלען איבערגעלאָזט זיצן אויף זיין געלעגער און ער האָט שטילערהייט גענומען קריכן אויף אַלע פיר צו אַ צווייטן אַרויסגאַנג, וואָס די הייל האָט געהאַט.

עטלעכע זשאַנדאַרן מיט אָנגעצונדענע לאַמטערענדלעך זיינען דערווייל אַריין אין דער הייל און פון דאָרט אַרויסגעפירט בלומעלען. נאָך עטלעכע זשאַנדאַרן האָבן געטשאַטעוועט ביים צווייטן אַרויסגאַנג און ווען קעבוש איז אַרויסגעקראָכן פון דער לאַנגער און שמאָלער עפענונג

האָבן זיי אים געכאַפּט. זיי האָבן אים אָנגעטאָן קייטעלעך אויף די הענט און אין דער ליכטיקער לבנה־נאַכט אים דורך יאַנאָוויץ געפירט אין שטאָט אַריין.

ווען די זשאַנדאַרן האָבן שפּעט אין אָוונט אַהיימגעבראַכט בלומעלען און אַריינגעפירט קעבושן אין דאָרף אַריין, זיינען יונג און אַלט אַרויס צום וועג. מען איז פון אַלע זייטן געלאָפן זען דעם רויבער, וואָס איז זיך אַ רואיקער געגאַנגען לעבן די זשאַנדאַרן. יעדער איינער האָט אים צוגעוואָרפן אַ קללה.

— פוילן זאָלסטו נאָר לעבעדיקערהייט, ראָזבאַיניק וואָס דו ביסט!

— זאָלסט דיך וואַרפן אין אַ קדחת בייטאָג און בייניאַכט!

— מ׳זאָל פון דיר רייסן שטיקער לעבעדיקערהייט און וואַרפן דיין פלייש פאַר משוגענע הינט!

— הענגען זאָל מען דיך אויף אַ דינעם שטריק און דער שטריק זאָל זיך זיבן מאָל איבעררייסן, בייסטרוק איינער!

— בעסער וואָלט געווען, אַז מען זאָל אים אַליין אָט־דאָ מאַכן די זאַך און אים נישט לאָזן פירן אין שטאָט אַריין!

מיטאַמאָל האָט לייב זיך באַוויזן. ער איז פלינק צוגעשפּרונגען צו קעבושן און מיט אַ פויסט אים דערלאַנגט עטלעכע מאָל אין פּנים אַריין. די זשאַנדאַרן האָבן לייבן קוים אַוועקגעריסן פון דעם רויבער, וואָס האָט זיך באַלד באַגאָסן מיט בלוט.

— גוט אַזוי, לייבע!

— זאָל דיר גאָט געבן געזונט דערפאַר. מען דאַרף זיך מיט אים ספּראַווען דאָ אויפן אָרט — האָבן די דאָרפסלייט געוואָלט נאָכטאָן לייבן און זיי האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן אויף קעבושן, גרייט אים צו צערייסן אויף שטיקער. די זשאַנדאַרן האָבן אָבער גיך אַרויפגעשטעקט אויף זייערע ביקסן די בלאַנקענדיקע באַגנעטן. זיי האָבן צעטריבן די דאָרפסלייט און מיט פערד און וואָגן אין מיטן נאַכט אַוועקגעפירט דעם רויבער אין שטאָט אַריין.

איינער פון די זשאַנדאַרן האָט בלומעלען געבראַכט ביז אין שטוב אַריין. ער האָט דערציילט ווי אַזוי זיי זיינען נאָכגעגאַנגען קעבושן פון דער דאָלינע אָן און ער האָט פאַרזיכערט בלומעלעס משפּחה, אַז ס׳איז איר קיין שלעכטס נישט געשען. ריווע האָט אָבער געמאַכט אַזעלכע געוואַלדן, ווען זי האָט דערזען בלומעלען, אַז מען האָט זי גאָרנישט געקאָנט איינשטילן.

— וואָס האָט ער געוואָלט פון מיין קינד, דער גזלן, דער רוצח? — האָט זי נישט אויפגעהערט יאָמערן.

— נו, הער שוין אויף. הערסט דאָך, אַז ס׳איז איר קיין האָר נישט געקרימט געוואָרן.

— ס׳וועט אים שוין זיין ס׳לעצטע מאָל — האָבן שכנים זי גע־האַלטן אין איין באַרואיקן.

— ס'איז איר גארנישט געשען. דער זיידע בער האט זיך פאר איר געמיט און זי אפגעראטעוועט פון דעם גאזלעוואי. ער איז אונדזער אלעמענס מליץ יושר. מ'וועט מערצעשעם שבת דארפן גומל בענטשן. זי איז נאר איבערגעשראקן. כ'על איר אויסגיסן וואקס וועט איר באלד בעסער ווערן — איז די באבע שרהלע א דירעוודיקע אונטערגעקומען מיט א טעפל אויפגעקאכט וואקס. זי האט דאס הייסע וואקס פאוואליע געגאסן פון דער הויך איבער בלומעלעס קאפ אין א שיסל קאלט וואסער און עפעס אין דער שטיל געפרעפלט. דאס וואקס איז טראפנווייז געפאלן אויפן וואסער, ווי רעגן אויפן פראסט געגליווערט און זיך אויסגעגאסן אין פארשידענע פיגורן. — אט איז דער רוצח — האט די באבע אנגעוויזן אויף איין שטיק וואקס. זי האט מיט צוויי פינגער, וואס זי האט געטונקען אין וואסער פון אונטער דעם אויסגעגאסענעם וואקס, אויסגעווישט בלומעלעס אויגן און איר אויך איינגעריבן דעם שטערן מיט די שלייפן.

בלומעלע איז געזעסן אויף דער לאנגער באנק אן אומבאוועגלעכע און געקוקט פאר זיך. אירע האר זיינען געווען צעפאטלט און פייכט פון ראסע. ס'קלייד איז געווען פול מיט באדיקעס און געהאט עטלעכע ריסן. אירע בארוועסע פיס זיינען געווען פארשטויבט און צעדראפעט. אויף א פאר ערטער האבן זיך אנגעזען דינע שנירלעך פארטריקנט בלוט. דער טומל אין שטוב, דער מאמעס געוויין האט זי ווי געוועקט פון דעם הינער־פלעט.

— א־יא, ס'איז דיר גארנישט?

— זאג דער מאמען, אז ס'איז דיר גארנישט — האבן די ווייבער פון דער משפחה, וואס זיינען באלד געקומען צו לויפן, זי ארומגעשטעלט. רויזע האט זיך אוועקגעזעצט לעבן בלומעלען און מיט אן איינגענעצט האנטעך איר אפגעווישט ס'פנים און די פיס. זי האט איר אויסגעגלעט די האר, און זיי צונויפגעבונדן מיט א שטיקל בלויער סטענגע. דבורה די פירזאגערין האט איר געגעבן צו טרינקען עפעס א ביטער געטראנק פון א טעפל און טריינע די גראבע האט מיט א ווארעמער האנט זי גע־גלעט און נישט אויפגעהערט צו איר צו רעדן.

— כ'האב געוואלט אנטלויפן און נישט געקאנט. ער האט מיך אנ־געטומען ביי דער האנט און געפירט — האט בלומעלעס פנים ענדלעך א צוק־געטאן און זי האט ווי נישט מיט איר קול ארויסגערערט די ווערטער.

מען האט דערנאך בלומעלען געלייגט שלאפן און אין דער פרי איז זי אויפגעשטאנען אן אויסגעניכטערטע פון דער שרעק.

קאַפּיטל זיבעצן

דער רעגן איז געקומען ערשט נאָך שניט. די כמאַרעס האָבן אין מיטן טאָג זיך אַ לאָז־געטאָן אויף דער זון און עס איז געוואָרן טונקל אין דרויסן. דער הימל איז אין דער זייט צום טאָל־צו געוואָרן שוואַרץ ווי סאַזשע און זיך ווי אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אַ קילע פּייכטע לופט האָט גענומען ציען פון דעם האַלב־אויסגעטריקנטן טייך. טשאַטעס שוואַלבן זיינען פון ערגעץ אָנגעפלויגן און געפלאַטערט נאָענט ביי דער ערד. זיי האָבן געלאָזט הערן זייערע פאַרשפּיצטע קולות און ווי אָנגעזאָגט די דאָרפסלייט, אַז ס'וועט באַלד אַ גיס־טאָן. די בהמות, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין דער דאַלינע, האָבן ווי דערשפּירט אַז ס'קומט אַ געוויטער און זיי האָבן מיט אַ מוקען זיך געלאָזט לויפן אַהיים צו זייערע שטאַלן. הינער, וואָס זיינען געלעגן אין די שאָטנדיקע גערטנער און איינגעפּאַרפלטע אין דער ערד געקילט זייערע הייסע לייבער, זיינען אַרויס אויף די הויפן און זיך אויסגעשטעלט אונטער די סטריכעס. שטורעם־ווינטן האָבן מיט אַ פּייפן און מיט אַ ברומען זיך אַ לאָז־געטאָן איבער די פאַרשמאַכטע סעדער, געבראָכן צווייגן פון דיביימער און אָפּגעטרייסלט די צוגעוויאַנעטע עפּל און באַרן. בליצן און דונערן האָבן ווי בייטשן געקנאַלט איבער די רוקנס פון די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך שווער באַוועגט אויפן הימל.

לייב איז געשטאַנען אויף דער פּאַדווירע אונטער אַ דעכל און אַריבערגעקוקט צו דעם אַלטן באַרן־בוים. דער שטורם האָט דאָרט געבושעוועט צווישן די צווייגן, אָבער לייבן האָט איצט אַ מילדע רואיקייט אַרומגענומען. ער האָט שוין געפילט דעם ריח פון דעם רעגן, וואָס איז געהאַנגען אין דער לופטן, נאָר אַראָפּצופאַלן. ס'האַרץ זיינס איז פול געווען מיט פריידע, וואָס די ערד און אַלע געוויקסן, וועלכע האָבן אין זיך נאָך אַביסל לעבן, וועלן באַלד זיך דערקוויקן. ווען עס האָט אָנגעהויבן בליצן און דונערן האָט ער, ווי זיין זיידע בער פלעגט אַמאָל טאָן, אויפגעכאַפּט אויף די דאַלאַניעס אַ פּאָר פון די ערשטע טראָפּנס רעגן און מיט די אויגן געווענדט צום הימל, מיט אַ געזונט גראָב קול געמאַכט די ברכות „עושה מעשה בראשית" און „שכוחו וגבורתו מלא עולם". נאָך די ברכות האָט ער נאָך גוט־ברודעריש אַרויפגערופן: „גיב איצט מיט דער פולער האַנט. מ'האָט גענוג געוואַרט. זשאַלעווע נישט!"

לייב האָט פול מיט לויב און דאַנק אַרויפגעקוקט צום הימל און זיך פאַרטראַכט וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט, וועגן די בראשית־טעג וועגן וועלכע ער האָט געלערנט אין חומש. ווען די וואָלקנס האָבן גענומען פּלאַצן און עס האָט אַ גאָס־געטאָן אַ שטאַרקער רעגן איז אים געקומען אויפן זינען דער מבול, וואָס האָט אָפּגעשווענקט ס'שלעכטס פון דער ערד. ער האָט אַריבערגעקוקט צו די היי־פעלדער, וואָס זיינען איצט

געווען ווי צונויפגעגאָסן מיטן הימל און עס איז אים פאָרגעקומען, אַז ער זעט דאָרט אין נעפּל זיין זיידן בער, אַ טריפנדיקן פון רעגן.

— „הערסט, לייב, קיין זאַך אין דער וועלט קאָן אַזוי נישט דערפרייען אַ מענטשנס הארץ ווי צוצוקוקן ווי אַזוי אַ רעגן איז מחיה די טרוקענע ערד און אַלצדינג, וואָס עס וואַקסט אויף איר. מ'וואָלט באַדאַרפט פּראַווען אַ גרויסן יום־טוב אין דעם טאָג ווען ס'קומט נאָך אַ לאַנגער פּסעכע אַ פולער רעגן. זעסט כאַטש ווי דער אייבערשטער האָט אַלצדינג געמאַכט מיט אַ סדר און מיט חכמה. ער גיט דעם רעגן פון דער הויך און נישט פון דער טיפעניש, ווייל ער האָט אין זינען נישט צו קריוודן דעם דעמב און נישט צו פאַרזען דאָס גרעזל" — האָבן דעם זיידנס רייד, וואָס ער האָט זיי פון אים געהערט ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, ווי אַריינגערוישט אין זיינע אויערן.

דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט און עס איז געווען ווי די פענצטער פון הימל וואָלטן זיך געעפנט. די איינגעקוואַרטע ערד האָט ווי מיט אַ סך מיילער, מיט אַ פריילעך בולבען און מיט אַ בלעזלען געטרונקען און געטרונקען. די פאַרחלשטע געוויקסן און אַלע גראָזן האָבן ווי אָפּגעמינטערטע באַשפּעניש אויפגעציטערט ווען זיי האָבן דערפילט די ערשטע טראָפּנס רעגן און דערנאָך האָבן זיי געבויגענע צו דער ערד געשטילט זייער דורשט.

לייב האָט ווי פאַרגעסן אָן זיינע טאָג־טעגלעכע זאָרגן. דער רעגן אויף וועלכן מען האָט אַזוי לאַנג געוואַרט האָט אים באַלעבט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיין ירושה־שטוב און ער האָט דאָרט אין די שייבלעך פון די פענצטער, ווי אין רעמלעך, געזען די פּנימלעך פון זיינע קלענערע קינדער. ער האָט מיט אַ גרינגן געמיט איצט געטראַכט וועגן זיינע זין און טעכטער ווי אַזוי ער וועט זיי אַלע אָבסיאַדן לעבן זיך ווען זיי וועלן אויסוואַקסן. איינציקוויז וועט ער זיי חתונה מאכן מיט באַלעבאַטישע דאָרפס־קינדער, וואָס וועלן האָבן אייגענע פעלדער; ער וועט זיי אויך אָפּגעבן זייערס און עטלעכע פון זיי וועט ער אַפילו אויסבויען שטיבער באָענט צום ירושה־הויז.

אַ שטאַרקער ווינט האָט פון ערגעץ זיך אַ טראָג־געטאָן צום דאַך פון דעם זיידנס שטוב און צעשויבערט אַ פּאָר סנאָפּיקלעך שטרוי פון דער סטריכע. לייב האָט אַ רואיקער אריבערגעקוקט צום דאַך און מיט די אויגן נאָכגעפאָלגט דעם ווינט, וואָס איז דערנאָך אַוועק אין טאָל אַריין.

* * *

דער רעגן האָט גאָרניט געוואָלט אויפהערן. עס האָט אַ גאַנצע וואָך געהאַלטן אין איין גיסן. ערשט ווען דער טייך איז אַרויס פון זיינע ברעגעס און זיך צעגאָסן איבערן טאָל האָט דער דרויסן זיך אָנגעהויבן אויס־

לייטערן. דער הימל האָט זיך ווי אויפגעהויבן אין דער הויך און די זון האָט זיך ווידער באַוויזן.

די גערטנער האָבן אויפסניי זיך צעבלאַנקט מיט גרינקייט אַנטקעגן דער זון און די אַקאַציעס אויף ביידע זייטן פון קייזער־שטראַז זיינען אָפּגעוואַשענע פון שטויב ווידער באַלעבט געוואָרן. אין איינע עטלעכע טעג זייבען די גראָזן אין טאָל אַביסל צו זיך געקומען און די בהמות האָבן ווידער אָנגעהויבן אַהיימטראָגן פון דער פּאַשע פולע אייטערס. די סמעטענע אין די אויפגעשטעלטע לאַדישטשעס איז געוואָרן געדיכטער און די פּוטער, וואָס מען האָט פון איר אויסגעשלאָגן, איז ווי אין אָנהייב זומער געווען געל ווי וואַקס.

דער שפּעטער רעגן האָט אין די פעלדער און אין די גערטנער דערראַטעוועט אַביסל קאַרטאָפל, בוריקעס, קרויט און אויך פאַרשידענע גרינסן. דער רעגן האָט אויך אַביסל אויסגעלייטערט די געמיטער פון די דאָרפסלייט. מען האָט אָבער אין דאָרף און אין שטאָט געגומען רעדן, אַז עס וועט זיין אַ הונגער־יאָר און די פויערים האָבן זיך ניט געאיילט צו פאַרקויפן זייער קאָרג ביסל תבואה, נאָר געוואַרט אויף אַ יקרות.

שפּעט אין אָסיען איז געוואָרן אַ זול אויף פערד און בהמות. אַלטע אָפּגעקראָכענע פערד האָט מען איינגאַנצן נישט געקאָנט פאַרקויפן. מען האָט אַפילו פאַר זייערע פעלן גאָרנישט געוואָלט געבן. עס איז פאַר זיי נישט געווען געגוג פּאַשע און מען האָט זיי פאָרן ווינטער, איידער עס איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי, אַרויסגעטריבן פון די שטאַלן, אַז זיי זאָלן זיך גיין וואו די אויגן וועלן זיי טראָגן. די אויסגעדאַרטע נבלות האָבן ווי פאַרשעמטע געדרייט די קעפּ צוריק צו די הויפן און האָבן טרויעריקע פון דער זייט געקוקט אויף זייערע באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיי מיט בייטשן געטריבן. דערנאָך האָבן זיי אויף גאַטס באַראַט אַוועק־געוואַנדערט צווישן די בערג און טאָלן און אין דער ווילדערניש פון דער סטינקע.

אין די אָסיען־טעג האָבן אין דאָרף זיך געוויזן אַ סך אַלטע גויאישע בעטלער מיט גרויסע טאָרבעס אויף זייערע אַקסלען. זיי האָבן ווי די אַרויסגעטריבענע פערד דערשלאָגענע זיך געדרייט פאַר די טירן פון די דאָרפישע שטיבער, זיך געהאַלטן אין איין צלמען און געבעטן, אַז מען זאָל זיי שענקען אַ שטיקל ברויט.

ביי די דאָרפישע יידן, וואָס האָבן געפירט מסחר מיט די פויערים, איז די פרנסה געוואָרן שטאַרק געשלאָגן. מען האָט אַ גאַנצן זומער גע־וואַרט אויף דער שפע פון אָסיען, אָבער די גויים האָבן אַפילו מיט דעם ביסל תבואה, וואָס זיי האָבן גערעכנט צו פאַרקויפן, זיך ניט געוואָלט צעשיידן.

— נישטאָ זיך וואָס צו איילן. כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז ווייץ איז מיט גאָלד צוגלייך.

— מיין שכן האָט אַוועקגעפירט זיינע פּאַסאָליעס אין שטאָט אַריין און

ער האָט דאָרט, אין פוילישן געוועלב, פאַר זיי באַקומען לעדער אויף שטיוול. מ׳עט נאָך זען. דערווייל פאַרקויף איך נישט — האָבן די פּויערים די דאָרפס־גייער אַפילו נישט אַריינגעלאָזט אין די שטיבער.

עס איז אויך שוואַך געווען ס׳לייזונג ביי נאָטען אין שניט־געוועלב און ער האָט יענעם אַסיען אויפסניי אָנגעהויבן רעדן וועגן אַרויסרירן זיך פון דאָרף. ער האָט אויך אַריינגערעדט אין די בחורים, וואָס זיינען אין די אויפדערנאָכטן צו אים געקומען שפּילן באַלאַנטש, אַז עס איז פאַר זיי נישט קיין תכלית צו בלייבן אין יאַנאָוויץ.

סוכות־צייט האָט זיך טאַקע פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז נאָטע פאַרקויפט זיינע פעלדער מיטן באַלעבאַטישקייט. דער מילנער יאַוואָרסקי, וואָס האָט נאָטען געהערט זאָגן אַז ער וועט נאָך אַמאָל אַלץ אויספאַרקויפן און פאַרלאָזן ס׳דאָרף, האָט צו אים געבראַכט צופירן צוויי פרעמדע פּאַליאַקן, וועלכע האָבן אים אָנגעבאָטן אַן אוצר מיט געלט פאַר זיין שטוב מיטן פעלד. זיי האָבן אים אויך געלאָזט וויסן, אַז זיי וואָלטן וועלן אָפּקויפן לייבס היי־פעלדער.

נאָטע האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן ווען ער האָט דערהערט דעם אָנבאָט. ער האָט פאַרצויגן איין אויג, פלינק אויפן קאָפּ אויסגעחשבונט וויפיל געלט ער וואָלט געקאָנט צונויפשטעלן, ווען ער זאָל אויך אויפמאָנען אין דאָרף זיינע חובות און זיך ערנסט גענומען דינגען מיט די פּאַליאַקן.

— איך וויל פאַרקויפן. עס ווענדט זיך אָבער וויפיל איר וועט באַצאָלן — האָט ער אָנגעצויגן די פּאַליאַקן און לאַנג געזעסן מיט זיי ביי זיך אין שטוב. דערנאָך האָט ער גענומען רופן זיין ווייב רויזע מיט איר זיך מיישב צו זיין וואָס ער זאָל טאָן. רויזע האָט אָבער אומבאַמערקט זיך געהאַט אַרויסגעשאַרט פון הויז. זי האָט זיך אונטערגעהערט ווי נאָטע דינגט זיך מיט די פּאַליאַקן און אַזוי ווי עס איז איר פאַרגעקומען, אַז דאָסמאָל מיינט ער טאַקע ערנסט מיטן פאַרקויפן, איז זי אין איין אָטעם אַוועק צו לייבן.

— נאָטע פאַרקויפט די שטוב מיטן פעלד. דער מילנער האָט געבראַכט צופירן צוויי פרעמדע רוחות און ער דינגט זיך מיט זיי דאָרט. עס איז אים שוין ווידער באַפאַלן די מאַנקאָליע זיך צו באַזעצן אין אַ שטאָט. ער האָט זיך נאָר איינגעשפּאַרט מיך צו שלעפּן מיט די קינדער אין דער פרעמד — איז זי אַריין צו איר ברודער מיט אַ געוויין.

— ווער פאַרקויפן, וואָס פאַרקויפן? כ׳קען דיין מאַנס מאַניעפאַרגעס און אַלע זיינע געגנגעלעך בעסער פון דיר. שוין כאַפּט ער און פאַרקויפט. ס׳האַלט נאָך זייער ווייט דערפון. און די שטוב מיט דיין ירושה־פעלד איז דערווייל נאָך אויף דיין נאָמען אויך. אָן דיין אונטערשריפט קאָן ער פאַרקויפן אַ־דאָס־אַ — האָט לייב געמאַכט אַ פייג פון דריי פינגער.

עס איז לייבן אַלע יאָרן שווער געווען אויסצוקומען מיט זיין שוואָגער נאָטע. אין יענער צייט האָט ער אויף אים גאָר געהאַט אַ בייז האַרץ ווייל

ער האָט אָנגעאַרבעט אַ מחלוקת אין קלויז. נאָטע, וועלכער איז מיט יעדן שטיקל פעלד, וואָס ער האָט צוגעקויפט, געוואָרן ביי זיך מער תקיף, האָט אויך אין קלויז אָנגעהויבן פאַררייסן דעם קאָפּ. ער האָט זיך געהאַלטן גרויס, גענומען זאָגן דעות דעם שוחט און לייב האָט דאָס נישט געקאָנט לײַדן. אָנהייב זומער איז, אין אַ שבת ראש חודש, ביי קריאת התורה געקומען צו אַ קריג איבער אַן עליה, און נאָטע איז אין טלית אין מיטן לייענען אַוועק פון קלויז. אַזוי ווי ער האָט דאָרט אין קלויז געהאַט זיין צד זיינען אים באַלד עטלעכע יידן נאָכגעגאַנגען. נאָטע האָט די יידן פאַרבעטן צו זיך אַהיים, מיט זיי דאָרט אָפּגעדאַוונט מוסף און דערנאָך מיט זיי אָפּגערעדט צו מאַכן אַ באַזונדערן מנין.

באַלד נאָך שבת האָט נאָטע אויסגערעכטעוועט זיין גרויסן גאַניק מיט די קאַלירטע קליינע שייבלעך און אים פאַרוואַנדלט אין אַ שולכל. ער האָט פון ערגעץ געבראַכט צו פירן אַ ספר־תורה, געלאָזט מאַכן טישן און בענק און עס איז פון דעמאָלט אָן שבת און יום־טוב געווען ביי אים אַ מנין. ער האָט אויך איינגעפירט, אַז יעדן שבת נאָכן דאַווענען זאָל רויזע דערלאַנגען קידוש און אַז זי זאָל אין די יום־טובים צוגרייטן אַ גוטן קוגל.

די גאַנצע משפּחה פון די „לייבן און בערן" איז געבליבן מיטן שוחט אין קלויז. עס איז אויך געבליבן בונעם מיטן בויך און אַלע אַנדערע אַלט־געזעסענע דאָרפסלייט. מיט נאָטען זיינען אַוועק עטלעכע פון די ייִנגערע באַלעבאַטים און אַביסל פון די צוגעפאָרענע יידן. דאָס זיינען געווען כלומרשט די אויפגעקלערטע און מען האָט דערפאַר די, וואָס זיינען אַוועק דאַווענען ביי נאָטען, געגעבן דעם צונאָמען „די שאַפּיראָניקעס" *).

עס איז דעמאָלט געקומען צו אַן אָפענעם קריג צווישן לייבן און נאָטען.

---

*) מיט דעם צונאָמען האָט מען אין דעם מזרח־גאַליצישן געגענט, אַרום דער רוסישער גרענעץ, גערופן די אויפגעקלערטע יידן, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר נאָכפאָלגער פון דעם טשאָרטקאָווער רב ישעיה מאיר שאַפּירא. דער רב, וואָס האָט געהאַט געענדיקט אַן אוניווערזיטעט, איז אין מיטן פון 19־טן יאָרהונדערט געקומען פון פרייסן קיין טשאָרטקאָוו. אנשטאָט דאָרט זיך אָפּצוגעבן מיט די שיינע באַלעבאַטים, די נגידים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רב, איז ער גאָר געוואָרן דער לערער פון די יונגע־לייט, וואָס האָבן געלעכצט נאָך מאָדערנער בילדונג. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט די בעלי מלאכות, זיי אָרגאַניזירט אין אַ „יד חרוצים" פאַריין און פאַר זיי געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק. פאַר זיין אויפקלערונגס־אַרבעט האָט מען אים ניט נאָר אַראָפּ־געזעצט פון כסא הרבנות, נאָר מען האָט אים אויך אַריינגעלייגט אין חרם. ווען ער איז געבליבן אָן פרנסה האָט מען אים אָנגעבאָטן בכבודיקע שטעלעס אין גרויסע שטעט, אָבער ער איז אויך ווייטער געבליבן אין טשאָרטקאָוו, וואו ער האָט געלעבט אין אָרעמקייט. דער רב ישעיה מאיר שאַפּירא איז געשטאָרבן אין 1887 ווען ער איז אַלט געווען 85 יאָר. ער האָט איבערגעלאָזט אַ סך תלמידים און פאַרערער, וואָס מען האָט גערופן מיטן צונאָמען „שאַפּיראָניקעס". דער צונאָמען איז איבערגעגאַנגען צום צווייטן און אויך צום דריטן דור.

די ווייבער, ריווע און רויזע, האָבן ווי אַלעמאָל מיט דער צייט געמאַכט שלום צווישן זיי. באָטע האָט אָבער אויך ווייטער אָנגעהאַלטן ס׳מנין ביי זיך אין שטוב מיטן אויסריידן, אַז פאַר די יידן פון דער טאַטאַרשטשינע און פון די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך איז צו ווייט צו גיין אין קלויז אַריין.

ווען רויזע איז געקומען צולויפן מיט אַ געוויין און דערציילט, אַז נאָטע וויל אַלצדינג אויספאַרקויפן, האָט לייבן אויפסניי אַ ברען געטאָן דער כעס אויף זיין שוואָגער.

— ער זאָגט אַז ער פאַרקויפט, און דו גלייבסט. ס׳אַ נעכטיקער טאָג. מ׳וואָלט אים מיט קיין דראַנגען פון דאַנען נישט געקאָנט פאַרטרייבן. ס׳וועט אים אין ערגעץ נישט זיין אַזוי גוט ווי דאָ. און ער ווייסט עס גאַנץ גוט — האָט לייב באַרואיקט רויזען און זי איז אַוועק אַהיים.

אפשר אַ שעה שפּעטער, ווען די נאַכט האָט גענומען צופאַלן, איז נאָטע אַליין געקומען צו לייבן.

— רויזע האָט דיר דערציילט? כ׳האָב דאָך היינט שיר נישט פאַר־קויפט די שטוב מיטן פעלד. די צרה איז, וואָס זיי ווילן נישט באַצאָלן אינגאַנצן מיט מזומן — איז ער מיט די רייד צוגעקומען צו לייבן, וואָס איז געשטאַנען לעבן זיין טויער.

— מיט דעם „שיר" קאָנסטו נאָר דיין ווייב איבערשרעקן, אָבער נישט מיך. זאָלן זיי אפילו שוין וועלן באַצאָלן וועסטו אויך נישט איינ־שלאָגן — האָט לייב איינגעהאַלטן אין זיך דעם כעס.

— דורך דעם „שיר" איז דאָך אונדזער מוטער שרה געשטאָרבן. זעסטו, דאָס מאָל וואָלט איך יאָ פאַרקויפט. אַזאַ קונה מאַכט זיך נאָר איינמאָל אין אַ יובל — האָט נאָטע געשמייכלט און גערעדט געלאַסן — ווייסט כאָטש וויפיל מ׳גיט מיר?

— צו וואָס דאַרף איך עס וויסן? דו וועסט דאָך סיי־ווי נישט פאַר־קויפן.

— כ׳ווייס גאָרנישט פון וואַנען די פרעמדע ליאַכעס נעמען אַזוי פיל געלט. זיי ווילן אויך קויפן די היי־פעלדער.

— אַ מכה זיי פאַרן וועלן. מ׳שטייט און מ׳וואַרט אויף זיי. כ׳האָב נאָך זיי באַפוילן מיט סאַראַקעס און וואַראַנעס.

— כ׳האָב געהערט, אַז זיי ווילן דאָרט בויען אַ ברויעריי, צי אַ ציגעלניע.

— זיי ווילן? זאָלן זיי מאַכן מיט די ליפּן. אפשר ווילן זיי מיין שטוב אויך?

— זיי וואָלטן אַלצדינג געקויפט און אָנגעשיט אַ היטל מיט גאָלד. זיי ווילן אַהער אַראָפּקומען מיט זייערע משפחות.

— זייער שיין פון זיי. און וואָס וועלן מיר טאָן? גיין אפשר מיט די ציגיינער?

— די יאַוואָרסקיס האָבן זיי געשיקט צו אונדז.

— קאַרג פעלד האָבן זיי דאָ, די יאַוואָרסקיס און די אַנדערע פּאָליאַקן? פאַרוואָס פאַרקויפן זיי נישט?

— פעלד ווערט איצט פון טאָג צו טאָג ביליקער, און קונים זיינען נישטאָ קיין סך.

— ס'גייט מיך נישט אָן צי פעלד איז טייער, צי ביליק. כ'מעסט נישט מיין ערד מיט קיין געלט.

— מ'מוז דאָס אייביק בלייבן וואוינען אין דאָרף צווישן די גויים?

— האָט נאָטע מיט אָן איידעלער ווייסער האַנט זיך אויסגעגלעטן זיין קורץ מאָגער בערדל, וואָס איז שוין ביי די זייטן געוואָרן גרוי. ער האָט גערעדט וועגן תכלית פון זייערע קינדער, וואָס וואַקסן־אונטער און מיט אַ פאַרצויגן אייגל געמאַכט פאַר לייבן אַ חשבון, אַז ווען זיי זאָלן פאַר־קויפן זייערע באַלעבאַטישקייטן וואָלטן זיי פאַרן געלט, אין וועלכער עס איז שטאָט, געקאָנט פירן אַ שיינעם מסחר.

— עט, פּוסטע רייד. ווי פלעגט זאָגן דער זיידע: „אַזוי לאַנג ווי דער ייד איז אין גלות איז נישט קיין חילוק צי ער וואוינט אין שטאָט, צי אין דאָרף". מען איז צווישן גויים וואו מען זאָל נישט זיין — האָט לייב אים איבערגעשלאָגן און צונישט־געמאַכט זיינע פּלענער.

— דער וואָרעם, אַז ער ליגט אין כריין מיינט ער, אַז ס'איז גאָר קיין בעסערס נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. וואָס וועט דאָ ווערן פון אונדזערע קינדער?

— דאָסזעלבע וואָס פון מיר, פון דיין ווייב און פון אונדזערע זיידעס און באָבעס. דו רעדסט אַזוי גלייך ווי מיר זיינען ערשט געקומען אין דאָרף אַריין.

— אַמאָל איז געווען אַנדערש. איצט דאַרף מען קלערן וועגן דעם וואָס ס'וועט זיין שפּעטער. די צייטן האָבן זיך געביטן. דער גוי לערנט זיך אַליין אויס צו זיין דער סוחר. ער וויל שוין איצט נישט האַנדלען מיט קיין ייד. דער רוטענער מיטן פּאָליאַק רייסן זיך טאַקע צווישן זיך אַרום, אָבער דעם יידן האָבן זיי ביידע גלייך פיינד. אין שטאָט איז אָבער פאָרט אַנדערש.

— ס'איז פונקט ווי דו זאָלסט זאָגן, אַז ס'איז איצט מער נישט קיין תכלית פאַר דעם בוים דאָ צו וואַקסן — האָט לייב נאָטען אָנגעוויזן אויף דעם אַלטן ברייט־שטאַמיקן באַרן־בוים — קאָנסט אים הייסן אַרויסקריכן פון דער ערד? קאָן מען אים ערגעץ אַנדערש־וואו איבערזעצן?

— אפשר יאָ.

— אַ נעכטיקער טאָג. ער וועט שוין דאָ בלייבן. ער וועט זיך דאָ אַזוי לאַנג גראָבן מיט זיינע קאָרינעס טיף אין דער ערד און אַזוי לאַנג זיך ציען מיט זיינע אָדערן צו דער זון ביז ער וועט פון אַלטקייט איינגיין. דעמאָלט וועלן אַ פּאָר פון זיינע יונגע שפּראָצונגען, וואָס שלאָגן אַרויס פון זיינע וואָרצלען און שטייען אין זיין שאָטן, פאַרנעמען פאַר זיך די זון מיט דער ראָסע און זיי וועלן זיך דאָ צעוואַקסן.

— און אַז ס׳וועט קומען אַ שטורעם, צי אַ דונער, און דעם בוים אויסקאָרניעיען מיט די וואָרצלען?

— דאָס איז שוין ביי גאָט אין די הענט. אַז ס׳איז איינעם, חלילה, באַשערט אַן אומגליק, טרעפס עס אים וואו ער זאָל נישט זיין. כ׳בין נישט קיין מוכר און נישט קיין סוחר. און כל־זמן איך לעב וועט קיין פרעמדער דאָ נישט איבערנעמען, סיידן משיח וועט קומען.

לייבס לעצטע ווערטער האָבן הויך אָפּגעהילכט און ווי אָפּגענומען ביי נאָטען ס׳לשון. — „נישט איז נישט״ — האָט ער פאַר זיך גע־מורמלט און מיט דער צוגעפּאַלענער נאַכט זיך אומגעקערט אַהיים.

דער סוף איז געווען, אַז נאָטע האָט טאַקע נישט פאַרקויפט זיין פעלד מיט דער שטוב און די צוויי פּאַליאַקן זיינען אַוועקגעפאָרן פון דאָרף מיט גאָרנישט. אנשטאָט פאַרקויפן האָט נאָטע נאָך אין דעמזעלבן אָסיען, אין גלייכן געלט, גאָר צוגעקויפט צוויי מאָרג פעלד און דערווייל אויפ־געהערט רעדן וועגן פאָרן אין דער וועלט אַריין.

* * *

אַ יאָר שפּעטער האָט גאָר לייבס ברודער פסח זיך גענומען קלייבן אַוועקצופאָרן פון דערהיים. ער האָט זיך געגרייט שטילערהייט, אָבער געציילטע טעג פאַר זיין אַוועקפאָרן, איז דער סוד אַרויס.

עס איז געווען אין אַ שבת בייטאָג נאָכן טשאָלנט. ריווע, אַרומגערינגלט פון עטלעכע ווייבער, איז געזעסן אין וואָרעמען דרויסן אונטערן באָרן־בוים, ווען דער דאָרפישער בריוו־טרעגער פּאַווליוק האָט געבראַכט צו־טראָגן אַ בריוו פון סענדערן. פּאַווליוק האָט פאַר אַ שטיק חלה, וואָס מען האָט אים אַרויסגעטראָגן פון שטוב, פאַרזיכטיק אויפגעריסן דעם קאָנווערט און ריווע האָט אויפן קול גענומען לייענען דעם בריוו.

ס׳ערשטע האָט סענדער געשריבן, אַז ער און זיין האָכגעשעצטע געמאַלין מינדל מיט זייערע צוויי קינדערלעך זיינען גאָט זיי לאָב און דאַנק געזונט און אַז ער ווינטשט זיך פון טיפן הערצן דאָסזעלבע צו הערן פון זיין פאַמיליע אין דער היימאַט. ווייטער האָט ער געלאָזט וויסן, אַז די היצן אין נעוו־יאָרק זיינען ניט צום אַריבערטראָגן. די זון ברענט ווי פייער דורך די טעג און ביינאַכט זיינען די הייזער אַזוי צעגליט, אַז מען מוז שלאָפן אין דרויסן אויף די דעכער. צום סוף פון בריוו האָט ער עפּעס דערמאָנט, אַז ער האָפט, אַז ווען זיין געשעצטער ברודער פסח וועט אָנ־קומען קיין נעוו־יאָרק וועט שוין זיין נאָך זומער און נאָך די היצן. די לעצטע עטלעכע שורות פון דעם בריוו, געשריבן מיט צעקרימטע יידישע אותיות, איז ריווען שווער געווען דורכצוקריכן. עס איז אָבער פון זיי קלאָר געוואָרן, אַז סענדער האָט נאָך מיט וואָכן פריער געשיקט פסחן אַ שיפסקאַרטע, וואָס ער האָט דאָרט גענומען אויף אויסצוצאָלן אין ראַטעס. לויט סענדערס בריוו האָט פסח שוין געדאַרפט זיין אונטער־וועגנס.

פסח האָט געוואָלט אַוועקפאָרן פון דער היים אָן טומל און חוץ זיין ווייב און זייערע צוויי טעכטער האָט קיינער נישט געוואוסט, אַז ער גרייט זיך אין וועג אַריין. ער האָט געוואָלט אויסמיידן דאָס געזעגענען זיך מיט אַלעמען און דער עיקר מיט דער אַלטע באָבע שרהלע. ער האָט זיך אויך עפּעס ווי געשעמט, וואָס ער פאָרט קיין אַמעריקע. דער סוד איז אָבער אַרויס צוליב דעם, וואָס סענדערס בריוו איז אָנגעקומען מיט אַ פּאָר טעג פאַר זיין אַוועקפאָרן און די גאַנצע משפחה איז אויפגערודערט געוואָרן.

צווישן די גויאישע דאָרפסלייט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער גוטמוטיקער פּסח, וואָס האָט שטענדיק אַ שטילער און אַ פאַרטראַכטער עפּעס געשניצט, אָדער געמייסטערוועט, פאָרט קיין אַמעריקע מיט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז ער פאָרט אַהין מאַכן אַזאַ מאַשינדל, וואָס וועט קאָנען אויסאַרבעטן גאָלד און זילבער.

פּסח האָט טאַקע אָפטמאָל גערעדט וועגן דעם, אַז ווען ער זאָל האָבן דאָס געהעריקע געצייג און דאָס בויטיקע מאַטעריאַל, וואָס מען קאָן עס נאָר באַקומען אויף דער גרויסער ווייטער וועלט, וואָלט ער באַוויזן וואונדער. מען האָט אים אויך געגלויבט, ווייל מען האָט אַלעמאָל געזען פון זיינע הענט אַרויסקומען אַ ניי חידוש. ערשט יענעם זומער האָט ער געמאַכט אַ ריזיק־גרויסן יאַסטרוב אויף אָפּצושרעקן די פייגל און די הינער פון גאָרטן. ווען ער האָט דעם גרויסן פויגל אַוועקגעשטעלט אין דרויסן אויף אַ סלופּ האָט יעדער פאַרבייגייער זיך אָפּגעשטעלט אים באַטראַכטן. דער יאַסטרוב, וואָס איז געווען אָפּגעדעקט מיט פעדערן, האָט געקאָנט באַוועגן מיטן קאָפּ, מאַכן מיט די פליגל און ער האָט פון דער ווייטנס אויסגעזען נאָר ווי אַ לעבעדיקער.

— נאָר עפּעס אַ כישוף ליגט אין זיינע הענט. אָבער וואָס קאָן מען דאָ אין דעם וויסטן דאָרף אויפטאָן? אַזאַ מענטש וועט אויף דער וועלט נישט פאַרפאַלן ווערן — האָט מען מיט ליבּ גערעדט וועגן אים. פּסחן האָט אָבער נישט געצויגן אין דער ווייטער וועלט אַריין, און ער וואָלט אפילו נישט געווען געטראַכט וועגן פאָרן קיין אַמעריקע, ווען נישט זיין ווייב טריינע די גראָבע. זי האָט אים געהאַלטן אין איין איינרעדן, אַז ער וועט דאָרט אין אַ פאָר יאָר מיט זיינע גאָלדענע הענט זיכער קאָנען אָפּשפּאָרן גענוג נדן פאַר זייערע ברייט־צעוואַקסענע צוויי טעכטער. טריינע האָט, קיינער זאָל נישט הערן, אין אים אַזוי לאַנג אַריינגערעדט, אַז זייערע מיידן, וואָס זיינען נישט געווען צו־שייך, וועלן פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ אַריין, אויב ס׳וועט נישט זיין פאַר זיי קיין נדן, ביז — ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער פאָרט.

פאַר דער וועלט האָט עס געהייסן, אַז פּסח האָט אין דאָרף פּרנסה ברווחה. ער האָט געהאַלטן אַ טראַפיק און פאַרקויפט אַלערליי טיטונען, ציגאַרלעך און טאַבאַק. דערצו האָט ער געהאַט קאַרגע צוויי מאָרג פעלד, וואָס ער האָט אין די לעצטע יאָרן אַוועקגעגעבן צו באַאַרבעטן אויף שותפות. ס׳איז

ביי דער שטוב אויך געווען אַ גרויסער גאָרטן און מען האָט געהאַלטן אַ מעלקנדיקע בהמה. טאָמער איז דאָס געווען ווייניק, האָט פּסח אויך צופאַרדינט מיט זיינע הענט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַריינשטעלן שויבן, מיט איינדראָטעווען דרינדזשענדיקע און צעשפּאָלטענע ערדענע טעפּ און מיט פאַרריכטן אַלערליי זאַכן. מען האָט צו אים געבראַכט אויף צו פאַרריכטן אַן איבערגעדרייט שלעסל, אַן איבערגעצויגענעם זייגער, אַ הייזעריק־געוואָרענעם קלאַרנעט, אַ צעבראָכן פידעלע, אַ קופּערנע פאַן מיט אַ לאָך, און נאָך אַנדערע זאַכן.

מען האָט אין דאָרף אויך גערעדט, אַז זיין ווייב טריינע ברענגט אַריין אין שטוב אַ האַלבע פּרנסה פון איר מסחר מיטן גלח. זי איז געווען אַן אָפּטע אַריינגייערין צום גלח און זי האָט ביי אים אויפגעקויפט דעם האָניק פון זיינע בינשטאָקן, ס'אויבסט פון זיין סאָד, קאַטשענע און הינערשע אייער, קאַפּלינעטע גרויסע הענער און פעטע אינדיקעס. זי האָט אויך ביי אים אָפּגענומען די בינטן מעל מיט די טאָרבעס פּאַסאָליעס, וואָס די דאָרפסלייט האָבן אים געבראַכט ווען זיי זיינען געקומען זיך ספּאָוויעדן און בעטן פאַרגעבונג פאַר זייערע זינד.

יענעם אָסיען האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז פון די אַלע פּרנסות זיינען פּסח מיט טריינען געווען גאָר פאַרבאָדן אין אַ סך חובות.

— אַ סך מלאכות און ווייניק ברכות — האָבן די שכנים געצויגן מיט די אַקסלען ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז פּסח פאָרט קיין אַמעריקע דאָרט צו פאַרדינען אויף נדן פאַר זיינע מיידן.

— וואו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ מאַמע מיט צוויי טעכטער זאָלן זיך אַזוי אַריינלאָזן אין פּרעס! יעדער וואָכן־טאָג איז דאָך ביי זיי אָדער שבועות, אָדער שמחת־תורה. מ'האַלט אין איין קאַשעוואַרן נאָר ווי אין די פּריצישע הויפן. אַזעלכע זולל־וסובאַניקעס האָב איך נאָך נישט געזען. דעם קייזערס פאַרמעגנס קאָן מען דאָך אַזוי אויפעסן! — איז לייב פול געווען מיט טענות קעגן זיין ברודער פּסח, פאַרוואָס ער לאָזט זיין ווייב זיך פירן אַזוי ברייט און פאַרוואָס ער האָט שטילערהייט פון איר זיך געלאָזט איבעררעדן צו פאָרן קיין אַמעריקע.

אַלע האָבן געוואָרפן די שולד אויף טריינען. מען האָט געוואוסט, אַז נישט פּסח, נאָר זי, האַלט דעם טייסטער מיטן געלט און אַז נישט ער, נאָר זי, פאָרט אַלעמאָל אין שטאָט אַריין איינקויפן די טיטונען, די ציגאַ־רעטלעך און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן פאַר דער קייזערלעכער און קעניגלעכער פאַרלאַג. מען האָט זי געהאַלטן פאַר אַן אויסברענגערין, ווייל זי האָט אַלעמאָל געקויפט גוטן שטאָף אויף קליידער פאַר די טעכטער און פאַר זיך, און ווייל זי האָט געפירט ס'באַלעבאַטישקייט צו נגידיש. זי האָט כסדר געהאַלטן אין איין קאָכן און באַקן פון דעם שענסטן און בעסטן. דער דרויסן אַרום פּסחס שטוב האָט אין די פּשוטע וואָכנטעג אַלעמאָל געשמעקט אָדער מיט געבראָטענע און געדעמפּטע פליישן אָדער מיט פריש־געבאַקן פּוטער־געבעקס.

טריינע האָט ליב געהאַט זיך אַרויסצושטעלן מיט איר קאָכן און באַקן. איר בעסטער מבין איז געווען דער גלח, וואָס האָט אַלעמאָל געריימט אירע קנישעס, וואַרעניקעס און אַלערליי אַנדערע פּאַטראַוועס. פון צייט צו צייט האָבן אויך די רעוויזאָרן און זשאַנדאַרן, ווען זיי זיינען אַראָפּ־געקומען אין דאָרף אַריין, זיך באַלעקט פון אירע מאכלים. אויך האָבן די ווייבער פון שכנות ביי איר אַלעמאָל געהאַט עפּעס צו פאַרזוכן. עט־לעכע פון זיי האָבן זיך אַפילו צו איר אַריינגעכאַפּט טועם זיין פון דעם געבעקס, וואָס זי האָט געבאַקן אויף מיטצוגעבן פסחן אין וועג אַריין.

— איר הערט וואָס כ'על אייך זאָגן, טריינע? דער קייזער מעג עס אַפילו עסן. ס'איז דאָך טעם גן־עדן.

— ס'צעגייט זיך דאָך אין יעדן אבר. אַזאַ גרויס שטיק גאָלד אויף מיר וואָס פאַר אַ שטיקער טאָרט מירן נאָך עסן ביי אייך אויף שמחות. איר'ט זען, פסח וועט צוריקקומען פון אַמעריקע מיט אַן אוצר.

— ס'איז נישט וואָס מ'לייגט אַריין אין טייג, נאָר וואָס ס'קומט אַרויס. אַזוי ווי איר קען טאָקע קיינער נישט. איר'ט זען אייער פסח וועט דאָרט לאַנג נישט דאַרפן זיין — האָבן די ווייבער אין דעם טאָג פון פסחס אַוועקפאָרן געלויבט טריינעס געבעקס און זי אַביסל אויפגעמונ־טערט. טריינע האָט אויפגעלעבט ווען מען האָט גענומען רימען איר שטרודל, דעם ראָן־קוכן און די ראָגאַלקיעס. איר פול גוידערדיק פנים האָט זיך ווי אויסגעלייטערט פון טרויער און אירע אויגן האָבן ווי אויפ־געלויכט.

— זאָל מיר נאָר מיין פסח אַהיימקומען. זאָל נאָר דער אייבערשטער אַזוי פירן ווי כ'נעם מיר פאָר, וועט איר שוין זען וואָס טריינע קאָן! — האָט זי זיך געשטערקט פאַר די שכנים.

ווען פסח האָט אָבער אַ שוויַיגענדיקער, אַ בלאַסער, גענומען איינ־פּאַקן דעם טלית־און־תפילין און עטלעכע העמדער אין דעם קופערטל, וואָס ער האָט אַליין אויסגעמייסטרעוועט, האָט טריינע אַרויסגעשאָסן אין אַ געוויין און די צוויי טעכטער האָבן איר צוגעהאָלפן.

— מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, אַז ס'זאָל זיין שאַ, שטיל — האָט פסח געוואָרנט טריינען, אַז אויב זי וועט נישט אויפהערן וויינען נעמט ער שוין די שיפסקאַרטע און שיקט זי צוריק צו סענדערן.

דאָס אמתע געיאָמער האָט זיך אָבער ערשט אָנגעהויבן ביי לייבן אין שטוב ווען פסח איז אויפדערנאַכט, פאַרן אַוועקפאָרן, אַריינגעגאַנגען זיך געזעגענען מיט דער אַלטער באָבע שרהלע. די באָבע האָט אים גע־נומען באַזאָגן און באַקלאָגן און די ווייבער פון דער משפחה, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אים אַרויסצובאַגלייטן, האָבן איר אַרויסגעהאָלפן.

— ווי איז צו מיר און ווי איז צו מיין עלטער. מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט ביי זיין ליבן נאָמען? איז דען נישט גענוג וואָס אַיין אייניקל גייט מיר אַרום אין דעם טריפהנעם לאַנד אָן באָרד און פּיאות און אָן אַ היטל? — איז די באָבע שרהלע זיך פאַרגאַנגען ווי

זי וואָלט באַוויינט אַ טויטן. זי האָט געפּינטלט מיט אירע האַלב־אויס־געלאָשענע אויגן און אַריבערגעקוקט צו סענדערס און מינדלס בילד, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג געהאַט צוגעשיקט פון אַמעריקע.

— מ׳וואָלט אים נישט באַדאַרפט לאָזן פאָרן. ס׳איז נישט פאַר אים דאָרט צו אַרבעטן אום שבת.

— מיטן מויל זאָגט זיך עס גרינג אָפּ. ווי לאָזט מען עס אַ טאַטן פון קינדער פאָרן איבער אַזאַ גרויסן ים! — האָבן אים אַלע באַדויערט און אין דער שטיל צווישן זיך גערעדט, אַז נאָר טריינע איז אין אַלץ שולדיק.

— באָבע, כ׳נעם־מיט טלית־און־תפילין און לאָמיך נאָר אָפּשפּאָרן אַביסל נדן פאַר די קינדער וועל איך צוריקקומען מיט דער באָרד און מיט די פּיאות — איז פּסח אַ דערשלאָגענער געשטאַנען לעבן שרהלען און זי געטרייסט, אַז ער וועט לאַנג נישט פאַרבלייבן אין דער ווייטער מדינה.

נאָך וועטשערע איז די גאַנצע משפּחה זיך צונויפגעקומען צו לייבן אין דער ירושה־שטוב. אפילו קרובים פון די אַרומיקע דערפער זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט פּסחן. ס׳האָט דאָרט נאָר געפעלט יוסף דער פּריץ. צו יוספן איז פּסח נאָך מיט אַ טאָג פריער צוגעפאָרן זיך געזע־גענען. לייב האָט אים אַהין צוגעפירט מיט זיין פערד־און־וואָגן מיטן געדאַנק, אַז אפשר וועט דער רייכער ברודער אין דעם לעצטן טאָג נאָך איבעררעדן פּסחן און אים נישט לאָזן אַוועקפאָרן.

— טוסט ווי אַ חכם. פון אַריינשטעלן אַ שויב ביי אַ גוי אין אַ פענצטער און פון זיין אַן אַרשקעדרייניק, וואָס דראָטעוועט איין אַ צעשפּאָלטענעם ערדענעם טאָפּ קאָן מען קיין קינדער נישט חתונה מאַכן. ס׳ווערט דאָך דאָ וואָס אַמאָל שווערער צו פאַרדינען ס׳שטיקל ברויט צווישן די גויים. כ׳האָב געלייענט אין די בלעטער, אַז ס׳פאָרן אַהין אַ סך יידן. ס׳איז אַ נייע מדינה און מ׳קאָן דאָרט אויפגעריכט ווערן. פאָר און זיי מצליח — האָט יוסף ביים געזעגענען זיך אים נאָך צו־געגעבן חשק.

— איר דאַרפט אים נישט באַוויינען, ער איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער. מ׳דאַרף פאָרן אין דער וועלט אַריין. איר וועט זען, ער וועט דאָרטן נתעשר ווערן און אַריבערנעמען צו זיך טריינען מיט די טעכטער — האָט אויך נאָטע זיך נישט געגומען צום האַרצן פּסחס פאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט חוזק געמאַכט פון די ווייבער, וואָס האָבן געגאָסן מיט טרערן און ער האָט פּסחן גוטברודעריש געקלאַפּט אין פּלייצע. אין סאַמע טומל האָט ער גענומען דערציילן אַ מעשה וועגן זיינעם אַ יוגנט־חבר פון רוסלאַנד, וואָס איז געפאָרן קיין אַמעריקע און דאָרט באַגליקט. כאָטש די ווייבער האָבן די מעשה שוין געהערט פון נאָטען, האָבן אָבער זייערע אויגן זיך אויסגעלייטערט. ער האָט זיי ווי קינדער פאַרשפּילט מיט זיין דערציילן און זיי האָבן אויפגעהערט וויינען.

לייבן האָבן אָבער נאָטעס רייד ווי געגרילצט אין די אויערן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס זיין שוואָגער קהלט זיך ווי אויף עפּעס אַ שמחה, און ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט אין דרויסן. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און זי האָט ווי געאָטעמט מיט פאַרע און מיט צוגעלעגערטע אַסיען־ריחות. דאָס דאָרף איז שוין געווען פאַרזונקען אין רו און אין שטילקייט. אַזוי ווי לייב האָט געדאַרפט פּסחן אָפּפירן צו דער באַן, האָט ער אין דער פינצטער גענומען רעכטעווען דעם וואָגן. אַ בענקשאַפט נאָך פּסחן האָט באַצייטנס אים גענומען נאָגן. ער האָט נישט געוואָלט אָוועקלאָזן זיין ברודער, און ער האָט ביזן לעצטן טאָג אים אָפּגערעדט פון פאָרן. און כאָטש פּסח האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן, האָט לייב קלאָר געזען, אַז ס'איז אים שווער זיך אָוועקצו־רייסן פון דער היים.

„ער איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער" — זיינען אים ווי נאָכגעגאַנגען נאָטעס רייד ביז אין דרויסן אַרויס און עפּעס אַן אַנגסט האָט אָנגערירט זיין האַרץ. — נאָר מ'פאָרט ביי אים, ביי דעם פּאָניע! — האָט לייב אַרויסגעברומט. דער קודלאַטער געלער הונט, וואָס איז געלעגן אַן אָנגעבינדענער פאַר דער בודע לעבן דער שטאַל, האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון דער קייט און מיט אַ האַווקען אויפגעריסן די שטילקייט. לייב האָט אַ כאַפּ־געטאָן אַ גראָבן שטעקן פון דער ערד און צוגעגאַנגען צו דער שטאַל. ווען ער איז צוגעקומען צו דער בודע האָט ער דערזען די שוואַרץ־ווייסע צויג פון זיין גויאישן שכן זיך דרייען אַרום זיין הונט.

— אַציבאַ, דו שעלמאַ! — האָט ער אין דער פינצטער אַ פאָך־געטאָן מיטן שטעקן און די צויג איז באַלד פאַרשוואונדן. דער הונט האָט זיך אַ רואיקער צוריק אויסגעצויגן לעבן זיין בודע און לייב איז געבליבן שטיין אויף דער טיר פון שטאַל אַ פאַרזונקענער אין געדאַנקען. עס האָט אים ווי געטאָן פּסחס אָוועקפאָרן און ער האָט איצט אויך געטראַכט וועגן זיין ברודער סענדער, וואָס איז שוין אַזוי פיל יאָרן אין דער גרויסער ווייטער וועלט. ער האָט זיך דערמאָנט אַן סענדערס אַהיימקומען, ווי ער איז דעמאָלט מיט אים געפאָרן אין פעלד אַריין אַקערן, ווי ער האָט זיך עפּעס ווי געראַנגלט צו בלייבן אין דערהיים ביי זיין נחלה, ס'האָט אים אָבער געצויגן צוריק צו דער גרויסער וועלט.

ערגעץ פון טאָל האָט זיך דערטראָגן צו לייבן אַ מיידליש געלעכטער און באַלד דאַרויף האָט ער דערהערט אַ גויאיש געזאַנג. לייב האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און דערקענט יאַנקלס קול.

— וואָס וועט עס זיין מיט דעם יונג? ער שטייגט דאָך טויזנט מאָל איבער זיין פעטער סענדער. מ'עט מיר נאָך ברענגען צוטראָגן אין שטוב אַריין זיינעם אַ בענקאַרט! — איז לייב געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. ער האָט פאַרקראַמפּט דעם שטעקן אין האַנט און זיך געלאָזט גיין צום גאָרטן־צו. ער איז געווען פול מיט זאָרג וועגן יאַנקלען. מען איז אים

אַלעמאָל געקומען דערציילן, אַז זיין עלטסטער קדיש זיצט ביי די גויים אין די שטיבער אין הוילן קאָפּ און עסט ביי זיי טרפות; אַז ער גייט אויף גויאישע חתונות, אַ פאַרשטעלטער אין אַן אויסגענייט גויאיש העמד און אין אַ פּאַראַבאַצקע שטרויענעם קאַפּעליוש באַשטעקט מיט קוטשעראַווע פעדערלעך און אַז ער וואַלגערט זיך אַרום דורך די נעכט מיט די שיקסעס אין פעלד.

— כ׳מוז זיין זייער זינדיק, אַז איך האָב אַזוינס געקאָנט אויסטראָגן אין מיין בויך — האָט ריווע, וואָס איז אין יענעם אַסיען ווי געפאַלן פון די כוחות, געהאַלטן אין איין זיפצען און זיך אַלץ געבעטן ביי לייבן, אַז ער זאָל נאָר גיין מיט גוטן. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן נישט מיט קיין גוטן און נישט מיט קיין בייזן. מען האָט יאַנקלס ווילדע נאַטור נישט געקאָנט צוימען.

— פּאָלג מיך, זאָג אָן פּסחן, אַז ער זאָל דאָרט איבעררעדן מיט סענדערן, אַז ער זאָל יאַנקלען אַריבערנעמען צו זיך. כ׳האָב מורא ער וועט אונדז דאָ נאָך פאַרפלעקן די משפּחה — האָט אברהם אַליניק לייבן יענעם אויפדערנאַכט איינגערוימט אין אויער. אויך פּסח האָט אים עפּעס וועגן דעם געגעבן אָנצוהערן. אָבער נישט לייב און נישט ריווע האָבן געטראַכט וועגן אָוועקשיקן אַ קינד פון דער היים.

ביים טירל פון גאָרטן האָט לייב זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ פאָראויס, אים ווי איינגעגראָבן אין דער פינצטערניש, וואָס האָט דאָרט שווער געהויערט, און געהאָרכט. עס איז אָבער איצט צו אים מער קיין שאָרך נישט דערגאַנגען. ער האָט אַ פּאָר מאָל געריפן יאַנקלען ביים נאָמען. געענטפערט האָט אָבער בלויז אַ פאַרדומפּן ווידער־קול. דאָס צוריקגעקומענע ווידער־קול האָט אים דערמאָנט אָן די נעכט ווען ער פלעגט ייִנגלווייז פאַרברענגען אויף די הייפעלדער. פיליפּאָס געשטאַלט איז ווי אַרויסגעשוואומען פון דער פינצטערניש. דאַכט זיך, אָט־ערשט איז זי אין די פינצטערע נעכט אים געקומען זוכן ביי די סטויגן היי. דאַכט זיך, אָט־ערשט איז עס געווען ווען דער זיידע פלעגט אין מיטן נאַכט אין די גאַטיעס אים קומען זוכן אויף די היי־פעלדער. דער זיידע האָט מיט זיין געזונט גראָב קול אים געריפן ביים נאָמען און ער מיט פיליפּאַן פלעגן שטילע מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס אַריינקריכן טיף אין אַ קופּע היי און נישט ענטפערן.

עס איז לייבן איצט פאַרגעקומען, אַז דאָס צוריק־געקומענע ווידער־קול איז גאָר דעם זיידנס און נישט זיינס, און ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער שטאָל, וואו ער האָט ווידער דערזען די ווייס־שוואַרצע צויג. — אַ כאָלעריע זאָל אייך נאָר טרעפן, זלידנע סוקעס וואָס איר זענט! אַציבאָ, האָב איך געזאָגט — האָט ער ווי אויסגעלאָזט צו דער פרעמדער צויג און אויף איר אַ לאָז־געטאָן דעם שטעקן מיט כעס.

דער שטעקן האָט געטראָפן דער צויג און זי איז מיט אַ סקאָוואוטשען אַוועק אין דער פינצטערניש.

— לייב, וואו ביסטו דאָרטן? שוין צייט צו פאָרן. מירן נאָך פאַר־שפּעטיקן דעם צוג — איז פּסח אַרויסגעקומען און אַלע מענטשן וואָס זיינען געווען אין שטוב זיינען אים נאָכגעגאַנגען.

— מיר פאָרן שוין — האָט לייב געענטפערט און אין איינע עט־לעכע מינוט זיינען די פערד שוין געווען איינגעשפּאַנט אין וואָגן. לייב איז אַרויסגעפאָרן פון הויף. פּסח האָט זיך אָבער נישט גלייך אַריינ־געזעצט אין וואָגן, נאָר באַגלייט פון דער גאַנצער משפּחה און פון עט־לעכע יידישע און גויאישע שכנים געגאַנגען צופוס ביז העט־העט נאָך דער מיל.

קאַפּיטל אַכצן

די „לייבן און בערן", צוזאַמען מיט יידישע און גויאישע שכנים, האָבן אין שפּעטער נאַכט מיט אַ שווער געמיט אַרויסבאַגלייט פּסחן קיין אַמעריקע. זיי האָבן אויף דער אַנדערער זייט מיל זיך מיט אים אָפּגעזעגנט און דערנאָך טרויעריקע, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען פון אַ לוויה, זיך אומגעקערט אין דאָרף אַריין.

— איי וועט ער אונדז אויספעלן! צו וועמען וועט מען איצטער גיין אַז ס'וועט עפּעס קאַליע ווערן?

— ער האָט אַזוי באַדאַרפט פאָרן קיין אַמעריקע, פּונקט ווי כ'דאַרף איצט גיין טאַנצן. ס'איז געווען טריינעלעס קאָפּ דערביי.

— איר'ט כאָטש געזען ווי ער איז נעבעך געגאַנגען צום וואָגן נאָר ווי צו דער שחיטה — האָבן די דאָרפסלייט אויפן וועג אַהיים נאָכגע־זאָגט פּסחן שבחים.

טריינע האָט נישט געהערט די אַלע רייד. זי האָט אַ ווייבענדיקע זיך געטוליעט צו אירע צוויי טעכטער און זי האָט באַזאָגט איר מאַן, ווי ער וואָלט געווען טויט: — ווי קאָנען מיר אַריינגיין אין דער פּוסטער שטוב. און וואָס פאַר אַ פּנים וועלן מיר איצט האָבן אָן דעם טאַטן?

דאָס אַרויסבאַגלייטן דעם פּעטער פּסח פון דאָרף האָט אויף בלו־מעלען שטאַרק אויפגערודערט און זי האָט דערנאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפן. זי האָט אַ פיבערדיקע פאַר זיך געזען באַנען און שיפן און זי האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם פּעטער פּסחס באַגעגעניש מיט דעם אַמעריקאַנער פּעטער סענדער, וואָס זי האָט אים נאָר געקענט פון די פאָטאָגראַפיעס. עס איז פאַר איר אויפגעגאַנגען דאָס בילד ווי די צוויי ברידער באַגעגענען זיך און זי האָט אַזש אָנגעהויבן ציטערן פון אויפרעגונג. דעם פּעטער סענדערס היים האָט זיך פאַר

איר געוויזן אין דערזעלבער רייכקייט ווי דעם פעטער יוספס הויף. זי האָט פאַר זיך געזען די שיינע פּאָקאָיעס, פאַרביקע טעפּעכער און אַ נייער קלאַוויר מיט ווייסע ביינדלעך. עס זיינען ווי דערגאַנגען צו אירע אויערן די זעלבע קלאַנגען פון קלאַוויר, וואָס זי האָט זיי געהערט, ווען די מומע דאַרציע האָט זי געבראַכט צו זיך אין הויף אַריין.

זי איז געלעגן אַ וואַכנדיקע און געטראַכט וועגן דעם ווי דער פעטער סענדער איז אין מיטן נאַכט אַנטלאָפן מיט מינדלען קיין אַמעריקע. וויפיל מאָל זי האָט נישט געהערט דערציילן ווי אַזוי דער פעטער האָט אָפּגערעדט דעם שאַפערס טאָכטער פון איר חתן איז איר די מעשה אַלעמאָל פאַרגעקומען ווי ביי.

בלומעלע האָט דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט צום פינצטערן דרויסן און זיך פאַרגעשטעלט ווי אירער אַ געליבטער קומט אין מיטן נאַכט צו איר צורייטן אויף אַ פערד. ער נעמט זי שטילערהייט אַרויס דורכן פענצטער, הילט זי איין אין זיין לאַנגער פעלערינע און אַנטלויפט מיט איר אין דער וויטער וועלט אַריין.

בלומעלע האָט געהאַט געגוג געליבטע. זיי זיינען געווען גראַפן און פרינצן פון די מעשה-ביכלעך, וואָס פּאַקן-טרעגער האָבן געבראַכט צו זיי אין שטוב אַריין. זי האָט אויף די בענטשערלעך, אויף די תחינות און סידורימלעך, וואָס די פּאַקן-טרעגער האָבן אַרויסגענומען פון זייערע זעקלעך, זיך אַפילו רעכט נישט אומגעקוקט, נאָר באַלד זיך געכאַפּט צו די טרוים-ביכלעך, וואָס האָבן אויסגעטייטשט יעדן חלום, און אויך צו די מעשה-ביכלעך. די העלדן פון די מעשות זיינען איר געוואָרן נאָענט און זי האָט וועגן זיי געטראַכט בייטאָג און ביינאַכט. זייערע ליידן און פריידן זיינען געווען ווי אירע אייגענע און נישט איין בלעטל פון די ביכלעך האָט אין זיך איינגעזאַפּט אירע וואַרעמע טרערן.

בלומעלע האָט זיך אויך איינגעליבט אין די אויסגעפּוצטע זינדלעך פון פריצים און לעסניטשעס, וואָס זי פלעגט זיי אַמאָל זען פון דער-וויטנס דורכרייטן אויף זייערע פערד. בלויז איינעם פון זיי האָט זי געקענט פון דער נאָענט און צו אים אויך אַ פּאָר מאָל גערעדט עטלעכע ווערטער. דאָס איז געווען יולעק, דעם פעטער יוספס. זי האָט אים אָבער זייער זעלטן געזען. צווישן אירע געליבטע איז אויך געווען דער יאַנאָוויצער פּאַניטש טאַדעק, וואָס האָט שטודירט אַזש אין דער וויטער און גרויסער שטאָט לעמבערג.

דעם פּאַניטש האָט בלומעלע צום ערשטן מאָל רעכט געזען ביי דער לוויה פון זיין זיידן מאיר פעלדמאַן. עס איז געווען אין אַ זומערדיקן אין דער פרי ווען אַלע יאַנאָוויצער יידן האָבן אַרויסבאַגלייט פון דאָרף דעם אַלטן פריץ, וואָס האָט ביים לעבן זיך געהאַלטן היימיש מיט זיי. בלומעלע איז דעמאָלט מיט דער מאַמען אַרויסגעגאַנגען צו דער לוויה און זי האָט פון דער נאָענט געזען דעם יונגן פּאַניטש. ער האָט דעמאָלט געטראָגן אַ סטודענטיש הויך היטל מיט אַ גלאַנצענדיקן דאַשעק. ער

איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געפּאַסטן טונקל־בלויען גאַרניטור און פון דעם שוואַרצן סאַמעט אויף זיין הויכן סטאָיאַנצע קראַגן האָבן אַראָפּגע־גלאַנצט עטלעכע גאָלדענע פּאַסיקלעך. דער פּאַניטש האָט זי אַפילו נישט באַמערקט, אָבער זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף זיין מונדיר און אויף זיין לויטער בלוט־און־מילך פּנים.

שפּעט ביינאַכט האָט בלומעלע זיך אויך דערמאָנט אָן דעם רויבער קעבוש. זי האָט אים ווי געזען פאַר אירע אויגן, אָבער איר באַגעגעניש מיט אים, זיין פירן זי ביי דער האַנט אין די בערג צו זיין פינצטערער הייל איז איר איצט פאָרגעקומען ווי עפּעס אַ מעשה, וואָס זי האָט לאַנג, לאַנג צוריק געהאַט געלייענט.

דער הונט אויף דער קייט האָט זיך פּלוצלונג צעהאַווקעט און אַרויס־געריסן בלומעלען פון אירע טראַכטונגען. באַלד האָט זי דערהערט ווי יאַנקל איז פון ערגעץ אָנגעקומען און ווי ער שרייט צום הונט אַז ער איז נישט קיין פרעמדער און נישט קיין גנב. זי האָט דערנאָך געהערט ווי יאַנקל פייפט זיך אין דער שטיל צו און גייט צו זיין געלעגער, וואָס ער האָט געהאַט אויפן שליטן אונטערן פּאַדאַשעק.

בער און חיים משה, וואָס זיינען ביידע געשלאָפן אין באַנק־בעטל, האָבן זיך אויפגעכאַפּט און זיך אָנגעהויבן קריגן און שפּאַרן ווער עס פאַרנעמט מער פּלאַץ אויפן געלעגער.

— רוק דיך, דו האָסט מער ווי אַ האַלב באַנק־בעטל! — האָט דער יינגערער אָנגעהויבן.

— דו פאַרנעמסט מער פּלאַץ, רוק דו דיך — איז דער עלטערער אים נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער.

אַזוי ווי דער טאַטע איז נישט געווען אין דער היים און פאַר דער מאַמען האָט מען ווייניק־וואָס מורא געהאַט, האָבן די צוויי ברידערלעך זיך צעלאָזט אויפן קול און אַלע אין שטוב זיינען וואַך געוואָרן.

— מאַמע, כ'וויל אַ טרונק וואַסער.

— איך בין הונגעריק.

— מאַמע, פאַרוואָס איז דער פעטער פסח אַוועקגעפאָרן קיין אַמע־ריקע?

— ער וועט דאָרט זיין ביים פעטער סענדער?

— אַמעריקע איז ווייטער ווי לעמבערג? — האָט דאָס קליינוואַרג זיך געלאָזט הערן און זיך ראָזדרעכעט פון שלאָף.

ריווע האָט ווי פאַרגעסן אָן איר מידקייט און זי איז אַראָפּ פון בעט איינשטילן די קינדער. ווען זי האָט זיך דערנאָך צוריק אומגעקערט צו איר געלעגער האָט דער קליינער וועווקע זיך צעוויינט אויפן קול און זי האָט אים, פונקט ווי די גרעסערע קינדער, איינגעגומען מיט גוטע און שטילע רייד. זי האָט אים פאַרוויגט מיט האַרציקן געזאַנג וועגן דעם קלאָר־וויס ציגעלע, וואָס שטייט אונטער זיין וויגעלע, וועגן אַ מלך מיט אַ מלכה און וועגן אַ מאַמעס ליבשאַפט צו אירע קינדער, וואָס זיינען ביי

איר מער ווערט ווי אַלע אוצרות און געלטן פון די דריי־הונדערט־און־צען וועלטן! דער מאַמעס געזאַנג האָט נישט נאָר איינגעשטילט וועוקען, נאָר עס האָט אויך מיט אַ ליבער וואַרעמקייט זיך ווי אַריינגעגאָסן אין די הערצער פון די עלטערע קינדער און זיי איינציקווייז איינגעשלעפערט. אויך בלומעלע האָט פאַרמאַכט די אויגן און זי איז אַיינגעשלאָפן.

ריוועס געזאַנג איז אויך דערגאַנגען צו יאַנקלען אויף זיין געלעגער אויפן שליטן. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און זיך צוגעהערט. דער מאַמעס זינגען, פונקט ווי איר זאָגן אים מוסר, האָט שטאַרק אויפגערודערט זיין געמיט. איר געזאַנג און אירע גוטע רייד, האָבן דעם איבערגעוואַק־סענעם געזונטן יונג ווי פאַרוואַנדלט אין אַ פאַלגזאַם שטיל קינד. קוים איז ער אָבער נישט געווען לעבן איר, איז ער ווידער געוואָרן צעלאָזט און ווילד.

יאַנקל איז געווען אין פופצנטן יאָר. ער איז אָבער שוין געווען גרויס און שטאַרק און אויסגעזען אַ סך עלטער. די שקצים פון דאָרף האָבן שוין געהאַט אויסגעפּרואווט זיינע כוחות ביים הייבן די גרויסע און שווערע קלעצער לעבן דער מיל, ביים באָרן־זיך אין שפּאַס, און אויך ביי ערנסטע געשלעגן. זיי האָבן באַוואונדערט זיין גבורה און זיי האָבן וואָס אַמאָל מער זיך געהיט אים נית צו פאַרטשעפּען. אין פופצנטן יאָר איז ער שוין געווען כמעט אַזוי הויך ווי לייב, ער האָט געהאַט דעם טאַטנס ברייט־ביינערדיקע פּלייצעס און זיין נידעריקן און פולן קאַרק. אין זיין אויסזען און אין זיין פּירעכץ איז אָבער יאַנקל אינגאַנצן געווען גע־ראָטן אין זיין פעטער סענדער.

— אַ יונגאַטש זאָל אַזוי ציען צו די גויים! הלוואי כ׳זאָל ליגן זאָגן.

— סענדערל מיט די ביינער.

— מ׳דאַרף זיין אויס אייזן צו קאָנען אויסהאַלטן פון אַזאַ קדיש — האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט און פון דער זייט באַטראַכט יאַנקלען, וואָס האָט געהאַט סענדערס טונקל־ברוין פּנים, זיין ברייטלעכע נאָז און זיינע טיפע קויל־שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן ווי געזשאַרעט מיט טראָציקייט און מיט תאווה. עס האָט אים, ווי זיין פעטער סענדער, צו פערצן יאָר אָנגעהויבן וואַקסן אַ געדיכטע שוואַרצע באָרד און ער האָט די ערשטע צייט, טאַטע־מאַמע זאָלן נישט ווייסן, זיך געגאָלט מיט דער בריטווע פון אַ גויאישן שכן. ריווע מיט לייבן האָבן זיך אָבער ביכלעכווייז צו־געוואוינט צום געדאַנק, אַז יאַנקל וועט פאַרבייגן אַ סך פון די תרי״ג מצוות און זיי האָבן אים געלאָזט זיך קויפן אַן אייגן גאָלמעסער. זיי האָבן אים אָבער אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך כאָטש נישט גאָלן דער באָבען שרהלע אין די אויגן.

פון דער נאַטור־אויס איז יאַנקל געווען אַ גוטער. ער איז ווי זיין טאַטע אַלעמאָל געווען גרייט זיך אָנצונעמען פאַר יענעם און ער האָט נישט איינמאָל פאַרפירט געשלעגן מיט שקצים וואָס האָבן פאַרטשעפּעט

יידישע קינדער. ער האָט זיך אַרומגעשלאָגן מיט די שקצים, אָבער ער האָט זיך מיט זיי מער געחברט ווי מיט די יידישע ייִנגלעך פֿון דאָרף. ער האָט זיך געפֿילט היימיש אין די גויאישע שטיבער און נישט איינמאָל האָט אים אַ גויאישער שכן, כלומרשט אויף שפּאַס, געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וואָלט זיך באַדאַרפֿט איבערצלמען און חתונה־האָבן מיט אַ שיינער שיקסע, וואָס האָט אַ סך פֿעלד.

* * *

רו און שטילקייט האָט אַרומגענומען די שטוב און דעם הויף ווען ריווע האָט אויפֿגעהערט זינגען. יאַנקל איז געלעגן אַן אויסגעצויגענער אויף זיין רוקן, געקוקט פֿאַר זיך אין דער טונקלקייט ביז זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרציען מיט שלאָף. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ שאָרשן אין סאָד, וואו עטלעכע עפּל־ביימער זיינען נאָך געווען באַלאָדן מיט גאָלד־גרינע ווינטער־ראַנעטן. יאַנקל האָט זיך אויפֿגעזעצט און עטלעכע רגעס געהאָרכט. דערנאָך איז ער אַראָפּ פֿון געלעגער און אויף די שפּיץ־פֿינגער אין דער שטיל אַוועק צום סאָד. דאָס גערויש איז געקומען פֿון צווישן די צווייגן פֿון אַן עפּל־בוים, וואָס איז געשטאַנען נאָענט לעבן טשערניוקס פּלויט.

— גאָלדינקע גוטע עפּעלעך, אָנגעגאָסן מיט זאַפֿט — איז צו יאַנקלען פֿון צווישן די צווייגן דערגאַנגען אַ שעפּטשען ווען ער האָט זיך צו־געשאַרט נאָענט צום בוים. ער האָט באַלד דערקענט, אַז דאָס איז די יונגע וואַרוואַרא, וואָס האָט שניט־צייט חתונה געהאַט מיט טשערניוקן עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי ער איז געבליבן אַן אלמן מיט פֿיר קליינע קינדער.

דאָס יונגע ווייבל האָט אָנגעריסן אַ פֿולע פֿאַזוכע פֿון די עפּל און פֿאַוואָליע גענומען אַראָפּקריכן פֿון בוים. יאַנקל האָט געטשאַטעוועט אַ באַהאַלטענער און צו איר אַרויפֿגעקוקט. ער האָט אין געדאַנק איצט גאָר גענומען חשבונען טשערניוקס יאָרן און ער האָט אויסגערעכנט, אַז ער איז זיכער צוויי מאָל אַזויפֿיל אַלט ווי זיין יונג שיין ווייבל, וואָס ער האָט געבראַכט צופֿירן פֿון אַן אַנדער דאָרף. יאַנקל איז דערנאָך צוגעשפּרונגען צום בוים און נאָך איידער וואַרוואַראַ האָט אַוועקגעשטעלט אַ פֿוס אויף דער ערד האָט ער זי ווי אויפֿגעכאַפּט מיטביידע הענט. זי איז געווען אָנגעטאָן בלויז אין איר גראָבן העמד און ער האָט דערפֿילט די וואַרעמקייט פֿון איר לייב. פֿלינק האָט ער דערנאָך אַ ריס־געטאָן די קרייקע מיט וועלכער זי איז געווען אונטערגעגאַרטלט און די עפּל זיינען, נאָך איידער זיי האָבן זיך אָנגעוואַרעמט אין איר בוזעם, אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד. אירע פֿולע בריסטן האָבן אַ ציטער געטאָן, ווי זיי וואָלטן וועלן נאָכפֿאָלגן די קילע עפּל, וואָס האָבן זיך ערשט צו זיי געטוליעט.

— מאַטקאַ באָסקאַ! האָסט מיך איבערגעשראָקן אויף טויט — איז וואַרוואַראַ געבליבן שטיין אַ צעטומלטע אין איר לאַנגן העמד,

ביידע הענט פאַרקרייצט איבער איר ברוסט. אַ שטיק לבנה איז ווי אַרויס־געקראָכן פון צווישן די ביימער און געוואָרפן אַ גרינלעכן שיין אויף איר צעשראָקן פּנים. אין איר אויפגעגאַרטלטן העמד וואָס האָט איר געגרייכט כמעט ביז צו די טריט, האָט זי אויסגעזען ווי אַן איבערגעוואַקסענע יונגע מויד, וואָס עמעצער האָט זי אויפגעטריבן פון איר געלעגער.

— אַ שיינע גאַזדעניאַ גייט ביינאַכט רייסן עפּל אין פרעמדע סעדער. מאָרגן וועלן שוין אַלע שכנים דאָס וויסן — האָט יאַנקל ווי פאַרגעסן, אַז וואַרוואַרא איז מיט אַ זיבן־אַכט יאָר עלטער פון אים.

— שש, שריי נישט. וועסט נאָך אויפוועקן מיין אַלטן און די קינדער — האָט זי אים אַרויפגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויפן מויל.

— כ׳וויל טאַקע, אַז דיין מאַן זאָל אַרויסקומען — האָט ער איר אַריינגעקוקט אין פּנים.

— האָסט דאָך שוין צוריק אַלע עפּל. בייזער דיך נישט אויף מיר — האָט זי זיך ביי אים ווי געבעטן אין דער שטיל. זי האָט אַ טרייסל געטאָן ס׳העמד ווי צו באַווייזן, אַז חוץ אירע בריסטן האָט זי אין בוזעם גאָר־נישט. און אַ פאַרלוירענע אַראָפּגעקוקט צו די עפּל, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַרום אירע באָרוועסע פיס.

— ווען כ׳בין געווען קליין האָט טשערניוק ביי מיר צוגענומען מיין קאַפּעליוש פאַר אָפּרייסן אַ פלוים פון זיין בוים, און איצט שיקט ער זיין ווייב אין אונדזער סאָד אַריין אין מיטן נאַכט רייסן עפּל!

— זאָל מיך שוין אַ דונער טרעפן צי ער האָט מיך געשיקט. די ראַנעטן האָבן מיר פאַרשמעקט ביז אויפן געלעגער. ער כראָפּעט שוין עטלעכע שעה און איך קאָן נישט איינשלאָפן. איך ליג און טראַכט וועגן מיין דאַליע און ס׳האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער.

— דער טאַטע וויל דעם עפּלבוים אינגאַנצן אויסהאַקן. ער האָט זיך דורך דעם בוים שוין נישט איינמאָל געקריגט מיט טשערניוקן.

— מיינער זאָגט טאַקע, אַז מען דאַרף דעם בוים אַרויסנעמען מיט די קאָרינעס. ווייל זומער ליגט זיין גאַנצער שאָטן אין אונדזער גאָרטן. ס׳קומט נישט קיין ביסל זון צו דער ערד אַרום דעם בוים און ס׳קען דאָרט קיין גרעזל נישט וואַקסן. ער זאָגט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל ביי אייך אָפּקויפן דעם סאָד מיטן גאָרטן מיט גאַנצן באַלעבאַטישקייט.

— ער וועט נאָך לאַנג וואַרטן. זאָל ער זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם. כ׳וויס אַז ער שעלט אונדז.

— כ׳לאָז נישט. כ׳זאָג אים, אַז איר זענט אַנדערש: אַז דיינע טאַטע־מאַמע זיינען גוטע מענטשן. און דו ביסט אויך אַ גוטער. כ׳וויל נישט, אַז דו זאָלסט זיך מיט מיר קריגן. — זי האָט זיך אָנגעבויגן צו דער ערד אויפצוהייבן די קרייקע. יאַנקל איז איר אָבער ווי פאַרלאָפן דעם וועג און אויפגעכאַפּט דאָס פאַרביקע בענדל. ביים אָנבייגן זיך האָט ער ווי ניט־אומיסטן זיך אָנגעשטויסן אָן איר און זיי זיינען ביידע אַ פאַל געטאָן צו דער ערד.

— האָסט מיך אַזוי איבערגעשראָקן. און איבער וואָס? איצט גיב מיר אָפּ מיין קרייקע וועל איך צוריקגיין אין שטוב אַריין — האָט זי זיך צוגעבויגן צו אים.

— דאָס גיב איך נישט — איז יאַנקלען איצט אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען דער כעס.

— עס איז שוין שפּעט און מיין מאַן קאָן זיך נאָך אויפכאַפּן.

— זאָל ער זיך דאָרט אויפכאַפּן.

— און וואָס וועט זיין מיט די עפּל? זיי זיינען דאָך שוין סיי־ווי אָפּגעריסן. מ'דאַרף זיי נישט לאָזן ליגן אויף דער ערד.

וואַרוואַראַ האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, אָבער יאַנקל האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און זי אַ צי־געטאָן צו זיך. ער האָט דערנאָך מיט גבורה זי אַרומגענומען און זי געהאַלטן פעסט איינגעקלעמט אין זיינע אָרעמס. די יונגע וואַרוואַראַ האָט זיך נישט געוועהרט, נאָר ווי פאַר זיך אין דער שטיל געמורמלט: „מאַטקאַ באָסקאַ, וואָס טוסטו? מיין מאַן קאָן נאָך דערהערן. ער וואָלט מיך פאַרטריבן פון הויז. מאַטקאַ באָסקאַ, ווי שטאַרק דו ביסט!"

— כ'על אָפּגעבן די קרייקע און אַלע עפּל — האָט יאַנקל אַרויסגעברומט און זי געמומען מיט ווילדער גבורה.

— דו יונגער שיינער סאָקאָל ווי שטאַרק דו ביסט! — האָט וואַרוואַראַ ווי אַראָפּגעשלונגען די לעצטע עטלעכע ווערטער און דערנאָך האָט די נאַכטיקע שטילקייט זיי ביידן ווי איינגעהילט. וואַרוואַראַ האָט מער נישט גערעדט וועגן צוריקגיין אין שטוב אַריין צו איר מאַן און יאַנקל האָט מער נישט געדענקט דער מאַמעס געזאַנג, וואָס האָט זיך אָט־ערשט מיט אַ וואַרעמקייט ווי אַריינגעגאָסן אין זיין האַרץ.

ווען זיי האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן פון דער ערד האָט דער הונט אויף לייבס הויף זיך ווידער געלאָזט הערן. וואַרוואַראַ האָט אָפּגעטרייסלט און אויסגעגלעט איר העמד. יאַנקל האָט איר געגעבן די קרייקע און ווען זי האָט זיך אונטערגעגאַרטלט, האָט ער אַ שווייגנדיקער אויפגעקליבן די האַרטע עפּל, וואָס זיינען געווען פייכט פון טוי, און זיי געלייגט צו איר אין בוזעם. די עפּל האָבן געקילט וואַרוואַראַס צעהיצט לייב און זי ווי אויפגעפרישט.

— כ'וועל מאָרגן ווידער אַרויסקומען. און קיין עפּל וועל איך מער נישט רייסן — האָט זי מיט די ווערטער מיט אים זיך ווי אָפּגעזעגנט.

— קום מאָרגן ווען אַלע וועלן שוין שלאָפן צו די היי־פעלדער — איז יאַנקל מיט איר געגאַנגען ביז צום פּלויט.

— כ'וועל קומען. און אויב כ'וועל נישט קאָנען אַרויסגיין צו דיר אין פעלד אַריין וועל איך שפּעט ביינאַכט צוקומען צו דיין געלעגער אויפן שליטן.

אַ קינד האָט ביי טשערניוקן אין שטוב זיך צעוויינט אויפן קול. וואַרוואַראַ איז גיך אַריבער אויף דער אַנדערער זייט פּלויט און אַוועק

מיט איילנדיקע טריט. עס האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פון דער טיר און טשערניוק האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון זיין שטוב.

— וואו קריכסטו אַרום צו אַלדי רוחות? — האָט ער אַ פאַרשלאָפענער אַנגעשריגן אויף זיין יונג ווייב. ער האָט זיך געקראַצט אין זיין לאַנגער טשופּרינע, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געשפּיגן.

— כ'בין אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן געוואָרן. די מינוט ערשט בין איך אַריבער אויף לייבעס זייט און אַנגעריסן אַביסל עפּל. די צווייגן ברעכן זיך אַזש, אַזוי באַלאָדן זיינען זיי דאָרטן — איז וואַרוואַראַ מיט די רייד צו אים אונטערגעקומען.

— עס איז עפּעס גאַרנישט ווי קיין יידישער בוים. ווער ווייסט צי איז ער נישט אַמאָל געשטאַנען אויף מיין זייט און צי האָבן זיי נישט איבערגערוקט די מעזשע. יעדעס יאָר איז ער אָפּגעשיט מיט עפּל. מ'וואָלט זיי אַלע באַדאַרפט באַרייסן — האָט פון טשערניוקן אַרויסגערעדט די קנאה.

— גאָלדינקע ווינטער־עפּל, פול מיט זאַפט און מיט טעם. כ'וועל מאָרגן ווידער אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זייט מעזשע — האָט זיין ווייב געשטערעקט פאַרויס איר בוזעם מיט די עפּל, געדרייט דעם קאָפּ צום סאָד־צו, וואו זי האָט איבערגעלאָזט יאַנקלען, און זי איז אַריין מיט טשערניוקן אין שטוב.

יאַנקל האָט פון הינטערן בוים איר נאָכגעקוקט ביז זי האָט פאַרמאַכט די טיר און דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין געלעגער אונטערן פאַדאַשעק.

* * *

אויף צו מאָרגנס האָט דער טאָג ביי די דאָרפסלייט זיך פרי אָנגעהויבן. עס איז אין פעלד און אויף די הויפן געווען נאָך אַ וועלט מיט אַרבעט און מען האָט זיך צוגעאיילט אַלצדינג אָפּצוטאָן איידער דער ווינטער קומט־אָן.

שוין פאַרטאָג האָט מען אין גויאישע און יידישע גערטנער צעלייגט פייערן און די רויכעס האָבן אין גלייכע זיילן זיך געצויגן צום לויטערן הימל. אין די גויאישע גערטנער האָט מען געקוילעט אויסגעפּאַשעטע חזירים, וואָס האָבן געקוויטשעט מיט באַנומענע קולות. די גויים האָבן מיט שפּיציקע שאַרפע מעסערס געלעכערט די גראָבע העלדזער פון די חזירים, זיי באַלד גענומען סמאַליען אויף די פייערן און מען האָט אין גרויסע ערדענע מאַקערטעס אויפגעכאַפּט דאָס הייסע חזיר־בלוט. אין די יידישע גערטנער האָט מען אויף די פייערן אין קופּערנע גרויסע קעסלען געמאַכט פון פלוימען פּאָווידלע אויפן ווינטער. נאָך איידער דער טאָג האָט זיך אָנגעוואַרעמט האָבן זיך אויסגעמישט די גערוכן פון געברענטע חזיר־האָר און פון בלוט מיט די ריחות פון צעפּאַרעטע האָרסקי־פלוימען, נעגעלעך און לאָרבער־בלעטער.

ריווע האָט ווי פאַרגעסן אָן דעם האַרץ־קלעמעניש און אָן אַלע אירע שלאָפּקייטן און גאַנץ פרי אַראָפּ פון געלעגער. לייב, וואָס האָט ביינאַכט געהאַט אָוועקגעפירט פּסחן צו דער טשאַרטקאָווער באַן־סטאַנציע, איז נאָך נישט געווען צוריק און ריווע האָט זיך דערוויל אַליין אַ נעם געטאָן צום באַלעבאַטישקייט. זי האָט ס'ערשטע אויסגעמאָלקן די צוויי קי און דערנאָך גענומען וועקן די קינדער. זיי זיינען איינציקווייז אַראָפּ פון די געלעגערס, נאָר בלומעלע, וואָס האָט זיך געקלאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי, האָט זיך ניט געאיילט אויפצושטיין. ריווע האָט איבער איר געציטערט גלייך ווי זי וואָלט געווען אָן איין־און־איינציקע, זי האָט אָוועקגעשטעלט לעבן איר געלעגער אַ טעפּל גוט־אויסגעוועלטע מילך מיט גראָבער געלער הויט און איר געהייסן נאָך אַביסל שלאָפן.

ס'האָט באַלד אויף דער פאָדווירע גענומען טומלען מיט הינער, קאַטשקעס, גענדז, לעמלעך און קינדער. ריווע האָט אַלעמען אָנגעהאָדעוועט און זיך גענומען קלייבן מיט דער באָבע שרהלע און מיטן קליינוואַרג צו גיין אויפן גאָרטן מאַכן פּאָווידלע.

ריווע האָט אויך אויפגעוועקט יאַנקלען. זי האָט אים ביז צום שליטן צוגעבראַכט די קוואָרט, אַז ער זאָל אָפּגיסן נעגל־וואַסער, אים געהייסן אָנהאַקן האָלץ און אָנשפּאַלטן אַביסל שפּענדלעך אויף צו מאַכן ס'פייער אין גאָרטן. יאַנקל איז ווי אַ פאַרשולדיקטער אַראָפּ פון דעם געלעגער און אַ שווייגנדיקער אַ פאַלגזאַמער געטאָן אַלץ, וואָס די מאַמע האָט געהייסן. ער האָט דאָס אָנגעהאַקטע האָלץ און אויך דעם קופּערנעם קעסל אָוועקגעטראָגן אין גאָרטן אַריין און ער האָט אַפילו אַליין צעבלאָזן ס'פייער. ער האָט זיך געדרייט אַרום דער מאַמען, גרייט פאַר איר צו טאָן יעדע אַרבעט און געטריבן פון זיך די טראַכטונגען וועגן זיין ביינאַכטיקער באַגעגעניש מיט וואַרוואַראַן. ניט געגוג וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון די געדאַנקען איז אים ווי נאָכגעגאַנגען דער ריח פון וואַרוואַראַס וואַרעמען לייב, געמישט מיט דעם ריח פון די רייפע עפּל.

ווען דאָס פייער האָט זיך צעפלאַקערט אונטער דעם דריי־פוסיקן קעסל און ריווע האָט מיט אַ הילצערן לאָפּאַטקעלע גענומען מישן די פּרעגלענדיקע פלוימען, אַז זיי זאָלן זיך נישט צוכאַפּן צום דנאָ, האָט פון טשערניוקס זייט זיך דערטראָגן דאָס קוויטשן פון אַ חזיר. און באַלד האָט אויף דער אַנדערער זייט גאָרטן זיך באַוויזן טשערניוק מיט ווייב און קינדער. זיי האָבן געבראַכט צושלעפּן אַ גרויסן חזיר און ער האָט מיט באַנומענע קולות זיך געריסן פון שטריק, וואָס איז געווען אָנגעבונדן צו זיינס אַ הינטערשט פיסל.

— פונקט היינט האָבן זיי זיך געדאַרפט אויסקלייבן צו קוילען זייער דבר־אחר — האָט ריווע גערעדט צו דער באָבע שרהלע, וואָס איז געזעסן לעבן איר און זיך געקלאָגט, אַז זי קאָן נישט פאַרטראָגן די געוואַלדן.

— ס'איז טאָקע נישט מער ווי אַ דבר־אחר, אָבער ס'איז פאָרט אַ

רחמנות. ער ווייסט נעבעך וואוהין מ׳שלעפּט אים — האָט די באָבע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַ גוטינקער מאָרגן אייך! — האָט וואַרוואַראַ פון דער ווייטנס אַריבערגערופן.

יאַנקל האָט צו איר אַריבערגעקוקט און זי איז אים איצט פאָרגעקומען אַ סך עלטער און אויך גרעסער ווי ביינאַכט.

— מירן היינט האָבן אַ שיינעם טאָג — האָט אויך טשערניוק זיך געלאָזט הערן.

— אַ גוטן מאָרגן אייך אויך! — האָבן ריווע און די באָבע שרהלע ווי אין אַ כאָר זיי אָפּגעענטפערט — מירן נאָך האָבן אַ סך אַזעלכע שיינע טעג — האָט ריווע זיי געלאָזט וויסן, אַז אין יידישן לוח זאָגט זיך, אַז עס וועט זיין אַ לאַנגער „באַבסקי ליטאָ״ און אַז עס וועלן נאָך זיין גענוג שיינע טעג.

טשערניוק האָט צוגעבונדן דעם חזיר צו אַ בוים און אויף אַ שטיינדל גענומען אויסשאַרפן דעם שפּיץ פון אַ גרויס מעסער. וואַרוואַראַ האָט לעבן בוים צעבלאָזן אַ פייער.

— זעטס נאָר ווי אונדזער שכן שאַרפט זיך דאָס דעם חלף, גלייך ווי גאָרנישט ער. מיר גייט אַזש אַ סקרוך איבערן לייב און ביי אים איז עס אַ שפּילעכל — האָט ריווע זיך געקרימט.

— אַז אָך און ווי איז צו אים און צו זיין יונג ווייבערו. זיי וועלן נאָך היינט ביינאַכט זיך גוט אָנפרעסן מיט חזיר־פליש.

— כ׳ווייס גאָרנישט ווי אַזוי מ׳קאָן פאַרטראָגן אַזאַ גערוך און ווי אַזוי מ׳קאָן דאָס נעמען צום מויל. און מ׳דאַרף אַ לעבן־לאַנג מיט זיי האָבן אַ שותפותדיקע מעזשע און מ׳דאַרף מיט זיי וואוינען אַ טיר לעבן אַ טיר. און ס׳גלות ציט זיך און ציט זיך און משיח איילט זיך נישט צו קומען! — איז די אַלטע שרהלע זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן זיפץ און אויפגעהויבן אירע אויגן צום הויכן הימל.

ריווע מיט דער באָבע שרהלע האָבן גערעדט אין יאַנקלס זייט אַריין און אים אַלעמאָל ווי דורכגענומען מיט זייערע בליקן. יאַנקל האָט אָבער קיין וואָרט זיך נישט אָנגערופן. ער האָט אין מיטן רעדן זיי איבער־געלאָזט און אַוועק אויף דער אַנדערער זייט וואַסער צונויפצושאַרן ס׳לעצטע ביסל היי.

דאָס קליינוואַרג האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן אָסיענדיקן פוסטן גאָרטן און זיי האָבן דאָרט צווישן די ווילדע גראָזן אַרומגעזוכט פאַר־געסענע דיניעס און זיסע קאַטשענעס פון אָפּגעהאַקטע הייפּטלעך קרויט. זיי האָבן אויסגעגראָבן איבערגעלאָזטע מייערלעך, זיי אָפּגעשקראָבעט מיט אַ קניפּיקל און זיי באַלד אויפגעכראַמטשעט. די באָבע שרהלע האָט מיט איר ווינשעל־שטעקעלע אויך געפּאָרפּלט אין דער ערד און ווי די קינדער עפּעס אַרומגעזוכט.

— די ערד מיטן הימל בייטן זיך נישט און דער וואָס איז איבער

אונדז לעבט אייביק — האָט זי אין דער שטיל געמורמלט און געבליבן שטיין אַ פאַרקלערטע. אירע אויסגעהאָרעוועטע אַלטע הענט, דורכגע־וועבטע מיט אָדערן, האָט זי אָנגעשפּאַרט אויף איר שטעקעלע און מיט פינטלדיקע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן אַרויפגעקוקט צו דער אויפגע־גאַנגענער ליכטיקער זון. — הערסט וואָס איכ׳ל דיר זאָגן? כ׳בין היינט עפּעס גאָרנישט ביי די כוחות. דער מלאך־המות זאָל עס נאָר נישט דערהערן — האָט די באָבע שרהלע, וואָס איז שוין געווען נאָענט צו הונדערט יאָר, זיך געקלאָגט פאַר ריוועז, אַז פּסחס אָוועקפאָרן האָט זי געמאַכט אויס מענטש; אַז ס׳האָבן איר מיטאַמאָל גענומען ברעכן די קריזשעס און אַז זי האָט די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטאָן.

ריווע האָט אויף דער באָבעס רייד אַ שווייגנדיקע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט נישט אויפגעהערט מישן די קאָכעדיקע פלוימען און גע־האַלטן אין איין אַריבערקוקן צום הויף צי זעט מען נישט לייבן אָנ־פאָרן און צי קומט נישט בלומעלע אַרויס פון שטוב.

* * *

בלומעלע האָט זיך גאָר ווי געפוילט אַראָפּצוגיין פון געלעגער. ווען זי איז איבערגעבליבן אַליין אין שטוב האָט זי פאַרלייגט אירע הענט הינטערן נאַקן און געטראַכט וועגן דעם חלום, וואָס זי האָט געהאַט פאַרטאָג. עס האָט זיך איר געחלומט אַז אַ גרויסער שוואַרצער הונט מיט אַ גלאַנצענדיקער פעל איז אויף די הינטערשטע פיס, נאָר ווי אַ מענטש, צו איר צוגעקומען. דער הונט האָט זי גענומען באַשמעקן און באַלעקן און זי איז געלעגן און זיך קיין ריר נישט געטאָן. ערשט ווען ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע פאָדערשטע שווערע לאַפּעס אויף אירע אַקסלען האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און מיט ברייט־צעעפנטע אויגן זיך אַרומגעקוקט.

נאָכן אויסטרינקען די מילך, וואָס די מאַמע האָט לעבן איר אַוועקגע־שטעלט, האָט זי אַראָפּגעשאַרט ס׳העמד פון אירע אַקסלען און געקוקט צי זיינען איר נישט געבליבן קיין סימנים פון דעם הונטס שווערע לאַפּעס. דער קאָפּ האָט איר איצט מער נישט וויי געטאָן. ס׳האָט זי אָבער עפּעס ווי געצויגן אין די גריבלעך פון די אַקסלען און אַ מאַטקייט האָט אַרומ־גענומען אירע גלידער.

זי האָט דערנאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן, אָפּגעשאַרט דעם צודעק און ס׳העמד און זי האָט אין דער ליכטיקייט פון מאָרגן גענומען באַטראַכטן איר לייב. זי האָט מיט אירע לאַנגע דינע פינגער אַרומגע־פירט איבער אירע שלאַנקע ווייסע פיס, וואָס זיינען געווען אָפּגעדעקט ווי מיט גאָלדענעם פוך און זי האָט מיט אַן אויפגעוועקטער נייגעריקייט געקוקט אויף אירע גלידער, גלייך ווי זי וואָלט זיי איצט צום ערשטן מאָל געזען.

עס איז איצט בלומעלען אויפן זינען געקומען אַ מעשה וועגן אַ מיאוסער גרעפין, וואָס האָט זיך געבאָדן אין בלוט פון קליינע קינדער.

אַ כישופמאַכערין האָט דער גרעפין איינגערעדט, אַז פון די בלוט־בע־דער וועט איר לייב ווערן לויטער און איר פּנים שיין און זי וועט גע־פינען חן אין די אויגן פון דעם יונגן פּירשט, וואָס זי האָט שטאַרק ליב געהאַט. עס האָט איר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די גרעפין האָט באַ־קומען אַ פּנים פון אַ זשאַבע און דער פּירשט האָט זיך גאָר פאַרליבט אין אַן איינפאַך דאָרפס־מיידל. מיטאַמאָל איז בלומעלען גאָר פאַרגע־קומען, אַז יענער פּירשט, קוקט איצט אויף איר לויטער לייב, ערגעץ פון אַ באַהעלטעניש, און זי האָט זיך גיך צוגעדעקט.

ווען בלומעלע איז אויפגעשטאַנען איז זי אויך אַרויס אין גאָרטן, וואו מען האָט געמאַכט די פּאָווידלע און גלייך מיט אַלע קינדער אַלע־מאָל אַרויסגעקוקט צום וועג זען צי דער טאַטע קומט נישט.

לייב האָט אָבער אויף זיך געלאָזט וואַרטן אַ גאַנצן טאָג און ער איז אַהיימגעקומען ערשט ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן. ווי נאָר ער איז פאַרפאָרן לעבן דער שטוב איז ס׳קליינוואַרג צו אים אַרויף אויפן וואָגן זען וואָס ער האָט פאַר זיי געבראַכט. פּלוצלונג איז אָבער דער פעטער פּסח גאָר אַרויסגעקראָכן פון אונטערן היי.

— דער פעטער פּסח, דער פעטער פּסח איז דאָ!

— ער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע! — האָבן די קליינע קינדער אויסגערופן.

— כ׳האָב אייך געבראַכט דעם פעטער פּסח און כ׳האָב געבראַכט באַנבאַנעס אויך — איז לייב געווען גוט אויפגעלייגט.

פּסח האָט אַ שמייכלענדיקער געטוליעט די קינדער צו זיך. מיט עטלעכע פינגער אויסגעקעמט ס׳היי פון זיין שוואַרץ־גרויליכער באָרד און אַן חשק אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן. פּונקט ווי ער האָט געוואָלט אַרויס־פאָרן פון דאָרף שטילערהייט, אַזוי האָט ער איצט זיך געוואָלט אַוועק־כאַפּן אַהיים מיטן גאָרטן קיינער זאָל אים נישט זען. דבורה די פּיר־זאַגערין איז אָבער דעמאָלט אָנגעקומען. דערצו האָט אַ שכן פון איבערן וועג דערזען ווי ער קריכט אַראָפּ פון וואָגן און ער האָט באַלד אַריבער־געשריגן אויף אַן אַנדערן הויף, אַז פּסח האָט געהאַט אַ גיכן שליט־וועגס.

— כ׳בין געפאָרן און געפאָרן און נישט דערפאָרן — איז פּסח ווי אַ פאַרשולדיקטער געבליבן שטיין פאַר די עטלעכע שכנים, וואָס זיינען באַלד לעבן אים אויסגעוואַקסן — ס׳איז נישט אַלעמאָל אַזוי ווי מ׳וויל — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט מיט קורצע אָפּגעריסענע רייד און טרויעריק געשמייכלט. ס׳קול זיינס איז געווען הייזעריקלעך און ער האָט אויסגעזען אויסגעמאַטערט, ווי ער וואָלט טאַקע צוריקגעקומען פון אַ גאָר ווייטער רייזע.

— מיר זיינען אַריין אין אַ טומאַן און מ׳איז געפאָרן און געפאָרן. פרעגט שוין גאָרנישט — האָט לייב סודותדיק געזשמורעט די אויגן און אַוועק מיט פּסחן צום גאָרטן־צו.

דבורה די פירזאָגערין איז אַ דערפרייטע אַוועק מיט די נייעס צו דער משפחה און נאָך דעמזעלבן אויפדערנאַכט האָט זיך איבערן דאָרף פאַרשפּרייט אַ מעשה נורא, אַז שדים האָבן אַ גאַנצע נאַכט אַרומגע־שלעפּט לייבן און פּסחן אויף אָפּגעלייגטע וועגן און שטעגן צווישן פעל־דער און וועלדער און זיי נישט געלאָזט פאָרן צו דער באַן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זיך אָבער ביסלעכוויז דער־וואוסט, אַז נישט קיין שדים האָבן פּסחן אָפּגעהאַלטן פון פאָרן קיין אַמעריקע. עס איז אַרויסגעקומען דער אמת, אַז ער איז אין יענער נאַכט שוין געזעסן אין דער באַן, אָבער אין דער לעצטער מינוט, איי־דער דער צוג האָט זיך גערירט, איז ער פּלוצלונג ווי אַן אָפּגעבריטער אַרויס און אַוועק צוריק צום וואָגן. אַנשטאָט זיך אומצוקערן אַהיים האָט לייב אין מיטן נאַכט זיך פאַרקירעוועט אויפן קייזער־שטראָז און אַוועק־געפאָרן מיט פּסחן צום לאַשקעווער רבילע זיך האַלטן מיט אים אַן עצה. דאָס רבילע, וואָס האָט ווי ר׳ וועלוועלע זיך געהאַלטן היימיש מיט די דאָרפישע יידן, האָט געהייסן פּסחן אָפּשיקן סענדערן די שיפס־קאַרטע און אים אַנגעזאָגט, אַז ער זאָל מער אַפילו נישט רעדן וועגן פאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט אים אויך געעצהט זיך צוצוקויפן נאָך אַ מעלקנדדיקע קו און ער האָט אים צוגעוואונטשן, אַז ער זאָל פון דעם מילכדיקס קאָנען שפּאָרן נדן פאַר די טעכטער.

פּסח האָט געטאָן ווי דאָס לאַשקעווער רבילע האָט געהייסן. נאָך איידער ער איז אַהיימגעפאָרן האָט ער צוריקגעשיקט די שיפסקאַרטע און אויף דער צווייטער וואָך האָט ער ביי נאָטען געליגן געלט אויף צו קויפן אַ מעלקענדיקע בהמה.

קאַפּיטל ניינצן

דער ווינטער איז ווי אויף ווייסע פליגל געקומען אין דאָרף אַריין און מיט אַ שטילן טרויעריקן פלאַטער צוגעפאַלן צו לייבס שטוב. נאָך סוכות, ווען די דרויסנדיקע ווענט פון שטוב זיינען שוין געווען אַרומגעלייגט מיט שטרוי און אויף דער ערד איז שוין געלעגן דער ערשטער שניי, איז ריווע פאַרשלאָפט געוואָרן. זי האָט נאָך אַליין אויף די אונטערשטע ברעטלעך פון די פענצטער אויסגעשפּרייט געל זאַמד, דאָרט אויסגעלייגט רויטע עפּל, פאַפּירענע סטענגעס פון פאַרשידענע קאָלירן און ווען לייב האָט אַריינגעשטעלט די טאָפּל־פענצטער האָט זי נאָך אַליין פאַרקלעפּט אַלע שפּאַרעס מיט ליים. עס איז זי אין אַ פאַר־נאַכט באַפאַלן אַ שטאַרקע מאַטקייט. זי האָט זיך אָבער נישט אונטער־געגעבן און נאָך אָפּגעקאָכט אויף וועטשערע לייבס באַליבט מאכל —

הרעטשענע וואַרעניקעס מיט קעז. אויף צומאָרגנס האָט זי אָבער שוין מער נישט געקאָנט אַראָפּגיין פון געלעגער.

די שלאָפקייט איז נישט געקומען פלוצעם. ריווע האָט נאָך מיט איבער צוויי יאָר צוריק, נאָך איר לעצטער קימפּעט, ביסלעכווייז אָנגע־הויבן פאַלן פון די כוחות. אָבער זי האָט זיך געהאַלטן אין איין דאָקערן מיט באַבסקע רפואות, און לייבן און אויך זיך געוואָלט איינרעדן, אַז ס'איז איר גאָרנישט.

יענעם פאַרטאָג ווען זי האָט געוואָלט אויפשטיין און נישט געקאָנט האָט זי דערפילט, אַז זי איז פאַרביי. זי האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי שטאַרק פאַרענדערט, אַז ווען לייב איז צו איר צוגעגאַנגען האָט ער זי ווי נישט דערקענט. איר פּנים איז געווען געל און שמאָל, אירע אויגן זיינען אַריין טיף אין די לעכער און אויף איר האַלדז האָבן זיך באַוויזן טיפע קנייטשן.

ווען ס'קליינוואַרג איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי און דערזען, אַז די מאַמע ליגט אין בעט און די באָבע שרהלע מיטן טאַטן דרייען זיך אַרום איר, האָבן זיי אין די סטענדלעך זיך אָוועקגעשטעלט ביי איר צו־פוסנס און געוואָלט וויסן צי זי האָט געהאַט אַ יינגל, צי אַ מיידל. ערשט ווען די באָבע שרהלע האָט זיי געזאָגט, אַז די מאַמע איז קראַנק, האָבן זיי שטילע זיך פאַרקליבן אויפן וואַרעמען אויוון. וועווקען האָט ריווע אַריינגענומען אין בעט און אים געהאַלטן לעבן זיך.

— וואָס מאַכט איר אַזאַ טאַראַראַם? ס'עט מיר גאָרנישט זיין. אַזוי לאַנג ווי מיין מיזיניק איז נאָך קליין וועל איך מוזן זיין געזונט. ער דאַרף מיך נאָך האָבן — האָט זי געטוליעט צו זיך וועווקען.

אַ שטילער טרויער האָט זיך ווי אויסגעשפּרייט איבער דער שטוב אין דעם טאָג ווען ריווע איז געבליבן ליגן אין בעט. לייב האָט באַלד אין דער פרי געכאַפּט אַן עוף, עס געשיקט צום שוחט קוילען און מען האָט צוגעשטעלט קאָכן אַ יאַיכל פאַר דער קראַנקער. אויפן צווייטן טאָג ווען ער האָט געזען, אַז ס'ווערט ריווען נישט בעסער, האָט ער פון שטעטל געבראַכט צופירן ביסעלע רופא, וואָס האָט ווי אַ גאַנצער דאָקטאָר באַטראַכט די קראַנקע. דער רופא האָט אין ערדן טעפּל אויפגעקאָכט אַביסל פוטער מיט האָניק און מיט קאָניאַק און געהייסן איינגעבן ריווען יעדע צוויי שעה אַ לעפעלע. ער האָט איר אויך געגעבן ביטערע טראָפּן אויף אַ שטיקל צוקער און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל זיך נישט דער־וועגן אַראָפּצוגיין פון בעט.

— און וואָס וועט ווערן פון באַלעבאַטישקייט? — האָט ריווע אים אַפילו רעכט נישט געוואָלט אויסהערן.

— נישט דיין עסק. זאָל זיך די שטוב איבערקערן מיט קאָפּ אַראָפּ און דיך זאָל עס נישט אַרן. הערסט וואָס כ'זאָג דיר? אַ דו'סט מיך איבער־לאָזן אַליין מיט אַ שטוב קליינע קינדער וועט זיין בעסער? — איז לייב געווען בייז.

— גיי שוין גיי, דו נאַר. וועסט לאַנג נישט דאַרפן זיין אַליין. אַ יונגע מויד וועט דיך באַלד אויסכאַפּן — האָט זי אַ גוטמוטיקע געשפּאַסט. ביים אַרויסרעדן די ווערטער האָט אָבער איר קראַנק האַרץ עטלעכע ציטער געטאָן.

ריווע איז פון די טראַפּן און פון די יאַיכלעך, מיט וועלכע מען האָט זי געפּילעוועט, צו זיך נישט געקומען. לייב האָט געזען, אַז זי ווערט פון טאָג צו טאָג אָפּגעצערטער און בלייכער און אויף דער צווייטער וואָך האָט ער געבראַכט דעם דאָקטאָר אַזש פון טשאַרטקאָוו.

ווען דער דאָקטאָר איז אין אַ פּאַרשנייטן פּראַסטיקן טאָג מיט אַ קלינגערײַ פון גלעקלעך אין אַ פּריצישן שליטן פּאַרפּאָרן צו לייבן אויפן הויף האָבן זיך דאָרט צונויפגעקליבן קרובים און יידישע און גויאישע שכנים. דער דאָקטאָר, אַן אָנגעפּעלצטער אין אַ שאָפּענעם פוטער, איז אַריין אין שטוב צו דער קראַנקער און די קרובים מיט די שכנים האָבן זיך צונויפגעקליבן אין פּירהויז. אַלעמאָל האָט אַן אַנדערער פון זיי צו־געלייגט אַן אויער צי דער שטובן־טיר און אויפגעכאַפּט עפּעס אַ וואָרט פון דעם דאָקטאָר. די ווייבער האָבן געזיפצט, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און צווישן זיך גערעדט:

— אויב ע ר וועט זי נישט געזונט מאַכן, איז שוין עק וועלט. פּריצים און אַפילו גראַפן דאָקטערן זיך ביי אים.

— פריער גאָט און דערנאָך ער.

— ווייס איך וואָס. דעם מענטשנס יאָרן זיינען נישט ביים דאָקטאָר אין די הענט, נאָר ביי דעם, וואָס איז איבער אונדז.

— מ׳עט מערצעשעם שבת אין קלויז איר דאַרפן מאַכן אַ מי שברך.

— כ׳על מאָרגן פאַר איר ברענגען אַ פּאָר יונגע טייבעלעך און זי וועט מיטן אייבערשטנס הילף האָבן אַ רפואה שלימה — האָבן די יידישע ווייבער צווישן זיך גערעדט.

אויך די גויאישע דאָרפסלייט האָבן זיך געלאָזט הערן. כאָטש זיי האָבן מיט גרויס אָפּשיי אַראָפּגענומען די היטלעך פאַרן דאָקטאָר, האָבן זיי אָבער וויניק־וואָס געהאַלטן פון זיינע פאַרשריבענע רעצעפּטן און זיי האָבן באַדויערט פאַרוואָס לייב האָט אומזיסט און אומנישט זיך געלאָזט קאָסטן אַזויפיל געלט. זיי האָבן גערעדט וועגן אַלערליי באַבסקע רפואות און אויסגעפירט, אַז מען קאָן זיך אויף זיי מער פאַרלאָזן ווי אויף דעם דאָקטאָר. איינע פון די גויאישע שכנטעס האָט אויך דערמאָנט, אַז עטלעכע פון זיי וועלן געבן אויף וואַקס אין קלויסטער אַריין און מען וועט דאָרטן זונטיק בעטן פאַר ריוועס געזונט.

דער דאָקטאָר, אַ דיקלעכער, מיט רויטע בעקלעך און מיט גרויע האָר אַרום די שלייפן, האָט לאַנג באַהאַנדלט ריווען. פון אָנהייב האָט ער גערעדט צו ריווען און צו לייבן אויף דייטש און אין אַזאַ הויכן טאָן גלייך ווי זיי וואָלטן טויב געווען. ביסלעכווייז איז ער אָבער איבערגעגאַנגען אויף מאַמע־לשון און ער האָט גענומען רעדן שטיל און געלאַסן. ער האָט

אויסגערעכנט וואָס מען זאָל דער קראַנקער געבן עסן און ער האָט ריווען שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל רוען און אַז זי זאָל נישט אַראָפּשטעלן קיין פוס פון בעט. אין דעם דאָקטאָרס אַריבערקוקן צו די קליינע קינדער, אין זיין צושאָקלען מיטן קאָפּ, האָט לייב פאַרשטאַנען, אַז ריווע איז ערנסט קראַנק.

— וואָס איז איר? — איז לייב אַ דערשלאָגענער מיטן היטל אין דער האַנט נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטאָר ביז אויף דער אַנדערער זייט טיר.

— ס׳איז דאָס האַרץ. זי דאַרף האָבן רו און פלעגע — איז דער דאָקטאָר געווען קאַרג אויף רייד.

אויפן צווייטן טאָג האָט לייב געבראַכט צופירן די רעצעפּטן און אויך אַ מאַראַנץ, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין שטאָט. ער האָט אַלץ אָנגעווענדט צו ראַטעווען ריווען און אויף ווי ווייט ער האָט געקאָנט זי געהיט, אַז זי זאָל רוען.

ס׳איז אָבער ריווען שווער געווען צו ליגן מיט אָפענע אויגן און גאָרנישט טאָן. ווי נאָר ס׳איז איר אַביסל בעסער געוואָרן האָט זי פון בעט־אויס גענומען פירן ס׳באַלעבאַטישקייט. זי איז געזעסן אויף איר געלעגער אַן אונטערגעשפּאַרטע מיט עטלעכע גרויסע קישענעס און אַלץ און אַלעמען געהאַט אויפן אויג.

ס׳איז איר געגאַנגען אין לעבן אַכטונג צו געבן, אַז יאַנקל זאָל יעדן אין דער פרי דאַווענען; אַז ער זאָל זיך וואַשן צו ברויט; אַז די מיידלעך זאָלן, ביים אויפשטיין, אָפּגיסן נעגל־וואַסער, זאָגן ברכה, און אַז זיי זאָלן איינע די אַנדערע פאַרקעמען. זי האָט צוגעזען, אַז בלומעלע זאָל העלפן די באָבע שרהלע און איר יינגערער שוועסטער נעבע מיטן באַלעבאַטישקייט און נישט בלייבן זיצן ביים פענצטער אַ פאַרטראַכטע, ווי איר טבע איז געווען. זי האָט געזאָרגט, אַז בער און חיים־משה, וואָס זיינען געווען שטילע און וואוילע יינגלעך זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן אין חדר אַריין און זי האָט אין זיי אַלעמאָל אַריינגערעדט, אַז זיי זאָלן באַגערן צו לערנען.

ווען לייב איז אין דער היים נישט געווען האָט זי פון בעט־אויס אין זינען געהאַט צו דערמאָנען די קינדער, אַז זיי זאָלן אָנהאָדעווען און אָנטרינקען די בהמות, די עופות און אַז זיי זאָלן באַצייטנס אַריינגעמען די געלייגטע אייער פון קורניק איידער זיי ווערן פאַרפרוירן.

ריווע האָט קראַנקערהייט אַכטונג געגעבן אויף אירע קינדער, אָבער מער ווי אַלע האָט זי געהיט איר מיזיניק ווערקע, וואָס האָט געהאַט אַ לויטער שיין פּנימל און אַביסל געכאַפּט דעם אָנבליק פון בלומעלען. קראַנקערהייט האָט זי אים אַליין געהאָדעוועט, געקעמט, אים געמאַכט אַ פּאָר וואָלענע פוטשן, אַז ער זאָל נישט אַרומגיין באָרוועס און זי האָט זיצנדיק אין בעט אים אויך אויפגענייט אַ ווייס היטעלע פון אַ קרוליק־פעלכל.

ווערקע האָט זיך כסדר געהאַלטן לעבן דער מאַמען און פון די האַרבע ריחות פון די רעצעפּטן און פון די געקאָכטע קרייטעכער זיינען זיינע קלוגע אייגעלעך אַלעמאָל געווען וואַסעריק. ריווע האָט זיך ווי

צוגעאײַלט און באַצײַטנס יענעם ווינטער געלערנט וועוקען זאָגן ברכה און לייענען קריאת־שמע. זי האָט אין די פאַרשנייטע ווינטער־אָונטן אים פאַרוויגט מיט געזאַנג און ווי אַרויסגעזונגען פאַר אים ס׳לעצטע ביסל פרייד פון איר לעבן. יעדעס מאָל ווען אַ פרישער שניי האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף דער ערד און די עלטערע קינדער זײַנען מיט פריילעכע קולות אַרויס פון שטוב, האָט וועוקע געשלעפּט די מאַמען פון בעט, אַז זי זאָל אים אויך נעמען אין דרויסן אַרויס.

— גאָט מיט דער גאָטעכע האָבן זיך צעשלאָגן און צעפּליקט ס׳בעט־געוואַנט. קום, מאַמע, וועלן מיר זען — איז ער גלײַך מיט זײַנע קליינע שוועסטערלעך זיך פאַרגאַנגען אויפן קול, ווען די שנייעלעך האָבן גענומען פליען פאַר די פענצטער.

— כ׳קאָן איצט נישט, אוצר מײַנער. זיץ דאָ בעסער לעבן מיר, וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה וועגן אַ וואַלד־מיידעלע, וואָס האָט געקאָנט אַרויפקריכן אויפן העכסטן בוים — האָט ריווע אים געטוליעט צו זיך.

— אָבער ווען וועסטו מיט מיר גיין אין דרויסן? — איז דאָס קינד נישט איינמאָל צו איר צוגעשטאַנען.

— ווען ס׳וועט ווערן וואַרעם.

— ווען וועט ווערן וואַרעם? ווען גאָט וועט צונויפנעמען דעם שניי אין אַ גרויסן זאַק און אים אַוועקטראָגן צום וואַסער?

— יאָ, נשמה מײַנע. זאָל נאָר די זון אָנהייבן וואַרעמען און זאָל נאָר דאָס גראָז אַרויסקריכן פון דער ערד. מירן דעמאָלט פאָרן מיטן טאַטן אין פעלד אַרײַן און מירן אָנרײַסן אַ סך בלומען — האָט זי צו אים גערעדט ווי צו די עלטערע קינדער וועגן פרילינג, ווען אַלץ וועט אָנהייבן ווידער גרינען און בליען. זי איז אָבער פון טאָג צו טאָג געוואָרן שוואַכער און ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרלירן דעם גלויבן, אַז זי וועט נאָך זען ס׳גראָז אַרויסשפּראָצן.

שפּעט אין ווינטער, ווען דער שניי אין די גערטענער האָט אַ גע־שוואַרצטער פון סאַזשע זיך שוין אָנגעהויבן זעצן האָט ריווע דערפילט, אַז ס׳האַרץ אירס צאַנקט און אַז די כוחות גייען איר אויס. זי האָט דעמאָלט אין געדאַנק זיך ווי אָנגעהויבן גרייטן אין ווייטן וועג אַרײַן און גענומען טראַכטן וועגן אירע טאַטע־מאַמע, וועגן זיידן בער און וועגן אירע פאַר־שטאָרבענע קינדערלעך. מיט יעדן אַוועקגעגאַנגענעם טאָג האָט זי זיך דערפילט נעענטער צו גאָט און זי האָט אין די נעכט, ווען זי האָט ניט געקאָנט שלאָפן, צו אים אַרויפגערעדט.

איין נאַכט האָט זי דערפילט, אַז דער סוף איז שוין נאָענט. ס׳איז געווען אין אַ דאָנערשטיק. אין דער פינצטערער שטוב האָט געשמעקט מיט ערב־שבת, מיט יוירענדיקע ראָשטשינעס פאַר ווייסער חלה, פאַר מאַלאַי פון געלן קוקורודזע־מעל און פאַר באַבינעק פון אָנגעריבענע קאַרטאָפל, פאַרמישט מיט געבײַטלט ווייצן־מעל. פון דער לאַנגער פאַליצע האָט זיך געטראָגן דער וואַרעמער ריח פון אַ פרישע געבעקל ראָזעווע

ברויט פאַרשיט מיט קימל, וואָס לייבס שוועסטער רויזע האָט ערשט פאַרן שלאָפן גיין אָפּגעבאַקן. אין שטוב זיינען שוין אַלע געשלאָפן. לייב, וואָס איז נעכט גאַנצע אָפּגעזעסן לעבן ריווען, איז אַן אַנגעטוענער אָוועקגעפאַלן צופוסנס פון איר געלעגער און זיך צעשנאַרכט אויפן קול. נאָר ריווע האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. זי איז געווען אַרומגעלייגט מיט קישנס, אָבער זי האָט אַלעמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער.

— אַיי, פאַר איינעם איז די נאַכט לאַנג ווי ס׳גלות און פאַר אַ צווייטן איז זי נישט מער ווי אַ געפּעץ — האָט זי נאָכדעם ווי די הענער האָבן אָפּגעקרייעט אויף האַלבער נאַכט זיך אויפגעזעצט און אַנגעהויבן וועקן לייבן. זי האָט נישט געקאָנט צוזען ווי ער פּלאָגט זיך און זי האָט אים געגומען בעטן, אַז ער זאָל זיך אויסטאָן און גיין שלאָפן אויף זיין געלעגער. ווען זי האָט אָבער געזען, אַז לייב, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג זיך אַנגעאַרבעט און אַנגעפּרוּירן אין דרויסן, איז פאַרזונקען אין האַרטן שלאָף און גיט זיך אַפילו נישט קיין ריר, האָט זי אַ וויש־געטאָן ביידע הענט אַן דער פייכטער וואַנט און געגומען אַרויפרעדן צו גאָט:

— זאָל זיי דער שלאָף אַלעמאָל זיין זיס. באַהיט און באַשירם זיי, האַרציקער פאָטער אין הימל. דו שלאָפסט דאָך נישט און דו דרימלסט נישט, געטרייער היטער פון ישראל. דו קאָנסט דאָך מיך הערן ווי שוואַך מיין קול זאָל נישט זיין. בעט איך דיך, טאַטע זיסער, אַז דו זאָלסט באַגיטיקן מיין ווילן אין זכות פון אונדזער מוטער לאה, וואָס האָט טאָג און נאַכט געוויינט, אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן צו עשון. האַר פון דער וועלט, כ׳זע דאָך, אַז דו האָסט מער נישט קיין יאָרן פאַר מיר, טו איך ביי דיר בעטן, אַז דו זאָלסט שענקען דיין לייטזעליקייט און דיין גענאָד צו מיין הויז־געזינט. כ׳לאָז מיינע קינדער אויף דיין באַראָט. פאָטער דערבאַרעמדיקער, גרייטסט דאָך אַן די שפּייז פאַרן מינדסטן באַשעפעניש, זאָלסטו מיר אויך שפּייזן מיינע קינדער. זאָלסט זיי באַוואָרן צום גוטן און זיי פירן אויפן גלייכן וועג. כ׳טו דיך בעטן, טאַטעניו, אַז דו זאָלסט זיין דער באַשיצער פון מיין מיזיניק, וואָס הייסט נאָכן צדיק ר׳ וועלוועלע. זאָלסט אים טאָן היטן ווי דו האָסט געהיט אונדזער מוטער רחלס זון בנימינצע, וואָס איז געוואַקסן אָן אַ מאַמען. ווער קאָן דען פאַרשטיין דיינע וועגן! אָבער עפּעס מוז דאָך זיין דערביי וואָס כ׳דאַרף גיין פון דער וועלט און איבערלאָזן מיינע קינדער, ווען זיי זיינען נאָך אַזוי קליין.

ריווע האָט פאַרענדיקט איר געבעט ווי מיט אַ כריפּ. זי האָט באַלד צוגעלייגט אַ האַנט צו איר קראַנק האַרץ און אַראָפּגעלאָזט איר מידן קאָפּ אויפן קישן. וועווקע האָט זיך דורכגעוועקט. ער האָט אַ וויין געטאָן און איז באַלד שטיל געבליבן. לייב האָט זיך אויסגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און עפּעס אַרויסגעמורמלט פון שלאָף. אַ טויב מיט אונטערגעשוירענע פליגל, וואָס האָט זיך געווינטערט אונטערן אויוון, האָט זיך צעגוגערט. — אַיי, ווי לייכט ס׳וואָלט געווען פאַרן מענטשן איבערצוגיין

פון איין וועלט אין דער אַנדערער, ווען נישט די לעבעדיקע, וואָס ער לאָזט איבער — האָט ריווע אין דער שטיל געשעפּטשעט. זי האָט איצט ווי געפילט, אַז דער טויט שטייט איר צוקאָפּנס, אַז ער אָטעמט איבער איר שטערן מיט קאַלטער פייכטקייט. דער טויט האָט זי אָבער איצט נישט געשראָקן. זי האָט האַלב פאַרמאַכט די אויגן און ווי ניט מיט איר קול אויסגעשריגן:

— לייב, זאָלסט אָפּהיטן די קינדער. געדענק וואָס כ'זאָג דיר אָן! — זי איז דערנאָך געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטע מיט אַ פאַרקלעמט מויל.

לייב האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון געלעגער און זיך באַלד אויסגע־ניכטערט פון שלאָף. אין איינע עטלעכע רגעס האָט שוין געברענט דאָס נאָפּט־לעמפּל און די שטוב איז שוין פול געווען מיטן געוויין פון די קינדער, וואָס האָבן האַלב־נאַקעטע זיך אויסגעשטעלט אַרום דער מאַמעס בעט. ס'האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט דער אַלטער פאַקנטרעגער, וואָס האָט שוין פון דאַנערשטיק אָן זיך געהאַט אָפּגעשטעלט ביי לייבן אויף שבת. יאַנקל האָט זיך גיך אָנגעטאָן און ער איז אַרויס אויפוועקן עטלעכע יידישע שכנים, וואָס זיינען באַלד איינציקווייז געקומען צולויפן ראַטעווען ריווען.

מען האָט ריווען געריבן מיט עסיק, מען האָט איר געדריקט די נאָז און מען האָט איר מיט געוואַלט געגאָסן עפּעס אַ געטראַנק אין מויל אַריין. זי איז געלעגן אָן אומבאַוועגלעכע און נישט געהערט די קולות און דעם טומל אין שטוב. מען האָט איבער איר אָבער אַזוי לאַנג גע־אַרבעט ביז מען האָט זי צוריקגערופן צום לעבן. עפּעס ווי אַ דינינקער שטראַל פון ליכט האָט גענומען ציטערן אויף ־אירע וויעס און עפּעס ווי אַ קלינגען פון אַ קליין גלעקעלע האָט זיך געטראָגן צו איר פון ווייט. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח און האַלב־געעפנט די אויגן. זי האָט דערזען לייבן און עטלעכע ווייבער אַרום זיך און זי האָט ווי אַרויסגעזיפצט:

— לאָזט מיך געמאַך. וואָס ווילט איר פון מיר האָבן?

די ווייבער האָבן איינע נאָך דער אַנדערער איר אַריינגעשריגן אין פּנים:

— מיר ווילן זאָלסט זיין געזונט.

— זאָלסט זיין אַ מאַמע צו דיינע קינדער.

— און אַ ווייב צו דיין מאַן.

— זאָלסט זיין אַ געזונטע באַלעבאָסטע, דו הערסט?

לייב איז געשטאַנען איבערן בעט אַן אומבאַהאָלפענער און עטלעכע מאָל אָנגערופן ריווען ביי איר נאָמען. ריווע האָט אָבער זיך ווידער פאַרטאָיעט און גאָרנישט געהערט.

— מאַמע, נעם מיך אין בעט אַריין — האָט וועווקע, וואָס איז געלעגן אין וויגל, ערשט איצט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין.

— ווייַן ייִנגעלע, ווייַן הויך, וועסטו אויפוועקן די מאַמען — איז אונטערגעקומען דער אַלטער איינגעבויגענער פאַקנטרעגער. ער האָט וועוו־

קען אַרויסגענומען פון וויגל, אים אַ וויינענדיקן אַוועקגעזעצט לעבן ריווען און דערנאָך אונטערגעטראָגן צו איר נאָז אַ רויט עפּעלע, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון זיין זעקל.

— קום צו דער מאַמען, זון מיינער — האָט דער ריח פון דעם עפּעלע און וועוקעס געוויין ווי אויפגעוועקט ריווען. זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט, געעפנט די אויגן און מיט אַ דאַרער האַנט צוגעטוליעט ס'קינד צו זיך.

— געלויבט צו גאָט. זי איז שוין אונדזערע. מ'וועט איר, איידער וואָס־ווען, דאַרפן אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע — האָט דבורה די פּירזאָגערין זיך באַלד גענומען ראַשן ווי אויף אַ קריאת־שמע לייענען.

— דאַנקען גאָט. אַבי מיר האַלטן שוין מיט איר אַזוי ווייט.

— ס'איז טאַקע נאָר אַ נס געשען. זי איז דאָך שוין געווען מער דאָרטן ווי דאָ.

— איצט וועט זי שוין מערצעשעם האָבן אַ רפואה.

— מ'זאָל איר נאָר נישט געבן קיין גוט־אויג — האָבן די ווייבער, אויסגעניכטערטע פון שלאָף, זיך צעזשומעט.

— אויב מ'האָט זי שוין יאָ אויסגעבעטן ביים איבערשטן דאַרף מען איר איצט אַוועקשענקען אביסל יאָרן. און בלי־נדר שבת וועט מען איר אין קלויז ביים מאַכן אַ מי שברך צולייגן דעם נאָמען חיה — האָט דער אַלטער פאַקטערעגער זיך ווידער געלאָזט הערן.

— זאָל זי אונדז נאָר אַזוי לאַנג לעבן וויפיל יאָרן מירן איר שענקען

— האָבן די ווייבער פרום צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— אַזאַ יונגער בוים! — איז די באָבע שרהלע זיך פאַרגאַנגען אין אַ תחינה־ניגון און זיך געבעטן ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל צונעמען אַלע אירע געשענקטע טעג און זיי אַוועקגעבן ריוועץ.

— כ'וויל זיך מיט איר צעטיילן גלייך־אויף־גלייך מיט אַלע יאָרן, וואָס ס'איז מיר באַשערט צו לעבן — האָט לייב אַרויסגעברומט און אויסגעשטרעקט זיינע פאַרהאַרעוועטע גרויסע הענט צו ריוועץ.

דער פאַקטערעגער האָט דערנאָך צוגעפירט צו ריוועס בעט דעם שוחט און אברהם אַליניק, וואָס זיינען אויך געקומען צוגיין. ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט, אַז זיי זאָלן זיין עדות און ער האָט אויפן קול גענומען אויסרופן וויפיל יאָרן יעדער איינער שענקט־אַוועק דער קראַנקער. די מאַנסבילן האָבן דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש זאָגן תהילים און די שכנטעס האָבן זיך אַ נעם־געטאָן פאַרקנעטן די ראָשטשינעס און געהאָלפן אַריינגעמען דעם שבת צו לייבן אין שטוב אַריין.

* * *

ריווע איז נאָך יענער נאַכט אַביסל צו זיך געקומען. זי האָט גלייך מיט אַלעמען געגלויבט, אַז ס'איז מיט איר טאַקע געשען עפּעס אַ נס און דאָס האָט זי אין די ערשטע טעג אַביסל געשטאַרקט. די קינדער

זיינען געוואָרן פריילעכער און האָבן מיט זייערע קולות ווידער פאַרקלונגען די שטוב. בלומעלע איז זיך ווידער ווי פאַרקראָכן אין איר אויסגעטראַכטער וועלט און זיך פאַרטיפט אין די מעשה־ביכלעך, וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט ביים פאַקנטרעגער. יאַנקל, וואָס איז אין די אויפדערנעכט ווען די מאַמע איז געווען פאַרביי, געזעסן לעבן איר ווי אַ דערהרגעטער, האָט ווידער אויפגעלעבט און ער האָט אויפסניי ביינאַכט זיך גענומען אָוועקגנבענען צו די גויאישע חתונות און פראַזדניקעס. ריווע האָט, אין די אויפדערנעכט, ווידער דערציילט די קינדער מעשות. זי האָט וועוקען ווידער פאַרוויגט מיט געזאַנג און אויפסניי אים גענומען צוזאָגן, אַז ווי נאָר ס׳וועט וואַרעם ווערן וועט זי מיט אים גיין אין דרויסן.

— באַלד, באַלד וועט שוין אַוועק דער ווינטער און ס׳וועט קומען דער ליבער זומער. זאָל נאָר די זון אַ שיין טאָן, וועלן די גרעזלעך אַרויסקריכן פון דער ערד און די בלימעלעך וועלן אויפמאַכן זייערע מיילעכלעך.

ריווע האָט וועגן זיך אַליין געטראַכט עפּעס ווי וועגן אַ פּלאַנץ, וואָס האָפט און וואַרט, אַז די פריילעכע פרילינג־זון זאָל אין איר אַריינגיסן ניי לעבן. זי האָט אָבער נישט צו־לאַנג געקאָנט אָנהאַלטן דעם גלויבן אין דעם נס. פון טאָג צו טאָג איז זי געוואָרן שוואַכער און איינגעשרומפּענער און געפילט, אַז אָט־אָט וועט איר קראַנק האַרץ זיך אָפּשטעלן. זי האָט אָבער זיך דערוואַרט אויף די וואַרעמע טעג.

ס׳איז געווען אַן עיבור־יאָר און צו פּסח איז שוין געווען טרוקן און וואַרעם אין דרויסן. דער טאָל איז שוין געווען גרין און אויף די אויבסטביימער האָט זיך שוין אָנגעזען די ווייסקייט פון צוויט. מען האָט שוין געאַקערט די פעלדער, געגראָבן די גערטנער און אויף די הויפן האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט יונגע געלע גענדזעלעך, קאַטשקעלעך און פוכיקע פּיצעלעך הינדעלעך.

ריווע האָט פון בעט אַן אונטערגעשפּאַרטע מיט קישנס מיט דער הילף פון אַ גויאישער שכנטע, מיט ליפשע דעם ראַגאַטניקס טאָכטער, און אויך מיט די עלטערע קינדער, אַריינגענומען דעם פּסח אין שטוב אַריין. אַלץ איז געווען מיטן אַקוראַט ווי אין די פריערדיקע יאָרן און ס׳האָט פון יעדן ווינקעלע ווי אַרויסגעשיינט דער יום־טוב און די געבשרטע ריינקייט. פון בעט־אויס האָט ריווע דעם ערשטן טאָג פּסח אין דער פרי אויסגעסטראָיעט די דריי יונגען — יאַנקלען, בערן און חיים משהן — אין נייע בגדים פון קאָפּ ביז פיס. ס׳איז איר צוגעקומען אַ שטיק געזונט ווען די דריי אויסגעפּוצטע זין זיינען מיטן טאַטן אַוועקגעגאַנגען אין קלויז אַריין דאַווענען. קראַנקערהייט האָט זי נאָכגערופן אירע צוויי קלענערע יינגלעך, וואָס זיינען אַרויס פון שטוב מיט פולע קעשענעס וועלשענע ניס, אַז זיי זאָלן נישט פאַרלירן די נאָטיכלעך און אַז זיי זאָלן נישט אויסשמירן די נייע אָנצוגלעך. זי האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך

נישט באַרען און אַז זיי זאָלן זיך אַפילו נישט אָפּשטעלן לעבן די שקצים, ווייל זיי זיינען זיכער פול מיט חמץ.

ווען לייב מיט די ייִנגלעך זיינען אַוועק אין קלויז אַריין האָט זי מיט דער הילף פון די מיידלעך גענומען אויספּוצן וועווקען. אַ גאַנצן ווינטער האָט זי אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אים נעמען אין דרויסן ווען ס'וועט וואַרעם ווערן און ענדלעך האָט זי זיך דערוואַרט אויף דעם טאָג. די מיידלעך האָבן אויך די מאַמען אויסגעפּוצט. זיי האָבן ריווען אָנגעטאָן איר יום־טובדיק קלייד, וואָס זי האָט שוין לאַנג נישט געהאַט געטראָגן. עס איז אָבער אויף איר געווען לעפּיש גרויס און זיך ווי נישט געוואָלט האַלטן אויף אירע אויסגעמאָגערטע פּלייצעס.

בייטאָג, נאָכן עסן, ווען די זון איז שוין געווען אין מיטן הימל, האָבן די קינדער, פון איבערבעטן און קישנס, אויסגעבעט אַ געלעגער לעבן אַלטן באַרן־בוים און לייב האָט אויף די הענט אַרויסגעטראָגן ריווען אין דרויסן. ריווע איז געווען לייכט ווי אַ פעדער און ס'איז לייבן פאַרגעקומען, אַז ער טראָגט בלויז איר שאָטן. ער האָט זי ווי זיינס אַ קינד געטוליעט צו זיין געזונטער ברוסט, עפּעס ווי ער וואָלט וועלן איבערגיסן זיין גבורה, זיין לעבן אין איר אויסגעטריקנט און איינגעשרומפּן לייב.

— אײַ, כ'געדענק גאָרנישט אַזאַ ליבע וואַרעמקייט און אַזאַ חיותדיקע זון. אין אַזאַ איין־און־איינציקן טאָג שפּילט דאָך ס'זומער־פייגעלע אויס זיין גאַנץ לעבן, און דער מענטש, וויפיל יאָרן ער זאָל נישט האָבן, איז אים נישט גענוג — איז זי ווי איבערוועלטיקט געוואָרן פון דער זוניקער ליכטיקייט. זי האָט געפינטלט מיט די אויגן, אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע לופט און אויפן קול זיך געהאַלטן אין איין קוויקן ווי מיט עפּעס אַ גוטן געטראַנק.

— נישטאָ שוין קיין שניי. גאָט האָט אים אין אַ גרויסן זאַק אַוועק־געטראָגן צום וואַסער. די זון איז שוין געקומען און די מאַמע וועט מיט מיר יעדן טאָג גיין אין דרויסן — איז דער קליינער וועווקע נאָכגעגאַנגען ריווען און ער האָט פון פרייד געפּאַטשט מיט זיינע הענטלעך. אויך די עלטערע קינדער זיינען נאָכגעגאַנגען דער מאַמען און ווען לייב האָט זי אַראָפּגעלאָזט לעבן באַרן־בוים אויף די איבערבעטן און קישנס האָבן זיי געפּאַדעט אַרום איר ווי הינדלעך אַרום אַ קוואָטשקע.

— שפּאַר דיך אָן, מאַמע — האָט בלומעלע צוגעשטופּט ריווען אַ גרויס קישן צו די פּלייצעס. בלומעלע האָט דערנאָך זיך אויך צוגעזעצט לעבן באַרן־בוים און אַ ווייסע, אַ פאַרחלומטע, אַריבערגעקוקט צו די בערג, וואָס האָבן ווי איבער נאַכט זיך אָנגעטאָן אין גרינעם. די בערג האָבן אין אירע אויגן איצט אויסגעזען ווי ריזיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן אויפגעוואַכט פון אַ לאַנגן שלאָף.

פון הינטער די פּלויטן האָבן זיך געלאָזט הערן אַ פּאָר גויאישע שכנטעס, וואָס האָבן זיך דערפרייט מיט ריווען.

— צו געזונט אייך, רעווא. אַ לויב צו גאָט וואָס איר האָט זיך אַרויס־

גערא̇טשקעט פון די שנייען און פרעסט. א̇בי מ׳זעט אייך שוין אין דרויסן.

— א̇זא̇ ליבינקע זון קא̇ן א̇פילו פון טויט לעבעדיק מא̇כן. אויב הא̇סט שוין יא̇ דערלעבט ביז פּא̇סכא̇ איז עס א̇ סימן, א̇ז דו וועסט שוין געזונט ווערן.

— א̇יי, נישטא̇ קיין כוח — הא̇ט ריווע א̇פּגעזיפצט. — די ערד איז צו זיך געקומען פון ווינטער גיכער פון מיר. ס׳איז דא̇ א̇זוי פיל א̇רבעט און כ׳דא̇רף זיצן מיט פא̇רלייגטע הענט.

— עט, אויך מיר א̇ זא̇רג. די קינדער וואַקסן דאָך אונטער.

— יא̇נקל קא̇ן א̇רבעטן פא̇ר דריי. ווי ער הא̇ט דא̇ס אויסגעשא̇סן אין דער הייך און אין דער ברייט. די מיידן טרעפט דא̇ך שוין די כא̇ליערע נא̇ך אים. ניט איינע פון זיי מיינט, א̇ז ער וועט זיך צוליב איר איבער־צלמען — הא̇ט איינע פון די שכנטעס זיך ערשט פא̇רנומען אויף א̇ לא̇נגן שמועס. די בא̇בע שרהלע, וואס הא̇ט פון שטוב א̇רויסגעבר̇אכט פא̇ר ריווען א̇ביסל וויין, א̇ז זי זא̇ל זיך דערלא̇בן ס׳הא̇רץ, הא̇ט א̇בער ווי א̇נגעשריגן אויף דער שכנטע, א̇ז זי זא̇ל נישט רעדן קיין פוסטע נא̇ריש־קייטן און איר איבערגעשלא̇גן אין מיטן.

— זי זא̇ל א̇זוי ווי̇סן פון איר לייב־און־לעבן צי זי ווייסט וואס זי רעדט דא̇רטן. זייערע טעכטער זא̇לן עס גא̇רנישט דערלעבן — הא̇ט די בא̇בע שרהלע זיך געבייזערט.

— כ׳וויל עס אויך נישט דערלעבן — איז ריוון שווער געווא̇רן צו כא̇פּן דעם א̇טעם. זי הא̇ט מיט א̇ הא̇נט זיך אונטערגעליינט איר קרא̇נק הא̇רץ און א̇רויפגעקוקט צו גא̇ט דורך די צווייגן פון דעם בא̇רן־בוים, וואס זיינען געווען א̇נגעפּיקעוועט מיט דריבנע קנא̇ספּן־אייגעלעך און מיט פייגל, וואס הא̇בן דא̇רט געהא̇ט זייערע נעסטן.

— דיינע קינדער וועלן א̇לע זיין צו גא̇ט און צו לייט און דו וועסט מערצעשעם פון זיי הא̇בן א̇ סך נחת — איז די בא̇בע געשטא̇נען איבער ריוון. דער א̇לטער שרהלעס איינגעשרומפּן פּנימל, א̇רומגענומען מיט א̇ ווייס טיכל, הא̇ט געשיינט מיט יום־טובדיקייט. די ליכטיקע גרינקייט פון א̇רום, דא̇ס צוויטשערן פון אלערליי פייגל און דא̇ס פריילעכע רוישן פון די קוואל־ווא̇סערן צווישן די בערג און פון די שטורצן ביי דער מיל הא̇בן פא̇ר איר ווי איבערגעזונגען און איבערדערציילט די ניסים פון יציאת מצרים. עס איז איר עפּעס ווי פא̇רגעקומען, א̇ז זי געדענקט יענע צייטן, ווען די א̇לע וואונדער זיינען געשען. זי הא̇ט געזשמורעט די אויגן א̇נטקעגן דער זון, בא̇טרא̇כט די אויפגעווא̇כטע צעגרינטע וועלט און פא̇ר זיך אין דער שטיל געמורמלט:

— א̇יי, הא̇בן מיר א̇ גרויסן גא̇ט. ער הא̇ט געוואוסט וואס ער טוט ווען ער הא̇ט געהייסן משהן נעמען דעם שטעקן און גיין צו דעם פא̇סקודניק פרעה. א̇יי, זיינען דא̇ס געווען ניסים. מיטן מויל זא̇גט זיך עס לייכט א̇פּ. ס׳איז נישט קיין קלייניקייט א̇נצולערנען א̇זא̇ רשע און א̇ריבערצופירן

קיין עין הרע אַזוי פיל יידן איבער אַזאַ ים. אַריבערצוגיין אַזאַ גרויסן ים און זיך די פיס אַפילו נישט פאַרנעצן.

די באָבע שרהלע האָט דערנאָך זיך צוגעזעצט אונטערן באַרן־בוים. עס האָבן זיך לעבן איר צונויפגעקליבן אירע אור־אייניקלעך און זי האָט גענומען דערציילן וועגן די גרויסע ניסים. זי האָט זיך געבייזערט ווען זי האָט דערמאָנט פרעהן, דעם מלך פון מצרים, און זי האָט פאַרקוועטשט אַ פויסטל ווען זי האָט אויסגערעכנט די צרות, וואָס ער האָט אָנגעטאָן די יידן. זי האָט אָבער ליבלעך געשמייכלט און איר פּנימל האָט זיך צעשטראַלט ווען זי האָט דערציילט ווי גאָט האָט דורכן ברענענדיקן דאָרן זיך באַוויזן צו משהן, ווען ער האָט געפּאַשעט די שאָף אין דער דאָלינע און ווי ער האָט אים געשיקט קיין מצרים אויסצולייזן די יידן פון קנעכטשאַפט.

ריווע האָט גלייך מיט אירע קינדער זיך צוגעהערט צו דער מעשה וועגן יציאת מצרים, וואָס די באָבע האָט דערציילט און דערציילט. די מילדע ווארעמקייט און די מאַטקייט האָט אָבער ריוון איבערוועלטיקט און זי האָט איינגעדרימלט. אירע אויגן־דעקלעך זיינען צוגעפאַלן און עס איז איר ווי האַלב אין חלום פאַרגעקומען, אַז זי איז נאָך אַליין אַ קינד און אַז זי איז געקומען פון וואַלד צום זיידן און צו דער באָבען אויף פּסח. אין דרויסן איז ליכטיק און וואַרעם. זי טוט־אויס די שיך און זי לויפט אַרום אַ באָרוועסע מיט לייבן און מיט נאָך קינדער איבער די היי־פעלדער.

ווען ריווע האָט ווידער געעפנט די אויגן איז לייב געשטאַנען איבער איר גרייט זי צו נעמען אויף די הענט.

— ביסט גאָר אַנטשלאָפן געוואָרן? כ׳על דיך איצט צוריק אַריינ־טראָגן אין שטוב. מאָרגן וועט זיין נאָך וואַרעמער וועסטו קאָנען זיין לענגער אין דרויסן.

— וואַרט נאָך אויס. לאָמיך נאָך אַביסל זיצן אויף דער זון און קוקן אויף די גראָזן און אויף דיביימער. זיי זיינען דאָך אַלע פון טויט לעבעדיק געוואָרן. אַלצדינג קריכט אַרויס פון דער ערד און ציט זיך צו דער זון. עפּעס נאָר ווי אַ מלאך וואָלט יעדן וואָרצל אויפגעוועקט. אַלצדינג ווערט לעבעדיק, נאָר דער מענטש בלייבט ליגן אין דעם פינצטערן קבר, אין וועלכן מ׳לייגט אים אַריין. ס׳וועקט אים נישט קיין מלאך און ס׳רירט אים נישט אַרויס פון דער ערד דאָס הודיען פון די וואַסערן, וואָס לויפן אַראָפּ וועסנע־צייט פון די בערג. ס׳אַרט אים מער נישט דאָס קלאַפּן פון די גראָבע רעגנס, וואָס קומען מיט בליצן און מיט דונערן. אַיי, דער מענטש דאַרף ליגן און וואַרטן אויף משיחן און ערשט דערנאָך, ווען מ׳וועט אים אויפוועקן צו תחית־המתים, וועט ער זיך מוזן קאַטשען אונטער דער ערד, אַזוי אַזש קיין ארץ־ישראל. כ׳געדענק, דער זיידע בער האָט אונדז דערציילט וועגן משיחן ווען כ׳בין נאָך אַ קינד געווען. דער טאַטע האָט מיך דעמאָלט געבראַכט אַהער אויף פּסח — האָט זי אויסגעשטרעקט אַ

דאַרע האַנט צו לייבן און אים ווי אַראָפּגעשלעפּט, אַז ער זאָל זיך נאָך אַביסל צוזעצן לעבן איר.

ריווע איז דערנאָך טאָג נאָך טאָג געזעסן אין דרויסן אויף דער זון. זי האָט געזען ווי די גרינקייט אַרום איר ווערט פון טאָג צו טאָג געדיכטער, ווי דער אַלטער באַרן־בוים ווערט אָפּגעדעקט מיט ווייסער בליאונג. זי איז געזעסן צווישן די קישנס און אין זיך אַריינגענומען די גוטע רייד, די ווינטשעוואַניעס פון די יידישע און גויאישע שכנים, פון די פאַרביי־פאָרנדיקע יאַרידניקעס, ביז זי איז ביסלעכווייז איינגעגאַנגען.

אויפן איין־און־צוואַנציקסטן יאָר נאָך ריוועס חתונה, אין אַ פאַר־נאַכט, ווען די לעצטע צוויט־בלעטלעך זיינען געפאַלן פון באַרן־בוים, האָט ביי איר זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ. זי איז נאָך יענעם טאָג געזעסן אַביסל אויף דער זון, אָבער ווען לייב האָט זי צוריק אַריינגעבראַכט אין שטוב האָט זי אים געזאָגט, אַז ער וועט זי שוין מער נישט דאַרפן טראָגן אין דרויסן אַרויס.

— כ'בעט דיך זאָלסט מיך דאָסמאָל לאָזן צורו און מיך נישט צוריק־רופן. זעסט דאָך, אַז ס'איז אַזוי באַשערט — האָט זי צו אים גערעדט שטיל און געלאַסן, ווען לייב האָט זי אַראָפּגעלאָזט אויף איר געלעגער און לעבן איר אַוועקגעזעצט וועוקען, וואָס איז איר גאָכגעגאַנגען פוס־טריט. די אַנדערע קינדער און די באָבע זיינען דעמאָלט אין שטוב נישט געווען און ריווע האָט נישט געלאָזט, אַז לייב זאָל עמעצן אַריינרופן.

— זאָל זיין שאַ־שטיל, אָן געוויינען און אָן קולות. כ'בעט דיך, טו דאָס מיר צוליב. זיץ דאָ לעבן מיר. טרעט פון מיר נישט אָפּ! — זיינען אירע רייד געווען ווי סודותדיק, עפּעס ווי זי וואָלט זיך געקליבן ערגעץ אַוועק־צופאָרן קיינער זאָל נישט ווייסן.

— כ'על נישט אַוועקגיין, אָבער נעם כאָטש אַביסל קאַלט וואַסער אויף די ליפּן! — איז לייב עפּעס ווי אַ צעמישטער איבערגעגאַנגען אויף איר סודותדיקן טאָן און געהאַלטן אין איין קוקן צו דער טיר.

— כ'דאַרף שוין נישט גאַרנישט. זאָלסט מיר אַכטונג געבען אויף אונדזערע קינדער. און זאָלסט מיר אָפּהיטן וועוקען! דו הערסט וואָס כ'זאָג דיר אָן? פריער דער, וואָס איז איבער אונדז און דערנאָך דו. און מיט יאַנקלען זאָלסטו גיין מיט גוטן, ווייל דו קאָנסט אים נאָך חלילה אינגאַנצן פאַרטרייבן צו די גויים. און אויב מ'וועט דאַרפן זאָלסטו אַוועק־נעמען די האַנט פון האַרצן און אים אַוועקשיקן צום פעטער סענדער אין אַמעריקע. און בלומעלען זאָלסטו נישט זשאַלעווען צו געבן נדן אַ שטיקל פעלד מער. ווען דו וועסט זי חתונה מאַכן זאָלסטו זען, אַז זי זאָל נעמען וועמען זי וויל. מ'דאַרף איר אַביסל מער נאָכגעבן. זי איז דאָך אַנדערש פון די יינגערע קינדער. די יינגערע זיינען דאָך פון אונדזער שניט און מיט זיי וועט דיר זיין לייכטער. אויב ס'קאָרן וועט דאָס יאָר וואַקסן הויך און ס'וועט זיין געגוג שטרוי, זאָלסטו באַנייען דעם דאַך פון דער שטוב. און וועוקען זאָל מען נאָך דעם זומער אָפּשערן די לאַנגע האָר, וועט פאַר די

מיידלעך זיין לייכטער אים צו צוואָגן. — זי האָט אַרויפגעלייגט אַ שלאָבער־דיקע בלאַסע האַנט אויף וועוועקס קעפּל און דאָס קינד האָט עפּעס ווי פאַרחידושט זי אָנגעקוקט. וואָס לענגער זי האָט גערעדט, אַלץ מער באַ־רואיקט איז זי געוואָרן און אַלץ שוואַכער איז געוואָרן איר קול. זי האָט שטיל געצויגן אירע רייד און וועוועקע, פּונקט ווי לייב, איז געזעסן לעבן איר אַ שווייגנדיקער און געקוקט איר גלייך אין מויל אַריין.

מיטאַמאָל איז זי שטיל געבליבן. זי האָט אַ קוק־געטאָן צו די פענצטער, וואָס זיינען געווען פול מיטן גאָלד פון דער פאַרנאַכטיקער זון, און אַרויס־געלאָזט אַ זיפץ. דערנאָך האָט זי אַ רואיקע פאַרמאַכט די אויגן און זיי שוין מער נישט געעפנט.

קאַפּיטל צוואַנציק

דאָס ירושה־הויז פון די „לייבן און בערן", די אַרומיקע הויפן און גערטנער, זיינען נאָך ריוועס לוויה געווען ווי אָנגעזאַפּט מיט געוויין און געיאָמער. טעג און נעכט איז די יידישע און גויאישע דאָרפס־לייט ווי נאָכגעגאַנגען דאָס וויינען און קלאָגן, מיט וועלכען מען האָט ריווען אַרויסבאַגלייט צום הייליקן אָרט. אַ טויטע שטילקייט האָט אין די שבעה־טעג אַרומגענומען לייבס שטוב. אַפילו די גרילן האָבן זיך דאָרט אַ פּאָר טעג נישט געלאָזט הערן. די קינדער האָבן מיט אָנגעגאָסענע אויגן אַריבערגעקוקט צו דער מאַמעס איבערגעדעקט געלעגער און שווייגנ־דיקע זיך געטוליעט איינס צו ס'אַנדערע. די אַלטע באָבע שרהלע, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעוויינט אַלע אירע טרערן, האָט נאָך דער לוויה ווי אינגאַנצן פאַרלוירן ס'לשון. איר איינגעשרומפּן פּנימל איז געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד. זי האָט אַ זיפּצנדיקע זיך פאַררוקט אין אַ ווינקלביים אויוון און דאָרטן געזעסן אַ פאַרטאַיעטע. זי האָט געטראַכט וועגן טויט און וועגן אירע נאָענטע און ליבע, וואָס האָבן גערוט אויפן הייליקן אָרט אונטער אַלטע אויסגעבויגענע מצבות פאַרוואַקסענע מיט מאָך.

לייב האָט ווי אינגאַנצן פאַרלוירן די מראה פון פּנים. די שוואַרצע באָרד זיינע איז געווען צעשויבערט און ביי די שפּיצן האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן גרויע האָר. פון זיינע אויגן, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ ביסטרע גלאַנץ, האָט ווי אַרויסגעשריגן דער ווייטיק פון איינעם, וואָס גייט אַרום מיט אַן אָפענער וואונד. די קינדער, וואָס האָבן ביי דער מאַמעס לוויה צום ערשטן מאָל געהערט דעם טאַטן וויינען ווי ניט מיט זיין קול, האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיין שטרענגקייט און זיי האָבן זיך געשאַרט אַרום אים.

— נישטאָ שוין די מאַמע. וואָס וועלן מיר איצט טאָן, האַ? — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערזאָגן די עטלעכע ווערטער און מיט אַ האַרטער

האָבן געגלעט די קעפּלעך פון דעם דריי־יעריקן וועווקע און פון די יינגסטע צוויי מיידלעך כייקע און גיטעלע, וואָס זיינען געווען אין זיבעטן און אין אַכטן יאָר.

— ס׳איז שוין נישט געווען ווער ס׳זאָל לעבן. זי איז אירס אָפּגעקומען אויף דער וועלט. אַזאַ גוטע, אַזאַ ריינע נשמה. מ׳האָט דאָך פון איר קיינמאָל קיין קרעכץ נישט געהערט — איז הבורה די פירזאָגערין געווען די ערשטע אָנצוהייבן טרייסטן לייבן און די גאַנצע משפחה. לייב איז געזעסן אַ שווייגנדיקער אויף דער ערד, אָנגעטאָן אין די וואָלענע זאָקן, וואָס ריווע האָט אים שוין קראַנקערהייט אויסגעאַרבעט און אַלעמאָל האָבן אַ פּאָר גרויסע טרערן זיך אָפּגעריסן פון זיינע אויגן.

די שטוב איז אין די שבעה־טעג פול געווען מיט קרובים און מיט שכנים, יידישע און גויאישע. מען האָט זיך געדרייט אַריין און אַרויס, מען האָט געמאָלקן די בהמות, געסאַפּעט דעם גאָרטן, געצוואָגן די קינדער און מען האָט געבראַכט אַלערליי געבעקסן און פּאַטראָווע‌ס. מען האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ריווע‌ס מיזיניק, מיט די קליינינקע צוויי מיידעלעך און מען האָט זיי געהאַלטן אין איין באַקרעכצן, וואָס זיי זיינען אַזוי יונג געבליבן אָן אַ מאַמע.

— איבערגעלאָזט אַ שטוב מיט קינדער און גאָרנישט.

— אַ שיין פּנים האָט די שטוב אָן איר.

— אַזאַ באַלעבאָסטע ווי זי איז געווען איז גאָרנישט צום געפינען. זי איז קיינמאָל נישט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט.

— זי האָט זיך נעבעך גענוג געראַנגלט מיטן מלאך המות. ער האָט אָבער זיינס אויסגעפירט.

— ס׳איז נישטאָ וואָס צו רעדן. דאָס איז עס. זי וועט פון דער ערד שוין צוריק נישט אַרויסקומען — האָבן אַלע אין דאָרף געהאַט אַ סך גוטע רייד נאָכצוזאָגן ריווען.

די גויאישע שכנים האָבן שוין אויפן צווייטן טאָג נאָך ריווע‌ס לוויה געגעבן לייבן אָנצוהערן, אַז ס׳באַלעבאַטישקייט וועט זיך אַליין נישט פירן און אַז ער וועט מוזן אַריינגעמען אין שטוב אַ נייע באַלעבאָסטע.

אין די שבעה־טעג האָט מען ביי לייבן אין הויז אין דער פרי און פאַרנאַכט געדאַווענט מיט מנין און ריווע‌ס דריי זין — יאַנקל, בער און חיים משה — האָבן נאָך איר געזאָגט קדיש. נאָך שבעה האָט מען צוויי מאָל אַ טאָג געמאַכט אַ מנין אין קלויז. עס האָבן נישט איינמאָל אויס־געפעלט אַ צוויי־דריי מענטשן צום מנין, אָבער יאַנקל האָט איינגעריסן וועלטן ניט אָנצוּוווערן קיין איין קדיש נאָך דער מאַמען. ער איז געלאָפן איבער די יידישע שטיבער, פאַרהאַלטן יאַרידניקעס און ער האָט ניט געררוט ביז ער האָט ניט צונויפגעשטעלט די צען מענטשן. יאַנקל האָט זיך איצט מתקנא געווען אין זיינע צוויי יינגערע ברידער, בער און חיים משה, וואָס זיינען געווען אין צוועלפטן און אין ניינטן יאָר. זיי האָבן

ביידע גוט געקענט עברי און דאָס קדיש זאָגן איז זיי אָנגעקומען אַ סך לייכטער ווי אים.

אין די ערשטע טעג נאָך דער מאַמעס טויט האָט ער ביים דאַווענען נישט נאָר מיט די אויגן, נאָר עפּעס ווי מיטן גאַנצן לייב און לעבן זיך איינגעגעסן אין סידור. אין יעדן אות האָט ער ווי געזען דער מאַמעס געשטאַלט און אין יעדן וואָרט, וואָס איז ווי האַרטער באַב געפאַלן פון זיין מויל, געהערט איר קול. ווען עס איז געקומען צום קדיש זאָגן האָט זיך אים דער אָטעם פאַרשלאָגן און ס׳פּנים איז אים געוואָרן רויט און פאַרשוויצט. ער איז אָבער ווי אַן אָקס אין אַקער געגאַנגען אין שפּאַן און ער האָט זיך געהיט, אַז ער זאָל נישט אויסלאָזן קיין איין וואָרט.

עס האָט זיך די דאָרפס־יידן און אויך לייבן אויסגעוויזן, אַז יאַנקל הייבט־אָן ווערן אַ געזעצטער מענטש. נאָך דער מאַמעס טויט האָט ער זיך איינגאַנצן ווי איבערגעביטן און די ערשטע טעג זיך כסדר געהאַלטן ביי דער שטוב. ער האָט אויסגעמיטן די שקצים און שיקסעס און אין די שבתים זיך געשאַרט צו די יידישע בחורים, וואָס האָבן ביים טאָג נאָכן טשאָלנט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר צו דער ראַגאַטקע אָדער צום אַלטן שלאָס.

* * *

בלומעלע איז נאָך דער מאַמעס טויט אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטרויערטע, אַ בלאַסע און אַן איינגעשלאָסענע אין זיך. זי איז אין די לויטערע זומער־טעג שעהן־לאַנג אָפּגעזעסן אַ פאַרקלערטע ביים וואַסער צווישן די פאַר־וואַקסענע אַלטע ווערבעס און ניט איינמאָל איינע אַליין זיך פאַרגאַנגען אין פעלד אַריין. ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע איז זי געבליבן שטיין אין פעלד און מיט פאַרטרערטע אויגן געגאַפט אויפן דרויסן, וואָס האָט זיך פאַר איר נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געוויזן אין אַזאַ פאַרביקער שיינקייט. די איינזאַמקייט, וואָס האָט זי אַרומגענומען, און די בענקשאַפט נאָך דער מאַמען, האָט שווער געדריקט איר האַרץ. די העלדן פון די מעשה־ביכלעך, וואָס זי האָט וועגן זיי געלייענט און געטראַכט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, זיינען אין די לעצטע זומער־טעג ווי דורך די צעפראַלטע טירן און פענצטער אַוועק און עס איז איר פון זיי געבליבן עפּעס ווי אַ טשאַד אין קאָפּ.

אַזוי ווי בלומעלע, וואָס איז יענעם זומער געוואָרן זיבעצן יאָר, איז געווען די עלטסטע, האָט זי נאָך דער מאַמעס טויט געדאַרפט ווערן די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב. זי האָט אָבער אָפּגעטראָטן דעם וועג איר שוועסטער נעכע, וואָס איז געווען מיט דריי יאָר יינגער פון איר, און האָט זיך מער אויסגעטויגט צום באַלעבאַטישקייט. נעכע איז אינגאַנצן געווען געראָטן אין דער מאַמען און זי האָט נאָך ווינטער, ווען ריווע איז געבליבן ליגן אין בעט, זיך געלערנט צו זיין די באַלעבאָסטע אין שטוב. נעכע איז געווען אַ געוויקסיקע, אַ געזונטע, און ווען עס איז

געקומען דער זומער האָט זי באַוויזן, אַז זי קאָן שוין אויסקנעטן אַ גרויסן מולטער ברויט, אַז זי ווייסט ווי אָפּצוקאָכן אַ באָרשט און קאָן שוין אויך מאַכן הרעטשענע וואַרעניקעס מיט קעז.

נעבעך האָט זיך אויך אויסגעטויגט צו דער אַרבעט אין פֿעלד. זי האָט געקאָנט איינשפּאַנען אַ פֿערד אין וואָגן און אויך צונויפֿלייגן אַ וואָגן סנאָפּעס.

— זי וועט שוין זיין איינמאָל אַ באַלעבאָסטע! אַ חילוק פֿון איר ביז צו דער עלטערער, ווי פֿון טאָג צו נאַכט. ווי זאָגט דער גוי — פֿון איין האָלץ מאַכט מען אי אַ צלם, אי אַ לאָפּעטע.

— די עלטערע איז טאַקע גאָר פֿון אַן אַנדערן מין שניט. אַ שטרויענע פּאַניענקע. מ׳דאַרף נאָך זי באַדינען.

— מיט אַזאַ ווייס פּנימל און מיט אַזעלכע דינע הינערשע פּיסלעך וועט מען זי דאַרפֿן פֿאַרשלייערן מיט אַ שטאַטישן.

— און וואָס פֿריער וועט זיין בעסער — האָט מען אין דער משפּחה און אויך צווישן שכנים געלויבט די געזונטע און רירעוודיקע נעבעך און געערעדט וועגן בלומעלען, אַז זי האָט נישט קיין צופֿיל מעלות.

— איך האָב אין אירע יאָרן שוין געהאַט אויסגעזויגן צוויי קינדער. צו דרייצן יאָר בין איך דאָך שוין געווען אַ באַלעבאָסטע פֿאַר זיך — האָט די באָבע שרהלע נאָך שלושים גענומען טענהן מיט לייבן, אַז ס׳איז שוין צייט אַז ער זאָל אָנהייבן זוכן אַ שידוך פֿאַר זיין עלטסטער טאָכטער. די באָבע, וואָס האָט זיך שוין קוים אַרומגעשאַרט איבער דער שטוב אָן אָנגעשפּאַרטע אויף איר שטעקעלע, האָט אויך כסדר ווי געוועקט בלומעלען, אַז זי זאָל ווי איר שוועסטער נעבעך לייגן מער קאָפּ צום באַלעבאַטישקייט און אַז זי זאָל נישט אַרומגיין שטענדיק אַ פֿאַרדומעטע.

— ביסט שוין אַ מיידל צו לייט. וועסט מירצעשעם באַלד דאַרפֿן ווערן אַ כלה, און קאָנסט נאָך אַפֿילו קיין עוף נישט כשר מאַכן — האָט די באָבע אין איר אַריינגערעדט. בלומעלע האָט זיך צוגעהערט צו די רייד און אַ פֿאַרקלערטע געקוקט פֿאַר זיך.

אַן אומבאַקאַנטע אַנגסט האָט אָנגערירט איר האַרץ ווען זי האָט גענומען טראַכטן וועגן איר באַשערטן. עס איז פֿאַר איר אויפֿגעגאַנגען די געשטאַלט פֿון דעם פּעטערס זון יולעק, וועמען זי האָט צום לעצטן מאָל געזען מיט צוויי יאָר צוריק, ווען ער איז מיטן פּעטער יוסף געקומען צו זיי צוגאַסט. דער הויך־געוואַקסענער יולעק איז געווען בלאָנד ווי זיין מאַמע די פּריצע און ער האָט געטראָגן אַ סטודענטישן בלויען מונדיר. ער האָט דעמאָלט צו איר געשמייכלט, צו איר גערעדט עטלעכע ווערטער אין פּויליש און זי איז געווען איבערגליקלעך. ווען זי האָט אָבער געוואָלט ענטפֿערן אויף זיינע רייד, האָבן די ווערטער זיך ווי פֿאַרקנוילט אַרום איר האַרץ און זי האָט זיי נישט געקאָנט אַרויסברענגען. ערשט ווען ער איז אַהיימגעפֿאָרן איז זי אַוועק הינטערן גאָרטן צווישן די ווערבעס און זיך דאָרט פֿאַר די אַלטעביימער אויסגערעדט און אויסגעוויינט.

ווען זי האָט געהערט רעדן, אַז זי דאַרף שוין ווערן אַ כּלה, האָט זי אויך געטראַכט וועגן דעם פּאַניטש טאַדעק, וואָס איז געווען דעם יאַנאָוויצער פּריצס זון. ער איז ווי איר געשוועסטערקינד יולעק געווען אַ סטודענט און זי פלעגט אים זומער־צייט אַמאָל זען אַרומרייטן איבער די פעלדער. אין די לעצטע פּאָר יאָר איז ער אָבער אינגאַנצן ניט אַהיימ־געקומען. זיין מאַמע, די יאַנאָוויצער פּריצע, איז אין די זומערן געפאָרן צו אים אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט געלערנט, און פון דאָרט זיינען זיי ביידע אַוועקגעפאָרן צו איר טאַטן, וואָס איז געווען אַ רייכער גוטבאַזיצער.

איינמאָל האָט זי אָבער אומגעריכט באַגעגנט טאַדעקן. עס איז געווען אין אַ זומערדיקן טאָג אַ צוויי חדשים נאָך איר מאַמעס טויט. זי איז דעמאָלט געגאַנגען איינע אַליין פון דער קאַפּליצע מיט אַ שאַניקל וואַסער און ווי נאָר זי איז אַרויסגעקומען פון הינטערן באַרג איז ער אַנגעריטן פון פעלד. ער איז זי פאַרבייגעריטן, זיך דערנאָך צוריק אויסגעדרייט און אַראָפּ פון פערד. ער האָט ווי מיט נייגיריקייט באַטראַכט אירע בלאָנדע צעפּ, איר איידל שיין פּנימל, אירע פאַרשפּיצטע פולע בריסטן און אירע געטאָקטע ווייסע פיס, וואָס זי האָט זיי נאָר־וואָס געהאָט אָפּ־געוואַשן מיט קוואַל־וואַסער.

— קאָן איך בעטן אַ פרישן טרונק וואַסער? — האָט ער זיך אַ נייג געטאָן פאַר איר. פון גרויס איבעראַשונג האָט בלומעלע גאָרנישט גע־ענטפערט, נאָר אים אונטערגעטראָגן די הילצערנע קאָן מיטן וואַסער. טאַדעק האָט איצט מער נישט געטראָגן דעם סטודענטישן מונדיר, נאָר ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרין קיילעכדיק קאַפּעליושל, פאַרשטעקט מיט אַ בינטל קאָלירטע פעדערלעך, אין אַ פּאָר געפּאַסטע רייט־הויזן און אין גלאַנצנדיקע שטיוועלעך מיט שפּאָרן. כאָטש בלומעלע האָט אים ניט געהאָט געזען אַ פּאָר יאָר, האָט זי אים באַלד דערקענט.

נאָכן אָנטרינקען זיך האָט ער מיט צוויי פינגער אַ וויש־געטאָן זיינע דינע שוואַרצע וואָנצעלעך, נישט אויפגעהערט זי באַטראַכטן פון קאָפּ ביז פיס און אין פּויליש איר געזאָגט ווער ער איז. זי האָט באַלד ביי־געקומען איר שעמעוודיקייט און אים געענטפערט, אויך אין פּויליש, אַז זי ווייסט, אַז ער איז פון יאַנאָוויצער הויף. דערנאָך האָט זי אים אויף יידיש געלאָזט וויסן, אַז זי האָט אַ סך מאָל געזען זיין זיידן מאיר פעלדמאַן, ווען ער פלעגט קומען אין קלויז אַריין דאַווענען. ס'האַרץ האָט איר אָנגעהויבן שטאַרק פלאַטערן און זי האָט זיך ניט אויפגעהערט וואונדערן פון וואַנען עס האָבן זיך צו איר גענומען די אַלע רייד.

— און כ'האָב געמיינט, אַז די פּאַנאַ איז געקומען אין דאָרף אַריין צו־גאַסט פון ערגעץ אַ שטאָט. כ'קום אַזוי זעלטן אַהיים, אַז כ'קען דאָך דאָ קיינעם נישט — האָט דער פּאַניטש ליבלעך געשמייכלט און איר געזאָגט, אַז זי זעט גאָרנישט אויס ווי קיין דאָרפישע. ער האָט איר ניט געזשאַלעוועט קיין שיינע רייד און זי צוגעגליכן צו די זעלטן־שיינע בלומען,

וואָס מען געפינט אין וואַלד צווישן ווילד־פּאַרוואַקסענע גראָזן. בלומעלע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו קוקן טאַדעקן גלייך אין פּנים אַריין און די באַקן מיט די אויערן האָבן ביי איר גענומען פלאַמען. זי האָט אָין זיך אַריינגענומען די אַלע גוטע און שיינע רייד, וואָס זיינען געווען ווי פון אירע מעשה־ביכלעך. דאָס באַגעגענען טאַדעקן אויפן וועג, זיין רעדן צו איר, איז איר פאַרגעקומען עפּעס ווי אַ חלום און זי האָט שיר נישט אויסגע־שטרעקט די האַנט אים אָנצורירן.

— אויפן דאָרף זעט מען גאָרנישט אַזעלכע בליענדיקע ווייסע פּנימער. די דאָרפישע זון מיט דעם טוי און מיט דעם וואַסער פאַרשווענדן די לויטערע ווייסקייט אויף די בליענדיקע אויבסט־ביימער, אויף די אַקאַציעס און אויף די גראַבע לייוונטן, וואָס בלייכן זיך אין טאָל — איז אים די צונג געגאַנגען גיך און גלאַט. ער האָט דערביי מיט אַ האַנט אָנגעוויזן אויף די בליענדיקע שניי־ווייסע אַקאַציע־ביימער ביים וועג און אויף דעם גרינעם טאָל, וואו באַרוועסע שיקסעס, די קליידער פאַרשטעקט און פאַר־שאָרצט כמעט ביז צום דיך, האָבן אין וואַסער גענעצט היימיש־געוועבטע סטעזשקעס לייוונט און זיי דערנאָך געשפּרייט אויפן גראָז אַנטקעגן דער זון.

— די זון ברענט מיך קיינמאָל ניט אָפּ — האָט בלומעלע אַרויפ־געקוקט צום הימל. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז זאָשקאַ דעם סטראַזשניקס, וואָס איז געווען אין אירע יאָרן, פלעגט קליינערהייט זיך רייצן מיט איר און זאָגן, אַז די זון האָט פיינט אַלע יידישע קינדער, דערפאַר ווייל זייערע זיידעס האָבן געהרגעט דעם גויאישן גאָט.

דער פּאַניטש טאַדעק האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף די אַנדערע יידישע מיידלעך פון דאָרף און בלומעלע האָט אים דערציילט, אַז שבת פּוצן זיי זיך אַלע אויס און גייען פאַרנאַכט שפּאַצירן צום אַלטן שלאָס.

— אויב אַזוי, וועל איך שבת אויך אַהין אַרויסקומען — איז ער באַלד, ווי נאָר ס'האָט זיך עמעצער געוויזן אויפן וועג, אַרויף אויפן פערד און גיך אַוועקגעריטן.

וועגן דער באַגעגעניש מיט טאַדעקן האָט בלומעלע צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. איר געמיט איז אָבער אַזוי אויפגערודערט געוואָרן, אַז זי איז יענע נאַכט ביז היינטער טאָג געבליבן וואַך. דעם פּאַניטשס געשטאַלט איז נישט אָפּגעטראָטן פון אירע אויגן און זיינע גוטע רייד האָבן נישט אויפגעהערט זשומען אין אירע אויערן. עס איז געווען דאַנערשטיק ביינאַכט, אָבער ווען אירע אויגן זיינען ווי פאַרשיט געוואָרן מיט דער בלויקייט פון דעם זומערדיקן פאַרטאָג און זי האָט אָנגעהויבן איינדרימלען, זיינען ווי אין צווי רגעס אַוועק צוויי גאַנצע טעג.

ווי נאָר בלומעלע איז איינגעשלאָפן האָט זיך איר געחלומט, אַז עס איז שבת פאַרנאַכט און אַז זי שפּאַצירט אַרום מיט טאַדעקן לעבן אַלטן שלאָס.

* * *

אויף יענעם שבת האָט לייבס ייִנגערע טאָכטער נעכע, מיט דער הילף פון ליפשע דעם ראַגאַטניקס, צום ערשטן מאָל נאָך ריוועס טויט רעכט אויפגערױמט די שטוב. די יונגע ליפשע, וואָס איז נאָך פון ווינטער־אָן געקומען צו לייבן אין הויז אַריין העלפן וואַשן גרעט און טאָן אַנדערע אַרבעטן, האָט אויסגעשמירט די ערד פון שטוב מיט צעפּירטן ליים און אויסגעקלעפּט די פּריזבע. זי האָט אויך אָפּגעווייסט די אָפּגעקראָכענע הרובע און זי אויסגעשפּריצט מיט אַלערליי קאָלירן.

יענעם שבת בײַטאָג זײַנען די ווײַבער פון שכנות נאָכן טשאָלנט זיך ווידער צונויפגעקומען אונטערן אַלטן באַרן־בוים לייענען די סדרה פון טײַטש־חומש. זיי האָבן געגעסן שבת־אויבסט — פּרישע מאַרעלן און געטריקנטע טשאָלנט־באַרלעך — וואָס נעכע האָט אַרויסגעטראָגן פון שטוב, און זיי האָבן מיט זיפצן דערמאָנט, אַז ריווע פעלט אַלעמען אויס. עטלעכע פון די ווײַבער האָבן אינמיטן לייענען אַראָפּגענומען די ברילן פון די נעזער, זיי געווישט אָנטקעגן דער זון מיט די שבתדיקע פאַרטעכער און אַריבערגעקוקט צו לייבן, וואָס איז געזעסן אויף דער פּריזבע איבער אַ חומשל און געדרימלט. פון הינטער דער סטאַדאָלע האָבן זיך געטראָגן מונטערע קולות פון לייבס קליינוואַרג און פון אַנדערע ייִדישע קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעשפּילט.

— זי איז קיינעם אַזוי נישט אָפּגעשטאָרבן ווי לייבן. ער איז דאָך געוואָרן אויס מענטש.

— זאָל נאָר די ערד אַרום איר קבר פאַרוואַקסן ווערן מיט גראָז און זאָל ער נאָר חתונה מאַכן די עלטערע טאָכטער, וועט ער זיך מסתם הייסן רעדן אַ שידוך.

— נו, וואודען, ווי וועט ער קאָנען אויסקומען אָן אַ באַלעבאָסטע?

— וואָס אָרט אייך, מ׳עט אים אָפּשלאָגן די טיר און מ׳עט אים לאַנג נישט לאָזן זײַן קיין אַלמן — האָבן די ווײַבער גערעדט אין דער שטיל, אַזוי אַז בלומעלע, וואָס איז דאָרט געזעסן אין דער זייט, זאָל גאָרנישט הערן. דבורה די פּירזאָגערין האָט זיך צעזיפצט און אירע אויגן זײַנען פאַרהויכט געוואָרן. זי האָט עפּעס געזאָגט דער אַלטער שרהלע און באַטראַכט מאַכלע די אַלמנה פון דער טאַטאַרשאַטשינע, וואָס איז יענעם שבת געקומען מיט טריינען צו הערן לייענען די סדרה. די ווײַבער האָבן זיך אויך איבערגעוואונקען ווען ליפשע, דעם ראַגאַטניקס יונגע מויד, האָט ביים פאַרבייגיין לייבס שטוב זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער און געגעבן דעם קליינעם וועווקע אויף די הענט.

אין דרויסן איז געווען הייס און פאַרנע. די ווײַבער האָבן זיך ווי געטוליעט צום שאָטן פון באַרן־בוים און אײַנציקווייז אַנגעהויבן אײַנדרימלען, ווען אויפן הויף האָט זיך אומגעריכט באַוויזן יאָשע דאַטש, זלמן סאַדאָווניקס זון פון שכנישן דאָרף זאַוולינעץ. דער הויכער און

דאָרער בחור, וואָס האָט געהאַט דעם צונאָמען „דאַטש", דערפֿאַר ווייל ער האָט זיך געקליידט ווי אַ שטאָטישער פֿראַנט, האָט זי ווי אויסגעניכטערט פֿון שלאָף.

— זעטס נאָר ווער ס'איז געקומען גוט־שבת ביטן.

— ס'איז דאָך דעם סאַדאָווניקס בן־יחיד פֿון זאַזולינעץ. וואָס טוט ער דאָ?

— איר זאָלט וויסן, אַז מ'קלינגט אין קלויסטער איז אַ סימן, אַז ס'איז חגא.

— ווער ס'איז שיין, איך בין קלוג — זיינען די ווייבער באַלעבט געוואָרן און זיך צעזשומעט ווי די בינען. עטלעכע פֿון זיי האָבן געוואוסט, אַז יאָשע דאַטש, וואָס האָט זיך געשניטן אויף אַ מעקלער אין פּריצישע הויפֿן, האָט אָן אויג אויף בלומעלען. דבורה די פּירוזאָגערין האָט אים ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געזען ביי לייבן אין שטוב ווען ער איז פֿאַרנדיק פֿון יאַריד כּלומרשט אַריינגעקומען נאָך אַ טרונק וואַסער. די פּירזאָגערין האָט אין דער שטיל דערציילט טריינען, אַז זי האָט גוט געזען ווי דעם סאַדאָווניקס זון האָט דעמאָלט ביים טרינקען ס'וואַסער מיט איין אויג אַרויסגעקוקט פֿון דער קוואָרט צו בלומעלען.

— איי, ווער ס'האָט נישט געקענט זיין זיידן ר' משה! ער פֿלעגט אַלעמאָל פֿאָרן אויף ראש־השנה און יום־כּיפּור קיין הוסיאַטין צום רבין. מ'דאַרף אויספֿאָרן אַ וועלט צו געפֿינען אַזאַ ערלעכן יידן און אַזאַ בעל־צדקה — האָט די אַלטע שרהלע מיט אַ האַנט געמאַכט אַ דעכל איבער די אויגן און אַריבערגעקוקט צו יאָשען, וואָס איז אָנגעקומען מיט די גערטנער אָן אויסגעפּוצטער אין אַ קויטשיק־קראַגן מיט אַ שניפּסל, אין אַ קורץ גרינלעך רעקל מיט אַ שפּאָלט און אין שטיוועלעטן מיט צוג. נאָך איידער יאָשע איז צוגעקומען נאָענט צו דער שטוב האָט שרהלע געלאָזט וויסן די ווייבער אַז זלמן דער סאַדאָווניק האָט מיט עטלעכע טעג צוריק באַפּוילן מיט אַ שדכן, אַז ער וויל בלומעלען פֿאַר אַ שנור.

יאָשע דאַטש האָט ווי אַ גאַנער געשטרעקט זיין לאַנגן האַלדז, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. ווען ער האָט דערזען בלומעלען, וואָס איז געזעסן אַ פֿאַרטראַכטע אָפּגעזונדערט פֿון די ווייבער, האָט ער פֿאַרקלענערט זיין טראָט. ער האָט פֿון דער וויטנס איר אָפּגעגעבן דעם „גוט שבת" און זיין לענגלעך געגאָלט פּנים, וואָס איז אַרום די באַקן געווען ווי פֿאַרזייט מיט דריבנע בלאַטערלעך, האָט פֿון שעמעוודיקייט זיך אָנגעצויגן מיט בלוילעכער רויטקייט.

בלומעלע האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. זי האָט יאָשען געקענט פֿון קינדווייז אויף, אָבער זי האָט זיך אויף אים נאָך ווייניקער אומגעקוקט ווי אויף אַלע אַנדערע דאָרפֿישע בחורים. ער איז איר אינגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען, אָבער אַזוי ווי זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער לאַנגער שעמעוודיקער בחור איז געקומען צוליב איר, האָט זי אים געענטפֿערט מיט אַ „גוט שבת" און אַ פּאָר טריט אים אַנטקעגן געגאַנגען.

— כ׳בין געווען מיטן טאַטן אין די סעדער און פון דאָרטן בין איך שוין פאַרגאַנגען אויף די יאַנאָוויצער פעלדער זען דעם ווייץ אויף די פריצישע לאַנעס — האָט ער זיך אי פאַרענטפערט פאַר זיין קומען, אי זיך באַרימט אַז ער האָט עסקים אין יאַנאָוויצער הויף. ווען ער האָט דערמאָנט דעם יאַנאָוויצער הויף איז בלומעלע געוואָרן אַ פאַרציטערטע. זי האָט געוואָלט וויסן ווען ער איז דאָרט געווען און זי האָט אים שיר נישט געפרעגט צי ער האָט דאָרט געזען דעם פאַניטש.

— שניט־צייט וועל איך זיין אין יאַנאָוויץ אפשר מער ווי אין דערהיים. אייער פריץ האָט דאָס יאָר שיינעם ווייץ — האָט ער מיט זיין הויך רעדן ווי געטריבן פון זיך די שעמעוודיקייט און די רויטקייט, וואָס האָט זיך ווי אויסגעגאָסן אויף זיין פנים. בלומעלע איז מיט אים צוגע־גאַנגען צו דער פריזבע וואו לייב איז געזעסן. זי האָט ניט געהערט זיינע רייד, נאָר געקוקט פאַר זיך צום באַרג, וואָס האָט ווי אַ מאַגנעט פאַוואָליע געצויגן צו זיך די זון. עס איז איר פאַרגעקומען, אַז ס׳וועט גאָר קיינמאָל קיין נאַכט נישט ווערן. זי האָט זיך געקליבן אַרויסצוגיין צום שלאָס שפּאַצירן, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז דער פאַניטש טאַדעק וועט דאָרט פאַרנאַכט זיך באַווייזן.

אַזוי ווי לייבן איז דער שידוך מיט יאָשען איינגעגאַנגען, איז זיין קומען צו־גאַסט ביי אים געווען גאָר אָנגעלייגט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פריזבע און אויפגענומען דעם יונג ווי ער וואָלט געווען אַ גאַסט פון ערגעץ ווייט. לייב האָט זיך אויסגעווישט דעם שלאָף פון די אויגן, אָפּגעמאָסטן יאָשען פון קאָפּ ביז פיס און זיך נאָכגעפרעגט אויף זיינע טאַטע־מאַמע. דערנאָך האָט ער געהייסן בלומעלען צוגרייטן כיבוד און ער האָט דעם גאַסט פאַרבעטן אין שטוב אַריין.

— כ׳בין געגאַנגען מיטן טאַטן אין די סעדער — האָט יאָשע דאָטש אויך פאַר לייבן זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן פאַר זיין קומען.

— מיט דער סטעזשקע דורך די גערטנער איז פון איך ביז אַהער אַפילו נישט קיין תחום־שבת. אייער דאָרף מיט אונדזערן איז ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער — איז אים לייב אַריינגעפאַלן אין די רייד און פון דער זייט אַריבערגעקוקט צו בלומעלען.

יאָשע איז ביים אַריינקומען אין שטוב געבליבן שטיין לעבן דער טיר און געוואַרט ביז מען האָט אים צוגערופן צום טיש.

אַ פּאָר ווייבער פון דער משפחה און עטלעכע שכנטעס האָבן איינציק־וויז זיך אויך אַריינגעשאַרט אין שטוב און באַטראַכט דעם חתן־בחור. דער שעמעוודיקער יאָשע האָט נאָכן אויסטרינקען ס׳ערשטע גלאָז וואַסער מיט מאַלינע־סאָק זיך דערפילט ווי ער וואָלט שוין געהאַלטן ביים תקיעת־כף. עס איז אים אָבער געווען אומהיימלעך צווישן די ווייבער. ס׳פנים האָט אים געהאַלטן אין איין שוויצן און ער האָט דאָרט אין שטוב לאַנג נישט געקאָנט איינזיצן.

ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און לייב האָט אים אַרויסבאַגלייט

ביז אויף דער אַנדערער זייט טויער האָבן די ווייבער זיך צעלאָזט מיט זייער מבינות.

— ער ווייזט־אויס צו זיין אַ לייטישער בחור, אָבער ער וואָלט כאָטש שבת געמעגט טראָגן אַ זשעקעטל.

— ס'איז נישט געפערלעך. ער איז אַ טאַטנס אַ קינד און ער איז נישט קיין גראָבער־יונג. מ'האָט ביי זיי אין שטוב שטענדיק געהאַלטן גוטע מלמדים.

— טראָגט זיך ווי אַ דאַטש און איז גאָר אַ שעמעוודיקער.

— דאָס זאָל אייך גאָרנישט אַרן. ער האָט זי דערשמעקט ווי אַ קאַץ די סמעטענע. ער וויל זי ווי ס'לעבן און ער איז נישט פון די, וואָס זאָלן זיך דינגען איבערן נדן.

— נו, און דאָס וואָס ער האָט נישט קיין סימן פון קיין באָרד און פיאות, איז ביי אייך גאָרנישט? — האָט די באָבע שרהל'ע זיך גע־קרימט.

— איר הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: אויב ר' משהס אייניקל קראַצט שוין אויך די מאָרדע מיט אַ בריטווע, מעג שוין אַ רוח אין קהלס טאַטן אַריין. פונדעסטוועגן וועט מען ביי אים נאָך אפשר קאָנען פועלן, אַז ער זאָל נאָך דער חתונה זיך פאַרלאָזן אַ באָרד — האָט דבורה די פירזאָגערין באַצייטנס זיך גענומען ראַשען ווי אַ מחותנתטע און איז אונטערגעלאָפן צו בלומעלען זי פרעגן צי דער בחור געפעלט איר.

— כ'זע אים דען איצט צום ערשטן מאָל? — האָט בלומעלע געצויגן מיט די אַקסלען און אַ רואיקע זיך אַרומגעקוקט, גלייך ווי די אַלע רייד וואָלטן געווען וועגן עמעצן אַנדערש און נישט וועגן איר.

— וואָס פאַר אַ פרעגן? — האָט די באָבע זיך געברוגזט — מ'האָט ביי איר מאַמען און ביי אירע באָבעס אַ סך געפרעגט? כ'האָב דאָך מיין בערן ביז צו דער חופה אַפילו קיין איין מאָל נישט געהאָט געזען.

בלומעלע האָט שוין אָבער נישט געהערט דער באָבעס רייד, זי האָט אומבאַמערקט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב און זי האָט זיך אַוועק־געלאָזט צום אַלטן שלאָס.

קאַפּיטל איין־און־צוואַנציק

די יידישע דאָרפסלייט האָבן מיט נאָגנדיקער בענקשאַפט אַרויסבאַגלייט דעם שבת, וואָס האָט אויסגעשפּרייט זיין מנוחה איבער זייערע אויסגעפוצטע שטיבער און איבער די אויסגעקערטע פאָדווירעס. די יידן וואָס האָבן אין די שטריימלעך און אין די קאַפּאָטעס אַרויסגעפירט זייערע פערד און קי אויף דער פּאַשע, האָבן פאַרנאַכט פאַרקלערטע זיך אומגעקערט אין דאָרף אַריין, כדי נאָך אַריינצוכאַפּן אין קלויז אַ שבתדיקע

מנחה מיט מנין. עס האָט אויך געטראָפן, אַז אַ ייד האָט אַמאָל אין אַ שבת פאַרנאַכט געכאַפּט אַ דרימל אין שטילן פעלד און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווען עס זיינען שוין געווען שטערן אויפן הימל. דעמאָלט האָט ער שוין ביחידות אין פעלד אָפּגעכאַפּט מנחה און מעריב און ער איז אין די שבתדיקע בגדים אַן אומעטיקער אַהיימגעריטן אויף אַ פערד אָדער געגאַנגען צופוס לעבן דער קו.

די ווייבער האָבן מיט דער צוגעפאַלענער נאַכט אַרויפגעבראַכט פון די קעלערן לאַדישטשעס פרישע סמעטענע מיט זויער־מילך און גענומען גרייטן מילכיקע שלוש סעודותן פאַר זייערע הויזגעזינטן.

די יידישע קינדער האָבן גאָרנישט געוואָלט, אַז דער זומערדיקער שבת זאָל זיך ענדיקן. אויסגעפּוצטע אין די שבתדיקע בגדים האָבן זיי זיך אַרומגעשפּילט אויף די הויפן, אין טאָל און צווישן די בערג. זיי האָבן אין דעם שבתדיקן טאָג זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון זייערע גויאישע פריינט און זיי צו זיך נישט צוגעלאָזט. די יידישע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין סאָלדאַטן, אין גזלנים, אין „יוסף מיט די ברידער" און זיי האָבן געפּילדערט און געליאַרעמט. די שקצימלעך זיינען געשטאַנען פון דערווייטנס און זיי זיינען געווען ביז פאַרוואָס מען נעמט זיי אויך נישט אַריין אין שפּיל. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דאָס יידישע לשון און עס איז זיי פאַרגעקומען, אַז דאָס יידישע קליינוואַרג, וואָס האָט אין שפּיל זיך געלאָזט הערן אויפן קול, שעלט זיי און רעדט אויף זיי אויס שלעכטס.

— מיר וועלן באַלד אַרויסקומען צו אייך מיט אונדזערע הינט וועט איר אַלע איינגעמען שטומעניש.

— אוי ווי, טאַטע בערעכאַטע, זשעדע פאַרכאַטע. מאָרגן גייען מיר אין אונדזער צערקווע און איר נישט. דאָרטן איז אַ סך שענער ווי ביי אייך אין שקאָלע.

— זשעד כאָלאָמעי! מיר וועלן זיך מיט אייך שוין קיינמאָל נישט שפּילן. מיר האָבן אייך פיינט, ווייל איר האָט פאַרמוטשעט אונדזער גאָט — האָבן די שקצימלעך מיט שנאה צו זיי אַריבערגערופן און זיי נאָכגעשריגן מיאוסע נעמען.

די דאָרפישע יידישע קינדער, וואָס האָבן געקענט גוט גויאיש רעדן, האָבן אָן מורא זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענהן מיט די שקצים און אויך געווען גרייט מיט זיי צו פאַרפירן אַ מלחמה.

— מיר האָבן פאַר אייך נישט קיין מורא און אויב איר וועט אַרויס־ברענגען די הינט וועלן מיר זיי מיט שטעקנס צעקאַטעווען ביז בלוט.

— און מיט אייער צערקווע מעגט איר זיך האַלטן. מיר טאָרן אַהין סיי־ווי נישט גיין.

— און וועגן אייער גאָט, וואָס איר זאָגט, אַז מיר האָבן אים פאַר־מוטשעט איז נישט אמת. אַ גאָט קאָן מען נישט פאַרמוטשען, ווייל ער איז אין הימל און ער קומט קיינמאָל נישט אַראָפּ אויף דער ערד — זיינען די יידישע קינדער זיי נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער.

די דערוואַקסענע יידישע בחורים און מיידן פון דאָרף האָבן פאַרנאַכט אַרויסבאַגלייט דעם שבת ביז אין פעלד אַריין. די בחורים האָבן שפּאַצירט באַזונדער און די מיידלעך באַזונדער. זיי זיינען געגאַנגען ביז צו דער ראָגאַטקע און דערנאָך מיט פעלד־סטעזשקעס זיך פאַרנומען צו דער חורבה פון שלאָס.

ווען בלומעלע איז יענעם פאַרנאַכט, נאָך יאָשעס אַוועקגיין, אַרויס־געקומען צום שלאָס האָט זי דאָרט געטראָפן זיצן אויף אַ שטיין עטלעכע מיידלעך. צווישן זיי איז געווען איינע אַ שטאָטישע, וואָס איז געקומען אין דאָרף אַריין צו־גאַסט אויף שבת און זי האָט זיי געלערנט אויסזינגען אַ פּאָר יידישער לידער. איין ליד איז געווען וועגן דעם קאַפּיטאַן דרייפוס, וועגן דעם ווי מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט אַ בלבול נאָר דערפאַר וויל ער איז אַ ייד; ווי מען האַלט אים אויף ברויט מיט וואַסער אין געפענגעניש און מען פייניקט אים אומזיסט און אומנישט. אַ צווייט ליד איז געווען וועגן אַן אָרעם מיידל, וואָס שפּילט אַ ליבע מיט אַ גבירס אַ זון. די ליבע פלאַקערט ביי דעם פּאָרל ווי אַ העליש פייער, אָבער חתונה האָבן קאָנען זיי נישט. ווייל די רייכע טאַטע־מאַמע פון דעם בחור שטייט נישט אָן דעם מיידלס יחוס. די מיידלעך האָבן דאָס ליד גיך איבער־גענומען און ווען זיי זיינען דערנאָך מיט דער צוגעפאַלענער נאַכט גע־גאַנגען אַהיים האָט איבער די פעלדער זיך געטראָגן זייער געזאַנג:

„אוי, זאָג מיר יאַקאָב, שיינער יאַקאָב,
צי האָסט מיך וואַרהאַפטיג ליב."

בלומעלע איז געזעסן מיט די מיידלעך אויפן שטיין ביז דאָס ליכט פון טאָג איז אין אַ פייערדיקער רויטקייט פאַרפאַלן געוואָרן הינטערן באַרג. ווען די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ווילד־פאַרוואַקסע־נער חורבה און די מיידלעך זיינען זיך צעגאַנגען, האָט זי זיך אויך גע־לאָזט גיין אַהיים. זי האָט איינע אַליין זיך פאַרנומען מיט אַ זייטיקער סטעזשקע ווי אויפצולייגן וועג, און זי האָט אין גאַנג זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן צי זעט מען נישט דעם יאַנאָוויצער פּאַניטש אָנקומען. עס האָבן אין אירע אויערן ווי געזשומעט די ווייבערס רייד וועגן יאָשע דאַטש און דער געדאַנק, אַז מען וויל זי פאַרשלייערן מיט דעם דאָרן פרישטשעוואַטן בחור האָט אָנגעטריבן טרערן אין אירע אויגן.

— ער האָט דאָך געזאָגט, אַז ער וועט קומען — האָט זי מיט אירע אויגן אַרומגעזוכט דעם פּאַניטש. זי האָט געזען פאַר זיך זיין געשטאַלט און זיך פאָרגעשטעלט ווי ער קומט צורייטן, ווי ער נעמט זי אויף זיין פערד און ער פירט זי אַוועק ערגעץ ווייט פון דאַנען. זי האָט אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט און געהאָרכט. עס איז איר נאָר פאָרגעקומען, אַז יאָשע דאַטש האָט זיך צוריק אומגעקערט צו זייער שטוב און אַז די ווייבער זיצן דאָרטן מיט אים און וואַרטן אויף איר. זי האָט דערפאַר זיך נישט געאיילט אַהיימצוגיין און זי איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט.

די לבנה איז אַ פולע ווי אַרויסגעשוואומען פון צווישן קליינע וואָל־קענדלעך. בלומעלע האָט אַרויפגעקוקט צו דעם בלאַסן פּנים אין דער לבנה און די באָבע מירל איז איר געקומען אויפן זינען. מען האָט אין דער היים און אויך אויפן דאָרף בלומעלען אָפטמאָל גערופן מיטן צונאָמען „די באָבע מירעלע״. זי האָט זיך אָבער דערפון קיינמאָל נישט באַליי־דיקט. פאַרקערט, זי האָט זיך נאָך איבערגענומען מיט דעם צונאָמען און אַלעמאָל ליב געהאַט צו הערן די מעשׂות וועגן דער באָבע מירל, וואָס פּריצים און גראַפן האָבן זיך אין איר איינגעליבט.

בלומעלע, ווי געפירט פון דער לבנה, איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועגס און דערנאָך זיך אומגעקערט צוריק צום שלאָס. די נאַכט האָט שטיל און סודותדיק געהויערט אַרום דער חורבה. שווערע שפּין־געוועבן האָבן ווי אַלטע פאַרשטויבטע שלייערן אַראָפּגעהאַנגען פון די צעקרישלטע מויערן. פון צווישן די ווילדע ביימלעך האָט זיך געהערט אַ שטיל זשומען פון קריכענדיקע באַשעפענישן. מיטאָמאָל איז אַ גרויסע פלעדערמויז מיט אויסגעשפּרייטע פליגל ווי צעעפנטע שירעמס מיט אַ גערויש אַראָפּ־געפלויגן פון דער הויך און איז פאַרשוואונדן אין דער חורבה.

בלומעלע האָט זיך געהאַט גענוג אָנגעהערט וועגן די שדים, וואָס האַלטן זיך אויף אין שלאָס און וועגן סאָוועס און פלעדערמייז, וועלכע זיינען גלגולים פון זינדיקע מענטשן. עס איז איר געוואָרן אומהיימלעך און זי האָט גיך געוואָלט אָפּזאָגן דעם שפּרוך, וואָס די באָבע האָט זי נאָך קליינערהייט אויסגעלערנט. דער שפּרוך האָט זי נישט איינמאָל באַשיצט ווען זי איז ביינאַכט געגאַנגען איינע אַליין אין דרויסן. מיטאָמאָל האָט זי אָבער דערזען דעם פאַניטש אָנקומען און זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם שפּרוך.

דער פאַניטש האָט זיין פערד געפּענטעט גאַנץ ווייט פון שלאָס, עס געלאָזט זיך דאָרט פּאַשען און ער איז מיט שטילע טריט צוגעקומען. בלומעלע האָט אים באַמערקט ווען ער איז שוין געווען גאָר נאָענט לעבן איר.

— וועמען זע איך דאָ איינע אַליין אין פעלד? — האָט ער גערעדט צו איר אין פּויליש און געבליבן שטיין פאַר איר אַ שמייכלענדיקער מיט זיין רייט־שטעקעלע אין האַנט. ער האָט זי אָנגענומען ביי ביידע הענט, וואָס זיינען געווען שטאַרק קאַלט, און זיך באַגריסט מיט איר ווי מיט אַן אַלטער באַקאַנטע. בלומעלע האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז זי וואַרט שוין לאַנג אויף אים, אַז זי האָט זיך שוין געהאַט געלאָזט גיין אַהיים און זיך צוריק אומגעקערט. זי איז אָבער געווען אויסער זיך און זי האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן.

— כ׳האָב געזאָגט, אַז איך וועל אַרויסקומען. כ׳האָב מיך נאָר אַביסל פאַרשפּעטיקט, ווייל איך בין געווען אין שטאָט. און וואו זיינען די אַנדערע מיידלעך, וועגן וועלכע דו האָסט מיר געזאָגט?

בלומעלע האָט ווי אָפּגעריסן עטלעכע ווערטער פֿון מויל און אים געענטפֿערט, אַז זיי זיינען שוין אַלע אַהיימגעגאַנגען.

— און איין מיידל אַליין האָט נישט קיין מורא דאָ אַרומצוגיין ביי־נאַכט ?

זי האָט אים געוואָלט דערציילן וועגן דער פּלעדערמויז, וואָס איז ערשט אַראָפּגעפֿלויגן פֿון דער הויך און אים געוואָלט זאָגן, אַז זי האָט זיך שוין אָנגעהערט אַ סך מעשׂות וועגן נישט־גוטע, וועלכע האַלטן זיך אויף אין דער חורבה, אָבער דאָס האָט זי קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן פֿון גיין צום שלאָס. ס'איז איר אָבער שווער געווען אין גערדאַנק צונויפֿצולייגן די אַלע רייד. זי איז געשטאַנען פֿאַר אים אַן אומבאַהאָלפֿענע און ווען זי האָט דורך שמאָלע שפּעלטלעך פֿון אירע אויגן צו אים אַרויפֿגעקוקט האָבן אירע ווייס געגומען ציטערן.

דער פּאַניטש האָט זי דערנאָך ווי אַ קינד געפֿירט ביי דער האַנט לענגאויס הינטערן באַרג, וואו ס'האָבן פֿון צווישן ווייס־געלע רומיאַנעק בלומען און ווילדע רויזן־בוימלעך אַרויסגעסטאַרטשעט הויכע פּעלדזן. ער איז געווען העכער פֿון איר און ער האָט אין גאַנג צוגערירט זיין פּנים צו איר בלאָנדן קאָפּ און איר געזאָגט, אַז ס'שמעקט פֿון איר מיט פֿריש־געפּאַלענעם טוי. ער האָט אין גאַנג אָפּגעפֿליקט אַ ווילדע בלום, זי איינ־געשטעקט אין אירע האָר און איר אַריינגערעדט אין אויער, אַז זי איז די שענסטע בלום דאָ אין פֿעלד. בלומעלען האָט געצויגן אַרויפֿצוגיין צום אַלטן שלאָס. זי האָט אָבער אַ שוויגנדיקע זיך געלאָזט פֿירן פֿון אים. עס איז איר גוט געווען צו פֿילן זיין אָטעם אויף איר פּנים און עס זיינען איר ליב געווען זיינע שטילע גוטע רייד, וואָס האָבן זי ווי באַרוישט.

זיי זיינען זיך פֿאַרגאַנגען צווישן די פֿעלדזן און זיך דאָרט צוגעזעצט אויף אַ גרויסן פֿלאַכן שטיין. בלומעלע האָט אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז זי דאַרף אַהיימגיין.

טאַדעק האָט איר דערציילט וועגן די חידושים פֿון דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט געלערנט, און בלומעלע איז ווי אין אַן אַנדער וועלט פֿאַרטראָגן געוואָרן. ס'דאַרף, יאַשע דאַטש, די שטוב און די ווייבער, וואָס זי האָט דאָרטן איבערגעלאָזט, זיינען איצט געווען ווייט פֿון איר. אַלע אירע חלומות און בענקשאַפֿטן, וואָס זיינען געקומען ביינאַכט צו איר געלעגער זומער און ווינטער, זיינען ווי וואָלקנס זיך צעשוואומען. זי האָט פֿאַרגעסן אָן די ליכטיקע זומער־נעכט, ווען די פֿולע לבֿנה האָט זי נישט געלאָזט איינרוען אויפֿן געלעגער, נאָר ווי אַ מאַגנעט זי געצויגן אין דרויסן אַרויס. זי האָט פֿאַרגעסן אָן יענע נעכט ווען זי איז אַ שלאָפֿנדיקע אין הוילן העמד דורכן פֿענצטער אַרויס פֿון שטוב און ווי אַ שאָטן, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון אַ פּלויט, געוואַנדלט איבער גערט־נער און פֿעלדער.

— דו ביסט די שענסטע רויז פֿון דער ווילדערניש, זעסט־אויס ווי אַ פֿעלד־פּרינצעסין פֿון אַ שלאָס, וואָס, שטייט אָפּגעזונדערט פֿון שטאָט

און דארף און קיינער ווייסט נישט וועגן אים — האבן טאדעקס רייד זיך ווי געוויקלט ארום איר הארץ. זי איז געזעסן לעבן אים ווי א פאר־כישופטע און א שווייגנדיקע ארויפגעקוקט צו דער לבנה. עס איז איר ליב געווען זיין ווארעמע נאענטקייט און ווען ער האט מיט א האנט ארומגענומען איר האלדז און צוגעטוילעט זיין פנים צו אירן, האט זי זיך אפילו קיין ריר נישט געטאן. ער האט זי געקושט אויף די באקן און זי האט זיך נישט געווערט. עס האט זיך איר אין מח געגומען באמבלען די מעשה וועגן אלטן שלאס, וואס דער פוילישער פירשט האט מיט א סך יארן צוריק געבויט פאר זיין יידישער כלה און עס איז פאר איר אויפגעגאנגען דער פאלאץ אין זיין פראכט. דורך שמאלע שפּעלט־לעך פון אירע אויגן האט זי פאר זיך געזען שניי־ווייסע ווענט, גרויסע ליכטיקע פענצטער אין גאלדענע ראמען. און זיך אליין האט זי איצט געזען אן אויסגעפוצטע אין די שענסטע קליידער אוןָ אין א לאנגן ווייסן שלייער. טאדעק איז געגאנגען אין איר רעכטער זייט און זי געפירט אונטערן ארעם צו די מארמארנע טרעפּ פון דעם שלאס.

— שיינע פעלד־טויב מיינע. עס איז קיינער נישטא אונטער דעם קיילעכדיקן הימל, נאר מירביידע — האט דער פאניטש זי געטוליעט צו זיך און נישט אויפגעהערט רעדן צו איר.

מיטאמאל האט ער מיט אזא ווילדקייט זיך איינגעביסן אין אירע ליפּן, אז זי האט אזש אויפגעציטערט. אן אנגסט האט איצט אנגערירט בלומעלעס הארץ. זי האט זיך געוואלט א הייב־טאן פון ארט, אבער טאדעק האט זי מיט שטארקע ארעמס ווי מיט א רייף ארומגענומען. זי האט א צעטומלטע זיך געוואלט באפרייען פון זיינע ארעמס, אבער עס איז זי באפאלן א מאטקייט, נאר צום חלשן, און זי האט זיך נישט גע־קאנט קיין ריר טאן. א דריבנער שווייס האט באדעקט איר פנים און אירע ליפּן האבן גענומען ציטערן. זי האט עפּעס געוואלט זאגן, אבער נאר אן אומפארשטענדלעך מורמלען איז ארויסגעקומען פון איר מויל. זי האט קוים אויפגעהויבן א האנט און מיט די שפּיץ־פינגער אנגערירט טאדקעס פנים. דערנאך איז איר האנט ווי א פארחלשט באשעפעניש אוועקגעפאלן אויפן שטיין.

— עס איז דא קיינער נישטא, נאר מיר ביידע — איז דער פאניטש א ברומענדיקער צו איר צוגעפאלן. און באלד האט איר גאנץ לייב אויפגעצוקט פון ווייטיק. א געוויש ווי פון שטארקע וואסערן, וואס רייסן זיך דורך הויכע שליוזעס, האבן זיך צעזשומעט אין אירע אויערן. דער פאלאץ מיט די ווייסע ווענט און מיט מארמארנע טרעפּ איז ווי מיט־אמאל פארפאלן געווארן אין א טומאן. דער שטיין אונטער איר האט זיך א וויג־געטאן, זיך גענומען דרייען וואס אמאל שנעלער און שנעלער.

דערנאך איז, ווי נאך א שטארקן געוויטער, ארום איר געווארן שטיל. בלומעלע איז געלעגן א רואיקע אויפן שטיין. זי האט ווי אן אויפגעקו־מענע פון א חלום, ביסלעכווייז צעעפנט די אויגן און זיך גענומען ארומ־

קוקן. ס'ערשטע האָט זי דערזען די חורבה און דאָס שפּין־געוועב אַרום איר.

טאַדעק איז איצט געלעגן לעבן איר אַן אויסגעצויגענער אויפן רוקן און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. עס איז איר טרוקן געווען דער גומען און אין דער נאָז איז איר פאַרגאַנגען אַ ריח ווי פון יונגע גרינ־לעכע צעדריקטע קערנער גערשטן, וואָס האָבן אין זיך נאָך די זאַפטיקע ווייסקייט פון מילך. אַ שטערן האָט אין מזרח־זייט אַ ציטער געטאָן, ווי אַ שוועבעלע דורכגעשטראָכן אַ שטיק הימל און אַראָפּגעפאַלן ערגעץ ביים ברעג פון די פריצישע לאַנעס ווייץ און קאָרן. צוויי שוואַרצע קנייפּערס מיט אויסגעקרימטע שפּיציקע הערנער זיינען פון ערגעץ געקומען צוקריכן צום שטיין און זיי זיינען באַלד מיט אַ זשומען אַוועקגעפלויגן.

מיטאַמאָל האָט בלומעלע זיך דערמאָנט אָן דעם שפּרוך, וואָס האָט זי אין די נעכט געדאַרפט פאַרהיטן פון אַלדאָס בייז, און זי האָט אין געדאַנק גענומען אים פאַוואָליע איבערזאָגן: „די לבנה איז אין הימל, איך בין אויף דער ערד, דער שטיין איז טיף אין וואַסער, דער בער איז טיף אין וואַלד". ווען זי איז געקומען צו די ווערטער: „אַזוי ווי ס'קאָן איינס צו ס'אַנדערע נישט צוקומען, אַזוי זאָל צו מיר קיין שלעכטס נישט קאָנען צוקומען", האָט זי זיך פאַרהאַקט און טרערן האָבן אַ שפּאַר־געטאָן צו אירע אויגן.

בלומעלע האָט זיך אויפגעזעצט, פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף טאַדעקן ווי ער ליגט אַ רואיקער און זי האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס ער רעדט נישט צו איר. ער האָט דאָך ערשט איר געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן, און איצט קוקט ער פאַר זיך און שווייגט.

דער פאַניטש האָט איר באַלד נאָכגעטאָן און זיך אויך אויפגעזעצט. ער האָט אויפגעשטעלט איין קני ווי אַ קראָקווע, אַרומגענומען די קני מיט בײדע הענט, אַרויסגעלאָזט אַ לייכט הוסטעלע און דערנאָך יאָ אַרויסגערעדט עטלעכע אָפּגעריסענע טרוקענע ווערטער:

— מאָרגן דאַרף איך אַוועקפאָרן. כ'וועל אָבער צוריקקומען און מירן זיך דאָ ווידער באַגעגענען. קיינער דאַרף וועגן דעם נישט וויסן. דאָס וועט בלייבן אַ סוד צווישן אונדז ביידע.

בלומעלע האָט אים אָנגעקוקט. עס איז איר פאַרגעקומען, אַז ער האָט מיטאַמאָל אינגאַנצן זיך געביטן. זי האָט די עטלעכע ווערטער נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, אָבער אָנשטאָט אים עפּעס איבערצופרעגן האָט זי אַ צעטומלטע אַרויסגעמורמלט, אַז ס'איז שוין שפּעט און אַז זי דאַרף שוין אַהיימגיין. זי האָט זיך באַלד אויפגעהויבן פון שטיין און זיך גע־לאָזט גיין צו דער סטעזשקע. טאַדעק האָט זיך אויך אויפגעשטעלט.

— כ'וועל אין עטלעכע טעג אַרום דורכרייטן לעבן אייער הויז און יענעם אויפדערנאַכט וועלן מיר זיך דאָ ווידער באַגעגענען — האָט ער ווי מיט אַ פאַרענדערט קול גערעדט צו איר. ער איז דערנאָך איר נאָכ־

געגאַנגען עטלעכע טריט און איר נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשוואונדן צווישן די ווילדעביימלעך און הויכע גראָזן.

* * *

לייב איז יענעם שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, אַוועק אין דאָרף אריין היילן אַ קו, און ווען בלומעלע איז צוריקגעקומען פון דעם אַלטן שלאָס, איז ער נאָך נישט געווען אין דער היים. זי האָט אויף די שפּיץ־פינגער זיך אַריינגעשאַרט אין דער פינצטערער שטוב און איז באַלד געווען אויף איר געלעגער. אַ מידקייט האָט אַרומגענומען אירע גלידער. זי איז אָבער נאָך לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן און אַן אויסגעניכטערטע גע־טראַכט וועגן איר באַגעגעניש מיטן פּאַניטש.

דער נעפּל אין איר מח איז ווי פון אַ שטורעם־ווינט צעטריבן גע־וואָרן און עס האָט זי איצט גענומען פּייניקן דער פאַרדרוס פאַרוואָס זי איז דעם פּאַניטש געווען אַזוי אונטערטעניק.

דער מאַמעס געשטאַלט איז פאַר איר אויפגעגאַנגען אין דער פינצטער. עס האָט זיך איר נאָר אויסגעוויזן, אַז די מאַמע וועט באַלד מיט אַ האַנט אָנרירן איר שטערן. זי האָט זיך ווי פאַרשעמט פאַר דער מאַמען און זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ און איינגעגראָבן ס׳פּנים אין קישן. די שטוב איז אָבער באַלד ווי פול געוואָרן מיט דער מאַמעס רייד: „איי, נאַריש קינד וואָס דו ביסט. דער מענטש איז נישט קיין מלאך און ער האָט נישט קיין פליגל זיך אויפצוהייבן צום הימל. דער מענטש דאַרף אַלעמאָל אַרומ־גיין אויף דער ערד. ער דאַרף האַלטן אָפן די אויגן און היטן זיינע טריט; אַז נישט, קאָן ער זיך נאָך אָן עפּעס פאַרשפּאַטן און פאַלן. עס איז פאַרן פויגל צו פליען איבער די וואָלקנס און פאַרן טאָפּאָליע־בוים זיך צו רייסן אין דער הייך, אָבער דאָס גראָז האַלט זיך ביי דער ערד און דער מאָך וואַקסט אַפילו אויף אַ שטיין אין שאָטן. שוין צייט, אַז דו זאָלסט עס וויסן.“

עס זיינען איצט צו בלומעלען אויפן געלעגער צוריקגעקומען די מוסר־רייד מיט וועלכע ריווע האָט זי געזוכט אַרויסצורייסן פון איר פאַר־טראַכטקייט און פון אירע חלומות. זי האָט ווי געפילט דער מאַמעס אָטעם אַרום זיך. עס האָבן זיך אין אירע אויערן ווי אַריינגעציילט די ווערטער פון אַ תחינה, וואָס די מאַמע האָט נישט איינמאָל זי געזאָגט מיט געוויין. זי האָט געהערט ווי די מאַמע בעט ביים אַלמעכטיקן האַר אין הימל, אַז ער זאָל אירע קינדער אויסהיטן פון בושה; אַז בייזע צינגער זאָלן זיי נישט שטעכן מיט רייד ווי מיט שפּיזן; אַז אויגן זאָלן נישט ווינקען אויף זיי מיט רכילות און פינגער זאָלן אויף זיי נישט טייטלען ווי אויף שאַלקהאַפטיקע.

דעם טאַטנס שטרענגע רייד, וואָס ער האָט ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אַריינגערעדט אין איר און אין יאַנקלען, האָבן איצט ווי אַ ווידער־קול אַרום איר אָפּגעקלונגען. „געדענקט — האָט ער זיי געזאָגט — די

מאַמע איז נישטאָ, די באָבע איז אַלט, און איך קען אייך נישט דער־היטן אין אַזאַ גרויס דאָרף צווישן אַזויפיל גויים. ווי גאָט איז אייך ליב, שאַנעוועט אונדזער נאָמען. דער זיידע בער האָט אונדז שטענדיק געלערנט, אַז מיט אַ גוטן נאָמען איז מען רייכער ווי מיט די גרעסטע פאַרמעגנס. און די מאַמע אייערע האָט שטענדיק געבעטן ביי גאָט, אַז זי זאָל נישט דאַרפן איינעמען קיין בושות מיט אירע קינדער."

„וואָס וועט זיין ווען זי וועט פאַרגיין אין טראָגן?" האָט דער געדאַנק ווי מיט אַ האַמער איר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. אַ קעלט איז דורכגעלאָפן איר גאַנץ לייב, ווען זי האָט זיך דערמאָנט ווי ערשט ערב פּסח האָט זי געזען ווי אַ גויאישער שכן האָט גוט אָנגעשלאָגן זיינע אַ יונגע טאָכטער און זי פאַרטריבן פון דער היים ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי דאַרף געבוירן אַ ממזר.

„מאָרגן דאַרף איך אַוועקפאָרן. דאָס וועט בלייבן אַ סוד צווישן אונדז ביידע", האָט ער זיך אָפּגעזאָגט און גאָרנישט. ער וואָלט שוין נישט אַוועקגעפאָרן ווען דער טאַטע זאָל זיך אַלצדינג דערוויסן. דער טאַטע וואָלט זיי ביידע דערהרגעט. וואָס וועט טאַקע זיין, ווען דער טאַטע וועט געוואויר ווערן? נישט אַנדערש, נאָר ס'איז איר אָנגעצייכנט געוואָרן צו האָבן דער באָבע מירלס סוף. זי וועט מיט אַ שטיין אַרום איר האַלדז זיך אַראָפּלאָזן אין טיפן וואַסער און קיינער וועט אַפילו נישט וויסן וואו איר געביין איז אַהינגעקומען.

ערשט שפּעט אין דער נאַכט איז בלומעלע איינגעשלאָפן.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט די זון שוין געהאַט צעוואָרעמט דעם טאָג. די ייִנגערע קינדער האָבן שוין געהאַט אָנגעריסן אַ קאָן ווײַנשעל אין גאָרטן און דבורה די פּירזאָגערין איז שוין געווען ביי זיי אין הויז. ווען זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן האָט זי געזען די מומע דבורה שטיין ביי דער טיר מיט אַן אויפגעשטעלטן פאַדאַלעק און בלו־מעלעס ייִנגערע שוועסטער נעכע האָט איר פון דער קאָן אַריינגעשיט אַביסל פון די פייער־רויטע ווײַנשעל. די מומע דבורה האָט גענומען אין מויל אַריין אַ פּאָר ווײַנשעל און זיך פאַרקרימט.

— זיי זיינען דאָך אַזוי זויער, אַז זיי קאָנען אויפוועקן אַ טויטן. פאַר מעוברתדיקע ווייבער זיינען זיי ווי געוואונשן. כ'וועל פון זיי אָפּקאָכן אַ באָרשטש, וועט אים דער אַלטער קייזער מעגן עסן. מ'דאַרף זיי נאָך נישט באַרייסן. זאָלן זיי זיין אויף די ביימער ביז נאָך שניט, וועלן זיי ווערן זיסער. מ'עט דאַרפן פון זיי מאַכן ווישניק, ס'גייט דאָך צו שמחות — איז דבורה געווען באַרעדעוודיק. זי האָט גערעדט צו דער אַלטער שרהלע און אַריבערגעקוקט צו בלומעלען, וואָס איז אַ פאַר־שלאָפענע אַראָפּ פון געלעגער — זעטס נאָר די כלה־מויד שטייט דאָך ערשט אויף. דער בעטלער איז שוין אויפן דריטן דאָרף און זי שלאָפט זיך, גלייך ווי עס וואָלט ביי איר געווען גאָכן באַדעקנס!

דבורה די פּירזאָגערין איז יענעם אין דער פרי שוין געווען אין

עטלעכע יידישע און גויאישע שטיבער און זי האָט שוין געוואוסט אַלע נייעס פון דאָרף. זי האָט גערעדט גיך, געמישט איינס מיטן אַנדערן און דערציילט, אַז אַ טכויר האָט ביינאַכט ביי פסחן אויסגעדישעט עטלעכע הינער; אַז דער פריץ הייבט די וואָך אָן שניידן די לאַנעס ווייץ און אַז ער וועט געבן די שניטער דעם נייעם סנאָפּ.

— כ'האָב געהערט זאָגן, אַז דער גלח וועט היינט ביים קלויסטער האַלאַסעווען, אַז מ'עט ביי אַלע פריצים פון די אַרומיקע דערפער שניידן דאָס יאָר די תבואה פאַרן נייעם סנאָפּ. וואָס זאָגט איר נישט צו זלמן סאַדאָווניקס זון? ער איז דאָך אַ גאַנצער „יאַטיבידאַם״ ביים יאַנאָוויצער פּריץ. מ'זאָגט דאָך, אַז ער רעדט פּויליש ווי אַ וואַסער. הערסט וואָס איכל דיר זאָגן — איז זי צוגעגאַנגען צו בלומעלען, וואָס האָט זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער — דאַרפסט אים כאַפּן מיט ביידע הענט. די מאַנסבילן, וועלכע זיינען שעמעוודיקע צווישן ווייבער, האָבן נישט קיין גאַל אין זיך. זיי זיינען די בעסטע מענער. וועסט שוין זען. ער'ט דיר ניאַנטשען די קינדער, ער'ט דיר דערלאַנגען אין דער פרי די אויס־געוועלטע מילך אין בעט אַריין און וועסט ביי אים קאָנען שלאָפן ביז וואַרעמעס.

בלומעלע האָט אַ שוויגנדיקע אויפגענומען דער מומע דבורהס רייד. זי איז אויפגעשאַנען אַן אויסגערוטע, אַ געקרעפּטיקטע און אַ רואיקייט האָט אַרומגענומען איר געמיט. זי איז אַרויס אין דרויסן און דאָרט לעבן דער קאָריטע מיט קאַלט וואַסער געוואַשן איר פּנים און אירע אָרעמס. ווען זי איז צוריק אַריין אין שטוב האָט איר יינגערע שוועסטער נעכע שוין גענומען גרייטן וואַרעמעס פאַרן גאַנצן הויזגעזינט. נעכע האָט שוין געהאַט אַרויסגעוואָרפן אויף אַ ברעטל אַ פריש־אָפּגעקאָכטע קולעשע פון קוקורודזע־מעל, פון וועלכער עס האָט זיך געהויבן אַ פאַרע און אַ באַטעמטער ריח, וואָס האָט ביי בלומעלען אויפגעוועקט אַן אַפּעטיט.

— הערסט, נעכעלע, אַ שלימזלניצע זאָל גאָר נישט געבוירן ווערן. די קולעשע איז דאָך דיר אַרויס אַ גאַנצע נאָר ווי אַ קוגל, און דער ריח איז דאָך טעם גן־עדן. אַזאַ גרויס שטיק געלד זאָל איך האָבן, וואָס פאַר אַ חתן דו וועסט בעמען. זאָל נאָר בלומעלע אַ כלה ווערן — האָט דבורה זיך ערשט געוואָלט צעלאָזן. לייב מיט זיינע דריי זין זיינען אָבער אָנגעקומען פון קלויז, וואו זיי האָבן געדאַוונט מיט מנין און געזאָגט קדיש נאָך ריוועלן. זיי האָבן דער מומען ווי איבערגעשלאָגן אין מיטן און זי איז באַלד אַרויס פון שטוב.

* * *

בלומעלע האָט זיך גענומען דרייען אַרום נעכען ווי אַרום אַן עלטערער שוועסטער און איר געהאָלפן גרייטן צום טיש. ווען לייב איז אַריינ־געקומען האָט זי מיט אַ ווייסן פאַדעם צעשניטן די געלע קולעשע אין שמאָלע פּאַסן, געבראַכט צום טיש קעז מיט פּוטער און מילך און גלייך

מיט אַלעמען זיך געזעגנט עסן. אַלע מאָל איז אָבער פאַר איר אויפגעגאַנגען די ביינאַכטיקע באַגעגעניש מיט טאַדעקן און זי האָט ווי מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן אין טאַטנס זייט.

אין מיטן עסן איז ליפשע דעם ראַגאַטניקס אָנגעקומען. מען האָט נאָך פאַר שבת מיט איר געהאַט אָפּגערעדט, אַז זי זאָל זונטיק אין דער פרי קומען העלפן אונטערפּליקן די עטלעכע־און־צוואַנציק יונגע גענדז, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרלירן די פעדערן. ליפשע איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר אַ ברייטלעכע מיט ברוינע אָפּגעוואַשענע פּיס און מיט אַ צעפלאַמט פּנים. זי האָט ענגער פאַרצויגן דעם שלייף פון איר פאַרביק טיכל אויפן קאָפּ און אַראָפּגעקוקט צו דער ערד. די באָבע שרה־לע, אַן אָנגעשפּאַרטע אויפן שטעקעלע, איז איר אַנטקעגן געגאַנגען און זי ווי צוגעשטופּט צום טיש, אַז זי זאָל זיך אויך זעצן עסן. ליפשע האָט אַ שעמעוודיקע זיך געקוּוענקלט. דער קליינער וועווקע, וואָס האָט געהאַלטן אַ שוואַרץ־ווייס הינטעלע אויפן שויס, האָט זי אָבער גענומען רופן און זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים.

— ס׳איז מיין הינטעלע. יאַנקל האָט עס מיר געבראַכט. ס׳עסט נאָר מילך, מער גאָרנישט — האָט וועווקע, וואָס האָט זיך געפילט היימיש מיט ליפשען, צו איר גענומען רעדן.

— מירן דעם הינטל באַלד געבן מילך, אָבער צוערשט דאַרפסטו עסן — האָט ליפשע, איידער זי האָט אַליין אָנגעהויבן עסן, גענומען האָדעווען וועווקען.

די קלענערע מיידלעך, כייקע און גיטעלע, האָבן זיך צוגערוקט נעענטער צו ליפשען און זיך אויך געלאָזט הערן.

— דאָס הינטל האָט שוין אַ נאָמען.

— ס׳איז געגאַנגען די סדרה בלק, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז מען זאָל אים רופן בלק.

— פאַרטאָג ווײנט עס שטאַרק נאָך דער מאַמען און דערנאָך פאַר־שפּילט זיך עס

— טשערניוק האָט אים געוואָלט אָפּהאַקן דעם עק, אָבער מיר האָבן נישט געלאָזט. ס׳אַ רחמנות.

— מיר האָבן בלקן זיבן מאָל דורכגעוואָרפן דורך אַ רעדל פון וואָגן, אַז ער זאָל נישט וואַקסן צו־גרויס — האָט דאָס קליינוואַרג געהאַלטן אין איין רעדן.

— אויב דאָס הינטל וועט טאַקע בלייבן קליין וועט מען אים מוזן געבן אַן אַנדערן נאָמען, ווייל בלק איז געווען אַ גרויסער הונט מיט אויערן — האָט לייב אַרויסגעברומט און נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער שיסל — ס׳איז דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט. כ׳ווייס גאָרנישט ווען מ׳וועט זיך אָפּפּאָרען. — לייב האָט גערעדט צו זיינע קינדער ווי צו דער־וואַקסענע און אויסגערעכנט וואָס מען דאַרף אַלץ אָפּטאָן אין די טעג פון שניט. ער האָט זיך געקליבן אויף צומאָרגנס אַרויסצוגיין מיט יאַנקלען

אין פעלד אַריין קאָסן גערשטן און ער האָט דערמאָנט, אַז מען וועט בייטאָג דאַרפֿן צוגרייטן די פּריוועסלעס אויף צו בינדן די סנאָפּעס.

בלומעלע האָט אַ שווייגנדיקע אָפּגעגעסן און דערנאָך, ווען איר יינגערע שוועסטער נעכע איז אַוועק העלפֿן ליפשען כאַפּן די געבנדז, האָט זי זיך גענומען אויפראַמען די שטוב. זי האָט איבערגעוואַשן ס׳געפעס, מיט פריש־אַנגעריסענער קראַפּיווע אויסגעפּאַרעט די ליידיקע לאַדישטשעס פון אַ גאַנצער וואָך מילכיקס און אויסגעקערט יעדעס ווינקעלע. זי האָט גע־אַרבעט גיך, עפּעס ווי ניט מיט איר כוח, און ווען מען איז נאָך וואָרעמעס אַרויס מאַכן די פּריוועסלעס איז זי אויך געגאַנגען אַרויסהעלפֿן.

ליפשע האָט אונטערגעפּליקט אַלע געבנדז, אַרויפגעטראָגן אויפֿן בוידעם די רויטע איינשיט מיט די פּעדערן און דערנאָך זיך אָנגעבאָטן צו העלפֿן מאַכן די פּריוועסלעס אויף צו בינדן די סנאָפּעס.

— מירן אַוועקגיין אין דער זייט און זאָלן די ערלים זיך נישט אַרויס־נעמען די אויגן. ס׳וועט זיי נאָך פֿאַרשאַטן דער פעטער אַנבייסן ווען זיי וועלן זען ווי מיר זיינען מחלל זייער הייליקן זונטאָג — האָט לייב אָנגעוויזן אויף די גויאישע שכנים, וואָס זיינען אין דעם הייסן נאָכמיטאָג געזעסן אויסגעצוואָגענע און אָנגעגעסענע אויף די פּריזבעס און ביי די טויערן. לייב האָט אַוועקגעפירט ס׳גאַנצע בני־בית הינטער דער סטאַדאָלע. ער האָט דאָרט אין שאָטן אויסגעשפּרייט אַ גרויסן אָקאָלאָט קאָרן־שטרוי און אים גוט אויסגעשפּריצט מיט וואַסער. ווען דאָס שטרוי איז געוואָרן ווייך און זיך מער נישט געבראָכן האָבן זיך אַלע אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

ליפשע האָט געניט און פלינק געדרייט דאָס שטרוי און די פּריוועס־לעס זיינען אַרויסגעקומען פון אירע הענט גלאַט און שטאַרק נאָר ווי שטריק. לייב האָט צו איר אַריבערגעקוקט און זיך גאַרנישט געקאָנט אָפּחידושן פון איר אַרבעט. ביי בלומעלען האָבן אָבער די שטרוי זיך כסדר געשויבערט און זיך צעקראַכן אין אירע הענט. לייב האָט, ווי גאַרנישט זיין טבע, גוטמוטיק געשפּאַסט, אַז בלומעלע וואָלט באַדאַרפֿט האָבן אַביסל זויערטייג אויף צונויפצוקלעפּן דאָס שטרוי. ער האָט איר געהייסן קוקן ליפשען אין די הענט אַריין און זיך ביי איר צולערנען. באַלד האָט אָבער די באָבע שרהלע, וואָס איז געבליבן אין שטוב געגומען רופֿן בלומעלען און זי האָט איבערגעלאָזט די אַרבעט.

בלומעלע איז צוריקגעגאַנגען צום הויז און אין גאַנג זיך אָפּגעשטעלט לעבן די צעבליטע רויזן־ביימלעך ביים פּלויט, וואָס האָבן פֿאַרשמעקט דעם הויף. זי האָט גענומען אָפּרייסן עטלעכע רויזן און אָן די שטעכער פון די שטענגלעך זיך צעבלוטיקט אַ פינגער. ס׳האָרץ האָט איר פֿאַרקלעמט פון ווייטיק און זי האָט גיך אַ זויג־געטאָן ס׳בלוט פון דעם צעשטאָכענעם פינגער. מיטאָמאָל איז איר פֿאַרגעקומען, אַז זי הערט אַ רייטער אָנ־קומען. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף די שפּיץ־פינגער, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געהאָרכט. אויפֿן שטראָז האָט מען קיינעם ניט געזען

און דער פעלד־וועג איז געווען פאַרשטעלט מיט צעוואַקסענע ביימלעך און מיט הויכע קוקורודזעס.

ערגעץ פון טשערניוקס זייט האָבן זיך צו בלומעלען דערטראָגן רייד פון גויאישע שכנים. איינער האָט דערציילט ווי מען האָט אים פאַרנומען די קו אין הויף אַריין, ווייל זי האָט זיך געפּאַשעט נאָענט צו די פּריצישע לאָנעס. ווען ער איז געקומען אין הויף אַריין אָפּנעמען די קו האָט ער פאַר שטראָף געמוזט צוזאָגן דריי טעג אַרבעט פאַרן פּריץ. אַ צווייטער האָט איבערגעגעבן, אַז ער האָט געהערט, אַז דער יאַנאָוויצער פּריץ ברענגט אויף איבער שניט הוצולען פון די קאַרפּאַטן.

— די אויסגעהונגערטע כאַרטן אין די פּאָסטאָלעס וועלן אַרבעטן פאַר האַלב־אומזיסט.

— טאָמער וואָלטן אייגענע געקאָנט פאַרדינען אַביסל ברויט אויפן ווינטער קומען זיי גאָר. מיט שטיינער און מיט שטעקנס דאַרף מען זיי פאַרטרייבן.

— וואָס האָט איר צו זיי, גוטע מענטשן? זיי טראָגן דאָך ווי מיר דעם צלם אויפן האַרץ. ציַ קומען זיי דען אַליין? דער יידישער פּריץ דער נעוויר ברענגט זיי דאָך. אָבער ער וועט זיי אַפילו דעם ניינטן סנאָפּ אויך נישט געבן. יאָ, פאַר האַלב־אומזיסט וועלן זיי ביי אים שניידן און דרעשן.

— וויפיל זיי זאָלן נישט האָבן איז זיי נאָך אַלץ ווייניק, די נישט־איבערגעצלמטע. זיי ווילן נאָר אַרויסציען דעם קליאַק פון די ביינער ביי אונדזערע אָרעמע פּויערים. זיי פּרעסן און זויפן, האָבן משרתים און דינסטן און ווייסן גאָרנישט וואָס צו טאָן פון וואוילטאָג.

— כ׳האָב געהערט, אַז אַנאָפּרי דער פּאַלאָוועי האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געכאַפּט אין פעלד דעם יאַנאָוויצער פּאַניטש מיט זיין זיבעצן־יעריקער טאָכטער נאַסטיאַ. אַזאַ פּוסטעפּאַסניק, אַזאַ הונטסוואַט, פליט־אַרום אויפן פערד ווי אַ משוגענער און לאָזט נישט דורך קיין איין מויד.

— און דער פּאַלאָוועי האָט אים געשוויגן? איך וואָלט אים מיט אַ ווידלע דורכגעלעכערט די נירן.

— און איך וואָלט אים מיט אַ מעסער געוואָלעשט ווי אַן אָגער.

— דער נאַרישער כלאָפּ האָט זיך מסתם געלאָזט אָפּקויפן מיט אַ זילבערנעם רייניש, אָדער מיט אַ גילעטקע תבואה.

— און אַז זי וועט האָבן אַ ממזר?

— וועט ער זאָגן, אַז ס׳איז נישט זיינער, אַז ער איז גאָרנישט שולדיק. ער איז דאָך אַ נישט־גלויביקער און ער גייט דאָך נישט צום גלח זיך ספּאָוויעדן.

— און דער טאַטע זיינער, דער פּריץ, האָט אויך נישט קיין גאָט אין האַרצן. כ׳האָב געהערט לייבן זאָגן, אַז אַפילו אין די טעג פון טרובקי (ראש השנה) און אין סודנעי דיען (יום־כיפור) טרעט דער פּריץ נישט אַריבער די שוועל פון זייער שקאָלע.

— די פּוילישע פּריצים מיט די פירשטן זיינען נישט בעסער — האָבן דערנאָך די גויים געגומען רעדן וועגן די פּאַליאַקן, וואָס האָבן דאָרט אַרום געהאַט אַ סך ערד און וועגן וואוילטאָג פון די פּוילישע סטאַראָסטעס און סענדזיעס, וועלכע האָבן איבער זיי די גאַנצע דעה.

בלומעלע איז דערנאָך מיט די אַנגעריסענע רויזן אַוועק צו דער שטוב און עס זיינען איר ווי נאָכגעגאַנגען די רייד: „און אַז ס'וועט געבוירן ווערן אַ ממזר, וועט ער זאָגן, אַז ס'איז נישט זיינער”. זי איז נאָר אַריין אין שטוב, איז יאַשע דאַטש אָנגעקומען. אויף זיין אָרעם איז וואוילינגעריש געהאַנגען אַ שטעקעלע מיט אַן אָפּגעזילבערט הענטל, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַרויסגענומען פון אַן אַלטן שירם. ער האָט נישט געטראָגן זיין שבתדיקן קאַפּעליוש, נאָר אויף זיין שפּיץ קאָפּ איז געזעסן אַ פּאָפּעליאַטע קאַשקעטל. ער איז אַריין אין שטוב מיט אַ היימישן ראַזמאָך. ווען ער האָט אָבער דערזען בלומעלען האָט ער אַן אומבאַהאָלפענער און אַ שעמעוודיקער ווי אַ חדר־ייִנגל גענומען פּלאָנטען מיט זיינע לאַנגע דאַרע פיס.

— דער טאַטע האַלט דאָ אין דינגען אַ סאָד — האָבן די בלוטערלעך אויף זיין פּנים זיך געמינעט אין בלוילעכער רויטקייט ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן פאַר זיין קומען. ער האָט נישט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן זיינע לאַנגע און גרויסע הענט, באַזעצט מיט קליינן, און ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ שלעפּ־געטאָן די קורצע אַרבל פון זיין רעקל, ווי ער וואָלט זיי וועלן אויסציען.

בלומעלע האָט זיך באַמיט צו זיין היימיש מיט אים. זי האָט אים אונטערגעטראָגן די רויזן, אַז ער זאָל צו זיי אַ שמעק טאָן, אים געבעטן זיצן און דערנאָך אים אויך אָנגעגאָסן אַ טעפּל קאַלטע זויערמילך.

— פאַרגעס נאָר נישט צו מאַכן אַ ברכה — איז די באָבע שרהלע צו אים נאָענט צוגעגאַנגען. זי האָט מיט אַ ביינערדיקן פינגער ווי אָנגע־וויזן אויף זיין געגאָלט פּנים און אים גענומען דערציילן וואָס פאַר אַ פרומער ייִד זיין זיידע איז געווען.

קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק

יענעם זונטיק פאַרנאַכט איז אויך יאַשעס טאַטע, זלמן סאַדאָווניק, געקומען צוגיין צו לייבן איבעררעדן וועגן שידוך. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן בלומעלעס נדן און ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל באַלד שרייבן תנאים, אַזוי אַז מען זאָל שוין די צווייטע וואָך, אויפן לאַשקעוויצער יאַר־יאַריד, קאָנען איינקויפן מתנות פאַר חתן־כלה. זלמנען איז ניט נאָר געפעלן געוואָרן בלומעלעס יחוס, נאָר ער האָט טאַקע אויך געזוכט עפּעס אַן אָנשפּאַר פאַר זיין זון. ער האָט נישט

געוואָלט, אַז יאָשע זאָל בלייבן אַ מעקלער פון תבואה און ער האָט גערעכנט, אַז לייבס ברודער יוסף דער פריץ זאָל אים נעמען צו זיך אויפן פאָלוואַרק

לייבן איז איינגעגאַנגען דער שידוך. ער האָט אָבער גערעדט צו זלמנען ווי מיט אַ האַלב מויל און זיך נישט געאײַלט צו ברעכן טעלער. ער האָט געזען, אַז בלומעלען ציט נישט צו דעם בחור און ער האָט געטראַכט, אַז עס איז גלייכער נאָך אַביסל אונטערצוּוואַרטן.

אַזוי ווי מען האָט אין די אַרומיקע דערפער און אויך אין שטעטל דערשמעקט, אַז לייב גיט בלומעלען אַ גאַנץ שיינעם נדן, האָבן שדכנים איר גערעדט אויך אַנדערע חתנים.

— מ׳עט נאָך זען — האָט לייב זיי אַלעמען אָפּגעענטפערט. ער האָט נישט פאַרגעסן, אַז ריווע האָט אים פאַרן טויט אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל בלומעלען ניט נויטן צו קיין שידוך און ער האָט געוואָלט נאָך אונטער־וואַרטן ביז זי וועט אפשר אַליין וואַרפן אַן אויג אויף עפּעס אַ בחור. ער האָט אויך צוערשט זיך געוואָלט מיישב זיין מיט דעם לאַשקעוויצער רבילע.

לייבן האָט קיינמאָל נישט געצויגן צו די גרויסע רביים, וואָס האָבן געפירט רייכע הויפן און געהאַט גבאים און משרתים. ווען דער טשאָרט־קאָווער צי דער קאָפּוטשינצער רבי איז אַמאָל דורכגעפאָרן ס׳דאָרף, באַ־גלייט פון חסידים רייטנדיק אויף פערד, זיינען יידישע דאָרפסלייט, יונג און אַלט, אַרויס צום וועג און זיך געשטופּט כאַטש אָנצורירן דעם רבינס קאַליעס. לייב איז אָבער נישט געלאָפן אַנטקעגן דעם רבין נאָר געבליבן שטיין ביי זיך אויפן הויף. מיטן אָרעמען לאַשקעוויצער רבילע האָט ער אָבער זיך געפילט היימיש, ווייל ער האָט אים דערמאָנט אָן ר׳ וועלוועלען. און אַלעמאָל ווען ער איז געפאָרן קיין לאַשקעוויץ אויפן יאַריד, האָט ער פאַרן רבילע מיטגענומען אַ טאָרבע קוקורודזע־מעל, אַ טעפּל קעז מיט פּוטער און אַביסל קנאָבל מיט ציבעלעס.

לייב האָט אויך געוואָלט הערן, וואָס יוסף דער פריץ האָט צו זאָגן וועגן שידוך. ער האָט דערפאַר געוואַרט אויפן לאַשקעוויצער יאַריד, ווייל ער האָט דאָרט יעדעס יאָר זיך באַגעגנט מיט זיין ברודער.

שדכנים, וואָס זיינען געקומען צו לייבן וועגן בלומעלען, האָבן אין איינוועגס אויך אים פאַרטשעפּעט און אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער דאַרף נישט צולאַנג בלייבן זיצן אַן אַלמן.

— אַזאַ שטוב ווי אייערע דאַרף האָבן אַ באַלעבאָסטע. אויף קינדער קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן.

— ס׳איז בפירוש אַ זינד, פאַר אַזאַ ייד ווי איר, וואָס איז נאָך קיין עין־הרע ביי אַזעלכע כוחות, צו זיצן אויפן דאָרף אָן אַ ווייב. מ׳קאָן נאָך חלילה שטאַרק געשטרויכלט ווערן.

נישט נאָר פון שדכנים, נאָר אויך פון היימישע לייט האָט ער געהערט די רייד. יענעם זונטיק פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי זלמן סאַדאָווניק איז אַוועק,

האָט אברהם אָליניק זיך באַוויזן ביי לייבן אויפן הויף. ער איז כלומרשט געקומען מיט עפּעס אַן אויסרייד, אָבער ביים אַהיימגיין, ווען לייב האָט אים אַרויסבאַגלייט ביז צום טויער, איז ער אַרויס מיט לשון.

— וועסט נישט צו־לאַנג קאָנען פאַרבלייבן אַן אַלמן. עס איז ביי דיר קיין עין־הרע אַ גרויס באַלעבאַטישקייט און די עלטערע מיידלעך וועלן זיך לאַנג נישט האַלטן אין דער היים. וועסט שוין באַלד דאַרפן אַ חתן פאַר נעכען אויך. די צייט שטייט נישט — האָט ער אָנגעהויבן.

לייב האָט אָפּגעזיפצט און געשוויגן. ער האָט דעם פעטער אברהם, פונקט ווי די שדכנים, נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

— משה אהרן ראָגאַטניק האָט מיך געשיקט צו דיר. דו ווייסט דאָך, ער איז אַ ייד, וואָס קאָן תורה, האָט ער אָנגעהויבן מיט פסוקים ביז ער האָט זיך דעררעדט. ער האָט מיר פּראָסט און פּשוט געזאָגט, אַז ער וויל דיר געבן זיין בתולה פאַר אַ ווייב. קיין נדן פאַר איר האָט ער נישט, זאָרגט ער זיך, אַז זי זאָל נישט פאַרזיצן. וואָלסט שוין געמעגט הערן ווי ער רעדט וועגן דיר. ער וואָלט דאָך פאַר דיר קיין זאַק באַרשטש נישט גענומען. כ'האָב פאַר אים געהאַט אַן אַנדערן שידוך, אָבער ער האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, אַז איך זאָל אַ רעד טאָן מיט דיר — האָט אברהם אָליניק גענומען פאַרציען אַ שמועס.

— ס'האַלט נאָך נישט דערביי און כ'שטיי נישט אין קיין שידוכים. נאַ דיר גאָר אַזאַ מעשה! — איז לייב געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער און איז אַוועק פון דעם פעטער אברהם אָן אַ „גוטע נאַכט". ער איז נישט צוריקגעגאַנגען צו דער שטוב נאָר ווי אַ ווינט זיך אַוועקגעטראָגן מיטן וועג ביז נאָך דער מיל, ביז צו די פעלדער, וואו די פינצטערניש פון דער נאַכט איז אַרום אים געוואָרן געדיכטער. דאָרטן האָט ער ווי אַ צערייצטער הונט, אַן אָפּגעריסענער פון דער קייט, וואָס לאָזט זיך אַנט־לויפן פון דאָרף, עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט דעם וועג אין דער ברייט. ער האָט אַריבערגעקוקט צום פעלד־וועג, וואָס האָט געפירט צום בית־עולם, צו ריוועס קבר און אַרויסגעברומט: „איי, האָסטו מיר אָפּגעטאָן!" דערנאָך האָט ער אַ געבויגענער מיט שווערע טריט זיך צוריק אומ־געקערט אַהיים.

בלומעלען איז ס'האַרץ אַיינגעפאַלן ווען זי האָט יענעם אויפדערנאַכט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטנס פנים. בייטאָג איז ער געווען שטיל און גוטמוטיק און מיטאַמאָל האָבן ווי פונקן גענומען שפּריצן פון זיינע צעזשאַרעטע אויגן. עס איז זי באַפאַלן אַ מורא, אַז אָט וועט זי פון אים הערן, אַז ער ווייסט אַלץ וועגן איר און דעם פּאַניטש; אַז אָט וועט ער צום ערשטן מאָל אויף איר לייגן אַ האַנט, און זי איז באַצייטנס אַוועק צו איר געלעגער.

לייב איז געווען אויפגעבראַכט אויף זיין פעטער אברהם פאַרוואָס ער איז, גלייך מיט די פרעמדע, הענדום פּענדום, געקומען מיט אים רעדן וועגן חתונה האָבן, נאָך איידער ריוועס קבר איז רעכט פאַרוואַקסן געוואָרן

מיט גראַז. ער האָט דעם פעטער טאַקע ניט געוואָלט אויסהערן, אָבער דער געדאַנק, אַז דער ראַגאַטניק וויל אים געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב האָט אים איינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון זיין רו, און ביז שפּעט אין דער נאַכט אים געהאַלטן וואַך.

לייב האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט אויף זיין געלעגער. ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און געטראַכט וועגן ריווען, ווי איינגעשרומפּן און ווי קליין זי איז עס געוואָרן אין איין ווינטער און ווי גרינג זי איז געווען ווען ער האָט, דעם ערשטן טאָג פּסח, זי אַרויסגעטראָגן אויף דער זון. ער האָט גענומען אויסרעכענען וויפיל טעג עס זיינען שוין פאַרגאַנגען זייט זי איז געשטאָרבן. אין מיטן חשבונען האָט פאַר אים ווי אַ שוועב־געטאָן ליפשעס געשטאַלט, ווי זי זיצט אין קאַמער און פליקט אונטער די גענדז. איר קלייד איז גע־ווען פאַרשאַרצט ביז איבער די קני און צווישן אירע געזונטע ראָז־ווייסע פאָלקעס האָט זי געהאַלטן פעסט אַ יונגן גאַנער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין טריפן. זינדיקע מחשבות האָבן אים גענומען קריכן אין קאָפּ אַריין און עס האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ גלוסטונג צו דעם ראַגאַטניקס טאָכטער. אַ צערודערטער האָט ער מיט כעס זיך גענומען קראַצן אין זיין האַריקער ברוסט און גאָר אַנגעהויבן רעכענען ווי לאַנג משה אהרן זיצט שוין אויף דער ראַגאַטקע. ער האָט אַזוי לאַנג גע־חשבונט ביז עס איז אויסגעקומען, אַז ליפשע דאַרף שוין אַלט זיין אַ צוויי־און־צוואַנציק יאָר.

עס איז לייבן פאַרגעקומען, אַז אָט־ערשט איז עס געווען ווען משה אהרן איז אין אַ הייסן זומער־טאָג אַריינגעפאָרן אין דאָרף און זיך אָפּ־געשטעלט לעבן זיין טויער. עס איז געווען אַ יאָר נאָכדעם ווי זיין זיידע בער איז געשטאָרבן. דער ראַגאַטניק איז דעמאָלט געקומען אין אַ וואָגן באַזעצט מיט שטויב און מיט זיך געבראַכט צופירן זיין ווייב און קינד, אַ ציג, עטלעכע הינער אין אַ שטייג און אַביסל בעבעכעס. ריווע האָט דער פאַרשטויבטער און פאַרמליעטער משפּחה אַרויסגעטראָגן צום וואָגן אַ לאַדישטש קאַלטע זויערמילך מיט קוקורודזענע פלעצלעך. זי האָט אויך געבראַכט וואַסער און עסן פאַר דער ציג און פאַר די עטלעכע הינער. לייב האָט דערווייל דעם פרעמדן יידן אָנגעוויזן אויף דער קלויז און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל שבת קומען דאַוונען.

ביי דעם אויסגעדאַרטן ראַגאַטניק האָבן דעמאָלט די אויגן ווי אויפ־געלייכט.

— געלויבט השם יתברך, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַ דאָרף וואו יידן האָבן אַן אייגענע קלויז — האָט ער געמורמלט און דערציילט לייבן, אַז ער איז יאָרן־לאַנג געווען אַ נאָמן אין אַ וואַלד, ווייט אַוועק פון אַ יידישן ישוב און ער האָט זעלטן ווען געדאַוונט מיט מנין.

לייב האָט דעמאָלט אַוועקגעלייגט די אַרבעט און אַוועקגעפירט משה אהרנען צו דער ראַגאַטקע, צו דעם ווייס־רויט געשטרייפטן דראַנג, וואָס

איז געלעגן איבערן קייזער־שטראָז, צום קליינעם פעלד־שטיבל, און געהאַלפן אויסלאָדן דעם וואָגן. ער האָט די פרעמדע מענטשן דאָרט גע־וויזן דעם נאָענטסטן וועג צו אַ קלאָרן וואַסער־קוואַל און צו אַ סטעזשקע, וואָס פירט צו דער קלויז. לייב האָט דעמאָלט דעם נייעם ראַגאַטניק און זיין ווייב אַנגעזאָגט, אַז אויב עס וועט זיי עפּעס אויספעלן און אויב שקצים וועלן זיי טשעפּען זאָל מען אים באַלד לאָזן וויסן. דאָס פּאָר־פאָלק האָט אים דעמאָלט אַנגעוואונטשן ס׳אייביקע גן־עדן און דערנאָך אים שוין אַלע יאָרן געהאַלטן פאַר זייער באַשיצער.

עס איז לייבן ווי ווייכער געוואָרן דאָס געלעגער ווען ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין טראַכטן וועגן יענער צייט און ער האָט אַנגעהויבן איינדרימלען. אָבער ווי נאָר זיינע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט, האָבן זיך אים באַלד גענומען פּלאָנטען חלומות וועגן ליפשע דעם ראַגאַטניקס.

צוערשט האָט זיך אים געחלומט, אַז ליפשע, אַ קליינינקע, אַ דריבנע, שטייט אויף זיין גאָרטן און פּאַשעט דאָרטן איר שוואַרצע ציג מיט דער גרויסער ווייסער איטער. ריווע איז אַרויסגעקומען פון שטוב און אָנגע־הויבן שרייען, אַז די ציג מאַכט איר אַ תל פון די בייטן ציבעלעס און קנאָבל. ליפשע האָט זיך דערשראָקן און זי האָט געכאַפּט די ציג אויפן שטריק און זי איז מיט איר אַוועק. זי איז באַלד ווידער צוריקגעקומען, אָבער דאָסמאָל איז זי געווען אַן אויסגעוואַקסענע, אַ גרויסע. איר קלייד האָט זי געהאַט פאַרשטעקט אין די באָקעס, אַזוי אַז מען האָט געזען אירע פיס ביז איבער די קני.

— כ׳בין געגאַנגען אַהער, האָב איך אין איינוועגס שוין געבראַכט די גענדז פון טייך. זיי האָבן זיך אויסגעבאָדן און ס׳איז נישטאָ קיין שפּרענ־קעלע אויף זייערע פעדערן. זיי זיינען וויס ווי שניי. — האָט זי איצט אַן אַביסל שעמעוודיקייט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין און גערעדט און גערעדט. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, אין מיטן שטוב גאָר, אַריינגענומען אַ גאַנדז צווישן אירע קני און גיך, גיך אײַנ־גאַנצן זי אָפּגעפליקט. ערשט ווען די גאַנדז איז געבליבן אַ נאַקעטע און שוין ניט געהאַט אַפילו קיין אייך פּענקע אויף איר הויט האָט זי זיך אַרויסגעריסן און אַוועקגעפלויגן דורכן פענצטער. ער, לייב, האָט זיך באַלד אַוועקגעלאָזט כאַפּן די גאַנדז, וואָס האָט מיט אויסגעשפּרייטע נאַקעטע פליגל זיך אַוועקגעטראָגן צו די היי־פעלדער און זיך דאָרט באַהאַלטן צווישן די גראָזן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פיר זי זוכן. ער איז אַזוי לאַנג אַרומגעקראָכן ביז ער האָט זי דערטאַפּט און ער איז אויף איר ווי אַרויפגעפאַלן. מיטאַמאָל האָט ער דערזען, אַז עס איז גאָר ליפשע און נישט די גאַנדז. איר לייב האָט אים ווי אַ ברי געטאָן און ער איז אויפגעשפּרונגען פון דער ערד.

דער קליינער וועווקע האָט זיך דערנאָך צעוויינט אויפן קול און לייב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

* * *

ליפשע איז געווען אין ניינטן יאָר ווען משה אהרן איז געקומען איבערנעמען די ראַגאַטקע. זי איז געוואַקסן איינע אַליין אין פעלד און זי איז קליינערהייט זעלטן־ווען אַראָפּגעקומען אין דאָרף אַריין. אין אויס־זען איז זי כמעט איינגאַנצן געווען געראָטן אין דער מאַמען. זי האָט געהאַט דער מאַמעס פלאַך און טריב פּנים, איר קאָסאָקע לינק אויג און אויך איר לענגלעכע נאָז. זומער האָט ליפשע געפּאַשעט די ציג אויף די אַרומיקע בערג און אין די טאָלן, און ווינטער איז זי געזעסן מיט טאַטע־מאַמע אין דעם ראַגאַטקע־שטיבל. ליפשע איז קיינמאָל נישט גע־גאַנגען אין דעם דאָרפישן חדר. איר טאַטע משה אהרן, וואָס איז שטענדיק געזעסן איבער אַ ספר, האָט אָבער מיט איר געלערנט און זי האָט געקאָנט אַ סך מער ווי די דאָרפישע מיידלעך.

משה אהרן האָט נישט געהאַט קיין קדיש און דערפאַר האָט ער געוואָלט, אַז זיין בת־יחידה זאָל כאָטש קאָנען אַביסל לערנען. ליפשעס מאַמע, פייע די ראַגאַטניטשקע, האָט אָבער נישט געקאָנט ליידן, וואָס ער קנעלט מיט איר ווי מיט אַ ייִנגל, און זי האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז דאָס לערנען חומש מיט רש״י און פּסוק וועט זייער טאָכטער קיין גוטס נישט טאָן.

— וואָס שטאָפּסטו זי ווי אַ גאַנדז? — האָט זי כסדר געשריגן אויף איר מאַן — די תורה איז פאַר מאַנסבילן און נישט פאַר קיין ווייבער. דו וועסט פון איר קיין רביצין נישט מאַכן. זי קען לייענען ס'טייטש־חומש? זי קען דאַווענען? מער דאַרף זי נישט. ווערליך דעם נדן וואָס זי וועט האָבן, וועט זי דאַך אַוודאי נעמען אַ פּראָסטאַק. איז צו וואָס־זשע דאַרף זי קענען מער פון איר מאַן? ווילסט, אַז זי זאָל זיך האַלטן גרויס קעגן אים?

— נאַרישע בהמה וואָס דו ביסט. פון וואַנען ווייסטו ווער און וואָס עס איז איר זיווג? און ווי קאָן זיך ביי אַ יידישער טאָכטער לייגן ס'מויל צו זאָגן, אַז לערנען תורה קאָן עמעצן ברענגען שאָדן! זאָל זי נאָר באַגערן צו לערנען. ס'וועט איר אסור שאַטן — האָט דער שטילער משה אהרן אַוועקגעמאַכט זיין ווייבס רייד און זיך געטאָן זיינס.

דער ראַגאַטניק וואָלט מיט ליפשען געווען געלערנט און געלערנט, אָבער ווען זי איז געווען אין צוועלפטן יאָר האָט ער אָנגעהויבן ליידן אויף די אויגן און ער האָט אַפילו נישט געקאָנט אַריינקוקן אין קיין ספר. אַ לאַנגע צייט האָבן אַפילו די זוניקסטע טעג פאַר משה אהרנען זיך געצויגן ווי טונקל־גרויע פאַרטאָגן. ווען ער האָט ביים דראָנג אויפ־געמאָנט דאָס ראַגאַטקע־געלט האָט ער זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף די פינגער, וואָס מיט זיי האָט ער אויסגעטאַפּט יעדע מטבע און געוואוסט צי איז עס אַ העלער, אָדער אַ גרייצער, און צי איז עס אַ פינף־שטיקל אָדער אַ זעקסערל. דער זכרון האָט אים גוט געדינט און ווען ס'ליכט פון זיינע

אויגן איז פֿאַרטונקלט געוואָרן האָט ער געדאַוונט און געזאָגט תהילים אויף אויסנווייניק. ביים מעביר זיין די סדרה האָט ער זיך אָבער נישט געוואָלט איינגאַנצן פֿאַרלאָזן אויף זיין זכרון און ער האָט גענומען ליפשען צו־הילף. יעדן פֿרייטיק בייטאָג האָט זי פֿון חומש פֿאַר אים מיט אַ טרויעריק קול אויסגעזונגען די גאַנצע סדרה מיטן טראָפּ און ער האָט איר נאָכ־געזאָגט יעדעס וואָרט.

ליפשע איז אויף דער ראַגאַטקע, וואָס איז געווען גאַנץ ווייט אַרויס פֿון דאָרף, געוואַקסן אַליין אַן חברטעס. זי איז דאָרט אַרומגעלאָפֿן מיט דער ציג, זיך געדראַפּעט אויף פֿעלדזן און אויף ביימער. זי האָט געזוכט נעסטן, געריסן זויערע עפּעלעך און טערפּקע נעילה־באַרלעך, וואָס זיינען געוואַקסן אין פֿעלד אויף עלנטע און פֿאַרווילדעוועטע ביימער. אַמאָל פֿלעגט זי זיך אויך צולאָנטשען צו גויאישע פּאַסטעכער און גלייך מיט די שיקסלעך פֿלעכטן קראַנצן פֿון ווילדע בלומען, קלייבן זאַנגען אויף אָפּ־געשניטענע פּריצישע לאַנעס און בראָטן קאַרטאָפֿל אין פֿעלד.

ווען משה אהרן האָט געהאַט צו טאָן מיט די אויגן האָט ליפשע, וואָס האָט פֿון אים קיינמאָל קיין הויך וואָרט נישט געהערט, מיט אים זיך אַ סך אָפּגעגעבן. זי האָט אים געהאָלפֿן ביים צולייגן צו די קראַנקע אויגן שטיקלעך חלה געווייקטע אין וואַרעמער מילך און אַפֿילו אין די זומער־טעג זיך געהאַלטן לעבן אים. שעה'ן־לאַנג האָט זי געקאָנט מיט אים אָפּזיצן ביים געשטרייפֿטן דראַנג, וואָס האָט אַן אַנגעבונדענער אויף אַ קייט זיך געצויגן אין דער הויך. די טריבקייט פֿון טאַטנס האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן האָט זיך ווי אָפּגעשלאָגן אויף איר פּנים און זי איז מיט יעדן טאָג געוואָרן ערנסטער און געזעצטער. נישט איינמאָל האָט זי אים איבערגעשלאָגן אין מיטן זאָגן תהילים, אים אָנצוזאָגן אַז אַ וואָלקן האָט זיך באַוויזן אויפֿן הימל און פֿאַרשטעלט די זון. זי האָט אים געלאָזט וויסן, אַז די אַקאַציע־ביימער ביים וועג האָבן איבערגעאַכט זיך צעבליט און אַז די וואַקסנדיקע תבואה אַנטקעגן דעם ראַגאַטקע־שטיבל האָט זיך שוין אויסגעשיט אין זאַנגען.

— איך ווייס, טאָכטער, איך ווייס — האָט ער אויף אירע רייד אַלעמאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און איינגאַנצן פֿאַרמאַכט די אויגן, עפּעס ווי ער וואָלט אין זיך געזען דעם אַרומיקן דרויסן אין אַלע זיינע פֿאַר־ענדערונגען.

די אַרעמקייט אין דעם ראַגאַטקע־שטיבל האָט אויף ליפשען אַרויס־געוואָרפֿן דעם יאָך אַרויסצוהעלפֿן אין דער פּרנסה ווען זי איז נאָך גאָר יונג געווען. זי איז אַרויסגעגאַנגען אויף פֿרעמדע פֿעלדער גראָבן קאַרטאָפֿל פֿאַר דער מאָס און זי האָט אויך ביים אַרויסהעלפֿן אין די גערטנער פֿאַרדינט אַ ביסל פֿאַסאָליעס, בוריקעס און קוקורודזעס. ווען זי איז אונטערגעוואַקסן איז זי אויך געוואָרן אַן אַריינגייערין צו דבורה דער פּירזאַגערין, צו רויזען און צו ריוועך און אַרויסגעהאָלפֿן אויף זייערע באַלעבאַטישקייטן. מען האָט ביי די „לייבן און בערן" זי גע־

האַלטן ווי אַן אייגענע און זי האָט זיך געפּילט היימיש אין זייערע שטיבער.

ליפשע איז גיך אויסגעוואַקסן און צו פופצן יאָר איז איר לייב שוין געווען ווי אָנגעגאָסן מיט רייפקייט. זי איז געווען אַ ברייט־צעוואַקסענע און אַ הויכע. איר פּנים איז געוואָרן פול און רויט און אירע ציין האָבן געבלענדט פון ווייסקייט. זי איז נישט געווען קיין יפת תואר, אָבער איר פיין־געפורעמט מויל און אירע ציין האָבן איר צוגעגעבן אַביסל חן. כאָטש זי איז פאַרפרי געוואָרן אַ גרויסע, איז זי אָבער נישט אַרויס־געוואַקסן פון איר קינדישער שעמעוודיקייט. וואָס עלטער זי איז גע־וואָרן, אַלץ אומהיימלעכער האָט זי זיך געפּילט אין דער קעגנוואָרט פון מאַנסבילן. זי האָט זיך ווי געשעמט מיט איר פּרויאישער רייפקייט, וואָס האָט ווי מיטאַמאָל זיך צעטליעט אין איר אָנגעטאָפּטשעטן לייב. אַפילו ביי די „לייבן און בערן" איז זי אַלעמאָל, ווען אַ מאַנסביל איז געווען אין שטוב, אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט אַ צעפלאַמט פּנים און נישט אַרויסגערעדט קיין הויך וואָרט.

ווען ריווע איז פאַרשלאָפט געוואָרן, איז ליפשע גאַנצע טעג געווען ביי לייבן אין שטוב. זי האָט דאָרט מיט געטריישאַפט געניאַנטשעט די קינדער און זיך געכאַפּט צו יעדער אַרבעט. אין מיטן ווינטער איז אָבער די מאַמע אירע געשטאָרבן און זי האָט שוין נישט אַזוי אָפט געקאָנט קומען אין דאָרף אַריין.

* * *

דער טויט איז צו פייע דער ראַגאַטניטשקע געקומען אומגעריכט. פלוצלונג האָט זי איינמאָל אין אַ פאַרטאָג, ווען אין דרויסן האָט געברענט אַ שטאַרקער פראָסט, זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גענומען בילן ווי אַ הונט. זי איז אַ ווילדע אַראָפּגעשפרונגען פון בעט, צעריסן אויף זיך ס'העמד און זיך געלאָזט לויפן אין דרויסן אַרויס. זי האָט מיט איר בילן אויפגעוועקט משה אהרנען און ליפשען און זיי האָבן מיט שוועדער מי זי צוריקגעבראַכט צום געלעגער. ליפשע האָט אויף זיך באַלד געכאַפּט דעם טאַטנס פעלץ און זי איז אַוועק אין דאָרף אַריין. זי האָט געבראַדזעט אין די שנייען, זיך גלייך פאַרנומען צו לייבס שטוב, דאָרט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און מיט אַ יאָמערלעך געוויין אַלעמען אויפגעוועקט. לייב האָט זיך גיך אָנגעטאָן, איינגעשפּאַנט די פערד אין שליטן, פאַרפאָרן נאָך דבורה די פּירוזאַגערין, וואָס האָט געקאָנט אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, און נאָך איידער ס'איז אין דרויסן גוט ליכטיק געוואָרן זיינען זיי שוין געווען ביי דער ראַגאַטקע.

— מ'דאַרף גרויס רחמים — האָט משה אהרן אַרויסגעקרעכצט ווען זיי זיינען מיט אַ פאַרע אַריין אין ראַגאַטקע־שטיבל — ס'איז שוין אַפילו נישטאָ מיט וועמען צו זאָגן ווידוי. — משה אהרן איז געשטאַנען ווי אַ

פאַרגליווערטער לעבן דער קראַנקער און מיט זיינע בילמעוואַטע אויגן געגלאָצט צו די בלינדע שויבן, באַזעצטע מיט ווייסן פראָסט.

ווי נאָר לייב איז צוגעגאַנגען צום בעט וואו פייע איז געלעגן האָט ער באַלד געזען, אַז ס'איז פאַר איר נישטאָ קיין רפואה. איר פּנים איז געווען פאַרקרימט און איר פאַרקלעמט מויל איז געווען באַזעצט מיט שוים. זי האָט זיך געקאָרטשעט אויפן געלעגער און געכאָרכלט ווי אַ גוסס. אַלעמאָל האָט זי אַ הייב־געטאָן דעם קאָפּ פון קישן און זיך צעבילט אויפן קול. לייב האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויפן שוים פון איר מויל און דערהערט איר האַווקען האָט ער באַלד געוואוסט, אַז ס'בלוט איז איר פאַרסמט געוואָרן פון אַ ביס פון אַ משוגענעם הונט.

עס האָט אים אָבער אָנגענומען אַ גרויס רחמנות צו ליפשען, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר מאַמען מיט אַן אָנגעדראָלן פאַרוויינט פּנים, און ער איז באַלד אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין ברענגען דעם רופא.

דערווייל האָט דבורה די פירזאָגערין זיך אויסגעוויקלט פון אירע שאַלן, אָפּגעווישט דעם פראָסט פון אירע געדיכט־פאַרוואַקסענע ברעמען, פון איר געקנייטשט איינגעפאַלן פּנים און אין דער שטיל אָנגעהויבן פּרעפּלען איבער דער קראַנקער עפּעס וועגן דריי ווייבער, וואָס זיצן אויף אַ שטיין. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, וואָס אַמאָל מער גענומען וויגן מיטן קאָפּ און געזאָגט און געזאָגט. עס זיינען אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר יידישע ווייבער פון דאָרף. מ'האָט געמאַכט פייער אונטער דער קיך־פּליטע און אָנגעוואָרעמט דאָס שטיבל, וואָס איז אין די ווינקלען ביי דער סטעליע געווען באַזעצט מיט ווייסן פראָסט. מען האָט דער ראַגאַטניטשקע געלייגט קאָמפּרעסן צום קאָפּ און צום בויך, מען האָט איר געווישט דעם שוים פון מויל און מיט כח אין איר אַריינגעגאָסן אַביסל מילך אויסגעמישט מיט אַ ווייסל פון אַן איי. מען האָט אָבער פייען שוין נישט געקאָנט דערראַטעווען.

לייב האָט געבראַכט צופירן ניסעלע רופא, אָבער ער האָט אַפילו נישט אויפגעמאַכט זיין קעסטעלע מיט די רפואות. ביים ערשטן בליק אויף פייען, וואָס האָט אַ ווילדע מיט אַ האַווקען צו אים זיך אַ ריס געטאָן איז ער אָפּגעטראָטן אין אַ זייט.

— ס'איז אַ ביס פון אַ משוגענעם הונט, מסתם נאָך פון זומער־אָן. מ'האָט באַלד געווען באַדאַרפט פאַרכאַפּן. איצט איז שוין צו שפּעט און עס איז נישטאָ קיין ראַטונעק. הערט זי אויף מוטשען, ווייל ס'וועט שוין גאָרנישט העלפן — האָט ער זיך אָפּגעזאָגט און געהייסן אַלעמען אָפּ־טרעטן פון בעט.

פייע איז אויפן צווייטן טאָג אויסגעגאַנגען. לייב מיט נאָך אַ פּאָר דאָרפס־יידן האָבן צו דעם ראַגאַטקע־שטיבל געבראַכט צופירן עטלעכע ברעטער, צונויפגעשלאָגן אַ קאָסטן און אַרויסגעטראָגן ס'מת צום שליטן. עטלעכע יידן פון דאָרף, וואָס האָבן געוואוסט, אַז חוץ דער ציג פאַרמאָגט דער ראַגאַטניק גאָרנישט, האָבן אויף זיך גענומען די מצווה צו ברענגען

פייען צו קבורה אויפן שטאָטישן הייליקן אָרט. משה אהרן האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז מען זאָל זיין ווייב באַגראָבן אין פרעמדע תכריכים און ער איז צוגעשטאַנען, אַז מען זאָל נאָר מיטנעמען זיין ציג אין שטאָט אַריין און זי דאָרט פאַרקויפן. לייב האָט אים געוואָלט איינרעדן, אַז ער מעג זיך אויסלייען די עטלעכע קראָגנען ביי די דאָרפס־יידן אָדער ביי אים אַליין, אַבי ער זאָל לאָזן די ציג אין דער היים. ער האָט אָבער אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן זייערע רייד.

— דער אייבערשטער זאָל אייך נאָר ממלא זיין פאַר דעם חסד — האָט ער שטיל געמורמלט און מיט ליפשעס הילף אַרויסגעפירט די ציג פון פאַרהויז און זי צוגעבונדן צום שליטן, וואָס האָט געפירט ס׳מת אין שטאָט אַריין.

נאָך פייעס טויט האָט משה אהרן געוואָלט אויפגעבן די ראָגאָטקע. נאָכן ווינטער, ווען עס זיינען אונטערגעקומען די וואַרעמע טעג און זיינע אויגן האָבן זיך אַביסל אויסגעלייטערט, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט ליפשען וועגן אַוועקלאָזן זיך מיט איר אין די קאַרפּאַטן, וואו זי האָט געהאַט לייבלעכע קרובים פון דער מאַמעס צד.

— די מאַמע איז נישטאָ, איז וואָס ווילן מיר דאָ זיצן אַליין אין פעלד? משנה מקום משנה מזל. מיטן בייטן ס׳אָרט וועט זיך אפשר בייטן אונדזער דאָליע. אפשר וואַרט ערגעץ דאָרט אויף דיר דיין זיווג — זיינען די רייד זיינע אַרויסגעקומען מיט קרעכצן און זיפצן. ער האָט בדעה געהאַט איבערצולאָזן ליפשען אין אַ שטעטל אין די קאַרפּאַטן ביי איר מאַמעס אַ שוועסטער, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט געזען, און אַליין האָט ער געוואָלט אַוועקגיין איבער דער מדינה, מיט אַ כתב פון אַ רבין, צונויפצונעמען פאַר איר נדן.

ליפשען איז, פון טאַטנס רייד, געקומען ס׳גאַנצע בלוט אין פנים אַריין. אין איר געזונטן אָנגעגאָסענעם לייב האָבן שוין יאָרן געטליעט די באַגערן נאָך אַ מאַן און זי האָט געוואוסט, אַז לויטן חשבון, וואָס אירע טאַטע־מאַמע האָבן געפירט, האָט זי שוין פון לאַנג געוועזן באַדאַרפט חתונה האָבן. זי האָט אָבער נאָך ביי זעכצן־זיבעצן יאָר זיך שוין אָנגעהויבן איינרעדן, אַז קיינער וועט זי נישט נעמען אָן נדן און דערצו נאָך מיט אַ קאַסאָקע אייגל. זי האָט דערפאַר נישט איינמאָל בייטאָג, ווען זי איז געזעסן אַליין אין דרויסן ביים ראָגאַטקע־דראַנג און ביינאַכט אויף איר געלעגער געוויינט אויף איר ביטערן גורל. אין איר שעמעוודיקייט האָט זי אָבער אַפילו צו דער מאַמען וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט. זי האָט גוט פאַרשטאַנען דעם טאַטנס רייד, אָבער זי האָט שוין בעסער געוואָלט בלייבן אַ פאַרזעסענע מויד, איידער ער זאָל גיין איבער שטעט און דערפער קלייבן פאַר איר נדן.

— נו, טאָכטער, אויב מיר האָבן בדעה זיך אַרויסצורירן פון דאַנען, דאַרף עס זיין אים זומער — האָט משה אהרן געהאַלטן אין איין רעדן צו איר.

— מירן נאָך צוואַרטן. דער זומער איז גרויס — איז זי געווען קאַרג אויף רייד.

משה אהרן האָט אויך אין קלויז, שבת ביים דאַווענען, געלאָזט וויסן די יידן, אַז ער וויל איבערלאָזן דאָס באמנות אויף דער ראַגאַטקע. ער האָט פאַר אברהם אַליניק זיך אויסגערעדט ווי פאַר אַן אייגענעם וועגן ליפשען, אַז זי איז שוין לאַנג ראוי לביאה און אַז ער דאַרף זען זי חתונה צו מאַכן.

— וואוהין וועט איר גיין און וואוהין וועט איר פאָרן? איר ווייסט דאָך ווי דאָס ווערטל גייט: „טאָם דאָבּרע דע נאַס נעמאַ" (עס איז דאָרטן גוט, וואו מיר זיינען נישטאָ). מירן אייך נישט אָוועקלאָזן.

— פאַרוואָס זאָלט איר אַוועקגיין פון דאַנען? מיר האָבן דאָ אין דאָרף קיין עין־הרע אַ שיין ביסל יידן און מ'עט אייך נישט לאָזן פאַלן. אירט זען, מ'עט אייער ליפשען דאָ נישט לאָזן פאַרזיצן.

— ס'עט זיך שוין עפּעס מאַכן. ווער־ווער, אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז דער, וואָס וועט זי נעמען, וועט זיך נישט אָפּנאַרן. זי איז דאָך פאַר אונדזערע אויגן אויסגעוואַקסן — האָבן יידן אין אים אַזוי לאַנג אַריינ־גערעדט ביז מען האָט ביי אים געפּועלט, אַז ער זאָל דערווייל נאָך צוואַרטן.

צו פאַרהאַלטן משה אהרנען מיט זיין טאָכטער אויף דער ראַגאַטקע האָבן די יאַנאָוויצער יידן באַלד נאָך יענעם שבת ס'ערשטע זיי פאַרזאָרגט מיט אַן אַנטווינט קאַלב, אַז זיי זאָלן זיך אויסהאָדעווען אַ קו. דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן וועגן אַ שידוך פאַר ליפשען. אברהם אַליניק האָט געהאַט אויפן אויג אַן עלטערן בחור, פון אַ שכנישן דאָרף, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ קיישל אויפקויפן אייער ביי די גויים. אָבער נאָך איידער ער האָט גערעדט מיט דעם בחור האָט אים דער ראַגאַטניק געלאָזט וויסן אַז ער וואָלט וועלן האָבן לייבן פאַר אַן איידעם.

משה אהרן האָט מיט קיינעם אין דאָרף זיך נישט געפילט אַזוי היימיש ווי מיט אברהם אַליניק, וואָס איז אין די זומערדיקע טעג שעה'ן־לאַנג מיט אים אָפּגעזעסן ביים ראַגאַטקע־דראַנג. אברהם, וואָס האָט נאָכן חתונה מאַכן זיינע קינדער אַוועקגעגעבן זיינע פאַר שטיקלעך פעלד צו אַ גוי אויף שותפות און וואָס איז נאָר ווינטער געווען פאַרנומען אין זיין אַלינע, ביים פּרעסן אייל, האָט אין די זומער־טעג, אָדער געפירט זיין קו פּאַשען, אָדער ער איז געזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ניט איינמאָל ווען ער האָט געפּאַשעט די בהמה ביי די זייטן פון וועג, איז ער זיך מיט איר פאַרגאַנגען ביז צו דער ראַגאַטקע. די צוויי יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ שם פאַר וואויל־קענעוודיקע ניט נאָר אין דאָרף, נאָר אויך אין די שכנישע שטעטלעך, האָבן אַלעמאָל געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. אברהם אַליניק איז פול געווען מיט מעשות וועגן ר' ישראל בעל שם און ער האָט אויך אַלעמאָל געהאַט עפּעס צו דערציילן פון דעם „ספר חסידים", אין וועלכן ער האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן. דער ראַגאַטניק,

ווידער, האָט זיך אַלעמאָל דערמאָנט אָן אַ פּשטל, אָן אַ מאמר חז״ל, ער האָט איבערגעזאָגט עפּעס אַ חידוש אויף דער סדרה פון דער וואָך און דער עיקר — האָט ער געהאַט צורעדן וועגן ביאת המשיח.

— סי׳דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז די טעג פון דער גאולה זיינען שוין אָט־אָט — איז ביי אים געווען ס׳חיות אויפצואווייזן מיט אַלערליי גימטריות, אַז משיח קען זיך שוין לאַנג נישט פאַרזאַמען. ער האָט אין אַ פויסט אַריינגעכאַפּט זיין שיטער גרוי בערדל און דורך ראשי תיבות פון פאַרשידענע פסוקים אויסגערעכנט ווען עס וועט קומען דער סוף פון דעם לאַנגן גלות און אַלע יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן.

— פון אייער מויל אין גאָטס אויערן — האָט אברהם אַליניק, וואָס איז געזעסן לעבן אים אויפן גראָז און געהאַלטן אָן אויג אויף זיין קו, אַלעמאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. משה אהרן אַליין פלעגט זיך אַזוי צעוואָרעמען ווען ער האָט גענומען רעדן וועגן דעם גרויסן טאָג ווען עס וועט אַ בלאָז טאָן דער שופר של משיח, אַז ער פלעגט אַזש אָן אויפגע־מונטערטער אַ הייב־טאָן דעם קאָפּ צו די הויכע גרינע בערג. עס איז אים עפּעס ווי פאַרגעקומען, אַז אָט וועט ער דאָרט מיט זיינע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן דערזען משיחן אויפן ווייסן פערד.

איינמאָל, ווען זיי זיינען אַזוי ביידע געזעסן ביי דער ראַגאַטקע, האָט אברהם אַליניק אָנגעהויבן רעדן וועגן בחור, וואָס ער וויל שדכנען ליפשען. משה אהרן האָט אים אָבער איבערגעשלאָגן אין מיטן און אים געזאָגט, אַז ער וואָלט בעסער וועלן לייבן געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

— כ׳וויל, אַז איר זאָלט עס טאַקע זיין דער שדכן. ער דאַרף האָבן אַזאַ באַלעבאָסטע ווי זי איז. זי וועט זיינע קליינע קינדער אָפּהיטן נאָר ווי אַ מאַמע. צי ווייסט איר דען וואָס פאַר אַ געטרייע נשמה דאָס איז? זי וועט ביי אים אין שטוב זיין די ערשטע אויפצושטיין און די לעצטע צו גיין שלאָפן. די אַרבעט ברענט דאָך אונטער אירע הענט. זי איז פאַר לייבן ווי געווינטשן. זאָגט אים דאָס.

— און מיט אייער טאָכטער האָט איר שוין איבערגערעדט? — איז פון אָנהייב אברהמען די גאַנצע זאַך נישט איינגעגאַנגען.

— וואָס איז דאָ צו רעדן?

— אפשר וויל זי אים גאָר נישט.

— גייט שוין, גייט. פאַרוואָס זאָל זי אים נישט וועלן? רעדטס נאָר מיט לייבן.

— כ׳האָב מורא ס׳איז אָן עבירה די רייד. ער׳ט אַזוי גיך נישט חתונה האָבן. און ווען ס׳עט האַלטן דערביי ווייס איך נישט צי וועט ער וועלן אַ בתולה, וואָס זאָל אים אויפסניי אָנהייבן קינדלען. ער האָט דאָך שוין אַכט. וויפיל־זשע נאָך דאַרף ער?

— וועמען דען וועט ער נעמען? אָן אַלטע אלמנה, וואָס זאָל אים אויקען און קרעכצן און אַפילו נישט קאָנען אויסמישן דעם צעבער פאַר

די בהמות? לייב איז נאָך קיין עין־הרע אַ ייד אַ בעל־גבֿרא — האָט דער ראַגאַטניק אָנגעהויבן מיט פּסוקים און אַזוי לאַנג גערעדט ביז אַברהם אַליניק האָט אים צוגעזאָגט אַ שמועס צו טאָן מיט לייבן.

לייב איז טאַקע געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף זיין פעטער אַברהם, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי צוגעאײַלט צו קומען מיט אים רעדן וועגן נעמען אַ צווייט ווייב. אָבער אויפן אַנדערן טאָג שוין, ווען ליפשע איז געקומען אַרויסהעלפן אין זיין גאָרטן, איז אים דער כעס אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען. ער האָט פון דער זייט זי געהאַלטן אין איין באַטראַכטן און ער האָט מיט ישוב הדעת אַראָפּגעקוקט אויף די שפּיצן פון זיין האַרטער שוואַרצער באָרד און ווי געציילט די עטלעכע גרויע האָר.

קאַפּיטל דריי־און־צוואַנציק

דער לאַשקעוויצער יאַר־יאַריד, וואָס איז אויסגעפאַלן אָנהייב שבט, האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך. אין דעם טאָג ווען מען איז אַהין געגאַנגען אויפן ווידפּוסט צום „היילקן איוואַן", איז דער קייזער־שטראָז פון באַגינען־אָן פול געווען מיט וועגענער און פוס־גייער. אויך לייב האָט אין דעם טאָג זיך געקליבן פאָרן אויפן יאַריד און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער ווען די פענצטער זיינען נאָך געווען בלוי. ער האָט אַ פאַרשלאָפענער זיך אַרומגעקוקט אין דער טונקעלער שטוב און ווי אַרומגעזוכט ריווען, וואָס איז אים אין די קורצע זומער־נעכט געקומען צו חלום.

די גאַנצע שטוב איז נאָך געווען פאַרזונקען אין שלאָף. ווי נאָר ער האָט אָבער אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן גענעץ און אַראָפּגעלאָזט די פיס אויף דער ערד האָבן אָן אַ שיעור פליגן, וואָס זיינען געזעסן אין די ווינקלען פון דער סטעליע, זיך צעזשומעט. באַלד זיינען אויך די הינדלעך, וואָס די קוואָטשקע האָט זיי ערשט געהאַט אָוועקגעוואָרפן, מיט אַ פּישטשעריי אַרויסגעקראָכן פון קאָטוך הינטערן אויוון.

די שייבלעך פון די פענצטער האָבן זיך גענומען בלייכן און די שטוב־זאַכן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן פון דער טונקלקייט.

— וואָס געוואָלדעוועט איר אַזוי נאָך אייער מאַמע? זי לעבט דאָך. אַזאַ ליידאַטשקע, טרייבט פון זיך אירע קינדער און דרייט זיך לעבן דעם האָן. זי האָט געדאַרפט זיין מיט אייך כאָטש נאָך אַ צוויי וואָכן. כ׳וואָלט איר מוחל געווען דאָס לייגן די עטלעכע אייער — האָט לייב ווי גערעדט צו די קליינע הינדלעך, וואָס האָבן מיט וויינענדיקע קולות גענומען אַרומבלאָנקען איבער טיש און בענק. לייב האָט זיך געקראַצט אין זיין האָריקער ברוסט און געטראַכט, אַז היינט אַ יאָר איז ער נאָך געפאָרן אויפן יאַריד מיט ריוועו און מיט אַלע קינדער. ער האָט דעמאָלט אָנגעפּאַקט מיט

היי דעם וואָגן און אויסגעזעצט ס׳גאַנצע בני־בית. ריווע האָט מיטגענומען אַ גרויסע מאַקערטע הרעטשענע וואַרעניקעס מיט קעז און ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין לאַשקעוויץ האָבן זיי אין וואָגן געפּראַוועט אַ סעודה און פאַרטרונקען מיט זיסן קוואַס.

ריווע איז דערנאָך מיט אים אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אויפן יאַריד און זיי האָבן איינגעהאַנדלט פאַרשידענע געוואַנטן אויף מלבושים, לעדער אויף זוילן און אַלערליי הויז־זאַכן. פאַר די מיידלעך האָבן זיי דעמאָלט איינגעקויפט פאַרביקע פאַטשיילעס, אוירינגלעך, קרעלן, קעמעלעך און סטענגעס, און פאַר די יינגלעך — קאַשקעטן, חומשים, סידורימלעך, קניפּיקלעך, רויטע פייפערס און בלעכענע הענדלעך.

לייב, וואָס האָט שוין דעמאָלט געזען, אַז זיין ווייב פאַלט פון די כוחות, האָט געזוכט זי צו שוינען און ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן באַלד נאָכן איינקויפן אַהיימפאָרן. ריווע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט רעדן. זי האָט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעפירט די קינדער איבערן יאַריד, אַז זיי זאָלן זען אַלע חידושים. זי האָט זיי גענומען אויף די קאַרוסעלן, מיט זיי געגאַנגען אין צירקוס, וואו זיי האָבן זיך אָנגעזען אַלערליי קונצן און זיי זיינען ערשט קעגן נאַכט־צו אַהיימגעפאָרן.

דאָס יאָר איז לייבן דאָס פאָרן קיין לאַשקעוויץ אינגאַנצן נישט אייב־געגאַנגען. עס האָט אים אָבער געצויגן צוצופאָרן צום לאַשקעוויצער רבילע זיך מיט אים מיישב צו זיין צי זאָל ער נעמען זלמן סאַדאָווניקס זון פאַר אַן איידעם. ער האָט ווי יעדעס יאָר געוואָלט אויפן יאַריד זיך באַגעגענען מיט זיין ברודער דעם פריץ, דערצו האָט ער באַדאַרפט קויפן אַ נייעם אַקער און נאָך אַנדערע זאַכן פאָרן באַלעבאַטישקייט.

לייב האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, אָנגעטאָן די שבתדיקע הויזן, אַרויפגעשלעפּט די שטיוול און ער איז אַרויס אין דרויסן. ס׳ערשטע האָט ער אויסגעקוקט דעם הימל. ס׳איז אין דער בלויקייט, וואָס האָט זיך געבלייכט פאַר זיינע אויגן, קיין פּיצל וואָלקנדל נישט געווען. מיטן אויפגיין פון טאָג האָבן אין די סעדער די צייטיקע ווייַנשעל אויף דיביימער ווי צעבלאָזענע קוילן גענומען זשאָרן מיט פייערדיקער רויטקייט. דער ריח פון מניעטקע איז לייבן פאַרגאַנגען אין דער נאָז און אים אויפגעפרישט.

דער שלאָף איז אַרויס פון זיינע ביינער און ער האָט דערפילט אין זיך דעם חשק און גבורה זיך איינצושפּאַנען אין דעם עול פון זיין באַלע־באַטישקייט. ער האָט אַראָפּגענומען פון די שטאַכעטן די צוויי הילצערנע מעלק־שעפעלעך און זיך געלאָזט גיין אין שטאַל אַריין אויסמעלקן זיינע צוויי בהמות. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן פאַדאַשעק און אַריבער־געקוקט צום שליטן. יאַנקל, וואָס איז הינטער טאָג אַהיימגעקומען מיט די פערד פון נאַניטש, איז דאָרט געלעגן אַן איבערגעדעקטער מיט אַן אַלטן פעלץ און געשנאָרכט אויפן קול. ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם ברייט־ביינערדיקן צוואַקסענעם יונג, וואָס איז צו פופצן יאָר שוין געווען העכער פון אים, און געטראַכט, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען יוסף

דער פריץ זאָל אים וועלן נעמען צו זיך אויף זיין פאָלוואַרק. אין די לעצטע פּאָר וואָכן האָט יאַנקל זיך שוין ווידער אָנגעהויבן שאַרן צו די גויים און לייב האָט נאָר מורא געהאַט, אַז אַ שיקסע זאָל אים נאָך ניט ברענגען אַ ממזר אין שטוב אַריין.

ווען לייב איז שוין געווען ביי דער טיר פון שטאָל האָט ער דערזען ליפשען אָנקומען. זי האָט אים נאָך פון טויער אָפּגעגעבן דעם „גוט מאָרגן" און מיט ניט־זיכערע טריט צו אים צוגעקומען.

— זע נאָר זע, אַזוי פרי שטייט מען אויף? די הינער גייען דאָך ערשט אַראָפּ פון די באַנטעס! — איז לייב איר אַנטקעגן געגאַנגען.

— דער טאַטע האָט מיך געשיקט אייך בעטן, אַז איר זאָלט אויפן יאַריד אים קויפן לעדער אויף אַן אונטערגעגניי פאַר די שטיוול — האָט זי גיך אָפּגעכאַפּט די ווערטער, ווי זי וואָלט זיי אויפן וועג געהאַט איינגעחזרט. זי האָט דערלאַנגט לייבן עטלעכע זעקסערלעך, וואָס זי האָט געהאַלטן גרייט אין דער האַנט און זי איז געבליבן שטיין פאַר אים אַ באַרוועסע אין אַ געבלימלט טיכל. דער הויך פון נאַכטיקן שלאָף האָט זיך נאָך אָנגעזען אויף איר מאַט־רויטן פּנים, אָבער אירע אויגן האָבן פון דער זייט געקוקט אויף לייבן מיט דער אויפגעוועקטקייט פון אַ הויז־חיה, וואָס גייט איבער צו אַ נייעם באַלעבאָס. לייב האָט אין איר צוגיין צו אים און אין אירע בליקן דערפילט, אַז זי ווייסט שוין, אַז איר טאַטע וויל זי אים געבן פאַר אַ ווייב און אַ ייִנגלישע שעמעוודיקייט איז אים באַפאַלן. ער איז אָבער די שעמעוודיקייט באַלד בייגעקומען.

— וואָס האָסטו באַדאַרפט ברענגען געלט? דער טאַטע איז ביי מיר אַ בטוח — האָט ער אויף זיין דאַלאָניע אויסגעציילט די זעקסערלעך און זיי באַהאַלטן אין קעשענע — כ'דאַרף דאָס יאָר קויפן אַ וועלט מיט לעדער. כאָטש נעם און עפן אַן אייגענע גאַרבאַרניע. מ'דאַרף האָבן דעם קייזערס אוצרות. דו ווייסט וואָס ס'מיינט צו באַשיכן און באַקליידן אַכט קינדער!

ליפשע האָט מיט אַ טרויעריקן אויסדרוק אויף איר פּנים צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ. לייב האָט פון דער זייט זי באַטראַכט. זי האָט אין זיינע אויגן איצט אויסגעזען אַ סך עלטער ווי אירע צוויי־און־צוואַנציק יאָר און עס איז אים פאַרגעקומען, אַז איר צושאָקלען מיטן קאָפּ מיינט, אַז זי איז אים גרייט צו נעמען מיט די אַכט קינדער. ער האָט איר נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער עס האָט אים ווי אָפּגענומען ס'לשון.

— אַזוי ווי כ'בין שוין סיי־ווי דאָ, וועל איך העלפן אויסמעלקן די בהמות — האָט ליפשע אַ כאַפּ געטאָן איינס פון די מעלק־שעפעלעך, וואָס לייב האָט אָוועקגעשטעלט אויף דער ערד, און אַ רירעוודיקע זיך געלאָזט אין שטאָל אַריין. לייב איז איר נאָכגעגאַנגען. ער האָט אַ שווייגנדיקער צוגעקוקט ווי זי האָט פאַרשטעקט ס'קלייד אין די באָקעס, פאַרקאַטשעט די אַרבל איבער אירע פולע אָרעמס און זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקעלע לעבן דער קו. זי האָט ווי אַ געניטע מעלקערין אַריינגענומען דאָס שעפל

צווישן אירע אָפּגעדעקטע רונדע קני, אָנגעשפּאַרט איר שטערן אָן דעם וואַרעמען בויך פון דער בהמה און באַלד האָט פון הינטער אירע פינגער געגומען שטראָמען און שוימען די וואַרעמע מילך. לייב האָט דערוויילצוגערייניקט די שטאַל און זיך געדרייט אַרום די בהמות.

ליפשע האָט ווי געפילט אַז ער קוקט איר אין די הענט אַריין און זי האָט זיך געסטאַרעט צו באַווייזן וואָס זי קאָן. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקעלע און אים איבערגעגעבן דאָס פולע שעפל מיט דער מילך האָט זי דערזען אַ פרעמדן גלאַנץ אין זיינע אויגן, וואָס האָט זי צעטומלט. עס איז איר מיטאַמאָל געוואָרן אומהיימלעך צו זיין אַליין מיט לייבן אין שטאַל און זי איז, מיטן אויסרייד אַז זי דאַרף גיין עפּעס אָפּקאָכן פאַרן טאַטן, מיט איילנדיקע טריט אַוועק אַהיים. ווען זי איז שוין געוועןביים טויער האָט זי זיך פלוצלינג דערמאָנט אָן אַ געשעעניש פון אַ זיבן אַכט יאָר צוריק. זי איז דעמאָלט געווען איינע אַליין אין פעלד און זי איז אומגעריכט באַפאַלן געוואָרן פון אַ שגץ, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט פעסטע אָרעמס און זי געשלעפּט אין קאָרן אַריין. דער שגץ איז געווען גרעסער פון איר, אָבער זי איז אים ביינגעקומען און זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט.

— ס׳וואָלט גוט געווען ווען דו זאָלסט קאָנען פאַרנאַכט קומען צוהעלפן די מיידלעך — האָט לייב איר נאָכגערופן.

— כ׳על קומען. כ׳על אויסמעלקן די קי און העלפן אָפּקאָכן וועטשערע — איז איר ענטפער צוריקגעקומען שוין פון וועג.

לייב האָט זיך געלאָזט גיין מיט דער מילך צו דער שטוב. ער איז ווידער פאַרבייגעגאַנגען יאַנקלס געלעגער און נאָענט לעבן שליטן דערזען ליגן אויף דער ערד אַ גלאַנצנדיק צלמל אויפגעצילעט אויף אַ רויט בענדל. ער האָט עס ווי אַ שרץ אַ שאַר געטאָן מיט די פיס.

— אַזעלכע שעלמעס! קריכן צו אים נאָר ווי די צויגן. כ׳על נעמען אַ לישנע וועט זיין ווי צו זיי און צו אים — איז ער געוואָרן אָן אָנגעצונדענער.

לייבס שכן, טשערניוק, האָט זיך באַוויזן אויף דער אַנדערער זייט פלויט אַן אויסגעצוואָגענער און אַן אויסגעפוצטער צוליבן „איוואַן“, אין אַן אָנגעקראָכמאַלעט העמד פון גראָבער לייוונט, וואָס ער האָט געטראָגן איבער די הויזן.

די צוויי שכנים זיינען געווען ברוגז פון נאָך פסח אָן. דער קריג האָט צווישן זיי אויסגעבראָכן אין אַ שבת אין דער פרי ווען טשערניוק האָט, ביים אַקערן זיין גאָרטן, אָפּגעשניטן מער ווי אַ העלפט פון זייער שותפותדיקער מעזשע. לייב איז דעמאָלט געווען אין קלויז ביים דאַווענען און ער האָט דורכן פענצטער דערזען וואָס דער שכן האָט אָפּגעטאָן. אַ צערייצטער, ווי עמעצער וואָלט אויף אים אַליין זיך פאַרמאָסטן מיט אַ מעסער, איז ער אין מיטן דאַווענען, אין טלית און אין שטריימל אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן אַריין און זיך געלאָזט אויף טשערניוקן גרייט

אים צו ממיתן. עס זיינען זיך אָבער באַלד אָנגעלאָפן שכנים און אים קוים אָפּגעריסן פון זיין שכן. טשערניוק האָט, נאָך די עטלעכע קלעפּ וואָס לייב האָט אין אים אַריינגעלייגט, באַלד געמוזט צוריק איבערקערן דעם אָפּגעשניטענעם פּאַס ערד און צוריק גאַנץ מאַכן די מעזשע. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי צווישן זיך נישט גערעדט.

יענעם פאַרטאָג, ווען מען האָט זיך געגרייט צו פאָרן צום „איוואַן", האָט טשערניוק ווי פאַרגעסן אָן דעם רוגז. ער האָט מיטביידע הענט זיך אויסגעגלעטעט זיין גלאַנצנדיקע טשופּרינע, באַגריסט לייבן מיט אַ „דזיען דאָברי" און גלייך ווי ס'וואָלט צווישן זיי גאָרנישט פאָרגעקומען מיט אים אָנגעהויבן רעדן.

— איך נעם מיט צו פאַרקויפן אַ זעקל תבואה און אַ חזיר, אָבער ס'וועט מיר נאָך אַלץ נישט סטייען קיין געלט. איך האָב אַ סך זאַכן איינצוהאַנדלען און איך האָב מיינער צוגעזאָגט אַ נייעם קאָזשוך. אַזוי איז עס, אַז מען האָט אַ יונג ווייב, וואָס מען איז אַלט גענוג צו זיין איר טאַטע. ס'איז טאַקע דאָ מיט וועמען צו אַרבעטן, אָבער זי האָט צו־גרויסע אויגן. ס'ווערן דיר די ציין אַיילין פון איר, ווי פון אַ גרינעם עפּל.

— ס'שטעלט זיך אַ וואַרעמער טאָג און ס'וואָלט גוט געווען אַרויס־צופאָרן מיט דער ראָסע, איידער די פאַראָכעס הייבן זיך אויף פון וועג — איז לייב, וואָס האָט זיך שוין פריער נישט איינמאָל צעקריגט און זיך איבערגעבעטן מיט טשערניוקן, צוגעגאַנגען צום פּלויט, אַרויסגענומען זיין פּעקל דרייצענער טיטון און זיי האָבן ביידע פאַררויכערט.

— כ'זע ווי דעם ראַגאַטניקס טאָכטער ניוכעט צו דיין שטוב. זי איז אַ געזונטע מויד און זי קאָן אַריינאַרבעטן. ס'איז נאָר אַ שאָד וואָס זי האָט נישט אירע אייגענע פּאָר שטיקלעך פעלד — האָט טשערניוק זיך אָנגערופן. לייב האָט זיך אָבער נישט־וויסנדיק געמאַכט און מיט אים גענומען רעדן וועגן דעם אַקער, וואָס ער האָט בדעה צו קויפן אויפן יאַריד. ווען ער האָט זיך דערנאָך אַוועקגעדרייט פון פּלויט האָט ער דערזען טשערניוקס יונג ווייבל אויף זיין הויף. זי האָט זיך דורכגעג־דרייט לעבן שליטן וואו יאַנקל איז געשלאָפן און דאָרט אויפגעהויבן ס'צלמל פון דער ערד. ווען לייב האָט זיך צו איר צוגעלאָזט האָט זי כלומרשט אַריבערגעקוקט צו די הינער, לעבן אָפענעם קורניק, און אים געזאָגט, אַז זי זוכט אַ ראָבע הון, וואָס איז איר פאַרפאַלן געוואָרן.

— זי האָט אפשר געטראָגן אַ צלמל אויפן האַלדז? — האָט לייב זי דורכגענומען מיט זיינע בליקן און אין דער שטיל אויף איר זיך אָנגעבייזערט: — ס'עט ווײַ זיין צו דער הון, וואָס קריכט צו פרעמדע הענער, ווען איכ'ל זי פּאַקן. געדענק וואָס כ'זאָג דיר!

די יונגע וואָרוואַראַ האָט אים גאָרנישט אָפּגעענטפערט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גיך אַוועק צו איר שטוב.

שכנים, יידישע און גויאישע, האָבן גאַנץ פרי זיך גענומען קלייבן

אָרום לייבס טויער. זיי זיינען געקומען, פונקט ווי אַמאָל צו זיין זיידן בער, מיט אים זיך מיישב זיין וועגן קויפן אַ פערד, וועגן אונטער־בייטן אַ יאַלעווונע בהמה און וועגן אַלערליי זאַכן, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט איינהאַנדלען אויפן יאַריד.

— מ'עט שוין זען אין לאַשקעוויץ. ס'ווערט שפעט און כ'האָב נאָך אַפילו נישט געדאַוונט — איז לייב מיט אַלעמען גיך פאַרטיק געוואָרן און זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין.

* * *

דאָס קליינע לאַשקעוויץ, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר געפּוסטעוועט און אויסגעזען ווי אַ דאָרף, איז אין דער וואָך פון דעם יאָר־יאַריד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוישיקער, גרויסער שטאָט. אויף די ווילד־פאַרוואַקסענע פּלעצער, וואו ציגן פלעגן אַרומשפּרינגען, זיינען ווי איבער נאַכט אויס־געוואַקסן גרויסע און קליינע שאַלאַשן פון ברעטער, צעלטן פון לייוונט און סוחרים פון נאָענטע און ווייטע שטעט האָבן דאָרט אויסגעלייגט זייערע סחורות. עס האָבן זיך דאָרט אָנגעזאַמלט אָן אַ שיעור מענטשן. זיי זיינען געגאַנגען איבער די ביי־אויפגעשלאָגענע קראָמען און געזוכט איינצוהאַנדלען מציאות, אויף וועלכע זיי האָבן געוואַרט אַ גאַנץ יאָר. מען האָט אויף דעם יאַריד געקאָנט איינהאַנדלען טייערע שנירלעך פּערל, גאָלדענע זייגערלעך, רייכע מלבושים, שיינע מעבל־שטיק און אַלץ וואָס ס'האַרץ האָט נאָר געגלוסט. די געוועלבן זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט אַלערליי סחורות און מיט זעלטענע אַרטיקלען, וואָס מען האָט זיי געקאָנט זען נאָר אין די גאָר גרויסע שטעט.

ביי די געוועלבן זיינען אין דרויסן אויף לאַנגע טישן געווען אויס־געלייגט שניט־סחורות, וואָס האָבן פאַרכאַפּט ס'אויג מיט זייערע פאַר־שידענע קאָלירן. די קרעמער האָבן אויף יידיש און אויף גויאיש אויס־גערופן די נעמען פון די געוואַנטן און פאַרקויפט אויפן אַרשין אַטלאָס, זייד, סאַמעט, פּליוש, שעוויאָט, באַרכעט, פּערקאַל, פּאַפּיט, קאַמגאַרן, ציץ, שאַפּאַן, גראָבע און דינע לייוונט און נאָך אַסך אַנדערע שטאָפן. מען האָט פאַר די אָפענע בײדלעך געזען אַ סך גויאישע ווייסע פּעלצן, לאַנגע און קורצע בּאַראַנאָווע היטלעך, טשעמערקעס און סערמענגעס. אויף דער ערד זיינען אויף קאָלירטע וואַרעטעס געלעגן בערג אויס־געאַרבעטע לעדער פאַר זוילן, פּרישוועס און כאָלעוועס. אויף דרענגלעך זיינען אין לאַנגע שורות געהאַנגען טאַנדעטנע שטיוול פון רויער ברוינער לעדער, גלאַנצנדיק־רויטע און שוואַרצע שטיוועלעך מיט הויכע אָפּצאַסן אונטערגעשלאָגן מיט פּאַדקאָוועס פאַר גויאישע כלה־מיידן; יוכטענע טשיזשמעס מיט דריי קולקעס אויף צו פאַרשנורעווען; באָקסענע שוואַר־צע שיך מיט הויכע כאָלעווקעלעך און ברייטע און שמאָלע לעדערנע גירטלען.

גויים האָבן אָנגעפירט אַ וועלט מיט ערדענע כלים אויף צו פאַרקויפן.

זיי האָבן אויך דער ערד אויסגעשטעלט ברוינע, רויטע און גרויע טעפּ, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעברענט. זיי האָבן געבראַכט פאַרשידענע קרוגן, מאַקערטעס, אַלערליי געפעסן, וועלכע זיינען געווען באַמאָלט מיט פאַסיקלעך, פינטעלעך און לאַנדשאַפט־געמעלן פון פאַרשידענע פאַרבן.

סטאָליאַרעס, באָדנערס, טאָקערס זיינען געקומען פון שטעט און דערפער אין הויכע גרויסע וועגענער אָנגעפּאַקט מיט טיש און בענק, מיט שאַפעס, באַנק־בעטלעך, בעטן, לאָקשן־ברעטלעך, מולטערס, באַליעס, ציבערס, מעלק־שעפלעך מאַסניצעס אויף צו שלאָגן פוטער, קאַנען, מאַגיעל־ניצעס, פּראַלניקעס, וואַלגער־האָלצן, לאָפּאַטעס, קאַטשערעס און מיט פאַרשידענע אויסגעטאָקטע און אויסגעשניצטע הויז־זאַכן. יידן און גויים פון די אַרומיקע דערפער, וואו עס זיינען געוואַקסן אַ סך טראַסטינעס, האָבן אַרויסגעבראַכט צו פאַרקויפן געפלאָכטענע קוישן, קויבערס, וויגלעך, שטולן, קאַנאַפּקעס און אַפילו ליסקעס אויף צו זאַלצן פלייש.

סוחרים פון גרעסערע שטעט האָבן אויף דער איינער וואָך פון יאַר־יאַריד אַריבערגעפירט זייערע אייזן־געשעפטן קיין לאַשקעוויץ. זיי האָבן אין דרויסן פאַר די שאַלאַשן אויסגעשטעלט נייע אַקערס מיט רויט־און גרין־געפאַרבטע אַקער־וועגעלעך, באַרינעס, וואָס האָבן מיט זייערע שפּי־ציכדיקע אייזערנע ציינער געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון. מען האָט ביי דעם אייזנוואַרג געזען אַ סך דאָרפישע גויים, וואָס האָבן מיט אַלטע שטיקלעך פאַדקאָווע געקלאַפּט אויף די נייע קאָסעס און מיט אַ צוגעבויגענעם אויער זיך צוגעהערט צי דער קלאַנג איז פון ריינעם שטאָל. זיי האָבן אָפּ־געקליבן הופנעגל, באַטראַכט סערפּעס, סאָפּעס, העק און באַרדעס. זיי האָבן זיך געקראַצט אין די לאַנגע טשופּרינעס, געשלעפּט ס׳געלט פון די פּאַזוכעס, זיך געקלאַגט אויפן יקרות און זיך געדונגען און געדונגען.

עס זיינען אין טאָג פון „איוואַן” זיך אָנגעפאַרן קיין לאַשקעוויץ אַ סך יידן פון די אַרומיקע דערפער. די וואָס האָבן געהאַט אייגענע פעלדער האָבן געבראַכט צו פאַרקויפן תבואה און אויך שאָף און קעלבער. דאָרפישע יידישע ווייבער און צעוואַקסענע געזונטע מיידן, אויסגעפּוצטע אין געַ־בלימלטע טיכלעך און אין פאַרביקע קליידער מיט פאַלדן און פאַלבאַנעס זיינען געקומען אויפן יאַריד מיט גרויסע טעפּ פוטער און קעז צוגעדעקטע מיט גרינע לאָפּוכעס. זיי האָבן געבראַכט צו פאַרקויפן אינדיקעס, גענדז, קאַטשקעס, הינער, דאַר אויבס פון פאַראַיאָרן, געטריקנטע שוואָמען, קימל, טשערנישקע, מאָן, פריש־געקליבענע רויטע יאַגדעס, שוואַרצע קאַרשן, יונגע קאַרטאָפל, גרינע אוגערקעס, ראש־חודש רעטעכלעך און בינטלעך קנאָבל מיט ציבעלעס, וואָס האָבן געהאַט גרויסע ווייסע קעפּ און לאַנגע גרינע היטשקעס.

עס האָבן אויפן יאַריד, מער ווי אין די פריערדיקע יאָרן, זיך שטאַרק אָנגעזען די גויאישע געוועלבן. ניט איינער פון די פּוילישע און אויך רוטענישע קרעמער האָבן גלייך מיט די יידישע געוועלבניקעס געשלעפּט די קונים פאַר די פּאָלעס און מיט געזונטע געמבעס אויסגערופן זייערע

סחורות אויף גויאיש און אויך אויף יידיש. אויף דער טאַרגאָוויצע, וואו מען האָט אָנגעטריבן אַן אַ שיעור פערד, בהמות, קעלבער, שאָף, ציגן און חזירים, האָבן זיך אויך געוויזן גויאישע קאָניעוואָדניקעס. זיי האָבן פון די יידישע סוחרים זיך אויסגעלערנט די גאַנצע תורה ווי צו פאַרקויפן אַ פערד. זיי האָבן מיט געניטשאַפּט געקלאַפּט דעם קונה אין דער האַנט אַריין, זיך געשוואוירן אויף נאמנות און ביים דורכטרייבן ס׳פערד, פונקט ווי דער יידישער קאָניאַר געשריגן: „העי, ראש למעלה משותלח, הייב פיס און וילך״

— זע נאָר זע, דער פּסיאַקרעוו, דער ליאַך, רעדט דאָך שוין אויף לאָקשן קודש. כאַטש נעם און זיי אים מל מיט אַ קניפּיקל.

— אויב זיי נעמען זיך צו די פערד, וועלן מיר דאַרפן אָנהייבן האַנדלען מיט חזירים.

— און צו די געוועלבן נעמען זיי זיך דען נישט? איר׳ט זען, זיי וועלן נאָך ביי אונדז אויסרייסן דעם לעצטן ביסן פון מויל — האָבן יידן צווישן זיך גערעדט און אומרואיקע באַטראַכט די פּריש־געבאַקענע גויאישע סוחרים.

מען האָט אין טאָג פון ווידפּוסט אין לאַשקעוויץ געזען אַ סך ציי־גיינער מיט גלאַנצבנדיקע גנבישע אויגן און מיט פּנימער אויסגעברוינטע פון זון און ווינט. זיי האָבן געלאָזט רויך פון זייערע לאַנגע ליולקעס, ווי קוועק־זילבער זיך באַוועגט אין געדרענג און געגנבעט, וואָס ס׳איז געקומען צו דער האַנט. די ציגיינערטעס, אין פאַרביקע טיכלעך, באַ־האַנגענע מיט בייטשן קרעלן, מיט פּאַטשערקעס, מיט זילבערנע און קופּערנע מטבעות, האָבן וואָראַזשעט די דאָרפישע מיידן און יונגגן און זיי פאַראויסגעזאָגט זייער מזל. אין דער צייט וואָס זיי האָבן דעם יונגוואָרג פון די הענט אַרויסגעלייענט ווען זיי וועלן חתונה האָבן און וויפיל מאָרג פעלד זיי וועלן פאַרמאָגן, האָבן דערווייל די מאַנען זייערע, די ציגיינער אין די ברייטע הויזן, זיך פלינק געשאַרט צו די גויאישע וועגענער און געגנבעט וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען.

דער יאַריד איז פול געווען מיט בעטלער, בלינדע, קרומע און שטומע. אַ סך פון די קאַליקעס זיינען געווען אויסגעזעצט פון די ביידע זייטן פון דער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט באַרג־אַרויף צום קבר פון „הייליקן איוואַן״. זיי האָבן געשפּילט אויף לירעס, צימבלען, סופּילקעס און דרעמבעס. זיי האָבן אויסגעזונגען אַלערליי לידער וועגן מענטשלעכן מזל, געזאָגט תפילות, זיך געצלמט און געבעטלט נדבות.

מיט דער סטעזשקע האָבן זיך געצויגן לאַנגע פּראָצעסיעס פון יונג און אַלט, וואָס האָבן געטראָגן פאַרביקע צלמים און ברענענדיקע גרויסע וועקסענע ליכט. מענער און ווייבער האָבן געטראָגן אויף די הענט און אויף די פּלייצעס קינדער און אויך דערוואַקסענע, וואָס זיינען געווען געליימט אויף הענט און פיס און וואָס האָבן געליטן אויף פאַרשידענע קראַנקהייטן. עס האָבן זיך געצויגן צום באַרג חולי־נופלדיקע, קרעציקע,

קאַליקעס אויף קוליעס און אויף וועגעלעך, און קאַליקעס וועלכע האָבן אויסגעזען ווי פאַרזעעניש און זיינען ווי חיות געקראָכן אויף אַלע פיר.

אַ סך האָבן אין גאַנג צוגעוואָרפן גרייצער און שטיקער ברויט צו די בעטלער מיט די אויסגעשטרעקטע הענט. ווען זיי זיינען דערגאַנגען צום שפיץ באַרג האָבן זיי דאָרט ביים מאַגילניק פון „איוואַן" זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף די קני, מיטן שטערן אָנגערירט די ערד און געפּרעפּלט און געוויינט. זיי האָבן ביים קבר געלאָזט די וואַקסענע ליכט, קרענצלעך בלומען און זיי האָבן אויך אַריינגעוואָרפן מטבעות אין אַ פּושקע.

נישט אַלע האָבן זיך אָבער אינגאַנצן פאַרלאָזט, אַז דער „הייליקער איוואַן" זאָל אויפהייטערן זייערע געמיטער און אַז ער זאָל געזונט מאַכן די קראַנקע. אויפן וועג צוריק האָבן זיי ביי באָבעס, ביי זנאַכערס און ביי טאַטערן אין רויטע היטלעך מיט טראָלדן איינגעקויפט שמירעכצן, הייל־וואַסערלעך, קאַרינעס און קרייטעכער. דערנאָך ערשט ווען זיי זיינען אַראָפּגעקומען פון באַרג זיינען אַ סך פון זיי אַריין אין שענקן און אַזוי לאַנג געשיכורט ביז זיי האָבן נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זיינען.

אויפן יאַריד האָבן אויך נישט געפעלט קיין יידישע אָרעמעלייט, וואָס זיינען געגאַנגען פון קראָם צו קראָם, פון שטעלע צו שטעלע נאָך נדבות. מען האָט אויך געזען גאַנצע יידישע משפחות גיין איבער די הייזער. אַ בלינדער טאַטע, געפירט פון דריי יונגע מיידלעך, האָט געשפּילט אויף אַ פליייט. איינע פון די טעכטער האָט געקרימפּלט אויף אַ פידעלע און די אַנדערע צוויי האָבן געזונגען וועגן חוהן מיט דער שלאַנג, וואָס דורך זיי איז דאָס גן־עדן פאַרטראַגן געוואָרן אויף יענער וועלט; וועגן משיחן, וועלכער לאָזט אויף זיך צו־לאַנג וואַרטן, און וועגן דעם ביטערן גורל פון אַ בלינדן מענטשן.

* * *

לייב האָט מיט זיך מיטגענומען קיין לאַשקעוויץ בלומעלען, בערן און חיים משהן. ווען ער איז פאַרפאָרן אויפן יאַריד איז דער טאָג שוין געווען צעוואָרעמט און ס'איז שוין אומעטום געווען געפּאַקט מיט מענטשן. ער האָט זיך באַלד אָוועקגעלאָזט אין דעם רוישיקן געדרענג מיט די דריי קינדער און זיי געהיט אויף שריט און טריט.

— האַלט'עך ביי די הענט און קוקטס ווי איר גייט, ווייל איר וועט זיך נאָך פאַרלירן. כ'ווייס גאַרנישט פון וואַנען ס'האָבן זיך גענומען אַזוי־פיל מענטשן — האָט לייב אַ צעיאַכמערטער געזאָגט צו די קינדער, געווישט מיטן אַרבל דעם שווייס פון שטערן און אַלעמאָל אַ טאַפּ־געטאָן ביי דער קעשענע צי האָט מען ביי אים נישט אַרויסגענומען ס'בייטעלע מיטן געלט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום גאַסט־הויז וואו לייבס ברודער, יוסף,

איז איינגעשטאַנען. עס זיינען אָבער געווען אַזויפיל חידושים צו זען, אַז זיי האָבן זיך אַלעמאָל געמוזט אָפּשטעלן. לעבן אַ צירקוס האָבן זיי אין דרויסן געזען שטיין אַ ריזיק־גרויסע פרוי, וואָס האָט מיט די ציין אויפגעהויבן צוויי מענער צוזויפגעבונדענע מיט אַ שטריק. אַ קאַפּעליע יידישע קלעזמער האָט איבער די גאַסן געפירט אַ חברה, וואָס האָבן אויס־געזען ווי פּורים־שפּילער. זייערע פּנימער זיינען געווען אָנגעפּודערט און אָנגעפּאַרבט, עטלעכע פון זיי האָבן געטראָגן הויכע צילינדערס און זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין קליידער פון משונהדיקן קאָליר.

„וואָס האָט מען פון חכמה, אַז מען האָט
ניט קיין געלט;
מען ווערט געשוואָלן פון הונגער און
געפרוירן פון קעלט?"

האָבן זיי געזונגען אויפן קול. איינער פון זיי האָט דורך אַ גרויסער טרובע אויסגערופן, אַז מען זאָל קומען אין שאַלאַש אויפן בערגל וואו עס ווערט אויפגעפירט „איין טעאַטער־שטיק פון וואַהרען לעבען".

— האָראַדענקער קוואַס, אַ האַלבן נייעם אַ גלאָז. טרינקטס און זייטס'עך מחיה!

— אונגאַרישע שאַלן, טערקישע פּאַטשיילעס! גרויסע און קליינע רעשטלעך בחצי חינם!

— האָניק־לעקעכלעך, גן־עדן פּלעצלעך, דריי פּאָר אַ גראַצער! עססט און געדענקטס! — האָבן זיך געטראָגן קולות פון אַלע זייטן. עס האָט זיך געהערט אַ טרובען און אַ טרומייטערן, אַ לישן פון טאַצן און אַ קלאַפּן פון פּויקן.

בלומעלע האָט אַן אויפגעוועקטע געפירט אירע ברידער ביי די הענט און זיי האָבן אַלע דריי צעטומלטע און פאַרפּלאָנטע פון דער הייסער זון זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. לייב האָט פּאָר זיי געקויפט קוואַס און לעקעכלעך און ער האָט אויך איינגעהאַנדלט פּאַטשיילעס און טיכלעך, וואָס בלומעלע האָט אָפּגעקליבן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פּאָר־וואַקסענעם רויטן יידן מיט אַ קוליע, וואָס האָט געשפּילט אויף אַ קאַטע־רינקע. איבער דעם שפּיל־קעסטל האָט אויף אַ דראָט זיך געוויגט אַ פּאַפּוגיי מיט אַ גרינעם טשוב און ער האָט מיט אַ מענעריש גראָב קול געהאַלטן אין איין אויסשרייען: „לאָסי! לאָסי!" דער פאַרוואַקסענער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ קאָפּ ווי פון אַ לייב, האָט געדרייט די קאַטערינקע, צוגעפּויקט מיט זיין קוליע אויף דער ערד און אויף פּויליש און אויף יידיש גערופן, אַז מען זאָל ביי אים קויפן אַ צעטל; אַז מען זאָל זיך באַקענען מיטן אייגענעם מזל און נישט בלאָנדזשען אין דער פינצטער. ער האָט אויס־גערופן, אַז פון זיינע לאָסצעטלעך קען מען אַלץ זיך דערוויסן, נאָר נישט ווען משיח וועט קומען.

בלומעלע האָט אויף אַ רגע אַ טראַכט־געטאָן וועגן איר מזל און

באַלד איז פאַר איר אויפגעגאַנגען טאַדעקס געשטאַלט. זי האָט אים אין די עטלעכע טעג נאָך יענער נאַכט, וואָס זי איז מיט אים געווען ביים שלאָס, מער נישט געהאַט געזען. ער האָט זיך נישט געוויזן אין דאָרף און זי האָט בייטאָג און ביינאַכט, אַן אויסגעניכטערטע פון אירע חלומות, געטראַכט, אַז זי דאַרף אים אינגאַנצן פאַרגעסן. ווען זי האָט אָבער צום פאַרן קיין לאַשקעוויץ זיך אויסגעפוצט אין דעם שבתדיק קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן, ווען זי איז געווען מיטן פּאַניטש ביים שלאָס, האָט אין איר אויפסניי אויפגעציטערט אַ בענקשאַפט נאָך אים.

— לאַסי! לאַסי! — האָט דער פּאַפּוגיי איר אַריינגעשריגן אין פּנים. בלומעלע האָט דערלאַנגט דעם יידן אַ העלער און אַ כאַפּ־געטאָן דאָס לאָס־צעטל, וואָס דער פּאַפּוגיי האָט פאַר איר מיט זיין שנאָבל אַרויסגעצויגן פון אַ קעסטעלע. זי האָט אין דער רגע פאַרגעסן אַן אירע ברידערלעך און אַן טאַטן. זי איז אַפּגעגאַנגען אין אַ זייט, אויפגעוויקלט דאָס ראָז־ווייסע צעטל, וואָס האָט געשמעקט מיטן ריח פון רויזן, זיך ווי איינגעגעסן אין אים מיט די אויגן און געלייענט: „דאָס וואָהרע גליק וועט פאַר דיר באַלד אויפשיינען, ווי די זאָנע מיט דעם מאָנד און די שטערנע. דיין ברוטיגאַם, דיין הערצנס־געליבטער איילט שוין צו דיר. ער וועט דיך ליבען און שעצען ווי איין פירשטען־קינד און דער קרוג פון דיין גליק וועט פול ווערען דאָס צווייטע יאַר נאָך דער הייראַט, ווען דו וועסט ענטבונדען ווערען מיט דיין ערשטען קינד". בלומעלען האָבן פון די ווערטער די טרערן זיך געשטעלט אין אויגן.

פּלוצלינג איז געוואָרן אַ געדרענג אַרום אַ טיש וואו אַ ייד האָט פאַרקויפט האַרמאַשקעס, פּאַטשערקעס, קרעלן און שפּילקעס. לייב האָט אַנגעשריגן אויף בלומעלען, אַז זי זאָל אַנעמען די ייִנגלעך ביי די הענט, ווייל מען וועט זיי נאָך צעטרעטן. בלומעלע האָט באַהאַלטן ס'צעטל און זיי האָבן אין געדרענג זיך גענומען דורכברעכן אַ וועג. אַ רעדל מענטשן האָט זיך דאָרט צונויפגעקליבן און צוגעקוקט ווי עטלעכע יידן באַזוכן אַ יונגן שגץ און האַלטן אים אין איין פּלעמען אין די פּיסקעס. דער שגץ האָט זיך געהאַלטן אין איין שווערן, אַז ער האָט גאָרנישט געגנבעט און ער האָט זיך געריסן פון זייערע הענט. זיי האָבן אים אָבער נישט אַפּגעלאָזט. איינער פון די יידן האָט אים אַראָפּגערוקט דעם שטרויענעם קאַפּעליוש איבער די אויערן און דער צווייטער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים לעדערנעם פּאַס און פון אים נאָר געוואָלט אַראָפּשלעפּן די הויזן.

— קערטס אים איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף, וועט זיך שוין די גנבה באַווייזן.

— ס'איז דאָך זיי נישט צום דערהיטן. זיי לאַטכענען מיט די אויגן.

— גיט אים אין די זייטן אַריין וועט ער שוין פאַרזאָגן אַ צענטן!

— האָבן עטלעכע יידן, וואָס זיינען געשטאַנען אין רעדל, זיך געלאָזט הערן.

מיטאַמאָל האָט דער שגץ, וואָס איז געווען אַ יאַנאָוויצער, דערזען לייבן

און ער האָט זיך אַ ריס־געטאָן צו אים. „גוטינקער שכן מיינער, לייבע, האַרציקער טאַטעלע, ראַטעוועט מיך, ווייל זיי וועלן מיך נאָך דאָ קוילען!" — האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קינד. לייב האָט פון אים באַלד אָפּגעשטופּט די יידן, זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין אַרויסבאַקומען די גנבה, און ער האָט דעם שגץ אַרויסגענומען פון זייערע הענט.

— גיב־אָפּ וואָס דו האָסט גענומען. ס'איז דאָ נישט ווי אין דאַרף — האָט לייב צו אים גערעדט אין דער שטיל — ביי די שטאָטישע איז נישט אַזוי לייכט עפּעס צוצושלעפּן.

— זאָל איך איינגעזונקען ווערן אין דער ערד; זאָל מיך שוין אַ שלאַק טרעפן, צי האָב איך איצט עפּעס געגנבעט! — האָט ער זיך געזעצט מיט אַ פויסט אין האַרץ אַריין און דערציילט, אַז אַן אַנדערער שגץ, וואָס האָט ווי ער אויסגעפּרואווט די מויל־האַרמאָשקעס, האָט עפּעס אַוועק־געטראָגן פון טיש. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען גויים מיט בייטשן אין די הענט און מיט ניי־איינגעהאַנדלטע גראַליעס און ווידלעס. זיי זיינען געקומען זיך אָננעמען פאַרן שגץ און זיי זיינען געווען גרייט צו פאַרפירן אַ געשלעג.

— איר וועט שוין לאַנג נישט אַזוי הוליען, יידעלעך. די ברידערלעך פון יענער זייט זברוטש וועלן אַריבערקומען און מען וועט אייך אויס־קאָסען ווי ווילדן בוריאַן! — האָט זיך געלאָזט הערן איינער פון די גויים, וואָס מען האָט אין זיין הויכן שטרויענעם קאַפּעליוש דערקענט, אַז ער קומט פון די דערפלעך, וועלכע ליגן האַרט ביי דער גרענעץ.

— וועסט פריער מיטן קאָפּ פאַרלייגן, כאַזוערנאַ וואָס דו ביסט — איז לייב געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. ער האָט אַ רייב־געטאָן אין האַנט אין דער אַנדערער, גרייט זיך אַ לאָז צו טאָן אויף דעם פּויער אין הויכן קאַפּעליוש. עמעצער האָט אָבער אויסגערופן, אַז זשאַנדאַרן גייען און דער גוי האָט דער ערשטער זיך אָפּגערוקט. לייב האָט אַ וואונק געטאָן צום יאַנאָוויצער שגץ, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים ווי אַ נעבעכל, אַז ער זאָל הייבן פיס. דער שגץ האָט אים געפאָלגט און ער איז באַלד אויס־געווען די צייט. די גויים זיינען דערנאָך זיך צעגאַנגען און לייב מיט די קינדער האָבן זיך פאַרנומען מיט אַ זייטיקן וועג צום גאַסט־הויז, וואו זיין ברודער יוסף איז איינגעשטאַנען.

קאַפּיטל פיר־און־צוואַנציק

דער הויף אַרום דעם לאַשקעוויצער גאַסט־הויז, וואו עס זיינען פאַרפאָרן יידישע פּריצים און רייכע סוחרים פון ווייטע שטעט, איז פול געוועזן מיט בריטשקעס, וועגענער, אָנגעזאָטלטע רייט־פערד און מיט פורמאַנעס און שיקסעס. טויבן און דריבנע שפּערל־פייגעלעך האָבן דאָרט אַרומגעהיפּט צווישן די פערד און געפּיקט קערנער פון דער ערד. גאָלד־גרינע גרויסע פליגן האָבן געזשומעט אַרום פרישן פערדישן מיסט און אַלעמאָל זיך צוגעכאַפּט זויגן ס׳בלוט פון די פערד. פאַר די טירן פון גאַסט־הויז האָבן זיך געדרייט מעקלערס מיט פולע קעשענעס מוסטערן פון אַלערליי תבואות און שדכנים, וואָס האָבן דאָרט צונויפגעפירט חתן־כלה אויף „בעשוי״. צירונג־הענדלער פון גרויסע שטעט האָבן דאָרט געטשאַטעוועט אויף חתן־כלה, אויף מחותנים און געדולדיק געוואַרט אויף תקיעת־כפ׳ן. זיי האָבן געהאַט גרייט זייערע סחורות און ווען ס׳איז געשלאָסן געוואָרן אַ שידוך האָבן זיי באַלד אַרויסגעלייגט גאָלדענע זייגערס, שנירלעך פערל, אויררינגלעך און אַנדערע חתן־כלה מתנות.

ווען לייב איז מיט די קינדער אָנגעקומען אויפן הויף האָט בלומעלע דאָרט דערזען אַן אָנגעזאָטלטן בולאַן מיט אַ ווייסן שטערן, וואָס האָט אויסגעזען ווי טאַדעקס פערד. זי איז געבליבן שטיין און אַריבערגעקוקט צום פערד, וואָס האָט מיט זיין אונטערגעשוירענעם עק געטריבן פון זיך די פליגן. בער און חיים משה האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט און געפּרוּווט טרעפן וועלכע עס איז דעם פעטער יוספס בריטשקע.

— רירטס אייך! — האָט לייב אונטערגעטריבן די יינגלעך און גענומען רעדן אין בלומעלעס זייט — ווייסט ווען מיר קאָנען נאָך דאָ טרעפן?

בלומעלע האָט אַ פאַרציטערטע אַרויפגעקוקט צו איר פאָטער.

— יאָשע דעם סאַדאָווניקס דאַרף דאָ ערגעץ זיין. ער דרייט זיך דאָך אַרום די פּריצים און אַרום די מעקלערס — אין מיטן דערינען האָט לייב מיט אָנצוהערעניש דערמאָנט די נעמען פון אַ פּאָר יאַנאָוויצער מיידלעך, וואָס מען האָט יענעם טאָג באַדאַרפט ברענגען קיין לאַשקעוויץ אויף „בעשוי״. בלומעלע האָט אויפן טאַטנס רייד גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַלעמאָל אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אין דער זייט וואו עס איז געשטאַנען דאָס בולאַנע פערד מיטן ווייסן שטערן.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גאַסט־הויז האָט זיך יוסף דאָרט באַוויזן אויף דער וועראַנדע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פרישן גרויען רייזע־מאַנטל און געטראָגן אַ שטעקן מיט אַ הענטל פון פּערלמוטער. זיין פּנים איז געווען לויטער און זיין שיינע באָרד האָט געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון. ווען לייב האָט אים דערזען האָט ער אין גאַנג מיט עטלעכע פינגער אַ קעם־געטאָן זיין קורצע האַרטע באָרד און אָפּגע־

פראַשעט די לאַצן פון זיין אָפּגעשאָסענעם גרינלעכן אויבערציער, וואָס האָט אים קוים געגרייכט ביז צו די קני.

— אָט איז דער פעטער יוסף! — איז ער מיט ברייטערע שפּאַן צוגעגאַנגען צו זיין ברודער.

— כ׳האָב אָבער געוואוסט, אַז דו וועסט באַלד אָנקומען. אַ קיילעכיק יאָר אַוועק. ס׳איז נאָך גוט וואָס ס׳איז דאָ אַ לאַשקעוויצער יאַריד. ווייטער וואָלט מען זיך אינגאַנצן נישט געזען — האָט יוסף דערלאַנגט לייבן אַן אויסגעאיידלטע ווייכע האַנט.

— אַ סך וואַסערן זיינען אין דעם יאָר איבערגעלאָפן — איז לייבן ווי ענג געוואָרן אין האַלדז. ער האָט געהאַט תרעומות אויפן רייכן ברודער פאַרוואָס ער האַלט זיך אַזוי פון דער ווייטנס, פאַרוואָס ער איז די גאַנצע צייט וואָס ריווע איז קראַנק געווען אַפילו איינמאָל נישט געקומען צופאָרן. איצט האָט ער אָבער אַן אַלץ פאַרגעסן. אַ וואַרעמער הויך האָט אַ שלאָג געטאָן צו זיינע אויגן און ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אַרומ־צוכאַפּן זיך מיט יוספן. די צוויי ברידער — איינער אַן אויסגעפּוצטער, מיטן אויסזען פון אַ שררה, און דער צווייטער אַ פּראָסטער דאָרפסמאַן, מיט געזונטע פאַרהאָרעוועטע הענט, אין פאַרשטויבטע יוכטענע שטיוול — זיינען געבליבן שטיין פּנים אל פּנים. זיי האָבן שווייגנדיקע, נאָר מיט זייערע בליקן, גערעדט איינער צום אַנדערן וועגן זייערע קינדער־יאָרן, ווען זיי האָבן געגעסן פון איין שיסל, געשלאָפן אויף איין געלעגער און וועגן דעם מזל, וואָס האָט זיי שפּעטער געפירט אויף באַזונדערע וועגן.

בלומעלע איז די ערשטע צוגעגאַנגען צום פעטער, אים אַ קוש געטאָן אין האַנט און בער מיט חיים משהן האָבן איר נאָכגעטאָן.

— זע נאָר, האָסט דאָך שוין אויך אַ כּלה־מויד. זי איז מיר אָבער עפּעס אויסגעבלייכט. וואָס איז, גיסט איר נישט קיין עסן? דערפאַר האָבן אָבער די צוויי יונגאַטשעס פולע פּיסקעס. כ׳וואָלט אַפילו אין דער פינצטער דערקענט, אַז זיי זיינען פון די „לייבן און בערן״. ווייסט איר כאָטש וואָס פאַר אַ סדרה ס׳גייט די וואָך? — האָט יוסף געפרעגט די יינגלעך.

— ס׳גייט די סדרה פּנחס — האָבן בער מיט חיים משהן ביידע מיטאַמאָל געענטפערט און זייערע פּנימער מיט די אויערן זיינען שטאַרק רויט געוואָרן.

— אויב אַזוי, קומט זיי צו גאַנצע זעקסערלעך — האָט דער פעטער זיי געגעבן צו צען גרייצערדיקע מטבעות. בלומעלען האָט ער דערלאַנגט אַ קראַן. זי האָט זיך געקווענקלט צו נעמען און ער האָט איר דאָס זילבער־שטיק אַריינגעשטופּט אין דער האַנט.

די יינגלעך האָבן זיך באַלד אַוועקגעשאַרט צו די טויבן, בלומעלע איז צוגעגאַנגען צום פאַרענטש פון דער וועראַנדע און יוסף מיט לייבן האָבן זיך צוגעזעצט. יוסף האָט גענומען רעדן וועגן זיין פאָלוואַרק און דערציילט וועגן זיינע וואַלד־מסחרים, וועגן די ציגעלניעס און מילן, וואָס ער האָט געדונגען און פאַרדונגען. ער האָט זיך געקלאָגט אַז די

עסקים האַלטן אים שטענדיק פאַרנומען און זיך פאַרענטפערט פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעפרעמדט פון דער ירושה־שטוב און אַפילו אויפגעהערט קומען צו די פורים־סעודות. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דער אַלטער באָבע שרה׳לע, באַפוילן צו איר, אַז ער וועט די טעג זיך אָוועקרייסן פון אַלע זיינע געשעפטן און קומען זי זען. און צולעצט האָט ער מיט אַ זיפצן דערמאָנט ריוועז.

— גיי ווייס וואו דער מלאך־המות קאָן אויסוואַקסן. כ׳קאָן מיר נאָך עד־היום נישט גלויבן. ס׳האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן אַז זי וועט באַלד אָנקומען מיט די קינדער ווי פאַראַיאָרן. ווייס׳יך וואָס, נאַ דיר אַ רעטעך פאַרן גאַנצן טאַראַראַם. מ׳לויפט, מ׳רייסט־איין וועלטן, מ׳וויל נאָר אַריבעריאָגן דעם אייגענעם שאָטן און מ׳פאַרגעסט, אַז וואָס פאַר אַ חכם זאָלסט נישט זיין און וויפיל גאָלד זאָלסט נישט האָבן, שטייט דיר הינטער די פּלייצעס דער מלאך־המות און שטעקט דיר אַרויס אַ צונג.

— זי האָט מיר אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. ס׳וויינט ביי מיר יעדעס ווינקעלע נאָך איר. זי פעלט מיר אויס אויף שריט און טריט — האָט לייב אַ דערשלאָגענער זיך אָביסל אויסגערעדט פאַר זיין ברודער. ער האָט אים אויך דערציילט וועגן שידוך וואָס מען רעדט בלומעלען און ער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט יאַנקלען, וואָס פאַרשוואַרצט אים ס׳פּנים.

— שרייב תנאים און מאַך חתונה. דער בחור איז פון אַ לייטישער משפחה. כ׳געדענק, מיר פלעגן ייִנגלוויז גיין צו זיין זיידן אין די סעדער. געוואַלד, ווי די יאָרן לויפן! גיב אים אַ שטיק פעלד נדן און זאָג אים צו, אַז אויב ער וועט וועלן וועל איך אים נאָך דער חתונה אַריינגעמען אין מיין דינערשאַפט. און דעם בחורעץ דיינעם נעם און שיק אָוועק קיין אַמעריקע.

— ס׳איז דיר גרינג צו זאָגן. וואָס הייסט עפּעס, נעמען און אָוועקשיקן אַ קינד מעבר־לים? כ׳וויל זיי האַלטן אַרום מיר. כ׳האָב גערעכנט, אַז דו זאָלסט אים נעמען צו דיר אויפן פאָלוואַרק. אפשר וועט ער זיך אָביסל אויסמענטשלען.

— ווייס׳יך וואָס. זעסט דאָך, אַז ער איז געראָטן אין אונדזער ברודער סענדער — האָט יוסף זיך נישט געלאָזט רעדן.

בלומעלע האָט פון דער ווייטנס אויפגעכאַפּט די רייד און ס׳האָט איר גענומען האַקן אין די שלייפן. זי האָט אַריבערגעקוקט צום טאַטן, וואָס איז געזעסן אַ פאַרזאָרגטער לעבן זיין ברודער דעם פּריץ און זי האָט דערפילט צו אים אַ גרויס רחמנות. זאָל זיין יאַשע דאַטש, זאָל זיין אַבי ווער, זי וועט זיך נישט אַנטקעגן שטעלן, האָט זי געטראַכט. עס איז איר שוין געווען אַלצאיינס. ס׳האַרץ האָט אָבער אין איר געוויינט, ווען זי האָט געהערט ווי דער פעטער יוסף דערציילט וועגן דעם וואוילטאָג, וואָס ער גיט נאָך זיינע קינדער. זי האָט געהערט ווי ער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער דאַרף האָבן דעם מלכס אוצרות פאַר זיינע טעכטער; אַז ער האָט ערשט

איינגעהאַנדלט אַ נייעם פּאַרטעפּיאַן, און אַז ער דאַרף פֿאַר זיי האָבן אַ סך נדן.

— דיר וועט לייכטער זיין חתונה צו מאַכן די מיידלעך ווי מיר. מיינע ווײַלן נישט נעמען אַבי וועמען און מיט קיין פּאָר שטיקלעך פּעלד וועל איך זיי נישט אָפּפּטרן. ביי מיר וויל מען דאָך נאָר אַ דאָקטאָר, און דאָס קאָסט אַ היטל מיט גאָלד נדן. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז דער יאַנאָוויצער פּריץ האָט אַ לייטישן בנ׳אָק, וואָס שטודירט אין לעמבערג. מיין דאָרציע האָט זיך איינגעשפּאַרט און זי וויל נאָר דאָקטוירים פֿאַר איידעמס.

בלומעלע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן ווען זי האָט דערהערט דער־מאָנען דעם יאַנאָוויצער פּאַניטש.

— מיט וואָס איז ער אַזוי לייטיש, כ׳מיין אונדזער פּריצס זונדל — איז לייב אַריינגעפּאַלן זיין ברודער אין די רייד — דער טאַטע זיינער רייט־אַרום אויפן פּערד אום שבת און איז אַ טראַפּניאַק, אַ שיקסעניק. און זיין בנ׳אָק איז נאָך ערגער פון אים. זיי זיינען נישט קיין יידן און נישט קיין גויים.

עטלעכע גויאישע פּויערים אין פלאַכע שטרויענע קאַפּעליושן, זייערע אָנגעקראָכמאַלעטע סטאַנעס איבער די הויזן, זיינען צוגעקומען צו דער ווערענדע. יוסף האָט נאָך פון דערווייטנס דערקענט, אַז זיי זיינען פון זיין דאָרף און ער האָט זיי צוגערופן. זיי האָבן הכנעהדיק אַראָפּגענומען די קאַפּעליושן און געקושט יוספן אין דער האַנט. איינער פון זיי האָט דעם פּריץ געלאָזט וויסן, אַז זיי זיינען ראַדניקעס פון דער געמיינדע און אַז זיי זיינען אים נאָכגעפּאָרן בעטן, אַז ער זאָל דאָ אויפן יאַריד ניט דינגען קיין באַרג־פּויערים אויף צו שניידן און דרעשן די תבואה פון זיינע לאַנעס.

— זאָל דער ליכטיקער און געאַכטעטער פּאַן דאָס יאָר געבן צו פאַרדינען אַביסל ברויט די היימישע דאָרפסלייט און ניט ברענגען די הוצולען פון די בערג — האָבן די ראַדניקעס זיך געבויגן אין דרייען פֿאַר זייער פּריץ.

— כ׳האָב דאָך געהערט, אַז עס געפעלט אייך נישט צו אַרבעטן אויף מיינע לאַנעס, אַז איר ווילט דעם זיבעטן סנאָפּ פֿאַר שניידן ס׳קאָרן. איר קאָנט אייך אַלע זיצן אין דער היים. כ׳על מער ווי די אַנדערע פּריצים נישט געבן — האָט יוסף זיך געגעבן אַ שטרעק אויס אין זיין גאַנצער לענג פֿאַר די פּויערים און גערעדט צו זיי שטרענג. לייב האָט איצט עפּעס ווי ניט דערקענט זיין ברודער און ער איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט.

די גויים האָבן זיך איבערגעקוקט, געדרייט די קאַפּעליושן אין די הענט און געשטאַמלט:

— דער ליכטיקער פּאַן איז אַלעמאָל געווען גוט צו אונדזערע און ווער ס׳רעדט עפּעס שלעכטס אויף אונדזער פּריץ זאָל אים דאָס מויל פאַרקרימט ווערן.

— מ׳סטראַיעט אייך אָן און מ׳רעדט אייך איין, אַז מ׳וועט צעטיילן

די פריצישע ערד. געדענקט, דעם קייזערס זשאַנדאַרן וועלן אייערע קלו־געטשקע, וואָס בונטעווען אייך, אָנטאָן קייטעלעך אויף די הענט און זיי וועלן פאַרפוילט ווערן אין קרימינאַל — האָט יוסף מיט אַ פינגער זיי געוואָרנט. די פויערים האָבן זיך געהאַלטן אין איין שווערן און אין איין פאַרענטפערן, אַז זיי זיינען ניט ווי די מאָסקאַלעס אויף דער אַנדער זייט גרענעץ, וואָס לאָזן זיך איינרעדן אַז מען וועט אומזיסט געבן ערד.

יוסף האָט זיי ניט געשאַנעוועט און זיי זיינען געשטאַנען ווי שטילע לעמעלעך, איידער ער האָט זיי אָבער אָוועקגעשיקט האָט ער זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט קיין הוצולען נישט ברענגען. ער האָט זיי אויך געהייסן אַריינגיין אין גאַסטהויז, אַז זיי זאָלן דאָרט אויף זיין חשבון אויסטרינקען צו פאָר גלעזלעך בראָנפן.

— האָסט געהערט זייערע זיסע ריידעלעך? האָניק טריפט דאָך פון זייערע ליפן. כאַטש נעם און לייג זיי צו צו אַ געשוויר, אַזוי גוט זיינען זיי. אָבער טיף אין האַרצן טראָגן זיי אַ שנאה צום יידן און מ׳קאָן זיי לייכט אויפרייצן. אַיי, אונדזער טאַטע עליו השלום איז אויף זיי געווען אַ גוטער מבין. ער האָט יאָרן־לאַנג אין שענק זיי געזען און זיי געהערט שיכורערהייט — איז יוסף מיט די רייד צוגעגאַנגען צו לייבן נאָכדעם ווי די פויערים זיינען אַוועק.

לייב איז נישט געווען דער איינציקער פון דער משפחה, וואָס האָט זיך אויפן לאַשקעוויצער יאַר־יאַריד באַגעגנט מיט יוספן. באַלד האָבן זיך אויף דער ווערענדע אויך באַוויזן רויזע און נאָטע מיט זייערע קינדער. נאָטע האָט שוין ווידער געהאַלטן אין צוקויפן אַ פאָר מאָרג פעלד און ער איז געקומען, אַז יוסף זאָל אים אונטערשרייבן אַ וועקסל. פסח, מיט זיין ווייב טריינע און נאָך אַנדערע קרובים זיינען זיך צונויפגעקומען. מען האָט געבעטן ביי דעם פריץ אַ טובה און מען האָט זיך מיט אים געהאַלטן אַן עצה. עס האָבן אָבער צו יוספן אויך גענומען גיין מעקלערס און סוחרים און ער האָט מיט זיין משפחה זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט.

* * *

לייב איז דערנאָך מיט זיינע קינדער אַוועק איינהאַנדלען פאַרשידענע שטובזאַכן און ער האָט ביי די געשטעלן און אין די געוועלבן זיך באַגעגנט מיט יידן און גויים פון יאַנאָוויץ און פון די אַרומיקע דערפער. די גויאישע שכנים האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט געמוזט זיין דער מבין אויף אַלצדינג, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט קויפן און זיי האָבן אים נישט אויפגעהערט שלעפן אין שענק אַריין, אַז ער זאָל מיט זיי אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפן אָדער כאַטש אַ „האַלבע" ביר.

שפעט נאָך וואַרעמס האָט לייב געלאָזט די קינדער ביים וואָגן און ער איז אַליין אַוועק צום לאַשקעוויצער רבילע ר׳ ניסל. ער איז גלייך מיט אַ סך אַנדערע יידן פון די אַרומיקע דערפער געווען איינגעליבט אין דעם רבילע, ווי אַמאָל אין ר׳ וועלוועלען.

מען איז צו דעם רבילע געקומען זיך אויסרעדן ס׳האַרץ און האַלטן זיך מיט אים אַן עצה. מען האָט צו אים געבראַכט קראַנקע און צעדולטע, און ער האָט זיי געהיילט מיט סגולות, קמיעות, זאַלבן און מיט קריי־טעכער, וואָס ער האָט אַליין געקליבן אין לאַשקעוויצער וואַלד.

ר׳ ניסל האָט געוואוינט איינער אַליין אין אַן אַלט שטיבל, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעקראָכענעם שטרויענעם דאַך און איז געווען אונטער־געשפּאַרט מיט עטלעכע דרענגלעך. ער איז געווען אַ קליין־געוואַקסענער און אַן אויסגעדאַרטער, ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן קאָפּ און גרויסע ליכטיקע אויגן. קיין באַרעדעוודיקער איז ער נישט געווען, אָבער די, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ געטלעכן מאַן, זיינען געווען איינגעגלויבט, אַז אַ גרויסער כח ליגט אין זיינע אויגן און אַז איין קוק זיינער אויף אַ קראַנקן טוט מער אויף ווי אַלע רפואות.

דאָס רבילע האָט זומער און ווינטער געטראָגן אַן אויסגעריבן באַ־ראַנאָווע היטל, אַן אָפּגעקראָכענעם וואַטאָווע ראָק און אַ פּאָר אַלטע שטיוול. זיין גאַנצער הולך און אויך זיין פּירעכץ איז געווען ווי פון אַן אָרעמען דאָרפסמאַן. ער האָט געהאַט אַ קיילעכדיק ווייבערישן פּנים פול מיט דריבנע קנייטשלעך און דאָס ביסל שיטערע שוואַרץ־גרויע האָר אַרום זיין קין, וואָס מען האָט זיי גיך געקאָנט איבערציילן, האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי קיין באָרד.

ווען לייב איז צוגעקומען צו ר׳ ניסלס שטיבל, האָט ער דאָרט גע־טראָפן אַ סך מענטשן. ער האָט דאָרט באַגעגנט זיינע אַ ווייטע קרובה פון אַ דאָרף ניט ווייט פון יאַנאָוויץ, וואָס איז געקומען צום רבילע מיט אירער אַ זעכצן־יעריקער טאָכטער. דאָס יונגע מיידל איז געזעסן אַ פאַרדומעטע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ פאַרקלעמט מויל. אַלע מאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון איר „דומען" און עפּעס נאָר ווי אַ דיבוק האָט פון איר אַרויסגעקרייעט.

אַ דאָרפס־ייד האָט אויף די פּלייצעס געבראַכט צוטראָגן צו ר׳ ניסלען אַ קליין יינגל, וואָס איז געווען געליימט אויף ביידע פיס. דער ייד האָט אַ דערשלאָגענער דערציילט דעם רבילע, אַז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיין יינגל געפּאַשעט די גענדז און אַרומגעיאָגט איבערן טאָל. מיטאַמאָל איז ער אַוועקגעפאַלן ווי אַ שטיק ליים און ער קאָן נישט גיין און קאָן נישט שטיין.

עס איז אין שטיבל אַריין אַ יונג ווייבל פון אַ שטעטעל אַרום יאַנאָוויץ און זי האָט מיט אַ ביטער געוויין זיך געבעטן ביי ר׳ ניסלען אַז ער זאָל איר העלפן אָפּזוכן איר מאַן, וואָס איז פאַרשוואונדן. איר מאַן האָט געהאַנדלט אויפן דאָרף און ער פלעגט יעדן ערב שבת אהיימקומען. אָבער שוין די דריטע וואָך, אַז ער איז פאַרפאַלן געוואָרן און מען ווייסט נישט וואו ער איז אַהינגעקומען.

אַ ברייט־צעוואַקסענע דאָרפס־יידענע האָט געבראַכט צוטראָגן פאַרן רבילע אַ וואָרעק קעז און אים געלאָזט וויסן, אַז זי איז געקומען נאָך

אַ סגולה אויף צו פאַרטרייבן דעם כישוף פון אירע בהמות, וואָס זייער מילך איז מיטאַמאָל געוואָרן וואַסערדיק. זי האָט חושד געווען אַז אירע אַ גויאישע שכנטע האָט די בהמות אָפּגעטאָן דעם כישוף, אָבער אַזוי ווי זי איז נאָך נישט געווען זיכער, האָט זי דערוויל וועגן דעם קיינעם גאָרנישט געזאָגט. זי האָט אויך געוואָלט, אַז ר׳ ניסל זאָל איר געבן עפּעס אַ שמירעכץ פאַר אירע צוויי יינגלעך, וואָס האָבן אין מיטן ווינטער באַקומען פּיכטע אויסשלאַגן אויף די קעפּלעך.

עס איז געקומען נאָך אַ רפואה אַ ייִד, וואָס זיין מויל און ס׳גאַנצע פּנים איז ביי אים פּלוצלינג פון אַ צוג־ווינט, צי אפשר פון אַ קללה, איינגאַנצן פאַרדרייט געוואָרן.

— ער איז אַ גרויסער בעל רחמים און ער וועט העלפן. ער מוז העלפן. מ׳דאַרף נאָר האָבן בטחון. דאָס איז די בעסטע רפואה — האָט דאָס רבילע ווי פאַר זיך געשטאַמלט און געהאַלטן אין איין איבערזאָגן די ווערטער. ער איז געווען קאָרג אויף רייד, אָבער ער האָט יעדן איינעם אַריינגעקוקט אין פּנים, פאַר יעדן איינעם געהאָט אַ זיפץ, אַ ברכה און מען איז פון אים אַוועקגעגאַנגען מיט אַ דערלייכטערט געמיט.

אויך לייב איז אַרויס פון ר׳ ניסלס שטיבל ווי אַן אָפּגעפרישטער. דאָס רבילע האָט געדענקט די נעמען פון אַלע זיינע קינדער און אים אהיימגעגעבן קמיעות פאַר זיי. ער האָט דערמאָנט זיין זיידן בער און ווי מיט פרייד געזאָגט לייבן, אַז ער האָט שוין לאַנג נישט געזען אין פעלד אַזאַ הויך קאָרן און אַזאַ געראָטענעם שיינעם ווייץ. ער האָט אין אָפּ־געריסענע רייד ווי אויסגעפירט, אַז אין אַ יאָר ווען עס געראָט ס׳ברויט אין פעלד געראָט אויך ס׳מזל פון מענטשן.

לייב האָט פאַרן רבילע זיך אויסגערעדט ס׳האַרץ נאָך מער ווי פאַר זיין ברודער. ער האָט אים דערציילט וועגן ריוועס טויט, וועגן שידוך, וואָס מען רעדט בלומעלען, און זיך מיט אים געראָטן צי זאָל ער פּאָלגן יוספן און אַוועקשיקן יאַנקלען אַזש קיין אַמעריקע.

— שמד איז טויזנט מאָל ערגער ווי פאַרן מעבר לים. אויב עס איז אַזוי באַשערט פון אויבן וועט ער אַוודאי פאָרן. דער, וואָס איז איבער אונדז פירט אַלץ מיט חסד, מיט צדק און מיט חשבון און מיר קאָנען זיך נישט דערגרונטעווען צו אַלע זיינע מעשים.

ר׳ ניסל האָט לייבן געהייסן שרייבן צו זיין ברודער סענדער און ביי אים אָנפרעגן צי זאָל ער שיקן יאַנקלען קיין אַמעריקע. ער האָט אים אויך צוגערעדט צום שידוך מיט יאָשע דעם סאַדאָווניקס און פאַרן אַוועק־גיין האָט ער אים אויך געגעבן אָנצוהערן, אַז ער דאַרף נישט צו־לאַנג בלייבן זיצן אַן אַלמן.

* * *

דער טאָג האָט שוין געהאַלטן אין פאַרגיין ווען לייב האָט זיך גע־לאָזט אַהיימפאָרן פון יאַריד. ער האָט אָנגענומען אַ פולן וואָגן מיט

מאַנסבילן און ווייבער און אויך אַהיימגענומען די אַלטע יעוודאָכאַ, וואָס האָט שוין יאָרן ביי אים שבת געמאַלקן די בהמות. דער וועג איז געווען געדיכט געפּאַקט מיט וועגענער און מיט פֿוסגייער. שיכורע גויים האָבן פֿון די וועגענער איינער צום אַנדערן אַריבערגערופֿן און אַזוי אין גוטן מוט זיך געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין. שקצים און שיקסעס האָבן געשטיפֿט און געזונגען און ס׳קליינוואַרג האָט זיך צעלאָזט אויף די סופּילקעס, דרעמבעס און האַרמאָשקעס, וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט אויפֿן יאַריד.

יידישע מיידן און בחורים זיינען געזעסן אין די וועגענער שטילע און פֿאַרחלומטע. זיי האָבן פֿון דעם יאַריד, וואָס זיי האָבן אויף אים געוואַרט אַ גאַנץ יאָר, זיך אומגעקערט אין דאָרף אַריין ווי פֿון אַ ווייט צויבער־לאַנד און ביים האַרצן האָט גענאָגט אַ בענקשאַפֿט. דער רווישיקער יאַריד מיט אַלע זיינע חידושים איז זיי ווי נאָכגעגאַנגען און עס האָט זיך אין זייערע אויערן ווי אָפּגעשטעלט די מוזיק פֿון די צירקוסן, דער קלאַנג פֿון שיינע שטאָטישע רייד און די מעלאָדיעס פֿון נייע יידישע לידער.

לייב איז אָפּגעפֿאָרן עטלעכע קילאָמעטער מיטן קייזער־שטראָז און דערנאָך האָט ער זיך פֿאַרנומען אויפֿן פּוילישן וועג, וואָס האָט זיך געשניטן דורך אַ וואַלד. ביים שייד־וועג, וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער דעמבענער צלם, האָט ער זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט נאָך יידישע פֿורן פֿון יאַנאָוויץ און פֿון דעם דאָרף זאַזולינעץ. צווישן זיי איז געווען בונעם מיטן בויך, וואָס האָט געפֿירט אַ פֿולן וואָגן מיט אייניקלעך און אויך דער שוחט ר׳ עליע מיט זיין טאָכטער די בייטאָרין, פֿאַר וועלכער ער האָט איינגעהאַנדלט אויפֿן יאַריד אַ ניי־מאַשין. מען האָט זיך דערציילט וועגן די איינגעקויפֿטע מציאות, אַלע האָבן צוגעוואונטשן גליק דעם שוחטס מיידל, וואָס האָט געפֿירט די ערשטע ניי־מאַשין אין דאָרף אַריין און מען איז פֿון היימלעכקייט־וועגן שוין געפֿאָרן אינאיינעם דורכן וואַלד.

ווי נאָר זיי זיינען אַריינגעפֿאָרן אין דער געדיכטעניש פֿון וואַלד, איז דאָס לעצטע ביסל ליכט פֿון טאָג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן צווישן די ביימער און עס האָט אַ ווייע געטאָן מיט פֿרישער לופֿט, מיט ריחות פֿון צייטיקע יאַגדעס און מיט האַניק־בלומען. די קילע וואַלד־לופֿט האָט אָפּגעפֿרישט די אָפּגעברענטע פּנימער פֿון די יאַרידניקעס און איינגעשלעפֿערט די מידע קינדער אין די וועגענער. פֿון טיפֿן וואַלד האָט ווי אין אַ כאָר זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פֿון פֿייגל. לייב האָט מיט פֿרומען לויב אויפֿגעהויבן די אויגן צו דעם פּאַס הימל, וואָס האָט ווי אַ בלוילעכער וועג זיך געצויגן צווישן די הויכע ביימער און זיך געכאַפּט אַז עס איז שוין צייט צו דאַווענען מנחה.

— הערסט כאַטש דאָס זשאַוואָראָניקל ? איי, דאַוונט עס ; איי, זינגט עס ! — האָט ער גערעדט צו בלומעלען, וואָס איז געזעסן לעבן אים פֿון פֿאָרנט מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן.

— כ'הער — האָט בלומעלע אַ קוק־געטאָן אויף איר פֿאָטערס פּנים און געזען, אַז ער איז אָנגעלאָדן מיט רייד. זי האָט אָבער געהאַט אַ קאָפּ־ווייטיק און איז געווען צו מיד אים אַפילו אויסצוהערן. עס זיינען איר אויף דעם טונקעלען וואַלד־וועג געקראָכן אין קאָפּ אַריין אַלערליי געדאַנקען און זי האָט זיי געטריבן פון זיך. זיי זיינען אָבער ווי זלידנע פליגן צוריקגעקומען. זי האָט געטראַכט וועגן פעטער יוספס עשירות, וועגן דעם נייעם פּאַרטעפּיאַן, וואָס ער האָט געקויפט פאַר זיינע טעכטער און וועגן זיין נאָכפרעגן זיך אויף דעם יאַנאָוויצער פּאַניטש.

ווער ווייסט, אפשר האָט טאַדעק אויפן יאַריד זיך טאַקע באַגעגנט מיט איר שוועסטער־קינד מאַלווינאַ. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז געווען זיין פערד, וואָס זי האָט געזען לעבן גאַסטהויז. און אפשר וועט ער נאָך צוריקקומען צו איר. אפשר האָט דער פּאַניטש אין די עטלעכע טעג, וואָס ער איז נישט געווען אין דאָרף געטראַכט וועגן איר. עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז ער האָט פאַרגעסן אָן זייער באַגעגעניש ביים שטיין. אפשר ציט אים צו איר פונקט ווי זי צו אים. און וואָס וואָלט אים דער טאַטע געענטפערט, ווען ער קומט־צוגיין און זאָגט אים, אַז ער וויל מיט איר חתונה האָבן? זי האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס בילד ווי טאַדעק קומט אַריין צו זיי אין שטוב, ווי דער טאַטע מוסרט אים פאַרוואָס ער רייט־אַרום אום שבת און ווי זי נעמט זיך אָן פאַר אים.

— איי, ס'אַ וועלט מיט וועלטעלעך און איין גאָט האָט דאָס אַלצ־דינג באַשאַפן. מ'דאַרף זיך דאַ ערגעץ אָפּשטעלן און צונויפנעמען אַ מנין, וועלן די קינדער קאָנען זאָגן קדיש — האָט לייב ווי געוועקט בלומעלען.

— אין מיטן וואַלד?

— וואָסי, פאַר וועמען האָסטו מורא? ביים זיידן בער איז געווען ס'חיות ווען ר' וועלוועלע איז פאַרנאַכט געקומען צוגיין און זיי האָבן זיך ביידע אָנגעשטעלט דאַווענען אין דרויסן. דאָס לאַשקעוויצער רבילע דערמאָנט אַלעמאָל דעם זיידן. און וואָס זאָגסטו נישט דערצו? ער גע־דענקט דאָך אַלע אייערע נעמען, פון דיר ביז צו וועוועקן. — לייב האָט בלומעלען געגעבן אָנצוהערן, אַז ר' ניסל האָלט אַ וועלט פון יאָשען און פון זיין משפחה. בלומעלעס געדאַנקען זיינען אָבער געווען ווייט פון יאָשע דאַטש און זי האָט אויפן טאַטנס רייד גאָרנישט געענטפערט. זי האָט נאָר געקוקט פאַר זיך און געשוויגן.

מיטאַמאָל איז אָנגעפאָרן אַ פריצישע בריטשקע און איבערגעיאָגט אין וואָגן נאָכן אַנדערן. בלומעלע האָט אויפגעריסן די אויגן און דערזען דעם פּאַניטש טאַדעק זיצן אין דער בריטשקע לעבן אַ מיידל, אָן אויס־געפּוצטע אין אַ היטעלע באַזעצט מיט בלומען. זיין רייט־פערד מיטן ווייסן שטערן איז נאָכגעלאָפן פון הינטן.

— ס'איז דער זאַסטאַוונער פריץ מיט דער פריצע. כ'האָב זיי געזען אויפן יאַריד. און די וואָס זיצט לעבן יאַנאָוויצער פּאַניטש איז זיין טעכ־

טערל. כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. מיין פּאַראָבעק אַרבעט אין זאַסטאַווגער הויף און ער דערציילט, אַז דער פּאַניטש דרייט זיך דאָרט אַרום נאַר ווי אַ גאַנער — האָט די אַלטע יעוודאָכע, וואָס האָט געדרימלט אין וואָגן, זיך אויפגעכאַפּט.

— אָבי דער פּעטער יוסף האָט זיך אַזוי נאָכגעפרעגט אויף אים. זאָל טאָקע בעסער דער זאַסטאַווגער פּריץ כאַפּן די מציאה. כ׳דאַרף אים נאָך האָבן אין דער משפחה, דעם גויעץ — איז לייב עפּעס ווי געוואָרן אין כעס. ער האָט דערנאָך איינגעהאַלטן די פערד, אַז זיי זאָלן גיין פּאַוואָליע און איז אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן. ער האָט אַ פּיר־געטאָן מיט בײדע הענט איבערן פּייכטן גראָז און גייענדיק לעבן די פערד מיט האָרץ גענומען דאַווענען מנחה. אין מיטן זאָגן קטורת האָט ער אַריבערגערופן צו די יידן הינטער אים און זיי געלאָזט וויסן, אַז ער וויל צונויפשטעלן אַ מנין, ווייל זיינע יינגלעך דאַרפן זאָגן קדיש. באַלד האָט ער לעבן אַן אַריינפאָר צום וואַלד פאַרקירעוועט די פערד און פאַרפאָרן אויף אַ האַלב־קײַלעכדיקן פרייען פּלאַץ.

עטלעכע יידן האָבן אים נאָכגעטאָן און זיך דאָרט אויך אָפּגעשטעלט מיט די וועגענער. זיי זיינען איינציקווייז אַראָפּ אויף דער ערד, אַביסל צערירט די פאַרשלאָפענע פיס און זיך אַרומגעגאַרטלט מיט גאַרטעלעך מיט ווייבערשע טיכלעך און מיט פּריוועסלעס פון שטרוי. מען איז אַרויף אויפן גראָז, זיך געוואַשן די הענט מיט דער צוגעפאַלענער ראָסע און די וואָס האָבן געקאָנט אַביסל דאַווענען אויף אויסנווייניק האָבן זיך צע־לאָזט אויפן קול. ר׳ עליע דער שוחט האָט אונטערגעוואַרט ביז ער האָט אָנגעציילט אַ מנין יידן און ביז לייב האָט אַרויסגעשלעפּט פון וואָגן זיינע פאַרשלאָפענע צוויי יינגלעך, בערן און חיים משהן. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין דער מזרח זייט פאַר אַ פיען פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים ווי פאַר אַן עמוד. עטלעכע ווייבער זיינען אויך אַרויסגעקראָכן פון די וועגענער, זיך אַוועקגעשטעלט אין דער זייט און ווען דער שוחט האָט גענומען זאָגן הויך די שמונה־עשרה האָבן זיי פרום נאָכגעזאָגט „ברוך הוא וברוך שמו״ און „אָמן״.

„מלוא כל הארץ כבודו״ — איז ערגעץ פון ווייט צוריקגעקומען אַ ווידער־קול און זיך צעקלונגען איבערן וואַלד, ווי אַלע ביימער וואָלטן נאָכגעזאָגט די קדושה.

— אוי, ווי, טאַטע בערעכאַטע — האָבן גויאישע קינדער, וואָס זיינען פאַרבייגעפאָרן, זיך נאָכגעקרימט ווי די יידן דאַווענען.

— העי, די וועלף גייען אויף אייך. זיי וועלן אייך באַלד אָנכאַפּן ביי די היטנטס — האָט אַ שיכורע גויע אַריבערגעשריגן צו די יידן, ווען זיי זיינען געשטאַנען שמונה־עשרה.

— אָנגעשאַכראַיעט אויפן יאַריד און איצט מאָליען זיי זיך צו זייער גאָט.

— זיי זיינען דאָך דאַרפישע. די שטעט מיט די געוועלבן זיינען זיי

ווייניק, האָבן זיי זיך אויך אָנגעשטופּט אין די דערפער און אָנגעקויפט אַזוי פיל קריסטלעכע ערד.

— כ'האָב געהערט, אַז קיין ווילקיעוויץ קומט שוין אויך אַ יידישער פּאַן. פון וואַנען נעמען זיי זיך? — האָבן פרעמדע גויים אין די וועגענער זיך דורכגערעדט אויפן קול אַזוי, אַז די יידן זאָלן הערן.

— וואָס טוט אייך אַזוי וויי? איר האָט אַ שטעכעניש אין די זייטן? צי האָבן אפשר אייך אָנגעכאַפּט די ציין? — האָט לייב נאָכן אויסשטיין שמונה־עשרה מיט אַ געזונטער געמבע נאָכגעשריגן די פּויערים. ער האָט געוואָלט זיך אַ לאָז־טאָן נאָך זיי, אָבער די יידן האָבן אים פאַרהאַלטן.

— שוין צייט, אַז דער שופר של משיח זאָל זיך לאָזן הערן און מיר זאָלן פון זיי אויסגעלייזט ווערן. זיי ווייסן נישט, אַז יידן וועלן דעמאָלט אין ארץ־ישראל האָבן נאָך בעסערע פעלדער. מ'עט האָבן אייגענע וויינגערטנער און סעדער מיט מאַראַנצן, טייטלען, פייגן, באָקסער און וואָס ניט — האָט דער שוחט נאָך עלינו זיך אויסגעדרייט צו די יידן און מיט אַ ליבלעך שטיל קול ווי אריינגעזונגען די רייד אין זייערע הערצער.

— ס'עט אָבער זיין אַן עבירה דאָ איבערצולאָזן אויף הפקר ס'אייגענע ביסל פאַרמעגן — האָט דער אַלטער בונעם זיך אָנגערופן.

אַנדערע דאָרפס־יידן האָבן אויפגעכאַפּט זיינע רייד און זיך אויך געלאָזט הערן:

— די גויאישע שכנים וועלן דעמאָלט אומזיסט איבערנעמען די יידישע פעלדער מיט די שטיבער.

— פאַרוואָס קומט עס זיי אַזאַ פאַרמעגן? וואָס איז, זיי האָבן שיין געדרשנט? מ'עט נישט איבערלאָזן אַלצדינג אויף הפקר.

— וואָס'עט זיין אַז ס'עט אויסקומען אין סאַמע שניט?

— וועט מען אַוודאי צוערשט אַראָפּנעמען ס'ברויט פון פעלד. מ'עט נישט דערלאָזן, אַז אונדזער פראַצע זאָל גיין אין ניוועץ.

— און ווי קאָן מען איבערלאָזן די קלויזן? די גויים וועלן דאָך מאַכן שטאַלן פון זיי.

די יידן האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן אין דעם נאַכטיקן וואַלד, וואָס האָט סודותדיק גערוישט און זיי האָבן מיט וואַרעמע אָטעמס גערעדט וועגן דעם טאָג ווען משיח וועט קומען. זיי האָבן אין דער טונקל ווי פאַר זיך געזען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פון מילך און האָניק און עס זיינען פאַר זיי אויפגעגאַנגען פאַרצייטיקע געשטאַלטן פון חומש, וואָס זיי האָבן זיך געפילט מיט זיי היימיש. ווען זיי האָבן אָבער אַ טראַכט געטאָן, אַז זיי וועלן דאַרפן איבערלאָזן זייער ירושה־ערד, וואָס זיי זיינען צו איר געווען ווי צוגעוואַקסן, האָט אַ שווערקייט אַרומגענומען זייערע הערצער.

— אַיי, משיח האָט נישט געוועז באַדאַרפט וואַרטן ביז יידן וועלן זיך אַזוי איינוואָרצלען צווישן די אומות העולם — האָט דער שוחט אָפּגעזיפצט.

— נישטאָ וואָס צו זאָרגן. זאָל נאָר משיח קומען. מ׳עט דאָ גאָרנישט איבערלאָזן — האָט לייב זיי געטרייסט, — כ׳געדענק ר׳ וועלוועלע פלעגט זאָגן, אַז ווען דער טאָג וועט קומען, וועט אַ גרויסע כמאַרע זיך אַראָפּלאָזן פון הימל און איידער וואָס־ווען, אַוועקטראָגן קיין ארץ ישראל די יידישע פעלדער מיט די גערטנער און מיט די גאַנצע באַלעבאַטישקייטן.

— משה אהרן דער ראַגאַטניק האָט עס אויך געזאָגט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז ס׳איז שוין אָט אָט.

— אַזוי וועט עס זיין. מ׳עט זיך פאַרנעמען מיט האַק און פאַק און אַפילו אַ פלעקל וועט נישט איבערבלייבן.

— הלוואי געשעט עס נאָך היינט ביינאַכט — האָבן די דאָרפישע יידן זיך צעוואָרעמט.

— ס׳עט געשען במהרה ובימינו — האָט ר׳ עליע דער שוחט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

די יידן האָבן זיך דערנאָך אומגעקערט צו זייערע וועגענער און שווייגנדיקע און פאַרטראַכטע געפאָרן אַהיים.

קאַפּיטל פינף־און־צוואַנציק

עס האָט זיך געשטעלט אַ לויטערער טאָג און דאָס געזאַנג פון די שניטער האָט באַלד אין־דער־פרי זיך גענומען טראָגן איבער די פעלדער. ס׳דאָרף איז געבליבן ווי אויסגעליידיקט. אַפילו אַלטע לייט, וואָס האָבן זייערס שוין געהאַט אָפּגעאַרבעט, זיינען מיט גראַבליעס און קאָסעס אויף זייערע אויסגעבויגענע רוקנס אַוועק אין פעלד אַריין העלפן אַראָפּנעמען די תבואה.

לייב האָט יענעם טאָג אָנגעהויבן שניידן זיין ווייץ. ער האָט מיט זיך מיטגענומען אין פעלד אַריין יאַנקלען, ליפשע דעם ראַגאַטניקס און די אַלטע יעוודאָכע מיט איר טאָכטער. די פערצן־יעריקע נעכע, וואָס איז געוועזן די ערשטע אויפצושטיין, איז געבליבן אין דערהיים אַכטונג צו געבן אויף די קלענערע קינדער און אויפן גאַנצן באַלעבאַטישקייט. זי האָט אָנגעהאָדעוועט די עופות, אַרויסגעלאָזט די גענדז צום טייך, זי האָט פאַרקעמט בייקען מיט גיטעלען, אָנגעטאָן וועווקען און צוגעזען, אַז בער מיט חיים משהן זאָלן אין צייט אַוועקגיין אין חדר אַריין. זי האָט אויך באַצייטנס גענומען צוגרייטן דאָס עסן, וואָס מען האָט צו וואָרעמעס געדאַרפט אַרויסטראָגן אין פעלד אַריין.

בלומעלע איז אויך געבליבן אין דערהיים. אַזוי ווי זי האָט זיך אָבער, נאָכן אַהיימקומען פון לאַשקעוויצער יאַריד, געלייגט שלאָפן מיט אַ קאָפּווייטיק, איז זי אויפגעשטאַנען שפּעט. ווען זי איז אַראָפּ פון געלעגער האָט

נעכע שוין געהאט אפגעקאכט א וואיניקן זאקרישקע בארשט פון יונגע בוריקלעך מיט זייערע גרינע בלעטלעך.

— ווי קאן מען דאס שלאפן אזוי שפעט? עס איז דאך א זיבן פאר גאט צו האלטן פארמאכט די אויגן אין אזא שיינעם טאג. ס׳פאסט גארנישט פאר קיין כלה־מויד. כ׳וויס נישט אין וועמען דו ביסט געראטן, וואס דו האסט ליב צו שלאפן ביז ווארעמעס — האט די באבע שרהלע אריינ־געזאגט בלומעלען, אז זי האט זיך אנדערש געפירט אין דער צייט ווען מען האט איר גערעדט שידוכים.

— כ׳האב אנגעזאגט נעכען, אז זי זאל מיך אויפוועקן. כ׳האב געוואלט אויפשטיין פריער — איז בלומעלע פול געווען מיט טענות צו איר יינגערער שוועסטער.

— האסט גארנישט אנגעוואוירן — האט נעכע, וואס האט זיך געפירט, גלייך ווי זי וואלט געווען די עלטסטע, בארואיקט בלומעלען.

— כ׳על אפטראגן דעם ווארעמעס אין פעלד אריין און שוין דארט בלייבן ביז פארנאכט — האט בלומעלע זיך גענומען דרייען ארום נעכען. זי האט אביסל צוגעהאלפן ביי דער קיך און קעגן ווארעמס־צו איז זי אוועקגעגאנגען אין פעלד אריין מיט א קיישל פול אנגעפאקט מיט עסנ־ווארג.

דער זומערדיקער דרויסן, פול מיט זון און מיט פארביקער צייטיקייט, האט בלומעלען באלעבט. ווען זי איז ארויס פון דארף האט זי, אנשטאט זיך צו פארנעמען לעבן דער מיל אויף דער סטעזשקע, וואס פירט צום ווייסן שטיין, זיך אוועקגעלאזט מיטןברייטן וועג. זי איז געגאנגען אין דער זייט וואו די פריצישע לאנעס האבן זיך געשפרייט און אויפגעלייגט א סך וועג. יעדעס מאל ווען זי האט פון דערווייטנס עמעצן געזען אנקומען האט זי מיט א האנט פארשטעלט די זון פון אירע אויגן, צו קאנען זען ווער דאס איז.

א גאנצע נאכט האט זיך איר געפלאנטעט עפעס א חלום וועגן טאדעקן און איצט, אויפן וועג אין פעלד אריין, זיינען אירע געדאנקען מיט אים ווידער געווען פארנומען. ווי נאר זי האט פון דערווייטנס עמעצן באמערקט ארום די פריצישע פעלדער האט איר הארץ א פלאטער געטאן און עס האט זיך איר אויסגעדאכט, אז באלד וועט דער פאניטש פאר איר אויס־וואקסן.

א יאסטרוב מיט גרויסע צעשפרייטע פליגל איז פלוצלינג ווי אראפ־געפאלן פון דער הויכער בלויקייט און אריין ערגעץ צווישן די הויכע קוקורודזעס. באלד האט דער לעצטער קוויטש פון עפעס א באשעפעניש, וואס דער יאסטרוב האט עס דארטן פארצוקט, ווי געשפאלטן די לופט. בלומעלע האט פון דעם קוויטש אזש אויפגעציטערט. עס איז איר געווארן אומהיימלעך און זי האט גענומען גיין גיכער.

עס זיינען אנגעפארן טעלעכע סקארבאווע וועגענער אנגעפאקטע מיט הוצולען, וואס דער יאנאוויצער פריץ האט אראפגעבראכט פון די קאר־

פאַטן. די אויסגעדאַרטע פויערים מיט ברוינע פנימער, לאַנגע שוואַרצע טשופרינעס, אַרומגעגאַרטלט מיט ברייטע לעדערנע גאַרטלען, האָבן גע־שפּילט אויף הילצערנע דינע סופּילקעס און אין דער שטיל געצויגן אַ ליד. זיי האָבן פאַרבענקטע געזונגען וועגן זייער היים אין די בערג און וועגן די פייגל, וואָס רייסן זיך צו די וואָלקנס, אָבער דער הונגער טרייבט זיי צוריק צו דער ערד דאָרט צו זוכן אַ ווערעמל אָדער אַ קערנדל. דאָס געזאַנג פון די געבערג־פויערים האָט אויפגעוועקט אַ טרויער אין בלו־מעלעס האַרץ און זי האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט.

נאָענט לעבן ווייסן שטיין האָט בלומעלע זיך פאַרנומען אויף רעכטס צו די גויאישע און יידישע פעלדער, וואָס זיינען געווען אָפּגעטיילט מיט מעזשעס פאַרוואַקסענע מיט גראָז. גויאישע שניטער האָבן נישט ווייט פון וועג פלינק געאַרבעט מיט סערפּעס און אויסגעלייגט אויף דער ערד די אָפּגעשניטענע זאַנגען פון דעם גאָלד־ברוינעם ווייץ און פון דעם בלייכן קאָרן.

ווען זיי האָבן פון דערווייטנס דערזען די הוצולען האָבן זיי אויס־געגלייכט זייערע רוקנס און זיך געלאָזט הערן.

— שוין, זיי זיינען שוין דאָ, די הוצולען מיט די איינגעפאַלענע בייכער און מיט די ליידיקע זעק.

— זיי וועלן שוין אַראָפּנעמען דאָס ברויט פון די פּריצישע פעלדער פאַר האַלב־אומזיסט.

— דער יידישער פּאַן וועט דאָס יאָר אָנשיטן אַ זאַק מיט גאָלד.

— כ'האָב געהערט, אַז ער גייט אַוועק פון יאַנאָוויץ; אַז ער נעמט איבער נאָך אַ גרעסערן פאָלוואַרק. ער וויל נאָר פאַרזשערען די גאַנצע וועלט.

בלומעלע האָט אויפגעכאַפּט די אַלע רייד און ווי געוואָרט, אַז עס זאָל ווער פון זיי דערמאָנען דעם פאַניטש. באַלד האָט אָבער פון אַן אַנדער פעלד ווי אַ כוואַליע צו איר זיך אַ טראָג געטאָן דאָס געזאַנג פון שניטער און זי האָט שוין מער גאַרנישט געקאָנט הערן.

ווען זי האָט זיך דערנענטערט צו זייער פעלד איז אַנגעפאָרן דעם אַלטן בונעמס אַן איידעם, וואָס האָט דאָרט געהאַט עטלעכע מאָרג קאַר־טאָפל מיט קוקורודזעס און לייב איז צו אים אַרויס אויפן וועג פאַר־רויכערן. אַ גויאישע שכנטע האָט גראָד דעמאָלט אויך געבראַכט צוטראָגן עסן פאַר די שניטער און זי האָט זיי ביידע גענומען רופן, אַז זיי זאָלן צוקומען פאַרזוכן אירע האַלופּציעס.

— ביסט אַ גוטהאַרציקע, ווייל דו ווייסט, אַז מיר טאָרן ניט עסן דיינע פּאַטראַוועס — האָט לייב אין שפּאַס איר געענטפערט.

— איר זענט ביידע גרויסע נאַראָנים. קומט אַהער. ס'איז נישט טראַפנע און ס'איז דאָ גענוג — האָט די שכנטע זיך גענומען שווערן, אַז די האַלופּציעס זיינען קאָשערנע און אַז עס איז אין זיי נישטאָ קיין סימן פון קיין חזיר.

— אויף איר הכשר מעג מען זיך טאַקע פֿאַרלאָזן. פֿון יעדן טאָפּ קוויטשעט דאָך ביי זיי אַרויס דער דבר אחר.

— ווען מ׳זאָל מיך אַפֿילו אָפּגילטן. כ׳קאָן דאָך אַפֿילו דעם ריח פֿון זייערע געקעכצן נישט פֿאַרטראָגן — האָבן לייב מיט בונעמס איידעם צווישן זיך געריעדט אין דער שטיל און אין שפּאַס געטרייסט די שכנטע, אַז די שניטער וועלן אַלע אירע האַלופּציעס ווי אַרבעסלעך איינשלינגען און זיי וועלן נאָך אויסלעקן די שיסל. דערווייל האָט לייב דערזען בלומעלען אָנקומען מיטן עסן און ער איז מיט איר צוריק אַוועק צום פֿעלד.

— אַט גייט דער וואָרעמעס. כ׳בין הונגעריק ווי אַ וואָלף — איז יאַנקל מיט אַ פֿאַרפּאַליעט פּנים פֿון דער זון געוווען דער ערשטער אַוועק־צולייגן די אַרבעט. אַלע האָבן אים נאָכגעטאָן און זיינען אַנטקעגן־געגאַנגען בלומעלען. יאַנקל איז געגאַנגען פֿאַרויס מיט אַזעלכע גיכע טריט, אַז דאָס קאַשקעטל, וואָס איז אים געזעסן אויפֿן שפּיץ פֿון זיין געדיכטער שוואַרצער טשופּרינע, איז אַראָפּגעפֿאַלן און ער האָט עס פֿאַרגעסן אויפֿצוהייבן. ליפּשע, וואָס איז געגאַנגען פֿון הינטן, האָט דאָס קאַש־קעטל אויפֿגעהויבן און עס דערלאַנגט יאַנקלען ווען ער האָט זיך געזעצט עסן.

— זע נאָר, אַז ער זאָל דיך נישט איינשלינגען מיטן קיישל — האָט לייב זיך אָנגערופֿן. ער האָט אין גאַנג באַטראַכט דעם געזונטן יונג און די אָפּגעצערטע בלומעלע און ווי אַלעמאָל זיך געוואונדערט וואָס זיי זיינען אַזוי אַנדערש איינס פֿון ס׳אַנדערע.

— כ׳האָב געבראַכט גענוג. ס׳עט פֿאַר אַלעמען סטאַיען — איז בלו־מעלע געבליבן שטיין עפּעס נאָר ווי אַ פֿרעמדע אויף דעם האַלב־אָפּגעשניטענעם פֿעלד צווישן די פֿריש־געבונדענע סנאָפּעס ווייץ. לייב האָט איבערגענומען ס׳קיישל, זיך ביי איר נאָכגעפֿרעגט צי בער און חיים משהן זיינען אין חדר און צי מען גיט דאָרט אַכטונג אויף וועווקען. דערנאָך האָט ער אָפּגעזוכט אַ שאָטנדיק אָרט, וואו זיי זאָלן זיך אַוועקזעצן עסן. ער האָט אָנגעשעפּט אַ טעפּל וואַסער פֿון דער קאַן, וואָס יאַנקל האָט אין דער פֿרי איינגעגראָבן אין דער ערד, און זיך געוואַשן צום ברויט. ביים מאַכן המוציא האָט ער אַ שפּרייט געטאָן די הענט פֿאַר זיך צו די פֿריש־געבונדענע סנאָפּעס ווייץ. ער האָט אַרויפֿגעקוקט צום הימל ווי ער וואָלט זאָגן, אַז ווער־ווער, אָבער ער זעט דאָך טאַקע באַשיינפּערלעך ווי דער האַר פֿון דער וועלט „ברענגט אַרויס ס׳ברויט פֿון דער ערד״.

ליפּשע דעם ראָגאַטניקס האָט אויסגעשפּרייט אויף דער ערד אַ קאָלירטע וואָרעטע און אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט ווי אין אַ ראָד. זי האָט אַרויסגענומען פֿון קיישל פֿרישע באַלאַבעכעס, האַרטע אייער, גרינע אוגערקעס, ציבעלעס, רעטעכער און אָנגעגאָסן אין די שיסלען באָרשטש, וואָס זיין גרינקייט איז געווען פֿאַרגעלט און פֿאַרווייסט מיט אייער און מיט סמעטענע. אַלע האָבן מיט גרויס אַפּעטיט זיך גענומען צום עסן.

— כ'וויס גאַרנישט ווי אַזוי דו האָסט דאָס געקאָנט דערטראָגן — האָט לייב גערעדט שטיל און גוטמוטיק צו זיין עלטסטער טאָכטער.

— ס'איז נישט געווען שווער — האָט בלומעלע געענטפערט.

— אַהיימצוטראָגן ס'קיישל וועט זיין גרינגער. כ'על באַלד באַווייזן אַ כישוף און אַלצדינג וועט פאַרשווינדן — האָט יאַנקל געשפּאַסט. בלומעלע האָט זיך צעלאַכט און אויך אויף ליפּשעס פּנים, וואָס האָט זיך ווי אויסגעלייטערט פון דער שעמעוודיקייט, האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

נאָכן עסן האָט בלומעלע אָוועקגעטראָגן ס'קיישל מיט די אויסגע־ליידיקטע טעפּ און שיסלען צום וואָגן און זי האָט זיך אויך גענומען צו דער אַרבעט. זי האָט מיט אַ סערפּ אין האַנט זיך געשטעלט לעבן ליפּשען און איר נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. זי האָט זיך צוגעקוקט ווי ליפּשע נעמט פלינק אַרום מיט אַ האַנט אַ זשמיט זאַנגען, ווי זי שניידט זיי אָפּ נידריק ביי דער ערד, גלייכט זיי אויס, לייגט זיי צונויף אין בערגלעך, און זי האָט זיך געסטאַרעט איר נאָכצוטאָן. איר פּנים האָט זיך אָנגעצויגן מיט זון, געוואָרן פייער־רויט און געפּערלט מיט שווייס. פון דעם בייגן זיך צו דער ערד האָט זי דערפילט אַ ווייטיק אין רוקן, עס האָבן איר געשמאַרצט די הענט און די וויצענע סטערניעס, די קורצע שטרוי אויפן אָפּגעשניטענעם פעלד, האָבן ביז בלוט צעשטאָכן אירע פיס. זי האָט זיך אָבער נישט צוגעהערט צו קיין ווייטיק, נאָר געאַרבעט מיט ברען און זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט אָוועקווישן דעם שווייס פון פּנים. לייב האָט נאָך קיינמאָל זי נישט געהאַט געזען אַזוי אַרבעטן אין פעלד און ער האָט אַלעמאָל פון דער זייט צו איר אַריבערגעקוקט.

בלומעלע האָט זיך אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, אַז זי האָט מער וועגן גאָרנישט געטראַכט און נישט באַמערקט ווי דער טאָג איז אַוועק.

ווען זי איז אַהיימגעקומען אויפדערנאַכט האָט זי ערשט דערפילט די מידקייט. איר קאָפּ איז געווען ווי צעגליט, די ליפּן האָבן איר געברענט און עס האָט איר ווי געטאָן יעדער אבר. ס'מויל האָט זיך איר קוים גע־עפנט עפּעס אָפּצועסן. זי האָט אָבער פאַר קיינעם זיך נישט באַקלאָגט, נאָר באַלד נאָכן עסן אַוועק צו איר געלעגער. איר יינגערע שוועסטער נעכע האָט שוין דערקענט, אַז בלומעלע האָט אַ קאָפּ־ווייטיק און זי איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט, פּונקט ווי די מאַמע פלעגט טאָן, איר צוגעלייגט צום שטערן רויע פּענעצלעך קאַרטאָפל און איר אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַ האַנטעך, איינגענעצט אין קאַלט וואַסער און אין עסיק.

דורך די אָפענע פענצטער איז צו בלומעלעס געלעגער דערגאַנגען דער טומל פון דרויסן.

די קלענערע קינדער האָבן ביים באַרג־בוים זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש און וועוועס הינטל בלק איז מיט אַ פריילעך האַווקען זיי נאָכגעלאָפן. אַ גוי האָט אויף די פּלייצעס געבראַכט צוטראָגן אַ קראַנקע שאָף, אַז לייב זאָל זי היילן. נעבעס אַ יידישע חברטע איז אָנגעקומען מיט

די גערטנער און זיך נאָכגעפרעגט צי האָט ווער נישט געזען די צוויי געגנדז, וואָס זיינען איר פאַרפאַלן געוואָרן.

יאָשע דאַטש איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן לעבן טויער און לייב, וואָס האָט געאַרבעט איבער דער שאַף, האָט אים היימיש באַגריסט. יאָשע האָט זיך געשאַרט צו די פענצטער פון דער אויסגלאַשענער שטוב. נעכע האָט אים פאַרהאַלטן לעבן דער פריזבע. זי האָט וואויל געוואוסט צוליב וואָס ער איז געקומען, אָבער אַזוי ווי בלומעלע איז געלעגן מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ, האָט זי אים געזאָגט, אַז איר שוועסטער שלאָפט שוין.

ווען עס איז שוין געווען פינצטער האָט נאָטע, לייבס שוואָגער, גע־בראַכט צופירן אַ פרעמדן רוסישן ייד, וואָס האָט געהאַט יאָרצייט. עס זיינען אונטערגעקומען נאָך עטלעכע דאָרפישע יידן און זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער פריזבע וואַרטן ביז עס וועט זיך אָנקלייבן אַ מנין צו דאַווענען מעריב. דערווייל האָט דער רוסישער ייד דערציילט, אַז אויף דער אַנדערער זייט וואָסער לעבן די יידן כסדר אין שרעק; אַז די גויים רעדן וועגן פּאָגראָמען און יידישע פאַמיליעס אַנטלויפן פון די דערפער. יאָשע דאַטש איז אים אַריינגעפאַלן אין די רייד און דערציילט אַז זשאַנדאַרן האָבן ביי זיי אין דאָרף געקאָוועט אין קייטעלעך דעם דיאָקס זון, וואָס שטודירט אויף גלח, ווייל מען האָט אויסגעפונען, אַז ער איז אַ „מאָסקוואָפיל" און שפּיאָנירט פאַר רוסלאַנד. נאָטע, ווידער, האָט דערציילט, אַז מען רעדט אין שטאָט, אַז אויפגעקלערטע אוקראַינער און גלחים פאַרשטעלטע פאַר בעטלער גייען אַרום צווישן די גויים און רייצן זיי אויף קעגן די יידן און קעגן דעם קייזער. ער האָט ווי אַלעמאָל פאַרענדיקט מיט דעם פּזמון, אַז ער וועט אין אַ שיינעם טאָג אַלץ פאַר־קויפן און זיך באַזעצן אין אַ גרויסער שטאָט.

מען האָט דערנאָך גענומען רעדן וועגן די הוצולען, וואָס דער פריץ האָט אַראָפּגעבראַכט און זיי באַזעצט אויף איבער שניט אין אַ סקאַר־באָווע שטוב און אויך וועגן דעם, אַז אַ פּאַליאַק וועט נאָך אפשר צו־ווינטער־צו איבערנעמען דעם יאַנאָוויצער פאָלוואַרק.

— כ'זעץ מיך שוין ווינען. איידער אַזאַ ייד איז שוין גלייכער אַ פּאַליאַק. זאָל ער גיין, וועלן די גויים אונדז מער נישט שטעכן די אויגן מיט אים.

— וואָס האָט מען פון אים? זאָל דער פּאַלאָוועי פאַרנעמען פון די לאַנעס אַ יידישע קו, צי יידישע געגנדז, דאַרף מען אים נאָך מער באַצאָלן ווי דער גוי.

— זיין טאַטע, מאיר פעלדמאַן, איז געווען אַ וואוילער ייד, אָבער ער —

— אַ־נו, צי האָט ער כאָטש אַמאָל אין אַ יום־טוב אַריינגעשמעקט אין קלויז אַריין — האָבן די יידן זיך ווייניק וואָס גענומען צום האַרצן די נייעס, אַז דער יידישער פריץ קלייבט זיך צו פאַרלאָזן יאַנאָוויץ.

לייבס צווי יינגלעך, בער און חיים משה, האָבן ערגעץ פון דאָרף געבראַכט צופירן דעם צענטן צום מנין און די יידן זיינען מיטן בערגל אַוועק צו דער קלויז.

נעכע האָט פאַרנומען ס׳קליינוואַרג שלאָפן און די נאַכטיקע שטילקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער לייבס באַלעבאַטישקייט.

* * *

ווייט נאָך האַלבער נאַכט האָבן פּלוצלינג די גלעקער פון קלויסטער זיך צעקלונגען. בלומעלע איז ביסלעכווייז אַרויסגעקומען פון שלאָף און געהערט עפּעס אַ טומל אין דרויסן און אין שטוב. עס איז צו אירע אויערן דערגאַנגען דאָס קלינגען פון די גלעקער, זי איז אָבער געלעגן אַ מידע, אַ פאַרטראָגענע אין היץ און זיך נישט געקאָנט רירן. ערשט ווען נעכע איז צו איר צוגעקומען און מיט אַ קילער האַנט איר אָנגעטאַפּט דעם שטערן, האָט זי געעפנט די אויגן. ס׳האָט פון די פענצטער איר אַ שלאַג־געטאָן אין פּנים אַ מאַט־רויטע ליכטיקייט. זי האָט קוים אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויסגעקוקט אין דרויסן און דערזען ווי דער הימל פלאַמט.

— דער פּאַלוואַרק ברענט. דער טאַטע מיט יאַנקלען זיינען אַוועק לעשן — האָט נעכע איר אָנגעזאָגט די נייעס.

בלומעלע האָט ווי פאַרגעסן אָן איר מידקייט. זי האָט אויף זיך גיך געכאַפּט ס׳קלייד און אַרויס אין דרויסן. נעכע האָט זי געוואָלט פאַרהאַלטן, איר געזאָגט, אַז דער טאַטע האָט געהייסן אָנטראָגן וואַסער און זיין ביי דער שטוב, אָבער בלומעלע האָט נישט געהערט, נאָר זיך געלאָזט לויפן מיטן וועג גלייך אין הויף אַריין.

אַ מאַטע רויטקייט איז געווען ווי אויסגעגאָסן איבערן דאָרף. בלומעלע האָט איצט ווי ניט דערקענט די שטיבער, די פּלויטן און די ביימער. זיי האָבן אין דעם רויטלעכן שיין אויסגעזען שענער און זי דערמאָנט אָן אַ צויבער־מעשה, וואָס זי האָט אַמאָל געהאָט געלייענט. די גלעקער האָבן וואָס אַמאָל שטאַרקער זיך צעקלונגען. הינט האָבן מיט אַ האַווקען זיך געריסן פון די קייטן. פערד האָבן געהירזשעט און מיט די פיס געבריקעט אין די ווענט פון די שטאַלן. העגער האָבן אין דער ליכטיקייט, וואָס האָט פּלוצלינג ווי געשפּאָלטן די נאַכט, פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט און זיך צעקרייעט אויף טאָג. יונג און אַלט זיינען געווען אויף די פיס. מען האָט מיט פערד און וואָגן געפירט פעסער וואַסער, און מען איז געלאָפן מיט ליידיקע קאַנען צום טייך. פאַסטעכער האָבן אין מיטן נאַכט אַרויסגעטריבן שאָף און בהמות אין די פעלדער. מען האָט אַרויסגעטראָגן שטוב־זאַכן אין די גערטנער, יונגען זיינען געקראָכן אויף די שטרויענע דעכער און זיי אַרומגעלייגט מיט נאַסע זעק און וואַרעטעס און גויאישע באַלעבאָסטעס האָבן אויף די דרויסנדיקע ווענט פון זייערע שטיבער

געהאנגען איקאָנעס און צלמים, אַז זיי זאָלן נישט צולאָזן ס'פייער צו די קריסטלעכע היימען.

בלומעלע האָט מיט פרעמדקייט זיך אַרומגעקוקט, עפּעס ווי ס'וואָלט געווען אַ חלום. עס האָט איר געררישט אין קאָפּ און עס האָט זי געשטאָכן אין די זייטן. זי איז אָבער געלאָפן אין איין אָטעם און אַלעמאָל אויפ־געכאַפּט רייד פון גויים, וואָס זיינען געגאַנגען העלפן לעשן ס'פייער.

— מ'האָט אונטערגעצונדן אויף צוויי ערטער. די גוראַלניע און דאָס הייפל ברענען.

— דאָס האָט נישט געטאָן קיין היימישער.

— אַזוי איז עס, אַז מ'האָט אַ יידישן פּריץ. ס'גאַנצע דאָרף וועט נאָך דורך אים אַוועק מיטן פייער.

— ס'איז נאָך גוט וואָס ס'איז נישטאָ קיין ווינט.

— מ'וועט אים נאָך פאַרברענען די תבואה אין פעלד אויך.

— איצט וועט ער זיך שוין זיכער פאַרנעמען פון דאָרף.

— אַ שאָד וואָס אַזאַ פאַרמעגן גייט אַוועק מיטן רויך.

— איר דאַרפט אים נישט באַדויערן. ס'וועט אים נאָך בלייבן גענוג.

ווען בלומעלע איז אָנגעקומען אין הויף אַריין זיינען דאָרט אַלע טויערן, וואָס מען האָט שטענדיק געהאַלטן פאַרמאַכט, געווען אויפגע־פּראַלט און די דאָרפסלייט האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי ביי זיך אין דער היים. געביידעס און סטערטעס שטרוי זיינען געווען איינגעהילט אין פלאַמען. דאָס פייער האָט מיט אַ קנאַקן זיך געצויגן אין דער הויך און ווי אָנגעצונדן דעם הימל. די פייער־לעשער האָבן געאַרבעט מיט גרויסע שפּריצערס, און מען האָט אויך מיט קאַנען געגאָסן וואַסער. דאָס פייער האָט זיך אָבער נאָך מער געשטאַרקט און ווי מיט כעס געקנאַקט און אָפּגעשאָטן די פייער־לעשער מיט פונקען. בלומעלע איז צוגעגאַנגען ביז צום הייפל, וואו עס האָט געוואוינט דער פּריץ, און זיך דאָרט געשטופּט אין דעם געדרענג פון מענטשן.

דער דאַך האָט שוין געברענט, אָבער די דינערשאַפט און אויך פרעמדע דאָרפסלייט האָבן געהאַלטן אין איין אַרויסטראָגן ס'האָב־און־גוטס פון די פּאָקאָיעס. מען האָט אַרויסגעבראַכט פּעק מיט קליידער און וועש, זעק און טאָרבעס מיט מעל, רייז, הירש און גרויפּן. מען האָט אַרויסגעטראָגן גרויסע היטלעך צוקער געפּאַקטע אין שוואַרצן פּאַפּיר, בייכיקע פלעשער מיט ווישניק און אַלערליי ווייבען, געגלעזטע ערדענע טעפּ מיט פּאָווידלע, איינגעמאַכטסן און האָניק, סלאָיעס מיט שמאַלץ און הילצערנע פּעסעלעך מיט הערינג. די דינסטן האָבן אַרויסגעבראַכט מעשענע סאַמאָוואַרן, קופּערנע פאַנען און אַלערליי געשירן. מען האָט געשלעפּט פון דעם ברענענדיקן הויז שווערע מעבל־שטיק, אַ גרויסן פּאָרטעפּיאַן, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעלאָזט אָפּגעהאַקטע קלאַנגען, עפּעס ווי די געדערעם וואָלטן זיך אים אָפּגעריסן. בלומעלע האָט געקוקט אויף דעם פּאָרטעפּיאַן און עס איז פאַר איר אויפגעגאַנגען די צייט ווען די מומע

דאָרציע מיטן פּעטער יוסף האָבן זי גענומען צו זיך אין הויף אַריין. די פּאַקאַיאָווע האָט אַרויסגעטראָגן אַ שטייגל מיט עטלעכע זינג־פֿייגל, וואָס האָבן צעשראָקענע געפּאַטשט מיט זייערע געלבלעכע פֿליגל און אַרויסגעלאָזט גרילצנדיקע קולות.

דעם פּאַניטש טאַדעק און זיינע טאַטע־מאַמע האָט מען נישט געזען. בלומעלען איז דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק, אַז אפֿשר שלאָפֿט טאַדעק אינעווייניק און מען האָט אים פֿאַרגעסן אויפֿצוּוועקן.

זי האָט זיך געלאָזט גיין צום הייפֿלס זייטיקן אַריינגאַנג דורכן גאָרטן. אַ האַלבער דאַך פֿון הייפֿל האָט שוין געפֿלאַקערט און די היץ האָט געשלאָגן אין פּנים. זי האָט זיך אָבער געשאַרט אַלץ נעענטער צום גאָרטן־טירל. ווען זי איז שוין געווען ביים גאָרטן האָט זי דאָרט אויפֿגעכאַפּט רייד און זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער פּאַניטש מיטן פֿריץ און מיט דער פֿריצע זיינען אַוועקגעפֿאָרן צו זיין כּלה.

— זי איז דאָ געווען עטלעכע טעג, די כּלה זיינע. נעכטן איז ער מיט איר געווען אויפֿן לאַשקעוויצער יאַריד און איר אָנגעקויפֿט טייערע מתּנות.

— און היינט איז דאָך ביי איר אין דערהיים זייער פֿאַרלאָבונגס־אונטערהאַלט.

— ווי נאָר ס'פֿייער האָט אויסגעבראָכן האָט מען נאָך זיי אַוועק־געשיקט אַ רייטער. זיי וועלן באַלד אָנפֿאָרן — האָט זי געהערט ווי דער אַלטער גערטנער מיט אַ דינסט האָבן צווישן זיך גערעדט.

בלומעלע איז געבליבן שטיין ווי אַ צעמישטע. זי האָט דערפֿילט אַ שוואַכקייט אין די קני און עס האָט איר גענומען האַקן אין די שלייפֿן.

— וואָס קריכסט איר דאָרטן ווי די טשערעפּאַכעס? איר וואַרט, אַז ס'זאָל אַ צי טאָן אַ ווינט און אַריבערטראָגן ס'פֿייער אין דאָרף אַריין? ברענגט וואַסער, וואַסער! — האָט בלומעלע מיטאַמאָל דערהערט איר טאַטנס קול און זי האָט אים באַלד דערזען אויפֿן דאַך פֿון אַ געביידע לעבן הייפֿל. ער איז דאָרט געשטאַנען מיט נאָך עטלעכע דאָרפֿסלייט און זיי האָבן מיט לאַנגע אייזערנע האַטשיקעס געריסן די ברענענדיקע קראָק־וועס. זי איז גיך צוגעלאָפֿן צו דער געביידע.

— טאַטע! טאַטע! — האָט זי אַרויפֿגערופֿן. עס איז זי באַפֿאַלן אַ ווילדער געדאַנק אַרויסצושרייען איר ווייטיק און זאָלן אַלע אַלצדינג וויסן.

— וואָס טוסטו דאָ? זאָלסט שוין אַהיימגיין! — איז לייב געבליבן שטיין ביים ראַנד פֿון דאַך מיטן האַטשיק אין האַנט, און זיך געבייזערט אויף בלומעלען. עס האָט פֿאַר איר אַ שווינדל געטאָן דאָס בילד ווי דער טאַטע גיט זיך אַ לאָז מיט דעם האַטשיק אויף איר מיטן פּאַניטש, גרייט זיי ביידע צו הרגענען, און זי האָט ווי דערשטיקט אין זיך די רייד.

— כ׳גיי שוין אַהיים — האָט זי געמורמלט און טרערן האָבן איר גענומען רינען איבער די באַקן.

— האָסט נישט געוועןן באַדאַרפט קומען אַהער. כ׳האָב געהייסן היטן די שטוב, ווייל מ׳וועט אונדז אין דער סומאַטאָכע נאָך באַגנבענען — האָט לייב צו איר אַראָפּגעשריגן און דערנאָך גענומען קאָמאַנדעווען מיט דער דינערשאַפט און מיט די דאָרפסלייט, אַז זיי זאָלן זיך נעמען אַרונטער־רייסן דעם שינדלענעם דאַך פון אַ צווייטער געביידע, נאָך איידער ס׳פייער דערגייט צו איר.

בלומעלע איז היגטערווייליכעס אָפּגעטראָטן פון די פלאַמען. עס האָט זי ווי מיט נאָדלען געשטאָכן אין קאָפּ און עס האָט איר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. איר גאַנץ לייב האָט געפיבערט און זי האָט ווי מיט די לעצטע כוחות, מיט שווערע טריט, זיך קוים פאַרשלעפּט אַהיים.

* * *

דאָס פייער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער גוראַלניע אויף איין זייט און פון אַ סטערטע שטרוי אויף אַן אַנדער זייט, האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן פאָלוואַרק. עס האָבן געפלאַקערט הילצערנע געביידעס און עס האָבן מיט אַ קנאַקן זיך געריסן צום הימל די ריזיקע פלאַמען פון די בערג שטרוי און היי. דאָס פייער האָט אויך פאַרכאַפּט די פריצישע שטאַלן. עס האָט פון זיי געזעצט מיט געדיכטע רויכעס, וואָס האָבן געשמעקט מיט געסמאַלעטער וואָל, מיט געברענטע תבואה־קערנער און מיט צע־פאַרעטן גנאָי.

די פּאַראָבקעס האָבן מיט בייטשן און מיט שטעקענעס געיאָגט פון די ברענעדיקע שטאַלן די בהמות, וואָס האָבן צעווילדעוועטע געמוקעט, גלייך ווי מען וואָלט זיי געטריבן צו דער שחיטה. די קי האָבן צעטומלטע געריסן די ערד מיט זייערע הערנער ווען זיי האָבן דערזען די פלאַמען. ניט איינע פון זיי האָט פאַרריסן דעם עק, געלאָפן צוריק אין פייער אַריין און שוין פון דאָרט ניט אַרויסגעקומען. ראָסזעלבע איז אויך געווען מיט די פערד. ווי נאָר זיי האָבן דערשמעקט דאָס פייער זיינען אַ סך פון זיי געוואָרן ווילד און גענומען שפּרינגען און הירשזען. זיי האָבן ניט געוואָלט אַרויסגיין פון שטאַל, און אפשר צוואַנציק פון זיי זיינען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן.

יאַנקל האָט זיך געדרייט אַרום די שטאַלן און ער האָט נישט איין פערד אַרויסגעראַטעוועט. ער האָט אויך באַוויזן אַרויסצוגעמען פון שטאַל טאַדעקס רייט־פערד. דער בולאַן מיטן ווייסן שטערן איז אָבער ערשט אין דרויסן רעכט ווילד געוואָרן. יאַנקל האָט אים פעסט געהאַלטן אויפן שטריק און אים געוואָלט אַריינהאַקן אַ ציימל אין מויל. די פעל האָט אויף דעם בולאַן אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט גענומען פאַרקען מיט דער נאָז, זיך געשטעלט דיבאָם און געפאָכעט אין דער לופטן מיט די געקאָוועטע פאָדערשטע פיס.

— לאָז אים אָפּ, ווייל ער וועט נאָך דאָ הרגענען אַ מענטשן.

— זייער רעכט. זאָל ער צוריקגיין אין פֿייער אַריין און זיך אָפּבראָטן.

— זעט נאָר זיין ווייסע מאָרדע. ער האָט אַ פּנים פֿון אַ נישט־גוטן.

— זאָל ער גיין. זעסט דאָך, אַז ער האָט זיך איינגעשפּאַרט. ער איז שטאַרקער פֿון דיר און ער וועט דיך נאָך אויך פֿאַרשלעפּן אין פֿייער אַריין! — האָבן עטלעכע פֿון די דאָרפֿסלייט אַריבערגעשריגן צו יאַנקלען.

— מירן שוין באַלד זען ווער עס איז שטאַרקער — האָט יאַנקל אָפּגעענטפֿערט. ער האָט געוואָלט באַווייזן זיין גבֿורה און דעם בולאַן נישט געוואָלט נאָכלאָזן. ער האָט אים געהאַלטן קורץ ביים קאַמעט, אים געפּעטשלט איבער די צעשפּאַרטע נאָז־לעכער, פֿון וועלכע עס האָט געזעצט מיט פּאַרע און דער בולאַן האָט ביים שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פֿיס אים עטלעכע מאָל אויפֿגעהויבן אין דער הייך.

פּלוצלונג איז אָנגעלאָפֿן דער פּאַניטש, וואָס איז נאָר וואָס געהאַט אַהיימגעקומען. ער האָט פֿון זיך גיך אַראָפּגעוואָרפֿן זיין רייזע־מאַנטל און ער האָט אויף פּויליש אַריבערגערופֿן צו זיין רייט־פֿערד, אַז ער דאַרף שוין פֿאַר גאָרנישט מורא האָבן, ווייל זיין באַלעבאָס איז איצט לעבן אים. דערנאָך האָט ער אָן אַ וואָרט איבערגענומען דעם בולאַן פֿון יאַנקלס הענט. דער בולאַן האָט אַ הירזשע געטאָן, אויסגעדרייט זיין ווייסן שטערן צום פּאַניטש און זיך ווי באַרואיקט. ער האָט זיך געלאָזט פֿירן אַ פּאָר טריט און מיטאַמאָל האָט ער ווידער אַ צעווילדעוועטער אַ הייב געטאָן די פֿאָדערשטע פֿיס אין דער הייך און זיך גענומען רייסן צוריק צו דער שטאַל. דער פּאַניטש האָט אויף אים אָנגעשריגן און גענומען פֿאַרציען ענגער ס׳ציימל. אין דער רגע האָט אים דער בולאַן מיט אַ פֿאָדערשטן פֿוס אַ זעץ געטאָן אין האַרץ אַריין. דער פּאַניטש איז אַוועקגעפֿאַלן אויף דער ערד און זיין רייט־פֿערד איז אַריין אין דער ברענענדיקער שטאַל.

מען האָט איצט ווי פֿאַרגעסן אָן דעם פֿערד, וואָס איז שוין פֿון פֿייער ניט אַרויסגעקומען, און מען האָט גענומען מינטערן דעם פּאַניטש. טאַדעק האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן, אָבער אויפֿהייבן זיך פֿון דער ערד האָט ער שוין נישט געקאָנט. עטלעכע פֿון דער דינערשאַפֿט זיינען באַלד געקומען צולויפֿן און מען האָט אים אויף אַ וואָרעטע אַוועקגעטראָגן צום זשאָנדצעס שטוב, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אין אַ זייט אַזוי, אַז דאָס פֿייער איז צו איר נישט דערגאַנגען.

עס האָט דערווייל גענומען טאָגן. דאָס פֿייער איז ביסלעכווייז איינגעגאַנגען און די דאָרפֿסלייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו צעגיין.

גויאישע ווייבער, שיקסעס און שקצים האָבן פֿאַרן אַהיימגיין זיך אָפּגעשטעלט ביי די פּריצישע הויז־זאַכן, וואָס זיינען געלעגן בערגווייז אין דרויסן אויפֿן גראָז. אָט ערשט האָבן זיי איינע די אַנדערע איבער־געגעבן, אַז ס׳האָלט שמאָל מיטן פּאַניטש און זיי האָבן אים און זיינע טאַטע־מאַמע באַדויערט און באַקרעכצט. שוין האָבן זיי אָבער ווי פֿאַרגעסן

אַן די קרעכצן און זיי האָבן מיט קנאה און שנאה גענומען רעדן וועגן דעם פּאַנס עשירות.

— זעט נאָר דאָס יידישע גוטס. זעט נאָר אַ פאַרמעגן.

— אַפילו צען שרפות וועלן אים נישט פאַראָרעמען.

— ער איז שוין איינמאָל רייך. און אַלצדינג, וואָס ער האָט, איז פון קריסטלעכער פּראַצע.

— די תבואה אין פעלד האָט מען דאָך אים נישט פאַרברענט — האָבן זיי מיט גיריקע בליקן געקוקט אויף די אַלע זאַכן. זיי האָבן גע־טשמאַקעט מיט די ליפּן און אַזוי רעדנדיק צווישן זיך האָט איין גויע מיט אַ פוס אַ שאַר־געטאָן צו זיך אַ פאַרביק טיכל; אַ צווייטע האָט אויפ־געהויבן אַ בלעכן פענדל און אַ שגץ האָט אַ כאַפּ־געטאָן אַ פּאָר שטיוול. אין גאַנג האָט אַ פּויער מיט זיך מיטגענומען אַ צוגעברענט ברעט, וואָס איז געלעגן אין דער זייט; אַ צווייטן האָט זיך ווי נאָכגעשלעפּט אַ לעדערנער כאָמעט, און אַ דריטער האָט אהיימגעטראָגן אַ קייט פון אַ קו.

— וואָס שטייט איר און גלאָצט מיט די אויגן? נעמט אויך עפּעס אַהיים! זאָל זיך דעם פּאַן אויסדאַכטן, אַז אַלצדינג איז פאַרברענט גע־וואָרן! — האָט אַ יונגע גויע אויסגערופן. באַלד איז געוואָרן אַ געלאָף צום פּריצישן באַלעבאַטישקייט, וואָס האָט אין פאַרטאָג זיך ווי אַרויס־געשיילט פון דער פינצטערניש. די גויאישע דאָרפסלייט, פון יונג ביז אַלט, האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן זייער בושה און גענומען צעטראָגן די אַלע זאַכן.

— גוטע מענטשן, וואָס טוט איר? — האָט אַן אַלטער פּויער גענומען שרייען, אַז מען זאָל גאָרנישט רירן, אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט.

— איר וועט דערפאַר גיין אין קרימינאַל אַריין! — איז אָנגעלאָפן דער פּוילישער עקאָנאָם און מיט אַ שטעקן גענומען שלאָגן איבער די הענט. עמעצער האָט אָבער באַלד פאַרוואָרפן אַ זאַק איבער זיין קאָפּ, אים פאַרשלעפּט אין אַ זייט און אים דאָרט מיט עטלעכע זעץ אָוועקגעלייגט.

— אַ כאַראַבע אויף אייך! איר שעמט אייך גאָרנישט אַזוי אָפּן צו ראַבעווען? ווי וועט איר אייך זונטיק ווייזן אין צערקווע פאַרן קסיאָנדז?

— איז לייב אַן אויסגערייסטער ווי אַ קוימען־קערער צוגעקומען און זיך צעשריגן אויפן קול.

— איר זעט כאָטש ווי איין ייד האַלט פאַרן אַנדערן? בלוט איז נישט קיין וואַסער.

— מיש דיך נישט, לייבע. מ׳נעמט נישט דיינס. און פאַרן פּאַן וועט נאָך בלייבן גענוג.

— אַ זאַסיע דיר, לייבע. דו זאָג אונדז נישט וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט — האָבן עטלעכע פון זיי בייז געברומט און געכאַפּט וואָס עס איז זיי געקומען צו די הענט.

יאַנקל, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים, האָט דערהערט דעם טאַטנס

קול און ער איז באַלד לעבן אים אויסגעוואַקסן. ער האָט אויפגעהויבן אַן אייזערנעם האַטשיק און ער איז שוין געווען גרייט צו פאַרפירן אַ געשלעג. לייב האָט אים אָבער אַוועקגעשלעפּט און זיי זיינען אין בלויען פאַרטאָג אַוועק פון הויף.

אויפן וועג האָבן זיי אָנגעיאָגט גויאישע שכנים, וואָס האָבן אַהיימ־געטראָגן די אָנגערויבטע זאַכן. די שכנים האָבן אַוועקגעדרייט די קעפּ און אָפּגעטראָטן אין אַ זייט, אַזוי אַז לייב מיט יאַנקלען זאָלן זיי נישט זען. לייב איז אָבער אויסן געווען זיי צו פאַרשעמען און ער איז זיי נאָכגעגאַנגען און זיי אָנגערופן ביי די נעמען.

— זע נאָר, ס'איז דאָך אונדזער שכנטע האַנקאַ, זי טראָגט אַהיים נאָר איין בענקל — האָט ער הויך אויף גויאיש גערעדט צו יאַנקלען — זי האָט געווען באַדאַרפט נעמען דעם גרויסן שפּיגל, וואָס איז דאָרטן געלעגן.

— וואָס זאָגט מען נישט דערצו, אונדזער מיכאַלטשוק, אַזאַ וואַזשנער גאַספּאָדאַר, האָט אין הויף גענומען נישט מער ווי אַ פּאָר באַרישע שלייעס. פאַר אים וואָלט געפּאַסט אַהיימצופירן אַ קו, אָדער כאָטש אַ קעלבל.

די דאָרפסלייט האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי זעען קיינעם נישט און אַז זיי הערן גאָרנישט. אויפן וועג האָבן זיך אָבער באַלד באוויזן עטלעכע זשאַנדאַרן מיט די באַיאָנעטן אויף זייערע ביקסן און זיי האָבן פאַרהאַלטן די גויים מיטן רויב. אַ שגץ, וואָס האָט אַהיימגעטראָגן אַ פּאָר פריצישע שטיוועלעך מיט אַ פּאָר הויזן, איז געווען דער ערשטער וועמען די זשאַנ־דאַרן האָבן אָפּגעשטעלט. זיי האָבן שוין געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין הויף און זיי האָבן מיט דעם שגץ נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, נאָר באַלד אים דערלאַנגט עטלעכע פּלעם און אים אָנגעטאָן קייטעלעך אויף די הענט. ווי נאָר עטלעכע פון די גויים האָבן דאָס דערזען, האָבן אַלע פון מיטן וועג און אויך פון דער היים אָנגעהויבן לויפן צוריק אין הויף אַריין און אָפּגעטראָגן די אָנגערויבטע זאַכן.

— אַ טויט וואָלט איך מיך געווען אויף זיי גיכער געריכט. אַזעלכע ראַבאָווניקעס! מ'עט זיי דאָס נישט פאַרשווייגן. און ווען איכ'ל זיין ביים גלח וועל איך זיי שוין צושטעלן אַ בענקעלע. ס'איז דאָך שוין ווייסער טאָג. קום, מירן זיך בעסער אונטערשלאָגן אין וואַסער און אָפּשווענקען די סאַזשע אײדער מיר גייען אַהיים — האָט לייב גערעדט צו יאַנקלען.

זיי האָבן זיך דערנאָך ביידע פאַרנומען מיט דער גאָרטן־סטעזשקע צום וואַסער און לעבן די אַלטע פאַרוואַקסענע ווערבעס זיך אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט. פאָטער און זון, ביידע האַריקע און ברייט־שטאַמיקע, ווי פון איין שטיק געשניטן, זיינען אַריין אין וואַסער, וואָס איז נאָך געווען ווי צונויפגעגאָסן מיט דער גרויקייט פון פאַרטאָג.

לייבן איז אין דעם גרויען נעפּל פאַרגעקומען, אַז אָט ערשט האָט ער אין אַזאַ פאַרטאָג זיך דאָ געבאָדן מיטן זיידן בער און זיי האָבן דעמאָלט ווי פאַרשייטע יינגלעך מיט קולות פאַרהילכט דעם טאָל.

— איצט זעסטו שוין, וואָס זיי זיינען? — האָט לייב נאָך אַלץ גערעדט צו יאַנקלען וועגן דער רויבעריי אין הויף. ער האָט זיך דערנאָך אונטערגעשלאָגן אין וואַסער און געלאָזט הערן זיין געזונט גראָב קול. יאַנקל האָט אים נאָכגעטאָן. זיי האָבן בײדע געגורטעוועט, זיך געלאָזט שווימען נאָזענדיק, געמאַכט אַלערליי קונצן און מיט שטיפערישע געוואַלדן ווי צעטריבן דעם נעפּל פון איבערן וואַסער.

נאָכן אָפּבאָדן זיך זיינען זיי ווי אָנגעגאָסענע מיט פרישע כוחות, שוייגנ־דיקע געגאַנגען אַהיים. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער שטוב האָט שוין ביים טויער געוואַרט דער רוסישער ייד, וואָס האָט געהאַט יאָרצייט. ביים בערגל לעבן דער קלויז זיינען שוין געזעסן אברהם אַליניק און משה אהרן פון דער ראַגאַטקע. זיי האָבן די ערשטע זיך געפעדערט צו קומען דאַווענען מיט מנין. אברהם אַליניק האָט געהאַלטן אַן אויג אויף זיין קו, וואָס האָט זיך געפּאַשעט ביים וועג און ער האָט דערווייל מיטן ראַגאַטניק אַריינ־געכאַפּט אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים.

אַ רייטער פון הויף האָט זיך באַוויזן אויפן וועג. ער האָט זיך אָפּ־געשטעלט לעבן אַ גויאישער שטוב און באַלד האָט זיך איבערן דאָרף צעטראָגן די נייעס, אַז דער פּאַניטש איז אויסגעגאַנגען ביים זשאַנדצע אין הויז.

דריטער טייל

קאַפּיטל זעקס־און־צוואַנציק

אין דעם יאָר ניינצן הונדערט און פינף זיינען יידן אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ, ווי פון אַ שטורם־ווינט אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען. אַ סך פון זיי זיינען פאַרטראָגן געוואָרן אויף גאַליצישער ערד און אייניציקע האָבן אויך פאַרבלאָנדזשעט קיין יאַנאָוויץ. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין קרעטשמע ביי מעשעל, אברהם אַליניקס זון, און אויך אין אַנדערע יידישע שטיבער, וואו זיי האָבן זיך אונטערגעלעגנט ס׳האַרץ און איבערגענעכטיקט. די רוסישע יידן האָבן צעשראָקענע זיך געצויגן צו האַפּן־שטעט, צו שיפן, וואָס זאָלן זיי אַוועקפירן אין דעם ווייטן לאַנד אַמעריקע. זיי האָבן מיט טויטע קללות געשאָלטן דעם צאַר און מיט זיפצן דערציילט ווי קאָזאַקן און היימישע גויאישע שכנים, וואָס האָבן געוואוינט מיט זיי אַ טיר לעבן אַ טיר, זיינען זיי באַפאַלן מיט ווילדער רציחה און אַפילו די קליינע קינדער ניט געשוינט. די יידן האָבן דורך די נעכט, אויף די פרעמדע געלעגערס, דערציילט וועגן בלוטיקע פּאָגראָמען אין די רוסישע שטעט און דערפער און זיי האָבן אויפן קול באַוויינט זייערע נאָענטע און ליבע, וואָס זיינען אומגעקומען מיט שוידער־לעכע טויטן.

די טרויעריקע גרוסן האָבן אויפגערודערט די יאַנאָוויצער יידן. דערצו האָט זיך נאָך אין דעם זומער פון דעם יאָר ניינצן הונדערט און פינף פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַ העטמאַן, אַזאַ ווי עס איז אַמאָל געווען באָגדאַן כמעלניצקי, האָט אין דער שטיל צונויפגענומען אַ גרויסע אַרמיי פון אוקראַינער; ער האַלט די סאָלדאַטן אין די וועלדער ביי דער גרענעץ און אַ ליאַדע טאָג וועט ער קומען און צונעמען פון קייזער דאָס גאַליצישע אוקראַינע.

— ווען דער העטמאַן וועט קומען זועט נישט בלייבן קיין איין ייד און קיין איין פּאָליאַק אין די דערפער.

— און די יידן אין די שטעט וועט אויך נישט זיין וואָס מקנא צו זיין.

— די פּריצים מיט די גראַפן וועט מען אַלע אויפהענגען.

— און די ערד וועט מען צעטיילן צווישן אייגענע — האָבן די גויים צווישן זיך גערעדט אין דער שטיל.

די אַלע רייד זיינען דערגאַנגען צו די דאָרפס־יידן און זיי באַאומ־רואיקט. זיי האָבן אין די וואָכן־טעג, ביי דער אַרבעט אין פעלד און ביים האַנדלען מיט די גויים אויפן דאָרף זיך געגוג אַנגעהערט וועגן דעם העטמאַן און ווען זיי זיינען שבת זיך צונויפגעקומען אין קלויז האָבן זיי איינער פאַרן אַנדערן אַלץ אויסדערציילט. זיי זיינען יענעם זומער אַפילו אין די גרעסטע רעגנס און בלאָטעס געקומען אין די שבתים אין קלויז אַריין פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך און אויך פון די אַרומיקע דערפֿ־לעך צו הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. מען האָט זיך ווי געטוליעט איינער צום אַנדערן, מיט האַרץ געזאָגט דעם „הנותן תשועה למלכים" און געבעטן גאָט פאַר זייער באַשיצער, קייזער פראַנץ יאָזעף „כן ירום הודו". די תפילה פאַרן קייזער האָט זיי אַלעמאָל ווי דערוואַרעמט און זיי האָבן זיך דערפילט היימלעכער און זיכערער.

לייב האָט שטענדיק זיך ווי געביקוערט אויף די יידן פאַרוואָס זיי גייען אַרום אַזוי פאַרדאגהט און ער האָט אין זיי אַריינגערעדט, אַז די וועלט איז נאָך נישט הפקר און אַז עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. מער ווי צו אַלעמען האָט ער גערעדט צו זיין שוואָגער נאָטע, וואָס האָט אין יענער צייט צוליב שלום אין דער משפחה אויפגעגעבן ס'מנין ביי זיך אין שטוב און זיך גוט פאַרהאַלטן מיט לייבן. יענעם זומער זיינען פאַר נאָטען אויפגעגאַנגען די בלוטיקע טעג, וואָס ער אַליין האָט דורכגעלעבט אין זיין רוסישער היים־שטאָט מיט עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר צוריק און ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַן אַ קאָפּ. ער האָט פון די גרעסערע שטעט, וואו ער האָט איינגעקויפט שניט־סחורה פאַר זיין געוועלב, אַהיימגעבראַכט צייטונגען און פון זיי אַרויסגעלייענט, אַז ס'וועט נאָך קומען צו אַ מלחמה צווישן דעם צאַר און דעם קייזער.

— מ'האָט זיך איבער דעם שטיקל גאַליציע שוין גענוג געשלאָגן און מ'עט נאָך דאָ האָבן צו זינגען און צו זאָגן. מ'וואָלט זיך באַדאַרפט וואָס פריער פאַרנעמען פון דאַנען. אָט האָט איר עס אויף דער האַנט — האָט נאָטע אויף זיין דאַלאָניע, ווי אויף אַ מאַפּע, מיט אַ פינגער אַנגעוויזן ווי אַזוי דער צאַר וועט אין אַ שיינעם טאָג זיך זאַמירען איבערצורוקן די גרענעץ אויף דער מזרח־גאַליצישער זייט.

— און וואָס עפּעס, וועט עס אויסגיין צו די יידן.

— אַזאַ פאָניע חזיר! ער האָט אַזאַ גרויס לאַנד און ער וויל נאָך און נאָך.

— ער וויל אונדזערע נאַפט־קוואַלן און די זאַלץ־גרובן.

— אַ קרענק אים פאַרן וועלן.

— מ'זאָגט, אַז ער האָט סאָלדאַטן ווי זאַמד און ערד.

— און אויף אונדזער זייט האָט ער אויך גענוג אַרויסהעלפער.

— אַי, האָט ער זיי. גענוג רוטענישע גלחים האַלטן דאָ אין איין שפּיאָנירן פאַר רוסלאַנד. פאַרכאַפּט זאָלן זיי נאָר ווערן.

— ס'איז נאָך גוט וואָס אונדזער כומר האַלט זיך כאָטש אין דער

מעלה. ווען די גויים קומען זיך זונטיק צונויף אין קלויסטער רעדט ער אין זיי גענוג אַריין.

— עט, נישט דער קייזער און נישט דער גלח ווילן אונדז באַשיצן, נאָר דער מלך מלכי המלכים, דער וואָס איז איבער אַלעמען. מ׳דאַרף נאָר האָבן בטחון.

— נו, וואודען, ס׳איז אַלעמאָל אַזוי געווען — האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט.

די דאָרפס־יידן האָבן נאָך קיינמאָל זיך נישט געהאַלטן אַזוי אײנ־אײנעם ווי אין יענעם זומער. ווען עס האָבן זיך גענומען טראָגן די ווילדע בשורות פון דער רוסישער זייט. זיי האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף דעם שבת, אַז זיי זאָלן זיך אײנגאַנצן אָפּשיידן פון דער גויאישער וועלט און זיין אינאייינעם אין קלויז.

יענעם זומער האָבן די דאָרפישע יידן אַפילו די שלוש־סעודותן אָנגע־הויבן פראַווען אינאייינעם אין קלויז. יעדן שבת פאַרנאַכט האָט אַן אַנדערע באַלעבאָסטע אַריינגעשיקט אין קלויז אַ קויבערל מיט צוויי גרויסע קוי־לעטשן, אַ פלעשל בראַנפן, אַ שיסל פאַרקילטן פאַטשיע, אָדער עטלעכע איינגעמאַרינירטע הערינג, פאַסאָליעס צעריבענע מיט צימרינג און מיט צוקער און נאָך אַנדערע שבתדיקע מאכלים. די יידן האָבן ביי דער דריטער שבת־סעודה מיט אומעטיקן שטילן געזאַנג אַרויסבאַגלייט דעם טאָג פון דערהויבונג און פון מנוחה און זיי האָבן זיך נישט געאיילט צו מאַכן אַ הבדלה. זיי זיינען געזעסן אַרום דעם לאַנגן טיש אַנטקעגן דעם אָרון־קודש און פאַרבענקטע אַרויסגעקוקט צו די געקייטלטע בערג, וואו דאָס לעצטע ביסל ליכט פון טאָג איז פאַרפאַלן געוואָרן.

ביי די שלוש־סעודותן האָט אָפטמאָל אַ דורכוואַנדערער פון רוסלאַנד, וואָס האָט געהאַלטן שבת אין דאָרף, מיט אַ פול מויל גערעדט וועגן דעם גאָלדענעם לאַנד אַמעריקע, גלייך ווי ער זאָל שוין דאָרטן האָבן געווען, און די דאָרפסלייט האָבן פאַרגאַפטע זיך צוגעהערט. די יידן האָבן אין דער צוגעפאַלענער פינצטערניש אין זיך אויך אַריינגענומען משה אהרן ראַגאַטניקס רייד, ווען ער האָט אַלעמאָל מיט נייע גימטריות אויפגעוויזן, אַז משיח קאָן זיך שוין לאַנג נישט פאַרזאַמען.

די דאָרפסלייט זיינען ביי די שלוש סעודותן גלייך מיט די קליינע יינגלעך ווי פאַרוויגט געוואָרן אין אַ וואונדערלעכן חלום. די נאַכט האָט זיך ווי אַריינגעגנבעט אין קלויז, שטיל געקראָכן צום פרוכת, צו דעם בלישטשענדיקן גאָלד פון די אויסגעהאַפטע עשרת הדברות, זיך אַראָפּ־געלאָזט אויפן געדעקטן טיש און זיך געלייגט אין די ווינקעלעך. די ווייַ־בער האָבן אויף די שטובן־טירן אַרויסגעקוקט צו די ערשטע שטערן אויפן הימל, געזאָגט „גאָט פון אברהם״, אָבער די יידן אין קלויז האָבן זיך נישט געאיילט אָנצוצינדן אַ ליכט און צו דאַווענען מעריב.

די קליינע יינגלעך זיינען געזעסן אין אַ ווינקל, אין דער פינצטער געוואָרענער קלויז און מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס זיך צוגעהערט צו

משה אהרנען, וואָס האָט ווי אויסגעזונגען זיינע רייד וועגן דעם טאָג ווען עס וועט אַ שאַל טאָן דער שופר של משיח. די ייִנגלעך האָבן פאַר זיך ווי געזען דאָס בילד ווי אַזוי דער גרויסער וואָלקן וועט דעמאָלט זיך אַראָפּ־לאָזן אויף דער ערד און אַוועקטראָגן זייערע היימען מיט זייערע פעלדער קיין ארץ ישראל. אַלע יידישע שטיבער וועלן אין ארץ־ישראל שטיין איינס לעבן ס'אַנדערע און מען וועט מער נישט זיין אַזוי צעוואָרפן צווישן גוים. עס וועלן מער נישט זיין קיין שקצים, וואָס וואַרפן זיי נאָך שטיינער ווען זיי גייען אין חדר און אין קלויז אַריין דאַווענען. עס וועלן מער נישט זיין קיין חזירים, וואָס קריכן אין די יידישע גערטנער און מען קאָן זיך פון זיי נישט באַטרייבן.

די יונגעלייט ווידער זיינען אין די שבתדיקע פאַרנאַכטן ווי אָנגע־שטעקט געוואָרן מיט דעם אומרו פון די דורכוואַנדערער. עס האָט זיי ווי געצויגן צו די גלאַנצנדיקע באַן־שינעס, וואָס האָבן זיך געשניטן דורך יאַנאָוויצער פעלדער און עס איז אין זיי וואַך געוואָרן די וואַנדער־לוסט זיך אויך אַוועקצולאָזן אין דער וויטער וועלט אַריין.

די יונגע לייט האָבן אין די שבת־צו־נאַכטסן נאָכן אַרויסגיין פון קלויז ערשט אָפּגעטראָטן ביי נאָטען און זיך דאָרט פאַרזעסן ביז שפּעט. רויזע האָט זיי אויפגענומען מיט טיי און אַראָק, און מיט ווייצענע מאָן־פּלעצלעך. נאָטע האָט מיט די יונגעלייט געשפּילט אין באַלאַנטש, אַ גרייצער אַ קאָן, און ער האָט אין זיי אַריינגערעדט, אַז ס'איז נישט קיין תכלית צו בלייבן זיצן אין דאָרף.

די וויטע וועלט האָט אין יענעם יאָר זיך ווי צוגערוקט נעענטער צום דאָרף און ביסלעכווייז האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרויסרירן פון יאַנאָוויץ. שייקע, דעם קירזשנערס אַ זון האָט געמאַכט דעם אָנהייב. ער האָט געהאַט אַ ווילדן קאָפּ צום לערנען און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין לעמבערג שטודירן. נאָך אים האָט צאַלקע דער שניידער, דורך פּראָטעקציע פון דעם יידישן ברענער פון דער יאַנאָוויצער גוראַלניע, אַוועקגעשיקט זיינס אַ ייִנגל אַזש קיין ווין, אַז ער זאָל זיך דאָרט לערנען אַ מלאכה אין דער באַראָן הירש שול.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן פאָרן קיין אַמעריקע.

דער ערשטער איז געווען שימעלע, דעם בהמה־סוחרס אַ זון. ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין זעלנער און איז פאָרן שטעלן זיך צו דער אָסענ־טירונג אַוועק אין דער וויטער מדינה.

שעפּסל, גדליהס אידעם, וואָס איז צוויי יאָר נאָך זיין חתונה שוין געווען אַ טאַטע פון צוויי קינדערלעך און האָט שוין אויך געהאַט צע־פּטרט זיין נדן, איז שימעלען באַלד נאָכגעפאָרן. ער האָט מיט זיינעם אַ שטאָטישן קרוב זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע דאָרט זוכן גליקן.

שפּעטער זיינען פון סענדערן אָנגעקומען צוויי שיפסקאַרטן פאַר פּסחס צוויי מיידלעך און זיי זיינען אויך אַוועקגעפאָרן אין דעם גאָלדענעם לאַנד אַריין.

אין יענער צייט, עס איז שוין געווען צוויי יאָר נאָך ריוועס טויט, האָט מען לייבן געהאַלטן אין איין צורעדן, אַז ער זאָל אויך יאַנקלען אַוועקשיקן קיין אַמעריקע.

* * *

אין די צוויי יאָר זייט ריווע איז געשטאָרבן, זיינען ביי לייבן פאָרגעקומען אַ סך ענדערונגען.

אין דער נאַכט, ווען דער פּאַלוואַרק האָט אָפּגעברענט איז בלומעלע שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן. זי האָט יענעם פאַרטאָג, ווען זי איז אַוועק פון דעם ברענענדיקן הויף, זיך קוים פאַרשלעפּט אַהיים. ווי נאָר זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף איר געלעגער האָט אַ שטאַרקע היץ אַרומגענומען איר לייב. אירע ליפּן האָבן געברענט ווי פייער און עס האָט איר ווי געטאָן יעדעס גליד. זי האָט זיך אָבער אַפילו קיין ביסל וואַסער נישט געהייסן דערלאַנגען, נאָר פאַרקלעמט ס׳מויל און געבליבן ליגן אַן איינגעקאָרטשעטע.

אין דער פרי, ווען נעכע איז צוגעקומען צו איר געלעגער, האָט בלומעלע שוין נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. זי איז געלעגן אַ פאַרטראָגענע אין היץ און אין דער שטיל עפּעס געפּלאָפּלט אויף פּויליש. זי האָט גערעדט עפּעס וועגן אַ קלאַוויר, וועגן אַלטן שלאָס און אַלעמאָל דערמאָנט די מאַמען. מען האָט באַלד געשיקט נאָך ניסעלע רופא און אויפן צווייטן טאָג האָט מען אויך געבראַכט אַ דאָקטאָר. צוערשט איז עס געווען אַ לונגען־ענטצינדונג, דערנאָך זיינען צוגעפאַלן נאָך אַנדערע קראַנקהייטן און בלומעלע האָט טעג און נעכט געשוועבט צווישן לעבן און טויט.

די באָבע שרהלע האָט טאָג נאָך טאָג אַריינגעוואָרפן ח״י גרייצער אין דער מאיר בעל הנס פּושקע, מען האָט געזאָגט תהילים, געמאַכט בלומעלען מי שברכס און איר צוגעגעבן דעם נאָמען — אַלטע. לייב איז מיט דבורה די פירזאָגערין געגאַנגען אויפן הייליקן אָרט. זיי האָבן דאָרט געבעטן ביי בלומעלעס מאַמע, אַז זי זאָל זיך מיען פאַר איר. די אַלטע באָבע שרהלע האָט מיט אירע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן אַרויפגעטענהט צום רבונו של עולם, אַז ער זאָל בעסער זי צונעמען און נישט אויסרייסן מיטן וואָרצל אַזאַ יונג ביימעלע.

בלומעלע האָט בייגעקומען אַלע קראַנקהייטן און ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך. ווען זי איז נאָך לאַנגע וואָכן אויפגעשטאַנען פון דער קרענק און מען האָט זי צום ערשטן מאָל אַרויסגענומען אויף דער זון, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי האָט אויפגעוואַכט פון עפּעס אַ לאַנגן און פאַרפלאָנטערטן חלום. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף דער פריזבע און די בונטע פאַרביקייט פון שפּעטן זומער האָט זי באַלעבט. זי האָט אַ פאַרגאַפטע ברייט צעעפנט די אויגן, צעשפּרייט אירע נאָז־פליגל און אין זיך אַריינגענומען די אַלערליי פאַרבן און ריחות פון פּאַוואָניעס

רויזן, האָניק־בלומען, גלאָקן־בלומען און פון סאָנישניקעס, הויכע ביזן דאַך און גרויסע ווי רעשעטעס.

עס האָט זיך צו איר דערטראָגן דאָס ווידער־קול פון אַ קלאַפּן און פון אַ מייסטערוועז, וואָס איז געקומען פון פּאַלוואַרק. זי האָט אויך אויפגעכאַפּט רייד פון די אָרומיקע שכנים:

— אַלע דעכער פון די נייע געביידעס אין הויף וועלן זיין פון טשערעפּ און פון בלעך. מ׳האַלט אַהין אין אײן פירן בוי־מאַטעריאַל.

— מ׳זאָגט, אַז דער נייער פּוילישער פּריץ וועט נאָך פאַרן ווינטער איבערנעמען. ער וואַרט ביז מ׳וועט איבערבויען ס׳הייפל.

— ווען נישט דאָס פייער און ווען דער פּאַניטש זאָל נישט געווען געהרגעט ווערן, וואָלט דער יידישער פּריץ אפשר נאָך געווען געבליבן.

בלומעלע האָט נאָך ווען זי איז קראַנק געווען זיך דערוואוּסט, אַז דער פּאַניטש איז טויט און זי האָט איצט אַ רואיקע אויפגענומען די רייד. עס איז איר אַלצדינג פאַרגעקומען ווי אַ טייל פון דעם לאַנגן און פאַרפּלאָנטערטן חלום.

נאָך איר אויפקומען פון דער קרענק איז בלומעלע געוואָרן מער צוגעלאָזט צו יאָשען. אין דער צייט וואָס זי איז געלעגן אין בעט איז ער געווען ביי איר יעדן טאָג און מיט אַלעמען אין שטוב געוואָרן היימיש. ווי נאָר זי איז געזונט געוואָרן האָט ער ווידער אונטערגעשיקט זיין טאַטן צו לייבן, אַז ער זאָל מיט אים רעדן וועגן שרייבן תנאים.

בלומעלע האָט מיט געציילטע ווערטער מסכים געווען צום שידוך און חול המועד סוכות איז זי אַ כלה געוואָרן מיט יאָשע דאַטש.

אַ יאָר נאָך ריוועס טויט האָט מען ביי לייבן געפּראַוועט בלומעלעס חתונה. עס זיינען זיך אַנגעפאָרן אַ סך מחותנים, עס זיינען געקומען צוגיין אַלע יידן פון דאָרף מיט די ווייבער און אַפילו מיט די זויג־קינדער. לייבס הויף איז אויך פול געווען מיט גויאישע דאָרפסלייט, וואָס זיינען געקומען צו בלומעלען אויף דער חתונה.

בלומעלע איז אַ בלאַסע מיט פאַרשטייפטע טריט געגאַנגען צו דער חופּה און זיך ווי אַנגעלענט אָן איר עלטער־באָבע שרהלע, וואָס האָט זי געפירט. איר מויל איז געווען פאַרקלעמט און אירע אויגן האַלב פאַרמאַכט. די ווייבער האָבן מיט באַדויערן צו איר אַריבערגעקוקט. זיי האָבן מיט זיפצן דערמאָנט ריוועז, וואָס האָט אויסגעפעלט אויף דער חתונה, און געגאָסן מיט טרערן. עטלעכע ווייבער האָבן זיך געשושקעט, אַז בלומעלען האָט נישט געצויגן צו יאָשען און אַז ווען ריווע זאָל געווען לעבן וואָלט נישט געווען צושטאַנד געקומען דער שידוך.

די קלעזמער האָבן דערנאָך מיט די טאַצן און מיט דער פליים ווי פאַרלישעט דעם טרויער, וואָס האָט אַלעמען אַרומגענומען ביים באַדעקנס, און דער אונטערהאַלט האָט זיך פאַרצויגן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

לייב האָט אויך געוואָלט מאַכן די שבע־ברכות ביי זיך. ער האָט

שוין אַפילו געהאַט געקוילעט צוויי לעמעלעך אויף שבת. אויף דער צווייטער נאַכט נאָך דער חופּה איז אָבער די באָבע שׂרהלע פּלוצלינג געשטאָרבן און זלמן סאַדאָוניק האָט געמאַכט די שבע־ברכות ביי זיך אין זאַזולינעץ.

די באָבע שׂרהלע, וואָס איז שוין געווען איבער הונדערט יאָר אַלט, האָט נאָך בייטאָג בלומעלען אָוועקגענומען אין אַ זייט און איר לאַנג אַריינגערעדט. זי האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל למען־השם אָפּהיטן אַלע ווייבערישע דינים און אַז זי זאָל זען נושׂא־חן זיין ביים מאַן און אויך ביי שווער און שוויגער. דערנאָך איז זי אָוועק צו איר געלעגער, וואו זי האָט צוקאָפּנס שוין יאָרן געהאַלטן אָנגעגרייט אירע תּכריכים, און זיך געלייגט שלאָפן. אין דער פרי, ווען נעכע איז צוגעקומען צו דער באָבע שׂרהלעס בעט, איז זי שוין געווען קאַלט און פאַרשטאַרצט.

ווי נאָר לייב האָט אַרויסבאַגלייט בלומעלען פון דער היים איז מען אים געקומען אָנשלאָגן שידוכים פאַר זיין יינגערער טאָכטער נעכע, וואָס איז דעמאָלט נאָך קיין פולע זעכצן יאָר נישט אַלט געווען.

נעכע איז אינגאַנצן געווען געראָטן אין דער באָבען, די שענקערין, נאָך וועמען מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן. זי איז געווען אַ הויכע, אַ באַלייבטע און פון איר טונקל פּנים און פון איר גלאַנצנדיקן שוואַרצן קאָפּ האָר האָט געשלאָגן מיט געזונטקייט און אויך מיט רייץ. זי איז גיך אויסגעוואַקסן אַ גרויסע און שוין צו פערצן יאָר געוועקט די תּאווה ביי יידישע בחורים און ביי שקצים פון דאָרף.

עס האָבן אַרום לייבס שטוב זיך געדרייט געגנוג בחורים, וואָס האָבן זיך געשדכנט צו נעכען. איינער פון זיי איז געווען מוליע יעקלס פון דער טאַטאַרשטשינע. יעקל, וואָס האָט געהאַט אייגענע עטלעכע־און־דרייסיק מאָרג פעלד און אַן איינציקן יורש, האָט באַלד ביי בלומעלען אויף דער חתונה געלאָזט וויסן לייבן, אַז ער וויל נעכען פאַר אַ שנור און אַז וועגן נדן וועט מען דורכקומען. לייבן האָט געלאָקט יעקלס איינגעפונדעוועט באַלעבאַטישקייט און זיין עשירות. דער שידוך איז אים אָבער נישט איינגעגאַנגען, ווייל יעקל האָט געהאַט אַ שם, אַז ער איז נישט געגנוג אָפּגעהיט אין יידישקייט.

יעקל פון דער טאַטאַרשטשינע, וואָס איז געווען אַ קרוב פון בונעם מיטן בויך, האָט געהאַלטן פון געבן שיינע נדבות אָרעמע לייט און ער איז אויך געווען אַ גרויסער מכניס־אורח. מען האָט אָבער אין דאָרף גערעדט, אַז ער פאַרבייגט אַ סך יידישע דינים. מען האָט געוואוסט, אַז זיין ווייב קאַפּלינעט העגער און אַז זי שטאָפּט געגנדז. דער שוחט ר׳ עליע האָט אים נישט איינמאָל אויסגערעדט און אים אָנגעשראָקן, אַז ער מיט זיין ווייב וועלן דערפאַר שווער אָפּקומען אויף יענער וועלט. דאָס פאַרפאָלק האָט זיך אָבער נישט וויסנדיק געמאַכט און דערצו נאָך די אויסגעהאָדעוועטע קאַפּ־העגער און די געשטאָפּטע פעטע געגנדז פאַרקויפט אויף די יאַרידים צו יידן. עס האָט אויך געטראָפן, אַז

יעקל זאָל שבת נאָכן טשאָלענט אַרויסגיין אויפן הויף, וואו עס האָט נישט אויסגעפעלט קיין אַרבעט און אַז ער זאָל מחלל־שבת זיין. ער האָט אויך פון זיינעם אַ גויאישן שכן זיך אָפּגעלערנט צו שטשעפּען אויבסט־ביימער, וואָס דאָס איז קעגן יידישן דין. עס זיינען ביי אים אין סאָד אויף איין בוים געוואַקסן צוויירליי פּירות. ער האָט אין שטאָם פון אַ ווערבע איינגעפלאַנצט אַ צווייגל פון אַן עפּלבוים און ער האָט דורך שטשעפּען, ווי דורך כישוף, אַרויסגעצויגן פון די ביימער פאַרשידנערליי פּירות, וואָס מען האָט אַזעלכע אין ערגעץ נישט געזען.

לייב האָט זיך געהאַלטן פון דערווייטנס פון יעקלען און ער האָט אויף בלומעלעס חתונה מיט אים אַפילו נישט געוואָלט רעדן וועגן שידוך.

— מ׳עט נאָך זען, ווער איילט זיך אַוועקצולאָזן פון שטוב אַזאַ באַ־לעבאָסטע? אַ שיין פּנים וואָלט איך געהאַט אָן איר. מ׳עט נאָך אויס־אַרן. אַזעלכע מיידן פאַרזיצן נישט — האָט ער געענטפערט יעקלען ווי מיט אַ האַלב מויל.

מוליע, יעקלס בן־יחיד, איז אָבער געווען אַ געזונטער, שיינער יונג און נעכע האָט שוין פון פריער געהאַט געוואָרפן אַן אויג אויף אים. זי האָט נאָר געוואַרט, אַז איר עלטערע שוועסטער זאָל חתונה האָבן און זי איז דערנאָך גיך געוואָרן היימיש מיט מוליען.

— איי, די אייער זיינען היינט קליגער פון די הינער — איז לייב דערפון נישט געווען צופרידן און זיך געהאַלטן אין איין קרימען — דער זיידע בער פלעגט זאָגן, אַז אַ גוטער נאָמען איז מער ווי די גרעסטע גיטער. כ׳האָב גערעכנט אויסצוקלייבן לייטישערע מחותנים, אָבער וואָס ווייסטו וועגן דעם?

— כ׳ווייס — האָט נעכע, וואָס איז נישט געווען קיין שעמעוודיקע, געקוקט דעם טאַטן גלייך אין די אויגן אַריין און אים געגעבן אָנצו־הערן, אַז מוליע געפעלט איר.

— און דאָס וואָס ער קומט פון אַ האַלב־פאַרגויאישטער שטוב איז ביי דיר גאָרנישט? צי אפשר ווילסטו דיך אויך אויסלערנען ווי צו צע־רייסן דעם ווישעט פון אַ גאַנדז און ווי צו צעקאַרעוואַשן מיט אַ מעסער אַ לעבעדיקן האָן?

— מוליע איז נישט פאַרגויאישט און איך וועל מיך פירן ווי די מאַמע און די באָבע שרהלע האָבן מיך געלערנט — האָט נעכע גערעדט ווי אַ דערוואַקסענע.

לייב האָט אַ פאַרחידושטער באַטראַכט זיין טאָכטער, וואָס איז עפּעס ווי מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ גרויסע און אַזאַ פאַרשטענדיקע און ער האָט זיך אונטערגעגעבן.

דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן און אָנהייב ווינטער איז געווען די חתונה.

נעכע איז אַוועק וואוינען אויף דער טאַטאַרשטשינע און די שטוב איז געבליבן אָן אַ באַלעבאָסטע. זי האָט לייבן און די קלענערע קינדער

אויסגעפּעלט אויף שריט און טריט און מען האָט זיך אָן איר נישט געקאָנט קיין עצה געבן.

ליפּשע דעם ראַגאַטניקס, וואָס איז נאָך פון דער צייט ווען ריווע איז קראַנק געוואָרן, כּסדר געקומען צו לייבן אין שטוב אַריין אַרויס־העלפן אין באַלעבאַטישקייט, האָט מיט אַ סך געטריישאַפט זיך אָפּ־געגעבן מיט די קליינע קינדער. ווען בלומעלע און נעכע האָבן חתונה געהאַט און מער נישט געווען אין דער היים איז איר אָבער דאָרט גע־וואָרן אומהיימלעך. זי האָט זיך עפּעס ווי געשראָקן פאַר דעם געזונטן איבערגעוואַקסענעם יאַנקל, וואָס האָט אַ שוויגענדיקער אויף איר גע־קוקט פון דער זייט און קרום געשמייכלט. עס איז איר אויך געווען שווער צו זיין אַליין מיט לייבן. קוים איז זי אַמאָל מיט אים איבער־געבליבן אַליין אין שטוב האָט איר אַלץ געגומען פאַלן פון די הענט און טאַמער האָט ער זי עפּעס געפרעגט האָט זי ווי פאַרלוירן ס׳לשון און ס׳גאַנצע בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין.

לייב האָט נאָך צו בלומעלעס חתונה פאַר ליפּשען געקויפט אַ שטיקל סחורה אויף אַ קלייד, אַ פּאָר שיך און אַ טערקיש טיכל. ער האָט די זאַכן איבערגעגעבן דעם ראַגאַטניק קיינער זאָל נישט וויסן און ווען ליפּשע האָט דערזען די מתּנות האָט זי שוין געוואוסט, אַז זי וועט ווערן זיין ווייב. זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, אַז דער ייִד מיט די גרויע האָר אין זיין געדיכטער שוואַרצער באָרד, וואָס מאַכט שוין חתונה טעכטער, וועט זיין איר מאַן. זי האָט נישט איינמאָל ביינאַכט אויף איר געלעגער, געטראַכט וועגן דעם און זי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי זי וועט מיט אים קאָנען ווערן היימיש. ביי די טראַכטונגען זיינען אירע אויגן נישט איינמאָל פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז אַזוי וועט עס זיין און זי האָט וועגן דעם צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען ליפּשע איז געווען אין שטוב באַר מיט די דריי קלענסטע קינדער, איז לייב אַריינגעקומען. ער האָט אַ ברומענדיקער עפּעס ווי גערעדט צו זיך אַליין און זיך גענומען דרייען אַרום איר. ליפּשע, וואָס האָט געהאַלטן אין צוואָגן די צוויי מיידעלעך כייקען און גיטעלען, איז געוואָרן שטאַרק צעטומלט און ס׳קעמעל איז איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט.

— ס׳נעמט אַ פראָסט אויף ביינאַכט. כ׳האָב צוגעשיקט חיים משהן, אַז ער זאָל ברענגען דיין טעליצע צו מיר אין שטאַל אַריין. ס׳איז צו־קאַלט פאַר איר אין פאַר־הויז פון ראַגאַטקע־שטיבל און עס איז איר דאָרט צו ענג. זי איז קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן אַ גרויסע בהמה — איז לייב געבליבן שטיין לעבן זיין מיזיניק וועווקע און ווי אַריינגערעדט אין טונקלען פענצטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אָנציען מיט פראָסט.

— איר האָט טאַקע גוט געטאָן. ס׳וועט איר זיין וואַרעם — האָט זי

ווי אָפּגעריסן די עטלעכע ווערטער פון מויל און אין דער צוגעפּאַלענער טונקלקייט געוויזן אירע געזונטע ווייסע ציין.

— וואָס טוסטו, זונעלע? — האָט לייב זיך אַראָפּגעבויגן צו זיין פיר־יאַריקן וועווקע, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט עטלעכע שפּולעכלעך פון פאָדעם. ס'קול האָט זיך ביי לייבן מיטאַמאָל געביטן און די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען פון זיין מויל שטילע און טרויעריקע.

— כ'מאַך אַ וואָגן צו פאָרן קיין לאַשקעוויץ — איז געווען וועווקעס ענטפער.

— און וועמען וועסטו מיטנעמען קיין לאַשקעוויץ?

— כ'על פאָרן מיט ליפשען.

— האָסט ליב ליפשען?

— כ'האָב זי ליב ווי צוקער און ווי באָמבאָנעס.

— אָנו, צי קאָנסטו זאָגן מומע ליפשע?

— כ'קאָן. מומע ליפשע. כ'שפּאַן די פערד און מירן פאָרן קיין לאַשקעוויץ — האָט וועווקע זיך געלאָזט לויפן איבער דער שטוב.

פון די רייד איז ליפשען געקומען ס'בלוט אין פּנים אַריין. ס'איז געווען ס'ערשטע מאָל, וואָס לייב האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער נעמט זי פאַר אַ ווייב און אַז זיינע קינדער וועלן זי רופן מומע. לייב איז דערנאָך אַרויס אין דרויסן און זי איז באַלד אַוועק אַהיים.

ווען זי איז אַהיימגעקומען האָט זי אין ראָגאַטקע־שטיבל שוין גע־טראָפן אַ פּאַק אויסשטייער, וואָס לייב האָט דאָרט פאַר איר איבערגע־לאָזט.

— די צייט איז געקומען. ס'קומט דיר אַ מזל־טוב. לייב מיט זיין פעטער אברהם זיינען דאָ געווען און מ'האָט אָפּגערעדט אם־ירצה־השם איפּדעוואָך צו שטעלן אַ חופּה. וועסט מיטן אייבערשטנס הילף זיין אַ באַלעבאָסטע ווי ביי לייטן און ס'וועט דיר זיין רעכט גוט — איז משה אהרן פול געווען מיט פרייד. ער האָט אַן אויפגעלעבטער זיך גענומען דרייען אַרום זיין טאָכטער און איר אָנגעזאָגט, אַז זי דאַרף איבערוואַרטן אין דער היים די עטלעכע טעג ביז לייב וועט זי מקדש זיין און מער נישט גיין אַרויסהעלפן אויפן באַלעבאַטישקייט. ליפשע האָט אַ שווייגנ־דיקע אים אויסגעהערט און אין דער שטיל זיך גענומען גרייטן צו איר חתונה.

עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי נעכע האָט איבערגעלאָזט איר היים און געוואָרן אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך, האָט לייב ביי אברהם אַליניק אין שטוב מקדש געווען ליפשען.

עס איז געווען אין אַ פאַרשנייטן קאַלטן אויפדערנאַכט. אברהם האָט ווי בסוד צונויפגערופן אַ מנין יידן צו דער חופּה. די יידן, מיט ווייסן פראָסט אויף זייערע בערד, און אויף זייערע באַראַנאָווע היטלעך, זיינען שטילע, ווי אויף די שפּיץ־פינגער אַריין אין שטוב און זיך ווי געהיט נישט אַרויסצורעדן קיין איבריק וואָרט.

דבורה די פירזאָגערין מיט נאָך אַ פּאָר ווייבער האָבן געבראַכט צו־פירן ליפשען. זי איז געווען אַזוי אויסגעפּוצט, אַז זי איז גאָרנישט גע־ווען צום דערקענען. איר פּנים איז געווען רויט פון פראָסט און פון שעמעוודיקייט און אירע ציין האָבן ווי געבליצט מיט זייער ווייסקייט. די ווייבער האָבן זי אַריינגעפירט אין אַלקער און צו איר עפּעס געריידט אין דער שטיל. זי האָט אַראָפּגעקוקט צו דער ערד און אַ שווייגנדיקע זיי אויסגעהערט.

משה אהרן דער ראַגאַטניק איז געקומען מיטן רב פון שטעטל. דער ראַגאַטניק, וואָס זיין ראיה האָט זיך אין דער לעצטער צייט געהאַט אויף אַזוי ווייט פאַרבעסערט אַז ער האָט שוין ווידער געקאָנט אַריינקוקן אין אַ ספר, איז געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך געפילט ווי אַן אמתער מחותן. ער איז גלייך ביים אַריבערטרעטן די שוועל געוואָרן באַרעדעוודיק און באַלד שוין געהאַט עפּעס אַ מאמר פון חז״ל פאַר אברהם אַליניק. אַזוי ווי עס איז יענע וואָך געגאַנגען די סדרה „חיי שרה״, האָט ער, לייב זאָל הערן, איבערגעזאָגט עפּעס אַ חידוש אויף דעם פּסוק „נקרא לנערה ונשאלה את פיה״, וועגן דעם וואָס מען האָט געפרעגט רבקהן צי גייט זי איין אויפן שידוך מיט יצחקן. ער האָט דערנאָך אויסגעפירט, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס יצחק איז געווען רייך, געהאַט פעלדער און אַן אַ שיעור שאָף און רינדער, האָט ער נישט געזוכט פאַר זיך קיין שידוך פון צווישן די גבירים פון זיין שטאַנד, נאָר גענומען רבקהן איבגאַנצן אָן נדן. נאָך אַ פּאָר לחיימס האָט ער אויך לייבן איינגערוימט, אַז יצחק איז שוין אַלט געווען פערציק יאָר און רבקה איז געווען כמעט נאָך אַ קינד ווען זיי זיינען געוואָרן מאַן און ווייב.

מען האָט געשטעלט די חופּה און לייב האָט נאָכן „הרי את״, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט מקדש געווען ריוון, מיט איין זעץ מיטן פוס צעקנאַקט דאָס גלעזל אויף פּיץ־פּיצלעך. מען האָט זיך אָפּ־געגעבן מזל־טוב און די עטלעכע ווייבער האָבן מיט פאַרטרערטע אויגן געגרייט צום טיש.

די יידן האָבן דערנאָך אין דער שטיל אָפּגעגעסן, געבענטשט מזומן און זיך צעגאַנגען.

עס איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט ווען לייב האָט אַהיימגע־בראַכט ליפשען. זיינע עלטערע יינגלעך יאַנקל, חיים משה און בער האָבן געוואוסט, אַז ביים פעטער אברהם אין שטוב איז היינט דעם טאַטנס חתונה און זיי האָבן שווייגנדיקע און דערשלאָגענע זיך פרי פאַר־קליבן אויף זייערע געלעגערס. פּסחס ווייב, טריינע די גראָבע וואָס האָט יענעם אויפדערנאַכט ביי לייבן אין שטוב געקאָכט וועטשערע, האָט די קליינע קינדער, בייקען, גיטעלען און וועוויקען, געלאָזט וויסן, אַז ליפשע וועט קומען נעכטיקן, אַז זי וועט שוין נישט אַהיימגיין, נאָר בלייבן שטענדיק מיט זיי. די מומע טריינע האָט די קינדער אויך אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן ליפשען פון איצט אָן רופן מומע. ס׳קליינוואַרג איז געווען מלא

שמחה, ווייל זיי האָבן זיך צו ליפשען שוין פון לאַנג געהאַט צוגעוואוינט און שוין פון לאַנג זי ליב באַקומען. זיי זיינען פריילעכע אַוועק צו זייערע געלעגערס און באַצייטנס זיך גענומען דינגען ווער פון זיי וועט שלאָפן מיט ליפשען.

אין שטוב איז שוין געווען פינצטער און אַלע קינדער זיינען שוין געשלאָפן ווען לייב האָט שטיל געעפנט די טיר און ווי אַריינגעגנבעט ליפשען אין הויז אַריין. עס איז אים געגאַנגען אין לעבן נישט אויפ־צוּוועקן די קינדער, און ער האָט מיט ליפשען אָן געוויש זיך אַריינ־געשאַרט אין דעם קליינעם שטיבל, וואו דער זיידע מיט דער באָבען פלעגן שלאָפן.

אין שטיבל איז געווען אַזוי וואַרעם, אַז די שייבלעך פון די צוויי פענצטערלעך זיינען נאָר אין די ווינקלען געווען באַדעקט מיט פראָסט. לייב איז צוגעגאַנגען צו די צוויי בעטן, וואָס זיינען ווי אַ דלד געשטאַנען אין אַ ווינקל ביי די ווענט. ליפשע איז אים עטלעכע טריט נאָכגעגאַנגען און זיך דערנאָך אָפּגעשטעלט. לייב האָט זיך צו איר אויסגעדרייט און זי געפרעגט צי זאָל ער אפשר אָנצינדן דעם לאָמפּ.

— ניין, מ׳דאַרף נישט — זיינען די ווערטער מיט אַ כריפּ אַרויס־געקומען פון איר מויל.

— כ׳האָב היינט געמאַכט צוויי פרישע שטרוי־זעק פאַר די בעטן און כ׳האָב אין זיי אויך אַריינגעלייגט היי. טריינע האָט איבערגעצויגן די קישנס מיט די איבערבעטן. ס׳הײ שמעקט גלייך ווי ס׳איז ערשט פון פעלד — איז לייבס קול געווען שטיל און סודותדיק. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף איינעם פון די בעטן און עס האָט אים ווי אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. די אַלע יאָרן, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין זיידנס ירושה־הויז זיינען זיך ווי צעלאָפן אין די פינצטערע ווינקלען פון שטיבל. עס איז אים גאָר פאַרגעקומען, אַז ער איז ערשט נאָר וואָס אַרויס מיט ריווען פון דעם שאַלאַש, וואו עס איז געפּראַוועט געוואָרן זייער חתונה און אַז ריווע, און נישט ליפשע, שטייט דאָרט אַ שעמעוודיקע אין דער פינצטער. ער האָט פאַר זיך ווי געזען די צוויי יונגע הירשלעך, וואָס האָבן פאַרטאָג, נאָך דער חתונה, זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער אָפענער טיר פון דער סטאַדאָלע קוקן אויף אים מיט ריווען און אויפן ווייסן געלע־גער. „ס׳איז עפּעס נאָר ווי אַ חלום" — האָט ער ווי געהערט ריוועס שטילע רייד. ער האָט מיט ביידע הענט אַ פיר געטאָן איבער זיין פּנים, זיך אויפגעשטעלט ווי צו אַנטלויפן פון די דערמאָנונגען.

— כ׳געדענק נישט צי כ׳האָב פאַרריגלט די הויז־טיר, צי נישט — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין.

— יאָ, איר האָט פאַרריגלט — האָט ליפשע זיך געלאָזט הערן. זי האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, גענומען שאַרן מיט די פיס און זי איז גאָר פאַרגאַנגען צום פענצטער וואו עס איז געשטאַנען די לאַנגע באַנק.

— דו דאַרפסט מיך מער נישט אירצן. מיר זיינען דאָך איצט שוין

מאַן און ווייב. אַזוי פירט זיך די וועלט און ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו שעמען. די פענצטער טוען זיך שוין ווידער אָן מיט פראָסט.

ליפשע האָט זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק און געשוויגן.

— כ'האָב היינט געזאָגט דיין טאַטן, אַז ער זאָל איבערלאָזן די ראַ־גאַטקע. צו וואָס דאַרף ער וואוינען איינער אַליין אין פעלד, אַז ער קאָן זיין דאָ מיט אונדז? ס'שטיקל ברויט פעלט דאָך נישט, וועט ביים טיש עסן נאָך אַ מענטש.

לייב האָט זיך אויסגעגענעצט און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפן בעט. ער האָט אין דער טונקל געזען ליפשעס פנים, וואָס איז געווען נאָענט צום פענצטער. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז עפּעס ווי צעשראָקן.

— כ'וואָלט דיין טאַטן דאָ געהאַלטן בכבוד. נישטאָ קיין סך אַזעלכע יידן. ווען ער קומט זיך צונויף מיטן פעטער אברהם, האַלט מען אין איין רעדן וועגן תורה. דאָ אין הויז וואָלט אים געווען היימלעכער. הערסט וואָס כ'זאָג?

— כ'הער — האָט ליפשע זיך אַ וויג געטאָן. — כ'האָב אויך גע־רעכנט, אַז דער טאַטע וועט איבערלאָזן די ראַגאַטקע. כ'האָב נישט געוואָלט אַז ער זאָל זיין אַליין.

— נו, וויל ער דאָך נישט. ער זאָגט, אַז אַזוי לאַנג ווי ער קאָן ווידער אַריינקוקן אין ספר איז ער נישט אַליין. מירן אים נאָך איבער־רעדן. אויף שבת וועט ער אָבער מוזן קומען. ער האָט דאָך דאָרט סיי־ווי אויף איבער שבת דעם אַלטן בארטעק פאַר א נאמן. ער איז אַן ערלעכער גוי און מ'מעג זיך אויף אים פאַרלאָזן.

ליפשע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן.

— איי, וועט מאָרגן זיין אַ גדולה ביים קליינוואַרג ווען זיי וועלן דיך אין דער פרי דערזען אין שטוב. מיין מיזיניק גייט דאָך דיר נאָך ווי אַ קעלבל אַ קו.

— כ'וועל זיי גוט אָפּהיטן. כ'האָב זיי ליב ווי ס'לעבן — האָט זי מיט די עטלעכע ווערטער געלאָזט וויסן לייבן, אַז זי וועט צו זיינע קינדער זיין ווי אַן אייגענע מאַמע.

— כ'בין טאַקע אַ גרויסער בר מזל און כ'דאַרף דאַנקען און לויבן דעם אייבערשטן, וואָס ער האָט אַזוי געפירט. מיט איין האַנט שטראָפט ער און מיט דער צווייטער בענטשט ער. וועסט מערצעשעם האָבן דיינע אייגענע קינדער אויך.

ליפשע האָט אַ שווייגנדיקע אים אויסגעהערט.

— טאָמער זעסטו נישט ווי אויפצוגעפינען די שיך־בענדלעך קאָן מען אָנצינדן דעם לאָמפּ אויף עטלעכע מינוט.

— ניין, מ'דאַרף נישט — האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון דער באַנק.

— נאַרעלע וואָס דו ביסט, כ'בין דאָך איצט דיין מאַן, איז וואָס שעמסטו דיך? — איז לייב שוין אַ באַרוועסער צו איר צוגעגאַנגען.

ער האָט געריעדט צו איר שטיל און איידל, מיט אַ האַנט לייכט אָנ־גערירט איר אַקסל און זי צוגעפירט צו איר געלעגער, וואָס האָט גע־שמעקט מיט היי און מיט פריש איבערגעצויגן בעטגעוואַנט.

לייב האָט דערנאָך זיך אָוועקגעדרייט צום ווינקל, וואו עס איז געשטאַנען ס׳פעסל וואַסער, כלומרשט נעמען אַ טרונק. ליפשע האָט דערווייל זיך גיך אויסגעטאָן, זיך אַריינגעלייגט אין בעט און זיך איבער־געדעקט מיטן איבערבעט ביז איבערן קאָפּ.

קאַפּיטל זיבן־און־צוואַנציק

יאַנקל האָט נאָך ריוועס טויט זיך לאַנג ניט געקאָנט איינהאַלטן לעבן דער שטוב. די ערשטע עטלעכע וואָכן איז ער געווען אָפּגעהיט ניט צו פאַרפעלן קיין איין קדיש נאָך דער מאַמען און ער איז יעדן שבת געגאַנגען אין קלויז אַריין דאַוונען. לייבן האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז יאַנקל איז געקומען צום שכל און אַז ער הייבט־אָן ווערן אַ מענטש. עס איז אָבער דעם איבערגעוואַקסענעם יונג ווידער געוואָרן ענג אין דער היים און נאָך ענגער אין קלויז. ער האָט מקנא געווען זיינע צוויי ברידער, חיים משהן מיט בערן, וואָס האָבן שבת אין קלויז געדאַוונט מיט חשק און אַלעמאָל מיט פריילעכע און קלינגענדיקע קעלכלעך אויסגעלאָזט פאַרן בעל־תפילה. אים איז געווען שווער און נודנע דאָס דראַפּען זיך איבער די אָנגעפּיקעוועטע דריבנע אותיות פון סידור. ער איז געווען אַ יונג אַ ריז, אָבער דאָס זיצן אין קלויז סטאַטעטשנע און דאָס וועלן נאָכהאַלטן מיטן דאַוונען פלעג אים אַזוי אויסמאַטערן, אַז אַ נויט־שווייס האָט אַזש באַזעצט זיין פנים. עס האָט אים געצויגן צו דער גויאישער וועלט און עס איז לייבן וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן אים איינצוהאַלטן אין דער היים.

— מ׳דאַרף שרייבן צו סענדערן, אַז ער זאָל אים אַרויסשיקן אַ שיפס־קאַרטע — האָבן אייגענע און פרעמדע לייבן געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל זיך צוציילן און וואָס־גיכער אָוועקשיקן יאַנקלען קיין אַמע־ריקע. לייב האָט אָבער נישט געוואָלט אַז זיינס אַ קינד זאָל אָוועק־פאָרן פון דער היים, און ער האָט יאַנקלען ווי מיט די ציין געהאַלטן לעבן זיך.

— דער זיידע בער, זאָל זיך מיען, פלעגט אַלעמאָל זאָגן, אַז מ׳דאַרף האַלטן די קינדער לעבן זיך, אַז מ׳טאָר זיי נישט אָוועקלאָזן אין דער פרעמד, ווייל אַן זיי איז מען ווי אַ בוים אָן צווייגן — האָט ער בסדר געטענהט, אַז ס׳איז גענוג וואָס סענדער האָט פאַרלאָזט די היים און איז אָוועק קיין אַמעריקע.

יאַנקל האָט זיך אָבער געטאָן זייגס און די גאַנצע משפּחה האָט מיט אים איינגענומען בושות.

לייב האָט געוואוסט אַז זיין זון עסט טריפה געקעכץ ביי די גויים, אַז ער גייט טאַנצן אויף גויאישע חתונות און אַז ער איז פאַרמישט אין די געשלעגן, וואָס די שקצים פון פאַרשידענע דערפער פירן צווישן זיך. ער האָט אָבער יאַנקלען נישט געקאָנט איבעראַנדערשן.

— האָסט געדאַרפט זען ווי דיין קדיש האָט נעכטן אָן אויס־געפוצטער אין אַן אויסגענייט גויאיש העמד געטאַנצט מיט די שיקסעס אין דער דאַלינע. נישט אַנדערש נאָר ס'זיצט אין אים עפּעס אַ גלגול.

— כ'האָב געהערט זאָגן, אַז יאַנקל ליגט איבער ביי שאַראַמעטס שיקסע — איז מען אַלעמאָל געקומען צו לייבן אים עפּעס אַנדערש אָפּ־צודערציילן.

— כ'וויס אַלצדינג. מ'דאַרף מיר גאָרנישט דערציילן — האָט לייב זיך געבייזערט און נישט געוואָלט אויסהערן די אַלע רייד.

ווען לייב האָט חתונה געהאַט מיט ליפּשען און זי איז געוואָרן די באַלעבאָסטע אין הויז, האָט יאַנקל זיך נאָך מער אַריינגעלאָזט אין די גויים.

ליפּשע האָט אויך נאָכדעם ווי זי איז געוואָרן לייבס ווייב און איבערגענומען ס'באַלעבאַטישקייט עפּעס ווי מורא געהאַט צו זיין אַליין אין יאַנקלס דלד אמות. ווי פאַרטאָן זי איז ניט געווען מיט די קלענערע קינדער, וואָס האָבן זיך געלאָזט פון איר פירן, האָט זי אָבער אויך אים אין זינען געהאַט. זי האָט אים צו דער מינוט דערלאַנגט ס'עסן, זי האָט אים אויסגעוואַשן אַ העמד, פאַרצערעוועט די ריסן אין זיינע הויזן און פאַרנייט די נאָטן פון זיין ראָק, וואָס האָט אויף אים געהאַלטן אין איין פלאַצן. ס'האַרץ איז איר אָבער אַלעמאָל איינגעפאַלן ווען ער האָט פון דער זייט אַ זשומרע־געטאָן צו איר זיינע גלאַנצנדיקע שוואַרצע אויגן און אויסגעקרימט זיין מויל אין אַ שמייכל.

עטלעכע וואָכן נאָך ליפּשעס חתונה איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויף איר אָנגעוואָרפן נאָך אַ גרעסערע מורא פאַר איר איבער־געוואַקסענעם געזונטן שטיף־זון.

עס איז געווען ביינאַכט. יאַנקל איז ווי אַלעמאָל געווען ערגעץ מיט די שקצים, און לייב, וואָס איז נאָך פאַרנאַכט אַוועק אויפן דאָרף היילן אַ בהמה, איז נאָך ניט געווען אין דער היים. די קינדער זיינען שוין פון לאַנג געשלאָפן און ליפּשע איז געזעסן ביים לעמפּל און עפּעס גענייט. ווען זי האָט געזען, אַז זי קאָן זיך אויף לייבן ניט דערוואַרטן, האָט זי אויסגעלאָשן ס'לעמפּל און אַוועק צו איר געלעגער אין קליינעם שטיבל. וועוקע, וואָס איז גראָד יענע נאַכט געשלאָפן מיט איר, האָט זיך דורכ־געוועקט ווען זי איז אַריין צו אים אין בעט. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט זיינע וואַרעמע הענטלעך און נאָר געוואָלט, אַז זי זאָל אים דערציילן די מעשה וועגן באַבעטשקעלע, וואָס איז געגאַנגען אין וואַלד אַריין

קלייבן שפענדלעך. ליפשע האָט געצויגן די מעשה און דערציילט ווערוקען ווי דאָס באַבעטשקעלע האָט באַהאַלטן אַלע אירע קינדערלעך איידער זי איז אַוועק אין וואַלד אַריין און ווי אַ בער איז דערנאָך געקומען צוגיין.

ווערוקע איז ווידער איינגעשלאָפן און ליפשע האָט אויך באַלד איינגעדרימלט. פלוצלינג האָט זי דערפילט ווי עמעצער רירט־אָן איר איבערבעט. זי האָט האַלב אין שלאָף אָנגערופן לייבס נאָמען.

— דער טאַטע איז נאָך נישטאָ. ער וועט אַזוי גיך נישט קומען — האָט זי דערהערט יאַנקלס קול. זי האָט אויפגעריסן די אויגן און אים דערזען לעבן איר געלעגער.

— וואָס איז? וואָס טוסטו דאָ? ווערוקע רוף דעם טאַטן — האָט זי אַ צעשראָקענע עפּעס געגומען שטאַמלען און גיך אַרויפגעשלעפּט ס׳איבערבעט ביז איבערן קאָפּ.

— מומע ליפשע, כ׳האָב מורא — איז ווערוקע באַלד ווידער געוואָרן וואַך און זיך געטוליעט צו זיין שטיף־מאַמע.

יאַנקל האָט אַ שווייגנדיקער זיך גיך אַוועקגעדרייט פון בעט און איז אַרויס פון שטיבל.

אויפן צווייטן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער ווי אין די ערשטע וואָכן נאָך דער מאַמעס טויט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרמרה־שחורהטער, זיך געכאַפּט צו יעדער אַרבעט און ניט אָפּגעטראָטן פון הויף. ווען ער איז בייטאָג אַריינגעקומען אין שטוב האָט ער זיך געשעמט צו קוקן ליפשען אין פּנים אַריין. אין שטוב זיינען געווען בלויז די קלענערע דריי קינדער און ליפשע האָט פאַר זיי געגרייט וואַרעמעס. ווי נאָר יאַנקל איז אַריינגעקומען, האָט זי פאַר אים ווי אַלעמאָל אַוועקגעשטעלט ס׳עסן אויפן טיש. זי האָט צו אים קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט און אַפילו ניט געקוקט אין זיין זייט. יאַנקל האָט זיך צוגעזעצט, גענומען עטלעכע לעפל פון דער גרויסער שיסל טייגלעך מיט פּאַסאָליעס, וואָס ליפשע האָט אים דערלאַנגט. ס׳עסן איז אים אָבער ניט געקראָכן אין האַלדז אַריין און ער האָט פון זיך אָפּגערוקט די שיסל.

— זאָל מיך שוין דער שלאַק טרעפן. כ׳על נעמען אַ שטריק און מיך אויפהענגען — האָט ער מיטאַמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ מגושמדיקן געוויין און מיט אַ פויסט זיך גענומען שלאָגן אין האַרץ אַריין.

די קינדער האָבן זיך דערשראָקן און זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. ליפשע איז געוואָרן אויסער זיך. זי איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב מיט די הענט אונטערן פאַרטעך.

— די מאַמע איז געקומען צו מיר אין שלאָף און געוויינט, ווייל כ׳פאָלג נישט און ווייל כ׳בין צעלאָזט. כ׳וויל פאָלגן, כ׳וויל. בעסער זאָל מיך דער רוח צונעמען, כ׳על מיך אויפהענגען און אַן עק, אַ סוף —

האָט ער מיט דער פויסט זיך געזעצט אין האַרץ אַריין און ניט אויפגעהערט רעווען אויפן קול.

עס האָט ליפשען אָנגענומען אַ רחמנות אויף יאַנקלען. זי האָט מיט עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער אים באַרואיקט און צוגעזאָגט פאַר אים אַריינצוואַרפן עטלעכע גרייצער אין דער מאיר בעל נס פּושקע.

ווענן זיין אַריינקומען ביינאַכט אין שטיבל האָט זי לייבן גאָרניט געזאָגט. ווען עס איז איר אָבער ביינאַכט אויסגעקומען צו גיין אין שטיבל אַריין שלאָפן איידער לייב איז אַהיימגעקומען, האָט זי אַלעמאָל פון אינעווייניק פאַרקייטלט די טיר.

* * *

יאַנקל האָט גיך פאַרגעסן אָן דעם חלום וועגן דער מאַמען און ווען עס זיינען אונטערגעקומען די גויאישע חגאות פאַר ניי־יאָר איז ער אויף טעג און נעכט פאַרפאַלן געוואָרן אין דאָרף. די שיקסעס האָבן אים פאַר־בעטן צו זיך אין די שטיבער, אַז ער זאָל פאַרזוכן זייער יום־טובדיקע „קוטיע" וואָס זיי האָבן געמאַכט פון געפּראַזשעטן ווייץ, געפּרעגלט אין האָניק און אין פעטס, און ער האָט זיי נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט די גויאישע מאכלים און אַלטע גויעס האָבן אין אים אַריינ־גערעדט, אַז ער איז גאָרנישט פון די יידן, וואָס האָבן פאַרמוטשעט קריסטאָסן אויפן צלם.

אין דער „בלינדער נאַכט" ווען מען האָט די קינדער פאַרפרי אַהיימ־גענומען פון חדר, ווען אַלע יידישע שטיבער אין דאָרף זיינען געווען פאַרריגלט און די פענצטער פאַרהאַנגען, איז יאַנקל אַרומגעגאַנגען מיט די שקצים קאָלעדעווען. ער האָט מיט אַ געזונטער געמבע, הינטער די פענצטער פון די גויאישע שטיבער, העכער און שענער פון אַלעמען גע־זונגען וועגן דער הייליקייט פון דער נאַכט און וועגן די פאַסטעכער, וואָס האָבן געפונען „גאָטס קינד" אין אַ שטעלעכל. די גויים האָבן פון זיין געזאַנג גאָר אַנגעטעיעט.

לייב האָט געוואוסט וואו יאַנקל שפּאַרט אָן און ער האָט יענעם ווינ־טער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַוועקשיקן אים פון דער היים. כאָטש ליפשע האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט לייבן וועגן יאַנקלען, האָט ער אָבער געזען, אַז זי האָט מורא פאַר אים און אַז זי רעדט צו אים זעלטן אַרויס אַ וואָרט. לייב האָט אויך ווי דערשמעקט אַז נאָר צוליב יאַנקלען פאַרקייטלט זי זיך אין שטיבל אין די נעכט ווען ער קומט אַהיים שפּעט. עס האָט לייבן געגעסן דער פאַרדרוס און ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שוויי־גענדיקער און אָן אָנגעלאָדענער מיט כעס. ביז ער האָט איינמאָל דעם כעס אויסגעלאָזט.

עס איז געווען אין אַ שבת ראש חודש און יאַנקל איז, ווי אין אַ סך שבתים פריער, נישט געגאַנגען דאַווענען. ווען לייב איז אַרום וואָ־רעמעס אַהיימגעקומען פון קלויז, האָט יאַנקל ערשט געהאַלטן ביים אויפ־

שטיין. ער האָט נאָר־וואָס געהאַט אַרויפגעשלעפּט די שטיוול אויף די פיס און איז געזעסן אויפן גע̇לעגער אַ פאַרשלאָפענער מיט אַ צעשוי־בערטער טשופּרינע.

— האָסט נישט געקאָנט אויפשטיין פריער און אַריינקומען אין קלויז דאַווענען? אַפילו קליינע ייִנגלעך זיינען געקומען, אַזש פון אַנדערן עק דאָרף און דאָ פּופט מען — האָט לייב אים געגומען זאָגן מוסר. — ווען זאָלסטו דאַרפן גיין זינגען הינטער די גויאישע פענצטער וועגן יויזל, וואָלסטו אַפילו פאַרטאָג אויפגעשטאַנען.

— לאָמיך צורו — האָט יאַנקל אַ פאַרשלאָפענער געברומט און מיט ביידע הענט זיך געקראַצט אין קאָפּ.

— כ'על נישט האָדעווען קיין איוואַנעס ביי מיר אין שטוב — איז לייב אַרויס פון די כלים און אַראָפּגעלאָזט דעם זיבעצן־יאָריקן יונג צוויי פּלעם אין די באַקן.

יאַנקל האָט נישט געוואוסט וואָס עס איז אויף אים געפאַלן. ער האָט אין איין רגע זיך אויסגעניכטערט פון שלאָף און איז אויפגעשפּרונגען פון בעט. עס איז אים פאַרגעקומען, אַז דעם טאַטנס פינגער זיינען ווי געבליבן אויף זיינע באַקן און ער האָט מיט אַ האַנט זיך צוגערירט צו זיין פּנים. דער טאַטע האָט אים אין די לעצטע יאָרן קיינמאָל אַפילו ניט אָנגערירט און די פּעטש וואָס זיינען געקומען אַזוי אומגעריכט, האָבן אים צעטומלט און אין אים אָנגעצונדן אַ שטאַרקע רציחה. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און מיט גבורה פאַרקוועטשט אַ פויסט, גרייט זיך צו פאַרמעסטן קעגן טאַטן. לייב איז געשטאַנען פאַר זיין הויכן און שטאַרקן זון און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. ליפשע מיט די קלענערע קינדער זיינען באַלד אַנגעלאָפן. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, אָבער יאַנקל האָט זיך באַלד באַהערשט. ער האָט מיט אַ האַנט ווי אַוועקגעווישט די פייערדיקע פּלעם פון זיין פּנים, אַ כאַפּ געטאָן זיין היטל און זיין פּעלצל און איז אַרויס אין דרויסן.

יאַנקל האָט דערנאָך דעם גאַנצן טאָג זיך נישט געוויזן אין שטוב. ער איז אויך נישט אַהיימגעקומען שלאָפן און לייב איז ביז נאָך האַלבער נאַכט געוועזן וואַך. לייב האָט אַן אומרואיקער זיך געהאַלטן אין איין דרייען אויף זיין געלעגער און געהאָרכט צי מען הערט נישט יאַנקלס טריט. שפּעט ביינאַכט זיינען אים געקומען אויפן זינען ריוועס רייד, אַז מיט בייזן וועט מען ביי דעם ווילדן יונג גאָרנישט אויספירן און עס האָט אים שוין באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער האָט אויף אים געהויבן אַ האַנט.

אין שפּעטער נאַכט האָט דער הונט אויפן הויף זיך צעבילט. לייב איז אַראָפּ פון געלעגער, זיך אָנגעטאָן און כלומרשט אַרויס אין דרויסן איינשטילן דעם הונט. ער איז אָבער אַפילו נישט צוגעגאַנגען נאָענט צום הונטס בודע. — דער יונג וועט נאָך ערגעץ אַ שלאָפנדיקער פאַרפרוירן

ווערן — האָט ער אַ בייזער געברומט צו זיך אַליין און אַוועק זוכן יאַנקלען אין שטאַל און אין סטאָדאָלע. ער האָט אים אָבער נישט געפונען.

ערשט אין דער פרי האָט לייב זיך דערוואוסט, אַז יאַנקל איז שבת פאַרנאַכט געווען ביים פעטער אברהם אין שטוב און אַז ער האָט גע־זאָגט, אַז ער וויל אַוועקגיין צום פעטער יוסף אין הויף אַריין דאָרטן בלייבן אַרבעטן. לייב איז דערפון געווען צופרידן. ער האָט שוין לאַנג געוואָלט אַוועקשיקן יאַנקלען צו זיין ברודער יוסף, אַז ער זאָל פון אים מאַכן אַ שטיקל לייט.

אַ פאָר טעג שפּעטער האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט, אַז יאַנקל איז נישט ביי יוספן, נאָר ביי שאַראַמעטן, וואָס וואוינט אין פעלד הינטערן באַרג. פסחס ווייב, טריינע די גראַבע, וואָס איז געווען אַן אַריינגייערין צום גלח, האָט געבראַכט די נייעס.

— כ'קום נאָר וואָס פון דעם גלח און ער האָט מיר אָנגעזאָגט די וויסטע בשורה. ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן ווען כ'האָב דאָס דערהערט. דער כומר האָט מיר דערציילט, אַז שאַראַמעט איז ביי אים געווען און אים געזאָגט, אַז ער האַלט יאַנקלען ביי זיך און, אַז ער רעכנט אים צו נעמען פאַר אַן איידעם. נו, וואָס זאָגט איר נישט דער־צו? — איז טריינע אַ פאַרסאַפּעטע מיט די רייד אַריין צו לייבן אין שטוב.

— זאָלסט אָפּהיטן, פאָטער אין הימל! — האָט דבורה די פיר־זאָגערין, וואָס איז דעמאָלט געווען ביי לייבן, פאַרבראָכן מיט די הענט — דער יונגאַטש וועט נאָך אויסבייטן ס'רעגנדל און אונדז פאַרשוואַרצן ס'פּנים. שאַראַמעט זאָל עס נאָר נישט דערלעבן. אַזוי איז עס, אַז מ'ציט איבער ס'שטריקל. מ'האָט אים שוין לאַנג געוועזן באַדאַרפט אַוועק־שיקן קיין אַמעריקע.

לייב איז געבליבן זיצן אַ דערשלאָגענער און קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. ליפשע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער קיך, האָט אַרויסגעלאָזט פון די הענט אַן ערדענעם טאָפּ און ער האָט זיך צעפּלאַצט אויף שטיקלעך. זי האָט געפילט, אַז זי האָט אַ חלק אין יאַנקלס אַוועק־גיין פון דער היים און זי איז פון די נייעס געוואָרן שטאַרק צעטומלט.

— ער האָט דאָך געזאָגט, אַז ער גייט אַוועק צום פעטער יוסף — האָט זי ווי פאַר זיך געמורמלט.

— אַ נעכטיקער טאָג. ער איז ביי די שאַראַמעטס נאָך פון שבת אָן. מ'דאַרף עפּעס טאָן — איז טריינע נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט.

— וואָס זאָגט דער גלח? — האָט לייב ווי אַרויסגעקרעכצט.

— ס'אַ מלאך, נישט קיין גלח. ער האָט געזאָגט שאַראַמעטן, אַז ער זאָל בעסער נעמען אַן איידעם פון צווישן זייניקע. ער וועט קיין יידיש קינד נישט איבערצלמען.

טריינע האָט איצט דערמאָנט די משומדתטע דאָניע פון זאַזולינעץ,

וואָס האָט מיט יאָרן צוריק חתונה געהאַט מיט אַ שגץ פון דער טאַטאַרש־טשינע און געהאַלטן אין איין לויבן דעם יאַנאָוויצער גלח דערפאַר, ווייל ער האָט דעמאָלט דאַניען נישט געוואָלט אָפּשמדן.

— ער האָט נישט געוואָלט, האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אַנדערער גלח. זי האָט שוין דריי שרצים און מ׳האָט שוין באַלד פאַרגעסן, אַז זי איז אַמאָל געווען אַ יידיש קינד — האָט דבורה די פּירזאָגערין אָפּגעזיפצט און זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק.

— קום שוין די מינוט! ביי דער טשופּרינע וועלן מיר אים אַהיימשלעפּן — האָט זי געזופן טריינען, אַז זי זאָל מיט איר גיין אַהיימברענגען יאַנקלען.

— שאַראַמעט מיט זיין זאַכלעריו זאָלן אַזוי כח האָבן צו לעבן, ווי איך האָב כח צו גיין — האָט די שווער־לייביקע טריינע אַרויסגערוקט דעם שאַל אויפן קאָפּ און נאָכגעגאַנגען דבורהן צו דער טיר. ביידע ווייבער האָבן געשמאַק געקושט די מזוזה און אַוועק מיטן פאַרשנייטן וועג. לייב איז ווי אַ שטומער מיט שווערע טריט זיי נאָכגעגאַנגען ביז צום טויער.

ווען דבורה מיט טריינען זיינען קעגן נאַכט־צו צוגעקומען צו שאַראַמעטס שטוב, וואָס איז געשטאַנען איינע אַליין אין פעלד, האָבן זיי נאָך פון דער ווייטנס דערזען יאַנקלען. ער איז געשטאַנען אין הוילן קאָפּ לעבן אַ קלאָץ, געהאַקט האָלץ און זיך צוגעפּייפט.

— שיין זיך דערלעבט, אַז ריוועס קדיש גייט־אַרום אָן אַ היטל, גלייך ווי ס׳וויבערו וואָלט ביי אים געפּגרט. ער לאָזט נעבעך די מאַמען נישט איינרוען אין איר קבר — האָט דבורה די פּירזאָגערין טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נאָר אין דעם גייט אייך. ער האָט זיך ביי דער שיקסע שוין מסתם אָנגעפרעסן מיט חזיר אויך. אויב מירן אים איצט נישט אַהיימנעמען וועלן מיר עס שוין אייביק האָבן צו געדענקען. אַזאַ פלעק אין דער משפחה קאָן מען קיינמאָל נישט אָפּוואַשן — האָט טריינע שפּאַנענדיק אין שניי געסאָפּעט און געפּראַכט.

— זיין פעטער סענדערקע מיט די ביינער. יענעם האָט אויך נאָר געצויגן צו דער שמד. האָט אָבער דער אייבערשטער געהאָלפן און ער איז אַוועק וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. איי, איז דאָס אַ יאַנגקעלע! ער מיינט, אַז אַ מלאך שפּילט זיך מיט אים. ער׳ט דערפאַר מוזן אָפּקומען אין גיהינום און ווער ווייסט צי וועט ער ערשט דערנאָך נישט מגולגל ווערן אין אַ ווילדן חזיר. לאָמיר בעסער נישט רעדן. אָט האָסטו, ער האָט אונדז שוין דערזען און ער טראָגט זיך אָפּ. יאַנקל, וואַרט נאָר אויס! — איז די אַלטע דבורה אים פאַרלאָפן דעם וועג — וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר דיר געטאָן, וואָס דו אַנטלויפסט פון אונדז?

— זאָל נאָר אונדז דאָס אָנגיין וואָס מיר ווינטשן דיר — איז אויך טריינע אונטערגעקומען. זי האָט אַ קרעכצנדיקע זיך אָנגעבויגן און אויפ־

געהויבן יאַנקלס באַראַנאַווע היטל, וואָס איז געלעגן לעבן דער אָנגע־האַקטער קופּע האָלץ — נאַ, טו אָן ס'היטל, ס'נעמט אַ פֿראָסט אויף ביינאַכט.

— נאָך וואָס זענט איר געקומען? כ'גיי נישט אַהיים — האָט ער מיט גבורה אַריינגעהאַקט די האַק טיף אין דעם קלאָץ, אָנגעטאָן ס'היטל און אַ טראַציקער געבליבן שטיין פֿאַר זיינע מומעס מיט צעשפּרייטע פֿיס.

די צוויי ווייבער האָבן אים אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און באַטראַכט זיין געזונט רויט פּנים. דבורה האָט אויסגעשטרעקט אַ דאַרע האַנט, ווי אים אָנצורירן: — האָסט דאָך שבת געזאָגט, אַז דו גייסט צום פֿעטער יוסף.

— האָב איך געזאָגט.

— דער טאַטע איז ערשט היינט געוואָר געוואָרן, אַז דו ביסט גאָר ביי שאַראָמעטן. ער האָט אונדז געשיקט, אַז מיר זאָלן דיך אַהיימ־נעמען. מ'ברוגזט זיך אָן אין דער היים דאַרף מען אַוועקגיין צו אַן ערל?

— האָט ער זיך נישט געזאָלט כאַפּן שלאָגן. כ'גיי נישט. בעסער אַזוי, איידער אים צוריקצוגעבן.

יאַנקל האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער שטוב, פֿון וועל־כער עס האָט זיך געטראָגן דער ריח פֿון פֿריש־אויפֿגעקאָכטן באָרשטש און פֿון צוגעפּרעגלטן חזיר־פֿלייש, און ער איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט. טריינע האָט אַ מידע זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם קלאָץ, וואו די האַק האָט געשטעקט, און זי האָט גענומען רייבן איין האַנט אין דער אַנדערער. דבורה די פּירזאָגערין איז אָבער אַ רירעווודיקע אים נאָכגעגאַנגען, אים אָנגענומען פֿאַר אַן אַרבל און אים פֿאַרהאַלטן.

— יאַנקל, וואָס טוסטו? האָב גאָט אין האַרצן! טאָמער וועסטו נאָכטאָן דאָניעז, וועלן מיר זיך אַלע דאַרפֿן באַגראָבן פֿאַר שאַנד.

— אַזוי וויל איך! — האָט ער געבויגן דעם קאָפּ און זיך געלאָזט צו דער שטוב.

— ווייסט כאַטש ווער ס'האָט מיך געשיקט צו דיר?

— איר האָט דאָך מיר שוין געזאָגט.

— ניין, נישט דער טאַטע, נאָר די מאַמע. זי איז די נאַכט מיר געקומען צו־חלום און מיך געהייסן דיר זאָגן, אַז מ'האָט דיר אָפּגעטאָן אַ כּישוף.

— די מאַמע? — איז יאַנקל געוואָרן אַ פֿאַרציטערטער.

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל פֿון דיר נישט אָפּטרעטן ביז דו וועסט נישט אַהיימגיין — האָבן ביי דבורה דער פּירזאָגערין די אויגן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן — זי איז געשטאַנען פֿאַר מיר מיט פֿאַרוויינטע אויגן און זיך געקלאָגט, אַז זי האָט נישט קיין רו אין קבר.

— דער מאַמען צוליב דאַרפסטו אַהיימגיין — איז אויך טריינע זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

יאַנקל האָט זיך אַ קאַרטשע געטאָן און ער איז ווי קלענער גע־וואָרן. די מאַמע איז אים איצט געשטאַנען פאַר די אויגן. ער האָט ווי געהערט איר ליבלעך קול, ווי זי בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל זיין אַ גוטער און פאָלגן. ער האָט אין דער רגע ווי פאַרלוירן זיין שטייפקייט און זיין גבורה און ער איז געוואָרן הילפלאָז ווי אַ קינד.

— טאַקע נאָר דער מאַמען צוליב — האָט ער פאַר זיך אין דער שטיל געמורמלט.

— קום אַריין עסן. דער באָרשטש שטייט שוין אויפן טיש — איז שאַראַמעטס טאָכטער, די יונגע סאַפּראַנאַ, אַ שלאַנקע מיט געטאָקטע באָרוועסע פיס אַרויסגעקומען פון שטוב און גענומען רופן יאַנקלען. זי האָט באַלד דערזען לעבן אים די צוויי ווייבער און זי האָט אויף זיי אַנגעשפּיזט אירע ברענענדיקע אייגעלעך.

— כ׳בין נישט הונגעריק. ב׳וועל שוין היינט נישט עסן — האָט יאַנקל ווי נישט מיט זיין קול אַרויסגעשטאַמלט. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אין סאַפּראַנאַס זייט, אַ טרויעריקער זי אַנגעקוקט און דערנאָך מיט די צוויי מומעס אַוועק אַהיים.

עס איז שוין געווען פינצטער ווען דבורה מיט טריינען האָבן אַהיימ־געבראַכט יאַנקלען. די קלענערע קינדער און אויך דער הונט זיינען אים פריילעכע אַנטקעגן־געלאָפן ביז אויפן וועג אַרויס. דער הונט איז געווען אויסער זיך. ער האָט יאַנקלען געלעקט די הענט און איז אים גע־שפּרונגען אין פּנים אַריין. לייב איז געשטאַנען אַן אַנגעשפּאַרטער אָן טויער און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— זעטס נאָר, דער שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט — האָט ער אַ ברוגז־לעכער אַרויסגעברומט, ווען יאַנקל איז אים פאַרבייגעגאַנגען און זיך גע־לאָזט מיט די מומעס אין שטוב אַריין.

— הייבסט שוין ווידער אָן? — האָט דבורה די פּירזאָגערין אָנ־געשריגן אויף לייבן — געדענק וואָס ריווע האָט דיר אָנגעזאָגט: נאָר מיט גוטן. דו הערסט וואָס מ׳רעדט צו דיר?

— נאָר מיט גוטן... — האָט לייב זיך ווי נאָכגעקרימט — איר זעט דאָך, אַז ס׳ציט אים צו דער טומאה. פאַר אים איז רעכט, אַז ער זאָל כאַסלעריו האָבן מיט דער שיקסע. ער׳ט פועלן ביי שאַראַמעטן, אַז ער זאָל מיר אָנטאָן דעם כבוד און ווערן מיין מחותן. ס׳אַרט מיך נישט אַזוי פאַר אונדז לעבעדיקע, אָבער וואָס וויל ער פון דער מאַמען? וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף איר? קאַרג האָט זי פון אים געהאַט אויף דער וועלט?

יאַנקל האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט. ער האָט געגלעט דעם הונט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין לאַשטשען צו אים, און איז אַריינ־געגאַנגען אין שטוב. ביי דער טיר האָט ער אַ שווייגנדיקער זיך אָפּ־

געוואַשן די הענט מיטן פּנים, באַלד אַ כאַפּ געטאָן אַ סידור און גענומען דאַוונען מנחה און מעריב. ער האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקל, איינגעגראָבן ס׳פּנים אין סידור און באַלד אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין. ער האָט געכליפּעט און געהעשעט און ווי אַ קראַנק שטום באַשעפֿעניש אַרויסגעלאָזט משונהדיקע קולות, וואָס האָבן אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף דעם קליינעם וועווקע.

— נו שאַ, שאַ. אויב דו קענסט נאָך דאַוונען מיט אַזאַ צעבראָכן האַרץ, איז זיך נישטאָ וואָס צו זאָרגן. ר׳ וועלוועלע זאָל זיך מיען פלעגט זאָגן אַז מיט אַ צעבראָכן געמיט קאָן מען אויפהאַקן אַלע שלעסער פֿון הימל. נו, געגנוג שוין. דאַרפסט נישט וויינען. אַבי ביסט צוריק אין דער היים. ס׳אַ גרויסע כמאַרע מיט אַ קליינעם רעגן — האָט דבורה די פירזאָגערין באַרואיקט יאַנקלען.

לייב איז באַלד נאָך יאַנקלען אַריינגעקומען אין שטוב. ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן דער וואַרעמער הרובע און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

צוליב יאַנקלס אַהיימקומען האָט טריינע די גראָבע, וואָס האָט געשמט מיט איר קאָכן און באַקן, זיך פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך אָוועקגעשטעלט מיט ליפשען צוגרייטן שוין איינמאָל אַ וועטשערע. זי האָט געמאַכט ווייצן־ראַזעווע וואַרנישקעס, מיט קאַשע, מיט געגנדזענע גריוון און מיט צוגעפּרעגלטע ציבעלעס. די קיך־פּליטע האָט באַלד זיך צעגליט מיט דער רויטקייט פֿון פֿייער. די טעפּ האָבן גענומען זידן און קאַלאַקאַטשען, און אין שטוב איז געוואָרן וואַרעם און היימליך.

ליפשע האָט איבערגערעדט דבורהן מיט טריינען, אַז זיי זאָלן בלייבן אויף וועטשערע און געגרייט צו טיש. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט און גענומען עסן מיט אַפּעטיט. לייב האָט ווי אין איילעניש אָפּגעגעסן די וואַרנישקעס, מיט אַ האַנט אָפּגעווישט די פעטקייט פֿון די ליפּן מיט די וואָנצעס אָפּגעריבן די דאַלאָניעס אַן זיינע קני און מיטאַמאָל איבערגעריסן זיין שווייגן.

— דער פעטער אברהם איז דאָ פֿריער געווען און כ׳האָב מיט אים אָפּגערעדט נאָך היינט אויפֿדערנאַכט צו שרייבן סענדערן אַ בריוו. מירן אים שרייבן, אַז ער זאָל שיקן יאַנקלען אַ שיפס־קאַרטע.

יאַנקל האָט געהאַלטן ביים פֿאַרענדיקן ס׳עסן. ווען ער האָט דערהערט דעם טאַטנס רייד איז ער געבליבן זיצן ווי אַ פֿאַרשטיינערטער מיטן לעפֿל אין האַנט. זיין פּנים איז געווען פֿאַרשוויצט און ס׳היטל איז אים געזעסן אויפֿן שפּיץ קאָפּ. ער האָט אַריבערגעקוקט צו לייבן און דער הונט, וואָס איז פֿון אים ניט אָפּגעטראָטן האָט דערווייל אויסגעלעקט די שיסל.

— זייער גלייך טוסטו, לייב. מ׳האַלט דאָך איצט אין איין פֿאָרן אַהין און אַ וועלט איז דאָך ניט משוגע. — האָט טריינע די גראָבע זיך ווי דערפֿרייט מיט די נייעס.

— אוודאי האָב איך אַנדערש גערעכנט. ס'איז אָבער, ווייזט אויס, אַ באַשערטע זאַך. צי ער וועט דאָרט באַגליקן צי נישט, וועט ער קאָנען צוריקקומען ווען ער וועט וועלן. ער האָט דאָך אַ היים — האָט לייב אַ דערשלאָגענער גערעדט צו די ווייבער און פון דער זייט אַריבערגעקוקט צו יאַנקלען.

— ער'ט מיטן אייבערשטנס הילף באַגליקן און מערצעשעם אַהיימ־קומען מיט אַ גרויס עשירות. אירט זען, ערט נאָך פון אונדז אַלע לאַכן. שאַ נאַר, ווי אַלט איז שוין סענדערס נעכעלע? — האָט די אַלטע דבורהלע צוגעלייגט אַ פינגער צו איר איינציקן צאָן פון דער אונטערשטער יאַסלע.

— זי יערט זיך אין איין וואָך מיט יאַנקלען. זי איז זומער געוואָרן זעכצן און ער זיבעצן — האָט לייב געענטפערט.

— זי איז אין איין עלטער מיט סאַפראָנאַן — איז יאַנקלען דורכ־געלאָפן אַ געדאַנק. ער האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלן ווי זיין געשוועסטער־קינד אין אַמעריקע זעט אויס. ער האָט האַלב פאַרצויגן די אויגן און פאַר־זיך געזען לאַנגע באַנען, גרויסע שיפן, הויכע ווייסע מויערן מיט רויטע טשערעפּענע דעכער, אַ געווימל פון אַ סך מענטשן און צווישן זיי האָט ער דערזען נישט נעכעלע דעם פעטער סענדערס, נאָר שאַראַמעטס טאָכטער סאַפראָנאַ.

— כ'על פאָרן. זאָל נאָר אָנקומען פון פעטער סענדער די שיפס־קאַרטע — האָט יאַנקל זיך אָנגערופן. ער האָט דערנאָך זיך אַוועקגעדרייט פון טיש און אַרויס אין דרויסן.

* * *

יאַנקל האָט אַן אומרואיקער געוואַרט אויף דעם פעטער סענדערס ענטפער און ער האָט טעג און נעכט געטראַכט וועגן דעם ווייטן לאַנד אַמעריקע, וואוהין מען שיקט אים ווערן אַ לייט.

עס איז אַוועק דער ווינטער, עס האָבן זיך געשטעלט וואַרעמע טעג און ער איז דערוויל געוואַקסן ווי דאָס ווילדע גראָז נאָך אַ רעגן. זיינע גרויסע הענט האָבן מיט יעדן טאָג זיך אַלץ מער אַרויסגערוקט פון די קורץ־געוואָרענע אַרבל, זיינע פּלייצעס האָבן זיך אַלץ מער צעוואַקסן אין דער ברייט און די נאַטן פון זיין ראָק האָבן געהאַלטן אין איין פּלאַצן. די גבורה האָט ווי געשפּאַרט פון זיין טונקל־ברוין פּנים, פון זיינע גליענדיקע אויגן און פון זיין גלאַנצנדיקן שוואַרצן קאָפּ האָר.

ווען עס איז אָנגעקומען דער זומער האָט ער ווי חרטה באַקומען פאַרוואָס ער האָט געזאָגט דעם טאַטן, אַז ער וועט פאָרן קיין אַמעריקע און ער האָט אין דער שטיל געהאָפט, אַז דער פעטער סענדער וועט די שיפסקאַרטע נישט שיקן.

פונקט ערב שבועות איז אָבער די שיפסקאַרטע אָנגעקומען. עס איז שוין געווען נאָך וואַרעמעס. יאַנקל, מיט אַ צעפלאַמט פּנים, די הויזן פאַר־

קאַטשעט ביז צו די קני, איז אָנגעקומען פון די היי־פעלדער און ער האָט זיך צוגעזעצט אין שאָטן פון אַ בוים נישט ווייט פון דער שטוב. זיינע יינגערע צוויי ברידער, חיים משה און בער, האָבן געבראַכט צוטראָגן גרויסע בינטן גרינס און דערמיט אויסגעשפּרייט דעם אויפגעראַמטן הויף. ליפשע איז געשטאַנען פאַר דער שטוב און זי האָט אין דער סטריכע פון דאַך אריינגעשטעקט גרינע צווייגלעך צעבליטן בעז און טוליפּאַנעס. די קלענערע קינדער, מיט נאָך מיידלעך פון דאָרף, האָבן געטראָגן גרינס און בלומען צו דער קלויז און זי אויסגעפּוצט אויף שבועות.

לייב איז געשטאַנען ביים טויער. עטלעכע יידן, וואָס זיינען געגאַנגען הינטערן גאָרטן זיך אָפּבאָדן לכבוד יום־טוב, האָבן זיך לעבן אים אָפּ־געשטעלט. און מיטאָמאָל איז דער פּאָליציימאַן, וואָס איז אויך געווען דער בריוו־טרעגער, דאָרטן אויסגעוואַקסן. ער האָט צוערשט געוויזן לייבן די נייע קאַסע, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין שטאָט און דערנאָך אַרויסגענומען פון זיין פאַרשמאָלצענעם לעדערנעם טאַש אַ בריוו באַ־קלעפּט מיט עטלעכע אַמעריקאַנער גרינע און רויטע מאַרקעס. לייב האָט מיט געמאַכטער רואיקייט איבערגענומען דעם בריוו. ער האָט אים אויפ־געהויבן אין דער הויך און אָנטקעגן דער זון מיט גרויס פאַרזיכטיקייט אויפגעריסן דעם קאָנווערט.

— אַ שיפסקאַרטע פאַר מיין יאַנקלען. כ׳האָב אָבער געוואוסט, אַז סענדער וועט שיקן — האָט לייב זיך אָנגערופן צו די יידן, וואָס האָבן מיט נייגעריקייט אים געקוקט אין די הענט אריין.

— אַ שיפסקאַרטע? וואָס־זשע שוויגט איר? אַ־נו, לאָמיר נאָר זען.

— הער אַ מעשה! איר שיקט טאַקע יאַנקלען קיין אַמעריקע?

— דאָס איז די גאַנצע שיפסקאַרטע?

— דאַכט זיך, נישט מער ווי אַ שטיקל פּאַפּיר, און מ׳קען מיט אים אויספאָרן אַזאַ וועלט! — זיינען די יידן ווי אויפגערודערט געוואָרן. די שיפסקאַרטע איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און אַלע האָבן זי מיט באַוואונדערונג באַטראַכט.

יאַנקל האָט פון דעם אָרט, וואו ער איז געזעסן, אויפגעכאַפּט די נייעס און ער האָט אַ צעטומלטער זיך נאָך מער פאַררוקט הינטערן בוים, אַזוי אַז מען זאָל אים נישט אַרויסזען.

— איי, ווי צייטן בייטן זיך. ווער האָט עס אַמאָל אַוועקגעשיקט אַ קינד אַזוי ווייט פון דער היים?

— כ׳געדענק נאָך וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ווען מ׳איז געוואויר געוואָרן, אַז סענדער איז אַוועק קיין אַמעריקע.

— פונדעסטוועגן טוט איר זייער גלייך. איר שטעכט־אויף דעם בלאָטער פונקט אין צייט.

— זאָל ער פאָרן. ער וועט אויף דער וועלט זיך שוין אויסמענטש־לען.

— ער וועט דאָרט, לעבן סענדערן, נישט פאַרפאַלן ווערן.

— וואָס־זשע, קאַרג יידן פאַרן איצט אַהין? איר׳ט זען, אַז אַלע רוסישע יידן וועלן זיך נאָך אַהין אַריבערפּעקלען. מ׳האַלט דאָך אין איין שוואַרצן די גרענעצן. כ׳ווייס גאָרנישט וואו זיי וועלן זיך דאָרט אַלע אַהינטאָן.

— איר מיינט ס׳איז גאַליציע? דאָס אַמעריקע איז דאָך אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט עס ביז היינט־צוטאָג נאָך אַפילו אינגאַנצן נישט אויס־געמאָסטן.

— און ערד, זאָגט מען, איז דאָרט אַ סך ביליקער ווי ביי אונדז.

— עפּעס מוז דאָך זיין דערביי, וואָס מ׳ציט זיך אַהין — האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט און גערעדט. לייב האָט זיי אַלע אויסגעהערט און געשוויגן.

יאַנקל איז געזעסן הינטערן בוים און אויפגעכאַפּט די אַלע רייד. ער האָט מיט אַ גראָבן פינגער פון אַ פוס געצייכנט אויף דער ווייכער ערד רעדלעך און קעסטלעך און זיך פאַרגעשטעלט זיין אָנקומען אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק. ערשט ווען אַלע זיינען אַוועק זיך באָדן האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב און דאָרט באַטראַכט די שיפסקאַרטע, וואָס לייב האָט אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָליצע.

יאַנקל האָט דערנאָך אין אומרו געציילט די טעג, וואָס ער האָט נאָך צו זיין אין דער היים און זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן לעבן דער שטוב. ער האָט זיך אַרומגעיאָגט איבער די היי־פעלדער, געגאַנגען אין דאָרף אַריין און אין די נעכט איז ער אַוועק מיט די פערד אויף דער פּאַשע. נאַכט נאָך נאַכט איז ער מיט סאַפּראָנאַ שאַראַמעטעס און מיט נאָך שיקסעס און שקצים געלעגן אויף איין וואַרעטע אין פעלד און פאַרהילכט די שטילקייט מיט טרויעריקן געזאַנג. ער איז נישט מיד געוואָרן צו זינגען ביז הינטער טאָג און סאַפּראָנאַ האָט מיט איר דין קעלכל אים אונטער־געהאַלטן.

ווען ער איז איז בלויען פאַרטאָג אַהיימגעריטן איז אים ווי נאָכגע־גאַנגען סאַפּראָנאַס קעלכל און ווען ער האָט זיך אויסגעצויגן אין שליטן אויף זיין זומערדיק געלעגער האָט ער פאַר זיך געזען איר לענגלעך שיין פּנים און אירע קינדישע אויגן ביז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

עס זיינען אונטערגעקומען די טעג פון שניט און יאַנקל האָט זיך אַ נעם געטאָן העלפן דעם טאַטן אַראָפּנעמען די תבואה. ער האָט גע־אַרבעט אין פעלד, אַהיימגעפירט די סנאָפּעס און געהאָלפן לייבן צונויפ־לייגן די סטויגן אויפן הויף. ער האָט מיט ברען זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט און כסדר געטראַכט, אַז איבעראַיאָר צו שניט וועט ער שוין אין דער היים נישט זיין. עס איז אים נישט אַרויס פון זינען, אַז אין קאַמאָד ליגן פאַר אים גרייט צוויי נייע העמדער; אַז אין אַן אַלטן מחזור וואַרט אויף אים די שיפסקאַרטע און אַז אין לוח איז מיט אַ שרייב־פּענדל פאַרצייכנט דער טאָג ווען ער דאַרף אַוועקפאָרן.

דער טאָג איז ענדלעך געקומען. עס איז געווען אין אָסיען. לייב האָט שוין געהאַט אויסגעגראָבן די קאַרטאָפל און ער האָט שוין אויך געהאַט פאַרזייט עטלעכע מאָרג ווינטער־תבואה.

אַ טאָג פאַרן אַוועקפאָרן איז יאַנקל געגאַנגען אויפן הייליקן אָרט זיך געזעגענען מיט דער מאַמען. ווי נאָר ער איז צוגעקומען צו איר מצבה האָט פאַר אים ווי אַ שוועב געטאָן דער מאַמעס געשטאַלט און ער האָט אַ וויינענדיקער שטום גערעדט צו איר. ער איז לאַנג געשטאַנען ביי דעם גריַנעם בערגל און ווען ער האָט זיך פאַרנאַכט אומגעקערט אַהיים איז ער געווען טרויעריק און ווי אָפּגעשוואַכט.

עס זיינען געקומען צוגיין פעטערס און מומעס, יידישע און גויאישע שכנים, אָבער דער גאַנצער טומל איז יאַנקלען ווי נישט אָנגעגאַנגען. מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זען צו ווערן אַ לייט, אַז ער זאָל למען־השם נישט פאַרגעסן צו לייגן תפילין יעדן טאָג און ער האָט אויף אַלצדינג אַ שווייגנדיקער און אַ דערשלאָגענער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. טריינע די גראָבע האָט אים אונטערגעטראָגן צו פאַרזוכן פון געבעקס, וואָס זי האָט פאַר אים אָנגעבאַקן אויף מיטצונעמען, אָבער ס'מויל האָט זיך אים נישט געעפנט צום עסן.

אויפדערנאַכט, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט ער זיך אַרויס־געשאַרט פון שטוב און ווי אַ נאַכטוואַנדלער מיט לאַנגזאַמע טריט זיך אַוועקגעלאָזט איבערן הויף. ער איז אַריין אין שטאַל, געגלעט דאָרט די פערד, געקראַצט די בהמות אין די שטערנס און שטומערהייט זיך מיט זיי געזעגנט.

פון דער שטאַל איז ער דערנאָך אַרויס צום וועג און אַריבערגעקוקט צו די אויסגעלאָשענע שטיבלעך פון דאָרף. ס'האָט אים אַ צי געטאָן צו סאַפּראָנאָס שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אין פעלד. ער איז מיט אַ נאַכט פריער געווען מיט סאַפּראָנאָן אַליין אין טאָל און ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט זי מער נישט זען, ווייל ער פאָרט אַוועק. איצט האָט אים ווידער געצויגן צו איר. די מאַמע איז אים אָבער ווי געשטאַנען פאַר די אויגן און אים פאַרהאַלטן.

די לעצטע נאַכט האָט ליפשע אויסגעבעט פאַר יאַנקלען אַ געלעגער אין שטוב, ער האָט אָבער ווי אַלעמאָל זיך געלייגט אויפן שליטן אונטערן פאַדאַשעק.

די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע. דער געדאַנק, אַז ער פאָרט פאַרטאָג אַוועק פון דער היים האָט יאַנקלען נישט געלאָזט איינ־שלאָפן. ער האָט פון שליטן אַראָפּ שטומערהייט זיך ווי געזעגנט מיטן גאָרטן, מיטן אַלטן באַרן־בוים, מיט די פעלדער, מיט די אַרומיקע בערג און מיט אַלץ וואָס זיין אויג האָט געקאָנט כאַפּן. זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ ביימל, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון זיין געלעגער באַלאָדן מיט רייפע פלוימען. די פלוימען האָבן אָפּגעדעקטע מיט נאַכטיקן בלויען הויך זיך געטוליעט איינס צו ס'אַנדערע און ווי געדרימלט. פלוצלינג

האָט איין פלוים זיך אָפּגעריסן פוןביימל און זיך אַראָפּגעלאָזט אין גראָז אַריין. די פלוימען אַרום דעם ליידיק געבליבענעם אָרט האָבן ווי אויפגעוואַכט. זיי האָבן אַ ציטער געטאָן, ווי זיי וואָלטן זיך אויך ווען אָפּרייסן פון די שטענגלעך און באַלד רואיקע צוריק זיך איינגעטוליעט אין זייער נעסט.

יאַנקל האָט ערשט הינטער טאָג איינגעדרימלט. אָבער נאָך איידער עס איז גוט ליכטיק געוואָרן אין דרויסן איז ער שוין ווידער געווען וואַך. דער ערשטער אים אַרויסצורייסן פון שלאָף איז געווען דער קצב, וואָס איז געקומען צוגיין. דער קצב האָט אויפגעוועקט לייבן, אים גערופן פון דער שטוב, אַז ער זאָל אים העלפן אַרויספירן פון שטאַל דאָס קעלבל, וואָס ער האָט מיט אַ טאָג פריער געקויפט. ווען דאָס קעלבל איז שוין געווען אין דרויסן האָט עס, פון קצבס קליידער, דערשמעקט דעם ריח פון בלוט און זיך גענומען רייסן פון שטריק. דער קצב האָט עס אָבער מיט גבורה אַרויסגעשלעפּט אויפן וועג און יאַנקל האָט אַן אויסגעניכטערטער פון שלאָף נאָכגעקוקט דעם קעלבל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין דרייען דעם קאָפּ מיטן ווייסן שטערן צוריק צום טויער.

— אַ קאַלב ווי אַ נוס. אַז נישט וואָלט איך עס פאַרקויפט ווען דו פאַרסט נישט אַוועק. שוין צייט אויפצושטיין. מיר קאָנען נאָך פאַרשפּעטיקן דעם צוג — איז לייב נאָכן אַרויסבאַגלייטן דעם קצב צוגעקומען צום שליטן און אַ פאַרשלאָפענער מיט אַ טרויעריק שטיל קול גענומען רעדן צו יאַנקלען.

באַלד איז אויך דבורה די פירזאָגערין לעבן אים ווי אויסגעוואַקסן.

— די מאַמע דיינע האָט זיך מיר די נאַכט געחלומט. זי איז געווען שבתדיק אָנגעטאָן און זי איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ פריילעכע מיט אַן אויפּוואַרטער פול מיט לעקעך און פלאַדן. ס'אַ סימן, אַז זי וועט זיך פאַר דיר דאָרט מיען און ס'וועט דיר זיין גוט — האָט זי אָנגעהויבן דער־ציילן וועגן חלום און זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין. ליפשע, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין מיטן מעלקשעפל אין שטאַל אַריין האָט קוקנדיק אויף דער מומע דבורה אויך אָנגעגאָסן פולע אויגן.

יאַנקל איז אַראָפּ פון געלעגער, אַוועק אין שטוב אַריין און לייב האָט גענומען רעכטעווען דעם וואָגן. שכנים האָבן איינציקווייז זיך געקליבן אַרום טויער. לייב איז אָבער נישט געווען אויפגעלייגט מיט זיי צו רעדן. ווען די פערד זיינען שוין געווען געשפּאַנט אין וואָגן איז יאַנקל ווי אַ געפּענטעטער מיט שטייפע טריט אַרויסגעקומען פון הויז אין נייע שיך, אין אַ נײַ העמד, אין אַ נייעם צייגענעם אָנצוג און מיט אַ הילצערן קופערטל אין האַנט. זיינע ברידער און שוועסטער זיינען אים נאָכ־געגאַנגען. כייקע און גיטל האָבן געוויינט אויפן קול. יאַנקל איז אַרויפ־געקראָכן אויפן וואָגן מיט די לאַנגע סנאָפּאָווע דראַבינעס און זיך אַוועק־געזעצט אויף זיין קופערטל.

— פאָר מיט גאָט!

— זיי געזונט, יאַנקל!
— פאַרגעס נישט אין דער היים און אין די שכנים!
— קום צוריק מיט אַ סך געלט, וועסטו דיר איינקויפן פעלד — האָבן אַלע צו אים אַריבערגעשריגן, ווען דער וואָגן האָט זיך גענומען רירן.
יאַנקל איז געווען ווי אין היגער־פלעט. ער האָט קוים אַרויסגערעדט די ווערטער: זייט געזונט.
— נאָ, וועסטו האָבן אויפן וועג — איז סאַפּראָנאַ פלוצלינג אָנגעגאַנגען, ווען דער וואָגן איז שוין געווען אויף דער אַנדערער זייט טויער און אַ וואָרף־געטאָן צו יאַנקלען עטלעכע באַרן איינגעוויקלטע אין אַ טיכל. לייב האָט אַ טרייב־געטאָן די פערד און פון אונטער די רעדער האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער שטויב. די פערד זיינען גיך געלאָפן, דער וואָגן האָט טאַראַכקעט און ווי מיט זיך מיטגענומען די גוטע רייד, וואָס מען האָט יאַנקלען נאָכגערופן און אויך סאַפּראָנאַס לעצטע ווערטער.
נאָכן דאָרף, ווען די פערד האָבן באַרג־אַרויף אָנגעהויבן גיין טריט ביי טריט און דער וואָגן האָט אויפגעהערט קלאַפּן, איז יאַנקלען אין דער שטילקייט געוואָרן אומהיימלעך צו זיין אַליין מיטן טאַטן. ער האָט געקוקט פאַר זיך אויפן טאַטנס פלייצעס און דערקענט, אַז ער וויל אים עפּעס זאָגן.
— כ׳על דאָס גניאָדע פערד מוזן פאַרקויפן. עס ווערט פוילער פון טאָג צו טאָג. אַ פערד זאָל זיך נאָר וועלן לייגן אויפן דישל! אויפן וועג זאָלסטו דיך נישט שעמען צו פרעגן. ווער ס׳פרעגט דער בלאָנדזשעט נישט — האָט לייב האַלב זיך אויסגעדרייט צו יאַנקלען — זע נאָר די כמאַרע הינטערן וועלדל. ס׳עט נאָך היינט רעגענען אויך. און אויפן וועג פרעגט מען. הערסט?
— כ׳הער — האָט יאַנקל געענטפערט.
— אַהיימצואוועגס וועל איך אַהיימכאַפּן ס׳ביסל הרעטשקע, איידער ס׳הייבט אָן רעגענען. זאָלסט דיך דאָרט האַלטן לעבן פעטער סענדער. ער איז מיינער אַ לייבלעכער ברודער און זאָלסט מיט אים זיין היימיש. הערסט?
עס האָט זיך דערהערט אַ פייף פון דער באַן, וואָס איז גלייך מיט זייער וואָגן אָנגעקומען צו דער סטאַנציע. די פערד האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן און ווי יאַנקל אַריבערגעקוקט צום קומען פון דער באַן, וואָס האָט געשיפּעט מיט געדיכטע קנוילן רויך.
יאַנקל איז אַראָפּ פון וואָגן און מיט שווערע טריט געגאַנגען צו די טרעפּלעך פון דער באַן־טיר. לייב איז געגאַנגען לעבן אים. ביי די טרעפּלעך זיינען זיי בײדע געבליבן שטיין און אומבאַהאָלפענע זיך אָנגעקוקט. מיטאַמאָל האָט לייב מיט זיינע געזונטע אָרעמס אַרומגעכאַפּט זיין זון און אים צוגעדריקט צו זיין ברוסט. ווען ער האָט אים ווידער

אָפּגעלאָזט האָבן צוויי טרערן זיך ווי אָפּגעריסן פון זיינע אויגן און זיך אַראָפּגעקאַטשעט אויף זיין באָרד. יאַנקל איז גיך אַריין אין דער באַן, וואָס האָט זיך געגומען רירן פון אָרט. ער האָט זיך געזעצט ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט צום טאַטן, צו די פערד, וואָס זיינען געוואָרן קלענער און קלענער, ביז ער האָט זיי מער אינגאַנצן נישט געקאָנט אָנזען.

קאַפּיטל אַכט־און־צוואַנציק

לייב איז, אויפן צווייטן ווינטער, נאָך זיין חתונה־האָבן מיט ליפשען איין איין וואָך געוואָרן אַ טאַטע און אַ זיידע. ליפשע האָט געהאַט אַ ייִנגל און זיין טאָכטער נעכע האָט געבוירן אַ מיידל, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך ריווען. זיי זיינען ביידע געלעגן געוואָרן אין דער וואָך פון חנוכה, אין די טעג ווען דער שוחט ר׳ עליע איז אַרומגעגאַנגען איבער די דאָרפישע יידישע שטיבער קוילען די אויסגעהאָדעוועטע פעטע גענדז, וואָס מען האָט פון זיי אויסגעלאָזט שמאַלץ אויף פּסח. ביי לייבן און אויך ביי זיין מחותן יעקל, וואו נעכע איז באַלד געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע, איז געווען אָנגעגרייט פון כל׳ע גוטס. נעכעס שווער האָט זיך געשטעלט ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר און ער האָט שבת־חנוכה נאָכן דאַווענען פאַר־בעטן צו זיך אַלע יידן פון יאַנאָוויץ און פון דער טאָטאַרשטשינע מיט זייערע ווייבער און קינדער.

נעכע, וואָס איז שוין אויפן דריטן טאָג אויפגעשטאַנען פון קימפּעט, האָט מיט דער שוויגערס הילף צוגעגרייט אַלערליי מאכלים, געבעקסן און געטראַנקען.

— יידן, עסטס און טרינקטס. ס׳איז מיין ערשט אייניקל. זאָל איך אַזוי לעבן ווי כ׳על אייך נישט אַרויסלאָזן ביז אירט נישט אינגאַנצן אָפּ־ראַמען די טישן — איז נעכעס שוויגער צוגעשטאַנען צו יעדן איינעם.

אויך לייב האָט צום ברית פון זיין זון, וואָס ליפשע האָט אים געבוירן, געמאַכט אַ רייכע סעודה און זיין שטוב איז אין אַ פראָסטן מיטוואָך פול געווען מיט מענטשן. מען האָט דעם ייִנגל אַ נאָמען געגעבן נאָך ליפשעס זיידן, בנימין, מען האָט געטרונקען לחיים און מען האָט טאַטע מאַמע געהאַלטן אין איין ווינטשעווען.

— זאָל ער ביי אייך וואַקסן צו גאָט און צו לייט.

— איר זאָלט אים מגדל זיין לתורה לחופּה ולמעשים טובים.

— איר זעט כאָטש, דער אייבערשטער איז אייך ממלא, איין זון איז אָוועקגעפאָרן איז אייך צוגעקומען אַן אַנדערער.

— ער זאָל זיין אַ גוטער ייד און גיין אין טאַטנס און אין זיידנס וועגן.

— דער אייבערשטער זאָל העלפן, אַז מיר זאָלן נישט דאַרפן אָוועק־

שיקן אונדזערע קינדער אין דער פרעמד. — האָבן די יידן ביים ברית געהאַלטן אין איין ווינטשעווען לייבן און ליפשען.

— כ׳זע באַשיינפערלעך, אַז נאָר צוליב מיין אייניקל האָט דער רבונו של עולם מיר אַביסל צוריק אויסגעלייטערט די אויגן. אויב ער׳ט נאָר זיין געראָטן אין מיין שווער ר׳ בנימינצע, וועט ער נאָך ביי מיר לערנען אַ בלאַט גמרא — האָט ביים ברית מער פון אַלעמען זיך געלאָזט הערן ליפשעס טאַטע.

משה אהרן האָט, נאָך זיין טאָכטערס חתונה, ווי אויפגעלעבט. לייב האָט אים געוואָלט נעמען צו זיך, אָבער ער איז אויך ווייטער געבליבן וואוינען אויף דער ראָגאַטקע און ער איז צו זיין איידעם מיט דער טאָכטער געקומען נאָר אויף די שבתים.

— ער׳ט אם ירצה השם אויסוואַקסן אַ תלמיד־חכם ווי זיין זיידע איז געווען. פאַרגעסט נאָר נישט, אַז ער דאַרף זיין מיין קדיש אויך. איר׳ט זען, אַז מירן נאָך פון אים מאַכן אַ רב — האָט דער ראָגאַטניק גערעדט צו לייבן און צו ליפשען און זיי האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. לייב האָט אַ צעוואָרעמטער געלאָזט וויסן זיין שווער, אַז ער וועט נאָך דאָס יאָר צוקויפן אַ שטיקל פעלד און עס פאַרשרייבן אויפן נאָמען פון זיין ניי־געבוירענעם זון.

אין מיטן ווינטער, ווען עס זיינען צוגעפאַלן שנייען און פרעסט, זיינען געבוירן געוואָרן נאָך עטלעכע יידישע ייגעלעך אין דאָרף און עס זיינען אויך געווען אַ פּאָר חתונות. די דאָרפישע יידן מיט זייער שוחט ר׳ עליע האָבן, אָנגעפעלצטע, אין פראָסטע וואָכן־טעג און אין די שבתים, גע־בראָדזעט אין די שנייען און פון נאָענט און ווייט געקומען צו די שמחות, וואָס זיינען געפּראַוועט געוואָרן אין קלויז און אין די יידישע היימען. זיי האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין ביי די בריתן און חתונות און מיט פריילעכע מגושמדיקע קולות פאַרהילכט ס׳דאָרף.

די גויים האָבן די שוועל פון דער קלויז נישט אַריבערגעטראָטן, אָבער די יידן האָבן זיי פאַרבעטן אין די שטיבער צו זייערע שמחות. די גויאישע שכנים זיינען ביים אַריינקומען אין די יידישע הייזער שעמעוודיקע גע־בליבן שטיין ביי דער טיר און מען האָט זיי אַנטקעגן־געטראָגן גלעזלעך בראָנפן און עפּעס צו פאַרבייסן. זיי האָבן געשאַרט מיט די פיס אויף איין אָרט און ווי מיט קאָסאָקע אויגן געקוקט אין אַלע ווינקעלעך. זיי האָבן מיט גוטע רייד געהאַלטן אין איין ווינטשעווען, אָבער טיף אין האַרצן האָט ביי זיי ווי געטליעט אַ שנאה צו זייערע יידישע שכנים. די מיינסטע פון זיי האָבן די יידן נישט פאַרגונען זייער פרייד און זייער רו און צו רעכטפאַרטיקן די שנאה האָבן זיי ווי אַריינגענומען אין שותפות דעם געקרייציקטן אויפן צלם, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זייערע הער־צער. די פיינטשאַפט האָט דערנאָך פון זיי אַרויסגערעדט:

— זיי זיינען וואוילע שכנים. אָבער פאַרט ניט קיין גלויביקע. איר האָט כאָטש געזען די ווייסע בולקעס אויף די טישן!

— זיי זיינען לייטישער פון די שטאָטישע. אָבער זעט, מיר פאַרגינען זיך נישט דאָס פיסטנע שטיקל ברויט, און זיי האָבן אַלצדינג.

— אַ שיין יינגעלע לייבעס. וואָס זאָגט איר נישט צו אים ? ער מיינט, אַז ס׳הייבן אים אָן ערשט וואַקסן די ערשטע הערנער.

— ווי די ווייבער זייערע האָבן זיך דאָס צעקאַלבט דעם ווינטער !

— וואָס פעלט זיי דען דאָ ? האָבן חתונה און פלאַדיען זיך ווי די קראַליקעס.

אַ סך פון די אָרעמערע גויים האָבן צווישן זיך אין דער שטיל גערעדט וועגן דער צייט ווען מען וועט זיי פאַרטיילן די ערד, וואָס מען וועט צונעמען ביי די יידן און ביי די פּאַליאַקן.

לייב האָט יענעם ווינטער איינמאָל, פון הינטער אַ פּלויט, אויפגעכאַפּט די רייד און ער איז געוואָרן אָנגעצונדענער.

— ווען, זאָגט איר, וועלן זיי קומען, די האַידעמאַקעס ? לאָמיך אויך וויסן. און וויפיל מאַרגעס וועט אַשטייגער יעדער איינער פון אייך נעמען ? האָט איר שוין איבערגערעדט ווער פון אַייך ס׳וועט איבערנעמען מיין שטוב מיטן גאָרטן ? און וואָס איז מיט מיין פעלד ? איר וועט זיך דאַרפן צעטיילן גלייך־אויף־גלייך — האָט לייב זיי אָרייגערעדט אין די פנימער און זיי ווי געברענט מיט זיינע אויגן.

— ווער האָט דען עפּעס געזאָגט ? — האָבן די גויים צעטומלטע הינטערווייִלעכץ זיך אָפּגערוקט — מענטשן רעדן אויף די יאַרידים וועגן די פּריצישע לאַנעס און וועגן דעם פירשטס גיטער.

— איר האָט נעבעך גאָרנישט געזאָגט. ווען כ׳קום היילן אייערע בהמות בין איך ביי אייך אַ מלאך, און ווען כ׳גיי אַוועק פאַרגינט איר מיר נישט ס׳לעבן. לייגט אַייך, לייגט אַייך פייגעלעך אין בוזעם. אָט־דאָס־אָ וועט מען אַייך געבן, נישט קיין ערד ! — האָט ער זיי אַרויסגעשטעלט אַ פייג.

די שטילע שנאה פון די גויים האָט לייבן נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט זיי אַלעמאָל אָרייגעזאָגט ביז אין דער זיבעטער ריפּ און זיך געפילט זיכער אין דאָרף. ווען ליפשע האָט אים געבוירן אַ זון האָט ער, ווי אַ באַגייטער מיט פרישער גבורה, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אויף זיין באַלע־באַטישקייט. ער האָט צום פרילינג־צו אָנטווינט צוויי קעלבלעך און זיי אָנגעהויבן פּלעקען ; ער האָט געמאַכט אַ נייעם פּלויט צום וועג און צוגע־קויפט אַ האַלבן מאַרג פעלד אויף ליפשעס און אויפן קינדס נאָמען.

— אונדזער זון וועט אונדז זיין מזלדיק און כ׳על קויפן נאָך פעלד. דו׳סט זען — איז ער ווי אַ יונגערמאַן, ביי וועמען ס׳איז געבוירן געוואָרן ס׳ערשטע קינד, אַלעמאָל אויסגעוואַקסן לעבן וויגל — זע נאָר דעם שוואַרצן קאָפּ האָר וואָס ער האָט שוין. ער׳ט אויסוואַקסן אַ געזונטער יונגאַטש.

— ער איז דער טאַטע אויסן אויג. ער האָט דיינע ברייטע הענט און דיינע קורצע גראָבע פינגער — האָט ליפשע, אַ ברייט־צעוואַקסענע,

מיט אָנגעגאָסענע פולע בריסטן, זיך ווי געשפּיגלט אין איר זון און נחתדיק געשמייכלט.

לייב איז ווי ייִנגער געוואָרן. זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט און די מרה־שחורה, וואָס האָט אים אַרומגענומען פון זינט יאַנקל איז אַוועקגעפאָרן, איז פון אים אָפּגעטראָטן. דאָס קינד איז פאַר אים געווען ווי אַ טרייסט אין זיין בענקשאַפט נאָך יאַנקלען, וואָס האָט אין יענער צייט געהאָט צוגעשיקט פון אַמעריקע אַ גרויס בילד פון זיך מיטן פּעטער סענדערס גאַנצער משפּחה.

מען האָט פון דאָרף דעמאָלט געהאָלטן אין איין גיין אָנקוקן די פאָטאָגראַפיע און מען האָט זי געהאַלטן אין איין באַוואונדערן.

— איי־איי, זעטס נאָר, זעטס. ס'איז דאָך גאַרנישט דער יאַנקל!

— ווי אויסגעפּוצט ער איז! ער זעט דאָך אויס ווי אַ געבוירענער אַמעריקאַניעץ.

— איר זעט כאָטש? מ'ווערט נישט פאַרפאַלן אויף דער גרויסער וועלט.

— אַבי מ'האָט אים באַוויינט.

— וואָס אַרט אייך, ערט שוין דאָרט ווערן אַ לייט. ערט נאָך אַהיים־קומען מיט אַ גרויס פאַרמעגן.

— זעטס נאָר מינדעלע מיטן גוידער. זי האָט זיך אויף אַ האָר נישט געעלטערט.

— און סענדער האָט זיך אויך גוט אויסגעפּאַשעט.

— זייערע צוויי טעכטער זעען דאָך אויס ווי וואָרע גראַפינעס. יאַנקל וועט שוין אַוודאַי בלייבן אין דער משפּחה.

— ניין, ניין, אַ נאָר וועט ער זיין. ער'ט מסתּם נעמען די עלטערע.

מען האָט לייבן כּסדר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער דאַרף זיין צופרידן, וואָס יאַנקל איז באַצייטנס אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט עס אַליין אויך געוואוסט. אָבער ס'האָט אים פאַרט געגעסן דער פאַרדרוס פאַרוואָס ער האָט געדאַרפט אַוועקשיקן אַ קינד אין דער פרעמד. זיין ניי־געבוירענער זון און אויך זיין ערשט אייניקל האָבן אים אָבער ווידער אויפגעהייטערט.

נאָך פּסח איז אָבער אומגעריכט אויך בלומעלע מיט איר מאַן אַוועק־געפאָרן קיין אַמעריקע און לייב איז אויפסניי אויפגערודערט געוואָרן.

* * *

נאָך בלומעלעס חתונה האָט איר מאַן יאָשע דאָטש זי אַהיימגענומען צו זיין טאַטע־מאַמע אין דעם שכנישן דאָרף זאַזוליניעץ און ער האָט מיט גרויס ליבשאַפט געפּאַדעט אַרום איר. בלומעלען איז אָבער אין איר נייער היים ביי שווער און שוויגער געווען איינזאַם. זי האָט אויף שריט און טריט געפילט איר מאַנס גוטסקייט, אָבער אַ פוסטקייט האָט זי אַרומ־גענומען און זי האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. יאָשעס באַענט־

קייט איז איר געווען דערווידער און יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען צו איר געלעגער האָט אַ קאַלטער שווייס זי באַזעצט.

די ווייבער פון די „לייבן און בערן" האָבן וואויל געוואוסט, אַז בלומעלע איז נישט פאַרקאַכט אין יאָשען. זיי האָבן דערפאַר ביים אַרויסבאַגלייטן זי פון דער היים אין איר געבוג אַריינגערעדט.

— געדענק, בלומעלע, ס'לעבן איז נישט קיין צוקער־לעקעכל. נאָך דער חתונה דאַרף מען פאַרגעסן אָן אַלע פוסטע נאַרישקייטן און מען דאַרף זיך אַריינגעמען אין קאָפּ, אַז דאָס איז עס.

— יאָשע האָט אַ האַרץ נאָר ווי פון גאָלד, און ליב האָט ער דיך ווי ס'לעבן.

— דו'סט זען, ער'ט דיר בלאָזן די טריט. דאַרפסט נאָר וועלן, וועט דיר זיין גוט און לייט וועלן דיך מקנא זיין.

— צו אַ מאַן דאַרף מען זיך צוגעוואוינען. ס'איז ווי מ'נעמט זיך פאַר.

בלומעלע האָט אין זיך אַריינגענומען די אַלע רייד און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט געמיינט, אַז ס'וועט טאַקע אַזוי זיין — זי וועט פאַרגעסן אָן אַלץ און ס'וועט איר זיין גוט אין איר נייער היים. אָבער זי האָט זיך גענאַרט.

יאָשע האָט מיט געטריישאַפט זיך געדרייט אַרום איר. זי האָט אָבער זיך קעגן אים געפילט שולדיק פון דער חופּה־נאַכט אָן און זי האָט אים אַפילו נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין.

אין די ערשטע טעג נאָך דער חתונה האָט זי זיך אַביסל פאַרטומלט ביים אויסריכטן איר שטיבל ביי שווער און שוויגער. זי האָט אָבער נישט געפילט קיין פרייד ביי דער אַרבעט און די נייע היים איז איר נישט געוואָרן היימישער, אַפילו נאָכדעם ווי זי האָט איבערגעשטעלט די זאַכן לויט איר געשמאַק. זי האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז זי וועט אין דעם קליינעם דערפל דאַרפן אָפּפירן איר וועלט מיט יאָשען. עס האָבן אין איר ווידער אויפגעוואַכט די מיידלישע בענקשאַפטן און עס האָט זי געצויגן צוריק קיין יאַנאָוויץ. זי האָט אין שלאָפלאָזע נעכט געבענקט צוריק צו איר געלעגער ביים פענצטער, וואו זי האָט אין איר פאַרחלומטקייט גאָר אַנדערש זיך פאָרגעשטעלט איר לעבן.

ביינאַכט ווען זי האָט נישט געקאָנט שלאָפן איז ווידער פאַר איר אויסגעוואַקסן טאַדעקס געשטאַלט. זי האָט נישט געוואָלט וועגן אים טראַכטן און זי האָט אינגאַנצן געוואָלט פאַרגעסן וועגן איר באַגעגעניש מיט אים ביים אַלטן שלאָס. די טראַכטונגען האָבן אָבער איר געהאַלטן אין איין קריכן אין קאָפּ אַריין.

— טרעט אָפּ פון מיר! — האָט זי איינמאָל אין מיטן נאַכט אַ געפייניקטע אויסגעשריגן אויפן קול און אַ הייב־געטאָן דעם קאָפּ פון קישן. יאָשע האָט פון איר געשריי זיך אויפגעכאַפּט און ער איז שוין געווען לעבן איר בעט. ווען ער האָט געזען, אַז זי איז וואַך האָט ער זיך צו איר צוגעבויגן און זי געפרעגט צי עס האָט זיך איר עפּעס געחלומט.

— כ׳בין נאָך נישט געשלאָפן — האָט זי אים געענטפערט און זיך אויפגעזעצט. עס האָט זי אַרומגענומען אַ געפיל פון געפאַלנקייט און עס האָט זיך ביי איר אויפגעוועקט אַ פאַרלאַנג צו דערציילן איר מאַן וועגן איר באַגעגעניש מיטן פאַניטש.

— האָסט אַוודאי אויף אַ מינוט איינגעדרימלט. אין איין מינוט קען זיך חלומען זייער אַ סך. און ווען מ׳כאַפּט זיך אויף פאַרגעסט מען אַלצדינג — איז יאַשעס קול געווען שטיל און מילד, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ קינד.

— נישט אַלעמאָל פאַרגעסט מען — האָבן בלומעלען אַ שפּאַר געטאָן טרערן אין די אויגן — אַ־יאָ, האָסט דיך אָפּגענאַרט, וואָס האָסט מיט מיר חתונה געהאַט?

— וואָס רעדסטו אַזעלכע נאַרישקייטן אין מיטן נאַכט? ס׳האָט נאָך קיינעם אַזאַ גליק נישט געטראָפן ווי מיך — האָט יאַשע זיך אַ וויג געטאָן און אַן אומגעלומפּערטער זי אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט און זי געקושט — דערצייל מיר וואָס ס׳האָט זיך דיר געחלומט.

— עפּעס וועגן פאַניטש.

— וואָס פאַר אַ פאַניטש?

— טאַדעק, פון אונדזער הויף.

— וואָס־זשע איצט פלוצים? ער איז דאָך שוין לאַנג טויט. ווייסיך, פוסטע נאַרישקייטן. כ׳על דיר ברענגען אַביסל מילך, וועסטו קאָנען ווידער איינשלאָפן.

— מ׳דאַרף נישט — האָט אים בלומעלע פאַרהאַלטן לעבן זיך.

— כ׳על מאָרגן זיין אין שטאָט וועל איך אַריינגיין צום פעלדשער און נעמען עפּעס פאַר דיר צום שלאָפן.

— זעסט, כ׳זאָג דיר, אַז דו האָסט דיך אָפּגענאַרט. אָדער כ׳האָב אַ קאָפּ־ווייטיק, אָדער כ׳קאָן נישט שלאָפן. האָסט געווען באַדאַרפט חתונה האָבן מיט אַזאַ ווי מיין שוועסטער נעכע. זי איז שוין איינמאָל אַ באַלעבאָסטע.

— כ׳וואָלט דיך נישט אויסגעביטן פאַר קיינעם און דו ווייסט עס. כ׳האָב נאָר מורא געהאַט טאָמער וועסטו מיך נישט וועלן. אַמאָל דאַכט זיך מיר אויס, אַז דו ביסט דאָ נישט צופרידן. האָט אפשר מיין מאַמע דיר עפּעס געזאָגט?

— ניין, פאַרקערט, דיינע טאַטע־מאַמע זיינען זייער גוט צו מיר.

— ווילסט אפשר, אַז מיר זאָלן זיך אַרויסציען פון דאָרף? כ׳האָב שוין לאַנג געטראַכט, אַז ס׳וועט זיין בעסער פאַר דיר צו וואוינען אין שטאָט. דו וועסט זען, כ׳על דיר נאָך צונעמען אַ דינסט, אַזוי אַז דו וועסט אַפילו קיין שטרוי נישט דאַרפן אויפהייבן — איז יאַשע געוואָרן באַרעדעוודיק. בלומעלע איז דערנאָך געווען צופרידן וואָס ער האָט זי פאַררעדט און זי האָט מער נישט געטראַכט וועגן פאַניטש.

אין די זומער־טעג, ווען יאַשע איז אין דער היים נישט געווען, האָט

בלומעלע אַלעמאָל געפונען אַן אַנדערן תירוץ צו קומען קיין יאַנאָוויץ. ווען זי איז געווען אין יאַנאָוויץ איז זי ניט איינמאָל ווי מיידלווייז אייגע אַליין אַוועק הינטערן גאָרטן און דאָרט געזעסן צווישן די אַלטע ווערבע־ביימער. זי איז אויך אַ פּאָר מאָל אַליין זיך פאַרגאַנגען צום אַלטן שלאָס.

לייבן איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס בלומעלע וואַקסט אַלעמאָל אויס אין דער היים. ער האָט אָבער געשוויגן. די ווייבער פון דער משפחה האָבן איר אָן אים געזאָגט גענוג מוסר.

— זע נאַר, אין אַ פּראָסטן מיטוואָך ביסטו געקומען גוט־שבת ביטן? דו קומסט שוין פּאָר נעכטן אויך. זי וואוינט דאָך דאָ הינטער דער נאָז און זי קאָן זיך נישט אָוועקרייסן פון איר באַלעבאַטישקייט.

— אַ באַלעבאָסטע דאַרף זיין לעבן איר שטוב.

— ס'ווענדט זיך וואָס מ'האָט לעבן דער שטוב. אַזאַ פּוסטע באַלע־באַטישקייט ווי עס איז ביי דיר האָב איך נישט געזען ביי מיין לעבן. ס'דרייען זיך דאָרט אַרום אַנדערהאַלבן הינער, און שוין. ווי איז עס געהערט געוואָרן, אַז מען זאָל אַפילו דאָס שטיקל גאָרטן אַוועקגעבן אַזוי אויף שותפות.

— וואָלסטו געהאַט אַ פּאָר קינדער, וואָלט אַלצדינג אַנדערש גע־ווען — האָבן די ווייבער געהאַלטן אין איין רעדן און בלומעלע האָט אַ שווייגנדיקע זיי אויסגעהערט.

דבורה די פירזאָגערין האָט יעדעס מאָל, ווען זי האָט געזען בלומעלען געהאַט פּאַר איר אַ נייע סגולה אויף צו האָבן קינדער און זי האָט אַלע־מאָל גערעדט מיט איר אויפן אויער. בלומעלע האָט אָבער זיך נישט גענומען צום האַרצן וואָס זי פאַרגייט נישט אין טראָגן און זי האָט פאַרגעסן אָן די אַלע סגולות נאָך איידער זי איז אַהיימגעקומען. נאָכדעם ווי יאָשע האָט איר געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך באַזעצן אין שטאָט איז זי געזעסן אין דאָרף דערוויייל און זי האָט אַפילו נישט געוואָלט אויפזעצן קיין קוואָטשקע אויף אויסצואוואַרעמען הינדעלעך.

יאָשע האָט ווי צוליב בלומעלען זיך געריסן צו פאַרדינען וואָס מער געלט. ער האָט איר כסדר געהאַלטן אין איין צוזאָגן, אַז זיי וועלן זיך אַרויסציען אין שטאָט אַריין און אַז זי וועט ביי אים האָבן אַלע וואויל־טאָגן. אַזוי ווי ער האָט אָבער ביי מעקלערייי נישט געמאַכט קיין גרויסע גליקן, האָט ער זיך גענומען האַנדלען מיט תבואה. ער האָט, אָן לייבס וויסן, פאַרמשכנט ביים פעטער נאָטע בלומעלעס פעלד, וואָס זי האָט באַקומען נדן, און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין מסחר.

פון אָנהייב זיינען אים די געשעפטן אַוועק גוט און ער איז אַלעמאָל אַהיימגעקומען פון די יאַרידים אָן אויפגעהייטערטער מיט אַלערליי מתנות פאַר בלומעלען. ער האָט באַצייטנס זיך גענומען קליידן ווי די אויפגע־קלערטע שטאָטישע סוחרים און געהאַלטן בלומעלען אין איין פאַרזיכערן, אַז זיי וועלן שוין לאַנג נישט בלייבן זיצן אין דאָרף.

— ס'דאָרף איז נישט פאַר דיר. אין שטאָט וועט דיר זיין פריילעך

און דו וועסט דאַרטן לעבן ווי אַ גראַפינע. דו ביסט מיר קיין־עין־הרע מזלדיק — האָט ער צו איר גערעדט און נישט איינמאָל אויך איר גע־נומען דערציילן וועגן זיינע מסחרים. זי האָט אַ פאַרטראַכטע אים אויס־געהערט, אים געשענקט אַ שמייכל, אַ גוט־וואָרט, אָבער זיינע אַלע רייד זיינען איר ווי נישט אָנגעגאַנגען.

* * *

יאָשע דאַטש האָט גענומען צופיל שטעלן אויף זיך און ס׳מזל האָט זיך ביי אים אַ דריי־געטאָן אויף צוריק. עס האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס ער האָט איינמאָל, אָנהייב זומער, אָנגעקויפט אַ סך ווייץ נאָך איידער מען האָט אים אָפּגעשניטן פון פעלד. אַזוי ווי ס׳איז אָבער אין יענעם יאָר געווען אַ גרויס גערעטעניש אויף תבואה איז, נאָך שניט, געוואָרן אַ זול אויף ווייץ און ער האָט דערלייגט דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַן אַנדערן מסחר און עס האָט ביי אים אָנגע־הויבן גיין באַרג אַראָפּ. גוטע־ברידער, וואָס האָבן געזען ווי ער קריכט אַלץ מער אַריין אין חובות, האָבן אים גענומען צורעדן, אַז ער זאָל אָנזעצן.

— באַהאַלט אַביסל מזומן און פייף זיי אָן.

— ווייז אַ לאַך אין קעשענע און זאָג, אַז דו האָסט נישט. מ׳עט דיך דערפאַר נישט איינזעצן — האָבן זיי אים געעצהט.

— כ׳על עס נישט טאָן. אַ ריינער נאָמען איז ביי מיר מער ווי געלט — האָט יאָשע ניט געוואָלט זיך צוהערן צו די רייד. ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט זיך אַרויסצודראַפּען פון אַלע חובות און געחלומט וועגן פירן גרויסע געשעפטן, וועגן וואוינען מיט בלומעלען אין שטאָט און וועגן צונעמען אַ דינסט פאַר איר. ער האָט אָבער אין אַ גאַר קורצער צייט פאַרטאַכלעוועט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און זיך מער נישט געקאָנט ווייזן אויף די יאַרידים.

נישט בלומעלע, נישט זיין טאַטע און נישט לייב האָבן געוואוסט, אַז יאָשע האָט פאַרלוירן אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אַפילו נאָטען האָט ער נישט אַלץ דערציילט. ערשט ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן לעצטן רייניש, איז ער אַוועק צו נאָטען זיך האַלטן מיט אים אַן עצה.

יאָשע האָט נאָכדעם, ווי ער איז אַראָפּ פון דער מדרגה, געהאַט עט־לעכע אויסוועגן: ער האָט לעבן זיין טאַטן געקאָנט ווערן אַ סאַדאָווניק; מען האָט געקאָנט פועלן ביי דעם פעטער יוסף, אַז ער זאָל אים אַריינגעמען אין זיין דינערשאַפט, און ער האָט אויך געקאָנט נעמען אַ קיישל און אַרויסגיין אויפן דאָרף האַנדלען. עס האָט אָבער יאָשען קיינמאָל נישט געצויגן צו אַזעלכע פרנסות און זיי זיינען אים איצט אויך צוליב בלומעלען נישט אָנגעשטאַנען.

— כ׳וואָלט בעסער אַנטלאָפן אין דער וועלט אַריין — האָט יאָשע זיך אויסגערעדט ס׳האַרץ פאַר נאָטען.

— ווער־זשע האַלט דיך צו? ס'איז דאָך נישט אַמאָל. די וועלט איז היינט אַן אָפענע. ס'איז דאָ אין דאָרף סיי ווי נישט קיין תכלית פאַר קיין יונגע מענטשן — האָט נאָטע דערמאָנט נעמען פון באַקאַנטע, וואָס האָבן גראָד דעמאָלט זיך געקליבן פאָרן קיין אַמעריקע.

— כ'וואָלט טאַקע געפאָרן, אָבער ווי קאָן איך איבערלאָזן בלומעלען?

— יאָשע האָט זיך פאַרטרויט פאַר נאָטען, אַז ער האָט נאָך בחורוויי בײ זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז אויב בלומעלע וועט אים נישט וועלן נעמען וועט ער אַוועק קיין אַמעריקע.

— פאַרוואָס זאָלסטו זי איבערלאָזן? נעם זי מיט. זי וועט ערשט אויפלעבן אין דער גרויסער וועלט — האָט נאָטע זיך צעוואָרעמט און צוגערעדט יאָשען נישט צו פאַרלירן קיין צייט.

יאָשע האָט גענומען רעדן מיט בלומעלען וועגן פאָרן קיין אַמעריקע און זי האָט באַלד ווי אין פיבער זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע. אַזוי ווי זי איז געווען זיכער, אַז דער טאַטע וועט זיי נישט לאָזן פאָרן האָט זי אָפּגערעדט מיט יאָשען, אַז זיי זאָלן אַוועק פון דער היים שטילערהייט קיינער זאָל ניט וויסן. זיי האָבן געמאַכט צו געלט אַ פּאָר שטיקלעך צירונג און אויך אַביסל זילבערוואַרג פון זייער דרשה־געשאַנק. זיי האָבן, אָן לייבס וויסן, איבערגעשריבן אויף נאָטען זייער פעלד, וואָס איז בײ אים געווען פאַרמשכנט, פון אים אַרויסבאַקומען נאָך אַביסל געלט און זיי זיינען, אָן אַ זיי געזונט, אַוועק פון דער היים.

לייב האָט ערשט, אויפן דריטן טאָג, זיך דערוואוסט וועגן זייער אַוועק־פאָרן און ער איז געוואָרן אויפגערודערט. ווען ער איז געוואויר געוואָרן, אַז נאָטע האָט וועגן אַלץ געוואוסט און אַז ער האָט אָפּגעקויפט בלומעלעס פעלד, איז ער אַ צערייצטער אַוועק צו אים אויסצולאָזן זיין כעס.

— וואו איז ער, דיין פּאָניע? ס'עט אים דאָסמאָל נישט אַזוי לייכט אָפּגיין. כ'בין אים נישט סענדער, ביי וועמען ער האָט אויסגעכיטרעט די עטלעכע מאָרג פעלד פאַר האַלב־אומזיסט. מיך וועט ער ביים לעבן נישט ירשענען! — האָט ער, ביים צוקומען צו נאָטעס שטוב, זיך צעשריגן אויף זיין שוועסטער רויזע, וואָס האָט אים באַגעגנט אין דרויסן פאָרן הויז. רויזע האָט פון גאָרנישט געוואוסט און לייב האָט איר אַלץ דער־ציילט.

— לייב, ווי גאָט איז דיר ליב, זאָלסט דיך מיט אים איצט ווידער נישט פאַרקריגן. ס'איז דאָך נאָר אַ בושה פאַר מענטשן — האָט זי אַ ברייטע זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון דער שטובן־טיר און ניט אַריינגעלאָזט איר ברודער.

— און אויסנאַרן ביי מיינע קינדער אַ שטיקל פעלד איז נישט קיין בושה? פאַרוואָס איז ער צו מיר נישט געקומען פרעגן? וואָס מיינט ער זיך? — האָט לייב געפייערט.

— כ'האָב ביי קיינעם גאָרנישט אויסגענאַרט און כ'האָב גאָרנישט צוגענומען, און דו האָסט דיך נישט וואָס צו בייזערן. כ'האָב געלאָזט איבער־

שרייבן דאָס פעלד אויף מיין נאָמען, ווייל כ'האָב נישט געוואָלט, אַז יאַשעס בעלי־חובות זאָלן עס צונעמען — איז נאָטע באַלד אַרויסגעקומען פון הויז און אַזוי לאַנג געדעדט ביז דער כעס האָט ביי לייבן אָנגעהויבן אָפּגיין.

— וועסט אים אָפּגעבן בלומעלעס פעלד און אַרבעט מיר ניט אָן קיין ניי מחלוקת! — האָט איצט רויזע זיך צעשריגן אויף איר מאַן.

— ער קאָן עס אַפילו נאָך היינט איבערנעמען אויף זיין נאָמען — האָט נאָטע זיך געדעדט געלאַסן און אַריינגענומען לייבן אין שטוב אים צו ווייזן, שוואַרץ אויף ווייס, וויפיל געלט ער האָט געגעבן יאַשען.

קאַפּיטל ניין־און־צוואַנציק

דאָס דאָרף איז מיט יעדן יאָר גרעסער געוואָרן און די רוטענער האָבן זיך דאָרט געהאַלטן אין איין מערן. עס האָבן אין יאַנאָוויץ זיך באַזעצט נאָך פּאָליאַקן און עס איז אַלעמאָל צוגעקומען אַ נייע יידישע שטוב.

דער רוטענער, דער פּאָליאַק און דער ייד האָבן געוואוינט אין שכנות איינער לעבן אַנדערן, מען האָט אינאיינעם געאַרבעט אין פעלד און מען האָט צווישן זיך געהאַנדלט און געוואַנדלט. טיף אין האַרצן האָבן זיי אָבער איינער דעם אַנדערן פיינט געהאַט.

די פּאָליאַקן האָבן אַראָפּגעקוקט אויף די פאַרגרעבטע רוטענער און זיי נישט פאַרגינען זייער ערד און זייער איינגעוואָרצלטקייט. זיי האָבן כלומרשט זיך געהאַלטן נעענטער צום יידישן שכן, אָבער זייער שנאה צו די יידן איז געווען נאָך אַ גרעסערע. די רוטענער ווידער זיינען געווען איינגעגלויבט, אַז ס'דאָרף איז נאָר פאַר זיי און סיי דער פּאָליאַק און סיי דער ייד זיינען זיי געווען גרויס אין די אויגן.

— די פּאָליאַקן, די לאַכעס האָבן זיך דאָ אונדז אַריינגערוקט אין די ריפּן. זיי האַלטן אין איין צוקויפן פעלד.

— און די יידן האָבן דען נישט די בעסטע ערד? — האָבן די רוטענער צווישן זיך גערעדט.

גאָר אויפגעבראַכט זיינען געוואָרן די רוטענער, ווען די פּאָליאַקן האָבן אומגעריכט, מיט דער הילף פון דעם נייעם פּוילישן פּריץ, אויסגעבויט אין דאָרף אַ קאָאָפּעראַטיוו און אַ „פּוילישע הויז" מיט אַ טשערעפּענעם דאַך. אין דעם „פּוילישן הויז", וואָס זיי האָבן אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון זייער קאָאָפּעראַטיוו, האָבן זיי אַלע בשותפות געעפנט אַ געוועלב פון פאַרשידענע סחורות און אָפּגעצויגן קונים פון די יידישע קרעמלעך. זיי האָבן אין דעם נייעם הויז אויך געהאַט אַ טשיטאַלניע. מען האָט צונויפגעטראָגן עטלעכע אַלטע ביכלעך, מען האָט אויסגעשריבן אַ פּוילישע

צייטונג, אַזש פון לעמבערג און עס האָט געהייסן, אַז די פּאַליאַקן וועלן קומען אין דער טשיטאַלניע זיך אַביסל אויסבילדן. די ביכלעך מיט די צייטונגען זיינען אָבער באַלד פאַרשוואונדן און מען איז דאָרט זיך צונויפגעקומען נאָר צו פּראַוועך הוליאַנקעס. די פּאַליאַקן האָבן אין די נעכט פון זייערע יום טובים, אין זייער הויז זיך געלאָזט וואוילגיין ביזן טאָג אַריין. זיי האָבן געשיכורט, געפּרעסן קאָלבאַס, געשפּילט אויף האַרמאָשקעס, אויסגעהאָפּקעט אַ מאַזורקע, אַ פּאָלקאַ, אָדער אַ קראַקאָוויאַק און מיט באַנומענע קולות געזונגען זייער ליד „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגיניענלאַ פּוקי מי זשיעמי״ (פּוילן איז נאָך נישט פאַרלוירן, אַזוי לאַנג ווי מיר לעבן.)

— וואָס זאָגט מען נישט דערצו ווי זיי האָבן אויפגעהויבן די קעפּ פון זינט דער פּוילישער פּריץ האָט דאָ איבערגענומען!

— זיי ווילן צוריק אויפשטעלן זייער פּאָלשטשינע.

— מ׳זאָגט, אַז די פּירשטין סאַפּיעהאַ וועט דאָ־אַרום פאַרצעלירן אַ סך פעלד פאַר פּאַליאַקן, וואָס וועלן קומען פון מאַדזורען־לאַנד — האָבן די רוטענער צווישן זיך גערעדט און זיך גענומען שאַרן נעענטער צו די ייִדן.

פון גרויס קנאה האָבן זיי נאָכגעטאָן זייערע פּוילישע שכנים. זיי האָבן זיך געלאָזט פירן פון דעם אַלטן גלחס זון, וואָס איז נאָך יאָרן שטודירן אין לעמבערג, אַהיימגעקומען אין גלחישע קליידער און ער האָט זיי צוגערעדט, אַז זיי זאָלן אויך אויפבויען אַ הויז. וואו זיי זאָלן זיך קאָנען צונויפקומען. זיי האָבן ווי די פּאַליאַקן צווישן זיך צונויפגענומען געלט, בוי־מאַטעריאַל. עס האָט אויך דער פּריץ זיי עפּעס געגעבן צו־שטייער און זיי האָבן אין איינע עטלעכע וואָכן אויפגעבויט אַ „שעוו־טשענקאָ הויז״ און אויך געעפנט אַ שותפותדיק געוועלב.

די שטילע קנאה און שנאה צווישן די רוטענער און די פּאַליאַקן אין דאָרף האָט עטלעכע מאָל געפּלאַצט און עס זיינען צווישן זיי פאַר־געקומען אַזעלכע בלוטיקע געשלעגן, אַז זשאַנדאַרן האָבן זיך געמוזט אַריינמישן. מ׳האָט אַלע מאָל ביי מעשלען אין שענק ביי אַ ליטער בראָנפן זיך כלומרשט איבערגעבעטן. מען האָט זיך געגעבן די הענט און מען האָט שיכורלעכע מיט גוטע ריידעלעך איינער דעם אַנדערן דערמאָנט, אַז זיי זיינען ברידער, אַז זיי קושן איין־און־דעמזעלביקן צלם און אַז זיי גלויבן אַלע אין דער „דרייאייניקייט״. זיי האָבן אָבער די פיינטשאַפט איינס צו ס׳אַנדערע נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון זייערע הערצער.

אין די קריגערייען האָט, סיי דער פּאַליאַק און סיי דער רוטענער געוואָלט האָבן דעם יידישן שכן אויף זיין זייט. אָבער די דאָרפישע יידן האָבן, ווי ווייט זיי האָבן נאָר געקאָנט, זיך געהאַלטן פון דערווייטנס און זיך נישט אַריינגעמישט.

— ס׳איז שאַנדערע באַנדערע. זיי מעגן זיין די כפרה איינס פאַר ס׳אַנדערע. ס׳איז נישט אונדזער עסק.

— ווען זיי רייסן זיך אַרום און האָבן מיט זיך צו טאָן פֿאַרגעסן זיי אַביסל אָן אונדז.

— הײַנט שלאָגן זיי זיך און מאָרגן וועלן זיי זיך כלומרשט קושן אין די פּיסקלעך און אויסלאָזן צו אונדז.

— נו, וואודען, אַז מ'דאַרף אויפֿן יאַריד שלאָגן יידן ווערן זיי די בעסטע גוטע ברידער און זיי נעמען זיך אָן איינער פֿאַרן אַנדערן — האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט.

דאָס יידישע יונגוואַרג פֿון דאָרף איז נישט געגאַנגען צו די פּױ־לישע הוליאַנקעס און האָט ניט אַריינגעשמעקט אין דעם שעווטשענקאָ הויז. מען האָט זיך געהאַלטן לעבן דער קלויז, מען האָט פֿאַרבראַכט אינאיינעם אין די יידישע שטיבער און מען איז שבת נאָכן טשאָלנט געגאַנגען שפּאַצירן צום אַלטן שלאָס, צו דער ראַגאַטקע און אַמאָל אויך ביז הינטערן שטעטל. די מער אויפֿגעקלערטע בחורים און מיידן זײַנען אַפֿילו אין וואָכעדיקע אויפֿדערנאַכטן זיך צונויפֿגעקומען ביי נאָטען אין הויז.

נאָטע האָט מער פֿון אַלע דאָרפֿישע יידן צוגעזען, אַז מען זאָל האָבן פֿאַר די קינדער מאָדערנע גוטע לערער און אַז אויך די עלטערע יינגלעך און מיידלעך זאָלן זיך נישט אָפּרייסן פֿון לערנען. חוץ די לערער האָט ער אויף די זומערן געבראַכט אין דאָרף אַריין סטודענטן, וואָס האָבן געגעבן „שטונדן" די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך און צוגע־וואוינט ס'יונגוואַרג צו ליינען אַ ביכל און אַריינצוקוקן אין אַ צייטונג.

— וואָס זאָגט מען נישט דערצו ווי אונדזערע טעכטער ווערן „געבולבעט" (געבילדעט). מ'האַלט זיך נאָר אין איין אַרומטראָגן מיטן ביכל.

— איר האָט באַדאַרפֿט זען אַ האַנטשריפֿט ביי לייבס קינדער. זיי שרייבן אָן אַ אַדרעסע קיין אַמעריקע איז עס אַזוינס אַ חידוש.

— און מעשעל פֿון שענק וויל דאָך מאַכן זיין מאַירן פֿאַר אַ סטודענט. אברהם אַליניק וועט נאָך האָבן אַן אייניקל אַ דאָקטאָר.

— הײַנטיקע צייטן איז טאַקע בעסער צו קענען וואָס מער — האָבן די דאָרפֿישע טאַטעס און מאַמעס ווי שטאָלצירט מיט די קינדער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן חשק צום לערנען.

מעשעל, אברהם אַליניקס, האָט דער ערשטער אָװעקגעשיקט זיין זון מאיר שטודירן אין אַ גימנאַזיע און דערנאָך האָבן אַנדערע יידן פֿון דאָרף אים נאָכגעטאָן.

די דאָרפֿישע סטודענטן האָבן אַ גאַנץ יאָר מיט גרויס חשק געלערנט אין די שטעט און ווען זיי זײַנען אין די זומערן אַהיימגעקומען אויף זייער וואַקאַציע, אין די בלויע מונדירן באַלאַדענע מיט פּעק ביכער, האָבן די דאָרפֿסלייט זיי אָפּגעגעבן גרויס כבוד.

די עטלעכע סטודענטן און די אויפֿגעקלערטע בחורים און מיידן פֿון יאַנאָוויץ און פֿון דער טאָטאַרשטשינע האָט געצויגן צו נאָטען, וואָס

האָט געפירט אַ רחבותדיק הויז. נאָטע האָט געהאַט פיר טעכטער, דריי פון זיי שוין דערוואַקסענע, אָבער דאָס יונגוואַרג איז זיך צונויפגעקומען אין זיין שטוב נישט אַזוי צוליב זיינע מיידלעך ווי צוליב אים אַליין. ער האָט פאַר זיי שטענדיק ברייט געעפנט די טיר, פאַרגעסן אָן אַלע זיינע געשעפטן און מיט זיי פאַרבראַכט ווי מיט זיינסגלייכן. ער האָט מיט זיי געזונגען ציון־לידער, געשפּילט שאָך, גערעדט פּאָליטיק און זיי אַלעמאָל אונטערגעטראָגן אַ צייטונג אָדער אַ ניי ביכל. ער האָט צווישן יונגוואַרג ווי אויפגעלעבט און ער איז גאָר ניט מיד געוואָרן צו רעדן און צו דערציילן וועגן גרויסע שטעט און ווייטע לענדער.

— איי, קינדער, ס׳אַזאַ גרויסע און שיינע וועלט און מ׳ליגט דאָ אין דעם וויסטן דאָרף. כ׳האָב מיר געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן חשבון, אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון. אַז כ׳בין דאָ ווי געפּענטעט... — פלעגט ער אָפטמאָל אין מיטן רעדן אָפּזיפצן. ער האָט דערביי אַנגעוויזן אויף זיין בוך מיט חובות און פון דער זייט אַריבערגעקוקט צו זיינע שוער־לייביקע גרויסע טעכטער, וואָס זיינען אין אויסזען און אין זייער פירעכץ אינגאַנצן געווען גערעטן אין זייער דאָרפישער מאַמע. לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז ער איז עפּעס ווי קעגן זיין ווילן איינגעפּונדעוועט געוואָרן אין דאָרף מיט פעלדער, מיט פולע שאַפעס שניט־סחורה און מיט אַ סך חובות ביי די גויים. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעסן ס׳האַרץ, וואָס זיינע דריי עלטערע טעכטער זיינען נישט פון זיין שניט.

נאָטע האָט געוואָלט פירן זיינע טעכטער אויפן שטאָטישן שטייגער און ווען זיי זיינען נאָך געווען קליין האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן צו רויזען, אַז זי זאָל די מיידלעך קליידן אַנדערש ווי די דאָרפישע קינדער און אַז זי זאָל צוזען, אַז זיי זאָלן אַפילו אים זומער נישט אַרומגיין באָרוועס. די טעכטער האָבן אָבער דווקא ליב געהאַט זיך צו פּוצן אין קליידער און אין פאַטשיילעס פון ראַשיקע פאַרבן ווי די דאָרפישע מיידן און זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט איינקרעמפּעווען זייערע צעפלאָסענע גרויסע פיס אין שיך, ווען אין דרויסן איז געווען וואַרעם.

ווען די עלטערע צוויי מיידלעך זיינען אונטערגעוואַקסן האָט נאָטע זיי אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין, אַז זיי זאָלן זיך דאָרט אַביסל אויסמענטשלען. ער האָט זיי געוואָלט לאָזן שטודירן אין גימנאַזיע, אָבער די מיידן האָבן נישט געהאַט קיין קעפּ צום לערנען און זיי האָבן בשום אופן זיך נישט געוואָלט האַלטן אין שטאָט. זיי האָבן געבענקט צוריק אין דאָרף אַריין און ער האָט זיי געמוזט אַהיימנעמען.

דערפאַר איז אָבער זיין יינגסטע טאָכטער בוזיע געווען אַנדערש פון די עלטערע דריי מיידלעך. זי איז גאָרנישט געווען ענלעך צו דער מאַמען און צו די „לייבן און בערן״. זי איז געוואַקסן אַ שלאַנקע, געהאַט אַ לויטער פאַרטראַכט פּנימל און זי האָט פון קליינוויז אויף געלערנט מיט חשק.

— די עלטערע דריי זייגען פון דיין פרירעדע, אָבער די קליינע איז איינגאַנצן ווי איך. זי איז גאָרנישט ווי קיין דאָרפישע. זי וועט ביי מיר אויסוואַקסן אַ פּריצהלע — האָט נאָטע געוועדט צו זיין ווייב און זיך ווי געשפּיגלט אין זיין קליין טעכטערל בוזיע.

— ס'פעלט מיר טאַקע אויס אַ שטרויענע פּאַניענקע, אַ באַבע מירעלע, אַזאַ ווי בלומעלע לייבס — האָט רויזע אַן אומצופרידענע גע־צויגן מיט די אַקסלען.

* * *

נאָטע האָט ווי געשלעפּט דאָס שטאָטישע שטייגער־לעבן אין דאָרף אַריין. ער האָט אין קלויז און ביי זיך אין שטוב אַלעמאָל געהאַט וואָס צו דערציילן, ווען ער איז צוריקגעקומען פון די שטעט, וואו ער האָט איינגעקויפט זיין שניט־סחורה. ער איז אויך שטענדיק פון די שטעט צוריקגעקומען מיט עפּעס אַ חידוש. איינמאָל האָט ער אין מיטן זומער פון אַ גרויסער שטאָט אַהיימגעבראַכט אַ גראַמאָפאָן מיט אַ גרויסער טרובע און די דאָרפסלייט, וואָס האָבן אַזאַ חידוש נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען, זיינען זיך צונויפגעלאָפן ווי אויף אַ בייז־וואונדער.

באַלד דעם ערשטן פאַרנאַכט, וואָס ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן ביי אַן אָפן פענצטער און עס האָט איבערן דאָרף זיך געגומען טראָגן אַן „ונתנה תוקף", וואָס מען האָט אַזוינס נאָך נישט געהאַט געהערט. נאָכן חזנות האָט פון דער טרובע עמעצער געגומען אַרויסזינגען:

„אין דרויסן בלאָזט אַ ווינט אַ קאַלטער,
אַ שרעקלעכע דעצעמבער־נאַכט,
ביים לעמפּל זיצט אַ ייד אַן אַלטער,
דאָס קעמערל פאַרמאַכט.
די באָרד שניי־ווייס, די אויגן גליען,
ער וויינט רעכט־היס ביים שערי ציון.
אויס הערצענס־טיפן טוט ער רופן:
ירושלים! ירושלים! מיין טייער הייליק אָרט!"

דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן געזאַנגען אין פּויליש און אין דייטש. די דאָרפסלייט האָבן נישט געוואוסט, וואָס עס איז אויף זיי געפאַלן און יונג און אַלט האָבן זיך געלאָזט לויפן זען וואָס דאָס איז אַזוינס. דער הויף אַרום נאָטעס שטוב איז פול געוואָרן מיט מענטשן. אַלע האָבן מיט מויל און אויגן געגאַפט און זיך געשאַרט צום פענצטער.

— נאַ דיר גאָר אַזאַ מין זאַך! ס'איז דאָך חוץ לדרך הטבע.

— ס'איז נישט צום פאַרשטיין. איר'ט דאָך מיר נישט איינרעדן, אַז ס'זינגט זיך אַזוי אַליין.

— אפשר איז עס גאָר שוואַרץ־קינצלעריי ?

— מ׳דאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער צו קענען אויסקלערן אַזאַ זאַך.

— ווײ, ווײ, וואָס ס׳ווערט פון דער וועלט. נאָר מ׳ברעכט זיך די קעפּ און נאָר מ׳קלערט אַלעמאָל אויס עפּעס אַ נייע זאַך.

— איר הערט וואָס איכ׳ל אייך זאָגן, ס׳געפעלן מיר נישט די אַלע נייע קונצן — האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט און באַטראַכט דעם גראַמאָפאָן פון אַלע זייטן.

— ס׳אַ שכל דערביי — האָט פּסח, לייבס עלטערער ברודער, וואָס האָט שטענדיק געאַרבעט איבער פאַרשידענע מאַשינדלעך, געפּרואווט אויפקלערן די יידן ווי אַזוי דער גראַמאָפאָן אַרבעט, און אַ יונגער סטודענט האָט אים אַרויסגעהאָלפן.

— עס זיינען שוין דאָ גרעסערע חידושים — איז נאָטע זיך געזעסן ביים פענצטער אָן אויסגעפוצטער אין אַ נייער פלושענער וועסט און געשמייכלט.

די גויאישע דאָרפסלייט האָבן דעם ערשטן פאַרנאַכט מורא געהאַט צוצוגיין נאָענט צום פענצטער, וואו עס איז געשטאַנען דער גראַמאָפאָן. אַ סך פון זיי האָבן געמיינט, אַז ס׳איז עפּעס אַ כישוף דערביי און זיי זיינען געבליבן שטיין פון דערווייטנס.

— ווער ווייסט וואָס פאַר אַ רוח ס׳זיצט דאָרט אין דער טרובע.

— און זינגט נאָך מיט אַזאַ געזונטער געמבע.

— כ׳וואָלט מורא געהאַט עס צו האַלטן אין שטוב.

— דער נאָטע שרעקט זיך נישט איבער אַפילו פאַרן טייוול.

— הערט נאָר, מענטשן גוטע, פּויליש קען עס דאָך אויך ! — האָבן די גויים צעטומלטע פון דערווייטנס געשטרעקט זייערע העלדזער צו דער גרויסער טרובע.

מען האָט וועגן דעם גראַמאָפאָן גאַרניט אויפגעהערט רעדן און יעדן פאַרנאַכט זיינען קינד און קייט זיך צונויפגעקומען אים הערן שפּילן.

עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען מען האָט זיך אַביסל שוין געהאַט צוגעוואוינט צום גראַמאָפאָן, האָט נאָטע אומגעריכט אַראָפּגעבראַכט אין דאָרף אַריין אַ טאַנץ־לערער.

— ווער איז דער דראַנדזשיק ? — האָט רויזע געפרעגט איר מאַן, ווען זי האָט ביים אָנקומען פון גאָרטן דערזען אויפן הויף אָן אויסגעצויגענעם דאַרן בחור אין אַ צעקנייטשטן קאַפּעליוש.

— כ׳האָב געבראַכט אַ טאַנץ־לערער.

— אַ וואָס ? אַ טאַנץ־לערער ? וואָס וועט ער דאָ טאָן ?

— ער׳ט שוין טאָן. די מיידלעך וועלן זיך ביי אים לערנען טאַנצן. ס׳עט זיי גאָרנישט שאַטן. וואו אַ שטעטל איז שוין דאָ אַ טאַנץ־לערער און מיר דאַרפן נישט אָפּשטיין.

— אַז טאַנצן זאָלן מיינע שונאים אויפן לאָקשן־ברעט. האָסט שוין

קיין אַנדערע זאַך נישט געקאָנט ברענגען? נאַ דיר גאָר אַ טאַנץ־לערער צום טיש! — איז רויזע געוואָרן אָנגעדרודלט.

רויזעס און נאָטעס דריי גרויסע באָרוועסע מיידן זײַנען אַרויס־געקומען פון שטוב און עס האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט ביים טויער אַ פּאָר יידישע שכנטעס מיט זייערע טעכטער. די ווייבער האָבן באַ־טראַכט דעם פרעמדן יונג, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף און צווישן זיך גערעדט אין דער שטיל.

— ער וועט לערנען די מיידלעך טאַנצן. נאָטע האָט אים געבראַכט.

— ס׳ערשטע מאָל וואָס איך הער, אַז מ׳דאַרף אַ לערער דערצו. ווער האָט אונדז געלערנט טאַנצן? ווען מ׳קומט אָבער אויף אַ חתונה און ס׳האַרץ איז פריילעך טאַנצט מען, אַז ס׳גייט אַזש אַ רויך.

— און דער־אָ פּאַרשוין האָט זיך שוין נישט געקאָנט געפינען קיין שענערע פּרנסה ווי לערנען מיידן טאַנצן?

— מ׳דאַרף בעסער אויסגעפינען צי ער האָט שוין אַ ווייב. אויב ער איז נאָך אַ בחור, וועט מען אים דאָ חתונה מאַכן און דערנאָך וועט זיך אים שוין אָפּגלוסטן צו טאַנצן.

די מיידלעך האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד, זיי האָבן געוואָרפן אויגן אויף דעם טאַנץ־לערער, וואָס איז געווען אַ גלייכער ווי אַ ווירע און געהאַט אַן אָפּגעצערט בלייך פּנים און טונקל־בלאָנדע קליינע וואָנצע־לעך. זיי האָבן שעמעוודיקע אַראָפּגעקוקט אויף זייערע באָרוועסע פיס, זיך געשטורקעט אין די זייטן, גערעדט אויפן אויער און זייערע פּנימער האָבן זיך גערויטלט.

— אין שטעטל גייט שוין אַפילו דעם בעדערס טאָכטער צו אַ טאַנץ־לערער. מ׳דאַרף אויך אין דאָרף זיין מיט לייטן גלייך. היינטיקע צייטן איז עס אַפילו אַ מעלה צו אַ שידוך — האָט נאָטע אַזוי לאַנג איינגעטענהט מיט די יידישע דאָרפסלייט ביז ער האָט זיי איינציקווייז איינגערעדט, אַז זיי זאָלן שיקן זייערע טעכטער לערנען טאַנצן.

די טאַנץ־שול האָט מען געמאַכט ביי נאָטען אין דער גרויסער שטוב, וואָס האָט געהאַט אַ הילצערנע פּאָדלאָגע און די מיידלעך זײַנען דאָרטן זיך צונויפגעקומען עטלעכע אויפדערנאַכטן אין וואָך. זיי זײַנען געקומען אויסגעצוואָגענע מיט פאַרביקע שלייפן איינגעפלאָכטן אין זייערע צעפּ און אויסגעפּוצטע אין די שבתדיקע קליידער און אין גלאַנצנדיקע שיך. די ערשטע פּאָר מאָל האָבן די מאַמעס זיי געבראַכט צופירן. די ווייבער האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ ווינקל און צוגעקוקט ווי דער פרעמדער יונג, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין הוילען קאָפּ מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע, לערנט זייערע טעכטער שטעלן פיס.

— נאָר נישט מורא האָבן. איר וועט ביי מיר טאַנצן אַ קאַדריל, אַ לאַנסיער, אַ וואַלץ און נאָך אַ סך אַנדערע טענץ, — האָט ער גערעדט צו די שעמעוודיקע מיידן און זיי איינציקווייז אַרויסגעפירט אויף דער גליטשיקער פּאָדלאָגע, וואָס איז געווען אָנגעריבן מיט חלב.

ער האָט אויסגעזוכט די מעלאָדיעס פון פאַרשידענע טענץ און אַ גויאישער קלעזמער האָט אויף אַ פֿלייט אים נאָכגעשפּילט. די מיידלעך זיינען פון אָנהייב געגאַנגען ווי אויף שטאָלצן. זייערע פיס זיינען געווען שווער ווי קלעצער און זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין וואַקלען.

— שטעלטס פיס און האָטס נישט קיין מורא. און אַז מ׳פאַלט איז אויך גאָרנישט. מ׳איז נישט פון קיין גלאָז געמאַכט. אירט ביי מיר אַלע טאַנצן אַזוי־אָ — האָט ער ווי אַ ווינט זיך אַ לאָז־געטאָן איבער דער פּאָדלאָגע און אַליין אויסגעטאַנצט איין טאַנץ נאָכן אַנדערן.

די מיידלעך האָבן, צעוואַרעמטע און באַגאָסענע מיט שווייס, געהויבן די שווערע פיס און זיך געלאָזט פירן פון דעם טאַנץ־לערער, וואָס האָט פלינק זיך געדרייט און ווי געשוועבט אין דער לופטן. ער האָט געזונגען, צוגעקנאַקט מיט די פינגער און אויך צוגעשפּילט אויף אַ קליינער מויל־האַרמאָניע. ער האָט געזאָגט חכמות, געטאַנצט אַרומגענומען מיט אַ קאָטשערע, ער איז געגאַנגען אויף די הענט און אויפן קול געפירט די טענץ מיט אַזעלכע ווערטער ווי „אַנאַוואַן", „באַלאַנסעי", „טאַרדאַמעי", „רעטורשיין", „רעווערענס", ווערטער וואָס מען האָט זיי אין דאָרף קיינמאָל נישט געהאָט געהערט.

— איי, איז דאָס אַ פאַרשלעפּטע קרענק!

— ער וואָלט אַפילו אַ בער געקאָנט אויסלערנען טאַנצן.

— אונדזערע טעכטער דאַרפן די אַלע טענץ ווי אַ לאָך אין קאָפּ, אָבער קענען וועלן זיי — האָבן די מאַמעס צווישן זיך גערעדט.

דער טאַנץ־לערער איז געוואָרן היימיש מיט די אויפגעקלערטע בחורים. ער איז מיט זיי אין די שבתים געגאַנגען שפּאַצירן, פאַר זיי ווי אויסגעשפּילט גאַנצע טעאַטער־שטיק, וואָס ער האָט געזען אין גרויסע שטעט און ער האָט מיט זיי געזונגען יידישע לידער. איינציקווייז האָבן די בחורים אויך אָנגעהויבן קומען צום טאַנצן. צוערשט האָבן זיי זיך נאָר צוגעקוקט. דערנאָך האָבן זיי איינציקווייז אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטע־ליושן פון די קעפּ, פאַרקעמט די טשופּרינעס און גענומען טאַנצן מיט די מיידלעך.

— איר דאַרפט זיך נישט שעמען און עס איז אויף מיר די עבירה. אין שטאָט פירט מען זיך אויך אַזוי — האָט נאָטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צוגעגעבן די מיידלעך מוט.

ווען עס איז אָבער דערגאַנגען צו ר׳ עליע דעם שוחט און צו אברהם אַליניק, אַז בחורים און מיידלעך טאַנצן אַרומגענומענע, האָבן זיי געהאַט טענות צו נאָטען. זיי האָבן אים געמוסרט, אַז דורך אים וועלן יידישע קינדער אַראָפּגיין פון גלייכן וועג. נאָטע האָט זיי אָבער אָפּגעענטפערט, אַז ער זעט אין דעם נישט קיין זינד און געהאַלטן אין איין טענהן, אַז מען דאַרף מיטגיין מיט דער צייט און אַז אין שטאָט פירט מען זיך נישט אַנדערש.

כאָטש לייב איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע און אויך געשיקט

איינע פון זיינע מיידלעך זיך לערנען טאַנצן, איז אים אָבער דער גאַנצער עסק נישט איינגעגאַנגען.

— אַלעמאָל זוכט ער זיך עפּעס אָפּ. ער וויל נאָר נאָכמאַכן די שטאָטלייט. ס׳עט נאָך דערגיין דערצו, אַז די מיידלעך וועלן ווערן גאַנצע פּאַניענקעס און די ייִנגלעך וועלן זיין פּוסט־און־פּאַסניקעס. איר׳ט זען, אַז ס׳עט נישט זיין ווער עס זאָל אויסמעלקן אַ קו און ווער עס זאָל אַרויסגיין צוהעלפן אין פעלד — איז לייב געווען אין כעס אויף זיין שוואָגער.

— טאַקע גערעכט. נאַ דיר גאָר אַ פּוצן זיך אין מיטן וואָך. מ׳רייסט נאָר אויף די אויגן פון די ערלים — האָט אויך דער אַלטער איינגע־פונדעוועטער בונעם מיטן בויך געקאָנט פּאַרליידן, וואָס עטלעכע פון זיינע אייניקלעך האָבן זיך גענומען פירן אַנדערש ווי ער און ווי זיינע זין און טעכטער.

דער טאַנץ־לערער איז אָבער סיי־ווי לאַנג נישט געבליבן אין יאַנאָוויץ. ער האָט זיך באַדונגען מיט נאָטען צו בלייבן דאָרט נאָר עטלעכע וואָכן און ער איז דערנאָך אַוועק אין אַן אַנדער דאָרף עפענען אַ טאַנץ־שול.

* * *

דאָס ניטשלאַוע־וואַסער איז מיט שטילן גערויש זיך געלאָפן צווישן די יאַנאָוויצער בערג און טאָלן און די אַקאַציע־ביימער פוןביידע זייטן וועג האָבן זיך מיט יעדן יאָר אַלץ מער צעוואַקסן. עס האָבן זיך שטיל געצויגן די זומערן און נאָך שטילער די ווינטערן. אַמאָל איז די שטילקייט פון דאָרף אויפגערודערט געוואָרן פון אַ ייִדישער אָדער פון אַ גויאישער חתונה; אַמאָל פון אַ געשלעג צווישן גויים; אַמאָל פון אַ לויה און אַמאָל פון אַ שרפה. אמאָל האָט נאָטע געבראַכט פון אַ גרויסער שטאָט עפּעס אַ חידוש, וואָס מען האָט אַזוינס נאָך נישט געהאַט געזען. אַמאָל איז אום ווינטער, מיט פאַרשנייטע וועגן, אומגעריכט געקומען אין דאָרף אַריין אויף שבת אַ בעל־דרשן און ער האָט מיט זיין רעדן אין קלויז אויפגעוועקט און צעוואָרעמט די דאָרפישע ייִדן. אַמאָל האָט אין דאָרף זיך באַוויזן אַ שוואַרץ־קינצלער אין אַ גרינעם צילינדער און קינד־און־קייט זיינען געלאָפן זען ווי ער ציט פאַרביקע סטענגעס פון זיין מויל און ווי ער שלעפּט פון גויאישע בוזעמס פלאַטערנדיקע ווייסע טויבן.

פון צייט צו צייט איז דאָס דאָרף אויך אויפגערודערט געוואָרן ווען מען האָט עמעצן אַרויסבאַגלייט קיין אַמעריקע. ווען עס איז געקומען צום געזעגענען זיך האָבן די געוויינען און די געוואַלדן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף.

עס האָט געהייסן, אַז מען פאָרט קיין אַמעריקע נאָר אויף דערווייל, אַז מען וועט צוריק אַהיימקומען. אָבער פון די אַוועקגעפאָרענע איז אין

די ערשטע יאָרן בלויז שעפּסל, גדליה דעם געלנס איידעם, צוריקגעקומען קיין יאַנאָוויץ.

דער קורצער ברייט־פּלייציקער שעפּסל האָט צוויי יאָר נאָך זיין חתונה זיך געלאָזט איבעררעדן פון זיינעם אַ שטאָטישן קרוב, אַז ער זאָל מיט אים פאָרן קיין אַמעריקע. דער קרוב האָט אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן דאָרט אין איינע פּאָר יאָר אָפּשפּאָרן אַ סך געלט און דערנאָך זיך צוריק אומקערן אַהיים.

— האָסט נישט וואָס צו וויינען. כ'קאָן דיר שווערן ביי דער מזוזה, אַז כ'על דאָרט לאַנג נישט זיין — האָט שעפּסל ביים געזעגענען זיך באַרואיקט זיין ווייב פּערל, וואָס האָט מיט אַ גרויס געוויין אים אַרויס־באַגלייט מיט אירע צוויי פּיצלעך קינדער אויף די הענט.

שעפּסל האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אין אַמעריקע לאַנג נישט פאַרבלייבן און ער איז טאַקע צוריקגעקומען נאָך איידער ס'ערשטע יאָר' איז אַוועק.

שעפּסל האָט אין דער רוישיקער שטאָט ניו־יאָרק זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. עס האָט אים אין דער גרויסער פרעמדער וועלט אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך זיין היים און ער האָט קיין איין נאַכט נישט געקאָנט רואיק איבערשלאָפן. ער האָט זיך דאָס רייכע לאַנד גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט און ער האָט באַלד איינגעזען, אַז ער וועט די פאַרמעגנס, וועגן וועלכע זיין קרוב האָט צו אים גערעדט, אַזוי גיך נישט קאָנען אָנזאַמלען. עס האָט אים געצויגן צוריק אין דאָרף אַריין צו זיין ווייב און קינדער און עס איז אים באַפאַלן אַ שווערע מרה־שחורה.

אין מיטן זומער, ווען די גרויסע היצן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט ניו יאָרק און דאָרט צעגליט די געפּלאַסטערטע גאַסן און די שטיינערנע און שטאָלענע מויערן, איז ער אַראָפּ פון זינען. ער איז אַוועק פון שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבעט און אַזוי לאַנג אַרומגעלאָפן אַ צעדולטער איבער די גאַסן ביז מען האָט אים אַריינגענומען אין אַן אַנשטאַלט פאַר משוגעים. מען האָט אים דאָרט אָפּגעהאַלטן עטלעכע וואָכן און דערנאָך אים אַהיימגעשיקט.

אין אַן אָסיענדיקן פאַרנאַכט האָט אַ פרעמדער מאַן שעפּסלען געבראַכט צופירן ביז צום יאַנאָוויצער געמיינדע־הויז און יונג און אַלט זיינען זיך צונויפגעלאָפן אים אָנקוקן. מען האָט געשיקט רופן דעם וואָיט פון דער געמיינדע און דער פרעמדער האָט אים איבערגעגעבן שעפּסלס קעשענע־מעסערל, עטלעכע זילבערנע רייניש, זיינע פּאַפּירן און נאָך אַנדערע זאַכן. דערנאָך האָט ער דעם וואָיט געהייסן אונטער־שרייבן אַ באַשטעטיקונג, אַז ער האָט שעפּסלען צוגעשטעלט ביז צו זיין היים.

שעפּסל, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם שטייפן הוט, אין אַ ברייטן און לאַנגן ראָק מיט קיילעכדיקע פּאָלעס און אין גרויסע

געלע שיך, איז גאַרנישט געווען צו דערקענען. ער איז געווען שטאַרק אָפּגעמאָגערט, זיין בערדל איז געווען צוגעשוירן און זיינע אויגן האָבן ברייט־צעעפנטע זיך ווי געריסן אַרויסצוקריכן פון זייערע לעכער. ווען ער איז צוגעקומען צום געמיינדע־הויז האָט ער דאָרט פון אַ ביימל אָפּגעפּליקט אַ פּאָר גרינע בלעטלעך, זיי צעריבן מיט צוויי פינגער און זיי צוגעלייגט צו דער נאָז.

— אה, ס׳אַ מחיה! — האָט ער זיך געקוויקט מיטן ריח און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט דערזען עטלעכע שכנים, וואָס זיינען געשטאַנען צעטומלטע און קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

— וואָס קוקט איר אַזוי? ס׳געפעלן אייך אפשר נישט מיינע געלע שיך, צי מיין דאַרער קאַפּעליוש? אַ־יאָ, ס׳פּאַסט מיר ווי אַ חזיר אַ קרענצל? פּאַרטס קיין אַמעריקע, פּאַרטס שאַרן גאָלד! — האָט ער זיך צעשריגן מיט אַ הייזעריק גראָב קול — כ׳על באַלד נאָך שבת אויך צוריקפאָרן. כ׳בין געקומען נאָך אַ וואָגן כריין, וואָס כ׳האָב פאַרקויפט פאַר אַ מיליאָן דאָלער. כ׳מוז שוין נאָך שבת צוריקפאָרן. כ׳האָב אויס־געפונען אַ קירצערן וועג מיט די גערטנער. כ׳על מיך נישט שלעפן צוויי וואָכן מיט דער שיף. אַ גאַנצן וואַגאָן כריין וועל איך אָוועקפירן.

לייב איז אָנגעקומען. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו שעפּסלען און אים אָפּגעגעבן שלום.

— כ׳האָב געהאַט אַ גיכן שליטוועגס. כ׳האָב געמוזט אַהיימקומען — איז שעפּסלס קול מיטאַמאָל געוואָרן שטיל און טרויעריק. ער האָט צעדרויבלט מיט די פינגער די גרינע בלעטלעך און זיי געלאָזט פאַלן צו דער ערד.

— האָסט דאָרט געזען יאַנקלען מיט בלומעלען? — האָט לייב מיט אַ פאַרענדערט קול געפרעגט.

— געזען. די היצן האָבן זיי אינגאַנצן פאַרטשאַדעט. לייב, אייך וועל איך אויסזאָגן דעם אמת — האָט שעפּסל צו אים זיך צוגעבויגן ווי איינצורוימען אים אַ סוד — כ׳בין אַהיימגעקומען, ווייל כ׳האָב דאָרט אויסגעפונען, אַז אַלצדינג איז נישט מער ווי ערד און וואַסער און אַז די גאַנצע וועלט ווערט נישט שווערער און נישט גרינגער. זי וועגט שטענדיק דאָסזעלבע. כ׳זאָג אייך, אַז ס׳איז נישט קיין חילוק צי מ׳עסט געבראָטענע טייבעלעך צי מ׳קייט אַ שטיקל פּיסנע ברויט, צי מ׳טרינקט וויין, צי ציקאָריע. ס׳איז נישט מער ווי ערד און וואַסער. גלויבט מיר, כ׳ווייס וואָס כ׳רעד. כ׳בין נישט משוגע. ס׳איז נישט קיין חילוק וויפיל קינדער ס׳ווערן געבוירן און וויפיל מענטשן ס׳שטאַרבן, די וועלט האָט שטענדיק דיזעלבע וואָג.

שעפּסלס יונג ווייבל איז געקומען צעלויפן אַ פאַרוויינטע.

— זעסט, פּערעלע, כ׳האָב דיך נישט אָפּגענאַרט. כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז כ׳על מיך נישט פאַרזאַמען. וואָס טוען די קינדער? און וואָס האָסטו געקאָכט ווערטשערע? — איז שעפּסל אַ דערפרייטער איר גע־

גאַנגען אַנטקעגן. נאָענט לעבן איר איז ער אָבער געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

דער וואָיט איז באַלד אַרויסגעקומען פון דעם געמיינדע־הויז מיט שעפּסלס זאַכן און ער האָט זיי איבערגעגעבן פּערלען אין די הענט אַריין.

— דער מאַן וואָס האָט אים געבראַכט, האָט געזאָגט, אַז ס'איז גאָר־נישט. ער דאַרף זיך נאָר אויסרוען און דער זשום וועט אים אַרויס פון קאָפּ — האָט דער גויאישער וואָיט באַרואיקט פּערלען און איר געהייסן אַהיימנעמען איר מאַן.

— נאָר צו זיינע שטאָטישע קרובימס קעפּ זאָל עס אויסגיין. ווען נישט זאַנוועלע קאָטער וואָלט ער דען געווען געפּאָרן? ער האָט אים איינגערעדט, אַז מ'שאַרט דאָרט גאָלד מיט לאָפּעטעס — האָט פּערל זיך צעקלאָגט. זי האָט דערנאָך אָנגענומען שעפּסלען ביי אַן אַרבל און מיט די גערטנער אים אַוועקגעפירט אַהיים.

— ווי, ווי, וואָס ס'קאָן ווערן פון אַ מענטשן! געפּאָרן זוכן גליקן.

— מ'זאָל אים נאָך נישט דאַרפן אָוועקשיקן קיין לעמבערג אין די פּיאָרען.

— גדליה דער געלער האָט זיך דערלעבט אַ שיין ביסל נחת.

— אַזוי איז עס. ווען מ'זעצט־איבער אַ בוים פון איין אָרט אויפן אַנדערן נעמט ער זיך ניט שטענדיק אָן. אַמאָל טרעפן די וואָרצלען אָן אויף אַ שטיין און אַמאָל אויף זאַמדיקער ערד — האָבן די יידישע און גויאישע שכנים צווישן זיך גערעדט.

לייב האָט אַ באַטריבטער נאָכגעקוקט שעפּסלען, וואָס האָט אַ שווייגנ־דיקער זיך געלאָזט פירן פון זיין ווייב.

שעפּסל איז געגאַנגען מיט מידע טריט דורך די גערטנער, וואָס האָבן געשמעקט מיט צוגעלעגערטן אויבסט. ער האָט אַ פאַרחידושטער זיך אַרומגעקוקט און נאָכגעפאָלגט די רויכעס ווי זיי ציען זיך פון די קוימענס צום הימל. אין גאַנג האָט ער גענומען אויסזינגען אַ ליד, וואָס ער האָט זיך עס אויסגעלערנט אין דער פרעמד. ווי פון יענער זייט דאָרף, ערגעץ פון צווישן די בערג, איז צוריקגעקומען אַ וויינענדיק ווידער־קול:

„עס ברענט אין מיר אַ פייער,
צו מיין מאַמען דער געטרייער.
איך ווייס זי וועט מיר געבן,
דאָס שטיקעלע ברויט צום לעבן".

שעפּסלס געזאַנג איז לייבן ווי נאָכגעגאַנגען ביז אַהיים. ער האָט דאָס ליד, וואָס איז ווי אָנגעזאַפּט געווען מיט בענקשאַפט, אויך גע־הערט ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן. ביינאַכט האָט לייב זיך געדרייט אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער און געטראַכט וועגן

זיינע קינדער, וואָס זיינען אין דעם ווייטן אַמעריקע, פון וואַנען שעפּסל איז צוריקגעקומען.

* * *

ווען ליפשעס קינד איז אַלט געווען צוויי יאָר האָט זי געהאַט נאָך אַ יינגל. ער איז אָבער נאָך פאַרן ברית געשטאָרבן און בנימין איז געבליבן ביי איר אַ בן־יחיד. לייבס קלענערע קינדער, וואָס ער האָט געהאַט פון ריוועז, זיינען אָבער צו איר געוואָרן אַזוי שטאַרק צוגעבונדן, אַז זי האָט זיי ליב געהאַט גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אירע אייגענע.

ריוועס מיזיניק וועווקע האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אויף אירע הענט אינאיינעם מיט איר בנימינען. די עלטערע קינדער האָבן זי גערופן „מומע ליפשע", ווי מען האָט זיי אָנגעזאָגט. וועווקע האָט זי אָבער גלייך מיט בנימינען גערופן „מאַמע". ער האָט אויך ליפשעס טאַטע, משה אהרן ראַגאַטניק, ווי בנימין גערופן „זיידע".

וועווקע און בנימין זיינען געווען אַביסל אַנדערש פון זייערע עלטערע ברידער. זייערע פנימער האָבן נישט געהאַט די איינגעקנאַטענע טונקל־קייט פון די „לייבן און בערן" און אַן איידלקייט האָט אַרומגענומען זייערע שטערנס, וואָס זיינען נישט געווען אַזוי פאַרוואָקסן ווי ביי די עלטערע ברידער. עס האָט זיי פון קליינווייז אויף נישט צו שטאַרק געצויגן צו די פערד און צו די בהמות און זיי האָבן באַגערט צו לערנען. אַזוי ווי ס׳חדר איז אין די ווינטערן געווען ביי לייבן אין שטוב האָבן זיי שוין צו פיר יאָר, בלויז פון צוהערן זיך, געקענט אַלע חומש־מעשות פון די ווינטערדיקע סדרות. זיי האָבן אויך, בעסער פון די עלטערע יינגלעך, געקאָנט אויסזינגען: „ואני, און איך יעקב, כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה, אָבער צו דיין מוטער רחל האָב איך נישט אַזוי געטאָן". קליינערהייט האָבן זיי ביידע אין די זומערן געלערנט ביים זיידן אויף דער ראַגאַטקע און זיי האָבן געגומען גיך איבעריאָגן זייערע ברידער. דער קליינער בנימין האָט נאָך געהאַט אַ בעסערן קאָפּ פון וועווקען און משה אהרן האָט פון אים גאָר אָנגעטעיעט.

— ווען ער׳ט עלטער ווערן וועט מען אים דאַרפן אָוועקפירן אין שטאָט אַריין לערנען — האָט דער ראַגאַטניק געהאַלטן לייבן אין איין דערמאָנען, אַז זיין אייניקל איז געראָטן אין ליפשעס זיידן פון דער מאָמעס צד, וואָס האָט געשמט פאַר אַ גרויסן למדן.

— זיי זיינען ביידע געראָטן אין מיין טאַטן. ער האָט אויך גע־קאָנט גוט לערנען — האָט לייב זיך ווי געשפּאַרט מיט זיין שווער און אים געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן זיין פאָטער חיים משה, וואָס האָט זיצנדיק אין שענק אַרומגערינגלט מיט גויים, אַלעמאָל אַריינגעקוקט אין אַ ספר. לייב האָט אי געשעפּט נחת פון די צוויי יינגלעך, אי זיך געקנייטשט פאַרוואָס זיי זיינען אין דער נאַטור אַביסל אַנדערש פון אים.

ליפשע האָט זיך אויך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט כייקען און גיטלען, וואָס זיינען געווען נאָך גאָר יונגע קינדער, ווען ריווע איז געשטאָרבן. די צוויי מיידלעך האָבן אָן דער מומע ליפשע זיך קיין ריר נישט געטאָן. זיי זיינען ווי זייער שוועסטער נעבע גיך געוואָרן גרויסע און בחורים האָבן באַצייטנס זיך גענומען דרייען אַרום זיי.

אויך בער און חיים משה האָבן זיך געלאָזט פירן פון זייער שטיפ־מאַמע און ליפשע האָט זיי אַרויסגעוויזן אַ סך געטריישאַפט. די צוויי יונגען, וואָס זיינען געווען גערוקט איינער פון דעם אַנדערן מיט דריי יאָר, האָבן אויסגעזען ווי יאַנקל. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט זיין ווילדע נאַטור און געווען שטילע און פאַלגזאַמע. בער און חיים משה האָבן פון קליינווייז־אויף זיך געהאַלטן אינאיינעם. זיי האָבן ווי חברים זיך אַרומגעשפּילט, געגאַנגען אינאייינעם אין חדר און ווען דער לערער האָט איינעם פון זיי געשלאָגן האָבן ביידע געוויינט. זיי זיינען ביידע, מיט איבערגעוואַקסענע באָרוועסע פיס, אַרומגעלאָפן איבער די זומפּיקע היי־פעלדער און שוין קליינערהייט מיט פלינקייט געשאַרפט די בלאַנ־קענדיקע קאָסעס און געלייגט ס׳היי צו דער ערד.

בער און חיים משה האָבן באַצייטנס אָנגעהויבן אַרויסהעלפן אויפן באַלעבאַטישקייט און געברוינט און געהאַרטעוועט זייערע לייבער אין זומערדיקן און אין ווינטערדיקן דרויסן. זיי האָבן זיך אַ יאָג געטאָן אין דער הייך און עפּעס ווי מיטאַמאָל גרויס געוואָרן. זיי האָבן געהאַט דעם טאַטנס ברייטע פּלייצעס, זיין טונקל פּנים, זיינע שוואַרצע האָר און פון זייערע גלאַנצנדיקע אויגן האָט ווי אַרויסגעקוקט זייער מאַמעס גוטמוטיקייט.

— ווי פלעגט די באָבע שרהלע זאָגן: מיט איין האַנט שטראָפט דער אייבערשטער און מיט דער אַנדערער בענטשט ער. מ׳קאָן זיך שוין אויף די צוויי פאַרלאָזן. זיי זיינען שוין גאַנצע מענטשן און כ׳נעם מיט זיי נישט איין קיין בושות, נישט אין קלויז און נישט אין פעלד — האָט לייב גערעדט צו ליפשען און זיך ווי געשפּיגלט אין זיינע צוויי עלטערע זין, וואָס זיינען געגאַנגען אין זיינע וועגן.

— זיי זיינען טאַקע שטילע און וואוילע און זיי וואַקסן קיין עין הרע נאָר ווי אויף הייוון — האָט ליפשע אויף לייבס רייד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דריי מאָל אָפּגעשפּיגן אין אַ זייט, אַז זי זאָל חלילה בערן און חיים משהן ניט געבן קיין גוט אויג. זי האָט אַלעמאָל פאַר־לויבט די צוויי בחורים פאַר די שכנים און געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי זיינען אינגאַנצן אַנדערש פון יאַנקלען.

בער, דער עלטערער, האָט געהאַט לייבס געזעצטן טראַט. ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צום באַלעבאַטישקייט און ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט די פערד און מיט די בהמות. ער האָט באַצייטנס זיך אויסגעלערנט פון לייבן די תורה פון היילן בהמות, און צו פופצן יאָר האָט ער שוין געקאָנט לאָזן אַ קו בלוט.

חיים משה איז געווען רירעוודיקער און אויך מער אויפגעוועקט פון זיין עלטערן ברודער, און וואו זיי זיינען ניט געווען אינאיינעם האָט ער זיך געלאָזט הערן מער פון בערן. זיי האָבןביידע זיך ניט צופיל געחברט מיט די אויפגעקלערטע בחורים פון דאָרף, וואָס האָבן זיך גע־לערנט טאַנצן און זיך געוואָלט פירן ווי שטאָטישע. זיי האָבן, חוץ אַ פרשה חומש מיט רש״י, געקענט אַביסל דייטש און פויליש, אָבער עס האָט זיי ניט געצויגן צו די ביכלעך. זיי האָבן אויך קיינמאָל ניט איבער־גענומען די נייע שיינע ווערטער, אַזעלכע ווי „אַבצוואַר״, „אַבוואָל״, „ניעמאָלס״, „פּאַרדאָן״ און „ביטע שיין״, וואָס ס׳דאָרפישע יונגוואַרג האָט זיי אויפגעכאַפּט אין שטאָט צי אויפן לאַשקעוויצער יאַריד.

שווער איז זיי אויך געווען נאָכצוטאָן די בחורים, וועלכע האָבן אין די יום־טובים אָנגעהויבן קומען אין קלויז אַריין אויסגעפּוצטע אין אָנגע־קראָכמאַלעטע הויכע קראַגנס און אין שניפּסן. צופיל האָבן זיי אָבער נישט געוואָלט אָפּשטיין און זיי האָבן יום־טוב זיך אויך אויסגעשטראָלצט אין הויכע, האַרטע קראַגנס ווען זיי זיינען געקומען אין קלויז אַריין. ס׳דאַווענען איז זיי אָבער שוין ניט באַקומען און זיי האָבן צוואַרעמטע און פאַרשוויצטע געהאַלטן אין איין דרייען מיט די קעפּ, נאָר ווי יונגע פערד, וואָס זיינען נאָך ניט צוגעוואוינט צו גיין אין שפּאַן און צו טראָגן נאַשעלניקעס אויף די העלדזער. אין די שבתים און אין די יום־טובים זיינען זיי בייטאָג נאָכן עסן געגאַנגען מיטן יונגוואַרג שפּאַצירן. אָפט־מאָל האָבן זיי זיך אָבער ביידע אָפּגעטיילט און אַוועק אין פעלד אַריין אָנצופאַשען די פערד.

ווען בער מיט חיים משהן זיינען אונטערגעוואַקסן האָט לייב מיט זיי געקאָנט אָפּטאָן אַ וועלט מיט אַרבעט. ער האָט צוגעקויפט נאָך אַ פּאָר מאָרג פעלד, ער האָט אויך געאַקערט און געזייט פרעמדע ערד אויף שותפות און די שפע איז ביי אים פון יאָר צו יאָר געוואָרן גרעסער. זיין הויף איז אַלעמאָל פול געווען מיט סטויגן תבואה, מיט קעלבער, שאָף, גענדז, קאַטשקעס און הינער.

— מ׳מעג אייך מקנא זיין מיט אייערע קינדער. זיי זיינען נישט גלאַט מיילער צום עסן.

— אַזעלכע יונגען זיינען דאָך מזל און ברכה. און אייערע מיידן זיינען דאָך אַן אויסנאַם.

— איר׳ט זען, מ׳עט אייך די טעכטער אויסכאַפּן אַן נדן און די זין וועט מען אָפּגילטן — האָבן די שכנים גערעדט מיט אַ פול מויל וועגן לייבס קינדער. מען האָט אָבער אויך ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען יאַנקלען און בלומעלען.

— איר האָט נאָך קיינמאָל אַזוי גלייך ניט געטאָן וואָס איר האָט אייער יאַנקלען אוועקגעשיקט. אַ קראַנקע שאָף נעמט מען אַלעמאָל אַרויס פון דער סטאַדע. און אייער בלומעלע איז ווי געבוירן פאַר דער גרויסער שטאָט.

לייבן זיינען אָבער ניט ליב געווען די רייד און די אָנצוהערענישן. עס האָט אים ווי געטאָן פאַרוואָס יאַנקל האָט געלאָזט הינטער זיך אַ שלעכטן נאָמען און ער האָט אויך ניט געקאָנט פאַרליידן, ווען מען האָט דערמאָנט בלומעלען מיט גרינגשעצונג. ער האָט אין האַרצן געטראָגן אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך זיינע קינדער, וואָס זיינען געווען אַזוי ווייט פון אים, און ער האָט אַלץ געגלויבט, אַז זיי זיינען אין דער פרעמד נאָר אויף דערוויילע.

נאָך יעדן בריוו, וואָס איז אים אָנגעקומען פון בלומעלען, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרקלערטער און אַ געשטאַרקטער אין דעם גלויבן, אַז זיי וועלן אין אַ שיינעם טאָג צוריק אַהיימקומען. מען האָט יעדן בריוו פון אַמעריקע אפשר צען מאָל פאַרגעלייענט אין שטוב פאַר משפחה און פאַר שכנים, און עס איז לייבן נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל ליב געווען צו הערן די ווערטער: „געבע דער הער גאָט, דאָס וויר זאָלן ווידער צוריק־קערן צו אונדזער הייסגעליבטער היימאַט און מיר זאָלן שוין אימער און עוויג זיין צוזאַמען, אָמן". עס האָט לייבן דורך די נעכט זיך אויך געהאַלטן אין איין חלומען, אַז יאַנקל מיט בלומעלען און מיט יאָשען קומען פלוצלינג צופאָרן אין אַ פיאַקער מיט גלעקער; זיי ברענגען מיט זיך אַ סך געפעק און זיי זיינען גאַרניט צו דערקענען, אַזוי אויסגעפוצט זיינען זיי.

נאָכדעם ווי מען האָט שעפסלען אַהיימגעבראַכט אַ צעמישטן איז לייב אָפטמאָל צו אים צוגעגאַנגען. ער איז, אין די פאַרנאַכטן, געזעסן לעבן שעפסלען אויף דער פריזבע, אים געקוקט אין פּנים אַריין און שווייגנדיק, אָן ווערטער, ווי גערעדט מיט אים וועגן אַמעריקע.

— ווי מיינסטו, שעפסל, זיי וועלן נאָך אַמאָל אַהיימקומען? — איז לייב ניט איינמאָל אַרויס מיט דער פראַגע.

שעפסל, וואָס האָט זיך באַלד נאָך די ערשטע טעג אַביסל באַרואיקט, האָט שטום געצויגן מיט די אַקסלען און גאַרנישט געענטפערט. אַמאָל האָט ער זיך אָבער ווי אויפגעכאַפּט און ווידער גענומען רעדן וועגן דעם וואַגאָן כריין, וואָס ער דאַרף אָוועקפירן קיין ניו יאָרק. ער האָט געמאַכט דעם חשבון ווי אַזוי ער וועט אויסגעבן דעם מיליאָן דאָלער, וואָס ער וועט באַקומען פאַרן כריין, און ווי אַזוי ער וועט באַזאָרגן זיין ווייב און קינדער מיט אַלעם גוטן.

אָפטמאָל איז שעפסלען אין די פאַרנאַכטן, ווען לייב איז מיט אים געזעסן אויף דער פריזבע, באַפאַלן אַ שטאַרקע מרה שחורה. ער פלעגט דאַן אין אָפּגעריסענע ווערטער אויספירן, אַז אַלצדינג איז הבל הבלים, אַז דער מענטש פאַרשפּילט זיך מיט נאַרישע איינרעדענישן, ווי אַ קינד, וואָס קוקט אויף דער וועלט דורך פאַרביקע שטיקלעך גלאָז און ער פלעגט פאַרענדיקן מיט די רייד: „אַלצדינג איז ניט מער ווי ערד און וואַסער און די וועלט האָט שטענדיק דיזעלבע וואָג".

איבערן ווינטער האָט אָבער שעפסל זיך אינגאַנצן באַרואיקט און

זיין מוח האָט זיך ווידער אויסגעלייטערט. ער האָט אויפגעהערט רעדן וועגן דעם וואַגאָן כריין און וועגן דעם וויפיל די וועלט וועגט, ער האָט ווידער אָנגעהויבן האַנדלען אויפן דאָרף און ער האָט אײַנגעאָנצן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן אַמעריקע. יעדעס מאָל ווען עס איז אָבער אָנגעקומען צו לייבן אַ בריוו פון בלומעלען און יאַנקלען, איז ער צוגעגאַנגען הערן וואָס זיי שרייבן.

— הערסט, שעפּסל, זיי בענקען אַהיים. ווי מיינסטו, זיי וועלען צוריקקומען? — האָט לייב ביי אים געצויגן רייד.

— אַלע בענקען אַהיים — האָט שעפּסל געהויבן די אַקסלען און זיך ניט געלאָזט אַרייַנציען אין קיין שמועס.

שעפּסל איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרטראַכטער און צום יאָר נאָך זיין אַהיימקומען איז ער פּלוצלינג פאַרשוואונדן. עס איז געווען עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי זיין שווער, גדליה דער געלער, איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט אַ קליינע ירושה. מען האָט שעפּסלען געהאַלטן אין איין אַרומזוכן, אָבער מען האָט אים ניט געפונען. די דאָרפסלייט האָבן געמיינט, אַז ער האָט זיך ערגעץ דערטרונקען, אָדער גויים האָבן אים וואו דערהרגעט, און זיין ווייב פערל האָט אים באַוויינט ווי ער וואָלט שוין געווען טויט. פּלוצלינג איז אָבער פון אים אָנגעקומען אַ בריוו, און מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז שוין צוריק אין אַמעריקע.

— דאָרויף האָב איך מיך נישט געריכט — איז לייב געווען אויסער זיך ווען ער האָט געהערט די נייעס.

בלומעלע מיט יאַנקלען האָבן לייבן אַלעמאָל אַביסל אויפגעמונטערט מיט זייער שרייבן, אַז זיי האָפן נאָך אַמאָל אַהיימצוקומען. עס איז אָבער אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, זיי האָבן וואָס אַמאָל אַלץ זעלטענער געשריבן און זיי זיינען ניט אַהיימגעקומען.

קאַפּיטל דרייסיק

דאָס יאָר טויזנט ניין הונדערט און פערצן איז געקומען אין דאָרף אַריין מיט מוראדיקע פרעסט און זאַווערוכעס. צו די גויאישע ניי־יאָר חגאות איז אָנגעפאַלן אַזאַ טיפער שניי, אַז אַ סך דאָרפישע שטיבלעך און שטאַלן זיינען פאַרשיט געוואָרן ביז איבער די דעכער און מען האָט געדאַרפט גראָבן וועגן און טונעלן צו קאָנען צו זיי צוקומען.

מיטן אָנקומען פון דעם נייעם יאָר האָבן אין דאָרף זיך גענומען פאַרשפּרייטן מעשות, אַז אַ פּאָהיבל גייט אויף דער וועלט. גויאישע בעטלער און יידישע אָרעמעלייט, וואָס זיינען פון די גרויסע שנייען און פרעסט פאַרהאַלטן געוואָרן אין דאָרף האָבן דורך די נעכט, אין די וואַרעמע שטיבלעך, געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם פּאָהיבל. זיי האָבן ביים

שפּינראָד און ביים פליקן פעדערן געצויגן זייערע מעשות און ווי געמאָלן פאַר די דאָרפסלייט ווי אַזוי די זינדיקע וועלט וועט אויסזען, ווען זי וועט ווערן פאַרוויסט. זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז ס׳וועט זיך אָנהייבן ווי נאָר די חיות וועלן זיך אויפוועקן פון זייער ווינטער־שלאָף. עס וועט דעמאָלט מיט די ערשטע וואַרעמע רעגנס און מיט די ערשטע דונערן און בליצן אַ שיט טאָן פון הימל שוועבל און פייער און עס וועט נישט בלייבן קיין ווערעמל און קיין פיצל גרעזל.

— די וועלט וועט זיך איבערקערן און קיינער וועט נישט בלייבן לעבן — האָבן די קינדער ביינאַכט אויף די אויוונס און אין די בעטן איבערדערציילט די מעשות און זיך איבערגעדעקט איבער די קעפּ.

מען האָט יענעם ווינטער אין די דאָרפישע שטיבער דערציילט וועגן שדים און רוחות, וואָס שיבן זיך אַרום דורך די נעכט אויף בוידעמער און שטאַלן און פייניקן די פערד מיט די בהמות. איינער פון די וואַרטאַווניקעס און אַ פּאָר עלטערע לייט האָבן זיך געשוואוירן, אַז זיי האָבן ביינאַכט הינטער דער מיל געזען די אַלטע פּאַנאַ יאַנינאַ, דעם פּריץ זאַמויסקיס שוועסטער אַ צעפּאַטלטע אַרומרייטן אויף אַ בעזעם.

די ייִדישע אָרעמעלייט האָבן אין די לאַנגע ווינטער־נעכט אין די ייִדישע שטיבער דערציילט אָן אַ שיר מעשות וועגן פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס בלאָנדזשען אַרום אויף דער ערד און זוכן אַ תיקון. איין אָרעמאַן האָט דערציילט וועגן אַ פיש, וואָס איז געווען אַ גלגול פון אַ זינדיקן מענטשן, ווי ער האָט אויסגעשריגן „שמע ישראל”, ווען מען האָט אים צעשניטן מיט אַ מעסער און אים גענומען צוגרייטן אויף שבת. אַ צווייטער האָט דערציילט, ווי ער האָט אין אַ פאַרשנייטן פאַרנאַכט הינטערן דאָרף דערזען ביים וועג אַ געבונדענע גאַנדז. ער האָט געמיינט, אַז די גאַנדז איז פאַרפרוירן. ווען ער איז אָבער צו איר צוגעגאַנגען האָט זי זיך צעיאָמערט ווי אַ מענטש. ער האָט אַן איבערגעשראָקענער זי באַלד אויפגעפּענטעט און זי איז אַוועק מיט די פאַרשנייטע פעלדער.

בונעמס אַ זון האָט דערציילט ווי אַזוי עפּעס אַ שד האָט אים אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעשלעפּט, מיט פערד און שליטן אויף פרעמדע וועגן. עס איז געווען אין אַ פאַרנאַכט ווען אין דרויסן האָט זיך געשטעלט אַ שטאַרקער פראָסט און ער איז דעמאָלט אַהיימגעפאָרן פון שטעטל. ווען ער איז שוין געווען נישט ווייט פון דער ראָגאַטקע איז פלוצלינג אַרויפגעשפּרונגען צו אים אויפן שליטן אַ שוואַרצער הונט, גרויס ווי אַן אַנטווינט קאַלב. דער הונט האָט זיך אַוועקגעלייגט לעבן אים און זיך נישט געלאָזט אַראָפּטרייבן. דער ליידיקער שליטן איז וואָס אַמאָל געוואָרן שווערער און שווערער און די פערד האָבן זיך שיר נישט אונטערגעריסן. ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַריינפאָרן אין דאָרף און מיטאַמאָל האָט ער גאָר דערזען, אַז ער איז אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג. פון די פערד האָט געזעצט אַ פּאַרע, גלייך ווי זיי וואָלטן געשלעפּט אַ שווערע משא, און זייערע גריוועס מיט די ווידלען זייַנען אָנגעפרוירן געוואָרן מיט אייז־צעפּלעך. ער

איז אַזוי אַרומגעפּאָרן אַ גאַנצע נאַכט און ער איז שיער נישט פֿאַרפּרוירן געוואָרן. ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן און די פֿערד זײַנען שוין קוים געגאַנגען האָט דער שוואַרצער הונט זיך אויפגעשטעלט אויף זײַנע הינטערשטע פֿיס, זיך צעלאַכט מיט אַ ווײַבעריש קול און איז אַראָפּ־געשפּרונגען פֿון שליטן. די פֿערד האָבן דערנאָך אַליין געפֿונען דעם וועג און ער איז קוים דערפֿאָרן אַהיים.

ייִדישע מאַמעס האָבן יענעם ווינטער געהיט זייער קליינוואַרג און אויף שריט און טריט געוואַכט איבער זייערע דערוואַקסענע טעכטער. מען האָט ניט אַרויסגעלאָזט די ייִנגלעך פֿון הויז אָן לײַבצודעקלעך און די מיידלעך האָט מען אָנגעטאָן אויף די העלדזער שמירות און קמיעות, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט פֿון ר׳ וועלוולען און פֿון אַנדערע גוטע ייִדן. רבילעך, וואָס זײַנען געפֿאָרן קלײַבן נדבות, האָבן אין די דאָרפֿישע שטיבער געהאַלטן אין איין איבערקוקן די מזוזות און אַרעמעלײַט האָבן צוגעמאַכט נײַע ציצית צו די לײַבצודעקלעך און צו די טליתים.

אין דעם ווינטער, פֿון דעם יאָר טויזנט ניין הונדערט און פֿערצן, האָבן אין די דערפֿער צווישן די גויים, אַלץ מער זיך גענומען פֿאַר־שפּרייטן די מעשׂות, וועגן דעם העטמאַן מיט די קאַזאַקן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די וועלדער האַרט בײַ דער גרענעץ. מען האָט צווישן זיך גערעדט, אַז אין אַ ליאַדע טאָג וועט מען זיי געבן אַ סיגנאַל און זיי וועלן ווי זאַמד און ערד זיך אויסשפּרייטן אויפֿן גאַליצישן לאַנד.

זשאַנדאַרן האָבן אין די דערפֿער און אויף די שטאָטישע יאַרידים אַרעסטירט אויפֿגעקלערטע רוטענער און אויך גלחים וואָס זײַנען געווען „מאַסקוואָפֿילן” און שפּיאָנירט פֿאַרן רוסישן צאַר.

דער פּוילישער פּריץ מיט אַ פּאָר היימישע גויים האָבן אויך פֿאַרמסרט דעם יאַנאָוויצער יונגן גלח, אַז ער בונטעוועט די שקצים און אַז אין קלויס־טער רעדט ער גאָר עפּעס צום יונגוואַרג, אַז זיי זאָלן זיך לערנען לייענען און שרײַבן. עס האָבן אין דאָרף זיך געוויזן אַלץ מער זשאַנדאַרן. זיי זײַנען געקומען זוכן שפּיאָנען און זיך נאָכגעפֿרעגט צי דער יונגער גלח איז נישט קיין „מאַסקוואָפֿיל”. לייב, וואָס איז געווען איינער פֿון דער „ראַדע” אין דער יאַנאָוויצער געמיינדע, האָט דער ערשטער געהאַט אַ גוט וואָרט וועגן אים און אים געזוכט צו באַשיצן. דער אַלטער גלח איז שוין געווען טויט, אָבער לייב האָט נאָך ניט געהאַט פֿאַרגעסן זײַן פֿרײַנטשאַפֿט צו די ייִדן פֿון דאָרף. ער האָט דערפֿאַר זיך אָנגענומען פֿאַר זײַן זון כאָטש ער האָט עס נישט פֿאַרדינט. די דאָרפֿישע ייִדן האָבן פֿון דעם אַלטן גלחס זון ווייניק וואָס געהאַלטן און זיי האָבן געהאַט טענות צו לייבן פֿאַרוואָס ער שטעלט זיך פֿאַר אים אַזוי אײַן.

— ער איז ווערט דעם שטעקן און מ׳דאַרף פֿון אים נישט מאַכן קיין כּשר לעמעלע.

— מ׳איז אומזיסט ניט געקומען זוכן אויף אים חטאים.

— נו, טאַקע. פֿאַרוואָס זאָל מען קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ

קראַנק בעט אַריין? כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז בישט דער פּריץ, נאָר זייניקע אַליין האָבן אים צוגעשטעלט אַ בענקעלע. ס׳קומט זונטיק אין קלויסטער, האָט ער נאָר אין זין ס׳יונגוואַרג. ער וויל נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז די איוואַנעס זאָלן זיך אַלע אויסלערנען לייענען און שרייבן. ס׳איז טאַקע פאַר זייערע גראָבע קעפּ.

— אַזאַ לייטישער גלח, ווי דער אַלטער איז געווען, וועט שוין נישט זיין.

— דער יונגער איז גאָרנישט געראָטן אין אים. און יידן האָט ער ליב נאָר ווי זאַלץ אין די אויגן — האָבן די יידישע דאָרפסלייט צווישן זיך גערעדט.

לייב האָט זיך אָבער איינגעשטעלט פאַר דעם יונגן גלח:

— ער איז טאַקע נישט ווי זיין פאָטער, אָבער מ׳דאַרף נישט זינדיקן. דערוויל האָט ער אונדז קיין שלעכטס נישט געטאָן און אַז מ׳עט אים צונעמען קאָן נאָך קומען אַן ערגערער.

* * *

דער ווינטער איז אַוועק און עס זיינען אונטערגעקומען די וואַרעמע טעג. עס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד עטלעכע שלאַקס־רעגנס מיט דונערן און בליצן, אָבער אָן דעם שוועבל און פייער, וואָס האָט אַלצדינג געדאַרפט פאַרדאַרבן. די וועלט איז ניט אונטערגעגאַנגען און די מעשות האָבן זיך ביסלעכווייז ווי אויסגעוועפּט. ווען די ערד האָט צוגעטריקנט האָט מען, ווי אַלע יאָר, געאַקערט און געזייט די פעלדער און מען האָט דערנאָך דורכן זומער געהיט דאָס וואַקסנדיקע ברויט.

די תבואה איז געוואָרן צייטיק און מען האָט גענומען איינזאַמלען דאָס ברויט פאַרן ווינטער.

און מיטאַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה.

עס איז געווען אין סאַמע שניט־צייט. די דאָרפסלייט, מידע נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, האָבן שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפן. פּלוצלינג האָבן זיי דערהערט עפּעס אַ זשומען און אַ בלאָזן ווי פון אַ טרומפּייט. עמעצער האָט אויסגעשריגן אַז אַן אויטאָמאָביל פאָרט און יונג און אַלט זיינען אַראָפּ פון זייערע געלעגערס און אַרויס צום וועג זען דאָס וואונדער.

אַן אָפענער אויטאָמאָביל, מיט זעקס מענטשן אין פאַרשטויבטע מאַנטלען, אין גרויסע אויגן־גלעזער, איז ווי דורכגעפלויגן און אויפגעהויבן אַ שטאַרקן שטויב פון דער ערד. קינדער האַלב־נאַקעטע זיינען געווען אויסער זיך פון דעם חידוש, וואָס מען האָט זעלטן געזען אין דאָרף, און געמאַכט געוואַלדן. ווען דער אויטאָמאָביל איז אַוועק און מען האָט אים מער נישט אָנגעזען, האָבן זיי זיך אָנגעבויגן צו דער ערד און באַטראַכט די רעדלעך און פּאַסיקלעך, וואָס די גומי־רעדער האָבן געלאָזט הינטער זיך אויפן וועג.

— האָט איר כאַטש געזען ווי דאָס פליט אָן פערד נאָר ווי אַ טייוול?

— ווען מען גילט מיך אָפּ וואָלט איך זיך נישט אַריינגעזעצט אין אַזאַ מאַכינאַציע.

— דאָס מוז זיין אַזש פון לעמבערג. ווער ווייסט וואוהין זיי פאָרן.

— דאָס זיינען אוודאי אינזשינערן. כ'האָב געהערט, אַז מ'עט דעם זומער בויען אַ פּאָר נייע באַן־בריקן אין דעם געגנט.

— עס קאָן זיין, אַז זיי פאָרן צו דער פירשטין סאַפּיעהאַ. מ'דערציילט, אַז זי וועט דעם זומער ברענגען אַ מאַשינאַווע אַקער, וואָס וועט אויך גיין אָן פערד. מ'זאָגט, אַז דער אַקער וועט שניידן צוועלף סקיבעס מיט איין פאַרנעם — האָבן די דאָרפסלייט מיט די רייד זיך אַרויסגעשלאָגן פון שלאָף. מען האָט געגענעצט, געריוכערט און געגאַנגען פון טויער צו טויער.

אַרום לייבס טויער האָבן זיך אויך צונויפגעקליבן יידישע און גויאישע שכנים נאָכדעם ווי דער אויטאָמאָביל איז פאַרבייגעפאָרן. שפּעט אויפ־דערנאָכט האָבן זיך דאָרט אויך אָפּגעשטעלט לייבס שוואָגער, נאָטע, און מאיר, מעשל דעם שענקערס זון — אַ סטודענט אין אַ טונקל־בלויען מונדיר. זיי זיינען אָנגעקומען מיט פערד־און־וועגעלע פון שטעטל און זיי האָבן איבערגעגעבן די נייעס פון אַ צייטונג, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך.

— ס'שרייבט זיך, אַז מיר האַלטן ביי מלחמה. און דער אויטאָמאָביל האָט מסתם עפּעס מיט דעם צו טאָן. אין שטאָט רעדט מען, אַז פּוילישע פּריצים פּאַקן זיך אויף אַוועקצופאָרן. זיי ווילן נישט זיין צו־נאָענט צו דער גרענעץ — האָט נאָטע דערציילט.

— רוסלאַנד וועט גיין אויף עסטרייך און די שלאַכטן וועלן זיך אָנהייבן ביי די גרענעצן. אונדזער קייזער וויל טאַקע נישט פירן קיין מלחמות אויף דער עלטער. אָבער ער וועט זיך שוין אי־צט ניט קאָנען אַרויסדרייען. אַ סך לענדער זיינען פאַרמישט — האָט דער יונגער סטודענט מאיר, וואָס האָט געהאַט דריי גאָלדענע פּאַסיקלעך אויף זיין שטייפן און הויכן קראַגן פון ראָק, געוואָלט די דאָרפסלייט געבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס עס וועט איצט קומען צו אַ מלחמה. ער האָט זיך באַמיט זיי צו דערקלערן ווי אַזוי און פאַרוואָס עס איז אין סאַראַיעוואָ, אין דער הויפּט־שטאָט פון באָסניע, באַגאַנגען געוואָרן דער מאָרד אויף דעם קרוין־פּרינץ פראַנץ פערדינאַנד. אַלע האָבן מיט גרויס דרך־ארץ אויסגעהערט דעם סטודענט, זיי האָבן אים געקוקט גלייך אין מויל אַריין, אָבער נאָר געציילטע האָבן באַנומען זיינע רייד.

— דער אויטאָמאָביל איז ניט קיין גוטער סימן.

— אָבער ווי קאָן עס זיין, אַז די קייזערס זאָל זיך איצט, אין סאַמע שניט, פאַרוועלן פירן אַ מלחמה?

— ס'גייט זיי אַ סך אָן דער שניט. דאָס וועט זיי נישט אָפּהאַלטן.

— נישט אומזיסט האָט מען גערעדט, אַז די וועלט וועט דאָס יאָר אונטערגיין.

— די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען משיח קומט.

— ס'עט זיין זייער ביטער דאָ ביי דער גרענעץ. עס זיינען דאָ צווישן די בערג שוין פֿאַרגעקומען געוויסע שלאַכטן.

— כאַטש נעם און אַנטלויף אין דער וועלט אַריין.

— מ'האָט נעכטן ביינאַכט געזען פֿייערדיקע קאָמעטן אויפֿן הימל. דאָס איז אויך עפּעס אַ סימן — האָבן ייִדן און גויים צווישן זיך לאַנג גערעדט און דערנאָך איינציקווייז צוריקגעגאַנגען צו זייערע געלעגערס.

די דאָרפֿסלייט האָבן אין דער פֿרי זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט און ווי פֿאַרגעסן אָן דעם אויטאָמאָביל. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אָבער די נייעס, אַז די מלחמה האָט זיך שוין אָנגעהויבן זיי ווידער אַרויסגעריסן פֿון זייער רו.

דאָס דאָרף איז געווען פֿאַרזונקען אין שלאָף. פֿון די שטיבלעך, וואָס זיינען געשטאַנען צווישן צוואַקסענע יאַסין־ און ליפּע־ביימער, האָט מען קיין שאָרך ניט געהערט. עס האָבן דאָרט גערוט אויף זייערע געלעגערס גויים מיט לאַנגע טשופּרינעס און מיט צלמים אויף זייערע הערצער און ייִדן מיט צעשויבערטע בערד און מיט אַרבע כנפֿות אויף זייערע לייבער.

די ראָסע האָט שטיל געניִדערט צו דער ערד, קילער געמאַכט די נאַכטיקע לופֿט און אויפֿגעפֿרישט די ריחות פֿון צייטיקן זומער. די ריחות האָבן ווי געשטראָמט אין די שטיבלעך און האַרטער געמאַכט דעם שלאָף פֿון די מענטשן, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג שווער געאַרבעט און זיך געברענט אונטער דער הייסער זון.

עס איז ווי געשלאָפֿן דער גאַנצער פּאָלוואַרק, דעם גלחס פּאַראָפֿיע און דער קלויסטער מיטן הויכן צלם.

עס איז געווען ווי פֿאַרוויגט אין רו די קלויז מיט די צוויי גאַניקלעך, דער שטויביק־ווייסער וועג און דאָס ראָגאַטקע־שטיבל מיטן ווייס־רויט געשטרייפֿטן דראַנג.

עס זיינען געשלאָפֿן די פֿייגל אין זייערע נעסטן, די קנייפּערס אין די גראָזן און עס זיינען שטיל געבליבן די זשאַבעס, וואָס האָבן ביים טייך ביז שפּעט אין דער נאַכט זיך געלאָזט הערן.

הינטער טאָג, ווען עס איז נאָך געווען פֿינצטער אין דרויסן, האָבן פּלוצלונג ביידע גלעקער פֿון קלויסטער זיך צעקלונגען נאַ־געוואַלט, ווי צו אַ שׂרפֿה. אַלע האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט און פֿאַרשלאָפֿענע אַרויס פֿון די שטיבער זען וואו ס'ברענט. באַלד איז אָנגעלאָפֿן דער פּאָליציימאַן. ער האָט געהאַלטן אין איין בלאָזן אויף זיין טרובע און ער האָט מיט אַ געזונטער געמבע אויסגעשריגן:

— ס'אַ מלחמה אין לאַנד! אונדזער קייזער פֿראַנץ יאָזעף גייט פֿירן אַ מלחמה און ער רופֿט אַלע אויסגעדינטע זעלנער און אַלע אַסענטירטע פֿון דעם יאָר!

דער פּאָליציימאַן איז געלאָפֿן אין בלויען פֿאַרטאָג איבער אַלע אַי־ליציעס און אָנגעזאָגט די דאָרפֿסלייט, אַז זיי זאָלן אַלץ צוגרייטן פֿאַר

זייערע מענער און פּאַר זייערע זין, ווייל מען וועט זיי שוין אין צוויי טעג אַרום אַוועקפירן פון דאָרף.

— איר הערט כאַטש, שוין איבערמאָרגן וועט מען זיי צונעמען.

— איצט, אין מיטן שניט? ווי קאָן עס זיין?

— מיט וועמען וועלן מיר דאָ איבערבלייבן? — זיינען די דאָרפס־לייט פון די גייעס שטאַרק צעטומלט געוואָרן.

עס איז זיי שווער געווען זיך צוצוגעוואוינען צום געדאַנק און זיי האָבן די גאַנצע זאַך ניט געקאָנט באַנעמען. די גוֹיים זיינען געלאָפן צום גלח, צום וואָיט און עטלעכע יידן זיינען באַלד מיטן טאָג אַוועק אין שטעטל אַריין הערן עפּעס וועגן דער מלחמה. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן צי וועלן טאָקע פאַרקומען שלאַכטן און זיי האָבן געוואָלט וויסן אויף ווי לאַנג מען נעמט צו זייערע מענער און זין.

די אַרבעט אין פעלד איז ווי פאַרגעסן געוואָרן. מען האָט כמעט פון יעדן הויז עמעצן באַדאַרפט אַרויסבאַגלייטן אין מלחמה אַריין און עס האָט זיך פון די שטיבער געטראָגן אַ וויינען און אַ קלאָגן. מען האָט אויף גיך אָפּגעמאָלן אַביסל נייע תבואה, מען האָט געבאַקן ברויט און געבעקס און געוואַשן וועש.

אויפן דריטן טאָג האָבן די איינגערופענע, מיט אָנגעפּאַקטע ציכלעך אויף זייערע אַקסלען אין דער פרי זיך צונויפגעקליבן לעבן דעם גע־מיינדע־הויז. זיי האָבן זיך דאָרטן מיט אַלעמען אָפּגעזעגנט, זיך אַריינ־געזעצט אין פורן מיט לאַנגע סנאָפּאָווע דראַבינעס און אַרויסגעפאָרן פון דאָרף.

יונג און אַלט זיינען מיט אַ געוויין נאָכגעגאַנגען די וועגענער ביז אויף דער אַנדערער זייט ראָגאַטקע.

— אוי, אוי, פאַרוואָס קומט עס אונדז? מירן דאָך מיט דער כאָדאָבע דאָ אויסגיין פון הונגער.

— זונעניו, אויף וועמען לאָזטו איבער דיין אַלטינקע מאַמע?

— שפייזער מיינער, וואָס וועל איך טאָן אַליין מיט די קינדער?

— ווער וועט אַהיימנעמען דאָס ברויט פון פעלד? און ווער וועט פאַראַקערן אויף ווינטער־תבואה?

— מיין איין־און־איינציקער, מיין ליבינקער, נעם מיך מיט. אָן דיר וועל איך נישט קאָנען לעבן — זיינען יידישע און גויאישע ווייבער, אַזש הייזעריק געוואָרן פון וויינען און שרייען. זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן די וועגענער, געהאַלדזט די צוגענומענע סאָלדאַטן, זיי געקושט אין די הענט און אַזוי געגאַנגען ביז אין פעלד אַריין.

— וויין נישט, מאַמע. מירן זיך נישט לאַנג פאַרזאַמען.

— מירן צעשלאָגן די מאָסקאַלעס און מירן זיין אין דער היים נאָך איידער ס'עט אויספאַלן דער ערשטער שניי — האָבן די צוגענומענע

נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל זיך געזעגנט. די פורמאַנעס האָבן נאָך דער ראַגאַטקע אַ יאָג־געטאָן די פערד און די יינגערע אין די וועגענער האָבן זיך צעזונגען אויפן קול:

„דערמאָנט מיך, שכנים גוטע,
דריי מאָל אַ טאָג, דריי מאָל אַ טאָג".

זיי האָבן אַרויסגעזונגען זייער וואוילינגשאַפט פון וועלן זיין זעל־נער, זיי האָבן אַרויסגערעוועט זייער ליבשאַפט צו זייערע היימען, צו זייערע מאַמעס און ווי פאַרטויבט די געשרייען און די געוויינען.

* * *

יענעם אין דער פרי האָט מען אויך לייבס עלטערן זון בער אַרויס־באַגלייט אין מלחמה. חיים משהן, לייבס יינגערן זון, האָט די מלחמה פאַרכאַפּט אין די סאָלדאַטן. די צוויי ברידער זיינען געווען געדוקט איינער פון דעם אַנדערן מיט דריי יאָר און אין לעצטן אָסיען ווען בער איז אַהיימגעקומען פון די זעלנער, איז חיים משה אַוועק דינען דעם קייזער.

יאַנקל און בלומעלע מיט איר מאַן, וואָס האָבן נאָך אַלץ אַמאָל אין זייערן אַ בריוו דערמאָנט, אַז זיי האָפן אַהיימצוקומען, האָבן סיי פאַר בערן און סיי פאַר חיים משהן געוואָלט שיקן שיפסקאַרטן, ווען מען האָט זיי אָסענטירט. זיי האָבן אָבער ביידע בעסער געוואָלט אָפדינען דעם קייזער דריי יאָר, איידער אַוועקצופאָרן פון דער היים. לייב האָט זיי אויך נישט געוואָלט אַוועקלאָזן. ער האָט אין די צוויי געזונטע יונגען געזען זיינע אמתע יורשים און ער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן בלייבן אויף דער נחלה.

— נישט גענוג וואָס זיי קומען אַליין נישט אַהיים, ווילן זיי נאָך אייך אַהין פאַרשלעפּן. איר'ט איבערקומען ס'דינען און איר'ט זיין דאָ אויף אונדזער ירושה. אונדזער זיידע בער, זאָל זיך מיען, האָט איבער־געלאָזט גענוג פּלאַץ אויף צום בויען — האָט לייב זיינע זין געגעבן אָנצו־הערן, אַז ווען זיי וועלן חתונה האָבן וועט ער זיי לעבן זיך אַפילו העלפן אויסבויען נייע שטיבער.

דעם געזעצטן בער זיינען לייבס רייד איינגעגאַנגען און ער האָט טאַקע געוואָלט בויען זיין שטוב אויפן בערגל לעבן דער קלויז.

ווען בער איז אין אָסיען אַהיימגעקומען פון דעם הוזאַרן־רעגימענט אַן אויסגעדינטער, איז ער אַ חתן געוואָרן מיט אסתרן וואָס האָט קליי־נערהייט געוואוינט אין יאַנאָוויץ און דאָרט געהאַט אַ ירושה פון עט־לעכע שטיקלעך פעלד.

אסתר איז צו צען יאָר געוואָרן אַ קיילעכדיקע יתומה און אירע אַ מומע, פון אַ דאָרף גאַנץ ווייט פון יאַנאָוויץ, האָט זי דעמאָלט גע־

בומען צו זיך. אסתר איז מיט קאַרגע פיר יאָר געווען יינגער פון בערן און זי האָט קליינערהייט, ווען זי איז געווען אין יאַנאָוויץ, זיך מער געחברט מיט חיים משהן. זי איז מיט חיים משהן געגאַנגען אין חדר, מיט אים אינאיינעם געפּאַשעט גענדז, און ווען זיי זיינען געווען קליינע קינדער האָבן זיי זיך אַפילו געשפּילט אין חתן כּלה. די אַלע יאָרן, וואָס זי האָט זיך געהאָדעוועט ביי דער מומען איז זי זעלטן געקומען קיין יאַנאָוויץ און זי האָט די ביידע ברידער נישט געזען. ערשט ווען בער איז פון זיין דינסט אַהיימגעקומען אויף אורלויב אַן אויסגעפּוצטער אין זיין הוזאַרן־מונדיר, אין זיינע גלאַנצענדיקע שטיוול מיט קלינגענדיקע שפּאָרן און מיט אַ לאַנגן זעבל, האָט מען אים געבראַכט צו איר אויף „בעשוי".

בער איז דעמאָלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון אסתרס שיינקייט. אין דער צייט, וואָס ער האָט זי נישט געזען, האָט זי זיך אַזוי פאַרענדערט, אַז זי איז גאָרנישט ענלעך געווען צו דעם קליינעם מיידעלע, וועלכע פלעגט קומען צו זיי אין שטוב אַריין. זי האָט מיט איר שלאַנקן גע־שטרעקטן גאַנג און מיט איר לענגלעך לויטער פּנים אים דערמאָנט אַן זיין שוועסטער בלומעלע. זי איז אָבער געווען שטאַרקער געבויט און זי האָט געהאַט אַ פּאָר געזונטע הענט צו דער אַרבעט. זיי זיינען זיך ביי דער באַגעגעניש געפעלן געוואָרן, און ווען ער איז אַהיימגעקומען פון די זעלנער האָט מען געשריבן תנאים.

שבת נאָך שבועות איז געווען בערס און אסתרס חתונה, און לייב האָט דעם יונגן פּאָרל דערוויייל אָפּגעגעבן דאָס קליינע שטיבל. מען האָט אָבער נישט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד גענומען אָנפירן געהילץ אויף צו בויען אַ שטוב. בער האָט מיטן טאַטן שוין געהאַט אויסגע־לייגט דעם פּלאַן ווי אַזוי און וואו צו בויען, אָבער אין מיטן דערינען האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און מען האָט אים צוריק איינגערופן אין די זעלנער.

— זאָלסט זיין ביים טאַטן ביז כ׳על אַהיימקומען. ס׳עט נישט לאַנג געדויערן, וועסט זען — האָט בער אַ דערשלאָגענער מיט קאַרגע רייד זיך אָפּגעזעגנט מיט אסתרן און מיטן בני בית.

אסתר האָט גלייך מיט אַלע דאַרפסלייט אַרויסבאַגלייט איר מאַן ביז נאָך דער ראַגאַטקע. זי האָט אויסגעוויינט אַלע אירע טרערן און דער־נאָך זיך אומגעקערט אַהיים מיט געשוואָלענע רויטע אויגן.

— ס׳עט דען עפּעס העלפן אַ וויינען?

— ס׳איז דאָך אַן אומגליק, וואָס איז אויסגעגאַנגען אויף אַלעמען און נישט נאָר אויף אונדז.

— מ׳דאַרף זיך שטאַרקן און האָבן בטחון. מיר האָבן דאָך עפּעס אַ גאָט אין הימל.

— איר׳ט זען ווי פּאַניע גנב וועט מיט זיין גאַנצער גבורה איינס און

צוויי איינגעמען אַ מיתה משונה און מירן מערצעשעם נאָך אַלצדינג דער־צײלן אין פריידן.

— אַזוי וועט טאַקע זיין. אַלע וועלן אַהיימקומען און ס'עט אונדז קיין איינער נישט פעלן — האָבן די יידישע דאָרפסלייט זיך געטרייסט. זיי האָבן, נאָכן אַרויסבאַגלייטן די זעלנער, זיך אַרומגעדרייט אויפן וועג און זיך נישט געאיילט צו גיין אַהיים.

לייבן האָט זיך יענעם טאָג ניט גענומען קיין אַרבעט. ער האָט אַ דערשלאָגענער זיך אַרומגעדרייט פאַרן טויער און צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זיין פּנים איז געווען פאַרחושכט, די אויגן פאַרהויכט און ער איז גאָר נישט געווען צום דערקענען.

עס האָט פון דער שטוב און פון דעם גאַנצן הויף געוויט מיט שטילן טרויער. אסתר איז נאָכן אָפּגעזעגענען זיך מיט בערן אַהיימגע־קומען מיט אַ קאָפּווייטיק און זי איז ווי אַ פאַרחלשטע אַוועקגעפאַלן אויף איר געלעגער. ליפשע האָט מיט געטריישאַפט פון אַ מאַמע זיך געדרייט אַרום איר און איר צוגעלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ. ליפשע איז אויך מיט שטומער איבערגעבנקייט נאָכגעגאַנגען לייבן און זי האָט דער־וויל אַליין זיך גענומען צום באַלעבאַטישקייט. עס איז געווען אַ וועלט מיט אַרבעט אין פעלד, אין גאָרטן און אויפן הויף און זי האָט נישט געוואוסט פון וואָס פריער אָנצוהייבן.

לייב מיט ליפשען זיינען איבערגעבליבן אויפן באַלעבאַטישקייט מיט בערס ווייב, מיט דעם פערצן־יאָריקן וועווקע און מיט בנימינען, וואָס איז שוין געווען אין צענטן יאָר.

לייבס צוויי יינגסטע טעכטער, כייקע מיט גיטלען, זיינען דעמאָלט שוין געווען פאַר זיך באַלעבאָסטעס. כייקע האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור פון דער טאַטאַרשטשינע און זיך באַזעצט אין שכנות מיט איר עלטערער שוועסטער נעכע. גיטלען, די יינגסטע, וואָס איז געווען די שענסטע פון די פיר שוועסטער, האָט אַ רייכער בחור פון אַרום זאַ־האַרער וואַלד גענומען כמעט איינגאַנצן אָן נדן. דער בחור האָט נישט געוואָלט וואַרטן און לייב האָט גיטלען חתונה געמאַכט ווען זי איז נאָך אַפילו קיין זיבעצן יאָר נישט אַלט געווען.

די צוויי יינגלעך, וועווקע און בנימין, זיינען נישט געווען אַזוי גע־שיקט צו דער אַרבעט אין פעלד און אויפן באַלעבאַטישקייט. ליפשע האָט זיי אָבער באַלד ווי נאָר בער איז אַוועק אין מלחמה גענומען איינ־שפּאַנען, אַז זיי זאָלן איר אַרויסהעלפן.

וועווקע איז שוין געווען אַ הויכער און געזונטער־בחור, אָבער ביז צו דער מלחמה האָט מען זיך ווייניק פאַרלאָזט אויף זיין הילף, ווייל ער ער איז אַלעמאָל געווען אַריינגעטאָן אין לערנען. ער איז אין חדר שוין נישט געגאַנגען, אָבער ער האָט יענעם זומער זיך געלערנט ביי אַ סטו־דענט, וואָס נאָטע האָט אַראָפּגעבראַכט אין דאָרף אַריין און ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצוקומען אין גימנאַזיע ווי מאיר

מעשלס. לייבן איז דער גאַנצער עסק נישט איינגעגאַנגען. אַזוי ווי ער האָט אָבער ריוועס מיזיניק שטאַרק ליב געהאַט און אַזוי ווי ער האָט מיט זיינע רייד אים נישט געקאָנט איבעראַנדערשן, האָט ער אים אַלץ נאָכגעגעבן. בנימין, וואָס איז אין אויסזען און אין פירעכץ געווען שטאַרק ענלעך צו וועוועקען, האָט יענעם זומער געהאַט אַנגעהויבן לערנען ביי ר׳ עליע, דעם שוחט. אַזוי ווי ער האָט געלייגט קאָפּ צו דער גמרא האָט דער שוחט געגומען צורעדן לייבן, אַז ער זאָל זיין מיזיניק אַוועקשיקן אין אַ ישיבה. די מלחמה האָט אָבער איבערגעריסן זייער לערנען.

— איר׳ט איצט מוזן אַוועקלייגן ס׳לערנען. חיים משה איז נישטאָ, בער איז נישטאָ און אַרבעט פעלט נישט — האָט לייפּשע אַריינגערעדט אין וועוועקען און אין בנימינען און זיי האָבן ווי דערוואַקסענע באַנומען די רייד. זיי האָבן פּאַלגזאַמע אויף זיך גענומען דעם יאָך פון אַרבעט און אַרויסגעהאָלפן אויפן באַלעבאַטישקייט.

* * *

די פרייד פון שניט איז פאַרשטומט געוואָרן און אַ טרויעריקע שטיל־קייט האָט זיך געשפּרייט איבער די פעלדער און איבערן דאָרף. די דאָרפסלייט האָבן געאַרבעט איבער די כוחות, מיט פאַרהאַרטעוועטע הענט געווישט די טרערן פון די אויגן און געוואַרט אויף די ערשטע בריוו פון די צוגענומענע זין און מענער.

דעמזעלבן טאָג נאָך, וואָס מען האָט פון דאָרף אַוועקגעפירט די איינ־גערופענע זעלנער, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די רוסן גייען אויף גאַליציע, אַז אָן אַ שיעור קאָזאַקן זיינען שוין ביי דער גרענעץ און אַז זיי וועלן היינט־מאָרגן זיין אויף דער עסטרייכישער זייט.

די גוים האָבן צווישן זיך גערעדט אין דער שטיל און איינער האָט דעם אַנדערן געטרייסט, אַז די רוסישע סאָלדאַטן וועלן זיי נישט טשעפּען.

— מיר האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן. זיי זיינען דאָך אונדזע־ריקע.

— זיי טראָגן דאָך דעם צלם ווי מיר. איר׳ט זען, אַז זיי וועלן זיך נאָך פאַר אונדז אַנבעמען.

— אונדזערע יידישע שכנים וועלן זיך אָבער דאַרפן באַהאַלטן אונ־טער דער ערד. מען זאָגט, אַז זיי וועלן קיין ייד נישט אַרויסלאָזן לעבע־דיק פון זייערע הענט.

— די פּוילישע פּאַנעס וועט אויך זיין אַך און ווי.

— שוין לאַנג צייט געווען אויסצורייניקן דעם ווילדן קאָקיל פון דעם קאָרן און דעם פוסטן בוריאַן, וואָס האָט זיך דאָ צעוואַקסן.

— מ׳זאָגט, אַז גאַנצע פּאָלקן גייען אַהער. איר׳ט זען, אַז זיי וועלן ווי אַ היישעריק זיך אַראָפּלאָזן אויף אונדזערע פעלדער און אויפפרעסן אונדזער ברויט.

די דאָרפישע יידן האָבן אויפגעכאַפּט די רייד און עס איז זיי באַפאַלן אַן אימה. זיי האָבן וועגן די קאָזאַקן, די רוצחים, זיך געהאַט געגוג אָנגעהערט און זיי זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע און צעשראָקענע.

— טאָמער גייען די רוסן אַריבער ס׳וואַסער, זיינען מיר דאָ איינגעשטעלט מיטן לעבן.

— אונדזערע גויאישע שכנים קוקן דאָך אויף זיי אַרויס ווי אויף משיחן.

— מ׳עט דאַרפן אַלצדינג איבערלאָזן און אַנטלויפן — האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט. זיי האָבן באַצייטנס באַגראָבן אין זייערע קאַמערן און סטאַדאָלעס קופּערטן מיט בעטגעוואַנט און גרויסע ערדענע טעפּ מיט זילבערנע חפצים און מיט צירונג. מען האָט אויך אין די גערטנער אויסגעגראָבן גרויסע גריבער אויף צו באַהאַלטן זיך, און מען האָט אויף די פינגער געצוימען אויסציילן די גוטע גויאישע שכנים, ביי וועלכע מען וועט, ערגעץ אין שטרוי, קאָנען פאַרשטופּן אַ פּעקל קליידער אָדער אַ זעקל תבואה.

אין דער ערשטער נאַכט, נאָכן אַרויסבאַגלייטן ס׳יונגוואַרג אין דער מלחמה, האָט מען פון עטלעכע גויאישע און יידישע שטאַלן אַרויסגעגנבעט די בעסטע פערד פון דאָרף. מען האָט מיט זשאַנדאַרן אומעטום אַרומגעזוכט די פערד, אָבער זיי זיינען ווי אין וואַסער אַריין און מען האָט זיי נאָך מער באַוויינט ווי די צוגענומענע זעלנער.

אין דער צווייטער נאַכט איז ליפשעס טאַטע, משה אהרן ראַגאַטניק, געשטאָרבן. ליפשע מיט לייבן האָבן נאָך זייער חתונה אים געהאַלטן אין איין צורעדן, אַז ער זאָל אויפגעבן די ראַגאַטקע און קומען זיין ביי זיי. אָבער ער האָט וועגן דעם אַפילו נישט געוואָלט הערן. ער האָט געלעבט איינער אַליין אין דעם ראַגאַטקע־שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אין פעלד און אין די לעצטע יאָרן זיך איינגאַנצן ווי אָפּגעזונדערט פון מענטשן. ער האָט ווי מיטאַמאָל אויפגעהערט חשבונען לויט די גימטריות ווען משיח דאַרף קומען און געצוימען פאַסטן תעניתים.

אין די ווינטערן איז משה אהרן געזעסן אין שטיבל ביים פאַרפרוירענעם פענצטערל איבער אַ ספרל. ער האָט דורך אַן אויפגעלאָזט שטיקל שויב, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין ווישן, אַלעמאָל אַרויסגעקוקט צו דער שטילער און ווייסער וועלט, צי זעט מען נישט אָנקומען אַ געשפּאַן. יעדעס מאָל ווען עס איז צוגעפאָלן אַ פרישער שניי האָט ער אין דרויסן אויפן ראַגאַטקע־דראַנג אויסגעלייגט קרישקעס ברויט פאַר די הונגעריקע וואָראָבעי־פייגעלעך. די גרויע פייגל האָבן לעבן אים אַרומגעהיפּט. מיט אַ טרויעריקן צוויר־צוויר צו אים עפּעס ווי גערעדט און אַן מורא געפּיקט די קרישקעס פון זיינע הענט. אין די זומערן איז משה אהרן שטענדיק געווען אין דרויסן און ער איז נישט איינמאָל אין די וואָרעמע נעכט געשלאָפן אונטערן פרייען הימל.

אין דעם זומער, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז ער געוואָרן שטאַרק אויסגעדאַרט און ער איז ביסלעכווייז ווי איינגעגאַנגען.

אין דער נאַכט ווען משה אהרן דער ראַגאַטניק איז געשטאָרבן האָבן ביי אים אין שטיבל געגעכטיקט וועווקע מיט בנימינען. ליפשע האָט אין די אומרואיקע נעכט נישט געוואָלט לאָזן איר טאַטן אַליין און זי האָט געשיקט די צוויי ייִנגלעך אַז זיי זאָלן דאָרט זיין מיט אים. וועווקע מיט בנימינען האָבן אָבער אין זייער האַרטן שלאָף אַפילו נישט גע־הערט ווי דער ראַגאַטניק איז ביינאַכט אוועק זיך טובלען ביים שטורץ צווישן די בערג און ווי ער איז דערנאָך צוריק אַריינגעקומען אין שטיבל. ערשט הינטער טאָג, ווען ס'איז אָנגעפאָרן אַ געשפאַן און דער פורמאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, אַז מען זאָל אַרויפלאָזן דעם ראַגאַטקע־דראָנג, האָבן וועווקע מיט בנימינען זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז דער זיידע איז פאַרביי.

בנימין איז באַלד אוועק אין דאָרף אַריין רופן דעם טאַטן מיט דער מאַמען. אָבער ווען לייב מיט ליפשען מיט נאָך עטלעכע ייִדן זיינען געקומען צו דער ראַגאַטקע, איז משה אהרן שוין געווען טויט. ער איז געלעגן אויף זיין בעט אַ פריש־געטובלטער, אין אַ וויס העמד, און ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געשלאָפן.

אַ נאַכט שפּעטער, ווען מ'האָט שוין געהאַט געבראַכט צו קבורה דעם ראַגאַטניק, האָבן עטלעכע פייערן אין פעלד ווי אָנגעצונדן דעם הימל. ס'ערשטע האָט דער ראַגאַטקע־דראָנג, אַן אָפּגעלאָזטער פון דער קייט, אַ ברענענדיקער ווי אַ קאָמעט, זיך געגומען וויגן אין דער הויך. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן פייערן ערגעץ אין דער זייט, וואו עס האָבן זיך געשפּרייט די פּריצישע לאַנעס. דאָס רויטע ליכט פון די פלאַמען האָט צעהעלט די פינצטערע שייבלעך פון די דאָרפישע שטיב־לעך און אַלעמען אויפגעוועקט. די דאָרפסלייט זיינען אַראָפּ פון די געלעגערס און אַרויס אין דרויסן. עטלעכע עלטערע גויעס האָבן פון וועג מיט פינטלדיקע אויגן אַריבערגעקוקט צום ברענענדיקן דראָנג, עפּעס געפּרעפּלט, און זיך געהאַלטן אין איין צלמען.

— די פּריצישע סטערטעס תבואה ברענען. אַ שאָד דער פרישינקער גאָלדענער ווייץ.

— אַזאַ טייער ברויט. אַן עבירה פאַר גאָט.

— דאָס האָט זיכער דער פאַן אַליין געהייסן פאַרברענען די תבואה. ער ווייסט שוין, אַז די מאָסקאַלעס קומען.

— דער פאַן פּאַקט זיך אין וועג אַריין און ער וויל גאָרנישט איבער־לאָזן פאַר דעם צאַרס סאָלדאַטן — האָבן די גויים צווישן זיך גערעדט און אַוועק אין פעלד אַריין אויסלעשן ס'פייער איידער ס'צעטראָגט זיך אויף זייערע מאַרגעס.

דיזעלבע נאַכט האָט מען אויך פון צווישן די בערג געהערט עטלעכע הילעכדיקע דונער, אַז די פענצטער פון די שטיבער האָבן זיך אַזש

צעקלונגען. נאָך איידער עס איז טאָג געוואָרן האָט מען אין דאָרף שוין געוואוסט, אַז דאָס האָבן עסטרייכישע זעלנער,ביים צוריקציען זיך פון יענעם געגנט, אויפגעריסן די צוויי באַן־בריקן אַרום יאַנאָוויץ.

קאַפּיטל איין־און־דרייסיק

אין מיטן העלן טאָג האָט ערגעץ פון צווישן די בערג זיך געגומען הערן דאָס שיסן פון קאַנאָנען און די דאָרפסלייט, וואָס האָבן געאַרבעט אין פעלד, זיינען צעשראָקענע זיך צעלאָפן אַהיים. עמעצער האָט פון שטאָט געבראַכט די נייעס, אַז די רוסן זיינען שוין אַריבער די גרענעץ און אַז דאָס עסטרייכישע מיליטער גיט ניט קיין צו שטאַרקן ווידערשטאַנד.

— זיי זיינען שוין אויף אונדזער זייט.

— אונדזערע אַנטלויפן.

— היינט־מאָרגן וועלן די רוסן שוין זיין ביי אונדז אין דאָרף.

— גאָט זאָל נאָר דאָרט באַשיצן אונדזערע מענער און אונדזערע זין — האָבן אַלע גערעדט מיט שרעק.

ווי נאָר די גויאישע דאָרפסלייט האָבן דערהערט, אַז די רוסישע זעלנער זיינען שוין אַריבער די גרענעץ און גייען אויף גאַליציע, האָבן זיי אין איילעניש אַרויסגעהאַנגען אויף די דרויסנדיקע ווענט פון זייערע שטיבער איקאָנעס און צלמים.

ביי די דאָרפישע יידן זיינען די הערצער איינגעפאַלן. זיי האָבן ניט איינמאָל פריער געזען ווי זייערע גויאישע שכנים הענגען אַרויס צלמים און הייליקע בילדער פאַר די טירן. דאָס איז אָבער געווען נאָר אין אַ צייט ווען אַ שריפה האָט אַרומגעכאַפּט דאָס דאָרף. די יידן האָבן געוואוסט, אַז די גויים זיינען איינגעגלויבט, אַז די צלמים קאָנען פאַרהיטן זייערע היימען פון די פלאַמען און זיי האָט דאָס קיינמאָל ניט געאַרט. ווען די יידישע דאָרפסלייט האָבן אָבער דאָסמאָל דערזען די הייליקע אָבראַזעס אויף די דרויסנדיקע ווענט פון די גויאישע שטיבער איז זייער פאַרדרוס געווען גרויס. עס איז פאַר די יידן איצט קלאָר געווען, אַז די גויים האָבן אַרויסגעהאַנגען די בילדער, כדי אָנצואווייזן די רוסישע סאָלדאַטן אויף די שטיבער און הויפן, וואָס זיי דאַרפן נישט טשעפּען.

דער פּוילישער פּריץ האָט אין סאַמע שניט איבערגעלאָזט די פעלדער, דעם הויף און מיט עטלעכע אָנגעלאָדענע וועגענער אַרויסגעפאָרן פון דאָרף. ביים פאַרבייפאָרן די יידישע הייזער האָט ער אַריבערגעשריגן צו די יידן, אַז זיי זאָלן ניט פאַרלירן קיין צייט, נאָר באַלד אַנטלויפן פון דאָרף. ער האָט זיי געוואָרנט, אַז זיי זאָלן אפילו קיין איין טאָג ניט וואַרטן, ווייל די רוסן וועלן זיי ניט שאַנעווען.

דער קייזער־שטראָז, וואָס האָט זיך געשניטן דורכן דאָרף, איז פול

געוואָרן מיט עסטרייכישע סאָלדאַטן. עס האָבן זיך געצויגן גאַנצע ריעגי־מענטן פוסגייער, אולאַנער אויף פערד, קאַנאָנירן מיט קאַנאָנען אויף צווייי רעדער, אָפּטיילונגען פון רויטן קרייץ און אַן אַ שיעור מיליטערישע וועגענער. מיט דעם שטויביקן וועג האָבן זיך געשלעפּט יידן, אַנטלאָפענע פון די דערפער און שטעטלעך, וואָס זיינען געלעגן ביי דער גרענעץ. זיי זיינען געפאָרן אין וועגענער אָנגעפּאַקטע מיט ווייבער און קינדער און מיט בעטגעוואַנט. גאַנצע יידישע משפחות האָבן זיך אויך געשלעפּט צופוס. מיידן, מיט צעצונדענע פּנימער פון דער הייסער זון, האָבן געפירט בהמות, קליינע יינגלעך האָבן געטריבן טשאַטעס גענדז און מענער מיט ווייבער האָבן איינגעהאָרבעטע געטראָגן גרויסע פּעק אויף די פּלייצעס.

יידן פון יאַנאָוויץ און פון דער טאַטאַרשטשינע האָבן אייַנציקווייז זיך אויך אָנגעהויבן אַרויסריירן פון דער היים. עס האָט געהייסן, אַז מען וועט דערוויייל צופאָרן ביז אין שטאָט אַריין און פון דאָרט וועט מען מיט די שטאָט־לייט זיך אַוועקלאָזן אין הינטער־לאַנד.

מען האָט אויך ביי לייבן זיך געפּאַקט אויף אַוועקצופאָרן פון דאָרף. ווען דער וואָגן איז שוין געווען אָן אָנגעלאָדענער מיט פּעק און ליפּשע מיט אסתרן האָבן פאַרוויינטע נאָך אַלץ אַרויסגעטראָגן זאַכן פון שטוב, האָט אָבער לייב מיטאָמאָל חרטה באַקומען אויפן פאָרן.

— מ׳דאַרף זיך צואיילן. די קאָזאַקן זיינען שוין הינטערן וואַלד. ס׳קאָן נאָך ווערן צו שפּעט — איז נאָטע געקומען צולויפן און אַלעמען געגומען אונטערטרייבן. לייב איז אָבער געבליבן שטיין אין מיטן הויף ווי אַן אַריינגעגראָבענער אין דער ערד, און מיטן אויג אַרומ־גענומען זיין גאַנץ באַלעבאַטישקייט. זיין קודלאַטער הונט האָט זיך געדרייט אַרום זיינע פיס, צו אים אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געפרעגט צי נעמט מען אים אויך מיט. הינער, פאַרחלשטע פון היץ, האָבן געפּאַדעט אַרום דער אויסגעטריקנטער קאַריטע און געוואַרט אויף אַביסל וואַסער. אַ קראַנקע גאַנדז איז געזעסן אין שאָטן פון אַ בוים און אין דער שטיל ווי צו זיך אַליין געדעדט. עס האָט לייבן אָנגענומען אַ שטאַרק רחמנות אויף די הויז־באַשעפענישן און ער האָט ביי זיך אָפּ־געמאַכט צו בלייבן אין דער היים.

— וואָס שטייסטו? אַלע וואַרטן דאָך אויף דיר. כ׳האָב געוואָלט, אַז מיר זאָלן אַרויספאָרן אינאיינעם — האָט נאָטע אים געטאַרעט.

— כ׳פאָר נישט — האָט לייב אַרויסגעברומט.

— וואָס הייסט דו פאָרסט נישט? — האָט נאָטע זיך אַזש אָנגע־כאַפּט ביים קאָפּ.

— כ׳פאָר נישט, האָב איך געזאָגט. כ׳קאָן נישט איבערלאָזן אַלצ־דינג אויף הפקר. ס׳עט דאָך נישט זיין ווער עס זאָל אַפילו די עופות געבן אַ טרונק וואַסער. וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין. כ׳בלייב אין דער היים. און טאָמער וועלן די מאָסקאַלעס דאָ עפּעס טשעפּען, וועל איך זיי מיט דער גראַליע די אויגן אַרויסנעמען — האָט ער זיך געבייזערט.

— נישטאָ קיין תקיף ביי זיי. כ׳קען זיי גוט. זיי ליגן מיר נאָך אין די ביינער פון אַמאָל. כ׳זאָג דיר מ׳עט דאָ זיין איינגעשטעלט מיטן לעבן — איז נאָטע אַזוי גיך נישט אָפּגעטראָטן. לייב האָט אים אָבער איבערגעלאָזט אין מיטן און ער איז אַוועק אָנגיסן וואַסער אין דער קאַריטע.

אַנדערע דאָרפס־יידן האָבן נאָכגעטאָן לייבן. זיי האָבן צוריק אַראָפּ־גענומען די זאַכן פון די וועגענער און אויך געבליבן אין דער היים. נאָטע און נאָך עטלעכע יידן האָבן אָבער אויפגעהאַנגען שווערע שלעסער אויף די טירן פון זייערע שטיבער און קאַמערן, אָנגעזאָגט די גויאישע שכנים, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף זייערע באַלעבאַטישקייטן און קעגן נאַכט־צו אַרויסגעפאָרן פון דאָרף.

— פאַרט מיט גאָט — האָבן גויאישע שכנים זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט און צוגעזאָגט אָפּצוהיטן זייער פּראַצע. ניט איינער פון די גויאישע שכנים האָט אָבער פון הינטערן פלויט מיט אַ גלוסטונג איז זיין האַרצן און מיט פאַרצויגענע אייגעלעך אַריבערגעקוקט צום יידישן האָב און גוטס. ניט איינער פון די גויאישע דאָרפסלייט האָט יענע נאַכט אַ וואַכזאַמער זיך גערדרייט אויף זיין געלעגער און געטראַכט וועגן דעם טאָג ווען ער וועט קאָנען צעגראָבן די מעזשע, וואָס טיילט־אָפּ דעם יידישן שכנס ערד פון זיינער און אַלץ אַרום וועט געהערן צו אים.

נאָטע און נאָך עטלעכע דאָרפישע יידן האָבן אָבער אייניציקווייז פון וועג זיך צוריק אומגעקערט אַהיים, נאָך איידער די רוסישע זעלנער האָבן זיך באַוויזן. זיי זיינען אויף די וועגן אין דער בהלה אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט וואוהין צו פאָרן. מיט יעדן קילאָמעטער וואָס זיי האָבן זיך דערווייטערט פון דער היים אַלץ שווערער זיינען זיי געוואָרן די הערצער. זיי זיינען געזעסן אין די וועגענער צווישן די גרויסע פּעק, גערדרייט די קעפּ אויף צוריק, און ווען עס איז זיי אונטערוועגנס צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן זיי ווי קינדער גענומען וויינען אויפן קול.

— וואוהין פאָרן מיר? וואו וועלן מיר זיך אַהינטאָן? אויב ס׳איז אונדז באַשערט אַן אומגליק וועט עס אונדז אויך אויפן וועג אָפּזוכן.

— לייב האָט געטאָן ווי אַ חכם. נישט געוועזן באַדאַרפט אָפּטרעטן פון דער שטוב. ווער ווייס ווען מ׳וועט קאָנען צוריקקומען.

— כ׳קער מיך אום אַהיים.

— איך אויך. זאָל אַפילו דער צאַר אַליין קומען אין דאָרף אַריין — האָבן לייבס צוויי שכנים געמאַכט דעם אָנהייב און זיך אויסגעדרייט אויף אַהיימצופאָרן. אַנדערע האָבן זיי באַלד נאָכגעטאָן. אָבער עטלעכע יידישע משפחות פון דאָרף, וואָס זיינען אַוועק פאָרויס, האָבן מיט זייערע וועגענער זיך ווי אַריינגעפּלאָנטערט אין דעם אָבאָז פון דעם עסטרייכישן מיליטער און געפאָרן אַלץ ווייטער און ווייטער.

לייב האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען ער האָט ביי זיך אָפּגע־מאַכט צו פאַרבלייבן אין דער היים. עס איז אויך ליפשען און אסתרן

לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן און זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען די זאַכן פון וואָגן. עטלעכע פּעק האָבן זיי באַהאַלטן צווישן די גראָזן און אַביסל זאַכן האָט מען אַוועקגעטראָגן צו גויאישע שכנים.

מען האָט זיך גערעכנט, אַז די רוסישע סאָלדאַטן וועלן נאָך ביינאַכט אָנקומען קיין יאַנאָוויץ און אַלע דאָרפישע יידן האָבן אָפּגעטראָטן פון זייער שטיבער. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף איבער נאַכט אין די גערטנער און ביי גויאישע שכנים. אויך לייב מיטן גאַנצן בני בית זיינען אַוועק איבערנעכטיקן אין גאָרטן אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל צווישן ביימלעך און הויכע גראָזן.

ביינאַכט, ווען דער הימל האָט זיך אויסגעשטערנט איז דער וועג געוואָרן פּוסט. די לעצטע עסטרייכישע זעלנער האָבן שוין געהאַט אָפּ־געטראָטן און די רוסן האָבן זיך דערווייל ניט געוויזן. ערגעץ פון צווישן די בערג האָט זיך געהערט אַ שיסן און אַ דונערן פון קאַנאָנען. דער הימל האָט אין עטלעכע ערטער זיך געצונדן מיט בלוילעכער רויטקייט. די גויים האָבן זיך אַרומגעדרייט לעבן זייערע שטיבער, געזעסן אויף די פּריזבעס און ווי געוואַרט אויף די רוסישע סאָלדאַטן. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז דאָס ברענען פּריצישע הויפן און יידישע שטעטלעך. יונגע שקצים, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן הינטער דער מיל, האָבן אין דער אומהיימלעכער נאַכט זיך צעזונגען אויפן קול:

„העי נאַ האָרי טאַם זשענצי זשנוט,
אַ פּאָפּיד האָראָיו, דאָלין דאָלינאָיו, קאָזאַקיע אידוט".
(דאָרט אויפן באַרג שניידן שניטער.
און הינטערן באַרג, אין טאָל גייען קאָזאַקן).

לייב האָט אין יענער אימהדיקער נאַכט אַפילו קיין אויג ניט צוגעמאַכט. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען אין דעם דרויסנדיקן באַהעלטעניש, וואו ליפשע מיט אסתרן האָבן אויסגעבעט אַ געלעגער. ער איז אַלעמאָל אַרויסגעקראָכן פון צווישן די גראָזן און אויפ־געכאַפּט יעדן שאָרך, וואָס איז געקומען פון וועג. ער איז מיט באָרוועסע טריט אַרומגעגאַנגען איבערן גאָרטן און זיך אויך צוגעשאָרט צום סאָד. אַ טרויער האָט געגנאָגט זיין האַרץ און ער האָט געפילט אַ וואַרעמע פייכט־קייט אין זיינע אויגן. ער האָט אין סאָד זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן עפּל־בוים און אַראָפּגענומען פון אַ צווייג אַ נעסט ווערעם, איינגעוועבטע אין פּאַוויטיניע. ער האָט מיט אַ דרענגל אונטערגעשפּאַרט אַ שווער־באַלאָדן ביימל מיט עפּל און ער האָט אין גאָרטן מיטן וואָרצל אַרויסגעריסן אַ קריכנדיק ווילד געוויקס. שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַ מידער געבליבן שטיין אַן אָנגעשפּאַרטער אָן אַ בוים. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און עס איז אים פאָרגעקומען, אַז דער זיידע בער שטייט לעבן אים.

— כ'על נישט אַנטלויפן. זאָלן זיי קומען און צונעמען ביי מיר אַפילו

ס׳לעצטע העמד. כ׳על נישט איבערלאָזן די פעלדער און ס׳באַלעבאַטישקייט
— האָט ער ווי גערעדט צום זיידן.

מיטאַמאָל זיינען מיטן וועג אָנגעקומען עטלעכע רייטער. זיי האָבן ביים אַריינרייטן אין דאָרף אָפּגעפייערט עטלעכע שאָס אין דער לופטן און גויים, אויסגעניכטערטע פון שלאָף, זיינען אַרויס צו זייערע טויערן.

— אַ רוסישער פּאַטראָל. ס׳רוסישע מיליטער איז שוין דאָ.

— נאַשי נאַשי, זיי זיינען אונדזערע ברידער און מיר דאַרפן זיך נישט באַהאַלטן. זיי וועלן אונדז נישט טאָן קיין שלעכטס — האָבן די גויים זיך געלאָזט הערן.

פון די יידן האָט זיך אָבער קיין איינער ניט געוויזן ווען דער פּאַטראָל איז אַריינגעקומען אין דאָרף.

מיטן טאָג גלייך האָבן דורכן דאָרף אָנגעהויבן גיין רוסישע סאָלדאַטן אָן אַן אויפהער. זיי האָבן אויפגעהויבן פון וועג אַ געדיכטן שטויב, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער הייך, נאָר צו פאַרשטעלן די אויפגייענדיקע זון. עס האָבן זיך געצויגן דורכן דאָרף גאַנצע פּאָלקן פּיעכאָטע און קאָזאַקן, טשערקעסן און טאַטאַרן אויף פערד. רייטער, אין שוואַרץ־האָריקע לאַנגע בורקעס, אין באַראַנאַווע קוטשמעס, גרויסע ווי שאָף, באַוואָפנטע מיט ביקסן, מיט הויכע פּיקעס, מיט קינזשאַלן און לעדערנע נאַהייקעס האָבן ניט נאָר אויף יידן, נאָר אויך אויף גויים אָנגעוואָרפן אַ שרעק. די שרעק איז אויך ניט געווען אומזיסט. זיי האָבן מיט זייערע פערד צעטראָטן די גערטנער און די פעלדער, פאַרנומען דעם גערשטן און דעם האָבער פון זייערע מאָרגעס, וואָס זיינען געווען ביים וועג. זיי האָבן זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף די הייליקע בילדער וואָס זיינען געהאַנגען אויף די דרויסנדיקע ווענט פון די שטיבער, נאָר געכאַפּט הינער אויף די הויפן, פאַרנומען געשפּאַנען און בהמות מיט חזירים.

לייב איז אויך אויף צומאָרגנס געבליבן אין דעם באַהעלטעניש אין זיין געדיכט־פאַרוואַקסענעם גאָרטן מיט זיין בני־בית, מיט זיינע צוויי בהמות און מיט זיינע פערד. ער האָט געוואַרט ביז די מחנה וועט דורכגיין דאָס דאָרף און דערווייל צוגעקוקט ווי סאָלדאַטן שלעפּן היי פון זיין סטויג און ווי זיי כאַפּן אויס די הינער פון הויף. ער האָט געזען ווי אַ קאָזאַק האָט פלינק פון זיין פערד אויפגעכאַפּט אַ גאַנדז. ער האָט די גאַנדז אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און זי פון זיך אַ וואָרף־געטאָן צו אַ צווייטן קאָזאַק מיט אַזאַ גבורה, אַז איר קאָפּ איז געבליבן אין זיין האַנט. אַ צווייטער קאָזאַק האָט אויך באַוויזן דיזעלבע קונץ. זיי האָבן דערביי אַרויסגעלאָזט ווילדע קולות און רייטנדיק אָפּגעפליקט די פעדערן פון די גענדז.

— ס׳וועט נישט בלייבן קיין איין הון און קיין איין גאַנדז — האָט לייב זיך אָפּגעגעסן ס׳האַרץ. באַלד האָט ער אָבער דערהערט אַ געוואַלד פונעם הויף פון זיינעם אַ גויאישן שכן און ער האָט שוין פאַרגעסן אָן די הינער און אָן די גענדז. ער האָט זיך צוגעשאַרט נענטער צום פּלויט און דערזען ווי אַ הויכער טשערקעס פירט אַרויס טשערניוקס

קו פון שטאַל. דער גויאישער שכן טשערניוק מיט זיין ווייב וואַרוואַראַ, האָבן דעם טשערקעס געקושט די הענט, געהאַלטן אין איין טענהן צו אים, אַז זיי זיינען דאָך קריסטן ווי ער, אָבער זייערע רייד זיינען געווען אַרויס־געוואָרפן. זיי האָבן געוויינט און געוואַלדעוועט און געריסן פון זיינע הענט דעם שטריק אויף וועלכן די קו איז געווען אָנגעבונדן.

— ס'אַ מלחמה — האָט דער טשערקעס מיט די פּאָר ווערטער זיי געענטפערט. ער האָט מיט אַ האַנט זיי אָנגעוויזן אויף דער שורה פּאַט־ראָנען, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין ברוסט און געוואָרנט, אַז ער וועט שיסן, טאָמער וועט מען אים מאַכן בייז. דערנאָך האָט ער מיט זיין נאַהאַיקע און מיט אַ פּויסט זיי אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז זיי האָבן אָפּגעלאָזט דעם שטריק און ער איז אַוועק מיט דער קו.

— כ'ווייס נישט וואָס פאַר אַן עצה מ'גיט זיך. ס'וועט נישט העלפן קיין באַהאַלטן זיך. זיי וועלן אונדז באַגזלענען און באַרויבן — איז לייב אָן אויפגעקאָכטער צוגעקומען צו ליפשען און צו זיין שנור אסתר און זיי דערציילט, אַז מען האָט ביים שכן צוגענומען די קו.

— לייב, ווי גאָט איז דיר ליב. מיט בייזן וועט זיין נאָך ערגער. זעסט דאָך, אַז אַפילו אַ זייעריקן העלפט נישט דאָס שטעלן זיך אַנטקעגן. זאָלן זיי רויבן און זאָלן זיי זיך דערמיט דערוואַרגן — האָט ליפשע, וואָס האָט גוט געקענט לייבן, אים ווי צוגערייט, אַז ער זאָל זיין געפּאַסט אויף אַלצדינג.

— וואָס־זשע ווילסטו, אַז כ'זאָל אפשר נעמען און זיי אַוועקפירן די בהמות מיט די פערד און פאַר זיי נאָך אָפּהייבן ס'היטל? — איז לייב נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט און געהאַלטן אין איין פאַרקוועטשן זיינע הענט אין האַרטע פויסטן.

— שווער, מירן האָבן אַנדערע בהמות, טאָמער וועלן זיי חלילה די ביי אונדז צונעמען. לאָמיר זיי נאָר איבערלעבן און זאָלן נאָר בער מיט חיים משהן אַהיימקומען — האָט אויך אסתר, וואָס איז כסדר אַרומ־געגאַנגען אַ פאַרוויינטע, מיט שטילע און גוטע רייד ווי איינגענומען לייבן.

* * *

דאָס רוסישע מיליטער האָט אָן אויפהער אַ גאַנצן טאָג זיך געצויגן דורך יאַנאָוויץ. זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער גערטנער און פעלדער און פאַרהילכט דאָס דאָרף מיט געזאַנג. זיי האָבן פון די וועגן אַריבער־געגרופן צו די גויים אויף די הויפן, אַז זיי גייען גלייך צום קייזער פראַנץ יאָזעף, אַז קיין ווין און אַז זיי וועלן די עסטרייכישע סאָלדאַטן מיט זייערע היטלעך פאַרוואַרפן.

קעגן וואַרעמעס האָט לייב זיך באַרעכנט, אַז ס'איז נישט קיין תכלית צו ליגן באַהאַלטן אין גאָרטן און ער האָט מיט וועווקען און מיט בנימינען זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין. די אַנדערע יידן האָבן איינציקווייז אים נאָכגעטאָן און זיך אויך צוריקגעקערט צו זייערע באַלעבאַטישקייטן. מען

האָט ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צום געדאַנק אַז נישט פאַר אַלע רוסישע סאָלדאַטן דאַרף מען מורא האָבן.

אין די פּיעכאָטנע פּאָלקן זיינען אויך געווען געגנוג יידישע זעלנער, וואָס האָבן גייענדיק מיטן וועג ווי דערשמעקט די יידישע הייזער. ניט איינער פון זיי האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט און אַריין אין אַ יידישער שטוב דאָרט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און זיך אונטערצולענען ס'האַרץ. צוויי פון די יידישע סאָלדאַטן זיינען פאַרשוויצטע און פאַרשטויבטע אויך צוגעקומען צו לייבס טיר ווי נאָר ער איז צוריקגעקומען אין שטוב אַריין.

— מיר זיינען יידן און איר דאַרפט פאַר אונדז נישט מורא האָבן.

— מיר האָבן נאָר געוואָלט אַ טרונק וואַסער. מירן אייך חלילה קיין שלעכטס נישט טאָן — זיינען זיי מיט די רייד אַריבערגעטראָטן די שוועל. ווען לייב האָט דערהערט ווי די צוויי יונגע רוסישע זעלנער רעדן יידיש, האָט ער באַלד ווי פאַרגעסן, אַז זיי זיינען פון שונאס זייט און ער האָט זיך מיט זיי דערפרייט גלייך ווי זיי וואָלטן געווען זיינע לייבלעכע קרובים.

— קומט אַריין, יידישע קינדער. איר'ט נישט אַוועקגיין פון דאַנען ביז איר וועט עפּעס נישט אָפּעסן. איר קאָנט דאָ אויך איבערנעכטיקן — האָט ער זיך מיט זיי באַלד דערפילט היימיש און ער איז צו זיי צוגע־שטאַנען, אַז זיי זאָלן אָפּלייגן די רוקזעק פון די פלייצעס.

— מיר מוזן שוין גיין ווייטער, ווייל מירן זיך נאָך פאַרלירן פון אונדזער ראָטע. שוין עטלעכע טעג ווי מיר האַלטן אין איין גיין אין די היצן און אין שטויב.

— מ'טרייבט אונדז נאָר ווי די שאָף און מ'מוז גיין, צי מ'וויל צי מ'וויל נישט — זיינען זיי ביידע געוואָרן באַרעדעוודיק. זיי האָבן ווי אויף דערווייל זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק און מיט טיכלעך געווישט דעם שווייס און דעם שטויב פון די פּנימער.

די צוויי יונגע זעלנער האָבן לייבן דערמאָנט אָן זיינע זין, וואָס זיינען אין דער מלחמה און ער האָט שוואַך אָפּגעזיפצט. ער האָט באַלד פאַר זיי אַוועקגעשטעלט אַ לאַדישטש קאַלטע זויערמילך, סמעטענע מיט קעז און זיי דערלאַנגט גרויסע שטיקער ברויט מיט פּוטער.

— איי, יידישער קינדער, און דאַרפן זיך נעבעך שלאָגן פאַר פּאַניען. ער האָט אונדז אָנגעאַרבעט די אמתע חתונה — האָט לייב אַריינגעקוקט די יונגעלייט אין די פּנימער און זיי דערציילט אַז זיינע צוויי זין זיינען אויך אין מלחמה.

דער עלטערער פון די סאָלדאַטן האָט זיך אַרומגעקוקט און גענומען רעדן אין דער שטיל:

— אייערע זין דינען כאָטש אייער קייזער, וואָס איז נישט קיין שונא ישראל. און מיר שלאָגן זיך פאַרן רוח אומזיסט און אומנישט. מ'שיקט אונדז מיט די ביקסן אין פייער אַריין און דאָרטן מאַכן דערווייל די קאָזאַקן פּאָגראָמען אויף אונדזערע היימען.

דער צווייטער סאָלדאַט, וועמען עס האָט ערשט אָנגעהויבן שפּראָצן אַ בלאָנד בערדל, האָט אַ טרויעריקער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דער־ציילט, אַז אין טשאָרטקאָווער געגנט וואוינט זיין מאַמעס אַ שוועסטער און אַז אירער אַ זון דינט אויך אין עסטרייכישן מיליטער.

— ווען איך בין געווען אין די אָקאָפּעס האָט זיך מיר נאָר אויסגע־דאַכט, אַז איך ציל מיט דער ביקס אויף מיין שוועסטער־קינד און אויף אַנדערע קאָרדונער יידישע בחורים מיט וועלכע איך האָב אַמאָל געלערנט אינאיינעם אין חדר אויף דער עסטרייכישער זייט. אייערנעכטן ביינאַכט האָב איך אין די אָקאָפּעס געהערט אַן עסטרייכישן סאָלדאַט שרייען „שמע ישראל" — איז דער יונגער געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער און עס איז אים ווי שווער געווען אַראָפּצושלינגען דעם ביסן ברויט פון מויל.

עס זיינען דערנאָך אויך אָרייגעקומען צוויי גויאישע סאָלדאַטן פון דער פיעכאָטנע אָפּטיילונג בעטן אַ טרונק וואַסער און די יידישע בחורים זיינען שטיל געבליבן. לייב האָט אויך זיי אָנגעגאָסן צו טעפּלעך זויערמילך, זיי געגעבן שטיקער ברויט באַשמירט מיט פּוטער און זיי זיינען דערנאָך אַלע אינאיינעם אַוועק אָניאָגן זייער ראָטע.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַכט ערגעץ צווישן די בערג און טאָלן נישט ווייט פון יאַנאָוויץ, און אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה. עס האָבן געגומען הודיען און פייפן שראַפּנעלן און קוילן און די דאָרפסלייט זיינען אַוועק זיך באַהאַלטן אין די צוגעגרייטע גריבער.

עטלעכע עסטרייכישע רעגימענטן האָבן אויף זייער ריקצוג מיטאַמאָל זיך געכאַפּט, אַז דער שונא רינגלט זיי אַרום. ווען זיי זיינען אין געלאָף צוגעקומען צו אַ פּונקט וואו זיי זיינען געווען געשיצט האָבן זיי זיך אַ דריי־געטאָן אויף צוריק. זיי האָבן אומגעריכט געמאַכט אַן אַטאַקע אויף די רוסן, געקעמפט ווי די לייבן ביז זיי האָבן דעם שונא צוריק־געשטויסן אויף אַ פּאָר קילאָמעטער און זיך אַרויסגעריסן פון דער פאַסטקע.

אין מיטן נאַכט, ווען די שלאַכט האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינען אַ מחנה דאָנער קאָזאַקן אין ברייטע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן און אין גרויסע באָראַנאָווע היטלעך אַריינגעריטן קיין יאַנאָוויץ. זיי זיינען ס׳ערשטע פאַרפאָרן אויפן פאָלוואַרק, אויסגעפּלינדערט אַלצדינג, וואָס דער פּריץ האָט איבערגעלאָזט, און דערנאָך, מיט ווילדער רציחה, זיך אַוועקגעלאָזט איבער׳ די יידישע הייזער. די דאָנסקע קאָזאַקן זיינען געגאַנגען צו עטלעכע אינאיינעם און זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען שקצימלעך, אַז זיי זאָלן אָנווייזן וועלכע הייזער זיינען יידישע.

— דאָס גאַנצע געלט און דאָס גאָלד מיטן זילבער וועט איר מוזן אָפּגעבן, אַז ניט וועט מען אייך אַלע אויסקוילען! — האָבן זיי נאָך אין דרויסן געלאָזט הערן זייערע ווילדע קולות און געהאַלטן אין איין שיסן אין דער לופטן.

די יידישע הייזער, וואָס זיי האָבן געטראָפן פאַרשלאָסענע, האָבן זיי אויפגעבראָכן און פון דאָרט אַלץ אויסגערויבט. אַ סך פון דעם רויב

האָבן זיי אָוועקגעשענקט צו די גויאישע יונגע ווייבלעך, וואָס זייערע מענער זיינען געווען אין מלחמה און ביי וועלכע זיי האָבן זיך איינקוואַרטירט אויף איבער נאַכט. זיי האָבן אין די יידישע שטיבער אָן רחמנות גע־שלאָגן יונג און אַלט. זיי האָבן צעטרענט די איינשיטן פון די איבער־בעטן, צענומען די אויוונס, אַרויסגעריסן די שוועלן פון די טירן, געגראָבן מיט זייערע שפּיזן אין די קעלערן און קאַמערן און אַרומגעזוכט באַהאַלטענע אוצרות.

די צעווילדעוועטע קאָזאַקן האָבן מיט אָנגעצונדענע אייגעלעך געזוכט אונטער די בעטן, אויף די אויוונס און אין די סטאָראָלעס די יונגע יידישע ווייבלעך און מיידלעך, וואָס האָבן באַצייטנס זיך אויסבאַהאַלטן. עטלעכע האָבן זיי אָבער געפונען אין די באַהעלטענישן און זיי זיינען געבליבן טויט צו דעם געבעט און צו דעם געיאָמער פון די יידישער טעכטער. ווי ווילדע חיות האָבן די קאָזאַקן זיך געוואָרפן אויף זייער רויב און די געשרייען, די יאָמערלעכע קולות האָבן ווי געשפּאָלטן די אימהדיקע נאַכט.

לייב האָט אין יענער נאַכט צעטיילט זיין הויזגעזינט. ליפשען מיט אסתרן האָט ער אָוועקגעשיקט צו זיינע טעכטער נעכע און כייקע און זיי האָבן אַלע פיר זיך באַהאַלטן אויף אַן אָרט, וואו זיי זיינען געווען זיכער, אַז מען וועט זיי דאָרטן נישט קאָנען געפינען. די צוויי יינגלעך, וועוועקע און בנימין, האָבן אין גאָרטן זיך אויסבאַהאַלטן מיט די פערד און מיט די קי און ער אַליין איז געבליבן אין שטוב. ער איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט אין דער פינצטער, אַן אַנגעטוענער, דורך אַ שייבל אַרויס־געקוקט צו דער פחדימדיקער נאַכט און געהאָרכט. אַלעמאָל זיינען צו אים פון אַן אַנדערער ווינקל דערגאַנגען יידישע געוויינען און געוואַלדן, וואָס האָבן אים אויפגערודערט. ער האָט געהערט ווי מען פירט אַוועק פון יידישע הויפן בהמות, ווי מען לאָדט אויף וועגענער דעם רויב, ווי מען האַקט־אויף פאַרשלאָסענע טירן, און ווי מען ברעכט שויבן.

ער האָט ווי זיין טאַטע חיים משה דער שענקער זיך גענומען וויגן ווי אין געבעט און געפּאַכעט מיט די הענט ווי מיט פליגל. דער געדאַנק, אַז די קאָזאַקן פּייניקן יידישע טעכטער, אַז זיינע יידישע שכנים רופן נאָך הילף האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט אָבער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן זיך נישט געהאַט געפילט אַזוי מאַכטלאָז.

— געוואַלד געשריגן, וואָס זיץ איך דאָ ווי אַ לעמעשקע?! — איז ער געווען פול מיט טענות צו זיך פאַרוואָס ער גייט נישט זיך אָננעמען פאַר די יידישע שכנים. דער פּחד פאַר די ווילדע קאָזאַקן האָט אָבער ווי געהויערט אַרום אים אין דער פינצטער און ער האָט זיך נישט אַרויס־געריהרט פון שטוב. ער האָט איצט געוואוסט, אַז ווען זיי וועלן קומען צונעמען זיינע פערד מיט די בהמות און אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, וועט ער זיך נישט שטעלן אַנטקעגן.

— אַיי, טאַטע זיסער אין הימל. זיי זאָלן נאָר נישט געפינען ליפשען מיט די קינדער! — האָט ער ווי זיין פאָטער, וואָס פלעגט שטענדיק

אַרומגיין אַן איבערגעשראָקענער, געפּאַטשט מיט די הענט, געזיפצט און זיך נישט אויפגעהערט וויגן. ער האָט עפּעס ווי מיטאַמאָל פאַרלוירן זיין גבורה און ער איז זיך פאַרגאַנגען אין שטילן געבעט, נאָר ווי אַ יידענע ביי די תחינות.

לייב האָט אין דער פינצטער, אין געדאַנק, ווי צונויפגענומען אַלע זיינע קינדער אַרום זיך. ער האָט געטראַכט וועגן זיינע טעכטער נעכע און כייקע, וועגן זייערע שיינע באַלעבאַטישקייטן, וואָס זיינען מיט־אַמאָל געוואָרן הפקר, און ער האָט איבערגעקלערט וועגן זיין טאָכטער גיטל, וואָס האָט געוואוינט לעבן זאַהאַרער וואַלד, דאָרט וואו ריווע איז אויסגעוואַקסן.

ער האָט געטראַכט וועגן וועווקען און בנימינען און עס האָט אים איצט באַנג געטאָן פאַרוואָס ער האָט זיי אַליין געלאָזט גיין אויס־באַהאַלטן די פערד מיט די קי. די צוויי יינגלעך זיינען אים געווען איינגעבאַקן אין האַרצן און ער האָט איצט אין מיטן דערינען זיך גענומען זאָרגן, אַז טאָמער וועלן זיי גרויסערהייט זיך נישט וועלן האַלטן אין דאָרף.

עס זיינען אין דער פינצטער פאַר אים אויפגעגאַנגען די געשטאַלטן פון זיינע צוויי זין בער און חיים משה, וואָס זיינען אַוועק אין מלחמה. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי זיי שלעפּן זיך ערגעץ אויף פרעמדע וועגן, פאַרשטויבטע און פאַרשוויצטע און ווי זיי גראָבן זיך איין אין גריבער זיך צו שיצן פון דעם שונאס קוילן.

— די מאַמע זייערע זאָל זיך דאָרט מיען און זיי אויסהיטן פון דעם פייער — האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט. — זאָלן זיי מיר נאָר אַהיימקומען גאַנצע און געזונטע. מער וויל איך גאָרנישט.

לייבס געדאַנקען האָבן געוואַנדערט פון איין קינד צום צווייטן און עס זיינען פאַר אים אויפגעגאַנגען אַ סך דערמאָנונגען פון דער צייט ווען זיי זיינען נאָך געווען קליין.

ער האָט אין דער פינצטער אויך פאַר זיך געזען יאַנקלען און בלומעלען. איצט איז ער געווען צופרידן וואָס זיי זיינען נישטאָ אין דער' היים און וואָס זיי זיינען אַזוי וויט אַוועק פון דער מלחמה. דער לעצטער בריוו פון זיי, וואָס בלומעלע האָט אים געשריבן, איז גע־קומען נאָך פאַר פסח. אין דעם בריוו איז גאָרנישט געווען דערמאָנט, אַז זיי האָפן נאָך אַמאָל אַהיימצוקומען. בלומעלע האָט געשריבן, אַז זי האָט מיט מזל געבוירן איר צווייטע טאָכטער און אַז זי האָט שוין ביי זיך אין שטוב דער מאַמעס און דער באָבעס שרהלעס נעמען. וועגן דעם, אַז יאַנקל האָט חתונה געהאַט מיט סענדערס עלטערע טאָכטער, האָבן זיי נאָך פריער געהאַט געשריבן. איצט האָט בלומעלע געלאָזט וויסן, אַז יאַנקל האָט געקויפט אַ שטוב און איבער הונדערט אַקער לאַנד וויט אַוועק פון ניו יאָרק און אַז ער פאַרט זיך דאָרטן באַזעצן.

לייב איז דעמאָלט פון יענעם בריוו געווען אויסער זיך. ער האָט

אים געהאַלטן אין איין לייענען און ער האָט זיך נישט געקאָנט גלויבן, אַז יאַנקל האָט זיך דערראַביעט צו האָבן זיין אייגענס אַזוי פיל געלד. ער האָט מיט דעם בריוו זיך באַרימט צווישן די שכנים און ער האָט אים אויך געוויזן זיין ברודער יוסף ווען ער האָט אים באַגעגנט אויף אַ יאַריד. יוסף דער פּריץ האָט אָבער מיט גלייכגילטיקייט איבערגעלייענט דעם בריוו און געזאָגט לייבן, אַז ער דאַרף זיך נישט איינרעדן, אַז יאַנקל איז שוין געוואָרן אַ גביר. ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין געוויסע טיילן פון אַמעריקע איז לאַנד אַזוי ביליק, אַז מען קאָן דאָרטן איינהאַנדלען הונדערט מאָרג פעלד פאַר אַ שיבוש.

לייב איז געוועזן פאַרטראַכט אין געדאַנקען וועגן זיינע קינדער ביז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן און מען האָט פון דרויסן מער קיין שאָרך ניט געהערט. ער האָט דערנאָך אַזוי זיצנדיק איינגעדרעמלט און זיך אויפ־געכאַפּט ווען ס׳איז שוין געווען ליכטיק.

די קאָזאַקן, וואָס זיינען פאַרטאָג אַוועק פון דאָרף מיט זייער רויב, האָבן נאָר ווי דורך אַ נס אויסגעלאָזט לייבס שטוב און זיין הויזגעזינט. זיי האָבן אין יענער נאַכט אויסגעפּלינדערט אַ סך יידישע הייזער, ביז בלוט צעשלאָגן עטלעכע יידן און אויך פאַראומגליקט עטלעכע יונגע יידישע טעכטער. לייבן האָבן זיי אָבער איינגאַנצן נישט געטשעפּעט. וועווקע מיט בגימינען האָבן אין דער פרי אַהיימגעבראַכט די פערד מיט די בהמות און ליפשע מיט אסתרן זיינען צוריקגעקומען פון זייער באַהעל־טעניש אויסגעשלאָפענע.

נישט אַלעמאָל זיינען אָבער געשען ניסים. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען לייבן און וועווקען מיט נאָך יידן אַרויסגעפירט אין פעלד אַריין גראָבן שוץ־גריבער און ווען זיי זיינען צוריק אַהיימגעקומען האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז די רוסן האָבן צוגענומען זיינס אַ פערד און אַ קו.

קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק

די מלחמה האָט זיך לאַנג פאַרצויגן און עס האָט אויס־געזען, אַז זי וועט זיך שוין קיינמאָל נישט ענדיקן. די רוסן זיינען מיט פייער און שווערד געגאַנגען אויף גאַליציע, פאַרכאַפּט שטעט און דערפער און די ערד האָט דאָרט אין זיך איינגעזאַפּט אַ סך מענטשלעך בלוט. די עסטרייכישע אַרמייען האָבן געמאַכט איין ריקצוג נאָכן אַנדערן און די רוסישע סאָלדאַטן האָבן, מאַרשירנדיק פאָרויס, געזונגען, אַז זיי גייען קיין ווין איבערנעמען דעם קייזער פראַנץ יאָזעפס בורג.

אַ סך גאַליציאַנער יידן זיינען אַנטלאָפן מיט די עסטרייכער. זיי האָבן זיך געשלעפּט פון איין אָרט אויפן אַנדערן און אַ סך זיינען פאַרפאָרן אַזש קיין בעהמען. זיי זיינען דאָרטן געזעסן אויפן קייזערס קעסט און

געוואָרט ביז מען וועט פאַרטרייבן די רוסן פון דער גאַליצישער ערד. די מיינסטע יידן זיינען אָבער געבליבן אין זייערע היימען אונטער דעם פרעמדן יאָך פון די רוסן און זיי האָבן געקרעכצט און געזיפצט.

די רוטענער און אויך די פּאָליאַקן האָבן זיך באַלד איינגעקויפט אין פריינטשאַפט ביי די רוסן און וואָס עס איז נישט פאָרגעקומען האָט מען אַלץ אַרויפגעלייגט אויף די יידישע איינוואוינער פון די שטעט און דערפער. קוים האָט וואו געפּלאַצט אַן איבערגעלאָזטע עסטרייכישע באָמבע האָט מען באַלד באַשולדיקט יידן, אַז זיי האָבן זי אונטערגעלייגט. טאָמער האָט ווער אין פעלד איבערגעריסן די טעלעפאָן־דראָטן האָבן זיך שוין געפונען רוטענער אָדער פּאָליאַקן, וואָס האָבן עדות־געזאָגט, אַז אַ ייד האָט עס געטאָן. זיי האָבן איינגערעדט די רוסן, אַז דער קייזער האָט אומעטום יידישע שפּיאָנען, און נישט איין ייד איז אומשולדיקערהייט אומגעבראַכט געוואָרן.

אין יאַנאָוויץ און אויך אויף דער טאַטאַרשטשינע האָבן דעם ערשטן ווינטער פון דער מלחמה געלאַגערט אַן אַ שיעור רוסישע סאָלדאַטן. זיי זיינען געווען איינקוואַרטירט אין גויאישע און אין יידישע הייזער און אַ סך פון זיי האָבן געוואוינט אין באַראַקן, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אין טאָל.

די זעלנער האָבן דורכן ווינטער אויסגעהייצט אַלע הילצערנע גע־ביידעס פון פּאָלוואַרק, די שטרויענע דעכער מיט די קראָקוועס פון די פאַרלאָזטע הייזער און די פאַרקאַנעס מיט די פּלויטן פון אַרום די הויפן. זיי האָבן אויסגעהאַקט די אַקאַציע־ביימער פון ביידע זייטן וועג, די ווערבעס פון לעבן וואַסער, צעלייגט פייערן אין דרויסן און גאַנצע טעג און נעכט געקאָכט טיי. זיי האָבן געהאַלטן אין איין דרייען די מאַכאָרקע־ציגאַרלעך, פאַרבענקטע געזונגען לידער וועגן זייער „מאַטושקאַ ראָסיאַ״, און זיך געשוואוירן פאַר די דאָרפסלייט, אַז דער קייזער וועט שוין קיינמאָל ביי זיי נישט אָפּנעמען די גאַליצישע ערד.

— וואָלטן זיי בעסער געווען געבראַכן די קעפּ, איידער זיי זיינען אַהער געקומען. מיר האָבן נישט געוואוסט ווי גוט עס איז אונדז געווען ביים קייזער.

— ווער האָט זיך גערעכנט אויף אַזאַ הונגעריקן היישעריק!

— זיי וועלן אונדז אויפעסן מיט די ביינער! — האָבן די גויים געלעכצט וואָכן נאָכדעם ווי די רוסן זיינען געקומען, אויסגעניכטערטע און אָפּגענאַרטע, געשאָלטן די מאָסקאַלעס. זיי האָבן גלייך מיט די יידן געוואָלט, אַז עס זאָל וואָס גיכער נעמען אַ סוף צו דער מלחמה און אַז זייערע מענער און זין זאָלן שוין אהיימקומען.

די שלאַכטן האָבן זיך אָבער אַלץ ווייטער אָפּגערוקט און מען האָט מער נישט געהערט דאָס דונערן פון די קאַנאָנען. ביסלעכווייז האָט מען אין דאָרף זיך צוגעוואוינט צו זיין מיט די רוסישע זעלנער אונטער איין דאַך. ביסלעכווייז זיינען זיי געוואָרן היימיש אין די שטיבער וואו זיי

האָבן זיך איינקוואַרטירט און ניט איין גויאיש ווייבל, וואָס איר מאַן איז געווען אין מלחמה, האָט איינגעשטילט אירע הייסע בלוטן און געזעטיקט אירע באַגערן אויף די געלעגערס פון די סאָלדאַטן.

די יידישע טעכטער האָבן ביסלעכווייז אויך אָנגעהויבן קוקן אין דער זייט פון די פרעמדע רוסישע זעלנער, וואָס זיינען איינגעשטאַנען אין זייערע שטיבער און זיי האָבן בייטאָג מיט אַן אומרו אין זייערע גלידער זיך געדרייט אויף זייערע געלעגערס. יונגע יידישע מיידלעך האָבן צעפלאַמטע און מיט אויפגעוועקטער בענקשאַפט זיך צוגעהערט ווי די געפוצטע אָפיצירן שפּילן אויף גיטאַרעס, ווי זיי זינגען וועגן פרילינג, וועגן יוגנט און וועגן הייסע ליבעס. די מיידלעך האָבן שטיל נאָכגעברומט די מעלאָדיעס און פון דער זייט געוואָרפן אויגן אויף די אָפיצירן.

אין די ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן זיינע די יידישע סאָלדאַטן זיך צונויפגעקומען אין די הייזער וואו עס זיינען געווען מיידלעך. זיי האָבן זיך דאָרט געלאָזט אויפנעמען מיט געבראָטענע קאַרטאָפּל, מיט זויערע אוגערקעס און ביסלעכווייז געוואָרן היימיש מיט די יידישע טעכטער. זיי האָבן געשפּאָלטן דעם רוסישן צאַר, געזונגען אַז עס איז „גלייכער צו לערנען אַ שטיקעלע רש״י, איידער צו עסן די רוסישע קאַשע״, און טרויעריק און שטיל געצויגן דאָס ליד:

„די מאַמע האָט מיך געהאָדעוועט אויף מילך און אויף פּוטער,
און פאַניע האָט מיר געגעבן די ביקס פאַר אַ מוטער.
פאַניע, פאַניע גנב; פאַניע, פאַניע גנב,
פאַניע, פאַניע איז אַ גנב און דינען וויל איך נישט״.

— ער וועט ליגן אין דער ערד, אייער פאַניע. ער וועט אונדזער פעסטונג אין פּשעמישל נישט נעמען, ווען ער זאָל זיך אַפילו שטעלן אויפן קאָפּ.

— אונדזער אַלטער קייזער פראַנץ יאָזעף וועט זיך אַ נעם־טאָן און אייערע וועלן אַזוי גיך אַנטלויפן, אַזש זיי וועלן אויפן וועג פאַרלירן די וואַלינקעס מיט די היטלעך — האָבן די יידן זיך גאַרנישט געהיט מיט זייערע רייד, ווען זיי האָבן געשמועסט מיט די יידישע סאָלדאַטן.

— עס קאָן זיין. מ׳האָט שוין אַזוינס געזען.

— אייער פראַיעם יאָסל מיט זיינע אַרויסהעלפער, די געמאַנצעס און די טערקן, זיינען אָבער צו־שוואַך קעגן אונדזער גרויסן בער — האָבן די יידישע זעלנער אין די רוסישע מונדירן דערציילט די יידן וועגן רוסישן לאַנד ווי גרויס און ווי רייך עס איז.

די דאָרפישע יידן האָבן פאַרבעטן די יידישע סאָלדאַטן אויף שבתים און זיך מיט זיי ווי געטיילט מיטן ביסן. די מאַמעס, וואָס האָבן אַליין געהאַט קינדער אין דער מלחמה, האָבן זיי באַקרעכצט און באַזיפצט און צוגעזען, אַז זיי זאָלן עסן. זייערע טעכטער האָבן אָבער די מאַמעס

געהיט אויף שריט און טריט, אַז זיי זאָלן מיט די סאָלדאַטן נישט ווערן צו־היימיש.

ווען דער ווינטער איז אַוועק און די וועגן האָבן אויסגעטריקנט האָט דאָס רוסישע מיליטער פאַרלאָזט דאָס דאָרף און דעם טאָל. די רוסן זיינען געגאַנגען אַלץ טיפער אין גאַליציע צו מערב־צו. אין דעם יאַנאָ־וויצער געגנט איז געבליבן נישט מער ווי אַ שטאַב פון דעם גובער־נאַטאָר אויף צו האַלטן אָרדנונג, אויף צו היטן די טעלעגראַפן־דראָטן און אויך אויף צוצוזען, אַז דער שטראָז זאָל כסדר געפלאַסטערט ווערן.

* * *

אויך לייבס שטוב איז אַ גאַנצן ווינטער פול געווען מיט סאָלדאַטן און ווען זיי האָבן צום פרילינג־צו אָפּגעטראָטן האָט ער פרייער אָפּ־געאָטעמט. ווען עס זיינען אונטערגעקומען די לויטערע און וואַרעמע טעג און דער אַלטער באַרן־בוים פאַר דער ירושה־שטוב איז אָפּגעדעקט געוואָרן מיט קנאָספּן, האָט לייבן געצויגן צום דרויסן, צום גאָרטן און צו די פעלדער, וואָס האָבן געוואַרט אויפן אַקער.

אויף לייבס הויף, וואָס איז געבליבן אָן אַ פּלויט און אָן אַ טויער, איז אָבער יענעם פרילינג געווען שטיל און פּוסט. פון גאַנצן באַלעבאַטיש־קייט איז אים געבליבן נישט מער ווי אַ קאַלביקע קו, אַ גאַנדז און צוויי האַלב־ווילדע הינער, וואָס האָבן געגעצטיקט אויף די ביימער און אַזוי־אַרום זיך אויסבאַהאַלטן פון די סאָלדאַטן. די רוסן האָבן לייבן אַזוי באַרויבט, אַז זיי האָבן אַפילו צוגענומען די אייער פון דער גאַנדז, וואָס זי האָט באַדאַרפט אויסוואַרעמען. די גאַנדז האָט איינע אַליין זיך אַרומגעדרייט איבער דעם גרויסן הויף. און ווען לייב האָט זיך באַוויזן אין דרויסן האָט זי אַ טרויעריקע זיך געלאָזט הערן און זיך ווי געקלאָגט אויף איר איינזאַמקייט.

— אַזאַ ליבער טאָג היינט, נאָר צו פאָרן אין פעלד אַריין אַקערן — האָט לייב אַריבערגערופן צו אַ שכן, ווי צו פאַרשרייען די פּוסטקייט פון זיין באַלעבאַטישקייט.

— וואָס קומט אַרויס פון דעם אַקערן און זייען. זיי וועלן שניט־צייט ווידער צוריקקומען און ווידער פון אַלצדינג מאַכן אַ תל — האָט דער גויאישער שכן געזיפצט און באַדויערט לייבן, וואָס ער איז געבליבן אָן פערד.

— ס׳אַ גאָט־זאַך און ס׳וועט נישט העלפן קיין וויינען און קיין קרעכצן. זאָלן נאָר אונדזערע זיין אַהיימקומען וועט ווידער זיין אַזוי ווי געווען — איז לייב ווי באַלעבט געווען מיט פרישן בטחון. ער האָט ניט געהאַט קיין פערד צו דער אַרבעט, קיין זאָמען אויף צו זייען, עס האָט אים אויסגעפעלט די הילף פון זיינע עלטערע צוויי זין, וואָס זיינען געווען אין דער מלחמה און ער האָט אויך וואויל געוואוסט, אַז מען

וועט פון די רוסן אַזוי גיך נישט פּטור ווערן. דער פרילינג האָט אים אָבער ווי אויפגעמונטערט און אָנגעפילט מיט נייע כוחות.

פון זייט די רוסן זיינען אַריבער אויף דער גאַליצישער זייט איז די יאַנאָוויצער קלויז געווען פאַרשלאָסן און די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. ווען די סאָלדאַטן האָבן אָבער קעגן פרילינג צו אַוועק־געצויגן פון דאָרף זיינען די יידן אין די שבתים זיך ווידער צונויפגעקומען דאַוונען מיט מנין. דעם ערשטן שבת זיינען זיי געקומען אין קלויז אַריין פאַרזאָרגטע און פאַרמרה שחורהטע און איינער האָט פאַרן אַנדערן זיך אויסגערעדט ס׳האַרץ. די רוסישע זעלנער האָבן כמעט ביי אַלע דאָרפס־יידן געהאָט צוגערויבט די פערד מיט די בהמות און האָבן אויף אַזוי ווייט אויסגעליידיקט זייערע שטיבער, אַז עס איז נישט געבליבן קיין שטיקל ברויט. אַ גליק וואָס נאָטע האָט דעמאָלט דער ערשטער געוויזן אַ וועג ווי אַריבערצופאָרן אויף דער רוסישער זייט דאָרט איינצוקויפן סחורה אויף צו האַנדלען. יידן פון יאַנאָוויץ און אויך פון די אַרומיקע דערפער האָבן אים נאָכגעטאָן און דאָס האָט זיי דערהאַלטן ביים לעבן.

— וואָס וועט זיין דער סוף? אונדזערע האַלטן אין איין אָפּטרעטן און די רוסן גייען אַלץ ווייטער.

— און וואָס הייבט מען אָן צו טאָן מיטן פעלד? ווידער אַקערן און זייען פאַרן רוח? ווידער קויפן פערד, אַז מ׳זאָל זיי צונעמען?

— בעסער לאָזן די מאָרגעס פּוסטעווען ביז איבער דער מלחמה — זיינען די יידן געווען ביי זיך שטאַרק געפאַלן.

— וואָס ווייטער די מאָסקאַלעס גייען אַלץ ערגער איז עס פאַר זיי. מ׳עט זיי גוט אַרומרינגלען און דערנאָך וועט מען זיי צעקנאַקן ווי אַ נוס.

— איר מעגט זיכער זיין, אַז פאָניע מיט זיין גאַנצער גבורה וועט פאַרלירן די מלחמה. די פראַגע איז נאָר ווען — האָט דער סטודענט מאיר, אברהם אַליניקס אייניקל, מיט נאָטען אין קלויז גערעדט פּאָליטיק און פאַרזיכערט די יידן, אַז עס וועט אויף די רוסן קומען אַ מפּלה.

— דערווייל שינדן זיי אונדז אָפּ ביזן ביין. ווי לאַנג וועט מען דאָס קאָנען אויסהאַלטן — האָבן די יידן געזיפצט.

— אונדז איז נאָך אַלץ בעסער ווי די יידן אין שטאָט, וואָס די קאָזאַקן האָבן זיי געלאָזט אין איין העמד. מיר האָבן דאָך כאָטש די גערטנער און די עטלעכע שטיקלעך פעלד און מיטן אייבערשטנס הילף וועט אונדזער ברויט דאָרט ווידער וואַקסן. מ׳דאַרף זיך נאָר נישט אַוועק־זעצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן אויף דער ישועה. ס׳וועט אונדז נישט פאַלן קיין מן פון הימל. מ׳דאַרף אָנהייבן האָדעווען אַ קעלבל, מ׳דאַרף אַריינוואַרפן אַביסל נאָסינע אין דער ערד אַריין און וואָס ס׳עט זיין שפּעטער זאָל זיך גאָט זאָרגן — האָט לייב צוגערעדט די יידן, אַז זיי זאָלן כאָטש אַ טייל פון זייערע פעלדער צעאַקערן און פאַרזייען.

לייב האָט מיט די רייד אויך געמונטערט זיין ווייב ליפשע, זיין שנור אסתר און זיין עלטערן זון וועוועקן, וואָס איז טעג און נעכט

איבערגעלעגן ביי מאיר דעם סטודענט און דאָרט אַריינגעקוקט אין זיינע ביכלעך.

— מ׳דאַרף אָנהייבן אויפסניי — האָט ער געריבן איין האַנט אין דער אַנדערער און זיך גענומען צו דער אַרבעט. מיט דער הילף פון זיין בני־בית האָט ער אין איין טאָג צעגראָבן דעם גאָרטן און פאַרזייט דאָס ביסל קוקורודזעס, וואָס אַ גוי האָט אים געגעבן פאַר לאָזן בלוט זיין קו. ער האָט פון דאָרף אויך געבראַכט צוויי קוואָטשקעס מיט הינערשע און קאַטשענע אייער. ליפשע האָט אויסגעבעט צוויי נעסטן אין שטוב און מען האָט די קוואָטשקעס אויפגעזעצט אויף די אייער, אַז זיי זאָלן אויסוואַרעמען הינדעלעך און קאַטשקעלעך. נאָטע, וואָס איז נישט אַזוי באַרויבט געוואָרן פון די רוסן ווי די אַנדערע יידן פון דאָרף, האָט לייבן גערן געליען אַביסל געלט און ער האָט דערווייל געקויפט איין פערדל צו דער אַרבעט. ער האָט זיך צונויפגעשפּאַנט מיט בונעמס אַ זון, וואָס איז געבליבן מיט איין פערד, און מען איז אַרויס אַקערן.

— מ׳עט מוזן פאַרזייען אַ פּאָר מאָרג יאַרע־ווייץ און אַביסל גערשטן מיט קוקורודזעס. מירן אויך פאַרזעצן קאַרטאָפל מיט בוריקעס. וואָס׳עט זיין, עט זיין, זאָל דערווייל עפּעס וואַקסן אין פעלד — האָט לייב גערעדט צו זיין בני־בית. אַזוי ווי ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן קיין זאָמען פאַרן פאַרזיי, האָט ער אין אַ שיינעם אין דער פרי אָוועקגעשיקט וועווקען מיט בנימינען מיט פערד־און־וואָגן צו זיין ברודער יוסף, אַז זיי זאָלן פון דאָרט ברענגען עטלעכע זעקלעך תבואה. זיין רייכער ברודער איז געווען מער מזלדיק פון אים. פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס די רוסן זיינען אַריבער די גרענעץ, האָבן ביי יוספן זיך באַזעצט גאָר הויכע קאָמאַנדירן און מען האָט ביי אים די גאַנצע צייט אַפילו קיין ביסל שטרוי נישט צוגענומען אומזיסט.

— איר זאָלט זאָגן דעם פעטער, אַז מ׳האָט אונדז אינגאַנצן אויס־געליידיקט און אַז מיר האָבן אין אָסיען פאַרזייט נאָר איין מאָרג קאָרן. איר זאָלט אייך גאָרנישט שעמען פאַר אים. איר הערט? ער מעג זיך טאַקע זיין אַ פריץ, אָבער ער איז מיינער אַ לייבלעכער ברודער. איר זאָלט אים זאָגן, אַז כ׳מוז איצט האָבן די נאָסיניע. כ׳על אים מיט גאָטס הילף אָפּגעבן ביז צו אַ זערנע — האָט לייב ביים אַרויסבאַגלייטן זיינע צוויי יינגלעך אַריינגעלייגט עטלעכע ליידיקע זעק אין וואָגן און זיי נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן די זעק אַהיימברענגען פולע מיט יאַרע־ווייץ, גערשטן און קוקורודזע.

די צוויי יינגלעך האָבן פאַרזיכערט דעם טאַטן, אַז זיי וועלן זיך ניט שעמען פאַר זייער פעטער דעם פריץ און זיי זיינען מונטערע אַרויס־געפאָרן פון דער היים. ווען זיי זיינען אָבער פאַרפאָרן אין יוספס הויף אַריין האָבן זיי זיך ביידע ווי פאַרלוירן. וועווקע איז מיטאַמאָל ביי זיך גע־וואָרן שטאַרק געפאַלן, ווען ער האָט פון דערווייטנס דערזען זיינע פריצישע געשוועסטער־קינדער וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט נאָר פויליש.

דער קלייגער בנימין, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען ביים פעטער, איז ביים אַריינפאָרן אין ברייטן טויער פון הויף געוואָרן שטאַרק צעטומלט און ער האָט נישט געהאַט קיין חשק אינגאַנצן אַראָפּצוקריכן פון וואָגן. אַ גאַנצן וועג האָט זיך אים געבאָמבלט אין קאָפּ די מעשה פון חומש ווי יעקבס קינדער קומען קיין מצרים קויפן קאָרן, ווי מען ברענגט זיי אין קעניגלעכן פּאַלאַץ און ווי זייער ברודער יוסף רעדט צו זיי שטרענגע רייד איידער ער גיט זיך צו זיי צו דערקענען. עס איז אים נאָר פאָרגעקומען, אַז ער איז איצט אָנגעקומען אין יענעם קעניג־לעכן הויף.

ווען זיי זיינען אַריין אינעווייניק מיט די ליידיקע זעק איז דער פעטער יוסף זיי באַלד אַנטקעגן געגאַנגען. ער האָט זיי אויסגעפרעגט אויף יעדן איינעם און ער האָט אַרויסגערופן פון די פּאָקאָיעס די פּריצע דאָרציע, אַז זי זאָל זען ווער עס איז געקומען. די מומע דאָרציע האָט באַלד באַפוילן דער קעכין, אַז זי זאָל פאַר זיי צוגרייטן אָנבייסן און מען האָט זיי באַזעצט אין קיך ביים טיש. וועוקע מיט בנימינען זיינען געווען גוט אויסגעהונגערט, אָבער די גוטע מאכלים זיינען זיי עפּעס ווי נישט געקראָכן אין האַלדז אַריין. כאָטש דער פעטער האָט זיי געהאַלטן אין איין אונטערטרייבן, אַז זיי זאָלן עסן, האָבן זיי אָבער מער ווי אַ העלפט איבערגעלאָזט אין די טעלער.

— דער טאַטע האָט אונדז געשיקט נאָך תבואה — איז נאָכן עסן בנימין דער ערשטער אַרויס מיט לשון און דאָס איבעריקע האָט שוין וועוקע דערזעדט. דער פעטער יוסף האָט באַלד אַריינגערופן איינעם פון דער דינערשאַפט און אים איבערגעגעבן די ליידיקע זעק. די מומע דאָרציע האָט אַ ברום געטאָן, אַז די זאַסיקעס, וואו מען האַלט דעם ווייץ מיטן גערשטן, זיינען כמעט אינגאַנצן ליידיק און זי איז נאָכגעגאַנגען דעם דינער, וואָס איז אַוועק אָנפילן די זעק.

ווען וועוקע מיט בנימינען האָבן זיך אָפּגעזעגנט און זיי זיינען אַרויס צו זייער וואָגן, האָבן זיי געזען, אַז מען האָט זיי געגעבן נאָר אַ העלפט פון דער תבואה, וואָס דער טאַטע האָט זיי געהייסן אַהיימברענגען.

— די מומע דאָרציע האָט זיך אַריינגעמישט — האָבן זיי ביים אַהיימגעקומען זיך פאַרענטפערט פאַרן טאַטן, פאַרוואָס די זעק זיינען ניט אינגאַנצן פול.

— די שטרויענע פּריצע פירט דאָרט דעם פעטער יוסף ביי דער נאָז. גלייך ווי איך וויל עפּעס פון אים אומזיסט. כ׳על אים אָפּגעבן מיט פּראָצענט. זי מיינט, אַז זי האָט שוין אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פּיס. כ׳וואָלט געווען אַ בעלן צוריקצושיקן זיי דאָס ביסל תבואה און זיי ווייזן, אַז מ׳קאָן נאָך אָן זיי אויך אויסקומען — האָט ליב זיך געבייזערט ביים אַראָפּנעמען די זעק פון וואָגן.

* * *

אַנהייב זומער איז פֿאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס די דאָרפישע יידן האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן נס.

אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח איז קיין יאַנאָוויץ אַראָפּגעקומען אַ געפּוצטער סאָלדאַט מיט אַ פּאָר בענדלעך. ער איז צוגעפֿאָרן צו דעם געמיינדע־הויז זיך דאָרט נאָכגעפרעגט וויפיל יידן עס וואוינען אין דאָרף און דערנאָך מיטן פּאָליציי־מאַן זיך אַוועקגעלאָזט איבער די יידישע הייזער. אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט די דאָרפישע יידן. זיי האָבן געמיינט, אַז ס׳גייט שוין אויף זיי עפּעס אַ נייע צרה און מען האָט ס׳ערשטע אויס־באַהאַלטן די יונגע ווייבלעך און די מיידלעך. דער סאָלדאַט האָט, דעם פּאָליציי־מאַן אין די אויגן, גערעדט שטרענג מיט די יידן, ווען ער איז אַריינגעקומען אין זייערע שטיבער. ער האָט זיי געשטעלט פֿאַרשידענע פראַגעס און פֿאַרשריבן זייערע נעמען. ער האָט געבראַכט מיט זיך עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס ער האָט איינקוואַרטירט ביי די גויים און ער אַליין האָט אָפּגעלייגט זיינע זאַכן ביי לייבן.

עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט, אַז דער סאָלדאַט איז גע־קומען אין דאָרף אַריין אויסגעפינען אין וויפיל שטיבער מען וועט קאָנען באַקן ברויט פֿאַר זיין פּאָלק, וואָס האָט געלאַגערט לעבן אַ וואַלד אַ פופצן קילאָמעטער פון יאַנאָוויץ.

דעם ערשטן פֿאַרנאַכט, וואָס דער סאָלדאַט איז געקומען, האָט שוין לייב געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד. ווען ער איז ביים איבערנעמען זיין קוואַרטיר איבערגעבליבן מיט לייבן אַליין אין קליינעם שטיבל האָט ער פון דער העלער הויט אָנגעהויבן רעדן יידיש.

— איך וועל שרייבן מיין מאַמען, אַז איך בין געשלאָפן ביי אייך אין שטוב — האָט ער עפּעס אָנגעהויבן זאָגן.

— אַ ייד גאָר ? גיי וייס. פֿאַרוואָס האָט איר באַלד נישט געזאָגט ? הער אַ מעשה ! — איז לייב געוואָרן אויסער זיך.

— עס איז בעסער אַזוי. אייערע ערלים דאַרפֿן נישט וויסן וואָס איך בין און ווער איך בין. אין מיין אָפּטיילונג ווייסן אויך נישט אַלע, אַז איך בין אַ ייד. אַזוי לאַנג ווי איך וועל דאָ זיין וועט איר שלאָפן רואיק און קיין ברויט וועט אייך נישט פעלן.

— אַזוי, אַזוי, אַ ייד ! — אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז מ׳איז געקומען צונעמען די לעצטע עטלעכע יידישע בהמות. אַזעלכע ראַבאָווניקעס — איז לייב באַלד געוואָרן היימיש מיט דעם הויך־געוואַקסענעם שיינעם יונג.

— מ׳וועט ביי אייך גאָרנישט צונעמען. און איך וועל אייך נאָך אָפּצאָלן אַן אַלטן חוב — האָט דער פרעמדער סאָלדאַט געשמייכלט און זיך אַרומגעקוקט אין שטיבל.

לייב האָט אַ פֿאַרוואונדערטער אים געפרעגט ועגן וואָס פֿאַר אַ חוב ער רעדט.

— מיין מאַמע און מיין באָבע האָבן אַמאָל געגעסן אייער ברויט.
— אייער מאַמע און אייער באָבע?
— און איך האָב אויך עפּעס דאָ טועם געווען — האָט דער סאָלדאַט זיך נישט געאײַלט אויסצוזאָגן ווער ער איז.

לייב האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן וועגן וואָס דער סאָלדאַט רעדט, ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, געקוקט דעם פרעמדן אין פּנים אַרײַן און אים געפרעגט ווער ער איז און ווי זיין מאַמע האָט געהייסן.

— איך וועל אײַך נאָר זאָגן מיין נאָמען וועט איר שוין וויסן ווער איך בין. איך בין דאָ געבוירן געוואָרן.

— וואָס הייסט? איר זענט אַ היגער? ווי הייסט איר?

— ביי די סאָלדאַטן בין איך פאַרשריבן מיט אַן אַנדערן נאָמען, אָבער איך הייס בער, נאָך אייער זיידן. מיין ברית איז געווען ביי אייך אין שטוב. מיין מאַמע האָט מיר נישט איינמאָל דערציילט ווי איר האָט זי און מיך דערהאַלטן ביים לעבן. איך האָב פון מיין מאַמען אַזויפיל זיך אָנגעהערט וועגן יאַנאָוויץ און וועגן די „לייבן און בערן", אַז ס'קומט מיר איצט פאָר, אַז איך דערקען אײַך. ס'דאַכט זיך מיר נאָר אויס, אַז איך געדענק ווי איר האָט מיך מיט דער מאַמען אַהיימגעבראַכט פון פעלד און ווי איך בין דאָ ביי אייך געלעגן אין וויגל. איצט ווייסט איר שוין ווער איך בין? — האָט ער אויסגעשטרעקט צו לייבן די רעכטע האַנט.

— ס'קאָן נישט געזיין! — האָט לייב אָנגעכאַפּט דעם סאָלדאַטס האַנט און זי גאַרנישט געוואָלט אָפּלאָזן. ער האָט נישט אויפגעהערט באַטראַכטן דעם יונג און זיך נישט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז טשוניע דוניעס זון. עס האָבן אין זיין מוח ווי אויפגעבליצט דערמאָנונגען וועגן יענער צייט, ווען טשוניע דוניע פלעגט קומען צו אים אין שטוב אַרײַן און עס איז פאָר אים אויפגעגאַנגען יענע נאַכט, ווען זי איז געגאַנגען צו קינד אין פעלד.

— בער, דער ערשטער נאָמען נאָך מיין זיידן. כ'האָב דיך מיט דער מאַמען פון פעלד אַהיימגענומען — איז אַרויסגעקומען אַ מורמלען פון זיין מויל און זיינע אויגן זיינען פאַרהויכט געוואָרן.

— די מאַמע האָט מיר דערציילט ווי איר האָט זי דעמאָלט געפונען און ווי איר האָט געוואָלט, אַז זי זאָל מיט מיר בלייבן אין דאָרף. זי האָט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זי איז דעמאָלט אַוועק קיין רוסלאַנד זוכן דעם טאַטן.

— האָט זי אים כאָטש געפונען?

— דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזוכט, אָבער איך געדענק אים נישט. ער איז געשטאָרבן, ווען איך בין נאָך קיין דריי יאָר נישט אַלט געווען.

— גלייך ווי עס וואָלט געווען ערשט נעכטן. מיר האָבן דיין מאַמען דעמאָלט קוים דערראַטעוועט. די באָבע שרהלע האָט דיך געבאָדן און מיין ווייב ריווע האָט דיך אָנגעזויגן. עס איז עפּעס נאָר אַ גאָט־זאַך.

ווײ, ווײ, וויפיל וואַסערן עס זיינען שוין זינט דעמאָלט אַוועק! — איז לייבן אין מיטן רעדן געוואָרן ענג אין האַלדז און טרערן האָבן אים אַ שפּאַר געטאָן אין די אויגן.

— פאַרן אַוועקגיין אין מלחמה האָב איך אָבער געזאָגט דער מאַמען, אַז ס׳קאָן נאָך אַמאָל אַזוי אויסקומען, אַז איך זאָל זיין אין יאַנאָוויץ. און אָט בין איך דאָ אין דער שטוב וואו עס איז געווען מיין ברית.

— ס׳איז נישט צום גלויבן און ס׳איז נישט צום באַנעמען. אַזוי פיל יאָרן זיינען שוין אַוועק, אַזוי פיל יאָרן. גיי ווייס, אַז ס׳וועט פון דיר גאָר אויסוואַקסן אַ סאָלדאַט פאַרן צאַר — איז לייב געוואָרן באַרע־דעוודיק און זיך גאָרנישט געקאָנט אַוועקרייסן פון טשוניע דוניעס זון.

די יידן אין דאָרף האָבן זיך אויך באַלד דערוואוסט ווער דער סאָלדאַט איז, אָבער זיי האָבן זיך געהיט, אַז דער סוד זאָל נישט אַרויסגיין צו די גויים.

דער סאָלדאַט אַליין האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די יידן. ער האָט אָבער צוגעזען, אַז זיי זאָלן פון דעם באַקן ברויט האָבן פּרנסה און אַז די דורכפאָרנדיקע זעלנער זאָלן זיי נישט טשעפּען. ער האָט נאָר מיט לייבן זיך אַריינגעלאָזט אין רייד, און דאָס אויך נאָר דעמאָלט ווען ער איז מיט אים איבערגעבליבן אַליין. ער האָט באַלד אויף דער צווייטער וואָך, נאָך זיין אַראָפּקומען אין דאָרף אַריין, קיינער זאָל ניט וויסן, געבראַכט לייבן נאָך אַ פערד און אים אויך געשענקט עטלעכע זעקלעך תבואה.

— מיר וואָלטן דאָ דעם זומער געווען געפּעכנעט אויפן פּיסק ווען נישט ער.

— נישט אַנדערש נאָר ס׳איז אליהו הנביא.

— אַבי מ׳זאָגט אַז ס׳געשעען נישט קיין ניסים. עס איז נאָר אין זכות פון בערן, נאָך וועמען מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן.

— ער זאָל זיך דאָ נאָר האַלטן ביז איבער דער מלחמה.

— מ׳זאָל אונדז חלילה נישט געבן קיין גוט־אויג — האָבן די יידן מיט זייערע ווייבער אָנגעוואונטשן דעם סאָלדאַט ס׳אייביקע לעבן און מען האָט מיט חשק און מיט בריהשאַפט געבאַקן דאָס ברויט.

* * *

אין דאָרף איז געווען רואיק און די זומער־טעג האָבן זיך געצויגן שטילע און טרויעריקע. די דאָרפסלייט זיינען פון פאַרטאָג ביז אויפ־דערנאַכט געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט און די תבואה אין פעלד איז זיך געוואַקסן. דער קייזער־שטראָז איז געווען פּוסט און מען האָט דאָרטן זעלטן ווען געזען אַ זעלנער. די צעשאָסענע באַן־בריק, וואָס איז געהאָנגען אין דער לופטן, נאָר אַראָפּצופאַלן אין טאָל אַריין, די פאַרלאָזטע פּריצישע לאַנעס און די חרובע געביידעס אויפן הויף האָבן אָבער כסדר דערמאָנט אָן דער מלחמה.

אָנהייב זומער האָט מען זיך אויך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן די דאָנער

קאַזאַקן, וואָס זיינען אין אָסיען אין מיטן נאַכט באַפאַלן דאָס דאָרף. אָנהייב זומער זיינען אין איין וואָך אין דאָרף געבוירן געוואָרן עטלעכע קינדער, וואָס זייערע טאַטעס זיינען געווען יענע דאָנער קאַזאַקן. איינס פון די קינדער איז געקומען אויף דער וועלט אין אַ יידישער שטוב. פערל, וואָס איר מאַן שעפּסל איז נאָך פאַר דער מלחמה אַוועק קיין אַמעריקע, איז געווען די מאַמע.

פערל, גדליה דעם געלנס טאָכטער, האָט געוואוינט הינטערן באַרג, פאַרוואָרפן צווישן גויים, און מען האָט גאָרניט געוואוסט וועגן איר אומגליקלעך טראָגן. ערשט ווען דאָס קינד איז ווי אומגעריכט געבוירן געוואָרן און די נייעס האָט זיך צעטראָגן איבערן דאָרף, איז די שרעק פון יענער נאַכט, ווען די קאַזאַקן זיינען באַפאַלן די יידן, ווי צוריקגעקומען צו די יידישע שטיבער.

— אָט דאָס הייסט זי פאַראומגליקט. אַזעלכע מערדער, זיי האָבן זי דאָך געקוילעט אָן אַ מעסער.

— וואָס וועט זי איצט טאָן? וואָס פאַר אַן עצה וועט זי זיך געבן?

— זי וועט נעבעך מוזן האָדעווען אַ מאָסקוויטער.

— וואָס וועט אָבער דערויף איר אַמעריקאַנער מאַן זאָגן?

— ער׳ט זי קאָנען לאָדן צום ונתנה תוקף. וואָס איז זי נעבעך שולדיק, אַז די קאַזאַקן, די ראַזבאָיניקעס זיינען זי באַפאַלן.

— איר האָט שוין געמעגט אָנקוקן אַ קינד. ער איז אַ מציאה פון פיר וואָכן. אירע צוויי מיידעלעך זיינען שוואַרץ ווי די ציגייגערלעך און דאָס איז אַ יונגאַטש מיט אַ ווייס פנים און מיט פלאַקסענע האָר אויפן קאָפּ. ער קוקט מיט די גויאישע גרויע אייגעלעך און ריטשעט אויפן קול.

— ער האָט וואָס צו ריטשען.

— ס׳עט אים אָבער נישט העלפן קיין וויינען און קיין שרייען. מ׳עט אים אויפן אַכטן טאָג יידישן און ער׳ט זיין אַ ייד — האָבן די ווייבער צווישן זיך גערעדט. זיי האָבן באַדויערט די קימפּעטאָרין און געשאָלטן די רוסן מיט די ערגסטע קללות.

פערלס טאַטע־מאַמע האָבן שוין ניט געלעבט, און אַזוי ווי לייב האָט זיך אַלע יאָרן גוט פאַרהאַלטן מיט גדליה דעם געלן, האָט ער אויף זיך אַליין גענומען צוזוגרייטן דעם ברית.

אויפן אַכטן טאָג, וואָס דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט ליפשע אָפּגעבאַקן קוקורוזענע פלעצלעך מיט מאָן און מיט האָניק, לייב האָט וואו דערטאַפּט אַביסל ווישניק און מען איז אַוועק פּראַווען דעם ברית. לייב מיט ליפשען האָבן אויך מיטגענומען וועווקען און ער איז ביים ברית געווען דער צווייטער צום מבין. וועווקע איז געווען דאָס איינציקע יינגל ביי דעם ברית, אָבער ער האָט ווי אַ דערוואַקסענער באַנומען פערלס אומגליק. ווען ער איז אַריינגעקומען צו דער קימפּעטאָרין אין שטיבל האָט ער, גלייך מיט די יידן, אַ שוויגנדיקער זיך געשאַרט לעבן דער טיר און זיך געהיט אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

דאָס ווינקל, וואו פערל האָט געהאַט איר געלעגער, איז געווען פאַר־האַנגען מיט קאָלירטע גראָבע ליילעכער און עס האָבן זיך פון דאָרט געהערט די געוואַלדן פון דעם קינד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט וויינען. דער שוחט ר׳ עליע מיט אַ פלושן לענגלעך קעסטעלע אונטערן אָרעם איז געשטאַנען ביים פענצטער, זיך געשאָקלט און געזיפצט. אַלעמאָל האָט ער ברייט צעעפנט זיינע אויגן און אַרויסגעקוקט צו דעם ליכטיקן און וואַרעמען דרויסן.

דבורה די פירזאָגערין, וואָס האָט זיך שוין קוים געשלעפט אויף אירע פיס, איז געקומען צוגיין און געבראַכט צוטראָגן אַ האָניק־לעקעך.

— כ׳האָב נאָר מורא געהאַט, אַז כ׳זאָל נישט אָנקומען נאָך אַלעמען — איז זי אַ פאַרסאָפּעטע און אַ פאַרשוויצטע אַריין אין שטוב און מיט איר הויך רעדן ווי געטריבן פון דאָרט די אומהיימלעכקייט. — לאָמיך נאָר אַ קוק טאָן צו דער קימפּעטאָרין מיטן קינד. איר׳ט זען, אַז ער וועט אַלעמען אויף צו להכעיס אויסוואַקסן אַ גוטער ייד.

לייב האָט זיך געדרייט אַריין און אַרויס און ווען אַלצדינג איז שוין געווען גרייט צום ברית האָט ער גענומען רעדן צו אברהם אַליניק און צום שוחט וועגן אַ נאָמען פאַרן קינד. דבורה די פירזאָגערין האָט זיך באַלד אַריינגעמישט:

— וואָס הייסט ? ס׳איז דאָך נישטאָ נאָך קיין נאָמען נאָך איר טאַטן. ער׳ט הייסן גדליה.

— ניין, נישט נאָכן טאַטן — האָט פערל, וואָס האָט אויפגעכאַפּט די רייד זיך געלאָזט הערן פון הינטער דעם פאַרהאַנגענעם ווינקל. זי האָט דערנאָך אַ וויינענדיקע געלאָזט וויסן די יידן, אַז זי וויל נישט, אַז מען זאָל דאָס קינד רופן אויף איר פאָטערס נאָמען. דבורה די פירזאָגערין און אויך לייב זיינען צוגעגאַנגען צו איר בעט און מיט גוטע רייד איר געגעבן אָנצוהערן, אַז זי האָט זיך מיט גאָרניט פאַרזינדיקט קעגן אייבערשטן און אַז דאָס קינד איז דאָך איר אייגן בלוט און פלייש. די קימפּעטאָרין האָט אָבער געהאַלטן אין איין כליפּען און דערציילט, אַז איר פאָטער, גדליה דער תבואה־סוחר, איז איר, אין דער נאַכט פאַרן ברית, געקומען צו חלום און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל זיך נישט דערוועגן צו רופן דאָס קינד מיט זיין נאָמען.

— נאַ דיר גאָר אַזאַ מעשה. פאַרוואָס זאָל ער נישט וועלן אַ נאָמען נאָך זיך.

— עפּעס גלייבט זיך מיר נישט אַזאַ זאַך אויף גדליהן.

— ער וואָלט זיך געדאַרפט פאַר איר מיען — האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט אין דער שטיל. עמעצער האָט דערמאָנט, אַז דער קימפּעטאָרינס אַ פעטער פון דער מאַמעס צד איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין שכנישן שטעטל.

— מ׳דאַרף נישט זוכן קיין פעטערס. מ׳מעג אים אַ נאָמען געבן נאָך אברהם אָבינו — האָט דער אַלטער אברהם אַליניק געפּסקנט.

— ס׳איז אַ גוטער נאָמען. מ׳דאַרף גאַר נישט קיין בעסערן — האָט ר׳ עליע דער שוחט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער שוחט האָט דערנאָך דאָס קינד מל געווען און מען האָט זיך צוגעאײלט וואָס־גיכער איבערצוקומען דעם ברית. דער נײַער ייִד אברהם האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות, די קימפּעטאָרין איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געיאָמער און די פּאָר ווײַבער, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר, האָבן אויך גענומען גיסן מיט טרערן.

די ייִדן האָבן געטרונקען לחיים און טרויעריקע זיך איבערגעקוקט. מען האָט מיט אַ האַלב מויל זיך צוגעווינטשעוועט, אַז דאָס קינד זאָל אויסוואַקסן אַ גוטער ייִד, מען האָט געכאַפּט אַ בליק דורך די שפּאַרעס פון צווישן די ליילעכער ווי פּערל זויגט איר זון, ווי זי טוליעט אים צו זיך, און מען איז זיך באַלד צעגאַנגען.

לייב און נאָך אַנדערע ייִדן פון דאָרף האָבן צוגעזען, אַז עס זאָל פּערלען גאָרניט נישט פעלן. די ווײַבער האָבן זי געהאַלטן אין איין טרייסטן און אַלץ אַנגעווענדט זי אַביסל אויפצוהייטערן.

די ייִדישע דאָרפסלייט האָבן אָבער פריער אָפּגעאָטעמט, ווען דאָס קינד איז אויף דער צווייטער וואָך נאָכן ברית פּלוצלונג פאַרשלאָפט געוואָרן און געשטאָרבן.

פּערל האָט פּונקט ווי ביים ברית באַוויינט דאָס קינד ווען לייב האָט עס צוגענומען פון איר שטוב און עס אַוועקגעפירט צום בית־עולם. זי איז אָבער נאָך אַ פּאָר וואָכן צו זיך געקומען און זיך באַרואיקט.

מען האָט אין דאָרף געהאַלטן אין איין רעדן וועגן פּערלס האָבן. אין שפּעטן זומער האָט אָבער די מלחמה זיך ווידער אַ רוק געטאָן נענטער צו די בערג און טאָלן אַרום יאַנאָוויץ און די גאַנצע זאַך איז ווי פאַר־געסן געוואָרן.

ביזן שפּעטן זומער איז געווען רואיק אין דאָרף. מען האָט אין אַלע ייִדישע שטיבער געבאַקן דאָס ברויט פאַר די סאָלדאַטן, די ייִדן האָבן אַביסל צוגעהאַנדלט מיט זאַלץ, מיט זייף און מיט אַנדערע סחורות, וואָס זיי האָבן, מיט פאַרבאָרגענע וועגן און שטעגן, געשמוגלט פון רוסלאַנד און עס האָט ניט געפעלט קיין פּרנסה. שניט־צייט האָט מען אַראָפּגענומען דאָס ביסל תבואה פון פעלד און די דאָרפסלייט האָבן אויפן אָרט פון די צוגערויבטע בהמות גענומען האָדעווען קעלבלעך.

דער סאָלדאַט, טשוניע דוניעס זון, האָט געהאַט זיין קוואַרטיר ביי לייבן אין הויז און די ייִדן און אויך די גויים פון דאָרף האָבן אים געהאַלטן פאַר זייער באַשיצער.

לייב איז יענעם זומער אַביסל צו זיך געקומען. ער האָט ווי עס איז פאַראַקערט און פאַרזייט עטלעכע מאָרג פעלד און נאָך שניט געהאַט גענוג ברויט און פאַשע פאַרן ווינטער. אין זיין שטאַל זיינען ווידער געשטאַנען צוויי פערד, אַ מעלקנדיקע קו, אַ האַלב יעריק קאַלב און אויפן הויף האָבן זיך ווידער אַרומגעדרייט קאַטשקעס און הינער. ער האָט געהאַט

אַ גרויסע הילף פון וועווקען מיט בנימינען. כאַטש וועווקע איז איבער־געלעגן ביי מאיר מעשעלס אין הויז און זיך אַלץ געגרייט צו ווערן אַ סטודענט ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן, און כאַטש בנימין האָט יעדן טאָג געלערנט ביים שוחט אַ בלאַט גמרא, האָבן זיי אָבערביידע יענעם זומער זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט און אַרויסגעהאָלפן אויפן באַלעבאַטישקייט. לייב האָט אָפטמאָל, ווען ער איז מיט זיינע צוויי זין אַהיימגעקומען פון פעלד, זיי פאַרלויבט פאַר ליפשען און פאַר אסתרן. ער האָט אָבער יעדעס מאָל צוגעגעבן, אַז זיי זיינען פאָרט נישט אַזוי געשיקט ביי דער אַרבעט ווי בער מיט חיים משהן.

— כ'וויס נישט וואָס איך וואָלט אָן זיי געטאָן. זיי האָבן קיין עין־הרע כח און זיי זיינען אויך נישט פויל, אָבער ווען בער און חיים משה זיינען געווען אין וועווקעס יאָרן האָבן זיי זיך שוין געקאָנט מעכטיקן אָן מיר. ווי זעט מען זיי שוין אין דערהיים, די צוויי זעלנער! — האָט לייב אָלעמאָל מיט זיפצן דערמאָנט זיינע צוויי עלטערע זין.

נאָך שניט האָט לייב אַפילו זיך גענומען מאַכן אַ נייעם פלויט. ער האָט שוין געהאַט אַריינגעשלאָגן די פלעקער אין דער ערד און ער האָט מיט וועווקען און מיט בנימינען שוין אָנגעהויבן שניידן די דינע לאַזעס אין טאָל. זיי האָבן אָבער געמוזט אָפּשטעלן די אַרבעט.

די עסטרייכער האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן צוריקשטויסן די רוסן און עס איז ווידער געוואָרן אַ בהלה אין דאָרף. די סאָלדאַטן, וואָס מען האָט פאַר זיי אין די יאַנאָוויצער יידישע שטיבער געבאַקן ברויט, זיינען אַוועק פון יענעם געגנט. טשוגיע דוניעס זון האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף און די יידן זיינען דאָרט געבליבן ווי פאַרלוירן.

מיטן יאַנאָוויצער קייזער־שטראָז האָבן זיך ווידער גענומען ציען פיעכאָטנע סאָלדאַטן און קאָזאַקן אויף פערד. דער וועג איז, טאָג און נאַכט, פול געווען מיט אַבאָזען און מיט קאַנאָנען. קאָזאַקן האָבן פון דאָרף געטריבן יונג און אַלט צו גראָבן נייע שוץ־גריבער און צו פאַר־צאַמען די וועגן און שטעגן מיט פלויטן פון גרויען שטעכיקן דראָט. מען האָט פאַרשלעפּט יידן אין די וועלדער אויף צו שניידן קלעצער פאַר בריקן און מען האָט יידישע פרויען און קינדער אַרויסגעטריבן צו קלאַפּן שטיינער אויף צו שוטרעווען די וועגן.

די רוסן זיינען ווידער באַפאַלן יידישע היימען און געראַבעוועט און געפּלינדערט. דאָס רוסישע מיליטער האָט געהאַלטן אין איין צוריק־טרעטן און עס זיינען ווידער פאָרגעקומען שלאַכטן צווישן די בערג און אין די טאָלן אַרום יאַנאָוויץ. די יידן האָבן, ווי אין אָנהייב פון דער מלחמה, ווידער איבערגעלאָזט אויף הפקר זייערע באַלעבאַטישקייטן און אין גריבער זיך אויסבאַהאַלטן פון די צעווילדעוועטע האָרדעס און פון די שראַפּנעלן און קוילן, וואָס האָבן געפייפט און געוואָיעט אין דער לופטן.

— אָי, טאַטע זיסער, שוין צייט, אַז עס זאָל קומען די ישועה!

— זאָל שוין דאָסמאָל נעמען אַ סוף.

— פּאָטער דערבאַרעמדיקער, לייז אונדז שוין אויס פון זייערע הענט. נעם שוין צו פון אונדז די פּלאָג! — האָבן די יידן געזיפצט און געקרעכצט אין זייערע באַהעלטענישן און פון דערווייטנס צוגעקוקט ווי מען רויבט זייער האָב־און־גוטס.

מען האָט אין די פינצטערע נעכט זיך געטוליעט איינס צו ס׳אַנדערע און ווען מ׳האָט געהערט, אַז דאָס שיסן קומט צו אַלץ נענטער און נענטער, האָט מען זיך געפרייט, ווייל מען האָט געהאָפט אַז אָט־אָט וועלן אָנקומען די עסטרייכישע זעלנער. די עסטרייכער זיינען אָבער נישט געקומען.

דער ריקצוג פון די רוסן האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. זיי האָבן מיט פאַרשטאַרקטע כוחות אויפסניי זיך אַ לאָז־געטאָן פאָרויס און צוריק־געשטופּט די עסטרייכישע סאָלדאַטן. זיי האָבן צוריק פאַרכאַפּט די שטעט און דערפער, נאָך מער זיך אויסגעשפּרייט אויף גאַליצישער ערד און דאָרט געבאַלעבאַטעוועט גאַנצע דריי יאָר.

קאַפּיטל דריי־און־דרייסיק

אין שפּעטן זומער האָבן די רוסישע סאָלדאַטן, נאָך לאַנגע דריי יאָר, געמוזט אָפּטרעטן פון דער גאַליצישער ערד. זיי האָבן טעג און נעכט זיך געצויגן צו דער רוסישער גרענעץ און געלאָזט הינטער זיך חרובע שטעט און דערפער. זיי האָבן אויסגערויבט די יידישע שטיבער, צעריסן דאָס בעטגעוואַנט, אויסגעזעצט די שויבן און צעבראָכן אַלץ, וואָס עס איז זיי געקומען צו די הענט.

ווען די לעצטע רוסישע רייטער האָבן אין אַ מיטן נאַכט הינטער זיך פאַרברענט די בריק לעבן דער מיל האָט אַ פרייד אַרומגענומען די יידן. זיי האָבן פאַרטאָג זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון זייערע באַהעלטע־נישן און מיטאַמאָל דערזען ווי עסטרייכישע און דייטשע פאָרפּאָסטנס אין בלוילעך־גרויע מונדירן לאָזן זיך אַראָפּ פון באַרג.

— אונדזערע! אונדזערע! זיי זיינען געקומען!

— יידן, די ישועה איז דאָ!

— אַז מ׳לעבט, דערלעבט מען זיך.

— דער קייזער האָט אין אונדז נישט פאַרגעסן — האָט מען מיט פרייד איינער דעם אַנדערן אָנגעזאָגט די נייעס און מען איז אַנטקעגן געלאָפן די באַפרייער.

נאָך איידער עס איז גוט ליכטיק געוואָרן אין דרויסן איז דאָס דאָרף שוין פול געווען מיט עסטרייכישע און דייטשע סאָלדאַטן. יידן און גויים זיינען צו זיי אַרויס אויפן וועג. ווייבער האָבן זיי אַרויסגעטראָגן שוואַרץ

ברויט און מילך און זיך גענומען נאָכפרעגן אויף זייערע מאַנען און קינדער, וואָס זיינען מיט דריי יאָר צוריק אַוועק אין מלחמה.

— רוסן קאַפּוט.

— דאַנקע שיין, מאַמאַ. גוטעס בראָט, גוטע מילך. דאַנקע שיין.

— די רוסישע הונדע זינד פאַרט אונד קאָמען ני ווידער — האָבן די זעלנער, וואָס זיינען געווען אַ געמיש פון דייטשן, מאַדיאַרן און טשעכן, גערעדט אויף דייטש און אויף שטום־לשון. זיי האָבן זיך געוויטעט מיט די מענער, מיט די ווייבער, זיך העפלעך געגריסט צו די מיידלעך און מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן און געטרונקען, וואָס מען האָט זיי נאָר געגעבן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין איבערזאָגן די ווערטער „רוסן קאַפּוט". און פּונקט אַזוי ווי די רוסישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן ביי זייער אַריבערקומען אויף דער עסטרייכישער זייט, זיך געהאַלטן אין איין באַרימען, אַז זיי גייען אַזש קיין ווין, אַזוי האָבן זיי איצט געשריגן, אַז זיי מאַרשירן גלייך קיין פּעטערבורג.

— מ'מעג זיי גלייבן. אירט זען מירן איינגעמען האַלב רוסלאַנד און מ'עט מיט די מאַסקאַלעס לערנען בלק. מ'עט זיך אָפּרעכענען מיט די ראַזבאַיניקעס. זיי וועלן שוין פאַרזאָגן אַ צענטן זיך אָנצוהייבן מיט אונדזער קייזער.

— נו, וואודען, מ'עט שווייגן? ס'גייט נישט אין קיין גבורה. מ'דאַרף האָבן קאָפּ צו פירן מלחמה, און דאָס, וואָס אונדזער קייזער האָט אין זיינע פאָדעשוועס האָט נישט פאַניע אין זיין גאַנץ לייב און לעבן — האָבן די יידן אויפגעלעבטע צווישן זיך גערעדט.

די פרייד איז אין דאָרף אויפן צווייטן טאָג נאָך גרעסער געוואָרן ווען דער בריוו־טרעגער האָט פון שטאָט געבראַכט צוטראָגן אַ זאַק מיט בריוו פון די צוגענומענע סאָלדאַטן, וואָס מען האָט פון זיי גאַנצע דריי יאָר גאָרנישט געהאָט געהערט. דער בריוו־טרעגער איז, ביים אָנקומען פון שטאָט מיט דעם זאַק, פאַרגאַנגען צו לייבן אויפן הויף. דאָרטן האָבן וועווקע מיט בנימינען פאַר אים גענומען איבערלייענען די אַדרעסן און אויף די קאָנווערטן געמאַכט פאַר אים סימנים, אַזוי, אַז ער זאָל וויסן צו וועמען ער דאַרף די בריוו אָפּטראָגן. די דאָרפסלייט, וואָס זייערע זין און מענער זיינען געווען אין מלחמה, האָבן אָבער דאָסמאָל נישט געוואַרט ביז דער בריוו־טרעגער וועט קומען צו זיי, נאָר זיי זיינען זיך אַלע באַלד צונויפגעלאָפן צו לייבן. וועווקע מיט בנימינען האָבן אויפן קול גענומען לייענען די נעמען צו וועמען די בריוו זיינען אָנגעקומען און מען האָט זיי געכאַפּט פון זייערע הענט.

לייבס שנור אסתר איז אויך געווען אין דרויסן. פון דעם טאָג, וואָס מען האָט איינגערופן בערן, איז צו איר קיין איין בריוו נישט דער־גאַנגען און זי איז געשטאַנען און האָט געוואַרט, אַז מען זאָל אויך איר נאָמען אויסרופן.

מיטן אָנקומען פון די עסטרייכער האָט איר פּנים ווי מיטאַמאָל זיך

אויסגעלייטערט און אירע אויגן האָבן געגליט מיט דער דערוואַרטונג, אַז אָט־אָט וועט בער זיך באַווייזן. גאַנצע דריי יאָר איז זי אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטרויערטע און אַן אָפּגעלאָזטע, אָבער ווי נאָר די רוסן זיינען אַוועק האָט זי זיך ווידער גענומען פּוצן אין דעם ביסל אָרעמקייט, וואָס איז איר געבליבן. זי האָט געהאַלטן אין איין קעמען אירע האָר און אַלעמאָל געלאָפן צום שפּיגל זיך אָנקוקן.

איר מאַן, בער, האָט זיך אָבער נישט געוויזן און עס איז פון אים קיין בריוו נישט אָנגעקומען.

חיים משה, לייבס יינגערער זון, האָט זיך באַלד געלאָזט הערן. שוין אין זיין ערשטן בריוו האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער האָט מיט בערן זיך באַגעגנט ביים אָנהייב פון דער מלחמה ווען ער איז נאָך געווען אין קאַדער, וואו מען האָט אים אויסגעבילדעט צו זיין אַ סאָלדאַט. בער איז איינמאָל אַהינגעקומען אים זען, אָבער פון זינט דאַן האָט ער פון אים גאָרנישט געהערט. חיים משה האָט אויך געשריבן, אַז ער אַליין איז געווען אַ סך מאָל אין סאַמע פייער, אָבער די קוילן האָבן אים אויסגעמיטן. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט מען אים אַרויסגענומען פון דער פייער־ליניע און איצט געפינט ער זיך אין אַ זוניק לאַנד, וואו עס וואַקסן פייגן און טייטלען. ער היט דאָרט אַ פּולווער־מאַגאַזין און ער וואַרט אויף דעם טאָג, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זיינען די יידן ווי פאַרשיכורט געווען פון דער פרייד, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון די רוסן.

אין די ערשטע טעג האָבן די יידן אין דאָרף נאָך נישט געוואוסט, אַז דער אַלטער קייזער פראַנץ יאָזעף איז שוין איבער אַ יאָר טויט און זיי האָבן אים געהאַלטן אין איין לויבן און אין איין בענטשן דערפאַר וואָס ער האָט זיי באַפרייט פון די רוסן. די יידן זיינען שבת זיך ווידער צונויפגעקומען אין קלויז דאַווענען און זיי האָבן מער נישט מורא געהאַט צו זאָגן „הנותן תשועה למלכים" פאַר זייער קייזער. זיי האָבן אים געמאַכט אַ מי שברך, מיטן גאַנצן האַרצן געבעטן פאַר זיין געזונט און נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז דער קרוין־פּרינץ קאַרל זיצט שוין אויפן האַבס־בורגישן טראָן.

— מיר מעגן זיך אָפּגעבן מזל־טוב.

— מ׳עט שוין איצט פרייער קענען אָפּאָטעמען.

— איר׳ט זען ווי דער קייזער זאָל לעבן וועט איצט אינגאַנצן מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה.

— פרייער וועט אָבער קומען אַ וויסטע מפּלה אויף פּאָניען. מ׳עט אים אַזוי לייגן אין דער־ערד, אַז ער וועט שוין קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין — האָבן די יידן זיך געהאַלטן אין איין פרייען.

עס זיינען דערגאַנגען קיין יאַנאָוויץ עטלעכע לידלעך וועגן דעם שונאס מפּלה און וועגן עסטרייכס זיג און מען האָט אויף שריט און טריט געהערט זינגען:

„עסטרייך, דייטשלאַנד און טערקיי,
זיי זיינען אין אַ בונד אַלע דריי.
זיי מאַכן אַ סוף צום קריג
און פלעכטן דעם קראַנץ פון זיג״.

„פאַניע וועט בלייבן אָן אַ העמד און אָן הויזן,
צוזאַמען מיט די ענגלענדער און פראַנצויזן״.

„פאַניע האָט די מפלה,
עס איז אים שוין ווינד און ווי,
מען יאָגט אים מיט אַ בהלה,
אויף צרות איז איצט ניקאָליי״.

די פרייד האָט זיך אָבער ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסוועפּן. עס זיינען אָנגעקומען אַ סך דייטשע סאָלדאַטן אין קיילעכדיקע היטעלעך אָן דאַשעקעס און זיי האָבן זיך ווי פאַרלייגט אויסצוראַמען אַלץ, וואָס מען האָט אויסבאַהאַלטן פון די רוסן. ס׳האָט כלומרשט געהייסן, אַז זיי נעמען נישט אומזיסט. זיי האָבן מיט אַ „ביטע שיין״ און מיט אַ „דאַנקע שיין״ זיך העפלעך פאַרנייגט און אויסגעשריבן געלט־קוויטירונגען פאַר פאַשע, פאַר תבואה און אויך פאַר פערד און בהמות. מען האָט פאַר די אויסגעשריבענע קוויטלעך זעלטן ווען באַקומען עפּעס אויסגעצאָלט און מען האָט אָנגעהויבן מורמלען, אַז מען האָט זיך די „ישועה״ גאַנץ אַנדערש פאַרגעשטעלט. די דאָרפסלייט האָבן אָנגעהויבן קוקן קרום אויף די „יעקעס״, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַהיימשיקן קיין דייטשלאַנד קליינע זעקלעך מיט מעל, מיט גרויפּן, מיט פאַסאָליעס און מיט אַנדערע עסנוואַרגן.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט גענומען איינרופן אין די זעלנער דאָס יונגוואַרג, וואָס איז אונטערגעוואַקסן און עלטערע מענער ביז איבער פופציק. יידן מיט גרוילעכע בערד, וואָס האָבן שוין געהאַט אייניקלעך, האָבן געמוזט אָנטאָן דעם זעלנערישן מונדיר און זיך לערנען האַלטן אַ ביקס אין האַנט. אין דאָרף זיינען איבערגעבליבן נאָר ווייבער, אַלטע לייט און קינדער און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל צעאַקערן אַ שטיקל פעלד.

שפּעט אין אָסיען האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער באַפרייטער מזרח־גאַליצישער ערד עסטרייכישע רעגימענטן פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן גערעדט אויף פאַרשידענע לשונות. די סאָלדאַטן, אויסגעהונגערטע און מידע, זיינען געגאַנגען מיט דעם קייזער־שטראָז דורך יאַנאָוויץ און זיי האָבן מיט רחמנות־פּנימער ביי די דאָרפסלייט געבעטן אַ שטיקל ברויט פאַר אַביסל מינץ־געלט, פאַר אַן אַלט לייבל, פאַר אַ לעדערנעם פאַס אָדער גלאַט אומזיסט. די דאָרפישע ווייבער האָבן מיט

טרערן אין די אויגן זיי באַדויערט און זיי אַרויסגעטראָגן דאָס לעצטע ביסל עסנוואַרג פון די שטיבער.

צווישן די עסטרייכישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געגאַנגען דורכן דאָרף, האָט מען אויך געזען יידן, וואָס האָבן קוים געשלעפּט די רוקזעק מיט די ביקסן אויף די פּלייצעס.

— אַיי, ס׳איז נישט פאַר מיינע כוחות. מיט אַזעלכע זעלנער ווי איך, קאָן מען קיין מלחמה נישט געווינען.

— טאָמער איז ווייניק, וואָס כ׳האָב צוויי זין אין שלאַכט, האָט מען מיך אויך גענומען.

— אין דער היים וואָלט אַזאַ ייד ווי איך, מיט זאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים יעדן טאָג, מער געקאָנט אויפטאָן ווי מיט דעם שיסער — זיינען די עלטערע יידישע סאָלדאַטן געווען פול מיט טענות פאַרוואָס מען האָט זיי גענומען צום מיליטער.

דער אָסיען איז פאַרגאַנגען. אַ רויער רעגן האָט אַראָפּגעיאָגט די לעצטע בלעטער פון דיביימער און די מלחמה האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן. די ערד איז געוואָרן שוואַרץ און אויף די פעלדער און גערטנער האָבן זיך בעסער אָנגעזען די ווייסע ברעטלעך און די צלמלעך אויף די סאָלדאַטסקע קברים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין מערן. דאָס געזאַנג וועגן זיג און וועגן סוף פון קריג איז ווי פאַרגעסן געוואָרן. עס האָבן זיך געהערט לידער וועגן טויט און אונטערגאַנג. מען האָט געזונגען וועגן קריגס־אַלמנות, וועגן מאַמעס, וואָס באַוויינען זייערע געפאַלענע זין און וועגן מענער, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון די שלאַכט־פעלדער פאַרקריפּלטע אויפן גאַנצן לעבן. ניט פון איין יידישן הויז האָט זיך ווי אין געוויין געטראָגן דאָס געזאַנג:

„אויף די גרינע פעלדער, וועלדער, אוי ווי,
אויף די גרינע פעלדער, וועלדער
ליגט מיט קוגלען באַדעקט אַ זעלנער, ווי ווי.
זיינע גלידער זיינען צעריסן, אוי ווי,
זיינע גלידער זיינען צעריסן
און פון זיינע וואונדן טוט בלוט פליסן, ווי, ווי.
אוי, דו וראַנע, שוואַרצער פויגל, ווי, ווי.
נעם די הענט און לאָז די אויגן, ווי ווי״.

עס איז אין דאָרף אַריין באַלד דערגאַנגען די נייעס, אַז דער אַלטער קייזער פראַנץ יאָזעף איז טויט און יידן האָבן נאָך אים שטאַרק געטרויערט.

— נישטאָ שוין אונדזער באַשיצער, נישטאָ. ס׳עט אונדז זיין ווי און ווינד אָן אים. נישטאָ שוין מער ווער ס׳זאָל זיך פאַר אונדז אָננעמען.

— מיר מעגן נאָך אים גוט וויינען. ער׳ט אונדז דאָ גוט אויספּעלן.

— ווער ווייסט צו ועט מען נאָך נישט דאַרפן אַנטלויפן פון דאַנען. ער איז דאָך געווען צו אונדז נאָר ווי אַ טאַטע.

— ער האָט טאַקע קיין עין הרע אַריינגעלעבט ביז זעקס און אַכציק יאָר, אָבער ווען נישט די מלחמה וואָלט ער אפשר געקאָנט דערציִען ביז הונדערט און צוואַנציק.

— ס'איז נישט צום גלויבן, אַז ער איז שוין טויט. ער האָט נעבעך געהאַט אַ פאַרשטערטע עלטער. וואָס איז דאָ צו רעדן, ס'האַרץ איז אים צעבראָכן געוואָרן — האָבן די פאַרטרויערטע יידן געהאַלטן אין איין נאָכזאָגן שבחים דעם קייזער.

צום ווינטער צו זיינען די בריוו פון די סאָלדאַטן וואָס אַמאָל געוואָרן טרויעריקער. די זעלנער האָבן געהאַלטן אין איין שרייבן, אַז מען זאָל זיי שיקן ברויט, ווייל זיי באַקומען נישט גענוג צום עסן. זיי האָבן זיך געריסן אַהיים און אין זייערע בריוו געגעבן אָנצוהערן, אַז עס אַרט זיי שוין נישט ווי אַזוי די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, אַבי עס זאָל שוין נעמען אַ סוף.

ביי לייבן האָט מען די אויגן זיך אויסגעקוקט אויף אַ בריוו פון בערן, אָבער ער האָט פון זיך נישט געלאָזט הערן. חיים משה, ווידער, האָט אַלעמאָל געשריבן און מען האָט זיינע בריוו געלייענט אויפן קול אין שטוב און אין קלויז. אין איין בריוו האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער דאַרף ווידער גיין אין פייער אַריין.

„איך בין ווידער אויסגעריסטעט צום שלאַכט־פעלד און אין שפעטער נאַכט ווען איך קאָן נישט איינשלאָפן בעט איך צום ליבן הער־גאָט, דאָס ער זאָל מיר איין שוץ־ענגעל שיקן מיך צו היטן פון די קוגלען — האָט ער געשריבן. — „אין דער נאַכט ווען עס איז שטיל קוק איך אַרויס צו דעם מאָנד און צו די שטערנע און איך טראַכט וועגן מיין הייס־געליבטער היימאַט. געבע גאָט דאָס איך זאָל איבערלעבן דעם קריג און איך זאָל געזונט צו אייך צוריקקערן".

אַלע האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן ווען וועוקע האָט דעם בריוו פאָרגעלייענט. אסתר האָט גאָרניט אויפגעהערט וויינען.

דער ווינטער האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער און אַ שווערער. מען האָט געקאַרגט דאָס שוואַרצע ברויט, געמישט מיט קלייען און מען האָט כסדר געגעסן קאַרטאָפל, צוגעשמעלצט מיט עטלעכע טראָפּן סימנע־אייל און מיט אַ שטיקל ציבעלע. עס איז אין די יידישע שטיבער נישט געווען קיין ביסל מילך, עס איז נישט געווען צו באַקומען אַ שטיקל צוקער אויף צו טרינקען אַביסל וואַרעמס און גאַנצע בני־ביתן האָבן זיך געמוזט באַגניגן מיט איין פּאָר שטיוול.

נאָכן ווינטער איז געקומען אַ טרוקענער און אַ סומנער זומער, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט קראַנקהייטן אויף מענטשן און זאַראַזעס אויף בהמות. די נויט איז געווען גרויס אין דאָרף און אין שטאָט און עס איז פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער געוואָרן צו טראָגן דעם יאָך. די גויאישע

דאָרפסלייט האָבן מיט די לעצטע כוחות געהאָרעוועט אין פעלד און אויפגערייצטע נאָכגעשיקט דעם קייזער אַלע בייזע קללות, דערפאַר וואָס ער האָט ביי זיי צוגענומען זייערע זין און מענער.

— אַרויסוואַרפן זאָל עס אים פון גרוב.

— ער האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע און אַליין האָט ער פאַרלייגט מיטן קאָפּ.

— מ׳דאַרף אַרויסגיין מיט קאָסעס און מיט העק און מאַכן אַ סוף.

— עס האָט אים אַ סך געאַרט פאַר אונדזער בלוט. ער האָט געקערט מיט אַ בעזעם, צונויפגעבונדן פון פרעמדע ריטלעך.

— מ׳וועט אָבער אויפבינדן דעם בעזעם און די ריטלעך וועלן זיך צעפאַלן. דעמאָלט וועט שוין מוזן נעמען אַ סוף צו דער מלחמה — האָבן זיי פאַרשטעלט גערעדט וועגן די קלאַנגען, אַז די פעלקערשאַפטן פון דער עסטרייכישער מלוכה בונטעווען זיך קעגן נייעם קייזער קאַרל. אַ סך גויים האָבן אויך נישט געזשאַלעוועט קיין קללות די יידן און אויפגעוואָרפן זייערע יידישע שכנים, אַז זיי זיינען גאָר שולדיק וואָס עס איז געקומען צו אַזאַ מלחמה.

ווען עס זיינען צוגעפאַלן די היצן האָבן די מגפות זיך גענומען נאָך מער אויסשפרייטן. אין צייט פון שניט האָט אין יאַנאָוויץ זיך אַריינגעכאַפּט אַ בויך־טיפוס, וואָס איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב. די קראַנקהייט האָט אויך לייבס הויז נישט אויסגעלאָזט. צוערשט האָבן וועווקע מיט בנימינען זיך אַוועקגעלייגט, דערנאָך זיינען אסתר און ליפשע איינגעפאַלן. לייב איז געווען דער איינציקער אין שטוב, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס און ער איז בייטאָג און ביינאַכט געגאַנגען אַרום די קראַנקע.

מען האָט וועווקען און בנימינען שוין געהאַט אויפגעגעבן, אַזוי שלאַף זיינען זיי געווען. זיי זיינען געלעגן פאַרטראָגענע אין היץ און זיך געראַנגלט מיטן טויט. לייב האָט, טאָג און נאַכט, געוואַכט איבער זיי און מיט אַלע מיטלען זיי געראַטעוועט. זיי זיינען ביידע שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק אָבער זיי זיינען נאָר, ווי דורך אַ נס, אויפגעקומען פון דער שווערער קראַנקהייט.

אסתר און ליפשע, וואָס האָבן ביידע אין איין צייט זיך אַוועקגעלייגט האָבן אויך אָנגעהויבן צו זיך קומען. פּלוצלונג איז אָבער ליפשע ווידער פאַרשלאָפט געוואָרן. איר לייב איז ווי אַנגעצונדן געוואָרן פון אַ העליש פייער און זי האָט ביינאַכט געהאַלטן אין איין רעדן פון היץ. זי האָט גערופן איר טאַטן דעם ראַגאַטניק און געשריגן, אַז מען זאָל ניט אַרויסלאָזן איר מאַמען אין דרויסן, ווייל זי וועט זיך פאַרקילן. ווען לייב האָט זיך צו איר צוגעבויגן איר עפּעס איינצוגעבן אין מויל אַריין האָט זי גערעדט צו אים ווי צו אַ פרעמדן און ווי מיידלוויז אים געאירצט.

לייב האָט געזען, אַז זי איז פאַרביי און ער האָט אַלץ אָנגעווענדט זי צו ראַטעווען. דער טויט האָט זי אָבער ווי אויסגעכאַפּט פון זיינע הענט. פאַרטאָג איז זי געבליבן ליגן אַ שטייפע מיט אַ פאַרקלעמט

מויל. עס איז געשען אַזוי גיך, אַז לייב האָט זיך עפּעס ווי נישט געוואָלט גלויבן, אַז זי אָטעמט שוין מער נישט. ער האָט אַ צעמישטער איר נאָך אַלץ געווישט דאָס פּנים מיט אַ נאַס האַנטיכל, ער האָט איר געדריקט די נאָז, אויפן קול זי גערופן ביי איר נאָמען און אויפגעוועקט אַלעמען אין שטוב. דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד לעבן ליפּשעס געלעגער און לאַנג געבליבן זיצן אַ פאַרטשמעליעטער און אַ שווייגנדיקער.

ווי עס פירט זיך אין צייט פון אַ מגפה, האָט מען זיך צוגעאיילט וואָס גיכער אַרויסצונעמען ס'מת פון שטוב.

אין דרויסן, פאַר לייבס שטוב, איז געשטאַנען אַ „טיטשקע", אַ לאַנג דרענגל אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעבונדן אַ ביסל שטרוי. דאָס איז געווען אַ וואָרנונג, אַז מען טאָר אין דער שטוב ניט אַריינגיין, ווייל מען קאָן זיך אָנשטעקן מיט טיפוס. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן די קרובים און די יידישע און גויאישע שכנים אַריינצוקומען צו לייבן.

מען האָט גיך אָפּגעהויבן ליפּשען און פאַרהאַנגען דעם שפּיגל. ווען לייב האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם איבערגעדעקטן ליידיקן בעט איז אים עפּעס ווי פאַרגעקומען, אַז ניט ליפּשע נאָר ריווע איז ערשט דאָרט געלעגן. ער איז געווען ווי האַלב אין שלאָף און ריוועס טויט פּנים האָט פאַר אים ווי אַ שוועב געטאָן.

עס זיינען זיך צונויפגעקומען אַלץ מער שכנים און זייערע רייד האָבן אים ווי אויפגעוועקט.

— אַזאַ אויסכאַפּעניש! אָט ערשט איז זי געווען! וואָס טוט מען איצט? — האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסרעדן זיין ווייטיק.

אין די טעג פון שבעה האָט לייב אויפן פּאָדערבלאַט פון דעם זיידן בערס חומש, וואו עס זיינען געווען פאַרשריבן אַ סך יאָרצייטן, אויך פאַר־צייכנט דעם טאָג, דעם חודש און דאָס יאָר ווען ליפּשע איז געשטאָרבן. ער האָט, אין די טעג פון שבעה, זיך אַריינגעלאָזט אין דערמאָנונגען פון שוין לאַנג פאַרגאַנגענע יאָרן און אויסגערעכנט, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז געוואָרן זעקס־און־דרייסיק יאָר, זינט ער האָט זיך באַזעצט מיט ריוון אין דעם זיידנס שטוב.

* * *

דער זומער איז פאַרגאַנגען און עס איז געקומען אַ רעגנדיקער אָסיען. טעג גאַנצע האָט געהאַלטן אין איין גיסן און דער הימל איז אַלץ געבליבן אַ גרויער ווי פאַרצויגן מיט רויך. די דאָרפסלייט האָבן מיט אַ הריזאָטע אין האַרצן זיך געגרייט אויפן פינפטן ווינטער פון דער מלחמה. זיי זיינען געווען אויסגעהאָרעוועט און בייז. ניט איינער פון זיי האָט זיין צאָרן אויסגעלאָזט צו זיינע אָפּגעריסענע און אויסגעהונגערטע קינדער און צו די אויסגעדבּרטע פערדלעך, וואָס האָבן מיט די וועגענער געסטרעכנעט אין די בלאָטעס.

און מיטאַמאָל איז ווי אַ בליץ אַראָפּגעפאַלן די נייעס:

— די מלחמה האָט זיך געענדיקט!

— די סאָלדאַטן האָבן געמאַכט אַ סוף. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן די ביקסן און זיי צעלויפן זיך אַהיים.

באַלד האָבן זיך אויך אָנגעהויבן ווייזן זעלנער, וואָס זיינען, אָן די ביקסן, געגאַנגען אַהיים. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין בלוילעך־גרויע מונדירן, אָבער דער קנאָפּ מיטן קייזערס נאָמען איז געווען אָפּגעריסן פון זייערע היטלעך. די דאָרפסלייט זיינען צו זיי אַרויס אויפן וועג, זיי גענומען אויספרעגן פון וואַנען זיי קומען און צי זיי האָבן וואו אונטער־וועגנס נישט באַגעגנט זייערע זין און מענער.

— אַלע וועלן איצט אַהיימקומען. גענוג שוין זיך געשלאָגן פאַרן רוח.

— נישט געווען באַדאַרפט וואָרטן פיר לאַנגע יאָר.

— איצט איז שוין אויס מיט די קייזערס, אויס מיט די האַבסבורגער. מען וועט זייערע קרוינען צערייבן אויף שטויב — האָבן די סאָלדאַטן נאָכגעזאָגט די אַלע רייד, וואָס זיי האָבן געהערט אונטערוועגנס.

וואָס אַ טאָג האָבן אַלץ מער זעלנער זיך געוויזן אויפן וועג. זיי האָבן זיך אַלע געצויגן אַהיים און די, וועלכע האָבן זיך געשלעפּט צופוס פון ווייט זיינען אויף די וועגן ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעטלער. זייערע ניט־געוואַשענע פּנימער זיינען פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילדע בערד און די היטלעך, אין וועלכע זיי זיינען געשלאָפן, זיינען געוואָרן אַזוי פאַרשמאָלצן מיט שווייס, אַז מען האָט שוין ניט געקאָנט דערקענען וואָס פאַר אַ קאָליר זיי האָבן אַמאָל געהאַט. זייערע מונדירן און מאַנטלען וואָס זיי האָבן אַפילו ביינאַכט נישט אויסגעטאָן, זיינען געוואָרן אָפּ־געשאָסן, זיך אויפגעלאָזט אין די נאָטן און באַקומען לעכער אין די עלנבויגנס. זיי האָבן געטשאַלאָפּעט אין די אָסיענדיקע בלאָטעס מיט מידע און וואונדיקע פיס, אין אויסגעדרייטע שטיוול אָן אָפּצאָסן און אין צעפליקטע שיך, אַרומגעבונדענע מיט שטריקלעך און מיט דראָטן.

זיי האָבן אויף די וועגן געציילט די קילאָמעטער־שטיינער און ווי בעטלער זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי אויפנעמען אויף נאַכטלעגער און זיי געבן עפּעס אָפּצועסן.

ניט איינעם פון די סאָלדאַטן האָט די נאַכט פאַרכאַפּט אין יאַנאָוויץ און זיי זיינען דאָרט איבערגעשלאָפן אין יידישע און גויאישע שטיבער.

— מ'וויל מער נישט קיין קייזער.

— יעדעס פאָלק וועט איצט זיין פאַר זיך. מ'עט זיך נאָך גענוג אַרומגעשלאָגן — האָבן זיי אין די נעכט געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן אויפשטאַנדן און וועגן איבערקערענישן, וואָס קומען־פאַר אויף דער וועלט. די סאָלדאַטן האָבן אומרואיקע זיך געדרייט אויף די פרעמדע געלעגערס. זיי האָבן געשריגן און געוויינט פון שלאָף, מיט אַזעלכע יאָמערלעכע קולות, אַז מען האָט זיי געמוזט אויפוועקן. ווען זיי זיינען ווידער געווען וואַך האָבן זיי מיט זייערע נעגל, וואָס זיינען געווען ווי פאַרוואַקסן מיט בלאָטע, געקראַצט זייערע פאַרוואָרלאָזטע לייבער און גערעדט צו זיך

אליין. זיי האָבן מיט אַ הייסן אָטעם גערעכנט די קילאָמעטער, וואָס זיי האָבן נאָך איינצוגיין און עס האָט ביי זיי אַלע אין מח ווי געברענט איין געדאַנק — וואָס גיכער צו זיין אין דערהיים.

אויך יאַנאָוויצער זעלנער האָבן איינציקווייז אָנגעהויבן אַהיימקומען. זיי האָבן, ביים אָנקומען אין דאָרף אַריין, ווי וועלטס־מענטשן זיך געוויטעט מיט אַלעמען און באַגלייט פון אַ מחנה קליינוואַרג, מיט גרויסע שפּאַן, אַוועק צו זייערע שטיבער.

לייבס יינגערער זון חיים משה האָט זיך נישט פאַרזאַמט. די לעצטע נאַכט, וואָס ער איז געווען אונטערוועגנס, האָט ער פאַרבראַכט אין אַ דאָרף, ביי זיינעם אַן עלטער־פעטער פון דער באָבע שרהלעס צד. דאָרט ביים פעטער אין שטוב האָט ער זיך אָפּגעגאָלט, זיך אַרומגעוואַשן, אויס־געבערשט זיין זעלנערישן מאַנטל און ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן איז ער שוין געווען אויף דעם היימישן קייזער־שטראָז, וואָס האָט געפירט קיין יאַנאָוויץ.

גאַנץ פרי האָט ער מיטן פראָסט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דאָרף אַריין און ווי אַ פרעמדער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. אַלץ האָט אין זיינע אויגן איצט אויסגעזען אַנדערש.

די מלחמה האָט זיך אָנגעזען אויף שריט און טריט. ס׳ערשטע האָט זיך פאַר אים אַ שפּרייט געטאָן דער פּריצישער פּאַלוואַרק, וואָס די רוסן האָבן אים איינגאַנצן פאַרוויסט. פון דער גוראַלניע זיינען דאָרט געבליבן נישט מער ווי בערגלעך ברוינע ציגל. די רערן, שרויפן און קעסלען פון דער ברענעריי האָבן, פאַרזשאַווערטע און צעבראָכענע, זיך געוואַלגערט אויפן ווילד־פאַרוואַקסענעם הויף און אין גריבער ביים וועג. פון די אַקאַציעס, וואָס ער האָט געלאָזט אויף ביידע זייטן וועג, זיינען געבליבן נישט מער ווי עטלעכע קורצע פּעניעס, פאַרוואַקסענע מיט דריבנע צווייגלעך. די אויסגערייטע גריבער אויפן קייזער־שטראָז און דאָס געלבלעכע ליים, וואָס איז, ווי געדערעם פון אַ לייב געווען אַרויסגעפרעסט, האָבן אים ווי דערציילט, אַז שווערע קאַנאָנען־רעדער און גרויסע לאַסט־אויטאָמאָבילן זיינען געפאָרן דורכן דאָרף. אָפּגעקאַלעכטע שטאַלן, האַלב־איינגעפאַלענע געביידעס האָבן ווי גערימען חיים משהס אויגן און אים אָנגעזאָגט, אַז אַ זאַראַזע האָט געבושעוועט צווישן די יאַנאָוויצער בהמות. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן חורבות, פאַרוואַקסענע מיט ווילדע גראָזן און באַדיקעס און געפּרוּווט זיך דערמאָנען וואָס פאַר אַ געביידעס עס זיינען דאָרט געשטאַנען און ווער עס האָט דאָרט געוואוינט.

חיים משה האָט פון דערווייטנס דערזען זיין היים און די קלויז אויפן בערגל. ער האָט דערפילט אַ וואַרעמען הויך אויף זיינע אויגן און די פּיס זיינען אים ווי שטייפער געוואָרן. ער האָט די שטוב, אַן דעם פּלויט און אַן דעם טויער, ווי נישט דערקענט. עס איז אים פאַרגעקומען, אַז מען האָט זי גאָר איבערגערוקט אויף אַן אַנדער אָרט.

שוין נאָענט לעבן הויז האָט ער דערזען זיין טאַטן אָנקומען מיט

דער גאָרטן־סטעזשקע. לייב האָט גראָד דעמאָלט געבראַכט צוטראָגן אויף די פּלייצעס עטלעכע סנאָפּעס קוקורודזעס פון גאָרטן און ער האָט זיי גענומען אויסשטעלן אַרום די ווענט, אונטער די סטריכעס, אַז זיי זאָלן זיך אויס־טריקענען פון זייער פייכטקייט. דערנאָך איז ער אַ געשטרעקטער געבליבן שטיין פאַר דער שטוב און פאַררייסן דעם קאָפּ צו דער זון, וואָס האָט אָנגעהויבן צעוואַרעמען דעם אָסיענדיקן טאָג. מיטאַמאָל האָט לייב ווי אָפּגעריסן די אויגן פון הימל. ער האָט זיך ראַפּטום אַ דריי געטאָן צום וועג, עפּעס ווי ער האָט דערפילט, אַז זיין זון קומט אָן און ער איז אַ רירעווודיקער אים געגאַנגען אַנטקעגן.

— כ׳האָב אָבער ערשט פריער געזאָגט, אַז דו וועסט נאָך היינט אָנלויפן ! — האָט ער אויסגערופן.

— כ׳האָב נישט דערקענט די שטוב מיט דער פּאָדווירע אָן דעם פּלויט — האָט חיים משה געלאָזט הערן זיין קול, וואָס האָט זיך אין די עטלעכע יאָרן אינגאַנצן פאַרענדערט.

פאָטער און זון, הויכע און ברייט־פּלייציקע, זיינען געבליבן שטיין פּנים צו פּנים און זיי האָבן ווי מיט שעמעוודיקייט זיך צעקושט. דערנאָך האָט לייב פון דער נאָענט ווי אַ פאַרחידושטער באַטראַכט זיין יינגערן זון, וואָס איז זיך אין די מלחמה־יאָרן צעוואַקסן און איצט אויסגעזען ווי זיין עלטערער זון בער. חיים משה ווידער האָט געקוקט אויפן טאַטנס שטערן, מיט די טיפע קאַרבן און אויפן טאַטנס באָרד, וואָס איז ביי די עקן שטאַרק גרוי געוואָרן.

— די רוסן האָבן אויסגעהייצט דעם פּלויט מיטן טויער און אַלע ביימער. זיי האָבן אויך געוואָלט אויסהאַקן דעם באַרן־בוים און איך האָב אים ביי זיי קוים אויסגעבעטן. אַזעלכע ראַבאָווניקעס, זיי האָבן דאָך אונדז צעטראָגן ס׳גאַנצע באַלעבאַטישקייט. ס׳אַרט מיך אָבער איצט שוין גאָר־נישט. די מומע ליפשע איז נישטאָ און פון בערן הערט מען נישט — האָט לייבס שטימע זיך גענומען ברעכן אין געוויין.

— די מומע ליפשע ? וואָס איז געשען ? — האָט חיים משה איבערגעפרעגט.

— זי האָט מיר אינגאַנצן אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. — לייב האָט אים דערציילט וועגן דער מגפה און וועגן ליפשעס טויט און חיים משה איז געבליבן שטיין אַ פאַרטרויערטער. ער האָט אין די לעצטע עטלעכע חדשים נישט באַקומען קיין איין בריוו פון דער היים און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

אסתר איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. עס איז איר פאָרגעקומען, אַז זי הערט בערס קול און פון דער וייטנס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי זעט פאַר זיך איר מאַן.

— בער... — האָט זי אין דער שטיל אַרויסגעמורמלט און אַ בלייכע מיט פאַרוואונדערטע גרויסע אויגן אָנגעקוקט איר שוואָגער. חיים משה איז צו איר צוגעגאַנגען, זי אַרומגענומען, זי געקושט און זי איז שטאַרק

צעטומלט געוואָרן. ווען זי איז אַביסל צו זיך געקומען, האָט זי אים געפרעגט צי ער האָט וואו נישט געהערט עפּעס וועגן בערן.

— כ׳האָב געהאַלטן אין איין פרעגן — האָט חיים משה געגערעדט צו איר מיט זיין פאַרענדערט קול און זי געטרייסט, אַז ער וועט זיך נאָך אָפּרופן און אַהיימקומען.

— ס׳איז דאָך פון אים קיין איין בריוו נישט אָנגעקומען. ווער ווייסט וואָס ס׳איז מיט אים געשען — האָט לייב איצט ווי גערעדט פאַר אסתרן, וואָס איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

ווען ווערן מיט בנימינען זיינען פון ערגעץ אָנגעקומען און מען האָט חיים משהן געדאַרפט זאָגן, אַז די צוויי אויסגעצויגענע בחורים זיינען זיינע ברידער, ווייל ער האָט זיי אינגאַנצן נישט דערקענט. שכנים פון אַרום זיינען באַלד אויסגעוואָקסן ביי לייבן אויפן הויף און זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם אַהיימגעקומענעם סאָלדאַט.

— כ׳האָב דאָך געמיינט, אַז ס׳איז בער. גאָר אינגאַנצן זיך איבער־געביטן.

— אָט דאָס הייסט זיך אויסגעפּאַשעט. יונגוואַרג ווייסט נישט פון קיין צרות.

— די פּיסקעס זיינען נישט פון קייזערס קעסט. דאָס האָט ער ערגעץ וואו אויפן וועג זיך אַזוי אָנגעגעסן.

— די „לייבן און בערן" ווערן אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן. דער עלטערער וועט נאָך אויך אַהיימקומען — האָט דער עולם צווישן זיך גערעדט.

חיים משה איז אַריין אין שטוב, וואָס אסתר האָט ערשט מיט אַ טאָג פריער געהאַט אויפגעראַמט, און ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. עס האָט זיך דאָרט גאָרניט געהאַט געענדערט. דער ערדענער דיל איז געווען אויסגעשפּרייט מיט געלן זאַמד, די הרובע פּריש אויסגעשפּריצט מיט אַלערליי פאַרבן און דער באַלעק הינטער דער סטעליע האָט גע־גלאַנצט מיט זיין טונקל־רויטן קאָליר. אויף די ווענט האָבן געהאנגען דיזעלבע אַלטע בילדער פון באַראָן הירש, משה מאָנטעפיאָרע, דער פאַרגעלטער מזרח און די פאָטאָגראַפיעס, וואָס זיינען נאָך פאַר דער מלחמה אָנגעקומען פון אַמעריקע. עס האָט נאָר געפעלט דאָס בילד פון דעם קייזער פראַנץ יאָזעף. פאַרווייסטע געלבלעכע צייכנס ווי פון אַ ראַמל האָבן אָבער נאָך קלאָר אָנגעוויזן אויף דער וואַנט דאָס אָרט, וואו דעם קייזערס בילד איז געהאנגען איידער די רוסן זיינען געקומען. ביים פענצ־טער איז געשטאַנען דאָסזעלבע באַנק־בעטל וואו ער איז קליינערהייט געשלאָפן מיט בערן. די וואַזאָנעס זיינען ווי שטענדיק געשטאַנען אויף די געזימסן פון די פענצטער. זיי האָבן געטוליעט זייערע בלוט־רויטע בלומען צו די ליכטיקע שויבן און אינאיינעם מיט די פרישע פּאַוואָניעס און אַסטרע־בלומען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן קאָמאָד, אין אַן ערדן טעפּל וואַסער, פאַרשמעקט די שטוב.

דער טאַטע מיט וועווקען און בנימינען האָבן זיך געדרייט אַרום אים. אסתר האָט פאַר אים געגרייט דעם טיש. חיים משה האָט זיך עפּעס ווי נישט געוואָלט גלויבן, אַז ער איז טאַקע אין דערהיים. אַלץ אין שטוב איז אים געווען נאָענט און אייגן, אָבער ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט פרעמדקייט און ווען ער האָט געגעסן איז ער געזעסן סטאַטעטשנע ביים טיש נאָר ווי אַן אורח. ווען ער האָט זיך אָנגעגעסן צו זאַט האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן באַנק־בעטל. וועווקע מיט בנימינען האָבן אים גענומען אויספרעגן אין וואָס פאַר אַ לענדער ער איז געווען און אים דערציילט וועגן דער רוסישער באַלאַגערונג און וועגן די שלאַכטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אַרום יאַנאָוויץ. אסתר, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי דער קיך, האָט זיך אַלעמאָל ווי אויפגעכאַפּט פון איר פאַרטראַכטקייט און אויך געלאָזט פאַלן עטלעכע ווערטער. לייב איז געווען פאַרנומען אין דרויסן, אָבער ער האָט אַלעמאָל זיך אָפּגעריסן פון דער אַרבעט און כלומרשט מיט אַ תירוץ אַריינגעקומען אין שטוב כאַפּן אַ קוק אויף זיין אַהיימגעקומענעם זון.

חיים משה האָט אַ מידער פאַרצויגן זיינע אויגן און די רייד אַרום אים האָבן אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן ווי זיי וואָלטן געקומען פון ווייט. אַ גרויסע פליג האָט זיך צעזשומעט אַרום די שויבן און אים ווי פאַרוויגט אין שלאָף. ווי נאָר זיינע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט האָט זיך אים געחלומט, אַז ער מיט אסתרן גייען פון חדר. זי וויל אים אָננעמען ביי דער האַנט, אָבער ער לאָזט ניט און אַנטלויפט. און באַלד איז בער געקומען צורייטן אַן אויסגעפּוצטער אין אַן אולאַנער מונדיר אויף אַ הויך ווייס פערד מיט אַן אָפּגעשווירעגער גריווע. בער האָט זיך אָנגעבויגן אויפצוכאַפּן אסתרן, אָבער דאָס פערד האָט נישט געוואָלט איינשטיין אויף אַן אָרט. עס האָט אויפגעהויבן די פעדערשטע פיס אין דער הויך, זיך צעהירזשעט און אַוועקגעטראָגן בערן ווי אין די וואָלקנס אַריין. ער, חיים משה, האָט זיך געלאָזט לויפן מיט דעם וועג אויף וועלכן דאָס פערד האָט אַוועקגעטראָגן בערן. די נאַכט איז צוגעפאַלן און ער האָט דערזען צוויי היכע סאָלדאַטן אין רוסישע שינעלן גייען אויף אים מיט זייערע לאַנגע באַיאָנעטן. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן און נישט געקאָנט, אָבער ווען די צוויי רוסישע זעלנער זיינען שוין געווען גאָר נאָענט לעבן אים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין און אויף די שויבן האָבן זיך שוין אָפּגעשלאָגן די רויט־בלויע קאָלירן פון דעם פאַרנאַכטיקן הימל, ווען חיים משה האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק־בעטל. ער האָט דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט צום הויף. לייב האָט דאָרט מיט אַ באָרדע אויסגעטעסעט דינע סלופּקעס פאַר אַ נייעם פּלויט און אסתר האָט אין גאָרטן אויסגעהאַקט די לעצטע הייפּטלעך קרויט. אין מיטן דער אַרבעט איז אסתר אַלעמאָל געבליבן שטיין אַ טרויעריקע און אַ פאַרטראַכטע און אַריבערגעקוקט צום וועג.

חיים משה האָט דורכן פענצטער באַטראַכט אסתרן. עס איז אים פאָרגעקומען, אַז זי איז געוואָרן שלאַנקער און אַז איר פּנים איז איצט לויטערער און שענער ווי עס איז געווען פאַר דער מלחמה. ער האָט דערנאָך אָנגעטאָן בערס אַן אַלט רעקל, וואָס ער האָט געפונען אין שאַפע און איז אַרויס אין דרויסן צוהעלפן דעם טאַטן.

— כ׳האָב נאָר געוואָרט, אַז עס זאָל ווער פון אייך אַהיימקומען. כ׳וויל מיר זאָלן נאָך פאָרן ווינטער מאַכן דעם פּלויט. וועוועקן איז דער קאָפּ מער ביי די ביכלעך ווי ביים באַלעבאַטישקייט. האָסט כאָטש געזען ווי ער האָט זיך אַ יאָג־געטאָן אין דער הייך ? — איז לייב פול געווען מיט רייד.

— כ׳האָב אים און בנימינען אינגאַנצן נישט דערקענט ! — האָט חיים משה ווי געזוכט וואָס צו זאָגן.

— נישטאָ וואָס זיך צו באַקלאָגן אויף זיי. וועוועקע האָט אין זיך דער מאַמעס גוטסקייט, אָבער ער האָט זיך צופיל אַריינגעלאָזט אין די ביכלעך. און מיט בנימינען איז אויך דאָס אייגענע. זיין מאַמע האָט געוואָלט, אַז מ׳זאָל אים שיקן אין אַ ישיבה, איז די מלחמה אונטערגעקומען. ער איז שוין קיין עין־הרע אין פערצנטן יאָר.

— נישט געטראָפן מיין זון וואו אויפן וועג ?

— האָסט אפשר געהערט צי די געפאַנגענע פון רוסלאַנד גייען שוין אַהיים ?

— און קיין קייזער וועט טאַקע שוין נישט זיין ? — האָבן שכנים, יידישע און גויאישע פון וועג אַריבערגערופן צו חיים משהן און אויפסניי זיך גענומען קלייבן אַרום אים.

חיים משה האָט געצויגן מיט די אַקסלען און איז געווען קאַרג אויף רייד.

וועוועקע איז באַלד אונטערגעקומען און געענטפערט פאַר אים.

— אַלע זעלנער וועלן איצט אַהיימקומען, די געפאַנגענע אויך. און קיין קייזער איז נישטאָ און ס׳וועט נישט זיין. אין רוסלאַנד איז אויך אַזוי — האָט וועוועקע מיט אַ פינגער אויף זיין דאַלאָניע ווי אויסגעמאָלן אַ מאַפּע און געוויזן ווי עסטרייך ווערט איצט צעריסן און צעטיילט אויף קליינע לענדער. די שכנים האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

חיים משהן זיינען די אַלע רייד נישט איינגעגאַנגען. דאָס געמיט איז אים געווען שווער און אין מח איז ביי אים געווען ווי אַ פּלאָנטער. ער האָט זיך צוגעלאָזט נעמען די באַרדע, וואָס לייב האָט זי געהאַט אַריינגעהאַקט אין אַן אָפּגעזעגטן קלאָץ. אין גאַנג האָט ער אויפגעהויבן זיינע ווייך־געוואָרענע הענט און זיי באַטראַכט. ער האָט זיך איצט עפּעס ווי נישט געוואָלט גלויבן, אַז ער האָט מיט די הענט געפירט דעם אַקער, געקאָסעט דאָס היי און געשניטן די תבואה. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געשפּרייט די נאַקעטע היי־פעלדער און עס איז אים פאָרגעקומען אַז נישט

ער, נאָר אַן אַנדערער פלעגט דאָרט אין די נעכט זיך לאָזן הערן מיט פריילעכן געזאַנג. ער האָט אַריבערגעקוקט צו אסתרן און אויך זי איז אים פאָרגעקומען ווי אַן אַנדערע. זי פלעגט שטענדיק זיין אַ פריילעכע און אַ באַרעדעוודיקע, אָבער איצט איז זי געווען ווי פאַרזונקען אין זיך און איר פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט טרויער. ער האָט געוואָלט צו איר רעדן, אָבער די ווערטער זיינען זיך ווי צעפלויגן פון זיין מוח און ער איז געבליבן שטיין אַן אומבאַהאָלפענער, אַ שווייגנדיקער.

קאַפּיטל פיר־און־דרייסיק

ווייסער פראָסט האָט אין די פאַרטאָגן זיך געשפּרייט אויף דער ערד און ווי דריבנע פּערל אַראָפּגעהאַנגען פון די נאַקעטע ביימער. וואָראַנעס זיינען געפלויגן איבער די דעכער און מיט זייער קראַקען אַנגעזאָגט, אַז דער ווינטער איז שוין נישט ווייט. די אויפגעאַקערטע פעלדער האָבן ווי געאָטעמט מיט פּאַרע און וואו־ניט־וואו האָבן זיך אויף זיי שוין געוויזן די ברוינלעך־גרינע שפּראָצונגען פון פאַרזייטער ווינטער־תּבֿואה. די דאָרפסלייט האָבן אויף די הויפן מיט אויסגעהאָרעוועטע און פאַרהאָרטעוועטע הענט אויפגעקליבן יעדע פּאַסאָליע, יעדעס קערנדל פון דער ערד און אַלצדינג אַוועקגעלייגט אויף ווינטער. מען האָט באַוואָרנט די אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל אין גריבער און אין קעלערן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן; מען האָט מיט האַק־מעסערס געשאַטקעוועט קרויט און עס איינגעזייערט אין פעסער. יידן און גויים האָבן איינגעהאָרבעטע אין דרייען געטראָגן זייער קאָרג ביסל תּבֿואה אין מיל אַריין. מען האָט געמאָלן די קערנער אויפן פראָסטן ראַזעווע שטיין, עס זאָל זיין מער מעל און אַז עס זאָל אויך סטאַיען פאַר די אַהיימגעקומענע זעלנער, וואָס האָבן מיט אייגענע הענט זייער ברויט נישט אָנגעגרייט.

די זעלנער זיינען איינציקווייז אַהיימגעקומען. יעדן אויפדערנאַכט האָט מען זיך צונויפגעקליבן ביי עמעצן אַנדערש אין שטוב און מען האָט אַרומגעשטעלט אַן אַהיימגעקומענעם סאָלדאַט, וואָס האָט געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן.

יעדן אינדערפרי האָבן שכנים איינע די אַנדערע איבערגעגעבן פרישע נייעס:

— איר האָט געהערט? זייטשוקס זון איז די נאַכט אַהיימגעקומען מיט נאָך געפאַנגענע פון רוסלאַנד.

— טאַנאַך פון הינטערן באַרג איז גאָר צוריקגעקומען רייטנדיק. ער האָט ערגעץ צוגעלאַטכנט אַ פערד.

— איר וואָלט באַדאַרפט זען ווי פראַיקע דער יוטשעכעס האָט זיך אויסגעפּאַשעט אין די זעלנער. ער איז דאָך אַהיימגעקומען אַן אויס־

געפוצטער אין הענטשקעס, נאָר ווי אַ פּריץ. ער האָט זיי אַפילו אין שטוב נישט געוואָלט אויסטאָן. ווען ער האָט זיך אָבער געלייגט שלאָפן האָט די מאַמע זיינע אויסגעפונען, אַז ס׳פעלן אים פיר פינגער פון דער לינקער האַנט.

— אַזאַ אומגליק! ער האָט אָבער נאָך גוט אָפּגעשניטן.

— ביי יעוודאָכאַן האָט זיך די נאַכט אָפּגעטאָן חושך. איר מאַן איז אַהיימגעקומען און ער האָט זי נאָר געוואָלט דערהרגענען פאַר דעם ממזר, וואָס זי האָט געהאַט פון די רוסישע זעלנער. זי האָט אין מיטן נאַכט געמוזט אַנטלויפן פון דער שטוב.

— אַ מצוה אויף איר. אַזאַ אויסגעלאַסענע! זי איך דאָך נאָכגעלאָפן יעדן מאָסקאָל.

מען האָט ביי די סאָלדאַטן זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן אויף בערן און ערשט אין מיטן ווינטער האָבן זיך דערטראָגן אַ פּאָר ידיעות וועגן אים. דעם ערשטן גרוס האָט געבראַכט אַן אַהיימגעקומענער סאָלדאַט.

עס איז געווען אין אַ פאַרשנייטן און פראָסטיקן פאַרנאַכט. לייב, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג זיך אָנגעפרוירן אין דרויסן ביי דער אַרבעט, איז געזעסן ביי דער הרובע און געדרעמלט. חיים משה האָט אַן אומרואיקער אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטוב ביז עס איז פינצטער געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט אויפן באַנק־בעטל מיטן פּנים צו די בלינדע שויבן, וואָס האָבן זיך אָנגעצויגן מיט פראָסט. אסתר איז געשטאַנען אַ פאַרטאַיעטעביים אויוון און אַריבערגעקוקט צו די פענצטער. זי האָט געטראַכט וועגן בערן און אים ווי געזען ערגעץ אויף פאַרשנייטע וועגן. ער האָט ווי אַ שוואַרץ פּינטעלע אויף אַן אויסגעשפּרייטער ווייסער דעק זיך געוויזן פאַר איר און עס איז איר פאַרגעקומען, אַז ער קומט אַלץ נעענטער און נעענטער. זי האָט איינגעהאַלטן איר אָטעם און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט סקריפּנדיקע טריט אויפן געפרוירענעם שניי, אַז עמעצער זוכט די קליאַמקע אויף דער אַנדערער זייט טיר. אַן אומהיימלעך שווייגן האָט אַלעמען אַרומגענומען. די פינצטערניש איז געקראָכן פון אַלע ווינקעלעך, אָבער מען האָט ווי פאַרגעסן אָנצוצינדן דעם לאָמפּ.

לייב האָט דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שווייגן. ער האָט זיך אויסגעגענעצט, מיט אַ שטיל קול גענומען דאַוונען מנחה און מעריב און אָנגעריבן אַ שוועבעלע.

— ס׳גלעזל פון לאָמפּ איז אינגאַנצן פאַררויכערט. מ׳דאַרף אויך אָפּשנייצן דעם קנויט — האָט ער מיט די רייד ווי אויפגעוועקט אסתרן און זי האָט זיך גענומען פּאָרען ביים לאָמפּ.

באַלד האָט די טיר זיך געעפנט און וועווקע מיט בנימינען האָבן מיט אַ געדיכטער פּאָרע אַריינגעבראַכט אין שטוב אַ גויאישן זעלנער אין אַן אַלטן רוסישן שינעל און אין אַ פאַרשמאַלצן סאָלדאַטסקע היטל. דער סאָלדאַט, וואָס איז געווען פון אַ שכניש דאָרף, איז געגאַנגען אַהיים

פון רוסישער געפאַנגענשאַפט און ער האָט אויפן וועג זיך אָפּגעשטעלט ביי מעשל אברהם אָליניקס אין שענק. וועווקע, וואָס איז דאָרט געווען מיט בנימינען האָט זיך צערעדט מיט דעם סאָלדאַט און ער האָט דער־ציילט, אַז ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געזען בערן אין רוסישער געפאַנגענשאַפט. ווי נאָר וועווקע מיט בנימינען האָבן דאָס דערהערט האָבן זיי דעם סאָלדאַט באַלד פאַרנומען מיט זיך און אים געבראַכט צו־פירן אין שטוב אַריין.

— אַ גרוס וועגן בערן! — האָט וועווקע אויסגערופן ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר.

— וואו איז ער? — איז אסתר צוגעלאָפן צום סאָלדאַט.

— ווער ווייסט וואו ער איז איצט — האָט דער זעלנער געענט־פערט. — ער איז געווען צווישן די געפאַנגענע. מען האָט זיי געטריבן אין טיף־רוסלאַנד. כ׳האָב אים געזען נאָר פון דערווייטנס, ווייל מען האָט מיך צו אים נישט צוגעלאָזט, אָבער כ׳האָב אים באַלד דערקענט. אָנ־הייב מלחמה, ווען מען האָט אונדז איינגערופן, זיינען מיר געווען אין איין אָפּטיילונג. — דער זכרון האָט דעם סאָלדאַט נישט געדינט און ער האָט נישט געדענקט ווען און אין וועלכער רוסישער שטאָט ער האָט געזען בערן צווישן די געפאַנגענע.

מען האָט אויף דער ידיעה ווייניק וואָס געקאָנט בויען, אָבער אסתר און ס׳גאַנצע הויזגעזינט זיינען פון דעם גרוס אַביסל באַלעבט געוואָרן. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז אָבער אַן אַנדערער זעלנער געקומען און דער־ציילט, אַז בער איז געפאַלן אין אַ שלאַכט ביי האַליטש.

דערנאָך האָט מען וועגן בערן מער גאָרנישט געהערט.

* * *

די זעלנער זיינען זיך צעלאָפן אַהיים, אָבער נאָך איידער זיי האָבן איינגאַנצן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די מונדירן און זיך רעכט אויסגערוט, האָבן זיך אָנגעהויבן נייע מלחמות.

די עסטרייכישע מלוכה איז זיך צעפאַלן אין קליינע לענדער און די פעלקערשאַפטן פון די ניי־אויפגעקומענע מלוכות האָבן זיך גענומען אַרומשלאָגן ביים איינשטעלן זייערע גרענעצן.

אין מזרח־גאַליציע איז אויפגעקומען אַן אוקראַאינישע מלוכה. שקצים מיט ביקסן, אָנגעבונדענע אויף שטריקלעך, האָבן זיך מושטירט, גע־זונגען „שטשע נע אומערלאַ אוקראַאינאַ״ (אוקראַאינע איז נאָך נישט גע־שטאָרבן) און געבאַלעבאַטעוועט אין שטעט און אין דערפער.

פּאָר די גויים, וואָס די מייסטע פון זיי האָבן נישט געקאָנט שרייבן און לייענען, איז שווער געווען צו באַנעמען די גאַנצע זאַך. וויפיל דער גלח האָט זונטיק אין קלויסטער צו זיי נישט גערעדט און זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי זיינען איצט מיט לייטן גלייך, אַז זיי האָבן אַן אייגן לאַנד, האָבן זיי זיך נית געוואָלט גלויבן, אַז עס וועט טאָקע מער

נישט זיין קיין קייזער. זיי האָבן זיך געקראַצט אין זייערע לאַנגע טשופּרינעס און פאַרחידושטע געהאַלטן אין איין קוקן אויפן אוקראַאינישן שילד, וואָס מען האָט אָנגעקלאַפּט איבער דער טיר פון דעם געמיינדע־הויז, אויפן אָרט וואו עס איז פריער געהאַנגען דער עסטרייכישער אָד־לער.

— כ׳האָב מורא ס׳וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. מ׳דאַרף האָבן גרויסע קעפּ אויף צו פירן אַ לאַנד און מ׳דאַרף זיך קאָנען אונטערשרייבן.

— און אויב עס איז יאָ אונדזער לאַנד, איז פאַרוואָס־זשע טיילט מען נישט קיין ערד? — האָבן זיי צווישן זיך גערעדט.

די דאָרפישע יידן איז שווער געווען זיך צוצוגעוואוינען צו דער נייער ממשלה. זיי האָבן מיט זיפצן דערמאָנט דעם אַלטן קייזער פראַנץ יאָזעף און צווישן זיך גערעדט, אַז די אַמאָליקע גוטע צייטן וועלן שוין נישט צוריקקומען.

— ס׳איז אַך און ווי ווער ס׳געוועלטיקט דאָ איבער אונדז. איוואַן זלאָדיע, וואָס האָט געפּאַשעט אונדזערע בהמות און געגנבעט אייער פון קורניק גייט אַרום מיט דער ביקס אויפן אַקסל און מ׳דאַרף אים אָנטקעגן טראָגן דעם „גוט מאָרגן״.

— ווי זיי בלאָזן זיך דאָס ווען מ׳קומט אַריין אין געמיינדע־הויז. איך האָב זיי אָבער דאָרט געזאָגט, אַז „ניע דאַי באָזשע איז איוואַנאַ נאַ פּאַנאַ״ (זאָל גאָט היטן אַז פון איוואַנען זאָל ווערן אַ פּריץ). די איינציקע טרייסט איז, וואָס זיי וועלן זיך לאַנג נישט האַלטן, די נייע פּאָלשטשינע וועט זיי איינשלינגען.

— ס׳איז איין שוואַרץ יאָר. ווער עס זאָל שוין דאָ נישט באַלע־באַטעווען וועט נישט טויגן — האָבן די יידן זיך געשראָקן, אַז מען זאָל זיי נאָך נישט פאַרטרייבן פון דאָרף.

די אַהיימגעקומענע יידישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אויסגעווען אַ וועלט, זיינען צוריקגעקומען מיט אַן אומרו אין זייערע גלידער און עס איז זיי שוין שווער געווען זיך צוריק איינצולעבן אין דאָרף. די יונגע־לייט האָבן, ווי פאַר דער מלחמה אין די אויפדערנעכט, זיך צונויפגע־קליבן ביי נאָטען און מען האָט גערעדט, אַז מען וועט דאַרפן אַוועק פון דאָרף. נאָטע, וואָס האָט וויניקער פון אַלע דאָרפישע יידן געליטן פון דער מלחמה, האָט ווי שטענדיק געטענהט, אַז מען דאַרף זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין. ער האָט געמאַכט דעם חשבון, אַז מען וועט פאַר די שטיבער מיטן פעלד קאָנען באַקומען אַ סך דאָלאַרן פון די גויים, וואָס וועלן אָנהייבן אַהיימקומען פון קאַנאַדע, און ער האָט אפילו די עלטערע לייט צוגעגעבן חשק צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

— ווען כ׳זאָל כאַטש אַ העלפט קאָנען איינמאָנען פון דעם פאַר־מעגן, וואָס כ׳האָב צעבאָרגט און צעליען די גויים, וואָלט איך געווען דער ערשטער. כ׳וועל אָבער אם ירצה השם אַזוי אויך פאָרן — האָט נאָטע פאַרזיכערט, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט ער איבערלאָזן זיינע עלטערע

טעכטער, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט דאָרפישע מענער און שוין געהאַט קינדער. ער וועט נעמען רויזען און זייער מיזינקע בוזיע און אוועקפאָרן.

— זאָל נאָר די וועלט ווערן אַן אָפּענע און זאָלן די גויאישע קאָנאַדניקעס אַנהייבן אַהיימקומען.

— זאָלן נאָר אָנהויבן קומען בריוו פון אַמעריקע.

— אין שטאָט רעדן יונגעלייט וועגן פאָרן קיין ארץ ישראל. מ׳זאָגט, אַז ס׳וועט איצט דאָרט ווערן אַ יידיש לאַנד.

— איצט איז טאַקע די צייט. אויב די ליאַכעס, די פּאָליאַקן און די איוואַנעס, די אוקראַינער האָבן אייגענע לענדער, מעגן מיר אויך האָבן.

— אויב פאָרן, וואָלטן מיר, די דאָרפישע, וואָס קאָנען האַלטן אַן אַקער אין די הענט, באַדאַרפט זיין צווישן די ערשטע. דאָ וועט דאָך איצט יעדער כאָם איבער אונדז געוועלטיקן.

— מ׳עט זיך דאָ האַלטן אין איין אַרומשלאָגן און מיר וועלן אַלעמאָל זיין דאָס כפּרה־הינדל, — האָבן די אַהיימגעקומענע יידישע יונגעלייט צווישן זיך גערעדט און מיט זייער אומרו ווי אַנגעשטעקט אויך די עלטערע יידן.

— זייטס נאָך נישט געזונט. דערווייל פאָרט מען נישט אין ערגעץ — האָט לייב אַ בייזער געברומט ווען ער האָט געהערט די אַלע רייד.

— אַזוי ווי עס איז געוועזן פאַר דער מלחמה, וועט שוין נישט זיין — איז אויך חיים משה אַרויס מיט לשון און געגעבן דעם טאַטן אָנצוהערן, אַז עס וואָלט גוט געוועזן ווען מען זאָל קאָנען אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע.

— דו פאָרסט שוין אויך? אין אַ מזלדיקער שעה. און ווי וועט זיין, אַז יאַנקל מיט בלומעלען וועלן אַהיימקומען? זיי האָבן פאַר דער מלחמה אַ סך מאָל געשריבן, אַז זיי בענקען אַהיים און אַז זיי האָפן צוריקצוקומען — איז לייב געוואָרן אַן אויפגערודערטער ווען ער האָט דערהערט, אַז חיים משהן ציט שוין אויך אין דער וועלט אַריין. — דערווייל איז נישטאָ וואוהין צו פאָרן און ריפּעט אייך נישט — האָט ער גערעדט הויך, אַזוי אַז וועוקע מיט בנימינען זאָלן אויך הערן, אַז ער האָט גאָר נישט בדעה זיך אַרויסצורירן פון דאָרף.

וועוקע מיט בנימינען, וואָס זיינען שוין ביידע געווען גרויסע בחורים, זיינען אויך ווי אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם אומרו און זיך אויך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַוועקצופאָרן פון דער היים. זיי האָבן זיך ביידע געהאַלטן נאָענט לעבן מאיר מעשלס, וואָס האָט דאָס לעצטע יאָר פון דער מלחמה געדינט ביים עסטרייכישן מיליטער און איז געווען פון די ערשטע אַהיימצוקומען. דער צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקער מאיר איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה געווען אַ סטודענט פון זיבעטן קלאַס גימנאַזיע, און זיין טאַטע מעשל דער שענקער האָט געהאַפט, אַז ער וועט אויס־

שטודירן אויף דאָקטאָר. ווען מאיר איז אָבער אַהיימגעקומען פון די זעלנער האָט ער באַלד געלאָזט וויסן זיין טאַטן אַז ער וועט ווייטער נישט שטודירן, ווייל ער קלייבט זיך אָוועקצופאָרן קיין ארץ ישראל. נאָך איי־דער מאיר האָט אויסגעטאָן זיינע זעלנערישע הויזן האָט ער ביי נאָטען אין שטוב געגרינדעט א „הערצל פאַראיין" און צונויפגערופן ס׳יידישע יונגוואַרג פון דאָרף. ער האָט מיט די יונגע מיידלעך און ייִנגלעך מוש־טירט ווי מיט סאָלדאַטן, מיט זיי געזונגען ציוניסטישע לידער און פאַר זיי געהאַלטן פייערדיקע רעדעס.

— אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן געוואַרט און געוואַרט, אַז עס זאָל פון הימל זיך אַראָפּלאָזן אַ וואָלקן, וואָס זאָל זיי מיט די שטיבער, מיט די גערטנער, מיט האַק־און־פּאַק איבערטראָגן קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן פאַר דורות געשפּינט דעם חלום און געוואַרט אויף דעם גרויסן נס. שוין גענוג געוואַרט און געחלומט. קיין ניסים וועלן נישט געשען — האָט מאיר אין דעם פאַריין געוועקט ס׳יונגוואַרג צו זיין גרייט זיך צו פאַרשרייבן אויף צו פאָרן קיין ארץ־ישראל ווי נאָר עס וועט אַביסל רו־איקער ווערן אויף דער וועלט.

די יידישע מיידלעך און ייִנגלעך האָבן מיט מויל און אויערן אים אויסגעהערט. מער פון אַלע זיינען אָבער פון זיינע רייד פאַרכאַפּט גע־וואָרן לייבס מיזיניק בנימין און נאָטעס ייִנגסטע טאָכטער בוזיע. די צוויי געשוועסטער־קינדער, וואָס האָבן פון קליינווייז־אויף זיך געהאַלטן אינאיינעם, זיינען געווען אין פופצנטן יאָר אָבער זיי זיינען שוין געווען גרויסע און זיך אויך געפירט ווי דערוואַקסענע. מאיר האָט זיי ביידע ווי אויפגערודערט און זיי האָבן, צוזאַמען מיט אים, געוואַרט אויף דער צייט, ווען מען וועט זיך קאָנען פאַרשרייבן אויף צו פאָרן בויען דאָס יידישע לאַנד. זיי האָבן גערעדט וועגן פאַרלאָזן זייער היים מיט דער זיכערקייט פון זעלבסטשטענדיקע מענטשן.

וועוקע האָט אָבער זיין וועג זיך נאָך נישט געהאַט קלאָר אויסגע־לייגט. כאָטש ער איז שוין געווען אין ניינצנטן יאָר האָט ער נאָך אַלץ נישט געוואָלט אויפגעבן זיין חלום וועגן פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט שטודירן. מאיר האָט אָבער אויך אין אים אויפגעוועקט אַ חשק צו פאָרן קיין ארץ ישראל און עס האָט אים אויך געלאָקט קיין אַמעריקע צו יאַנקלען און צו בלומעלען.

— וואָס זאָגסטו נישט דערצו ווי זיי גרייטן זיך אין וועג אַריין? וועסט זען, אַז זיי וועלן אַלע בלייבן ביים רעדן. ווען בער קומט מיר נאָר אַהיים וואָלטן זיי זיך אַלע געמעגט פאָרן — האָט לייב זיך אויס־גערעדט ס׳האַרץ פאַר אסתרן. ער האָט זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט אָן דער האָפנונג, אַז בער לעבט, און געהאַלטן אים אין איין דערמאָנען.

עס איז אָבער פאַרגאַנגען דער ווינטער, די סאָלדאַטן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה, זיינען איינציקווייז אַהיימגעקומען און מען

האָט אין דאָרף ביסלעכווייז זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז בער וועט שוין נישט צוריקקומען.

* * *

די וואַרעמע זון האָט די אויסגערוטע ערד אויפגעריסן פון איר ווינטער־שלאָף און אויף די דאָרפישע הויפן האָט אָנגעהויבן רוישן מיט אַרבעט. לייב האָט ערשט מיטן אָנקומען פון פרילינג דערפילט ווי ליפּשע פעלט אים אויס. ער האָט אויך נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן בערן און אַ טרויער איז אים ווי נאָכגעגאַנגען ווען ער איז אַרויס אויפן הויף זיך נעמען צו דער אַרבעט. ער האָט אַרויסגענומען דעם אַקער, וואָס איז אַ גאַנצן ווינטער געווען פאַרלייגט, און אים גענומען אויסשאַרפן.

די וואַרעמע זון האָט אויך חיים משהן אַרויסגעלאָקט אין דרויסן. ווען ער איז אַרויסגעקומען פון שטוב איז ער מיט אַ פוילקייט אין זיינע גלידער געבליבן שטיין פאַרן אַלטן באַרן־בוים, און אַריבערגעקוקט צו די שוואַלבן, וואָס האָבן אַרומגעפלאַטערט לעבן דער שטאַל. די פייגל האָבן געטראָגן בלאָטע אין זייערע שנאָבלען און, ווי פאַרן קריג, מיט געניטקייט איבערגעבויט זייערע אַלטע נעסטן אונטער די סטריכעס. אַ שווערער פלאָנטער האָט זיך געוועבט אין זיין מוח. ער האָט זיך אַרומ־געקוקט אויפן באַלעבאַטישקייט נאָר ווי אַ פרעמדער און נישט געפילט די פרייד פון זיין ווידער אין דער היים. עס האָט אים עפּעס ווי גע־צויגן צוריק צו די וועגן און שטעגן פון וועלכע ער איז פאַרן ווינטער צוריקגעקומען.

— די ערד איז שוין אינגאַנצן טרוקן. מ׳קאָן זיך שוין נעמען צע־גראָבן דעם גאָרטן — איז לייב צו אים אונטערגעקומען. — כ׳האָב גע־זאָגט אסתרן, אַז מירן מאָרגן אַרויספאָרן אַקערן אויף איר פעלד. פון זייט בער איז אַוועק האָבן דאָך אירע מאָרגעס געפּוסטעוועט. — חיים משה האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דערנאָך גענומען העלפן לייבן צורעכטעווען דעם אַקער מיטן וואָגן.

אויף צומאָרגנס זיינען זיי ביידע פרי אַרויסגעפאָרן אין פעלד אַריין. לייב האָט, ווי פאַר דער מלחמה, געלאָזט חיים משהן פירן דעם אַקער און ער איז געגאַנגען לעבן די פערד. לייב האָט אַ באַלעבאַטער געפּאַכעט מיט דער בייטש אין דער לופטן און פון דער זייט אַריבערגעקוקט צו זיין זון. דער אַקער האָט פון אָנהויב זיך געדרייט אין חיים משהס הייך־געוואָרענע הענט און אַלעמאָל אַרויסגעשפּרונגען פון דער ערד, וואָס איז געווען פאַרלאָזט און פאַרוואָקסן מיט ווילדן פּירעי. חיים משה האָט אָבער ביסלעכווייז זיך ווידער צוגעוואוינט צו דעם אַקער און ער האָט פון דער פאַרוואָקסענער ערד גענומען שניידן גלייכע סקיבעס, וואָס האָבן מיט אַ קרעכצן זיך אויסגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ.

— זעסט כאָטש ווי דער פּירעי האָט זיך איינגעסטריגעוועט אין

דער ערד. מ׳עט דארפן דאָ געגוג אַרבעטן מיט די באַרינעס — האָט לייב ווי געוועקט חיים משהן פון זיין שווייגן.

— קיין גרויס גערעטעניש קאָן דאָ נישט זיין דאָס יאָר — איז חיים משה געווען קאַרג אויף רייד.

— בער איז נישט געווען, דו ביסט נישט געווען און די פערד האָט מען ביי מיר צוגענומען — האָט לייב זיך ווי פאַרענטפערט פאַרוואָס ער האָט אַזוי פאַרלאָזט אסתרס פעלד און אויפסניי גענומען דערציילן וועגן די מלחמה־יאָרן.

גויאישע פויערים האָבן זיך באַוויזן אויף די שכנישע פעלדער און פון דערווייטנס אַריבערגערופן צו לייבן און צו חיים משהן.

— גאָט העלף אייך! אייער שנורס ערד האָט שוין גענוג גערוט. טאָקע שוין צייט, אַז מען זאָל זי צעאַקערן און פאַרזייען.

— אויף בערן וועט זיך דאָס פעלד שוין נישט דערוואַרטן.

— עס וואָלט גוט געווען דאָס יאָר צו פאַרזייען גערשטן, אָדער הרעטשקע. דאָס פעלד דאַרף בלייבן אין דער פאַמיליע. אַ שאָד, אַז עס זאָל פאַרפרעמדט ווערן.

די גויאישע רייד האָבן ווי אַ ברי געטאָן חיים משהן. זיי האָבן אויך שטאַרק צעטומלט לייבן, וואָס האָט קיינמאָל צו זיך נישט געוואָלט צו־לאָזן דעם געדאַנק, אַז בער וועט שוין נישט אַהיימקומען. נישט לייב און נישט חיים משה האָבן עפּעס אָפּגעענטפערט די פויערים און זיי האָבן דערנאָך אויך צווישן זיך שוין ווייניק וואָס גערעדט.

ווען די זון האָט שוין געהאַט צעוואַרעמט דעם טאָג האָט אסתר גע־בראַכט צוטראָגן וואַרעמעס. לייב מיט חיים משהן האָבן זיך אַוועק־געזעצט אויף דער ערד עסן און אסתר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן זיי וואַרטן אויף די טעפּלעך. זי האָט געקוקט אויף דער פריש־צעאַקערטער ערד און אירע אויגן זיינען ווי אָנגעגאָסן געוואָרן מיט דער ליכטיקייט פון דעם טאָג. איר פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט און זי איז געוואָרן באַ־רעדעוודיק. זי האָט דערציילט, אַז מאיר מעשלס האָט געבראַכט צו זיי צוויי יידישע סטודענטן פון שטאָט, וואָס גרייטן זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און זיי ווילן אין דאָרף זיך צולערנען ווי צו פירן אַ לאַנד־ווירט־שאַפט. בנימין האָט זיי געוויזן די שטאַל, די סטאָדאָלע, די קוואָטשקעס אויף די אייער, און דערנאָך האָט ער מיט די סטודענטן גענומען צעגראָבן דעם גאָרטן. זי האָט צוגעהאָלפן און דערווייל געמאַכט אַ פּאָר בייטן אויף צו פאַרזעצן ציבעלעס מיט קנאָבל.

לייב מיט חיים משהן האָבן מיט אַפּעטיט געגעסן דעם וואַרעמעס, געווישט די טראָפּנס שוויס פון זייערע שטערנס און פאַרטראַכטע זיך צוגעהערט צו אסתרס רייד. זיי האָבן געלאָזט פאַלן בלויז געציילטע ווערטער. ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן און אסתר האָט מיט די אויסגעליידיקטע טעפּלעך זיך געלאָזט גיין אַהיים האָט חיים משה פון דער זייט איר נאָכגעקוקט. אַזאַ ליכטיקייט אין אירע אויגן האָט ער

נישט געהאַט געזען פון זייט ער איז אַהיימגעקומען, און אַזאַ מונטערן קלאַנג אין איר קול האָט ער אַ גאַנצן ווינטער נישט געהאַט געהערט. עס איז אים עפּעס ווי פאַרגעקומען, אַז זי האָט איבערגעלאָזט דעם וואַרעמן אָטעם און דעם מונטערן קלאַנג פון אירע רייד אויף דער פריש־צעאַקערטער ערד.

נאָך אסתרס אַהיימגיין, ווען טאַטע און זון האָבן זיך ווידער גענומען צום אַקערן, איז לייבן גאָר געקומען אויפן זינען די מעשה פון חומש וועגן יהודהן מיט זיין שנור תמר. ער איז געגאַנגען הינטער די פערד אַ פאַרזונקענער אין שווייגן און געטראַכט וועגן דער מעשה ווי דאָס וואָלט געווען אַ געשעעניש, וואָס איז זיך פאַרלאָפן ערגעץ אין אַ שכנישן דאָרף.

לייב האָט איצט תמרן געזען אין אסתרס געשטאַלט און ער האָט זי שטאַרק באַדויערט, וואָס זי איז אין אירע יונגע יאָרן נעבעך צוויי מאָל געבליבן אַן אלמנה. ער האָט געטראַכט, אַז עס איז פון איר געווען אַ פיינקייט, וואָס זי האָט נאָכן טויט פון איר ערשטן מאַן ער (עיר), וואָס האָט זי איבערגעלאָזט אָן אַ קינד, חתונה געהאַט מיט זיין יינגערן ברודער אונן (אוינאַן). תמרס צוגעבונדנקייט צו יהודהס שטאַם, ווען זי איז צום צווייטן מאָל געבליבן אַן אלמנה אָן קינדער, איר ווילִיקייט צו וואַרטן ביז זי וועט קאָנען חתונה־האָבן מיט יהודהס יינגסטן זון שלה (שיילאַה), האָט לייבן שטאַרק גערירט. עס האָט אים ווי געטאָן ס׳האַרץ אויף דער יונגער אלמנה, וואָס איז געבליבן זיצן ביי זיך אין דער היים אַן איינזאַמע און אַ פאַרטרויערטע. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַר־וואָס יהודה האָט דערנאָך געהאַט ס׳געגנאַר פון זיין געטרייער שנור, וואָס האָט דורכאויס געוואָלט אויפשטעלן אַ דור פון זיין שטאַם, און פאַרוואָס ער האָט איר נישט געגעבן דעם דריטן זון פאַר אַ מאַן ווי ער האָט צוגעזאָגט. עס האָט זיך אים נישט געלייגט אויפן שכל, אַז יעקבס אַ זון זאָל אַזוי האַנדלען. ער האָט ממש געגאַפט פון תמרס איינפאַל, פון דעם שפּיצל, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן איר שווער, ווען זי האָט אַ פאַרשלייערטע און אַ פאַרשטעלטע אים פאַרנאַרט צו זיך און פון אים אַליין טראַגעדיק געוואָרן.

לייב האָט דערנאָך זיך גענומען גריבלען וועגן דעם דין פון חליצה. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס דער דין איז אַזוי איבער־געאַנדערשט געוואָרן, אַז אַן אלמנה זאָל נישט טאָרן חתונה האָבן מיט אַ ברודער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. עס איז אים שווער געווען צו באַנעמען דעם ענין און ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט דאַרפן וועגן דעם איבעררעדן מיטן שוחט.

חיים משה מיט לייבן האָבן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געאַקערט אסתרס פעלד. דערנאָך איז חיים משה אַליין אַרויסגעפאָרן בראַנעווען און אסתר איז אַ פּאָר מאָל אַרויסגעקומען אים צוהעלפן.

— הײדאַ, הײדאַ! — האָט חיים משה געפאָכעט מיט דער בייטש

איבער די פערד און זיין געזונט קול איז ווי אויפגעלעבטער געוואָרן, ווען אסתר האָט זיך באַוויזן. די פערד זיינען געוואָרן רירעוודיקער און אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן פון די באַרינעס, וואָס האָבן מיט זייערע פאַרשפּיצטע אייזערנע ציינער ווי אַרויסגעקעמט די ווייס־גרויע לאַנגע פעדים פּירעי פון דער פאַרוואַקסענער ערד. נאָכדעם ווי דער פּירעי האָט אַביסל צוגעטרוקנט, האָבן חיים משה מיט אסתרן אים צונויפגעטראָגן אויף קופּעס און אים אונטערגעצונדן.

אסתר האָט געאַרבעט מיט חשק און די וואַרעמע זון האָט געלייטערט און געברוינט איר פּנים. — היידאַ, היידאַ! — האָבן אַלעמאָל די ווער־טער זיך ווי אַריינגעגאָסן אין אירע אויערן מיטן קלאַנג פון בערס קול. עס איז איר ווי פאַרגעקומען אַז עס איז ערשט נאָך איר חתונה און אַז זי איז דאָ אין פעלד מיט בערן און נישט מיט זיין ברודער. אַלעמאָל ווען זי האָט דערהערט חיים משהס קול, האָט זי אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ אין זיין זייט און ווי מיט פאַרוואונדערונג אים אָנגעקוקט.

אין דעם טאָג ווען מען האָט פאַרזייט די צעאַקערטע ערד, האָבן חיים משה מיט אסתרן געאַרבעט אין פעלד ביז אין דער נאָכט אַריין. זיי האָבן מיט די פערד פאַרבראָנעוועט די זאָמען, געהאַלטן אין איין באַרייניקן ס'פעלד פון די ווילדע גראָזן און אויך פון די שטיינדלעך. ביידע האָבן געאַרבעט מיט אַזאַ פלייס, אַז זיי האָבן גאָר נישט געזען ווי די נאָכט איז צוגעפאַלן צו דער שוואַרצער ערד.

ערשט ווען עס איז שוין געווען גוט טונקל האָט חיים משה אָוועק־געשטעלט די פערד ביים וואָגן, אַז זיי זאָלן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און נעמען עטלעכע ביס היי פאַרן אַהיימפאָרן. ער און אסתר האָבן אויסגעטרונקען ס'לעצטע ביסל וואָסער פון דעם ערדענעם קריגל און מידע זיך אָנגעג־שפּאַרט אָן וואָגן. זיי האָבן שווייגנדיקע געקוקט אויף דער פאַרזייטער שוואַרצער ערד און אויף די אַרומיקע פעלדער, וואו מען האָט שוין נישט געזען קיין מענטשן.

— דאָס פעלד זעט איצט אויס ווי פאַר דער מלחמה — האָט אסתר אַרויסגעמורמלט. חיים משה האָט דערפילט איר וואַרעמען אָטעם אויף זיין פּנים און עס איז אים געוואָרן אומהיימלעך. ער האָט אַ שווייגנדיקער איר צוגעוואָרפן אַ בליק און דערנאָך זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פעלדוועג. ער האָט אין דער טונקל דאָרט דערזען אַ הויכן מענטשן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל אַריין. חיים משהן איז איצט מיטאָמאָל איינגעפאַלן, אַז זיין ברודער בער קאָן אַמאָל אַזוי אומגעריכט אָנקומען פון די פעלדער. ער האָט דערנאָך גיך איינגעשפּאַנט די פערד און זיי זיינען ביידע אַהיימגעפאָרן.

מען האָט אין דער היים אָפּגעגעסן וועטשערע, מען איז אונטער־געזעסן אַביסל אויף דער פּריזבע און דערנאָך זיינען אַלע אַוועק צו די געלעגערס. אסתר האָט אָבער אַזוי גיך נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. „היידאַ! היידאַ!" — האָט חיים משהס געזונט קול זיך ווי צעקלונגען

אין אירע אויערן און זי האָט אים פאַר זיך ווי געזען אין בערס גע־שטאַלט. זי האָט יענע נאַכט דערפילט ווי אַלע באַגערן צו איר מאַן, וואָס האָבן אין די מלחמה־יאָרן געדרימלט אין איר לייב, זיינען מיטאַמאָל גע־וואָרן וואָך. עפּעס ווי אַ פייערדיקער שטראָם איז דורכגעגאַנגען איר לייב און זי האָט אַ פאַר בושה, אַ פאַר שרעק, באַהאַלטן איר פּנים אין קישן. שוין האַלב אין שלומער זיינען פאַר איר אויפגעגאַנגען די רייד פון אַ יונגער גויאישער שכנטע, וואָס איר מאַן איז אויך געווען אין מלחמה: „איך ווייס נישט ווי אַזוי דו קאָנסט אַזוי פיל יאָרן זיין אָן אַ מאַן. איך האָב לאַנג נישט געקאָנט אויסהאַלטן, און ווען די רוסישע סאָל־דאַטן זיינען געקומען האָב איך אַפילו פאַר די הייליקע בילדער אויף די ווענט זיך אויפגעהערט שעמען". — ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן אַרום איר געראַשט די ווערטער, וואָס זי האָט זיי בייטאָג אויפגעכאַפּט אין פעלד: „חיים משה האָט צעאַקערט איר פעלד און איצט דאַרף ער זי אויך נעמען. זי וועט שוין אויף איר מאַן זיך נישט דערוואַרטן".

אויך חיים משה, וואָס האָט יענע נאַכט צום ערשטן מאָל זיך אויס־געבעט זיין געלעגער אין דרויסן אונטערן פּאַדאַשעק, איז אַזוי גיך נישט איינגעשלאָפן. ער האָט געקוקט פאַר זיך אין דער לויטערער בלויקייט און פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין מוח. עס זיינען פאַר אים אויפגעגאַנגען דערמאָנונגען פון די קינדער־יאָרן, ווען ער האָט זיך דאָ אויפן הויף אַרומגעשפּילט מיט אסתרן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי די קינדער אין חדר האָבן דעמאָלט זי אויסגעפּאָרט מיט אים און נישט מיט בערן; ווי זי פלעגט אים נאָר ווילן אָננעמען ביי דער האַנט, ווען זיי זיינען געגאַנגען אויפן וועג און ווי ער האָט זי אָפּגע־שטופּט, ווייל ער האָט זיך געשעמט. עס איז ווי פון צווישן די שטערן אַרויסגעשוואומען זיין ברודער בערס געשטאַלט און זיינע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן.

ער איז אין דער שטילקייט פון דער נאַכט מיט זיינע געדאַנקען אַוועק צוריק צו די שלאַכט־פעלדער און ער איז ווידער געווען אין די שוץ־גריבער. אין אַזעלכע פרילינגדיקע נעכט האָט ער פון די גריבער אַרויס־געקוקט צו דעמזעלבן הימל, וואָס איז ווי איצט געווען אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן. עס האָבן זיך פאַר אים ווי געוויזן די אויסגעשמירטע צע־שראָקענע פּנימער פון זיינע קאַמעראַדן, וואָס ער איז מיט זיי, זייט ביי זייט, ביינאַכט געגאַנגען אויף שטורם מיט בלאַנקענדיקע באַיאָנעטן. ער האָט געזען ווי זיי פאַלן לעבן אים פאַרגאָסענע מיט בלוט און ער האָט געהערט ווי זייער געיאָמער, זייער קרעכצן ווערט מיטאַמאָל איבערגעהאַקט פון טויט.

— ס'עט שוין נישט זיין אַזוי ווי עס איז געווען. כ'על אַוועק פון דאַנען. כ'על גיין אין דער וועלט אַריין — האָט חיים משה אין דער שטיל געברומט. ער האָט אַן אומרואיקער זיך לאַנג געדרייט אויפן גע־לעגער און ערשט הינטער טאָג איינגעשלאָפן.

קאַפּיטל פינף־און־דרייסיק

אסתר האָט אין דעם פרילינג ווען איר פעלד איז ווידער געווען צעאַקערט און פאַרזייט ווי אויפסניי אויפגעלעבט. די איינזאַמקייט האָט אין די זוניקע טעג פון איר אָפּגעטראָטן און דער טרויער פון איר פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט. זי האָט דורך שמאָלע שפּעלטלעך פון אירע אויגן געזען איר שוואָגער חיים משה אין דער געשטאַלט פון איר מאַן און ווען זי איז מיט אים איבערגעבליבן אַליין האָט איבער איר ווי געהאנגען די מורא פאַר זינד. אַ וואַרעמע היימלעכקייט האָט זי אָבער אַרומגענומען, ווען ער איז געווען מיט איר אין שטוב, ווען ער איז מיט איר געפאָרן אין פעלד אַריין און ווען זי האָט אים געזען זיך אַרומדרייען אויפן הויף.

ווען די תבואה האָט שוין אָנגעהויבן אויפגיין אויף אסתרס פעלד איז זי איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, קיינער זאָל נישט וויסן, אַוועק צו אַ גויאישער קאָרטן־וואָרפערקע אַז זי זאָל איר זאָגן צי בער לעבט נאָך. די אַלטע גויע האָט איבער איר עפּעס געפּרעפּלט, איר אַריינגעקוקט אין פּנים, נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל פאַר איר אויסגעלייגט די קאָרטן און עס איז כסדר אַרויסגעקומען די שוואַרצע קאָרט פון טויט.

אין דאָרף האָט מען שוין נישט געוואָרט אויף בערס אַהיימקומען און די גויים האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס אסתר האָט נישט חתונה מיט חיים משהן.

פּלוצלונג האָט בער זיך באַוויזן. אין שפּעטן זומער איז ער אומגעריכט אין אַ פאַרנאַכט ווי פון יענער וועלט צוריקגעקומען. אַן אָנגעטוענער אין אַן אַלטן ראָק, אין אַ רוסישן קאַשקעט מיט אַ גלאַנצעדיקן דאַשעק און מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, האָט ער מיט מידע טריט דורכגעשפּאַנט ס'דאָרף און קיינער האָט אים נישט דערקענט. ערשט ווען ער איז שוין געווען נישט ווייט פון זיין היים האָט דבורה די פּירזאָגערין, וואָס איז געגאַנגען פון לייבן, אים דערזען. כאָטש דבורה איז שוין געווען זייער אַלט, זיינען אָבער אירע אויגן נאָך געווען לויטער און זי האָט אים באַלד דערקענט. זי האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים, זיך אַ וואַקלגעטאָן אויף צוריק, ווי זי וואָלט דערזען אַ נישט־גוטן, און זיך צעשריגן ווי נישט מיט איר קול:

— גרויסער שטאַרקער גאָט! געוואַלט, וועמען זעען מיינע אויגן? בער, דו ביסט עס?

— יאָ, מומע דבורה — האָט בער אַ הייזעריקלעכער מיט אַ פאַרענדערטער שטימע אַרויסגעשטאַמלט און געשמייכלט.

— דו ביסט עס טאַקע? געוואַלד געשריגן! לאָמיך שוין לויפן אָנזאָגן די בשורה. באַשערט מיר אויף דער עלטער זיך צו פאַרדינען אַזאַ גרויסע מצווה. לייב! קום אַרויס! זע ווער ס'איז דאָ! שכנים, וואו זענט איר?

קומטס אַרויס און זעטס וואָס פאַר אַ גרויסן גאָט מיר האָבן! — האָט די אַלטע דבורה זיך צעלאָזט און מיט דריבנע טריט געלאָפן צוריק צו לייבס שטוב.

לייב מיט וועוקען און מיט בנימינען זיינען באַלד אַרויס צום וועג. חיים משה איז נישט געווען אין דער היים און אסתר האָט געאַרבעט ערגעץ אין גאָרטן. שכנים האָבן גענומען לויפן פון אַלע זייטן און איינער האָט דעם אַנדערן געלאָזט וויסן, אַז בער איר אַהיימגעקומען. לייבן איז עס פאַרגעקומען נאָר ווי אַ חלום. ער איז צוגעלאָפן צו זיין זון, וואָס ער האָט שוין פינף יאָר נישט געהאָט געזען, אים אַרומגעכאַפּט און אים גאָר־נישט געוואָלט אָפּלאָזן. ער האָט געהאַלטן בערן פעסט ביי די אַקסלען און קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן.

עמעצער איז אַוועק רופן אסתרן און זי איז אין איין אָטעם געקומען צולויפן. נאָענט לעבן בערן איז איר טראָט געוואָרן לאַנגזאַמער. זי האָט אים עפּעס ווי נישט דערקענט און זי האָט מיט אירע אויגן זיך ווי איינגעגעסן אין זיין פּנים, וואָס האָט זיך אין די פינף יאָר שטאַרק פאַר־ענדערט.

ווי נאָר בער האָט זי דערזען האָט ער ווי אין פאַרשטיקטן געוויין מיט אַ פרעמד הייזעריקלעך קול אויסגערופן איר נאָמען, אַראָפּגעלאָזט זיין זעקל אויף דער ערד און ער איז מיט שווערע טריט איר געגאַנגען אַנט־קעגן. זיי האָבן דערנאָך שוויגנדיקע זיך אַרומגענומען און זיך צעקושט. ווען זיי האָבן זיך אַרומגענומען איז בערן אַראָפּגעפאַלן דער קאַשקעט און ווען ער איז געבליבן שטיין אין הוילן קאָפּ האָט מען ערשט רעכט געקאָנט זען ווי שטאַרק ער האָט זיך פאַרענדערט. זיין קאָפּ, וואָס איז ווי גרעסער געוואָרן, איז כמעט אינגאַנצן געווען נאַקעט. פון זיינע גע־דיכטע שוואַרצע האָר איז אים געבליבן נישט מער ווי אַביסל מאָך אין די זייטן און אַרום דעם האַלדז־און־נאַקן. איבערן רעכטן אויג, נאָענט צו דער שלייף צו, האָט ער געהאָט אַ טיפן שראַם פון אַ וואונד, וואָס האָט אינגאַנצן צעקרימט זיין שטערן. זיין פּנים איז ווי ברייטער און לויזער געוואָרן און אויף זיינע געקנייטשטע באַקן האָבן זיך געוויזן קרענקלעכע רויטע פלעקן.

אַן אומהיימלעך שוויגן האָט אַלעמען אַרומגענומען. מען האָט מיט פאַרוואונדערטע און טרויעריקע בליקן באַטראַכט דעם אומגעריכטן גאַסט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שאָטן פון דעם בער, וועלכער איז מיט פינף יאָר צוריק אַוועק אין דער מלחמה אַ יונג אַ גיבור.

— מ׳דאַרף לויבן און דאַנקען דעם, וואָס איבער אונדז. ווער האָט זיך דען שוין אויף אים געריכט? ער איז דאָך ווי אַ געפונענער — האָט דבורה די פירזאָגערין זיך ווידער געלאָזט הערן.

לייב האָט אויף דער מומע דבורהס רייד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אַרויפגעקוקט צום הימל און עפּעס אין דער שטיל געמורמלט.

באַלד האָבן אויך די שכנים באַקומען לשון:

— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, אַבי ער איז דאָ.

— מ׳עט אים איצט דאַרפן אַביסל צופּילעווען.

— איר׳ט זען, אַז ער׳ט זיך אָנעסן און אויסשלאָפן וועט ער זיין גאָר אַן אַנדערער מענטש.

— אַזעלכע פינף לאַנגע יאָר. מיטן מויל זאָגט זיך עס לייכט אָפּ!

איינער פון די שכנים האָט בערן גענומען אויספרעגן וואו ער איז געווען די אַלע יאָרן און פאַרוואָס עס האָט אים אַזוי לאַנג גענומען אַהיימצוקומען.

— עס איז געווען אַזאַ לאַנגער וועג! כ׳בין געווען אין עק וועלט און כ׳בין געגאַנגען און געגאַנגען — האָט בער געפּינטלט מיט זיינע מידע און וואַסערדיקע אויגן און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, עפּעס ווי ער וואָלט זיך נישט געגלויבט, אַז ער איז טאַקע שוין אין דער היים. ער האָט דערנאָך אין אָפּגעריסענע ווערטער דערציילט, אַז ער איז נאָך אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה, אַ שווער־פאַרוואונדעטער מיט עטלעכע קוילן אין זיין לייב, אַריינגעפאַלן אין רוסישער געפאַנגענשאַפט. די עסטרייכער האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ ריקצוג און ער איז געבליבן ליגן אויפן שלאַכטפעלד מער טויט ווי לעבעדיק. ווען ער איז צו זיך געקומען האָט מען אים געזאָגט, אַז ער איז אין אַ לאַזאַרעט ביי די רוסן. מען האָט אים דערנאָך גענומען אַרומפירן פון איין שפּיטאָל צום צווייטן. ער איז עטלעכע מאָל געגאַנגען אונטערן מעסער און מען האָט אים געהאַלטן אין איין איינגעבן שלאָף־געטראַנק. אַ לאַנגע צייט איז ער געלעגן איינגעוויקלט אין באַנדאַזשן און זיך אַפילו נישט געקאָנט קיין ריר טאָן. ווען ער איז ענדלעך אַרויסגעקומען פון שפּיטאָל האָט מען אים, מיט נאָך געפאַנגענע, פאַרשיקט אין טיף־רוסלאַנד. דאָרט האָבן זיך אָבער ביי אים ווידער אָפּגערופן זיינע וואונדן און ער האָט ווידער געדאַרפט ליגן אין שפּיטאָל און דורכמאַכן אָפּעראַציעס. ערשט דעם פרילינג איז ער אַביסל צו זיך געקומען און ער האָט זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אַהיים.

אסתר, וואָס איז געווען ווי אין הינערפּלעט, האָט אויפגעהויבן בערס זעקל פון דער ערד און אים אָנגענומען ביי אַן אָרבל. זי אין איין זייט און לייב אין דער אַנדערער זייט, האָבן אים דערנאָך אַוועקגעפירט אין שטוב אַריין. בער האָט אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס וועלן דערמאָנען.

— כ׳האָב געהאַט פאַרגעסן דער מאַמעס יאָרצייט, אָבער דאָס יאָר האָב איך שוין געדענקט. ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אַז די מאַמע טראָגט מיך אַרויס פון שפּיטאָל און לייגט מיך אַוועק אונטערן באַרן־בוים אויף אַן איבערבעט — האָט ער ווי פאַר זיך גערעדט. מיטאַמאָל האָט ער דערזען, אַז עס איז נישטאָ קיין סימן פון דעם געהילץ, וואָס ער האָט פאַרן אַוועקגיין אין מלחמה געהאַט אָפּגעלייגט אויף צו בויען זיין הויז און ער האָט מיט אַ פרעגנדיקן בליק אָנגעקוקט דעם טאַטן.

— די רוסישע זעלנער האָבן אַלצדינג אויסגעהייצט. זאָלסט דיך

אָבער גאָרנישט זאָרגן. ס'עט זיין אַנדער געהילץ און מירן בלי־נדר אויפבויען אַ שיין הויז — האָט לייב מיט גוטע רייד אים אַביסל אויפ־געהייטערט.

* * *

בער איז נאָך זיין אַהיימקומען עטלעכע וואָכן געלעגן אין בעט און אַלע אין שטוב האָבן אים אָפּגעהיט ווי אַ קינד. לייב מיט זיינע זין האָבן מיט געטריישאַפט זיך געדרייט אַרום זיין בעט און צוגעזען, אַז עס זאָל אים גאָרנישט פעלן. עס איז נישט געווען דער טאָג, אַז זיינע שוועסטער נעכע מיט כייקען זאָלן נישט זיין ביי אים. אויך איז גיטל, וואָס האָט געוואוינט גאַנץ ווייט פון יאַנאָוויץ, אַלעמאָל געקומען צופאָרן. חיים משה איז צו בערן געוואָרן אַזוי צוגעבונדן ווי אין דער צייט ווען זיי זיינען ביידע אינאיינעם געגאַנגען אין חדר. ער האָט עטלעכע מאָל צו אים געבראַכט דעם רופא, געלאָפן אין שטאָט אַריין נאָך רעצעפּטן און אים געטראָגן אויף די הענט, ווען מען האָט געדאַרפט איבערבעטן זיין געלעגער. מער פון אַלעמען איז אָבער אסתר געווען איבערגעגעבן צו בערן. זי האָט געוואַשן זיין לייב, זי האָט אים געקעכלט און זי האָט טאָג און נאַכט זיך געמיט איינצולעבן מיטן געדאַנק, אַז דער קראַנקער אין בעט איז איר מאַן.

בער איז אין עטלעכע וואָכן אַרום אַראָפּ פון בעט און זיך ווידער געוואָלט נעמען צום באַלעבאַטישקייט. ער האָט זיך געריסן צו פאָרן אין פעלד אַריין, אָבער ער איז נישט געווען ביי די כוחות און מען האָט אים נישט צוגעלאָזט צו קיין אַרבעט.

— דו רו דיך נאָך אויס דערווייל. וועסט נאָך געגוג זיך אָנפאָרן אין פעלד אַריין.

— מירן ס'פעלד דעם אָסיען אַליין צעאַקערן. און דו כאַפּ דיך נאָך נישט צו — האָבן אַלע אין הויז אים פאַרהיט און פאַרשויגט.

פאַר ראש־השנה האָט לייב געגומען בערן אין שטאָט אַריין און ער האָט אים דאָרט באַקליידט אויף יום־טוב פון קאָפּ ביז פיס. אַזוי ווי די רוסן האָבן אין דער מלחמה צוגערויבט אסתרס אויסשטייער, האָט לייב אויך פאַר איר איינגעקויפט נייע קליידער

מען האָט בערן מיט אסתרן, פונקט ווי נאָך זייער חתונה, אָפּ־געגעבן דאָס קליינע שטיבל און זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט. מען האָט דאָס שטיבל אויסגעווייסט און אויסגעפּוצט ווי דעמאָלט ווען בער האָט אסתרן אַראָפּגעבראַכט אין דאָרף אַריין.

עס איז בערן ליב געווען צו זען אסתרן לעבן זיך און צו פילן איר געטריישאַפט. עס האָבן זיך אָבער אין אים מער נישט געוועקט קיין באַגערן נאָך איר יונגן אויסגעהונגערטן לייב

ווען זיי זיינען ביינאַכט איבערגעבליבן אַליין איז דאָס שטיבל ווי פול געוואָרן מיט דערמאָנונגען פון מיט פינף יאָר צוריק. בער האָט

פאַרן שלאָפן־גיין אַ טרויעריקער אַריבערגעקוקט צו אסתרן און שטום אָן ווערטער צו איר געדעדט וועגן יענער גרויסער פרייד, וואָס איז נאָך זייער חתונה פאַר זיי אויפגעגאַנגען דאָ אין דעם שטיבל. דערנאָך האָט ער אַ מידער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין געלעגער און איז באַלד מיט אַ קרענקלעך אָטעמען פאַרפאַלן אין שלאָף.

אסתר איז נעכט גאַנצע געבליבן וואַך. זי איז געלעגן מיטן פּנים צו דער סטעליע, זיך צוגעהערט צו בערס שווערן אָטעמען און נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן יענעם פריילינג ווען זי איז געוואָרן זיין ווייב. עס זיינען צו איר צוריקגעקומען יענע ערשטע נעכט נאָך זייער חתונה און איר לייב איז ווי אָנגעצונדן געוואָרן מיט גלוסטונג. זי האָט פאַר זיך געזען בערן אַ געזונטן, אַ געשטרעקטן, מיט אַ געדיכטן שוואַרצן קאָפּ האָר. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט זיינע באָרוועסע שטילע טריט און אַז ער קומט אַלץ נעענטער צו איר געלעגער. עס איז איר פאַרגעקומען, אַז ער וועט באַלד אַ שעמעוודיקער צוקומען צו איר בעט. זי וועט זען דעם גלאַנץ פון זיינע גוטע אויגן און פילן זיין הייסן אָטעם אויף איר פּנים. זי וועט אַרומנעמען זיין וואַרעמען האַלדז מיט אירע נאַקעטע אָרעמס, ער וועט צופאַלן צו איר און זי וועט נעמען מיט אַזאַ גבורה, אַז זי וועט קוים קאָנען כאַפּן דעם אָטעם.

נישט איינמאָל האָט בער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און מיט אַ קרענקלעך הוסטן פאַרטריבן פון איר די אַלע דערמאָנונגען. איינמאָל איז זי אין מיטן נאַכט, ווען בער האָט זיך צעהוסט, אַראָפּ פון איר געלעגער. זי האָט געקילט אירע הייסע פיס אויפן ערדענעם דיל און צוגעגאַנגען צו זיין בעט. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע און זי האָט געקאָנט זען זיין צעקרימט פּנים און זיין גלאַנצנדיקן שאַרבן.

— ביסט נאָך נישט געשלאָפן? צי האָב איך דיך אפשר אויפגע־וועקט? — האָט ער זי געפרעגט.

— די נעכט זיינען שוין גרעסער און מ׳שלאָפט גענוג — האָט זי געענטפערט. בער האָט זיך אויסגעגענעצט און זי געבעטן, אַז זי זאָל אים דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער. זי האָט אים צוגעבראַכט די קוואָרט מיט וואַסער און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעטרונקען האָט זי זיך צו־געזעצט אויפן ראַנד פון זיין בעט.

— ביסט שענער געוואָרן אין די יאָרן, וואָס כ׳האָב דיך נישט געזען — האָט ער אַרויסגעמורמלט און אַ שעמעוודיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. ס׳האַרץ האָט ביי אסתרן אַ ציטער געטאָן. עס איז געווען בערס אַמאָליקער שמייכל און זי האָט אים אין דער טונקל ווי צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן דערקענען.

— האָסט עס מיר ביז איצט נישט געזאָגט — האָט זי אים אָנ־געכאַפּט ביי אַ האַנט, זיך נעענטער צו אים צוגעבויגן און אים אַריינ־געקוקט אין פּנים. עס האָט אויף איר אַ ווייע געטאָן זיין קאַלטער אָטעם און אַ ריח פון שוויס. דער שמייכל פון זיין פּנים איז באַלד פאַרשוואונדן;

זיין האַנט, וואָס זי האָט אָנגענומען, איז ווי אָן לעבן געבליבן ליגן אַ לויזע, אַ שלאַבערדיקע און זיינע אויגן האָבן מידע זיך ביסלעכווייז פאַר־צויגן.

אסתר האָט דערפילט אַ שטאַרק רחמנות צו בערן. זי האָט צו אים גענומען רעדן וועגן דעם גערעטעניש אויף איר פעלד, וועגן דער נייער שטוב, וואָס זיי וועלן בויען און זיך געמיט אים אַביסל אויפצוהייטערן. בער האָט אַ שווייגנדיקער זי אויסגעהערט. ווען זי האָט געזען, אַז ער האַלט ווידער ביים איינשלאָפן האָט זי מיט אַ טיכל אָוועקגעווישט דעם שוויס פון זיין פנים און אויך אַ פּאָר טרערן, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון זיינע פאַרמאַכטע אויגן. דערנאָך האָט זי זיך צוריק אומגעקערט צו איר געלעגער.

* * *

אין אָסיען, נאָך בערס אַהיימקומען, האָט מען אָנגעהויבן חיים משהן רעדן שידוכים. יידן פון יאַנאָוויץ און פון די אַרומיקע דערפער, וואָס זייערע טעכטער זיינען זיך צעוואַקסן אין די מלחמה־יאָרן, האָבן אונ־טערגעשיקט שדכנים צו לייבן און זיי האָבן אָנגעגעבן אין נדן אי פעלד, אי געלט.

טעמע בונעמס, וואָס האָט געהאַט אַזש דריי מיידן חתונה צו מאַכן, האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף קיין שדכנים. עס איז איר געגאַנגען אין לעבן צו האָבן חיים משהן פאַר אַן איידעם, און זי איז אַלעמאָל מיט אַן אַנדערן אויסרייד געקומען צו לייבן. פון וואָס מען האָט נישט גע־רעדט האָט זי שטענדיק דערמאָנט אירע טעכטער און געגעבן אָנצו־הערן, אַז יעדע איינע פון זיי האָט מער נדן ווי זי האָט געהאַט ווען מען האָט איר גערעדט סענדערן פאַר אַ חתן.

— הערסט, לייב, ס'איז אַ באַשערטע זאַך. מירן מוזן ווערן מחותנים. דיין חיים משה קאָן זיך ביי מיר אויסביטן וואָס ער וויל און ער קאָן אַפילו נעמען די יינגסטע פון די דריי — האָט טעמע גערעדט אויג אויף אויג מיט לייבן. זי האָט געהאַלטן אין איין לויבן אירע טעכטער, וואָס זיינען אַלע דריי געוועזן צעוואַקסן אין דער ברייט און געהאַט פולע רויטע פּנימער און גראָבע ליפּן ווי די מאַמע. זי האָט אויך ביי יעדער איינער פון זיי אַראָפּגעכאַפּט אַביסל יאָרן.

לייב האָט געהאַלטן חשבון פון די מיידנס יאָרן. ער האָט געוואוסט, אַז די עלטסטע איז שוין אַריבער די דרייסיק און אַז די יינגסטע איז מיט אַ יאָר עלטער פון חיים משהן. אַזוי ווי ער האָט אָבער זייער געוואָלט זיך משדך זיין מיט דער איינגעפונדעוועטער משפחה, האָט אים דאָס ווייניק וואָס געאַרט.

— אַזעלכע פעלדער ווי בונעמס קינדער האָבן איז צום זוכן. טעמע דערציילט מיר, אַז זיי האָבן דאָס יאָר אַראָפּגענומען פופצן שאָק ווייץ פון אַ מאָרג. איי, ווי די יאָרן זיינען דאָס אַוועק! אָט ערשט האָט מען

דאָך טעמען גערעדט דעם פעטער סענדער ווען ער איז אַהיימגעקומען פון אַמעריקע, און איצט האָט זי שוין אַליין דריי געזונטע כלה־מיידן. זיי זיינען נישט פון די גאָר שיינע, אָבער אַרבעטן קאָנען זיי און נדן איז דאָ גענוג. טעמע וויל כאָטש דריי איידעמס אַזעלכע ווי דו — האָט לייב גענומען אַריינרעדן אין חיים משהן, אַז ס׳איז שוין צייט פאַר אים צו קלערן וועגן תכלית. ער האָט געזען, אַז ווען עס וועט מיט בנימינען זיינען עפּעס נאָר ווי האַלב־שטאָטיש און ער האָט אַלץ געהאָפּט אַז בער מיט חיים משהן וועלן איבערנעמען די נחלה און דעם זיידנס היי־פעל־דער. ער האָט געהאָפּט, אַז בער וועט איבערן ווינטער איינגאַנצן צו זיך קומען, אַז ער וועט אויסבויען אַ נייע הויז אויפן גאָרטן ביים וועג און חיים משה וועט חתונה האָבן און איבערנעמען די ירושה־שטוב.

— אויף וואָס וואַרט ער, אייער חיים משה? ס׳איז קיין עין־הרע אַ גערעטעניש אויף כלה־מיידן און ער קוקט גאָר ווי פייגל פליען.

— איר הערט, לייב, כ׳האָב פאַר אייער בנ׳אָק עפּעס אַזױנס און אַזעלכס. כ׳זאָג אייך מ׳עט אים אָפּגילטן! — איז אַלעמאָל עמעצער אַנדערש געקומען אָנשלאָגן אַ שידוך. חיים משה האָט זיך אָבער אַפילו נישט אומגעקוקט אויף די אַלע כלות, וואָס מען האָט אים גערעדט און ווי מיט אַ האַלב מויל געענטפערט, אַז ער האָט נאָך צייט חתונה צו האָבן. כאָטש ער האָט מיט געטריישאַפט זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט אויפן באַלעבאַטישקייט און אַלעמאָל געזוכט צו פאַרשוינען בערן און אויך דעם טאַטן, האָט ער זיך אָבער געהאַלטן אין דערהיים ווי אויף דערווייל.

יענעם אָסיען האָט מען אויך לייבן אָנגעהויבן געבן אָנצוהערן, אַז ער אַליין וואָלט באַדאַרפט חתונה האָבן.

— וואָס־זשע, איר ווילט שוין פון איצט אָן אָנהייבן זיצן אין אַלקער ביים אויוון און וואַרטן ביז די שנור וועט אייך צוטראָגן ס׳שיסעלע טייג־לעך מיט פּאַסאָליעס?

— איר זענט נאָך קיין עין־הרע אַ ייד ביי די כוחות. אַזאַ אַלמן ווי איר קאָן זיך היינטיקע צייטן נאָך פאַרגינען צו נעמען אַפילו אַ מויד. איר דאַרפט נאָר איין פּיפּס טאָן וועט איר שוין זען.

עס איז שוין געווען מער ווי אַ יאָר נאָך ליפּשעס טויט און דער געדאַנק אַז ער וואָלט באַדאַרפט חתונה האָבן צום דריטן מאָל, האָט אים גענומען קריכן אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך אָבער ווי געשעמט פאַר זיינע דערוואַקסענע קינדער און ער האָט זיך נישט געלאָזט רעדן.

— מ׳זאָגט, אַז ס׳ערשטע ווייב איז פון גאָט, ס׳צווייטע פון לייט און ס׳דריטע פון רוח — האָט ער געהאַט גרייט דעם ענטפער פאַר די, וואָס האָבן צו אים גערעדט וועגן חתונה האָבן. ער האָט דערביי טרויעריק געשמייכלט און מיט זיפצן דערמאָנט אי ריוען, אי ליפּשען.

ווען ער איז אין די פאַרנאַכטן געשטאַנען ביים טויער און ווען ער

איז שבת בייטאָג נאָכן עסן געבליבן אַליין זיצן אויף דער פּריזבע, האָט ער דערפילט זיין איינזאַמקייט. ער האָט זיך ווי פאַרשפּילט מיט דער־מאָנונגען פון אַמאָל און מיט ציילן און רעכענען זיינע יאָרן און די יאָרן פון זיינע קינדער און אייניקלעך. ער האָט זיך ווי נישט געגלויבט אַז ער האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט די זעכציק און אַז נאָר פון זיינע דריי טעכטער נעכע, בייקע און גיטל האָט ער שוין צען אייניקלעך.

לייב האָט אויך נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן זיינע קינדער און וועגן זיינע אייניקלעך אין אַמעריקע. ווען די ערשטע צוויי יאַנאָוויצער גויים, וואָס זיינען יאָרן־לאַנג געווען אין קאַנאַדע, זיינען אומגעריכט אַהיימגעקומען מיט אַ סך געלט און באַלד גענומען אויפקויפן פעלדער, איז לייב ווי באַלעבט געוואָרן. עס האָט זיך אים געוועקט די האָ־פענונג, אַז יאַנקל מיט בלומעלען וועלן מיט זייערע משפחות און מיט זייערע אָפּגעשפּאָרטע פאַרמעגנס אויך אַהיימקומען.

דאָרפס־יידן האָבן גערעדט וועגן פאַרקויפן די שטיבער מיט די גערט־נער און זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין, אָבער לייב האָט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן אַהיימקומען פון אַמעריקע און אַז ער זאָל זיך מיט זיי נאָך מער איינפונדעווען אין דאָרף.

גויאישע ווייבער, וואָס האָבן געוואָרט, אַז זייערע מאַנען זאָלן אַהיימ־קומען פון קאַנאַדע, האָבן אָנגעהויבן אַרומצושמעקן, וועלכע יידן עס קלייבן זיך אַרויסצופאָרן פון דאָרף און ווער פון זיי עס האָלט ביים פאַרקויפן זיין באַלעבאַטישקייט. זיי האָבן באַצייטנס זיך נאָכגעפרעגט אויפן פּרייז פון אַ מאָרג פעלד און פון אַ שטיקל גאָרטן. דער ערשטער צו וועמען זיי זיינען פאַרגאַנגען איז געווען נאָטע, וואָס איז כלומרשט שטענדיק געווען גרייט צו פאַרקויפן זיינע פעלדער, און זיי האָבן זיך באַצייטנס מיט אים גענומען דינגען. זיי האָבן אָפּגעשלאָגן די טירן ביי די יידן, וואָס האָבן גערעדט וועגן פאָרן קיין אַמעריקע און זיי האָבן אויך פון לייבן געוואָלט אויסגעפינען צי האָט ער נישט בדעה אָוועקצופאָרן צו יאַנקלען מיט בלומעלען.

— ווען די קאַנאַדניקעס וועלן אַהיימקומען וועט מען פאַר אַ מאָרג ביים ווייסן שטיין געבן אַ סך געלט. זיי וועלן צאָלן מיט דאָלאַרן — האָט מען אים געגעבן אָנצוהערן, אַז מען וועט אים פאַר זיינע מאָרגעס אָפּ־גילטן ווען ער וועט האַלטן ביים פאַרקויפן.

— ס'עט אויף אַלצדינג ווערן אַ יקרות — האָט לייב זיך ווי נישט־וויסנדיק געמאַכט. אַנשטאָט זיי צו ענטפערן האָט ער גאָר גענומען רעדן וועגן פאָרן אין וואַלד אַריין נאָך געהילץ און וועגן שטעלן זיך בויען בערס הויז.

— ווען ס'זאָל אַביסל שטיל ווערן אויף דער וועלט וואָלט מען אפשר זומער זיך שוין געקאָנט נעמען בויען — האָט ער גערעדט הויך, אַז אַלע אין שטוב זאָלן הערן.

— מירן צוערשט זען וואָס מ׳עט שרייבן פון אַמעריקע — האָט חיים משה זיך אָנגערופן און אַלע, אַפּילו בער, וואָס האָט זיך קוים אַרומגע־שלעפּט אויף די פיס, האָבן ווי נאָכגעזאָגט זיינע רייד.

קאַפּיטל זעקס־און־דרייסיק

די רוטענער האָבן זיך שטאַרק געגרויסט מיט זייער אוקראַינע, וואָס איז אויפגעקומען אין גאַליציע און די אַרעמערע צווישן זיי האָבן זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער צייט ווען מען וועט טיילן ערד אומזיסט.

די נייע אוקראַינע האָט זיך אָבער לאַנג נישט געהאַלטן. עס איז שווער געווען צו באַפעסטיקן די גרעניץ פון דער נייער מלוכה און איינ־צושטעלן אָרדנונג. די אוקראַינער האָבן אויך צווישן זיך נישט געקאָנט אויסקומען און זיך געהאַלטן אין איין אַרומשלאָגן. דערצו זיינען באַ־וואָפנטע באַנדעס אַלעמאָל אָנגעפאַלן אויף שטעט און דערפער.

פּלוצלינג זיינען פּעטליורעס האָרדעס, וואָס האָבן אין רוסיש־אוקראַינע פאַרגאָסן טייכן יידיש בלוט, אַריבער אויף דער גאַליצישער זייט. זיי זיינען געקומען מיט דער ווילדער לוסט צו מאָרדן און צו רויבן און אָנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף די יידן. די פּעטליורעצעס האָבן פאַר־כאַפּט גאַליצישע שטעט און דערפער און אויך פאַרנומען יאַנאָוויץ. זיי זיינען געווען נאָך ערגער פון די קאָזאַקן און זיי האָבן אין דאָרף אויס־געפּלינדערט אַ סך יידישע שטיבער.

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און די פּוילישע אַרמייען האָבן זיך אַ שפּאַר־געטאָן צו דעם מזרח־גאַליצישן ווינקל, וואָס זיי האָבן גע־וואָלט אַריינגעמען אין די גרעניצן פון זייער אויפגעקומענער פּוילישער מלוכה. ווי נאָר די פּאָליאַקן זיינען אַריין אין דאָרף האָבן זיי אויף די דרויסענדיקע ווענט פון דעם געמיינדע־הויז אויסגעקלעפּט פּלאַקאָטן און געלאָזט וויסן דעם וואָיט מיט דער „ראָדע״, אַז פון איצט אָן וועלן זיי זיין די הערשער. מיטאַמאָל האָבן אָבער אויך די פּוילישע סאָלדאַטן גיך גע־נומען אַפּטרעטן פון דאָרף און איידער מען האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט זיינען ערגעץ פון צווישן די בערג אָנגעקומען די באָלשעוויקעס.

די ערשטע באָלשעוויקעס, וואָס זיינען אַריינגעריטן קיין יאַנאָוויץ מיט אַ רויטער פאָן, האָבן גאָרנישט אויסגעזען ווי קיין זעלנער. זיי זיי־נען געווען אָנגעטאָן האַלב־ציוויל און האַלב־מיליטעריש, זייערע ביקסן זיינען געווען אַלט און פון פאַרשיידענער גרויס, אָבער יעדער איינער פון זיי האָט אויף זיין באַראַנאָווע היטל צי אויף זיין קאַשקעט געטראָגן אַ נייעם בלישטשענדיקן שטערן. די באָלשעוויקעס האָבן זיך איינקוואַר־טירט אין פּריצישן הויף און אָנגעהויבן איינשטעלן אַ נייע אָרדנונג. עס

האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זיי זיינען געקומען פאַרטיילן די פּריצישע פעלדער צו די אָרעמע דאָרפסלייט און אַז יעדער אָרעמער פּויער וועט אויך באַקומען אַ קו מיט אַ פערד. דערווייל האָבן זיי אָבער באַלד דעם ערשטן טאָג, וואָס זיי זיינען געקומען קיין יאַנאָוויץ, רעקווי־זירט ביי די רייכערע דאָרפסלייט תבואה, פערד, בהמות און חזירים. זיי האָבן זיך צעפירט די הענט, אָבער די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט אַ נייע אָפענסיווע און זיי צוריק פאַרטריבן קיין רוסלאַנד.

די ממשלות האָבן אויף דער גאַליצישער ערד זיך געהאַלטן אין איין בייטן און עס זיינען דאָרט אַלעמאָל פאָרגעקומען נייע שלאַכטן. מען האָט אין דאָרף זיך געלייגט שלאָפן מיט די פאַראָרדנונגען פון איין הערשאַפט און ווען מען איז אויפגעשטאַנען האָט שוין געוועלטיקט אַ נייע מאַכט.

צולעצט האָבן די פּאָליאַקן פאַרנומען גאַנץ גאַליציע און זיך דאָרט באַפעסטיקט.

ביי די רוטענער האָט זיך געשטאַרקט די שנאה צו די פּאָליאַקן. זיי האָבן אָבער די שנאה באַהאַלטן אין זיך און געוואָרן אונטערטעניק דער פּוילישער מאַכט.

די דאָרפס־יידן זיינען נאָך דער מלחמה נאָך מער פאַראָרעמט גע־וואָרן און די, וואָס האָבן דאָרט מער נישט געהאַט ווי זייערע שטיבלעך און צו שטיקלעך גאָרטן, האָבן שוין מער נישט געקאָנט צו זיך קומען. די פּאָליאַקן האָבן אָפן אַרויסגעוויזן זייער פיינטשאַפט צו די יידן און זיי האָבן גענומען רייסן הויכע שטייערן פאַר יעדן שטיבל, פאַר יעדן פּיצל גאָרטן און פאַר יעדן האַנדל. קוים האָט ווער פון די יידן נישט געקאָנט צאָלן די שטייערן אין צייט איז מען געקומען אים אָפּפענדן און מען האָט ביי אים צוגענומען דאָס בעטגעוואַנט, די לייכטער און אַמאָל אויך די קו.

— פאַרקויפט די שטוב, אויב איר האָט נישט דעם פּאָדאַטעק פאַר דער רעגירונג.

— פאַרמאַכט אייער זשידאָווסקי קראָם, אויב איר קאָנט נישט צאָלן די שטייערן.

— ווער דאַרף אייך דאָ מיט אייערע מסחרים? גייט אייך קיין פּאַלעסטינע. איר זענט איצט נישט ביים קייזער. פאַר נישט נאָכקומען די געזעצן פון דער פּוילישער מאַכט וועט מען אייך פאַרשיקן אין גע־פענגעניש — האָבן די סעקוועסטערס, וואָס זיינען געקומען מאָנען די שטייערן, זיך געבייזערט.

די פּאָליאַקן האָבן ביסלעכווייז איבערגענומען יידישע פּראָפעסיעס און מילן אין די דערפער. זיי האָבן געעפנט געוועלבן, געוואָרן סוחרים און גלייך מיט די רוטענער, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַהיימקומען פון קאַ־נאַדע, ווי געטשעפּעטעוועט אויף אָפּצוקויפן די שטיבער מיט די פעלדער פון די יידן, וועלכע האָבן אייניקווייז אָנגעהויבן פאַרלאָזן ס'דאָרף.

די פּאָליאַקן האָבן אויפן אָרט פון די צעשאָסענע באַן־בריקן אויפ־געבויט נייע. עס האָבן דורך די יאַנאָוויצער פעלדער ווידער אָנגעהויבן לויפן די צוגן אויף די שינעס, וואָס האָבן אין די יאָרן פון דער מלחמה געזשאַווערט, און דאָס יידישע יונגוואַרג האָט אינגאַנצן פאַרלוירן די רו. די דאָרפישע בחורים האָבן דורך פאַרשידענע וועגן געזוכט זיך אַרויס־צורייסן פון זייערע היימען און זייערע טאַטעס און מאַמעס האָבן זיי מער נישט צוריקגעהאַלטן. אויך האָבן עלטערע לייט מיט זייערע פאַ־מיליעס זיך אָנגעהויבן אַרויסרירן פון יאַנאָוויץ און פון דער טאַטאַרשטשינע און עס איז, אין די שבתים און אין די יום־טובים, אין קלויז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ ווייניקער יידן.

די יידישע דאָרפסלייט, וואָס זיינען אָבער געווען איינגעפונדעוועט מיט פעלדער און מיט נחלות, וועלכע זיינען צו זיי איבערגעגאַנגען בירושה פון זייערע טאַטעס און זיידעס, האָבן אַפילו נישט געטראַכט וועגן פאַר־לאָזן ס׳דאָרף.

* * *

די מלחמות און די אומרוען האָבן זיך אָנגעהויבן איינשטילן און די וועלט איז געוואָרן אַן אָפענע. די באַנען האָבן מיט זייער פייפן זיך ווי־דער געלאָזט הערן ביזן דאָרף אַריין און עס האָבן ווידער אָנגעהויבן קומען בריוו פון אַמעריקע.

דער ערשטער אַמעריקאַנער בריוו, וואָס איז נאָך דער מלחמה דער־גאַנגען קיין יאַנאָוויץ, איז געווען פון לייבס קינדער.

ווען די באַנען האָבן ווידער אָנגעהויבן גיין איז לייבן נאָר פאַרגע־קומען, אַז יאַנקל מיט בלומעלן, וואָס ער האָט פון זיי אין די מלחמה־יאָרן גאָרנישט געהאַט געהערט, פאָרן אַהיים און אַז זיי וועלן היינט מאָרגן זיך באַווייזן. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז זיינע קינדער וועלן, ווי די גויאישע קאַנאַדניקעס, אַהיימקומען מיט אַ סך געלט, אַז זיי וועלן קויפן פעלדער און זיך באַזעצן אין דאָרף.

דער בריוו פון יאַנקלען און בלומעלען איז אָנגעקומען אין אַ טאָג, ווען לייב האָט מיט דער הילף פון זיינע זין געדעקט די שטוב מיט אַ נייעם שטרויענעם דאַך.

— פון אַמעריקע! פון אַמעריקע! — האָט דער בריוו־טרעגער נאָך פון דער וויטנס אַראָפּגערופן לייבן פון דאַך און געפּאָכעט אין דער לופטן מיט דעם באַשטעמפּלטן קאָנווערט. וועווקע איז אַרויסגעלאָפן ביז צום טויער. ער האָט איבערגענומען דעם בריוו, אים געעפנט און באַלד אין דרויסן אים געגומען לייענען אויפן קול.

דער בריוו, וואָס איז געווען געשריבן מיט בלומעלעס שיינער האַנט־שריפט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם היימישן נוסח: „וויר טיילן אייך מיט, דאָס וויר זינד גאַטלאָב געזונט, געבע דער הער אין הימל דאָס־זעלבע פון אייך צו פערנעמען, אָמן“. דערנאָך האָבן זיי געשריבן, אַז זיי

האַלטן אין איין איבערקלערן און אין איין זאָרגן וועגן דער פאַמיליע. זיי האָבן אויך געלאָזט וויסן, אַז זיי שיקן אַרויס קליידער און געלט און אַז זיי ווילן די גאַנצע פאַמיליע אַרויסנעמען פון דעם פאַרוויסטן יוראָפּ און זיי ברענגען נאָך אַמעריקע, וואו זיי וועלן אַלע זיין צוזאַמען, צום סוף האָבן זיי אויסגערעכנט גרוסן פאַר יעדן איינעם פון זיי און אויך פון דעם פעטער סענדער.

— זיי וויסן דאָרט וואָס עס האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן.

— זיי וויסן אַלצדינג. אַ סימן, אַז זיי שרייבן מער נישט וועגן אַהיימקומען. זיי וועלן אונדז אַלע אַריבערנעמען צו זיך — זיינען חיים משה מיט וועווקען באַלעבאַט געוואָרן.

— געלויבט דער אויבערשטער, אַבי זיי זיינען געזונט — האָט לייב אָפּגעזיפצט. עס האָט זיך אים ווי נישט געוואָלט גלויבן, אַז זיי האָבן גאָרנישט דערמאָנט וועגן אַהיימקומען. ער האָט דערפאַר דערנאָך איבערגענומען דעם בריוו פון וועווקעס הענט און אים אין דער שטיל נאָכאַמאָל איבערגעלייענט.

עטלעכע טעג שפּעטער זיינען אָנגעקומען נאָך בריוו פון יאַנאָוויצער, וואָס זיינען מיט יאָרן צוריק אָוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע אויף דערוויל. אַלע האָבן געשריבן אַז זיי וועלן שיקן שיפסקאַרטן און אַז מען זאָל זיך גרייטן אין וועג אַריין.

צו לייבן זיינען באַלד געקומען נאָך בריוו פון יאַנקלען מיט בלומעלען. זיי האָבן אויך געשיקט פאָטאָגראַפיעס פון זיך מיט די פאַמיליעס, אָנווייזונגען אויף געלט און אויך פּעק געטראָגענע מלבושים אויף צו פאַרטיילן די גאַנצע משפּחה.

ווען מען האָט גענומען אויספּאַקן די קליידער זיינען צו לייבן אין שטוב אַריין זיך צונויפגעקומען זיינע טעכטער מיט זייערע קינדער, יידישע און גויאישע שכנים, און אַלע האָבן געהאַלטן אין איין באַוואונדערן די אַמעריקאַנער זאַכן.

— איי איי, זעטס נאָר זעטס, ס'פאַרכאַפּט דאָך ס'אויג. אַזאַ רייכקייט און אַזאַ שיינקייט!

— נישט אַנדערש נאָר זיי לעבן דאָרט ווי פריצים.

— ס'איז שוין איינמאָל אַ לאַנד! מ'דאַרף נאָר אַ קוק טאָן אויף די זאַכן זעט מען שוין ווי רייך מ'איז דאָרטן.

— נו, וואודען, ס'איז טאַקע פונקט אונדזער סחורה, וואָס טויג אויף תשעה ניינציק כפרות און צעקריכט זיך באַלד ווי פּאָוועטינע.

— איר הערט, לייב, וואויל איז צו דעם וואָס האָט דאָרט קינדער.

— איר'ט ערשט דאָרטן פילן דעם טעם פון לעבן. אָן אייער שאָדן אויף מיר געזאָגט געוואָרן — איז די שטוב פול געוואָרן מיט רייד.

— מירן פאָרן! — האָט חיים משה אָן אומרואיקער אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטוב און ווי צו זיך אַליין גערעדט.

— מיטן מויל זאָגט זיך עס לייכט אָפּ. ס'איז נישט קיין בייגל אויפ־

צועסן. עפעס אַזוי־אַ כאַפּט מען און מען פאַרקויפט אַ שטוב מיט פעלדער און מ׳פאָרט אַוועק פון דער היים — איז לייב פון די אַלע רייד צע־טומלט געוואָרן.

לייבס טעכטער און זיינע אייניקלעך האָבן גענומען קלייבן און אָנמעסטן די אַמעריקאַנער קליידער און דער טומל איז וואָס אַמאָל גרע־סער געוואָרן. די ייִנגלעך האָבן אָנגעמאָסטן די לעפּיש־ברייטע אַמע־ריקאַנער רעקלעך מיט די קיילעכדיקע פּאָלעס, די בּאָרוועסע מיידעלעך האָבן אָנגעשטעקט די שיך מיט די הויכע אָפּצאַסן און אַלע האָבן צע־פּלאַמטע געלאַכט און געשפּאַסט, אַז זיי פאָרן באַלד אָפּ מיטן צוג קיין אַמעריקע.

די אַלע רייד וועגן פאָרן צו יאַנקלען מיט בלומעלן, די אַמעריקאַנער זאַכן, האָבן אסתרן אויך ווי אָנגעשטעקט מיט אַן אומרו. ווען נעכע מיט בייקען האָבן גענומען איבערקוקן די פאַרביקע קליידער האָט זי זיך אויך צוגעשאַרט, און זי האָט מיט אַ האַנט זיך צוגערירט צו אַ זיידענער בלוזע פון ראָזן קאָליר. זי האָט אָנגעמאָסטן אַ פּאָר לאַקירטע שיכלעך מיט הויכע קנאַפּל, אַ העל־בלויען זומער־מאַנטל מיט גרויסע פּערלמוטער־קנעפּ און זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן שפּיגל. עס האָבן אַרום איר ווי געזשומעט די רייד וועגן דעם ווייטן און רייכן לאַנד און זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרקלערטע. זי האָט ווי פאַרגעסן אַן בערן, וואָס האָט זייט אַ פּאָר טעג געהאַט אַ געשווילעכץ אויף די פיס און איז נישט אַראָפּ פון גע־לעגער. זי האָט פאַרגעסן אַן געהילץ, וואָס לייב האָט שוין געהאַט אָנ־געפירט אויף צו בויען זייער שטוב און זיך פאַרגעשטעלט אַז זי פאָרט אַזוי, אַן אויסגעפּוצטע אין די שיכלעך און אין דעם זומער־מאַנטל, קיין אַמעריקע.

* * *

אין דעם זומער פון דעם יאָר ניינצן־הונדערט־צוויי־און־צוואַנציק, — ווען עס איז געוואָרן פערציק יאָר זינט לייב האָט חתונה געהאַט מיט ריווען און זיך באַזעצט אין דעם זיידנס ירושה־שטוב, — איז ער אי־בערגעבליבן איינער אַליין אויפן גאַנצן באַלעבאַטישקייט.

צוערשט זיינען חיים משה מיט וועווקען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. נאָך זיי איז אויך בנימין באַלד אַוועק פון דער היים. עס האָט געהייסן, אַז בנימין פאָרט מיט מאיר מעשלס און מיט בוזיע נאָטעס אויף עטלעכע וואָכן אין אַ חלוצישער קאָלאָניע, וואָס איז געווען ווייט אַוועק פון יאַ־נאָוויץ. זיי זיינען אָבער אַלע דריי שוין מער נישט אַהיימגעקומען, נאָר פון דאָרט אַוועק קיין ארץ־ישראל.

חיים משה מיט וועווקען האָבן אַהיימגעשריבן אַז עס איז זיי גוט אין דעם נייעם לאַנד און זיי האָבן געהאַלטן אין איין צורעדן לייבן, אַז ער זאָל זיך אויך נעמען גרייטן אין וועג אַריין. זיי האָבן אויך געראָטן בערן מיט אסתרן און אַפילו זייערע שוועסטער אַלצדינג אויסצופאַרקויפן

און צו פאָרן קיין אַמעריקע. די בריוו האָבן אָבער לייבן מיט זיינע טעכטער און איידעמס נישט געקאָנט אַוועקרייסן פון זייערע היימען און פון זייערע פעלדער.

אסתר איז געווען די איינציקע אין דער משפחה, וועמען עס האָט געגומען ציען נאָכצופאָרן חיים משהן מיט ווערקען. עטלעכע חדשים נאָכדעם ווי אירע צוויי שוואָגערס זיינען אַוועקגעפאָרן איז אָבער בער ווידער ערנסט קראַנק געוואָרן.

גויים פון יאַנאָוויץ און פון אַרומיקע דערפער, וואָס זיינען אַהיים־געקומען פון קאַנאַדע, האָבן דערווייל געהאַלטן אין איין גיין צו לייבן אויסצוגעפינען צי האָט ער טאַקע בדעה צו פאָרן קיין אַמעריקע און צי וויל ער אפשר פאַרקויפן די שטוב מיטן גאָרטן.

— דערווייל פאַר איך נישט אין ערגעץ און כ'פאַרקויף נישט גאָר־נישט! — האָט ער זיך געבייזערט און געטריבן די קונים פון זיין שוועל. לייב האָט אויך נישט געקאָנט פאַרליידן ווען די יידישע שכנים האָבן אים גענומען צורעדן, אַז ער זאָל אַוועקפאָרן צו זיינע קינדער. ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרציען אַ שמועס וועגן אַמעריקע האָט ער באַלד פאַר זיי גענומען אויסלייגן דעם פּלאַן פון דער נייער שטוב, וואָס ער וועט בויען פאַר בערן, ווען ער וועט געזונט ווערן און זיי אַזוי פאַררעדט.

— און וואָס וועט איר טאָן מיט אייער שטוב? איר'ט דאָך נישט בלייבן וואוינען איינער אַליין.

— עטלעכע קאַנאַדניקעס האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף אייער באַ־לעבאַטישקייט. זיי וואָלטן אייך אָנגעשטאָפּט מיט דאָלאַרן — האָבן די שכנים פון אים געצויגן רייד.

— מ'זאָל מיך אַפילו האַקן און בראָקן וועל איך די ירושה־שטוב מיטן זיידנס היי־פעלדער נישט פאַרקויפן. כל־זמן איך לעב וועט אַ פרעמדער דאָ נישט באַלעבאַטעווען — האָט לייב אַ ברוגזער זיי אָפּ־געענטפערט.

— אויב אַזוי, וועט איר דאָך אַוודאי ווידער חתונה האָבן. אָן אַ באַ־לעבאָסטע קאָן מען קיין באַלעבאַטישקייט נישט פירן.

— ווען איר פאָלגט מיך, נעמט איר אַ יונגע. איר זענט נאָך קיין עין־הרע אַ ייד מיט געזונטע און גלייכע פּלייצעס. די עלטער איז אייך דערווייל נאָך נישט באַפאַלן, כאָטש איר זענט שוין אַריבער די זעכ־ציק — זיינען די שכנים צו אים צוגעשטאַנען מיט רייד.

— לאָמיך צוערשט זען בערן אויף אַ לייט. דערנאָך וועט מען ווייטער שמועסן — האָט לייב עפּעס ווי ניט דעררעדט. איינמאָל האָט ער אָבער ווי נישט־אומיסטן זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר טעמע בונעמס, וועלכע האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט חתונה געמאַכט אירע דריי מיידן, און ער האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט בדעה צו נעמען אַ דריט ווייב, וואָס זאָל אים געבוירן אַ יורש פאַר דעם זיידנס נחלה.

לייב האָט אַלץ געהאָפּט, אַז בער וועט געזונט ווערן. ער האָט מיט

אסתרן אים געפירט צו דאָקטוירים און מען האָט אים געהיילט מיט באַבסקע רפואות. בער איז שוין אָבער צו זיך נישט געקומען. קראַנ־קערהייט האָט ער זיך אַלעמאָל אַראָפּגעריסן פון געלעגער, אַרויס אויפן הויף און זיך געכאַפּט צו עפּעס אַן אַרבעט. ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, אָבער ער איז פון טאָג צו טאָג איינגעגאַנגען.

אין שפּעטן זומער, צוויי יאָר נאָך זיין אַהיימקומען, האָט ער אין אַ זוניקן בייטאָג זיך צוגעזעצט אַפּרוען אין שאָטן פון דעם אַלטן באַרן־בוים און ער האָט ווי איינגעדרימלט. זיינע אויגן האָבן ווי פון מיד־קייט זיך פאַרצויגן און זיך שוין מער נישט געעפנט.

נאָך בערס טויט האָט אסתר זיך נישט געוואָלט האַלטן אין יאַנאָוויץ. נאָך אַנהייב ווינטער האָט זי אָוועקגעשריבן צו חיים משהן און צו וועווקען אַ בריוו און געבעטן אַז מען זאָל איר שיקן פּאַפּירן אויף צו פאָרן קיין אַמעריקע. ווען די פּאַפּירן זיינען אָנגעקומען איז זי מיט לייבן אָוועק צו נאָטען, וואָס האָט נאָך אַלץ געטענהט, אַז עס איז נישט פאַר אים צו בלייבן זיצן אין דאָרף, און ער האָט אָפּגעקויפט אירע פאַר שטיקלעך פעלד. זי האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן לייבן און זי האָט צו אים גע־האַלטן אין איין רעדן, אַז ער זאָל פאָרן מיט איר.

— שוער, וואָס וועט איר דאָ זיצן איינער אַליין? איר האָט דאָך גע־לייענט, וואָס חיים משה שרייבט צו מיר. זיי ווילן, אַז איר זאָלט אויך קומען. כ׳על צוואוואַרטן, וועלן מיר פאָרן אינאיינעם מיטן פּעטער פּסח און מיט דער מומע טריינע — האָט אסתר זיך געבעטן ביי אים.

— וואָס הייסט ביי דיר זיין אַליין? כ׳האָב דען דאָ נישט קיין קינ־דער און קיין אייניקלעך? פאַר געזונטערהייט. האָסט נישט וואָס צו וואַרטן. איכ׳ל מיין וועלט שוין דאָ אָפּפירן — האָט לייב זיך נישט גע־לאָזט איבעררעדן.

אסתר האָט איבערגעווינטערט אַליין אין דעם קליינעם שטיבל, וואו זי האָט פאַרבראַכט מיט בערן עטלעכע וואָכן נאָך זייער חתונה און די לעצטע פאַר יאָר פון זיין לעבן. זי האָט געציילט די טעג און שוין וואָס גיכער געוואָלט אָוועקפאָרן. אַנהייב זומער, ווען בערס קבר איז שוין געווען פאַרוואַקסן מיט גראָזן, האָט זי מיט איר שוער דאָרט געשטעלט אַ מצבה און באַלד נאָך שבועות האָט זי, מיט פּסחן און מיט טריינען, זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין.

אין דעם טאָג, וואָס אסתר איז אָוועקגעפאָרן, זיינען צו לייבן גע־קומען זיינע דריי טעכטער נעכע, כייקע און גיטל. זיי האָבן נישט גע־וואָלט, אַז דער טאַטע זאָל בלייבן איינער אַליין אויפן באַלעבאַטישקייט און נעכע האָט אים צוגערעדט, אַז ער זאָל קומען זיך באַזעצן ביי איר. גיטל, די יינגסטע, וואָס האָט געוואוינט לעבן זאַהאַרער וואַלד, האָט עפּעס דערמאָנט, אַז אַ רייכער גוי פון איר דאָרף מאַכט חתונה אַ טאָכ־טער קיין יאַנאָוויץ און אַז ער וואָלט פאַר לייבס ירושה־שטוב זיכער גע־געבן עטלעכע מאָרג פעלד. די דריי טעכטער האָבן גערעדט האַלב פאַר־

שטעלט און לייב האָט זייערע רייד אויסגעטייטשט, אַז זיי זיינען צו אים געקומען, אַז ער זאָל זיי באַצייטנס אָפּשרייבן די ירושה.

— ס'איז נישטאָ וואָס צו רעדן. כ'על די שטוב גיכער פאַרברענען, איידער לאָזן אַ פרעמדן דאָ באַלעבאַטעווען! — האָט ער זיך ווי געביי־זערט אויף די טעכטער. די יינגערע צוויי האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, אָבער נעכע איז אַזוי גיך נישט אָפּגעטראָטן.

— מיר האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז מיר דאַרפן דיך נישט לאָזן אַליין — האָט נעכע אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי קאָנען קיינס צו אים נישט קומען, ווייל זיי האָבן זייערע אייגענע באַלעבאַטישקייטן.

— איר האָט נישט וואָס צו קומען און איר דאַרפט אייך וועגן מיר נישט זאָרגן — האָט לייב געלאָזט וויסן די טעכטער, אַז ער האָט באַ־צייטנס צוגענומען אויפן יאָר אַ שגץ, וואָס זאָל אים אַרויסהעלפן אין פעלד און אַז ער האָט געדונגען אַ גויאישע שכנטע אויף צו אַרבעטן ביי דער שטוב. ער האָט דערנאָך ווי מיט רוגזה אַרויסבאַגלייט זיינע טעכטער ביז צום טויער און זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט.

פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי לייבס טעכטער זיינען אַוועק, איז טעמע בונעמס צו אים געקומען צוגיין. עס איז שוין געווען טונקל אין דרויסן און די ראָסע האָט שוין גענומען פאַלן אויף די גראָזן, ווען זי איז פּלוצ־לונג אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן. לייב איז דעמאָלט אַרויסגעקומען פון שטוב מיט אַן ערדענעם קרוג וואַסער און זיך געלאָזט גיין צום סאָד אונטערגיסן עטלעכע יונגע אויבסט־ביימלעך, וואָס ער האָט גע־האָט פאַרפלאַנצט אין פרילינג.

— כ'גיי דיך איבער מיט פולן — איז ער געבליבן שטיין אַ גע־שטרעקטער און אַריינגעקוקט טעמען אין פּנים אַריין, עפּעס ווי ער וואָלט וועלן טרעפן צוליב וואָס זי איז געקומען.

— דאָס איז אַ סימן, אַז איכ'ל פועלן — האָט זי אָפּגעענטפערט און סודותדיק געשמייכלט.

— די רוסן האָבן מיר אַ תל געמאַכט פון דעם גאַנצן סאָד, זעץ איך אַלעמאָל אין אַ פּאָר פרישע ביימלעך. וואָס זאָגסטו נישט ווי ס'איז ביי מיר געוואָרן שאַ שטיל, נאָר ווי אין אַ פאַרפרוירענער מיל? כ'האָב מיך נישט גערעכט, אַז ס'וועט זיך אַזוי אויסלאָזן — איז לייב אַזוי רעדנדיק צוגעגאַנגען צו די ביימלעך און זיי אונטערגעגאָסן מיט וואַ־סער.

— כ'האָב טאַקע היינט ערשט גערעדט וועגן דיר מיט מיינע קינ־דער. הערסט, ס'איז נישט פאַר דיר, צו זיצן אַן עלנטער איינער אַליין אין אַ שטוב. דאַרפסט אַריינעמען אַ באַלעבאָסטע. אַזוי איז נישט קיין תכלית, — איז טעמע אים באַכעגאַנגען.

— כ'וויס אַליין נישט — האָט ער זיך אָנגערופן און געצויגן מיט די אַקסלען. ער האָט איצט אין אַ רגע אויסגערעכנט, אַז טעמעס עלטסטע טאָכטער מאַכלע וואָס איז געבוירן געוואָרן אין איין צייט מיט בערן,

איז מיט שטאַרקע דרייסיק יאָר יינגער פון אים. עס האָט אים מיט־אַמאָל אַ שלאָג געטאָן אַ וואַרעמקייט צום פּנים און ער איז ווי צעטומלט געוואָרן.

— מיינע קינדער זאָגן, אַז די יאָרן זענען זיך אויף דיר נישט אָן. כ'האָב ערשט פריער איינע פון זיי געוואָלט צושיקן, אַז זי זאָל דיר אויסמעלקן די בהמות.

— וועלכע האָסטו געוואָלט שיקן? — האָט לייב ווי נישט־אומיסטן זיך אַרויסגעכאַפּט מיט דער פראַגע.

— די עלטסטע. זי האָט געוואָלט צוגיין, אָבער זי האָט זיך געשעמט. וואָס ווייסטו וואָס פאַר אַ באַלעבאָסטע דאָס איז!

טעמע האָט זיך דערנאָך צוגעזעצט מיט לייבן אויף איינעם פון די דעמבעס, וואָס מען האָט געהאַט אָנגעפירט אויף צו בויען בערס שטוב, און זי האָט גענומען אויסלויבן איר עלטסטע טאָכטער מאַכלע.

לייב האָט זיך צוגעהערט און געשוויגן. ער האָט אַ פאַרטראַכטער אַריבערגעקוקט צו די געקייטלטע בערג און עס איז אים פאַרגעקומען, אַז אָט ערשט איז אין אַזאַ לויטערער זומער־נאַכט, אין זאַהאַרער וואַלד, געפראַוועט געוואָרן זיין חתונה מיט ריווען.

— כ'האָב שוין מיט איר גערעדט — האָט טעמע אים ווי געוועקט פון זיינע געדאַנקען. זי איז באַלד אַרויס מיט לשון און אים געלאָזט וויסן, אַז זי וויל אים געבן מאַכלען פאַר אַ ווייב. לייב האָט אַ שמעוודיקער ווי אַ יינגל אַרויסגעשטאַמלט, אַז דער שידוך געפעלט אים און אין אָפּגעריסענע רייד איר געזאָגט, אַז עס וואָלט גוט געווען נאָך פאַר שניט צו שטעלן אַ שטילע חופה.

טעמע איז דערנאָך מיט די גערטנער אַוועק אַהיים און לייב איז נאָך לאַנג געבליבן אין דרויסן. דער געדאַנק, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט דער יונגער מאַכלע האָט אים ווי אָנגעפילט מיט נייער גבורה און ביז שפּעט אין דער נאַכט אים געהאַלטן וואַך. ער האָט אַ באַלעבטער מיט ברייט־צעעפנטע אויגן זיך אַרומגעקוקט אויף זיין באַלעבאַטישקייט און איינגעאָטעמט די אויפגעפרישטע נאַכטיקע ריחות, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען פונעם גאָרטן און פון די היי־פעלדער.

ווערטער פֿאַרטייטש

א

אַבסיאַדען — זיך באַזעצן, זיך איינאָרדענען.

אַווירט — ס׳אַווירט, ס׳שטינקט.

אויסנייקערן — אויסליידיקן, אויסזויגן, אויסנוצן, פֿאַראָרעמען.

אויסטעסען — אויסמייסטרעווען, אויסאַרבעטן עפּעס פֿון האָלץ מיט אַ העקל.

אויסרייען — אויסרייען אַ גרוב, אַרויסשאַרן די ערד, אויסרייען זיך אין דער בלאָטע, זיך אויסשמירן.

אויסקאָרגייען — אויסוואָרצלען.

אויפוואַרטער — אַ רונדע טאַץ אויף אַ הויכן געשטעל פֿאַר געבעקס, אויפֿצונעמען געסט.

איקאָנעס — הייליקע קריסטלעכע בילדער.

אַלטאַנקע — אַ מין שטיבל אין גאָרטן צווישן ביימער, אַרומגענומען מיט צווייגן און בלעטער.

אָנטייען — טייען, האָבן פֿאַרגעניגן, שעפּן נחת.

אַסענטירן — צונעמען פֿאַר אַ זעלנער.

אָקאָלאָט — גרויסער בינט שטרוי.

אָקאָפּעס — שוץ־גריבער, טרענטשעס אין ענגליש.

אָקע — פּונקט אַן אָקע, פּונקט אַן אויג, מיינט אויך אַ געוויכט. אַ מאָס. אָקע איז אויך אַ קאָרטן־שפּיל.

אַראָק — אַ מין אַלקאָהאָלישער געטראַנק.

אַרויסראַטשקען — אַרויסקריכן, אַרויסראַטשקען זיך פֿון אַ קראַנקהייט, געזונט ווערן.

אָרטשיק — אויסגעשניצט שטיק האָלץ פֿון וואָגן, וואָס מען טשעפּעט צו אים צו די שלייע.

אָרשקעדרייניק — אייגער וואָס דראָטעוועט אין צעשפּאָלטענע ערדענע טעפּ.

ב

באָבעניק — אַ געבעקס פֿון אָנגעריבענע רויע קאַרטאָפֿל פֿאַרמישט מיט ווייצן־מעל.

באַבסקי ליטאָ — וואַרעמע טעג אין שפּעטן האַרבסט, אינדיען סאָמער אין ענגליש.

באָדיקעס — ווילדע און שטעכיקע גראָזן.

באָזניק — אַזאַ האָלץ, וואָס איז לייכט אויסצוהוילן, ווערט באַנוצט אויף צו מאַכן פֿייפֿלעך.

באַטיאַר — צעלאָזטער יונג, אייגער וואָס גייט אַראָפּ פֿון גלייכן וועג.

באָיוז — אַ פּחדן, אַ טרוס.

באַלאַנטש — דאָמינאָ אויף צו שפּילן.

באַלאַבעכעס — אַזעלכע קליינע קאָרענע ברויטלעך.

באַלעק — באַלקן, בעליק.

באַנטעס — סידלעס, דרענגלעך אויסגעלייגטע אין דער הייך און קורניק אויף וועלכע די הינער שלאָפֿן.

באַרדע — אַזאַ מין האַק מיט אַ קורץ הענטל.

באָרינעס — אַ געשטעל פֿון אייזערנע און שפּיציכדיקע ציינער צום צערייבן די אויפֿגעאַקערטע ערד.

באַשטע — חורבה, אַלטער, פֿאַרלאָזטער שלאָס.

בוזשיק — בושל, באָטשיאַן, שטאָרך.

בייסטרוק — ממזר.

בעזהאָלאָוויע — אַן אַ קאָפּ, עס איז אויף אים אַ בעזהאָלאָוויע, ווערט גענוצט אין דעם זין, אַז ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן פון וואוילטאָג.
בעשוי — דאָס צונויפפירן אַ בחור מיט אַ מיידל זיך אָנצוקוקן איידער זיי ווערן חתן כלה. אַ זעעכץ.
בראָהע — ברייע, אָפּפאַל פון די קאַרטאָפל, וואָס מען מאַכט פון זיי בראָנפן, בהמות ווערן דערפון פעט.
בראַטקעס — אַזעלכע סאַמעטענע בלימעלעך פון פאַרשידענע קאָלירן.

ג

גאַדראַניעס — פלאַפּלערייען, גלאַט רעדן.
גאַזדעניע — באַלעבאָסטע.
גילעטקע — אַ מאָס פאַר תבואה און קאַרטאָפל, אַרום אַ פערטל פון אַ זאַק, וואָס האַלט אַ קאַרעץ.
גנוי — הנוי, מיסט פון די שטאַלן.
גראַליע — אַ גאָפּל מיט עטלעכע ציינער אויף צו רייניקן די שטאַל.
גרודע — הרודע, אַ שטיק האַרטע ערד.
גרוידזען — גרוידזען אַ פלויט, פלעכטן פון רימלעך.

ד

דומען — זיין פאַרדומעט, פאַרטראַכט אין געדאַנקען, פאַרזונקען אין שווייגן.
דיאַק — גלחס אַרויסהעלפער.
דינגער — קינסטלעך מיסט פעט צו מאַכן די ערד.
דראַבינע — וואָגן־ווענטל.
דעטסאָל — דאָס אַלץ.
דראָנדזשיק — דראָנג, צונאָמען פאַר איינעם, וואָס איז הויך און דין, אַ דאַרער דראָנדזשיק.
דראַב — אַ פאַרדאַרבענער, אַ צעלאָזטער.
דרינדזשען — דער קלאַנג פון אַן ערדענעם טאָפּ, וואָס איז צעשפּאַלטן. ער האָט אַ קול פון אַ דרינדזשענדיקן טאָפּ.
דרעמבע — קליינער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, וואָס מען האַלט צווישן די ציין און מען שפּילט האַרויף, דזשוס האַרפּ אין ענגליש.
דרעפּאַטש — אַלטער אויסגעריבענער בעזעם.

ה

האַלבן-נייעם — האַלבער גרייצער.
האָלאָסעוועען — באַקאַנט מאַכן, מעלדן, אויסרופן אין קלויסטער.
האָמענע — אַן אויפזעער אויף אַ פאָלוואַרק.
האָרדע — באַנדע.
האַרטשען — גוט פאַרברענגען, זיך לאָזן וואוילגיין.
הופנעגעל — נעגל אויף צו קאָווען פערד.
הוצולען — באַרג־פּויערים פון די קאַרפּאַטן.
הישקעס — פעטשאַ, פאַרקילעכץ.
העלער — האַלבער גרייצער.
העסע — לייכטער, וואָס הענגען אויף דער וואַנט.

וו

וואָיט — דער הויפּט פון דאָרף.
וואַיניג — זיס־זויערליכער טעם.
וואַלעשן — קאַסטרירן אַ פערד.
וואַליע — קראָפּ אין ענגליש.
וואַרטאָווניק — היטער.
וואָרעטע — ליילעך, אָדער דעק פון שווערן געוועב.
וואָראַזשען — פאַראויסזאָגן, אַרויסלייענען די צוקונפט פון דער האַנט.
וויאַשקעס — לייצעס אויף צו קירעווען די פערד.
ווידפּוסט — גיין אויפן ווידפּוסט, גיין צום קבר פון אַ הייליקן.
וויניענקע — אַ קליין ביטל אויף צו באָדן אַ קינד.
ווייבערו — ווייב. אויסדרוק אויף צו באַליידיקן.
ווייסע תבואה — ווייץ, קאָרן, גערשטן, האָבער..

ווייִשעט — (ושט) דער קאַנאַל דורך וועלכן ס'עסן גייט דורך אין האַלדז׳ פּיד־פּייפּ אין ענגליש.

ז

זאַהאַטעם — וועגט פון שטרוי׳ פון קוקורוזע אָדער פון היי׳ אַרום די דאַרפישע שטיבער׳ זיי צו באַשיצן פון די קעלטן.

זאַכלעריו — טאַכטער׳ אויסדרוק אויף צו באַליידיקן.

זאַמירען — זיך פאַרמעסטן.

זאַסיע — אַ זאַסיע דיר׳ עס איז ניט דיין זאַך זיך אַריינצומישן.

זאַסיק — קאַסטן אין שפּייכלער וואו מען האַלט תבואה.

זאַקרישקע־באַרשט — באַרשט פאַר־בראַקט מיט די גרינע בלעטלעך פון יונגע בוריקעס.

זעקסערל — אַ מטבע פון צען גריי־צער.

זשאַנדצע — אויפזעער אויף אַ פּאַל־וואַרק.

זשאַרנע — אַ האַנט־מילעכל׳ אָדער פוס־מילעכל.

זשערען — פרעסן׳ פאַרזשערען׳ פאַר־כאַפּן׳ פאַרנעמען׳ אויפפרעסן.

זשניווא — שניט׳ די צייט ווען מען נעמט אַראָפּ די תבואה פון פעלד. האַרוועסט אין ענגליש.

זשאַווראַניק — זינג־פויגל׳ לערכע׳ לאַרק אין ענגליש.

זשיוויצע — זאַפט פון סאַסנע־ביימער׳ קאַנאַפאַליע׳ קאַלאַפאַניע.

זשמיט אָדער זשמוט — אַ זשמעניע׳ אַ הויפן׳ ער האָט פון פערדס עק אויסגעריסן אַ זשמוט האָר׳ זי האָט געטראָגן אין דער האַנט אַ זשמוט בלומען.

ח

חצי צאָל — האַלבער גרייצער׳ העל־לער.

חי צאָל — אַכצן גרייצער׳ חי צום לעבן.

ט

טאַליקע — מאַכן אַ טאַליקע׳ צונויפ־רופן מענטשן אויף צו העלפן אָפּ־טאָן אַ געוויסע אַרבעט׳ אויף צו פליקן פעדערן׳ אויף צו העלפן בויען אַ שטוב און אויף אַנדערע אַרבעטן. טאַליקע מיינט אויך אַ פוסט שטיק פעלד׳ אַ פריי פּלאַץ.

טאַפּעלניק — אַ נישט־גוטער׳ וואָס זיצט אין וואַסער און דערטרינקט מענטשן.

טאַרגאַוויצע — דער מאַרק־פּלאַץ וואו מען האַנדלט מיט פערד׳ בהמות׳ שאָף און חזרים.

טעליצע — יונגע בהמה׳ (צווישן קאַלב און קו) וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין קעלבל.

טענדע־ווערענדע — גלחס צערע־מאָניאַלע קירכן־קליידער.

טערנע — גרויס געוויקס אין לאַ־טעריע.

טערען — טערפּקע׳ ווילדע וויינשלעך׳ וואַקסן אויף קליינע ביימלעך.

טראַסטיוועקע — אַ בייגעוודיק דין שטעקעלע.

טראַסטינעס — לאָזעס׳ דינע ווייכע רייטלעך.

טראַפּיק — מאַנאַפּאָל אויף טאַבאַק׳ פאַרלאַג.

טראַפנע — טריף׳ טריפות.

טרופקי — ראש השנה (בלאָזן שופר).

טרעמאַס — עס האָט מיט אים גע־געבן אַ טרעמאַס׳ טרייסל׳ אַ וואָרף׳ ער האָט אים אַרויסגעטרעמאַסעט אין דרויסן אַרויס.

טשאַקעס — גלאַנצנדיקע העלמ־היט־לעך׳ וואָס זשאַנדאַרן און מיליטער־לייט טראָגן.

טשיזשמעס — שווערע שיך געמאַכט אויספּאַך פון ביליקער לעדער.

טשעמערקע — אַ פּויערישער ראָק׳ געמאַכט פון פּראָסטן און שווערן גע־וועב.

טשערנישקע — שוואַרצע קערנדלעך (אַ סך גרעסער פון מאָן) מיט וועלכע מען באַשיט דאָס ברויט אוידער מען זעצט עס איין אין אויוון.
טראַשטעס — הויכע ווילדע גראָזן, וואַקסן אויף זומפּיקע פעלדער.
טרוים-ביכל — אַ ביכל אויף נאָכצוקוקן דעם באַשייד פון אַ חלום.

י

יאַלעוונע בהמה — אַ קו וואָס איז ניט קאַלביק.
יאַלעווקע — יונגע בהמה וואָס איז נאָך ניט קאַלביק.
יאַסטרוב — אַ שפּאַרבער, אַ רויבפויגל.
יאַרע-ווייץ — אַ ווייץ וואָס ווערט געזייט נאָר אין פרילינג.
יעכיץ — יעכצען, שרייען, בייזערן זיך.

כ

כאַדאָבע — בהמות, פי.
כאָמעט — כאָמוט, געמאַכט פון לעדער אָדער פון שטריק, פאַר פערד צו טראָגן אויפן קאָפּ.
כאַסלעריו — אַ חתונה, באַליידיקנדיקער אויסדרוק.
כאָרט — אַ דאַרער מענטש, אַזאַ מין הונט, גרעי־האַונד אין ענגליש.
כומר — אַ גלח.
כרישטש — אַ זשוק, וואָס לעבט נאָר אין חודש מאַי, מאַי־קעיפער, קאָקטשעפער אין ענגליש.

ל

לאַדישטש — ערדענער טאָפּ אין וועלכן מען שטעלט אויף מילך זויער צו ווערן.
לאָזעס — ווייכע דינע רוטלעך.
לאַן — פריציש פעלד, וואָס פאַרנעמט אַ סך אַקער.
לאָסי — לאָסצעטלעך, וואָס זאָגן פאָרויס די צוקונפט.
לאָפּוכעס — ווילדע גרויסע בלעטער, וואַקסן נידעריק ביי דער ערד.
לופּינעק — אַ פעל־שינדער.
ליאַך — צונאָמען פאַר פּאָליאַק; ליאַכעס, מיינט אויך אַלטע אָפּגעטראָגענע קליידער.
ליפּע — לינדן־בוים.
ליפּעווע-צוויט — דאָס בליאונג פון ליפּע־ביימער, וואָס ווערט געטריקנט און גענוצט ווי טיי, ווערט מיינסטנס געטרונקען ווען מען איז פאַרקילט.
לעטניק — אַן אויבער־מלבוש.

מ

מאַגילניק — בערגל אויפן קבר.
מאָטיל — זומערפייגעלע, באַטערפלאַי אין ענגליש.
מאַלאַי — ווערט געבאַקן פון קוקורוזע־מעל, מייסטנס אויף שבת.
מאַלאָדעציע — יונג ווייבל.
מאַסניצע — מאַסליניצע ווערט גענוצט אויף צו שלאָגן פּוטער.
מאַקערטע — גרויסע שיסל.
מלא — ער איז מלא, ער איז שיכור.
מניעטקע — מיענטע, פלאַנץ מיט אַנגענעמען גערוך, פּעפּער־מינט אין ענגליש.
מעזשע — שמאָלער פּאַס ערד, פאַרוואַקסן מיט גראָז, וואָס טיילט אָפּ איין פעלד פון אַנדערן.

נ

נאַדיזנע — אַן אָנדענקען, ער האָט אים געלאָזט אַ נאַדיזנע, עפּעס אים צו געדענקען.
נאַניטש — פאָרן מיט פערד אויף פּאַשע אויף איבער נאַכט.
נאַסיניע — זריעה, זאָמען־קערנער, אַלצדינג וואָס איז צום פאַרזעצן אָדער צום פאַרזייען.
נאַשעלניק — טייל פון געשפּאַן, וואָס אַ פערד טראָגט אויפן האַלדז, צו קאָנען איינהאַלטן דעם וואָגן באַרג אַראָפּ.
נעווערמאַי — נעווערמיינד, עס מאַכט ניט אויס, זאָל זיין ווי עס איז, לאָז געמאַך.

נעוויר — ניטגלויביקער, צונאָמען מיט וועלכן די גויים האָבן געררופן יידן פאַר ניט גלויבן אין קריסטוסן.

ס

סאַפּע — ווערט גענוצט אויף צו רייניקן אַ גאָרטן פון ווילדע גראָזן, אונטערצושאַרן די געוויקסן, האָו אין ענגליש.

סאָקאָל — אַ רויב־פויגל, האָק אין ענגליש.

סאָראָקע — אַזאַ מין פויגל, איז שטענדיק טומלדיק, מעגפּאַי אין ענגליש.

סאַרנע — הירש.

סופּילקע — דין לאַנג פייפל, געמאַכט פון אויסגעהוילטן האָלץ.

סטאָיאָנצע — סטאָיאָנצע קראגן, שטייענדיקער שטייפער קראגן.

סטערטע — תבואה, שטרוי, היי, צונויפגעלייגט אין דרויסן, סטערטע איז פיל גרעסער פון סטויג.

סטערניעס — די קורצע שטרוי ביי דער ערד, וואָס בלייבן נאָכן אָפּשניידן די תבואה אין פעלד.

סטרעבנען — סטרעבנען אין בלאָטע, זינקען אין בלאָטע, ניט קאָנען אַרויס פון דער בלאָטע.

סטריכע — ברעג פון דאַך.

סימניע — קערנדלעך, פון וועלכע עס ווערט געפּרעסט אייל, וואַקסן אויף שטעקעלעך, וואָס עס ווערט פון זיי אויסגעאַרבעט פלאַקס.

סלידעס אָדער סליאַדעס — שפּורן, פיס־טריט אויף דער ערד.

סמערדיען — שטינקען.

סנאָפּאָווע דראָבינעס — וועגטלעך פון וואָגן, וואָס זעען אויס ווי לייטערס, אויף צו פירן סנאָפּעס.

סעליוך — אַ דאָרפסמענטש, ווערט גענוצט אַלס צונאָמען אויף צו באַליידיקן.

סעקוועסטער — שטייער־מאָנער פון דער רעגירונג.

סקיבע — אַ פּאַס ערד, וואָס דער אַקער שניידט אָפּ מיט איין פאָרנעם.

סקרעסנעט — סקרעסנעט געוואָרן, ווידער לעבעדיק געוואָרן.

פ

פּאָדאַשעק — אַ דעכל (אָן ווענט) אָנגעשלאָסן אָן אַ דאַך פון אַ געביידע.

פּאָדווירע — הויף.

פּאָדאָלעק — ווען מען טראָגט עפּעס אין אויפגעהויבן פאַרטעך אין וועלכן מען איז אָנגעטאָן.

פּאַזוכע — זי האָט געטראָגן די עפּל אין פּאַזוכע, אין העמד אַרום דעם בוזעם.

פּאָזיאָר — דאָס אויסזען, דאָס פנים, עס האָט זיך געביטן זיין פּאָזיאָר, זיין אויסזען.

פּאַכיר — פענכער.

פּאָלאָווע — שפּריי, שאָלעכץ פון די קערנער הבואה, וואָס ווערט אַוועקגעבלאָזן ביים דרעשן.

פּאָלאָוועי — היטער פון פּאָלוואַרקס, פעלדער.

פּאָלאָנקע — אויסגעהאַקט לאָך אויף פאַרפרוירענעם טייך, אויף צו שעפּן וואַסער.

פּאָלטשיקלעך — קליינע לעקעכלעך.

פּאָלין — פּאָלון, ווילדע פלאַנץ, האָט ביטערן טעם, וואָרם־וואוד אין ענגליש.

פּאַפּוש — אַ בינטל טאַבאַק־בלעטער.

פּאַסטעווויסקע — לאַנד אויף צו פּאַשן פי.

פּאַציוק — אַ חזיר.

פּאַציערש — קריסטלעך געבעט, תפילה.

פּאָקאָסע — אַ שורה היי, אָדער תבואה, וואָס די קאָסע לייגט אויס אויף דער ערד.

פּאַראַפּיע — גלחס הויף מיט אַלע געביידעס.

פּאָקרישקע — צודעק פאַר טעפּל, שטאַרץ, שטאַרצל, שטערצל.

פּאַרפּלען — שאַרן, גראַבלען די ערד, אַ הון פּאַרפּלט מיט די פֿיס די ערד צו געפֿינען עפּעס צו עסן.

פּוילישער וועג — וועג צווישן פּעלדער, ניט געפּלאַסטערט.

פּיאַרן — פּיאַרנע, אַנשטאַלט פֿאַר משוגעים.

פּופּלאַק — בופּלאַק, אָנגעפּרעסענער, איבערגעוואַקסענער יונג.

פּידסמעטאַניע — האַלב־סמעטענע און האַלב־זויערמילך.

פּוטשען — ווינטער־שיך, געמאַכט פֿון געוואַנט, אָדער וואָל.

פּיען — פּען, איבערבלייבעכץ פֿון אָפּגעהאַקטן אָדער אונטערגעזעגטן בוים.

פּליטקע — פּלאַך.

פּלעקען — האָדעווען. ער האָט פֿון אַ קעלבל אויסגעפּלעקעט אַ קו.

פּסעכע — אַ טריקענער, ווען עס גייט אַ צייט ניט קיין רעגן.

פּראַטשינעק — אַ צוגאָב, עפּעס צוגעבן.

פּירעי — ווילד גראָז, וואָס ציט זיך ווי פֿעדעם אין דער ערד, שטערט דאָס וואַקסן אין פֿעלד.

פּריוועסלעם — שטרוי צונויפֿגעדרייט ווי שטריק אויף צו בינדן סנאָפּעס.

פּריזבע — פּריספּע, אַ מין געזימס אַרום די דרויסנדיקע ווענט פֿון שטוב, פֿון ליים, נידריק צו דער ערד, ווערט געניצט ווי אַ באַנק אויף צו זיצן.

פּריראָדע — נאַטור.

פּרישוועס — פֿאָדערשטער טייל פֿון שיך, אָדער פֿון שטיוול.

פ

פאַלבאַן — מאַכן אַ פֿאַלבאַן אין קלייד, אַ פֿאַלד.

פאַרלאָג — טראַפּיק מאָנאָפּאָל אויף טאַבאַק.

פאַרמליעט — פֿאַרטריקנט פֿון היץ, דורשטיק.

פאַרפּאַליעט — פֿאַרברענט, אָפּגעברענט פֿון דער זון.

פלאַמפּלאַץ — ווייצן דין פֿלעצל פֿון חלה־טייג, געבאַקן אויפֿן פֿלאַם ספּעציעל פֿרייטיק אינדערפֿרי.

ק

קאַדער — טרענירונג צענטער פֿאַר סאָלדאַטן, קעמפֿ וואו זיי ווערן צוגעגרייט פֿאַרן דינסט.

קאַוציע — קאַוציע, גאַראַנטיע, אײַנלייגן אַ משכון, סעקיוריטי אין ענגליש.

קאָזשוך — פּעלץ.

קאַיזער־שטראָז — גוט אויסברוקירטער וועג.

קאַלאַקאָטשען — מאַכן טומל, דאָס זידן און דאָס קאָכן פֿון פֿולע טעפּ.

קאָליעס — קאָליעס, קאַרעטע, בריטשקע.

קאָליעשאַרניק — אַ כּלי אויף צו זייען לאָקשן, אָדער פֿאַרפֿל.

קאָלעדעווען — דאָס זינגען הינטער די פֿענצטער בייַנאַכט צו ניי־יאָר.

קאַמיזעלקע — אַ פֿויערש (קורץ) וואַטאָווע רעקל.

קאָניאַר — קאָניעוואָדניק, איינער וואָס האַנדלט מיט פֿערד.

קאָניושינע — אַזאַ מין פֿאַשע פֿאַר פֿערד, קלאָווער אין ענגליש.

קאַפּהענער — קאַפּהאָן, קאַסטרירטער האָן, קייפּאָן אין ענגליש.

קאַפּוזע — אַזאַ מין פֿרויען־הוט מיט אַ שפּיץ, אויסגעהאַקלט, ענלעך צו אַ באַשליק.

קאַפּלינען — קאַסטרירן אַ האָן.

קאָקיל — ווילד געוויקס, וואָס וואַקסט מיינסטנס אין קאָרן.

קאַרדונער — אַ גאַליציאַנער (עסטרייכער), וואָס איז אַריבערגעקומען אויף דער רוסישער זייט האָט מען גערופֿן קאַרדונער.

קאָרעץ — אַ זאַק תּבֿואה, הונדערט קילאָ.

קאַשאַרנע — כּשר.

קאָשניצע — ספּעציעלע קליינע געבוידעי (אויסגעפּלאָכטן אָדער געמאַכט פון שמאָלע לאַטעס) אויף צו האַלטן קוקורוזעס, איידער זיי ווערן אָפּגעקלאַפּט פון די קאַטשענעס.

קאַשעוואַרען — קאָכן.

קולעשע — אַ מאַכל, וואָס ווערט געקאָכט פון קוקורוזען־מעל.

קולקעס — די לעכעלעך פון שיךפאַר די בענדלעך צו פאַרשנורעווען.

קורניק — קאַמער אָדער שטאַל פאַר הינער.

קליאָק — זאַפּט, עסענץ.

קניפּעקל — קעשענע־מעסערל מיט הילצערן הענטל.

קנייפּער — אַ זשוק, קעפער.

קראָן — האַלבער רייניש.

קראָקוועס — דרענגער, סקאָסנע אויפגעשטעלט, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער דאַך פון אַ געביידע.

קריסילע — אויסגעאַרבעט שטיקל שטאָל אויף צו שלאָגן פייער פון אַ שטיין.

קריפּ — אַזאַ פלאַנץ, וואָס ווערט צוזאַמען מיט זיינע קערנדלעך גענוצט ווי אַ געווירץ איינצוזייערן אוגערקעס.

קרייקע — אַזאַ באַנד זיך אונטערצוגאַרטלען, אַרומצונעמען די טאַליע.

ר

ראָגאַלקיעס — אַזאַ געבעקס, געדרייט ווי הערנער.

ראַדע — ראַט. ראַט־מענער פון געמיינדע.

ראָזדרעכעט — אויסגעניכטערט פון שלאָף.

ראַזעווע — ראַזעווע מעל, טונקל מעל, געמאָלן מיט די קלייען.

ראָנעטן — אַזעלכע עפּל.

ריסקאַל — גראָבאייזן.

ריפּאַטע — שאָרסקע, ניט גלאַט.

ריקע — טויכל.

רעשעטע — אַ שיטערע זיפּ.

ש

שאַכריי — איינער וואָס שאַכרייעט, שווינדלט, איז נישט ערלעך ביים האַנדל.

שאַטקעווען — שאַטקעווען אָדער שעטקעווען קרויט, צעהאַקט קרויט מיט האַק־מעסער אויף דריבנע שטיקלעך.

שאַלאַש — געביידע אויפגעשטעלט אויף דערוויל.

שאַניקל — קליינע הילצערנע קאַן אויף וואַסער.

שאַסטען — צעשאַסטען, צעטרענצלען, צעפּטרן.

שאַפּער — אויפזעער אויף אַ פאָלוואַרק, וואָס גיט זיך נאָר אָפּ מיט די בהמות.

שוטער — דריבנע שטיינדלעך, צו ברוקירן וועגן.

שוליעק, שולקיעס — קוקורוזע אויפן קאַטשען.

שוואַרקאָטשען — פלוידערן, האַלטן אין איין רעדן.

שורע — אַ מין געביי אָן ווענט, אַ דאַך, וואָס האַלט זיך אויף סלופּעס.

שטיוועלעטן מיט צוג — שיך מיט געוואַנד פון ביידע זייטן דורכגעוועבט מיט גומע.

שטשעפּען — שטשעפּען אַ בוים, אַריינפלאַנצן אין אַ שטאַם פון אַ בוים אַ צווייגל פון אַן אַנדער מין.

שמויגער — אַ יאָלד, אַ נאַר.

שלייע — אין דער שלייע ווערט איינגעשפּאַנט דאָס פערד אויף צו שלעפּן דעם וואָגן.

שפּרייז — די פען, (סטאַלקע) וואָס מען שטעקט אַריין אין אַ הענטל. ניב אָדער פען־פּאָינט אין ענגליש.

ביכער פון י. מעצקער:

טאָלי און טאָבי — 1936
קינדער־ראָמאַן
פאַרלאַג „מתנות"

ערד און זון — 1937
דערציילונגען
אַרויסגעגעבן פון קליוולאַנדער אַרב. רינג,
לייען־קרייז און קולטור־געזעלשאַפט

דאָן יצחק אברבנאל — 1941
ביאָגראַפישע דערציילונג
פאַרלאַג „קינדער רינג"

אויפן זיידנס פעלדער